ועד העזרה המאוחד בניו־יורק — פאַרייניקטער הילפס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק.




ועדת נשים יוצאות קלצק בארגנטינה.
דאַמען קאָמיטעט פון קלעצקער לאַנדס־פאַריין אין אַרגענטינע.

למטה, משמאל לימין (אונטן, פון לינקס אויף רעכטס): אסתר שמוקלער, סוניה באנשטשיק, שרה גלפנד, פרומה קולאקאָווסקי, ריקלא פערקיל.
שורה ב׳, מימין (צווייטע ריי, פון רעכטס): פאלה סרגוביץ, שרה שמוקלער, חיה טייץ־מוליער, חיה איסמייס, פסיה כצנלסון (מהארץ), בתיה קופטשיץ, רבקה אלטשול, אנא פיש, לאלא דאלאגיי.



פרומה קאם—קולאַקאָווסקי
מפעילות פוע״צ והחלוץ בקלצק.

פון די אַקטיווע טוערינס פון פועלי ציון און החלוץ אין קלעצק.



ועד יוצאי קלצק בבוענאס איירעס.
קלעצקער קאָמיטעט אין בוענאס איירעס.


למטה, משמאל לימין (אונטן פון לינקס אויף רעכטס): מאיר פאל, יצחק שמוקלר, דוד קולקובסקי, יצחק גולדין, הרצל גלפנד.
שורה ב׳ (צווייטע ריי): מתתיהו סרגוביץ, לייב שמוקלר, ש. יעסעלעבסקי, ב. מוליער־טייץ, שמואל מוליער־טייץ, ישראל פיש, מאקס געלפאנד, אליהו באנשטשיק.




יצחק אלטשול (ארגנטינה)

פעילי ספר הזכרון - אקטיוויסטן פון יזכור־בוך

ישראל



אליהו פיש



יצחק טרובאוויטש



הרב יצחק הלוי אפשטיין


אמעריקה



ב. קאפלאן (סיניאווקא—ניו־יורק)




יוכבד (יאכע) רייס (ניו־יורק)



יוסף רייס (ניו־יורק)

ארגנטינה



מאיר פאל (בואנוס איירס)




רוד קולאַקובסקי (בואנוס איירס)



מאכס געלפאנד (בואנוס איירס)



יצחק שמוקלער (בואנוס איירס)



אהרן כהן



יוסף פרענקעל



יעקב מורבוביץ



אליהו ליאָס



שרה מנקר




חיים יונתן קרייזר

חברי ועד ארגון יוצאי קלצק בישראל.

פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון קלעצקער פאַרבאַנד אין ישראל

משה טאראבור (מ. טאררא.)



באורח פתע, בעוד הוא נתון בעיצומן של פעולות ותכניות — נקטף מתוכנו. ואנו שרויים באבל על הסתלקותו ללא עת של ידידנו ורענו, הנאהב והתוסס, שהתקפת־לב הכריעה אותו ב־28.8.59, בגיל ששים.

ואני ביחוד שרוי בצער עמוק. לפי שהיתה לי הזכות לעבוד עמו במשך שנים, ולעמוד על סגולותיו המצויינות ותכונותיו הנעלות.

לא כאן המקום לפרוש מגילת פעולותיו הרבות של המנוח, איש־מעשה ואיש־רוח במיטב המושגים האלה.

כל ימיו ראה עצמו כאילו נולד לשם מטרה אחת: פעולה למען בני־עירו ועזרה לכל מכיריו שפנו אליו.

בגופו ובנפשו קיים מצוות תורתנו הקדושה על יחסי בין אדם לחברו.

צדיק תמים היה, יקר־רוח ויפה־נפש. מיחידי סגולה בסביבתנו. אדם שאתה אוהבו ומכבדו על זכויותיו ופעליו וסגולותיו.

מילא תפקיד נכבד בקרב אלפי יוצאי קלצק באמריקה. העיר ועורר, עשה ופעל, תיכנן ושיכלל.

יליד משפחה מסורתית בעיירה וספג טובה ומסירותה. בנעוריו היה פעיל בלהקה הדרמטית, במוסדות עזרה כבקור חולים, גמילות חסדים וכיו"ב. בשנות העשרים היגר לאמריקה. וב־1928 ביקר בקלצק, ורשמי בקורו ניכרים בספר זה. ולא תישכח היחלצותו לפעולה למען פליטי החורבן, ולמען כל בן קלצק.

יהי זכרו ברוך.

*

פלוצעם איז ער אוועקגעריסן געווארן פון אונז, און ער איז פארטאן אין מעשים און פלענער. און מיר זענען פארזונקען אין צער אויפן פריצייטיקן טויט פון אונזער געליבטן און דינאמישן פריינט און חבר, וואס א הארץ־אטאק האט אים פארשניטן דעם 28.8.59, אין עלטער פון זעכציק יאר.

און באזונדערס בין איך פארטרויערט. האב איך דאך געהאט דעם זכות צוזאמענצוארבעטן מיט אים במשך פון יארן, און באנעמען זיינע אויסגעצייכנטע אייגנשאפטן און דערהויבענע מעלות.

נישט דא איז דאס ארט פארנאנדערצוויקלען די מגילה פון זיינע צאלרייכע אויפטואונגען, — איז ער דאך געווען א מענטש פון גייסט און טאט אין שענסטן זין פון ווארט.

תמיד האט ער זיך געזען ווי געבוירן צו איין צוועק: העלפן זיינע בני־עיר און יעדן איינעם וואס האט זיך צו אים געווענדעט.

מיט לייב און לעבן האט ער דערפילט די מצווה פון אונזער הייליקער תורה, וועגן די באציונגען צווישן מענטש און מענטש.


געווען א צדיק תמים, א טרייער גייסט און שיינע נשמה. פון די יחידי סגולה אין אונזער סביבה. א מענטש וואס דו מוזט אים ליב האבן און שעצן, א דאנק זיינע מידות און טאטן און פארדינסטן.

דערפילט א וויכטיקע ראל צווישן די טויזנטער קלעצקער אין ניו־יארק. געוועקט און געמאנט, געארבעט און אקטיוויזירט אנדערע, געפלאנט און פארפולקאמט.

געבוירן אין א טראדיציאנעלער היים. אין שטעטל, האט ער איינגעזאפט איר גוטהארציקייט און מסירות־נפש. אין דער יוגנט געווען טעטיק אין דראמאטישן קרייז און אין הילפס־אינסטיטוציעס ווי בקור־חולים, גמילות חסדים א. אנד. אין די צוואנציקער יארן האט ער עמיגרירט קיין אמעריקע, און אין 1928 באזוכט קלעצק — די איינדרוקן פון זיין באזוך זענען איינגעקריצט אין דעם בוך. און ס'וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן זיין טעטיקייט פאר די געראטעוועטע פון קלעצק און פאר יעדן קלעצקער.

געבענטשט זאל זיין זיין אנדענק.

יוסף רייס — ראבינאוויטש



בית הכנסת של יוצאי קלצק בניו־יורק


היה במשך שנים מרכז רוחני – חברתי לאלפי המהגרים מקלצק
(ראה מאמרו של יהושע הוכשטיין, במדור „קלצק בחוץ־לארץ”).

קלעצקער שול אין ניו־יארק

געווען במשך פון יארן דער גייסטיק־געזעלשאפטלעכער צענטער
פאר טויזנטער עמיגראנטן פון קלעצק אין אמעריקע (זע דעם ארטיקל
פון יהושע האכשטיין, אינעם אפטייל „קלעצק אין חוץ־לארץ”).

פנקס קלעצק

דריטער טייל - יידיש



ווי א נר תמיד

ווי אַ רויז צווישן דערנער... אַט דאָס בילד שווימט אויף פאַר די אויגן פון מיין גייסט, בעת איך טראַכט וועגן אַט דער קהילה, וואָס אַ צייט־לאַנג האָב איך מיך מתייחד געווען מיט איר ביים רעדאַגירן דאָס בוך צו איר אָנדענק. איז זי דאָך געווען די אַלע לאַנגע יאָרן פון איר עקזיסטענץ ווי אַ פּראַכט־בלום, צאַרט און דופטיק, צווישן די דערנער פון רשעות און פאַרגרעבטקייט אַרום איר.

און אפשר אַנטשפּרעכט איר מער די בילדלערישע באַצייכנונג פון דער אגדה — אַ גערודפט טויב וואָס אַנטלויפט פון די נעגל פונעם רויב־פויגל אין די שפּאַלטן פון פעלז, אַ שעפּס צווישן זיבעציק וועלף. און ס׳שיינט, אַז איצט, נאָכדעם ווי זי איז פאַרשניטן געוואָרן פונעם בוך פון לעבן, אַזוי פאַרשניטן געוואָרן, זענען מיר נאָכמער געפּלעפט פון דעם סוד פון אַט דער לאַנגיעריקער עקזיסטענץ פון אַ עדה, קליין אין צאָל און רייכטימער און רייך אין גייסט און נשמה און געבענטשט מיט סגולות און מידות, צווישן יענע פעלקער, אין די פאַרפלאָנטערטע און צעקריגטע גרענעץ־געביטן, און ביז צום לעצטן געפאַרפולן גרענעץ וואָס צווישן מזרח און מערב.

אַ סוד פון די סודות פונעם יידנטום פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד — די מאַמע פון די גלותן.

און ביז היינט, אַזוי־ווי די שרידים, די לעצטע אין קלעצק און אומגעגנט געבוירענע יידן, וואָלטן נישט משלים געווען מיטן שוידער פון איר אומקום, וואָס שטייגט איבער יעדע מענטשלעכע השגה; און ביז היינט, ווי זיי וואָלטן זיך געטוליעט צו יענער היים, דער לויכטנדיקער און ריינער, דער אָרעמער און וואַרעמער, דער גוטער און טייערער, זיך אידענטיפיצירט מיט איר, שטאָלצירט מיט איר, מיט איר אינערלעכער גאַנצקייט און שטאַנדהאַפטיקייט און חיות׳דיקייט; און זיי טראָגן איר אָנדענק, ווי דעם אָנדענק פון אַ מאַמען וואָס האָט נישט קיין ערזאַץ און טויש — און זייערע בענקשאַפטן צו איר זענען איינגעטונקט אין ליבשאַפט, און די געפילן פון זייער האַרץ ציטערן צווישן די שורות פון דעם בוך. נישט אַנדערש ווי די שכינה וואָלט געשוועבט צווישן אירע געסלעך און אין אירע יידישע היימען.

*

אַ קליין שטעטעלע, און דער גרענעץ האָט זיך איינגעשניטן אין אירע שיקזאַלן, ווי זי וואָלט געשטעקט צווישן דער שנאה פון די פּאָליאַקן און דעם טעמפּן סאָוויעטישן מויער. וויניקער פון צען־טויזנט נפשות האָט זי געציילט. קרעמער, הענדלער, בעלי־מלאכות, אַרבעטנדיקע — אויך ערד־אַרבעטער, גערטנער און פּאַכטערס אין קניאַזש ראַדזשיווילס גיטער (וואָס אין זיין משפּחה זענען געווען גרים און פראַנקיסטן). אַ הייפל פון נגידים, און אַ שפּריץ פון פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. זיי ציען זייער קיום פון דער אַרומיקער פּויערישער באַפעלקערונג. און זייער גייסטיקע עקזיסטענץ — פון די גרויסע צענטערן פון רוסישן און ליטווישן יידנטום. עס יורען דאָך נישט ווייט אַזעלכע צענטערן ווי ווילנע, ביאַליסטאָק, מינסק, סלוצק, נעמען — קאַפּיטלען פון גבורה און יידישע געשיכטע און נאָך נענטער — מיר, וואָלאָזשין.

ווי דער טראָפּן וואָס אַנטהאַלט די סובסטאַנץ פון ים, אַזוי אַנטהאַלט דאָס שטעטל דעם וועזן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. דאָס איז איר קלאַסישער טיפּ. איר אויטענטישע געשטאַלט. אין לשון און מענטאַליטעט. אין איר גרענעצלאָזער יידישער און נאַציאָנאַלער טרייהייט, אין איר ברוּיזנדיקער פאָלקס־ליבע. לויטערער מאָראַל און דערהויבענעם הומאַניזם און אָפּפערווויליקייטס־גרייטקייט. אַבסאָלוטע עכטקייט. מקור. קערן. און תמימות באַהעפט מיט חריפות און שטאַרקן לעבנס־אימפּולס.

דורות פון פריי יידיש לעבן אין אַ פרייוויליקן און געצוווּנגענעם געטאָ. ווינטלעך פון השכלה, ציוניזם, סאָציאַליזם וואָס דערגייען אַהער, צינדן אָן די הערצער, אָבער זענען נישט גורם קיין ריס אין האַרץ און נשמה און קיין בייזוויליקייט. דער אַלטער לעבנס־שטייגער צעקרישלט זיך לאַנגזאַם, פּאַוואָליע, מיט אַ פאַרגיביקן, גוטהאַרציקן שמייכל... דאָ קען געמאָלט זיין, אַז חברים פון „בונד" זאָלן הערן אַ שיעור אין אגדה און עין יעקב, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, אין דעם פּראָלעטאַרישן „תפארת בחורים"; און דאָ קען געמאָלט זיין, אַז חברים פון „השומר הצעיר" זאָלן זיך שטעלן דאַוונען בעת אַן אויספלוג, כדי אָפּצוּווענדן פאַרדאַכטן פון די אָרטאָדאָקסן... אַ האַרציקע פאָלקסטימלעכקייט, און די צערזעצערישע איינפלוסן פון דער גרויס־שטאָט פילן זיך דאָ קוים.

די נויט און די גייסטיקע דערוואַכונג שטויסן צו עמיגראַציע. אין אַלע גרויסע יידישע קיבוצים געפינען מיר זיי, הויפּטזעכלעך אין ישראל און אַמעריקע. דורות פון גאונים און למדנים האָבן דאָ געפלעגט און געהיט דאָס פייער פון תורה אין איר מתנגדישן, ראַציאָנאַליסטישן און הומאַניסטישן לבוש. דער אָנדענק פון אַ טייל פון זיי איז אָפּגעמערקט אין דעם בוך. אַ זעלטענע קאָנצענטראַציע פון גייסט, גאַנצע דינאַסטיעס, משפּחות פון רבנים און שרייבער און פּראָפעסאָרן און געזעלשאַפטלעכע טוער און חלוצים, ווי די משפּחה פון יהושע ברזילי (אייזנשטאַדט) וואָס שטאַמט אָפּ פונעם רב בעל „פּנים מאירות", ווי די משפּחות פון די גאונים ר׳ איסר זלמן מעלצער, ר׳ אהרן קאָטלער (דער ראש ישיבה פון קלעצק און אַצינד פון לייקווּוּד, אַמעריקע) פון די גרעסטע תורה־אויטאָריטעטן פון אונזער צייט, ווי די משפּחות אדלער, הערנזאָן, עפּשטיין, ראָזנקראַנץ־

שריפטזעצער, הרב גאלדבלום, דער עלטסטער ציוניסט אין אייראָפּע, דער באַגלייטער פון הערצלען, סאָקאָלאָוון און ווייצמאַנען, דער פּיאָנער פון העברעישער דערציונג אין ענגלאַנד; און אַ סך, אַ סך, וואָס ס'איז נישט אָפּצוּמעסטן און אָפּצוּוועגן זייער בייטראַג צום יידישן שעפערישן לעבן אויף אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. און זיי אַלע זענען אויסגעוואַקסן אין שטעטל וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פעלדער און וועלדער, אין נויט און אָרעמקייט, אַלע געזעסן אויף דער ישיבה־באַנק. און אויך ווייט פונעם שטעטל — טראָגן זיי זייער תורה אין זייערע געדערעם און לאָזן זיך מערקן מיט זייערע פיינע אייגנשאַפטן. אַ מענטשן־אוצר אין אַ פאַרלעגן שטעטל, וואָס האָט געשפּייזט גאַנצע גלות'ן און באַפרוכפּערט דעם גייסט פון אונזער פאָלק און זיין לעבן.

עס זענען די דאָזיקע בלעטער ווי אַ לויכטנדיק שפּיגל פון דער גאָהייליקטער געשטאַלט פון קלעצק, און ס'איז פאַרוועבט אין זיי איר נשמה און געבענטשטער אָנדענק. צווישן די שורות פּולסירט איר האַרץ און ס'ציטערן אירע פאַרבאָרגענע בענקשאַפטן און לעכצונגען. און ס'לויכטן אויף די שטראַלן פונעם גרויסן ליכט וואָס זי האָט אַרויסגעשטראַלט אויך אין מרחקים.

ווי אַ קאַפּיטל אינעם בוך פון לעבן און יצירה, פון בלוט און טרערן פון אונזער פאָלק.

און ווי אַ יזכור.

זיי זענען געווען גאַנצע יידן, מיט אַן אייגענעם־אייגנאַרטיקן נוסח און חותם. און גאַנצע מענטשן. זייער לעבן האָט פאַרמאָגט אַ יידישן חן און מענטשלעכן זין. נישט־קוקנדיק אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די לעבנס־באַדינגונגען, און נישט קוקנדיק אויף דער גייסטיקער דיפערענציאַציע וואָס האָט זיך פאַרטיפט. יידן פון קידוש השם — אויף פאַרשידענע דרכים. אהבת ישראל איז אין זייער נאַטור. און מענטשן־פריינט. זיי לעכצן צו אמת. צו גאולה. אַ ראַסע פון טרייע.

און אָט די משפחה־צוגעבונדנקייט. און די גוטע חברשאַפט. און דער פלאַם פון ציון־ליבע, וואָס איז ווי אַ אש תמיד, זינט דעם קאַיאַר פון חיבת ציון, דורכן ביל"ו דור, דער צווייטער עליה און דעם חלוציזם צווישן ביידע מלחמות. און די גרענעץ־און־מאָסלאָזע פאַרהערלעכונג פון דער תורה. ס'שיינט, איר הייליקייט האָט געשוועבט אין די געסלעך פון שטעטל. און איר הויכפּונקט — די ישיבה, וואָס די קלעצקער יידן, לערנער און פאַרליבטע אין דער תורה, האָבן זי באַשיצט מיט זייער מסירת־נפש.

נישט אַן געררירטקייט לייענען מיר די זכרונות פון אירע ותיקים, רעשטלעך, פון ישראל און אַמעריקע, אַרגענטינע און דרום־אַפריקע, מעכסיקע און פראַנקרייך. זיי אַנטהאַלטן דעם זאַפט פון דעם גוטן, וואָרעמען שוואַרצערד פון יידישע פאָלקס־מאַסן וואָס פון אים איז אַרויסגעוואַקסן אַלדאָס גוטע אינעם יידישן פאָלק, פון די טיפעניש פון אָט דעם פרוכטבאַרן באָדן. דער פראַכט פון יידישע גוטע אייגנשאַפטן זענען פון אים אַרויסגעוואַקסן — די גרייטקייט צו קעגנזייטיקער הילף, און די גוטע פאָלקסטימלעכקייט, די גייסטיקע אצילות, יושר און באַשיידנקייט, און פּיאָנערטום אויף אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען.

יאָ, דאָס לעבן פון יידישן קלעצק האָט געהאַט אַ זין און געבראַכט פרוכטן, און גרויסקייט איז געווען אין די אָרימע הייזקעס, ווייל זי איז געווען צווישן די בעסטע בויער פון פאָלק ישראל.

דער לעצטער אָפּטייל אינעם אָנדענק־בוך איז געווידמעט דעם חורבן, אין וועלכן יעדע קהילה איז געגאַנגען איר לעצטן וועג אויף אַן אַנדער אופן. פאַרדעם, אָבער, איז געווען דער סאָוועטישער פּעריאָד. אויך דאָן איז נישט פאַרטושט געוואָרן איר יידישע אייגנאַרטיקייט. אדרבא, זי האָט זיך צעבליט, ווי ערב גסיסה. יידישע שולן. אַפילו אַ דעפּוטאַט אין ווייסרוסישן סאָוועט. אַ צייטווייליקע גלייכבאַרעכטיקונג.

*

און דאַן האָט זיך אַ לאָז געטאָן דער תליין. פּיין און הונגער. און איזדעקוועען־זיך און שחיטות און געטאָ. אַנטפּלעקונגען פון קעגנזייטיקער הילף, פון אָפּפערווויליקייט און — זעלבסטמאָרד. עס דערנענטערט זיך דער אומפאַרמיידלעכער בלוטיקער סוף. סטאַדעס פון צעווילדעוועטע, שוועך־באַוואָפנטע חיות, רינגלען אַרום די רעשטן פון דער שוצלאָזער פאַרפּייניקטער, אויסגעהונגערטער עדה. נישט פאַראַן דער מינימאַלסטער פונק פון אויסזיכט אויף רעטונג. די גריבער זענען שוין גרייט. אָבער, אָט, ווי איין מענטש וואַכן זיי אויף, פאַרטאָג, ערב אומקום — צינדן אונטער זייערע הייזקעס אין געטאָ, און וואַרפן זיך, אונטער אַ האָגל פון קוילן, צווישן פייער און רויך, אויף די דורך באַוואָפנטע באַנדעס אַרומגערינגלטע דראָט־פאַרצוימונגען...

ווייט־ווייט פון די מלחמה־פראָנטן, אין איינזאַמקייט און באַלאַגערונג, זענען זיי געפאַלן. די רעשטן פון די רעשטן האָבן געפונען רעטונג אין די וועלדער. און ווידער — אַ ניי קאַפּיטל פון מאַרטיראָלאָגיע און נקמה און העלדנטאַטן. און זיי דערציילן זייערע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען — אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער היסטאָריאָגראַפיע פון אונזער צייט.

קלעצק של מטה עקזיסטירט שוין מער נישט. אָבער אירע רעשטן און געראַטעוועטע וואָס זענען איינגעוואָרצלט אינעם ישראל באָדן; די אַלע וואָס זעצן פאָר בייצוטראָגן זייער אָנטייל צו אונזער קולטור און צוקונפט, צו אונזערע געראַנגלען און קאַמפן איבעראַל; אירע ישיבות און גדולי התורה, אירע ציוניסטן און חלוצים — זיי אַלע און זייערע קינדער זענען ווי אַ נר תמיד פאַרן יידישן קלעצק.

ווי אַ נר נשמה פאַר די דורות פון דער פאַרגאַנגענהייט און פאַר די פאַרטיליקטע אין חורבן, און זיין ליכט וועט באַשיינען אויך די קומענדיקע דורות.

דער רעדאַקטאָר

א. קאַפּיטלען פון דער פאַרגאַנגענהייט

I. צו דער געשיכטע פון קלעצק

די גרינדונג פון דער קהלה

די ערשטע ידיעות וועגן דער גרינדונג פון דער יידישער קהילה אין קלעצק, שעפּן מיר פון אַ באַפעל פון דער ליטווישער מלוכה אין יאָר 1529, וועלכע האָט אַרויפגעלייגט ספּעציעלע שטייערן לטובת דער מלוכה־קאַסע אויף יידישע קהילות אין ליטע, צווישן זיי — אויף דער קלעצקער קהילה.

לויט אַנדערע קוועלן האָט קלעצק אין יענעם יאָר געציילט אַ באַדייטנדע צאָל יידן. דערנאָך טרעפן מיר קלעצק צווישן די חשובֿ־סטע קהילות אין ליטע, און די שטייער־באַפעלן פון די יאָרן 1556 און 1563. אין 1552 זענען געווען אין קלעצק 4 יידן וועלכע האָבן פאַר־מאָגט אומבאַוועגלעכע גיטער אויסער דער שטאָט.

פון 1623 איז קלעצק אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ועד־הקהילות אין פינסקער קרייז, לויטן באַשלוס פון ועד־הקהילות אין ליטע.

אין 1776 האָט די קהילה געציילט 29 קאָפּ־שטייער צאָלער. דער אַלטער בית מדרש איז אויפגעבויט געוואָרן אין 17טן יאָר־הונדערט בערך, און די גרויסע שול — אין יאָר 1796.

אין 1849 האָט קלעצק געציילט 2183 נפשות. לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1897 איז די אַלגעמיינע צאָל פון קלעצקער איינוווינער געווען 4.689, פון זיי — 3415 יידן.

ביזן יאָר 1894 האָט די מאַכט געפאָדערט פון די מלמדים דאָס איינפירן פון לערנען רוסיש אין די חדרים. מען האָט אויך געפאָדערט אַ באַריכט וועגן די צאָל תלמידים רוסיש־לערנער.

צום סוף פון 1860 (לויטן ענטפער פון רב אויף אַ אָנפראַגע פון סלוצקער „איספּראַווניק") זענען אין קלעצק געווען דריי מלמדים.

אין 1910 איז געגרינדעט געוואָרן אין קלעצק, דורכ'ן באַוווסטן פעדאַגאָג מאיר דוד קראַניטש, אַ רוסישע שולע פאַר יידישע יינגלעך און אין דער צווייטער שיכט — פאַר מיידלעך.

ערשטע ידיעות וועגן קלעצק

ב. צ. איינשטאַדט, אַ געבוירענער אין קלעצק, כמעט דער איינציקער וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון זיין געבורטס קהילה, האָט פאַרעפנטלעכט אויף דער טעמע צוויי אַרטיקלען. איינעם אין דער צייטשריפט „תלפיות" (תרנ"ה אין בער־דיטשעוו) און דעם צווייטן אין „הצופה", תר"ס.

דער ערשטער אַרטיקל איז געווידמעט דער עיקר דעם בית הקברות אין קלעצק, דער צווייטער פאַרנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון דער קהילה און רבנות.

אין משך פון דער צייט האָט אָבער דער מחבר באַרייכערט זיינע ידיעות און האָט פאַרעפנטלעכט זיין בוך „די רבנים פון מינסק און אירע חכמים", אייניקע טיילן פון זיין שפּעטעריקן בוך „דער דור פון רבנים און שריפטשטעלער" און זיין צווייטן אַרטיקל אין „הצופה" א. ב. „צו דער געשיכטע פון גדולים אין ליטע" ווו מיר לייענען:

„לויט ווי מען גיט איבער זענען אויף קלעצק פאַרביי מער ווי 800 יאָר, אָבער זייער קליין איז זי געווען אין אירע ערשטע יאָרן.

די געגנטע צייט, ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין קלעצק, איז נישט באַוווסט. עס איז באַוווסט, אַז בערך אין די יאָרן ר"ף—ר"ץ (1520—1530) האָט דאָרט געהאַלטן פאַרשידענע אַרענדעס ה"ר אייזיק יוזעפאָוויטש (אַ ברודער פון הויפּט־רב אין ליטע מיכאל יוזעפאָוויטש) ביים קעניג זיגמונט דעם ערשטן, וועלכער האָט ליב געהאַט יוזעפאָוויטשן און אים געשעצט.

ביזן יאָר שפּ"ן איז קלעצק געווען אונטערגעוואָרפן אין די ענינים פון רעליגיע און יידישן דין דער קהילה אין בריסק. פון דעם יאָר און ווייטער האָט קלעצק געהערט צו פינסק, וועלכער איז געווען די הויפּט־קהילה און קרייז־שטאָט.

ווייטער ווערט געזאָגט אין אַרטיקל, אַז „אין אַמאָליקע צייטן איז קלעצק געווען באַרימט מיט איר האַנדל, מערק און ירידים, ווי די שטעטלעך זעלווע און סטאָלאָוויטש".

די קלעצקער ירידים ווערן אויך דערמאָנט אין בוך פון ד"ר עמנואל רינגלבלום „די געשיכטע פון די פוילישע יידן". אויך אין „פינקס מדינת ליטע" פון ש. דובנאָוו געפינען זיך באַמער־קונגען וועגן יידישן קלעצק פון יענער צייט.

אין אַ דאָקומענט פון דער אסיפה פון ערשטן ועד פון ליטע ווערט דערציילט:

„אַ מעשה מיט אַ יידישן איינוווינער אין קלעצק יקיר, וועלכער האָט ערוב געווען מיט זיינע קינדער פאַר אַ חוב. דער דאָזיקער ייד איז נישט ווערט צו האָבן קינדער, ווייל ער האָט אָפּגעגעבן זיין טאָכטער דעם פּריץ פאַר זיין חוב. מיר האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט אַ חרם מיט שופר־בלאָזן און ליכט־אויסלעשן און מיר האָבן גוזר געווען אַזאַ באַציונג צו אים אין אַלע שולן און פאַרפאָלגט אים ביז אויסראָטונג".

די דאָזיקע טרויעריקע געשעעניש איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דעם מדינה־פּנקס אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פריערדיקן באַשלוס:

„יעדערער וועלכער וועט באַגיין דעם פאַרברעכן פון פאַרקנעכטן אָדער אָפּגעבן זיין פרוי, זיין זון און טאָכטער אַ גוי פאַר אַ חוב, פאַרדינט טויט שטראָף גלייך ווי אַ מוסר, כדי אויסצוּוואָרצלען די דערנער פון ווייַנגאָרטן — און געבענטשט פון ג' וועט זיין דער ערשטער וועלכער וועט אים אָנגרייפן".

וי עס ווייזט אויס, האָבן די פוילישע פּריצים אויסגענוצט זייער מעמד און רייכטום צו פאַרפירן יידישע פרויען, טעכטער פון עלטערן מיט וועלכע זיי האָבן געפירט געשעפטן.

ידיעות פון פארשידענע מקורים

אין דער פוילישער ענציקלאָפּעדיע ארגעלבראַנד לייענען מיר:

„קלעצק, אַ שטעטל אין נאָוואָגרודעקער קרייז, צוויי און האַלב מייל פון ניעסוויז, געהערט צו ראַדזשיווילער פירשטנטום. דאָרט געפינען זיך אַנדענקונגס־מצבות פון דער צייט פון דער טאַטאַרישער אינוואַזיע".

ווי עס שיינט, ווערט געמיינט דערמיט דער באַרג וועלכער האָט אַרומגערינגלט קלעצק פון צפון־מערב זייט, און וועלכער איז געווען באַוווסט אין שטאָט אונטערן נאָמען „דער וואַל". דער אָרט האָט געדינט ווי אַ פעסטונג אין דער מלחמה צווישן די רוסן און די טאַטאַרן.

רוסיש־יידישע ענציקלאָפּעדיע בראָקהויז עפראָן, 1895:

„קלעצק, אַ שטעטל אין סלוצקער קרייז מינסקער גובערניע, 60 קילאָמעטער פון סלוצק ביים טייך ליאַן. 3000 איינוואוינער, בערך, און 500 הייזער. צוויי קריסטלעכע קלויסטערס: אַ פּראַוואָסלאַוונער און אַ קאַטוילישער. אַ גרויסע יידישע שול און אַ בית מדרש. אַ שפּיטאָל פון 10 בעטן. פיר ירידים אין יאָר. קלעצק איז געגרינדעט געוואָרן אין 11טן יאָרהונדערט און האָט געהערט צו אַ באַזונדער פירשטנטום. אין יאָר 1142 איז זי איבערגעגאַנגען צו ליטע. אין 15טן און 17טן יאָרהונדערט דורכגעלעבט אַ שרעקלעכע טאַטאַרישע אינוואַזיע, און געדינט אַלס שלאַכט־פעלד צווישן די קעמפנדע צדדים.

אין יאָר 1506, האָבן די טאַטאַרן געליטן אַ שווערע מפּלה אין קלעצק, און לויט ווי מען גיט איבער, האָבן די טויטע קערפּערס פון די געפאַלענע געדינט אַלס דאַמבע פאַר דעם טייכל וועלכער טראָגט ביז היינט דעם נאָמען „דער רויטער טייך" („קראַסנאַסטאַוו"), צוליב דעם בלוט פון די טויטע.

די געפאַנגענע טאַטאַרן האָבן זיך דערנאָך באַזעצט אין קלעצק און אין דער אומגעגנט".

„ענציקלאָפּעדיע יודאיקאַ":

„קלעצק, נאָוואָגרודקער קרייז. יידן ווערן דערמאָנט צום ערשטן אין יאָר 1529.

אין יאָר 1670 זענען קלעצקער יידן באַשולדיקט געוואָרן אין דערמאָרדן אין מאַרק אַ משומדת, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט. פון יאָר 1623, האָט זי געהערט צום פּינסקער קרייז.

דער בית מדרש איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט — די גרויסע שול אין 1796. אַ געוויסע צייט האָט דאָ געוווינט דער באַוווסטער פילאָסאָף שלמה מימון. אין 1847 — 2138 יידן; 1897 — 3415 (72,9%). 1921 — 4190 (73,9%). פון 1921 עקסיסטירט דאָ די פריערדיקע סלוצקער ישיבה. איצט, אין 1938, איז איר ראש ישיבה הרב ר' אהרן קאָטלער".

„צייטשריפט", 1930 ביעלאָרוסיש־סאָוויעטישע אויסגאַבע, מינסק:

„אין יאָר 1811 זענען אין קלעצק געווען 662 יידן מענער, פון זיי 65 בעלי מלאכות. 33 שניידער, 1 זייגער־מייסטער, 1 שוסטער, 4 פאַריקמאַכער, 4 יוועלירער, 3 קלעזמער, צוויי היטל־מאַכער, 2 פעלצן־מאַכער, 2 פעלדשערס, 1 אויוון־מאַכער, 2 בלעכער, 4 שמוקלער, 1 מוליער, 1 בעל־עגלה, 2 פאַרבער, 1 גלעזער, 28 קראַנקע זקנים און בעלי מום. 40 יידן געפונען זיך אין די נאָענטע דאָרפישע ישובים. אין דער דאַזיקער ציילונג גייען אַריין נאָר די מענער. אין 1816 — מענער 1054, פרויען 1463".

גרויסע רוסישע ענציקלאָפּעדיע:

„קלעצק אויף דעם טייך ליאַן. 4 ירידים אין יאָר. די ערשטע הייזער זענען געבויט געוואָרן אין דער תקופה צווישן דעם 11טן און 12טן יאָרהונדערט. די ליטווינער האָבן פאַרנומען קלעצק אין 1142 און האָבן געגרינדעט דאָס באַזונדערע קלעצקער פירשטנטום".

דער אלטער בית הקברות

ב"צ אייזנשטאַדט שרייבט:

„קלעצק, כאָטש זי איז אַ אַלטע שטאָט, און לויט ווי מען גיט איבער, זענען אויף איר פאַרביי אַ 700 ביז אַ 800 יאָר און זי איז פיל עלטער פון אירע שוועסטער ניעסוויז, לעכעוויטש, קאָפּוליע, און אַנד., פון דעסטוועגן געפונען זיך נישט אויף איר בית־הקברות קיין אַלטע מצבות. די לעגענדע דערציילט, אַז אין אַמאָליקע צייטן איז דער בית הקברות געשטאַנען אויפן אָרט ווו עס געפינט זיך איצט די שטאָט. די לעצטע איז געשטאַנען אויפן אַנדערן זייט פון קראַסנאַ־סטאַווער טייך. אָבער ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע שריפה אין וועלכער עס זענען געוואָרן אַלע הייזער פון שטאָט, האָט דער פירשט ראַדזשיוויל באַפוילן איבערטראָגן דעם נייעם בוי פון קלעצק אויפן אָרט פון בית הקברות.

שווער צו וויסן, וויפל אמת פאַרמאָגט די דאַזיקע לעגענדע, אָבער עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז נאָך אין די גאָר פריסטע צייטן האָט זיך געפונען אין קלעצק אַ בית הקברות, וועמענס אָרט איז פאַר אונז פאַרהוילן. שווער זיך פאָרשטעלן, אַז אונזער שטאָט, די גרעסטע צווישן אַלע איבריקע אין יענע צייטן, האָט נישט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע בית הקברות, ווי די אַנדערע שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך.

די עלטסטע מצבה אויפן קלעצקער בית עולם איז די מצבה פון קדוש הרב משה בר' חיים, מיטן פאָלגענדן נוסח:

„דאָ איז באַהאַלטן דער צדיק און תמים דער קדוש מוה"ר משה בר' חיים.

נפטר געוואָרן כ"א אב תק"ט (1748)".

זיין קבר איז אויפן אַלטן בית הקברות אויפן באַרג. אַנדערע פּרטים וועגן אים פאַרמאָגן מיר נישט. די צווייטע אַלטע מצבה איז פון יאָר תקכ"ח (1767).

אויף איר איז אויסגעקריצט: „דאָ איז באַהאַלטן הר' מו"ה יעקב בר' אפרים, י"ט אדר".

אויך וועגן אים פאַרמאָגן מיר נישט קיינע ידיעות.

די דריטע איז די מצבה פון באַרימטן גאון ר' משה אייזנ־שטאדט, פון וועמען עס הויבט זיך אָן די באַוווסטע פאַמיליע אייזנשטאַדט.

דער נוסח פון דער מצבה שילדערט די גאונות און די גרויסע מידות פון ר' משה'ן, דער אב בית דין פון קלעצק, און דעם טרויער וואָס האָט באַהערשט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג צוליבן גרויסן פאַרלוסט.

די פערטע איז די מצבה פון ר' נחמן דעם „תהלים זאָגער" מיטן פאָלגענדן נוסח:

„דאָ איז באַהאַלטן דער באַרימטער חסיד, דער געטלעכער מאַן מוהר"ר נחמן דער זון פון חיים, וועלכער איז נפטר געוואָרן כ"ב שבט תקס"ד".

אַ וווּנדערבאַרער און הייליקער מאַן געוועזן. לויט זיין צוואה האָט ער אויסגעוויילט אַ קבר פאַר זיך אין אַ מרחק פון פיר איילן פון יעדער זייט. אַ קליינער צוים רינגלט אַרום זיין קבר. דער נאָמען פון דאַזיקן חסיד וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן אין אונזער שטאָט, און פיל מאָל באַקומען די קלעצקער רבנים בריוו מיט געלט פון אונזער מדינה און פון אויסלאַנד מיט דער בקשה מתפלל זיין פאַר די שולחים אויפן קבר פון ר' נחמנען.

צווישן די איבעריקע אַלטע מצבות איז כדאי צו פאַרצייכענען די פיינפטע מצבה פון גרויסן רב ר' יהודה לייב, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט דאָס בילד פון אַ לייב.

די זעקסטע — פון רב גרשון, אב בית דין אין קלעצק, פון יאָר ת״ר; די זיבטע פון רב ר׳ אהרן, פון יאָר תר״ג. די אַכטע, די מצבה פון גאון ר׳ משה יעקב אייזנשטאַדט, פון יאָר תר״ח (1847), און די מצבה פון דער רביצין פינקעל, די פרוי פון ר׳ משה אייזנשטאַדט, קלעצקער רב, פון יאָר תקע״ה (1817).

עלילת דם אויף קלעצקער יידן

אין 1529 זענען די קלעצקער יידן אויפגעפאָדערט געוואָרן אַריינ־טראָגן אַ באַשטימטע געלט־סומע אין דער קעניגלעכער קאַסע, נישט שפּעטער פון דער קריסטלעכער פאַסכע.

אין 1670 איז דורך דעם געהילפס־ריכטער קראַסנאַווסקי אַריינ־געטראָגן געוואָרן אַ אָנקלאַגע צום נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדע, אין וועלכער די יידן פון קלעצק ווערן באַשולדיקט אין דערמאָרדן די פרוי פון זיין משרת העליאש יעווטשיץ. הויפּט באַשולדיקטע: יהושע צעפּערסקי, לייב סערצאַוויטש, גרשון דער אַרענדאַר, הירש יעקובאָוויטש, שלמה נאַחומאַוויטש, לייב גערשענאַוויטש, אייזיק זילבאַוויטש יוחנן אבראַמאַוויטש און מרדכי חיימאַוויטש. די אַלע איבעריקע — אַלס מיטבאַ־טייליקטע אין מאָרד.

די דערמאָרדעטע, יעווטשיצאַ קאַטערינאַ איזראַילעוונאַ, פון יידישער אָפּשטאַמונג, אַ טאָכטער פון אַ ווילנער ייד, שמואל בן ישראל. די דאָזיקע פרוי האָט זיך געשמד׳ט און חתונה געהאַט מיט העליאש יעווטשיץ, און געווען זיין פרוי אין משך פון 10 יאָר.

לויט דעם אָנקלאַגע־אַקט איז די פאַרשטאָרבענע אַרויס פון איר הויז דעם 10טן יוני 1670. אָנגעקומען קיין קלעצק דעם 22טן יוני, כדי צו איינקויפן פאַרשידענע אַרטיקלען און פּראָדוקטן. אין קעשענע האָט זי געהאַלטן מער ווי 400 גאָלדענע מטבעות. דאָ האָט זי זיך באַגעגנט מיט הירשקע צעפּערסקי, וועלכער האָט איר צוגעזאָגט אויסטוישן איר געלט אָן קיינע רווחים. זי איז אַריין מיט אירע זאַכן צו אים אין דירה. דער לעצטער האָט איר אַריינגענומען אין זיין אַרבעטס־חדר — און דאָס געלט צוגענומען פאַר זיך.

ווייטער, ווערט דערציילט אין אָריגינאַל, האָט צעפּערסקי גלייך מודיע געווען די קלעצקער יידן וועגן דער אָנוועזנהייט פון דער משומדת אין זיין דירה. די לעצטע זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, פאַרשטאָפּט איר דעם מויל און איר דערמאָרדעט אויף דעם אופן, ווי זיי טויטן די קריסטלעכע קינדער וועלכע זיי פאַרכאַפּן. דער אָנקלאָגער קען נישט אָנווייזן געניי דעם אָרט פון מאָרד.

דערנאָך — זעצט פאָר דער אַקט — האָבן זיי אַריינגעוואָרפן איר קערפּער אין טייך אָדער באַגראָבן ערגעץ אין אַ זומפּ, און דאָס געלט צעטיילט צווישן זיך.

די דאָזיקע ידיעות האָט דער אָנקלאָגער געשעפּט פון פאַרשי־דענע מענשן. די באַשולדיקונג איז געווענדעט נישט נאָר קעגן די יידן פון קלעצק נאָר אויך קעגן דעם פאָטער פון דער דערמאָרדעטער, און אויך קעגן אירע משפּחה־קרובים און באַקאַנטע, וואָס מיט זייער וויסן און הילף איז אויסגעפירט געוואָרן דער דאָזיקער טאָט.

דאָס איז אין קורצן דער אינהאַלט פון דער משונה׳דיקער אָנ־קלאַגע. דער ענין איז געבליבן אומקלאָר. קיין אַנדערע קוועלן וועגן דעם זענען נישט בנמצא.

לויט אַלע סימנים דאַרף מען אָנעמען, אַז די געשמד׳טע פרוי האָט מיטן פרייען ווילן באַשלאָסן אַנטלויפן פון מאַן, און זיך צוריקקערן צום יידנטום. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז זי האָט זיך פאַרבונדן מיט יידן פון קלעצק, כדי זיי זאָלן איר העלפן דורכפירן איר באַשלוס. מען קען אויך משער זיין, אַז אויך אירע עלטערן אין ווילנע האָבן געוווּסט און איר געהאָלפן צום אַנטלויפן און איינ־אָרדנען זיך ערגעץ אין אַ באַהאַלטענעם אָרט. ווי עס שיינט זענען די אַלע פּרטים אויפגעקלערט געוואָרן שפּעטער, און די באַשולדיקונג איז ליקווידירט געוואָרן אַלס גרונטלאָזע.

(לויט „רעגעסטי״)

ר׳ יאסל פון די „דוחקי הקץ״

(לויט דער אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימון, אין בוך „די געשיכטע פון דער פראַנקיסטישער באַוועגונג״ פון מאיר באַלאַבאַן)

די ווירקונג פון דער קבלה און די דערוואַרטונג פון משיח׳ן האָבן זיך אַנטפּלעקט אויף פאַרשידענע אופנים, און עס האָבן זיך געפונען יידן וועלכע האָבן באַשלאָסן דוחק זיין דעם קץ דורך תעני־תים, דורך אַ שטרענגן אָפּהיטן די מצוות.

דאָס איז געשען אינם ערשטן העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט.

אַ מעשה מיט איינעם, יאָסל פון דער שטאָט קלעצק, וועלכער האָט אויף זיך גענומען דוחק זיין דעם קץ און צואיילן די טריט פון משיח׳ן. כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער געפּייניקט זיין קערפּער מיט פאַרשידענע סיגופים, געפאַסט תעניתים, זיך געקייקלט אין שניי, געזעסן וואַך גאַנצע נעכט און ד.גל.

דורך אַזעלכע מעשים האָט ער געהאָפט באַזיגן צום ווייניקסטן אַ לעגיאָן שדים און רוחות, וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פון משיח.

צו דעם זענען נאָך צוגעקומען פאַרשידענע קבלה אָפּשפּרעכונגען, רויכערן ווייריך, באַשווערונגען, סגולות און אַז.וו.

צום סוף האָט ר׳ יאסל אָנגעהויבן גלויבן אַז ער זעט טאַקע כל מיני רוחות מיט אָפענע אויגן, גערופן יעדן ביים נאָמען, באַפאַלן דעם „חדר״, אויסגעהאַקט די שויבן, צעבראָכן דעם אויוון, גלויבנדיק אַז זיי זענען זיינע בלוטיקע שונאים, שלעכטע רוחות, ביז ער פלעגט פאַלן אין אָנמאַכט אויף דער ערד. יעדעס מאָל פלעגט ער קומען צו זיך נאָך גרויס מי פון דעם הויף־דאָקטאָר פון פירשט ראַדזשיוויל, וועלכן מען פלעגט אייליק ברענגען צו אים.

די רעפאָרמאַציע באַוועגונג אין קלעצק

אין זיין „געשיכטע פון יידישן פאָלק״ שרייבט גרעץ:

„די צוויי לעצטע קעניגן פון דער יאַגעלאָ דינאַסטיע (1507—1572) האָבן דערלויבט, אַז די רעפאָרמאַציע באַוועגונג זאָל זיך פאַרשפּרייטן אין פּוילן. דער פירשט ראַדזשיוויל אין ליטע האָט גענומען אונטער זיין שוץ די רעפאָרמאַציע באַוועגונג פון די פּראָטעסטאַנטן פון לוטערס און קאַלווינ׳ס ריכטונגען, און איז געווען פאַררעכנט אַלס איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פון דעם רוימישן פּויפּסט. אין פּוילן האָבן דאַן געפונען אַזיל און שוץ אויך יענע פריי דענ־קענדע פערזאָנען, וועלכע זענען געווען פאַררעכנט אַלס אַפּיקורסים אַפילו ביי די קאַלווינער און לוטעראַנער און זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום שייטער־הויפן. איינער פון זיי, דער שפּאַניער סירוועט, איז געבראַכט געוואָרן אויפן שייטער־הויפן דורך קאַלווינען אין גענף, אין שווייץ. ער האָט געלייקנט אין דער אמונה פון דער דריי־אייניקייט — און זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך גערופן די סעקטע־קעגנער פון דריי־אייניקייט.

צווישן די מיטגלידער פון דער סעקטע האָבן זיך געפונען אויך אַ זעלכע, וועלכע זענען געווען נאָענט לויט זייערע אַנשויונגען צום יידנטום. וועגן דער טאָכטער פון ניקאָליי ראַדזשיוויל האָט מען דערציילט, אַז זי באַציט זיך מיט גרויס אַכטונג צו תורת משה.

איינער פון די אָנפירער פון די אוניטאַריער סעקטע איז געווען דער גלח שמעון בודני פון מאַזאָוויע, דערנאָך קאַלוויניש־ער

פּאַסטאָר אין קלעצק. ער האָט געגרינדעט אַ באַזונדערע סעקטע „בודניסטן". ער האָט אָפּגעדרוקט די הייליקע שריפטן פון נייעם און אַלטן טעסטאַמענט אין בריסק און זאַסלאַוו. אויסער גריכיש און לאַטיין האָט ער איך געקענט אַביסל העברעיש און האָט זיך נאָך מער דערנענטערט צום יידנטום.

דער נאָמען פון דעם דאָזיקן קריסטלעכן געלערנטן ווערט דערמאָנט אין בוך „בן זקונים" פון ר' חזקיה דוד א ב ו ל ע פ י ע, אין ערשטן טייל: „עס איז פאַראַן אַ חכם, וועלכער רופט זיך סימאָן בודני, וואָס שעצט זייער דעם תלמוד און האַלט אים פאַר דעם חשובסטן פון אַלע ביכער פון די פעלקער".

יידן מוסרים אין אמאליקע צייטן

לויט שאול ג י נ ז ב ו ר ג „היסטאָרישע שריפטן", איבערזעצט דורך ל. ב ר ו ך „דבר", תל־אביב, תש"ד.

...מסירה איז געווען איינע פון די שווערסטע פּלאָגן, וועלכע האַבן געטראָפן און פאַרביטערט דאָס לעבן פון די יידן אין זייערע גלות לענדער. די רדיפות, שנאה און השדים וועלכע האָבן פאַרפּלאָגט יידן אומאויפהערלעך, האָבן זיי געצוווּנגען וואָס וויניקער קומען אין באַרירונג מיט זייערע שכנים גוים, כדי נישט געבן זיי מעגלעכקייטן זיך אַריינמישן אין זייערע יידישע אינערלעכע ענינים. פאַרן דערדריקטן און געפּייניקטן יידישן פאָלק איז דאָס געווען אַ געבאָט, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין לעבנס־אינסטינקט, פון געפיל פון זעלבסט־שוץ, ווייל די דאָזיקע אָפּגעזונדערקייט האָט אים געדינט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען פאַר אויפהאַלטן זיין עקזיסטענץ.

...און דאָך האָבן פון שטענדיק אָן נישט אויסגעפעלט קיין מוסרים צווישן יידן.

די יידישע רעכטלאָזיקייט, די אָרעמקייט, די רדיפות און שרעקלעכע גזרות האָבן געדינט אַלס גינסטיקער באָדן פאַר דער פּלאָג פון מסירה. וואָס מער עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אויסערלעכער דרוק — אַלץ מער האָבן זיך געמערט די מוסרים צווישן יידן.

אין צווייטן העלפט פון אַלעכסאַנדער דעם ערשטנס ממשלה און אין דער תקופה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, האָבן זיך געשאָטן אויף יידן פיל אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען און בילבולים, און צווישן יידן האָבן זיך געפונען מוסרים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער רשעות. נישט תמיד האָט קהל זיך נוהג געווען מיט יושר און גערעכטיקייט אין די ענינים פון שטייער־איינמאָנונגען און צושטעלונגען פון רעקרוטן צום מיליטער. צייטנווייז פלעגט מען אויפן אָרט פון אַ רייכן צושטעלן אַ זון פון אָרעמע עלטערן, וועלכער איז געזעצלעך געווען פּטור פון מיליטער־דינסט. אויך דאָ זענען די שוואַכע און הילפלאָזע געווען צווישן די באַרויבטע און געדריקטע, ווי עס פירט זיך אין דער גאַנצער וועלט און אין אַלע צייטן. אָבער נישט אַלע האָבן דאָס געקאָנט גלייכגילטיק צוזען און שווייגן, עס האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן קעגן אַזעלכע טאַטן און געפאָדערט יושר און גערעכטיקייט. אָבער ווען די דאָזיקע קעמפער קעגן די ראשי הקהל האָבן זיך געווענדעט דירעקט צו די פאָרשטייער פון דער מאַכט און געבעטן זייער הילף אינעם דאָזיקן קאַמף, זענען זיי פאַרעכנט געוואָרן ביי די יידן אַלס פאַרעטער און שונאים. עס האָט זיי נישט געהאָלפן, וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן צוליב אייגנוץ, נאָר געקעמפט פאַר גערעכטיקייט, פאַר די ברויבטע רעכט פון אַנדערע.

אַזאַ טראַגישער טיפּ איז געווען בנימין גאָלדבערג (בראפּמאַן), וועלכער איז געווען פּאָפּולער מיט 90—80 יאָר צוריק אין גאַנץ ליטע, און וועלכן מען האָט אָנגערופן „דער מוסר פון קלעצק" אָדער „בנימינ'קע מוסר".

ער איז געבוירן געוואָרן אין קלעצק, און געשטאַמט פון אַ רייכער מיוחסדיקער משפחה. געווען אַן אָנשטענדיקער מאַן, און אַלע יאָרן געקעמפט קעגן די וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די גזעלשאַפטלעכע מאַכט אין קלעצק. איז איינמאָל געשען, אַז מען האָט אויסגעליפערט צום מיליטער־דינסט אַ זון פון אַן אָרעמער אלמנה. אירע טרערן און די טענות פון גאָלדבערגן פאַר די ראשי־הקהל האָבן גאָרנישט געהאָלפן, אָבער דאָס אומרעכט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין באַצוג צו דער אלמנה, האָט אַזוי אויפגעשטורעמט גאָלדבערגן, אַז ער האָט זיך באַקלאָגט דערויף פאַרן גובערנאַטאָר אין מינסק. דער לעצטער האָט באַפולמעכטיקט איינעם פון זיינע טרייע באַאַמטע אויספאָרשן דעם ענין. דער סוף איז געווען, אַז דער קאַסירער פון דער קהילה, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צושטעלן רעקרוטן איז אַרעסטירט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. אָבער די קהילה־עסקנים פון קלעצק האָבן נישט גערוט, און אויסגעפונען פאַרשידענע מיטלען און קאָמבינאַציעס. זיי האָבן אונטערגעקויפט די ריכטער, באַפרייט דעם קאַסירער און אויף זיין אָרט געלאָזט אַרעסטירן גאָלדבערגן. אָבער דעם לעצטן איז ווידער געלונגען דערשיינען פאַרן גובערנאַטאָר און אים אויפקלערן די אָרדנונגען אין דער קלעצקער קהילה. ווידער ווערט אַרעסטירט דער קאַסירער. דער דאָזיקער קאָנפליקט צווישן דעם גערעכטיקייטס־קעמפער גאָלדבערגן און קלעצקער קהל האָט זיך געצויגן לאַנגע יאָרן. גאָלדבערג און דעם קאַסירער האָבן זיך געביטן מיט זייערע ערטער אין טורמע דער — אַריין, דער צווייטער — אַרויס. ענדלעך איז געלונגען די קלעצקער ראשי הקהל צו זיגן אינם דאָזיקן קאַמף. לויטן געזעץ האָט יעדע געמיינדע געהאַט דאָס רעכט אַרויסשיקן פון אירע גרענעצן יעדן מענטשן, וועלכער „שטערט די רו און אָרדנונג". דער קלעצקער קהל האָט זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן אכזריותדיקן געזעץ. גאָלדבערג איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר — און דאָרט געשטאָרבן.

אַזעלכע טיפּן ווי „בנימינ'קע מוסר" זענען געווען אַן אויסנאַם. אין אַלגעמיין איז דער מוסר געווען אַ נידריקער נפש, אַן אויסוואורף, וועלכער האָט תמיד געזוכט זיין אייגענע טובה דורך ברענגען אומגליק אויף אַנדערע, און תמיד גרייט געווען אָנטון די גרעסטע צרות דעם גאַנצן ציבור. די מסירה־פּלאָג איז אַמאָל געווען גאַנץ פאַרשפרייט, און כמעט יעדע קהילה האָט פאַרמאָגט איר מוסר.

די צאל פון די יידן אין קלעצק

לויט מ. ווישניצער (ענציקלאָפּעדיע „אשכול", באַנד X), האָט קלעצק געציילט אין יאָר 1847 — 2138 יידן.

ה. אַלעכסאַנדראָוו ברענגט אין מינסקער „צייטשריפט" די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

יידן אין קלעצק אין יאָר 1897

אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער	4684
די יידישע באַפעלקערונג	3415
נישט יידישע באַפעלקערונג (קריסטן און טאַטאַרן)	1269
פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג	72,9

יידן אין קלעצק אין יאָר 1921

אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער	5671
יידישע באַפעלקערונג	4190
נישט יידישע באַפעלקערונג	1481
פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג	73,9

ד"ר מ. ווישניצער

היסטאָרישע ידיעות וועגן קלעצק

א שטעטל אין פּוילן, אין נאָוואָגראדקער קאַנט. די ייִדישע קהילה ווערט דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1529.

אין יאָר 1670 האָט מען באַשולדיקט די קלעצקער ייִדן, אַז זיי האָבן אײַנמיטן מאַרק דערמאָרדעט אַ ייִדישע פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט.

לויטן באַשלוס פון „ועד מדינת ליטא" פון יאָר 1623, זענען די קלעצקער ייִדן געווען אונטערגעוואָרפן אין רעליגיעזע ענינים דער קהילה פון פּינסק.

דער בית המדרש פון קלעצק איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנפאַנג פון 17טן יאָרהונדערט, בעת די גרויסע שול איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1796.

פון די קלעצקער רבנים דאַרף מען דערמאָנען: ר' יהודה בן לייב און ר' מיכאל בן מאיר א י י ז ע נ ש ט אַ ד ט און אויך זיין זון, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1795.

דער פילאָזאָף שלמה מיימון (1754—1800) האָט זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין קלעצק.

משה פּיינקינד

דאס פארלאשענע ליכט צו כל נדרי

(וואָס עס האָט פּאַסירט אין שטעטל קלעצק אין יאר 1656)

אָט די פאָלגענדע געשיכטע האָט דער פאָרשער פון קלעצק ר' בן ציון אייזענשטאַדט געפונען פאַרשריבען אין אַלטן פנקס פון דעם שטעטל קלעצק, עס איז דאָרט פאַרנאָטירט געוואָרן לזכרון.

דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם קריטישן יאָר 1656, בעת די שוועדן האָבן געפירט מלחמה מיט רוסלאַנד און מיט פּוילן, און דאַן האָבן זיי באַלאַגערט די שטאָט קלעצק, וואָס איז שוין צו יענער צייט געווען אַן עיר ואם בישראל.

עס איז געווען ערב יום־כיפור און אַלע ייִדן פון שטאָט זענען געווען צונויפגעזאַמלט צו „כל נדרי" אין דער שול. דרויסן האָבן געדונערט די האַרמאַטן, די פייער־גראַנאַטן זענען געפלויגן איבער די גאַסן, און דאָס פייפען און וואָיען איז געוואָרן באַגלייט מיטן קול התפילה פון „כל נדרי".

און אָט איז פּלוצעם אַריין אין שול אַ גענעראַל פון דער שוועדישער אַרמיי. אַזוי ווי ער האָט זיך באַוויזן אין שול איז דער עולם געבליבן פאַרשטומט און גאָר גרויס איז געווען דער וווּנדער בעת דער גענעראַל איז צוגעגאַנגען צום רב פון שטעטל וואָס איז געווען אַ מאַן מיט אַ גרויסן הדרת־פּנים.

— רבי — האָט דער גענעראַל אים געזאָגט אין ייִדישן לשון — זייט וויסן אַז איך שטאַם פון ייִדן און איך וויל ראַטעווען אייער לעבן און דאָס לעבן פון דער קלעצקער קהילה — דעריבער בין איך אַליין צו אייך געקומען אייך מיטטיילן אַז די באַלייכטונג פון אייער שול רייצט אויף מיין רעגימענט פון די סאָלדאַטן, און מ'האָט באַשלאָסן אין אַ האַלבע שעה אַרום די שול צו צעשיסן. דעריבער וויל איך גלייך אויסלעשן די ליכט אין שול, און גיט צעוויסן דעם עולם, אַז זיי זאָלן זיך שנעל צוגיין פון שול.

גלייך איז דער עולם זיך צעגאַנגען פון שול. דאָס רוישן פון די האַרמאַטן האָט נאָך געדויערט ביז האַלבע נאַכט און די גאַנצע גאַס איז צושאָסן געוואָרן, אָבער די שול אין קלעצק איז געבליבן נישט באַרירט.

(געדרוקט אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", ערב יום־כפור, תרצ"א).

דער קלעצקער מילך־פּארקויפער אין אלט־ירושלים

אין ירושלים האָט מען אים גערופן דער קלעצקער, אויפן נאָמען פון זיין געבורטס־שטאָט.

מעגלעך, אַז דער גבאי און שמש פון דער שול וווּ ער האָט געדאַוונט האָבן יאָ געוווּסט זיין אמתן נאָמען, ווייל זיי האָבן אים אָפטמאָל מכבד געווען מיט אַ עליה צו דער תורה, אָבער אויסער זיי האָט קיינער נישט געוווּסט זיין ריכטיקן נאָמען. פאַרטאָג פלעגט ער אַרויספאָרן, רייטנדיק אויף זיין אייזל צום דאָרף סילואן אין מזרח ירושלים, צופוסנס פון הר הזיתים. דאָרט פלעגן די פּויערטעס, מעלקערינס פון שעפּסן און ציגן אַריינגיסן דאָס מילך אין די צוויי בלעכענע קאַנען, וועלכע זענען געהאָנגען ביי ביידע זייטן פון אייזל. די רעליגיעזע ייִדן האָבן שטענדיק געקויפט מילך ביים קלעצקער, היות זיי זענען געווען זיכער אין זיין כשרות.

און דאַך איז ער געווען דער אָרעמסטער צווישן די אָרעמע. ער, זיין פרוי (זיי זענען געווען קינדערלאָז) האָבן געוווינט אין אַ פינסטערן קעלער אין חב"ד גאַס אין ירושלים, פאַראַלעל צום רחוב הנביאים.

עס דערציילט איינער אַ צופעליקער באַזוכער:

„איינמאָל אין אַ ווינטער נאַכט איז מיר אויסגעקומען צו איבערטרעטן די שוועל פון זיין וווינונג. ער און זיין פרוי האָבן זיך געגרייט צום שלאָף אויף אַ האַרטער הילצערנע באַנק, אָנגעטאָן אין די ווינטערדיקע מלבושים.

דער אייזעלע איז געשטאַנען אין ווינקל און געקייט...

אויף דעם אייזל, זיין מפרנס, האָט דער קלעצקער שטאַרק אַכטונג געגעבן, כמעט אים געפּעשטשעט, טיילנדיק מיט אים זיין ברויט. ווען דער קלעצקער פלעגט אַרויסרייטן אויף זיין אייזל אין די גאַסן פון ירושלים, פלעגן אים גלייך אַרומרינגלען אַראַבישע און אויך ייִדישע גאַסן־ייִנגלעך, נאָכלויפן נאָכן אייזל מיט געשרייען „מת איל איחמארי" (געשטאָרבן דער אייזל) — דאָס פלעגט אים אַריינברענגען אין גרויס צאָרן און דער קלעצקער פלעגט רעאַגירן מיט קללות, אָבער סוף־סוף איז אויך אָנגעקומען דער לעצטער טאָג פון אייזל...

דער קלעצקער מיט זיין פרוי האָבן אים שטאַרק באַוויינט, זייער ליבלינג און מפרנס.

האָט אויף זיי רחמנות געהאַט ר' ישראל דוב פ ר ו מ ק י ן, דער רעדאַקטאָר פון „חבצלת". מיט דער הילף פון דער „עזרת נידחים" געזעלשאַפט האָט פרומקין געקויפט אַ צווייטן אייזל און געשאָנקען דעם קלעצקער..."

II. אויסצוגן פון דער השכלה פּרעסע

אויסצוגן פון אַ ריי קאָרעספּאָנדענצן אין דער השכלה פּרעסע:

„המליץ" 1892

באַקומענדיק די טרויעריקע ידיעה וועגן דער גרויסער שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער אַלטער שטאָט מיר און וועלכע האָט פאַרברענט כמעט אַלע הייזער און צוויי טויזנט פון אונזערע ברידער זענען געבליבן הויל און נאַקעט — האָבן זיך גלייך אָפּגערופן די נכבדים פון אונזער שטאָט, און אין זייער שפּיץ הרב ר' משה קאַהן. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט 100 רובל לטובת די נשרפים, אַחוץ דריי פורן אָנגעלאָדענע מיט ברויט, וועלכע זענען אָפּגעשיקט גע־וואָרן אַהין פריער. מיר האָפן, אַז אויך די אַנדערע שטעט וועלן נאָכטאָן אונזער ביישפּיל. עס טאָר נישט אונטערגיין אַ אַלטע יידישע שטאָט, וועלכע איז פון אייביק אָן געווען באַרימט מיט איר צדקה און וועלכע האָט אויסגעהאַלטן אַ גרויסע ישיבה וואָס האָט פאַר־שפּרייט תורה אין משך פון 80 יאָר.

דער חשובער לערער ר' מאַלינאָוו האָט איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט פון געזאַנג, און די הכנסות זענען אָפּגעגעבן געוואָרן דער געזעלשאַפט „מכבי" אין אונזער שטאָט.

*

„המליץ" 1890.

שוין 40 יאָר זינט די אָרעמקייט אין אונזער שטאָט ווערט אַלץ גרעסער צוליב דער גרויסער שריפה, וועלכע איז אויסגעבראָכן זומער תרמ"ו (1885). זינט דאַן הערשט איבער איר די קללה פון ג', און זי פאַלט אַלץ נידריקער. חשובע און רייכע בעלי בתים און סוחרים זענען פאַראָרעמט געוואָרן און פאַרלוירן זייערע פּרנסות. אין רעזולטאַט פון דעם האָט זיך פאַרשטאַרקט די עמיגראַציע־באַווע־גונג. מענער, פרויען, זקנים, בחורים און מיידלעך, פאַרלאָזן זייערע קרובים און פריינט און וואָגלען אין די ווייטסטע לענדער, אויף יענער זייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, צו דערהאַלטן זייער עקזיסטענץ. ווי די גמרא זאָגט „ווען עס גייט שלעכט אויף איין אָרט, זאָל מען גיין אין אַן אַנדער אָרט".

שלעכטע צייטן זענען אָנגעקומען אויף אונז, עס לאָזן זיך אויס די לעצטע גראָשנס אין די קעשענעס, די קוואַלן פון מסחר ווערן פאַרשטאָפּט, און צוליב די בלאָטעס, וועלכע פאַרפילן אַלע גאַסן איבער די ברעגעס, איז אָפּגעשטעלט די גאַנצע באַוועגונג.

אויף וויפיל די אָרעמקייט דערגרייכט, קען עדות זאָגן דער פאַקט, אַז מיוחסדיקע טעכטער, וועלכע זענען שטענדיק געזעסן אין וווילקייט און זאָרגלאָזיקייט ביי זייערע עלטערן, האָבן זיך איצט פאַר־דונגען אַלס אַרבעטאָרינס אין די מצה־בעקערייען פאַרן פּרייז פון 30—40 קאָפּיקעס אַ טאָג, כדי נישט אויסשטרעקן די הענט צו דער „מעות חטים" קאַסע, און נישט ליידן קיין הונגער אין די פּסח־טעג.

אין דערדאָזיקער ביטערער צייט, ווען די צאָל געבערס האָט זיך פאַרקלענערט און די צאָל נעמערס זיך פאַרמערט, האָבן די נכבדים פון שטאָט אין שפּיץ מיט הרב הגאון אב"ד רבי שלום דובער הערנזאָן, אַרויסגעגעבן אַ קלוגן באַפעל, אַז יעדער בעל־הבית מוז צושטעלן אין די מצה בעקעריי אַ צעטל, אַז ער האָט באַצאָלט דעם סכום וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך דער „מעות חטים" פאַרוואַלטונג, אַ חוץ זיין שטענדיקער יערלעכער נדבה. אָן דעם טאָרן די בעקערייען נישט באַקן פאַר אים קיין מצה.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ יאָר זינד עס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן חשובן דרשן ר' חיים זונדל די געזעלשאַפט „לינת הצדק", וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו שיקן צוויי מענשן נעכטיקן ביי קראַנקע, פון אָוונט ביז אין דער פרי, אַכטונג געבן און באַ־דינען זיי מיט אַלץ אין וואָס זיי נויטיקן זיך.

זייער פיל מעשים האָט געטאָן די געזעלשאַפט לטובת אונזערע קראַנקע ברידער, וועמען זי האָט ערטיילט פיל הילף און שטיצע און זיי געראַטעוועט פון טויט־געפאַר.

*

„המליץ" 1903

פון קלעצק (מינסקער גובערניע) איז אונז מודיע ה' ש. מ. אהראנאווסקי, אַז דער מינסקער אַרכיערײ האָט באַזוכט די שטאָט, און אַז אַ יידישע דעלעגאַציע האָט אים מקבל פּנים געווען מיט ברויט און זאַלץ ווען ער איז אויסגעשטיגן פון זיין קאַרעטע ביי דעם קריסטלעכן קלויסטער.

דער אַרכיערײ, האָט זיי דערלאַנגט זיין האַנט און געזאָגט: „גיט איבער מיין ברכה און דאַנק אייער געמיינדע".

דערנאָך, אין זיין רעדע פאַר די קריסטלעכע מתפּללים אין קלויסטער, האָט ער געזאָגט צווישן אַנדערן: „איר לעבט צווישן יידן, מייד אויס קריגערייען און לעבט מיט זיי בשלום; דערווייטערט זיך פון רעליגיעזער שנאה, ווייל מיר זענען אַלע קינדער פון איין פאָטער".

*

„המליץ" 1903

קלעצק. (מינסקער גובערניע). די עמיגראַציע באַוועגונג האָט זיך פיל פאַרשטאַרקט. אונזער שטאָט צייכנט זיך נישט אויס מיט גרויסע גבירים; דער רייכסטער מאַן ביי אונז פאַרמאָגט ביי 10 טויזנט רובל, און אַזעלכע זענען גאַנץ ווייניק. דאַקעגן זענען דאָ פאַראַן אַ סאַך קליין־פאַרמעגלעכע איינוווינער. זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז עס געפונען זיך פיל אָרעמע לייט, ווייל קיינמאָל וועלן נישט פעלן קיין אַביונים אויף דער וועלט. בכלל, קען אונזער שטאָט נישט פאַרעכנט ווערן צווישן די אָרעמע, אָבער קיין גרויסע געשעפטן פאַרמאָגט זי נישט. די צאָל קראָמען איז כמעט ווי די צאָל פון די קונים און זיי מערן זיך מיט יעדן טאָג אין יעדן גאַס און ווינקל. די צאָל פון תבואה־סוחרים, איז שוין איבערן קאָפּ. עס געפונען זיך גערנטנער, פאַרשידענע בעלי־מלאכות אין אַ גרויסער צאָל — און די קאָנקורענץ איז גאַנץ גרויס.

צוליב די באַשרענקטע פּרנסה קוואַלן שטאַרקט זיך די עמיגראַ־ציע. פאַרגאַנגענעם זומער האָבן עמיגרירט ביי 100 מאַן — פרויען און מענער, און אַ סך גרייטן זיך צו עמיגרירן דעם קומענדיקן ווינטער. איבערהויפּט איז שטאַרק די עמיגראַציע באַוועגונג צווישן יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פון 16—14 יאָר, ווייל עס עקסיס־טירט דאָ נישט קיין שולע, וואָס זאָל דערציען די יוגנט צו לערנע און אַרבעט. ווען דער יינגל ענדיקט די שולע גייט ער אַרום ליידיק און אַרבעטסלאָז, און כדי ער זאָל נישט פאַלן צו לאַסט אויף זיינע עלטערן, ווענמענס פּרנסה־קוואַלן טריקענען אויס פון טאָג צו טאָג — שיקן זיי איב אַוועק קיין אויסלאַנד.

*

„המליץ" 1903

דער ווינטער האָט זיך הייאָר געשטעלט זייער פרי, און דערמיט זענען פרי אָנגעקומען צרות פאַר די אָרעמעלייט. די הכנסות פאַר־מינערן זיך און די הוצאות ווערן גרעסער. איבערהויפּט פאַלן צו לאַסט די טייערע פּרייזן פון באַהייצונגס־האָלץ, אַזוי אַז אַפילו פאַר מענשן פון מיטל־שטאַנד איז זייער שווער צו באַזאָרגן זיך מיט

האַלץ, און די אָרעמע אײנװױנער לײדן פֿון מאַנגל אין ברױט. עס זענען געװען צײטן, װען אױך די אָרעמע האָבן אין די װינטער־טעג גענאָסן פֿון װאַרעמקײט אין זײערע װױנונגען. אָבער דאָס װאָס איז געװען — װעט זיך שױן מער נישט אומקערן.

דאָס איז געװען מיט צװײ יאָר צוריק. דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון אָדעסער קאָמיטעט, װאָס איז איבערגעגעבן מיט לײב און לעבן דעם טובֿת הכּלל, זעענדיק דעם פּײַן פֿון די אָרעמע, איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, צונױפֿגעזאַמלט 150 רובל און געקױפֿט בײַ אַ פּרײַז 300 פֿורן האָלץ, װעלכע ער האָט איבערגעגעבן די אָרעמע אָן קײן שום פֿאַרדינסטן. פֿרײד האָט געהערשט צװישן דער געדריקטער באַפֿעלקערונג, אָבער עס לאָזט זיך נישט גלױבן, װען מען דערצײלט אַז אױך די דאָזיקע װױלטעטיקע טאַט האָט אַרױסגערופֿן קעגנער־שאַפֿט. פֿאַריקן װינטער, װען דער פֿאָרשטײער פֿון קאָמיטעט האָט געװאָלט איבערחזרן זײַן טאַט, האָט מען אים פֿאַררופֿן צום רבֿ און דאָרט האָט מען אים געבעטן נישט גורם זײַן שאָדנס די האָלץ־סוחרים. דער ענין איז געװאָרן ליקװידירט, די סוחרים זענען װידער „אַרױף אױף די פֿערד" און נאָכער געהױבן די פּרײַזן.

*

„המליץ" 1903

פֿון קלעצק איז מען מודיע, אַז אין דער נאַכט אױפֿן 12טן נאָװעמבער, זענען אַרױסגעגנבֿעט געװאָרן פֿון דער „גמילות חסד" קאַסע פֿון די מלמדים פֿאַרשידענע חפֿצים אין װערט פֿון 600 רובל. פֿאַלן פֿון גניבֿות זענען נישט קײן זעלטענהײט. אַזעלכע פֿאַלן טרעפֿן אָפֿט אין יעדן אָרט און שטאָט באַװױנטע פֿון מענשן. אָבער אױב אַזעלכעס איז געשען אין אַ צדקה אַנשטאַלט, װוּ די פֿאַרװאַלטער האָבן נישט געלײגט קײן געהעריקע אַכט אױף דער שמירה פֿון די חפֿצים, װעלכע זענען איבערגעגעבן געװאָרן אין זײער רשות — טראָגן זײ די שולד לױט דער אָנגענומענער געזעלשאַפֿטלעכער מײנונג.

די „גמילות חסד" קאַסע געפֿינט זיך אין אַ הילצערנער געבײדע מיט גרױסע פֿענצטער אָן אײַזערנע קראַטעס. דאָס איז אַ זיכערע שמירה פֿאַר ערלעכע מענשן, אָבער אַ געניטער גנבֿ מיט אַ פֿעסטער האַנט איז בכּוח אַזאַ פֿענצטער אָפּרוקן פֿון אָרט, װי עס האָט באַװיזן דער פֿאַל פֿון 12טן נאָװעמבער.

אױך די צװײטע „שטאָטישע" „גמילות חסד" קאַסע װערט נישט אָפּגעהיט װי געהעריק. עס בעט זיך, אַז די דאָזיקע צװײ צדקה־אַנ־שטאַלטן, װעלכע האָבן פֿאַר זיך אײן ציל, זאָלן זיך פֿאַראײניקן און פֿאַרקױפֿן זײערע אומבאַװעגלעכע גוטער: דער ערשטער — זײַן הױז, דער צװײטער — זײַנע צװײ קראָמען, און פֿאַר דעם געלט אױסבױען אַ מױער מיט אײַזערנע־טירן און בלעכענעם דאַך.

עס איז פֿאַראַן אַ פֿרײַער פּלאַץ פֿאַר אַזאַ בנין — דאָס איז דער קהילה־פּלאַץ, װעלכער איז געקױפֿט געװאָרן מיט אײניקע יאָר צוריק, און עד היום איז נישט באַװוּסט צוליב װעלכן צװעק. דאָ איז מעגלעך אױפֿשטעלן אַ הױז פֿאַר די „גמילות חסדים" אַנשטאַלטן, געשיצט פֿון פֿײַער און גניבֿות.

דער גנבֿה־פֿאַל מוז זײַן דער לעצטער.

*

„המליץ" 1903

אין אונזער שטאָט צײכנט זיך אױס אײן אַנשטאַלט, װאָס זײַנע גרינדער, פֿאַרװאַלטער און מיטגלידער באַשטײען פֿון לױטער פֿרױען. דער אַנשטאַלט טראָגט דעם נאָמען „הילף פֿאַר קינפּעטאָרינס". זײַן אױפֿגאַבע באַשטײט אין ערטײלן יעדע מעגלעכע שטיצע פֿאַר די אָרעמע קימפּעטאָרינס, ביז זײ קערן זיך אום צום נאָרמאַלן צושטאַנד.

די הוצאָה פֿאַר אײן קימפּעטאָרין באַטרעפֿט צװײ רובל, אָבער עס טרעפֿט, אַז זי דערגרײכט ביז 15 רובל. די הכנסות װערן געדעקט פֿון 1 רובל מיטגלידס־אָפּצאָל מאָנאַטלעך. די צאָל מיטגלידערינס באַטרעפֿט בײַם הײַנטיקן טאָג בײַ 150, צום גוטן זאָלן דערמאָנט װערן די געערטע פֿאַרװאַלטערינס: ש. ב ר ע ס ל א װ, ר. ש א־פּ י ר א, מ. ש ט ײ נ ב ע ר ג און די קאַסירערין מ. פֿ ײ נ ב ע ר ג. זײ האָבן געגרינדעט דעם אַנשטאַלט און האָבן אים אױפֿגעשטעלט אױף אַ זיכערן באָדן. װאָס שײך דעם אופֿן װי עס װערט פֿאַרטײלט די שטיצע, איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז מען קאָמבינירט, אַז אױך די יעניקע פֿרױען, װעלכע װילן ליבערשט לײדן קרענק און װײטיק אײדער נעמען אַ פּרוטה פֿון צדקה, זאָלן געניסן פֿון הילף. דאָס װערט געטאָן דורך זײערע שכנים, װעלכע נעמען דאָס געלט און גיבן זײ איבער אין פֿאָרעם פֿון כּלומרשטע גמילות חסדים, אַזױ אַז די קראַנקע פֿילן נישט אַז זײ געניסן פֿון צדקה".

*

„המליץ" 1903.

די טעג האָט דער גובערנאַטאָר פֿון מינסק אָפֿיציעל באַשטעטיקט דעם סטאַטוט פֿון דער געזעלשאַפֿט „עזרה לעניים", װעלכע נעמט איבער אין איר רשות אַלע אַנשטאַלטן פֿון שטאָט.

לאָמיר האָפֿן, אַז די נײַע געזעלשאַפֿט װעט אַרײַנברענגען אַ נײַעם לעבן אין די אַלע אַנשטאַלטן, װוּ עס האָבן געהערשט ביז הײַנט אומאָרדנונגען, און דורך אירע עפֿנטלעכע באַריכטן װעט זי צוציען נײַע מיטגלידער אין די געזעלשאַפֿטן. זי דאַרף אױך נעמען אױף זיך די אױפֿגאַבע פֿון גרינדן אַ שפּיטאָל. אַלע אײַנ־װױנער װעלן אים קומען צו הילף, װײַל דאָס פֿעלן פֿון אַ שפּיטאָל לאָזט זיך שטאַרק פֿילן בײַ אונז. די אָרעמע אײַנװױנער װױנען צו־מײנסט אין גרױס ענגשאַפֿט, און װען אײנער װערט קראַנק אױף אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקהײט, טראָגט זי זיך איבער אױף אַלע שכנים. ביז איצט האָט זיך נישט געפֿונען קײן איניציאַטאָר פֿאַר דער דאָזיקער נײטיקער אונטערנעמונג. די געזעלשאַפֿט דאַרף לײגן אַכט צו פֿאַרװירקלעכן די דאָזיקע אױפֿגאַבע, און די נױטיקע געלט־מיטלען װעלן געשאַפֿן װערן.

פֿאַריקע װאָך האָבן זיך געפֿונען אײניקע מענשן װעלכע זענען אַרױסגעגאַנגען איבערן שטאָט און צונױפֿגעזאַמלט אַ באַדײַטנדיקע סומע געלט, װעלכע װעט צעטײלט װערן צװישן די אָרעמע אױף אײַנקױפֿן האָלץ צו באַהײצונג. אין די פֿריערדיקע יאָרן פֿלעגט אַזאַ אַקציע דורכגעפֿירט װערן דורך צעטײלן האָלץ פֿאַר נידעריקע פּרײַזן, אַזױ אַז אױך פֿאַראָרעמטע בעלי־בתּים פֿלעגן זיך נישט שעמען געניסן פֿון דעם. אָבער דאָס מאָל איז דאָס דורכגעפֿירט געװאָרן אױף אַ נישט בכּבֿודיקן אופֿן — דורך אומזיסטער חלוקה. אָבער בעסער עפּעס װי גאָרנישט.

*

„הזמן" 1905

דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ אַלגעמײנע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט „עזרה לעניי היהודים" — („הילף פֿאַר אָרעמע ײדן"). אײניקע האָבן געפֿאָדערט שיקן אַ טעלעגראַמע צום פֿאָרזיצענדן פֿון מיניסטאָרן־ראַט אין װעלכער עס זאָל געזאָגט װערן, אַז דאָס באַרױבן ײדן פֿון זײערע רעכט, איז גורם צװישן זײ אַ גרױסע אָרעמקײט. אָבער דער װעד האָט דעם פֿאָרשלאַג אָפּגעװאָרפֿן מיטן מאָטיװ, אַז די צײַטונגען אין די איבעריקע קהילות דאַרפֿן זיך דערמיט פֿאַרנעמען, און פֿאָדערן גלײַכבערעכטיקונג פֿאַרן כּלל ישׂראל.

*

מיט צװײ װאָכן צוריק האָבן זיך פֿאַרשפּרײט קלאַנגען אין די דערפֿער, אַז דעם 28טן פֿעברואַר, דעם מאַרק־טאָג אין שטאָט, װעלן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַפֿאַלן די פּױערים. אַ טײל פּױערים

האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון קומען דעם טאָג אין שטאָט, אָבער פיל פון זיי האָבן נישט געגלויבט די קלאַנגען און געקומען אויפן מאַרק. ביז דריי אַזייגער בייטאָג האָט געהערשט פולשטענדיקע רו, אָבער שפּעטער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ערגעץ־ווו איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. דורכדעם האָט מען געצילט אַרויסרופן אַ פּאַניק ביי די פויערים, און דאָס האָט זיך איינגעגעבן, ווייל יעדערער האָט געמיינט אַז זיין דאָרף ברענט. די פויערים האָבן אין גרויס איילעניש איינגעשפּאַנט די פערד און געלאָפן אַהיים. אין דעם דאָזיקן טומל האָבן די שטאָטישע קריסטן אַרויסגערופן אַ געשלעג מיט די פויערים, כדי אַריינציען אויך די יידן.

אַ טויט־שרעק האָט באַהערשט די שטאָט. אַלע קראָמען זענען באַלד געשלאָסן געוואָרן, צווישן זיי אויך די מלוכה׳שע מאָנאָפּאָל־קראָמען פון בראָנפן, די שילדן זענען אַראָפּגענומען געוואָרן. עס האָבן זיך געטראָגן האַרצרייסנדיקע געוויינען פון פרויען און קינדער; פויערים וועלכע האָבן באַוויזן איינשפּאַנען די פערד זענען אַנטלאָפן אויף זייערע פורן, די איבעריקע האָבן געלאָפן רייטנדיק מיט געשרייען: — „ראַטעוועט, ראַטעוועט, אַ בונט! אַ בונט!"

די יידן האָבן פאַרשטאַנען די בייזע כוונות פון דער דאָזיקער פּאַניק, וועלכע צילן צו רויבן זייער פאַרמעגן און זיך געהאַלטן פון ווייטן, כדי נישט געבן קיין גרונט די חוליגאַנעס צו באַפאַלן און רויבן. ביסלעכווייז האָבן די פויערים פאַרלאָזן דעם מאַרק, און די שטאָט האָט באַקומען איר נאָרמאַלן רויקן אויסזען. דאָך האָט די געשעעניש גורם געווען פיל שאָדנס, ווייל אַלע קראָמען זענען געווען פול מיט קונים, און אַ סך פון זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און צוגענומען סחורות נישט באַצאָלנדיק פאַר זיי.

אָבער אַדאַנקן ג׳, וואָס מיר זענען אָפּגעקומען נאָר מיטן דאָזיקן שאָדן.

*

„הצפירה" 1898

אונזער שטאָט קלעצק צייכנט זיך אויס מיט אַן אַנשטאַלט „גמילות־חסד", וואָס טוט פיל טובות אַלע וועלכע דאַרפן אָנקומען צו אַ גרעסערער אָדער קלענערער הלואה, לויט דעם איינזען פון די חשובה ל י י ט ע ר ה״ה ר. ש פּ י ר א און מ. ק ו ל א ק א ו ו ס ק י. זיי זענען איבערגעגעבן דער דאָזיקער אינסטיטוציע מיט לייב און לעבן. אין משך פון 8 יאָר פון איר עקסיסטענץ, האָט זי דערוואָרבן צוויי קראָמען, וועמענס הכנסות גייען לטובת דעם „גמילות חסד". אין דער קאַסע געפינען זיך 1500 רובל במזומנים.

*

„הצפירה" 1901

די בעסערע פאָרשטייער און פירער פון אונזער קהילה האָבן ענדלעך זיך אונטערגענומען צו גרינדן אַ שפּיטאָל אין שטאָט. מען האָט שוין אויסגערופן וועגן באַשטייערונגען, און אַ סך האָבן זיך שוין אָפּגערופן און זיך באַשטייערט פאַרן דאָזיקן צוועק. אויך האָט מען באַשלאָסן באַקומען אַ דערלויבניש אויסצוטיילן אַ געוויסע סומע פון די פלייש־אָפּצאָלונגען פאַר דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

ערב דעם פערטן טאָג חנוכה, האָבן זיך פאַרזאַמלט מאָסן מענער און פרויען אין בית־מדרש צו פייערן דעם חשמונאים יום־טוב, און צוגלייך אויך די דערעפענונג פונעם ציוניסטישן „קאָלאָניאַל באַנק".

דער שריפטשטעלער ב. צ. א י י ז נ ש ט אַ ד ט האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער געשיכטע פון ציוניזם, זיין אויפגאַבע און ציל. די הייסע ווערטער פון רעדנער האָבן איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוהערער. עס זענען פאַרקויפט געוואָרן פיל אַקציעס. נאָכדעם האָט דער כאָר געזונגען „מזמור שיר חנוכה", און „הנותן תשועה" פאַרן שלום פון דער מלוכה, און דערמיט האָט זיך די פייערונג פאַרענדיקט".

„היום" 1887

אונזער שטאָט איז נישט גרויס, אויך די צאָל איינוווינער איז קליין. קיין גבירים און געלט־מאַגנאַטן פאַרמאָגט זי נישט. און דאָך לאָזט זיך זאָגן, אַז די באַפעלקערונג גיט אויס פיל אויף געזעל־שאַפטלעכע נויטן און קהילה־באַדערפענישן, איבער אירע מעגלעכ־קייטן, און זי שטייט נישט אָפּ פון די אַנדערע גרויסע שטעט מיט אירע צדקה־טאַטן, געזעלשאַפטן ווי „ביקור חולים", „גמילות חסדים", „הכנסת אורחים", „לחם אביונים", „מלביש ערומים", „תלמוד תורה" און אַנד.

אַ חוץ די דאָזיקע געזעלשאַפטן איז מיט צוויי יאָר צוריק געג־רינדעט געוואָרן דורכן מלמדים־פאַריין נאָך אַ געזעלשאַפט „גומלי חסד". איר אויפגאַבע באַשטייט אין ערטיילן הלוואות די פאַראָרימ־טע בעלי־בתים מיט דער גאַראַנטיע פון אַ משכון. 300 מאַן האָבן זיך פאַרשריבן אַלס מיטגלידער און צאָלן וועכנטלעך זייער מיטגלידס־אָפּצאָל.

אין די צוויי יאָר האָט די צונויפגעזאַמלטע סומע דערגרייכט 700 רובל. די פאַרוואַלטונג האָט געדונגען אַ גרויסע הויז, ווו עס ווערן אויפגעהאַלטן די משכנות אין פולער אָרדנונג — מלבושים באַזונדער און ווערט־זאַכן באַזונדער. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נאָמען אַכטונג צוגעבן אויף דער געביידע, אַז קיין איין פּרוטה זאָל נישט פאַרשווענדעט ווערן אומזיסט.

ווייטער פאָדערט דער קאָרעספּאָנדענט פאַרשידענע רעפאָרמען אין דער „תלמוד תורה", ווי דינגען אַ העברעישן לערער צו לערנען תנ״ך א. אַז. וו. אויך איז ער מודיע, אַז אייניקע נכבדים פון שטאָט, משה הכהן א י י ז נ ש ט אַ ד ט און ר׳ שמואל ק ר ו פּ נ י ק האָבן זיך אונטערגענומען איינקויפן לעש־מאַשינען. אין דער לעצטער וואָך זענען די מאַשינען אָנגעקומען אין שטאָט, און אייניקע מענשן האָבן זיך פרייוויליק פאַרשריבן אין דער ניי געגרינדעטער פייער־לעשער אָרגאַניזאַציע.

*

„היום" 1887.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אונזער שטאָט האָט זיך לעצטנס שטאַרק פאַרערגערט. די רייכע וועלכע האָבן ביז איצט מצליח געווען אין זייערע געשעפטן און פיל דערגרייכט, האַלטן זיך איצט אָפּ פון יעדע האַנדלס־טראַנזאַקציע, צוליב מורא פאַר עווענטועלן באַנקראָט. די קרעמער זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אין זייערע קראָמען; אויך די בעלי־מלאכות און אַרבעטער דרייען זיך אַרום אַרבעטסלאָז אין מאַרק און אויף די גאַסן, ווייל קיינער פאָדערט זיי נישט. און אויב איינעם גילט אָפּ צו קריגן אַ אַרבעטס־אָרט, ווו ער קען פאַרדינען 30—40 קאָפּיקעס, איז ער מלא שמחה און זיינע חברים אביונים זענען אים שטאַרק מקנא. די הויפּט סיבה פון דעם זענען די דריי באַנקראָטן, וועלכע זענען לעצטנס פאָרגעקומען אין שטאָט, און צוליב דעם זענען פאַרשלאָסן געוואָרן אַלע טירן פאַר הלוואות און עס איז פאַרלוירן געגאַנגען יעדער קעגנזייטיקער צוטרוי. ווי עס שיינט, וועלן נישט אַזוי גיך געעפנט ווערן די דאָזיקע פאַרשלאָסענע טירן.

צוליב דער שרעקלעכער עקאָנאָמישע לאַגע האָבן אַ סך פון אונזערע ברידער אָנגעהויבן עמיגרירן אין דער נייער וועלט. ביז איצט איז קיינעם נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק צו פאַרלאָזן זיין געבורטס־לאַנד און פאַרוואָגלט ווערן ווייט אויף יענער זייט אָקעאַן צו זוכן חיונה.

דאַקעגן איז די גייסטיקע לאַגע איצט בעסער ווי פריער, אַ סימן: עס האָט זיך פאַרמערט די צאָל צייטונגען און זשורנאַלן אין העברעיש אָדער אין אַן אַנדער שפּראַך וועלכע קומען אָן אין שטאָט. פאַראַן אויך עלטערן וועלכע שיקן זייערע קינדער לערנען אין

גימנאַזיע, כדי צו פאַרזיכערן זייער צוקונפט, און אין דער זעלבער צייט ווידמען זיי עטלעכע שעה אין טאָג פאַר לימודים פון אונזער הייליקער שפּראַך און העברעישן דִקדוק, כדי נישט איבערייסן זייער בונד מיט אונזער פאָלק.

יידישע מיידלעך האַלטן זיך ביי דער לעצטער מאָדע מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַפילו די, וועלכע אַרבעטן אין די גערטנער און פעלדער פאַר 25 קאָפּ. טעגלעך, ווען זיי גייען אַרויס אין צענטער פון שטאָט, טוען זיי זיך אָן אין די שענסטע קליידער מיט צירונגען און באַפּוצונגען, ווי פּריצישע טעכטער. ווי אַזוי רעאַגירן אויף דעם אונזערע שכנים? מען הערט פון זיי פאָלגנדע ווערטער: „זעט נאָר די דאָזיקע יידן, וועלכע זענען רייך געוואָרן פון דעם גוטס פון אונזער לאַנד און פון אונזער פּראַצע, און נאָר דורך פאַלשקייט און אָפּנאַרעריי האָבן זיי דערוואָרבן זייער רייכטום".

א בריוו פון א לערערין

אַ אויסצוג פון אַ לאַנגן בריוו, וואָס ס'האָט פאַרעפנטלעכט אַ קלעצקער פרוי אין „המליץ" אונטערן קעפּל: „די פרויען און זייער רעכט", אין וועלכן זי בעט דעם רעדאַקטאָר מיטהעלפן אַקטיוו צו דערהויבן דעם אָנזען פון דער יידישער פרוי און קעמפן פאַר איר בילדונג:

...„אין אונזער דור, אַ דור וועלכער גייט פאָרווערטס, אין ליכט פון בילדונג און נייעם מאָדערנעם גייסט, זאָרגט זיך קיינער נישט אין קיינער נעמט זיך נישט צום האַרצן צו היילן אונזער ווונד, אַרויסרייסן אונז פון פינצטערניש צו ליכט.

די שיינע ליכט וואָס פאַרשפּרייט וויסנשאַפט און חכמה, שיינט נישט אויף אונז... בלינדער פאַנאַטיזם באַהערשט אומבאַגרענעצט די יידישע פרויען. מיר זענען אומפּאַרהייראַטע, מיר האָבן נישט קיין זין, וואָס אַ דאַנק זיי וועלן מיר זוכה זיין צו אַ גוטן מאַטעריעלן לעבן און דערגרייכן אויך הויכע מדרגות אין דער גייסטיקער וועלט, צו שעפּן פאַרגעניגנס מיט אַלע צדיקים און צדקניות אין גן עדן. מיר ווילן זיך באַגנוגענען מיט גוטס אויף דער וועלט, ווייל אַ מענש קען נישט זוכה זיין צו צוויי טישן.

מיר זענען געגליכן צו פאַרלוירענע שאָף, מיר בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש. אונז עקלט דער מיאוסער ברויט, וועלכן עס דערלאַנגען אונז די איבערזעצער פון דער תורה אויף אַ פרעמדע שפּראַך אין „קרבן מנחה", און וועלכע נעמען אַרויס די פסולת פון שפּייז און שרייען צו אונז מיט אַ הויכן קול: „צאנה וראינה", טעכטער פון ציון... און אויב אין דער לעצטער צייט האָבן זיך באַוויזן פיל אַנדערע, וועלכע האָבן געשאַפן פאַר אונז גייסטיקע געריכטן לויט אונזער געשמאַק, דאָך האָבן אויך זיי אונז נישט באַפרידיקט מיט זייערע ביכער, אין וועלכע עס פעלט אַ תורה, אַ חכמה, וויסנשאַפט און פאַרשטאַנד. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן זיך ווענדן צו אייך, רעדאַקטאָר פון „המליץ" איר זאָלט אונז אָנווייזן דעם וועג וואָס פירט צום גייסט פון דער נייער צייט, וועלכע האָט איינגעזען, אַז אויך פרויען זענען כשר און פעיק אַריינטרעטן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. זאָלן די מענער מער נישט מיינען אַז נאָר זיי האָבן דער פאָרצוג פון חכמה און וויסנשאַפט, און מיר טאָרן נישט נעמען קיין אָנטייל אין זיי.

שטעלט זיך איין, איר, דער טריבון, פאַר גערעכטיקייט, פאַר אונזער רעכט און פאָדערט אויף די מענער זיי זאָלן נישט צונעמען אונזער חלק אין דער וועלט פון וויסנשאַפט. שרייבט אַרטיקלען אויך וועגן אונז, צו דערקוויקן אונזערע נשמות, דורשטיקע נאָך וויסנשאַפט און בילדונג.

חשובער הער רעדאַקטאָר — זאָל אייך נישט פאַרדריסן, וואָס אַ נאַרישע מיידל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט צו באַלעסטיקן אייך מיט אירע ווערטער, ווייל צו וועמען קענען מיר זיך ווענדן מיט דער האָפנונג, אַז אונזערע ווערטער וועלן האָבן אַ געהעריקע ווירקונג, אויב נישט צו אייך „ארז" (פּסעוודאָנים פון רעדאַקטאָר פון „המליץ" — צעדערבוים). פיל מאָל האָט איר אַרויסגעוויזן אייער גרייטקייט קומען צו הילף יעדן וועלכער ווענדעט זיך צו אייך. האָף איך, אַז איר וועט אָפּגעבן אַ אָרט אין אייער „המליץ" פאַר מיינע ווערטער, וועלכע קענען פיליכט ברענגען נוצן די יידישע טעכטער, און די קנאה פון די שרייבערינס וועט מערן חכמה און בילדונג צווישן אונזערע שוועסטער".

אסתר ברודעלי פון דער שטאָט קלעצק
אַ לערערין פון העברעיש, רוסיש און יידיש פאַר יידישע טעכטער אין מיר (מינסקער גובערניע).

ענטפער פון רעדאַקטאָר

געוויס האָסטו געלייענט אונזער אַרטיקל אין יידישן „פאָלקס־בלאַט", „איין ערנסט וואָרט צו אונזערע שוועסטער אין רוסלאַנד און אין פוילן" (געווען געדרוקט אויך אין אַ באַזונדער בראָשור, און די הכנסה האָבן מיר באַשטימט פאַר אַ צדקה־אַקציע, ווי מיר וועלן אינגיכן מודיע זיין).

פון דעם קענסטו פאַרשטיין, אַז לויט אונזער מיינונג זענען די יידישע טעכטער בכוח צו העלפן זיך זעלבסט, און נישט וואַרטן אויף דעם חסד פון די מענער וועלכע האַלטן, אַז זיי קומט דער פאָרצוג, און אַז נאָר זיי פאַרמאָגן קענטעניש און פעיקייטן. זאָלן זיי נישט מיינען, אַז זיי וועט זיך איינגעבן אָנהאַלטן דעם באַפעל פון אַחשוורשן „יעדער מאַן זאָל געוועלטיקן ביי זיך אין הויז". אויב די פרויען וועלן באַקומען בילדונג, וועלן זיי זיין פעיק און אומאָפּהענגיק פון די מענער, וואָס דענקען אַז זיי פאַרדעקן אייער חרפה.

נעמט זיך אָן מיט מוט, יידישע טעכטער, אַרויסצוהעלפן אייערע שוועסטער, דערנאָך וועלן זיך אָפּרופן פיל אַנדערע און אויך העלפן פאַרווירקלעכן אייערע דערהויבענע צילן.

ארז-צעדערבוים

א בריוו צום קאמעניצער מגיד

מוצש"ק לסדר „וגם הקימותי וכו', קלעצק תרמ"ט.

שלום וברכה צום רב דעם גרויסן ליכט, וועלכער איז מקיים וואָס ער זאָגט, דער וויל־פּריידיקער פון דער שטאָט קאַמענעץ.

מיר, די אונטן אונטערגעשריבענע, ווענדן זיך מיט אַ בקשה צו אייער כבוד, צו באַוויליקן קומען אין אונזער שטאָט, היות ווי ביי אונז איז שוין צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַביסל געלט פאַרן הייליקן רעיון פון ישוב ארץ ישראל, און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי אויסנוצן די דאָזיקע געלטער. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן בעטן אייער דערהויבענעם כבוד, אונז אָנווייזן דעם וועג און העלפן איבערשיקן די געלטער צו זייער באַשטימונג, און זיכער וועט אויך ער באַקומען זיין פולע באַלוינונג פון דעם וואָס רוט אין ציון און וואָס וועט אויסלייזן ירושלים.

מיר האָפן אַז ער וועט זיך נישט אָנטזאָגן צו דערפילן אונזער בקשה. (20 אונטערשריפטן פון קלעצקער איינוווינער).

דער בריוו איז געווען געווענדעט צו ר' חיים זונדל מכבי, וועמען מען האָט גערופן „דער קאַמענעצער מגיד".

*

וועגן דעם פּראָטעסט פון קלעצקער ציוניסטן קעגן דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" (געגרינדעט פון ד"ר ווייצמאַן) געפונען מיר אַ בריוו צום „המליץ" אין יאָר 1902. אין נאָמען פון „אגודת הציונים אין קלעצק, איז אונטערגעשריבן דער סעקרעטאַר.

III. מענדעלע מוכר ספרים און זיינע משפּחה־פֿאַרבינדונגען מיט קלעצק

לויטן אַרטיקל פֿון מ. ווײַנרײַך „מענדעלעס עלטערן", „ייִוואָ בלעטער" 1937, ווילנע.
די ידיעות האָט דער מחבר געשעפּט פֿון זײַן באַזוך אין קלעצק, אין סעפּטעמבער 1936.

אויפֿן קלעצקער בית־עולם געפֿינט זיך אַ מצבה אויף וועלכער ס'איז אויסגעקריצט פֿאָלגענדער נוסח: (איבערזעצונג פֿון העברעיִש):

„דער מופלג ר' צבי דוד ב"ר חיים משה, געשטאָרבן אין עלטער פֿון 72 יאָר, מיטוואָך ב' אייר תרס"א".

ווײַטער — אייניקע שבחים אויפֿן נפֿטר, מענדעלע מוכר ספֿרים'ס ברודער.

אין קלעצק האָט מען אים גערופֿן „הירשקע קאַפּולער", אויפֿן נאָמען פֿון זײַן געבורטס־שטאָט קאַפּוליע, וואָס האָט אויך געהערט צו סלוצקער קרײַז. ווי מ. ווײַנרײַך איז משער, איז הירשקע דאָרט געבוירן געוואָרן אין יאָר 1829—1830. זײַן ערשטע פֿרוי האָט געהייסן גאָלדע ליבע, זייער טאָכטער — פּעשע מעכע. דער זון פֿון דער לעצטער — אברהם לייב שוואַרץ. ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט זײַן ערשטער פֿרוי, איז ער אַלט געווען 22 יאָר. נאָכדעם ווי ער האָט זיך פֿאַרנומען אַ געוויסע צײַט מיט קרעמערײַ אין קלעצק, האָט ער דאָ איבערגעלאָזט זײַן פֿרוי און איז איבערגעפֿאָרן קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און דאָרט געווען אַ מלמד אין די גבירישע קרײַזן, וואַרשײַנלעך נישט אין קאַמענעץ גופֿא נאָר אין דער אומגעגנט. ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרדינט, אָפּגעשפּאָרט געלט, זיך צוריקגעקערט קיין קלעצק, וווּ ער האָט געעפֿנט אַ גרויסן מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט. מען רעכנט, אַז זײַן ברודער שלום יעקב (מענדעלע מוכר ספֿרים) האָט אים געראָטן ער זאָל קומען אין די דאָזיקע ערטער. מ. ווײַנרײַך שרײַבט:

פֿון די רייד פֿון קלעצקער רב הרב הערנזאָן, וועלכער האָט געקענט הירשקען אין זײַנע עלטערע יאָרן, ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויך ער האָט געוווּסט, אַז הירשקע איז אָפּגעפֿאָרן קיין דרום זיך פֿאַרנע־מען דאָרט מיט מלמדות.

אַ סך קרעמער האָבן געטון דאָס זעלבע צוליבן געדריקטן עקאָנאָמישן מצב; אין דרום איז די לאַגע געווען פֿיל בעסער. די דאָרטיקע פּשוטע ייִדן האָט גוט באַצאָלט די ליטווישע מלמדים, וועלכע האָבן געלערנט זייערע קינדער.

הרב הערנזאָן האָט דערציילט, אַז ר' הירש איז געווען אַ וויצלינג, און פֿלעגט שילדערן מענטשן מיט לעבעדיקע פֿאַרבן.

י. ח. ראַווניצקי, אין זײַן ביאָגראַפֿיע פֿון מענדעלען שרײַבט צווישן אַנדערע:

„אַבראַמאָוויטש האָט באַקומען אַ בריוו פֿון זײַן עלטערן ברודער, אַ מלמד אין איינע פֿון די קלענסטע שטעטלעך, אין וועלכן ער באַקלאָגט זיך אויף זײַן שווערע פּרנסה וואָס פֿאַרקורצט זײַנע יאָרן. מענדעלע האָט אים געענטפֿערט אין אַ לאַנגן בריוו, אַז אויב ער פֿירט זיך אויף מיט כּעס און שרײַט שטענדיק אויף זײַנע תּלמידים — איז ער אַליין דער הויפּטשולדיקער, און ווי עס ווײַזט אויס איז ער נישט פּאַסיק צו זײַן אַרבעט.

ער קלערט אים אויף אין זײַן בריוו די פֿראַגע פֿון דערציִונג, און וואָס מיינט זײַן אַ לערער און אַ דערציִער פֿון קינדער. היות די אַלע וועלכע האָבן געקענט הירשקען, באַשטעטיקן, אַז ער איז געווען אַ גרויסער קפּדן. איז פֿאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט געקענט מצליח זײַן אַלס פּעדאַגאָג".

וויפֿיל יאָרן הירשקע האָט פֿאַרבראַכט אין דער אומגעגנט פֿון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק — איז שווער פּעסטשטעלן גענוי. מענדעלעס זון, — מאיר אַבראַמאָוויטש, שרײַבט אין אַ בריוו, אַז פֿון אַלע מענדעלעס ברידער האָט ער נאָר געקענט הירשקען, וועלכער איז אייניקע מאָל געווען צו גאַסט בײַ זײַן פֿאָטער אין זשיטאָמיר, ווען ער פֿלעגט פֿאָרן פֿון פּאָדאָלק, וווּ ער איז געווען אַ מלמד אויף אַ פּריוואַטער קאָנדיציע.

מען קען משער זײַן, אַז בכלל זענען די באַציִונגען און פֿאַרבינ־דונגען צווישן מענדעלען און הירשקען געווען גאַנץ שוואַכע, איבערהויפּט, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז מענדעלע איז פֿון נאַטור נישט געווען באַזונדערס צוגעבונדן צו זײַנע משפּחה־קרובֿים. אַלס באַשטעטיקונג קענען דינען די דרײַ בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן צו זײַן ברודער הירשקען — צוויי פֿון יאָר 1899, דער דריטער — פֿון יאָר 1901, געציילטע טעג פֿאַרן טויט פֿון זײַן ברודער אין קלעצק. די דאָזיקע בריוו האָט איבערגעגעבן ווײַנרײַכן די צווייטע פֿרוי פֿון הירשקען, בעת זײַן באַזוך אין קלעצק.

זי האָט געהייסן חיה אסתּר, און האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַן אין עלטער פֿון 56 יאָר. זיי האָבן געבוירן אַ טאָכטער שׂרה גאָלדשטיין (אומגעקומען מיט איר מאַן און טאָכטער אין די נאַצי שחיטות).

די בריוו פֿון מענדעלען צו זײַן ברודער

אָדעס, 22 יולי 1899

שלום, מײַן טײַערער ברודער!

דו האָסט מיך דערפֿרייט מיט דײַן פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, און אַלס צייכן פֿון ליבע און דאַנק שיק איך דיר דאָ אויך מײַן בילד.

לאָמיר אַוועקשטעלן פֿאַר אונזערע אויגן די בילדער און מיר וועלן אין זיי אַרײַנקוקן, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך געזען פּערזענלעך איינער מיטן אַנדערן.

געלויבט איז ג' וועלכער האָט דיר געשאָנקען רו אויף דער עלטער, און דו ציסט דײַן פּרנסה מיט רווח און נחת. גאָט זאָל געבן, דו זאָלסט לאַנג לעבן אין פֿולן געזונט. איך און מײַן הויז־געזונד זענען אַלע אין פֿולן געזונט.

מײַנע צוויי טעכטער חוה און זינע־אידע שטודירן מעדיצין אין אוניווערסיטעט אין פֿראַנקרײַך, און זיי ענדיקן זייער שטודיום הײַ־יאָר. מײַן ייִנגערע טאָכטער נאַדיעזשדע האָט חתונה הײַ־יאָר אין חודש ניסן, מיטן אייניקל פֿון אונזער פֿאַרשטאָרבענעם ברודער ברוך ז"ל (דער עלטערער זון פֿון משה חיימען — דער פֿאָטער פֿון מענדעלע און הירשקע, געשטאָרבן נאָענט צום יאָר 1867) דאָקטאָר וולאַדימיר אַבראַמאָוויטש — אַ פֿײַנער גוטער מאַן און אַ מושלם אין מידות און גוטע מעלות. איצט וווינט דאָס פּאָר אין פּעטערבורג. מײַן זון מאיר וווינט שוין לאַנג אין פּעטערבורג און פֿאַרקערט צווישן הויכע ספֿערן. הײַנט אָדער מאָרגן דאַרף ער קומען געשעפֿט־לעך קיין אָדעס, פֿון דאַנען פֿאָרט ער קיין קאַווקאַז. איך פֿאָר מיט

אים צוזאַמען, און מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען אַ אַנגענעמען חודש.

גריס דיין פרוי און זין אין מיין נאָמען, און אין נאָמען פון מיין פרוי אַלעקסאַנדראַ.

דיין ברודער וועלכער ליבט דיך און ווינשט דיר אַלדאָס גוטס.

ש. אבראַמאָוויטש

וואָס מאַכט אונזער שוועסטער דינה?

4 נאָוועמבער 1899

שלום, מיין טייערער ברודער!

דיין בריוו צו שמואל שמאַראַק האָב איך איבערגעגעבן און געבעטן ער זאָל דיר אומקערן דעם חוב. און דו זאָלסט זיין אַזוי גוט און מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב דיר נישט געשריבן ביז איצט. מיינע זאָרגן זענען מער ווי די האָר פון קאָפּ, און איך האָב נישט קיין צייט צו ענטפערן אויף אַלע בריוו. חוץ דעם בין איך פיזיש אָפּגעשוואַכט און איך טאָר זיך נישט מאַטערן מיט שרייבן בריוו. ובכן, זאָלסטו פאַרגעבן מיין זינד און זיי וויסן, אַז איך ליב און שעץ דיך מיטן גאַנצן האַרצן.

גיב איבער אונזער שוועסטער דינה, אַז איר בריוו וועגן דעם שידוך האָב איך דערהאַלטן, אָבער דער ענין איז איצט גאַנץ שווער. וואָס עס איז מעגלעך געווען צוריק מיט 10 יאָר, איז אפשר איצט אומעגלעך, ווייל מיין טאָכטער חוה שטודירט איצט מעדיצין אין פאַרנקרייך און גיט זיך איבער אירע לימודים מיט איר גאַנצן וועזן און כוחות.

גריס אין מיין נאָמען דיין פרוי און טייערע זין, און שרייב אָפטמאָל וועגן זיי. אַלע מיינע הויז־מיטגלידער ווינשן אייך פיל גוטס.

דיין ליבנדער ברודער

ש. י. אבראַמאָוויטש

אָדעס, 16 אַפּריל 1901

טייערער ברודער!

כ'האָב געלייענט דיין פּאָסט־קאַרטל, און איך שיק דיר מיין קלאָרע און קורצע תשובה:

אין אַלע פאַלן איז גלייכער פאַר דיר פאָרן אין די בעדער קיין דרוזגעניק. דער לעמאַן איז נישט נאָר פאַר דיינע פיזישע קרעפטן און עלטערע יאָרן, ווו דו וועסט זיין אַ נע ונד און פיל לייַדן, נאָר אויך אַריינטרייבן דיך אין גרויסע הוצאות איבער דיינע מעגלעכקייטן, און אויף מיר קענסטו זיך נישט פאַרלאָזן... מיט איין וואָרט, לאָז אָפּ דעם געדאַנק וועגן לעמאַן, צוליב דיין נוצן און טובה.

מיר אַלע גריסן אייך

דיין ברודער ש. י. אַבראַמאָוויטש

דעם דאַזיקן בריוו האָט מענדעלע געשריבן זיין ברודער פונקט 8 טעג פאַרן טויט פון ר' הירשקען אין קלעצק.

די שוועסטער דינה איז געבוירן געוואָרן אין קאַפּוליע אין יאָר 1827, בערך. איר מאַן איז געווען דער באַוווסטער געלערנטער א. א. הרכבי. מענדעלע דערמאָנט זי אין זיין בוך „שלמה ר' חיים'ס", אונטערן נאָמען „די שוועסטער לאה" און שטעלט זיך אָפּ אין 16טן קאַפּיטל אויף איר לעבנס־טראַגעדיע, ווען זי האָט זיך צעשיידט מיט איר מאַן, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף קעסט ביי זיין שווער ר' חיים משה (מענדעלעס פאָטער).

דעם גט פון איר ערשטן מאַן האָט זי באַקומען ווינטער אין יאָר 48—1847, און אין יענער צייט איז אויך געשטאָרבן אין קאַפּוליע איר פאָטער. איינער פון אירע זין, חיים משה ראַטנער, האָט נאָך געוווינט אין קלעצק אין יאָר 1936. אין דעם יאָר האָט מ. ווינרייך באַזוכט קלעצק און ח. מ. ראַטנער, וועלכער איז דאַן אַלט געווען 85 יאָר, האָט אים איבערגעגעבן אייניקע פּרטים וועגן זיין מוטער דינה און איר באַציונג צו מענדעלען. קיין מערערע פּרטים האָט ראַטנער נישט פאַרמאָגט, ווייל ער האָט מיט מענדעלען קיינמאָל זיך נישט באַגעגנט.

חיה אסתר אַבראַמאָוויטש (מענדעלעס שוועסטער) און איר טאָכטער שרה גאָלדשטיין האָבן דערציילט, אַז אין די עלטערע יאָרן האָט הירשקע געהאַט אַ געפיל, אַז מענדעלע גרויסט זיך איבער אים און דער קלעצקער האָט אים געשריבן: „דו ביסט אַבראַמאָוויטש אין אָדעס, און איך — אַבראַמאָוויטש אין קלעצק".

ווען מענדעלעס לעצטער בריוו איז אָנגעקומען קיין קלעצק, איז שוין הירשקע נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, און די שוועסטער דינה האָט אים געענטפערט אויף זיין בריוו. פון דאַן אָן האָבן שוין מער נישט עקזיסטירט קיינע פאַרבינדונגען צווישן הירשקעס פאַמיליע און מענדעלען.

שרה מישקאָווסקי, פון דער פאַמיליע אַבראַמאָוויטש, אַ ניעסוויזשערין, שילדערט הירשקען אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„ער איז געווען אַ פיינער שאַרפזיניקער ייד, און לויט די אַמאָליקע פאַרהעלטענישן — אויך אַ פיין געבילדעטער".

(„פאָרווערטס", 1936—11—8)

לויט די בריוו־זאַמלונגען, וועלכע נ. שטיף האָט פאַרעפנטלעכט אין צייטשריפטן אין קיעוו („קיעווער שריפטן"), איז ביי מענדעלען געווען צו גאַסט זיין ברודער הירשקע דעם 24טן נאָוועמבער 1857, ווי עס שיינט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאַזיקן באַזוך האָט מענדעלע אָנגעשריבן זיין ערשטן אַרטיקל אין העברעיש „מכתב על החנוך" — „אַ בריוו וועגן דערציונג".

(זע מענדעלעס אויטאָביאָגראַפיע אין „ספר הזכרון" פאַר יידישע שריפטשטעלער, אונטער דער רעדאַקציע פון נחום סאָקאָלאָוו „האסיף" אויסגאַבע).

מ. צינוביץ / די רבנים פון קלעצק

דער ערשטער רב אין קלעצק

קלעצק איז זייער אַן אַלטע שטאָט, אָבער די געשיכטע פון איר רבנות איז אונז באַקאַנט נאָר זינט דעם 15טן יאָרהונדערט, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן איר ערשטער זעלבסטשטענדיקער רב און אב־בית־דין.

פריער איז קלעצק געווען אונטערגעוואָרפן אין די ענינים און דינים פון תורה און געלט־וועזן דער קרייז־שטאָט פינסק — אַזוי שרייבט ב. צ. אייזנשטאַדט אין אַן אַרטיקל אין „הצפירה" פון יאָר 1900.

דער מחבר האַלט, אַז דער ערשטער רב אין קלעצק איז געווען דער גאון און חסיד ר' יהודה יודל זצ"ל, דער זון פון גאון ר' אריה לייב, אב בית דין און ראש־ישיבה אין מינסק. צוליב זיין גרויסקייט אין תורה און חסידות איז ער געווען באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט אונטערן נאָמען „דער רבי" סתם.

הרב ר' מיכאל אייזנשטאַדט

ווייטער שרייבט אייזנששטאַדט: „נאָך אים איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קלעצק דער גאון און חסיד ר' מיכאל אייזנשטאַט אין עסטרייך, באַקאַנט לויטן נאָמען פון זיין באַרימטן פון דאַן און ווייטער באַזיצן מיר אַ גענוי רשימה פון דער רבנים־קייט אין קלעצק, כאָטש עס איז שווער פּינקטלעך פעסטצושטעלן די גענויע דאַטעס פון דער רבנות־דינסט".

וועגן ר' מיכאלן איז אונז באַוווּסט פאָלגנדע פּרטים: ער איז געווען אַ זון פון דעם גאון ר' מאיר, אב בית דין אין דער שטאָט אייזנשטאַדט אין עסטרייך, באַקאַנט לויטן נאָמען פון זיין באַרימטן ספר „פנים מאירות", דער פאָטער פון דער דינאַסטיע אייזנשטאַדט. אין זיין צייט איז פאָרגעקומען אין דעם שכנותדיקן שטעטל מיר די אסיפה פון ועדי הקהילות אין ליטע. עס איז דאַן אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָפּ־שטייער אין דער הויך פון 60 טויזנט פּוילישע זלאָטעס אויף די יידן פון דער פּויליש־ליטווישער פאַראייניקטער מדינה. פון דעם האָבן פינסק, קלעצק און ליאַכאָוויטש צוזאַמען געדאַרפט בייטראָגן 3640 זלאָטעס.

דער זון פון ר' מיכאל, ר' משה, איז געווען זיין נאָכפאָלגער. פון זיי האָט זיך דער פאַמיליע־נאָמען אייזנשטאַדט צעשפּרייט איבער די שטעט און שטעטלעך פון ליטע.

הרב משה אייזנשטאַדט

געווען טעטיק אַ סך יאָרן אין קלעצקער רבנות, באַרימט צווישן די גאונים פון זיין דור.

ב. צ. אייזנשטאַדט, וועלכער שטאַמט אַליין פון דערדאָזיקער משפחה, שרייבט, אַז אין קלעצק האָבן קורסירט וווּנדערבאַרע דערציילונגען וועגן דאָזיקן רב. אַזוי האָט מען איבערגעגעבן, אַז ווען דער רב פלעגט זיך צוריקקערן פון בית מדרש צו זיך אַהיים, פלעגט דער שמש גיין פאָרויס און אויסרופן: „פרויען אַוועק". ווייל דער רב האָט זיך געהיט נישט אָנקוקן דאָס געזיכט פון אַ פרעמדער פרוי. אויך ביי פסקענען אַ שאלה פאַר פרויען פלעגט ער אָפּווענדן זיין פנים אין אַ זייט.

און נאָך דערציילט מען: ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז איינמאָל געפאָרן פון פינסק קיין קלעצק. דורכפאָרנדיק פאַרטאָג דאָס שטעטל ליאַכאָוויטש, אין דער באַגלייטונג פון זיינע מקורבים און חסידים, האָט ער זיי אויפגעפאָדערט דאַווענען שחרית. האָט מען אים געפרעגט: — רבי, וואָס איז די איילעניש? מיר וועלן דאָך באַוויזן אָנקומען קיין קלעצק נישט פאַרשפּעטיקנדיק די צייט פון תפילה און קריאת שמע. אויף דעם האָט ר' לוי יצחק געענטפערט: — אין קלעצק געפינט זיך דער קדוש ר' משה, און מיר מוזן אָנקומען קיין קלעצק שוין פולשטענדיק צוגעגרייטע צו דער באַגעגעניש...

הרב מיכאל אייזנשטאַדט

דער נאָכפאָלגער פון ר' משה, זיין זון ר' מיכאל, איז געווען אַן איידעם פון חשובן נגיד פון ווילנע יעקב אורי גינזבורג.

נאָך ר' מיכאלן זענען געזעסן אויפן כסא הרבנות ר' גרשון און ר' אהרון. דער לעצטער — איינער פון די באַוווּסטע גאונים פון זיין צייט. נאָך זיי האָט פאַרנומען די רבנות שטול ר' משה יעקב אייזנשטאַדט, ר' מיכאל'ס זון.

הרב משה יעקב אייזנשטאַדט

וועגן זיין גרויסקייט אין תורה און צדקה זאָגט עדות דער נוסח פון זיין מצבה.

די אונטערשריפטן פון ר' מיכאל'ן און זיין זון ר' משה יעקב געפונען מיר אינעם פנקס פון דער חברה ש"ס, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תק"ס.

לויט ווי ס'האָבן איבערגעגעבן זקני קלעצק, האָט עקזיסטירט אויך אַ צווייטער, גאָר אַלטער פנקס אין דעם גרויסן בית מדרש, אָבער ער איז פאַרברענט געוואָרן אין איינער פון די שריפות. אין דעם פנקס פון חברה ש"ס, וועלכער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער שריפה, האָבן זיך געפונען תקנות צו פאַרשטאַרקן דעם לימוד התורה אין בית מדרש און אין קיבוץ.

מיטן טויט פון ר' משה יעקב האָט זיך געענדיקט די רבנות־דינאַסטיע פון דער משפחה אייזנשטאַדט.

ר׳ נחמן „דער תהלים זאגער״

אין דער צייט פון רב ר׳ משה בן ר׳ מיכאל אייזנשטאַדט, האָט אין קלעצק געוווינט דער גאון און באַרימטער חסיד ר׳ נחמן בן חיים, אַ געבוירענער אין רייסין, וועלכער איז לויט די דערציילונגען געווען דער פריינט און ליבלינג פון ווילנער גאון ר׳ אליהו.

מען פלעגט דערציילן, אַז איינמאָל ווען דער גאון איז געווען קראַנק האָט ער צוגעשיקט אַ בריוו צו ר׳ חיים, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן תפילה טאָן פאַר זיין געזונט.

מען האָט אויך איבערגעגעבן, אַז דער ווילנער גאון פלעגט שיקן צו אים די אַלע, וועלכע האָבן זיך צו אים געווענדעט נאָך אַ ברכה אין אַ עת צרה.

„צו וואָס קומט איר אַזוי ווייט צו מיר — האָט געטענה׳ט דער גאון — ווען איר האָט נאָענט פון זיך דעם תהלים זאָגער ר׳ נחמן אין קלעצק? בעט אים, ער זאָל מתפלל זיין פאַר אייך, זיין תפילה וועט זיכער אָנגענומען ווערן״.

נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ב.

זיין זון, ר׳ א ר י ה, איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער, זיך אָפּגעגעבן מיט תפילות און תעניתים, זיך פאַרנומען מיט צדקה און מעשים טובים.

נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ץ, אין קלעצק.

זיין זון איז באַרימט געוואָרן אַלס ר׳ אליהו ג אָ ל ד ב ע ר ג, רב און אב״ד אין באַבראָויסק. געווען אַ תלמיד פון ר׳ חיים פון בריסקער אין וואָלאָזשינער ישיבה. דער באַוווסטער „מזרחי״ פירער הרב יצחק ניסנבוים שרייבט וועגן אים אין זיין בוך „עלי חלדי״.

ר׳ יהושע רבינוביץ (דאגולער)

געבוירן אין יאָר 1817 אין סלאָבאָדקע ביי קאָוונע, ווו זיין פאָטער ר׳ אליהו איז געווען רב. חתונה געהאַט אין קלעצק און זיך דאָרט באַזעצט. נאָך 6 יאָר קעסט ביי זיין שווער, האָט ער אָנגענומען דעם רבנות אַמט אין קלעצק און געווען רב במשך פון 17 יאָר. נאָכדעם איבערגעפאָרן קיין ניעסוויזש, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב און נפטר געוואָרן כ״ב אדר תרמ״ז (1866). די גאַנצע יידישע וועלט און פרעסע פון יענער צייט האָט אים מספיד געווען.

דער באַוווסטער שריפטשטעלער ש. פ. ראַבינאָוויטש האָט געשריבן אין זיין צייטשריפט „כנסת ישראל״ צווישן אַנדערן: „הרב ר׳ יהושע איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין תורה, חכמה און עטישע מידות. געווען אַ גרויסער בקי אין בבלי און ירושלמי און אין קבלה. דעם שולחן ערוך האָט ער געוווסט אויף אויסנווייניק.

אַ גרויסער עניו, אַ נוח לבריות. די גאַנצע באַפעלקערונג אָן אויסנאַם, האָט זיך צו אים באַצויגן מיט ליבע, אַכטונג און יראת הכבוד, אָנרופנדיק אים מיט ליבלעכן נאָמען יהושעלע. און די קריסטן פון ניעסוויזש האָבן אים רעספעקטירט. אין סכסוכים מיט זייערע יידישע שכנים האָבן זיי אויסגעמידן די אָפיציעלע געריכטן און זיך געווענדעט צו אים, גלויבנדיק אין זיין אָביעקטיוויטעט און גערעכטיקייט. זיינע אורטיילן זענען דורך אַלע צדדים אָנגענומען און דורכגעפירט געוואָרן״.

כדאי צו פאַרצייכנען, אַז דער נוסח פון זיין מצבה איז פאַרפאַסט געוואָרן דורכן גרעסטן העברעישן פּאָעט פון יענער צייט יהודה לייב גאָרדאָן.

וועגן דעם דערציילט שלמה ד מ ש ק, אַ געבוירענער אין ניעסוויזש, אין זיין בוך „הדים״, אין נאָמען פון זיין פאָטער: „אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט פעטערבורג האָט געוווינט דער אידעם פון ר׳ יהושע, דער באַוווסטער גביר און משכיל חישין. נאָך זיין פטירה האָט חישין געבעטן יל״ג ער זאָל פאַרפאַסן אַ נוסח אויף דער מצבה. דער פּאָעט האָט דערפילט זיין בקשה און באַקומען אַ באַדייטנדע באַלוינונג.

דער נוסח האָט אַרויסגערופן התפעלות ביי די ניעסוויזשער משכילים. די ערשטע אותיות אין אָנהויב פון די שורות פון אויבן אַראָפּ, באַצייכנען דעם נאָמען פון ר׳ יהושע און זיין פאָטער.

הרב ר׳ אליהו פיינשטיין תר״ל - תרל״ג (1870 - 1873)

אין יאָר תר״ל, ווען ר׳ יהושע איז איבערגעפאָרן קיין ניעסוויזש, איז אָנגענומען געוואָרן אויפן כסא הרבנות אין קלעצק הרב ר׳ אליהו פ י י נ ש ט י י ן, באַוווסט אין דער רבנים וועלט אונטערן נאָמען „ר׳ אלינקע פּרוזשאַנער״, אויפן נאָמען פון זיין שפּעטערדיקן רבנות־אָרט.

פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור. זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּרוקטבאַרער טעטיקייט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן אינסטיטוציעס פון פילאַנטראָפּיע און צדקה, געפירט די יידישע קהילה מיט פאַרשטאַנד און איבערגעגעבנקייט.

זיין איידעם הרב בן־ציון מנחם ק ר א ק א ו ו ס ק י, שפּעטער רב אין טימקאָוויטש און באַרימטער שטאָט־מגיד אין ווילנע, האָט נאָכן טויט פון ר׳ אליהו געשריבן אין דעם ווילנער רעליגיעזן וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט״ צווישן אַנדערן:

„שוין צו 7 יאָר איז ער געווען בקי אין סדר נזיקין. אַ וווּנדערבאַרער מתמיד און עילוי. געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה ביי די באַרימטע ראשי ישיבות הנצי״ב (ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין) און ר׳ יאשע בער.

אַלס מיטל קעגן דער השכלה האָט ער געגרינדעט חברות ש״ס און משניות, שעורים פון תורה פאַר מאַסן. פון די געציילטע רבנים וועלכע האָבן געשפּירט די סאָציאַלע ענדערונגען אין דער צוקונפט. אין אַ בריף צום באַראָן דוד ג י נ צ ב ו ר ג אין פעטערבורג, האָט ער אים געבעטן אָנצונעמען באַאַמטע אין זיינע געשעפטן פון די רעליגיעזע קרייזן. דער אַלטער באַראָן האָט אים געענטפערט, אַז זיין בקשה וועט גענומען ווערן אין אַכט״.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן טרויער אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

הרב זאב וואלף טורבאוויטש

געבוירן אין באבוינע ביי ניעסוויזש. געווען ראש ישיבת אין סוויסלאָטש, און פון דאָרט אָנגענומען געוואָרן אַלס רב אין קלעצק, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ קורצע צייט. דאָ איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע מחלוקת צווישן צוויי צדדים. אַ טייל האָבן אויפגענומען אַ צווייטן רב, הרב ר׳ אליעזר ש ט ר א ש ו ן. הרב טורבאוויטש איז געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן קלעצק און אָנעמען דעם כסא־הרבנות אין וואלפי ביי גראָדנע.

אין „הצפירה״ פון יאָר 1881 לייענען מיר:

„פון קלעצק גיט מען איבער וועגן די אומאָרדנונגען און סכסוכים וועלכע זענען אויסגעבראָכן צוליב צוויי רבנים.

די באַפעלקערונג האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, און נאָכדעם ווי ביידע רבנים זענען דערוויטערט געוואָרן, איז די לאַגע געבליבן ווי פריער. די תלמוד תורה אָן מלמדים און גבאים, דאָס זעלבע די מקוה, אביונים דרייען זיך אַרום אין גרויס נויט און געפינען נישט קיין הילף. דער בית־מדרש אָן אַ דאַך, טראָץ דעם,

וואָס מען קען געפונען גענוגנדע פינאַנסיעלע מיטלען צו ברענגען אַלץ אין אָרדנונג. דער שטייער אויף פלייש מאַכט אויס 2400 רובל, אויף זאַלץ אַ ערך 500 רובל, די הכנסה פון דער ליכט־קאַראָבקע 700 רובל, און די זעלבע סומע פון הייזון. אָבער דאָס אַלץ געפינט זיך אין די הענט פון געציילטע אויסדערוויילטע בעלי־בתים און זיי טוען וואָס זייער האַרץ גלוסט און קיינער וואגט נישט צו פּראָ־טעסטירן.

אויך דאָס בילדונגס־וועזן געפינט זיך אין אַ טרויעריקן צושטאַנד. מיט צוויי יאָר צוריק איז אָנגעקומען אין שטאָט ה׳ וואָלפסאָן און געפּרוּווט שאַפן אַ רעגירונגס־שול פאַר ייִנגלעך, אָבער ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט גאָרנישט, עס האָבן זיך נישט אָפּגערופן קיין עלטערן און תלמידים. אין שטאָט הערשט יקרות און הונגער. האָט זיך געפונען איינער וועלכער האָט געפּרוּווט גרינדן אַ געזעלשאַפט „לחם עניים" ווי אין אַנדערע שטעט, אָבער קיינער האָט אים נישט אונטערגעשטיצט און פון פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן".

אין יאָר 1897 האָט הרב זאב וואָלף טורבאָוויטש פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „המליץ" וועגן דער מחלוקת פון די צדדים. דאָס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין רוסלאַנד. אויך דער שריפטשטעלער ר׳ יחיאל מיכאל פּינעס דערמאָנט די מחלוקת אין אַן אַרטיקל אין „הצפירה" אין יאָר 1876.

הרב ר׳ אליעזר שטראשון

געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1840, אַן איידעם פון קלעצקער גביר נחום אליהו קאַבאַק, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רב דורך די געגנער פונם צווייטן רב, הרב טורבאָוויטש. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי ביידע געמוזט פאַרלאָזן קלעצק און הרב שטראשון האָט אָנגענומען דאָס כסא הרבנות אין איוועניץ און בוטערמינץ אין דער געגנט פון ווילנע.

הרב שטראשון איז געווען באַוווּסט מיט זיין סימפּאַטיע צו חיבת ציון. אין יאָר תר״ן האָט ער געגעבן זיין אונטערשריפט אויף אַן אויפרוף פון רבנים חובבי ציון צו שטעלן קערות ערב יום כפור אין די בתי מדרשים לטובת ישוב ארץ ישראל. אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ פון „חובבי ציון" אין ווילנע אין יאָר תרמ״ט. ער האָט אויך מסכים געווען מיטן פּאָליטישן ציוניזם, און אויסגעדריקט זיינע סימפּאַטיעס צו די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל.

הרב צבי הירש טיקטין

אָנגעקומען אין קלעצק פון ליובטשי ביי ווילנע. געזעסן אויפן כסא הרבנות אַ קורצע צייט נאָך דער אויבנדערמאָנטער מחלוקת.

קיין אַנדערע פּרטים וועגן אים באַזיצן מיר נישט.

ד״ר א. גרינשפאן

הרב ר׳ שלום בער הערנזאן תרמ״א-תרס״ו (1881 – 1906)

פון די באַרימטסטע גאונים אין ליטע. אַ תלמיד פון וואָלאָזשינער ישיבה. נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען באַוווּסט אַלס עילוי, באַ־קומען סמיכה פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה הנצי״ב.

געזעסן אויפן כסא הרבנות אין דערעטשין ביי סלאָנים, און באַרימט געוואָרן אין דער לומדישער וועלט דורך זיין ספר „היכלי שן", וועלכער אַנטהאַלט שאלות און תשובות און חידושים אין ש״ס. אין יאָר תרמ״א, נאָכן טויט פון הרב טיקטין, ווערט ער אויפגענומען אַלס רב און אב־בית־דין אין קלעצק און איז דאָ געווען טעטיק 25 יאָר מיט גרויס דערפאָלג, גענאָסן פון אַלגעמיינער ליבע און אַכטונג. געווען אָנערקענט אַלס אויטאָריטעט ביי די באַרימטסטע רבנים פון זיין צייט, און מיט זיין מיינונג האָט מען זיך גערעכנט ביי אַלע קאָמפּליצירטע רעליגיעזע ענינים און קאָנפליקטן אין די קהילות, וועלכע ער האָט זיך באַמיט אויסצוגלייכן און געפינען אַ וועג פון אַ פשרה.

ווען אין יאָר תרנ״ז איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע פּאָלעמיק אַרום דער שיטה און באַוועגונג פון מוסר אין די ישיבות, האָט מען אָנגעפרעגט זיין מיינונג. ער האָט געגעבן זיין פולע הסכמה צו די ישיבות. און קיבוצים געגרינדעטע דורכן באַוווּסטן רב ר׳ יוזל פון נאָוואַגרודעק, ווו מען האָט געפלעגט דעם גייסט פון מוסר אין טעאָריע און פּראַקטיק.

נפטר געוואָרן אין יאָר תרס״ו (1906).

הרב ר׳ אליעזר יאזגור

הרב יזגור, זון פון ר׳ מיכאל, רב און אב־בית־דין אין וויזנע ביי סלוצק און איידעם פון קלעצקער רב ר׳ שלום בער הערנזאָן איז געווען גרויס אין תורה, עטיק און צדקה. דערהויפּט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט די פיל בחורים, תורה לערנער פון קלעצק אין דער סביבה אין קלעצקער בית מדרש. ער האָט זיי געווידמעט זיין גייס־טיקע און מאַטעריעלע הילף. שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט די יונגע לומדים, וועלכע האָבן זיך געווענדעט צו אים נאָך אויפקלע־רונגען אין די שווערע סוגיות פון תלמוד. ר׳ לייזער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן, אַלעמען מיט געדולד אויסגעהערט און קלאָר געמאַכט די קאָמפּליצירטע ענינים. די מידות פון רחמנות און מענשן־ליבע איז ביי אים געווען אַנטוויקלט ביז צו דער העכסטער מדרגה. ער האָט שטענדיק נאָכגעפרעגט און נאָכגעפאָרשט וועגן דער מאַ־טעריעלער לאַגע פון די לומדים און האָט זיי ערטיילט זיין הילף, אין פיל פאַלן מער פון זיינע מעגלעכקייטן, דורך מתן בסתר. די בחורים וועלכע עס האָבן אויסגעפעלט „טעג" האָט ער אַוועקגעגעבן זיינע לעצטע גראָשנס.

נפטר געוואָרן אין יאָר 1921.

הרב יצחק אפשטיין

הרב ר׳ חיים שמעון הערנזאן

געבוירן אין מעזריטש, ט״ו טבת תרכ״ו. זון פונעם גאון ר׳ שלום בער, אבת־בית־דין פון קלעצק. געלערנט ביי זיין פאָטער און שוין אין זיין יוגנט געשמ׳ט אַלס עלוי און געפּסקנט שאלות אונטער דעם אויפזיכט פון זיין פאָטער. מען האָט דערציילט: איינמאָל פרייטיק, פאַר ליכט בענטשן, איז געקומען אַ אָרעמע פרוי מיט אַ שאלה וועגן אַ עוף. נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג, האָט ער איינגעפונען אין דעם עוף אַ שווערע סירכה. דאָך האָט ער געפונען פאַר ריכטיק צו כשרן דעם עוף, נעמענדיק אין באַטראַכט די לאַגע פון דער פרוי אין נאָענטקייט פון שבת. זיין פאָטער האָט זיך דאַן געוואַשן לכבוד שבת אין אַ דערבייאיקן צימער. כדי צו קריגן זיין הסכמה, האָט דער זון דורכן פענצטערל אים איבערגעגעבן די אַלע פּרטים. ענטפערט ר׳ שלום בער: — „ריכטיק האָסטו געהאַנדלט, מיין זון, עס קומט דיר אַ יישר כוח". אין דעם גייסט האָט ער זיך דערצויגן און געוואָקסן אין הויז פון זיין פאָטער.

צו 18 יאָר האָט ער חתונה אין מעזריטש מיט דער פרוי חיה רייזל, פון דער באַוווּסטער אין שטאָט מיוחסדיקער משפחה — ראָזנגאַרטן. 6 יאָר געפינט ער קעסט ביי זיי שווער, זעצט פאָר דעם לימוד התורה און דערווערבט אויך אַלגעמיינע בילדונג. נאָך

די 6 יאָר פאַרנעמט ער זיך, צוזאַמען מיט שותפים, מיט מסחר, וואַרפט אָפּ פאַרשלאַגן פון רבנות. געווען באַליבט ביי די יידן פון מעזריטש, וועלכע האָבן אים אַנערקענט אַלס גייסטיקן מנהיג און רעליגיעזן אויטאָריטעט. אין זיין גרויסן הויז האָט זיך געפונען אַ באַזונדער צימער מיט אַ גרויסער ביבליאָטעק, וווּ ער האָט פאַרבראַכט פיל שעה'ן אין לערנען תורה און וויסנשאַפט.

צוויי מאָל אַ יאָר פלעגט ער אונטערנעמען געשעפטלעכע רייזעס קיין לייפציג צו די ירידים. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט די אָנפירער און פרנסים פון דער קהילה, וועלכע האָבן אים פאַרגעלייגט דאָס רבנות־שטול אין לייפציק. ער האָט דעם פאַרשלאַג נישט אָנגענומען, מורא האָבנדיק אויסצושטעלן זיינע זין אויף דער געפאַר פון אַסימילאַציע.

אין יאָר תרס"ו (1906), נאָכן טויט פון זיין פאָטער ר' שלום בער, האָט ער גירש'נט זיין שטול אין קלעצק. ער איז דאַן אַלט געווען 40 יאָר, שטאַרק אין גייסט און ווילן, טעטיק אין אַלע געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע ענינים פון דער שטאָט און קהילה.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1915, גרינדעט ער אַ ועד־העזרה פאַר די טויזנטער פליטים, וועלכע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די מלחמה־געביטן און מאַסנוויין געשטראָמט קיין מזרח. דער ועד איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דעם מרכז אין פעטראָגראַד.

אין יאָר 1916 ווערט ער אַרעסטירט דורך דער רוסישער מיליטער אָנפירונג פון דער 10טער אַרמיי, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער הרב י ז ג ו ר און הרב חיים פ י מ ש ט י י ן אונטער דער באַשולדיקונג, אַז די יידן פון קלעצק ערטיילן הילף די דייטשן. אַדאַנק זיין שטאָלצער און אומדערשראָקענער האַלטונג ווערן זיי באַפרייט, און די באַשולדיקונג איז בטל געוואָרן.

אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אין יאָר 1918, ווערט ער אויסגעוויילט דורך דער מאַכט אַלס מיטגליד און פאָרזיצער פון פרידנס־געריכט אין קלעצק, צוזאַמען מיט די פאַרשטייער פון די אַנדערע רעליגיעזע גרופּירונגען און דעם פּריץ ט ש ע ר נ א צ ק י, אַ אַדוואָקאַט לויט זיין בילדונג. ביי אַלע רעזשימען, וועלכע האָבן זיך דאַן אומאויפהערלעך געביטן, איז הרב חיים שמעון געווען דער אויטאָריטעטער און אַנערקענטער פאַרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג, און דערפילט זיין מיסיע מיט טאַקט און פאַרשטאַנד.

אין זיין הויז און אונטער זיין אָנפירונג האָבן זיך געפירט אַלע ענינים פון שטאָט, און אַלע קרייזן און גרופּירונגען פון שטאָט האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט רעספּעקט און אַנערקענונג.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען פלעגט ער זיך באַנוצן מיט אַ פּשוטער צוגענגלעכער שפּראַך. זיינע דרשות זענען געווען דורכגעדרונגען מיט גייסט, אהבת ישראל און לעבנס־חכמה.

ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע און אַ פרייד האָט אַרומגענומען די יידישע גאַס, האָט זיך דער רב אויסגעדריקט בזה הלשון:

— „געוויס גרויסע מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון ליגן אין דעמדאָזיקן אַקט. און ווויל איז אונז וואָס מיר האָבן דאָס דערגרייכט. אָבער פּאַרלויפיק איז די דאָזיקע דעקלאַראַציע אַ שטיקל פּאַפּיר וועלכע קען שטענדיק בטל ווערן, ווען אירע געבער וועלן דאָס געפינען פאַר נויטיק צוליב זייערע צוועקן און נוצן. וויכטיקער איז די פּראַקטישע טאַט פון עפענען די טויערן פון לאַנד פאַר מיליאָנען יידן, וועלכע וועלן זיך דאָרט באַזעצן, און נאָר דאַן וועלן מיר זיין זיכער אַז ארץ ישראל וועט זיין אונזערס פּונקט ווי ענגלאַנד איז ענגליש. דאָס וועט זיין גוט פאַר יידן און אויך פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט".

נישט אַלע האָבן דאַן פאַרשטאַנען דעם זין פון די ווערטער, אין וועלכע ס'איז געווען אַ פאַרגעפיל פון דער צוקונפט...

ווען זיין עלטערער זון א ל י ה ו האָט באַשלאָסן אין יאָר 1933 עולה זיין, און געבעטן די הסכמה און עצה פון זיין פאָטער, האָט ער באַקומען פאָלגנדע תשובה: — מיין טייערער זון, ווען די וואָלסט מיך געפרעגט מכוח עמיגראַציע אין אַ אַנדער לאַנד, וואָלט איך זיך לאַנג מישב געווען. אָבער אויב עס האַנדלט זיך וועגן עליה קיין ארץ ישראל, האָב איך פאַר דיר נישט קיין אַנדער תשובה, ווי זיי עולה און זיי מצליח — ווי אַ חלוץ פון דיינע ברידער. (די תשובה איז געשריבן געוואָרן, ווי זיין שטענדיקער מנהג, אין זיין וועכנטלעכער פרייטיקדיקער קאָרעספּאָנדענץ).

די זעלבע תשובה אינם זעלבן גייסט האָט ער געגעבן זיין צווייטן זון ש ל ו ם ד ב.

35 יאָר איז ער געזעסן אויפן רבנות שטול אין קלעצק. נפטר געוואָרן כ"א כסלו תש"א — 1940, שוין אונטערן צייטווייליקן רעזשים פון די סאָוויעטן.

פיל רבנים פון דער סביבה האָבן אים מספּיד געווען אין דער גרויסער קאַלטער שול, און אין זיין לויה האָט אַנטייל גענומען אויך אַ דעלעגאַציע פון דער מאַכט. זיין פרוי איז געשטאָרבן עטלעכע טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון קלעצקער יידן דורך די נאַציס.

נאָך זיין טויט האָבן דערפילט דעם רבנות אַמט זיין איידעם הרה"ג ר' פּסח ה ו ר ו ו י ץ (פּסח טימקאָוויטשער) און הרב ר' משה ע פ ש ט י י ן, וועלכע זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אין דער ערשטער שחיטה אין קלעצק, הערבסט 1941.

הרב משה אפשטיין

דערצויגן אין סלוצקער ישיבה. חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הרב י ז ג ו ר. אַ גדול אין תורה, אַ שיינגייסט, באַליבט ביי אַלעמען. צוזאַמען מיט זיין פעטער הרב חיים שמעון הערנזאָן געטראָגן דעם יאָך פון די געזעלשאַפטלעכע ענינים איבער 20 יאָר.

דער נאַצישער מערדער האָט אים גרויזאַם דערמאָרדעט. און ווי מען גיט איבער, האָט ער אין די לעצטע מאָמענטן געמוטיקט און געטרייסט די יידן. הי"ד.

הרב פסח הורוויץ (טימקאָוויטשער)

געקומען קיין קלעצק מיט די ערשטע בחורים פון דער סלוצקער ישיבה. אַ זעלטענער מתמיד און טיפזיניקער לערנער, נוסח וואָלאָזשין.
אַ שיינע נשמה. אַ בעל מידות. תמיד גרייט צו העלפן יעדן איינעם. פון די בעסטע תלמידים פון הרב אהרן קאָטלער.

חתונה געהאַט מיט דער יינגערער טאָכטער פון הרב חיים שמעון הערנזאָן — און מען האָט אין אים געזען אַ אידעאַלן ממשיך פון דער גאָלדענער קייט פון די קלעצקער רבנים. דער לעצטער קלעצקער רב, דערמאָרדעט דורך די נאַצישע תליינים. הי"ד.

הרב ר' מאיר בערלין

אין די פרימאָרגן שעה'ן האָט מען אים געקענט באַגעגענען גייענדיק זיין וועג צו דער גרויסער שול אין תל־אביב, מיטן טלית ותפילין אונטערן אָרעם און אַ גמרא אין האַנט. דאָרט האָט ער געדאַווענט און געזאָגט אַ שעור גמרא אין משך פון צוואַנציק יאָר. צוריקקערנדיק זיך פון בית מדרש, האָט ער געשפּרייזט מיט מעסיקע טריט, פאַרטראַכטערהייט אין די ראָטשילדס אַלייען, און זיך שטאַרק געפרייט טרעפנדיק אַ באַקאַנטן מיט וועלכן ער האָט געקענט כאַפּן

אַ שמועס און אַרויסברענגען פֿאַר אים זיינע געדאַנקען וועגן פֿאַרשידענע פּראָבלעמען פֿון אייביקייט און וועלט, און אויך וועגן די אַקטועלע פֿראַגן פֿון טאָג.

געוויס איז דער דף גמרא דער וויכטיקסטער זייל פֿון דער גייסטיקער וועלט, ווי עס האָט אים געלערנט זיין רבי, הנצי״ב פֿון וואָלאָזשין. געוויס איז יעדע מצוה, די קלענסטע ווי די גרעסטע דער עיקר פֿון אַלע עיקרים. אָבער די וועלט פֿון רבונו של עולם איז גרויס און ברייט, פֿול מיט פּראָבלעמען, פֿאַרוויקלונגען און קריזיסן — און מען מוז אָן אויפֿהער נאָכפֿאָלגן נאָך דער ווירקלעכקייט מיט אַ וואַכן מוח און אָפֿן האַרץ. דעראיבער האָט מען געקענט הערן אין זיין געשפּרעך צוזאַמען מיט אַ הלכה אין תלמוד אָדער אַ פּירוש אין תנ״ך, אויך אַ אָפּשאַצונג פֿון סאָציאַלע און פּאָליטישע פֿראַגן. דער דאָזיקער גרויסער למדן און ירא שמים איז געווען אַ מענטש פֿון רעאַלן לעבן. יעדער איינזייטיקער פֿאַנאַטיזם איז געווען קעגן זיין גאַנצן וועזן.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עטישע מידות: זיך קיינמאָל נישט געשטופּט אין דער הויך, זיך נישט געיאָגט נאָך כבוד. עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן זיך טרעפֿן מיט אים אין די ראָטשילד אַלייען און אויסהערן פֿון אים פֿאַרשידענע דערציילונגען, זכרונות, אָפּשאַצונגען און פֿאַרגלייכונגען פֿון דעם עבר און הווה. די גייסטיקע גלייכגעוויכט, די גוטע מעסיקייט, די גלייכע לאָגיק, די לאַנגע לעבנס־פּראַקטיק און לעבנס־חכמה — דאָס אַלץ האָט אויסגעפֿורעמט אַ באַזונדער געשטאַלט, איינער פֿון דעם לעצטן דור מאָהיקאַנער וועלכע האָבן באַשיינט דאָס גייסטיקע בילד פֿון דער אויפֿגייענדיקער שטאָט תל־אביב.

(„הצופה״, ט״ו מרחשון תש״ח (29.10.47)

*

„געבוירן אין קלעצק. פֿון די חשובסטע רבנים אין תל־אביב. אַ תלמיד פֿון וואָלאָזשינער ישיבה. געווען רב אין דער שטאָט קאָבילין אין לעטלאַנד און אין אַנדערע קהילות אין רוסלאַנד. עולה געווען קיין ארץ ישראל אין יאָר 1924, זיך באַזעצט אין תל־אביב וווּ ער האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון הויפּט־רב אין דער ישיבה פֿון הרב אראנזאָן ז״ל. אין משך פֿון 23 יאָר האָט ער געזאָגט שעורים אין תלמוד אין גרויסן בית הכנסת אין תל אביב, זיך דערוואָרבן פֿיל תלמידים וועלכע האָבן אים הויך געשעצט.

(„הצופה״, י״ד חשון תש״ח)

*

הרב מאיר בערלין ז״ל, איז געווען באַוווּסט מיט זיינע עטישע מידות און מעשים. פֿון די יוגנט יאָרן געווען צוגעבונדן צו ארץ ישראל. ווען ער איז געווען נאָך אַ יונגער תלמיד אין וואָלאָזשינער ישיבה און די ראשי הישיבות הנצי״ב און ר׳ חיים בריסקער האָבן געפֿירט אַ שמועס וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פֿאַרשפּרייטן און האָבן אויסגעדריקט זייער מורא פֿאַר דער געפֿאַר וואָס באַדראָט די ישיבות — איז דער קליינער מאיר געשטאַנען ביי דער זייט און לייכט געשמייכלט. האָט ר׳ חיים אָנגעוויזן אויף אים מיטן פֿינגער און געזאָגט: — „פֿאַרפֿאַלן, אָט די יונגע בונטעווען זיך קעגן אונז, און מיר זענען נישט בכוח עפּעס אויפֿטאָן קעגן זיי...״

דער פֿאַרשטאָרבענער איז געווען אַ קעמפֿער פֿאַר תורת ישראל, ארץ ישראל און דער העברעישער שפּראַך.

ער איז געווען דער איינציקער צווישן די גרויסע רבנים, וועלכער איז איבערגעגאַנגען פֿון דער הברה אשכנזית אויף ספרדית, אויך אין נוסח פֿון די תפילות.

ער האָט באַצויבערט זיינע באַקאַנטע און צוהערער דורך זיין טיפֿער אויפֿריכטיקייט, אמתער יראת שמים און אהבת ישראל.

אַ גרויסער הומאַניסט — ער האָט געדולדיק אויסגעהערט יעדן אומגליקלעכן און פֿאַרביטערטן און אומדערמידלעך געזוכט אַלע מיטלען צו פֿאַרלייכטערן זייער גורל. זיין ערודיציע איז געווען אַ אויסערגעוויינלעכע — אין זיין זכרון איז אָפּגעהיט געוואָרן די גאַנצע תורה פֿון וואָלאָזשין און ווייטער. אַרום זיין ליכט האָבן זיך געוואַרעמט פֿיל תלמידים. צו אַלעמען האָט ער זיך באַצויגן ברידערלעך, קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין צייכן פֿון גאוה און גרינגשעצונג.

(הרב אלתר מאיר, „הארץ״, כ״ט חשון תש״ח).

רב שוחט ובודק שמואל יוסף וועלער

געבוירן אין קלעצק אין יאָר תרמ״ה. אַ תלמיד פֿון וואָלאָזשינער ישיבה און אַ מוסמך אויף רבנות. געניגט צו השכלה, און זיך פֿאַרפֿולקאָמט אין אַלגעמיינער בילדונג אויף אַ פּריוואַטן אופֿן.

חתונה געהאַט אין קלעצק און דאָ געוווינט עטלעכע יאָר צוזאַמען מיט זיין מוטער, די אלמנה־רביצין פֿון וויסאָקע.

אַ געוויסע צייט האָט ער פֿאַרנומען אַ שטעלע פֿון אַ באַאַמטן אין אַ גוט ביי גראָדנע, וואָס האָט געהערט צו זיינע קרובים פֿון דער פֿאַמיליע וועלער. אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין ווילנע. דאָ האָבן אים מקרב געווען די רבנים און גדולים פֿון שטאָט, און דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט שחיטה און ניקור. אין יאָר תרפ״א זיך צוריקגעקערט קיין קלעצק און באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט שוחט.

אין קלעצק איז ער געווען טעטיק אויפֿן געביט פֿון רעליגיעזן ציוניזם, געגרינדעט די „מזרחי״ אָרגאַניזאַציע אין שטאָט און אומגעגנט. שטענדיק אַרויסגעטראָטן און אַגיטירט פֿאַר ארץ ישראל און ציוניסטישע קרנות, און צוגעצויגן די רעליגיעזע קרייזן צום ציוניסטישן געדאַנק און באַוועגונג.

פֿאַרפֿאַסט צוויי ספרים: 1) „לקוטי שמואל״, אַ זאַמלונג פֿון מאמרים און אַפֿאָריזמען וועלכע ער האָט געהערט פֿון באַרימטע דרשנים און אויך אָריגינעלע. 2) „זבחי שמואל״ — באַהאַנדלט אַלע דינים און ענינים פֿון שחיטה און בדיקה, און האָט אַ גרויסן פּראַקטישן ווערט פֿאַר שוחטים און רבנים.

אומגעקומען אין דער ערשטער שחיטה אין קלעצק, הערבסט 1941.

*

אינעם העברעישן טייל פֿון בוך ברענגען מיר נאָך אַ ריי קורצע מאָנאָגראַפֿיעס פֿון רבנים אין פֿאַרשידענע קהילות, אָפּשטאַמיק — פֿון קלעצק, ווי הגאון ר׳ **דוד** אב״ד פֿון נאָוואראדאָק, הרב אליהו **גאָלדבערג** פֿון באָברויסק, הרב אברהם יעקב **לעסטער** (אַמעריקע), הגאון יהודה מעשיל הכהן **צירקעל** (ליטע און רוסלאַנד), הרב ראובן **לעווינבוק** (איידעם פֿון הרב יצחק אייזיק **וועלער**) פֿון אָליטע ביי סוואַלק, די רבנים **אליעזר זלמן** און **שמעון חיים גראַיעווסקי**; ווי אויך דיינים און גדולי תורה.

ג. קלעצק א אכסניה פון תורה

שמחה גארדאן / די ישיבה - אויפשטייג און השפעה

דריי אכסניות, דריי היימען האט די ישיבה „עץ חיים״ געהאט, אבער פון אלע שטעט וואס האבן געהאט די זכיה צו זיין אכסניות פון תורה פאר דער גרויסער ישיבה, האט קלעצק זוכה געווען אז איר נאמען זאל פאראייביקט ווערן דורך דער ישיבה.

אויף אלע קאנטינענטן ווו נאר עס געפינען זיך יידן, איז באַרימט געווארן דער נאמען קלעצק א דאנק דער ישיבה.

איבערהויפט איז קלעצק געווארן א שם דבר אין אמעריקע די לעצטע 17 יאר, זינט עס האט זיך דארט באזעצט דער קלעצקער ראש־הישיבה הגאון ר׳ אהרן קאטלער.

פון ווייטן צפון, פון די יידישע שטעטלעך וואס ליגן פארשטעקט צווישן די שארכיקע סאסנע וועלדער אין שטאט מיין, ביז צו די הייס־פארעדיקע דזשונגלס אין דרום; פון די רוישנדיקע גרויסע שטעט, וואס ציען זיך לענג־אויס דעם אטלאנטיק ביי די מזרח ברעגן פון די פאראייניקטע שטאטן, ביז צו די נייע יידישע קהילות וואס זענען לעצטנס אויסגעוואקסן ביי די ברעגן פון פאציפיק אין ווייטן מערב, — ציען זיך צענדליקער און צענדליקער תלמידים קיין לייקוווד, די אמעריקאנער היים פון דער קלעצקער ישיבה.

נוסח קלעצק האט געהאלפן שאפן א נייעם תורה רענעסאנס אין אמעריקע. עס איז נישט קיין ישיבה אויף ארויסצוגעבן „מוסמכים״, ס׳איז נישט קיין לערנען צוליב עקזאמענס, קאריערעס, נאר א פראצעס פון שטענדיקן גייסטיקן שטייגן און וואקסן. א סך תלמידים, וואס נישט נאר זיי, נאר אפילו זייערע עלטערן, זענען שוין געבוירן געווארן אין אמעריקע, זאגן זיך אפ פון אוניווערזיטעט דיפלאמען און פראפעסיאנעלע קאריערעס, און קומען קיין לייקווד אין דעם בית המדרש הגבוה פון קלעצק, כדי צו שטייגן אין תורה, מוסר און יראת שמים.

זיי קומען נישט „אויסשטודירן״ און דערמיט אויפצוהערן לערנען, זיי געפינען א תכלית אין לערנען גופא. אין קלעצקער ישיבה, ווי אין אלע גרויסע ישיבות, איז דער לערנען אליין דער מהות פון לעבן, און נישט א צוגרייטונג צום לעבן.

לייקווד, די נייע היים פון דער קלעצקער ישיבה אין אמעריקע זינט דעם זומער פון תש״ג, איז א שטילער ווינטער רעזארט, פארשטעקט צווישן גרינע נאדלביימער אין די טאלן פון ניו דזשוירזי. עס איז א עטלעכע צענדליק מייל ווייט פון דעם גרויס־שטאטישן טומל, און דאך נאענט גענוג צו קאנען גרייכן בלויז אין איין שעה ניו־יארק.

אין די פופצן יאר זינט די ישיבה געפינט זיך אין אמעריקע איז זי „אמעריקאניזירט״ געווארן בלויז אין דעם זין, וואס די מערסטע תלמידים זענען אמעריקאנער געבוירענע. אבער דער נוסח איז פארבליבן דערזעלבער וואס אין אייראפע.

קלעצק של מטה איז חרוב, אויף אלע ימים האבן די שטורעמס איר אש צעשפרייט, אבער קלעצק של מעלה לעבט און זעצט פאר די טראדיציע פון סלוצק, סלאבאדקע און וואלאזשין. די וויגעלע פון דער ישיבה „עץ חיים״, איז געשטאנען נישט אין קלעצק נאר אין סלוצק. מעגלעך, אז דאסווארט „וויגעלע״, איז נישט דאס ריכטיקע ווארט, ווייל די ישיבה האט כמעט גארנישט דורכגעמאכט קיין קינדהייט, און אויך נישט די אלע קינדער קראנקייטן וואס זענען פארבונדן מיט א גרויסער אינסטיטוציע. שוין פון דעם ערשטן טאג פון איר אנטשטייונג, איז זי געווען א גרויסע ישיבה. נאר לאמיר עס דערציילן מיט א סדר.

ביים סוף פון 19־טן י״ה, איז דער מרא־דאתרא פון סלוצק, געווען דער גרויסער גאון ר׳ יעקב דוד בר׳ זאב, באוווסט אלס דער רידב״ז, אויפן נאמען פון זיין חיבור אויפן ירושלמי. ווי אלע גרויסע רבנים האט ער געוואלט האבן נעבן זיך א ישיבה. דער סלאבאדקער משגיח, באקאנט אין דער ישיבה וועלט אלס דער „אלטער״, איז נאכגעקומען זיין פארלאנג. דער „אלטער״ האט אויסגעקליבן 14 פון די בעסטע סלאבאדקער תלמידים, מיטן גאון ר׳ איסור זלמן מעלצער, א נייער אויפגייענדיקער שטערן אין דער תורה־וועלט, און זיי געשיקט צום רידב״ז.

אזוי איז אין יאר תרנ״ז (1897) געגרינדעט געווארן די ישיבה אין סלוצק. די 14 תלמידים זענען באקאנט געווארן אלס דער „יד החזקה״ (יד באטרעפט 14). עס איז אויך געווען אין דעם אן אנצוהערעניש אויפן יד החזקה פון רמב״ם, אויף וועלכן א סך פון די תלמידים האבן שוין באוויזן צו שאפן חידושים. כמעט יעדער איינער פון די, מיט וועלכע די ישיבה אין סלוצק האט זיך געגרינדעט, איז שפעטער בארימט געווארן אלס גרויסער רב אדער ראש הישיבה. ווי ס׳האט מיר איבערגעגעבן דער רב ראשי און ראש הישיבה פון פתח־תקוה הגאון ר׳ ראובן כץ, וועלכער איז געווען איינער פון די יונגינקע 14 האבן זיך צווישן זיי געפונען די פאלגנדיקע שפעטערדיקע גאונים:

1) ר׳ אליעזר יהודה פינקל, מירער ראש הישיבה.
2) ר׳ יוסף קאנוביץ, ראש הישיבה אין צפת, שפעטערדיקער פרעזידענט פון אגודת הרבנים אין אמעריקע.
3) ר׳ לייב פלאצינסקי, ראש הישיבה אין דווינסק.
4) ר׳ יום טוב וואכטפויגל, רב ראשי אין מאנטרעאל, קאנאדע.
5) ר׳ פסח פרוסקין, קאברינער רב און ראש הישיבה.
6) ר׳ יוסף רובינשטיין, אפיציעלער רב אין ווילנע.

7) ר׳ רפאל הלוי, המכונה ר׳ אלתר לובצער שמולעוויץ, סטוצ׳ינער ראש־הישיבה.

8) ר׳ ברוך ראַבינאָוויץ, דער רב פון דער ווילנער שול אין טשיקאַגע.

9) ר׳ יצחק זיוו, ברייִנסקער רב.

10) ר׳ שלמה מארים, אַ רב אין דווינסק.

11) ר׳ ליפמאַן דענענבערגער.

12) ר׳ משה יום טוב העכטמאַן.

13) דער קראַסנער עלוי.

די קאַריערעס פון די לעצטע דריי איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן.

דאס לעבן און שאפן פון ר׳ איסר זלמן מעלצער

ר׳ איסר זלמן איז געבוירן געוואָרן איו חודש אדר תר״ל (1870) אין דער מיר. ער האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס פון דער באַרימטער הוטנער משפחה און דעם בעל „פנים מאירות״. ביז בר־מצוה האָט ער געלערנט ביי ר׳ ליפּעלע מירער, דעם מחבר פון „מלבושי יום טוב״, נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן אין וואָלאָזשין ווו ער האָט געלערנט 7 יאָר, און איין יאָר אין ראדין ביים חפץ חיים.

זיינע נאָענטסטע חברים אין וואָלאָזשין זענען געווען ר׳ משה מרדכי עפשטיין, דער שפּעטערדיקער סלאָבאָדקער ראש הישיבה און ר׳ ברוך בער, דער קאַמעניצער ראש הישיבה.

וואָלאָזשין האָט געהאַט פערטל, האַלבע און גאַנצע עלויים. זיך אַרויפצואַרבעטן אַפילו אויף אַ האַלבן עלוי איז שוין געווען אַ גרויסע מדרגה. ר׳ איסר זלמן איז געווען דער עלוי. ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק פלעגט זאָגן — ווען זוניא עפּנט נאָר אויף דאָס מויל ווערט שוין ליכטיק אין קאָפּ. („שער ראובן״).

נאָך זייענדיק אין וואָלאָזשין האָט שוין ר׳ איסר זלמן געחלומט וועגן באַזעצן זיך אין ארץ ישראל. ער האָט דאַן באַלאַנגט צו אַ געהיימער חובבי־ציון אָרגאַניזאַציע הנ״ץ (נס ציונה). צוזאַמען מיט זיין שוואָגער הגאון ר׳ משה מרדכי עפשטיין, האָט ער געקויפט לאַנד אין חדרה און פאַרפלאַנצט אַ פּרדס.

אין תרנ״ד (1894) אין דעם יונגן עלטער פון בלויז 24, ווערט ר׳ איסר זלמן אויפגענומען אַלס ראש הישיבה אין סלאָבאָדקע, אַן אַמט וואָס האָט באַשטימט זיין לעבנס־באַרוף במשך פון 60 יאָר. אין תרנ״ז (1897) גרינדעט ער צוזאַמען מיטן רידב״ז די ישיבה אין סלוצק וואָס איז שפּעטער אַריבער אין קלעצק.

אין 1903 איז פריי געוואָרן די רבנות אין סלוצק, דער רידב״ז איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, האָט מען פאָרגעלייגט די שטעלע ר׳ איסר זלמנען, און ער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון.

— איך האָב דאָך אפילו קיין סמיכה נישט, האָט ער געטענה׳ט. ווען ר׳ חיים בריסקער האָט זיך דערוווסט דערפון, האָט ער אים אַרויסגעשיקט טעלעגראַפיש אַ סמיכה און פאַרזאָגט אָנצונעמען די רבנות. האָט ער געפאָלגט זיין רבי׳ן. אָנגענומען די סלוצקער רבנות, און זי אָנגעהאַלטן ביז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. אין די אַלע נאָכווייענישן פון דער רעוואָלוציע איז ער פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן, ביז וואַנען די יעווסעקציע האָט אים אַרעסטירט, און די ישיבה אין סלוצק איז געשלאָסן געוואָרן.

נאָך אין 1921 איז אַ טייל פון דער סלוצקער ישיבה. אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר׳ אהרן קאָטלער אַריבער דעם פּוילישן גרענעץ, און זיך באַזעצט אין קלעצק. צוויי יאָר שפּעטער איז דאָרט אָנגעקומען ר׳ איסר זלמן, אָבער נישט אויף לאַנג. זיין אַלטע בענקשאַפט צו ארץ ישראל האָט אים נישט געלאָזט רוען, און אין 1925 איז ער עולה, און ווערט ראש־הישיבה אין דער גרויסער ישיבה „עץ חיים״ אין ירושלים.

זעכציק יאָר האָט ר׳ איסר זלמן געזאָגט זיינע שיעורים, און זיי לאָזן זיך איינטיילן אין גלייכע חלקים: דרייסיק יאָר אין אייראָפּע און דרייסיק יאָר אין ארץ ישראל.

אין דער תורה־וועלט איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: דער וואָס הערט ר׳ איסר זלמנ׳ס אַ שיעור שטעלט זיך צוויי פראַגן: איינע ביים אָנהייב שיעור און די צווייטע ביים סוף.

— ווי קאָן מען פאַרענטפערן אַזעלכע אייזערנע קשיות? און נאָכדעם ווי זיי ווערן פאַרענטפערט:

— ס׳איז דאָך אַזוי פשוט, אַזוי קלאָר אַז אַנדערש האָט עס גאָר־נישט געקאָנט זיין, פאַרוואָס איז דאָס מיר נישט איינגעפאַלן?

ר׳ איסר זלמן איז געווען אַ מייסטער אין איבערגעבן די שווערס־טע יורידישע פרינציפּן, די קאָמפּליצירסטע ענינים אין אַ קלאָרע פאַרשטענדלעכע שפּראַך, וואָס יעדער בן־תורה זאָל עס קאָנען פאַרשטיין.

אין יאָר תרצ״ה איז אַרויס דער ערשטער טייל פון זיין ספר „אבן האזל״. ביז יעצט זענען שוין דערשינען אַכט טיילן, און אַ ניינטער ווערט געגרייט צום דרוק. די ספרים באַשטייען מערסטנס פון חידושים און באורים אויפן רמב״ם, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אין די ישיבות פון סלאָבאָדקע, סלוצק, קלעצק, און „עץ חיים״ אין ירושלים. כמעט אין יעדן חידוש פילט מען דעם לעבעדיקן אָטעם פון דער שקלא וטריא אין דער ישיבה. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז פאַר־פיקסירט אין שריפט די גערעדטע שעורים, האָט זיין פרוי ביילע הינדע, וואָס איז אַ באַרימטע מלומדת.

דער נאָמען „אבן האזל״ איז פון אַ פסוק אין שמואל א׳ קאַפּ. ב׳ און איז אַן אָנדייט אויפן נאָמען פון מחבר ווענעמס איניציאַלן געפינען זיך אין וואָרט „האזל״. אין נאָמען פונם ספר איז דאָ נאָך אַ טיפערער ענין. דער מחבר הייסט אונז נאָכקוקן אין רש״י אויפן אָרט, און רש״י פאַרטייטשט „אבן האזל״, אַ שטיין וואָס איז געלעגן ווי אַ צייכן. אויפן שיידוועג. די אַכט ספרים זענען ווי מיילשטיינער אויף די וועגן, ביי־וועגן און סטעזשקעס, וואָס פירן די דאָרשטיקע אמת־זוכער צום קוואַל פון דער תורה.

ר׳ איסר זלמן איז געווען גרויס נישט נאָר אין נגלה נאָר אויך אין נסתר; אויך דאָרט האָט ער געשאַפן וווּנדערבאַרע חידושים. אַ גאון נישט נאָר אין קאָפּ, נאָר אויך אין האַרץ, אַ לעבעדיקער חובת הלבבות.

נאָך אַ לאַנגן שעפערישן לעבן איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון 84 יאָר, יוד כסלו תשי״ד.

דער קלעצקער ראש הישיבה

ר׳ אהרן קאָטלער איז באַקאַנט נישט נאָר אַלס גרויסער גאון, פון די ריזן אין דער תורה־וועלט, נאָר אויך אַלס ענערגישער איש המעשה, אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. עס איז נישט אין די ראַמען פון אונזער אַרבעט צו שילדערן אים אין זיין פולער געשטאַלט, נאָר בלויז אָנצוּוואַרפן אייניקע שטריכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין טעטיקייט אַלס קלעצקער ראש הישיבה.

ר׳ אהרן קאָטלער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרנ״ב (1892). געלערנט אין סלאָבאָדקע און נאָך אין דער פריסטער יוגנט באַרימט געוואָרן אַלס וועלט עלוי. אין תרע״א (1911) איז ער אָנגעקומען לערנען אין סלוצק. אין 1914 געהייראַט ר׳ איסר זלמנס טאָכטער, און אָנגעהויבן זאָגן שיעורים אין דער ישיבה. נאָך דער רוסישער רעוואָ־לוציע, ווען עס איז געוואָרן שווערער און שווערער אויפצוהאַלטן די ישיבה, פירט ער אַריבער איר גרעסערן טייל דורכן פּוילישן גרענעץ,

און לייגט אין 1921 דעם יסוד פון דער קלעצקער ישיבה. אונטער זיין פירערשאַפט וואַקסט זי אויס אַלס איינע פון די גרעסטע אין פּוילן.

מיטן וווּקס פון דער ישיבה, זענען אויך געוואַקסן אירע פינאַנציעלע נויטן, אונטערן דרוק פון די חובות באַרייזט ר' אהרן אייראָפּע און אַמעריקע.

אין 1939, פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן געלערנט אין קלעצק 260 תלמידים:

74	אין עלטער פון	17—20
131	" "	21—25
55	" "	25

קלעצק איז געווען פון די מוסר ישיבות. אָנהויבנדיק פון אירע ערשטע יאָרן ביים סוף פון 19־טן י"ה, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, האָבן אין איר געווירקט גרויסע משגיחים:

ר' פסח פּרוסקין, ר' שעפּטל קרעמער, ר' אשר סאַנדאָמירסקי, ר' צבי מלצר, ר' יחזקאל לעווינשטיין, ר' יואל באַראַנצ'יק, ר' משה דב צפתמן; צולעצט — הגאון הגדול ובעל המוסר ר' יוסף לייב נענעדיק זצ"ל.

אייניקע פון די דערמאָנטע נעמען, זענען פון גרעסטע אין דער וועלט פון מוסר.

די ישיבה האָט זיך געפונען אין קלעצק ביז 1940 און נאָכדעם אַריבער אין ווילנע; געווען דאָרט ביז ליטע איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך רוסלאַנד. אונטערן דרוק פון דער סאָוויעטן מאַכט, ווען מ'האָט געצוואונגען פאַרשיקן בני תורה צו די „ווייסע בערן", איז די ישיבה פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין קלענערע גרופּן. זיי האָבן אָפּגעריכט גלות אין פאַרשידענע שטעטלעך פון ליטע און לעטלאַנד.

ר' אהרן מיט אַ גרעסערער גרופּע תלמידים האָבן זיך געפונען אין סאַלוק. קלענערע גרופּן האָבן זיך געפונען אין דושאַד אין דוקשט.

אין אַפּריל פון 1941 האָט דער קלעצקער ראש הישיבה זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, און מיט דער הילף פון „ועד הצלה" אָנגעהויבן אַרויסצוראַטעווען זיינע תלמידים. אייניקע גרעסערע גרופּן האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורייסן דורך יאַפּאַן, נאָך פאַר דער דייטשער אינוואַזיע. מיט זיי האָט דער קלעצקער ראש הישיבה געפּרוווט ווידער אויפשטעלן די געצעלטן פון תורה ביי די ברעגן פון האַדסאָן. מיט זיינע שיעורים וועלכע זענען אַ וווּנדערבאַרער סינטעז פון דיאַלעקטישער חריפות און טיפע הבנה, האָט ער צוגעצויגן פילע תלמידים בעלי כשרונות צו דער באַנייטער קלעצקער ישיבה. אין דעם געביי פון ר' אהרן קאָטלערס אַ שיעור, אין דער מאַטעמאַטישער פּרעציזקייט, קלאָרקייט פון דעפיניציעס און דער קאָנקרעטיזאַציע פון באַגריפן, פילט מען די גאוניטקייט פון אַ קינסטלער־אַרכיטעקט.

דער היסטאָרישער הינטערגרונד פון די פּוילישע און ליטווישע ישיבות

צוויי שיטות, יעדע מיט איר אייגנאַרטיקן דרך אין לערנען, האָבן באַווירקט די ישיבות פון פּוילן און ליטע. יעדער דרך אין לערנען, האָט געהאַט זיין היסטאָרישן פּראָטאָטיפּ, זיין מוסטער ישיבה וואָס לויט איר האָבן זיך דערצויגן דורות תלמידי חכמים.

דער פאָטער פון פּוילישן דרך אין לערנען איז ר' יעקב פּאָלאַק 1460—1530.

ער אַליין האָט נאָך געלערנט אין די דייטשע ישיבות, באַזונדערס אין פּראַג ביי ר' יעקב מרגליות. און פון דאָרט אַריבערגעבראַכט אין 1492 קיין פּוילן די דיאַלעקטישע חריפות, און דעם לומדישן סינטעז וואָס ברענגט צונויף אין שכל'דיקער קרובהשאַפט די סאַמע קעגנגעזעצטע ענינים. 40 יאָר איז ער געווען ראש הישיבה און דערציגן דורות אויפן דרך הפּלפּול. זיין תלמיד ר' שלום שכנא האָט פאַרגעזעצט דעם אופן פון לערנען אין זיין ישיבה אין לובלין, ביז דער צווייטער העלפט פון 16־טן י"ה. אין משך פון אַ קורצער צייט קומען אויף מער ווי צען תורה־צענטערס אין פּוילן, און זייערע ראשי הישיבות זענען די תלמידים פון לובלינער ישיבה.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דער רבי און דער תלמיד, ר' יעקב פּאָלאַק און ר' שלום שכנא האָבן נישט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין ספרים. אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, באַשטעטיקט אַ בריוו פון ר' ישראל דער זון פון ר' שלום שכנא.

„בקשתי עם הרבה לומדים ממנו שיעשה פוסק. ותשובתו היתה, מחמת רוב חסידותו וענותנותו אשר היה עניו יותר מכל אדם אשר על פני האדמה ואמר:

— יודע אני דשוב לא יפסקו כי אם כאשר אכתב. מטעם הלכה כבתרא. ואין רצוני שיסמוך העולם עלי, ומהאי טעמא, לא עשה נמי רבי הגאון מהריף שום ספר. גם שום תשובה ששלחו מרחוק לא העתיקו אלה הגאונים מהאי טעמא".

אין דער יידישער איבערזעצונג לייענט זיך דער בריוו: „גאַר אַ סך מאָל האָב איך געבעטן, צוזאַמען מיט נאָך פילע לומדים, ער זאָל אָנשרייבן אַ פּוסק. און מחמת זיין גרויס פרומקייט און עניוות, האָט ער אונז געענטפערט:

— איך ווייס אַז אויב איך וועל דאָס טאָן וועט מען זיך פאַרלאָזן אויף מיר. און צוליב דעם זעלבן טעם האָט אויך דער רבי הגאון ר' יעקב פאלאק נישט איבערגעלאָזן קיין שום ספר. אפילו פון די תשובות וואָס זיי האָבן צושיקט איבער דער גאַרער וועלט האָבן זיי נישט אויפגעהיט קיין קאָפּיעס". די פאָטערס פון פּוילישן דרך אין לערנען האָבן איבערגעלאָזן תלמידים — נישט קיין ספרים. ווי ווייט מיר ווייסן, זענען אויפגעהיט געוואָרן בלויז צוויי תשובות פון זיי ביידן.

דער ליטווישער דרך אין לערנען הויבט זיך אָן מיט אַ צוויי הונדערט יאָר שפּעטער. מיטן ווילנער גאון, ר' אליהו בר' שלמה זלמן (1720—1798) און זיינע תלמידים. אין ליטווישן דרך אין לערנען איז דאָ נישט ווייניקער חריפותדיקע דיאַלעקטיק ווי ביי די פּוילישע גאונים. אָבער זייער ציל איז נישט די שאַרפע המצאה, נאָר דער הלכהשער אמת; נישט דער שכלדיקער בליץ, נאָר די קלאָרע דעפיניציע; נישט די זייטיקע עקסקורסיעס פון לאָגיק און פּראַצעס פון שאַפן, נאָר דער קריטישער אַנאַליז פון אָריגינעלן טעקסט, וואָס געפינט זיין באַשטעטיקונג אין די ווערטער פון ראשונים.

אין אַ בריוו געשריבן אָנפאַנג תקס"ג — 1803 — דערקלערט ר' חיים דער תלמיד מובהק פון ווילנער גאון, די סיבות וואָס האָבן אים באַוועגט צו שאַפן די ישיבה אין וואָלאָזשין.

„עס איז שוין אַ לאַנגע צייט זינט מען האָט אויפגעהערט צו האַלטן ישיבות דאָ אין לאַנד, און אַלע וואָס זוכן גאָט און זיין תורה זיינען צעשפּרייט ווי די שאָף וואָס האָבן נישט קיין פּאַסטוך... אויב מיר וועלן אין דער איצטיקער צייט שווייגן, ווען די הענט לאָזן זיך אַראָפּ, קאָן חס ושלום קומען אַ צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט בלייבן אָן פּירערס, און די טירן פון די בתי מדרשים וועלן חלילה, פאַרשלאָסן ווערן. אחינו בני ישראל, אפשר איז שוין געקומען די צייט צו פאַריכטן דעם בראָך און זיך אומקערן צו גאָטס תורה".

די וואָלאָזשינער ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תקס"ב — 1802 — און אַריבער 90 יאָר ביז 1893, איז זי געווען די העכסטע יידישע דערציונגס אינסטיטוציע, נישט נאָר אין ליטע נאָר אויך אין פּוילן. צו יענער צייט איז שוין פּוילן מער נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה, און דער גרעסטער טייל פון פּוילישן יידנטום איז אַריבער אין רשות פון רוסלאַנד. די שפע פון גייסטיקע ענערגיע און שעפערישקייט וואָס האָט אַ סך יאָרן געדרימלט אין

מזרח־אייראָפּעישע יידן, איז געקומען צום פולסטן אויסדרוק אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. וואָלאָזשין איז מער ווי אַ גרויסע תורה אינסטיטוציע אויף אַ פיצעלע שטח אין דער ליטא; זי איז די מאַמע פון כמעט אַלע גרויסע ישיבות אין 19־טן און 20־טן י״ה.

סלאָבאָדקע, טעלז, מיר, ראַדין, לאָמזע, סלוצק, גראָדנע, קלעצק, פּאָניוועזש און אַ סך אַנדערע גרויסע ישיבות, האָבן אין וואָלאָזשין געזען זייער היסטאָרישן פּראָטאָטיפּ.

וואָלאזשין איז נישט געווען די ערשטע ישיבה אין ליטע, פּונקט ווי לובלינער ישיבה אין 16־טן י״ה, איז נישט געווען די ערשטע ישיבה אין פּוילן. מען האָט אין מזרח־אייראָפּע געלערנט תורה און געשאַפן חדושים נאָך אַזוי פרי ווי אין 11־טן י״ה, ווי עס באַווייזט דער כתב־יד פון חדושי תורה געשריבן פון אַ רוסישן יידן אין 1094. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון רוים.

אין 12־טן י״ה שרייבט זיך שוין אויף ר׳ משה מקיעוו מיטן באַגדאַדער ראש הישיבה דער גאון ר׳ שמואל בן עלי. פון זייער קאָרעספּאָנדענץ איז אונז פאַרבליבן אַ תשובה.

אין 15־טן י״ה איז שוין אין לעמבערג געווען אַ גרויסע ישיבה אַנגעפירט פון דעם ספרדי ר׳ לוי בן יצחק קיקינש. און אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י״ה האָט דער „שאגת אריה״ געזאָגט שעורים אין דער מינסקער ישיבה. אָבער זוכה געווען צו ווערן אַ מוסטער פאַר ישיבות, האָבן נאָר לובלין און וואָלאָזשין.

ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט שרייבן די געשיכטע פון ישיבות, וועט ער אפשר צוגלייך מיט לובלין און וואָלאָזשין אויך דערמאָנען די שטאָט קלעצק, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו זיין אַ אכסניה פון תורה פאַר אַ גרויסער ישיבה. קלעצקער ישיבה, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע ישיבות, האָט זייער פיל בייגעשטייערט צו דעם תורה־רענעסאַנס פון אונזער צייט, ביז וואַנען דער שונא האָט צושמעטערט די כתרים פון תורה און אונטערגעזעגן ביז די וואָרצלען דעם עץ החיים, וואָס האָט זיך אַזוי פּרעכטיק צובליט. צווישן די מיליאָנען אומגעקומענע אין דעם לעצטן חורבן זענען אויך פאַראַן די מערסטע בני הישיבה.

עס זענען נאָך נישט געשריבן געוואָרן די קינות אויף אונזער חורבן, דער גרעסטער אין דער יידישער געשיכטע. ווען מיר איבערזאָגן די קלאָג רייד פון גנראַלער רב „על הרוגי חכמי פולנא״, וואָס זענען אויסגעיאָמערט געוואָרן מיט אַריבער 300 יאָר צוריק אויפן חורבן ת״ח און ת״ט.

„פּוילן העדינה — דו אויסדערווילטע פאַר תורה און וויסן. צו דיר איז קיין גלייכן נישט געווען זינט דאָס פאָלק איז אין גלות געגאַנגען. איצט ביסטו פאַרוויסט און פאַרוואָגלט, פאַרגעסן און פאַרלאָזן.

אַהין פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע פּאַסטוכער פון פאָלק, דאָרט פלעגט מען פאַרפעסטיקן די יסודות פון דת און לערנען די חוקים פאַרן פאָלק ישראל.

איצט צו וועמען זאָל איך דיך גלייכן דו פּוילן לאַנד?

ווו זענען די ישיבות מיט זייערע חכמים?

ווער וועט איצט די געזעצן דערקלערן, ווער וועט די סודות התורה אַנטפּלעקן. ווער וועט אונז איבער די טיפענישן פון ים התלמוד פירן?

צוגענומען איז פון אונז געוואָרן גאָטס ארון, און צו אש איז געוואָרן דאָס הויז פון יעקב״.

הרב צבי יהודה מעלצער / איינדרוקן און זכרונות

(פאַרצייכנט דורך ש. ערנסט)

פאַראַן אַ מאָל, אַז איין איינציקער פּונקט דינט ווי אַ סימבאָל פון אַ גאַנצער תקופה אין לעבן פון אַ מענש. אָט אַזאַ פּונקט איז פאַר אים אַן אָנשפּאַר, אַ מין ליכט־פּאַקל, וואָס באַלייכט אים זיין גאַנצן לעבנס־וועג.

פאַר מיר פּערזענלעך איז געווען די קלעצקער ישיבה אַזאַ סאָרט ליכט־פּאַקל. בעת איך דערמאָן זיך אָן מיינע יונגע יאָרן, פלאַטערן ביי מיר אין דמיון די געשטאַלטן פון נאָענטן עבר, און עס שווימען אויף פאַר מיר מיינע טייערע חברים פון דער ישיבה.

איך געדענק גוט, וויאַזוי אָט די ישיבה איז בהדרגה׳דיק געוואָרן אין קלעצק אַ פעסטונג פון תורה, אַ הייליק ווינקל אין אונדזער שטאָט. דער נאָמען „קלעצקער ישיבה״ איז נישט אומזיסט געוואָרן אַזוי טיף איינגעבאַקן ביי אונדזערע קלעצקער בני־עיר אין האַרצן. אַלע געדענקען זייער גוט אָט דעם תורה־צענטער, ווו דער קול־התורה האָט זיך געהערט בייטאָג און ביינאַכט.

די יאָרן וואָס זענען אַוועק — זיי קענען נישט פאַרמינערן דעם גלאַנץ, די פּראַכט פון דער קלעצקער ישיבה שיינט אויך דאָ ביי אונדז אין ישראל, אין דער „ישיבת הדרום״ אין רחובות, ווו דער שילד ביים אַריינגאַנג זאָגט בפירוש: זכרון לישיבת קלעצק.

די גרינדונג פון דער ישיבה

זכרונות, פלאַמיקע טרוימען פון התרוממות הנפש און דער־הויבונג, פירן אונדז צוריק צו אַ פריערדיקער שיינער תקופה, וואָס איז געוועזן אַ ווענד־פּונקט אין יידישן לעבן — דאָס איז געווען אין סוף פון פריערדיקן יאָרהונדערט, אין יאָר תרנ״ז. אין דעם יאָר האָט מיין פאָטער זצ״ל, הרב ר׳ איסר זלמן מעלצער זכר צדיק לברכה, געגרינדעט אין סלוצק אָט די ישיבה. עס האָט אים געהאָלפן דערצו דער דאָרטיקער רב, ר׳ יעקב דוד רידב״ז, דער מחבר פון פּירוש אויפן תלמוד ירושלמי. די ישיבה איז גיך געוואָרן טייער ביי די לומדים, ווייל מיין פאָטער זצ״ל, האָט אויסגעקליבן די בעסטע תלמי־דים פון דער מוסר ישיבה „כנסת ישראל״ אין סלאָבאָדקע אַלס ערשטן קערן. און אַז די „ישיבת סלוצק״ האָט אָנגעהויבן שם׳ען איבער דער געגנט, האָט מען שוין געוווסט, אַז ווו נאָר אַ בן־תורה ערגעץ — ווו אין דער געגנט האָט עס אים געצויגן אַהין.

די טענדענצען בעת דער גרינדונג פון דער ישיבה

שוין בעת דעם באַשיידענעם לייגן פון גרונדשטיין פאַר דער סלוצקער ישיבה, זענען געלייגט געוואָרן יסודות פאַר דעם דאָמע־נירענדיקן כוח און איינפלוס פון דער ישיבה אין דער צוקונפט. קודם־כל זענען עס געווען די געמיינזאַמע יסודות פון אַלע ישיבות — ש״ס און פּוסקים, אָט די לימודים, וואָס פאָרמירן די גייסטיקע געשטאַלט פון די וואָס גרייטן זיך ווערן רבנים אין די קהילות. אָבער מיין פאָטער, עליו השלום, האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר דער „עליטע״ אין דער לומדישער וועלט. אַ סך כוחות האָט ער אַריינגע־

לייגט, כדי אין זיין ישיבה זאָלן זיך קאָנצענטרירן תלמידים, בעלי מידות, וואָס זאָלן שפּעטער ביים פאַרנעמען דעם כסא הרבנות מאַניפעסטירן די יידישע לומדות. דער פאַר טאַקע האָט ער אַזוי נישט צוגעלאָזט קיין „השכלה ווינטן", וואָס זענען עלול אַריינברענגען אַ ריס אין די נשמות פון די תלמידים.

דאַקעגן האָט דער שטראָם פון מוסרן אַריינגעדרונגען אין אָט דער ישיבה. און מיין פאָטער האָט איינגעזען, ווי וויכטיק עס איז, אַז די צוקונפטיקע רבנים זאָלן טראָגן אין זיך דעם גייסט פון לומדות מיטן גייסט פון מוסר אינאיינעם, זיי זאָלן זיין אַזעלכע „חלוצי התורה מחנכים", דורכגעדרונגען מיט דעם „תורה באוווסטזיין".

ביים לייגן די יסודות פאַר דער ישיבה האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן די אידיי, אַז כדי אויפצוהאַלטן, תורה און יידישקייט און אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם פון וועלטלעכקייט, וואָס האָבן פאַר־פלייצט די יידישע גאַס, דאַרף מען ביי די תלמידים פון דער ישיבה איינפלאַנצן מוסר, מידות און אהבת התורה. חיזוק התורה איז געווען דער וואָרצל און שטאַם. און זייַן סימבאָל — דער גייסט פון וואָלאָזשין.

די ישיבה פון סלוצק האָט באַקומען אַן אייגענעם גייסט און געשטאַלט, זי האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן אויך שפּעטער, ביים איבערוואַנדערן קיין קלעצק. זי איז געוואָרן אַ „בית היוצר לנשמת האומה" מיט ווידערשטאַנדספעיקייט קעגן די נייע ווינטן, וואָס האָבן אַזוי געלאָקט די יוגנט. די לומדישע תלמידים פון דער „סלוצקער ישיבה" האָבן מיט ברען און מסירות נפש פאַרפלאַנצט תורה, און נאָכן פאַרענדיקן די ישיבה האָבן זיי פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט צווישן די רבנים פון פאַרשידענע קהילות.

דער איבערוואַנדערונג קיין קלעצק

דער באַנייטער וווקס פון דער ישיבה אין קלעצק און איר גייסטיקע געשטאַלטונג, איז צו פאַרדאַנקען דעם ראש ישיבה, דעם גאון הרב אהרן קאָטלער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער פויליש־באָלשעוויס־טישער מלחמה, איז סלוצק איינגעשלאָסן געוואָרן אין די גרענעצן פון רוסלאַנד. עס איז פאַר אונדז אַלעמען געווען קלאָר, אַז די ישיבה וועט אין סלוצק נישט האָבן מער קיין תקומה. הרב אהרן קאָטלער האָט שוין דעמאָלט געזאָגט: נישט נאָר אין סלוצק וועט די ישיבה נישט האָבן קיין תקומה, נאָר די יעווסעקעס וועלן אויך קיין „חדר" נישט דערלויבן. דעריבער טאַקע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן איבערפירן וואָס שנעלער די ישיבה מיט די תלמידים קיין קלעצק, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון גרענעץ.

מיר דערמאָנט זיך עס ווי ס'וואָלט געווען ערשט נעכטן. מיר, ישיבה בחורים פון דער סלוצקער ישיבה גייען צופוס, צווישן שטילע פעלדער און די נאַכט איז צעשפּרייט, עס לייכט אַ בלייכע לבנה, מיר גייען, און זינגען. פויערים קוקן, און ס'קומט זיי פאָר עפּעס מאָדנע, ווי „שמוגלערס" זענען מיר אין זייערע אויגן, אָבער מיר פילן, אַז מיר גייען פאַרפלאַנצן אַ נייעם מקום תורה.

און ווי ליבלעך איז אונדז געווען צומאָרגנס, אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין קלעצק און פון אַלע פנימער דאָרטן שיינען צו אונדז אַנטקעגן פריינטלעכע אויגן און אַ האַרציקער קבלת פנים. אויפצונעמען אַ ישיבה איז אַ שווערער עול — אָבער די שטאָט קלעצק האָט אויף זיך דעם עול גענומען מיט אָפּפערווילקייט, ווייל די קלעצקער תושבים זענען פון שטענדיק אָן געווען גרויסע מוקירי־תורה. און עס האָט זיך טאַקע גאָר גיך געשאַפן אַ הייליקער בונד צווישן אונדזער ישיבה מיט קלעצק, אַ בונד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן אומקום.

„מוסר שמועסן"

דער פלאַם פון תורה האָט געברענט אין דער ישיבה פון קלעצק, באַגלייט מיט דער טענדענץ פון דער מוסר־באַוועגונג, מיט דער שפּרודלדיקייט פון אהבת הבריות מיטן אידעלען צוגאַנג צו דער נשמה פון יחד. נאָר דער וואָס האָט געלערנט אין אָט אַזעלכע ישיבות, קען די האַרציקע מעלאָדיע אָן ווערטער, וואָס האָט זיי באַגלייט ענדלעך צו האָט דער האַרציקער מעלאָדיע, וואָס איז געווען פאַרוועבט אין חסידות אין פוילן און אין גאַליציע.

לויט מיין מיינונג, איז די מוסר־באַוועגונג געווען אַ באַוועגונג מיט אַ טענדענץ פון אַן אינערלעכער באַנייונג. אָט דאָס וואָס האָט געדרימלט ערגעץ אין די טיפענישן פון דער נשמה אין משך פון דורות ביי בעלי מוסר אין דער לומדישער וועלט אין אונדזער געגנט, האָט באַקומען אַ נייעם אויסדרוק. „מוסר" האָט געפירט אַן אָפענעם געראַנגל מיטן „יצר הרע". ביי אונדז אין דער קלעצקער ישיבה האָט יעדער תלמיד דורך „מוסר שמועסן" באַקומען זיין אינערלעכע קריסטאַליזירונג, אַ טיף יידיש־מענשלעכע, אהבת הבריות'דיקע אויפפאַסונג.

פון קלעצקער ישיבה איז אַ תלמיד אַרויס אַ בעל־מידות, מיט אַן עטיש־הומאַניסטישע יסודות אין לעבן. זיכער האָט עס ר' אהרן קאָטלער אינזינען געהאַט דאָס פאַרפלאַנצערן דעם תלמיד קעגן די נייע ווינטן.

ר' אהרן קאָטלער האָט געזוכט צו דערנענטערן דעם תלמיד צו דער גייסטיקער ירושה פון די פריערדיקע דורות, אָבער זיין געדאַנ־קען־גאַנג איז שטענדיק געווען געריכטעט צו דער צוקונפט. דאָס טיף־קערנדיקע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. זיינער אַ שיעור און לערנען איז געווען מוסטערהאַפט, הן אין תוך, הן אין דער פאָרם.

סיי אין לעבן, סיי אין תורה, איז ער געווען אַ מענש מיט שלימות. אין דער פילפאַרביקייט פון די פערזענלעכקייטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער קלעצקער ישיבה, איז ער געווען דער בולטסטער, ס'האָט פון אים געשטראָמט אַ ים מיט ענערגיע, טראָגנדיק שטענדיק אויף זיך דעם עול פאַר דער ישיבה.

פאַר זיינע אויגן איז שטענדיק געשטאַנען די אידיי פון „הפצת התורה". ער אַליין איז געווען אַ וווּנדערבאַרער מסביר, וואָס פלעגט פאַרבינדן הלכה מיט אגדה און איינפליסן אין זיינע תלמידים דעם רוח הקודש. דער תלמיד האָט פון די פערל, וואָס עס האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל געשעפּט קדושה און התרוממות־הנפש אויפן גאַנצן לעבן.

ישיבת קלעצק האָט געהאַט פאַרשטענדניש פאַר ארץ ישראל, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם לימוד פון די „הלכות התלויות בארץ", ביים לערנען די הלכות פון „שמיטה" און פון „יובל" א.אַז.וו. פון די תהומ'ען פון דער קאָסמישער השגה איז ר' אהרן קאָטלער איבערגעגאַנגען צום לערנען תורה, וואָס דערמאָנט אונדז אין יענער צייט ווען מיר זענען געווען אַ פאָלק אויף אונדזער אייגענעם באָדן. דעם חוש פאַר היימלאַנד און ארץ ישראל, די ליבשאַפט צום הייליקן לאַנד און צו אונדזער הייליקער שטאָט ירושלים — איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין האַרצן דורך אָט דעם לימוד.

„קנין תורה", קונה זיין תורה פון הרב ר' אהרן קאָטלער — אָט דאָס איז געווען דער מאַגנעטישער כוח המושך פאַר עילויים און חריפים פון נאָענט און פון ווייט. זיין פערזענלעכקייט לאָזט זיך נישט דעפינירן מיט איין דעפיניציע, ס'איז שווער צו זאָגן: אַז ער איז נאָר אַ חריף, נאָר אַ בקי אָדער אַן „אָפענער מוח" — זיין גייסטיקע פערזענלעכקייט איז פילזייטיק און פול מיט אַנטפּלעקונגען. אין דער ישיבת קלעצק האָט ער באַוויזן, אַז ער איז אַ תורה־מחנך, אַ דער־ציער פון ערשטן ראַנג. ער פלעגט די שיעורים אין דער גמרא זאָגן

צוגרייטנדיק זיך, ווי אַמאָל אַ „כהן צו דער עבודה". **אַ שיעור** פלעגט אַמאָל בײַ אים דויערן 6 שעה און מ'פלעגט אים לערנען מיט הפסקות, די בעסטע עילויים אין דער ישיבה האָבן נישט אַלעמאָל געקענט נאָכפאָלגן זיין שטראָם פון עמקות מיט חריפות.

ר' אהרן קאָטלער איז געשטאַנען פעלזן־פעסט, די גדולי התורה פון דור פלעגן אים באַצייכענען, ווי איינעם פון די „בעלי תריסין" אין דער וועלט פון תורה — און מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט זיינע איידעלע מידות האָט ער באַשטראַלט אויך זיינע תלמידים, איינ־געפלאַנצט אין זיי מסירות נפש ביים אויפצושטעלן אומעטום פעסטונגען פאַר תורה, שאַפן אומעטום אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר לומדי תורה. זען מיר דאָך טאַקע ווי די, וואָס זענען געווען פאַר־בונדן מיט ישיבת קלעצק, שאַפן אומעטום אינזלעלעך פאַר תורה. זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט — די אַמאָליקע תלמידים פון „ישיבת סלוצק" און „ישיבת קלעצק" — און אומעטום הערט זיך זייער וואָרט פון תורה און חכמה.

ר' אהרן קאָטלער דער אַרכיטעקט פון תורה, איז געווען ווי אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט געפירט אָט די שיף וואָס האָט זיך גערופן „ישיבת קלעצק", און תמיד אַרויסגעוויזן אַ טיפע ליבשאַפט צו די תלמידים. עד היום דערמאָנען זיי מיט בענקשאַפט זיין ווירדיקע ליבלעכע פערזענלעכקייט ווי קינדער וואָס טוליען זיך צום טאַטן, אַזוי פלעגן די תלמידים זיך צוטוליען צו ר' אהרנ'ען, ווייל דער גרונטשטריך פון זיין נאַטור איז — גוטסקייט, און אויך האָט ער שטענדיק פאַרמאָגט טיפע ליבשאַפט צו לומדי תורה — ווי אָפט פלעגט ער זיין וואַך ביז נאָך אַ האַלבע נאַכט זאָרגענדיק פאַר די הצטרכות'ן פון די תלמידים.

— „זייער לימוד" דאָ איז דאָך דער „פּרוזדור" פאַר דעם אמת'ן „טרקלין" — פאַר'ן פאַרפלאַנצן תורה איבער דער וועלט — דאָס איז געווען ר' אהרנ'ס לאָזונג.

דערצו זענען נאָך צוגעקומען די „שיעורים" און „מוסר". זיי זענען געווען אַ מייסטערשטיק פון אינטראָספּעקציע: דאָס לערנען די תלמידים ווי אַזוי אַריינצוקוקן אין זיך אַליין, אין דער אייגענער נשמה.

ר' חיים פּימשטיין

ער איז געווען אַ שטראַלנדיקער מענטש. פון די שענסטע לומדישע פערזענלעכקייטן בײַ אונדז אין קלעצק. אַ פּשוטער סוחר, נישט קיין רב און נישט קיין מורה הוראה, האָט ער אָבער זיין לעבן געווידמעט דורכאויס פאַר „צרכי ציבור" און פאַר דער ישיבה. ער האָט געווירקט פאַר דער ישיבה צוזאַמען מיט ר' אליעזר כ ה ן און ר' זיסל מ י ל ע ר — אַלע דריי צוזאַמען האָבן פרייוויליק אויף זיך גענומען דעם שווערן עול פון זאָרגן פאַר דער ישיבה און אַלע אירע הצטרכות'ן.

זיי דריי האָבן אין אונדזער ישיבה געזען אַ ברייט פעלד צו פאַרפלאַנצן אהבת תורה אין קלעצק, און אַ דאַנק זיי איז געשטאַרקט געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן די קלעצקער תושבים מיט אונדזער ישיבה. די תלמידים פון אַנדערע שטעט, די וואָס האָבן מקיים געווען דעם געבאָט: „הוה גולה למקום תורה" (ווער פאַרוואָגלט אין אַ מקום תורה), זענען בײַ זיי געווען ווי אייגענע קינדער. זיי האָבן פאַר זיי געזאָרגט, זיי פלעגן מיט נייגער הערן פון די תלמידי סאַ תורה־וואָרט, אַ דבר־חדש, אַ אויפקלערונג פון אַ שווערער סוגיא. זיי האָבן געזאָרגט פאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ פון דער ישיבה, צוזאַמען מיט אונדז, די אָנפירער פון דער ישיבה, זיך באַטייליקט אין זיצונגען, זאָרגן וועגן יעדן פרט, וועגן אַלע באַדערפענישן פון די תלמידי הישיבה.

פאַר ר' חיים פּימשטיינען, איז אָבער דאָס נישט געווען גענוג. ער האָט נאָך אַ חוץ דעם אויפגעטאָן אַסך אין גרינדן די רעליגיעזע שול פאַר מיידלעך „בית יעקב" און נאָך פאַרשידענע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן געהאָלפן צו פאַרפלאַנצן יידישקייט בײַ אונדז אין שטאָט.

און נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין גרויסקייט אין תורה. אָט דער בעל מידות, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט אַזאַ ליבשאַפט צו די תלמידי הישיבה און האָט נישט געוואָלט זיין קיין רב, נאָר אַ פּשוטער סוחר וואָס האָט זיך געהאַלטן עניוות'דיק, איז געווען אויך אַ גדול אין תורה, און זיינע חידושים אויף גאַנץ ש"ס (וואָס זענען געדרוקט געוואָרן שפּעטער ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ ישראל און איז דאָ געוואָרן אַ רב), אַנטפּלעקן פאַר אונדז זיין אייגע־נעם דרך אין לימוד, זיין בקיאות און חריפות, בעת ער פאַרענטפערט שווערע קושיות צו דער גמרא.

דער ברייטער פאַרנעם און חריפות וואָס ער ווייזט אַרויס אין אָט דעם ספר „מגדי חיים" — דריי גרויסע בענדער, זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן, — שטעלן אים אַוועק אין דער רײ פון די גדולי התורה.

איצט אין דיסטאַנץ פון צענדליקער יאָרן, זע איך אים ווי ער פלעגט בייטאָג עוסק זיין אין מסחר, אָבער אין אָוונט איז ער שוין אין אַן אַנדער וועלט, אין דער וועלט פון תורה. כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען אין זיין אַרבעט בעת ער האָט געשריבן זיין „מגדי חיים". ער פלעגט מיר ליב האָבן צו ווייזן זיינע ענטפערס אויף קאָמפּליצירטע שאלות. זיינע מוח־אויפבליצן און חידושים האָבן מיך פאַרכאַפּט. דערביי געווען באַשיידן. זיך נישט געגרויסט מיט זיין לומדות. פלעגט אָפט ציטירן די מימרא פון חז"ל (אין מסכת פסחים, ס"ו, עמוד ב') אַז ...כל המתייהר אם חכם הוא — חכמתו מסתלקת ממנו". געווען נישט נאָר אַ גדול בתורה, נאָר אויך אַ זעלטענער „אוהב תורה".

כ'האָב מיט אים דעמאָלט געהאַט אַ טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט. אין יעדן שווערן מצב, איז ער געווען אונדזער בעל־עצה. אַז מ'האָט אַ גרופּע ישיבה בחורים וואָס זענען געקומען אָן פּאַספּאָרטן פאַרשפּאַרט אין אַ שטאָל פון פערד, אַז עס זענען געווען שווערע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס איז בײַ אונדז שטענדיק געווען איין אַדרעס: — ר' חיים פּימשטיין!

דערביי איז ר' חיים פּימשטיין געווען אויך אַ סוחר, אַ פּיקח אין „מילי דעלמא", אין וועלטלעכע זאַכן.

ר' זיסל מילער און ר' אליעזר כהן

זיי זענען געווען די לעצטע צוויי פון אָט דעם „דריילינג", — ביידע בעלי מידות, ביידע באַשטראַלט מיטן אור התורה, באַפליגלט מיט דער אידיי צו העלפן ביים פורעמען דאָס גייסטיק־רעליגיעזע לעבן אין קלעצק. מיט דער קלעצקער ישיבה זענען זיי זעווען פאַרבונדן פון ערשטן טאָג אָן, ווי מיר האָבן באַטראָטן דעם באָדן פון שטעטל. בײַ זיי איז תורה און מעשים טובים געגאַנגען געפּאָרט צוזאַמען.

אין תלמוד ירושלמי (שבת פ"ט) רעדט זיך וועגן „תורה, וואָס האָט אַ בית אב" — בײַ ר' זיסל מילער און ר' אליעזר כהן, איז דער מבצר התורה, וואָס האָט דעם „בית אב" פריער געהאַט אין סלוצק און איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן שפּעטער אין קלעצק, געווען זייער טייער. זיי זענען געווען געקניפּט און געבונדן מיט אונדזער ישיבה, און אַ מוסטער אין זייער לעבן און התנהגות. זיי האָבן רעפּרעזענטירט אָט דעם טיפּ פון „אוהבי תורה", האַרציקע יידן, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז עס זאָל ברענען דאָס פייער פון תורה, עס זאָל זיין ישיבות — פעסטונגען פון תורה.

הרב דב דוד קרייזער זצ"ל

מענטשן, בני תורה, וואָס האָבן מיט זייער לעבן און זייערע מעשים געהייליקט דאָס יידנטום, זענען אָפט געווען פאַרבונדן מיט באַרימטע ישיבות.

ר' דב בער קרייזער זצ"ל האָט רעפּרעזענטירט דעם טיפּ אַלס ראש ישיבה אין ישיבת קלעצק, פאַר די יוגנטלעכע פון צווישן די תלמידים — פאַר זיי איז ער אויך געווען דער מדריך, וואָס שאַפט דעם גייסטיקן קלימאַט, לייגנדיק דאָס הויפּט געוויכט אויפן לימוד פון דער אגדה. די הלכה איז טאַקע דער יסוד פון לימוד אין דער ישיבה, אָבער די לעבעדיקע צירקולירנדיקע לופט פון דער אגדה וועלט, טראָגט אַריבער דעם תלמיד אין דער אַלטער צייט. וויקלט פונאַנדער בילדער און געשטאַלטן וואָס פאַרכאַפּן אים מיט פאַרוואונדערונג. ר' דוד בער קרייזער האָט פון אָט דעם לימוד צוזאַמען מיט „מוסר שמועסן", אַרויסאַנטפּלעקט דעם „סם" פון „חיסון הרוח", פון דער גייסטיקער היגיענע" פאַר'ן ישיבה־בחור, אויף וועמען עס לויערן די ווינטן פון השכלה און בילדונג, וואָס ליידיקן אויס די יוגנט פון יידישן תוכן. און ער האָט פאַרשטאַנען צו פאַר־פלאַנצן אין זיי אהבת התורה און אהבת הבריות, הומאַניסטישע קניינים צוזאַמען מיט תורה ווערטן.

ר' יצחק כהן טימקאָוויטשער

איינער פון די טייערסטע געשטאַלטן — דער נאָמען איז גוט געווען פאַרוועבט אין לעבן פון אונדזער ישיבה — איז געווען ר' יצחק כהן טימקאָוויטשער. פון די גאָר ערשטע תלמידי הישיבה נאָך אין סלוצק, אַ מסתפק במועט, אָבער אַ מענטש מיט האַרץ און נשמה, מיט אַ גייסטיקער עשירות וואָס ער האָט קוים אַרויסגעוויזן. — וויפיל יסורים האָט אָט דער ר' יצחק כהן דורכגעמאַכט — ער איז זיי מקבל געווען באהבה. יסורים לויטערן דעם מענטש. און ער לערנט יומם ולילה.

זיין שטראַלענדיקע פּערזענלעכקייט ווירקט אויף די תלמידים. ער, צוזאַמען מיט הרב דוד בער קרייזער זצ"ל, פורעמען די גייסטיקע געשטאַלט פון די תלמידי הישיבה. די תלמידים זעען אַז אָט די ביידע מדריכים זענען סיי אַרכיטעקטן פון תורה און סיי צוגעשמידט מיט אַלע רמ"ח איברים צו דער יידישער טראַדיציע, אין זייער לעבן און אויפפירונג.

הרב פסח הורוויץ־טימקאָוויטשער

אַז כ'דערמאָן זיך אין אים ציטערט אין מיר ס'האַרץ. געווען אַ צאַרטער מענטש, דער איידעם פון רב ר' חיים שמעון הערנזאָן. אַן אויסגעצייכנטער בעל הסברה, אַ פּאָפּוליאַריזאַטאָר פון תורה אין בעסטן זין פון וואָרט. ביי אים איז דער לימוד התורה געווען אַ מין השתפכות הנפש. אַ סענטימענטאַל־לירישע פילבאַרע נשמה.

עמיצער זוכט, בלאָנזשעט ביז ער געפינט זיין סטעזשקע — הרב פסח הורוויץ־טימקאָוויטשער האָט געפונען זיין סטעזשקע און געזען זיין גאַנצע וועלט אין דערציען אַ דור פון לומדים. ער האָט זיך באַמיט צו אַנטוויקלען „לימודים עצמיים", אייגענע אויסגעזוכטע וועגן אין תורה לערנען, דורכ'ן אַריינדרינגען צוזאַמען מיט די תלמידים טיף־טיף אין ים התלמוד און אַרויסציען פון אָט דעם ים די פּערל.

הגם בטבע אַ „יושב אוהל", ווערט ער אַריינגעצויגן אין עסקנות אין שטאָט ענינים דורך זיין שווער, רב הערנזאָן. ער אַרבעט לטובת הכלל ביזן לעצטן אָטעם־צוג, בעת ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קדושים פון אונדזער שטאָט.

עילויים אין דער ישיבה

די עילויים אין די ישיבות — זיי זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אָט קומט אָן אין דער ישיבה אַ בחור'ל פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפן אָרט, זיצט טאָג־טעגלעך ביי אַ שטענדער, האָט ליב צו לערנען ביחידות — קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, אָבער פּלוצעם, הרב קאָטלער רעדט אַרום ביים שיעור אַ שווערע סוגיא, מ'איז זי קוים תופס, און אָט מישט זיך אַריין אָט דער בחור'ל, מאַכט ברייטער דעם ענגן ראַם, מישט צונויף תוספתא מכילתא, פרעגט אָן אַ „תוספות" פון אַ „ירושלמי" און פון ר"ן אויף נדרים — דער יונגער עילוי וואָס אַלע ווערן פאַרגאַפט פון אים, איז מרדכי, מאָטל איוויער (איליאַ־וויטש). איך הער נאָך איצט זיין קול, איך הער זיין געמורמל, דער שאַרפער עילוי האָט אין קאָפּ אַ בונט שליסלען צו דער גאַנצער תורה שבעל־פה. ער פאַרשטייט נישט די „אחרונים", וואָס „פּלוידערן" זיי — אָט נעמט די טעקסטן פון די „ראשונים" — זיי זענען דאָך אָפן! אַז ר' אהרן קאָטלער זאָגט אַ שיעור, אַ טיפן אַ חידושדיקן — חזר'ט דעם גאַנצן שיעור נאָכדעם איבער מרדכי איוויער אויסנווייניק, נישט פאַרלירנדיק קיין איין וואָרט.

און אָט שטייט מיר פאַר די אויגן דער עילוי ישעיה סטויבצער. ער איז זייער גייסטיק, פאַרטיפט אין זיך אַליין.

אין מדרש פון ר' שמעון בן יוחאי שטייט: דער הייליקער, געבענטשט איז ער, האָט באַפוילן: „און איך וועל אַריינטאָן מיין משכן אין אייך" (זע וועגן דעם, אין ר' מאיר בן גבאי'ס ספר „עבודת הקודש" פרק ס"ב) איז דער טייטש: דער משכן פון תורה זאָל זיין אַ קנין שבלב, טיף איינגעבאַקן אין אייגן האַרץ".

אָט אין דער בחינה איז געווען אָט דער דאָזיקער עילוי, שטענ־דיק געפראַוועט התבודדות. נישט געזוכט קיין כבוד.

דער סטיל איז דער מענטש. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־סטיל, אויף אים האָט גערוט די שכינה. כ'זע נאָך איצט זיינע פינקלדיקע אויגן, כ'זע דעם שימער פון תורה־אויפבליץ.

ר' משה עפּשטיין זצ"ל

אויך ער, דער תלמיד הישיבה נאָך פון סלוצק, שטייט מיר פאַר די אויגן. אַ געוואַלדיקער מתמיד, פלעגט ער „שלינגען תורה", ס'איז אים געווען אַ שאָד ידע מינוט — מ'קאָן דאָך עפּעס מחדש זיין!

אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַן אייגנאַרטיקער יידישער חן, אַן אצילות'דיקייט, אַן פּערלדיקע שפּראַך האָט ער געהאַט, געווען אַ גרויסער בעל מידות, געזאָגט אויך שטענדיק ווי אַזוי צו פורעמען די גייסטיקע געשטאַלט פון די תלמידי הישיבה, געזאָרגט אַז צווישן זיי זאָל הערשן האַרמאָניע ווי אין איין משפּחה.

אין דער מחשבה בלעטער איך כסדר אין בוך פון דער פאַרגאַנ־גענהייט. עס זענען אַוועק יאָרן — זיי זענען נישט בכוח אָפּצומעקן אָט די זכרונות פון דעם נאָענטן עבר, וואָס האָט זיך טיף איינגע־קריצט ביי אַלע קלעצקער ווו נאָר זיי געפינען זיך. מיט טיפער בענקשאַפט און מיט כבוד־געפילן דערמאָנען זיך די לעבן־פאַר־בליבענע אָפּגעראַטעוועטע, זייערע יונגע יאָרן אין דער קלעצקער ישיבה, וואָס איז געווען פעסט פאַרוואָרצלט אין אונדזער שטאָט. אַ פאַקל, אַ פלאַם, וואָס די פונקען זיינע ווערן אָפּגעהיט אויך איצט דאָ ביי אונדז אין ישראל; ווייל די „ישיבת הדרום" אין רחובות איז דאָך פונעם זעלבן הייליקן פלאַם. עס פּולסירט דאָ דער באַנייטער כוח־התורה, דאָ אין דער ישיבה ווו אַרום בליען פּרדסים, און עס שטראָמען אויך אַהער בחורים פון גאַנצן לאַנד, וועלכע שפּינען ווייטער די גאָלדענע קייט פון ישיבת קלעצק, וואָס איז אַזוי באַרימט געווען אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

חיים יונתן קרייזער / אַ תלמיד פון ישיבת קלעצק דערציילט

„ישיבת קלעצק" — אַ נאָמען וואָס לאָקט, וואָס דערמאָנט אונדז אַ סך. אַ צויבער־וואָרט פאַר די פילע תלמידים, וואָס האָבן דאָרטן געלערנט. און עס דערמאָנען מיר זיך די יאָרן פון מיין יוגנט, יאָרן זוניקע, די שענסטע צייט פון מיין לעבן. עס דערוועקט זיך אַ בענקשאַפט צו יענע יאָרן, און אין דמיון לעבט ביי מיר אויף אָט יענע תקופה פון מיין יוגנט, ווען אונדזער שטעטל קלעצק איז געווען אַזוי ענג געקניפט און פאַרוועבט מיט דער באַרימטער ישיבה, ווו מיין פאָטער ז״ל איז געווען דער „ראש ישיבה קטנה", און אויך זיך געפונען אין דער ישיבה גדולה אין משך פון אַ סך יאָרן. סיי מיין פאָטער און סיי ר׳ אהרן קאָטלער, הרב מעלצער ווי אויך די אומרי השיעור אין „מוסר" — זיי אַלע זענען מיינע וועג־ווייזער, דערציער, מדריכים אין פולן זינען פון דאָזיקן באַגריף. אַזוי האָבן אויך געקוקט אויף זיי אַלע תלמידים.

אין קלעצק האָט פולסירט אַן געזעלשאַפטלעך־קולטורעל לעבן. עס זענען געווען שטאַרק אַנטוויקלטע יוגנט־באַוועגונגען, און מיר, ישיבה בחורים, זענען געווען גוט באַקאַנט מיט זיי, ווייל נישט איינמאָל פלעגן מיר זיך פאַרגנבענען צו הערן פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע שמועסן, דיסקוסיעס א. אַז. וו. אָבער מיר האָבן דערפון נישט געהאַט קיי התפעלות.

וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צווישן אַזעלכע שמועסן און די „מוסר שמועסן", וואָס מיר האָבן געהערט ביי אונדז אין דער ישיבה אין דער שפיץ פון אונדזער ישיבה איז דאָך געשטאַנען אַזאַ גרויסער גאון און תורה־אויטאָריטעט ווי ר׳ אהרן קאָטלער, וועמען מ׳האָט אין דער לומדישער וועלט גערופן דער „ר׳ עקיבא אייגער פון אונדזער דור". זיין מאַגנעטישע פערזענלעכקייט, זיין גרויסע בקיאות אין תלמוד האָט געצויגן עילויים מיט פעיקייטן פון דער גאַנצער וועלט.

*

אין זכרון ביי מיר איז איינגעקריצט דער רעליגיעז־גייסטיקער קלימאַט ביי אונדז אין שטעטל.

מיין פאָטער, ר׳ דוד בער קרייזער ז״ל איז געווען דער ראש „ישיבה קטנה", פאַר די יונגערע תלמידים און, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב יינגלווייז מיטגעטעמט מיטן גייסטיקן לעבן פון דער ישיבה. ס׳האָט אויף מיר, ווי אויף די אַנדערע יונגע תלמידים אויך שטאַרק געווירקט דער מוסרדיקער גייסטיקער קלימאַט. עס דערמאָנט זיך די פאַרנאַכטן. איך קוק אַרויס פון פענצטער און זע דעם פורפורדיקן פלאַמענשפיל פון זון פאַרגאַנג, אָבער איך ווער פאַרכאַפּט פון די „מוסר שמועסן". באַזילבערט פון לבנה שיין שאָקלט זיך דער „בעל מוסר", דראָבנע און שטיל זענען די ווערטער זיינע, אָבער זיי דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה, בעת ער רעדט „אור אין סוף", וואָס שטראַלט איבער דער וועלט, באַלעבט אַלץ און נעמט אַרום דעם גרעסטן ביזן קלענסטן...

ס׳דערמאָנט זיך איין שמועס אַזאַ בעת ער רעדט אַרום דעם מאמר חז״ל: „בשעה שעלה משה למרום, בשעת משה איז אַרויף אויפן הימל ביקשו מלאכי השרת לדחפו, האָבן די מלאכים אם געוואָלט אַוועקשטופן, אָמרו: מה לילוד אשה בינינו? וואָס טוט אַ מענש צווישן אונדז? מיד פירש עליו עננו — האָט אויף אים גאָט ברוך הוא פאַרשפּרייט זיין וואָלקן".

יעדער איינער — איז ער מסביר — האָט אין זיך אַ ניצוץ פון משה רבנו, און גאָט ברוך הוא פאַרשפּרייט אויף אונדז זיין וואָלקן. משה האָט געגעבן די תורה אויפן הר סיני, אָבער יעדן דור נעמען מיר די תורה פונסניי...

מיר, די ישיבה בחורים, זענען געוואָר אויסגעאיידלט דורך די „מוסר שמועסן", און די קלעצקער תושבים האָבן דאָס דערקענט אויף אונדז. די הילף פון די קלעצקער תושבים פאַר דער ישיבה, האָט געשאַפן אַן ענגן בונד צווישן אונדז און זיי. יעדער קלעצקער ייד, אַפילו אַזאַ וואָס האָט קוים געהאַט זיין „שטיקל חיונה", האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב (אפשר ריכטיקער זכות) צו העלפן אויפצוהאַלטן די ישיבה.

*

מיין טאַטע איז געווען אַ קנאי. ער וויל נישט דערלאָזן אין דער ישיבה די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן אַרום. ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרפעסטיקן יידישקייט ביי זיינע תלמידים אין דער „ישיבה קטנה". אָבער זעלטן ווער פון אונדזערע אַמאָליקע מדריכים קאָן פאַרצייכנען אַזעלכע אויפטוען ווי אָט דער רב צבי יהודה מעלצער, וואָס האָט מיט זיין איניציאַטיוו געגרינדעט אין רחובות די גרויסע „ישיבת הדרום", וואָס איז אייגענטלעך אַ המשך פון „ישיבת קלעצק". ער האָט אויך באַזיצט וועלטלעכע ידיעות און געווען אַ זעלטענער בעל מידות. געירשנט פון זיין פאָטער אצילות מיטן אייפערדיקער יראת־שמים. די תלמידים האָבן אים ליב אהבת נפש צוליב זיין גוט האַרץ, און דאָס קאָן מען הערן אויך איצט אין רחובות אין דער „ישיבת הדרום", און פון יידן אין רחובות וואָס רימען זיין עניוות׳דיקייט און פשטות.

*

די חנוכת־הבית פייערונג פון דער ישיבה, איז געווען אַ טיפע איבערלעבונג. קלעצק איז געווען אויפגעברויזט און פול מיט דערוואַרטונג. עס זענען געקומען צום חנוכת־הבית די גרעסטע רבנים פון גאַנץ פוילן און אויך פון אַנדערע לענדער. אַ סך פון זיי האָבן אַמאָל געלערנט אין סלוצק. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַהער ישיבה בחורים פון פאַרשידענע מקומות.

קלעצקער תושבים האָבן אויפגענומען די תלמידים פון די אַנדערע שטעט בסבר פנים יפות. קלעצק איז פון דורי דורות באַקאַנט אַלס אַ שטאָט פון מוקירי תורה. גע׳שם׳ט מיט פריינטגאַסטלעכקייט, האַרציקייט און אויפריכטיקייט.

*

הרב ר׳ אהרן קאָטלער איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה און ער איז געווען אַ מין „תורה־גענעראַל", ווי מיין טאַטע פלעגט זיך אויסדרוקן וועגן אים. קלאָר און טיף מיט זיינע חידושי־תורה, אַ זעלטענער בעל הסברה. געווען אַ מוסטערהאַפטער בעל סדר. ביי אים איז דער סדר־היום געווען פינקטלעך, און ער האָט יעדע שעה געמאָסטן און געוויגן. גלייכצייטיק אָבער געווען אַ וועלט־מענש. פון שטענדיק אָן געהאַט אַ חוש און אינטערעס פאַר ענינים מחוץ די ד׳ אמות פון הלכה, אים האָט פאַראינטערעסירט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן.

מיין פאָטער איז געווען צוגעבונדן צו אים בלב ונפש, און ס׳איז געווען ביי זיי אַ קעגנזייטיקע ליבשאַפט. ר׳ אהרן קאָטלער האָט זייער געשעצט ביי מיין פאָטער זיין גלי, זיין ברען און קנאישקייט. מיר די תלמידים, האָבן באַוואונדערט דעם האַרמאָנישן סינטעז פון עניוותדיקייט מיט אויפטו אין הרב קאָטלערס פערזענלעכקייט. אָט איז פאַר אונדז אַ מאַן פון תורה און אויפברויז, אָבער ער צאָמט זיין אויפברויז — און זיין שפּראַך זיין „סגנון הנפש" איז בקול דממה דקה.

מיר תלמידים זיינע האָבן געמוזט מיט אים, מיט הרב קאָטלער נישט איינמאָל ריידן וועגן געראַנגל מיט די איינפלוסן פון דער סביבה. וועגן אָט דעם „חיסון הרוח", נישט מיטגעריסן־צו־ווערן מיט די נייע ווינטן.

עס דערמאָנט זיך מיר ווען פונקט פאַרקערט, מיר האָבן צוגע־צויגן יוגנט פון ציוניסטישן לאַגער. די יוגנט פלעגט צו אונדז כסדר קומען אין דער ישיבה צו יעדן יום־טוב. און נישט איינמאָל האָבן מיר פאַרפירט וויכוחים מיט דער יוגנט פון די אַנדערע לאַגערן. אונדזע־רער אַ ישיבה־בחור איז געווען באַזעלט מיט הומאַניזם און מידות. מיר האָבן געלערנט דעם דרך פון האַרמאָניזירן יידישקייט מיט וועלטלעכקייט, מיט מסירת־נפש פאַר אונדזערע טראַדיציאָנעלע אידייען און ווערטן. מיר האָבן פון די מוסר־ניקעס געלערנט, אַז די רעאַליטעט איז נישט קיין סובסטאַנץ נאָר אַ פּראָצעס, און אַז דער מענטש דאַרף שטענדיק זיין וואַך אין דער „מלחמת היצרים". יעדערער פון אונדז האָט אויך געוווסט אַז דער ציל פון לעבן איז שלימות, התרוממות הנפש, אַז דער אידעאַל איז יושר. דער מענטש דאַרף שטרעבן זיך צו דערהויבן אַלץ העכער, העכער.

*

די גרויסע פרשנים פון תלמוד, דער מהרש"א, מהרש"ל, מהר"ם מלובלין און אויך די שפּעטערדיקע גדולים — זיי האָבן אַלע געזוכט, דערקלערט שווערע סוגיות. דער מהרש"א האָט צוגעגעבן דעם„ודוק", מען מוז זיך שטעניק אַריינטראַכטן, וואָס ער מיינט. אָבער ר' אהרן קאָטלער, האָט שטענדיק נאָכן זאָגן אַ שיעור אונדז געגעבן אויך דעם שליסל, די „מפתחות לתורה", ער האָט אונדז באַלויכטן, וואָס מיר האָבן געלערנט, באַלויכטן איין סוגיא פון אַ צווייטער. מיר האָבן געפילט ביים הערן אַ שיעור, אַז אין זיין אָפּענעם מוח איז אַלץ קלאָר. ער האָט מסביר געווען די „סוגיא גופא", טאַקע מיט דער „הבנה אויפן אָרט", ווי ער האָט עס ליב געהאַט צו רופן.

נאָך זיינעם אַ שיעור אין גמרא, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סיסטעמאַטישקייט, האָבן מיר שטענדיק געהאַט זיך אַריינצו־טראַכטן, ווי אַזוי צו באַנעמען דעם געדאַנקענגאַנג פון אונזערע תנאים און אמוראים.

און פון תלמוד — צו די פוסקים. מיר האָבן געלערנט כדי צו ווערן רבנים. מיין ברודער אַמטירט אַלס רב. איך, לײדער, בין אַריבער צום מסחר, כ'בין אָבער קובע עתים לתורה. דאָס לערנען תורה באַלייכט מיין לעבנס וועג.

און ביים לערנען דערמאָן איך זיך די גראַד־שכלדיקע ביאורים פון אונדזער טייערן ר' אהרן קאָטלער, ער איז געווען אַ מעמיק, וואָס האָט שטענדיק געזאָרגט, אַז מיר זאָלן באַנעמען אַ הלכה מיטן שורש, מיט „די טעמי המצוות" — און צוליב דעם האָבן מיר געקראָגן דעם שטאַרקן אימפּולס מיטן רצון הלימוד, דאָס ווילן זיך פאַרטיפן אין דער תורה.

האָט טאַקע הרב קאָטלער אַ סך כוחות אַריינגעלייגט אין דער ישיבה. און צו הילף איז אים געשטאַנען זיין שוואָגער, אונדזער ליבהאַרציקער הרב מעלצער, איצט דער ראש ישיבה אין רחובות. דאָס ליכט פון דער תורה באַלויכט די גאַנצע משפחה מעלצער, און מיר דאַרפן אויך דערמאָנען דעם מרביץ תורה פּראָפעסאָר פייוועל מעלצער, דעם יונגערן ברודער פון הרב צבי יהודה מעלצער, וואָס פאַרשפּרייט תורה מיט זיינע פּערלדיקע פירושים אין דער בר־אילן אוניווערזיטעט, ראַדיאָ, אין זיינע ספרים און מאמרים.

מיר, קלעצקער לאַנדסלייט, רימען זיך מיט רעכט מיט אָט דער משפחה מעלצער—קאָטלער. גאָר ווייניק משפחות האָבן אַזוי פיל בייגעשטייערט פאַרן חיזוק היהדות און לימוד התורה אין אונדזער דור, ווי אָט די דאָזיקע משפחה.

הרב ישראל לייב קעסלער* / „תפארת בחורים"

(באָקסבערג, דרום אפריקה)

בעת כ'שרייב איצט די זכרונות וועגן אַמאָל, קלינגט מיר פונדאָסניי אין די אויערן די אַלטע מעלאָדיע — די מעלאָדיע פון תורה, און פאַרוויגט ווי אין אַ זיסן חלום...

עס דערמאָנט זיך מיר קלעצק און מיין יוגנט. קלעצק איז מיר טייער, איך איר גייסטיק און פאַלקסטימלעך קלימאַט האָט געווירקט די גרויסע ישיבה, וואָס איז געווען ווי אַן „אבן שואבת" וואָס ציט צו זיך תלמידים פון אַלע עקן און אין אירע ראַמען — די „תפארת בחורים".

„תפארת בחורים" איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער קלעצקער ישיבה, געקניפּט און געבונדן מיט איר. די אינספּיראַציע האָבן איר טאַקע געגעבן די „מנהיגים רוחניים" פון דער ישיבה, אָבער געהאַט האָט זי איר ספּעציעלן חותם.

אין תוך איז די ריכטונג און ציל געווען דאָס פאַרשפּרייטן פון תורה אין ברייטן זין פונעם וואָרט. געבן אַ מעגלעכקייט אויך די מאַסן וואָס זענען פאַרזונקען אין טאָג־טעגלעכן שווערן לעבן, צו געניסן פון דעם ליכט פון דער תורה.

איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין דער אָנפירער פון „תפארת בחורים"; דאָ איז נישט געלייגט געוואָרן דער טראָפּ אויף דעם הויך־לומדישן זין, נאָר אויפן פאַלקסטימלעכן לימוד התורה.

אַרום 50 תלמידים פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך באַטייליקט אין די שיעורים. יונג און אַלט פלעגן זיך צוזאַמענ־קומען יעדן טאָג און מען פלעגט לערנען גמרא, עין יעקב, חיי אדם און קיצור שולחן ערוך.

אויב אין דער ישיבה האָבן געלערנט די תלמידים מיטן צוועק זיך צוגרייטן צו זיין רבנים און מדריכים פון יידישע קהילות — איז דער צוועק פון „תפארת בחורים" געווען — לערנען „תורה לשמה". דאָס אַריינדרונגען אין אַלע פאַלקסשיכטן איז געווען די הויפּט אויפ־גאַבע, און דאָס האָבן מיר טאַקע דערגרייכט, אַ דאַנק דעם פאַלקס־גייסט פון אונזער לימוד.

איך אַליין האָב פאַרבראַכט מיינע יונגע יאָרן אין ישיבת קלעצק. און איך דערמאָן זיך תמיד אָן די גרויסע פערזענלעכקייטן, די ראשי ישיבה, און קודם כל אין דעם גאון ר' אהרן קאָטלער שליט"א, אַ בקי און חריף, ווי ווייניק אין אונזער דור.

בעת דער חנוכת הבית פון דער ישיבה, זענען געקומען גרויסע רבנים פון גאַנץ פוילן זיך מפלפל געווען מיט הרב קאָטלער און זיי האָבן באַוואונדערט זיין בקיאות אין תלמוד און אַלע מפרשים.

* דער שרייבער פון אָט די שורות, וואָס איז איצט רב אין דער קהילה באָקסבערג דרום אַפריקע, איז געווען אין דער יוגנט אַ שו"ב ראשי אין קלעצק. ער איז דער איידעם פון הרב ר' אלחנן יוסף גאַרנבורג, חזן און שו"ב אין קלעצק במשך פון אַ סך יאָרן. שוין 21 יאָר ווי הרב י. ל. קעסלער איז טעטיק אין דרום אַפריקע אַלס רב, לערער און ציוניסטישער עסקן. ער האָט אויך אין דער דאָרטיקער פּרעסע באַשריבן אונזער שטעטל קלעצק פון דער תקופה פאַרן חורבן.

איך דערמאָן זיך אויך מיט יראת הכבוד אין הרב איסר זלמן מעלצער ז״ל — זיין ספר „אבן האזל״, וואָס איז באַרימט אין דער לומדישער וועלט, גיט קוים אַ באַגריף פון זיין גאונות. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אהבת התורה און זיין גרעסטער אויפטו איז געווען — פאַרשפּרייטן תורה איבער דער גרויסער וועלט.

איך האָב געהאַט דעם זכות צו באַקומען פון מיין דאָזיקן רבי׳ן סמיכה אויף רבנות. כ׳האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן אַט דעם גאונישן למדן, וואָס איז געווען באַהאַפטן בלב ונפש מיטן עולם התורה.

אַז מ׳האָט אים געזען ווי ער שטייט ביים שטענדער פאַרטיפט אין לערנען — האָט ער אויסגעזען ווי אַ ר׳ עקיבא אייגער, אָדער אַ „חתם סופר״. און כ׳וויל דאָ אויך דערמאָנען זיין זון הרב צבי יהודה מעלצער, וואָס פירט איצט אָן מיט דער „ישיבת הדרום״ אין רחובות — ער האָט איבערגענומען בירושה פון זיין גרויסן פאָטער די פלאַמיקע ליבע צו תורה, און אויך ער פאַרשפּרייט תורה ברבים און פאַרפלאַנצט תורה־יידישקייט אין ישראל.

קליין איז געווען אונזער שטעטל, אָבער גרויס מיט יידישן גייסט. די מסירות נפש פאַר תורה, וואָס קלעצק האָט אַרויסגעוויזן קאָן דינען ווי אַ מוסטער. אויך איצט, אין די מרחקים, איז קלעצק ביי יעדן פון אונז איינגעבאַקן אין האַרצן. אַלע פון אונז וואָס האָבן אַ מאָל געלערנט אין ישיבת קלעצק און היינט פאַרנעמען זיי חשובע פּאָזיציעס אַלס רבנים און מדריכים פון קהילות אין דער יידישער צעשפּרייטקייט, טראָגן ווייטער אין האַרצן דאָס נישט פאַרלאָשענע ליכט.

איך האָב געטראָפן אַ סך פון יענע תלמידים, וואָס ישיבת קלעצק האָט אויסגעפורעמט זייער גייסט. און וויפיל ס׳קומט מיר אויס אין דרום אַפריקע זיך צו טרעפן מיט אונזערע קלעצקער לאַנדסלייט, דערמאָנען מיר זיך תמיד אין אונזער ליב שטעטל, אין יענע אומעטיק־זיסע בין־השמשות, וואָס האָבן אונז אַזוי אַרומגעשפּינען מיט אַ דין־דורכזיכטיק געוועב און פאַרוויגט אין חלומות. אַט די בענקענישן זענען ווי אַן ערזאַץ פאַרן שטעטל וואָס עקזיסטירט שוין נישט מער.

איז טאַקע נויטיק אַז מיר זאָלן שטעלן אַ מצבת־זכרון אונזערע אומגעקומענע הייליקע ברידער און שוועסטער, און מקיים זיין די מצוה פון „והעליתם את עצמותי מזה״.

אונזערע קלעצקער לאַנדסלייט אין ישראל, וואָס האָבן אוועקגעגעבן אַזויפיל מי אַרויסצוגעבן דעם הערלעכן יזכור־בוך צום אָנדענק פון קלעצק — קומט באמת אַ האַרציקער דאַנק.

יוסף אדלער (ניו־יאָרק) / סלאָנימער עלוי אין קלעצק

ביי אונז אין קלעצק פלעגט מען אָפט טרעפן אין בית־מדרש מתמידים, „פּרושים״, פול מיט גייסטיקער אומרו, אָנגעזאַפּט מיט תורה.

און אָט אַזאַ איינער, מיט אַ העליש פייער פון התמדה און זעלבסטבאַוווסטזיין פון אַ גדול בתורה האָט זיך פאַר מיר אָנטפּלעקט — דער עילוי פון סלאָנים.

פונוואַנען עס האָט זיך פּלוצעם גענומען ביי אונז אין בית־מדרש אַ בחור׳ל פון סלאָנים — האָט קיינער נישט געוווּסט

אָבער דערציילט האָט מען, אַז עס איז געווען אין די ערשטע אַכציקער יאָרן, אַ סברה אין יאָר 1884. ס׳איז געווען אַ שיינער ליכטיקער פרימאָרגן, ווען זאַלקע דער בעל־עגלה האָט געבראַכט צופירן אין בית־מדרש אַ יינגל פון אַ יאָר 16, אַביסל אָפּגעריסן, אָבער מיט אַ פּאָר בלישטשענדיקע אייגעלעך.

— ווער איז ער? — איז אַוועק אַ פראַגע צווישן די בחורים, און לומדים און מ׳האָט זיך אַ נעם געגעבן טאַקע צום בעל־דבר אַליין, און ער האָט בעניוות׳דיק געענטפערט:

— כ׳בין אַ יתום „ונפשי חשקה בתורה״, כ׳וויל לערנען!

אָבער וואָס עפּעס פאַרפאַרן קיין קלעצק? — פרעגט מען אים, און ער ענטפערט, ווייל קלעצק שמ׳ט אַלס אַ מקום תורה.

און דער בחור׳ל האָט אָנגעהויבן לערנען מיט אַזאַ התמדה, אַז קלעצק האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. ער פלעגט לערנען בלחישה, שטיל, מ׳האָט קוים געהערט אַ סליוד, אָבער אַז ס׳איז אַוועק אַ יאָר צייט האָט דער בחור׳ל שוין געוויסט אויסנווייניק האַלב ש״ס און עס איז געוואָרן אין שטעטל אַ קאָנקורענץ ביי די בעלי־בתים, יעדערער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ביי אים עסן אַ „טאָג״.

חיים׳ל דער עילוי איז גיך געוואָרן אַ בן־בית ביים קלעצקער רב מיט וועלכן ער פלעגט ליב האָבן צו לערנען צוזאַמען. פאַרן רב האָט חיים׳ל דערציילט זיין גאַנצן לעבן ביז ער איז געקומען קיין קלעצק.

ער איז געבוירן געוואָרן אין סלאָנים, ווו ער איז געבליבן אַ יתום פון דעם פאָטער און שפּעטער פון דער מוטער. ער איז געבליבן עלנד און געוואָרן אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד און שפּעטער אויך אַ געהילף ביי אַ קצב, אָבער עס האָט אים געצויגן צום לערנען. פלעגט ער אין בית־מדרש זיצן אין די אָוונטן און זיך איינהערן ווי די בחורים לערנען תורה.

אַמאָל איז ער אַוועק אין אַ שכנות׳דיק שטעטל און זיך דאָרט געוואַלגערט אַ האַלב יאָר־צייט, געשלאָפן אויף דער האַרטער באַנק, אָבער ער האָט אַמאָל געהערט פון „גייער״ איבער דער מדינה, אַז קלעצק איז אַ שטאָט ווו מען העלפט לומדים, און ער האָט גענומען די לעצטע גראָשנס און איז אַוועק קיין קלעצק, און דאָ טאַקע האָט ער זיך גענומען לערנען מיט אַ ברען, און ווי ער האָט געזאָגט דעם רב „נפתחו לפניו שערי תורה״ — ער לערנט און כאַפּט אויף די שווערסטע סוגיות.

דער קלעצקער רב האָט חיים׳לען זייער מקרב געווען, געזאָרגט פאַר אים צו טאָן אַ גוטן שידוך. אַ ישובניק פון אַ נאָענטן דאָרף האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם און אים געגעבן קעסט עטלעכע יאָר.

דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון דאָזיקן סלאָנימער עילוי האָט נאָך געלעבט ביי אַ סך קלעצקער יידן, בעת איך האָב פאַרלאָזן קלעצק. מיט שטאָלץ פלעגט אונזער רב דערציילן, ווי חיים׳ל האָט ביי אים געהאַט אַ וואַרעמע היים און ביי אים געלערנט תורה.

אַ דאַנק זיין תורה־פאַרטיפונג איז שפּעטער חיים׳ל געוואָרן אַ חשובער למדן, מיט וועלכן מ׳האָט זיך גערעכנט אין דער לומדישער וועלט און ער ווערט דערמאָנט אויך אין די שאלות ותשובות פון די גרעסטע רבנים פון דור.

* געדרוקט אין „דאָס יידישע ליכט״, 1931.

שמואל טייץ־מוליער / א ציגל צום בנין

בוענאס־איירעס

ניט איינמאָל האָט אונזער שטעטל קלעצק אויפגעלעבט, באַקומען אַ יום־טוב׳דיקן אויסזען, ווי מען וואָלט אין איר אַריינגעבלאָזן אַ נייעם רוח־החיים. געשען איז עס מחמת דעם, ווייל מען האָט באַשלאָסן אויפצובויען אַ בנין פאַר דער ישיבה עץ־חיים. באַזונדערס גרויס איז געווען די שמחה אין אונזער גאַנצער משפחה מוליאַרעס, טייץ־מוליער, און נישט איינער פון שטעטל, איז אונז מקנא געווען, וואָס מיר האָבן אַזאַ גרויסן זכות לייגן די ציגל, בויען די ווענט פונעם הייליקן בנין מיט אונזערע אייגענע הענט...

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, איז זיך צוזאַמענגעקומען אונזער גאַנצע משפחה, אַלע יגיע־כפים־יידן, הויכע מיט ברייטע פעסטע פּלייצעס, גרויסע מאַזאָליעדיקע הענט: דער זיידע יאָסל, זיין ברודער מיין עלטער־פעטער הירשיק, מיין פעטער אברהם יצחק, מיין טאַטע יענקל (יעקב), און נאָך אַ קורצן יישוב־הדעת איז דורך אַלעמען באַשלאָסן געוואָרן, אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מוליערײַ איז אונזער מלאכה, וואָס דערפון ציען מיר אונזער חיונה שוין פון כמה יאָרן, וועלן מיר די מזרח־וואַנט פון דער ישיבה אויפבויען אינגאַנצן בחינם: דאָס איז אונזער צושטייער פאַר דעם בנין פון דער ישיבה.

עס לויכטן נאָך איצט פאַר מיינע אויגן די שיינענדיקע פּנימער פון מיין זיידן, מיין טאַטן, די פעטערס און שוועסטער־קינדער אין יענער רגע — די גליקליכסטע פון זייער לעבן, נאָכן אָננעמען אָט דעם דאָזיקן באַשלוס, און מיט וואָס־פאַראַ הייליקן ציטער זיי האָבן דאָס מודיע געווען דער בוי־קאָמיסיע. אונזער מעלדונג האָט אַרויסגערופן פיל פרייד אין שטעטל, וואָס איז ממש אין לשער; די שמחה פון בויען איז געוואַקסן צוגלייך מיטן הויבן זיך פון די ווענט, און ווער עס האָט נאָר געקענט — האָט צוגעלייגט אַ האַנט.

אַ סך בעלי־בתים פון שטעטל, איבערהויפּט בעלי־מלאכות, פלעגן זיך אָפּרייסן פון זייער אַרבעט, און קומען צולויפן צו אונז און כאַפּן זיך העלפן וואָס עס לאָזט זיך נאָר; איינער האָט אַ נעם געטאָן עטלעכע ציגל און עס דערלאַנגט דעם מוליער צום האַנט, אַ אַנדערער — אַן עמער וואַפּנע און עס אַרויפגעטראָגן אויף דער רושטאָוואַניע, יעדער פון אָט די יידן האָט דערמיט געוואָלט: ראשית איינשפּאָרן געלט, עס זאָל קאָסטן וואָס ביליקער, ושנית עס זאָל זיך פאַרענדיקן וואָס שנעלער, און ועל כולם, דער עיקר, האָט יעדער איינער געוואָלט האָבן אַ חלק אין דעם בנין פון דער ישיבה.

פון די איבערגעגעבנסטע צוהעלפער, די וועלכע האָבן אָפּגעגעבן יעדע פרייע און אָפט אַפילו נישט פרייע מינוט זייערע — זענען געווען: ר׳ הערצל ב י ר ג ע״ה, אומגעקומען על קידוש השם, הערצל ג ר י ן און ר׳ אברהם פ י מ ש ט י י ן (ביידע נפטר געוואָרן אין ארץ ישראל. דער לעצטער איז שוין דאַן געווען אַ זקן, עס האָבן אים געציטערט די הענט און ער האָט קיין כוח נישט געהאַט אויפצוהויבן אַ גאַנצן ציגל — פלעגט ער קוים אָננעמען צוויי האַלבע, גיין דערמיט מיט ציטעריקע דראַבנינקע טריטעלעך — און איבערגעבן עס אונז, ווי אַ טייערע קאָסטבאַרע כלי... די התלהבות און מסירת נפש פון אַלע יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם בויען פונעם בנין, האָט אין אונז אַריינגעשטראָמט אַזויפיל כוח, אַז מיר פלעגן נישט פילן די שעה׳ן און די מידקייט אין משך פון די לאַנגע זומער טעג.

ס׳וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן פון מיין זכרון דער עפּיזאָד, וואָס מיינע אויגן (דאַן אַ צוואַנציק־יעריקער בחור), האָבן געזען, און ס׳איז מיר אויך שווער צו פאַרגעסן יענעם פאַרבאַרגענעם אומעט און אויך פאַרדרוס פון מיין עלטער־פעטער הירשיק. ער, מיין עלטער פעטער, מיין זיידנס ברודער, איז געווען באַקאַנט אין גאַנצן געגנט און אַרום מיט זיין אויסגעצייכנטער בוי־אַרבעט. הגם ער האָט נישט דורכגעמאַכט קיין שום שולע און נישט געהאַט קיין שום צוגרייטונג, פלעגט ער דאָך אויסרעכענען פּינקטלעך אַלע איינצלהייטן ביי יעדן בנין. און אַזוי האָט ער גאַנצע געביידעס אויפגעבויט מיט זיינע מענטשן און אונטער זיין השגחה.

און ערשט בין איך תופס, ווי גרויס עס האָט געדאַרפט דעמאָלט זיין ביי אים די אַנטוישונג, און ווי טיף זיינע ליידן, ווען אויף אויסצומעסטן און אויסצורעכענען דעם בוי־פּלאַן פונעם בנין פאַר דער ישיבה, האָט מען גענומען דעם באַקאַנטן בוימייסטער הירשל י אַ נ ט ש ע ס.

מיין עלטער־פעטער הירשיק, האָט עס אַראָפּגעשלונגען, קיינעם גאָרנישט געזאָגט, נאָר מיט נאָך מערער פלייס און אימפּעט זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. איך פלעג אָבער ווען־נישט־ווען אויפכאַפּן אַ שטילן פאַרשטיקטן מורמל פון זיינע צעטריקנטע ליפּן אַרויס: „עס איז דאָך אַ מקום קדוש!..“

און ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים דאַך, האָט זיך מיין עלטער־פעטער דערמאָנט, אַז אין די גאָר גאָר יונגע יאָרן, האָט ער ערגעץ ווו אויסגעמייסטערוועט אַזאַ מין פענצטערל, אַן אַנטיק!.. אָ! האָט ער אַזאַ געטאָן צו אונז מיט התפעלות, און עס האָבן זיך צעלויכטן זיינע אַלטע, מידע אויגן — איי־איי־איי! קינדערלעך! דאָס וועט דאָך זיין עפּעס אַזוינס! נו, איר וועט שוין זען

און אויפן פּלאַץ פון איבערן ארון קודש, האָט זיך מיין עלטער־פעטער הירשיק, מיט גרויס התמדה גענומען צו זיין קונסט־אַרבעט אויסצומייסטערווען אַ וווּנדערלעכן אָרנאַמענט. ער האָט נישט איבערגעריסן, חלילה, צוליב דעם זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, נאָר פאַרנאַכט ערשט, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, זיך גענומען צו זיין אָרנאַמענט, וואָס ביים ארון הקודש. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין טיף־טיפן עלטער און נאָך אַ פּאָר וואָכן, ווי ער האָט אָפּגעהאָרעוועט מיט זיינע ציטערדיקע הענט אַרום דעם אָרנאַמענט, האָבן מיין פעטער אברהם־יצחק און מיין טאַטע מער נישט געקענט צוקוקן ווי שווער עס קומט אים אָן, האָבן ביסלעכווייז אים אָנגעהויבן אַרויסצוהעלפן, אָבער דרך־אגב׳דיק, ער זאָל עס נישט פילן און נישט ווערן געפאַלן ביי זיך...

אָפט פלעגן מיר אָפּאַרבעטן די גאַנצע וואָך און נישט באַקומען באַצאָלט, ווייל ס׳איז קיין געלט נישט געווען און, מיר פלעגן גיין באַזאָרגט אַהיים: — ווו נעמט מען אויף שבת? פונדעסטוועגן איז קיינעם פון אונז נישט איינגעפאַלן, אַפילו אויפן דמיון נישט געקומען, גיין אַרבעטן ערגעץ אַנדערש; אַרבעט איז יענעם זומער געווען אַ סך, אָבער איבערלאָזן אין מיטן בויען דעם הייליקן בנין, חס ושלום!

איך געדענק, ווי איינמאָל, ווען דער ראש ישיבה איז אין אַ פרימאָרגן פאַרבייגעגאַנגען (און פאַרבייגיין פלעגט ער יעדן טאָג נאָכן דאַווענען, אונז זאָגן גוט מאָרגן, גאָט העלף) — האָט ער באַמערקט, ווי איך שטיי און רייד מיטן פאַרוואַלטער פון דער אַרבעט אין אַ טאָן שלא כדרך הטבע. האָט ער זיך דערנענטערט צו אונז און זיך געווענדעט צו מיר, דעם יונגן בחור, בזה הלשון: „וואָס קומט דאָ פאָר ר׳ שמואל?“

רבי! האָט דער פאַרוואַלטער זיך געווענדעט צום ראש ישיבה, עס סטאַיעט נישט אַלעמען צו באַצאָלן, די גוים מוז מען באַצאָלן, וואָס זאָל מען טאָן?

אין דעם מאָמענט, האָב איך דערזען, ווי דער רבי ווערט ווייס ווי קאַלך און מיט ציטערדיקע פינגער זיך דערנענטערט צום פּאַרוואַל־טער, און זיינע ליפּן האָבן מיט טיפן ווייטיק אַרויסגעקרעכצט — :

— „שכר יום! שכר יום פאַרהאַלט מען נישט, אַז מען האָט נישט בויט מען נישט, מיט שכר יום טאָר מען אַפילו נישט איבער־נעכטיקן...״

*

פון דעמאָלט זענען שוין פאַריבער דריי צענדליק יאָר. פון דער גאַנצער משפחה טייץ־מוליער, וועלכע האָבן. בשעתו, מיט אַזויפיל אמונה געהיבן די ווענט פון דער ישיבה „עץ חיים״, בין איך איין לעבעדיקער עדות פאַרבליבן.

אַלע, אַלע אומגעקומען. מיין פרוי חיה בת בנימין און דאָבע יאַקובאָוויטש, אויך פון קלעצק, האָט זיך געראַטעוועט אַהער אַדאַנק דעם געטרייען ברודער יצחק, וועלכער האָט איר באַצייטנס אַריבערגענומען קיין אַרגענטינע און איר געהאָלפן זיך איינאָרדנען דאָ מיט דער מיטהילף פון אירע גוטע פעטערס חיים נחמן סטאָ־ליאר און יוסף יאקובזאָן.

און איצט בשעת איך און מיין פרוי דערציילן פאַר אונזערע דאָ־געבוירענע קינדער, וועלכע מיר האָבן דערצויגן אין יידישן גייסט, מיט וואָס־פאַראַ ליבשאַפט, מסירת נפש און גרייטקייט עס האָבן יידן אין אונזערע קליינע אָרימע שטעטלעך געבויט אַ בנין פון וועלכן עס האָבן געזאָלט אויפקלונגען די לויטערסטע טענער פון אונזער הייליקער תורה — דערזען מיר, צו אונזער גרויס פאַרגעניגן, ווי האָט די זעלביקע אהבת ישראל און מסירת נפש פאַר אונזער פאָלק שטראָמט אויך אַרויס פון זייערע הערצער.

מיר אַלע צוזאַמען זענען ממשיך בלב ונפש אונזער גרויסן בנין פון נצח ישראל.

שמידן - למדנים / אליעזר פיינשטיין

עס איז שטענדיק געווען אָנגענומען, איבערהויפּט אין דעם פאַריקן יאָרהונדערט, אַז בעלי מלאכות, און ספּעציעל שמידן זענען עמי־הארצים און גראָבע יונגען.

ווילט זיך מיר פאַרצייכענען אַ פּאָר פאַקטן פון אַ משפחה שמידן, וועלכע האָבן געלעבט אין די 70ער, יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט אַרום די שטעטלעך קלעצק און לעכעוויטש.

די משפחה האָט געלעבט אינם דאָרף זאַריטעווע. דער עלטסטער פון דער משפחה איז געווען ר׳ שכנא, אַ ייד וואָס האָט געהאַט אַ קליינע נחלה אין דאָרף. פון 10 מארגן ערד, אַ שטוב, אַ שטאַל און אַ שייער. ר׳ שכנא האָט זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט, און אין די פרייע צייטן איז ער געזעסן תמיד איבער דער בלאַט גמרא. ער איז געווען באַוווסט אין דעם גאַנצן געגנט סיי צווישן יידן און סיי צווישן גויים אַלס גרויסער צדיק, און ביי די גויים, איז געווען אַ זכיה, אַז ר׳ שכנא פלעגט זיך פריינדלען מיט זיי. זיי זענען געווען איבערצייגט אין זיין הייליקייט און פלעגן איבערגעבן איינער דעם צווייטן, אַז „אויפן באָדן ווו ר׳ שכנא טרעט, דאָרט וואַקסט גוט און עס איז אַ געבענטעניש״.

זיין זון ל י י ז ע ר מיין זיידע (ווי אויך דער זיידע פון מענדל ט א ב א ט ש נ י ק, מענדל ו ו י י נ ג ע ר, עטל ט א ב א ט ש נ י ק און שרה ט א ב א ט ש נ י ק) האָט ער געלאָזט לערנען פאַר אַ שמיד, און די שמידעריי איז איבערגעגאַנגען צו מענדל ווייגערס פאָטער און צו אונזער פעטער ר׳ יואל ח נ ן, וואָס האָט ביזן טיפן עלטער זיך פאַרנומען מיט שמידעריי — און נאָך דער אַרבעט פלעגט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אַ נאַפט לעמפּעלע זיצן און לערנען. די לעצטע יאָרן פון זיין סעבן האָט ער זיך איבערגעקליבן קיין קלעצק, און דאָרט האָט ער זיך געגצלעך אָפּגעגעבן מיט תורה. ער האָט געלערנט פאַר זיך ווי אויך מיט אַנדערע. אין קלעצק איז ער געווען אָנגענומען אַלס גרויסער צדיק, און די קהילה האָט פאַר אים באַשטימט אַן אהל אויפן בית הקברות.

ר׳ יואל חנן האָט באַוויזן, אַז מען קען זיין אַ „סנדלר״ און גלייכצייטיק אַ „ר׳ יוחנן״, מען קען זיין אַ שמיד און גלייכצייטיק אַ ר׳ יואל חנן.

ניסן גרשון מילער / די ערשטע שפּראָצן

(ברוקלין, ניו־יאָרק)

נישט קיין סך געדענקען יענע טעג, מיט 60 יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט פון יידישן לעבן ד״ר הערצל און דער ערשטער ציון־קאָנגרעס.

דער מאָדערנער פּאָליטישער ציוניזם איז נאָך געווען אין די וויקעלעך, און זיין אָפּקלאַנג איז דערגאַנגען אויך צו אונזער שטעטל.

מיר, די ערשטע, זענען געווען אַן ערך 12 בחורים, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אויפלעבונג, האָבן מיר געדונגען אַ לאָקאַל און געעפנט אַ ציוניסטישן קלוב, וואָס איז געוואָרן אָנגעפירט פון אונזער חבר ברוך דלוגאַטש.

די פרייד ביי דער ערעפענונג פון אָט דעם קלוב איז מיר שווער איצט צו באַשרייבן. מיר זענען אַלע דאַן געווען דורכגעזאַפּט מיט דער פרייד פון לייגן אַ ציגל צו דער געביידע פון ציון, און עס האָבן אונז נאָר געפעלט פליגלען זיך אויפצוהויבן און אַוועקפליען אַהין. אין ווייטן זוניקן לאַנד.

מיר האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט די ענגע תחומים פון אונזער קלוב, און מיר האָבן אויך פאַרנומען דעם קהל שטיבל אין בית המדרש פאַר אונזער אויפקלערונגס־אַרבעט. פון די חברים וואָס זענען געווען טעטיק אין אונזער ציוניסטישער אַרבעט דאַרף מען דערמאָנען, אַחוץ ברוך דלוגאטש, אויך יוסף פעדער, שלמה דעם בעקערס, חיים סטישעס און מאָטל שטיינבערג, וואָס יעדער פון זיי האָט געזוכט צו שאַפן די גינסטיקע גייסטיקע אַטמאָס־פער כדי צו פאַרשפרייטן ציוניזם צווישן דער יוגנט.

פון ארץ־ישראל זענען דאַן צו אונדז געקומען כסדר וואַרעמע גרוסן. אונזער בן־עיר יהושע אייזנשטאַדט פלעגט דרוקן קאָרעס־פּאָדענצן פול מיט התפעלות וועגן די קאָלאָניעס, געשילדערט די טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל, ווי ס׳ווערן די פעלדער פאַראַקערט און נייע ישובים ווערן געבויט.

אונז זענען געווען באַקאַנט די ערשטע ביל״ויים, וואָס זענען געקומען פון אונזער געגענט: שלמה צוקערמאַן, צבי הורוויץ, יעקב מאהליאנסקי און די פּיאָנערן — די קאַנטראַווי־טשעס און שפּעטער די זעלצערס. פון זיי אַלע פלעגן כסדר קומען וואַרעמע בריוו, וואָס האָבן געשילדערט ארץ־ישראל מיט העלע פאַרבן. קאנטראוויטש פלעגט יעדן בריוו ענדיקן מיט די ווערטער:

„חושו אחים, חושו מהרו ובואו לארץ אבותינו״!

אַ מחלוקת מיט קהל׳ישע פירער

אונזער טעטיקייט צווישן דער יוגנט האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט פון די פרימע קרייזן. זיי איז געווען פרעמד דער נייער גייסט פון אויפלעבונג. און איינמאָל אין אַן אָוונט זענען זיי אונז באַפאַלן מיט שטעקנס, שרייענדיק:

— „איר וועט נישט מאַכן פון בית מדרש קיין ציוניסטישן קלוב!״

מיר האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן און ווייטער פאָרגעזעצט אונזער טעטיקייט פאַרן ציוניסטישן אידעאַל. מיר האָבן געהאַט אַ קלאָרן ציל: צו באַפעסטיקן אין דער יוגנט דעם באַוווסטזיין פון אַן אמת׳ן נאַציאָנאַלן לעבן און זי דערציען אַלס די צוקונפטיקע בויער פון לאַנד.

פונדעסטוועגן איז געקומען אַ איבערייס אין אונזער טעטיקייט צוליב דעם, וואָס מיר זענען מאָביליזירט געוואָרן צום מיליטער, און אייניקע פון אונז זענען אַוועק קיין אַמעריקע. אויך איך בין אין יאָר 1907 אַוועק קיין אַמעריקע, ווו איך האָב ווייטער פאָרגעזעצט מיין ציוניסטישע טעטיקייט.

מיר האָבן געזייט מיט טרערן, אָבער מיר האָבן געשניטן מיט פרייד, ווייל די קערענדלעך, וואָס מיר האָבן דאַן פאַרזייט אין די הערצער פון די קינדער, זענען שפּעטער אויסגעוואָקסן און זיך צעבליט, דער גייסט פון ציון האָט געשוועבט איבער קלעצק און אַ סך פון דער יוגנט איז אַוועק קיין ארץ־ישראל.

מיר דערמאָנט זיך, ווי מיר האָבן אויך דורך די „קערות״ ערב יום כיפור, געבראַכט דעם ציוניזם צוריק אין שול אַריין, די קעגנער אונזערע האָבן נישט געוואַגט ערב יום כיפור זיך צו קריגן מיט אונז, און אַזוי איז געפלאָסן געלט לטובת דעם קרן קיימת און אונזערע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל.

לאַנגזאַם איז דער ציוניזם אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון קלעצק, און די יוגנט האָט שטאָלץ געטראָגן הויך די פאָן פון יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. ציוניזם איז געוואָרן אַ שם־דבר אין קלעצק, און די עולים פון אונזער שטעטל האָבן אַ סך בייגעטראָגן צום בנין הארץ.

יעקב קאנטאראוויטש / קלעצקער פיאנערן אין ארץ־ישראל

איך וויל דאָ דערציילן וועגן די ערשטע קלעצקער בני־עיר אונזערע — ווי אַזוי זיי זענען געקומען קיין ארץ ישראל. דאָס איז אַ קאַפּיטל פול מיט העראָאיזם און מסירת־נפש.

קלעצקער יידן זענען פון אייביק אָן געווען פאַרבונדן מיט בענקשאַפט צו ארץ ישראל, זיי פלעגן ביים אָפּריכטן חצות, ביים דערמאָנען די נעמען „ירושלים" און „ציון" אַזוי האַרציק פאַרוועבט אין די תפילות, אויסגיסן זייערע בענקענישן און מכוון זיין זייערע כוונות צו מזרח און ירושלים.

אין צייכן פון אָט דער בענקשאַפט צו ציון האָבן זיי זיך געפונען אויך תשעה באָב, זייענדיק דורכגעדרונגען מיט גלות־שטימונגען ביים לייענען די מגילת איכה — די מגילה פון פיין פון דער צייט פון חורבן בית המקדש. אין קלעצקער בית מדרש איז דאַן געווען קענטיק דער טיפער טרויער אויפן חורבן און אַ טיפע בענקשאַפט צו ירושלים של מעלה...

צו אָט דעם ירושלים של מעלה האָט שטענדיק געבענקט דער ייד פון אונזער שטעטל קלעצק, זוכענדיק זיך אַרויסצוהויבן פון דעם דלות און דער איינטאָניקער קלאָגעדיקער וואָכעדיקייט.

די פרנסה איז געווען זייער שווער. ווייס ברויט האָט מען נישט אָנגעזען פאַר אַ רפואה, און דער יאָך פון חיונה איז געווען שווער — אפשר דער פאַר טאַקע האָט אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט און געווען נאָענט צום האַרצן די ציון־אידייע, און באַזונדערס אויך ביי ישוב׳ניקעס אַרום קלעצק, — די יידן וועלכע פלעגן אַרענדירן ביי די פּריצים שטיקער באָדן און זיי באַאַרבעטן. אָט די דאָזיקע יידן פלעגן לעבן ווי אין צוויי וועלטן, — אָן ערדישע מאַטעריעלע וועלט און אַ הימלישע וועלט. הימל און ערד זענען ביי זיי געווען האַרמאָניש פאַרבונדן.

אַז עס פלעגן אָנקומען די ימים־טובים, און דערהויפּט די ימים־נוראים, פלעגן זיי אַריינפאָרן אין שטעטל מיט וועגענער אָנגעלאָדן מיט כל טוב. און זיי זענען געווען די פּעטערס ניסן און ליפּע* ביידע זייער הויך, מיט קאָלטענעוואַטע בערד און מגושמדיקע הענט. געגאַנגען אָנגעטאָן אין פּויערשע בגדים און דער ריח פון פעלד האָט געוויט פון זייער גאַנצן הילוך. מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן פלעגן מיר קוקן אויף די וועגענער, וואָס זענען געווען פול מיט געשטאָפּטע גענז, הינער, בלעכן פול מיט סמעטענע און „גאָמעלקעס" (האַרט געזאַלצענער קעז), זעק מיט קאַרטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל און זעק מיט פּרוכט און אויך די גוטע זאַפטיקע „אַנטאָנאָווער עפּל", ווי־אויך די אונגאַרישע פלוימען. מיר קינדער האָבן זייער ליב געהאַט זיך צו פאָרען ביים אָפּלאָדענען און איינאָרדנען אָט דאָס אַלץ ביי אונז אין שפּייכלער — מיר האָבן דערביי איבערגעלעבט גאָר אַ גרויסע פרייד.

אַז די געסט האָבן זיך אָפּגערוט, האָבן זיי גענומען דערציילן וועגן אַלץ וואָס עס האָט ביי זיי פּאַסירט פאַר דער צייט זינט זייער פריערקן באַזוך ביי אונז. שפּעטער האָט יעדער פון זיי גענומען אונטערן אָרעם זיין בינטל „וועש" און אַוועק אין אונזער שטאָטישן „שוויץ באָד", זיי האָבן זיך דאָ אָפּגערייניקט, אַז זיי זאָלן זיין בטהרה צו די ימים נוראים. און אַז זיי זענען אין די פּראָכטיקע טעג געקומען אין שול, האָבן זיי געדאַוונט מיט גרויס כוונה, נישט פאַרלירנדיק קיין איין וואָרט פון די תפילות.

דער אָפּקלאַנג פון חיבת ציון

טיפע געפילן האָט אַרויסגערופן חיבת ציון אין די הערצער פון די ישוב׳ניקעס. די ידיעות וועגן דער עליה פון די בילו"יים קיין ארץ ישראל זענען אַריינגעדרונגען אין די פאַרוואָרפנסטע דערפער, און יעדערער האָט צו די דאָזיקע ידיעות עפּעס־וואָס צוגעגעבן פון זיין פאַנטאַזיע. וועגן דעם האָט מען שטענדיק גערעדט אין שול ביים דאַווענען און ביי יעדער יום־טוב׳דיקער סעודה, — און אַז מען פלעגט דערמאָנען ארץ ישראל, האָבן ביי אַלעמען געפינקלט די אויגן, עס האָט זיך צעהיצט דער דמיון, און אויב עמיצער האָט באַקומען פון ארץ ישראל אַ בריוו איז ער אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און אַרויסגערופן גרויסן אינטערעס, און מען איז געלאָפן ווי אויף וואונדער צו זען די שריפט, וואָס איז אָנגעקומען פון ווייטן אויסגע־בענקטן לאַנד.

מיר דערמאָנט זיך ווי די פּעטערס ניסן און ליפּע פלעגן אַרויס־ווייזן זייער באַזונדערן אינטערעס בעת מען פלעגט ביי אונז אין שטוב ריידן וועגן איץ ישראל, און איך געדענק, ווי מען האָט ביי אונז אין שטוב גערעדט וועגן דעם, אַז דער פּעטער ניסן, זיין ברודער מיט זייער גאַנצער פעמיליע גרייטן זיך צו פאַרלאָזן און אַוועק קיין ארץ ישראל, „ווו עס וואַקסן אתרוגים און מען האַנדלט מיט ראָזשינ־קעס און מיט מאַנדלען". צו יענער צייט איז דער וועג פון ווייס־רוסלאַנד קיין ארץ ישראל געווען אַ ווייטער און שווערער, אָבער ווער רעכנט זיך דערמיט, בעת אַזאַ גרויסער ציל שוועבט פאַר די אויגן?

ניסקע, דער פּעטער, איז דערווייל אַוועק קיין אָדעס, דאָרט האָט ער געוווינט אויף דער „מאָלדעוואַנקע" ביי דער מומע פייגע, די פרוי פון הערש בלאָך, און ער האָט דערווייל דאָרטן אַביסל אונטער־געהאַנדלט, און אַז זיינע פריינט האָבן אים געזוכט אָפּצורײדן פון זיין נסיעה — האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף זיין פעסטן באַשלוס, וואָס איז אונטערשטיצט געוואָרן פון זיין פרוי סימקע.

בעת זיי זענען אַרויף אויף דער שיף, האָבן זיי אָנגעטראָפן צוויי חובבי־ציון, וואָס זענען געפאָרן אויסקוקן דאָס לאַנד — זיי האָבן פאָרגעלייגט ניסנען מיט דער פרוי זיינער, אַז זיי זאָלן אַוועק קיין אויסטראַליע, אַ לאַנד פון פרנסה. אינצווישן — האָבן זיי געזאָגט — וועלן קומען קיין ארץ ישראל חלוצים, יונגע בחורים, וואָס זיי וועלן אויפלעבן די וויסטעניש, און איר וועט אייך דערווייל אָנקלייבן אין אויסטראַליע אַביסל געלט — און שפּעטער וועט איר אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל. ניסקען איז דער פּלאַן געווען געפעלן, אָבער זיין פרוי סימקע האָט צו אים געזאָגט: — „אויב דו ווילסט, פאָר זיך ווו דו ווילסט, אָבער איך מיט מיינע קינדער — מיר פאָרן קיין ארץ ישראל, און מיר האָפן אַז מיר וועלן דאָרטן מאַכן אַ לעבן!"

בעת זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין, האָבן זיי אַריינגעגעבן זייער עלטסטן זון שמואל דוד, אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול פון מקוה ישראל, און די קלענערע ייִנגלעך אברהם יעקב און דוד׳ן — אין דער תלמוד תורה אין יפו. די פאַמיליע האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ באַראַק, — וואָס מ׳האָט אויסגעבויט פון פאַרזשאַווערטע נאַפט־בלעכן ביים פאָרט פון יפו, און זיי פלעגן זיך דאַן דערנערן פון רעטעך און פון „דזשומעס" — אַ פּרוכט וואָס איז געוואָקסן אין דער געגנט. אינעם דאָזיקן קעלער־באַראַק איז דאַן ביי זיי געשטאָרבן פון הונגער זייער מיידעלע אין עלטער פון זיבן

* די נעמען ניסן און ליפּע זענען געווען פאַרשפּרייט צווישן די ישוב׳ניקעס זיי זענען פאַרבונדן מיט דער נאַטור: דער חודש ניסן איז דער מאָנאַט פון אויפבלי, און ליפּע איז דער נאָמען פון אַ בוים אין די ליטווישע וועלדער.

יאָר — אָבער סימקע האָט טראָץ דער נויט געשיקט איר יערלעכן ביישטייער פאַר ירושלימער אָרעמעלייט. און אַמאָל, בעת זי איז געפאָרן אַהין אַלס אַ „שליח מצווה" אָפּצוגעבן די צדקה־געלט, האָט אויפן וועג זיך צו איר צוגעטשעפּעט אַ „מסור" און האָט פון איר געפאָדערט אים צו געבן אַ מעדזשידע לאַ־יחרץ־געלט (אַן ערך פון אַן אַמאָליקן האַלבן רובל) — און ווען נישט וועט ער איר פאַרמוסר'ן פאַר דער טערקישער רעגירונג, אַז מען זאָל זי אַרויסשיקן פון לאַנד.

ניסקע און אבא האָבן דאַן געאַרבעט ביים פּאָרט אין חיפה, ביים אויסלאָדענען אַן איינגעזונקענע שיף. צו שבתים און ימים־טובים פלגן זיי קומען אַהיים, ברענגען אַביסל געלט, זייער ווייניק — אַזוי אַז די פאַמיליע האָט דאַן שטאַרק צוגעהונגערט.

צו יענער צייט האָט די עולים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין וואַדי חאַנין געפעלט מענשן פאַר אַ מנין, און דער דעמאָלטיקער יפו'ער רב ר' נ פ ת ל י ה ע ר ץ האָט ניסנען געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו ראובן ל ע ר ע ר, דעם גרינדער פון נס ציונה — און ניסן איז דאַן אַריבער אַהין. לערער איז נישט געווען בכוח צו געבן אים אַרבעט און וווינונג, האָט ער אים רעקאָמענדירט צו אַן אַראַבישן פּרדס־אייגנטימער, וואָס האָט אים געגעבן אַרבעט און אַן אָרט צו וווינען אין זיין פּרדס, וואָס איז געווען אויפן וועג צווישן דער קאָלאָניע ראשון לציון און וואַדי חאַנין. ניסן האָט געאַרבעט ביים אַראַבער אין פּרדס, און זיין פרוי סימקע פלעגט צענויפקלייבן אָפּפאַל פון בוימער און צווייגן — אָפּט אין איר שבת'דיק טיכל, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פון דער היים. פאַר זיין אַרבעט אין פּרדס פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג האָט ניסן באַקומען אַ בישליק (אַ מטבע פון 20 גרוש) און צוויי „פּיטעס" (פּלעצלעך), וואָס פלעגט זיי אַהיימברענגען פאַר דער פאַמיליע.

צו יענער צייט איז די קאָלאָניע ראשון לציון געווען אין סאַמע מיט פון אויפבוי, און דער אַדמיניסטראַטאָר פון באַראָן ראָטשילד, בלאָך האָט דערלויבט וווינען דאָרט בלויז נישט קיין חתונה געהאַטע בחורים. אָבער ניסן האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס וועכטער. אין ראשון לציון איז זיי געבוירן געוואָרן זייער זון נ ח מ י ה (דער ערשטער קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ראשון לציון ביי אַ פּועל, נישט קיין קאָלאָניסט). ניסן מיט זיין פאַמיליע האָבן אַ סך דורכגעמאַכט אין יענער צייט, — די בראשית תקופה אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב.

און אָט האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען די קאָלאָניע רחובות. ניסן איז אַריבער אַהין. צוליב זיכערהייט פלעגט מען בויען איין הויז בעבן דעם צווייטן, אַז טאָמער וועט זיין אַן אָנפאַל פון די בעדואינער פון אַרום, זאָל איינער קענען שנעל העלפן דעם צווייטן. בעת עס זענען נאָר געשטאַנען די ווענט פונעם בנין, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען, האָט זיך שוין סימקע געפעדערט און געבראַכט צו פירן די פאָר זאַכן פון איר שטוב אויף אַן אייזעלע, און זיך גלייך איבערגעקליבן אין איר נייער וווינונג, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די געביידע איז נאָך נישט פאַרטיק און וואָס עס איז נאָך אַפילו נישט געווען קיין דאַך, וואָס זאָל שיצן פאַר די רעגנס, האָט זי ווי נאָר זי איז אַריבער דעם שוועל פונעם נישט־פאַרענדיקטן הויז, געזאָגט:

— „אָט דאָס איז מיין הויז און פון דאַנען וועלן מיר נישט רירן קיין רעגנס און אַנדערע שטערונגען וועלן מיר נישט אָפּשרעקן". ס'זענען טאַקע גיך אָנגעקומען גרויסע רעגנס, אָבער סימקע האָט געהאַלטן וואָרט: זי האָט די קינדער פאַרדעקט מיט שמאַטעס, און פון אָרט זיך נישט גערירט.

בעת מ'האָט אין רחובות געבויערט דעם ערשטן ברונעם, זענען אָנגעקומען טערקישע בעאַמטע און געוואָלט שטערן. זיי האָבן געטענה'ט, אַז מען מוז דערויף באַקומען אַ „פירמאַן" (אַ דערלויבניש פון סולטאַן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דעמאָלט האָט סימקע גלייך אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע פון פרויען פון די קאָלאָניסטן פון רחובות — און זיי האָבן דאַן מיט שטעקנס פאַרטריבן די „פאָרשטייער פון סולטאַן".

ביי סימקען און ביי איר מאַן ניסקע איז געווען טיף פאַרפלאַנצט אַ הייסע ליבשאַפט צו ערד־אַרבעט, און זיי האָבן דערצויגן זייערע קינדער און דעם גייסט און די דאָזיקע ליבשאַפט פאַרפלאַנצט ביי זיי. זייער ערשטער קינד, געבאָרן אין רחובות האָבן זיי גערופן „רחביה".*

מ'דאַרף אויף דער קאָנטאָ פון ניסנען אויך פאַרצייכנען זיין איינפלוס און ווירקונג ביים איינקויפן די באָדנס פאַר דער קאָלאָניע כפר סבא. ער און זיין פאַמיליע האָבן זיך פון שטענדיק אָן געלעבט אין גרויס צמצום, און געשפּאָרט יעדן גראָשן אויף צו פאַרגרעסערן דעם שטח פון זייער ווירטשאַפט.

ניסן האָט גאָר גיך גע'שמ'ט איבער דער גאַנצער געגנט אַלס גרויסער מומחה און ספּעציאַליסט אין פלאַנצונגען, און ער האָט טאַקע שפּעטער באַקומען אַ פּאָסטן אַלס אַרבעטס־לייטער און אינסטרוקטאָר אין דער געזעלשאַפט „אגודת נטעים" אין די קאָלאָניעס חדרה און סעדזשערא. ער איז אויך געפאָרן קיין עבר הירדן כדי צו פאָרשן די פלאַנצן און געוויקסן, און ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט דעם באַראָן ראָטשילד וועגן די מעגלעכקייטן פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין עבר הירדן.

ניסן קאַנטאַראָוויטש איז געווען בכלל אַ פלאַמיקער ענטוזיאַסט, געזוכט האַרמאָניע צווישן רעאַלן לעבן פון אַ קאָלאָניסט און די דמיונות פון אַ וויזיאָנער. אַלע פון זיין פאַמיליע זענען געווען גוטע „כורמים", ווייַנציכטלער, זייערע כרמים האָבן אַרויסגעגעבן די בעסטע ווייַנטרויבן אויף וויין און קאָניאַק. ניסן האָט געלעבט אַ אַקטיוו שעפעריש לעבן ביז צום טאָג פון זיין פּטירה, י"א אדר תש"א 1941, ווען זיין גוף איז צוריקגענומען געוואָרן פון דער ערד, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

אַ קראַנץ פון מעשהלעך און לעגענדעס

דער נאָמען ניסן קאַנטאַראָוויטש איז איינגעהילט אין אַ קראַנץ פון מעשיות און לעגענדעס, וואָס אילוסטרירן זיין פּערזענלעכקייט.

בעת משה לייב לילייענבלום האָט גערופן ניסקען, אַז ער זאָל קומען צו אים אין ביורא פון די „חובבי ציון" אין אָדעס, וויסנדיק אַז ער איז אַ מומחה אין לאַנדווירטשאַפט, האָט ער אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, וויפיל באָדן דאַרף אַ משפחה, וואָס באַזעצט זיך איצט אין ארץ ישראל, כדי צו קענען ציען חיונה?

האָט אים דערויף ניסן געענטפערט: — דאָס איז אָפּהענגיק, ווער עס איז דער חתן? ווייל דאָס קאָן איך אייך זאָגן, אַז די כלה — די ארץ ישראל ערד — איז זייער אַ גוטע, זייער אַ פּרוכטבאַרע, און אויב נאָר דער חתן וועט איר געפעלן ווערן, וועט ער שוין פון דער ארץ ישראל ערד קענען ציען חיונה...

בעת עס איז פאָרגעקומען דער באַוווּסטער אָנפאַל פון די אַראַבער פון דאָרף זאַרנוגא אויף דער קאָלאָניע רחובות, זענען נאָך דאַן אין רחובות געווען זייער ווייניק קאָלאָניסטן און מ'האָט גערופן צו הילף די פּועלים וואָס האָבן געאַרבעט אין ווייַן־קעלער פון ראשון לציון, וואָס האָבן דאָרטן אויך געהאַט געווער — אָבער דער וועג אַהין איז געווען פאַרשטעלט דורך די אָנפאַלער, די אַראַבער. דאַן האָט באַוויזן ניסן וואָס ער קען, ער האָט איינגעשטעלט און ריזיקירט מיט זיין לעבן, זיך אַדורכגעריסן רייטנדיק אויף זיין מויל־אייזל און שיסנדיק מיטן רעוואָלווער רעכטס און לינקס — דורכגעבראָכן אַ וועג צווישן דער גאַנצער כאָפּטע אַראַבער וואָס זענען געוואָרן צעטומלט. ער איז

* געשטאָרבן אין תשי"ט, אין עלטער פון 69 יאָר.

אָנגעקומען אין יקב פון ראשון לציון, פון דאָרט געבראַכט געוואָרן אין הילף — און מען האָט פאַרטריבן די אַראַבישע אָנפאַלער.

אַז ניסן איז געשטאָרבן, איז זיין פרוי סימקע, געבליבן איינזאַם, אָבער מיט שטאָלץ און מוט האָט זי געטראָגן איר איינזאַמקייט און בענקעניש. אין די לעצטע יאָרן איז אויף איר געווען קענטיק די עלטער, זי האָט שוין מער נישט געקענט אויפפּאַסן אויף איר גאָרטן און אויף איר ווירטשאַפט ווי פריער. זי האָט זיך שוין געגרייט צו איר אייביקן וועג, זי האָט אויפן הויף געהאַט שוין צוגעגרייט אַ ירושלימער שטיין פאַר איר מצבה, און אין באַנק האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס געלט וואָס מען וועט דאַרפן האָבן פאַר שטעלן די מצבה. זי האָט אויך אָנגעשריבן אַ צוואה. אַ קורצע צייט פאַר איר טויט איז צו איר געקומען אין חלום איר מאַן ניסן, און איר עלטערער זון שמואל דוד, און זי האָט פון זיי געבעטן אין חלום — אַז זיי זאָלן איר נעמען צו זיי...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונזער לעצטע באַגעגעניש. אַלט און שוואַך איז זי געזעסן אין שאָטן פון אַ בוים, וואָס זי האָט פאַרפלאַנצט מיט 50 יאָר צוריק. זי האָט זיך זייער געפרייט מיט מיין באַזוך, און מיר גלייך געפרעגט: — יאַנקעלע, דו ווייסט, איך לייען נישט קיין צייטונגען און הער אויך מער נישט קיין ראַדיאָ — טאָ זאָגזשע מיר: צו קומען איצט אַ סך יונגעלייט חלוצים קיין ארץ ישראל, און צו קויפט מען נאָך אַ סך באָדן?

אויך אין די עלטערע יאָרן האָט זי זיך נאָך אַלץ אינטערעסירט מיט די נייע שפּראָצונגען, און איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווידמעט די נייע עולים, וואָס קומען בויען דאָס לאַנד.

ניסן און סימקע האָבן תמיד זיך געמיט פאַרגרעסערן די משפחה און אַראָפּגעבראַכט משפחה־מיטגלידער קיין ארץ ישראל. זיי האָבן געבראַכט די צוויי ברידער פון ניסנען אבא און דוד, און שפּעטער זייער מוטער רחל ביילע. זיי האָבן אויך געבראַכט די צוויי שוועסטער פון ניסנען, חיענע וואָס האָט דאָ חתונה געהאַט מיט שלום שוסאַיאָוו, וואָס האָט דאָ אין רחובות אויפגעהאָדעוועט אַ דור פון ערד־אַרבעטער און קאָלאָניסטן, און בתיה, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר שלום כהן, וואָס האָט צוגעשטייערט צום אויפבוי פון פתח תקוה און כפר סבא. דער ברודער פון ניסנען אבא, איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1880, געווען אַ שמיד־קינסטלער און צוזאַמען מיט אבא ניימאַן האָבן זיי אַ סך אויפגעטאָן אויסצופאָרשן די וואַסער־לייטונג אין לאַנד, און געגראָבן די ערשטע ברינעמער. צום סוף פון זיינע יאָרן האָט אבא קאַנטאַראָוויטש טראַגיש פאַרלאָרן זיינע צוויי זין שמעון און משה. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1943. זיין איידעלע פרוי מינא, די טאָכטער פון הרב מארקוס, האָט שטיל און מיט אַ סך געדולדיקייט מיט אים צוזאַמען געטראָגן זייער טראַגישן גורל. פון זייערע קינדער דאַרפן מיר דערמאָנען ברוריה, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר איר קוזין רחביה קאַנטאַראָוויטש, שושנה ווייסבלאַט און רחל קאַפּלאַן, די פרוי פון שלמה קאַפּלאַן.

אויך סימקע׳ס שוועסטער נאסיא, איז אַוועק קיין ארץ ישראל מיט איר טאָכטער רישע וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן עלטסטן זון אברהם. זיי האָבן געהאַט דריי טעכטער. די עלטסטע שושנה האָט חתונה געהאַט פאַר שלמה ראַדאָם, די צווייטע — פאַר פּריזענטן אין נתניה און די דריטע גאולה — פאַר ישעיה, דעם זון פון בעקאַנטן העברעישן שרייבער משה סמילאַנסקי.

איך וויל נאָך דערציילן וועגן דער דריטער שוועסטער פון סימקען, פייגע זעלצער. זי איז געקומען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט איר מאַן אין יאָר תרס״ב (1902). געווען די פינפטע טאָכטער פון ר׳ אליעזר ליפּע, אַ דאָרפישער ייד, פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט. מ׳האָט זי גערופן „פייגעלע", ווייל זי איז געבוירן געוואָרן אין פרילינג — בעת די פייגעלעך צוויטשערן און זינגען. זי האָט צוגעהונקן אויף איין פיס, פונדעסטוועגן איז זי געווען זייער אַרבעטזאַם. ווי אַ דאָרפיש מיידל איז זי געווען צוגעבונדן צו נאַטור און ערד־אַרבעט, און עס האָט איר שטאַרק געצויגן צו פאָרן קיין ארץ ישראל, צו איר שוועסטער סימקע, און צו איר מאַן ניסקע. איר לעבן אין לאַנד ביי אונז איז געווען איין קייט פון אַרבעט און מי פאַרן אויפבוי פון אונזער לאַנד. מיט אירע אייגענע הענט האָט זי געהאָלפן אויפבויען זייער היים, וואָס איז אויך געווען אַ אכסניא פאַר חלוצים פון דער צווייטער עליה, וואָס איר הויז איז פאַר זיי שטענדיק געשטאַנען אָפן. ווער האָט נישט געפונען אַהיים אין איר אכסניא? נישט ווייניק פון אָט די, וואָס שטייען היינט ביים סאַמע רודער פון אונזער מדינה, און נישט ווייניק פון די חלוצים פון יענער צייט. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין געלט האָט באַקומען עסן און שלאָפן אויף „קרעדיט" — אַזאַ קרעדיט וואָס מ׳האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט באַצאָלן.

מיטן שפּראָץ פון טאָג האָט מען זי שוין געזען גיין מיט דער טוריע אויף דער פּלייצע, און זי האָט געאַרבעט אין איר פּרדס, וואָס איז געווען זייער ווייט פון איר שטוב. מ׳פלעגט זי רופן „די מאַמע פון דער ערד" — ווייל זי האָט גע׳שמ׳ט מיט איר גרויסער ליבשאַפט צו דער „מאַמע ערד". זי האָט שטענדיק געאַרבעט, ביז איר טיפן עלטער. איין געביידע האָט זי געלאָזן אַלס אַ ירושה נאָך ביי איר לעבן פאַר׳ן „הפועל המזרחי", אַרויסווייזנדיק איר באַזונדערע ליבשאַפט די רעליגיעזע עולים.

פורים־צייט פלעגן מיר אַלע פאַמיליע־מיטגלידער, צעשפּרייטע איבערן גאַנצן לאַנד, קומען צו איר און פאַרברענגען אין קרייז פון דער משפחה. דעם לעצטן פורים פאַר איר פּטירה, איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און מיר געזאָגט, אַז זי האָט מיר עפּעס־וואָס צו פרעגן, און זי וויל הערן מיין מיינונג:

— איך בין שוין אַלט — האָט זי צו מיר געזאָגט און איך אַרבעט מיט אַ קליינעם אַרבעטס־געצייג, וואָס גיט נישט אַרויס גענוג פּראָדוקציע, אַזוי־אַרום אַז איך בין נישט מער קיין פּראָדוקטיווער מענש, און פאַרדין שוין נישט מער אויף מיין חיונה און איך עס „לחם חסד".

איך האָב געזוכט זי צו באַרויקן מיט כלערליי אַרגומענטן, ווי למשל, אַז דער אַרבעטס־לוין איז לעצטנס שטאַרק געשטיגן און אַז אייגענטלעך וויפיל זי אַרבעט אויס דעקט עס די לעבנס־מיטל וואָס זי פאַרברויכט.

בעת איך האָב געענדיקט, האָט זי זיך אַ ביסל באַרויקט און מיר געזאָגט: — דו האָסט מיך ממש אָפּגעראַטעוועט, יאַנקעלע! עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ, און איך וועל שוין איצט פון מיר פאַרטרייבן אָט די שלעכטע מחשבות׳ן וואָס פייניקען מיר...

זיי זענען געווען די לעצטע פון אַ דור, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט די דורות לאַנגע יידישע בענקשאַפט צו ארץ ישראל, און זיי האָבן אונז געוויזן אַ מוסטער מיט זייער חלוציש לעבן.

ש. ערנסט / קלעצקער בייטראַג צום אויפבוי פון לאַנד

ס איז זעלטן צו טרעפן אַ שטעטל ווי קלעצק, וואָס זאָל האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ רייכע און פאַרביקע גאַלעריע פון פערזענ־לעכקייטן, וואָס האָבן אַזויפיל בייגעטראָגן צום אויפבוי פון ארץ ישראל.

שוין אין די 80קער יאָרן, שטעלן פעסט די צוויי באַוווּסטע ציוניסטישע מטיפים צבי הירש מ אַ ס ל י אַ נ ס ק י און י ע וו ז ע ר אַ וו, זענען קלעצקער יידן געווען דורכגעדרונגען מיט אַ הייסער בענק־שאַפט צו ציון.

— „ס׳איז אַ שטעטל מיט אַ סך יידישן חן, און איז פאַרוועבט מיט דער נשמה יתירה פון אהבת התורה און אהבת הארץ הקדושה״.

דער ציון טרוימער פון קלעצק יהושע ב ר ז ל י (אייזנשטאַדט), דער וואָס האָט דורכגעבראָכן אַוועג קיין ארץ ישראל פאַר זיך און פאַר די משפחות קאַנטראָוויטש, פעדער און זעלצער, פון דער ערשטער עליה — אַט דער אייזנשטאַדט, וואָס האָט מיט פאַטאָס אויסגערופן אין גרויסן בית מדרש אין קלעצק פאַר זיין נסיעה אין לאַנד:

„איך פאָר אין אונזער היימלאַנד ארץ ישראל, און אויב איך וועל נישט קענען דאָרט לעבן, וועל איך אויסגראָבן פאַר זיך אַ קבר — צוריקומען אין גלות וועל איך נישט״.

האָט צוזאַמען מיט אַ צווייטן ציון־טרוימער, מיכאל ה אַ ל פ ע ר י ן (אַן אייניקל פון באַרימטן הרב מלבי״ם) געפּלאַנט, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר א ר י ב ע ר צ ו פ י ר ן ד אָ ס ג אַ נ צ ע ש ט ע ט ל ק ל ע צ ק ק י י ן א ר ץ י ש ר א ל.

אַט די דאָזיקע פלאַמיקע ליבשאַפט צו ארץ ישראל איז אַ פּראָדוקט פון דער פאַרוואָרצלטער דורות־לאַנגער בענקשאַפט צו ארץ ישראל.

דורות־בענקשאַפט פון קלעצקער יידן צו ציון

אַט מיט דעם נאָמען טיטולירט אַ צווייטער פון דער פאַמיליע אייזנשטאַדט (ברזלי), דער כראָניקער און היסטאָריקער פון אַט דעם שטעטל, בן־ציון אייזנשטאַדט. — די ליבשאַפט פון קלעצקער יידן צו א״י.

אַט דער קלעצקער ייד האָט כל ימיו פאַרעפנטלעכט פאָרשונגען וועגן דער געשיכטע פון קלעצק, און ער באַצייכנט קלעצק ווי —

„אַ שטאָט וואָס אירע מענטשן ציט צו ארץ ישראל, עס טליעט אין זיי אַ פייער צום הייליקן לאַנד, צו ציון״.

אַ צווייטער קלעצקער ייד יעקב ק אַ נ ט אַ ר אָ וו י ט ש, דער־ציילט, אַז —

„קלעצק איז פון שטענדיק אַן געווען אַ שטעטל, וואָס ביי אירע תושבים אין מויל האָט געלעבט דער פסוק: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״. קלעצקער יידן האָבן פון שטענדיק אַן געגאַרט אומ־צוקערן זיך צו אונזער אויסגעבענקט לאַנד״.

די קלעצקער באַרימטע גרויסע רבנים — זיי האָבן אויסגעדריקט זייער בענקשאַפט צו ארץ ישראל דורך זייער באַשעפטיקן זיך אין זייערע הלכה־ספרים מיט „הלכות התלויות בארץ, דיני שמיטה און יובל״. שרייבט אַ קלעצקער רב אין זיין ספר:

„ישיבת ארץ ישראל, הרי היא שקולה כנגד כל מצוות שבתורה ואשרי למי שזוכה לעלות לארץ״. (דאָס וווינען אין ארץ ישראל, איז שקול קעגן אַלע מצוות, און ווויל איז צו דעם וואָס האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל).

וואָס שייך די דאָרפס־יידן אַרום קלעצק געפונען מיר אָפּקלאַנגען אין דער פרעסע („המליץ״ פון יאָר 1899):

„שמשון ראזנבוים, אַן אַקטיווער ציוניסטישער טוער וואָס העלפט אָרגאַניזירן דעם ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין מינסק, ווערט זייער הארציק אויפגענומען אין קלעצק און אויך אין די דערפער אַרום, דאָרטן, בענקען זיי נאָך ציון״.

דער זעלביקער אַדוואָקאַט ראָזנבוים ווערט שפּעטער אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, און באַקומט אַ סך שטימען אין קלעצק און אומגעגנט (זע ספר הקונגרס, בעריכת לייב יפה, ירושלים תש״י, ז. 446).

די ליידנשאַפטלעכע ליבשאַפט פון יהושע ברזלי (אייזנשטאַדט), זיין מסירות־נפש׳דיקע איבערגעגעבנקייט צו אחד העם׳ען ביים פאַרשפּרייטן זיינע אידעען איבער די שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד. (און שפּעטער אין ארץ ישראל) — איז גוט באַקאַנט. דאָס איז געווען אַ סך יאָרן פאַר הערצל׳ס רוף צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. משה סמילאַנסקי שילדערט אים אין זיינע זכרונות:

„אַ פלייצנדיקער שטראָם פון ציון ליבע איז ער געווען, פול מיט טעמפּעראַמענט און אימפּאָנירט מיט זיין אויסזען״.

„עם עולם״ אין ביל״ו באַוועגונג

ווען אין די אַכציקער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָבן זיך געשאַפן די צוויי באַוועגונגען „עם עולם״ (וואָס אַגיטירט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע און שאַפן דאָרט יידישע קאָלאָניעס), און ביל״ו — שטייט צו ברזלי צו דער ביל״ו באַוועגונג, און מיר געפינען אים צווישן די פּיאָנערן פון דער ערשטער עליה.

און אַזוי ווי פריער אין רוסלאַנד, אַזוי שפּעטער אין ארץ־ישראל ווירקט ער צו פאַרטיפן אחד העם׳ס אידעען פון יחידים צו די מאַסן; און מיר געפינען אים גלייכצייטיק מיט יחיאל מיכל פינעס, ווו ער פאַרפלאַנצט די ערשטע שפּראָצונגען פון נייעם ישוב אין ארץ ישראל, און אויך אַלס פּיאָנער פון דער נייער העברעישער ליטעראַ־טור, ער איז אויך דער וואָס שרייבט די ערשטע דערציילונגען פון לעבן פון די קאָלאָניסטן אין יהודה און אין גליל.

נאָך אים קומט קיין ארץ ישראל ניסן ק אַ נ ט אַ ר אָ וו י ט ש פון קלעצק, וואָס בויט דאָס ערשטע הויז אין רחובות און זיין זון רחביה, איז דער ערשטער ייִנגל, וואָס איז דאָרט געבוירן געוואָרן.

די עלטערע קאָלאָניסטן אין ראשון לציון דערציילן נאָך איצט מעשיות וועגן דעם מוטיקן ניסן קאַנטאָראָוויטש, וואָס פירט אַן צוזאַמען מיט יהושע ברזלי דעם „אויפשטאַנד פון די בלו״יים״ קעגן דער באַראָן ראָטשילד אַדמיניסטראַציע.

„אין קלעצק האָט געברענט אַ פייער פאַר ציון — שרייבט מ ב י ״ ט — (פּסעוודאָנים פון מאיר בן יאיר טויבענהויז), וואָס האָט באַזוכט קלעצק אין יאָר 1899 ווי אַ שליח פון ארץ ישראל. מ׳האָט אים געלאָזן דאַן ריידן אין גרויסן בית מדרש, וועגן די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, אַ זאַך וואָס מ׳האָט אים נישט דערלויבט אין אַנדערע שטעטלעך.

„אין דער שטאָט קלעצק — שרייבט דער דאָזיקער צפת׳ער ייד, האָט זיך צום ערשטן מאָל געהערט דער אויסגעשריי פון קלעצקער ייד ר׳ יהושע ברזלי, וואָס האָט אויסגערופן אין זיינער אַ דרשה אין גרויסן בית מדרש:

מיר יידן האָבן נישט קיין לאַנד, מיר יידן מוזן לייזעליקן דעם שטויב פון אונזער טייערן היימלאַנד, און ער האָט צוגעגעבן אין העברעיש — „לחונן את עפר ארצנו הקדושה היקרה!

ניסקע קאַנטאָראָוויטש האָט זיך צעוויינט הערענדיק אַט די ווערטער.

אין צווייטן יאָר אַרום רעדט אינעם זעלביקן בית מדרש אַ צווייטער ענטוזיאַסט מיכאל האַלפּערין, נאַוויק'ס אַ קרוב, וואָס האָט געהאַט די גרויסע שפּייכלערס פון תבואה איז דאָרף קאַראַצק נעבן קלעצק, און אויך ער אַגיטירט, אַז מ'זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל. ער אַגיטירט סיי אין קלעצק און סיי אין אַנדערע שטעטלעך, און פאַררופט זיך אויף זיין פעטער דעם מלבי"ם, וואָס איז אויך געווען געשטימט פאַר חיבת ציון.

דער העברעיש־יידישער שרייבער ש. ל. ציטראָן דערציילט אין זיין בוך זכרונות, (פאַרלאַג „אחיספר", 4טער טייל, ז"ז 97—106), וועגן יהושע ברזיליס טעטיקייט אין „בני משה".

קעגן דעם ביישטייער פון קלעצק צו בנין הארץ שרייבן אויך די געשיכטס־שרייבער פון נייעם ישוב יעקב יערי — פּאָליעסקין אין זיין בוך „חולמים ולוחמים", און אויך משה סמילאַנסקי וועגן די „אנשי משפחת האדמה".

די צוויי קלעצקער וואָס פירן אָן מיטן בונט פון די קאָלאָניסטן אין ראשון לציון קעגן די בעאַמטע פון באַראָן ראָטשילד

אַז עס איז ביי ניסן קאַנטאָראָוויטש געבוירן געוואָרן דער ערשטער יינגל אין ראשון לציון, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „נחמיה" — כי זה ינחמנו — אָט ער, וועט פאַר אונז, קאָלאָניסטן, זיין דער טרייסטער, וואָס וועט אונז טרייסטן פון די צרות, וואָס מיר האָבן אויסצושטיין פון באַראָן ראָטשילד'ס פּקידים.

אָט די צוויי קלעצקער „ניהיליסטן" (ווי די פּקידים פון באַראָן פלעגן זיי רופן), האָבן נישט געקענט צוקוקן, ווי אַזוי די בעאַמטע פאַרשווענדן קהל'ישע געלטער אייגנטלעך די געלטער פון באַראָן ראָטשילד, און געוועלטיקן איבער די קאָלאָניסטן און זייערע משפחות.

אונזערע צוויי קלעצקער אידעאַליסטן האָבן אונטערגענומען זייער אַ העפטיקן קאַמף קעגן די דאָזיקע פּקידים. וועגן דעם קאַמף געפינען מיר פּרטים אויך אין די מעמואַרן פון מאיר טובענהויז, וועגן וועמען ס'איז אָפּגעדרוקט אַרויס אין תל אביב דאָס בוך „בנתיב היחיד" פון זיין זון אפרים טובענהויז פון חיפה. מ. ט. שרייבט:

„זיי ביידע, די קלעצקער, זיי הייסן ביי די פּקידים „ניהיליסטן". אָט אַזוי רופן זיי די פּקידים ביי אַלעמען, ביים גאַנצן שטאַב פון די פילע בעאַמטע: סעקרעטאַרן, גערטנער, משגיחים, רייטערס, פאָרמאַנס, דאָקטוירים, סאַניטאַרן א. אַזוו."

ניסקע קאַנטאָראָוויטש איז געווען אַ „פאַרט אַרבעטער", אַ „באַכאַרטשיק". ביי אים ווי ביי מיכאל האַלפּערין, איז „כיבוש הים" געווען אַן אידעאַל. פאַרשטייט זיך, אַז האַלפּערין, אייזנשטאַדט און ניסקע זענען באַליבט ביי די קאָלאָניסטן. זיי קענען גוט און שעצן ניסנען, זיי וויסן אַז ער האָט אויך געאַרבעט אין עזה, געשלעפּט משאות אין פאַרט, אַז ער איז אַ „נהנה מיגע כפיו".

מאיר טובענהויז ברענגט אויך אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, ווי אַזוי יהושע ברזלי איז בעת זיין צוריקקומען פון ארץ ישראל אויף אַ באַזוך קיין קלעצק, פונאַנדערגעוויקלט אַ **פּלאַן איבערצופירן גאַנץ קלעצק קיין ארץ ישראל.**

זיין אַגיטאַציע איז געווען פאַנטאַסטיש, און האָט געקלונגען ביי די קלעצקער יידן דעמאָלט ווי „פּאַלנע משוגעת".

דער שליח פון ארץ ישראל איז אַרויף אויף דער בימה אין דער גרויסער שול, און גערופן צו זיינע בני־עיר:

פאַרלאָזט אַלע די שטאָט קלעצק און פאָרט אַוועק אַלע קיין ארץ ישראל!

נאָך אים קומט אַ צווייטער פאַנטאַסט, מיכאל האַלפּערין, און אויך ער האַלט אַזאַ דרשה פאַר די קלעצקער יידן.

דער רב פון שטעטל — ווי מאיר טובענהויז דערציילט — האָט אין שבת הגדול געהאַלטן אויף דער זעלבער בימה אַ דרשה, און רעדנדיק וועגן „עניני דיומא" באַמערקט, אגב, אַז „מיר האָבן דאָ היינטיקס יאָר געהאַט פון ארץ ישראל צוויי משוגעים" (געמיינט יהושע ברזלי (אייזנשטאַדט) און מיכאל האַלפּערין)...

דער איינציקער, וואָס האָט גענומען ערנסט דעם רוף פון אָט די „צוויי משוגעים" איז געווען ניסן קאַנטאָראָוויטש. ער האָט שוין זינט דאַן נישט געקענט געפינען קיין רו און האָט זיך געגעבן אַ נדר עולה צו זיין מיט דער משפחה.

ניסן קאַנטאָראָוויטש שיקט אַ רעוואָלוציאָנערע „שנה טובה" פון יפו קיין קלעצק

אַ טשיקאַווע עפּיזאָד דערציילט מ. ט., וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ניסן קאַנטאָראָוויטש'ס באַציונג צום צאַרישן רוסלאַנד:

„אַז ניסן איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין ארץ ישראל — און דאָס איז געווען פאַר ראש השנה — האָט ער געשיקט אַ היים אַ שנה טובה דורך זיין קרוב מאיר טובענהויז פון צפת, וואָס איז דאַן געפאָרן קיין רוסלאַנד אין שליחות פון די קאָלאָניסטן פון גליל העליון והתחתון".

מ. ט. איז גוט אויפגענומען געוואָרן דורכן קלעצקער רב, נאָר אַז ער האָט אים איבערגעגעבן די לשנה טובה באַגריסונג פון ניסן קאַנטאָראָוויטש, כדי זי איבערצוגעבן זיינע קרובים, האָט דער קלעצקער רב איבערגעלייענט דברי גנאי געשריבן בדרך שיר קעגן צאַר און זיין רעזשים:

„אֵין פְּדוּת וְאֵין יֵשַׁע
בְּאֶרֶץ רוּסְיָא, מְקוֹם הָרֶשַׁע,
שָׁם הָעָם נִרְמַס כְּסוּחָה,
הָבָה נֵלְכָה עַם חֶלְכָּה,
וּפֹה בְּאַרְצֵנוּ נִמְצָא הַמְּנוּחָה".

דער רב פון קלעצק האָט אָט די דאָזיקע אומשולדיקע פערזן באַטראַכט אַלס „ניהיליזם" און רעוואָלוציע" קעגן מלכות. האָט ער שוין דערפאַר ר' מאיר טובענהויזן נישט געלאָזט ריידן אין שול אין קלעצק. ער האָט אויך נישט דערלויבט די גבאים פון שול צו שטעלן אַ „קערה" ערב יום כיפור, צו זאַמלען געלט אין שול פאַר די קאָלאָניסטן.

אין לאַנד פון די חלומות

פון חלום ביז דער ווירקלעכקייט איז אַ גרויסער מהלך. און אַז ניסן מיט זיין ווייב סימקע זענען אָנגעקומען אין יפו'ער פאָרט, האָבן זיי גלייך זיך באַקענט מיט דער שווערער ווירקלעכקייט.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „הצפירה" דערציילט דער „מבי"ט":

„...דער פאָרשטייער פון די חובבי ציון אין יפו איז נישט געווען קיין „מקבל עולים בסבר פנים יפות".

„אָט — למשל, אַז ניסן קאַנטאָראָוויטש, דער נייער עולה פון שטעטל קלעצק איז אָנגעקומען צום פאָרשטייער פון די „חובבי ציון", האָט אים האָט דער בעאַמטער געפרעגט:

— צי האָט איר צו מיר אַ צעטל פון די „חובבי ציון" פון מינסק?

ניסן קאַנטאָראָוויטש האָט אַזאַ צעטל נישט געהאַט, האָט דער בעאַמטער תיכף באַקומען אַן אָנגעצויגענעם פּנים, און ער פרעגט אים גלייכגילטיק:

— וואָס רעכנט איר דאָ אין לאַנד צו טאָן?

פון דעמאָלט אָן האָט שוין ניסן קאַנטאָראָוויטש נישט געוואָלט מער איבערטרעטן די שוועל פון די קהל'שע עסקנים, און ער האָט גענומען זיין גורל אין זיין האַנט אַריין.

אינטערעסאַנטע פּרטים דערציילט **ליבע זעלצער** פון רחובות אין אירע העפטן פון זכרונות, וואָס טראָגן דעם טשיקאַווען נאָמען:

„זכרונות און מחשבות ווי איך דערצייל מיינע קינדער, וואָס קומען נאָך מיר, פון דעם וואָס עס איז געשען מיט מיר און מיינע טייערע בני משפחה״.

דאָ ווערן באַשריבן קאַפּיטלעך זינט אירע קינדער־יאָרן ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל אין לובעניעץ ביי קלעצק. אירע זכרונות פירן אונז אויך צו די שפּראָצן פון חיבת ציון און ציוניזם, צווישן די דאָרפס יידן אין דער אומגעבונג פון קלעצק.

אויך מענדל מ אַ כ ט י י, וואָס איז געווען אין זיין יוגנט גוט אויסגעקאָכט מיט די דאָזיקע דאָרפס־יידן, האָט אָנגעשריבן אַ סך קאַפּיטלעך זכרונות. ער שרייבט אַז ער האָט תמיד געפילט די שטאַרקע בענקשאַפט צו ארץ ישראל פון די דאָרפס־יידן אַרום קלעצק.

ד״ר הערצל׳ס אודיענץ ביים טערקישן סולטאַן צוהיצט דעם דמיון ביי די דאָרפס־יידן

מענדל מאַכטיי שילדערט, ווי אַזוי די פאַנטאַזיע פון די דאָרפס־יידן האָט זיך צעפלאַקערט, ווען זיי האָבן געהערט ווי אַזוי דר׳ הערצל האָט געהאַט אודיענצן ביים טערקישן סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ביים קייסער ווילהעלם פון דייטשלאַנד, ביים טויער פון מקוה ישראל.

נאָך אין דער ראָמאַנטישער צייט פון דער ביל״ו באַוועגונג טרעפן מיר אָן קלעצקער יידן — בעלי מלאכות אין ירושלים. זיי העלפן די בילו״יים, וואָס גרופּירן זיך אַרום „החרש והמסגר״, וועגן זיי האָט שוין אַמאָל דערציילט זכרונות דוד י ו ד ל ע ו ו י ט ש ביי דער געלעגנהייט פון יובילייי פון דער קאָלאָניע ראשון לציון (זע אויך דוד יודלעוויטשעס זכרונות אין יובל בוך פאַר ראשון לציון און אין זשורנאַל „מימים ראשונים״, אונטער דער רעדאַקציע פון א. דרויאַנוב, ערשטער באַנד).

וויכטיק צום שאַפן זיך אַ בילד פון יענער צייט זענען אויך די בריוו, וואָס חיים ח י ס י ן האָט געשיקט פון ארץ ישראל צום זשורנאַל „וואָסכאָד״, וואָס איז אַרויס אין רוסלאַנד (פון יאָר 1887).

אויך פון קלעצק קומען דאַן קיין ירושלים יידן, זיי ווערן דערמאָנט אין „חלקת מחוקק״, מצבות פון אשר לייב מבריסק. לומדים פון קלעצק קומען קיין ירושלים און מיר געפונען זייערע נעמען אויך צווישן די, וואָס פירן אַ קאַמף קעגן די מיסיאָנערן אין ירושלים.

די קאַנטאַראָוויטשעס זענען אַ בכבודיקע פאַמיליע אין ארץ־ישראל. אָט איז דער קרייז־ריכטער קענעט (אייגענטלעך קאַנטאַראָוויטש). איינער פון דער משפחה איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „החרות״ (די ערשטע טאָגצייטונג אין ירושלים נאָך פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה). ליבע זעלצער דערציילט אויספירלעך ווי אַזוי ער מיט דער משפחה האָבן פאַרלאָזן האַק און פאַק און אַוועק קיין ארץ ישראל.

די דאָרפישע יידן אַרום קלעצק

ליבע זעלצער ווייס צו דערציילן אַפילו וועגן די פשוטע וויגלידער, וואָס די דאָרפישע מאַמעס האָבן מיט זיי פאַרוויגט זייערע קינדער.

זי לייענט פאַר מיר פאַר קאַפּיטלעך פון איר ספר הזכרונות. אָט איז זי וואַך און מיטאַמאָל רעדט זי ווי פון אַ חלום, און אַזוי דערציילנדיק די געשיכטע פון איר לעבן לויפן אַדורך פאַרשידענע געשטאַלטן. אין אירע יונגע יאָרן איז זי אַליין געווען אַ דאָרפס־מיידל, אין אַ דערפל נישט ווייט פון קלעצק, אין לובעניעץ. ס׳איז נישט געווען צו יענער צייט קיין גרויסער אונטערשיד צווישן די שטאָטישע קלעצקער יידן און צווישן די דאָרפס־יידן, וואָס אַ סך פון זיי זענען געווען איינפאַכע פויערים. פון נאָוואָסאָלקע, סטאַרי־דאָראָגי, לובאַניטש ביז קאַפּלאַנאָוויץ, קאָראַצק, אָסטראַשיצקי־האַראַד האָט מען כסדר אַלץ געקענט טרעפן יידישע פויערים וואָס האָבן באַאַרבעט ערד פונקט אַזוי ווי די קריסטלעכע פויערים. און אָט זענען די דערפלעך ביי קלעצק, נאַהאָרנע, נאָווישאָלקע, פלאַסקאָוויטש וואָס איז געווען אַ שם כולל פאַר אַ גאַנצע ריי אַנדערע דערפלעך, ווו יידן האָבן געאַרבעט אויף דער ערד, און האָבן אויך געהאַט אַ מנין, אַ שוחט, אַ מלמד, און ס׳קומען כסדר צו זיי די דאָרפס־גייער פון קלעצק און פון ווייטערדיקע שטעטלעך.

אָט איז פאַראַן אין נאָענטן דערפל באָלוואַנקע אַ ייד, וואָס באַקומט צוגעשיקט אַלע וואָך דער „המליץ״ און „וואָסכאָד״, „רוסקייאַ באָגאַטסטוואָ, „בודעשנאָשטש״. די אינטעלעגענטערע דאָרפס־גייער שלינגען ביי אים די נייעס און זיי צעפּויקן זיי גלייך איבער די אַנדערע דערפער. אַזוי אַרום ווייסן די דאָרפס־יידן אַלצדינג, וואָס טוט זיך אין די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל און וואָס ס׳קומט פאָר איבער דער גאַנצער יידישער וועלט, נישט ווייניקער ווי די קלעצקער יידן, די שטאָטישע.

ביי אונז אין לובעניעץ איז געווען אַן אכסניא, פלעגן קומען אַהין די דאָרפישע יידן און אויך די אַזוי גערופענע דאָרפס־גייער, וואָס פלעגן גיין איבער די דערפער איינקויפן סחורה — פון האַלאָוטשי, האַלינקע, טיכעניטש, לאַפּיטש ביזן שטעטל סטאַראָסעליע. מ׳פלעגט אויך דורכפאָרן פון די ווייטערע מקומות: פון פלאַטניצע קאַזשאַן — האָראָדאָק, פון קאַרעליטש, קראַשין, רובזשעוויטש, פון קאַמען און צירין. געווען פוסגייער, און אויך אַזעלכע וואָס פלעגן קומען ווינטער־צייט מיטן שליטן. און די שטאָטישע מענשן פון קלעצק זענען געווען מיט אונז זער היימיש, ווייל צוויי מאָל אין וואָך האָבן מיר געפירט מילכוואַרג אין קלעצק. מיר האָבן אויך גוט געקענט די רייכערע מענשן, די תבואה־סוחרים וואָס האָבן געהאַלטן לעבן אונז תבואה־שפּייכלער.

די דאָרפישע יידן זענען צווישן זיך געווען ווי איין משפחה, מ׳האָט געוווסט ווי אַזוי יעדער איינער לעבט אין זיין שטוב. די מיידלעך האָבן זיך געחברט איינע מיט דער אַנדערער. די מלמדים, וואָס פלעגן לערנען מיט די ייִנגלעך — זיי האָבן אויך געלערנט די מיידלעך, — אַזוי אַרום האָב איך זיך שוין אַלס אַ קליין מיידל אויסגעלערנט שרייבן און לייענען העברעיש.

מיר און די ישובניקעס, די דאָרפישע יידן פון די אַנדערע דערפער — מיר האָבן אַלע געלעבט ווי אונטער איין דאַך.

די דאָרפישע יידן האָבן צו יענער צייט נישט געהאַט קיין גרינג לעבן צווישן גויים. אַ סך יידן זענען געווען ווי פאַרזעצט אין פאַרוואָרפענע ווינקלען, און ווינטער־צייט איז שווער געווען צו פאָרן קיין קלעצק, ווייל די שנייען האָבן פאַרשאָטן די ווייטע וועגן. אָבער אַז דער וועטער איז נאָר געוואָרן לינדער, האָט זיך דער פאַרקער פון די דאָרפישע יידן מיט קלעצק ווידער באַנייט. פון קלעצק פלעגט מען נעמען מלמדים פאַר די קינדער, מ׳פלעגט זיך אויך מתחתן זיין מיט קלעצקער יידן, אָבער צומייגנסט פלעגן זיך די דאָרפישע יידן מתחתן זיין צווישן זיך. אַ בחור פון אַ דאָרף ווי קאַראַצק האָט גיכער פאַרשטאַנען אַ מיידל פון לובעניעץ, וואָס האָט ליב די נאַטור, דעם פרילינג. אָט גייט אַוועק דער האַרבסט און דער ווינטער. דער גאַנצער דאָרף אַרום בליט און שפּראָצט. איך גיי מיט נאָך דאָרפישע מיידלעך רייסן יאַגדעס. די וועלט פאַרכישופט מיך...

און איך בין דאַן אַ קליין דאָרפיש מיידל, לעב אין אַ וועלט פון חלומות. סודות — זיי פּילן אויס מיין קליין אָרעם קעפל — ס׳איז דאָ זאַכן וואָס איך פאַרשטיי נישט און איך פרעג נישט קיינעם קיין באַשייד...

דער קלעצקער „מטיף ציוני", וואָס אַגיטירט צו ווערן קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל

אין די דערפער פון מינסקער קאַנט האָט מען דאַן כסדר גערעדט וועגן אונזער בן־עיר, דעם „מטיף ציוני" יהושע ברזלי. ער האָט שטאַרק אימפּאָנירט מיט זיין אויסזען, מיט זיינע פאַרחלומ'טע אויגן, מיטן היציקן דיבור. אָט שטייט ער פאַר אַן עולם יידן אין גרויסן בית־מדרש אין קלעצק און דערציילט ווי אונזערע קאָלאָניסטן לעבן זיך אין ארץ ישראל. מען האָט געוווּסט, אַז ער פלעגט אַרומפאָרן און אַגיטירן פאַר דער געהיימער חברה „בני משה". וואָס דאָס איז אַזוינס „בני משה" — האָבן אונזערע דאָרפישע יידן נישט געוווּסט. ביי אונז צווישן די יידישע פּויערים אין די דערפלעך אין ווייסרוסלאַנד, האָט מען פון מויל צו אויער דערציילט וווּנדער וועגן אָט די „בני משה". ס'האָט געהייסן אַז דאָס האָט צו טאָן מיט די „רויטע יידעלעך" וואָס ביים טייך סמבטיון... עס קלינגט ביי אונז אויך מיט די בלו"יים, וואָס האָבן פאַרלאָזן אוניווערזיטעטן און זענען אַוועק קיין ארץ ישראל.

מיט אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן אויפגענומען יהושע ברזלי'ס גרוסן פון יידישן לאַנד די יידישע פּויערים, די דאָרפס־יידן.

> אַז דער שליח פון ארץ ישראל פלעגט צו זיי קומען, פלעגן זיי אויסצירן זייערע פענצטער מיט כלערליי קאָלירן — זומער־צייט מיט פּאַפּירענע רייזן מיט דער אויפשריפט: „בית יעקב לכו ונלכו!"

מנשה מאיראוויטש פון די ערשטע ביל"ויים, האָט דאָ געהאַט קרובים — דער פּאַלענעשטער מיט זיינע טעכטערלעך דוואָשע און „מאַלגאָשע, די קאָסאָקע",ביידע דערוואַקסענע מיידלעך. זיי האָבן געוווינט קעגנאיבער און אויך זייער פאָטער, דער פּאַליענעשטער, האָט געהאַלטן אַן אכסניא, נישט ווייט פון אונז. כ'געדענק, אַז די מיידלעך האָבן זיך ליב געהאַט צו שפּילן אין וואַלד און פלעגן צוריקומען פאַרשוויצטע און צעהיצטע.

ניסן קאַנטאָראָוויטש — מוכתר פון רחובות

די קאַנטראָוויטשעס זענען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט רחובות. ניסן האָט געלייגט די ערשטע ציגל פאַרן ערשטן בנין.

דערציילט ליבע זעלצער, אַז זיין פרויס (שימקעס) מאַמע האָט אַ סך געאָלפן דערצו, אַז זיי זאָלן אַוועק קיין ארץ ישראל. תחילת אָבער איז קאַנטראָוויטשעס ווייב געווען קעגן דעם, זי האָט אַלץ איינגעטענהט מיטן מאַן ניסנען, וואָס האָט דאַן געוווינט אין אַ דערפל לעבן קלעצק: אַוועק פון דאַנען אין קלעצק — דאָס יאָ, אָבער וואָס עפּעס? אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל און הערן וואָס אַ „מגיד" דרשנ'ט?

איז ניסן אַוועק אין מינסק און פאַרלאַנגט פון „חובבי ציון" אינפאָרמאַציע וועגן ארץ ישראל.

די „חובבי ציון" פון מינסק דעמאָלט — זיי אַליין האָבן קיין גוטן באַגריף נישט געהאַט, וואָס עס טוט זיך אין ארץ ישראל, אָבער ניסן האָט שוין זינט דעמאָלט מער נישט גערוט און ער האָט אינגיכן אויסגעפירט ס'זייניקע.

ניסן איז געווען אַ פּויער נאָך פון דערהיים, ער האָט פיינט געהאַט דאָס שטאָטישע לעבן און האָט ליב געהאַט די ערד־אַרבעט, און נאָך איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט שימקען, האָט ער איר געזאָגט:

— שימקע, זאָלסטו וויסן, איך וועל נישט זיין קיין שטאָטישער. איך וויל גאָר נישט האָבן צו טאָן מיט אָט די אַלע חריפים, תלמידי חכמים און נישט מיט סוחרים. איך וויל, אַז מיר זאָלן אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרטן לעבן ווי עס לעבן דאָרטן אַלע קאָלאָניסטן.

מ'האָט אָבער שימקען אָפּגערעדט פון פאָרן קיין ארץ ישראל. שוין דעמאָלט זענען געווען אין אונזער געגנט „יורדים", אַזעלכע וואָס ס'איז זיי געווען שווער זיך צו אַקלימאַטיזירן אין ארץ ישראל.

אָבער ניסן איז אַוועק קיין ארץ ישראל. שוין אויפן שיף צעזינגט ער זיך מיט זיינע זיסע ציון־לידער. אַז ער קומט אָן קיין יפו — רינען טרערן פון פרייד פון זיינע אויגן.

ס'איז נישטאָ פון וואָס צו לעבן. זענען זיי ביידע „אורחים" אין דער „הכנסת אורחים" אין יפו, צוזאַמען מיט די קבצנים און די שלעפּערס, אָבער ניסן איז פריילעך. ער פלעגט ממש קושן די ערד פון ארץ ישראל; די מאַמע־ערד איז געווען אַן אמתע מאַמע פאַר ניסנען.

ניסקע ווערט אַן אַרבעטער ביים פּאָרט

געזען, אַז ס'איז נישט קיין תכלית צו זיצן אין „הכנסת אורחים", איז ער גלייך אויפן צווייטן טאָג אַוועק אין גאַס זוכן אַרבעט. ער איז דערווייל געוואָרן אַן אַרבעטער ביים פּאָרט. זיין פרוי שימקע האָט דאָס גענומען פאַר ליב, זיי האָבן דאַן געוווינט אויף די יפו'ער זאַמדן אין אַ בלעכענעם „צריף", ווו די זון האָט בייטאָג שטאַרק געבערנט. אָבער אין די נעכט איז ניסקע געווון אַ גליקלעכער, און ער פלעגט זיך צעזינגען:

> אוי, מיין טייערע שימקעלע, דאָ אין ארץ ישראל וועלן מיר וווינען, דאָ, כאָטש ס'איז אַזוי מאָגער אונזער ערד, מיר וועלן זי פאַראַקערן, פאַרזייען — און וועסט זען, שימקעלע, ס'וועט אויך קומען גוטס, ס'וועט גיך קומען אויך די צייט פון שניט" — — —

ניסקע האָט געטראָגן זיין בענקשאַפט טיף אין זיין האַרצן, און פלעגט זי אויסדריקן אין די פאָלגנדיקע פערזן:

> „ציון! יאָרן־לאַנג איך האָב דיך געטראָגן, איך האָב דיך געטראָגן טריי אין האַרצן, אי אין וואַך־זיין און אי אין מיינע טרוימען. איצט דאָ־אָ זע איך דיך, ציון, אויף יעדן טריט..."

ניסקע איז געווען דעמאָלט דער איינציקער יידישער אַרבעטער אין פּאָרט צווישן אַראַבישע „באַכאַרטשיקעס", ווי מ'האָט זיי דעמאָלט גערופן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט אַראַביש, און אויך דערפאַר איז אים זער שווער געווען זיך צו אַקלימאַטיזירן אין אָט דער אַרבעט. ער איז געוואָיר געוואָרן, אַז ער וועט באַקומען אַרבעט אין אַ ווייגאָרטן אין ראשון לציון, איז ער אַהין אַוועק און גלייך אַריבערגענומען אויך זיין ווייב שימקען אַהין. און דאָ אין ראשון לציון ווערט ביי זיי געבוירן זייער ערשטער זון נחמיה.

אַ מוסטער פון מוטיקייט

בעת ניסקע מיט שימקען האָבן זיך אין לאַנד שטאַרק געמאַטערט און זייער מיידעלע איז מיט די ווערטער „מאַמע, גיב מיר אַ שטיקעלע ברויט" אַוועק פון דער וועלט — קומט אָן צו זיי פון זייערע אייגענע אַ בריוו פון קלעצק און וועלכן מ'פרעגט זיי וואָס זיי מאַכן און ווי אַזוי זיי לעבן. האָט ניסקע, נאָך אין „שבעה"־שטימונג, אָנגעשריבן אַ בריוו, וואָס וואָלט געמעגט געדרוקט ווערן ביי אונז אין לערנביכלעך פאַר קינדער:

> „אונטער אַ הימל אַ בלויען — שרייבט ניסן אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון זיין פרוי — אונטער אַ זוניקן הימל וואָס איז בלוילעך און אַזוי הערלעך שיין פון דן ביז באר שבע אין דער לענג און פון דעם ים התיכון דאָ אין יפו ביזן כנרת און ביז אַריבער דעם עבר הירדן אין דער ברייט, איבער בערג און איבער טאָלן, איבער פעלד און וואַלד, איבער ווייגערטנער און פרדסים פון אונזערע קאָלאָניסטן, שפּאַצירן מיר דאָ, און עס פרייט אונז, וואָס מיר לעבן דאָ אין לאַנד פון אונזערע אבות און פון אונזערע חלומות".

קוים אויפגעשטאַנען פון „שבעה", האָבן זיך פונסנײ פאַר אים אָנגעהויבן שווערע טעג. ער פאָרט אין גליל העליון, ער ווערט פאַרכאַפּט פון די אידעען פון קריסטלעכן חובב־ציון סער לאָרענס אָליפאַנט, צו שאַפן אַ ברייטע התיישבות און גולן און עבר הירדן.

אין די ליכטיקע זומער־טעג וואַנדערט ניסקע אַרום איבערן גאַנצן לאַנד, און אַז עס וואַקסט אונטער ביי ניסנס קרוב אין צפת זיין זון, דער באָטאַניקער יעקב יוסף ט ו י ב ע נ ה ו י ז (שפּעטער באַרימט אַלס גענײאַלער וויסנשאַפטסמאַן־באָטאַניקער אין אַמעריקע) — פאָרט מיט אים ניסקע קיין עבר הירדן, וווּ דער יונגער געלערנטער זוכט אויס פלאַנצן פאַר די קאָלאָניסטן.

אַ סך וויסן צו דערציילן וועגן ליבע זעלצער פון רחובות און יעקב קאַנטראָוויטש פון תל־אביב, וועגן ניסן קאַנטראָוויטשן אין ראשון לציון ווי ער פלעגט היטן אין די נעכט די כרמים, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע שכנים.

שפּעטער גייט ניסן אַריבער פון ראשון לציון אין רחובות, ער איז געווען איינער פון די ערשטע „מתנחלים" אין דער קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1890 דורך דער חברה „מנוחה ונחלה". ערשט אין רחובות איז ער געקומען „אל המנוחה ואל הנחלה". דאָ פלעגט ער אַרומגיין איבער די פּרדסים און פעלדער, אַרומגיין און זינגען זיין לידל:

עָלֵינוּ, עָלֵינוּ,
לְשָׂדוֹת וּלִכְּרָמִים עָלֵינוּ.
פֹּה כְּבָר חָרַשְׁנוּ,
שָׁם כְּבָר זָרַעְנוּ,
אַךְ עוֹד לֹא קָצַרְנוּ.

ניסקע און אויך נח'קע שפּירא, דעם וואָס מען האָט גערופן „בר־נש" — זיי האָבן ביידע קאָנקורירט צווישן זיך אין פאַרפאַסן לידער פון ערד־אַרבעט און אַנדערע.

נח'קע האָט פאַרפאַסט דאָס לידל „יה—חלילי, עמלי—לי", וואָס די אַרבעטער פלעגן זינגען צענדליקער יאָרן, און ניסקע האָט פאַרפאַסט לידלעך אויך פאַר די תימנער אַרבעטער.

נאָך דער אַרבעט פלעגט אַמאָל ניסקע צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלאָניסטן און אַרבעטער אַרויסגיין אין אַ טאַנץ.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען פאַר ניסנען געקומען שווערע יאָרן. ער ווערט באַשטימט דורכן ועד המושבה אַלס דער מוכטאַר (מוכתר) פון דער קאָלאָניע, און בעת דזשעמאַל פּאַשאַ הויבט אָן זיינע רדיפות קעגן די קאָלאָניסטן, ווערט ניסקע באַשולדיקט, אַז ער באַהאַלט „פאַרראַרען" (דעזערטירן), און אָט אויף דער באַשולדיקונג ווערט ער אַרעסטירט און צוזאַמען מיט אַנדערע חשובע עסקנים פון ארץ ישראל, ווי דוד יעלין, אברהם שפּירא און אַנד. אַוועקגעשיקט אין דער טערקישער טורמע „חאַן־באשא" אין דמשק.

די לוסטיקייט און פריילעכקייט פאַרלאָזט אים אָבער נישט אויך דאָרטן, און אויך אין טורמע זינגט ער האַרציקע העברעישע פאָלקס־לידלעך וואָס דערמונטערן די אַנדערע אַרעסטאַנטן, צווישן זיי מיטגלידער פון דער שפּיאָנאַזש אָרגאַניזאַציע „נילי".

ניסן קאַנטראָוויטש איז געווען אַ מענטש מיט אַ פּאָעטישער נשמה און ווי י. יערי פּאָליעסקין האָט איבערגעגעבן, זענען אייניקע לידער זיינע, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין יידיש, איבערזעצט געוואָרן אין העברעיש דורך נח'קע שפּירא (בר נש) און די יידישע אַרבעטער פלעגן זיי גערן זינגען.

ער איז געשטאָרבן אין רחובות, י"ח אדר תשי"א (17.3.1941). ביי יציאת נשמה האָבן זיין פּנים און אויגן געשטראַלט. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען:

— גוט, וואָס איך האָב מיר מוסר־נפש געווען פאַר אונזער לאַנד!

— מיט די דאָזיקע ווערטער איז אויסגעגאַנגען זיין נשמה.

צפורה זעלצער
רחובות / פון לובעניעץ קיין רחובות

די ליבע אַלטע היים, דאָס שטעטל קלעצק און דאָס אָרט ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער יאָרן — לובעניעץ ביי קלעצק — זענען גע־גליכן צו אַ פריזמן דורך וועלכער ס'שנירלען זיך אַ סך ליכטיקע זכרונות.

די וועלט פון נעכטן

מיינע קינדער־יאָרן אין סוף פון פריערדיקן יאָרהונדערט געהערן צו דער וועלט פון נעכטן. עס איז דאַן געווען, אין פאַרגלייך צו היינט, אַ רויקע צייט, דאָס לעבן איז געווען זייער געמיטלעך. און ווען איך כאַפּ אַ בליק אויף צוריק און באַטראַכט דעם לעבנס־לויף וואָס איך האָב דורכגע־מאַכט זינט מיין נסיעה קיין ארץ־ישראל מיט איבער פופציק יאָר צוריק — דערזע איך, אַז עס האָט זיך זינט דאַן געביטן אַלץ — סיי די מענטשן און סיי די תקופה. און עס גיט מיר אַ צי אין האַרצן בעת איך דערמאָן זיך אָן קלעצק און לובעניעץ.

לובעניעץ האָט געהייסן דער אָרט ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן; דאָס איז געווען אַ קרעטשמע נישט ווייט פון קלעצק, אויפן וועג קיין סלוצק.

מיר זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט קלעצק, ווו מיר פלעגן פאַרקויפן דאָס מילכיקס און אויך די תבואה. מיר האָבן געצויגן פּרנסה דערפון, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ שפּייכלער, אין וועלכן מיר האָבן געהאַלטן די אויפגע־קויפטע ביי די אַרומיקע פויערן תבואות און דאָס מילכוואַרג, וואָס מיר האָבן געהאַט פון די קי. יעדע וואָך האָבן מיר געפירט די מילך קיין קלעצק און דאָרטן פאַרקויפט צו אונזערע שטענדיקע קונדן.

אונזער משפּחה איז געווען אַ דאָרפישע פון אייניקע דורות. מיר פלעגן זייער גוט לעבן מיט די אַרומיקע קריסטלעכע שכנים. נישט ווייט פון אונז איז געווען דאָס אָרט פּלאַסקאָוויטש — עטלעכע דערפער, אין וועלכע עס האָבן צווישן די גויים געלעבט נישט ווינציק יידן, עס האָט זיך זיי נישט שלעכט געלעבט צווישן די דאָרפישע גויים אַרום.

מיר זענען געווען, ווי געזאָגט, דאָרפישע מענשן און, אונזערע השגות זענען געווען גאַנץ אַנדערש ווי פון די יידישע תושבים פון קלעצק מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַגעגנט.

איך דערמאַן זיך, ווי קינדווייז האָב איך געהאַט אַ טיפע באַציונג צו דער נאַטור — עס האָט פאַרכאַפּט מיין אויג יעדעס גרין גרעזל, יעדעס פעלד־בלימל, איך האָב שטענדיק געקוקט מיט התפעלות אויף גאָטס וועלט, וואָס איז אַזוי ווונדערלעך־שיין, שעהן־לאַנג פלעג איך אָפּט ליגן אויף דער גרינער לאָנקע פאַרחלומט און פאַרטראַכט, באַטראַכטן די שוועבנדיקע וואָלקנס.

דאָס אַלטעגלעכע לעבן איז פאַר מיר געווען פון גרויס אינטערעס, און איך האָב אויך געלערנט תורה, ווייל דער טאַטע האָט געבראַכט אַ מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער.

מיר האָבן געוווינט נישט ווייט פון קלעצק, און מיר פלעגן יעדע וואָך

קומען אין שאַט אַריין, אַזוי אַרום זענען מיר געקומען אין באַרירונג מיט די נייע שטרעמונגען, און מיר האָבן געפילט, אַז אָט־אָט שפּראָצט אַ נײַ לעבן, אַנדערש פונעם אַנגענומענעם פאַרגליווערטן טראַדיציאָנעלן שטייגער פון דורי דורות.

אין דער אומגעבונג זענען געווען אַ סך דאָרפס־יידן, פּויערים און בעלי־מלאכות. זייער לעבן איז נישט געווען גרינג, אָבער זייער אינטערע־סאַנט אַ דאַנק דער ענגער פאַרבינדונג מיט דער נאַטור און מיט דער ערד.

עס דערמאָנען זיך וואונדערלעכע טיפּן פון אָט די דאָזיקע דאָרפישע יידן. אָט שווימט אויף אויפן זכרון אַ טיפּ וואָס איז געווען גוט באַקאַנט — איטשע שמערלס דער שוסטער פון ראהאַטשולקע. ער איז שטענדיק געווען לעבעדיק־פריילעך. אָט שטייט ער, אַ שטייגער, מיט אַ דראַטווע אין האַנט בײַ אַ שטיקל אַרבעט, קלאַפּט זיך צו צום טאַקט און זינגט אַ פריילעך ליד; ער אַרבעט געשווינד. ער האָט געשמט אַלס „דאָס פריילעכע שוסטערל", ער פלעגט קענען גוט נאָכמאַכן דעם קול פון אַ בדחן, ווי ער זאָגט גראַמען בײַם באַדעקן אַ כלה.

ער איז אָבער אויך געווען אַ גוטער אכלן, נישט קיין „פּרעסער", אָבער אַז זײַן ווײַב האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גרויסע פולע שיסל מיט אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל אָפּילו אַז זיי זענען געווען הייסע קאָכיקע, — איז גאַר גיך פון זיי נישט געוואָרן...

מיטן דאָזיקן פריילעכן שוסטערל פלעגט דער פריץ אונזערער סוס־טשקעוויץ' ליב האָבן צו פאַרפירן שמועסן, דערהויפּט וועגן ענינים פון אמונה און יידישקייט. איטשע שמערלס איז אַפילו געווען גאָר אַ קנאַפּער ידען אין די קליינינקע אותיות, ער איז אָבער געווען גוט אויסגעקענט אין די ווײַבערישע ספרים ווי „צאינה וראינה", „נחלת צבי" און „לב טוב". בײַם פריץ איז איטשע שמערלס דער שוסטער געווען פאַררעכנט פאַר אַ רבין, און ווען נאָר ער פלעגט אים פרעגן עפּעס וועגן יידן און יידישקייט, האָט ער גלייך פון אים באַקומען אַן ענטפער.

עס איז שוין די טבע פון אַ בשר ודם, אַז ער וויל וויסן און דער פריץ אונזערער, סוסטשקעוויץ, איז געווען גאָר אַ גרויסער „נודניק", ער פלעגט שטענדיק אויך פאַרפירן וויכוחים אויך מיט מײַן טאַטן, און בכלל האָט ער זיך גוט פאַרהאַלטן מיט די יידן אַרום. איך געדענק די אינטעלי־גענטע פאַמיליע יאַכרימאָוויטש. יאַנקל יאַכרימאַוויטש און זײַן זון איטשע זענען געווען שטאָק־רייך און זייער געבילדעט, דער זון איטשע האָט שטודירט אין אוניווערזיטעט. די קינדער האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און פאַרנעמען דאָרט אַ וויכטיקן פּלאַץ.

בכלל האָבן די יידן אין די דערפער אַרום קלעצק, אין בולוואַנקע, יאַציק, קליין־נאַוואָסעלקע און גרויס־נאַוואָסעלקע, פעליפּאָוויטש און אַנדערע דערפער אַרום אונז, זייער גוט געלעבט מיט די גויים, הגם דאָס גאַנצע לעבן פון די יידן, זייערע זיטן, זייער גלויבן, שפּראַך און אויפירונג, איז געווען זייער פרעמד פאַר די גויים. אַ סך פון די פּויערים בײַ אונז האָבן אויך געגלויבט, אַז די יידן האָבן עפּעס „סודותדיקע" זיטן און מנהגים, וואָס מיר באַהאַלטן פון זיי, און נישט איינמאָל פלעגט דער פריץ אונזערער באַרירן האָט די טעמע, און עס האָט אַ סך מיט אים איינגע־טענהט יאַנקל יאַרכימאַוויטש, כדי אַרויסצושלאָגן דאָס פון זײַן קאָפּ.

פון די תבואה סוחרים דעמאָלט אין קלעצק, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַנדלט, האָבן גע'שמ'ט בערטשע דער געלער; ער איז געווען דער סאַמע הורטאָוויניק פון תבואה־מסחר, פלעגט עקספּאָרטירן די תבואה קיין אויסלאַנד. אַ סוחר'טע אַ ברען, איז דעמאָלט געווען ריווע שמעיה לייב'ס, זי פלעגט איינקויפן די תבואה, און איר מאַן שמעיה לייב, איז געווען דער פאַרקויפער.

אונזער גייסטיק לעבן איז געווען זייער באַשרענקט, אָבער דער מלמד, וואָס מיר האָבן געהאַט בײַ אונז אין שטוב האָט אַריינגעבראַכט גייסט, ער האָט נישט געוווּסט פון קיין רו, ער האָט מיט די קינדער געלערנט תורה, תמיד געזעסן איבער אַ געעפנטן ספר און האַלטנדיק די אויגן אויף דעם בלאַט געלערנט מיט אַ ניגון. געווען אַ גרויסער טרינקער פון טיי, — „אַ גלעזל הייס טיי" איז בײַ אים געווען דער חיות...

מיר האָבן אָבער געפילט, אַז מיר זענען פאַרוואָרפן צווישן גויים, און מיר האָבן כסדר געטראַכט ווי אַזוי אַוועק פון לובעניעץ און זיך באַזעצן צווישן יידן, — און דאָ איז פאַר אונז אויפגעשווומען ארץ ישראל.

דאָס איז געווען אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה. עס איז געווען נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, מיר האָבן שוין געפילט אין דער לופט, אַז עס ברעקט זיך איין דער יידישער קיום אין „תחום־המושב", און עס עפנט זיך אַ נייע תקופה. דער ציוניזם האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס, און בײַ אונז איז דאָס פאַרשמאַלצן געוואָרן מיט אונזער אַלטן וווּנש: צו פאַרלאָזן אונזער דאָרף און אַוועק אין אַ יידישער קאָלאָניע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז יעדער פון אונז קען עס פאַרווירקלעכן.

בעת איך בין אַנגעקומען קיין רחובות, האָט זיך פאַר מײַנע אויגן אַנטפּלעקט אַ נײַ לעבן. רחובות איז אין יענע יאָרן געווען אַ צענטער פאַר אַרבעטער־אידעאַליסטן, זיי האָבן דאָ געהאַט אַ געהיימען פאַריין „אגודת אחים" — און יעדע צען חברים האָבן געהאַט איבער זיך אַ מין הויפּטמאַן. די צאָל חברים איז געווען בײַ 60. מ'פלעגט אָנעמען יעדן חבר וואָס איז געווען ראוי און געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום לאַנד.

פאַר מיר, וואָס איך בין געווינט געווען צו דער נאַטור און צום דאָרף, איז רחובות מיט די ווײַנגערטנער פון „מנחה ונחלה", געווען נאָענט צום הארץ. עס האָט פאַרכאַפּט די שיינקייט פון דער קאָלאָניע, די אַלייען פון מאַנדעלבוימער און פייגנבוימער אַרום די ווײַנגערטנער.

בכלל איז אין רחובות געווען דאַן זייער פריילעך. אין די אָוונטן פלעגן די חלוצים־אַרבעטער טאַנצן און זינגען. פּאָפּולער איז דאַן געווען דאָס לידל „יה־חה־לי־לי", וואָס עס האָט פאַרפאַסט איינער פון די אַרבעטער. ווו מען איז געגאַנגען, איבער די פעלדער, איבער די בערגלעך — אומעטום זענען געווען צעשפּרייט גרופּעס אַרבעטער און האָבן צוגעגרייט דעם באָדן צום פלאַנצן.

איך האָב דאָ אין רחובות געזען די גרויסע ליבשאַפט צום לאַנד, ווי אַזוי קינדער פון רײַכע היימען פון פּוילן און רוסלאַנד האָבן בעאַרבעט די ערד. עס האָט שוין דאַן זינט יאָרן געווירקט אין לאַנד יהושע אייזנשטאַדט פון קלעצק. ער איז געקומען נאָך מיט דער ערשטער עליה פון די בילו"יים אין די 80קער יאָרן. געווען אַ מאַן מיט שטאָלץ און איך האָב שוין דאַן, מיט 50 יאָר צוריק, געהערט ווי ער האָט געהאָלפן די קאָלאָניסטן פון ראשון לציון אין זייער קאַמף קעגן די בעאַמטע פון באַראָן ראָטשילד. שוין דאַן האָט ער געחלומט וועגן מלכות ישראל, וועגן אַ יידישער מדינה. מ'האָט אים געקענט טרעפן שטענדיק ווי ער שמועסט מיט די אַרבעטער און מיט די קאָלאָניסטן, עס איז געווען אַ דערמוטיקונג צו הערן זײַנע טיפזיניקע געדאַנקען, און וועגן דער צוקונפט, ווען דאָס פייער פון ליבשאַפט צום לאַנד וועט אַרומכאַפּן אַלע ווינקלען פון די גלות־לענדער.

מיר דערמאָנט זיך, ווי איך בין נאָך פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה געקומען אויף אַ שטיקל־צייט צוריק קיין קלעצק. איך האָב דאַן באַמערקט, ווי עס בייטן זיך די צייטן און עס בייטן זיך אויך די מענטשן, און איך בין שפּעטער צוריקגעקומען קיין רחובות אָנגעזאַפּט מיטן נייעם גלויבן און מיטן באַוווּסטזײַן, אַז אינגיכן וועט די יוגנט קומען קיין ארץ ישראל. צווישן די ערשטע פּיאָנערן פון אונזער געגענט זענען געווען יוסף און חיותה בוסעל. יוסף בוסעל איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1908. ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט חיותה גאַווזע, וואָס איז אויך געווען פון די ערשטע פּיאָנערינס אין לאַנד. זיי האָבן געבאַנט דעם וועג פאַר די חלוצים וואָס זענען געקומען נאָך זיי.

גרויס איז אונזער טרויער אויף די אומגעקומענע ברידער, און שווערער אין דער חרוב'ער אַלטער היים; ס'איז אָבער גרויס אויך אונזער פרייד מיט דער יידישער אויפלעבונג און דערגרייכונג. און בעת מיר דערמאָנען די ערשטע חלוצים, דאַרפן מיר פאַרצייכענען מיט אָנערקענונג די פאַמיליעס קאַנטאַראָוויטש, יהושע אייזנשטאַדט, די בוס־עלס: יוסף און חיותה בוסעל מיט אירע ברידער און אַנדערע.

צבי שמשי*

אַ ייד פון קלעצק אַגיטירט פאַר ארץ־ישראל

(פראַגמענטן פון מיינע זכרונות)

ביי אונז אין קלעצק פלעגט מען אָפט טרעפן אין בית־מדרש מתמידים אייזנשטאַדט פון קלעצק איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. אייזנ־שטאַדט איז געווען אַ אַגיטאַטאָר פאַר די „בני משה" (אַ געהיימער אָרדן, געשאַפן דורך אחד העם אין אָדעס). איך בין צוזאַמען מיט אים אַרומגעפאָרן ווערבירן חברים פאַר די „בני משה". מיר האָבן אויך געזאָרגט, אַז עס זאָלן זיך שאַפן אין די שטעטלעך ציוניסטישע קרייז־לעך און אויך האָט די „בני משה" געזאָרגט פאַרן העברעישן חינוך.

אָבער אייזנשטאַדטן האָט ארץ ישראל נישט געלאָזן צורו, ער איז שוין דאָרט געווען און אים האָט אַהין געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט.

דערמאָנט זיך מיר ווי מיר קומען אָן אין אייזנשטאַדט'ס שטאָט קיין קלעצק, און ביי די דאָרטיקע יידן איז אונזער קומען געווען אַ געשעעניש.

יהושע אייזנשטאַדט דערציילט וועגן ארץ־ישראל און דער עולם שלינגט וואָס ער דערציילט, ס'איז אַזוי פיל פאַנטאַסטישקייט אָבער אויך זאַכלעכקייט, ווייל ער דערציילט פוןווירקלעכן לעבן. קיין איין חבר האָבן מיר נישט אַריינבאַקומען פון קלעצק, דעם איינציקן קאַנ־דידאַט פאַר די „בני משה" האָט אחד העם געפסלט, נישט וועלנדיק האָבן צווישן די „בני משה" אַ „בעל גאווהניק", ווייל אין זיין בריוו צו די „בני משה" האָט ער זיך צופיל באַרימט, און ווירקלעך איז ער געווען אַ גדול בתורה און אויך אין מידות, און עס איז פאַר אונז געווען אַ שאָד וואָס מיר האָבן אים נישט באַקומען פאַר די „בני משה".

יהושע אייזנשטאַדט איז געווען צופיל אַ בעל־חלומות און צו ווייניק אַ „פראַקטישער מענש"; פאַר יענער פרומער אידעאַליסטישער צייט איז ער געווען גוט, אָבער שפּעטער האָט ער אין ארץ ישראל פאַרלוירן אַ סך פון פריערדיקן גלאַנץ. ער האָט מיט זיינע פעאיקייטן געקענט געפינען אַ ברייטערן וועג פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער ציוניסטישער טעטיקייט.

איך בין מיט אייזנשטאַדטן געווען אויך אין כאַרקאָוו, ווו עס איז אונז יאָ געלונגען צו גרינדן אַ לשכה פון די „בני משה". די „בני משה" האָבן דורך אונז געגעבן אַ גרויסן שטויס צו דער גרינדונג פון העברעישע ביבליאָטעקן, און אויך אַז יונגעלייט בעלי מלאכות זאָלן לערנען עפּעס פון יידישע געשיכטע און פון דער געשיכטע פון די משיחישע באַוועגונגען.

אָבער דער קלעצקער ייד ר' יהושע אייזנשטאַדט איז לאַנג נישט פאַרבליבן אין „ארץ נכר", אים האָט עס געצויגן אין לאַנד אַריין. אויך נאָכדעם ווי הערצל איז אַרויס אויף דער אַרענע, איז יהושע אייזנ־שטאַדט ווייטער געבליבן געטריי זיין רבין אחד העם, און נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן טעטיק אַלס סעקרעטאַר פון „וועד הציוני" אין פּאָל־טאַווע און בין צוגעשטאַנען צו די פּאָליטישע ציוניסטן, האָט יהושע אייזנשטאַדט געהאַט צו מיר גרויסע טענות, אַז איך בין נישט גע־בליבן טריי דעם רבין אחד העם.

איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַגרענעצט ביי מיין אַרבעט לטובת ציון. פאַר מיר זענען געווען גילטיק אַלע פליכטן, אַלץ וואָס קאָן ברענגען נוצן אונזערע קאָלאָניסטן אין לאַנד. איך בין כסדר אַרומ־געפאָרן און פּראָפּאַגאַנדירט לטובת ארץ־ישראל. פאַר מיר איז די „בני משה" טעטיקייט געווען נאָר דער ערשטער שטאַפּל אין מיין געזעלשאַפטלעכער ציוניסטישער אַרבעט, און די נויטן פון אונזער פאָלק האָבן ביי מיר נישט געלאָזן קיין שום פּלאַץ פאַר פאַרערונג פון רביים. אָבער מיין גוטער פריינד יהושע אייזנשטאַדט איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן געטריי זיינע יוגנט־חלומות. ער איז געווען דער אמתער ריטער פון ציוניזם, אַ שעפערישער מענש מיט גרויסע פאַר־דינסטן, אַקטיוו און איבערגעגעבן מיט גרויס מסירת־נפש.

* דער פאַרשטאָרבענער ציון־טוער ר' צבי שמשי איז געווען דער פאָטער פון ישראל־פּרעזידענט יצחק בן־צבי. אַ יוגנט־פריינט פון יהושע אייזנשטאַדט. וועגן אייזענשטאַדט"ס נסיעה קיין ארץ ישראל זע זיין בוך „זכרונות", וואָס איז אַרויס אין העברעיש אין ירושלים, אין יאָר 1938.

נחמיה איזראעליט (ישראלית) / די פאַמיליע איזראַעליט

הרב שמחה יהודה לייב

איך וויל דאָ שטעלן אַ מצבה פאַר דער משפחה איזראַעליט פון סוכליטש ביי קלעצק. די דאָזיקע משפחה האָט זיך געגרויסט מיט איר ייחוס — און מיט רעכט, ווייל זי איז געווען אַ המשך פון אַ גאָלדענער קייט פון 26 דורות רבנים און גדולי תורה. פון פאָטערס צד — די פאַמיליע פון בעקאַנטן ר' אביגדור פון פּינסק (וואָס האָט באַקעמפט ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, דעם בעל ה„תניא"), און פון דער מוטערס צד — ר' דוד טעוועלע פון מינסק, אויך בעקאַנט אַלס קעמפער קעגן חסידות.

די משפחה איז געווען איינגעטונקען אין תורה, און אַ סך פון זיי האָבן פאַרפאַסט ספרים אין הלכה. זינט דעם אויפשפּראָץ פון חב"דער חסידות איז די דאָזיקע פאַמיליע געווען אַ פעסטונג פון התנגדות קעגן די חסידים. און אָט איז מיין זיידע, דער אייניקל פון ר' אביגדור פּינסקער, וואָס הייסט נאָך אים, גאָר פּלוצעם געוואָרן אַ... פלאַמיקער חסיד, און אין זיינע דרכים איז געגאַנגען מיין פאָטער ר' שמחה יהודה לייב איזראַעליט.

זיין הויז איז געווען דורכגעזאַפּט מיט תורה און חסידות, לעבנס־חכמה און אהבת־ישראל. געווען אַן אָריגינעלע פּערזענלעכקייט אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין די ישיבות פון וואָלאָזשין און מיר, זיך אויסגעצייכנט אַלס עילוי, געלערנט אויך שפּראַכן — רוסיש, דייטש, פּויליש. זיך אויסגעצייכנט אויך מיט זיין קלוגשאַפט און מידות.

ער האָט אויף זיך נישט געוואָלט נעמען דעם יאָך פון רבנות, און געצויגן זיין חיונה דערפון, וואָס ער איז געווען אַן אַרענדאַר ביים פירשט ראַדזשיוויל. אַרום אָט דער דאָזיקער אַרענדע האָט זיך געפירט אַ פּראָצעס זינט 1901 צווישן מיין פאָטער און איינעם פון די בעאַמטע, וואָס האָט באַשולדיקט מיין טאַטן, אַז ער פירט נישט

אין אָרדנונג די גיטער. און אָט האָט מעזאָונז איינמאָל צווייסן געגעבן, אַז דער פירשט וועט אונז באַזוכן. און ער איז גראָד אָנגעקומען ווען מיין פאָטער האָט געהאַלטן אינמיטן דאַווענען. מיין פאָטער האָט נישט איבערגעריסן די תפילה און דער פירשט האָט געמוזט גדולדיק וואַרטן.

אַז מיין פאָטער האָט געענדיקט, זאָגט ער דאָן צום פירשט: — ביז איצט בין איך געווען אין דינסט פון גאָט־ברוך־הוא, איצט שטיי איך צו אייער דינסט! אָט די שטאָלצע האַלטונג פונעם טאַטן, האָט אַרויסגערופן רעספּעקט ביים פּוילישן פירשט, און די אַרענדע איז אויך אויף ווייטער פאַרבליבן ביי אים.

בכלל האָט מיין פאָטער זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט קהל׳שע ענינים, אָבער עס זענען געווען אויסנאַמ פאַלן.

מיין פאָטער אַ מיטגליד אין „אגודת האלף״

נאָך אין סוף פון פאַריקן י. ה. מיט דער דערשיינונג פון הערצלען, איז מיין פאָטער געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג. צו יענער צייט איז דער באַקאַנטער ציוניסטישער מטיף פון צפת ר׳ מאיר טויבענהויז געקומען קיין קלעצק, צו ווערבירן טויזנט פאַמיליעס פון רוסלאַנד און פוילן צום באַזעצן זיך אין גליל העליון *. מיין פאָטער איז דער געדאַנק געווען צום האַרצן, אָבער בעת ער איז געקומען אין לאַנד אַריין, האָט ער באַשלאָסן זיך נישט באַזעצן אין גליל העליון, נאָר ער האָט זיך געקויפט אַ נחלה אין פתח תקוה, וווּ ער האָט אויך געפלאַנצט אַ פּרדס.

ער האָט אויסגעקליבן צו באַזעצן זיך אין פתח תקוה, וווּ ס׳האָט שוין געוווינט זיין פעטער ר׳ דוד איזראַעליט און זיין פאַמיליע, זיינע זין ראובן, נתן און אויך די טעכטער זיינע רבקה און רחל. די אַרבעט ביים פלאַנצן דעם פּרדס, האָט ער איבערגעגעבן דעם פעטער דוד.

אַז דער פעטער האָט צעוויסן געגעבן, אַז דער פּרדס ברענגט שוין פּרוכט און אַז אונזער פאַמיליע וועט קענען ציען חיונה פון אים — זענען מיר עולה געווען קיין ארץ ישראל, מיין מוטער, מיין שוועסטער צפורה מיין ברודער יונה און איך, דער שרייבער פון די שורות. דאָס איז געווען אין יאָר תרע״ג (1913). מיין פאָטער איז נאָך פאַרבליבן אין דער אַלטער היים, און ערשט אין ווינטער פון יאָר תרע״ד (1914) איז ער געקומען אין לאַנד.

נאָך זיין קומען איז מיין פאָטער ווייטער געגאַנגען אין זיינע פריערדיקע דרכים, טאָג און נאַכט געלערנט תורה, אויך געגעבן שיעורים אין גמרא פאַר לומדים און זייענדיק אַ גוטער בעל מסביר, האָבן זיינע שיעורים אים געבראַכט אַ גרויסן פירסום.

ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים, אין סוכליטש, ביי קלעצק, אַזוי אויך אין פתח תקוה, איז מיין פאָטער געווען אַ מענטש צו גאָט און צו לייט. די מוטער איז געווען די עקרת הבית און אויך איצט אין פתח תקוה, האָט זי געטראָגן דעם יאָך פון הויז און דערמעגלעכט איר מאַן ער זאָל עוסק זיין אין תורה.

דוד איזראַעליט — פון די ערשטע בויער פון פתח תקוה

דער אָנהויב פון זיין טעטיקייט איז געווען אין דער ביל׳וויים באַוועגונג, אין די אַכציקער יאָרן. ער איז אַלט געווען 25 יאָר ווען ער האָט פאַרלאָזט קלעצק, און אַוועק אין גוט פון זיין ברודער אביגדור אין סוכליטש ביי קלעצק, און געוואָרן פאַרוואַלטער.

* זע אין ביאָגראַפישן בוך „בנתיב היחיד״ פון אפרים טויבנהויז, קאַפּיטל „עין זיתים״ ז. 162—165 און אויך אין „מיניקעס יום־טוב בלעטער״, 1902.

דוד איזראַעליט האָט דאָס ערשטע מאָל באַזוכט ארץ ישראל אין יאָר תרמ״א (1881), באַרייזט דאָס לאַנד און זיך אָפּגעשטעלט אין דער אָקאָרשט געגרינדעטער קאָלאָניע פתח תקוה, וווּ ער האָט דאָן געקויפט צוויי נחלות באַדן (75 דונאַם יעדע נחלה). דאָן צוריק געפאָרן אַהיים קיין סוכליטש מיטן צוועק צו ברענגען קיין פתח תקוה אויך זיין ברודער אביגדור, אָבער דער ברודער זיינער, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו פאַרלאָזן זיין גוט. דאָן האָט דוד איזראַ־עליט פאַרקויפט זיין הויז אין קלעצק און איז אַוועק קיין ארץ ישראל, זיך באַזעצט אין יהודיה („יאַהוד״), ביי פתח תקוה. דאָס איז געווען אין יאָר תרמ״ד (1884).

אינגיכן איז ער קראַנק געוואָרן אין געלן פיבער, אָבער ער האָט זיך די קרענק נישט גענומען צום האַרצן, און אַז ער איז געזונט געוואָרן, איז ער אַוועק אין זיין אַלטער היים, ליקווידירט אַלע זיינע ענינים און איז אַוועק קיין פתח תקוה מיט זיין פרוי, צוויי זין און פינף טעכטער — און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיין לעבן געווידמעט דער ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל.

האָט באַוויזן העלדישקייט אין פתח תקוה

דוד איזראַעליט, האָט באַוויזן גרויס העלדישקייט אין די ערשטע שווערע יאָרן פון דער קאָלאָניזאַציע פון פתח תקוה, נישט איינמאָל האָט ער געוואַכט באַשיצנדיק צוזאַמען מיט סענדער חדאד, פון די ערשטע שומרים, דאָס האָב און גוטס פון די קאָלאָניסטן. מיט דער צייט האָבן אים אַ סך געהאָלפן זיינע גרויסע זין ראובן, נתן און זיינע טעכטער רבקה (שפּעטער די פרוי פון שבתי לוי, בירגערמייסטער פון חיפה). ער ווערט דאָן אויסגעקליבן אַלס קאָמיטעט־מיטגליד פון דער קאָלאָניע און אַלע רעספּעקטירן אים.

עס איז גוט בעקאַנט דער פאַקט, ווי אַזוי ער האָט נישט געטראַכט קיין מינוט און צוזאַמען מיט יהושע שטאַמפּער אַרויס פאַרטיידיקן די קאָלאָניע אויך אום שבת. געשען איז עס בעת דער עולם איז געווען פאַרזאַמלט אין שול ביים דאַווענען, גיט מען זיי צוויסן אַז די אַראַבער פון דאָרף „מלעבעס״ באַפאַלן די קאָלאָניע. ר׳ דוד איזראַעליט מיט ר׳ יהושע שטאַמפּער, האָבן גלייך גענומען זייער געווער און מיט זיי אויך אַלע מתפללים, און אָפּגעשטויסן דעם שונא.

דוד איזראַעליט איז מיט אַלע פּעדעם פון זיין נשמה געווען פאַרבונדן מיט פתח תקוה, וואָס ער איז פון אירע פּיאָנערן. געשטאָרבן איז ער י״ד תשרי תרע״ז, (1917) אין תל־אביב.

אין דעם העברעישן אָפּטיילונג פון דעם בוך, איז אָפּגעדרוקט אַ בריוו וואָס וואַרפט אַ שיין אויף אָט דער ליכטיקער פערזענלעכקייט. דעם בריוו האָט געשריבן שמואל יוסף פין, פון די ערשטע מנהיגים פון די חובבי ציון און ער עמפעלט דוד איזראַעליטן אַלס אַ מיטגליד פון אַ קאָמיסיע, וואָס דאַרף אויספאָרשן דעם מצב פון די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. געווען איינער פון די 28 פתח תקוה׳ער קאָלאָניסטן, וואָס באַראָן ראָטשילד האָט זיי גענומען אונטער זיין שוץ, און ער האָט זיך דערהויפּט ספּעציאַליזירט אין פלאַנצן מאַראַנצן, מאַנדלען, איילבירטן א. אַז. וו. זיין נאָמען איז געוואָרן מפורסם אין דער גאַנצער סביבה און מען פלעגט קומען צו הערן זיין עצה וואָס שייך ציטרוס־פּלאַנטאַציעס.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער האָט געווידמעט אַ סך צייט פאַר קהל׳שע ענינים, האָט ער נאָך געשריבן לידער, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו נאַטור און צו ערד־אַרבעט.

אלימלך איזראַעליט

אלימלך איזראַעליט, איז שוין כמעט אַ פאַרגעסענער נאָמען, בעת דוד איזראַעליט האָט זוכה געווען דערמאָנט צו ווערן אין בוך

פון יערי־פאָלעסקין, וועגן דער געשיכטע פון פתח תקוה. געוועזן פון די חלוצים־בויער פון קאסטינה, און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור וועגן איר געשיכטע.

געווען אַ מטיף פאַרן רעליגיעזן ציוניזם. גלייך נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן, האָט ער פאַרלאָזן זיינע געשעפטן און זיך איבערגעגעבן בלב ונפש דער ציוניסטישער טעטיקייט. אַ מענש מיט טעמפעראַמענט און אַ גרויסער תלמיד חכם. ליב געהאַט דאָס לאַנד בלב ונפש. „עס איז מיר טייער — יעדער נייער פונקט אין לאַנד — שרייבט ער, יעדעס שטיקל באָדן, וואָס אונזערע חלוצים באַפרוכפּערן מיט זייער מי און מסירת נפש".

ד"ר חיים איזראַעליט (יזרעאלי)

ד"ר חיים איזראַעליט (יזרעאלי), איז געווען פון די הערלעכסטע געשטאַלטן, וואָס די פאַמיליע איזראַעליט האָט אַרויסגעגעבן. געווען דער בכור פון דער משפחה, אַ זון פון הרב שמחה לייב.

געבוירן אין יאָר 1881 אין קלעצק, און זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין סוכליטש.

זיין לעבן און ווירקן זענען געווען פאַרוועבט אין ליבע צו תורה און וויסנשאַפט. שוין ייִנגלווייז שם'ט ער אַלס עילוי, און זיין פאָטער שיקט אים לערנען אין דער ישיבה פון טעלז. אָבער זיין לערנען האָט נישט לאַנג געדויערט, ווייל ער ווערט פאַרכאַפּט פון די השכלה־ווינטן און באַשליסט זיך פאַרפולקאָמען אין וועלטלעכער בילדונג. ער פאָרט קיין מינסק, און אַז זיין פאָטער דער למדן וויל אים מער נישט שטיצן, דערנערט ער זיך פון געבן לעקציעס. לערנט אין דער אָרטיקער גימנאַזיע און שפּעטער פאָרט ער קיין בערלין, ווו ער שטודירט מעדיצין. אויך אין אוניווערזיטעט ווערט ער פאַרעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע סטודענטן, און דער געלערנטער פּראָפ. פליישער זעט אים פאַר אַ גרויסע קאַריערע.

נאָכן ענדיקן זיין שטודיום, קערט ער זיך אום אין 1909 קיין רוסלאַנד. אין יאָר 1914 ווערט ער מאָביליזירט אין רוסישן מיליטער, ווערט אַ דאָקטאָר אויפן פראָנט און באַקומט אויסצייכנונגען. שפּעטער באַזעצט ער זיך אין סאַרני (וואָלין), ווו ער איז זייער טעטיק אין קהל'שע און ציוניסטישע אַרבעטן. אין יאָר 1922, איז ער עולה קיין ארץ ישראל, ווײלט אַ קורצע צייט אין פתח תקוה ביי זיינע עלטערן, און הויבט אָן פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר אין רמלה, ווו עס וווינען ווייניק יידן. ער באַמיט זיך אָרגאַניזירן די קליינע קהילה וואָס ציילט קוים 30 משפחות.

אין יאָר 1923, גייט ער אַריבער קיין עזה, ווו עס זענען אויך פאַראַן זייער ווייניק יידן. ער העלפט אַ סך די אַראַבער, אָבער שפּעטער באַצאָלן זיי אים דערמיט, וואָס זיי נעמען צו זיין לעבן.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הומאַניסטישער וועלט־אַנשויונג, ליב געהאַט יעדן מענש. אין אַ יאָר אַרום, בעת ער ווערט דער דאָקטאָר פון דער קאָלאָניע באר טוביה. איז ער זייער איבערגעגעבן די אַראַבישע דערפער אַרום. פון נאָענט און ווייט קומט צו אים די אַראַבישע באַפעלקערונג, און ער גיט זיי אַלעמען מעדיצינישע הילף.

און אָט ברעכן אויס אין לאַנד געשעענישן פון יאָר 1929. ד"ר איזראַעליט איז דאַן טעטיק אין שפּיץ פון דער הגנה, אָבער שוין אין די ערשטע טעג פון די אומרועס טרעפט אים אַ קויל פון אַן אַראַבישן מערדער — און ער פאַלט טויט.

אליהו הערנזאן / צעירי ציון - התאחדות

פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטער דער צאַרישער ממשלה, איז די ציוניסטישע טעטיקייט געווען זייער באַגרענעצט. די רעגירונג פלעגט קוקן מיט חשד אויף יעדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און בפרט אויף דער יידישער.

ביי אונז אין שטעטל האָבן זיך די געזעלשאַפטלעכע ענינים געפירט דורך די געוויילטע פירער פון דער קהילה, וואָס זענען געווען אָנערקענט אין דער רעגירונג. יעדער סאָרט ציוניסטישע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אומלעגאַל, אַזוי פלעגט מען געהיים זאַמלען געלט פאַר ציוניסטישע צוועקן, פאַרקויפן אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, קלייבן געלט פאַר קרן קיימת לישראל א. אַז. וו. ווי אויך כלערליי געלעגנהייטן ווי, למשל, ערב יום כיפור מיט די קערות אין שול, אָדער ביי ברית'ן, חתונות א. ד. גל.

נאָך דער רעוואָלוציע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס. אסירי ציון — וואָס זענען באַפרייט געוואָרן, האָבן געהאָלפן אָנפירן דעם קאַמף פאַר ארץ ישראל און פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך און קולטור.

קלעצק איז אין דער צייט פון דער פעברואַר רעוואָלוציע געווען, נישט ווייט פון פראָנט. בעת דער צאַרישער רעזשים איז געפאַלן, האָט זיך אויך ביי אונז אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אַלץ וואָס מ'פלעגט פריער טאָן אומלעגאַל — איז איצט אַרויס פריי לעין השמש. עס האָבן געאַרבעט לעגאַל אַלע יידישע פאַרטייען — דער „בונד", סתם ציוניסטן, פועלי־ציון, די דעמאָקראַטישע פאַרטיי און די רעליגיעזע פאַרטייען. אַ צענטראַלן פּלאַץ האָט ביי דער יוגנט פאַרנומען די פאַרטיי צעירי ציון.

די ערשטע וואָס האָבן געגרינדעט און אָרגאַניזירט די צעירי ציון זענען געווען די חברים: מאיר חיים ק ו ל ק א ו ו ס ק י, ישעיה פ י נ ט ש ו ק און אַנד. זיי האָבן דאַן אָנגעפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יוגנט און גערופן פאַרזאַמלונגען. געשטאַנען אין אַן אומויפהערלעכן קאַמף מיט די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע זענען געקומען צו די מאַסן מיטן כוח פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט און פלעגן אונז פאַרשרייען אַלס אוטאָפּיסטן. אָבער גאָר גיך איז אונז געלונגען צו דערווערבן אַ סך חברים צווישן דער יוגנט, מיר האָבן דאַן געציילט אין קלעצק מער ווי הונדערט חברים, אָרגאַניזירט אין צעירי ציון, ס'רוב יונגע מענשן מיט אינטעליגענץ און בילדונג.

מיר האָבן דאַן אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון 12 חברים, איינגעטיילט אויף ענגערע קאָמיסיעס: פאַר קרן קיימת, פאַר קולטור און דערציונג, פאַר פּראָפּאַגאַנדע א. אַז. וו.

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי מיר האָבן געפייערט דעם ערשטן מאַי 1917. די פייערונג איז פאָרגעקומען אין סאַמע מיטן מאַרק אונטערן פרייען הימל, און מיר, די חברים פון צעירי ציון, האָבן אָנטייל גענומען אין אָט דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז דאַן אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן רוסישן מיליטער — דורך אַ פּאָלק וואָס האָט סטאַציאָנירט אין דער געגנט פון קלעצק.

ס'האָבן זיך באַטייליקט אין דער פייערונג אַלע יידישע פּאָליטישע פאַרטייען: בונד, ס"ס, פועלי ציון און אַפילו אַלגעמיינע ציוניסטן. דער רעדנער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון די „וואָס האַלטן הויך די רויטע פאָן — פון „בונד" און פועלי ציון, אָבער נישט אין נאָמען פון די וואָס האַלטן פון דער בלוי־ווייסער פאָן

און היינט זענען זיי געקומען פייערן דעם ערשטן מאי. אָבער די גויים, סיי פון די מיליטערישע קרייזן און סיי מיטגלידער פון די לינקע פּאַרטייען, האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט אַ סך מער רעספּעקט.

כדאי צו דערמאָנען, אַז אונזער ציוניסטישער רעדנער, ר׳ שמואל וועלער, איז בעת דער פייערונג אַריין אין אַזאַ משונה׳דיקן פּאַטאָס, אַז ער האָט זיך געווענדעט בעת זיין רעדע צו די רוסישע סאָלדאַטן מיט אַ רוף, אַז אויך זיי זאָלן העלפן אונדז באַפרייען ארץ־ישראל. ער האָט אויסגערופן אין רוסיש:

„חברים קאָזאַקן — גיט אונז אייער הילף צוריק צו דעראָבערן אונדזער פּאַלעסטינע...

נאָכן דאָזיקן האָניק־חודש, האָט זיך אָנגעהויבן אונזער פּראַקטישע אַרבעט אויף אַלע געביטן. מיר זענען געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פון צעירי ציון אין מינסק און קיעוו, באַקומען אָנווייזונגען און מאַטעריאַלן. אינגיכן האָבן מיר טאַקע געקענט פאַרצייכענען אַ סך דערגרייכונגען. מיר זענען געווען די טרעגער פון כמעט יעדער איניציאַטיוו אין פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן. אונזערע חברים האָבן פונדאָסניי אָרגאַניזירט די קהילה אין קלעצק אויף אמתע דעמאָקראַטישע יסודות, ווי אויך אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי: לינת הצדק, גמילות חסדים א. אַנד. מיר האָבן געשאַפן אַ שטאָטישן קאָנסום־פאַריין. אין יעדער אינסטיטוציע האָט מען געקענט טרעפן אונזערע חברים, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז קיין זאַך זאָל נישט געטאָן ווערן, איידער מיר זאָלן דאָס נישט באַהאַנדלען פריער אויף אונדזערע זיצונגען.

עס דערמאָנט זיך מיר אויך דער כינוס פון צעירי ציון, זומער 1917, אין פּעטראָגראַד. עס האָט זיך באַטייליקט אין אים איינער פון די גרינדער פון דער פּאַרטיי ביי אונז, חבר מ. ח. קולאַקאָווסקי (אויף זיין אייגענעם חשבון). ס׳איז דעמאָלט געווען די תקופה פון דער צייטווייליקער רוסישער רעגירונג פון קערענסקי. אין גאַנץ רוסלאַנד זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו די וואַלן צו דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג. יידן זענען אַרויס מיט אַן אייגענער ליסטע מיט הרב מזא״ה און אַדוואָקאַט גרוזענבערג בראש. אונזערע חברים פון צעירי ציון האָבן זיך מיט גרויס אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט. דער קאַמף איז שוין דאַן געווען נישט לייכט ווייל די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און געזוכט מיט כוח צו צווינגען, אַז מען זאָל שטימען פאַר זיי.

אין יענער צייט זענען צו אונז געקומען פון קיעוו און פון סלוצקער קאַנט די דאָרטיקע פאָרשטייער פון די צעירי ציון, און מיר האָבן גערופן גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. ס׳זענען פאָרגעקומען שאַרפע וויכוחים מיט די רעדנער פון „בונד״ און די פּועלי ציון (די לעצטע זענען געווען קעגן אונזער לאָזונג „אחדות מיט כלל ישראל״). די בונדיסטן האָבן געפירט קעגן אונז אַ הפטיקן קאַמף זיי האָבן אָנגעגריפן דעם ציוניזם אַלס אַן אוטאָפּיסטישע אידייע, וואָס שטערט אויסצוקעמפן רעכט פאַר יידן א. אַז. וו. אויך די חברים פון פּועלי ציון זענען דאַן אַרויס מיט עקסטרעמע סאָציאַליסטישע לאָזונגען, באַזירט אויף מאַרק׳ס תורה און אויך זיי זענען געווען קעגן יעדער פאַרבינדונג מיט אַנדערע יידישע פּאַרטייען.

דאָס איז געווען די קורצע תקופה פון „שטורם און דראַנג״ אין רוסלאַנד. אויף דער יידישער גאַס איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער פּאָליטישער און גייסטיקער געראַנגל. אָבער די יוגנט אין קלעצק איז דאַן געווען דורכגעדרונגען מיט ציוניסטיש־נאַציאָנאַלן גייסט. „התקוה״ און „תחזקנה״ האָבן הויך אָפּגעהילכט אין די גאַסן פון אונזער שטעטל.

די באָלשעוויקעס האָבן מיט כוח פאַרכאַפּט די מאַכט, און מיט איינמאָל האָט זיך אַלץ געענדערט. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ קלימאַט פון גייסטיקער נידערגעשלאָגנקייט. די רעגירונג האָט נישט דערלויבט קיין שום פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, באַזונדערס נעגאַטיוו איז געווען די באַציונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג — דער פאַר האָבן שוין געזאָרגט די „יעווסעקעס״. אויסער דעם זענען צוגעקומען אַ ריי גזירות, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די עקאָנאָמישע עקסיסטענץ; אַזוי אַרום האָט זיך אָט די לאַגע געצויגן ביז צום ברעסקער אָפּמאַך, און דעם דייטשן אָנגריף — דעמאָלט איז אונזער שטעטל אָקופּירט געוואָרן צייטווייליק דורך די דייטשן. דאָס איז געווען אין אָנהויב זומער 1918.

די אויגן פון דייטשן אָקופּאַנט האָבן נאָכשפּיאָנירט יעדן איינעם. צוליב זייער מורא פאַרן קאָמוניזם האָבן די דייטשן דאַן נישט דערלויבט קיין שום פּאָליטישע טעטיקייט, אָבער עקאָנאָמיש האָט זיך דאָס יידישע לעבן פאַרבעסערט. סוחרים האָבן אָנגעהויבן מאַכן גוטע געשעפטן. מ׳האָט אויך געפירט פאַרשידענע מסחרים מיט די דייטשע סאָלדאַטן און אָפיצערן.

פונדעסטוועגן האָט זיך אויך דאַן געפירט אַ טעטיקייט, עס זענען פאָרגעקומען נשפים, פאָרשטעלונגען און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן געקליבן געלט פאַר קרן קיימת און פאַר פאַרשידענע קולטור־צוועקן, אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אומלעגאַל. מיר האָבן דאַן אויך געעפנט די העברעישע שול „תרבות״ מיט עטלעכע קלאַסן. מ׳האָט זיך בלב ונפש אָפּגעגעבן דעם דערציונגסוועזן, אויפגענומען לערער און געזאָרגט פאַר זייער חודשלעכן געהאַלט.

סוף 1918 און אָנהויב 1919, זענען די דייטשן אַרויס פון אונזער געגנט, און דאַן זענען ווידער אַריין די סאָוויעטן. קלעצק האָט אָנגעהויבן פילן דעם יאָך פון ביידע רעזשימס, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט דעפּרעסיע אין עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן.

די רויטע אַרמיי האָט דאָ געקעמפט מיט דעם פּוילישן מיליטער, וואָס האָט דעראָבערט גרויסע שטחים אין ווייסרוסלאַנד. די רוסן האָבן זיך געזוכט צו שיצן אויך קעגן די רייכע פּוילישע ביעלאָרוסישע גוטבאַזיצער. טאָג־טעגלעך פון 6 אַזייגער אין אָונט ביז 6 אַזייגער אינדערפרי, האָט מען נישט געטאָרט גיין אין גאַס. אַזוי איז געווען די לאַגע ביז נאָך דעם זומער פון יאָר 1919, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרלאָזן אונזער געגנט — תשעה באב תרע״ט, 1919. דאַן איז אַריין דאָס פּוילישע מיליטער און באַהערשט קלעצק.

בעתן אומבייט פון די רעזשימען האָט קלעצק אַ סך געליטן. דאָס פּוילישע מיליטער, אַנטיסעמיטיש געשטימט, האָט אין די ערשטע טעג גערויבט און געבושעוועט. שפּעטער האָט זיך די לאַגע אַ ביסל באַרויקט. מיר האָבן באַנייט די ציוניסטישע טעטיקייט. עס האָט זיך ביסלעכווייז אויך פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע. מיר האָבן אָנגעקניפּט באַציונגען מיט דער צענטראַלע פון צעירי ציון אין וואַרשע, געפירט אַ פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אַרבעט, געגרינדעט אַ העברעישע אָונט־שול פאַר דערוואַקסענע. אַ סך זענען געקומען הערן די לעקציעס, דער נאַציאָנאַלער־ציוניסטישער געדאַנק האָט געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן. מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פון וואַרשע אַ סך אויפקלערונגס־מאַטעריאַל.

צו יענער צייט איז ביי אונז פאָרגעקומען אַן אינערלעך־אידעישער פּאַרטיי־קאַמף. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָננעמען אַ שטעלונג לגבי די צוויי באַוועגונגען: „צעירי ציון״ און „התאחדות״. חדשים־לאַנג האָבן מיר באַהאַנדלט אָט די פראַגע אויף פאַרזאַמלונגען און עס זענען פאָרגעקומען שאַרפע וויכוחים. מיר האָבן אויך איינגעפירט אַן אינערלעכן „פּאָסט־קעסטל״, ווו חברים האָבן געקענט צושיקן זייערע מיינונגען אין בריוו. ענדלעך, נאָך אַ געהיימער אָפּשטימונג, זענען פון 103 חברים 96 געווען פאַר „התאחדות״ און

7 פאַר „צעירי ציון". (שפּעטער האָבן די 7 חברים אויך אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַר דער „התאחדות"). אַזוי איז מיט אַ גרויסן רוב שטימען אַנטשטאַנען אין קלעצק די „התאחדות" פּאַרטיי, וואָס קאָן פאַרצייכענען אַ פאַרצווייגטע ציוניסטישע טעטיקייט במשך פון יאָרן.

צוערשט האָט זיך די „התאחדות" גענומען אָרגאַניזירן די קהילה. עס איז געווען ווינטער 1920, ווען ס'איז גערופן געוואָרן די קאָנפערענץ פון די יידישע קהילות אין מינסקער קאַנט. אין אָט דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט דריי שליחים פון אונזער שטעטל, צווישן זיי איינער פון דער „התאחדות" פּאַרטיי — דער שרייבער פון די שורות. די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן זענען געווען ר' חיים פּימשטיין (איצט אין לאַנד) און נאָך איינער. פאַר דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דער כינוס פון די צעירי ציון, וווּ מ'האָט באַשלאָסן אַריינדרינגען דעם גייסט פון ציוניזם אין די קהילות.

אין דער קהילה האָבן אונזערע חברים אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף אַלע געביטן, און זיך נישט גערעכנט דערמיט וואָס די עלטערע פּרנסים זענען געווען אומצופרידן, אויך זיי האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צום נייעם דעמאָקראַטישן און ציוניסטישן גייסט;

צו יענער צייט, האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון דעם דזשאָינט אין פּוילן. אַ סך האָבן זיך דאַן שטאַרק גנויטיקט אין שטיצע און הילף. דער דזשאָינט האָט צוו. אַנד. געעפנט אַ פאָלקס־קוך פאַר קינדער, וואָס האָבן באַקומען אַ וואַרעמען מיטאָג. דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער „התאחדות". דער פאָרזיצער פון דער „קוך" איז געווען דער שרייבער פון די שורות, און דער אָנפירער איז געווען חבר יצחק צערקאָוויץ. אין דער פאַרוואַלטונג האָט זיך באַטייליקט דער ציוניסט משה דומניץ ז"ל, און איינער פון דער „אגודה".

עס איז דאַן אויך געגרינדעט געוואָרן אַ העברעישע שול. מיר האָבן באַשטעלט לערער און לעקטאָרס. אין די אָוונטן האָבן זיי געגעבן לעקציעס. אויפן קולטור־געביט זענען דאַן געווען טעטיק אייזיק לעווינבוק, יוסף לעמפּערט, מ. ח. קולאַקאָווסקי, יוסף פּאַל, צבי מאַניר, אליהו גאָלדבערג און אַנד.

אַ הילפס־קאָמיטעט פון דזשאָינט איז געווען אויך טעטיק ביי דער קהילה, ווי אויך אַ קאָמיטעט פון „האַיאַס", וואָס האָט דאַן אָנגעפירט די הילפס־טעטיקייט פאַר די עמיגראַנטן קיין אַמעריקע.

סעקרעטאַר פון דזשאָינט און „האַיאַס" אין קלעצק איז דאַן געווען דער שרייבער פון די שורות. דער אַלגעמיינער דירעקטאָר פון „האַיאַס" אין פּוילן יוסף מזל פלעגט צוזאַמען מיט אונזערע שליחים פון „האַיאַס", באַזוכן אונזער שטעטל, און מיר פלעגן זיי אויפנעמען אין הויז פון אָרטיקן רב. אין די אויפנאַמעס פלעגן זיך באַטייליקן אויך פאָרשטייער פון דער קהילה, מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דער „התאחדות".

ביים אָנהויב פון פּוילישן רעזשים איז די פּאָליציי געווען שטאַרק עמפּינדלעך צו יעדער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. געהאַט אַ חשד קעגן יעדער פּאָליטישער באַוועגונג, אַז הינטערן אויבערפלאַך באַהאַלט מען אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. און אָט האָט זיך געטראָפן, אַז עטלעכע פּאָליציאַנטן (קענטיק צוליב אַ מסירה) זענען איינמאָל געקומען אין צימער ווו מיר האָבן געפירט די זיצונג פון „התאחדות" און אַרעסטירט אַלע חברים פון קאָמיטעט. מיט אַ וואָך האָט מען אונז אָוועקגעפירט אין טורמע. מיר, די אַרעסטירטע, האָבן אויפן וועג צו דער טורמע געזונגען „התקוה" און „תחזקנה", און אַזוי האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן אונזער אַרעסט.

די ראשי הקהילה האָבן זיך גלייך צענויפגעקליבן ביים שטאַטישן רב און מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט זיי גיין אינטערוועניִרן ביים פּאָליציי־קאָמענדאַנט. דער רב האָט אָבער נישט געוואָלט זיך באַטייליקן אין דער קאָמיסיע, ווייל זיין זון (דער שרייבער פון די שורות) איז אויך געווען צווישן די אַרעסטירטע. נאָכדעם ווי די דעלעגאַציע איז געווען ביים קאָמענדאַנט האָט ער גערופן יעדן איינעם באַזונדער אויף אַ פּערזענלעכער אויספאָרשונג. פון אַלעמען האָט ער באַקומען דעם זעלביקן מוטיקן ענטפער, אַז דאָס איז געווען אַ זיצונג פון דער „התאחדות"־פּאַרטיי וועגן ענינים פון „תרבות", קרן קיימת א. אַ. וו. אין שטאָט זענען אַלע געווען שטאָלץ אויף אונזער האַלטונג און איבערגעגעבנקייט.

מיר האָבן דאַן אויך אָנגעהויבן אַ טיכטיקע אַרבעט לטובת דער עליה קיין ארץ ישראל, ווי אויך צו העלפן די יידן, וואָס שמוגלען זיך דורך דער גרענעץ פון סאָוויעט־רוסלאַנד קיין פּוילן.

טאָג איין טאָג אויס פלעגן קומען צו אונז נייע פליטים און מיר האָבן זיי געדאַרפט פאַרזאָרגן מיט אַן אכסניה און מיט דאָקומענטן. די דאָזיקע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין געהיים, און ס'האָט זיך אויך דערצו געפאָדערט מוט און אויסדויער.

מיר האָבן געהאַט געהיימע פאַרבינדונגען מיט מענטשן פון יענער זייט גרענעץ. עס זענען געווען אויך אַזעלכע וועלכע פלעגן קומען אויף אַ לעגאַלן וועג. וועגן זיי האָבן מיר פון אונזערע מענטשן אויף יענער זייט גרענעץ באַקומען פריערדיקע ידיעות ווען זיי דאַרפן קומען, און מיר פלעגן זיי גיין באַגעגענען נאָענט ביים גרענעץ. אַ סך פון די דאָזיקע פליטים זענען איצט אין ישראל.

מיר האָבן אויך געווידמעט ענערגיע די פאָנדן. די דאָזיקע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן בעיקר דורך דער יוגנט. נישט געווען קיין שטוב אין קלעצק, ווו ס'איז נישט געווען קיין פּושקע פון קרן קיימת. דער באַפולמעכטיקער פון קרן קיימת איז געווען אַ חבר פון „התאחדות". צווישן די טעטיקע דאַרף מען דערמאָנען: א. לעווינבוק, מ. פרידקעס, ברוך ליס (פון דגניה). יעדן חודש האָבן זיך די חברים צעשפּרייט איבערן שטאָט כדי צונויפקלייבן די פּושקעס. ס'איז דערנאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ליסטע פון די מנדבים און פון די סומעס פון מאָנאַט.

אַ באַזונדערע טעטיקייט איז געווען די אַרבעט אַרום דעם יערלעכן קאַמפּיין פון קרן היסוד. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע און מיטן אָרגאַניזירן פון קאַמפּיין, דער פאָרזיצער איז געווען ד"ר ברוך דלוגאַטש ז"ל, די חברים פון קאָמיטעט: משה ניצבערג, משה דאַמניץ און איניקע חברים פון „התאחדות".

פאַרן מגבית פלעגן קומען צו אונז יעדן יאָר באַקאַנטע ציוניסטישע רעדנער. און אָט אַן עפּיזאָד:

אין יאָר 1924, ווינטער, זענען געקומען צו אונז אָרגאַניזירן דעם מגבית פאַר קרן היסוד הרב ראַבינזאָן (דער רב פון דרוזגעניק) פון „מזרחי" און ה' משה קאַלאַדני (קול). יענעם יאָר האָט די צענטראַלע פון קרן היסוד באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן די סומען פון די ביישטייערונגען (מינימום פון 3 ענגלישע פונט). עס איז געוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פאַרן קאַמפּיין און ס'איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער שול. די פאַרזאַמלונג איז זיך צעגאַנגען צוליב דעם, וואָס עטלעכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע, ישיבה־בחורים האָבן זי צעשטערט. די פאַרזאַמלונג איז אָבער נאָכאַמאָל פאָרגעקומען צומאָרגנס. די סומע פון קרן היסוד קאַמפּיין פאַרן יאָר 1924 האָט דערגרייכט 450 ענגלישע פונט, אַ היפּשע סומע אין יענער צייט, און דאָס אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון דער יוגנט.

אויף דער טאָג־אָרדענונג פון „התאחדות" איז דאַן געשטאַנען די פראַגע פון „החלוץ". איניקע חברים האָבן אויסגעדריקט זייער

ווילן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. מיר זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פון החלוץ אין וואַרשע, און אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר עליה. די אויפגאַבע פון דעם קאָמיטעט איז געווען, גוט צו אונטערזוכן יעדן קאַנדידאַט, מיטיילן דעם באַשלוס דער צענטראַלע אין וואַרשע כדי צו באַקומען אַ באַשטעטיקונג. דער קאָמיטעט האָט דאַן באַשטעטיקט חברים פאַר עליה, צווישן זיי — ליס און מארגאלין (די ערשטע גרינדער פון דגניה). נאָך זיי האָבן עולה געווען נאָך חברים — דער קערן פון „יוצאי קלעצק" אין לאַנד.

באַזונדערס האָט אונז אויך באַשעפטיקט די טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור און דערציונג. האָבן מיר זיך טאַקע דערצו געגעבן מעגן מיט אימפּעט. פינף פון אונזערע חברים האָבן געגעבן אַ חוץ זייער צייט, אויך געלט, און פאַר דער סומע פון הונדערט דאָלאַר געדונגען אַ הויז — און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אין קלעצק די פאָלקס־שול „תרבות", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער אמתער „בית היוצר" פאַר טויזנטער קינדער, און אויך געווען אַ קולטורעלער־ציוניסטישער צענטער. די שול האָט עקסיסטירט ביזן לעצטן חורבן פון קלעצק.

ס'דערמאָנען זיך אויך די מעדיצינישע הילף. ס'האָט ביי אונז עקסיסטירט אַ „לינת הצדק", און נאָכדעם ווי עס זענען צוגעקומען נייע כוחות פון פרייוויליקע — האָט זיך די טעטיקייט שטאַרק פאַרברייטערט. זייער איבערגעגעבן דער אַרבעט איז געווען מנחם הערנזאָן ז"ל, דער זון פון דעם רב. נאָך זייענדיק אַ ייִנגל האָט ער שוין געפּלאַנט איינצופירן מעדיצינישע הילף אין שטעטל. דאָס איז געווען ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס זענען דאַן געווען אין קלעצק פאַרשידענע אָנשטעקענדיקע קראַנקהייטן, און ער האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו געבן מעדיצינישע הילף די קראַנקע. מיט נאָך חברים האָט ער געגרינדעט דעם „מגן דוד אדום" אין אַ געביידע וואָס האָט געהערט דער קהילה. אין אָט דער געביידע זענען געווען אייניקע צימרן מיט אַ קליניק און אויך אַן אַמבולאַטאָריע. טאָג־איין טאָג־אויס האָבן דאָרט געאַרבעט דאָקטוירים, און זיי פלעגן אויך באַזוכן די קראַנקע אין זייערע היימען. מ'האָט אויך געעפנט אַן אַפּטייק. געהייסן האָט עס „ביקור חולים" — און ס'איז געווען אַ גאָר וויכטיקע סאָציאַלע הילף פאַר הונדערטער אָרעמע מענשן.

מען דאַרף פאַרצייכענען לזכרון די חברים פון קאָמיטעט, וועלכע האָבן מיט איבערגעגעבנקייט געאַרבעט לטובת הכלל: מתתיהו קראניץ, ישראל שקליאַר, בארנשטיין, לייב געלפאנד, קצב, דלוגאַטש, אייזנבערג ז"ל און אַנד.

דער יונגער דור אין קלעצק ער האָט עס געזאָרגט פאַר דער באַנייטער טעטיקייט און וואַקסנדיקער קולטור אין גייסט פון ציוניזם און באַגער צו אַ נייעם לעבן.

אליהו גאלדבערג / אומלעגאלע ציוניסטישע טעטיקייט

(כפר ויתקין)

נאָכן אָפּשלוס פון דער מלחמה צווישן פּוילן און סאָוויעטן־פאַרבאַנד און ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער פרידנס־אָפּמאַך, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די גרענעץ צווישןביידע מדינות 12 קילאָמעטער פון קלעצק, ביים טייך לאַן.

שוין אין ערשטן און צווייטן יאָר נאָכן שליסן פונעם שלום־אָפּמאַך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אומלעגאַלע אויסוואַנדערונג פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן. פאַר אַ סך פון זיי איז פּוילן געווען נאָר אַ איבערגאַנגס־סטאַציע כדי פונדאַנען אויסצוואַנדערן מעבר לים, און צווישן די ייִנגערע פון זיי האָבן אַ סך געשטרעבט קיין ארץ־ישראל.

אין די ערשטע יאָרן פלעגט די וואַך ביי דער גרענעץ זיין שוואַך, און מ'האָט געקענט מיט דער הילף פון שמוגלערס גרינג אריבערגנב'ענען זיך. די סאָלדאַטן פלעגן נעמען כאַבאַר און אַוועקקוקן בעת מען איז אַריבער די גרענעץ. די הויפּטגעפאַר איז אָבער געווען אויף דעם קליינעם שטח, צווישן דער גרענעץ און דעם שטעטל, ווו ס'פלעגט ווימלען מיט מיליטערישע וואַך־פּאַטראָלן, וואָס האָבן פונסניי געזוכט צאַפּן געלט און פלעגן אַרעסטירן די וואָס האָבן נישט געגעבן...

די ייִדן, וואָס זענען געקומען אין שטעטל זענען גלייך געקומען אין פאַרבינדונג מיט געוויסע פערזאָנען, וועלכע פלעגן מיט דער הילף פון מאַגיסטראַט — שאַפן פאַר זיי דאָקומענטן אַלס אַלטע קלעצקער איינוווינער. די פּליטים פלעגן זיך אויפהאַלטן ביי אונז נאָר עטלעכע טעג, און אַז זיי האָבן נאָר באַקומען די דאָקומענטן, פלעגן זיי גלייך פאַרלאָזן קלעצק.

דער מאָמענט איז דעמאָלט געווען זייער גינסטיק. אין משך פון דער צייט זענען פאַרלאָרן געגאַנגען די ביכער, אין וועלכע ס'זענען געווען פאַררעגעסטרירט די תושבים פון קלעצק. דעריבער האָבן געגאָלטן אונטערשריפטן פון צוויי חשובע ייִדן אין שטאָט, אַז זיי זאָגן עדות וועגן עמעצן, אַז ער איז אַן אַלטער תושב — און אויף דעם סמך פלעגט דער מאַגיסטראַט אַרויסגעבן אידענטיטעטס־דאָקומענטן.

מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע ציוניסטישע טוער, האָבן דאַן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צוצושטעלן אַזעלכע אידענטיטעטס־דאָקומענטן און מיר האָבן דערמעגלעכט די פּליטים זיי זאָלן קענען עולה זיין קיין ארץ ישראל. מיר האָבן דאָס געטאָן מיט התלהבות, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר דערפילן דערמיט אַ נאַציאָנאַלע שליחות.

ס'זענען אָבער געווען נאָך סיבות דערפאַר. אין יאָר 1920, בעת דער מלחמה צווישן פּוילן און סאָוויעטן־פאַרבאַנד, זענען מיר, אַ צאָל חברים: דער שרייבער פון אָט די שורות, צבי מאַניר, יוסף פאל, חיים יונה רייזין, מאנוס גינזבורג פאַרוואָגלט געוואָרן קיין וויטעבסק. מיר זענען דאָרט כסדר געווען אין געפאַר אַרעסטירט צו ווערן אַלס דעזערטירן פון דער „רויטער אַרמיי". האָבן מיר געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַריבערצוגיין די לעטישע גרענעץ און פון דאָרטן אַוועק קיין ארץ־ישראל. מיר זענען געשטאַנען אין אַן ענגען קאָנטאַקט מיט די ציוניסטן אין וויטעבסק, וואָס האָבן אונז געהאָלפן. מ'האָט אונז דאָרט אָנגענומען אַלס חברים פון די הכשרה־פאַרמס פונם החלוץ, און מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט זעקס וואָכן. איינער פון אונזערע חברים איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן אויף טיפוס צוליבן מאַנגל פון דאָקומענטן, האָבן מיר אים נישט געקענט אַריינגעבן אין שפּיטאָל, און נאָר אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון אייניקע חברים דאָרט איז אונזער חבר געבליבן לעבן. באַזונדערס האָבן מיר אַ סך צו פאַרדאַנקען די חברטע שרה ישפן (איצט אין ישראל).

אינצווישן האָבן די פּאָליאַקן צוריק איינגענומען קלעצק. און אַזוי ווי די אויסזיכטן אונזערע אריבערצושמוגלען די לעטישע גרענעץ זענען געווען גאָר נישטיקע, האָבן מיר באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין קלעצק.

אין וויטעבסק איז דעמאָלט געווען אַ רעגירונגס־אַמט, וואָס האָט

זיך אָפּגעגעבן מיטן צוריקשיקן פליטים צו זייערע היימען. אין דאָזיקן אָמט זענען געווען אָנגעשטעלט אויך אייניקע חברים פון אונזער באַוועגונג. זיי האָבן אונז טאַקע אַ סך געהאָלפן, אַז מיר זאָלן קומען צוריק קיין קלעצק, הגם פאָרמעל איז דאָס געווען זייער שווער.

ביים געזעגענען זיך האָבן די ציוניסטן פון וויטעבסק אויסגע־דריקט זייער ווּנש, אַז מיר זאָלן געדענקען, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אונז, און אויב ס'וועט אויסקומען זאָלן מיר זיי אָפּדינען.

איך וויל דאָ איבערגעבן אויך אייניקע כאַראַקטעריסטישע פאַקטן און געשעענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונזער קאָמפּליצירטער סכנות'דיקער טעטיקייט פון דעמאָלט. די ערשטע חלוצים, די חברים ק ר ן צ ב י (איצט אין ישראל) דוד וואַרפמאַן ז"ל, האָבן זיך צו מיר געווענדעט, אַז מ'זאָל זיי העלפן באַקומען אידענטיטעטס־דאָקו־מענטן, כדי זיי זאָלן קענען פאָרן ווייטער קיין ארץ־ישראל. איך, צוזאַמען מיט צבי מאַניר, האָבן אָנגעהויבן אין דער זאַך צו טאָן. מיר האָבן אָבער די ערשטע צייט גאָרנישט געקענט אויפטאָן, באַזונדערס דערפאַר ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט געבן קיין כאַבאַר און שאַפן דערמיט אַ פּרעצעדענט.

זענען די דערמאָנטע חברים אַוועק קיין באַראַנאָוויטש אָן דאָ־קומענטן, און פון דאָרטן האָט מיר חבר קרן צבי געשריבן, אַז ג. דער מיטגליד פון שטאָט־ראָט איז אַ „מאַכער" אין אָט די ענינים.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין אָט דעם פאַדעם, און זיך געטראָפן מיט ג. געכאַפּט מיט אים אַ שמועס וועגן דעם — ער האָט אָבער געלייקנט. האָב איך אים געוויזן דעם בריוו פון קרן צבי. דאַן האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן, אַ געוויסן פ., אַז יענער קאָן מיר העלפן, מיר זאָלן באַקומען די נויטיקע דאָקומענטן.

צוזאַמען מיט צבי מאַניר זענען מיר אַוועק צו פ. און מיר האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אונז העלפן באַקומען די נויטיקע אידענ־טיטעטס־דאָקומענטן פאַר אונזערע חברים חלוצים אָן געלט. ס'זענען דאַן געפאַלן צווישן אונז שאַרפע דיבורים. און באין ברירה האָבן מיר געמוזט אויך אים דראָען. ער איז דאַן געווען וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָט. סוף־סוף האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער מוז עס פאַר אונז טאָן. ער האָט אַפילו צוגעגעבן אַז ער ווי אַן אַלטער איבערגעגעבענער ציוניסט, פאַרשטייט די וויכטיקייט פון אונזער טעטיקייט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך שטאַרק פאַרצווייגט אונזער טעטיקייט, וואָס איז געוואָרן סיסטעמאַטיש. איך האָב דאַן באַלד אַרויסגערופן חבר קרן צבי, אַז ער זאָל גלייך צוריקקומען, און אַ דאַנק חבר מאַנוס ג י נ ז ב ו ר ג וואָס האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען — האָבן מיר צעוויסן געגעבן אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך וועגן די מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַראַן פאַר די אַלע וואָס ווילן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

די ידיעות האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט אויך אין די ווייטערע שטעטלעך ליובאַן, פּאַהאָסט, סטראָבין, סטאַרידאָראַג, סלוצק און האָבן דערגרייכט ביז באַברויסק. אַ סך האָבן זיך אָנגעכאַפּט דעריין, און זיי האָבן אַזוי־אַרום דערגרייכט ארץ ישראל; און זיי דערמאָנען נאָך עד היום די טובה, וואָס מיר האָבן פאַר זיי דעמאָלט געטאָן.

עס זענען אויך געווען טרויעריקע פאַקטן. אַזוי האָבן זיך געפונען מענטשן אָן שום געפיל, וואָס פלעגן אָפּנאַרן די עולים אויפן וועג קיין באַראַנאָוויטש און אויספּרעסן פון זיי געלט. זיי פלעגן זיי דראָען, אַז זיי וועלן זיי איבערגעבן דער פּאָליציי. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו באַגלייטן די עולים ביז באַראַנאָוויטש.

צווישן די חברים וואָס האָבן דאַן גענומען אַן אָנטייל אין אונזער אַרבעט דאַרף מען דערמאָנען יצחק צ ע ר ק א ו ו י ט ש, ליפּא נ י צ ב ע ר ג, אייזיק ל ע ו ו י נ ב ו ק, יוסף פּ אַ ל, אברהם ב ר ע ס ל א ו, ברוך ג י נ צ ב ו ר ג, שמואל חיים ב ר ע ו ו ד א, חיים יונה ר י י ז י ן, זלמן כ ה ן, פּראַדל ל ו ט ו ו י ן (אַלע אומגעקומען).

אַ סך האָט אונז געהאָלפן דער טייערער ייד יהושע האַשעס פּ ע ד ע ר. זיין הויז איז געווען נאָענט צום שטאַטישן קאָמאַנדיר, און ער האָט שטענדיק צעוויסן געגעבן, ווען עמיצער איז אַרעסטירט געוואָרן ביי דער גרענעץ. אַדאַנק אים האָבן מיר געקענט שטענדיק העלפן די פאַרשידענע פּליטים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן.

עס האָט אויך געטראָפן, אַז די פּאָליציי האָט אַרעסטירט פינף חלוצים, און עס איז אונז נישט געווען מעגלעך זיי צו באַפרייען. האָבן מיר זיך דאַן פאַרבונדן מיטן ארץ ישראל אַמט אין וואַרשע, און האָט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון אַ יידישן סיים־דעפּוטאַט, וואָס האָט זיך געווענדעט צום סטאַראָסטאַ אין ניעסוויעזש, זענען זיי באַפרייט געוואָרן.

אַ באַזונדערע טעטיקייט האָט זיך פאַר אונז אָנגעהויבן בעת מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מ'גייט פאַרענדיקן די ביכער־רעגיסטראַציע פון די קלעצקער איינוווינער. מיר האָבן דעמאָלט געפּלאַנעוועט צוצוגרייטן פון פאַראויס עטלעכע הונדערט נעמען מיט אידענטי־טעטס דאָקומענטן. דערויף האָבן מיר געדאַרפט האָבן אַ באַדייטענדע סומע געלט. האָב איך זיך דאַן געווענדעט קיין באַראַנאָוויטש, און אויף אַ געשלאָסענער זיצונג מיט דער באַטייליקונג פון ד"ר א. ק אַ צ נ ע ל ס אָ ן (ד"ר א. ניסן — שפּעטער ישראל געזאַנדטער אין סקאַנדינאַוויע) וואָס האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטן אין אונזער שטאָט, איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן אונז די נויטיקע געלט־סומע.

און אָט נאָך אַ פאַקט. אין אַ געוויסן טאָג — איך בין דאַן געווען אין דער „תרבות" שול, קומט צולויפן חבר זלמן פּ אָ ל און דערציילט, אַז ער האָט אָקאָרשט געטראָפן אייניקע יידישע אַרעסטירטע, וואָס מ'האָט אָוועקגעפירט אין דער פּאָליציי, און ס'דוכט אים אַז צווישן זיי זענען געווען אויך מיטגלידער פון ד"ר קאַצענלסאָנ'ס משפחה. כ'בין גלייך אַוועק אַהין, און געפרעגט צי ס'איז פאַראַן צווישן זיי עמעצער מיטן נאָמען קאַצענלסאָן; האָט זיך אָפּגערופן איינע אַז זי הייסט סעלווינע, און אַז זי וויל עולה זיין קיין ארץ־ישראל צו איר מאַן, וואָס איז דאָרטן.

מיר האָבן זיך באַמיט איר צו העלפן און די חברטע פּראַדל ל ו ט ו ו י ן, וואָס ביי איר אין הויז האָט געוווינט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט אויסגעטראַכט אַן אָריגינעלן פּלאַן. זי איז אַוועק אין ביוראָ פון דער פּאָליציי, און בעת זי האָט נאָר דערזען אָט די סעלווינע איז זי אויף איר אַרויפגעפאַלן מיט האַלדזן און קושן, וואָס ס'האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט, בתוכם אויך דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט. די צווי פרויען האָבן זייער ראָל געשפּילט ווי זיי וואָלטן געווען גאָר האַרציקע חבר'טעס פון לאַנגע יאָרן.. די חבר'טע לוטווין איז דאַן געלונגען צו ווירקן ביים פּאָליציי־קאָמענדאַנט, אַז זי זאָל די סעלווינע נעמען אויף איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און אַזוי אַרום איז אָט דער סעלווינע געלונגען אַוועק באַלד קיין ארץ־ישראל, צו איר מאַן. אָבער די אַנדערע אַרעסטירטע האָבן מיר נישט געקענט העלפן.

שפּעטער האָט די פּוילישע רעגירונג פאַרשטאַרקט די וואַך ביי דער גרענעץ, אַזוי אַרום איז זי געוואָרן הערמעטיש געשלאָסן און פאַרמאַכט. איך בין דער איינציקער, וואָס בין געבליבן לעבן, דער איינציקער פון די אַלע טייערע חברים, וואָס יעדער פון זיי האָט אַזוי־פיל מיטגעהאָלפן צו אָט דער עבודת־הקודש.

אליהו פיש / חלוצישע יוגנט־באַוועגונג

געווידמעט מיינע לייטזעליקע עלטערן, לייבל און רבקה פון דער היים פינקעל, מיין ברודער ירחמיאל, מיינע שוועסטערס שרה און יהודית, מיין שוואָגער לייבע גרין, מיין שוועסטער חאַסיע מיטן מאַן און זייערע קינדער.

די יידישע יוגנט האָט תמיד פאַרנומען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דעם צענטראַלן אָרט. אין ציוניזם האָט זי געפונען אַ פערזענלעכע לייזונג פאַר איר לאַגע. שוין פון יאָר 1926 און ווייטער, האָט די יידישע יוגנט נישט געזען פאַר זיך קיין שום אויסזיכטן און פערספּעקטיוון אין פוילן.

די עליה קיין ארץ ישראל, איז פאַקטיש געווען דער אויסוועג פאַר דער אַרבעטער און לערן יוגנט. און טראָץ דעם, וואָס אויך די טויערן פון ארץ ישראל זענען געווען האַלב און מער געשלאָסן — איז די עליה געוואָרן דער אידעאַל און פּראַקטישע שטרעבונג פאַר טויזנטער יידישע יוגנטלעכע, און באַזונדערס פון דער אָרעמקייט און אַרבעטס־שיכטן בפרט. החלוץ, החלוץ הצעיר מיט די פאַרשידענע הכשרה פערמעס, זענען געוואָרן די פּונקטן, צו וועלכע עס האָבן זיך געצויגן יידישע יוגנטלעכע וועלכע האָבן באַשלאָסן בויען זייער צוקונפט אין ארץ ישראל.

צווישן די הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון פוילן, ווייס־רוסלאַנד און ליטע, מיט אַ ספּעציפיש יידישן לעבנס־שטייגער און קולטור־ציוניסטישן פּרצוף, האָט אונזער שטעטל קלעצק פאַרנומען איר וואָגיקן פּלאַץ. ס'האָט זיך געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישער אַרבעט. קלעצק האָט געשמ'ט מיט אירע דערפאָלגן, און דורכגעדרונגען פון איר אַרבעט אויפן געביט פון קרן קיימת און קרן היסוד אַקציעס, אויף וועלכע מיר האָבן פּראָפּאָרציאָנעל פאַרנומען איינע פון די ערשטע ערטער אין פוילן. די תרבות שולע איז געווען אַ מוסטער פון ציוניסטיש־העברעישער דערציונג.

ביזן יאָר 1927 האָט אין קלעצק עקסיסטירט אַ שטאַרקע און צאָלרייכע פּאַרטיי „התאחדות". זי האָט אַרומגענומען די אינטע־לעגענץ און דעם מיטעלן דור פון מיטלשטאַנד, און איז פאַקטיש געווען די טרייב־קראַפט פון ציוניסטישער, געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט אין קלעצק.

מיט דער צייט האָט זיך אין קלעצק אויסגעבילדעט אַ גאַנץ באַדייטענדיקע שיכט פון אַרבעטער יוגנט, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — עליה קיין ארץ ישראל. זי האָט זיך רעקרוטירט הויפּטזעכלעך פון די אָרימע שיכטן, און עליה קיין ארץ ישראל איז פאַר איר געווען אַ פערזענלעכע רעטונג.

די דאָזיקע יוגנט איז לויט איר לעבנס־שטייגער און מענטאַליטעט געווען דער פּאַסיקסטער מענטשן־עלעמענט פאַר דערציונג אין גייסט פון חלוצישן אידעאַליזם. די החלוץ באַוועגונג מיט אירע הכשרה פּונקטן איז געווען די קוזשניע ווו ס'איז אויסגעשמידט געוואָרן דער חלוציש־ציוניסטישער גייסט פון דער יוגנט, איר צוגעבונדקייט צו ארץ ישראל, צו הגשמה עצמית, צו דער העברעישער שפּראַך און קולטור. די יונגע זין און טעכטער פון קלעצק, וועלכע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין די אָוונטן אין זייער באַשיידענעם לאָקאַל נאָכן גרויען אַרבעטס־טאָג, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט ערנסט פון זייער וועג, מיטן קלאָרן חשבון הנפש פאַר די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן, וועלכע עס שטייט זיי פאַר אין דער צוקונפט. און ווען עס פלעגן הילכן די קלאַנגען פון חלוצישן ליד „אנו עולים ארצה לבנות ולהבנות בה" — האָבן אַלע געפילט, אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע מליצה, נאָר אַ קאָנקרעטע לאָזונג וואָס די דאָזיקע יוגנט וועט פאַרווירקלעכן.

קלעצק האָט געגעבן דער דאָזיקער יוגנט פערזענלעכע מוסטערן פון ציוניסטישן אידעאַליזם נאָך פון די פריערדיקע עליות קיין ארץ ישראל. ניסן קאַנטאַראָוויץ, דער פּיאָנער פון דער ערשטער עליה און בויער פון רחובות, דער וווּנדערלעכער אָריגינע־לער אידעאַליסט, יהושע ברזילי, און שפּעטער די יונגע קלעצקער חלוצים וועלכע זענען עד היום פון די וותיקי דגניה. נאָך פאַר זיי איז אַ ייד פון קלעצק, איזראַעליט, געווען צווישן די ערשטע בויער פון פתח־תקוה.

דער ערשטער קערן פון החלוץ אין קלעצק איז אויפגעקומען אין 1921. ער האָט אַרומגענומען די יוגנט פון אָרעמע און מיטלשטאַנד שיכטן. אין 1924 האָט שוין די טעטיקייט פון החלוץ אָנגענומען ברייטערע מאַשטאַבן, הן אין כמות הן אין איכות. עס איז דערקלערט געוואָרן אַ ווערבירונגס־אַקציע פון מיטגלידער, וועלכע האָט גע־בראַכט גוטע רעזולטאַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרינטלעכע דערציונג־און אויפקלערונגס אַרבעט. ס'זענען געגרינדעט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר עברית, לעקציעס פאַר געשיכטע פון ציוניזם, און בכלל דעם אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון דער ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטערשאַפט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „נגריה" (סטאָלעריי), אָנגעפירט דורך די חברים רפאל כ ה ן, ישראל ש י ף (איצט אין ישראל) און נחמן ג ר י נ ב ע ר ג (אַרגענטינע). דאָ האָבן אַ סך חלוצים באַקומען זייער פאַך־אויסבילדונג. שפּעטער האָט די „נגריה" אויך אָנגענומען פאַרשידענע אַרבעטן און געוואָרן אַ מער ווייניקער רענטאַבעלע אונטערנעמונג.

דער דערהויבנסטער מאָמענט פון אונזער החלוץ באַוועגונג איז געווען דאַן, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו דער עליה פון די ערשטע חלוצים. די טעג זענען טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. מיר זענען דאַן געווען די העלדן פון טאָג ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקע־רונג.

די ערשטע גרופּע עולים חלוצים איז עולה געווען אין 1925. מיר האָבן פאַר זיי איינגעאָרדנט געזעגענונגס־אָוונטן, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען פון שטאָט און אויך סתם־יידן, נאָענטע און פריינט. די גאַנצע שטאָט האָט זיי באַגלייט מיט פריידן און געזאַנג. דאָס איז געווען די אימפּאָזאַנטעסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. נאָכדעם פלעגן סיסטעמאַטיש אָפּפאָרן קלענערע און גרעסערע גרופּן פון חברים קיין ארץ ישראל.

אָבער, ווי באַוווּסט, איז די ציוניסטישע פאַרווירקלעכונג און בפרט די עליה, שטענדיק געווען פאַרבונדן מיטן עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד. אין 1926 איז אויסגעבראָכן דער גרויסער קריזיס אין ארץ ישראל. די בריטישע מאַכט האָט כמעט ווי גענצלעך אָפּגע־שטעלט די חלוצישע עליה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער אַרבעט אין גלות בכלל, און אויף דער חלוצישער באַוועגונג בפרט. יענע עלעמענטן וועלכע זענען צוגעשטאַ־נען צו דער באַוועגונג אין די פּעריאָדן פון איר אויפשטייג, האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם מוט און געשטעלט זיך אין אַ זייט. אָבער דער קערן איז געבליבן אויף זיינע פּאָזיציעס. מיר האָבן דאַן געמוזט

פאַרשטאַרקן אונזער קאַמף קעגן פּאָליטישע און אידעישע קעגנער, וועלכע האָבן געזייט ספקות צווישן דער יוגנט און ספקות אין דער ריכטיקייט פון אונזער וועג. מיר האָבן פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט אונזער דערציונג און אויפקלערונגס־אַרבעט, און געקעמפט קעגן דעם יאוש און אָפּהענטיקייט וועלכע האָבן אַרומגענומען די יידישע מאַסן אין יענע שווערע טעג. מיר זענען געווען כמעט די איינציקע גרופּע, וועלכע האָט אויך געהאַלטן הויך די ציוניסטישע פאָן.

די שטאַרקע „התאחדות" פּאַרטיי האָט שוין אָפּגעלעבט איר גלאַנץ־פּעריאָד, און האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פונאַנדערפאַלן. די עלטערע אָנפירנדיקע חברים, אַריינטרעטנדיק אין פאַמיליע־לעבן, האָבן פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די פּערזענלעכע דאגות און די יאוש־שטימונג אויף דער יידישער גאַס, האָט זיי געשטעלט מחוץ פון דער ציוניסטישער אַרבעט.

מיר, אַ גרופּע יונגע חברים, דער שרייבער פון די שורות, דוד קולאקאווסקי פרומע קאם (איצט אין אַרגענטינע) יעקב פערעלמאַן (פאַרבליבן אין רוסלאַנד), אליעזר פערעלמאַן און וועלוול טרובאווויטש ז"ל (אומגעקומען אין קלעצק) — האָבן דאַן אָנגעהויבן זאָרגן וועגן רעזערוון פאַר דער החלוץ אָרגאַניזאַציע אין קלעצק.

אין 1926, דוקא אין דער צייט פון ציוניסטישן נידערגאַנג, האָבן מיר געגרינדעט די החלוץ הצעיר אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַרומגענומען די לערן־יוגנט פון אַלע שיכטן, און האָט געשמ'ט פאַר דער שענסטער און שטאַרקסטער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין גאַנצן קרייז. אויך דאָ האָבן מיר געפונען אַ זייער גינסטיקן באָדן פאַר חלוצישער דערציונג, לימוד פון העברעיש און דער נאָענטער ציל — הכשרה און עליה קיין ארץ ישראל.

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1929. די ציוניסטישע הימלען האָבן זיך אויסגעלויטערט, די שווערסטע צייטן זענען שוין געווען הינטער אונז. עס האָט זיך געעפנט די אַזוי גערופענע פינפטע עליה. ווידער האָבן מיר זוכה געווען צו אַ גרויסער און פייערלעכער ציוניסטישער דעמאָנסטראַציע, מיט דער עליה פון חברים פון החלוץ און החלוץ הצעיר. ווידער באַגלייטן מאַסן חברים און יידן פון אַלע שיכטן מיט פרייד אין די אויגן, די אָפּפאָרנדיקע חלוצים.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ מאַסן־שטראָם פון חברים און חברות צו די הכשרה־פּונקטן, די החלוץ טעטיקייט איז פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט געוואָרן. די עליה איז געווען דאָס צויבערוואָרט פאַר דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון קלעצקער יידן.

עס איז דאַן אַנטשטאַנען פאַר אונז אַ גאַנץ שווער פּראָבלעם פון פינאַנציעלן כאַראַקטער. מיר האָבן געציילט אַ ריי חברים פון די אָרעמע שיכטן, די בעסטע חלוצים, אָבער די איינציקע שטערונג צו זייער עליה איז געווען דער מאַנגל אין הוצאות־הדרך. האָבן מיר געשאַפן אַ „קרן החלוץ", וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו העלפן לייזן די פּראַגע. מיר האָבן דערמעגלעכט נישט־פאַרמעגלעכע חברים זייער עליה קיין ארץ ישראל, מיר זענען דאַן געווען כמעט די איינציקע ציוניסטישע גרופּירונג אין שטאָט, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַקטיווע טעטיקייט אויף אַלע ציוניסטישע געביטן. נאַטירלעך, האָבן נישט געפעלט קיין שטרייטן מיט פאַרשידענע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס. מיר פלעגן שטענדיק האָבן אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף מצד די „אגודה" קרייזן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער באַפעלקערונג. פון דער צווייטער זייט האָבן אונז באַקעמפט אויך אַנדערע אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונגען, ווי למשל אַ טייל אַרבעטער וועלכע האָבן געשאַפן אַ „מעדעם"־ביבליאָטעק אונטער דער בונדישער השפעה, און האָבן קאָנצענטרירט אַרום זיך קליינע טיילן פון דער אַרבעטער יוגנט.

געווען טעטיק אין קלעצק אויך אַ פּועלי־ציון (צ. ס.) פּאַרטיי, גייסטיק און אידעאָלאָגיש פאַרבונדן מיטן החלוץ. אין יאָר 1929 האָבן מיר געפירט אַ שטאַרקע וואַל־קאַמפּאַניע צו די שטאָט־ראַט וואַלן, און אַ דאַנק דער אחדות פון אַלע לינק־ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן מיר דורכגעפירט דעם ח' וועלוול טרובאווויטש (אומגעקומען פון די היטלער מערדער) אַלס ראַטמאַן.

איינע פון אונזערע וויכטיקסטע אויפטוען, איז געווען די גרינדונג פון אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ח. ברענער. מיר האָבן נישט געקאַרגט קיין מי און פינאַנציעלע מיטלען (דורך זעלבסט־באַשטייערונג), כדי די ביבליאָטעק זאָל פאַרמאָגן אַ גרויסן אויסוואַל פון די נייעסטע העברעישע און יידישע ביכער — אין דעם זין איז זי געווען די איינציקע אין שטאָט. אירע לעזער האָבן זיך רעקרוטירט פון אַלע שיכטן.

אין 1930 איז געגרינדעט געוואָרן די יוגנט אָרגאַניזאַציע „פרייהייט", וועלכע האָט אַרומגענומען די יוגנט פון די אַרבעטער און אָרעמקייט פון שטאָט. איר עיקר אויפגאַבע — דערציונג, דערהויבונג, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אויסבילדונג פון יענע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן צוליב די אָדער אַנדערע סיבות נישט געקענט פאַרבינדן זייער פּערזענלעכן גורל מיט ארץ ישראל און האָבן זיך געניטיקט אין חברישן צוזאַמענלעבן, ליכט און קולטור. זיי האָבן געלעבט אין דחקות, פיל פון זיי זענען געווען אַרבעטסלאָזע און נישט פאַרמאָגט קיין עלעמענטאַרע וועלטלעכע בילדונג. די אָרגאַניזאַציע, דער לאָקאַל, דער חברישער צוזאַמענקונפט איז געווען זייער איינציקער ליכט־שטראַל, געבראַכט זיי טרייסט און דערמוטערונג אין זייער לעבן. יעדן אָונט פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין זייער לאָקאַל נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, לערנען העברעיש, הערן לעקציעס, זינגען לידער און וועבן די טרוימען וועגן צוקונפטיקן לעבן אין ארץ ישראל.

די עליה וועלכע האָט אין יענעם פּעריאָד אָנגענומען באַדייטנדיקע מאַסשטאַבן, האָט אָבער געטראָגן מיט זיך די געפאַר, אַז אונזערע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אויסגעליידיקט ווערן פון אָנפירנדיקע חברים. עס האָט געדראָט אַ געפאַר פאַר זייער עצם קיום, און מען האָט געמוזט באַצייטנס זאָרגן וועגן פירער־קאַדרען און נאָכפאָלגער. צו דעם צוועק האָבן מיר אָרגאַניזירט אין יאָר 1931 אַ „מושבת מנהלים" (אַ אינסטרוקטאָרן־קאָלאָניע) פאַרן גאַנצן קרייז, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי סעמינאַרן — איינער פאַר „החלוץ־הצעיר" און דער צווייטער פאַר „פרייהייט".

האָבן מיר אויסגעפונען אַ פּאַסיקן אָרט אין דער דאָרפישער געגנט ביי דער באַן־סטאַנציע ליאכאוויטש, אַ שטיל ווינקל, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַלד און באַשאָנקען מיט נאַטור־שיינקייט. דאָ, אין שויס פון דער נאַטור, איז פאָרגעקומען אונזער דריי־וואָכיקער סעמינאַר, אָנגעפירט דורכן שליח פון ארץ ישראל משה בראסלאווסקי. דאָס זענען געווען גייסטיק שיינע, דערהויבענע טעג. עס האָט געבראָזט מיט לעבנס־פרייד פאַר דער חלוצישער יוגנט פון קלעצק, באַראַנאָוויטש (קיבוץ שחריה) ניעסוויעזש, לעכעוויטש, ליובאַטש און אַנדערע שטעטלעך. געוווינט האָבן די חלוצים אין פּויערישע הייזער, געשלאָפן אין די שייערן. כמעט פון דערפרי ביז פאַרנאַכט האָבן געדויערט די לעקציעס. די חברים מ. בראסלאווסקי און הערשל פּינסקי ז"ל האָבן רעפערירט וועגן אַלע פּראָבלעמען פון ציוניזם. אויף ליטעראַרישע טעמעס האָט רעפערירט אברהם ברוידעס. דערנאָך פלעגט מען זיך טיילן מיט די איינדרוקן, פירן וויכוחים, זינגען לידער, איינגעאָרדנט אויספלוגן א.אַז.וו. עס איז געווען אַ לעבן מיט אינהאַלט און דערהויבונג. אַלע זענען געווען שטאָלץ מיט די אויפגאַבן, וועלכע זיי האָבן זיך פלייסיק געגרייט אויסצופילן אין דער נאָענטער צוקונפט.

ביים שלוס פון די סעמינאַרן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פּייערלעכע מסיבת־סיום מיט חלוצישע טענץ און געזאַנג. אַלע זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן מיט פרישע און באַנייטע כוחות, און ווידער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר אונזער געדאַנק און פאַרווירקלעכונג.

מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין נישט ווייניק שיקאַנעס און שטערונגען מצד דער פוילישער מאַכט. קלעצק האָט זיך געפונען אין אַ באַזונדער לאַגע צוליב איר נאָענטקייט צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, און איז תמיד געווען פול מיט חשדים און געזוכט שפּורן פון קאָמוניסטישער אַריינדרינגונג. אָפט פלעגט טרעפן, אַז אונזערע פאַרזאַמלונגען פלעגן באַזוכט ווערן פון פּאָליציי. וועגן יעדער פאַרזאַמלונג האָבן מיר געמוזט מעלדן פאָראויס און באַקומען אַ דערלויבניש.

אויף דער יידישער גאַס האָט זיך געלאָזט מערקן אַ נעגאַטיווע דערשיינונג: די מערהייט עסקנים זענען מיט דער צייט געוואָרן פאַרטאָן אין אייגענע ענינים און זענען פאַרלוירן געגאַנגען פאַר ציוניסטישער טעטיקייט. די איינציקע וועלכע האָבן געצויגן די גאָלדענע קייט פון ציוניסטישער אַרבעט, איז געווען די יוגנט — און קודם כל — די חלוצישע באַוועגונגען. אויף אַלע געביטן האָבן זיי אַרויסגעוויזן איבערגעגעבנקייט און אָפּפערוויליקייט. מיר האָבן אָבער שטענדיק און ביי אַלע באַדינגונגען געהאַלטן הויך אונזער פאָן און פאַרטיידיקט אונזער אידעאַל און וועג.

*

פיל פון אונזערע קלעצקער יוגנטלעכע, דערצויגן אין דער החלוץ באַוועגונג, געפינען זיך היינט אין ישראל — אין די קיבוצים, מושבות און שטעט. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן.

מיר באַגעגענען זיך אויף אונזערע יערלעכע טרויער־פאַרזאַמ־לונגען, צום אָנדענק פון די אומגעקומענע קדושים פון קלעצק, און אין אונזער זכרון לעבט אויף די אומפאַרגעסלעכע בליענדיקע יוגנט, זין און טעכטער פון קלעצק, חלוצים און חלוצות, וועמענס ביינער געפונען זיך ערגעץ אין די זאַמד־גריבער ביי די קאַטוילישע מאָהילקעס אויף ניעסוויעזשער גאַס, אין סטארינאער וואַלד און ערגעץ ־אַנדערש ווו... און צוזאַמען מיט זיי, מיינע ציון־טרייע ליבע עלטערן און מיין גאַנצע משפחה. מיר שטומען פון צער און ווייטיק, וויייל — — —

ס׳זענען נישט פאַראַן קיין ווערטער אויסצודריקן די טראַגעדיע און ווייטיק.

אסתר לב (גבעת חיים) / טעכטער פון החלוץ

ביים מתייחד זיין זיך מיטן אָנדענק פון אונזערע קדושים דאַרפן מיר דערמאָנען די הונדערטער קינדער פון אונזער שטעטל קלעצק, וואָס זייער וועג אין לעבן האָט געפירט צום פאָלק און צו דער חלוצישער באַוועגונג — אַ סך פון זיי האָבן געהאַט אַ השפעה, וואָס האָט געוועקט און באַגייסטערט צו מעשים, אַ סך פון זיי זענען אַוועק קיין ארץ ישראל און ווידמען זייער לעבן אין איר אויפבוי, ווער אין שטאָט און ווער אין דאָרף און אין די קיבוצים.

ס׳רוב פון אונזער ציוניסטישער יוגנט האָט אָנגעהערט צו דער יוגנט באַוועגונג החלוץ־הצעיר. די באַוועגונג האָט דערצויגן די חברים אין גייסט פון חלוציזם. געווען פאַרכאַפּט פון דער פאָלקס־אויפלע־בונג, פאַרלאָזן היים און עלטערן און אַוועק קיין ארץ ישראל.

מיר פלעגן זיך צונויפטרעפן און אויסלעבן אין אונזער קלוב. ס׳איז געווען פאַר פסח ווען דאָס אייז צעגייט און כדי צוקומען צום קלוב האָט מען געמוזט גיין זייער פאָרזיכטיק אויף ברעטער, און אַז עס איז אָנגעקומען דער זומער זענען די הערצער געווען פול מיט פרייד, און ס׳האָט זיך אויסגעדריקט אין טענץ און אין געזאַנג, ס׳האָט פאַר די אויגן געלויכטן די האָפנונג פון אַ ליכטיקער צוקונפט, וואָס האָט צו אונז געוווּנקען פון די בילדער, וואָס האָבן געהאַנגען אויפן וואַנט און פון די התלהבותדיקע רייד פון די ארץ ישראל שליחים, וואָס פלעגן קומען צו אונז.

איך געדענק נאָך גוט דעם באַזוך פון חבר הערשל פ י נ ס ק י (אַ חבר פון גבת, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען). ער האָט פאַר־כאַפּט מיט זיין אויפריכטיקייט, דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט בעת ער האָט דערציילט וועגן ארץ ישראל, אַ סך זענען געשטאַנען אויף אַרום הויז כדי אים צו הערן.

ס׳איז געווען ביי אונז אין קלוב פריילעך און טומלדיק. צוליב אָט דעם טומל זענען מיר געווען אומגעוווּנשן פאַר אונזערע שכנים. מיר האָבן אויך געהאַט כסדר זאָרגן, ווי אַזוי צו באַצאָלן דירה געלט, און גאָר אָפט פלעגן חברים אַרבעטן אין גרינס־גערטנער צו קאָנען באַצאָלן דירה־געלט פאַרן קלוב.

מיר האָבן דאָן אויך זיך גענומען אויף אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט צווישן די אָרימע קינדער. זיי אויסגעזוכט אין שולהויף און אויף דער זאַראַנאַווער גאַס. זיי האָבן נישט געוווּסט פון קיין יוגנט פרייד, פריצייטיק געטראָגן דעם יאָך פון דלות, און אונזער אויפגאַבע איז דאָן געווען זיי צופאַרשאַפן אַ ביסעל פרייד, זיי אויסצולערנען טאַנצן און זינגען, דערציילן וועגן ארץ ישראל, דאָרטיקן קינדער לעבן. מיר פלעגן מיט די קינדער גיין שפּאַצירן, און אין די שבתים פלעגן מיר מיט זיי אַרויס אין נאָענטן וואַלד און פאַרברענגען מיט זיי.

אין זכרון זענען אויך איינגעקריצט די דעמאָלטיקע יום־טוב־פייערונגען און אָנדענק־אָוונטן. עס דערמאָנט זיך מיר אַן אָנדענק־אָוונט פאַר יוסף טרומפּעלדור איז קלוב, אין אומפאַרענדיקטן הויז ביי טייצן אין הויף. איינער פון די מדריכים האָט געהאַלטן אַ רעדע, דאַן איז אַרויס אַ תמימות׳דיק מיידל מיט לאַנגע צעפּ און דערציילט פּרטים פון זיין לעבנס־וועג. מיט טיפן ערנסט האָבן אַלע אויפגענומען דעם אָנדענק־אָוונט.

בכלל איז אונזער קלוב געווען אַ מין פרייע טריבונע, ווו ס׳פלעגן פאָרקומען כלערליי דיסקוסיעס, און זיי האָבן געהאָלפן אונז קלאָר מאַכן דעם חלוציזם וועג און אויספורעמען די חלוצישע געשטאַלט פון דער קלעצקער יוגנט.

דער אמת׳ער קאָך און ברען איז ביי אונז געווען אין די וויכוחים צווישן די קרייזן פון אַרבעטענדיקן ארץ ישראל, מיט די רעוויזיאָ־ניסטן, בפרט בעת וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס — דאַן האָבן די געמיטער זיך דערהיצט.

מיידלעך האָבן ביי אונז אין דער באַוועגונג געהאַט אַ גרויסן אָנזען. געווען אַ מוסטער פון מוט און אויסדויער אויף הכשרה. נישט איינמאָל האָט אַ מיידל פאַרלאָזן איר מאַמע איינע אַליין און איז אַוועק אויף הכשרה. אונזערע מיידלעך האָט מען אומעטום געטראָפן, אי אין

הכשרה, אי אין די סעמינאַרן פון דער באַוועגונג און אַפילו אין די מועצות און אין דער צענטראַלע פון החלוץ.

מ׳דאַרף מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנען דעם אויפטו פון דער „תרבות" שול, וואָס האָט דערצויגן די יוגנט, איינגעוואָרצלט ליבשאַפט צו העברעישע און צו די נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן.

לאָמיר אויך דערמאָנען די וואָס האָבן לײדער נישט זוכה געווען צו קומען אין לאַנד. כ׳פיל אַ באַזונדערן הייליקן חוב צו דערמאָנען אונזער חברה חמדה פ א ר פ ל, וואָס נאָך עטלעכע יאָרן הכשרה, שוין זייענדיק גרייט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, איז זי פאַרשניטן געוואָרן אין נאַצישן גיהנום, זייענדיק אויף הכשרה אין לאָדזש.

חיותה בוסל / אין שליחות

(דגניה)

טריב ווערן מיר די אויגן, ווען איך דערמאָן מיך אונזער אַלטע היים; עס גייט מיר אַדורך אַ ציטער, און איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אַז אָט די שטאָט, אַן עיר ואם בישראל, איז אַזוי אומזיניק אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער מאַפּע פון יידישע שטעט. אין מיין געדאַנק לעבט נאָך איצט קלעצק, כ׳זע זי קלאָר אין אירע ליידן און פריידן, קינדער און זקנים און צווישן זיי אויך מיין ברודער מיט זיין משפחה.

טיף אין דער נשמה האָט ביי מיין ברודער געטליעט אַן אידעישער יסוד. ער איז געווען דאָן דער איינציקער „חסיד" אין קלעצק, פאַרוואָגלט צו אונז פון דערבייאיקן שטעטל ליאַכאָוויטש — אַ שטעטל פול מיט חסידים, מיט אַן אייגענעם חסידישן רבי׳ן, פון וועלכן מיין ברודער האָט אַהערגעבראַכט קיין קלעצק דעם חסידישן בְרען. מיט זיין חסידישער התלהבות און ניגונים האָט מיין ברודער געבראַכט קיין קלעצק אַ נייעם ניואַנס, וואָס האָט זיך קוים אַריינגעפאַסט אין אָט דעם שטעטל, וואָס איז געווען אַ נעסט פון מתנגדים.

און וויפיל מאָל פייניקט דער געדאַנק: וויאַזוי האָבן זיך געפילט אונזערע בני עיר פאַרן אומקום? צי האָט נאָך די וועלט פאַר זיי אויך געשמייכלט, אָדער האָבן זיי שוין געזען, וואָס זיי דערוואַרט? און ביי די היטלעריסטישע גאַז־קאַמערן, ווען אָט־אָט ווערן זיי שוין פאַרגאַזט, צי האָבן זיי געוווסט, אַז עס זענען נאָך פאַרבליבן מענטשן פון זייער שטאָט, וואָס וועלן נאָך אין יאָרן אַרום טראַכטן און שרייבן וועגן זיי?

אפשר, ווען זיי וואָלטן דאָס געוווסט, וואָלטן זיי נישט געווען געוואַרט געדולדיק אויף זייער טראַגישן סוף — ווער ווייס...

בעת איך שרייב איצט וועגן דעם אַמאָל אין קלעצק, ווילט זיך מיר אופפרישן אין מיין זכרון קלעצק דאָס כאַראַקטעריסטישע שטעטל פון דער אַלטער היים, און דעם גייסט פון ציוניזם וואָס האָט דאָרט פולסירט און פאַרכאַפּט די יוגנט.

*

בעת מיין אָנקומען קיין קלעצק האָב איך געפילט די נייע ווינטן וואָס בלאָזן דאָ אין שטעטל, ווו ס׳איז שוין פאַראַן אַ נייע יוגנט, וואָס קעמפט כדי צו פאַרזיכערן אַ היים פאַר אונזער פאָלק; און מיט וואָס פאַראַ התלהבות האָט מען מיך דעם שליח פון ארץ ישראל, אויפגענומען! — צוויי רייען פון דער יוגנט האָבן געשאַפן אונטערן שטאָט צוויי לעבעדיקע מויערן, און כ׳האָב געזען אין זייערע אויגן דאָס הייליקע פייער פון חלוציות.

עס דערמאָנט זיך מיר מיין קרוב, אַ ייד אַ בן־תורה מיט אַ שיינער נשמה, — דאָס איז געווען מאָטיע ב אָ י אַ נ ע ר (מרדכי קאַלאַקאָווסקי), אין משך פון אַ סך יאָרן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דערציונג, ער האָט דעריין געהאַט זיין באַשטימטע ליניע און ער האָט אין זיינע תלמידים געזוכט איינצופלאַנצן אַ ליבשאַפט צום פאָלק און צו זיינע גייסטיקע ווערטן. פון זיין פאַרצווייגטער פאַמיליע זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל זיין טאָכטער.

עס דערמאָנט זיך נאָך איינער, — דער ברודער פון י ו ס ף ב ו ס ל — י ע ק ב — אַ סימבאָל פון יושר און גוטסקייט, אַ מענטש מיט האַרץ און נשמה (ער צוזאַמען מיט די אַנדערע קדושים אומגעקומען טראַגיש).

ווידער אַמאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט אונזער שטעטל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר תרפ"ה, ווען איך בין געקומען צוזאַמען מיט מנחם א ו ס י ש ק י ן אין שליחות פון קרן־קיימת. איך האָב דאַן דאָס שטעטל נישט דערקענט — אַזוי האָט זיך אַלץ געענדערט פאַר דער צייט, וואָס איך בין נישט געווען.

קלעצק האָט געהאַט אַ מזל און די האַרמאַטן פון דעם שונא האָבן עס נישט חרוב געמאַכט, ווי עס איז געווען דער פאַל אין דערבייאיקן שטעטל ליאַכאָוויטש. איך האָב גלייך דערכאַפּט די גרויסע ענדערונגען, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען. עס זענען געקומען אַ סך פליטים און זיי האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט. אַ טייל פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג האָט פאַר דער צייט עמיגרירט, אַוועק קיין אַמעריקע אָדער קיין ארץ ישראל.

אַ טיפן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר די סלוצקער ישיבה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קלעצק. די קלעצקער תושבים — און צווישן זיי מיין ברודער מ ש ה ג אַ ו ו ז ע — האָבן זייער מקרב געווען די ישיבה־לייט, אַלץ געטאָן כדי זיי איינצובירגערן אין נייעם אָרט.

די ישיבה בחורים האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט דעם גייסט פון אהבת התורה און התרוממות הנפש. די „מוסרניקעס" האָבן אויך צוגעצויגן צו זיך פון דער דענקענדיקער יוגנט. עס האָבן זיך געפירט שמועסן וועגן מוסר אין די ווינטער נעכט. אמת, די מוסרניקעס האָבן נישט פאַרמאָגט די חדווה און פרייד פון די חסידים, זיי האָבן אָבער דערפאַר געהאַט אין זיך עפּעס אַ מאַגישע קראַפט, וואָס האָט צוגעצויגן און אַפּעלירט צו אַזעלכע, וואָס זענען געווען נוטה צו ערנסטקייט.

אָבער גלייכצייטיק האָבן די אָנפירער פון דער ישיבה געבראַכט מיט זיך אַן עקסטרעמע־אָרטאָדאָקסישע פאַנאַטישקייט וואָס מ׳האָט אין קלעצק פריער נישט געקענט, און דער עיקר וואָס זיי האָבן דאָ פאַרשפרייט קעגנערשאַפט צום ציוניזם אין גייסט פון דער „אגודה".

עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער סיורפּריז צו הערן, אַז זיי זענען קעגנער נישט נאָר פון ציוניזם, נאָר אויך פון זיינע עיקרדיקע יסודות. אויך מיין ברודער וואָס האָט איינגעזויגן דעם ציוניסטישן גייסט אין טאַטנס הויז (מיין פאָטער איז געווען אַן איבערגעגעבענער חסיד פון ד"ר הערצל און האָט געטרויערט נאָך זיין פטירה) — אויך מיין ברודער איז געווען ווי די אַנדערע פירער פון דער ישיבה קעגנעריש געשטימט צום ציוניזם, און ער האָט אַלץ געטאָן אַז קיינער פון זיין פאַמיליע זאָל נישט עולה זיין קיין ארץ ישראל.

וואָס שייך מיר — האָט ער זיך צו מיר באַצויגן מיט רעספּעקט. איך דערמאָן זיך ווי בעת מ׳האָט צעקלעפּט איבערן שטאָט פלאַקאַטן, אַז איך וועל שבת־צו־נאַכטס אין דער שול האַלטן אַ רעפעראַט וועגן

ארץ ישׂראל, איז צו מיר געקומען דער שמש פון דער ישיבה און מודיע געווען אין נאָמען פונם ראש־ישיבה, אַז איך זאָל נישט וואַגן צו ריידן אין שול. מיין ברודער האָט אים דערויף געענטפערט: — נישט איר פון דער ישיבה זענט די פירער פון דער שטאָט. ס׳זענען אַוועק אַ פּאָר מינוט, איז דער שמש ווידעראַמאָל געקומען און דאָסמאָל מיט אַן איסור, אַ פאַרבאָט פון שטאָטישן רב, אַז על־פּי־דין טאָר איך נישט אַלס פּרוי האַלטן אַ רעפעראַט פאַרן עולם אין שול. מיין ברודער האָט אויפגענומען דעם באַפעל פונם רב מיט אַ שמייכל...

איך בין אין דער באַשטימטער צייט געקומען אין שול, וואָס איז געווען געפּאַקט. אַרום מיר האָבן זיך געשאַפן ווי אַ לעבעדיקע מויער פון יוגנט פון די ציוניסטיש־חלוצישע באַוועגונגען. איך האָב דערציילט וועגן אונזערע דערגרייכונגען אין ארץ ישׂראל אויף אַלע געביטן — דער עולם האָט מיינע רייד ממש געשלונגען, און אויך די ישיבה בחורים, האָבן זיך רויק צוגעהערט און האָבן נישט געוואַגט צו שטערן די פאַרזאַמלונג.

די ישיבה און די וואָס זענען געשטאַנען אין איר שפּיץ, זענען צוביסלעך אַוועק קיין ארץ ישׂראל, אָבער די מערהייט איז געבליבן דאָרטן ביזן סוף — צווישן זיי אויך די בני משפּחה פון מיין ברודער. זיי האָבן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו קומען אין לאַנד אַריין — און ס׳איז זיי נישט געווען באַשערט. איך האָב מיין ברודער געשיקט אַ סערטיפיקאַט, און ער האָט אים נישט אויסגענוצט הגם עס האָט אין אים פון קינדווייז אָן געפּליסט ציוניסטיש בלוט...

*

אין קלעצק האָט אָבער אַ חוץ דעם גייסט פון דער „אגודה" פּולסירט אַ גרויסע און פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און ציוניסטיש־חלוצישע טעטיקייט. אמת, מ׳האָט אַ סך פאַרבראַכט צייט אין וויכוחים. די יוגנט איז געווען באַפליגלט מיט די אידעאַלן פון יידישער אויפלעבונג. איך האָב גענאָסן פון דער וואַרעמער באַציונג צו מיר מצד אַלע שאַטירונגען, וואָס האָבן אין מיר געזען זייער לעגיטימען פאָרשטייער: „התאחדות", החלוץ און החלוץ הצעיר און אויך דער השומר הצעיר — אַלע האָבן מיר אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות, און געגאַרט פון מיר צו הערן וועגן אונזער געראַנגל אין ארץ ישׂראל.

איך האָב דאַן פאַרבראַכט איך פּוילן אַ פעליקן יאָר, און קלעצק איז פאַר מיר געווען מיין שטיץ־פּונקט. אַ חוץ מיין פאַמיליע האָב איך דאַן דאָרטן געלאָזן מיין טאָכטער הדסה, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט מיר קיין פּוילן. פון צייט צו צייט אין משך פון מיינע נסיעות אין פּוילן, פלעג איך כסדר באַזוכן קלעצק און מיין טעטיקייט האָב איך געפירט אין אָט דער געגנט נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען די צוויי ברידער שלום און ליפּע גאַוווזע ביידע פון קלעצק וואָס האָבן אין זייער יוגנט עולה געווען קיין ארץ ישׂראל. זיי האָבן ביידע יונגערהייט פאַרלאָזן זייער היים און זענען אַוועק אין לאַנד, און ביידע האָבן בייגעשטייערט זייער טייל צו איר אויפבוי. דער טאַטע איז אַפילו נישט געווען צופרידן פונם פרייען גייסט ביי די קינדער, ער האָט געהאָפט אַז איינער פון זיי זאָל ווערן אַ רב. מיר אָבער האָבן געשטרעבט, אַז אויך ער, דער טאַטע, זאָל קומען אין לאַנד אַריין, אָבער נישט אַזוי איז אים געווען באַשערט. די מוטער איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן און דער טאַטע האָט נאָך איר שטאַרק געטרויערט. עס איז אים שוין מער דאָס לעבן נישט באַקומען, און אויך ער איז געשטאָרבן — עס איז זיי נישט באַשערט געווען צו קומען אין לאַנד אַריין און האָבן נחת פון זייערע קינדער, וואָס זענען דאָ געוואָרן אַרבעטער אין יידישן דאָרף, אין קבוצה און קאָלאָניע.

דער ברודער ליפּע איז געקומען אין לאַנד שפּעטער פון שלום׳ען; אויך ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער חלוץ, געלעבט און געווען טעטיק אין דער קבוצה מסדה, וווּ ער איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן כ״ח תשרי תש״ט. אַ לאַנגן זיג־זאַג וועג איז ער דורכגעגאַנגען זינט ער איז געקומען ביז צו דער באַפרייונגס־מלחמה און אין אירע קאַמפן; עס איז נישט געווען קיין פראָנט אין צפון און אין דרום און אויך אין פּרוזדור פון ירושלים ער זאָל זיך נישט האָבן באַטייליקט אין די קאַמפן. ער האָט אויסגעפירט די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אויפגאַבן. ער האָט געלאָזן נאָך זיך צוויי טעכטער, וואָס ער האָט זיי זייער ליב געהאַט.

דאָ אין לאַנד איז אויך אַוועק פון אונז דער צווייטער ברודער שלום, דער עלטערער, וואָס איז געווען אַ פלאַמיקער חלוץ אַלע זיינע יאָרן; פון זיין יוגנט אָן דורך אַלע זיינע לעבנס־עטאַפּן ביזן סוף פון זיינע טעג, איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט געפילן פון חלוציות. ביי־טאָג ביי דער אַרבעט, ביינאַכט אויף שמירה, האָט ער אויפגעבויט אַ ווירטשאַפט אין כפר בצרון. די שווערע טעג פון דער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן אים געטראָפן בעת ער איז געווען אין זיינע סאַמע בלי־יאָרן, און ער האָט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַרן פאָלק.

ער האָט געליטן, האָט אָבער אַלץ איבערגעטראָגן מיט אַ לייכטן געמיט, ער איז געווען געזעלשאַפטלעך, פול מיט הומאָר און לעבנס־זאַפט. און ער איז געפאַלן, ווי ס׳פאַלט אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן.

ביידע ברידער ליפּע און שלום זענען געווען באַהעפט מיטן פאָלק, טיף פאַרוואָרצלט אין פאָלקס־גייסט. זיי האָבן עקשנותדיק בייגעשטאַנען אַלע שווערע נסיונות, זיי זענען אַ מוסטער פאַר אונז מיט זייער ליבע און מיט זייער איבערגעגעבנקייט צו ארץ ישׂראל.

מאשע קורנאס (אלעזרי) / מיין וועג אין „השומר הצעיר"

(קיבוץ אילון)

גאָר יונג בין איך געווען ווען כ׳בין אַריין אין „קן" פון השומר הצעיר ביי אונז אין שטעטל, נאָכדעם ווי איך בין שוין פריער געווען אַ חבר׳טע ביי די פּוילישע סקויטן. איך האָב געלערנט אין דער פּוילישער שול, וווּ ס׳האָט פונקציאָנירט אָט די באַוועגונג, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אין די קינדער אַ ליבשאַפט צו ספּאָרט און נאַטור.

דאָס איז געווען אין די 20קער יאָרן. עס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן באַוויזן ביי אונז די ערשטע אַנטפלעקונגען פון געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער טעטיקייט, און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון השומר הצעיר, וואָס האָט אויך תחילת געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ סקויטן אָרגאַניזאַציע אין אַ יידישלעכן לבוש.

אונטער דעם איינפלוס פון אייניקע חברים, וואָס האָבן זיך באַמיט צו געווינען חברים אין דער פּוילישער שול, בין איך צוגעשטאַנען צום השומר הצעיר אומלעגאַל, ווייל די פאָרשריפטן פון דער שול האָבן דאָס נישט דערלויבט, און גראָד די אומלעגאַלקייט האָט צוגעצויגען.

איך האָב זיך מיטן גאַנצן האַרצן פאַרבונדן מיט אָט דער באַוועגונג, וואָס האָט געברויזט מיט יוגנטלעכקייט און אַריינגעבראַכט אַ נייעם אינהאַלט אין מיין לעבן. די באַוועגונג האָט בכלל אַריינגעבראַכט ליכט אין לעבן פון דער יידישער יוגנט, מיטן העברעיש און מיט די אויספלוגן אין די וועלדער, מיט די אידעאַלן פון דער־

לייזונג און דראַנג קיין ארץ ישראל. מיר זענען געווען פאַרבונדן אויך מיט די חבוֿים פון השומר הצעיר אין די אַרומיקע שטעטלעך — און אַט די חבר׳ישע באַציִונגען זענען געווען אַ ברכה פאַר אונז. מיר האָבן געלייגט אַכט אויף דער אויסערלעכער דערשיינונג, עסטעטישן אויסזען און אָרדנונג.

מיט דער צייט האָט דער השומר הצעיר פאַרלאָזן די ריינע סקויטישקייט, און איז געוואָרן אַ ציוניסטיש־חלוצישע באַוועגונג, באַזירט אויף ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יסודות, מיט אַ שטרעבונג צו שאַפונג און פאַרווירקלעכונג.

בעת איך בין אַרויס אויף הכשרה קיין סלאָנים, איז דער קן פון השומר הצעיר געווען אין אַ מצב פון דעפּרעסיע. עס איז דעמאָלט אָפּגעשטעלט געוואָרן די עליה קיין ארץ ישראל, אָבער מ׳האָט גובר געווען דעם קריזיס. און בעת כ׳בין געקומען צוריק קיין קלעצק, האָט מען געפייערט דעם 20־יאָריקן יובל פון קן השומר הצעיר — האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן אַ יוגנט וואָס איז דורכגעדרונגען מיט האָפנונג און וויזיע, און גלייכצייטיק מיט מאַנונג און איבערצייגונג, אַז דאָס איז אונזער וועג — נישטאָ קיין צווייטער.

אלימלך בן־ארי / דער „השומר הצעיר” אין קלעצק

דער שטורעם פון די געשעעניש נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און די באַלפור דעקלעראַציע, האָבן אַ סך געווירקט צום פאַרשפּרייטן פון ציוניזם אויף אין קלעצק; עס זענען דאַן אַנשטאַנען יוגנט באַוועגונגען, צווישן זיי דער השומר הצעיר.

דער קן איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922, אין אַ צייט פון גייסטיקער בלאָנדזשעניש. דאַן קומט אויף די באַוועגונג וואָס איז סיי אידעאָלאָגיש, סיי פּאָליטיש געווען אַ נייע, וואָס האָט לויט אַ נייער אויפאַסונג און דרך געשטרעבט צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

דער השומר הצעיר, האָט געהאַט אַ שנעלן וווקס. נישט תמיד איז זיין וועג געווען גראַדליניק, עס זענען געווען יאָרן פון באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. אין די אויפשוווּנג יאָרן האָט דער קן געציילט אַן ערך 150 חברים, וואָס האָבן געלערנט און געאַרבעט. עס זענען געווען דריי שיכטן: „בני מדבר”, „צופים” און „בוגרים”. ביי די ערשטע איז געלעגן דער הויפּט־טראָפּ אויף שפּיל און ספּאָרט. זיי זענען פאַר אונז געווען דער סימבאָל פון היסטאָרישן „דור המדבר”... און די „בוגרים” זענען געווען איינגעטיילט אין שבטים, ווי אַמאָל: יעדער שבט און זיין פאָן.

יאָר איין, יאָר אויס פלעגן מיר אַרויס אויף „זומער קאָלאָניעס”, אָפּט זיך טרעפן מיט חברים פון אַנדערע ערטער. האָבן אויך פאַרבראַכט דעם זומער אין די קאַרפּאַטן־בערג. מיר האָבן געטראָפן כסדר אַזעלכע חברים און חבר׳טעס, וואָס האָבן איינגעפלאַנצט אין אונז נאַציאָנאַלן רצון און טרוימען.

אָנהויב 1939, ביים סאַמע אויסברוך פון דער מלחמה, זענען מיר, אַ גרופּע פון 12 „בוגרים” פון השומר הצעיר, אַרויס אויף הכשרה קיין ראָוונע. מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ נייער ווענדונג אין אונזער לעבן — און אָט איז געקומען די מלחמה און האָט צונישט געמאַכט אונזערע פּלענער.

שרה און יצחק מענאקער / געווען א יוגנט...

דער השומר הצעיר איז צוערשט געווען בעיקר אַ ספּאָרטיוו־סקויטישע באַוועגונג. די ערשטע חברים אין דער אָנפירונג זענען געווען: שלמה פעדער, אליהו מאַניר און חיים בוסל. דער קן איז געווען איינגעטיילט אין שכבות (שיכטן), לויטן עלטער און בילדונג.

אין 1926, בעת דעם שותפות׳דיקן ספּאָרטיוון אויפטריט פון השומר הצעיר און „מכבי”, האָט זיך דער השומר הצעיר אויסגעצייכנט מיט זיינע דערגרייכונגען, און דער בעקאַנטער דאָקטאָר פון קלעצק ד״ר מושקאַט, איז געווען מלא התפעלות.

דער השומר הצעיר האָט בכלל מאַניפעסטירט זיינע דערגרייכונגען אויפן געביט פון סקויטינג. די חברים האָבן געמאַכט אַן איינדרוק מיט זייערע איינהייטלעכער קליידונג און ספּאָרטיווע איבונגען; מיט געזאַנג פלעגן זיי מאַרשירן איבער די גאַסן פון קלעצק, און תמיד אַרויסגערופן באַוווּנדערונג נישט נאָר אויף דער ייִדישער, נאָר אויך אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

עס דערמאָנט זיך, ווי מיר, השומר הצעיר׳ניקעס, זענען געקומען קיין האַנצעוויטש און די דאָרטיקע אָרטאָדאָקסן זענען אַרויס קעגן אונז מיט אַן אָנגריף, אַז מיר זענען מחלל שבת בפרהסיא. האָבן מיר גראָד אַראַנזשירט שבת אַ „מנין”, ווו עס האָט געדאַוונט ביים עמוד לייב ליפשיץ (איצט אין אַמעריקע), און אַזוי ווי ער איז געווען אַ יינגל מיט אַ שיינער שטימע, האָט זיך גיך צוזאַמענגעקליבן אַן עולם צו הערן זיינע שיינע חזנישע ניגונים.

מיר האָבן אָפּט פאַרבראַכט אין פּיקלעשטשינער וואַלד, צווישן קלעצק און ניעסוויזש. זומער־צייט פלעגן מיר, אַ גרופּע פון 20 יינגלעך מיט מיידלעך אַוועק אין וואַלד אַריין, אויפגעבויט צייטווייליקע געצעלטן און פאַרבראַכט אונטערן פרייען הימל.

אינגיכן איז דער השומר הצעיר אַריבער אויף די רעלסן פון חלוציזם וואָס פאַרפליכטעט זיינע חברים צו גיין אויף „הכשרה” און זיך צוגרייטן צו עליה קיין ארץ ישראל. פון אַ ספּאָרטיווע באַוועגונג איז דער השומר הצעיר געוואָרן אַ ציוניסטיש־חלוצישע באַוועגונג. מ׳האָט אויך אָנגעהויבן פלייסיק לערנען העברעיש.

הגם אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון טראַדיציע, האָט דער השומר הצעיר אַריינגעבראַכט נייע באַגריפן אין אונזער יוגנט. רעדן העברעיש איז געוואָרן אַ פליכט פון יעדן חבר; ס׳האָט זיך אויך אויסקאָרמירט די אידעאָלאָגיע פון דער באַוועגונג אויף די יסודות פון דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן וועלט־באַנעם.

דער השומר הצעיר האָט טיף אָפּגעשאַצט די ייִדישע ווירקלעכקייט, און באַזונדערס די לעבנס־באַדינגונגען פון דער ייִדישער יוגנט, און האָט געלייגט דערפאַר דעם טראָפּ אויף „הכשרה” און „עליה”; און מען איז טאַקע גיך אַוועק אויף אָט דעם וועג.

משה ווילענטשיק / דער בית״ר

(מעכסיקא)

שרייבן וועגן מיין געבורטסשטאָט קלעצק איז מיר פריידיק און שווער גלייכצייטיק. עס דוכט זיך מיר, אַז אָט וויגט זיך דאָס וויגעלע פון אונזער קלעצק און אַז איך זע זיי ווידער די קלעצקער יידן גייענדיק איבער די ברוקירטע און האַלב־ברוקירטע גאַסן און געסלעך, לעבעדיקע, פול מיט האָפענונג, וואָס איז אָבער פאַר זיי אויף אייביק אויסגעלאָשן געוואָרן... און עס טויכט אויף פון אונטער די חורבות און אַש, דאָס אַלץ וואָס האָט אַמאָל געלעבט, געהאָפט און געשאַפן אין קלעצק.

מיט קיין אויסערלעכער שיינער פּאַנאָראַמע האָט די נאַטור נישט באַפּוצט אונזער קלעצק, זי איז געלעגן רויק און שטאַרק איינגע־וואָרצלט, ווי אַלע אַרומיקע שטעטלעך, אין דער פייכטער פּאָליעסער ערד. איר פּאָזיציע איז אָבער געווען אַ ביסל אַ דאָמינירענדיקע פאַרן גאַנצן אַרום, לכל הפחות פון ריין היסטאָרישן שטאַנדפּונקט.

פון אונזער יידישן שטאַנדפּונקט הויבט זיך אָן איר יחוס מיט די גרויסע רבנים. אויך דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר־ספרים, האָט געפּאָקט און געמאָזלט אין קלעצק, געלערנט אין קלעצקער אַלטן בית־מדרש, געוווינט אין דער גרויסער הילצערנער הויז אויף דער זאַראַנאַווער גאַס ביי זיין ברודער הירשקע־קאַפּולער (אָט דער הירשקע און זיין שוועסטער דינה ליגן באַער־דיקט אויפן קלעצקער בית־עלמין). און אפשר האָט טאַקע מענדעלע זיין „קליאַטשע” און אַלע אַנדערע פּערעלדיקע זאַכן... אַרויסגע־דויבערט פון דער קלעצקער וואָכעדיקייט און שבת־יום־טוב׳דיקייט, איינגעפּאַקט און מיטגענומען מיט זיך אין רייכן אָדעס, דאָרטן עס פונאַנדערגעעפנט און געלייגט דעם יסוד פאַרן יידיש־ליטעראַרישן שאַפן...

אויך פון וועלטלעכן און גוישן שטאַנדפּונקט ציט קלעצק גאָר אַ וואַזשנעם יחוס. מיצקעוויטש, דער גרויסער פּוילישער פּאָעט, דער־מאָנט אין זיין באַרימטן ווערק „פּאַן טאַדעאוש” דעם „פּאַן קאָמיסאַזש ס׳קלעצקאַ” („הער קאָמיסאַר פון קלעצק”), — אַ סימן אַז קלעצק האָט שוין צו יענער צייט דאָמינירט דעם אַרום.

קלעצק האָט אויך אַ מוסטערהאַפטן אופן איינגעאָרדנט אירע ערשטע קהלה׳שע אינסטיטוציעס און נישט פאַרמאָגט קיין צו גרויסע תקיפים און פוסטע בעלי־גאוה׳ס.

דער שול־הויף איז געווען ברייט צלייגט, אָנגעפּיקעוועט מיט שיינע יידישע אינסטיטוציעס, — אַ ביקור־חולים, אַ באָד מיט אַ מקוה, יאַטקעס פאַר פלייש, אַ הקדש מיט אַ גרויסער תלמוד־תורה, אַ אַלטער גרויסער בית־מדרש, שולן און קלויזן און אינמיטן די „קאַלטע שול”, ממש ווי אַ ציטאַדעל מאַיעסטעטיש הויך, וואָס האָט מיט אַ מין לבדד־ישכון׳דיקייט נישט געוומען אין אַכט וואָס עס צעקלינגען זיך אַ מאָל גלעקער פון די זייטיקע קלויסטערס... ווי אויך אַ סך אַנדערע קלויזן און בתי־מדרשים אין פאַרשידענע גאַסן, ווו יידן האָבן געשמאַק געדאַוונט און געלערנט אין די אָוונט־שעה׳ן ביי לאַנגע טישן, און פלעגן פירן אסיפות: די צעפּרער־קלויז, וואָס איז געווען באַהערשט פון די תבואה־הענדלער און מילנער, די קצבים קלויז, די „קאַניוכעס” (פערד הענדלער)׳ און שניידער קלויזן.

קלעצקער יידן האָבן בטבע געהאַנדלט קורץ און שאַרף און מיט אייגענער לאָגיק. אָט צום ביישפּיל, איז אַ מאָל אַ גוי, וואָס איז באַווירקט געוואָרן פון דעם גלח׳ס רייד אין קלויסטער, אַז די יידן האָבן געהרג׳ט זייער גאָט, אַראָפּגעקומען אין אַ פרימאָרגן אין שטאָט מיט זיין וואָגן־האָלץ צו פאַרקויפן, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאַרקויפן עס צו קיין יידן. האָט אַ קלעצקער ייד מיטן נאָמען משה־ארע זייעץ דעם גוי „קלאָר געמאַכט” דעם ענין, אַז די קלעצקער יידן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיטן הרגענען זייער גאָט... דאָס איז די אַרבעט פון לעכעוויטשער יידן... דער גוי האָט דעם וואָגן האָלץ פאַרקויפט במקח־השווה.

קלעצק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע אייגענע „שטעטלשע פּאָליטיקער”, וואָס פלעגן אויף זייער אופן קאָמענטירן די וועלט־געשעענישן און פלעגן גאַנץ געשמאַק האַקן אַ טשייניק... (ווי מען פלעגט עס אין דער היים זאָגן). מען דערציילט, אַז אברהמ׳ל דער מלמד האָט בשעת דעם יאַפּאַניש־רוסישן קריג אין 1905, אָן אַ מאַפּע, געזוכט און געפונען שטענדיק די יאַפּאַנישע מפּלה אויף די פראָנטן, און דאָס אַלץ אויף דער האַנט... שוין פאַר אונזערע צייטן האָט אַ צווייטער „פּאָליטיקער” יוסף טשירע יענטעס געזוכט מזרח־אַפריקע אין אייראָפּע... דאָסמאָל אויף אַן אמתער מאַפּע... שפּעטער, האַרט פאַרן צווייטן וועלט קריג, פלעגט שוין אַ מאָדערנער פּאָליטיקער וואָס האָט באמת פאַרמאָגט אַ חוש פאַר געשעענישן מיט פיל וויסן און אינטואיציע, שמואל־חיים ברעוודע נביאות זאָגן וועגן גאַנג פון די געשעענישן אין אייראָפּע, און זיינע השערות האָבן כמעט אַלץ געטראָפן...

קלעצק איז געווען ווייט פון אַ באַן־ליניע, אָבער האָט ווייניקער געשלאָפן „חוני־המעגל׳דיק” ווי אַ סך אַנדערע שטעטלעך.

מיט אַ ספּעציעלן דראַנג האָט זיך אויסגעצייכנט די יוגנט. עס האָט זי געצויגן צו שול־צענטערס אין גרויסע שטעט, פון וואַנען זי האָט מיטגעבראַכט נייע געדאַנקען און שטרעבונגען און עס איינ־געפלאַנצט אין שטעטלשן פאַרנעם.

די קלעצקער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט געשמ׳ט מיט איר אָרגאַניזאַציאָנעלער רייפקייט און הילפס־גרייטקייט. דורך קלעצק זיינען אַדורכגעגאַנגען פיל ציוניסטישע אַקטיוויסטן, וועלכע זענען אַנטרונען פון די פאַרפאָלגונגען פון דער ראַטן־מאַכט, ווי דער עסקן דוד ראדונסקי און אַנדערע, אַדאַנק דער הילף פון קלעצ־קער „התאחדות” אָרגאַניזאַציע, וועמענ׳ס פּאָרזיצער ס׳איז געווען איסאַק צערקאָוויטש און ווו עס האָט אַקטיוו מיטגעאַר־בעט דער פלאָם־פייערדיקער עסקן מאיר חיים קולאקאווסקי (שפּעטער דורך אַן אומגליקס־פאַל געליימט געוואָרן אויף די פיס, און אַפילו אויפן שלעפּ־וועגעלע, נישט אויפגעהערט זיין טעטיקייט פאַרן ציון־אידעאַל). די „התאחדות” אָרגאַניזאַציע האָט געגרינדעט די „תרבות”־שולע און די „מכבי” גרופּע, ווו ס׳איז געווען זייער אַקטיוו ראובן געלפאנד.

דער השומר־הצעיר איז געווען, די ערשטע און די שטאַרקסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין קלעצק. אין אירע רייען האָבן זיך אָנגע־שלאָסן די שמנא וסלתא פון בירגערלעכן און רייכערן עלעמענט. אָבער ווען די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרקילט פון לינק־בלאָזנדיקע ווינטן, האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון איר אייניגע חברים און האָבן געגרינדעט די בית״ר אָרגאַניזאַציע אין קלעצק, און דערמיט געלייגט דעם קערן פאַר אַ ברייט פאַרצווייגטער רעוויזיאָניסטישער טעטיקייט.

די בית״ר אָרגאַניזאַציע אין קלעצק איז געגרינדעט געוואָרן דורך יעקב מיסקין, משה ווילענטשיק מיט דער הילף פון דער אַקטיווער בית״ר טוערין מרים פאטשאפאווסקי (פון האראַ־דישטש ביי באַראַנאָוויטש), וועלכע איז געקומען ווי אַ ספּעציעלער שליח פון דער באַראַנאָוויטשער בית״ר אָרגאַניזאַציע און איז אַרויס־געטראָטן עפנטלעך מיט אַ רעפעראַט און דערמיט פּראָקלאַמירט דער גרינדונג פון קלעצקער קן־בית״ר. אומדירעקט האָט אויך מיטגע־האָלפן לייבל ברעסלאוו (דאַמאָלסדיקער פאָרזיצער פון קק״ל

קאָמיטעט אין שטאָט), וועלכער איז געווען אַ מליץ יושר, אַז דער פאָרזיצער פון דער „תרבות״ שול משה פ ר י י ד ק ע ס זאָל באַוויליקן פאַרדינגען אַ קלאַס־צימער מיט זיינע ספאָרט־איבונג׳ס מכשירים. אין דער בית״ר אָרגאַניזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אַ פאַרשיידענאַרטיקער עלעמענט, ווי אויך רעליגיעז געשטימטע בחורים. עס האָט זיי אַלעמען צוגעצויגן די בית״ר אידיאָלאָגיע, וועלכע פרייידיקט נישט קיין קלאַסן־קאַמף און נעמט אַריין ווי ברידער און שוועסטער אַלעמען, וואָס דאַרפן גרייט זיין צו־בויען און שאַפן די יידישע מלוכה.

אַ חוץ יידישע און ציוניסטישע געשיכטע און פּאַלעסטינאָגראַפיע, איז פיל אַכט געלייגט געוואָרן אויף מיליטערישע איבונגען (אָן כלי־זין); עס פלעגן אָפט פאָרקומען צוזאַמענקונפטן מיט אַנדערע בית״ר גרופן פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי לעכעוויטש, ניעסוויזש, האראדישטש באַראַנאָוויטש.

צווישן די אַקטיווע בית״ר חברים איז ווערט צו דערמאָנען לייבע ב ל י א כ ע ר, לייבל ק ר א נ י ץ, בלומע ק ר א נ י ט ש, חיה׳לע מ י ס ק י ן, זעלדע ש ט ש ע נ ק א, ווי אויך די אַקטיווע פון צייט צו צייט ד״ר יוליע ד ל ו ג א ט ש און גיטל (קאַטיע) ו ו י ל ע נ ט ש י ק.

אין דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט ברוך ג ע ל פ א נ ד, יוסף פ א ל, מ א נ י ע ר און פיל אַנדערע.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין קלעצק אַ הכשרה צענטער פון בית״ר. דורכמאַכנדיק די הכשרה צייט, פלעגן די חברים זיין באַרעכטיקט אויף אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל.

אין קלעצק זענען אויך געווען גוט אָרגאַניזירטע אַנדערע ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס, ווי החלוץ, פרייהייט און די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. אויך אַ בונדישע גרופּירונג, וועלכער די פּוילישע מאַכט האָט געשטערט אין אירע אַקטיוויטעטן, ווי אויך רעליגיעזע יוגנט גרופן אונטער דער אָנפירונג פון הרב בנימין ה אָ כ ב ע ר ג.

אַט דאָס איז דער קורצער סך־הכל פון דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט, וואָס איז אַ מאָל געווען אין אונזער קלעצק. וווּנדערבאַרע נשמה־אוצרות האָבן געלעבט און געשאַפן און געשטרעבט קיין ציון, צו דערלייזן זיך און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. גרויסע פעלקער האָבן פאַרמאָגט געציילטע פון דעם מין... און אין אונזערע שטעט און שטעטלעך זענען זיי אַרומגעגאַנגען אין די טויזנטער. דער פלאַם פון אומקום האָט זיי אויף אייביק געהייליקט.

אהרן כהן / דאָס עקאָנאָמישע לעבן

אין מערב ווייסרוסלאַנד, אין אַ נידעריקן געביט, ווייט פון די באַן־סטאַנציעס, און אָן גוטע שאָסייען אַרום, האָט זיך געפונען דאָס שטעטל קלעצק מיט אירע אַכט טויזנט איינוווינער. פון זיי 75% ייִדן. פיל הונדערטער קוואַדראַט קילאָמעטער פון פרוכטבאַרן באָדן, גרינע פעלדער און גערטנער, וועלדער און פּאַשע — דאָס איז געווען די פּעריפעריע פון וועלכער ס'האָט געצויגן חיונה קלעצק מיט אירע ייִדן.

גיטער פון פּריצים, פאָלוואַרקעס און הונדערטער דערפער באַזעצט פון האָרעפּאַשנע גויים — פּויערים האָבן אַרומגערינגלט אָרום און אַרום דאָס שטעטל קלעצק, וווּ זיי פלעגן קומען פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפן אַלץ וואָס זיי באַדאַרפן.

קאָרן און ווייץ, האָבער און גערשטן, קאָנישינע, זוימען און פלאַקס, האָניק און געטריקנטע שוואָמען, וואָל און חזיר־האָר, מילך־פּראָדוקטן, אייער, פיש, עפּל און גרינס, פעל און רויכוואַרג — אַלץ האָט די ערד אַרויסגעגעבן בשפע, און דער מסחר מיט דעם אַלעם איז געלעגן אין הענט פון קלעצקער ייִדן, וואָס האָבן אַלץ געקויפט און געשיקט ווייטער אין די גרויסע שטעט און פּאָרטן, אויף עקספּאָרט קיין אויסלאַנד.

דער מסחר איז צומייניסט געווע סאָליד, און ווען מ'האָט געזאָגט אין שטעטל אויף וועמען אַז ער איז אַ „ייִד אַ סוחר" — האָט עס געמיינט אַז ער איז אַן אָרענטלעכער מענש, אַז זיינס אַ וואָרט איז אַ וואָרט. האָט געהאַט אַ סוחר אַמאָל אַ סכסוך מיט אַ צווייטן סוחר, האָבן זיי די זאַך געבראַכט צום שטאָטישן רב (וואָס פלעגט ס'רוב נישט ווען אַרויסגעבן קיין פּסק־דין), און עס פלעגט קומען שטענדיק צו אַ בוררות און דעם פּסק פון בוררות פלעגן די סוחרים שטענדיק אָנעמען.

דער פאַך־צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג

ס'רוב ייִדן אין קלעצק, האָבן זיך פאַרנומען מיט מלאכה, מסחר און פאַבריקאַציע, לעצטנס אויך מיט טראַנספּאָרט. אין צענטער פון שטאָט איז געווען דער מאַרק, אַ גרויסער קיילעכדיקער פּלאַץ אויף אַ שטח פון צווייטויזנט קוואַדראַט מעטער. אַרום און אַרום זענען געווען קלייטן און אויך אינמיטן פון מאַרק זענען געווען אויסגעבויט קלייטן. יעדן מונטיק פלעגן קומען צופאָרן די פּויערים פון נאָענט און ווייט צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפן וואָס זיי באַדאַרפן. אין הערבסט און ווינטער, ווען די פּויערים זענען געווען פריי פון פעלד־אַרבעט, האָט דער מאַרק געווימעלט פון דער גרויסער צאָל מענשן וואָס פלעגן קומען אין שטאָט און באַזעצן דעם מאַרק און די נאָענטע גאַסן אַרום.

בערך 30% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג זענען געווען קרעמער.

די בעלי־מלאכות

אַרום 40% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג זענען געווען בעלי־מלאכות און מייסטערס. דאָס איז געווען אַ זעלבסטשטענדיקער קלאַס. אין אַ וואַרשטאַט פלעגט מען אָפט באַשעפטיקן פיר פינף ביז צען געזעלן און לערן־ייִנגלאַך.

שוסטערס און שניידערס, בויערס און סטאָליערס, שמידן און בלעכערס, רימערס און בויגערס, שלאָסערס און קירזשנערס, — עס זענען געווען צווישן זיי אויסגעצייכנטע מייסטערס און פאַכלייט, און הגם זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין טעאָרעטישע אויסבילדונג, האָבן זיי געקענט גוט זייער פאַך און זענען געווען אומשטאַנד אויסצופירן גאַנץ קאָמפּליצירטע אויפגאַבן, ווי בויען מילן, אָליעניעס, בראָנפן־ברויזן א. אַז. וו. פון די נאָנטע גיטער פלעגט מען ברענגען צו פאַריכטן די לאַנדווירטשאַפטס־מאַשינען צו די ייִדישע מייסטערס.

די סוחרים

דער רייכער קלאַס איז געווען דער סוחרים קלאַס, זיי פלעגן אָפּקויפן פון די גוט־באַזיצער און פון די רייכע פּויערים די תבואות פון די פעלדער, די פּראָדוקטן פון די סעדער און גערטנער — קאָנצענטרירן אין זייערע שפּייכלערס, סאָרטירן, פּערפּאַקן און שפּעטער פונאַנדערשיקן אין די גרויסע שטעט, אָדער אין פּאָרטן צום עקספּאָרט.

אַ היפּשע צאָל ייִדן אין קלעצק האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל פון פערד און בהמות.

עס זענען געווען ייִדן גערטנערס. זיי פלעגן אָפּדינגען גערטנער, פאַרזייען זיי צומייניסט מיט אוגערקעס; אַ טייל פלעגן זיי פאַרקויפן פרישע, און אַ טייל פאַרזויערן אין הילצערנע פעסער, האַלטן עס אַ גאַנץ ווינטער און נאָך פּסח פלעגט מען עס שיקען אין די גרויסע שטעט. אַ טייל פון דעם פלעגט מען אויך איבעראַרבעטן אויף פאַרזייַ־זוימען.

סאַדאָווניקעס

אַ גרויסער טייל ייִדן האָבן זיך פאַרנומען מיטן מסחר פון עפּל. די געגנט פון קלעצק, ווי דער גאַנצער סלוצקער קרייז, איז געווען באַקאַנט מיט זיינע גוטע פרוכט ווי עפּל, באַרנעס, און אַנדערע. פרילינג, ווען די ביימער האָבן נאָך געבליט, פלעגן די סוחרים פאַכטן די גערטנער. באַצאָלן פאָרויס פאַר דעם פרוכט. אין משך פון זומער פלעגן זיי באַאַרבעטן די ביימער און אָפּהיטן פון גנבים ביז די פרוכט איז געוואָרן רייף און צייטיק. סוף זומער און הערבסט פלעגט מען די פרוכטן אַראָפּנעמען פון די ביימער, פאַרפּאַקן און אַוועקשיקן אין די גרויסע שטעט; אַ טייל עפּל פלעגט מען פאַרקויפן אין די פאַבריקן צום טריקענען.

לעצטנס האָט מען אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין קלעצק אויך אַ פאַבריקאַציע. דאָס כאַראַקטעריסטישע איז, וואָס רוי־מאַטעריאַלן פאַר

דער פאַבריקאַציע האָט מען נישט געבראַכט פון דרויסן נאָר באַנוצט די אַגריקולטור פּראָדוקטן וואָס די געגנט האָט געליפערט בשפע.

די מילן

עס זענען געווען פינף ווינט־מילן, ווו די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען איבערמאָלן קאָרן פאַרן אייגענעם געברויך. אויסער דעם האָבן געאַרבעט פיר פּאַראָווע מילן, וועלכע זענען געווען אין באַוועגונג אַ גאַנץ יאָר, טאָג און נאַכט. דערפון האָבן ביי אונז געצויגן זייער חיונה צענדליקער יידישע משפחות וועלכע זענען געווען פאַרנומען ביי מאָלן מעל אין פאַרשידענע גרויפּנס.

קעז פאַבריקאַציע

איך ווייס נישט פאַרוואָס מען פלעגט רופן די דאָזיקע יידן „פּאַקטערס״. זיי פלעגן אָפּקויפן דאָס מילך פון די גוט־באַזיצער און אויך פון די רייכע פּויערים, וואָס האָבן באַזיצט מערערע בהמות. דאָס מילך פלעגט דורכגיין אַ גאַנץ לאַנגן פּראָצעס פון באַאַרבעטונג, ביז מען פלעגט אַרויסגעבן דעם אַזויגערופענעם „ליטווישן קעז״. דער קעז האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די גרויסע לעכער און מיט אַ גוטן פּיקאַנטן געשמאַק. אַלס אַזעלכער איז ער געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן. אין גרויסע מענגן פלעגט מען אים שיקן אין די גרויסע שטעט ווי וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע.

כושקעס פון עפּל

די דאָזיקע פאַבריקאַציע האָט זיך ביי אונז אַנטוויקלט ערשט אין די לעצטע יאָרן. אין משך פון זומער, ווען די עפּל אויף די בוימער זענען רייף געוואָרן און עס איז געווען אַ איבערפלוס פון פּרוכט, איז דער גרעסטער טייל פון דעם געגאַנגען אין די פאַבריקן צום טריקענען. מיט מאַשינען פלעגן די עפּל געשיילט, צעשניטן ווערן אויף דינע פעניצער, און דאַן געטריקנט אין ספּעציעלע גרויסע אויוונס. נאָכער ווערט עס סאָרטירט, געפּאַקט און געשיקט קיין דאַנציק, ווו ס'איז געווען דער צענטער פון מסחר מיט געטריקנטע פּרוכטן. אין סעזאָן פלעגן דערביי זיין באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער.

אַלעיניעס

עס זענען געווען אין קלעצק אַלעיניעס וואָס פלעגן איבער־אַרבעטן די זוימען פון פלאַקס אין אייל צום פאַרברויך און צום פאַרבן. די פּסולת וואָס פלעגט בלייבן, די אַזויגערופענע מאַקוכע פלעגט מען פאַרקויפן אַלס שפּייז פאַר די בהמות.

וואָל־באַאַרבעטונג

עס זענען געווען אין שטאָט צוויי „וואַלאַנאַצאַסקעס״ — פאַבריקן צו קעמען וואָל. די וואָל פון די שעפּסן פלעגט מען צוזאַמענ־קלייבן, און דאָ פלעגט עס דורכגיין דעם גאַנצן פּראָצעס פון באַאַר־בעטונג, סאָרטירן, וואַשן, קעמען, שפּינען, וועבן און וואַלקען.

אַ טייל פון געשפּונענעם וואָל פלעגן די פּויערים וועבן אויף זייערע פּרימיטיווע האַנטשטולן, אָבער דער גרעסטער טייל פלעגט איבערגעאַרבעט ווערן אין די פאַבריקן אין קלעצק און עס פלעגט אַרויסקומען פון דעם אַ זער שיינער טוויד און וואָלענע קאָלדרעס.

גאַרבעריי

דאָס באַאַרבייטן פעל איז פאַקטיש געלעגן אין די הענט פון די טאַטאַרן. די היסטאָריע פון זיי ציט זיך נאָך פון דער גרויסער טאַטאַ־רישער אינוואַזיע פון מזרח אין 13טן יאָרהונדערט. נאָך ביז היינט זענען פאַראַן ביי אונז שפּורן פון די בלוטיקע קאַמפן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענע צייטן ביי קלעצק. ווי געזאָגט, איז געווען אין קלעצק אַ געמיינדע פון טאַטאַרן, מוסלמענער, וואָס האָבן זיך פאַר־נומען מיט גערטנעריי און גאַרבעריי. פאַר לוין פלעגן זיי אויסאַר־בעטן פאַר די יידישע סוחרים די רויע פעל און פעלכלעך אויף לעדער, יוכטען, כראָם, און זוילן, ווי אויך פעלכלעך אויף פעלצלעך.

בעקערייען

אַ חוץ אַ צאָל קליינע בעקערייען פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך, זענען ביי אונז געווען בעקעריי־פאַבריקן פאַר מצות אויף פּסח. די אַרבעט איז געווען מעכאַניזירט און האָט באַשעפטיקט צענדליקער יידישע אַרבעטער אין משך פון צוויי מאָנאַטן אין יאָר. די פאַבריקן פלעגן צושטעלן מצות פאַר די יידן פון קלעצק און די קלענערע שטעטלעך אַרום.

צעמענט־פּראָדוקטן

נישט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב האָט געאַרבעט אַ פאַבריקל פון צעמענט־אויסאַרבייטונגען פאַר טראָטואַרן, צעמענט־רערן פאַר ברונ־נימער און אַנדערע.

אויסער דעם האָט מען אויסגעאַרבעט קאַלכעס, ליימענע ציגל און טעפּ, רערן פאַר קוימענס פון אויוונס א. דגל.

עס זענען אויך געווען צוויי פאַבריקן פון סאָדע־וואַסער, אַ קליין זייף־פאַבריקל, אַ קליינע דרוקעריי, מצבה־קריצערס און אַ קליינע עלעקטרישע סטאַציע.

טראַנספּאָרט און פאַרקער

אַ גאַנץ יונגער און גוט־אַנטוויקלטער צווייג אין דער ווירטשאַפט איז געווען דער טראַנספּאָרט און פאַרקער. אַנהויב 20קער יאָרן האָט זיך אויך ביי אונז אין קלעצק באַוויזן דער אויטאָ. און אַזוי ווי קלעצק איז געלעגן אָן אַ זייט פון וועלכער ס'איז באַן־סטאַציע, און ווייט אַ 30 קילאָמעטער פון אַ הויפּט־שליאַך, האָבן זיך געשאַפן זייער גוטע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם דאָזיקן צווייג. פּאַסאַזשיר אויטאָס פלעגן יעדן טאָג פאַרבינדן קלעצק מיט די אַרומיקע שטעט־לעך ווי ניעסוויזש, האָראָדזי, לאַכאָוויטש און באַראַנאָוויטש. די לאַסט־אויטאָס פלעגן טאָג־טעגלעך קורסירן פון קלעצק דירעקט קיין וואַרשע, די הויפּט־שטאָט, און לאָדזש, דער גרויסער אינדוסטרי־צענטער.

אין משך פון 12 שעה האָט די מאַשין געמאַכט דעם וועג פון קלעצק קיין וואַרשע, אַ מהלך פון 450 קילאָמעטער, במשך פון איין נאַכט. פאַרנאַכט פלעגן די מאַשינען אָנגעלאָדן ווערן מיט פאַרשידענע פּראָדוקטן, ווי פלייש, גרינס, פּרוכט און אַנדערע, אַרויספאָרן פון קלעצק, און צומאָרגנס פאַרטאָג אויסלאָדן עס אין די הורט־געשעפטן אין וואַרשע. עס איז געווען זעער לייכט צו קאָנקורירן מיט דער באַן אַ דאַנק דער שנעלקייט פון טראַנספּאָרט, דער פרישקייט פון דער סחורה, און מען האָט אויך פאַרשפּאָרט דעם אָנלאָדן און אויסלאָדן. מ'קאָן זאָגן, אַז די סחורה איז געגאַנגען כמעט דירעקט פון פּראָדו־צענט צום קאָנסומענט. אויף צוריקוועגס פלעגן די מאַשינען פירן די סחורה פון וואַרשע פאַר די סוחרים אין קלעצק.

די קאָאָפּעראַטיווע באַנק

איינע פון די חשובע און שיינע אינסטיטוציעס אין קלעצק אין אָנהויב פון יאָרהונדערט, איז געווען די יידישע באַנק, וואָס איז געווען געגרינדעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אין רוסיש האָט זי געהייסן די „קאַסע פאַר אָפּשפּאָרונגען און הלוואות״, און איז געווען פאַרבונדן מיט דער צענטראַלע פון די פאָלקסבאַנק אין מינסק (דאָס איז געווען פאַרן ערשטן וועלט־קריג).

איך געדענק נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן דעם פּיי־ביכל מיט די

וואַסער־גרינע בלעטער און ברוינע גלאַנציקע טאָוולען. איין מאָל אין יאָר פלעגט פאָרקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, שבת צו־נאַכט אין צעפּרער קלייזל. אין הערבסט צווישן די יום־טובים פלעגן פאָרקומען געהיימע וואַלן (באַלאָטיראָווקע) אויסצוּווײלן די פאַרוואַלטונג פון באַנק. פון צייט־צו־צייט פלעגט קומען פון מינסק אַ רעוויזאָר צו קאָנטראָלירן די אַרבעט פון באַנק און געבן אינסטרוקציעס. די באַנק איז געווען אָפן נאָר דריי מאָל אין וואָך, און נאָר אין אָוונט, ביי א י ט ש ע ט ו נ י ע ס אין מויער, אין דעם הויכן גרויסן זאַל; זומער לופטיגק און ווינטער גוט אויסגעהייצט, באַלויכטן מיטן גרויסן לוקס־לאָמפּ. דער שומר, דער הויכער גוי, פלעגט אָנשטעלן דעם גלאַנציקן סאַמאָוואַר, ווייל מען פלעגט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט געהאַט שטאַרקן צוטרוי צו דער באַנק. דאָס געלד איז געווען זיכער. פון קיין אינפלאַציעס האָט מען נאָך דאַן נישט געוווּסט... אַ גראָשן צו אַ גראָשן האָט מען געשפּאָרט אויף אַ נדן פאַר אַ טאָכטער, אָדער הוצאות אויף פאָרן קיין אַמעריקע. בעלי־מלאכות און קרעמערס פלעגן קומען נעמען אַ הלוואה אָדער אויסקויפן אַ וועקסל.

אין יאָר 1914 האָט די רעגירונג אויסגעביטן דאָס גאָלד־געלט אויף פּאַפּיר־געלט. די באַנק האָט גלייך צוריקגעגעבן די פקדונות און האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן.

קלעצק אַ איבערגאַנג־סטאַנציע פון מזרח צו מערב

אונזער שטאָט קלעצק האָט געהאַט עליות און ירידות. ס'האָט זיך געביטן דער עקאָנאָמישער מצב אין רעזולטאַט פון די פּאָליטישע געשעענישן. נאָכן סוף פון ערשטן וועלט־קריג און רעוואָלוציע יאָרן, זענען פאָרגעקומען ביי אונז טעריטאָריעלע ענדערונגען. די גרענעצן וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן אין ריגער אָפּמאַך, האָבן אָפּגעריסן אַ גרויסע שטיק פון דעם פריערדיקן הינטערלאַנד פון קלעצק לטובת סאָוויעט רוסלאַנד. קלעצק איז געבליבן אין פּוילן. די נאָענטקייט צום גרענעץ האָט געשאַפן אַ נייעם פאַקטאָר פון האַנדל, ס'האָט גורם געווען אַן אויפשטייג אין מסחר, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט פון צוויי־דריי יאָר.

קלעצק האָט דאַן געדינט פאַר טויזנטער יידן אַלס ערשטע סטאַנציע אין זייער וואַנדערן פון רוסלאַנד צום מערב. אוצרות פון סחורות זענען דאַן אַריבער דורך אונזער שטאָט לעגאַל און אומלעגאַל.

סוחרים פון ווייטערע מקומות פלעגן קומען אין קלעצק צו קויפן די גרויסע מענגעס פון רויכוואַרג און חזיר־האָר און אַנדערע סחורות וואָס פלעגן אָנקומען פון איבערן גרענעץ. און דאָרט אַהין פלעגט מען שיקן סאַכאַרין, פאַרב און אַנדערע געברויך־אַרטיקלען. אָבער, ווי געזאָגט, נישט לאַנג האָט עס געדויערט.

די לעצטע תקופה

אַ סך שוועריקייטן זענען געווען אויפן וועג פון יידישן מסחר די לעצטע יאָרן. די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַמיט אַרויסשטויסן די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די עטאַטיסטישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג אין דעם מסחר פון תבואה, וואָס איז געווען אַ ריין יידישער האַנדלס־צווייג, האָט געהאַט אַ גאַנץ קלאָרן ציל — אַרויסצונעמען אים פון יידישע הענט. די שווערע שטייערונגען וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידישע סוחרים פון איין זייט, און די גרינדונג פון פּוילישע האַנדלס־געזעלשאַפטן און דאָס אונטערשטיצן זיי דורך פאַרקלענערטע שטייערן און ביליקן קרעדיט—האָבן געשאַפן שוועריקייטן פאַרן יידישן מסחר. דער רעאַקציאָנערער גייסט פון אַלע פּוילישע רעגירונגען אין אונזער צייט זענען געווען געווענדעט קעגן יידן, און דער שוואַכסטער פונקט אין וועלכן זיי האָבן געזוכט צו טרעפן איז, פאַרשטייט זיך געווען דער יידישער האַנדל און מלאכה. דערפאַר איז נישט צו באַוווּנדערן וואָס ס'איז געווען אַ גרויסער דראַנג, אַ פיזישער און אַ גייסטיקער, צו פאַרלאָזן פּוילן און אויסוואַנדערן. די צרה איז געווען, וואָס די אימיגראַציע־באַגרענעצונגען פון אַלע לענדער האָבן געשטערט אַ פרייע אויסוואַנדערונג.

אין משך פון אַלע יאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ געוויסע אויסוואַנדערונג פון קלעצק אין די ווייטע לענדער, צווישן זיי אויך קיין ארץ־ישראל. אַ דאַנק דעם טרעפט מען היינט קלעצקער לאַנדסלייט אין דער גאַנצער וועלט — אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, דרום אַמעריקע און דרום אַפריקע, מערב אייראָפּע און אויסטראַליע. אויך אין ישראל געפינען זיך קרוב צו צוויי הונדערט קלעצקער משפחות — און די אַלע וועלן דערמאָנען אונזערע עלטערן און משפחות, גוטע און שטאָלצע יידן און גוטע מענטשן, אָרענטלעכע און אַרבעטסזאַמע.

כבוד זייער אָנדענק.

צבי ליס / אפקלאנגען פון דער אקטאבער־רעוואלוציע

קלעצק האָט געהאַט אַ טיפע טראַדיציע פון ציוניזם. נאָך אין צייט פונעם „אָדעסער וועד" פון די „חובבי ציון", האָט שוין קלעצק געשמ'ט ווי אַ ציוניסטישע שטאָט, און די ערשטע ציוניסטישע טוער ביי אונז זענען געווען אַלתר ל י ס, נחום יצחק ש י ף און דער מלמד משה ג א ל ו ש, וואָס האָט געהאַלטן אַ „חדר מתוקן", וווּ ער האָט געלערנט מיט די תלמידים „עברית בעברית" ביז צו דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פאַרברענטער טעריטאָריאַליסט און גאָר גיך האָט ער זיך איבערגעקייקלט צו די קאָמוניסטן.

אַז עס זענען אָנגעקומען צו אונז קיין קלעצק די ידיעות וועגן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, האָט זיך גערודערט אין שטאָט — ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געפּרוּווט מאַכן א חשבון מיטן קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, דעם „פּריסטאַוו", מ'האָט דאָרט ביי אים געמאַכט דעם אמת'ן חורבן, מ'האָט אַראָפּגעשליידערט דאָס בלד פונעם צאַר, און מ'האָט געזוכט אים אַליין, וועלנדיק אים „קיים פּסק" זיין, נקמה נעמען פאַר זיין אויפירונג בעת דער גאַנצער צייט. אָבער די אויפרודערונג האָט סך־הכל געדויערט נאָר עטלעכע טעג.

עס האָט זיך געשאַפן אַ מיליץ פון די פייערלעשער. פון זיי דערמאָנט זיך מיר גדליה ק ר א ס ע ל ט ש י ק. מ'האָט זיך שוין דאַן געגרייט צו דער גרויסער דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם נייעם רעזשים. יעדע פּאַרטיי האָט דאַן קאָנצענטרירט אירע מענטשן; די ציוניסטישע יוגנט האָט זיך אויך באַטייליקט אין אָט דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַרק און די רעדעס האָט מען געהאַלטן פונעם גאַניק אין העלערס הויז. אין נאָמען פון די „צעירי־ציון" האָט דאַן גערעדט זיידל ו ו ע ל ע ר, וואָס האָט גערופן צו פעלקער־פאַרברודערונג, צו אחדות און געפאָדערט פון מיליטער... העלפן יידן דעראָבערן ארץ ישראל...

נאָך זיין רעדע האָט גענומען דאָס וואָרט אַ קאָזאַקן־אָפיציר, ער איז אַרויס מיט לשון און האָט געסטראַשעט, אַז די וואָס וועלן זיך

אַנטקעגנשטעלן דער רעוואָלוציע וועט מען זיי צעטרעטן מיט די פֿערד... אינגיכן האָבן זיינע מענשן געזוכט צו אָרגאַניזירן אַן אָנפֿאַל אויף אונז. דעמאָלט האָט זיך גלייך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ פֿון אַלע קרייזן, און מיר האָבן געהאַט אַ ביסל געווער, וואָס איז ביי אונז געבליבן פֿון די סאָלדאַטן, וואָס זענען פֿריער אַנטלאָפֿן פֿון מיליטער. פֿון די, וואָס האָבן דאַן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער זעלבסטשוץ דערמאָנען זיך מיר די זין פֿון ר ײ ז ן „ד י ק אַ ב אַ נ ע ס", וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען אַלס גבורים, די ברידער יוסף און מיכאל שמעון ל ע מ פּ ע ר ט און שלמה ר אַ ג אָ ץ, ל ײ ב ל ד ע ר ט ע ס ל ע ר און אַנד. וואָס האָבן געהאָלפֿן פֿאַרטרייבן די באַנדיטן.

בשעת די צוגרייטונגען צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אַ כּסדר'דיקער אידעען־קאַמף צווישן די ציוניסטן מיטן „בונד", און עס זענען דאַן אַראָפּגעקומען צו אונז באַזונדער גוטע רעדנער פֿון מינסק. עס דערמאָנט זיך מיר ווי עס איז דאַן דערשינען דער אַדוואָקאַט ג ע ר ג ע ל, דער קאַנדידאַט פֿון די טעריטאָריאַליסטן און אין זיין רעדע קעגן ציוניזם, האָט ער ציטירט שטעלן פֿון „ראַזסוויעט", אָבער אַ בחור אַ משכּיל פֿון פּובליקום האָט אים אויפֿן פּלאַץ באַוויזן, אַז ער פֿעלשט די ציטאַטן.

זיגזאַגיש איז געווען דער וועג, אָבער געזיגט האָבן די, וואָס האָבן געשפּינען דעם פֿאָדעם פֿון דער יידישער אויפֿלעבונג, וואָס האָבן פֿאַרבונדן אונזער עבר מיט דער צוקונפֿט אונזערער אין ארץ־ישראל, עס האָבן זיך צעכוואַליעט די כּוחות און זיי זענען געוואָרן דער אָנהאַלטס־פּונקט פֿאַר דער יוגנט. די, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין פֿרעמדע גערטנער זענען געבליבן איזאָלירט און די איבעריקע האָבן זוכה געווען צו העלפֿן דעם אויפֿבוי פֿון ישראל און זיך אַליין אין אים באַטייליקן.

שלום הערענזאָן תל־אביב /

מוניציפּאַלע און פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען קלעצק איז, לויטן פּויליש־סאָוויעטישן אָפּמאַך פֿון 1921, איינגעשלאָסן געוואָרן אין די גרענעצן פֿון פּוילן, האָט דאָס שטעטל געציילט בערך 10 טויזנט איינוווינער: יידן — 37%, ווייסרוסן־פּראַוואָסלאַוון — 18%, פּאָליאַקן — 2% און טאָטאַרן — ביי 7%.

די יידישע באַפֿעלקערונג אין צאָל פֿון 3700 נפֿשות, האָט געוווינט אין די צענטראַלע גאַסן און אויפֿן גרויסן מאַרק־פּלאַץ. אויפֿן גרויסן שול־הויף נעבן דער יידישער גאַס, האָט זיך געפֿונען די הויכע, מאַיעסטעטישע „קאַלטע שול", ווו ס'פֿלעגן פֿאָרקומען כּלערליי פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען. נעבן איר — דער אַלגעמיינער בית מדרש, די קליינע שול און די קצבישע קלייזל. אויף דער צעפּרער גאַס —, די צענטראַלע אין שטאָט, האָט זיך געפֿונען די צעפּרער קלייזל, און די ראַדזימאַנטער קלייזל — אויף דער ראַדזימאַנטער גאַס. אין די פֿאָרשטעט האָבן געוווינט די ווייסרוסן, וועלכע האָבן געציילט אַ ערך 1800 מאַן. זייער קלויסטער האָט זיך געפֿונען אויפֿן מאַרק־פּלאַץ, און זייער פּראַוואָסלאַווער גלח האָט אויך באַדינט די אַרומיקע דערפֿער.

די פּאָליאַקן האָבן געציילט אַ 200 נפֿשות, מערסטנטייל בעאַמטע, מיליטער־לייט און פּאָליציי, זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. זייער קאָשטשאָל האָט זיך געפֿונען ביים סוף פֿון סלאָנימער גאַס, און זייער גייסטלעכער, דער קשאָנדז, האָט אויסגעאיבט זיין איינפֿלוס אויך אויף די אַרומיקע קליינע און גרויסע פּוילישע גוט־באַזיצער.

די טאָטאַרן, 700 נפֿשות, זענען געווען קאָנצענטרירט אין צוויי באַזונדערע גאַסן, און האָבן פֿאַרמאָגט אַ מעטשעט, מיט אַ גייסטלעכן, אַ מולא, אין דער שפּיץ. מען האָט געשמועסט אַז זיי שטאַמען פֿון די אַמאָליקע טאָטאַרן, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין רוסלאַנד אין דרייצנטן יאָרהונדערט.

דער שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט

לויטן פּוילישן מוניציפּאַליטעטן־געזעץ, האָט דער קלעצקער שטאָט־ראַט געדאַרפֿט באַשטיין פֿון 24 ראַטמענער. דער בירגערמייסטער האָט געמוזט זיין אַ פּאָליאַק, זיין געהילף — איינער פֿון די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן.

די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן צום שטאָט־ראַט זענען פֿאָרגעקומען אָנהויב 1918. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן 17 יידן, 6 קריסטן און איין טאָטאַר. אַלס בירגערמייסטער איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן דער פּאָליאַק ב אַ ר נ אַ ו ו י ט ש, אַ געוועזענער גוט־באַזיצער, וועלכער איז געווען באַוווּסט אַלס ליבעראַל, פֿריינט פֿון יידן, אַ טיכטיקער און איבערגעגעבענער טוער, און אַלס געהילף — דער ייד גרשון ל י ס ע ר ז"ל, אַ פֿאָרשטייער פֿון די סוחרים.

פֿון יאָר 1918 ביז 1932, זענען כּמעט נישט פֿאָרגעקומען קיין וועזנטלעכע ענדערונגען אין באַשטאַנד פֿון שטאָט־ראַט.

די יידישע פֿראַקציע איז באַשטאַנען פֿון פֿאָרשטייער פֿון סוחרים, האַנטווערקער און פֿאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, אין דער קורצער עפּאָכע, ווען אין פּוילן האָט געהערשט אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק דעמאָקראַטיש־ליבעראַלער רעזשים, איז די טעטיקייט פֿון שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט געפֿירט געוואָרן אין האַרמאָניע און פֿאַרשטענדניש צווישן די פֿאָרשטייער פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. די העכערע רעגירונגס־מאַכט האָט זיך נישט געמישט און נישט געשטערט די נאָרמאַלע טעטיקייט אין שטאָט־ראַט, זיינע באַשלוסן און דירעקטיוון. ערשט אין יאָר 1932, מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער רעאַקציע, האָבן אָנגעהויבן בלאָזן בייזע אַנטיסעמיטישע ווינטן.

די נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדזטווע, צו וועלכער קלעצק האָט אַדמיניסטראַטיוו געהערט, האָט זיך גערעכנט אַלס איינע פֿון די וויטיקדיקסטע פּונקטן אין דער פּוילישער מדינה. די באַפֿעלקערונג אין איר איבערוויגענדיקער מערהייט איז באַשטאַנען פֿון ווייסרוסישע פּויערים, וועלכע האָבן געלעבט אין אָרעמקייט און דחקות. דער איינפֿלוס פֿון די קאָמוניסטן און נאַציאָנאַליסטן־סעפּעראַטיסטן איז צווישן זיי געווען גאַנץ קענטיק.

באַזונדער שווער און ביטער איז געווען דער קאַמף פֿאַרן יידישן אָנטייל אין שטאָטישן דערציונגס־ביודזשעט, — און די דערגרייכונגען זענען געווען נישטיקע.

אין יענער צייט איז באַשטימט געוואָרן דער באַוווּסטער פּאָלקאָווניק (קאָלאָנעל) קאָסטעק־בערנאַצקי אַלס נאָוואָגרודקער וואָיעוואָדע. זיין שטאַרקע גרויזאַמע האַנט האָט געדריקט די יידן.

איבערהויפּט האָט זיך געמערקט זיין אַריינמישונג אין די מוניציפּאַלע ענינים. ער האָט אויפֿגעצוווּנגען זיין מאַכט און ווילן אויף דער טעטיקייט פֿון די שטאָט־ראַטן. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, וועלכן ער האָט באַשטימט אין קלעצק, האָט פּאַקטיש אָבערגענומען דאָס רעכט וועלכע ס'האָבן געהערט צום שטאָט־ראַט, און ער פֿלעגט

מבטל מאַכן באַשלוסן און דירעקטיוון, אויב ער האָט איינגעזען אין זיי וועלכע ס'איז פאַרלייכטערונג פאַר יידן.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טערמין פון וואַלן צום שטאָט־ראַט אין 1932. אין קלעצק דערשיינט אַ הויכער בעאַמטער פון סטאַראָסטווע איך ניעסוויעזש, און פאָדערט אויף די יידישע פאָרשטייער, אַז זיי זאָלן מסכים זיין צו שאַפן דעם נייעם שטאָט־ראַט אויפן גרונט פון אַ גלייכצאָליקער פאָרשטייערשאַפט צווישן יידן און קריסטן מיטגלידער, אָן וואַלן.

די יידן האָבן קאַטעגאָריש זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, און ער האָט דאַן אָנגעווענדעט אַ גאַנץ אָריגינעלן און פרעצעדענטלאָזן צוואַנגס־מיטל: ער לאָזט אַרעסטירן די דריי וויכטיקסטע יידישע מיטגלידער פון ראַט, ד"ר ברוך דלוגאטש, אייזיק קאַצעוו און דעם יידישן וויצע־בירגערמייסטער גרשון ליסער, אונטער דער באַשולדיקונג אַז זיי האַנדלען מיט גאָלד... די באַשולדיקטע זענען געבראַכט געוואָרן קיין ניעסוויעזש אין סטאַראָסטווע, וווּ מען האָט זיי געפּרוּווט צווינגען מסכים זיין צום פאָרשלאַג. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען זענען זיי באַפרייט געוואָרן דורך דער פערזענלעכער אינטערווענץ פון פריץ יעלענסקי, אַ מיטגליד פון פוילישן סענאַט און אַ גוטער באַקאַנטער פון ד"ר דלוגאַטש.

דאַן האָט דער סטאַראָסטע פאָרגעלייגט אַ פשרה: דער ראַט וועט באַשטיין פון 14 יידן און 10 קריסטן. די יידישע מיטגלידער־קאַנדידאַטן מוזן, אָבער פריער באַקומען זיין הסכמה און באַשטעטיקונג. צום סוף האָבן די מאַכט־האָבער טאַקע באַוויזן אַרויפצווווינגען זייער ווילן אויף די יידן, וועלכע האָבן רעזיגנירט פון זייער קאַמף.

פון דאַן האָט דער שטאָט־ראַט פאַרלוירן זיין זעלבסטשטענדיקייט און דעמאָקראַטישן גייסט; אַלץ איז באַשטימט געוואָרן דורך דער מאַכט. עס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן שווערע שטייערן אויף סוחרים און קרעמער, וועלכע זענען באַשטאַנען פון יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שווערע שטראָפן און קאָנסיפּאַקאַציעס. יידן איז באַשווערט געוואָרן צו באַקומען דערלויבנישן אויף זייערע געשעפטן. צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געפירט געוואָרן אַן אומאויפהערלעכע אַגיטאַציע צו פאַרנעמען יידישע האַנדלס־פּאָזיציעס א. אַז. וו.

די לאַגע איז געוואָרן ביטערער פון טאָג צו טאָג. דער לעצטער פוילישער בירגערמייסטער איז געווען אַ געפערלעכער אַנטיסעמיט פון די „פשיטיק"־לייט. (פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון פשיטיקער פּאָגראָם). ער האָט באַקומען זיין שטראָף פון די סאָוויעטן ביי זייער אָנקומען אין קלעצק, סעפטעמבער 1939.

דער קהילה קאָמיטעט

דער ערשטער ועד הקהילה איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג זענען אויסגעוויילט געוואָרן 7 פאָרשטייער פון די אַקטיווסטע איינוווינער, וועלכע האָבן געפירט די טעטיקייט פון דער קלעצקער קהילה. זיי האָבן געזאָרגט פאַר אַלע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי שולן, דערציונג, חברא קדישא און בית עולם, די שעכט־הויז, ביקור חולים, לינת הצדק און אַנדערע פילאַנטראָפישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס. אַלס פאָרזיצער פון קהילה איז אויסגעוויילט געוואָרן מיין פאָטער, דער רב פון שטאָט ר' חיים שמעון הערנזאַק ז"ל.

צום סוף פון 1915 איז קלעצק פאַרפלייצט געוואָרן פון פליטים, פאַרטריבענע דורך דער רוסישער מיליטערישער מאַכט; זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורך די קלעצקער יידן מיט אָפענע אָרעמס און באַזאָרגט געוואָרן מיט וווינונגען און פרנסה, אַ סך יידן האָבן זיי צוגענומען צו זיך אין זייערע הייזער, אָבער די שטעטל איז געווען צו קליין, און פיל משפחות האָבן געמוזט זיך באַזעצן צייטווייליק אין די שולן און בתי מדרשים. די מלחמה האָט אויך געלאָזט אירע שפורן אויף דער איינגעזעסענער באַפעלקערונג. עס זענען דעריבער דאַן געגרינדעט געוואָרן צוויי געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — איינע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט די באַדערפענישן פון דער פאַראָרימטער יידישער באַפעלקערונג, און די צווייטע—ספּעציעל מיט די פליטים. ביידע זענען געווען טעטיק אונטער דער אָנפירונג און אָנווייזונגען פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, און האָבן פיל מיטגעהאָלפן די אָרעמע און באַדערפיקע. אויך דער דזשוינט האָט געגעבן אַ גרויסע פינאַנסיעלע שטיצע.

עס איז דאַן געעפנט געוואָרן אַן אומזיסטע קיך פאַר באַשפייזונג פון קינדער און אָרעמע. באַדייטנדיקע געלט־סומעס זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די פאַרשידענע פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס, ווי ביקור חולים, תלמוד תורה, בית יתומים אדג"ל. אַ באַזונדערע סובסידיע איז צוגעטיילט געוואָרן דער ישיבה. מיין פאָטער מיט נאָך כלל־טוער, צווישן זיי הרב ר' חיים פימשטיין ז"ל (געשטאָרבן אין ישראל אין יאָר תשט"ו), האָבן דורכגעפירט אַ געלט־אַקציע אין קלעצק פאַר דער ישיבה.

ווען עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה און ס'איז אַנטשטאַנען די זעלבסטשטענדיקע פוילישע מלוכה, איז אָנגענומען געוואָרן דורכן סיים און סענאַט דער געזעץ וועגן דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג און קהילות, וואָס זייער רעכט איז באַשרענקט געוואָרן הויפּטזאַכלעך אויפן רעליגיעזן לעבן. דער אָפיציעלער נאָמען פון דער קהילה איז געווען: יידישע רעליגיעזע קהילה־פאַרוואַלטונג. דער געזעץ האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז די מעטריקע־ביכער (געבורטן, טויטן און הייראַטן, וועלכע זענען ביז איצט געפירט געוואָרן אין די מאַגיסטראַטן, דאַרפן איבערגעגעבן ווערן די רעליגיעזע געמיינדעס, און געפירט ווערן דורך זייערע גייסטלעכע. די וואַלן צו די קהילות קומען פאָר יעדע דריי יאָר. אַקטיווע וואַל־רעכט האָבן אַלע מענער און פרויען איך עלטער פון 21 יאָר אָן, פאַסיווע — פון 26, די וואַלן דירעקטע און געהיימע.

נישט קוקנדיק אויף באַשרענקונגען, האָבן יידן געזען דערין אַ טיילווייזע דערגרייכונג און פאַרזיכערונג פון זייערע רעכט.

די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער קהילה פאַרוואַלטונג זענען פאָרגעקומען אין 1921. דער צוזאַמענשטעל פון ועד הקהילה, האָט זיך כמעט נישט געענדערט. די פריערדיקע זיבן מיטגלידער פון נישט אָפיציעלן ועד זענען דערווויילט געוואָרן אויך אין דער נייער פאַרוואַלטונג. אַלס פאָרזיצער פון קהילה־ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן מיין פאָטער, דער רב פון שטאָט. די קהילה פאַרוואַלטונג האָט געפירט איר טעטיקייט אין די גרענעצן פון אירע רעכט און פונקציעס, און פיל מיטגעהאָלפן צו דער גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קלעצק.

אין יאָר 1924 האָט מיין פאָטער רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס קהילה פאָרזיצער, היות לויטן געזעץ האָט ער זיך גערעכנט אַלס קהילה בעאַמטער. אויף זיין אָרט איז געוויילט געוואָרן ר' מתתיהו ברעסלאַוו ז"ל. די גאַנצע צייט האָט די קהילה געפירט איר טעטיקייט אין פולער פאַרשטענדעניש און האַרמאָניע. דער ראַט פלעגט פירן זיינע זיצונגען אין אַ פאַרלאַמענטאַרישער פאָרם און אָרדנונג, מיט געשריבענע פּראָטאָקאָלן און אַז. וו.

פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס

„ביקור חולים" — די אָנגעזעענסטע און וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין שטאָט, איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט

מאַסן פליטים, די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען שווער און עפּידעמישע קראַנקהייטן האָבן זיך פאַרשפּרייט. מיין ברודער, מנחם ז״ל, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מעלות פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, דורכגעדרונגען מיט מיטלייד פאַר ליידנדע און באַדערפטיקע, האָט דאַן אַנטפּלעקט זיין איניציאַטיוו. ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם יידישן פעלדשער שקליאַר און דעם קריסטלעכן דאָקטאָר מושקאַט, און באַקומען זייער צוזאָג צו באַדינען אומזיסט די יידישע קראַנקע אין דעם שפּיטאָל, וואָס מיין ברודער האָט געפּלאַנט צו גרינדן.

אויפן שול־הויף האָט ער אויסגעפונען אַ אַלטע רואינירטע געביידע. נאָך אַ גרינטלעכן רעמאָנט זענען דאָרט אַריינגעשטעלט געוואָרן 10 בעטן, און אָרעמע קראַנקע זענען אַהין אַריבערגעפירט געוואָרן. צוזאַמען מיט ר׳ נח ליס און דעם ייִנגל יענקעלע, 8 יאָר אַלט, האָט ער באַזוכט אַלע הייזער פון קלעצק, און באַשטייערט די איינוווינער לטובת דעם געשאַפענעם שפּיטאָל, יעדן לויט זיין ווילן און מעגלעכקייט, מיט געלט און מילך (פון די קי־באַזיצער). ער האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט צו הילף, צווישן זיי — דער זייגערמאַכער איטשקע פעדער און זיין פרוי חישקע, ליפע ניצבערג, זלמן מלמד, פעסיע וויינשטיין און אַנדערע.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט דער שפּיטאָל זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גוט איינגעריכטעטער אַמבולאַטאָריע, וועלכע האָט באַדינט די אָרעמע באַפעלקערונג פון שטאָט, האָט זיך שיין אַנטוויקלט און דערוואָרבן פאַרשידענע מעדיצינישע מכשירים. די איינוווינער האָבן דערפילט די נוצלעכקייט און וויכטיקייט פון דער אינסטיטוציע, און האָבן זיך באַשטייערט פאַר איר אויסהאַלטונג, ביסלעכווייז איז דער „ביקור חולים״ איבערגעפירט געוואָרן אויף דעמאָקראַטיש־געזעלשאַפטלעכע יסודות, עס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג און באַשטימט געוואָרן אַ יערלעכער בודזשעט.

אָבער די אויסגאַבן זענען וואָס ווייטער געוואָרן גרעסער, און די אינסטיטוציע האָט געליטן פון אַ פּערמאַנענטן דעפיציט. עס האָבן אונדז געהאָלפן אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. יעדן יאָר, אין די טעג פון חול־המועד פּסח, פלעגט פאָרקומען די יערלעכע פאַרזאַמלונג פון די שפּענדער פאַרן „ביקור חולים״. די אַלטע פאַרוואַלטונג האָט אָפּגעגעבן דעם יערלעכן באַריכט וועגן איר טעטיקייט, און נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, אָפטמאָל גאַנץ שטורמישע, פלעגט געוויילט ווערן די נייע פאַרוואַלטונג. פאַרשידענע פּאַרטייען און גרופּירונגען אין שטאָט פלעגן פירן אַ שאַרפן קאַמף פאַר זייער איינפלוס אין דער אינסטיטוציע. אָבער די דאָזיקע קאָנקורענץ איז געווען צום גינסטן און נוצן פון „ביקור חולים״.

צווישן די אַקטיווע טוער דאַרף פאַרצייכנט ווערן ישראל אייזנבערג, דעם לייטער און סעקרעטאַר. ער האָט באַקומען אַ סטאַבילן געהאַלט. זיין אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר איבערגעגעבנקייט. מתתיהו קראַניטש, איז געווען איינער פון די טעטיקסטע און פעיִקסטע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. די פאַמיליע האָט געשמ׳ט מיט איר אינטעליגענץ, פּעדאַגאָגן און דערציִער. ר׳ שלום, דער פאָטער, איז געווען פון די ערשטע פּראָגרעסיווע מלמדים אין שטאָט — און דאָס האָבן געירשנט זיינע זין. מתתיהו, אַ קולטורעלער מענטש מיט אַ רויקן כאַראַקטער און פאַרשטאַנד. זיינע אַ מיינונג האָבן געשעצט די ראַט־מיטגלידער. זיין איינציקע טאָכטער, שולמית, אַביטוריענטן פון דער „תרבות״ שול, (ווער האָט אין קלעצק נישט געקענט די וווּנדערבאַרע „שולאמקע״?), איז געווען אַ שטילע, אַ איידעלע, פלייסיק און טאַלאַנטפול מיידל.

אַרויסגעוויזן ליטעראַרישע פעיִקייטן, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו ארץ ישראל און העברעיִש. אין דער נאַצי־עפּאָכע איז זי פאַרשוווּנדן ערגעץ אַרום לעמבערג, און איר סוף איז אומבאַוווּסט.

און אָט ד״ר געלין, אַ האַרציקער ייד, אַ טרייער ציוניסט און געזעלשאַפטלעכער טוער. זיין האַנט איז געווען אָפן פאַר יעדן באַדערפטיקן — ער האָט אַ סך געלייסטעט פאַרן „ביקור חולים״.

נעבן הויז פון „ביקור חולים״ האָט זיך געפונען אַ ברייטער הויף, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג צום „השומר הצעיר״ פאַר גימנאַסטישע און ספּאָרט־איבונגען. האָט דאָס אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט מצד די רעליגיעזע קרייזן, צוליב די געמיינזאַמע איבונגען פון ייִנגלעך און מיידלעך. עס זענען אויסגעבראָכן אינצידענטן, און צום סוף האָט זיך דער השומר הצעיר געמוזט אָפּזאָגן פון פּלאַץ.

צום שלוס — אַ קאָמישער עפּיזאָד: אויף דער אַלגעמיינעם פאַרזאַמלונג ציען זיך דיסקוסיעס ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער שניידער זעליג קאַפּוסטע, וועלכער האָט ליב געהאַט זיך פאַרנעמען מיט קהלשע ענינים, הערט זיך צו צו דער דיסקוסיע, אָבער עס ווערט אים נמאס די לאַנגע רייד און ער האַלט ביים איינדרימלען. בעט ער אַ וואָרט, גייט אַרויף אויף דער בימה, און ווענדעט זיך צו די פאַרזאַמלטע בזה הלשון: „— רבותי, אפשר קענט איר מיר דערקלערן צוליב וואָס ווערט דאָ אַזויפיל גערעדט אין דער שפּעטער נאַכט־שעה? אויב מען נויטיק זיך באמת אין אַ דעפיציט, באַשטימט מען אַ מענש צו פאָרן קיין וואַרשע און איינקויפן אַ דיפיציט — און פטור... צוליב וואָס אַזויפיל רעדן און טומלען — שוין צייט צו גיין שלאָפן״...

לינת הצדק

די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געווען ווי אַ פאָרזעצונג און דערגענצונג פון „ביקור חולים״. אויך זי איז געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון מיין ברודער, מנחם ז״ל.

ער האָט מאָביליזירט יונגע מענטשן, וועלכע האָבן באַוויליקט צו נעכטיקן ביי די קראַנקע אין זייערע הייזער, און אַכטונג געבן אויף זיי ביז די פרימאָרגן־שעהן. איבעריק מוסיף צו זיין, אַז די דאָזיקע הילף האָט פיל פאַרגרינגערט די זאָרג און ליידן פון די משפּחה־מיטגלידער. וועלכע זענען געווען מיד פון פאַרנעמען זיך מיט די קראַנקע אַ גאַנצן טאָג. די דאָזיקע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן מיט אַ באַשטימטן פּלאַן און אָרדנונג, לויט גענויע רשימות פון די קראַנקע און אַ פּינקטלעכער פונאַנדערטיילונג פון די הילפס־גרייטע.

קלעצק האָט פאַרמאָגט בלויז איין שפּיטאָל מיט 10 בעטן, וואָס האָט געהערט צום ד״ר מושקאַט. פאַרשטענדלעך, אַז אָפט פלעגן געפערלעך־קראַנקע מוזן דורכגיין זייער קוראַציע אין דער היים, און האָבן זיך גענויטיקט אין אויפזיכט. זייער וויכטיק איז דעריבער געווען די הילף פון „לינת הצדק״.

בית יתומים

אין אַ באַזונדער הויז זענען קאָנצענטרירט געוואָרן די אָרעמע יתומים, וווּ זיי האָבן אויך באַקומען מיטאָגן און מילך. מיין ברודער מנחם און אַנדערע יידן האָבן געזאָרגט פאַר זיי, און אַרויסגעוויזן פאָטערלעכע ליבע. די יידן פון קלעצק האָבן זיך גערן באַשטייערט פאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע, און אויך דער דזשאָינט האָט באַשטימט אַ געוויסע סובסידיע. די יתומים האָבן דאָ באַקומען פאַרשידנאַרטיקע הילף, ביז זיי זענען געוואָרן עלטער און זעלבסט־שטענדיק.

קלעצק אין די דרייסיקער יארן

(איינדרוקן פון א קארעספאנדענט)

אין דעם וואכנבלאט „באראנאוויטשער וואך" פון 14טן יוני 1932, איז געווען געדרוקט א פעליטאן וועגן יידישן קלעצק. דער מחבר י. ל. פּיין שילדערט דאס לעבן אין שטעטל אונטער דעם פוילישן רעזשים.

קלעצק איז ארומגערינגלט מיט דערפער, גיטער און אנדערע ישובים וואס פון זיי ציט זי איר פרנסה און האנדל. אין פריערדיקע צייטן, אין קלעצק געווען פארעכנט אלס איינע פון די רייכסטע שטעטלעך אין דער געגנט. לעבהאפט און ברויזנדיק איז דא געווען דאס לעבן נאך דער וועלט מלחמה, פאר דעם איינשטעלן פון דעם סאוויעטישן־פוילישן גרענעץ. פרנסה איז געווען בשפע, און מ'האט געקענט אפשפארן אויף ערגערע צייטן.

איצט איז דאס א זאך פון דער פארגאנגענהייט, און מען שפייזט זיך מיט אנגענעמע זכרונות וועגן דעם וואס עס איז געווען און וועט זיך שוין מער נישט איבערחזרן.

אמת, מען קען באמערקן עטלעכע פאזיטיווע דערשיינונגען אין פארגלייך מיטן עבר. עס מערקט זיך א געוויסע פארבעסערונג אין איר אויסערלעכן אויסזען. אנשטאט שמוציקע גאסן און געסלעך, בלאטיקע און זומפיקע, פארמאגט דאס שטעטל ריינע אויסגעברוקירטע גאסן, מיט בוימער פון ביידע זייטן טראטוארן. א גוטן איינדרוק מאכט דער מארק מיט זיין ריי קראמען, אבער די אויסערלעכקייט קען אריינפירן אין א טעות בנוגע איר עקאנאמישער לאגע.

עס פילן זיך אין די פארקנייטשטע און אנגעלאדענע מיט זארגן פנימער פון די איינוואוינער די נייע ווינטן, א טרויער איז אויסגעגאסן אויף זיי.

דאס שטעטל איז איבערפולט מיט קראמען, קליין האנדל און טיילוויזער האנטווערקעריי, און איר פרנסה איז באזירט בעיקר אויף די פויערים, לאנדווירטן און אויף די קליינע גוט־באזיצער. און ווען זייער עקאנאמישער צושטאנד האט זיך פארערגערט — האט זיך דאס באלד אפגערופן אויפן יידישן קרעמער, וועלכער זיצט איצט מיט פארלייגטע הענט אין זיין קראם, ווארטנדיק אויף פדיון און אויף בעסערע צייטן.

כאראקטעריסטיש איז די דערשיינונג, וואס קלעצק איז מער „יידישלעך", צוגעבונדן צו דער רעליגיעזער טראדיציע ווי אנדערע שטעטלעך אין דער סביבה. אפילו דער יינגערער דור היט אפ אין א געוויסער מאס די געבאטן און מנהגים פון דער טראדיציע.

די דערציונג שטייט אויף א געוויסן ניווא. עס עקסיסטירן שולן פון אלע ריכטונגען. כאראקטעריסטיש, אז אפילו אין די מאדערנע שולן באקומען די שילער א רעליגיעזע דערציונג.

די אלטע קרענק פון די שטעטלעך — די מחלוקת הערשט אויך דא, דער עיקר, אין ענינים פון שחיטה און רבנות.

אין דער לעצטער צייט, ווען די קהילה האט איבערגענומען די ענינים פון שחיטה האט זיך די מחלוקת נאכמער פונאנדערגעפלאקערט. די ארטיקע רבנות האט ארויפגעלייגט א חרם, לויט אלע פארצייטיקע דינים און מנהגים, אויף יעדן וועלכער וועט נישט שחטן ביי די אפיציעלע שוחטים.

די מערהייט איינוואוינער באשטייט פון יידן, וועלכע בילדן א מערהייט אויך אין דער שטאט־פארוואלטונג און מאגיסטראט. דער וויצע־בירגערמייסטער און א לאווניק (מיטגליד פון פארוואלטונג) זענען יידן. אבער די פארוואלטונג פארמאגט נישט קיין גענוגענדיקע פינאנסיעלע מיטלען כדי צו פארווירקלעכן די נויטיקע פלענער און ארבעטן.

ווי מען גיט איבער, האט אין די פריערדיקע יארן פולסירט אין קלעצק א ברויזנדיק געזעלשאפטלעך און קולטורעל לעבן. נאך מיט א קורצער צייט צוריק איז געווען טעטיק א דראמאטישער קרייז, וועלכער האט מהנה געווען די איינוואוינער מיט געלונגענע פארשטעלונגען. אבער ער איז בטל געווארן, די קאפ איז נישט דערביי... פון צייט צו צייט ווערן איינגעארדנט קולטורעלע פאראנשטאלטונגען דורך די ארטיקע שולן. אזוי, למשל, איז מוצאי שבת איינגעארדנט געווארן א געלונגענער קולטורעלער אוונט דורך דער „תרבות" שול, וועלכער האט אריינגעטראגן אויפלעבונג אין דער געזעלשאפט. בכלל אבער, שפייזט זיך קלעצק מיט די זכרונות פון איר פרעכטיקן עבר.

איצט איז זי א יורד, ווארט און האפט אויף בעסערע, ליכטיקערע טעג, וועלכע דארפן אנקומען...

מ. טאראבור
(ניו־יארק)

/ א באזוך אין קלעצק (1928)

קלעצק איז א קליין שטעטל מיט נידעריקע הייזער, אן איינריכטונגען, א סך פון זיי איינגעבויגן און אויסגעדרייט, שטייט אין א טאל כמעט ווי אומבאמערקט. ווען נישט די הויכע שפיצן פון די קלויסטערס, וואלט זי זיך אפילו נישט ארויסגעזען.

זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט א מאנאטאנער שטילקייט. „א שטאט" אין א מיניאטור פארמאט, — אבער ביי אונז, אירע קינדער, די קלעצקער לאנדסלייט, איז איר אנדענק געבליבן טייער, יעדער איינער פון אונז האט געוויסע אנגענעמע דערינערונגען פון אונזער אלטער היים. דערינערונגען פון אונזערע קינדער יארן; פון די חדר טעג; פון דעם „וואל", ווו מיר אלס קינדער, האבן דורך דער פסח וואך געשפילט אין ניס; פון די „פרי־סאדעס" ווו מ'פלעגט גיין שפאצירן; פון „סטארעניאיעם" און „פאנקראטאוויטשער" וועלדער, ווו די נאטור איז וווּנדערלעך שיין; פון „ראמישעווער און קראסנאסטאווער" טייכן, ווו מ'פלעגט זיך באדן אין די הייסע זומער טעג. און נאך, און נאך ספעציפישע אנגענעמע דערינערונגען, וואס זענען געבליבן טיף איינגעקריצט אין אונזערע געדאנקען און וועלן קיינמאל נישט פארגעסן ווערן.

אין 1928 האט קלעצק אויסגעזען א סך בעסער ווי אין די פריערדיקע יארן, געוויסע איינריכטונגען זענען איינגעשטעלט געווארן. די פוילישע רעגירונג האט געצווונגען די באפעלקערונג צו ברוקירן די גאסן, און עס איז מער נישט געווען קיין בלאטע און קיין „לוזשעס". דערפון האבן געליטן די חזרים, זיי האבן מער נישט געקענט זיך איינורען אין בלאטע אין מיטן גאס און כאפן א דרעמל...

עס איז איינגעשטעלט געווארן אן עלעקטרישע סטאציע, פונוואנען עלעקטריציטעט איז אריינגעצויגן געווארן אין יעדער הויז, און אויך די גאסן זענען געווען באלויכטן מיט עלעקטרישע לאמפן.

אמניבוס קאמוניקאציעס זענען געווען איינגעשטעלט — פון קלעצק, צו:

לעכעוויטש, באַראַנאָוויטש, ניעסוויזש, גאָראָדייע, סיניאַווקע און ליאַכאָוויטש. די פאַרוואַלטער זענען געווען די פריערדיקע בעלי־עגלות, וועלכע פלעגן פאָרן צו דיזעלבע פלעצער אויף פערד און וואָגנס.

קלעצק, איז געשטאַנען אויף אַ מער הויכער און פּראָגרעסיווער מדרגה, גייסטיק און פינאַנציעל, אין פאַרגלייך צו די אַרומיקע שטעטלאַך, ווי ניעסוויעזש, לעכעוויטש און אַזוי ווייטער.

די איינוווינער פון די דערמאָנטע צוויי שטעטלאַך האָבן מקנא געווען די קלעצקער יידן, און האָבן געקוקט אויף קלעצק ווי אויף אַ גרויסער שטאָט. אין וואָס איז באַשטאַנען די קלעצקער „גרויס־שטאָטיקייט"? כ'וועל פּרוּוון אָנגעבן אייניקע סיבות: קלעצק איז געווען פּאָפּולער צוליב דער ישיבה, וווּ אומגעפער צוויי הונדערט ישיבה בחורים האָבן געלערנט, וועלכע האָבן, צו דערזעלבער צייט, אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע פּרנסה אין שטעטל.

אין דער תלמוד־תורה, האָבן אין יאָר 1928 געלערנט איבער צוויי הונדערט קינדער. דער שכר לימוד איז געווען אַ קליינער, און אַ גרויסע צאָל קינדער פון דער אָרימער באַפעלקערונג האָבן געלערנט פריי.

אין דער „תרבות" שולע האָבן געלערנט אומגעפער הונדערט און פופציק קינדער פון די מער פאַרמעגלעכע עלטערן.

אין יענער צייט איז געווען אַן איניציאַטיוו גרופּע פון יידישיסטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו עפענען אַ יידישע־שולע. זיי האָבן באַגעגנט פיל שוועריקייטן, אָבער עס איז זיי געלונגען דורכצופירן זייער אונטערנעמונג.

אַ גרויסע צאָל פון דער קלעצקער יוגנט, האָבן געלערנט אין גימנאַזיעס און אוניווערזיטעט אין ווילנע, אָבער ווען זיי האָבן געענדיקט זייער שטודיום האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו טאָן. קיין שטעלעס האָבן זיי נישט געקענט קריגן — ווייל זיי זענען געווען יידן, און זיי זענען געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע ליידיק־גייער און שטעקל־דרייער.

גייסטיק, איז קלעצק געשטאַנען אויף אַ מער־אָדער־ווייניקער צופרידנשטעלנדיקער מדרגה. ווען מ'איז אַריין אין יידישן אָדער העברעישן לעזע־זאַל, האָט מען געפונען אַ גרויסן אויסוואַל פון ביכער.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען זייער טעטיק. זי האָט געהאַט אַן אויפזיכט אויף דער שולע „תרבות" און איז געווען פאַרטראָטן אין די שטאָטישע אינסטיטוציעס דורך אירע פאָרשטייער.

אין יענער צייט, האָט אין קלעצק אויך פונקציאָנירט אַן אַרבעטער קאָמיטעט. ס'איז אמת, אַז זיין טעטיקייט איז געווען באַגרענעצט, ווייל די אינדוסטריע אין קלעצק איז געווען קליין און נישט אַנטוויקלט. זיי זענען געווען אַקטיוו אין די קהלשע אָנגעלעגנהייטן און זענען אויך געווען פאַרטראָטן אין די שטאָטישע אינסטיטוציעס.

אין קלעצק איז געווען אַ יידישע דראַמאַטישע סעקציע (אַמאַטאָרן שוישפּילער). זיי האָבן אויפגעפירט יידישע פּיעסן אין דער געביידע פון דער פּוילישער באַנק. דער איינקונפט פון פאָרשטעלונגען פלעגט אָפּגעגעבן ווערן פאַר וווילטעטיקע צוועקן.

עס איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דער מנהג אין קלעצק, אַז אָרימע לייט פלעגן גיין איבער די הייזער און בעטן אַ „פּרוטה", אַ שטיקל ברויט אָדער אַ פּאָר קאַרטאָפל. דאָס איז געווען נישט לייטיש און דערנידערנדיק פאַר זיי, מ'שטיינס געזאָגט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „לחם עניים" קאָמיטעט. זיסל מיליער און לייזער קאַגאַן פלעגן יעדן פרייטיק אַרומפאָרן קלייבן ברויט און חלה פון יעדן הויז, און באַזאָרגט די אָרעמע לייט.

דער „ביקור חולים" איז געווען פאַררעכנט פאַר דער וויכטיקסטער אינסטיטוציע אין קלעצק. דאָרטן האָט די אָרימע באַפעלקערונג באַקימען פרייע מעדיצינישע הילף און ספּעציעל צוגעפּאַסטע שפּייזן פאַר די קראַנקע. דער „ביקור חולים" פלעגט שיקן מער ערנסטע קראַנקע צו ספּעציאַליסטן, אָדער אין שפּיטאָלן, אין באַראַנאָוויטש אָדער ווילנע. דער „ביקור חולים" איז געווען דער איינציקער פּלאַץ וווּ די יידישע אָרימע קראַנקע האָבן באַקומען מעדיצינישע הילף — ווייל אין דער פּוילישע „באָלניצע" זענען זיי דיסקרימינירט געוואָרן. דער מעדיצינישער שטאַב איז באַשטאַנען פון: דאָקטאָר מושקאַט, דאָקטאָר געלין און פעלדשער ישראל שקליאַר.

די קהילה איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע שיכטן און גרופּן. דער רב ר' חיים שמעון הערענזאָן; פאָרשטייער פון די געשעפטסלייט און קרעמער; פון דעם אַרבעטער פאַריין; פון דער אגודה; פון די ציוניסטן און פּועלי ציוניסטן. — טראָץ דעם וואָס די פאָרשטייער זענען געווען פון פאַרשידענע קלאַסן — האָבן זיי אָבער געאַרבעט האַרמאָניש.

אין 1928 האָט קלעצק געהאַט אַ וויכטיקן פּראָבלעם — די מאַשין וואָס מאַכט הייסע וואַסער אין באָד איז צעבראָכן געוואָרן. די קהילה האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף פאַריכטן. האָט זיך אָפּגערופן ר' בערל פיינבערג (בערל אָסטראָווער) און האָט געזאָגט: „יידן ס'וועט זיין אַ באָד", און אַזוי איז געווען. ער האָט אַלץ פאַריכט און טאַקע אַליין באַצאָלט פאַר דעם. פאַר אַ לאַנגער צייט האָט ר' בערל אַכטונג געגעבן אויף דער באָד אָן קיין שום באַצאָלט אָדער פּראָפיט.

אַז מיר זענען ביי דער באָד, וועלן מיר שוין אַריינגיין אין שול און אין בית מדרש, להבדיל. דאָרטן האָט מען געקענט זען ווער ס'איז אָרעם און ווער ס'איז רייך — לויט דער צעטיילונג פון די „עליות" און די פּלעצער פון די „מתפּללים", די רייכע אויבן אָן — די אָרימע ביים טיר. שבת, אין צייט פון „קריאת התורה" אַז מ'איז אַריין אין די „פּאָלעס" האָט מען געהערט — נייעס פון שטעטל, נייעס פון דער וועלט, אַרגומענטן וועגן פּאָליטיק, אַרגומענטן וועגן אַנדערע פאַרשידענע פראַגן און סתם אַרגומענטן.

אַ טרויעריק געשעעניש האָט פּאַסירט אין 1928, אין דער צייט ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין פּוילן — אַ באָיקאָט קעגן יידן. אין קלעצק זענען דעמאָלט געעפנט געוואָרן פּוילישע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, געשטיצט דורך דער פּוילישער רעגירונג. די אייגנטימער אָדער פאַרוואַלטער פון יענע קראָמען, האָבן אַרויסגעשיקט זייערע מענטשן מיט „פּלאַקאַטן" מיט אַן אויפשריפט „סוואָי דאָ סוואָיעגאָ — ניע קופּויטיע אָו זשידאָוו" — דער אייגענער צום אייגענעם, קויפט נישט ביי די יידן". זיי האָבן עס איבערהויפּט פּראַקטיצירט מאָנטיק, דעם טאָג פון אַ מאַרק אָדער אַ יאַריד. יעדן מאָל ווען איך פלעג דערזען די שענדלעכע פּלאַקאַטן, פלעגט אין מיר קאָכן מיין בלוט. איך בין אַריין אייניקע מאָל צו די יידישע קרעמער צו זען די ווירקונג אויף זיי. זיי זענען געווען נידערגעשלאָגן און שטום.

אין פאַרלויף פון 1928 ביז 1939, זענען די גרוסן פון קלעצק געווען ווייט פון גוט. די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן ערגער און ערגער.

*

מיר, אין אַמעריקע, הויבן אָן קריגן טרויעריקע נייעס וועגן דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע וואָס איז פאָרגעקומען אין קלעצק.

95 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אומגעבראַכט געוואָרן. אונזער געבורטס־שטאָט, איז אַלס רעזולטאַט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע פאַר אַ פּעריאָד פון דריי יאָר, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חורבה. דער גרעסערע טייל פון שטעטל איז אַוועק מיטן רויך, און פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געבליבן אַ טראַגיש־קליינע צאָל געראַטעוועטע. קלעצק טרויערט ווי אַ מאַמע וואָס האָט פאַרלוירן אירע קינדער. זי טרויערט נאָך די טויזנטער יידישע מאַרטירער, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט דורכגעווייקט איר ערד. זי טרויערט נאָך דער בליענדיקער יוגנט וואָס איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. זי טרויערט נאָך די קינדער און עופּה'לאַך, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויף די הענט פון זייערע מאַמעס. זי טרויערט נאָך די טויזנטער וועלכע זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט — געקרעכצט, געמורמלט זייערע לעצטע תפילות, ווען זיי זענען שוין געווען פאַרשאָטן מיט ערד...

קלעצק האָט געזען די שרעק אין די אויגן פון די אומגליקלעכע און האָט געהערט זייערע לעצטע געשרייען — ווען זיי האָבן געזען דעם טויט פאַר זייערע אויגן...

זלמן סאגינאר / פליטים אין קלעצק

(בוענאָס־איירעס)

אין אָקטאָבער 1920, אין אַ פרייטיק בייטאָג, איז דער קלעצקער מאַרק פאַרפלייצט געוואָרן מיט צענדליקער וועגענער, פון וועלכע ס'זענען אויסגעשטיגן הונדערטער מענטשן מיט פאַראומערטע פנימער, מיט קליינע פעקלעך אונטערן אָרעם און מיט גרויסע צרות און זאָרגן אין זייערע פאַרביטערטע הערצער...

באַלד איז גאַנץ קלעצק געשטעלט געוואָרן אונטערן אַליאַרעם פון אומרו, און פון מויל צו מויל האָבן זיך געטראָגן רחמנות־אויסדרוקן: אָ געוויס מען דאַרף זען עפּעס טאָן...

און באַלד האָט זיך קלעצק דערוווּסט, אַז דאָס זענען היימלאָזע צומיינסט יונגע מענטשן פון סלוצק און אומגעגנט, וואָס די פּוילישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן, און דערווייל האָבן דאָרט געבושעוועט כלערליי באַנדעס. האָט זיך גלייך געשאַפן אַ קאָמיסיע פון קלעצקער בעלי־בתים, צווישן זיי דער רב, ר ו ף דער אַפּטייקער, שלמה'קע ס ב א ר ט ש י ק, מאיר חיים ק ו ל א ק א װ ס ק י (דער איידעם פון שרה־מערע ליכטערמאַן די מילנערין), ק צ ב דער אפטייקער, ב א נ ש ט ש י ק פון מאַרק, פ א ל פון צעפּרער גאַס און אַנדערע, און מען האָט גענומען באַזאָרגן די פּליטים מיט היימען.

יידן פון קלעצק, אַליין אָרעמע, האָבן מיט פרייד אויפגענומען זייערע ברידער, טיילנדיק מיט זיי זייער ברויט און געלעגער. ווען איך בין מיט מיין שוואָגער ברוך, נאָכן אָפּרוען זיך אין אונזער קוואַרטיר ביי דער טייערער פעשע ל י ס, געקומען אין גרויסן בית מדרש, האָבן מיר דערזען די שול געפּאַקט ווי צו כל נדרי. די קלעצקער'ס פנימער האָבן געשיינט, ווייל זיי האָבן זוכה געווען איינאָרדנען אַזויפיל אורחים. און מיט פרייד האָט יעדער קלעצקער בעל הבית געפירט צו 2—3 פליטים צו זיך אַהיים, צו טיילן מיט זיי זיין טיש לכבוד שבת. אויך די היימלאָזע האָבן באַקומען אַ פריילעך פנים, זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמער האַרציקער סביבה זיי זענען אַרומגערינגלט.

*

נאָך דעם דערמאָנטן שבת , אין וועלכן הונדערטער פליטים האָבן באַקומען אַ וואַרעמע היים, איז געקומען די וואָך, און יעדער פּליט האָט גענומען זאָרגן פאַר זיין צוקונפט. ווער ס'איז געבליבן אין שטעטל גע־פינענדיק אַרבעט ביי זיין פאַך, ווער ס'איז געפאָרן ווייטער קיין באַראַנאָ־וויטש, וואַרשע און אַנדערע שטעט, פיל זענען אַוועק אין אויסלאַנד צו זייערע קרובים. אָבער אין קלעצק זענען פאַרבליבן אַפּאָר הונדערט פליטים, אַ גרויסער טייל האָט זיך איינגעאָרדנט ביי אַרבעט און אַראָפּגעבראַכט שפּעטער זייערע פרויען און קינדער. אַ געוויסער טייל איז שפּעטער צוריקגעפאָרן.

איך מיט מיין שוואָגער ברוך נ א ד ע ל מ אַ ן, פון די באַוווּסטע גרויסע בעקערייען וועלכע האָבן באַזאָרגט גאַנץ סלוצק מיט פאַרשידן געבעקס, האָבן אויף דער עצה פון דער קלוגער גאַסטגעבערין פעשע ליס, געדונגען אויפן מאַרק ביי א ב א דעם פישער, אַ לאָקאַל מיט אַ צימער און אַ גרויסן אויוון, כדי איינצואָרדנען אַ גרויסע בעקעריי אויפן סלוצקער שטייגער. און דאָ איז מיר געקומען צו הילף מאיר חיים קולאַקאָווסקי, מיין חבר פון סלוצקער ישיבה. אויף מאיר חיים'ס וואָרט האָט מען אונז אַריינגעשיקט 5 זעק מעל, און גויים האָט ער געשיקט מיט האָלץ, און מיר האָבן איינגע־קויפט נאָך שאר ירקות וואָס מען דאַרף האָבן צו אַ בעקעריי. אַז מען האָט זיך דערוווּסט אַז מאיר חיים שטייט הונטער אונז, האָבן זיך פאַר אונז געעפנט אַלע טירן, און מען האָט פון אַלע זייטן אָנגעבאָטן קרעדיט. און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען איך, דער געוועזענער ישיבה בחור און מלמד, צוזאַמען מיטן גרויסן בעקער־קינסטלער, האָבן געשלאָסן אַ שותפות צו עפענען אַ פּעקאַרניע און קאַוויאַרניע, ווו אויסער חלה אויף שבת זאָלן יונגוואַרג אויך קענען פאַרבלאָנדזשען און באַקומען אַ גוטן „סלוצקער פלאָדן" און פּעראָזשענעס מכל המינים, און אַ גוטע גלאָז טיי אָדער ציקאָריע מיט מילך. מיין ישיבה־בחורשע כוונה איז געווען אויך צו באַקענען זיך מיט דער קלעצקער יוגנט, און אפשר מיט דער צייט גרינדן אויך אַ גייסטיקן קולטור צענטער. און טאַקע אפשר אויך פאַרווירקלעכן מיין אַלטן חלום און שפּילן טעאַטער מיט קלעצקער יוגנט. פאַרוויגט דורכן זיסן חלום, האָבן מיינע ליפּן זיך צעזונגען מיט אַ יידישן ניגון, ביז מיין שוואָגער ברוך האָט מיר אויפגעוועקט: — זע נאָר, ער האָט זיך צעזונגען. גיי כראָג אַריין אַ ביסל האָלץ פון שטאַל, מען דאַרף איינהייצן דעם אויוון און זיך נעמען צו דער אַרבעט...

פול מיט בטחון האָבן מיר זיך גענומען צוגרייטן געבעקס. עס רעדט זיך אַזוי, זיך נעמען צו דער אַרבעט. האָב איך גענומען שפּאַנען איבער קלעצקער הייזער פון די מאַרק שכנים, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָב איך געהאַט אַ פולע בעל־הבית'ישקייט פאַר אונזער בעקעריי. אַן אָנגע־לאָדענער מיט אַלע זאַכן, וואָס די האַרציקע יידישע מאַמעס האָבן מיר מיט זיי אַרויסגעהאָלפן, אַבי יידישע היימלאָזע זאָלן זיך קענען איינאָרדנען, בין איך מיט שטאָלץ אַריין אין שטוב, אויסרופנדיק: ברוך! זעסט... מיר האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. פינף אַ זייגער פאַרטאָג האָבן מיר אויסגעבאַקן 10 פונט מעל, פּעראָזשנעס פון אַלע סאָרטן. אַכט אינדערפרי זענען מיר שוין געווען אויף די פיס, און ברוך פרעגט: וואָס וועט זיין מיטן געבעקס?

איך נעם אַ געפלאָכטן קערבעלע, בעט עס אויס מיט זייד־פּאַפּיר, טו אָן מיין שבת'דיקן אָנצוג, און לאָז זיך אַרויס איבער קלעצקער מאַרק בעלי־בתים. צוערשט גיי איך אַריין צו רוף דעם אַפּטייקער און דערקלער, אַז אַזוי ווי מיר האָבן געעפנט אַ בעקעריי און קאַוויאַרניע, בין איך געקומען אים מכבד זיין מיט אונזערע ערשטע סלוצקער געבעקס.

האָט ער גענומען רופן. — טאַניע, סאָניע, מאַלאַוויצקאַיאַ, קומט שנעלער אַהער! עס זענען אַריין די טעכטער, די שנור און אַן אָנגעשטעלטע. און ער האָט זיי גענומען אויסטיילן מיין געבעקס, און צוגעגעבן: אַך, ווי געשמאַק, אַן אויסנאַם!

איך באַדאַנק און לאָז זיך גיין צום טיר. רופט מיר דער אַפּטייקער: — יונגערמאַן, וואָס מיינט איר, מיר זענען קבצנים, וואָס איר שענקט אונז אייערע געשמאַקע געבעקס? אויב איר ווילט אונז האָבן פאַר קונים, דאַרפט איר ביי אונז נעמען געלט פאַר אייערע שווייס און אַרבעט. און דערלאַנ־גענדיק מיר אין האַנט אַ שיינע סומע, האָט ער מיר ליבלעך געפירט ביזן טיר און געזאָגט: — גייט, גייט צו נאָך קונים, מיט אַזאַ געבעקס וועט איר האָבן פרנסה בכבוד. אין אַ האַלבע שעה האָב איך פון מיין קויש געבעקס קיין סימן נישט געהאַט. אין קעשענע זענען שוין געווען די ערשטע פּרוכטן פון אונזער שווערער נאַכט־אַרבעט. און די אַנדערע שכנים פון מאַרק זענען געווען די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר אונזער בעקעריי...

יאַקובאָוויטש

צווישן די חסידי העולם איז אין קלעצק געווען איינער אַ קריסט מיטן נאָמען יאַקובאָוויטש (אויך אַ פּליט פון סלוצק), וועלכער האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר אין מאַגיסטראַט.

אָט דער יאַקובאָוויטש האָט אָפּגעירשנט פון זיין טאַטן (אַ געוועזענער פּאָליציי־אַגענט אין סלוצק, וואָס האָט גערעדט אַ גוטן יידיש) זיין ליבע צו יידן. ער איז געווען אַן אָפטער איינגייער ביי אונז אין דער בעקעריי, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסע פרנסה, און מיר האָבן געגעבן הילף פיל אָרעמע און הונגעריקע. אויפן טיר ביי אונז איז געהאָנגען אַ שילד: „פאַר סאָלדאַטן און היימלאָזע 50 פּראָצענט ביליקער".

אין די אָפטע שמועסן צווישן מיר און דעם גוטן פריינט יאַקובאָוויטש (ער פלעגט זינגען די „התקוה" אין העברעיש), וועגן העלפן אונזערע היימ־לאָזע, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ ביסל אַ געוואַגטער, אָבער אַ זיכערער

געדאַנק: אַזויווי דורך אים האָב איך געוווּסט, אַז אין מאַגיסטראַט איז דאָ אין אַרכיוו אַ צענז פון קלעצקער איינוווינער, געמאַכט מיט אַ פּאָר חדשים פאַרן 12טן אָקטאָבער 1920, געשריבן מיט אַ בלייפעדער, קען מען דאָך, אויב מען דאַרף, אויסמעקן אַ נאָמען פון אַן אַלטן מאַן אָדער פרוי, איינוווי־נער פון קלעצק, און אויף זייער פּלאַץ איינשרייבן אַ פּליט, וואָס נויטיקט זיך אין אַ דאָקומענט. דער יאַקובאָוויטש, וואָס פלעגט מיט אַ טאָג פריער דורכפירן די געלונגענע אָפּעראַציע, פלעגט נאָכדעם מיט דער הילף פון שלמה'קע סבארטשיק און דעם גוטן בירגערמייסטער, כלומרשט זוכן אין די ביכער — און צום סוף פעסטשטעלן, אַז דער און דער איז פאַרשריבן אין די ביכער און קען באַקומען אַ דאָקומענט. אַזוי האָבן אָנגעקומענע היימלאָזע באַקומען פוילישע רעכט און זיך פשוט געראַטעוועט.

עס איז אויך אָנגענעם צו באַמערקן, אַז ווען מען האָט געדאַרפט האָבן עדות פון קלעצקער איינוווינער צו באַשטעטיקן, אַז דער און דער וווינט שוין לאַנג אין קלעצק, האָט זיך קיין שום ייד אין קלעצק נישט אָפּגעזאָגט.

סלוצקער ישיבה אין קלעצק

קלעצקער בעלי־בתים האָבן מיט כבוד און שטאָלץ אויפגענומען די ישיבה, קוויקנדיק זיך ווען זיי האָבן זוכה געווען צו האָבן שבת ביים טיש איינעם אָדער צוויי ישיבה־בחורים. דער שרייבער פון די שורות, אַליין אַ געוועזענער סלוצקער ישיבה בחור, איז איינמאָל אַריין פרייטיק צו נאַכט צו דער אָרעמער אלמנה דבורה, די ברויט־בעקערין, אַ פאַרהאָרוועטע, נישט־אויסגעשלאָפן, שוואַכער יידענע, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ בילד: דבורה מיט אַ שיינער קאָפּטיכל אויפן קאָפּ, איז געזעסן אַ שיינענדיקע ביים טיש, אַרומגערינגלט מיט אירע בני בית, און אויבנאָן איז געזעסן אַ ישיבה־בחור מאַכנדיק קידוש איבער חלות איבערגעדעקט מיט אַ שיין טישטוך. דער שבת'דיקער קידוש־ניגון האָט אַריינגעבראַכט אַ נשמה יתירה אין שטוב פון דער אָרעמער אלמנה מיט אירע אויסגעמוטשעטע קינדער פון אַ גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט. ווער רעדט שוין פון דעם רב'ס שטוב אויף ראַדזשי־מאַנטער גאַס, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית ועד לחכמים.

קלעצק שפּילט „שולמית" פון גאָלדפאַדען *

איצקע פעדער, דער זייגערמאַכער, ווי אויך זיין פרוי, זענען געווען ליבהאָבער פון טעאַטער. ווען איך האָב דערמאָנט אין מיינע שמועסן מיט זיי, וועגן אָרגאַניזירן אַ קרייז ליבהאָבער, זענען זיי פון פרייד אַוועק אַ טענצל איבערן הויז און זייערע פנימער האָבן זיך צעשיינט פון פרייד. זיי האָבן מיר איינגעלאַדן קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום, און דאַן האָב איך געטראָפן אַ פולע שטוב מיט יוגנט, צווישן וועלכע איך געדענק נאָך היינט, נאָך 37 יאָר די נעמען פון: לייזער ט א ב א ט ש נ י ק פון לעכעוויטש, אַ גוטער מנגן און כאַראַקטער־אַקטיאָר, מ י ל ע צ ק י אַ קאָמיקער, איצקע פ ע ד ע ר אַליין אַ טייערער שוישפּילער, זיין פרוי רישקע אַ גוטע אַקטריסע, חנה ט ע ט ע פון ראַדזשימאַנטער גאַס אַ אויסגעצייכנטע סוברעטין, סאָניע ר ו ף אַ געשולטע זינגערין און דראַמאַטישע שוישפּילערין א. אַנד. עס ווערט באַשלאָסן אָנהויבן מיט פּראָבן פון „שולמית", מיט סאָניע רוף אַלס שולמית, לייזער טאבאַטשניק אבשלום, איצקע פעדער מנוח, מילעצקי אַלס ציגנענטאָג, און די איבעריקע אָנטיילנעמער אין כאָר און מאַסן־סצענעס.

די ערשטע פּראָבע איז גוט געלונגען, און עס האָט נישט געדויערט קיין חודש און קלעצק איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ פיינער פאָרשטעלונג און שיינע גרים־קאָסטיומען. קלעצקער היימישע קלעזמער, ווי א ל ט ע מיט די זין און א ש ר דער מוזיקער, האָבן זייער פיל בייגעטראָגן צום גרויסן דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג.

די שמחה איז געווען אין לשער. גלייך ביים פאַלן פון טעלאָן האָט לייזער טאבאַטשניק אַנאָנסירט פאַרן פול געפּאַקטן עולם די קומענדיקע פאָרשטעלונג — די „צוויי קוני־לעמלס" מיט מילעצקי און זלמן סאגינאַר. דער גרויסער עולם האָט עס אויפגענומען מיט רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. אַזוי האָבן מיר נאָכדעם געשפּילט ביי געפּאַקטע זאַלן די „קוני־לעמלס", „יענקל דער שמיד" און אַנדערע פּיעסן. די שוישפּילער זענען געווען אַרבעטס־מענשן, וואָס נאָך זייער שווערן אַרבעטס־טאָג האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט באַזאָרגן דאָס האַרציקע שטעטל מיט פריידיקן גענוס.

פדיון שבויים

נישט ווייט פון אונזער בעקעריי איז געווען די פּאָליציי קאָמענדאַטור און איך, אַלס בעקער, פלעג האָבן אַלס זייער אָפטע געסט סיי דעם סעקרעטאַר און סיי דעם קאָמענדאַנט אַליין בכבודו ובעצמו, וועלכע פלעגן קומען קויפן געבעקס און פאַרגעסן צו באַצאָלן. שטאַרק צום האַרצן פון דעם האָבן מיר זיך נישט גענומען, ווייל מיר האָבן געוווּסט אַ כלל, אַז אויב אַ פּאָליציאַנט און בפרט דער קאָמענדאַנט אַליין „נעמט", איז עס אַ סימן, אַז שלח לחמך על פני המים, און קיין רעה פון דעם וועט קיינמאָל נישט אַרויסקומען. און אַזוי איז טאַקע געווען. איך בין געוואָרן אַ שטאַרקער מקורב למלכות, פריער אין קליינע זאַכן, למשל: ביינאַכט, נאָך 9 אַזייגער, איז דאַן געווען פאַרבאָטן צו גיין אין גאַס, אָבער איך אָדער מיין שוואָגער זענען געגאַנגען פראַנק און פריי. צווייטנס: אויב מען האָט געמאַכט וועמען פון קלעצקער בעלי־בתים אָדער קרעמער אַ "פּראָטאָקאָל", האָט ער נאָר געדאַרפט אַריינ־גיין צו אונז און דערציילן, פלעג איך באַלד אַריין צום קאָמענדאַנט, אַרויס־גענומען דעם „פּראָטאָקאָל" אים צעריסן און געבראַכט דעם צעריסענעם פּאַפּיר צום קרעמער אָדער בעל הבית. ביי אונז איז ווערט געווען עס זאָל אויסגיין צו אַ טאָרט, אַבי קענען מיט עפּעס באַדאַנקען די האַרציקע קלעצקער תושבים.

דער סעקרעטאַר פון דער פּאָליציי איז געווען מיט מיר אַ גאַנצער חבר, און אויב אַ היימלאָזער פלעגט אַריינפאַלן אין דער פּאָליציי אָן אַ דאָקומענט — פלעגט ער גלייך מיר אָנזאָגן און איך, כדי נישט צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן פון דער פּאָליציי פלעג אַריינשיקן די שכנים: ר ו ף דעם אַפּטייקער און מיין בעל הבית א ב ע דער פישער. צוויי פאַרשידענע יידן אין כאַראַקטער און קולטור, אָבער אויף אַרויסנעמען אַ יידן פון טורמע האָבן זיי זיך זייער שנעל אויסגעגלייכט. זיי פלעגן כלומרשט אַריין צום קאָמענדאַנט אַלס שכנים בעטן אַ טובה, אַז מען זאָל זיי דערלויבן אַריינפירן דעם און דעם אַרעסטירטן צום בעקער ער זאָל דאָרטן אָפּעסן אַ מיטאָג אָדער וועטשערע .דער קאָמענדאַנט מיטן סעקרעטאַרס הילף פלעגט קיינמאָל נישט אָפּזאָגן, מיטן באַדינג אַז דער אַרעסטירטער זאָל זיך מעלדן נאָכן עסן צוריק אין פּאָליציי. אַבער אנשטאַט דעם אַרעסטירטן פלעג איך זיך מעלדן מיט אַ טאָרט, און דער קאָמענדאַנט האָט באַלד פאַרגעסן וועגן אַרעסטירטן... מיר האָט עס נישט געהאַרט, ווייל פון טאָג צו טאָג פלעג אונזער געשעפט פּראָגרעסירן, און אין אונזער בעקעריי האָבן סאָלדאַטן און היימלאָזע פיל מאָל געקראָגן אָפּצועסן זייער ביליק, אָפט אָן שום אָפּצאָל.

אין איינעם אַ אָוונט קום איך צופאָרן פון וואַרשע, און טרעף אין שטוב דעם פּאָליציי־סעקרעטאַר מיט דער טאָכטער און שנור פון רוף דעם אַפּטיי־קער, און ביים טיש זיצן אַ 3—4 פאַמיליעס מיט קינדער און מיין פרוי, איר ברודער ברוך און סאָניע רוף, באַדינט זיי מיט אַ וועטשערע. איך פרעג דעם סעקרעטאַר וואָס איז דאָס? זאָגט ער: פרעגט נישט. נעם אַ טאָרט און גיי אַריין צום קאָמענדאַנט. איך נעם צום טאָרט נאָך אַ פלעשל משקה, און פון דער הינטער־טיר קריך איך אַריין צום אדון הגדול. ער נעמט מיך אויף זייער פיין, און איך זאָג אים, אַז די וואָס עסן ביי מיר זענען גאָר באַראַנאָוויטשער און נישט קיין היימלאָזע, נאָר זיי האָבן ייייערע דאָקומענטן אין דער היים. אויב אַזוי, זאָגט ער, איז עפּעס אַנדערש, קענען זיי דאָך פאָרן אַהיים. באַלד בין איך אַריין אין שטוב און דערציילט דעם סעקרעטאַר, אַז דער קאָמענ־דאַנט הייסט די מענשן אָפּעסן און אַז זיי קענען פאָרן אַהיים קיין באַראַנאָ־וויטש. און דער פּאָליציי סעקרעטאַר האָט אַליין, אַ צופרידענער, זיי אַרויס־באַגלייט פון שטעטל, כדי עס זאָל זיי קיין שום עין הרע נישט פאַרשאַטן... אַלץ איז אַדורך בשלום.

בוענאָס־איירעס, אויגוסט־סעפּטעמבער 1958.

* זע אויך די זכרונות פון מ. טאבאַטשניק.

יוסף פרענקל / פון „חדר“ ביז „תרבות“

די טרעגער פון דער יידישער דערציונג אַמאָל

ביז׳ן אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט זענען די חדרים געווען די איינציקע דערציונגס־אַנשטאַלטן אין די קליינע שטעטלעך פון יידישן „תחום“. זיי האָבן געהאַט איין פּנים און אויסזען, אומעטום די זעלביקע לימודים, די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע, און זיי זענען אויסן געווען דאָס אויספורימען דעם גייסטיקן פּרצוף פונעם ייִנגל, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ ערלעכער ייִד. אויב ס׳זענען דאָ און דאָרט געווען אייניקע אונטערשידן און ניואַנסן — זענען זיי געווען אַ פּועל יוצא פונעם כאַראַקטער און פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פונעם מלמד.

צוזאַמען מיטן מלמד, וואָס האָט זיך גענומען צו דער פּראָפעסיע, ווייל ער איז בדרך כלל געווען אַ לא יוצלח, האָט מען אויך געקענט טרעפן אַ אַנדער טיפּ מלמד, מיט אַ געבאָרענער פּעדאַגאָגישער נייגונג, און פאַר אים איז דאָס מלמדות נישט געווען בלויז אַ זאַך פון פּרנסה, נאָר אַן עבודת קודש.

אַזאַ איינער איז געווען ביי אונז אין קלעצק דער מלמד מאָטיע ב אָ י אַ נ ע ר. אַ ייִד מיט אַ הדרת פּנים און אנגענעמער באַנעמונג, אַ חריף און אַ בקי אין ש״ס. און אָט וואָס עס דערציילט וועגן אים איינער פון זיינע תלמידים:

„ס׳איז אינדערפרי. די תלמידים זיצן אַרום טיש. די גמרות ליגן פאַר אונז און מיר וואַרטן, אַז אונזער רבי זאָל קומען; און אָט עפנט זיך אַ זייטיקע טיר, ס׳קומט אַן דער רבי. ער גייט מיט לאַנגזאַמע טריט. אַרום ווערט שטיל. ער זעצט זיך אַוועק און הויבט אָן לייענען דעם שיעור אין דער גמרא. ער דערקלערט די שווערע סוגיא אַזוי בנעימות׳דיק און פּאָפּולער, אַז ס׳פאַרכאַפּט אונז אַלעמען. ער פלעגט בכלל מיט אונז לערנען דעם שיעור מיט אַ בנעימות׳דיי־קייט, און מיר האָבן פון אים קיינמאָל נישט געהערט קיין הויך און שטרענג וואָרט. אָט די מעלה זיינע, ווי אויך זיין באַצויבערנדיקע פּערזענלעכקייט, האָט אַריינגעבראַכט אַ דיסציפּלין ביי די תלמידים“.

עס דערמאָנט זיך אויך ר׳ מרדכי מ ל מ ד (מלמד איז געווען זיין פאַמיליע־נאָמען, אָדער „מאָטקע מלמד“, ווי מען פלעגט אים ביי אונז רופן. ער איז שוין געווען אַ סך שטרענגער ווי ר׳ מאָטיע באָיאַנער, און ער פלעגט אַפילו אויך אַמאָל באַנוצן אַ קאַנטשיק פאַר די צעלאָזענע תלמידים, אָבער אויך ער איז געווען באַשאָנקען מיט אַן איינגעבאָרענער פּעדאַגאָגישע אינטואיציע און זיך דער־וואָרבן אַ ליבשאַפט ביי זיינע תלמידים. ער פלעגט מיט זיי לערנען אויך די העברעישע שפּראַך און דקדוק. מיר קענען אים טאַקע דערפאַר פאַרעכענען אַלס איינעם פון די, וואָס האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן „חדר מתוקן“, ווו מען האָט לויטן נייעם שטייגער געלערנט לויט דער שיטה פון „עברית בעברית“.

די פּיאָנערן פון נייעם דערציונגס־סיסטעם — „חדר מתוקן“

די השכלה־ווינטן און אידעען האָבן געהאַט אַ קנאַפּן איינפלוס אויף דער דערציונג ביי אונז אין שטעטל. אמת פון צייט צו צייט פלעגן זיך ביי אונז באַווייזן גימנאַזיסטן און סטודענטן מיט זייערע מונדירן און די בלאַנקענדיקע קנעפּ, אַזוי פלעגן מיר אויך אָנטרעפן די „עקסטערנס“, וואָס זענען ס׳רוב געווען געוועזענע ישיבה בחורים — אָבער דאָס זענען געווען איינצלנע פאַלן, בעת אין אַלגעמיין איז די אויפפירונג געווען יידישלעך לויטן טראַדיציאָנעלן שטייגער.

די געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע אויפטרייסלונגען פון אָנהויב יאָרהונדערט ברענגען אַריין אַ נייע ווענדונג אין יידישן דערציונגס־וועזן — און דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער גרינדונג פון די „חדרים מתוקנים“ אין זייערע פאַרשידענע שאַטירונגען. אַ נייעס איז אין זיי געווען, קודם־כל, דאָס, וואָס מ׳האָט געלערנט די לאַנדשפּראַך און אויך חשבון; שפּעטער לערנט מען אויך „עברית בעברית“ מיט אַ בולט׳ער ציוניסטישער טענדענץ, און לויט די פאָדערונגען פון דער פּעדאַגאָגיק.

איינער פון די פאָרגעשריטענע מלמדים ביי אונז איז געווען ר׳ בערל ק א צ ע נ ל ס א ן, אַ ייִד אַ הויכער מיט אַ פּאָר ברענענדיקע ליכטיקע אויגן, מיט אַ שטערן פון א תלמיד־חכם. אין זיין צייט אַ פּאָפּולערער מענש, צוגעצויגן מיט זיין פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך קעגנזייטיקע סתירות. די וואָס האָבן אים געקענט פון דער נאָענט, האָבן דערציילט, אַז ער איז אַ פריידענקער און האָט אויך אַ נייגונג צו עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערע אידעען, און אַז אין יאָר 1905 האָט ער אַגיטירט אין וואָרט און אין שריפט פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד; גלייכצייטיק איז ער אויך געווען איבערגעגעבן בלב ונפש צו חיבת ציון און דער העברעישער שפּראַך און קולטור. ס׳איז ביי אים געווען אַזאַ אייגנאַרטיקער האַרמאָנישער סינטעז צווישן אחד העם׳ס גייסטיקן ציוניזם און סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס, אַזוי האָט זיך ביי אים אויך סינטעזירט דער רמב״ם און קראָפּאָטקין. געשטאַנען פייער־פלאַמיק פאַר יעדן פון זיי, שטודירט זייערע ווערק. זיין משפּחה־לעבן, וואָס איז געווען אַ שווערס, די אָרעמקייט און די געשפּאַנטע באַציונגען מיט זיינע חברים־אין־פאַך האָבן געווירקט אויף אים, אַז ער האָט זיין ביטער האַרץ און כעס אויסגעלאָזט אָפּט אויף זיינע תלמידים; אָבער די תלמידים האָבן געהאַט פאַרשטענדניש פאַר אים און בכלל האָט מען אים זייער געשעצט, מען האָט געוווּסט אָפּצושאַצן זיין גרויסע ערודיציע און סיסטעמאַטישקייט אין די לימודים, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי אַלעמען.

ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ שטאַרקן ווילן איינצופלאַנצן ביי זיינע תלמידים אַ ליבשאַפט צו דער העברעישער קולטור, פלעגט לערנען העברעישע ליטעראַטור פון טביוב׳ס מאָדערנער כרעסטאָ־מאַטיע „מבחר הספרות“ און דער תלמיד פלעגט באַקומען אַ באַגריף וועגן לעבן און שאַפן פון יעדן שרייבער.

אָט וואָס עס דערציילט איינער פון זיינע תלמידים וועגן זיינע לימודים אין תנ״ך:

— „ר׳ בערל פלעגט פאַר יעדער אַזאַ לעקציע געבן אַ קורצע איינלייטונג און וועלכער ער פלעגט באַהאַנדלען די וויכטיקסטע געדאַנקען פון קאַפּיטל, און פון זיין מויל פלעגט זיך שיטן ממש פערל. נאָכדעם פלעגט ער דעקלאַמירן מיט דיקציע און מיט האַרץ די פסוקים פון אָט דעם נביא און פלעגט אַזוי אַרום געבן פאַר אונז, זיינע תלמידים, די גאַנצע קאָנצעפּציע און באַגריף פון דעם נביא.

דער איינדרוקספולער אופן פון זיין לערנען מיט אונז, האָט אונז ממש באַצויבערט, מיר זענען געווען באַרוישט פון די לימודים זיינע און דאָס איז געווען אונזער פאַרגיטיקונג פאַר די קלעפּ, וואָס ער פלעגט אונז אַמאָל געבן בעת ער איז געווען אין אַ נערוועזער שטימונג.

ער האָט זיך באַצויגן צו זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט ווי צו אַן עבודת הקודש, געציטערט, ווי אַ קינסטלער איבער זיין שאַפונג".

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, איז ער געוואָרן קראַנק אויף האַלז־שווינדזוכט. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט, אַז ער טאָר מער שוין נישט לערנען מיט תלמידים. פלעגט מען אים דאַן טרעפן, ווו ער זיצט בלייך, שוואַך, אָפּגעמאַטערט, אַן אומעטיקער, אויף אַ בענקל ביי זיין הויז און וואַרעמט זיך אין דער זון. ער האָט דאַן אויסגעזען ווי אַ מלחמה־העלד, וואָס איז צוריקגעקומען אַ שטאַרק־פאַרוווּנדעטער פון אַ גרויסער שלאַכט. דאָס ריידן, וואָס איז געווען זיין וויכטיקסטער כלי־זין אין געראַנגל פאַר זיין אידיי און דערציונגס־אידעאַל — איז אים איצט פאַרבאָטן געוואָרן. און אַזוי, שטיל, פאַריינזאַמט און אומעטיק, האָט ער געדולדיק געוואַרט אויף דער שקיעה פון זיין לעבן.

עס זענען אין קלעצק אַ חוץ אים געווען נאָך אייניקע פאָר־געשריטענע לערער, און מיר מעגן זיי פאַררעכענען אַלס פאָנען־טרעגער, וואָס האָבן אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַר דער מאָדערנער העברעישער „תרבות" שול. דער ציל איז געווען קלאָר: פורעמען אַ יונגן דור פון אַ העברעיש־נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ.

דער ווענדפונקט איז געקומען מיט דער גרינדונג פון דער „תרבות" שול. דאָס איז געווען ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אייניקע האָבן גובר געווען אַלע קווענקלענישן און די מורא, אַז מ׳וועט מיט העברעיש נישט זיין בכוח צו קעמפן קעגן דער סביבה אַרום, און מיט ברען און התלהבות האָבן אָט די פּיאָנערן־קעמפער עקשנות׳דיק געקעמפט פאַר אָט דער אונטערנעמונג, וואָס איז דאַן געווען זייער געוואַגט. אָט דאָס האָט געשאַפן דעם העברעישן קלימאַט, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אַטמאָס־פער פון חלוציזם, וואָס האָט צוביסלעך אַרומגענומען גרעסערע קרייזן ביי אונז אין שטעטל.

דער וועג פון דער „תרבות" שול

ווי געזאָגט, איז די טענדענץ געווען קלאָר. אָבער דאָס גרינדן פון דער „תרבות" שול איז ביי אונז נישט אָנגעקומען גרינג, ס׳איז געווען אַ געראַנגל מיט דער רעליגיעזער סביבה, אָבער עס האָט גובר געווען דער וווּקס פון די נייע כוחות. אַפילו די פרומע קרייזן האָבן זיך געמוזט באַציען צו אונז מיט אַ ביסל ליבעראַליזם, זיי אַליין האָבן געמוזט זיך צוגעוווינען צו די נייע מעטאָדן, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין דערציונגס־וועזן. אויך אין דער תלמוד־תורה פאַר יינגלעך און אין דער בית־יעקב שול פאַר מיידלעך, האָבן זיי איינגעפירט נייע מעטאָדן. ביי זיי האָט געפעלט אָבער דער עיקר — דער גייסט פון אויפלעבונג, פון דער נייער העברעישער קולטור, וואָס איז געווען די דאָמינירנדיקע טרייב־קראַפט ביי דער גרינדונג פון דער „תרבות" שול. און אַ יאָר נאָך דער באַלפור דעקלעראַציע, האָבן טאַקע עטלעכע יחידים, חלוציש־ציוניסטישע טוער און אין זייער שפּיץ ברוך ליס (דגניה א׳) און זיין פרוי די לערערין רבקה מארגאלין (געשטאָרבן אין דגניה א׳) — געשאַפן די העברעישע שול מיט דריי נידעריקע קלאַסן, און האָבן דערביי אַריינגעלייגט אַ סך כוחות און איבערגעגעבנקייט.

אָט די שול וואָס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן, האָט נישט לאַנג עקזיסטירט. עס האָבן זיך געביטן די רעזשימען, און אויך די עליה פון די גרינדער קיין ארץ ישראל, האָט גורם געווען, אַז עס זאָל קומען אַ קליינע הפסקה, נישט אויף לאַנג.

אין יאָר 1923, איז געגרינדעט געוואָרן אין קלעצק דער סניף פון דער ציוניסטישער אַרבעטס־פּאַרטיי „התאחדות". אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט איז דער סניף געוואָרן איינער פון די שטאַרקסטע אין פּוילן. צווישן די חברים האָט זיך אויסגעצייכנט אַ גרופּע יונגע חברים, מיט אַ סך איניציאַטיוו און שאַפונגס־גייסט. זיי האָבן עס גענומען אויף זיך די דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו שאַפן די העברעישע נאַציאָנאַלע שול. זייער אויפטו האָט זיך אָבער באַלד אָנגעשטויסן אויף דער קעגנערשאַפט פון די עקסטרעם־רעליגיעזע קרייזן, וואָס זענען אַרויס קעגן זיי מיט מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע און מיט אויפ־רופן אין די שולן. די יונגע ענטוזיאַסטן האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן, און זענען טאַקע אינגיכן אַרויס די זיגער. ס׳האָט זיך פאַר דער שול געפונען אַ פּאַסיקע דירה אין רייזען׳ס הויז.

אויף אַן אַנדערן פּלאַץ אין אָט דעם בוך קאָן דער לעזער געפינען פּרטים וועגן די שוועריקייטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן דער־ווערבן דאָס הויז. צוליב דעם וואָס עס איז דאַן געווען פאַרנומען דורכן מיליטער, איז די גרינדונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ גאַנץ יאָר, און ענדלעך, אין סעפּטעמבער 1924, איז געעפנט געוואָרן די „תרבות" שול מיט 5 קלאַסן, מיט 160 תלמידים.

מיר האָבן פריער גערעכנט צו עפענען נאָר נידעריקע קלאַסן, אָבער אַזוי ווי אַ סך עלטערן האָבן געהאַט דערוואַקסענע קינדער, און זיי האָבן געפאָדערט דורכויס צו עפענען קלאַסן אויך פאַר די דערוואַקסענע קינדער — האָבן מיר געמוזט נאָכקומען זייער בקשה.

אין די ערשטע יאָרן האָבן מיר נישט געהאַט אַפילו קיין ביב־ליאָטעק. איז אונז צוהילף געקומען ה׳ יצחק טרובאוויטש (זיין ברודער ברוך ז"ל איז געווען אַ מיטגליד פון אונזער עלטערן־קאָמיטעט) און האָט אונז געשאָנקען אַ ווערטפולע ביבליאָטעק פאַר די קינדער. אַלס דאַנק האָבן מיר אים געשיקט אַ בילד פון דער שול, געמאָלן דורכן שילער ישראל ווילענטשיק, מיט אַ ווידמונג געחתמ׳ט דורך די מיטגלידער פון עלטערן־קאָמיטעט. דער דאָזיקער שילער, אגב, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פעיקייטן צו מאָלעריי, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט. זיין ברודער משה, אויך אַ שילער פון דער „תרבות" שול, געפינט זיך אין מעכסיקאָ.

עס האָבן דאַן אָנגעהויבן צו שטראָמען צו אונז תלמידים, אַזעל־כע וואָס האָבן פריער געלערנט אין דער פּוילישער שול און האָבן גוט געקענט די קעגנשטאַנדן אין פּויליש, און עס זענען אויך געקומען תלמידים פון די חדרים און פון די רעליגיעזע שולן — און זיי האָבן ווידער געהאַט אַ גרויסן באַגאַזש פון ידיעות אין תנ"ך און תלמוד; פאַר זיי איז אָבער געקומען שווער זיך צופּאַסן צום נייעם גערעדטן העברעיש. איז אונזער פּעדאַגאָגיש־דידאַקטישער אַרבעט זענען מיר, טאַקע אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן פּראָבלעם, ווי אַזוי צו האַרמאָ־ניזירן אָט דעם פילפאַרביקן מענטשן־מאַטעריאַל פון די תלמידים. מיט דער צייט האָבן מיר גובר געווען אַלע שוועריקייטן.

פאַרשידענע טיפּן לערער זענען געווען אין דער „תרבות" שול. עס דערמאָנט זיך די לערערין מינקאָוויטש (אומגעקומען) וואָס האָט געלערנט מיט די קלאַסן 1 און 2. זי האָט נישט געהאַט קיין

שום פראָבלעמען, אָבער דאָקעגן האָט זיך באַקלאָגט דער לערער פון די רעאַלע לימודים, אַז די העברעישע שפּראַך צו וועלכער מען איז נאָך נישט צוגעוווינט, פאַרשאַפט שוועריקייטן די תלמידים, און ס׳איז קענטיק, אַז זיי זוכן זיך אויסצודריקן אין פויליש אָדער אין יידיש.

דער שרייבער פון די שורות איז דעמאָלט געווען לערער פון תנ״ך, העברעישע שפּראַך און ליטעראַטור. מיין לאַגע איז געווען אַ סך בעסער ווי פון יענעם לערער. איך בין געווען פריי אין מיין אויס־וואַל, געקענט אויסקלייבן אַזאַ לייכטן און צוציענדיקן מאַטעריאַל פאַר מיינע לימודים ווי דעם רייכן הומאָר פון שלום־עליכמען, דערהויפּט די מעשה׳לעך פאַר קינדער. און אָט האָב איך געלייענט פאַר זיי קאַפּיטלעך פון י. ל. פּרץ׳עס מעשיות, וואָס האָבן ווידער פאַרכאַפּט מיט זייער רייכן געפילס־לעבן. איך האָב אויך באַמערקט, אַז עס פאַרכאַפּט די תלמידים, סיי די טעמאַטיק און סיי דער פּאָעטיש־לירישער לשון פון יהודה שטיינבערג, ש. בן־ציון און אַנדערע קלאַסיקער.

צוועלף אַזייגער האָבן מיר געהאַט אַ הפסקה. אין אָט דער שעה פלעגן קומען אין דער שול די מאַמעס און ברענגען עסן פאַר די קינדער, דערהויפּט פון די נידעריקע קלאַסן. און, ווי דער שטייגער, געווען רייכערע, און אָרימערע; אויך אַ פּראָבלעם פאַר דער שול...

פון צייט צו צייט פלעגן זיך ביי אונז דערוועקן ספּעציפישע פראַגן ווי, למשל, צי זאָלן די תלמידים לערנען אין הוילן קאָפּ. פרומע עלטערן האָבן נישט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען „בגילוי ראש״ — מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט איינגיין דערויף. איז געבליבן, אַז נאָר זייערע קינדער זאָלן זיצן מיט פאַרדעקטע קעפּ, די איבעריקע דאַקעגן מיטן הוילן קאָפּ. מיט דער צייט האָבן אויך די פרומע קינדער געלערנט די לימודים מיט הוילע קעפּ.

יאָרן זענען אַוועק. די שול האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרפעסטיקט ווי אַ נאָרמאַלע שול, אין אַ מלוכה׳שן פאַרנעם. די תלמידים, וואָס די ערשטע צייט, איז פאַר זיי געווען שווער זיך צוגעוווינען צום העברעיש ביי די רעאַלע לימודים, האָבן צוביסלעך דערוואָרבן די שפּראַך. די „תרבות״ שול איז געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט ביי אַלע איינוווינער פון אונזער שטאָט. אויך אין דער צענטראַלע פון „תרבות״ אין וואַרשע האָט מען זי באַצייכנט אַלס איינע פון די בעסטע אין פוילן.

איינמאָל, אָפט אויך צוויי מאָל אין יאָר, פלעגט אונז באַזוכן דער אינספּעקטאָר א. איינשטיין (אומגעקומען). עס דערמאָנט זיך מיר זיין ליכטיקע פּערזענלעכקייט. געווען אַ מענטש מיט איניציאַטיוו. פאַרמאָגט אַ מאַגנעטישע צוציונגס־קראַפט, פול מיט הומאָר און באַשאַנקען מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. אַ סך געהאָלפן ביים אָרגאַניזירן די פאָלקס־שולן אין פוילן. בעת ער פלעגט קומען צו אונז, האָט ער באַזוכט די לעקציעס פון די לערער, זיך באַטייליקט אין די פּעדאַגאָגישע זיצונגען און פלעגט אויך האַלטן אַ מאָל אַ עפנטלעכן רעפעראַט וועגן קולטור ענינים.

עס שווימען אויף אין זכרון אויך געשטאַלטן פון לערער אין די נידעריקע קלאַסן. למשל, יעקב דובעלמאַן, אַ קליינינקער, אַ בייכיקער, פול מיט לעבן און באַוועגונג. געווען אַ באַגאַבטער דיכטער און פעליטאָניסט, פאַרעפנטלעכט שירים און פעליטאָנען אין „היום״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע. געווען אויך אַ זינגער, מאָלער און געהאַט נייגונגען פון אַ שוישפּילער; דערצו איז ער געווען באַשאַנקען מיט אַ פּעדאַגאָגישן חוש און געהאַט אַ גוטע העברעישע ערודיציע. ער האָט טאַקע זיך דערוואָרבן אָפּשאַצונג אין אַלע קרייזן, און דערהויפּט שטאַרק אויסגענומען בעת מיר פלעגן איינאָרדענען נשפים און יום־טובדיקע פייערלעכע אָוונטן — דעמאָלט האָט ער טאַקע געשפּילט די ערשטע פידל.

די נשפים זענען ביי אונז געווען אויך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע פאַר דער העברעישער קולטור און צוגעצויגן די יוגנט.

אָט דער יעקב דובעלמאַן איז ביי אונז געווען אַ לערער עטלעכע יאָר. בעת ער איז אַוועק האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען די לערערין חנה מיטעווסקי (אומגעקומען). אויך זי איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך אייגנשאַפטן פון אַ גוטע לערערין און געווען זער איבערגעגעבן דער ציוניסטישער טעטיקייט ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

מ׳דאַרף אויך דערמאָנען דעם לערער דרייזין (אומגעקומען) וואָס האָט געלערנט די רעאַלע לימודים. אַ מענטש מיט בילדונג, און אַ סך געהאָלפן אויסצובילדן און אויסצופורעמען דעם גייסטיקן פּרצוף פון נייעם דור.

די וואָרצלען, דער עיקר׳דיקער שטויס־כוח, איז געווען חלוציזם און ארץ־ישראל. פּראַקטישע ציוניסטישע אַרבעט איז טאַקע אויך געטאָן געוואָרן — מיר האָבן די בלויע פּושקע פון קרן קיימת לישראל פון שול אויספאַרשפּרייט אין די היימען פון די קינדער. כסדר איינגעאָרדנט נשפים און אָוונטן, געווידמעט ארץ־ישראל. די אָוונטן פלעגן דורכגיין זער פייערלעך — באַזונדערס חנוכה, פורים, חמישה עשר בשבט א. אַז. וו. מיר האָבן אין די הערצער פון די תלמידים איינגעפלאַנצט די דורותדיקע ליבשאַפט צו ארץ־ישראל. די דערציערישע אַרבעט איז געווען פאַר אונז אַ שליחות, אין גייסט פון מאָדערנעם העברעישן רענעסאַנס. און נישט ווייניק פון אונזערע תלמידים האָבן טאַקע זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון יידישער אויפלעבונג.

צבי ליס / די „תרבות״ שול

געווען איז עס, ווען עס האָבן זיך ביי אונז פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די פּוילישע רעגירונג וועט מער נישט דערלויבן קינדער צו לערנען אין חדרים, נאָר וועט פאָדערן, אַז מ׳זאָל איינפירן מאָדערנע איינריכטונגען מיט היגיענישע באַדינגונגען.

דעמאָלט, אין אָנהויב פון פּוילישן רעזשים, איז די „תרבות״ שול געווען געשטערט, עס האָבן עקסיסטירט די שולע פאַר מיידלעך „בית יעקב״ און די ישיבה איז דעמאָלט אַריבער פון סלוצק קיין קלעצק. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו גרינדן פּוסניי די „תרבות״ שול.

בעת מיר האָבן זיך געווענדעט צו העלטערן און זיי גערופן אויף אַ זיצונג, האָבן מיר באַלד זיך אָנגעשטויסן אויף שטערונגען מצד דער „אגודה״, וואָס האָט אויף זיי געווירקט, אַז זיי זאָלן אונז נישט העלפן. מיר האָבן באַלד איינגעזען, אַז מיר זענען אָפּהענגיק בלויז פון די אייגענע כוחות, און אַזוי איז עס טאַקע געווען; מיר האָבן דאַן אַנטפּלעקט אַ שעפערישע איניציאַטיוו, און געדונגען אַ דירה אין הויז פון יצחק רייזען, ווו עס איז אויך געווען אַ ווייסרוסישע גימנאַזיע. דער אייגנטימער פון דער דירה האָט געזען, אַז איצט, אונטערן נייעם פּוילישן רעזשים, וועט זיך שוין מער נישט האַלטן קיין רוסישע גימנאַזיע — האָט ער מסכים געווען אונז צו געבן די דירה.

בכלל, האָט זיך די „תרבות״ שול געפירט אויף אַ מאָדערנער סיסטעם, און האָט אַ סך פאַרשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן גייסט ביים יונגן דור — און און מיר האָבן טאַקע געזען די פּאַלגן פון אונזער אַרבעט.

ישראל נחמן אדלער
(נוי־יאָרק)

די תלמוד תורה

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל איז געווען באַוווּסט אין קלעצק אַלס ישראל נחמן, שלמה ביינוסעס אַ פּלימעניק, געווען טעטיק אין פּועלי ציוניסטישע קרייזן.

אין אַמעריקע גראַדואירט אַ לאָו־קאַלעדזש, דירעקטאָר פון אַ העברעאישער שולע, מיטאַרבעטער אין העברעאישע צייטשריפטן.

איך וועל אייך פירן צו דער קלעצקער תלמוד־תורה. לאָמיר אָנפאַנגען פון מאַרק, וועלכער איז אין סאַמע מיטן שטאָט. פון מאַרגלייך פון מאַרק ציען מיר זיך אַריין אין דער יידישער גאַס (אגב, איך קען עד היום נישט פאַרשטיין פאַרוואָס די גאַס האָט געהאַט דעם ספּעציפישן נאָמען „יידישע גאַס" — דוכט זיך אַלע גאַסן אין קלעצק, אויסער פילייכט די חזיר׳שע און די טאַטערישע געסלעך, זענען געווען אָדער דורכויס יידישע אָדער אַממערסטן יידישע?).

איצט שטעלט אייך פאָר, אַז מיר האָבן דורכשפּאַצירט דעם אונטערשטן טייל פון אַ קמץ גדול אָדער אַ ענגלישן „טי". גלייךביים סוף פון דער יידישער גאַס האָט זיך באַוויזן דער אויבערשטער טייל פון „טי". פון איין זייט, צו רעכטס, די ראַמישצער גאַס, וועלכע האָט געפירט צום טייך און פון צווייטן זייט פון „טי" לינקס די סיניאַווקער גאַס. אין צענטער פון אויבערשטן טייל פון „טי" איז געשטאַנען די קלעצקער תלמוד־תורה.

און דאָ בלייב איך שטיין אויף אַ ווײַלע מיט אַ פּאָר פראַגן: ערשטנס, דער רחבת׳דיקער בנין? נאָך אַלעמען איז דאָך אַ תלמוד־תורה נאָר פאַר אָרימע קינדער. האָב איך דערוואַרטעט צו זען אַ חורבה, נישט בעסער ווי דער „הקדש" — אָט דער פינצטערער, אימה׳דיקער, מעלאַנכאָלישער הקדש וועלכער איז געשטאַנען איבער אַ בלאָטיקן און בלוטיקן קאַנאַל, ביים מרחץ און ביי דער יאַטקע, און האָט געדינט אַלס אַ וווינונג פאַר די פּאָר משוגעים פון שטעטל און אַמאָל אויך פאַר ראובֿ׳לע דער גנב און זיין חברה יעדעס מאָל ווען זיי האָבן „באַזוכט" קלעצק — איין מאָל אַ יאָר, דוכט זיך.

ערשט, להיפך, צום הקדש איז די תלמוד־תורה געווען אַ גאַנץ הויכער, רחבות׳דיקער בנין מיט גרויסע ליכטיקע פענצטער און אַ וואַרימען פּנים.

צווייטנס, האָב איך ביי זיך געטראַכט, ווי קומט עס וואָס די תלמוד־תורה שטייט גאָר אין אַ ווינקל גאַס? אַ תלמוד תורה דאַרף על פי שכל, שטיין נעבן בית־המדרש מיט די פּאָר קלויזן אַרום.

דער שול הויף וואָלט געווען אַ פיל פּאַסיקערער אָרט פאַר דער תלמוד־תורה. אויף די אַלע קושיות האָב איך קיין תירוץ נישט געפונען.

און איצט לאָמיר אַריינגיין אין דער קלעצקער תלמוד־תורה. ראשית כל, לאָמיר זיך באַקענען מיט דעם אויפפּאַסער. דער אויפפּאַסער, יודע דער זעגער, איז געווען אַן אומענדלעך הויכער, דינער ייד מיט אַ לענגלעכן פּנים און אַ דינע, גרויע, שפּיציקע בערדל. איך האָב געזאָגט „ייד" מיט קערנדל פון ספק: ווייל יודע דער זעגער איז בשום אופן נישט געווען ענלעך צו אַ ריכטיקן יידן. ערשטנס, זיין אומהיימלעכער הויך, וואָס עס „פּאַסט" זיך גאָר נישט פאַר אַ יידן. און צווייטנס — אָט ווי הויך יודע איז געווען איז ער געגאַנגען גלייך ווי אַ סטרונע. גאָר נישט מעשה ייד. און דריטנס, האָט ער גערעדט יידיש ווי אַ „גוי" — אויב ער האָט בכלל גערעדט.

יודע איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ שווייגער, אויך נישט מעשה ייד. און פערטנס, האָט איר שוין געזען אַמאָל אַ יידן אַ זעגער, אָדער אַ האָלץ האַקער? האָלץ האַקן, האָב איך ביי זיך געטראַכט — פּאַסט זיך פאַר האַראַשים האַספּאַדאַר, דעם קלעצקער שבת־גוי. איז טאַקע אַ סברה אַז יודע דער האָלץ האַקער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט וועלכער איז פאַרגויישט געוואָרן ביי „פּאָניען" פאַר די 25 יאָר פון סאָלדאַטשינע.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז יודע האָט געהאַט אַ פרוי, איז אָט די פרוי זיינע געווען דער היפוך פון יודען. אָט ווי ער איז געווען אוממענטשלעך הויך אַזוי איז זיין פרוי געווען אַ קורצע, אַ דראָבנע מיט אַ קינדישן פּנים. און אין היפוך צו יודעס זעלבסט־זיכערן שווייגן, איז זיין פרוי געווען אַ ביסל אַ שרייעריין מיט נערוועזישע צעשראָקענע אויגן און אַ טויבלאַכן פּנים. אָט די שוואַכע פרוי איז געווען אַן אמת׳ע עזר כנגדו. זי פלעגט זיך אַרום טראָגן מיט אַ קאָראָמיסל אויף אירע מאָגערע פּלייצעס, צוויי עמערס מילך, צום פאַרקויפן צו די שכנים אַרום. אויך האָט זי „אָנגעקניפּט געשעפטס־פאַרבינדונגען" מיט די קינדער פון דער תלמוד־תורה. און דאָס איז געווען ממש אַ ברכה פאַר די אָרעמע קינדער, וועלכע האָבן געקענט קויפן פאַר אַ קאָפּיקע, אָדער גאָר אויף „באָרג" אַ מעסטעלע וואַרעמע מילך מיט אַ פּלויקע, וואָס האָט געהאַט ממש אַ טעם גן־עדן.

די תלמוד־תורה האָט געהאַט צוויי מלמדים, איינער ר׳ זונע, וועלכער האָט געלערנט מיט די קינדער גמרא און דער צווייטער ר׳ אליה חיים, וועלכער האָט געלערנט מיט די קינדער חומש מיט רש״י.

אַזוי ווי ביי ר׳ אליה חיים׳ען האָב איך קיינמאָל נישט געלערנט, קען איך וועגן אים נישט שרייבן און וועל גלייך איבערגיין צו מיין רבין ר׳ זונע.

ר׳ זונע איז געווען אַ מילדער ייד מיט אַ וואַרעמען פּנים און פאַרחלומ׳טע צאַרטע אויגן. ער איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער מיט אַ ברייטן פּנים און עפּעס העכער פון מיטעלן וווּקס — און דאָך האָבן די קינדער נישט געשראָקן זיך פאַר אים, אַחוץ דעם יראת הכבוד וואָס מיר האָבן געפילט פאַר אים. זיין מילדקייט האָט זיך אויסגערדיקט אין געוויסע צופעליקע כאַראַקטער־שטריכן. מיר פלעגן אַלע זיצן ביי אַ לאַנגן טיש. מיר, תלמידים, אויף אַ לאַנגן באַנק, פון איין זייט טיש, און ר׳ זונע — אַנטקעגן אונז, אויך אויף אַ האַרטן לאַנגן באַנק. האָט ר׳ זונע אָבער געהאַט אַ מין קישעלע געמאַכט פון פיינעם ווייסן לייוונט, אויף וועלכער ער פלעגט שטענדיק זיצן. דאָס האָט אים צוגעגעבן אין אונזערע אויגן אַ שטריך פון מילדקייט, צערטלעכקייט און ריינלעכקייט. אויך פלעגט ר׳ זונע האָבן גאַנץ אָפט אַ שטיקל האַרטן צוקער אין מויל. עס האָט געהייסן ביי די קינדער, אַז ר׳ זונע דאַרף עס האָבן אַ סגולה פאַר זיין הייזעריקייט, פאַר אַ ווייכע שטימע. און דאָס האָט אים אויך צוגעגעבן אַ געוויסע מענשלעכע צערטלעכקייט. און אַזוי ווי ר׳ זונע איז געווען אַ גרויסער בעל הסברה, אַזוי אַז ער האָט מיט זיינע קלאָרע ווייכע רייד און אַ סך לעבעדיקע משלים קלאָר געמאַכט די שווערסטע גמרא — האָבן מיר קינדער פאַרשטאַנען דעם ענין צוקער אַלס נאַטירלעך. האָבן מיר אים ר׳ זונען, טאַקע איינמאָל געגעב אַ מתנה אַ צוקער פּיראַמיד.

אַ דריטער שטריך וועלכער האָט אים געמאַכט מענשלעך־צערטלעך איז געווען זיין אַרט שווימען אין דעם ראַמישצער טייך אין די בין השמשות שעה׳ן. ער פלעגט אַוועקשווימען גאַנץ ווייט אין טייך, אַזש אין „סאַזשעלקע" אַריין — אָט די קליינע טיפע „געסעלע" פון וואַסער צווישן ווילדע געוויקסן פוןביידע זייטן וועלכע מיר פלעגן רופן די „קעסל־גרוב" — די העכסטע מדרגה פון אַ שווימער אין קלעצק. אָבער דער עיקר איז, וואָס ר׳ זונע פלעגט שווימען אויפן פּלייצע, געלאַסן, גראַציעז, אָן געפּילדער און זיינע ווייסע פיס בלאַנקן אַרויס פונעם וואַסער — אַזוי ווי ער האָט געשווומען אינעם ים התלמוד, געלאַסן, פאַרחלומ׳ט און קריסטאַל־קלאָר.

ר׳ זונע האָט געהאַט אַ טיפן, דויערנדיקן איינפלוס אויף מיין גייסטיקן און מאָראַלישן וועזן. אַלס אַ לערער ווייס איך, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן פעדאַגאָגישן טאַלאַנט און איינגעבוירענע אינטואיציע. זיינע שטראָף ווערטער זענען געווען פסיכאָלאָגיש טרעפלעך. ער האָט שטענדיק געמאַכט מיר צו פאַרטראַכטן זיך. ווען ער פלעגט אָנפאַנגען דערציילן וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרער תלמיד מיין עלטערער ברודער אברהם שלמה איז געווען איז דאָס געווען גענוג צו טרייבן מיך צום לערנען מיט מער חשק. און אויב דער יצר הרע פון שפּילן זיך האָט זיך ווידער אַ מאָל צעלאָזן, פלעגט ר׳ זונע נעמען דערציילן מיר וואָס אַ וווּנדערבאַרער תלמיד איז געווען מיין קוזין יוסף דעם פעטער שלמה׳ס. און דאָס איז געווען גענוג צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע אויף נאָך אַ פּאָר וואָכן. אָט אַזוי האָט ר׳ זונע גענוצט די וויסנשאַפט פון פסיכאָלאָגיע כאָטש ער האָט, מסתמא, קיין מאָל דאָס וואָרט נישט געהערט.

ר׳ זונע איז געווען אַ גרויסער ענו, אין בית המדרש, זיך נישט גערוקט אויבן אָן, געווייכט פון די פעטע עליות, בעת קריאת־התורה, געווען שטיל און באַשיידן, אַ נוח לבריות. אין זיין צוואה, וואָס ער האָט געלאָזן פאַר זיין טויט, האָט ער געבעטן, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען אָנשרייבן דעם באַשיידענעם אויפשריפט: „פּה נטמן ר׳ זונע, מלמד בתלמוד־תורה" — נישט מער.

יאָרן זענען פאַריבער, אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דער וועלט, זי האָט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען לענדער, שטעט און שטעטלאַך.

אין חורבות ליגט אונזער מאַמע־קלעצק, פאַרוויסט און פאַרברענט איז די תלמוד־תורה, געשענדעט איז דער אַלטער הונדערט־יאָריקער בית־עולם, פאַרשלעפּט ערגעץ־ווּ איז ר׳ זונעס באַשיידענע מצבה — נאָר קיין פיזישע פאַרניכטונג קען נישט אָפּמעקן דעם העלן ליכטיקן אָנדענק פון מיין רבי זונע, דער מדריך און דערציער פון עטלעכע דורות פון אונזערע לאַנדסלייט.

זאָל אָט די באַשרייבונג זיין אַ ווערטער־מצבה פאַר איינעם פון די זיילן פון מיינע זכרונות — די קלעצקער תלמוד־תורה מיט איר גייסטיקן פירער, דעם וווּנדערבאַרן רבי זונע.

רחל אלפעראוויטש / די גייסטיקע ירושה פון „בית־יעקב"

בעת איך וויל דערציילן וועגן מיין דערציונג אין קלעצק, דערמאָנען זיך מיר מיינע שווערע קינדער־יאָרן. דאָס איז געווען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די געשעענישן האָבן געבראַכט גרויסע איבערייסלונגען אין יידישן לעבן אין די שטעטלעך. אַ סך האָבן געמוזט אַוועקוואָגלען און זענען פאַרוואָרפן געוואָרן אין טיף־רוסלאַנד. אַזוי איז אויך געווען מיט מיין משפּחה, און אין די צוואַנציקער יאָרן זענען אירע רעשטן, פון מיין מאַמע, מיין שוועסטער און איך אָנגעקומען אין קלעצק.

די לאַגע אין שטעטל איז דעמאָלט געווען גענוג קלאָגעדיק, און עס האָט געבושעוועט אַ מגיפה פון טיפוס, וואָס האָט פאַרשניטן די לעבנס פון מיין מוטער און שוועסטער. איך בין דאַן געבליבן אַן עלנטע יתומה און לויט די באַציונג וואָס מען האָט צו מיר אַרויסגעוויזן איז געווען פאַר מיר קלעצק ווי אַ רחמנות׳דיקע מוטער, וואָס נעמט אויף אין אירע אָרעמס אַ פאַרוואָגלט קינד. די לערער האָבן מיר דערצויגן מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און איידלקייט, און זיי האָבן אויסגעפורעמט מיין פערזענלעכקייט אין גייסט פון ציון און חלוציזם.

עס לעבט אין מיין זכרון דאָס בילד פון קלעצק אין יענער צייט. די שטאָט האָט געהאַט אַ ברויזנדיק האַרץ, וואַך און מיטפילנדיק פאַר די פילע פּליטים, וואָס זענען אַהין געקומען. די קלעצקער תושבים האָבן אַרויסגעוויזן פאַר די פּליטים זייער גרויסע אהבת־ישראל. די קהלישע־מענטשן זענען געווען דורכגעדרונגען מיט פלאַמיק־אידעאַליסטישער וויזיע, זיי דערהויפּט, און האָבן אַרויסגעוויזן זייער הילף פאַר די מלחמה יתומים, און דאָס האָב איך אויך דאַן געפילט.

אָט אַזעלכע טייערע יידן מיט האַרץ און נשמה ווי דער רב הערענזאָן און די אַנדערע נכבדי הקהל, וואָס כ׳געדענק איצט נישט מער זייערע נעמען, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן, הומאַניסטן אין תוך פון זייער נשמה.

איך געדענק מיט יראת־הכבוד דעם זון פון רב מנחם הערנזאָן ז״ל, אַ מענש מיט יוגנטלעכן ברען, ווי ער איז געקומען אין מיין אָרעמען צימערל מיט אַ לערן־בוך, העפטן, בליישטיפטן א. אַז. וו., מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, און קוקענדיק אויף אים האָב איך זיך מיט לוסט גענומען צום לערנען. ער שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן, אָט דער לערער מיינער, ווי אַ דערמוטיקנדיקע ליכטיקע פּאָן, אַ מענש מיט אַ ברויזנדיק האַרץ וואָס האָט געוווּסט ווי אַזוי איינצופלאַנצן אין האַרצן פון אַ העלנטע יתומה גלויבן אין מענש. זיין איבערגעגעבנקייט האָט ביי מיר אָנגעצונדן אין דער נשמה דעם באַגער צו אַ שענערער ווירקלעכקייט, און אָט די באַציונג פון מיין לערער איז געווען ווי אַ באַלוינונג פאַר מיינע יסורים און פּיין, וואָס האָבן מיר געטראָפן אַזוי יונג.

מיט אַ ציטער אין האַרצן פלעג איך יעדן אינדערפרי וואַרטן אויפן אָנקומען פון אָט דעם לערער, מנחם, מיט גייסטיקן תענוג פלעג איך לערנען. עפּעס ווי דער לערער וואָלט פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ גרויסע גייסטיקע וועלט, מיר אַריינגענומען אונטער די פליגלען פון דער שכינה. ער איז געווען באַשאָנקען מיט פעדאַגאָגישע פעיקייטן, אין יעדער לעקציע אונז געוויזן וויפיל וויסן און שיינקייט ס׳איז פאַראַן אין די לימודים, און אַז ער האָט מיט אונז געלערנט העברעישע ליטעראַטור האָט ער אַרויסגעבראַכט די גאַנצע לעבנסזאַפטיקייט און די עסטעטישע שיינקייט פון די גייסטיקע שאַפונג.

אַ געוויסע צייט בין איך געווען זיין פּריוואַטע תלמידה, און אין משך פון דער צייט זענען צוגעקומען נאָך מיידלעך אין מיינע יאָרן. עס דערמאָנט זיך ווי מנחם האָט אונז געלערנט ח. נ. ביאַליק׳ס ליד „אל הצפור". לערנענדיק האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער דיכטער וואָס האָט דאָס ליכט פון זיין פּאָעזיע „פון פעלז פון זיין אייגענער נשמה אויסגעהאַקט". עפּעס האָט מנחם, דער לערער מיינער געהאַט אַ כוח צו דערוועקן אין מיר אַ געפיל, אַז איך בין נישט קיין יתומה, גאָר נישט איינזאַם, און ס׳איז פאַראַן אַן אָרט אויך פאַר מיר אויף דער וועלט...

דערווייל האָבן עטלעכע פון די שטאָטישע עסקנים און אין זייער שפּיץ דער אומדערמידלעכער טוער הרב פימשטיין ז״ל, באַקומען אַ בנין און דאָרטן געגרינדעט די שול פאַר מיידלעך „בית יעקב". ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און די שול איז געוואָרן טומלדיק פון מיידלעך, וואָס האָבן געלערנט, און זייער געזאַנג האָט

זיך געטראָגן אַרום. נישט גרינג איז געווען צו דעקן דעם בידזשעט, אָבער עס האָבן זיך געפונען איבערגעגעבענע טוער, וואָס האָבן געזאָרגט דערפאַר.

קלעצק האָט פון שטענדיק געהאַט געטרייע כלל־טוער, אידעאַליסטן, און זיי האָבן פאַרוואַנדלט די שול „בית יעקב" אין אַ מוסטער שול, ווו ס'האָבן געלערנט מיידלעך פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. מיר האָבן דאַן נישט געפילט דעם שווערן יאָך פון אַלטעגלעכקייט. אויך די קלעצקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן געהאָלפן די שול.

ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער באַקאַנטער לאַנג־יאָריקער לערער ח. פ ר י ד ש ט י י ן, וואָס געפינט זיך איצט אין דרום אפריקע. ער האָט אָרגאַניזירט די קלאַסן, וואָס זענען פריער געווען 3—4 און שפּעטער האָבן זיי דערגרייכט ביז 6 קלאַסן. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי איינצושטעלן דיסציפּלין אין קלאַס, האָט זיך דערביי אויסגעצייכנט מיט אַ זייער אָנציענדיקער פאָרם פון לערנען און האָט געוווּסט ווי אַזוי איינצופלאַנצן אין אונז ליבשאַפט צו אָרדנונג און ריינקייט. ער איז געווען פאַר אונז אַ מוסטער. מיט זיין אויפירונג.

אַז עס פלעגט קומען אַ יום־טוב — איז ער נישט אַדורך אין קלאַס אָן אַן אָפּקלאַנג; ער האָט פאַר אונז געשילדערט די שיינקייט פון די יידישע ימים־טובים מיט זייער גאַנצער טראַדיציאָנעלער קראַפט און איינהייט — און דערפאַר טאַקע דערמאָנען אים ביז איצט אַלע תלמידות, וואָס האָבן אַמאָל ביי אים געלערנט.

מיר האָבן פון שטענדיק אָן געשעצט די מענטשן, וואָס האָבן געווידמעט זייער לעבן פאַר תורה און וויסן, מיר האָבן אין שטעטל קלעצק געהאַט איבערגעגעבענע לערער און פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן געפלאַנצט אין די נשמות פון זייערע תלמידים און תלמידות רויזן וואָס וועלקן נישט... ביי זיי איז עכטע יידישקייט מיט וועלטלעכקייט געגאַנגען האַנט ביי האַנט — און אין אָט דעם גייסט האָבן זיי דערצויגן דעם יונגן דור וואָס אַ סך פון זיי געפינען זיך איצט אין מדינת ישראל.

מענדל טאַבאַטשניק / „שולמית"
(יאָהאַנעסבורג)

פון דרום אַפריקע האָט זיך צוריקגעקערט קיין קלעצק שלמה טאַראַבור („שלמה דער מלאך"), געבראַכט מיט זיך אַ פאַר הונדערט פונט, אָפּגעדונגען אין מאַרק אַ קראָם, אויפגעהאָנגען אַ שילד „אַפריקאַנסקי סאַפּאָזשניק" און זיך געזעצט נייען שיך.

אין אַפריקע האָט ער געזען אַ פאָרשטעלונג מיטן נאָמען „שולמית". קענטיק, אַז אים איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן, האָט ער פאַרטראַכט, אַז אין קלעצק קען מען אויך אויפפירן דעם ספּעקטאַקל. האָט ער צונויפגערופן אַ פאַר בחורים און מיידלעך, איבערהויפּט דעם חזנס משוררים פון וועלכע עס האָבן זיך אויסגעטיילט פ י י ט ל מ ש ה מ י כ ל ס, מ ש ה פ ע ר ל ע ס, נ י א מ ע ד ע ר ש ו ס ט ע ר און ה י ש ע ד ע ם ק ל ע ז מ ע ר ס — מיידלעך ח י י ק ע און ש י ר ק ע, וועלכע האָבן געשמט אַלס זינגערינס, און מען האָט זיך גענומען גרייטן „פּראָווען דעם ספּעקטאַקל".

נאַטירלעך, האָט שלמה דער מלאך פאַר זיך אויסגעקליבן די גרעסטע ראָל. אבשלום. איי, אבשלום דאַרף דאָך האָבן אַ טענאָר שטימע און שלמה דער מלאך האָט גאָר קיין שטימע נישט געהאַט, — האָט ער געטענהט, אַז לאו דוקא, עס קען זיין אַן אבשלום אָן אַ שטימע, אַבי ער איז אַ הויכער. און מיטן זינגען וועט מען זיך אַן עצה געבן: ווו מען וועט מוזן זינגען וועט עמיצער זינגען פאַר אים, מען וועט אים אַרויסהעלפן, אַנדערע לידער וועט ער אויסדעקלאַמירן און עס וועט רעכט זיין. אויב נישט, האָט ער געסטראַשעט, וועט ער נישט ווייזן ווי מען שפּילט שולמית און עס וועט זיין אויס „ספּעקטאַקל"... הכלל, בלית ברירה, האָט מען נאָכגעגאַנגען שלמה דעם מלאך, מען האָט געדונגען אשר דעם קלעזמער וועלכער האָט אויף זיין פידל נאָכגעשפּילט די ניגונים וואָס שלמה דער מלאך האָט אויף זיין הייזעריקער שטימע אויסגעזונגען. אשר האָט די לידלעך פאַרשריבן אויף גראָבע בויגנס נאָטן, שלמה האָט פונאַנדערגעטיילט די ראָלן — און מען האָט זיך גענומען צו די רעפּעטיציעס.

אין דער געסעלע צווישן דער יידישער גאַס און שול הויף געסל ווו הישיע דער „קלעזמער מיט זיינע געראָטענע טעכטער האָבן געוווינט, איז געוואָרן „ליהודים"... אַלע נאַכט פלעגן זיך די משוררים פון שטעטל, און יעדער ווער עס האָט נאָר פאַרמאָגט אַ שטיקל קול נגינה צענויפקלייבן אין הישיע דעם קלעזמערס שטיבעלע. אשר דער קלעזמער פלעגט שפּילן אויפן פידעלע, צוקלאַפּנדיק דערביי צום טאַקט מיטן רעכטן פוס, שלמה דער מלאך פלעגט העלפן איינזינגען די ניגונים, דיריזשירנדיק דערביי מיט ביידע הענט. ער האָט בשעת מעשה געשוויצט, זיך געוואָרפן, אָפּטמאָל געשריען צו יעדן איינעם וועלכער פלעגט, חלילה, נעמען אַ פאַלשן טאָן.

אין שטיבעלע איז געווען ענג און דושנע, אַרום פענצטער זענען געווען צוזאַמענגעקליבן אַן עולם פון קינדער, יוגנטלעכע וועלכע האָבן מקנא געווען די אויסדערוויילטע, וועלכע געפינען זיך אין שטיבעלע און זענען זוכה צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן און אַליין אָנטייל נעמען אין דעם פאַרויסגעזעענעם גרויסן ספּעקטאַקל אויף וועלכן דאָס גאַנצע שטעטל קוקט שוין אַרויס מיט אומגעדולד.

עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט, אַ ספּעקטאַקל קאָמיטעט אין וועלכן ס'זענען אַריין די חשובסטע בעלי בתים פון שטעטל ווי: קאַצעוו פון אַפּטייק־מאַגאַזין, דלוגאַטש דער ציין־דאָקטאָר און נאָך אַ באַדייטנדע צאָל פון דער קלעצקער אינטעליגענץ.

שלמה דעם מלאכס חשיבות איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען אַן אַרבעטס־מענש, האָבן דאָך די קלעצקער דעמאָלדיקע אינטעליגענץ פאַרקוקט די „עוולה" פון זיין יחוס, און מען האָט זיך נאָך לאַנגע קווייַנקלעניש זיך מיט אים מתחתן געווען...

הכלל, דער ספּעקטאַקל „שולמית" איז געוואָרן אַ שם דבר, אַ שטאָט באַוועגונג, עפּעס ווי דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט געווען בלוטיק פאַראינטערעסירט, אַז די פאָרשטעלונג זאָל דורכגיין מיט דערפאָלג. און אָט האָט זיך דערנענטערט דער „יום הנסיון". אַפישן זענען שוין אויף אַלע ווענט אויסגעקלעפּט געוואָרן — אויפן מאַרק, אויף די גאַסן. עס האָבן אַראָפּגעקוקט גרויסע, רויטע אותיות פון ווייסן פּאַפּיר מיט די נעמען פון די אָנטיילנעמער אין דער פאָרשטעלונג. שלמה דער מלאך האָט פאַרלאָזן זיין וואַרשטאַט און זיך איבערגעגעבן דער אויפפירונג. ביי קאַצעוון אין אַפּטייק זענען געשטאַנען רייען מענטשן זיך איינצושאַפן בילעטן, יידן האָבן זיך געאיילט זיך באַזאָרגן מיט בילעטן, מען האָט זיך אפילו מיטן פּרייז נישט געדונגען, ווייל די הכנסה איז דאָך באַשטימט געוואָרן פאַר דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע".

ווער האָט זיך בעמת געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ גראַנדיעזע אונטערנעמונג ווי די אָפּערעטע „שולמית" פון גאָלדפאַדן, רעזשיסירט פון שלמה דעם מלאך, וועלכער האָט נאָכגעמאַכט עפּעס אַ ליבהאָבער, אַ דילעטאַנט, אין דער ווייטער אַפריקע, אויסגעפירט אין שטעטל קלעצק מיט מענטשן, וועלכע האָבן אויף זייער לעבן נישט געזען און נישט געהערט אפילו דאָס וואָרט טעאַטער, אין נישט קיין צוגעפּאַסטן זאַל פאַר אַ טעאַטער, מיט אַ צופעליק צענויפגע־

קלאַפּטער בינע, אָן די געהעריקע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — זאָל דורכגעפירט ווערן מיט אַזאַ דערפאָלג? און באמת, די ערשטע אויפפירונג האָט איבערגעלאָזט אַזאַ געוואַלדיקן איינדרוק, אַז אין יעדער שטוב, ביי יעדן אַרבעטס־וואַרשטאַט האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכגעזונגען די לידער פון „שולמית", און מען קען זאָגן, אַז די אויפפירונג האָט געשאַפן דאָס קערנדל פון דעם צוקונפטיקן יידישן ליבהאָבער־טעאַטער אין קלעצק. ווייל טאַקע גאָרנישט לאַנג נאָך דער פאָרשטעלונג, איז אַראָפּגעקומען אַ יידישע אָפּערעטן־טרופּע און אַ זייער פעיקער אַרטיסט מיטן נאָמען ברין האָט זיך פון דער טרופּע אָפּגעריסן, געבליבן אין קלעצק און געשאַפן די ערשטע דראַמאַטישע סעקציע. אונטער זיין רעזשי איז אויפגעפירט געוואָרן „בר כוכבא" פון גאָלדפאַדן, „צעזייט און צושפּרייט" פון שלום עליכם און אַנדערע.

אין דער פאָרשטעלונג „שולמית" האָבן זיך דאַן אויסגעצייכנט משה פערלעס אַלס מנוח, פּייטס משה מיכלס אַלס יואב גדעוני, הירשל בערל קראַניטש אַלס צינגעטאַנג, ניאָמע דער שוסטער אַלס נתן הכהן, און ועל כולם חייקע חישע דעם קלעזמערס אַלס — שולמית האָט מיט איר זינגען און שפּילן געמאַכט פאַרגעסן דעם גרויסן עולם, אַז זיי זיצן אין ביי אַ קליינשטעטלדיקן ליבהאָבער ספּעקטאַקל, נאָר מען האָט געפילט, אַז מען זעט גרויסשטאָטיש טעאַטער.

ווי געזאָגט, איז „שולמית" געווען דאָס קערנדל פון יידיש טעאַטער אין קלעצק. שפּעטער איז פון דעם קערנדל אַרויסגעוואָקסן אַ באַגאַבטער ליבהאָבער דראַמאַטישער קרייז מיט איטשקע פעדער און חישקע זיין פרוי בראש, בערל און לייזער טאַבאַטשניק, יאָסל פיינשטיין, דוניע קוליש און אַנדערע.

כבוד זייער אָנדענק!

צ. גאָלדע לוריע (לעמפּערט) / קלעצקער אַטמאָספער

(יאָהאַנעסבורג)

עס איזחרוב געוואָרן קלעצק — פאַר מיר מיינט דאָס, אַז עס איז חרוב געוואָרן די וועלט פון מיין יוגנט. דער אויפבלי פון מיין יוגנט איז געווען פאַרבונדן מיט קלעצק און איר זכרון איז מיר זייער טייער, ווייל ס׳דערמאָנט מיר אין די ליכטיקע געשטאַלטן פון אַמאָל, און אין די יאָרן, אין וועלכע כ׳האָב גענאָסן די ערשטע פרייד פון מיין לעבן.

עס האָט זיך אַמאָל אין קלעצק געשפּינען דאָס גייסטיקע לעבן פון פיר מקורות, פיר קולטורן, איינע אַנדערש פון דער אַנדערער: די רוסישע, די פּוילישע, טאַטאַרישע און יידישע. ס׳זענען דאָרטן געווען קלויסטערס, הויכע און שיינע בנינים, וואָס האָבן זיך דערהויבן אין דער הויך און מ׳האָט זיי אַרויסגעזען פון אַלע עקן שטאָט.

און ס׳האָט אין קלעצק געברויזט אַ יידיש לעבן, עס זענען אָנגעגאַנגען כסדר פיבערהאַפטע ויכוחים צווישן די אָנהענגער פון די פּאַרטייען: ציוניסטן, פרומע, אַסימילאַטאָרן, בונדיסטן און קאָמוניסטן.

דער ציוניזם האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט כסדר אַרומגענומען אַלץ מערערע קרייזן, אַ סך האָבן פאַרלאָזן קלעצק און זענען אַוועק קיין ארץ ישראל, ווי יוסף און חיותה בוסל, די לערער ברוך ליס און זיין לעבנס־באַגלייטערין רבקה מאַרגאָלין, די פאַמיליע סווירנאָווסקי, אליהו פיש און צענדליקער חלוצים און חלוצות, דערצויגן אין די חלוצישע באַוועגונגען און באַהויכט מיט׳ן גייסט פון דער אויפלעבונג, וואָס מ׳האָט אין זיי איינגעפלאַנצט אין דער „תרבות" שול; עס זענען געווען אויך ישיבה־בחורים, דורכגעדרונגען מיט׳ן רעליגיעז־חלוצישן גייסט.

אין אונזער שטעטל זענען, ווי געזאָגט, געווען פאַרטראָטן אַלערליי שטרעמונגען; מיר האָבן געמוזט פירן אַ קאַמף מיט די בונדיסטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן ציוניזם און קעגן די יידיש־טראַדיציאָנעלע ווערטן. אַקעגן דעם הייפעלע עקסטרעמע קעגנער צום ציוניזם זענען אָבער אין קלעצק געווען אַ סך וואָס האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייערע מעשים טובים, וואָס די נאַציאָנאַלע אידיי איז געווען דער צעמענט פון זייער וועזן. זיי גראָד זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר קלעצק, וואָס איז געווען באַקאַנט אין דער סביבה ווי אַ שטעטל וואָס צייכנט זיך אויס אויך מיט פריינטלעכער הכנסת אורחים; ווי אַ שטעטל ביים גרענעץ פלעגן אָפט, אין די צוואַנציקער יאָרן, קומען צו אונז פליטים, — און מ׳האָט זיי שטענדיק אויפגענומען בסבר פנים יפות.

אָבער ס׳איז געווען פיל מער ווי דאָס. קלעצק האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַ גרייטוויליקייט און ברייטקייט ביים שפּענדן לטובת כלערליי נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פאָנדן.

ס׳דערמאָנען זיך מיר צוויי אַזעלכע אונטערנעמונגען. אָט האָט מען געזאַמלט ביים גרינדן די העברעישע אוניווערזיטעט אין ירושלים. געדענק איך ווי די קלעצקער פרויען האָבן מנדב געווען פון זייער טייערסטער צירונג פאַר דער אוניווערזיטעט אין ירושלים. האָבן אויך די קלעצקער תושבים געוויזן (צוזאַמען מיט די קלעצקער פון מעבר לים, אין אַמעריקע) זייער ברייטהאַרציקייט ביים באַשטייערן זיך לטובת דער סלוצקער ישיבה.

בכלל, האָט זיך אין קלעצק געפילט אַ גייסטיקע שפּאַנונג. מ׳קען זאָגן, אַז די ענערגיע וואָס האָט פריער ווי געדרימלט, איז געקומען צום פאָרשיין — און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער וואַכזאַמקייט וואָס האָט אַרויסגעוויזן פאַר דעם דערציִונגס־וועזן ביי אונז: אין די „חדרים מתוקנים", „בית יעקב" שול פאַר מיידלעך, די „תרבות" שול, דער קינדער גאָרטן — דערציִונגס־אַנשטאַלטן אָנגעפירט דורך גוטע פּעדאַגאָגן, און ס׳איז דאָ געקומען צום אויסדרוק דער טעמפּ פון דער נייער צייט מיט׳ן גערעַנגל פאַר אַ נייעם תוכן אין לעבן פון דור וואָס וואַקסט אונטער.

עס לייכטן אַרויס פונדערווייטנס צו אונז די הערלעכע געשטאַלטן מיט זייער געמיטלעכקייט און מידות טובות, די קלעצקער רבנים: דער „אַלטער רב" און דער „יונגער רב". ביי ביידע, איז געווען אויסגעגאָסן אויפן פנים אַ אצילות׳דיקייט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער איבערגעגעבנקייט לטובת הכלל, פאַר אַלע קהל׳ישע ענינים.

עס דערמאָנט זיך אויך דער אומפאַרגעסלעכער חיים פרידבשטיין, אָנפירער פון דער „בית יעקב" שול פאַר מיידלעך, וווּ מען האָט געלערנט סיי חומש און רש"י לויטן אַלטן שטייגער און סיי ביאַליקס לידער לויטן נייעם שטייגער — אַ געמיש פון אַלט און ניי, וואָס האָבן האַרמאָניזירט אינאיינעם.

עס שוועבן אין זכרון יאָרן — זיי זענען אַזוי שנעל פאַרלאָפן, עס טויכען אויף געשטאַלטן — און זיי באַלויכטן די שטרעקעס פון אונזערע יוגנט־ווייטן.

אהרן כהן / די ישובניקעס ארום קלעצק

אין צענדליקער דערפער ארום קלעצק, אין דער נאענטער און ווייטער סביבה, האבן געלעבט א סך יידישע משפחות — ישובניקעס, ערד־ארבעטער, בעלי־מלאכות, סוחרים, מילנערס, סמאָ־ליארניקעס און אנדערע. פראסטע יידן און משכילים, וועלטלעך געבילדעטע און אזעלכע וועלכע האבן געקענט לערנען א בלאט גמרא. איינצלנע און איינזאמע, אין וואלד אדער אויפן הויפטוועג, גאנץ אליין, אדער עטלעכע משפחות צוזאמען, אפטמאל געציילטע מנינים. אלע זענען זיי געווען צוגעבונדן צו דער ארטשאפט ווו זיי האבן געלעבט; די פרייע נאטור, די פעלדער, דער וואלד, דער טייך, די מילדע ווייסרוסישע לאנדשאפט האט זיי צו זיך געבונדן. דארט האבן געוווינט זייערע עלטערן און זיי האבן פארגעזעצט.

***

ביזן יאר 1920, האט קלעצק געהערט צום סלוצקער „אויעזד" (קרייז). אין סלוצק פלעגן די קלעצקער קרעמער קומען איינקויפן זייערע סחורות. דארט זענען געווען פיר רעגירונגס־מיטל־שולן, ווו די פארגעשריטענע עלטערן האבן געשיקט זייערע קינדער לערנען. אין סלוצק איז געווען די ישיבה פון ר' איסר זלמן מ ע ל צ ע ר ז"ל, און דארט פלעגן פארן ישיבה־בחורים לערנען רבנות און עסן „טעג".

א מהלך פון 60 קילאמעטער האט געפירט פון קלעצק צו סלוצק א ברייטער טראקט, פון ביידע זייטן באזעצט מיט הויכע ווייסע בעריאזעס. צוויי מאל אין דער וואך פלעגט לייבל, דער חשוב'סטער פון קלעצקער בעלי־עגלות, א ברייט פלייציקער און גוטמוטיקער ייד אין א דרייפערטלדיקער קאפאטע אונטערגעבונדן מיט א רויטן גארטל, א חסידיש היטל אויפן קאפ און א שטענדיק רויכערנדיקע ליולקע אין מויל — אנפאקן זיין לאנגע צווייזייטיקע בויד, איינ־געשפאנט אין צוויי פערד, מיט פאסאזשירן און פארן קיין סלוצק. די ערשטע סטאציע אונטערוועגס איז געווען פוזאווע, א פופצן קילאמעטער פון קלעצק. דארט האבן געלעבט עטלעכע יידישע משפחות. שייע פוזאווער, א ערנסטער און שטרענגער ישובניק, האט געקוקט פון אויבן אראפ אויף די שטעטלדיקע יידן וואס האבן זיך צוזאמענגעקוועטשט אין דער לעכערדיקער בויד. א הויכוואקסיקער, מיט א פאר שווארצע גראבע וואנסן, מעשה גוי, האט ער געהאנדלט מיט די ארומיקע פריצים און ארענדירט די פאקטן פון פוזאווע און סאוויטש. ער האט זיך באצויגן צו די שטעטלדיקע יידן מיט א געוויסן ביטול.

אויסמיידנדיק די קליינע ציכטיקע שטעטל טימקאוויטש, פלעגט לייבל פארזעצן דעם וועג, און זיך אפשטעלן אין דער קרעטשמע ביי ר' דוד ק א ב י ל צ י צ ע ר. אויפן העלפט וועג קיין סלוצק איז געשטאנען נעבן טראקט אן איינציק הויז און דאנעבן א גרויסע סטאדאלע און א ברונעם מיט א הויכן קאווראט. אויפן צווייטן זייט וועג איז געווען א קליינע אזיערע, און דערנעבן, עטוואס העכער, א קליינער בעריאזעווער וועלדל. ווייטער, ביים האריזאנט, צו דער זייט פון קאפוליע, די ביסטריצער וועלדער, וועלכע האבן נישט געהאט קיין גוטן שם און ביינאכט איז נישט געווען געווונשן דארט צו פארן. דער דארף מיט די נידעריקע הייזקעס, איז געווען ווייט פון דאנען א פאר קילאמעטער. — אין דעם גאנצן איינזאמען הויז האט געוווינט א אלטער ייד, ר' דוד קאבילציצער און זיין פרוי ביילע. א שטענדי־קער מיטוווינער איז געווען דער אלטער בעטלער איוואן, א גוי וואס פלעגט גיין מיט דער טארבן איבער די דערפער. איוואן האט גערעדט א זאפטיקן יידיש, דורכגעווארפן מיט לשון־קודש'דיקע פסוקים. ביי דעם לאנגן טיש פלעגן זיך ארומזעצן די פויערים וואס פלעגן זיך דא צוזאמענקומען, פארענדיק פון די מערק אין די ארומיקע שטעטלאך. די קלעצקער יידן, פארנדיק קיין סלוצק, פלעגן זיך דא אפשטעלן און אין די קורצע ווינטערדיקע טעג פלעגן זיי דא אויך בלייבן נעכטיקן. פארנאכט, ווען די זון גייט לאנגזאם ארונטער, נעמט ארום די הויז א שטענדיקע דונקלקייט. מיט א אומעטיקער בענקשאפט פלעגט דאן זיך שטעלן ר' דוד לערנען זיין טאג־טעגלעכע בלאט גמרא. צוויי עלטערע מענשן האבן זיי אזוי געלעבט גאנץ אליין. אז די אלטע ביילע איז געשטארבן, און ר' דוד האט געמוזט איבערגיין אין דעם נאענטן שטעטל, האט ער אויסגעהאלטן נאר זיבן מאנאט און איז אויסגעגאנגען שטיל פון בענקשאפט נאך דער פרוי, און אפשר אויך נאכן דארף...

***

פון קלעצק קיין האנצעוויטש, איז בערך א 55 קילאמעטער. אז מען פארט ארויס פון קלעצק זעט מען ארום נאר פעלדער. א טיפיש ווייסרוסישע מאנאטאנע לאנדשאפט. נישט קיין טייך און נישט קיין בערגל. ארום שטויביקע וועגן, נעבעכדיקע דערפלעך מיט נידעריקע הייזקעס. ערשט נאך א פופצן קילאמעטער הויבט זיך אן דער וואלד. פון דאנען מיט קלענערע איבערייסן, פארט מען צענדליקער קילא־מעטער אין וואלד. די געלביק־גרינע סאסנעס און יעל'ן אויף דעם הויכן זאמדיקן באדן, בייט זיך מיט בלעטערדיקע אלכעס און אוסיקעס, די לופט איז שארף און ריין. פון בייטע זייטן וועג, ווי ווייט די אויג דערגרייכט, זעט מען נאר וואלד. — דאס זענען די ווארא־נינער וועלדער, פונוואנען די ארומיקע גויים פלעגן ברענגען אין קלעצק זומער די גרויסע צעבערס מיט די שווארצע יאגעדעס, און ווינטער די ווייסע געטריקענטע שוועמלאך. פארנדיק ווייטער שטויסט מען זיך אן פון דער רעכטער זייט אויף אן איינציק הויז. דו קענסט מיינען, אז דא וווינט דער גויישער וואלד־ווערטער, אבער אז מען דערנענטערט זיך, זעט מען גלייך, אז דאס איז נישט קיין גויישעווירטשאפט. — דא וווינט איטשע ו ו א ר א נ י נ ע ר. א איינציק יידישע משפחה אין מיטן וואלד, און דו וווּנדערסט זיך, ווי אזוי האלטן זיי דא אויס אין דער איינזאמקייט אליין.

דער טאג גייט צו ענדע. דער פורמאן וויל זיך נישט אפשטעלן.

די זון הויבט אָן אַרונטערגיין — עס ווערט טונקל, מען פֿאָרט נאָך אַ פּאָר קילאָמעטער, ווערט אין גאַנצן פֿינצטער. די לופֿט האָט זיך געענדערט. מען פֿילט אַ פֿייכטקייט, און מען שפּירט דעם ריח פֿון בלאָטע און טאָרף. פֿון ביידע זייטן גרעבלעך, ציען זיך געדיכט־פֿאַרוואָקסענע קוסטעס. דער זומפּיקער וועג, איז אויסגעלייגט מיט רונדע הילצערנע קלעצער. דער טיף־בלויער הימל, איז באַשאָטן מיט פֿינקעלדיקע שטערן, און פֿון ביידע זייטן וועג פֿינקלען די פֿוילע האָלץ־וואָרצלען. עס דערמאָנען זיך פֿאָלקס־לעגענדעס פֿון רוסישן פֿאָלקלאָר. מען שפּירט דעם ריח פֿון טייך און מען הערט שעהן דעם גלייכטאָניקן קלאַפּן פֿון דער וואַסער אויפֿן ראָד פֿון דער וואַסער־מיל וואָס שטייט אויפֿן צווייטן זייט בריק. אינדערפֿינצטער זעט מען ווי שאָטנס די זיך איילענדיקע גויים וואָס האָבן געענדיקט מאָלן זייער תבואה, טרייבן אונטער די פֿערד שנעל אַהיים. גלייך נאָכן בריק, אויפֿן בערגל, שטייט די הויז פֿון אלתר לאַכאַישצינער — צו אים געהערט אויך דער וואַסער־מיל, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פֿון דור צו דור.

נישט אָן פֿאַרגעניגן גייסטו איבער די שוועל פֿון הויז. דער גרויסער נאַפֿט־לאָמפּ פֿאַרשפּרייט אַ וואַרימע ליכטיקייט אַרום. און די פּנימער אַרום באַגעגענען דיך מיט אַ יידישער פֿריינטשאַפֿט. ר׳ אלתר יאַנאָוויטש, אַ סימפּאַטישער ייד פֿאַרגייט זיך אין אַ שווערן הוסט. זעט אויס, די ריינע לופֿט אַרום האָט נישט געקענט באַהערשן די שעדלעכע ווירקונג פֿון דעם מעל־שטויב וואָס אַלתר האָט איינגעאָטעמט אין זיך פֿון קינדווייז אָן. אויפֿן טיש ליגן צייטונגען, דער אַמעריקאַנער „פֿאָרווערטס" און „טאָג", וואָס די קינדער פֿון אַמעריקע שיקן צוזאַמען מיט דאָלאַרס. אין שטוב זענען געבליבן מיט די עלטערן די יונגסטע טאָכטער רחל, אַ שלאַנקע מיידל מיט שוואַרצע קאַרשן־אויגן, און אַ זון וואָס פֿירט אָן מיטן מיל. לאַנג רעדט מען זיי צו, זיי זאָלן פֿאַרקויפֿן אַלץ און איבערפֿאָרן אין שטאָט. אָבער דער זון האָט זיך איינגעקשנט און וויל נישט פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ. אמת, זיי האָבן פֿאַרלאָזן דעם דאָרף, אָבער אַ ביסל צו שפּעט. אַ געוויסן פֿרייטיק־צו־נאַכטס האָט מען זיי באַפֿאַלן, און דער זון איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון די הענט פֿון די שכנים, די גויים.

אין אסטראָיטשיץ, האָט געהאַלטן דעם וואַסער־מיל אַ אינטעליגענטער יידישער ישובניק, ר׳ אליהו איסטרוויטשיצער, ער האָט געפֿירט אַ ברייטן לעבנס־שטייגער, מעשה פֿריץ. די קינדער האָט ער געשיקט לערנען אין שטאָט, און צוויי זין זיינע דוד און משה האָבן שטודירט, געענדיקט מעדיצין און נאָכער פּראַקטיצירט אין קלעצק.

אין האָלינקע האָבן געלעבט אַ צענדליק יידישע משפּחות. דאָרט איז געווען אַ טריקענער סאָסנאָווער וואַלד, און די לינגען ליידנדיקע פֿון קלעצק פֿלעגן קומען אַהין אָטעמען די געזונטע לופֿט. די יידן אין האָלינקע פֿלעגן פֿאַרדינגען צימערן פֿאַר די דאַטשניקעס. אויסער דעם זענען זיי געווען בעלי־מלאכות, גערטנער און סתם הענדלער.

אין אָסטראָוויעץ האָבן געלעבט לעצטנס אַ פֿופֿציק יידישע משפּחות. דער ישוב האָט זיך דאָרט פֿיל פֿאַרגרעסערט, ווייל דער דאָרף האָט געזאָלט ווערן אָנערקענט אַלס שטעטל. יידן האָבן דאָרט אָנגעהויבן בויען הייזער און עפֿענען געשעפֿטן. ס׳האָט זיך דאָרט אויך אויסגעבויט אַ פּאַראָווע מיל. יעדע צוויי וואָכן, פֿלעגט דאָרט פֿאָרקומען אַ מאַרק־טאָג, ווו גויים און יידן פֿון דער גאַנצער סביבה פֿלעגן דאָרט קומען קויפֿן און פֿאַרקויפֿן.

אין די ווייטע פּאָליעסער דערפֿער, האָבן געלעבט יידן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט קליין־אינדוסטרי פֿון וואַלד־פּראָדוקטן. פֿון די סמאָלע פֿון די בוימער האָבן זיי אויסגעאַרבעט טערפּענטין, דזשעגאַכץ, געברענט שטייך־קוילן — מען האָט זיי גערופֿן די סמאָליאַרניקעס.

אַזוי האָבן געלעבט יידן אין אַ סך דערפֿער אַרום קלעצק. עס איז שווער צו געדענקען אַלע — דאָך איז ווערט צו דערמאָנען די דערפֿער בוכאַוושטשינע, מוסטילעוויץ, נאַץ, דראַבאָווסטשינע, הורוויץ, זאַפּאָליע, דענישקיעוויץ, מאָריץ, לוביניעץ, סלאָבאָדע, קאַראַצק, בולוואַנקע, צערקאָווסטשינע און אַנדערע.

אין די אַלע דערפֿער האָבן געלעבט יידן, וועלכע האָבן נישט געהערט צו קיין יידישע קהילה, און ווי אומבאַקאַנטע זעלנער זענען זיי געפֿאַלן בעתן אַלגעמיינעם אומקום.

אריה ניימארק
(נחלים - פתח־תקוה)

סיניאווקע - אויפֿבוי און אומקום

די געאָגראַפֿישע לאַגע

דאָס קליין שטעטעלע סיניאווקע, האָט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צום צאַרישן רוסלאַנד. בעת דער פֿראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אירע גרענעצן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גזירה דורך דער מיליטערישער מאַכט, אַז אַלע סיניאווקער יידן מוזן אין פֿאַרלויף פֿון 24 שעה פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. די יידן זענען באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשן. זענען זיי געצוווּנגען געוואָרן צו פֿאַרלאָזן סיניאווקע, איבערלאָזן זייערע הייזער, גיטער או פֿאַרמעגן און אויסוואַנדערן אין די מזרח־געביטן.

נאָך דער מלחמה האָבן די פּליטים זיך צוריקגעקערט אין חרוב׳ן שטעטל. ביסלעכווייז, מיט מי און אָנשטרענגונגען, האָבן זיי באַוויזן אויפֿשטעלן די רואינען און אָרגאַניזירן זייער לעבן פֿונדאָסניי.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט סיניאווקע זיך געפֿונען אין דער ניי־געשאַפֿענער פּוילישער מדינה, נאָענט צו די מזרח גרענעצן. דורך איר איז דורכגעגאַנגען דער ברייטער שאָסיי, אַ וויכטיקע פֿאַרקערס־אַרטעריע, וועלכע האָט פֿאַרבונדן וואַרשע מיט מאָסקווע. אַדמיניסטראַטיוו האָט זי געהערט צו דער נאָוואָגרודקער וואָיעוודזטווע. און בשכנות מיט איר זענען געלעגן די שטעטלעך קלעצק, ליאַכאָוויטש און די גרעסערע שטאָט באַראַנאָוויטש. ביים זייט האָט געפֿלאָסן אַ קליין טייכל, אַ אויסגוס פֿון דער שטשאַרע.

סיניאווקע, איז געווען אַרומגערינגלט מיט דערפֿער, פֿרישע גיטער און געדיכטע וועלדער, פֿון וועלכע מען האָט עקספּאָרטירט האָלץ דורך דער באַן־סטאַנציע אין ליאַכאָוויטש.

דריי ברייטע גאַסן האָבן דורכגעשניטן דאָס שטעטל: אויף דער הויפּט־גאַס איז דורכגעגאַנגען דער שאָסיי מאָסקווע—וואַרשע און דעריבער האָט זי געהייסן שאָסיינע. די צווייטע, האָט געפֿירט אין דער ריכטונג צו פּינסק — פּינסקער גאַס. די דריטע — גמינע גאַס; אין עק האָט זיך געפֿונען די געביידע פֿון דער מוניציפּאַליטעט, די גמינע. די הייזער הילצערנע, די דעכער געדעקט מיט גאָנטעס, אויסגעפּאַרטיקטע דורך די פּויערים.

פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע בניינים דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן — דער פּאָסט־אַמט, דער איינציקער מויער אין שטעטל; דער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער, די רעגירונגס פֿאָלקס־שול און קעגנאיבער — די רעגירונגס־אַמבולאַטאָריע.

די יידישע שול אויף פינסקער גאַס, האָט זיך אַרויסגערוקט מיט איר הויך און גרויס. נעבן איר האָט זיך געפונען דעם רב'ס הויז, אין וועלכן ס'איז געווען אַ באַזונדער צימער פאַרן בית־דין. נישט ווייט פון שול — די שטאָטישע באָד, געבויט פון שטיינער, און אַ מאָדערנע מקווה, ווי אויך אַ טהרה־געביידע פאַר די נפטרים.

דאָס אינערלעכע לעבן

דאָס שטעטל איז געשטאַנען אויפן באָדן פון גראַף ראַדזשיוויל, וואָס האָט געוווינט אין אויסלאַנד אָדער אין זיין אַלטן פּאַלאַץ אין ניעסוויזש. יעדער איינוווינער פון אונזער שטעטל האָט געדאַרפט צאָלן אַ יערלעכן קאָפּ־שטייער, — דערפאַר האָט ער געהאַט אַ בויפלאַץ אין שטעטל און אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן שטח, אַחוץ דעם האָט יעדער געהאַט רעכט אויף אַ טייל אין דער פּאַשע פון זיינע קי — מ'האָט דאָס גערופן אין פּויליש ”Prawo serwitutu”, און דאָס איז געווען אַ גורם פון קריגערייען און סכסוכים אין משך פון לאַנגע יאָרן צווישן די איינוווינער פון אונזער שטעטל און דעם גראַף. צום סוף האָט דער לעצטער פאָרגעלייגט, אַז מזאָל קויפן 120 דיסאַטין פון וואַלד, נאָענט צום שטעטל, און דאָס האָט געזאָלט לייזן די פראַגע פון פּאַשע פאַר די קי פונעם שטעטל.

כדי זיך נישט צו פאַרפּלאָנטערן אין פּראָצעסן מיטן גראַף, האָבן די יידישע איינוווינער מסכים געווען צום פאָרשלאַג, און אויף דער פאָדערונג פון גראַף האָט מען אים איבערגעגעבן אַ געוויסע סומע געלט אין גאָלד מטבעות — און מ'האָט געדאַרפט באַקומען אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג דערויף פון געריכט. און דאָ ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. די בעאַמטע, וואָס האָבן געקוקט קרום דערויף אַז יידן זאָלן פאַרמאָגן אַ אייגן באָדן, האָבן געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, מ'זאָל דעם ענין פאַרשלעפּן. געהאָלפן דערצו האָט אויך דער גלח פונעם נאָענטן דאָרף, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ „פאַרשלעפּעניש” מיט נעמען געלט אַלס כּאַבאַר מצד פאַרשידענע בעאַמטע און אַדוואָקאַטן. פון שטעטל זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרשטייער אויף צו פירן דעם ענין — מיין פאָטער אליהו ניימארק ז״ל, פסח האָכבערג ז״ל און אהרן טאראַבורער ז״ל — זיי פלעגן גאַנץ אָפט פאָרן קיין ניעסוויזש צום גראַף, און דערהויפּט צו זיינע בעאַמטע און צו זיין אַדוואָקאַט אין וואַרשע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך קאָסטן, די הוצאות זענען כסדר געוואַקסן און מ'האָט זיי געדעקט דורך זאַמלונגען פון די שטעטל־איינוווינער, לויט די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פון יעדן איינעם. רייכערע האָבן געגעבן מער, אָרעמערע וויניקער, און עס זענען געווען אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך איבגאַנצן נישט באַטייליקט אין אָט דעם אָפּצאָל.

די דאָזיקע ליסטעס האָט מען גערופן „צעטל”, און די פאָרשטייער פון שטעטל פלעגט מען רופן „צענטלאַך” — זיי האָבן געפירט אַלע ענינים פון דער קהילה. זיי האָבן געזאָרגט פאַרן חודשלעכן געהאַלט פון רב און שוחט, פאַרן שמש און חזן, פאַר פאַריכטן די שול אָדער דעם רב'ס הויז, פאַרן באָד (בית מרחץ) וכדומה.

ווען ס'האָט זיך פונסניי אָרגאַניזירט דאָס קהילה־לעבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען אויפגענומען דעם נייעם רב, הרב אליהו סטאַראָסאַטע. צו יענער צייט, האָט זיך געפילט, אַז עס פעלט אַ גוט־איינגעריכטעטע, מאָדערנע באָד און אַ „טהרה מקוה” פאַר ווייבער. און אָט די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען מיין פאָטער, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, און ענדלעך נאָך פילע באַמיונגען, האָט אונזער שטעטל געקראָגן אַ גוטן שוויץ־באָד מיט אַ גוטער מקווה, אויסגעבויט לויט אַלע היגיענישע פאָדערונגען.

צווישן די „נכבדים” פון אונזער שטעטל דאַרף מען פאַרצייכענען דעם רב אליהו סטאַראָסאַטע ז״ל, וואָס האָט גע'שמ'ט אַלס אַ גרויסער למדן, איז אויך געווען אַ אויסגעצייכנטער בעל דרשן, צו די ימים נוראים, געווען דער חזן און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָנגענעמער שטים. דעם שוחט ר' צבי ליבאָוויטש, וואָס איז געווען אַ ייד אַ תלמיד חכם מיט א הדרת פנים, אַ בעל תפילה און בעל קריאה, דעם שמש ר' יוסף לעמפּערט. צווישן די חשובע בעלי בתים פון שטעטל — ר' צבי זאבלאצקי אַ ייד אַ למדן פון אַלטן שניט, ר' יצחק שקוליער, וואָס איז געווען דער רופא פונעם שטעטל. ר' אליהו ניימאַרק ז״ל, איז געווען אַ עסקן, אין משך פון אַ סך יאָרן דער ראש הקהל, און האָט שטענדיק געזאָרגט פאַר אַלע קהל'שע הצטרכות'ן. פון די יונגע עסקנים דאַרף דערמאָנט ווערן ר' צבי זשוכאָוויצקי ז״ל, אַ ייד אַ בר־אורין, וואָס איז אויך אויפגעטרעטן מיט דערפאָלג אַלס רעדנער, יעקב גאל, וואָס איז געווען אַפּטייקער און האָט זיך איבערגעגעבן בלב ונפש פאַר דער גרינדונג פון אַ פאָלקס־ביבליאָטעק און געזאָרגט צו פאַרשפּרייטן קולטור אין אונזער שטעטל. אהרן טאראבור ז״ל, איז געווען גוט געשעצט אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, איז אויך דערשינען אין די רעגירונגס־קרייזן. שמעון שקוליער, איז געווען דער קהל'שער קאַסירער. יוסף שמידט, איז אַ גוטער דערציער און לערער, טעטיק פאַר קרן קימת און פאַרשפּרייט ציוניזם.

פון די יוגנט־קרייזן האָבן זיך אויסגעצייכנט: שמואל האָכבערג ז״ל, שמשון, מרדכי און יעקב מלאדזינאוו ז״ל, ביינוש ניימארק, עלקע קוקושיצקא, מעסל זאלקינד און ישעיה קאסאווסקי ז״ל — אָט די אַלע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שטענדיקער אַרבעט פאַרן ציוניזם, קרן קיימת לישראל, פאַר דער פאָלקס־ביבליאָטעק און פאַרווײלונגס־אָוונטן.

יעדער פאַרווײלונגס־אָוונט, איז געווען אַ געשעעניש פאַר דער יוגנט, אַלע טוער פון דער יוגנט, זענען געווען מאָביליזירט. רעזשיסאָר איז געווען איטשקע פעדער פון קלעצק, ער פלעגט אויסקלייבן די שוישפּילער־ליבהאָבער פון אונזער יוגנט און ער האָט מיט זיי איינשטודירט זייערע ראָלן. מ'האָט געדונגען אַ סלקאַד און מהאָט עס אויסגערייניקט, צוגעפּאַסט און שיין אויסגעפּוצט אַלס אַ פאָרשטעלונגס־זאַל.

די פאָרשטעלונגען פלעגן ס'רוב פאָרקומען מוצאי ימים טובים, און די איינקונפט האָט געדינט דאָס איינקויפן ביכער פאַר דער פאָלקס־ביבליאָטעק. מיר האָבן געהאַט אַ סך העברעישע, יידישע און אויך אַ ביסל פּוילישע ביכער.

עס האָט פּולסירט ביי אונז אַ שפּרודלדיק־זאַפטיק פאָלקס־לעבן, און די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען גאַנץ רוישיק.

ווירטשאַפט און באַשעפטיקונג

די באַפעלקערונג פון שטעטל איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון יידן, אַ הונדערט משפחות, און די איבעריקע קריסטן. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קליין־האַנדל און האַנטווערקעריי. געווען כלערליי פאַכלייט — שמידן, סטאָליערס, שוסטער, שניידער און אַנד. עס זענען אויך געווען בעלי־עגלות, וועלכע האָבן געפירט האָלץ־ברעטער פון די נאָענטע וועלדער, איבערהויפּט באַן־שוועלן, צו די באַן־סטאַנציעס. אַנדערע האָבן געפירט סחורות און פּאַסאַזשירן צווישן די שטעטלאַך.

כמעט יעדע משפחה האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל פעלד, אַ פּרוכט אָדער אַ גרינס־גאָרטן ביים הויז, בהמות, עופות און דגל.

דאָנערשטיק, איז געווען דער וועכנטלעכער מאַרק־טאָג. דער מאַרק האָט גערוישט פון פּויערים־מאַסן. זיי האָבן אַהער געבראַכט זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע, געקויפט זייערע נויטיקע באַדערפענישן פאַרן הויז און ווירטשאַפט. דער מאַרק־טאָג, האָט

געדינט אַלס וויכטיקער הכנסה־קוואַל פֿאַר דער יידישער באַפֿעל־קערונג.

דאָס רעליגיעזע און געזעלשאַפֿטלעכע לעבן

מען קען פֿאַרצייכנען צוויי פּעריאָדן אין דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער סיניאַווקע. ביז אינמיטן פֿון די צוואַנ־ציקער יאָרן פֿון אונזער יאָרהונדערט, האָט זיך דער שטייגער און נוסח פֿון לעבן געפֿירט לויטן גייסט פֿון דער רעליגיע און טראַדיציע. דער בית מדרש האָט געדינט אַלס געזעלשאַפֿטלעכער און גייסטיקער צענטער. יעדן טאָג, צווישן מנחה און מעריב, פֿלעגן פֿאָרקומען שיעורים פֿון משניות, עין יעקב און גמרא. זייער אָפֿט פֿלעגן דרשנים און מגידים לאָזן הערן זייערע דרשות פֿון דער בימה אין ענינים פֿון רעליגיע און מוסר. דאָ זענען אויך פֿאָרגעקומען פֿאָלקס פֿאַרזאַמ־לונגען, אויף וועלכע מען האָט דעבאַטירט און אָנגענומען באַשלוסן אין אַלע שטאָטישע ענינים. שבת און יום טוב איז די שול געווען געפּאַקט פֿון מתפּללים, קיינער האָט נישט געפֿעלט.

אָבער אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן, זענען אויך צו אונז דערגאַנגען „נייע ווינטן און נייע לידער". דער יונגער דור האָט איבערגעריסן מיט זיינע עלטערן, אָנגעהויבן גרינגשעצן די טראַדיציאָנעלע מנהגים און געבאָטן...

אין שפּיץ פֿון דער קהילה איז געשטאַנען דער רב. ביי אים אין הויז זענען פֿאָרגעקומען די זיצונגען און באַראַטונגען וועגן די שטאָטיש־געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, צוזאַמען מיט די עסקנים און כלל־טוער. זיין פּרנסה האָט ער געצויגן פֿון דער אַזוי באַרימטער „קאַראָבקע" — אַ באַזונדער אָפּצאָל פֿון די איינוווינער פֿאַר הייוון און שבת־ליכט. דער צווייטער ביי זיין זייט — דער שוחט, וועלכער האָט אויך געדינט אַלס חזן אין די שבתים און ימים טובים. דער שטאָטישער שמש האָט באַזאָרגט אַלע באַדערפֿענישן פֿון דער שול, אָנהויבנדיק פֿון טיילן עליות, ווו ער איז געווען בייהילפֿיק די גבאים, און ענדיקנדיק מיט דער ריניקונג און באַזאָרגונג פֿון ליכט און באַהייצונג. ער האָט אויך דערפֿילט די אויפֿגאַבע פֿון אַ בית־דין שמש און שמש פֿון שטאָטישן וועד.

אַ אָפֿיציעלע קהילה פֿאַרוואַלטונג, האָט נישט עקסיסטירט. אין דעם פּרט האָט סיניאַווקע געהערט, לויטן מלוכה געזעץ, צו דער קלעצקער קהילה־פֿאַרוואַלטונג, ווו זי האָט געהאַט איר אויסגעוויילטן פֿאַרשטייער. עס האָט, אָבער, עקסיסטירט אַ וועד פֿון די אָנגעזעענע געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וועלכע האָבן געפֿירט זייער טעטיקייט אין איינקלאַנג מיט קלעצק.

דערציִונג און קולטור

זייער דערציִונג, האָבן די קינדער באַקומען אין די אַלטע חדרים, ווו מען האָט געלערנט לייענען פֿון סידור, חומש מיט רש"י, תנ"ך און שפּעטער נאָך בר־מצוה אויך גמרא, פֿון מלמדים ספּעציעל געבראַכטע.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זענען געגרינדעט געוואָרן די רעפֿאָר־מירטע חדרים, ווו מען האָט געלערנט העברעיש און וועלטלעכע קעגנשטענדן — געשיכטע, געאָגראַפֿיע, חשבון און ד. ג.

אין די יאָרן האָבן שוין פֿיל יוגנטלעכע פֿאָרגעזעצט זייערע לימודים אין די אַרומיקע גרעסערע שטעט — אין דער העברעישער גימנאַזיע „יהודיה" אין באַראַנאָוויטש און אין אַנדערע רעגירונגס אָדער פּריוואַטע מיטל־שולעס. צוריקקערנדיק זיך פֿון די שטעט קיין סיניאַווקע אויף ימים טובים אָדער פֿעריען, האָבן זיי מיט זיך מיט־געבראַכט דעם נייעם גייסט פֿון פּראָגרעס, וועלטלעכקייט און ציוניזם. זיי האָבן געפֿירט אַן אַקטיווע קולטור טעטיקייט צווישן דער יוגנט.

אַ דאַנק זייער איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַ־טישער קרייז, אַ שטאָטישע ביבליאָטעק און אַ העברעישע פֿאָלקס־שול.

ווי דער שטייגער איז, האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין פּאָלעמיק און צוזאַמענשטויסן צווישן די פֿאַרשידענע שטראָמונגען.

ישיבה בחורים, „אגודה" לייט, האָבן שאַרף געקעמפֿט קעגן די וועלטלעכע אינסטיטוציעס, אָבער אָן אַ באַדייטנדן דערפֿאָלג.

סאָציאַלע און צדקה אינסטיטוציעס

די מעדיצינישע אנשטאַלטן — „ביקור חולים" און „לינת הצדק", האָבן ערטיילט מעדיצינישע הילף, מכשירים און מעדיקאַמענטן פֿאַר די נויטבאַדערפֿטיקע, און אויך אייז פֿאַר קראַנקע. זיי האָבן געשאַפֿן אַ קרייז פֿון פֿריוויליקע, וועלכע האָבן לויט דער ריי געוואַכט ביי די קראַנקע, אַכטונג געגעבן אויף זיי גאַנצע נעכט.

דאָן — די חברה קדישא און דער אַלטער בית־עולם, מיט אַ פּינקס פֿון די פֿאַרשטאָרבענע, אין וועלכן ס'פֿלעגן פֿאַרצייכנט ווערן די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין לעבן פֿון שטעטל.

באַזונדערע געזעלשאַפֿטן האָבן עקסיסטירט פֿאַר מעות חטים אויף פּסח, הכנסת כלה, תלמוד תורה און נאָך.

די ציוניסטישע טעטיקייט

סיניאַווקער יידן זענען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע צו ציון און ישוב ארץ ישראל. זיי פֿלעגן זיך לויט זייערע מעגלעכקייטן באַשטייערן פֿאַר די נאַציאָנאַלע פֿאָנדן. קיין פֿייערלעכקייט, ווי אַ חתונה, ברית־מילה און דגל. פֿלעגט נישט דורכגיין אָן אַ מגבית פֿאַרן קרן קיימת.

די יערלעכע קרן־היסוד אַקציע, פֿלעגט דורכגיין פֿייערלעך מיט אַן אַלגעמיינער באַטייליקונג. די דאָזיקע טעג זענען געווען ווי ימים טובים פֿאַר די יידן — טעג פֿון אויפֿשטייג.

אָבער די הויפּט טעטיקייט פֿאַרן ציוניזם איז געפֿירט געוואָרן דורך דער יוגנט. די החלוץ באַוועגונג, האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פֿון יונגן דור, די לערן און אַרבעטער יוגנט. פֿיל זענען דורכ־געגאַנגען זייער הכשרה אין די פֿאַרשידענע קיבוצים אין פּוילן, זוכה געווען צו עליה און איינוואָרצלונג אין לאַנד.

דער רעליגיעזער ציוניזם האָט זיך נישט אַנטוויקלט אין אונזער שטעטל צוליב פֿאַרשידענע סיבות. עס זענען געווען פֿיל סימפּאַטיקער, אָבער זיי האָבן נישט אַנטפּלעקט אַקטיווע טעטיקייט און אָרגאַני־זירונג.

צום שלום

אַ קליין שטעטעלע געווען סיניאַווקע, מיט אַ קליינע יידישע באַפֿעלקערונג און דאָך האָט אין איר געפּלאַסן אַ וואַך, אַקטיוו לעבן אויף פֿיל געביטן.

אירע יידן — תמימותדיקע, ערלעכע, האַרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה אין מי און יושר. עס זענען כמעט נישט געווען קיין לופֿט־מענטשן, וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך גרינגע פּרנסות און פֿאַרדינסטן. עס האָט זיך געמערקט אין שטעטל דער גייסט פֿון דאָרף, פֿעלד און נאַטור. אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן פֿלעגן זיך צוריקקערן מענער, זין און טעכטער, פֿאַרברענטע פֿון דער זון און מידע פֿון זייער אַרבעט אין פֿעלד און גאָרטן. זיי האָבן זיך געאיילט — ווער כאַפּן אַ מנחה און מעריב, אָדער אַ שיעור אין בית מדרש, ווער לייענען אַ בוך, אָדער אין לאָקאַל פֿון דער באַוועגונג צו אַ לעקציע, געזאַנג און טענץ. זיי אַלע האָבן פֿאַרמאָגט די גוטע מידות פֿון אהבת ישראל, באַרמהאַרציקייט און גרייטקייט צו הילף אין פֿאַלן פֿון צרות און אומגליקן. איז געפֿאַלן אַ פֿערד פֿון אַ בעל עגלה, איז אויסגעבראָכן אַ שריפֿה, אָדער אין פֿאַלן פֿון קראַנקייטן, אַלמנות

און יתומים, אָדער סתם פֿאַראָרעמונג — האָבן זיך אַלע מאָביליזירט און געאײַלט מיט הילף, דורך די סאָציאַלע אינסטיטוציעס, פּערזענלעכער שטיצע און מתן בסתר.

פּלוצעם, האָט זי געטראָפֿן דער גרויזאַמער חורבן.

קורץ נאָך זייער אָנקומען קיין סיניאַוואַקע, האָבן די נאַציס אַרויסגעטריבן אַלע יידן, מענער, פֿרויען און קינדער, אין וואַלד אויסערן שטאָט, זיי געצוווּנגען גראָבן פֿאַר זיך קברים און זיי אַלעמען דערמאָרדעט דורך דערשיסן.

עס איז נישט פֿאַרבליבן פֿון דער שחיטה קיין איין שריד ופליט.

אַזוי איז אומגעקומען די יידישע סיניאַוואַקע. הי״ד.

נתן האכבערג (רמת־גן) / מיין געבורטס־שטעטל

אין מערב ווייסרוסלאַנד, ביי די געדיכטע פּאָלעסיער וועלדער, אַרומגערינגלט פֿון דערפֿער און פּריצישע גיטער, איז געלעגן דאָס קליינע שטעטעלע סיניאַוואַקע.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווען און דורך וועמען זי איז געגרינדעט געוואָרן און פֿון וואַנען שטאַמט איר נאָמען. זקנים פֿלעגן זיך וויצלען, אַז דער רבונו של עולם האָט געשאַפֿן סיניאַוואַקע צוגלייך מיט הימל און ערד... זי האָט געציילט אַ ערך 100 יידישע משפּחות, און די זעלבע צאָל קריסטן. צווישן זיי האָבן געהערשט פֿרידלעכע שכנותדיקע באַציונגען. אַלע זענען געווען אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע, יעדער האָט אָנטייל גענומען אין די פֿריידן און ליידן פֿון צווייטן.

די הייזער הילצערנע, איין־שטאָקיקע. דאָס שטעטל האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ פֿיינעם אויסערלעכן אויסזען. די ווינציקע גאַסן — ברייט און ברוקירט, די הייזער אַרומגערינגלט מיט ביימער און גערטנער. צוויי צענטראַלע גאַסן האָבן זיך געקרייצט. צווישן צוויי פּאַראַלעלע רייען פֿון הייזער האָט זיך געצויגן דער ברייטער שאָסיי וואָס האָט געדינט אַלס וויכטיקער פֿאַרקערס־מיטל, פֿאַרבינדנדיק מאָסקווע מיט וואַרשע. די צווייטע צענטראַלע גאַס, האָט געפֿירט אין דער ריכטונג פֿון פּינסק. געווען אויך אַנדערע געסלעך.

דער איינציקער בית מדרש האָט געדינט אויך אַלס גייסטיקער און געזעלשאַפֿטלעכער צענטער. דאָ זענען אויך פֿאָרגעקומען פֿאַרזאַמלונגען, וווּ מען האָט באַהאַנדלט די פֿאַרשידענע שטאָטישע־פּראָבלעמען. אינדערוואָכן איז דער באַזוך אין בית מדרש געווען אַ קליינער, אָבער אין די שבתים און ימים־טובים, האָט קיינער נישט געפֿעלט.

די שטאָטישע ענינים האָבן זיך געפֿירט דורך אַ צאָל חשובע בעלי בתים און גבאים פֿון דער שול, אויסגעוויילטע דורך די איינוווינער.

די קינדער האָבן באַקומען זייער בילדונג און דערציונג אין חדרים פֿון די מלמדים, לויט דעם אָנגענומענעם טראַדיציאָנעלן סיסטעם. קיין פּאַרטייען האָבן כמעט ווי נישט עקסיסטירט. כמעט אַלע יידן האָבן געניגט צו ציוניזם און געווען טעטיק פֿאַר ארץ ישראל.

זייער פּרנסה האָבן יידן געצויגן פֿון קליין־האַנדל, האַנטווערק, און לאַנדווירטשאַפֿט. כמעט יעדער ייד האָט פֿאַרמאָגט זיין שטיקל פֿעלד און גאָרטן, וועלכע זענען דורך אים באַאַרבעט געוואָרן, און פֿון דעם האָט ער געצויגן אַ גרויסן טייל פֿון זיין חיונה.

דורות לאַנג האָט געפֿלאָסן דער דאָזיקער לעבנסשטייגער אָן ענדערונגען, קאָנסערוואַטיוו און טראַדיציאָנעל פֿאַרגליווערט.

אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט זענען אָבער אויך צו אונז דערגאַנגען נייע ווינטן, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך נייע אידעען און געשטויסן צו באַנייונג און פּראָגרעס.

די ערשטע שפּראָצונגען האָבן זיך באַוויזן אויפֿן געביט פֿון דערציונג. עס זענען דערשינען יונגע לערער, וועלכע זענען צוגעטרעטן צו זייער פּעדאַגאָגישער אַרבעט מיט מער מאָדערנע און פּראָגרעסיווע שיטות. עס זענען געגרינדעט געוואָרן די אַזוי גערופֿענע „חדרים מתוקנים”, אין וועלכע מען האָט געלערנט אויך אייניקע וועלטלעכע קעגנשטאַנדן מיט עברית אַלס אונטעריכטס־שפּראַך. די לערער האָבן דערצויגן דעם יונגן דור אין גייסט פֿון ציוניזם און העברעישער קולטור.

איבערהויפּט האָט זיך געשטאַרקט די יורינג צווישן דער יוגנט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האָט געשטרעבט זיך באַפֿרייען פֿון דעם האַלטן פֿאַרגליווערטן לעבנס שטייגער. צוערשט, איז מען צוגעטראָטן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק, וועלכע איז ביז איצט נישט געווען בנמצא. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס זיינע הכנסות זענען געגאַנגען לטובת דער ביבליאָטעק. בכלל דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן די ענערגיע און טעטיקייטס־דראַנג, וואָס די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן.

אַזוי, למשל, האָבן סיניאַוואַקער יוגענטלעכע מיט אייגענע קרעפֿטן, געגרינדעט די פֿייערלעשער קאָמאַנדע, די אויסשטאַטונג איז געווען אַ אָרעמע און אַ גאַנץ פּרימיטיווע, אָבער די יידישע פֿייערלעשער האָבן שטענדיק געאײַלט צו לעשן שריפֿות אין שטעטל און אין די אַרומיקע דערפֿער, און געטאָן זייער אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט.

אין יענע צייטן, נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די ציוניסטישע באַוועגונג, און אין אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלאַך זענען געשאַפֿן געוואָרן סניפים פֿון החלוץ. די סיניאַוואַקער יוגנט האָט באַשלאָסן נאָכטון זייער ביישפּיל, אָבער זי האָט זיך גענויטיקט אין גייסטיקער הילף פֿון דרויסן. דאַן האָט אונז באַזוכט חבר הערשל פּ י נ ס ק י (פֿון די גרינדער פֿון גבת, טראַגיש אומגעקומען). עס איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג אין דער שטאָטישער שול. דער שליח איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואַרימער איינדרוקספֿולער רעדע, דערמוטיקט די יוגנט און זי גערופֿן זיך אָנשליסן אָן דער החלוץ־באַוועגונג און זיך מכשיר זיין צו עליה.

אַזוי איז געוואָרן דער סניף החלוץ און צוגעטראָטן צו אַקטיווער חלוציש־ציוניסטישער טעטיקייט. כמעט די גאַנצע יוגנט האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג, און האָט אַרויסגעוויזן טרייהייט און איבערגעגעבנקייט. אין אַ דערוואָרבענעם ענגן לאָקאַל, פֿלעגן פֿאָרקומען אונזערע צוזאַמענטרעפֿן, פֿאַרזאַמלונגען און דערציערישע אַרבעט. פֿיל חברים זענען אָפּגעפֿאָרן אין די הכשרה־קיבוצים אין פֿאַרשידענע ערטער אין פּוילן. אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט האָבן זיך אויסגעבילדעט דערציער און מדריכים, און זיי האָבן געגרינדעט דעם סניף החלוץ הצעיר.

מיר האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט די סניפים אין די אַרומיקע שטעטלאַך און איינגעאָרדנט צוזאַמענטרעפֿן, וווּ מיר האָבן געמיינזאַם באַהאַנדלט אונזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. אויך האָבן אונז באַזוכט חברים פֿון מרכז, ווי אַרקע ו ו י י נ ע ר (איצט אין גבת) א. ב ע ר ד י ט ש ע ו ו ס ק י און אַנדערע.

אַ באַדייטנדיקע צאָל סיניאַווקער חלוצים האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל, און זיך געראַטעוועט פון שפּעטעריקן חורבן (צווישן זיי דער שרייבער פון די שורות).

עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און עס איז איבערגעריסן געוואָרן יעדער קאָנטאַקט צווישן אונז און אונזערע ברידער אין סיניאַווקע. מיר האָבן נישט געוווּסט וועגן גורל פון אונזערע פריינט און קרובים, ערשט נאָך דער מלחמה, האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט דער חורבן אין זיין גאַנצן פאַרנעם. אַלע יידן פון סיניאַווקע זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון די קריסטלעכע שכנים.

עס איז נישט פאַרבליבן קיין איין לעבעדיקער ייד, וועלכער זאָל קענען דערציילן וועגן די לעצטע מינוטן פון דער יידישער סיניאַווקע.

עס זענען פאַרבליבן בלויז די ווינציקע, וועלכע זענען אַנטלאָפן גלייך נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה קיין ראַטן־פאַרבאַנד אָדער זיך אַנגעשלאָסן אָן דער פאַרטיזאַנער באַוועגונג.

שמעון שקוליער / אונזער שטעטל

דער נאָמען סיניאַווקע איז איינגעקריצט אין מיין האַרץ פון מיינע קינדער און יוגנט־יאָרן. אָט דאָס שטעטל, וואָס איז געווען אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט קלעצק און געהערט צו איר קהילה, איז געווען אַלט, און אַז מיר זוכן די ערשטע שפּורן — פירט עס אונז צום יאָר 1750. יידן האָבן געוווינט דאָ נאָך פריער, אָבער פאַר אָט דעם יאָר זענען די אָרטיקע יידן נאָך נישט געווען אָרגאַני־זירט ווי אַ קהילה, און עס זענען אונז נישט פאַרבליבן קיין שום געוויע ידיעות וועגן אַ קהילה לעבן אין סיניאַווקע אין די מקורות. ערשט זינט דעם יאָר 1750 און ווייטער געפינען מיר שוין פּרטים, ווי למשל, אַ פּסק פון הרב וועגן אַ „ייד וואָס האַלט אַן אַראַנדע אויף דריי יאָר, אַז אַן אַנדערער זאָל די אַראַנדע נישט אויסדינגען פון אים, ווייל אַז עמיצער האָט עפּעס אַ פּרנסה — טאָר אַן אַנדערער נישט קומען און אים צונעמען זיין פּרנסה".

אין די פאַרשטויבטע אַרכיוון פון רוסלאַנד, זענען זיכער פאַראַן מאַטעריאַלן וועגן סיניאַווקע, און אַנדייטונגען דערפאַר זענען פאַראַן אַ סך. דאָ ווילן מיר, באַמערקן, אַז דאָס שטעטל האָט זיך אַנטוויקלט אַ דאַנק דעם שאָסיי מיט דער ליניע מאָסקווע—וואַרשע. עס איז געווען פאַרבויט פון ביידע זייטן שאָסיי אויף אַ שטח וואָס האָט זיך געצויגן אַ קילאָמעטער מזרח־זייט צו סלוצק, און מערב־זייט צו דער באַן סטאַנציע פון ליאַכאָוויטש. אַ ברייטער וועג, פאַרפלאַנצט ביידע זייטן מיט ביימער, האָט איבערגעשניטן דעם שאָסיי אין שטעטל — דאָס איז געווען דער שליאַך — וואָס האָט פאַרבונדן פאַר דעם בוי פון דער באַן־סטאַנציע קלעצק מיט פּינסק.

סיניאַווקע, איז געווען אַ דורכגאַנגס־פּונקט פאַר סוחרים מיט כלערליי סחורות — ליאַכאָוויטש, באַראַנאָוויטש, קלעצק, ניעסוויזש, פּינסק. דער וועג איז געווען פאַרפלאַנצט ביימער, נישט צוליב שיינקייט, נאָר עס זענען אויף די ביימער פאַרצייכנט געוואָרן סימנים פאַר די סוחרים, זיי זאָלן וויסן ווי צו קומען אין די מקומות פון איינקויף און פאַרקויף ווינטער־צייט, ווען עס פלעגן בושעווען גרויסע שנייען און זאַווערוכעס און אַלץ איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי. עס האָט נאָך דער קניאַזש ראַדזשיוויל געזאָרגט דערפאַר.

ביים שליאַך איז געבויט געוואָרן די „פּינסקער גאַס", וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די תבואה סוחרים, בעקערייען און אַנדערע געשעפטן. דאָ זענען אויך געווען בעלי־מלאכות און קליינע קרעמלעך.

אינטענסיוו האָט אין סיניאַווקע פּולסירט דאָס יידישע לעבן. די יידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען בעיקר פון קרעמער, הענד־לער און האַנטווערקער, דערונטער אויך האָלץ סוחרים, וועלכע פלעגן אויסאַרבעטן פון די אויסגעשניטענע ביימער פון די וועלדער שוועלן פאַר די באַן־וועגן און אַנדערע האָלץ אויסאַרבעטונגען. געווען אויך תבואה סוחרים, וועלכע פלעגן אָפּקויפן ביי די פּויערים די תבואה.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן

עס איז געגרינדעט געוואָרן ביי אונז אַ גמילות חסדים קאַסע, און אין איר שפּיץ איז געשטאַנען יצחק שקולער דער פעלדשער פון סיניאַווקע, ניימארק און מאיר פּסח האכבערג. עס ווערט געזאָרגט אויך פאַר אַנדערע באַדערפנישן, ווי למשל, ביקור חולים, וווּ אָרעמע און קראַנקע באַקומען מעדיצינישע הילף און רפואות פאַר אַ מינימאַלן פּרייז. אין שפּיץ פון אָט דער אינסטיטוציע זענען געשטאַנען דער אָרטיקער אַפּטייקער גינצבורג, געצל געל־פאַנד און שמעון שקולער. די הכנסה איז געקומען פון אַ קליינעם וועכענטלעכן אָפּצאָל, ווי אויך פון די הכנסות פון די עליות לתורה אין שול אין „פּרשת בשלח" און „שבת שירה".

בכלל האָט זיך אונזער קהילה־לעבן אָפּגעשפּילט אין שול, און דאָרט פלעגן דערליידיקט ווערן אויך פאַרשידענע סכסוכים. דער רב פון שטעטל, איז געווען די דעצידירנדיקע פּערזענלעכקייט, אָבער צוזאַמען מיט אים זענען געווען אויסגעקליבענע, וואָס מיר פלעגן רופן „צענטלאַך", וועלכע פלעגן יעדן מוצא שבת זיך צענויפקלייבן ביי אים אין שטוב צו באַהאַנדלען כלערליי פראַגן. יעדער פון זיי איז געווען אַ טיפּ פאַר זיך, און יעדערער פון זיי איז געווען באַקאַנט אַלעמען אין שטעטל, — אַלע ערלעך און איבערגעגעבן לטובת הכלל.

ביים אומקום

ווי אַ שטורעם איז געקומען דער אומקום, בעת מ'האָט גענומען מענער, פרויען און קינדער, זיי באַפוילן אויסגראָבן אַ גרויסע גרוב אין דער פּינסקער גאַס — און זיי דערשאָסן.

פריער האָט מען גענומען דעם רב אליהו מיט דעם שוחט ר' יואל, און זיי אַרויסגעפירט אינמיטן שטעטל אויף דער פּינסקער גאַס, אויפן פּלאַץ ווו אַלע זענען אומגעקומען. דער רב האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָנגעהויבן צו לויפן, אַריינגעלאָפן אין דער שטוב פון בערל שניידער און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן.

פאַרשניטן איז געוואָרן דאָס לעבן פון אונזערע טייערע ברידער און שוועסטער, דער גאַנצער שטאַם איז אַוועק, דער אַש צעשטויבט, אָפּגעמעקט דער זכר פון אַזוי פיל דורות.

זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַ מצבה פאַר די קדושים.

ר' אליהו ניימאַרק — אַ קאָלירפולע פּערזענלעכקייט

ר' אליהו ניימאַרק איז געווען אַ רירעוודיקער עסקן, פול מיט ענערגיע. געווען גוט בעקאַנט אַלס עסקן, נישט נאָר אין אונזער שטעטל סיניאַווקע, נאָר אויך אין קלעצק און באַראַנאָוויטש. סיניאַווקע

האָט געהערט צו דער קלעצקער קהילה, און ניימאַרק איז געווען איר פאָרשטייער.

ר׳ אליהו האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענערגישער אַרבעט לטובת אַלע קהילה אַנגעלעגנהייטן, ער איז שטענדיק געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַלע שטעטלשע ענינים, ער האָט אָפּט פאַרלאָזן זיינע פּריוואַטע געשעפטן, ווייל ער איז געווען זייער איבערגעגעבן בלב ונפש די הצטרכותן פון אונזער קהילה.

האָט געפירט אַ קאַמף מיט׳ן קניאַזש ראַדזשיווויל

ער איז געווען אַ מענטש מיט שטאָלץ, און ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן טובת הכלל האָט ער זיך נישט אָפּגעשראָקן פון קאַמף. זייענדיק פול מיט טעמפּעראַמענט און קאַמפס־ווילן האָט ער אויפגענומען אַ העפטיקן קאַמף אַפילו מיטן קניאַזש ראַדזשיוויל פון ניעסוויזש, פאַר דעם רעכט אויף פּאַשע פאַר די בהמות, וואָס מ׳האָט געוואָלט אַוועקנעמען ביים שטעטל. אָט דער קאַמף האָט געדויערט יאָרן לאַנג, האָט אים געקאָסט אַ סך געלט און געזונט, אָבער ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד און אויסדויער.

שיין רויק, סאָליד איז געווען ר׳ אליהו אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און טריי דער יידישער טראַדיציע.

ביי אים אין הויז פלעגן איינשטייקן רבנים און מגידים, ווען זיי פלעגן דורכפאָרן אונזער שטעטל, און רבנים פלעגן זאָגן, אַז אין די פאָר טעג, וואָס זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי אים, האָבן זיי זיך געפילט ווי אין דער היים. ער האָט פאַרמאָגט אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַרן מהות פון יידישקייט, דערצויגן זיינע קינדער אין רעליגיעזן גייסט, אָבער פאַרפלאַנצט אין זיי אויך ליבשאַפט צו ארץ ישראל. זיינע דריי זין און איינציקע טאָכטער, געפינען זיך טאַקע אין ישראל.

פון פאָטער צו די קינדער

מיר גייען אַריבער פון פאָטער צו די קינדער, רינגען אין דער יחוס־קייט פון דער משפחה ניימאַרק.

אין וואָס באַשטייט אָט דער יחוס? נישט אין קיין טיטלען, און נישט אין מעדאַלן — נאָר אין מעשים. און אָט דאָס קענען מיר אויפווייזן אויך אין לעבן פון די זין, וואָס זענען געווען שוין ייִנגל־ווייז טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער יינגערער זון משה, איז געווען פון יינגלווייז אָן אַ ישראל־פּיאָנער, אַ חלוץ אין פולן זין פון וואָרט, דער ערשטער וואָס איז אַוועק קיין ארץ ישראל קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן.

דער צווייטער זון ביינוש ניימאַרק, האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין ווילנע, געווען טעטיק אין סיניאַווקע, אין דער ביבליאָטעק־אַרבעט, אין דראַמאַטישן־פאַריין און „תרבות״ שול א. אַ. וו. אויך ער פאַרלאָזט זיינע געשעפטן און איז עולה קיין ארץ־ישראל, גייט אין קיבוץ און ווערט איינער פון די טרייסטע חברים אין דגניה א׳.

דער דריטער זון, איז אַ מיטגליד אין אַ רעליגיעזן מושב, און אויך ער איז אַ עטישע פּערזענלעכקייט.

אויך די טאָכטער שרה, איז אַ איבערגעגעבענע חלוצה.

דער דיסטאַנץ פון יאָרן מאַכט אונז נישט פאַרגעסן דעם אָנדענק פון ר׳ אליהו ניימאַרק, דעם פאָטער פון משפחת ניימאַרק. זיין טעטי־קייט איז נישט געווען באַשרענקט אויף איין באַשטימטן געביט. געווען אַ מענטש מיט האַרץ און מיט נשמה. — אַ מוסטער מיט זיינע אייגענע מעשים, און באַליבט אין זיין עדה.

די פאַמיליע קאַפלאַן

אין אונזער שטעטל איז געווען אַ צאָל פאַמיליעס איינגעטונקען אין יחוס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מידות, צו זיי האָט געהערט די פאַמיליע קאַפלאַן.

ר׳ יעקב קאַפלאַן, דער פאָטער פון דער משפחה איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פּערזאָניפיצירט יידישן שטאָלץ און גדלות. איז געווען דער אַרענדאַר פון קניאַזש ראַדזשיוויל אין סיניאַווקע, אויפ־געפּאַסט אויף אַלע זיינע פעלדער, גיטער און לאַנקעס.

מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט אהבת ישראל און אהבת התורה.

אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט אָפּגעגעבן די בעסטע צייט פון זיין יוגנט פאַר תורה. געשמ׳ט שוין ייִנגלווייז מיט זיינע גרויסע כשרו־נות. אויך זיינע קינדער האָט ער דערצויגן אין גייסט פון תורה. אַליין שפּעטער געוואָרן רב אין וואָלקאָווישאַק, אין מלחמה צייט איז ער אויך געווען דער רב פון אונזער שטעטל סיניאַווקע. אַלס רב האָט ער זיך דערוואָרבן גרויס פּאָפּולאַריטעט.

אַ סך פון זיינע אייגנשאַפטן האָט געירש׳נט פון אים זיין בן יחיד, ר׳ יהודה לייוויק ז״ל. ער האָ טחתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הרב משה מענדל פון קאָסאָווע, פרומע בריינע. ווי איר פאָטער, איז אויך זי געווען זייער באַגאַבט, האָט געשמ׳ט מיט איר חכמה און שיינקייט.

בעת זי איז אָנגעקומען קיין סיניאַווקע צו איר רייכן שווער ר׳ יעקב קאַפלאַן, האָט ער איר באַלד איבערגעגעבן די שליטה מיט דער פאַרוואַלטונג — און זי האָט טאַקע אַרויסגעוויזן פעיקייטן אין אַלע ענינים פון פינאַנצן. אין די דאַמאַלסדיקע יאָרן האָט מען ביי אונז אין שטעטל שטאַלצירט מיט יהודה לייוויק׳ס דריי טעכטער: סאָניע, חיקה און אלישבע און זון בערל.

פון אָט דער דאָזיקער פאַמיליע זענען אַוועק אייניקע קיין אַמעריקע, אָט אויך דאָרט פאַרנעמען זיי אַ בכבודיקן און אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. באַטייליקן זיך אין דער טעטיקייט פאַר מדינת ישראל.

די יינגערע טאָכטער, אלישבע קאַפלאַן, האָט געענדיקט גימנאַזיע אין ניעסוויזש צו 16 יאָר. אַלס 17 יעריק מיידל איז זי אַוועק קיין ארץ ישראל. אָרגאַניזירט אַ גרופּע חלוצים — און אַוועק צופוס קיין וואַרשע. אַ חלוצה פון ערשטן טאָג אָן. דאָן אַ חברה פון דגניה ב׳. און אַ באַקאַנטע לאַנגיאָריקע טוערן און פּירערין פון דער אַרבעטאָרין־באַוועגונג אין ישראל.

אַמאָליקע סיניאַווקער פּאָסט

די פאַרבינדונג פון סיניאַווקע מיט די אַנדערע שטעטלאַך איז געווען דורך דעם מאָסקווער—וואַרשעווער שאָסיי, דער זאַמדיקער וועג קלעצק—פּינסק, פלעגט פאַרשאַטן ווערן ווינטער־צייט מיט שניי, און אָנהייב פרילינג און הערבסט פלעגט דאָרט זיין אַ בלאָטע, — איז טאַקע דערפאַר די רעגולערע פאַרבינדונג אַ גאַנץ יאָר געווען דער שאָסיי סלוצק—סיניאַווקע — באַן־הויף ליאַכאָוויטש.

אויף אָט דעם דאָזיקן שאָסיי פלעגן אַ חוץ בעלי־עגלות מיט זייערע וועגנער, אויך קורסירן אַ דיליזשאַנס, — אַ שווערער צוגע־מאַכטער וואָגן, פון דרויסן געפּאַרבט געל, די טירן שוואַרץ — געשפּאַנט אין 4 פערד, וועלכע פלעגן ווערן געטוישט יעדע 21 קילאָמעטער אויפן וועג.

צו דעם צוועק זענען אויסגעבויט געוואָרן אויפן וועג, ביים שאָסיי מאָסקווע—וואַרשע, סטאַנציעס־שטאַלן פאַר די פערד נעבן די פּאָסט־סטאַנציעס. דער דיליזשאַנס פלעגט פאָרן עטלעכע מאָל אין טאָג אַהין און צוריק, און שטענדיק פלעגט מען בייטן די פערד אין וועג.

אונזער שטעטל סיניאַווקע, האָט אויך באַקומען אַזאַ פּאָסט־סטאַנציע, וואָס האָט פאַרנומען אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ אין סאַמע צענטער שטעטל, און דאָ, ביי דער פּאָסט־סטאַנציע, פלעגט זיך אָפּשטעלן דער דיליזשאַנס.

ער פלעגט אָנקומען אין אַ באַשטימטער שעה מיט פּאַסאַזשירן פון ליאַכאָוויטש—סלוצק, האָבן שוין אַ סך געוואַרט אויף אים, — אויף בריוו און ווער אויף סחורה, אחוץ עס זענען געווען אויך ליידיק־גייער, וואָס האָבן סתם געוואַרט כדי צו הערן עפּעס נייעס — וואָס עס טוט זיך אין דער „גרויסער וועלט״, אָדער צו זען אַ „פּנים חדשות״, אָנקוקן סוחרים פון אַנדערע מקומות, וואָס פאָרן דורך אונזער שטעטל.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז אויך אין דיליזשאַנס זענען געווען „שטאַנדן״. געווען דריי סאָרטן פּלעצער („קלאַסן״ ווי מען פלעגט דאָס רופן): ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס.

די ערשטע קלאַס, איז געווען אין סאַמע מיטן פון דיליזשאַנס, אָפּגעטיילט פון די אַנדערע „קלאַסן״. זי האָט געהאַט פון ביידע זייטן טירן, אַזוי אַז פון יעדער זייט פונעם וועג, האָט מען געקענט אַהין אַריינגיין. אַ חוץ דעם פלעגן דאָרט אויך זיין געבעטע בענק, און אויף יעדער באַנק דריי זיץ־פּלעצער, וואָס זענען געווען זייער טייער; אַ רייזע ליאַכאָוויטש—סלוצק האָט געקאָסט דריי רובל.

די צווייטע קלאַס, איז באַשטאַנען פון הינטערשטן טייל פונעם דיליזשאַנס, מיט אַ טיר פון הינטן. 2 האַרטע בענק אין דער לענג, אָן פענצטער, בלויז די טיר־פענצטער. 4 פּאַסאַזשירן אויף יעדער באַנק.

די דריטע קלאַס — 2 אייזערנע בענקלאַך, צוגעשמידט צו דער וואַנט, מיט עטלעכע זיץ־פּלעצער.

אין אַ באַזונדערן אָרט פלעגט זיצן דער קוטשער און ביי זיין זייט דער קאָנדוקטאָר, אין אַ צווייטער זייט, אין אַן אָפּגעצוימטן ווינקל, איז געזעסן דער בעאַמטער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָסט, און פלעגט אויפן וועג, אויף יעדער סטאַנציע פאַרטיילן די פּאָסט, די אָרטיקע בעאַמטע.

אַז דער דיליזשאַנס פלעגט אָנקומען אין סיניאַוקע, האָט דער בעאַמטער איבערגעגעבן די געשלאָסענע פּעק, אַרומגעוויקלט מיט אייזנס, צו אונזער פּאָסט־בעאַמטן, דעם „נאַטשאַלניק״. אָט דער שטאָטישער „פּאָסט נאַטשאַלניק״ פלעגט אַרומגיין שטאָלץ און זיך גרויסן מיט זיין בכבוד׳יקן אַמט, גלאַנצנדיק מיט זיין שוואַרצן מונדיר מיט די רויטע קנעפּ. ער פלעגט זיך אַזוי זיצן אין זיין קאַבינעט און געדולדיק אויסהערן ווי מען קומט און מען פרעגט אים: — פאַראַן אַ בריוו פאַר מיר? ער האָט שוין יעדן געקענט, און אַז עס איז געווען אַ בריוו, פלעגט ער צוגיין צום שווערן קאַסטן, געשמידט מיט רייף־אייזן, און לאַנגזאַם, מיט חשיבות, אַרויסנעמען דעם בריוו און אים דערלאַנגען, און פאַר ווועמען עס איז נישט געווען קיין בריוו, פלעגט ער מיט איראָניע ענטפערן:

— משרייבט נאָך... еще пишут

צווישן פעלד און וואלד

בנימין אילן (ניימארק)

אין סאַמע מיטן וועג, וואָס פאַרבינדעט וואַרשע—מאָסקווע, צווישן באַראַנאָוויטש און קלעצק, געפינט זיך דאָס קליינינקע שטעטעלע סיניעווקאַ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט עטלעכע ווייסרוסישע דערפלעך און דעם פּריץ ראַדזשיווויל׳ס וועלדלעך, איינגעטונקען אין גרינס, גערטנער און ביימער. נישט ווייט פליסט אַ קליין טייכל.

אַרום 100 פאַמיליעס האָבן געוווינט אין דעם שטעטל. ווי די יידישע תושבים אין די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן אויך די סיניאַווקער יידישע תושבים זיך באַשעפטיקט דערהויפּט מיט קליין־האַנדל און אַ טייל זענען געווען בעלי־מלאכות.

ס׳זענען אָבער אין שטעטל געווען אויך יידן־פּויערים, וואָס האָבן געצויגן זייער חיונה נאָר פון זייערע פעלדער. עס איז געווען אַ הערליך בילד: אַרום בליען פעלדער און יידישע פּויערים אַקערן און זייען, גייען פון שניט און פירן אַהיים זייערע תבואות...

דאָס אידילישע פּויערים־לעבן האָט זיי אָבער נישט באַפרידיקט. זיי האָבן אויך געזוכט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער גייסטיקן שפּייז — אין דער טראַדיציע; אין לאַגער פון סאָציאַליזם, און אַנדערע — אין דער העברעישער קולטור, און מען האָט אַ סך געווידמעט דער דערציונג פון די קינדער און פון דער יוגנט.

מיטן וווקס און אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אויך געוואָקסן דער אינטערעס אין דערציונגס וועזן. מ׳פלעגט אַראָפּברענגען אין שטעטל אויסגעצייכנטע פּעדאַגאָגן־לערער ווי א ד ל ע ר, ז ע װ ו א ד ע ס, ד״ר א. ג ר י נ ש פ א ן (איצט אין ישראל), ע ז ר י א ל נ י ע ק ר י ץ (דגניה א׳) א. אַנד. אָט די לערער האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די גייסטיקע פאָרמירונג פון דער יוגנט, זיי האָבן דערצויגן די קינדער אין גייסט פון ציוניזם און פון חלוציזם. די עלטערע קינדער זענען צום טייל געשיקט געוואָרן אין די נאָענטע שטעט, ווו זיי האָבן געלערנט אין מיטל־שולן. אַז זיי פלעגן דערנאָך אַהיימקומען, פלעגן זיי אין שטעטל פאַרפלאַנצן אין דער יוגנט קולטורעלע און ציוניסטישע ווערטן.

אין שטעטל איז געווען אַ קלימאַט פון איבערגעגעבנקייט איינער פאַר׳ן צווייטן. יידן, וואָס פלעגן שווער אַרבעטן פאַר זייער פּרנסה, האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געהאָלפן אָרעמעלייט; אַז עס איז געקומען פאַר פּסח, האָבן זיי געגעבן „מעות חיטים״, יעדערער וויפיל ער האָט נאָר געקענט. עס האָט זיך שטענדיק געפונען אַ פּאָרל, וואָס האָט געזאָרגט צענויפצוקלייבן דאָס געלט. מען האָט אויך געזאָרגט פאַר קראַנקע.

אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס לעבן רויק, ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די שלאַכטן האָבן אָנגעהויבן צו בושעווען ביי באַראַנאָוויטש און סיניעווקאַ, און ס׳איז אַרויס דער באַפעל, אַז אַלע יידישע איינוווינער פון סיניעווקע מוזן אַוועק פון שטעטל קיין טיף־רוסלאַנד.

אָט די גזירה האָט מיט אַמאָל אַלץ צעשטערט, און געבראַכט פּלוצעם אַן איבערקערעניש אין לעבן פון אונזער שטעטל. מיר האָבן געמוזט הענדום־פּענדום אַלץ איבערלאָזן און זיך קלייבן אין וועג אַריין, און מיר זענען דאַן אַוועק אין טיף־רוסלאַנד, אָבער אַ סך פאַמיליעס האָבן זיך דאַן באַזעצט אין סלוצק און אין דער אומגעגנט.

ערשט אין יאָר 1919, ווען עס האָט זיך איינגעשטעלט דער פּוילישער רעזשים, זענען מיר געקומען צוריק קיין סיניעווקאַ. מיר האָבן דאַן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צוריק אויפבויען וואָס עס איז צעשטערט געוואָרן. וואָס שייך דעם קהילה־לעבן, זענען מיר געווען פאַרבונדן מיט קלעצק, און דאָרטן האָבן מיר אויך באַקומען אונזערע גייסטיקע און קולטורעלע הצטרכות׳ן.

אין דער צייט פון דער דריטער עליה זענען ביי אונז געגרינדעט געוואָרן סניפים פון החלוץ און החלוץ־הצעיר, און צו זיי האָט געהערט די גאַנצע אָרטיקע יוגנט. ס׳האָט זיך דעמאָלט געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט, מ׳האָט פלייסיק געלערנט

העברעיש, עס זענען פאָרגעקומען שטענדיקע לעקציעס און פאַרטראַגן, און די חברים האָבן זיך צוגעגרייט צו זייער עליה. אין די אָוונטן פלעגט אָפּהילכן איבער די גאַסן דער געזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן פון לאָקאַל פון החלוץ...

ווען ס׳זענען אַנטשטאַנען אין דער אומגעגנט די הכשרה־פּערעס, זענען אַ סך פון דער יוגנט אַוועק פון שטעטל אויף הכשרה, כדי זיך צוגרייטן צו זייער עליה. עס איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן די טעטיקייט פאַרן קרן קיימת. עס האָט געווימלט אין די „באַזאַרן" פון קרן קיימת, וואָס מיר פלעגן אַראַנזשירן לכבוד פּורים. מיט גרויס מסירות נפש פלעגן מיר צוגרייטן די עקספּאָנאַטן פאַרן „ארץ ישראל פּאַוויליאָן", ס׳זענען פאַרקויפט געוואָרן צוקערקעס פון „תוצרת הארץ" , און די קינדער זענען געווען פול מיט פרייד, זיי פלעגן זינגען און טאַנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַ קולטורעלער פאַקטאָר אין שטעטל איז געווען די יידישע ביבליאָטעק. מיר האָבן דאַן געהאַט 3.500 ביכער אין יידיש און העברעיש. איינגעקויפט אָט די ביכער האָבן מיר פון די הכנסות, וואָס מיר האָבן געהאַט פון ליטעראַרישע אָוונטן און פון פאָרשטעלונגען, וואָס זענען אָפט פאָרגעקומען. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ ציוניסטישן עסקן האָט אויך עקסיסטירט אין משך פון יאָרן די העברעישע שול „תרבות" מיט 4 קלאַסן.

ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער געראַנגל צווישן די נאַציאָנאַלע קרייזן און צווישן די, וואָס האָבן געשטיצט די פּוילישע שול, און אויך מיט די פרומע קרייזן, וואָס האָבן געזוכט ווייטער פאָרצוזעצן די „תלמוד תורה" לויטן אַלטן שטייגער. אָבער מיר האָבן זיי גובר געווען, ווייל דער יונגערער דור איז געווען מיט אונז, און אויף די גאַסן האָט מען געקענט הערן ווי זיי ריידן און זינגען העברעישע לידער ; מ׳קאָן זאָגן, אַז עס איז נישט געווען קיין איין שטוב ביי אונז אין שטעטל, וווּ מ׳האָט נישט געהערט די העברעישע שפּראַך.

און ווי טרויעריק ווערט אויפן האַרצן, ווען מען דערמאָנט זיך אַז דאָס האַלץ, אַז אָט דאָס לעבן איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן. זאָל זיין געהייליקט דער פאַרבלוטיקטער נעכטן דורך דעם אויפטו פון אונזער גרויסן היינט.

שרה דענענבערג / סיניאַווקער זכרונות

די געאָגראַפישע לאַגע פון שטעטל סיניאַווקע, באַזונדערס דער שאָסיי מאָסקווע—וואַרשע, וועלכער האָט זי דורכגעשניטן און וועלכן די רוסן האָבן צוגעגעבן אַ ערשטקלאַסיקע סטראַטעגישע באַדייטונג — האָט גורם געווען צו אַ לעבהאַפטע באַוועגונג און געווירקט אויפן מאַטעריעלן צושטאַנד פון שטעטל. אָבער פון דער צווייטער זייט, אין די צייטן פון מלחמות, סאָציאַלע שטורמען און איבערקערענישן, האָט עס פאַרשאַפט נישט ווייניק צרות און פּלאָגן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אויך דער שנעלער און פּלוצעמדיקער גירוש בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען פאַרבונדן מיטן דאָזיקן פאַקט.

ווען די פּליטים האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייערע אַלטע היימען, אין יאָר 1917, האָבן זיי נאָך אַ לאַנגע צייט נישט געהאָסן פון קיין רויקן און זיכערן לעבן. נאָך דער רעוואָלוציע הויבט זיך אָן דער בירגער־קריג און די סאָוויעטיש־פּוילישע מלחמה, וועלכע האָט געדויערט ביז 1921.

די צוויי לאַנגע רייען יידישע הייזער און קראָמען, וועלכע האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל, האַרט ביי ביידע זייטן פון שאָסיי, זענען שטענדיק געווען אויסגעשטעלט און אַנטבלויזט פאַר די פאַרשידענע חיילות, וועלכע האָבן דאָ פאַרביימאַרשירט און געקעמפט — צאַרישע זעלנער, דייטשן, באָלשעוויקעס, פּוילישע לעגיאָנערן און אַנדערע. און יעדער פון זיי האָט אויף זיין שטייגער געווילדעוועט און טעראָריזירט די איינוווינער.

אַ לאַנגע צייט, האָט זיך סיניאַווקע געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַ הפקר־שטח, אָן מאַכט. אין מערב זייט האָבן זיך געפונען די פּוילישע לעגיאָנערן, אין מזרח — די רויטע אַרמיי. עס האָט זיך געשאַפן אַ משונה׳דיקע לאַגע, ווען די ביידע פלעגן אומאויפהערלעך, לויט דער ריי, זיך אַריינרייסן אין שטעטל, ווי לויט אַ קעגנזייטיקן הסכם. איבערהויפּט האָט מען געליטן פון די פּוילישע לעגיאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

עס זענען געווען פאַלן, ווען זיי פלעגן זיך אַריינרייסן פּלוצעם, פרייטיק־צו־נאַכט, אין שול און באַרויבן די מתפּללים די גוטע מלבושים און שיך און זיי איבערלאָזן האַלב נאַקעט און באָרוועס. עס זענען געווען אויך מאָרד־פאַלן.

איינמאָל, זענען אָנגעקומען געשעפטלעך קיין סיניאַווקע צוויי יידישע סוחרים פון מאָסקווע, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין האָטעל פון דער פאַמיליע קאַפּלאַן. צו זייער אומגליק, זענען זיי באַמערקט געוואָרן פון לעגיאָנערן, באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש, אַרויסגעפירט געוואָרן הינטערן שטעטל — און דערשטאָכן געוואָרן צום טויט.

די צוויי טעכטער פון הירשל זאַבלאַצקי דעם קצב און זייער יונגער ברודער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון סלוצק און זיך פאַרנומען מיט האַנדל, זענען אין איין פרימאָרגן געפונען געוואָרן דערמאָרדעטע אין זייער הויז, צוזאַמען מיט נאָך צוויי יידישע טעכטער פון סיניאַווקע, וועלכע האָבן ביי זיי גענעכטיקט יענע נאַכט. אַלע סימנים האָבן עדות געזאָגט, אַז דער מאָרד איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די לעגיאָנערן צוליב רויב־צוועקן.

עס איז פאָרגעקומען אַ פאַל, ווען אַ סאָוויעטישער זעלנער האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, ווען עס איז אָנגעקומען אַ פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונג. דער זעלנער האָט זיך פאַרשטעקט הינטער אַ טיר אין הויז פון דעם וואַלד־סוחר מאיר פּסח האַכבערג. איז דער זעלנער געפאַנגען געוואָרן, און האָכבערג איז באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש און איך אויסבאַהאַלטן אַ פיינטלעכן זעלנער. מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער און אים פאַרמישפּט צו צוואַנציק שווערע שמיץ, וועלכע ער וואָלט וואַרשיינלעך נישט אויסגעהאַלטן. די שטעטל איז אויפגעציטערט געוואָרן — נאָר אַ דאַנק דער שנעלער אינטערווענץ און השתדלות פון די אָנגעזעענע בעלי־בתים יצחק שקליאַר, אליהו ניימאַרק און אשר קעסלער ביי זייערע באַקאַנטע פּוילישע פּריצים, איז געלונגען צו באַפרייען האַכבערגן. און נאָך פיל פאַלן פון טעראָר און רויב זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן.

אויך די רויט־אַרמייער זענען געווען אָפטע „געסט" אין שטעטל. הגם זיי האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט דער אכזריות פון די פּאָליאַקן און האָבן נישט פאַרגאָסן קיין בלוט — האָבן אויך זיי

פאַרשאַפט פיל ליידן דורך אומאויפהערלעכע פאָדערונגען צוצושטעלן שפייז־פּראָדוקטן און אַנדערע אַרטיקלען.

אַזוי אַרום האָט זיך סיניאַווקע געפונען אַ לאַנגע צייט צווישן האַמער און קאָוואַדלע, און די יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אין אַ שטענדיקער שפּאַנונג פון שרעק און ציטער, ביז דער אַנטגילטיקער סטאַביליזאַציע אין יאָר 1921, ווען לויטן געשלאָסענעם סאָוויעטיש־פּוילישן אָפּמאַך אין ריגע, איז סיניאַווקע איינגעשלאָסן געוואָרן אין די גרענעצן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה.

דער שטרייט אַרום דער פּאַשע

איך צוזאַמענהאַנג מיט דעם, שווימט אויף אין מיין זכרון די לאַנגע געשיכטע פון דער סיניאַווקער פּאַשע, וועלכע האָט פיל יאָרן גורם געווען צו שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און קריגערייען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, איך וועלכער עס האָט בדרך כלל שטענדיק געהערשט דער גייסט פון שלום און ברידערלעכקייט. און אַזוי איז עס געשען:

כמעט יעדע יידישע משפּחה אין שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ קו, פון וועלכע מען האָט געצויגן אַ געוויסע טייל פון דער חיונה. די פּאַשע, האָט זיך געפונען האַרט ביים שאָסיי, נעבן זשוראַווטשינער וואַלד, בערך אַ האַלבן קילאָמעטער פון שטעטל. זי האָט געהערט צו די גיטער פון פּירשט ראַדזשיוויל אין ניעסוויזש. ביזן יאָר 1924, האָבן זיך דאָרט געפּיטערט די בהמות אומגעשטערט, פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל.

דער פּירשט ראַדזשיוויל, אַ אינוואַליד אויףביידע פיס, האָט זיך באַוועגט אין זיין ווענעלע מיט דער הילף פון שטענדיקע באַדינער, מערסטנטייל פאַרבראַכט אין וואַרשע אָדער אין אויסלאַנד אין וויל־טאָג און שכרות. פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען אויף אַ קורצן באַזוך אין זיין פּרעכטיקן שלאָס אין ניעסוויזש. די אָנפירונג און פאַרוואַלטונג פון זיינע ריזיקע נחלות און וועלדער, איז געלעגן אין די הענט פון זיינע בעאַמטע און פאַרוואַלטער, וועלכע פלעגן אָנפירן מיט די ענינים, לויט פערזענלעכן ווילקיר און זעלבסטנוץ.

איך איין טאָג, באַקומען די סיניאַווקער יידן אַ מעלדונג פון שלאָס, אַז היות דער פּאַשע־שטח שטייט צו פאַרקויפן, ווערט פאַר־באָטן דאָס באַנוצן דעם אָרט פאַר פּאַשע. אנשטאָט דעם ווערט פאָרגעלייגט אַ צווייטער אָ ר ט צו דעם צוועק — אַכט־ניין קילאָמעטער פון שטעטל. די דאָזיקע גזרה האָט פּאַקטיש באַרויבט די מעגלעכקייט פון אויפהאַלטן די קי.

דער געזעלשאַפטלעכער טוער אליהו נ י י מ אַ ר ק, האָט דאַן צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די סיניאַווקער יידן אין שול, און פאָרגעשלאָגן מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, צונויפזאַמלען די געפאָדערטע סומע פון 5000 גאָלד רובל און אָפּקויפן דעם שטח ביים פּירשט.

אליהו ניימארק, האָט גענאָסן פון אַלגעמיינער אָנערקענונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג פאַר זיין איבערגעגעבענער און פּרוכט־באַרער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון די שטאָטישע באַדערפענישן און נויטן. ער האָט פאָרגעלייגט אַן אָפּצאָל פון 100 גאָלד רובל פון יעדער משפּחה אָן אויסנאַם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער קאַפּיטל פון דינגענישן. אַ צאָל משפּחות האָבן דורך פאַרשידענע מאָטיוון געוואָלט זיך אינגאַנצן באַפרייען פון אָפּצאָל. ענדלעך, איז געלונגען צענויפזאַמלען די געפאָדערטע סומע.

די עסקנים ניימארק און ארטשע ט א ר א ב ו ר זענען דעלעגירט געוואָרן קיין ניעסוויזש, און דאָרט האָבן זיי איבערגעגעבן די סומע דעם פּירשט, און געדונגען אַדוואָקאַטן כדי געזעצלעך דורכפירן די טראַנזאַקציע.

עס גייען אָבער אַריבער וואָכן און חדשים און דער ענין רירט זיך נישט פון אָרט.

האָט מען זיך געווענדעט מיט אַ פּערזענלעכער אָנפראַגע צו דעם פאַרוואַלטער פון די וועלדער.

דער לעצטער האָט געשמט אַלס פאַרביסענער שונא ישראל, און האָט קענטיק געהאָפּט מאַטעריעל פיל געניסן פון דעם דאָזיקן געשעפט. ער איז געווען מלא חימה אויף די יידן, וועלכע האָבן אים אויסגעמיטן און פאַרהאַנדלט דירעקט מיטן פּירשט. אויף דער אָנפראַגע האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט־פלאַך און אַ זאָג געטאָן בזה הלשון: — „פונקט ווי אויף דער דלאָניע קען וואַקסן האָר, אַזוי וועט איר באַזיצן דעם פּאַשע שטח...”

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך געווענדעט שריפטלעך צום פּוילישן קריגס־מיניסטעריום אין וואַרשע, קעגן דאָס איבערגעבן דעם שטח אין באַזיץ פון די יידן, היות ווי דער שטח ליגט האַרט ביים סטראַטעגישן שאָסיי און מען דאַרף שטאַרק צווייפלען אין דער לאָיאַליטעט פון די יידן לגבי דער פּוילישער מדינה. אויף זיין ווענדונג, איז דעלעגירט געוואָרן פון וואַרשע אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון קריגס־מיניסטעריום, וועלכע האָט באַזוכט די געגנט, אויסגעדריקט איר הסכמה צו די מיינונגען פון פאַרוואַלטער און אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג אין דער ריכטונג.

די דאָזיקע ווענדונג האָט שטאַרק געטראָפן די יידן, און פונדאָס־ניי האָבן זיך פונאַנדערגעפלאַקערט סכסוכים און קריגערייען. כמעט יעדן שבת, לויט דער אַלגעמיין־אָנגענומענעם שטייגער אין די שטעטלאַך, פלעגט מען מעכב זיין די קריאת־התורה און זיך אַריינ־לאָזן אין שאַרפע ויכוחים. די מיינונגען האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט: אַ טייל האָבן געפאָדערט צוריקנעמען די אַריינגעטראָגענע געלטער פון פּירשט, היות עס איז נישטאָ קיין האָפנונג צו דערווערבן דעם באָדן. דאַקעגן האָבן אַנדערע געטענהט, אַז מען דאַרף ווייטער פאָרזעצן די געריכטלעכע תביעות, אפשר וועט מען נאָך קענען דערגרייכן עפּעס. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז צום ערשטן סעפּטעמבער 1939, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט געבראַכט אַ טראַגישע אַנטשיידונג פאַר פיל פּראָבלעמען, צווישן זיי אויך פאַר דעם ווייטאָקדיקן קאַפּיטל פון דער סיניאַווקער פּאַשע...

דער דראַמאַטישער קרייז

דאָס פעלן פון אַ געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק, האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין שטעטל. עס איז אויסגעוואָקסן אַ נייער פאָרגע־שריטענער דור, אַ לערן און אַרבעטס־יוגנט, וועלכע האָט געשטרעבט צו דערגענצן און פאַרפולקאָמען איר בילדונג דורך לייענען ביכער, וועלכע זענען נישט געווען בנמצא.

אַ בוך וואָס איז צופעליק געבראַכט געוואָרן פון דרויסן, איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די קינדער פון ניימארקס משפּחה, וועלכע האָבן גערשנט פון דעם פאָטער די אייגנשאַפטן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָבן אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו און אויפגאַבע צו גרינדן די ביבליאָטעק. צוריקומענדיק אויף פעריען פון פרעמדע שטעט, האָבן זיי צונויפגערופן אין זייער הויז אַ פאַרזאַמלונג פון דער יוגנט, כדי צו באַהאַנדלען די פראַגע.

קודם כל האָט מען געדאַרפט אויסגעפינען די נויטיקע ערשטע פינאַנציעלע מיטלען. דאָ איז אויפגעשווומען דער געלונגענער געדאַנק וועגן גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז, און די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען זאָלן באַנוצט ווערן אויף דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק, — „איין מצוה ברענגט מיט זיך די צווייטע”.

דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג דורך די אָנטיילנעמער, און אויפן אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן

אַ טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמיסיע (מיר זענען שוין דאַן געווען באַהאַוונט אין דער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע פון אַזעלכע ענינים...), אין וועלכער ס'זענען אַריין שמואל האכבערג, שמעון מלאַ־דזשינאָוו, שרה, ביינוש און לייבל ניימאַרק. אויף איר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אויסגעפונען און אויסוויילן די פּאַסיקע פּעיִקע אַרטיסטן־אַמאַטאָרן, אָרגאַניזירן דעם קרייז און די רעפּעטיציעס, רעמאָנטירן און באַפּוצן דעם שפּייכלער, וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרן צו זייער דיספּאָזיציע דורכן ה' שקולניק, אויפשטעלן די סצענע, צונויפזאַמלען פאַרשידענע חפצים פאַר דער לאָטעריי און אַז. וו.

די קאָמיסיע איז צוגעטראָטן צו איר טעטיקייט. פון קלעצק איז איינגעלאַדן געוואָרן דער זייגער־מייסטער איטשקע פעדער, וועל־כער איז געווען באַוווּסט אַלס פעיִקער אַרטיסט־אַמאַטאָר, רעזשיסער און גרימירער. ער עקזאַמינירט די פאַרשידענע קאַנדידאַטן־אַמאַטאָרן. ענדלעך איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער דראַמאַטישער קרייז, אין וועלכן עס זענען אַריין סאָניע שקולניק, גרונם ניימאַרק, עטל און מרדכי מלאַדזשינאָוו, דבורה קאַפּלאַן און בוניע כהן.

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג, איז אויסגעוויילט געוואָרן יעקב גאָרדינס דראַמע „די שחיטה". מען איז צוגעטראָטן צו די רעפּעטי־ציעס. אין דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג, האָט דאָס יידישע סיניאַווקע געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ערב יום טוב. גרויס און קליין האָבן זיך געגרייט צו דער „פּרעמיערע".

דער „זאַל" איז געווען געפּאַקט איבער די ברעגן — עס האָט געהערשט ששון ושמחה.

דער עולם האָט מיט באַגייסטערונג נאָכגעפאָלגט דעם שפּיל פון די אַרטיסטן, און האָט זיי באַשאָנקען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אויך דער מאַטעריעל דערפאָלג, איז געווען גאַנץ באַדייטנד. עס זענען איינגעקויפט געוואָרן די ערשטע צוויי הונדערט העברעישע און יידישע ביכער. אַ פרוי האָט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער ביבליאָטעק אירס אַ צימער.

אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק אין סיניאַווקע, וועלכע האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און מיט דער צייט דערגרייכט ביז 10 טויזנט ביכער אין העברעיש, יידיש און פּויליש. די צאָל אַבאָנענטן האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. אין די אָוונטן האָבן די סיניאַווקער יידן, איבערהויפּט די יוגנט, געשמאַק געלייענט אַלע מינים ביכער פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור.

גלייכצייטיק האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער דראַמאַטישער קרייז. עס זענען צוגעצויגן געוואָרן נייע פעיִקע קרעפטן פון דער יוגנט, די פאָרשטעלונגען זענען פאַרגעזעצט געוואָרן, דער רעפּערטואַר האָט געציילט די שאַפונגען פון גאָלדפאַדן, שלום־עליכם און אַנדערע.

די אויבנדערמאָנטע אַקטיווע יוגנט־גרופּע האָט מיט דער צייט געגרינדעט די העברעישע „תרבות" שולע, וואָס האָט צוערשט געציילט איבער 40 שילער און צוויי לערער.

צוליב דעם מאַנגל אין אַ געביידע, איז מען געווען געצוווּנגען זיך באַנוצן צו דעם צוועק מיט דער עזרת־נשים אין דער שטאָטישער שול.

די דערציונג און לימודים, זענען געפירט געוואָרן אין אַ העברעיש און נאַציאָנאַל־ציוניסטישן גייסט.

מ. ווײַנגער / א משפחה פון א ישובניק

מיינע קינדער־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין דאָרף זאַריטעווע און אויך אין קלעצק, און דאָס לעבן אין דאָרף האָט זיך שאַרף און בולט, אויסגעטיילט פונעם לעבן אין קלעצק.

מיינע עלטערן יואל חנן און שרה־בוּאָנע ווײַנגער האָבן געלעבט אין דעם דאָרף מיט אַן ערך 60 יאָר צוריק. די עקאָנאָמישע לאַגע זייערע איז דאַן געווען נישט שלעכט. זיי האָבן געהאַט עטלעכע בהמות, 2 פערד און אַרום 50 גענז, און אויך אַ שטיקל באָדן פאַר אַ גאָרטן. דערצו האָבן זיך דאַן געפונען אייניקע גויים פון דאָרף, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט גענוג געלט אויף רייזע הוצאות, האָבן זיי דעריבער ביי מיין טאַטן געליען געלט און האָבן אים דערפאַר אָפּגעשריבן אַ שטיקל באָדן. אָבער אַזוי אַ ייד האָט צו יענער צייט נישט געטאָרט באַזיצן קיין באָדן, האָבן אָט די גויים פאַרשריבן דעם באָדן אויפן נאָמען פון אַן אַנדער גוי און דעם טאַטן אַרויסגעגעבן אַ וועקסל, אַז אָט דער אַנדערער גוי איז דעם טאַטן שולדיק אַ געוויסע סומע געלט.

מיט דער צייט האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרבעסערט. די עלטערע קינדער האָבן געהאָלפן אין דער אַרבעט, און די קלענערע פלעגן זיך פאַרקען מיט די גענז, אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן נישט גיין אין די תבואה־פעלדער פון אַרום.

בסך־הכל האָבן זיך אין דאָזיקן דאָרף געפונען 7 יידישע פאַמיליעס, און אַ ביסל ווייטער פון אונז זענען געווען נאָך 4 פאַמיליעס — אַזוי אַז אויף שבת צום „מנין", פלעגן קומען צו אונז אייניקע יידן פון דאָרף אָרצע.

אָבער דאָס לערנען פון די קינדער איז געווען ביי אונז אַ גאַנץ פּראָבלעם, ווייל קיין סך יינגלעך זענען צווישן אָט די פאַמיליעס נישט געווען, און נאָכדעם ווי אייניקע פון אָט די פאַמיליעס זענען זיך צופאָרן זענען פאַרבליבן בלויז אַ דריי, פיר יינגלעך. די ערשטע יאָרן האָבן מיר געלערנט ביי איינעם פון די דאָרפישע יידן, אָבער נאָכדעם ווי איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט חומש און אַ ביסל נ"ך, האָב איך געמוזט אַוועק פון דערהיים, און דעמאָלט בין איך אַריבער קיין קלעצק, וווּ איך האָב געהאַט קרובים.

אין אָנפאַנג איז דאָרטן געווען מיין מלמד לייזער וועלוול, ביי אים האָב איך געלערנט עטלעכע זמנים, און שפּעטער האָב איך געלערנט אין דער קלעצקער תלמוד תורה.

מיין מומע יענטל איז געווען אַ גאַנצע פאַרזאָרגערין אין דער דאָזיקער תלמוד תורה. אַ דאַנק איר השתדלות האָב איך באַקומען אַ דערלויבניש צו שלאָפן ביים זיים פונעם אויוון אין אַ צימער, וואָס איז אפשר געווען דער גרעסטער און באַקוועמסטער אין קלעצק.

מיר איז דאָס אָבער נישט געווען צום האַרצן. איך בין דאַן סך־הכל אַלט געווען 8—9 יאָר, און מיר איז עס אויסגעפאַלן זייער שווער דאָס זיין ווייט פון דער היים און פון די עלטערן. אָפטמאָל פלעג איך מיך לייגן שלאָפן אַן הונגעריקער.

איך האָב אָבער אויך געהאַט גוטע טעג. מיר געדענקט זיך, ווי איך בין אַבערגעגאַנגען צו „מאָטל דעם רויטן", ער האָט זיך דערפאַר צו מיר זער גוט באַצויגן.

בעת איך בין אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָב איך מער נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין קלעצק. איך בין אַוועק צוריק אַהיים, און אָנגעהויבן העלפן אין דערווירטשאַפט. ביי טאָג פלעג איך אַרבעטן אין פעלד און אָוונט־צו פלעג איך נעמען די פערד אויף פאַשע — און דאָס צוזאַמען מיט

אפשר הונדערט גויים. איך פלעג מיט זיי צוזאַמען שלאָפן. די פיס פון פערד פלעג איך שליסן מיט אייזערנע פענטעס ,כדי צו פאַרהיטן פון גנבים.

אַז דאָס לעבן האָט זיך מיר אָבער צוגעגעסן, און איך האָב באַשלאָסן אוועקצופאָרן קיין אַמעריקע. האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ פאַך, שוסטעריי, געאַרבעט דריי יאָר צייט און אָנגעקליבן געלט. שפּעטער בין איך אַוועק קיין אַמעריקע.

מיין ברודער לייזער איז שוין דאַן געווען אין דער רוסישער אַרמיי, אין סיביר. איך האָב געפלאַנעוועט, אַז ער זאָל אַנטלויפן פון דאָרט און אַוועק דורך כינע אויך קיין אַמעריקע. אָבער ער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן, כדי נישט צו לאָזן אונזערע עלטערן אַליין אין דער אַלטער היים. אָבער בעת ער איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער און מ'האָט אים נישט דערלויבט צו פאָרן אַהיים אין דאָרף, האָבן זיך אויך די עלטערן באַזעצט אין קלעצק.

די עלטערן זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָבער די איבעריקע פון דער פאַמיליע זענען אומגעקומען אין דער היטלער־שחיטה. עס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז מיין שוועסטער רבקה'ס אַ זון מאָטל גולפּאַנס, וואָס האָט זיך ממש אַרויסגעראַטעוועט פון זיין קבר.

י. פרענקעל / די יידן ארום קלעצק און זייער אומקום

די יידישע באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד איז כמעט אינגאַנצן געווען קאָנצענטרירט אין די שטעט און שטעטלאַך. אָבער נישט ווייניק יידישע פאַמיליעס האָבן געלעבט אין זייער אומגעגנט, אין דערפער און גיטער. אינם פאַריקן יאָרהונדערט איז זייער צאָל געווען גאַנץ קאָנטיק. אין פאַרלויף פון דער צייט, צוליב פאַרשידענע סיבות, האָט זיך זייער צאָל שטאַרק פאַרקלענערט. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן יידן צו וווינען אין די דערפער, מיטן אויסנאַם פון די, וועלכע האָבן געקענט באַווייזן, אַז זייערע עלטערן האָבן זיך דאָ באַזעצט נאָך פאַר די אַנטיסעמיטישע איגנאַטיעוו־גזירות, אין די זיבעציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. אמת, די אָרטיקע מאַכטהאָבער האָבן אָפטמאָל נישט מקפיד געווען אויף דער אויספירונג פון די אויסנאַם־גזירות, אויב זיי זענען באַלוינט געוואָרן מיט „לא יחרץ" אָפּצאָלונגען.

נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, איז פאַרשאַרפט געוואָרן דער אַנטיסעמיטישער קורס און די שטרענגע קאָנטראָל איבער די רעכט פון די דאָרפישע יידן, און פיל פון זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זייערע וווינונגס־ערטער.

אין דער צייט פון דער נאַצישער אינוואַזיע, האָבן נאָך פיל יידישע משפחות געלעבט אין דער אומגעגנט פון קלעצק אין דערפער און גיטער פון פוילישע גוט־באַזיצער. עס איז געווען צווישן זיי אַ קליינע צאָל ערד־אַרבעטער, די מערהייט האָט זיך פאַרנומען מיט קרעמעריי, האַנטווערקעריי און דגל. די ווינט און וואַסער־מילן און שמידערייען, האָבן זיך געפונען אויסשליסלעך אין יידישע הענט.

די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן יידן און זייערע קריסטלעכע שכנים, זענען געווען גאַנץ טאָלעראַנטע און אַפילו פריינטלעכע. די יידן פון זייער זייט האָבן זיך צוגעפּאַסט צו זייער לעבן אין דער דאָרפישער סביבה, און האָבן זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן אינצידענטן און קריגערייען.

אויך אין די גיטער נעבן די דערפער, האָבן געלעבט יידישע משפחות. די גוטבאַזיצער האָבן זיך געגוויטיקט אין די יידן, צוליב עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע טעמים. כמעט אין יעדן גוט האָט געוווינט אַ ייד וועלכער האָט אַרענדירט די מילך־פּראָדוקציע פון גוט.

די גיטער האָבן פאַרמאָגט גרויסע פרוכט־גערטנער, די אַרענדאַרן פון די סעדער זענען געווען אויסשליסלעך יידן, וועלכע האָבן עקספּאָרטירט די פרוכט און פרוכט־אויסאַרבעטונגען.

צווישן זיי, פאַרשפּרייט אין פאַרשידענע ווייטע פונקטן, האָט געהערשט אַ גייסט פון ברידערלעכקייט און פריינטשאַפט. פאַר דער דערציונג פון זייערע קינדער, פלעגן זיי אָראַפּברענגען געמיינזאַם אַ מלמד פון שטאָט, יעדער האָט געדאַרפט לויט דער ריי אים באַזאָרגן מיט קעסט.

איבערהויפּט האָבן זיי אָפּגעהיט שבת און ימים־טובים. אין די טעג פלעגן זיי ווי אָפּטרייסלען זיך פון דעם וואָכן־שטויב און גרויקייט פון זייער לעבנס־שטייגער. אין אַ צענטראַלן פונקט פלעגן אָפּגעריכט ווערן מנינים, און נאָך דער שבת־סעודה, האָבן זיי באַזוכט איינער דעם צווייטן מיט זייערע פרויען און קינדער און פאַרבראַכט צוזאַמען ביי געדעקטע טישן.

פיל פון די דאָזיקע יידן זענען נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָאָס און נישט אומגעקומען דורך די נאַציס.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווייסרוסלאַנד, האָבן זיי געפונען, אַז די פאַרניכטונגס־אַרבעט איז שוין דורכגעפירט געוואָרן אין אַ סך ערטער דורך די אָרטיקע פויערים. אין די עטלעכע צווישן־טעג, נאָכן צוריקטריט פון די סאָוויעטן, ווען די דאָזיקע ישובים זענען פאַרבליבן אָן קאָנטראָל און מאַכט, זענען די גויים אָנגעפאַלן מיט העק און מעסערס אויף זייערע שכנים יידן און מיט חיה'שער ווילדקייט דערמאָרדעט און באַרויבט.

דער דאָרף האַלינקע, אין דרום זייט פון קלעצק, האָט געדינט אַלס אַפּרו און דאַטשע־אָרט פאַר די יידן פון קלעצק, האַנצעוויטש און אומגעגנט. אמת, קיין גרויסע גבירים, ווי די יעהופּעצער דאַטשניקעס, וועלכע האָבן זיך פאַרגינען שענקען אַ מעלקענדיקע קו דעם אומפאַרגעסלעכן טוביה דעם מילכיקן, זענען דאָ נישט געווען. מען האָט דאָ אויך נישט געזען קיין פענסיאָנאַטן און ווילעס — מען האָט געוווינט אין די פויערים כאַטעס, אָדער אין די הייזער פון די דאָרטיקע יידן — די נאַטור איז אָבער געווען אידיאַליש שיין און דער סאָסנע־וואַלד פרעכטיק און דופטיק.

געקומען זענען אַהער אין די זומער חדשים קרענקלעכע יידן, און סתם יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרגינען אָפּרוען אַ קורצע צייט און זיך אויסטאָן פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און דאגות. דאָ זענען פאַרגאַנגען גאַנצע וואָכן און מען האָט נישט באַגעגנט די שטייער מאָנער, דעם בירגערמייסטער און קאָמענדאַנט, די שונאי ישראל און זייער חברותא...

אויף די שבתים פלעגן אָנקומען יידן פאַרברענגען דאָ זייער „וויק ענד", און יוגנט האָט פאַרפולט דעם וואַלד מיט טומל און געזאַנג.

די אַרומיקע דאָרפישע פויערים האָבן געטראָגן אין זייערע הערצער געפילן פון קנאה און שנאה צו די דאָזיקע יידן, אָבער זיי האָבן זיך שטאַרק געהיט נישט ברענגען זייערע געפילן צום אויסדרוק. די דאַטשניקעס האָבן זיי געבראַכט באַדייטנדיקע רווחים, און נאָך דעם דאַטשע־סעזאָן, ווען דער וואַלד האָט זיך אויסגעליידיקט פון זיינע איינוווינער, האָבן זיי געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם קומענדיקן זומער.

פאַר די האַלינקער יידישע איינוווינער, זענען די דאַטשע חדשים

געוועזן טעג פון ליכט און פרייד. אויסער דעם מאַטעריעלן נוצן האָבן די דאַטשניקעס מיטגעבראַכט מיט זיך אין דעם דאָזיקן פאַרוואָרפּע־נעם דאָרפּישן ווינקל, גייסט און קולטור פון דער שטאָט, און צעשטרייט די גרויקייט און עלנט פון זייער לעבן.

פאַר ר׳ חיים דעם שוחט איז דאַן געוועזן דער „פּראָספּעריטי" סעזאָן: דער עופות־שעכט איז געוועזן מיטן פולן ברען. איצקאָוויטש האָט פאַרלאָזן זיין וואַרשטאַט און אויפגעשטעלט ביים ברעג פון וואַלד אַ גרוימען פּענסיאָנאַט און אַזוי אויך אַנדערע.

לויט אייניקע ידיעות האָבן די דייטשן פאַרטריבן די אָרטיקע יידן אין די געטאָס פון די נאָענטע שטעטלעך, און דאָרט זענען זיי אומגעקומען.

*

אין דרום־מזרח זייט פון קלעצק, נאָענט צו די גרענעצן פון פּאָליעסיער וועלדער, איז געלעגן די קליין שטעטעלע זאַאסטראַוויעטש, אַרומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער.

יידישע איניציאַטיוו, פלייסיקייט און פעיקייטן, האָבן זיך דאָ אַנטפּלעקט אין זייער פולן שוווּנג. דער דאָזיקער פאַרוואָרפענער וויסטער ווינקל, האָט אויפגעלעבט אין משך פון אַ קורצער צייט. עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן טאַרטאַקן, סמאָליאַרניעס און פיל אַנדערע אונטערנעמונגען וועלכע האָבן עקספּלואַטירט די פאַרשידענע רייכטימער פון די וועלדער ווי שווּימען, ועוויארקעס און דגל. די דאָזיקע אונטערנעמונגען, די האַנדלס־קאָנטאָרן און אַמטן, האָבן באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, בראַקערס, בעאַמטע און אַנד.

אַ צאָל משפחות האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און באַאַרבעט זייערע פעלדער און גערטנער. יידן פון די אַרומיקע שטעטלאַך, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין פרנסה, האָבן זיך איבערגעצויגן קיין זאַאסטראַוויעטש. אין יאָר 1939, האָט די שטעטל געציילט אַ ערך 40 יידישע משפחות — ביי צוויי הונדערט נפשות. זאַאסטראַוויעטש האָט באַקומען אַ פּרצוף פון אַ טיפּיש קליין יידיש שטעטל מיט אַ רב און אַ שוחט, אַ שול און אַ העברעישע שולע, אַ חלוצישע יוגנט און נאָך.

לויט די ידיעות זענען אַלע זאַאסטראַוויעטשער יידן פאַרניכטעט געוואָרן אין די נאָענטע געטאָס, נישט געבליבן קיין שריד לפליטה.

*

אין דער דאָזיקער געגנט, האַרט צו פּאָליעסע, זענען געלעגן די דערפער מאַריטש, קאָלק און בוטשע. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון זייערע יידישע איינוווינער, זענען געוועזן דאָרפס־לייט, צוגעבונדן צו פעלד, גאָרטן און וואַלד — „ישובניקעס" מיט געזונטע חושים, האָרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה מיט זייערע מאַזאָליע־הענט און שווייס פון פּנים, און צוגלייך — האַרציקע, ערלעכע און תמימותדיקע.

אין דער פאַרוואָרפענער פרעמדער סביבה, צווישן די פאַר־גרעבטע פינצטערע „פּאָלעשוקעס" האָבן זיי שטרענג אָפּגעהיט זייער יידיש געשטאַלט, מקיים געוועזן מצוות, שבתים און יום־טובים; מלמ־דים אַראָפּגעבראַכטע פון שטאָט האָבן דערצויגן און געלערנט זייערע קינדער און אַז וו.

איידער נאָך די נאַציס האָבן זיך באַוויזן אין די דאָזיקע ערטער, האָבן די פּויערים אויף אַ גרויזאַמן אופן דערמאָרדעט די יידן און צוגערויבט זייערע פאַרמעגנס.

*

אין מזרח־זייט פון קלעצק, אין דער ריכטונג צו סלוצק, אַרום דעם מאָסקווע־וואַרשעווער שאָסיי, האָבן געוווינט יידישע משפחות אין דערפער, פּריצישע גיטער און אַנדערע ישובים.

ליובעניעץ האָט נאָך פון די צאַרישע צייטן געהאַט דעם סטאַטוס פון אַ פּאָסט־סטאַנציע. אַ באַוווּסטע יידישע פירמע פון וואַרשע — די ברידער שיפּרין — האָט דאָ געגרינדעט אַ גרויסן טאַרטאַק מיט אַמטן און דער דאָרף האָט געברויזט פון יידישע אַרבעטער, באַאַמטע און צוגעפאָרענע פון דרויסן צוליב געשעפטלעכע פאַרבינ־דונגען מיט די אונטערנעמונגען. די קרעטשמע פון יוסף ליס, דער אַרענדאַר פון דער פּאָסט־סטאַנציע, איז שטענדיק געווען פאַר־פולט פון מענשן.

נישט ווייט פון דאַנען האָט זיך געפינען נאַהאַרנע־פלאָסקאַ־וויטש, ווו מען האָט אָפּגעריכטעט מנינים אין די שבתים, יום־טובים און ימים נוראים.

אין דעם נאָענטן דאָרף ראַטשייקע האָבן זיך געפינען אייניקע יידישע פאַמיליעס. עס איז באַוווּסט, אַז די אַלטע מוטער פון דעם קצב געלפאַנד איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּויערים נעבן איר הויז און דאָ באַגראָבן געוואָרן (אירע אַ טאָכטער געפינט זיך אין חיפה).

אין דאָרף הורווידזש האָבן געוווינט אייניקע פאַרמעגלעכע יידישע משפחות.

דער באַזיצער פון מיל אלתר ראַזאָווסקי איז געווען אַ פאַר־מעגלעכער, פאָרגעשריטענער ייד. זיינע צוויי זין זענען געווען באַ־שעפטיקט אין נאָענטן אסטראַוויעטש. ווען די דייטשן זענען אָנגע־קומען אין דאָרף זענען זיי אַנטלאָפן אין נאָענטן וואַלד.

אַרויסגייענדיק אין אַ קורצער צייט אַרום פון וואַלד זענען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך די פּויערים, וועלכע האָבן זיי דערמאָרדעט.

אין דאָרף אָסטראַיטשיץ האָט געוווינט די אינטעליגענטע, נאָבעלע פאַמיליע געלין, די אינהאַבער פון דעם וואַסער־מיל. די צוויי זין האָבן געאַרבעט אַלס דאָקטוירים אין קלעצק, דער על־טערער דוד איז געווען געשעצט אין שטאָט אַלס נדבן פאַר אַלע וווילטעטיקע צוועקן, טרייער ציוניסט און געזעלשאַפטלעכער טוער — אומגעקומען אין קלעצקער געטאָ.

*

אויף דעם לאַנגן און ברייטן טראַקט, וועלכער פירט פון קלעצק קיין טימקאָוויטש און קאַפּוליע, אויפן האַלב וועג, ביים פּוזעווער דאָרף און גוט איז געשטאַנען די באַוווּסטע אין דער גאַנצער געגנט קרעטשמע, וועלכע האָט געהערט צו דער פאַמיליע זשוכאָוויצקי.

אַ אייגנאַרטיקע, יידישע פאַמיליע. ר׳ משה זשוכאָוויצקי, אַ פעיקער, פלייסיקער געשעפטסמאַן, אַ שטרענג רעליגיעזער, פיל צייט זיך אָפּגעגעבן מיט תפילות און לערנען תורה. ער האָט אַרענדירט ביים פּריץ וואָינילאָוויטש (דער דאָזיקער פּוילישער גוט־באַזיצער, דער פּאַטראָן און שעצער פון ר׳ משה׳ן, איז בשעתו געווען פּאָפּוליער אַלס פּאָליטיקער, אָנגעזעענער ליבעראַלער געזעלשאַפטלעכער טוער און אמתער יידן־פריינט. ער איז געוועזן דער פּרעזעס פון פּוילישן „קאָלאָ" אין רוסישן מלוכה־ראַט — גאָסודאַרסטווענוי סאָוועט — אַריינגעטראָגן אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן אַלע באַגרעניצונגען אויף יידן, און וועגן דעם אויך דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן) אַ שטח פעלד און גאָרטן, דעם מילך־פּאַקט, די קרעטשמע און דעם ווינט־מיל. אין די עלטערע יאָרן זענען די געשעפטן פאַרטיילט געוואָרן צווישן די זין און איידעם אברהם, און ער אַליין האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם לימוד פון תורה, תפילות און תעניתים.

אַ אויסטערלישער און פאַרדריסלעכער צופאַל איז מיט אים געשען אויף די עלטערע יאָרן: אינעם טאָג ווען ס׳איז געשטאָרבן די בת יחידה פון פּריץ, איז ער אַריין אין פּאַלאַץ און ביים טויטן־בעט פון דער פאַרשטאָרבענער פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין אָוונט מיט זאָגן קאַפּיטלען תהילים.

גלייך לאחר המעשה, איז אים באַפאַלן אַ אומרו — צי שטימט עס מיטן יידישן דין. האָט ער זיך געווענדעט צו רבנים — און יענע האָבן אויסגעפונען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ זייער האַרבע עבירה און מוז תשובה טון דורך תפילה וצדקה, אויסער דעם האָבן זיי אויף אים אַרויפגעלייגט נישט ווייניקער ווי הונדערט תעניתים, וועלכע ער האָט מקיים געווען ביזן לעצטן טאָג.

אין די צאַרישע צייטן, האָט די פוזעווער קרעטשמע געדינט אַלס אַפּרו־פונקט פאַר דורכגייענדיקע און דורכרייזנדיקע צווישן די שטעטלאַך, איבערהויפּט פאַר די בעלי־עגלות מיט די פּאַסאַזשירן, קצבים און פערד־סוחרים, וועלכע פלעגן יעדע וואָך פאָרן אויף די מאַרק־טעג און ירידים אין די אַרומיקע שטעטלאַך.

אַרויספאָרן פלעגט מען אין די פרימאָרגן שעה׳ן און דאָ האָט מען אויסגעשפּאַנט די פערד, געדאַוונט שחרית און זיך געזעטיקט מיט אַ געשמאַקן פרישטיק פון די באַרימטע מילך מאכלים פון פוזעווער מילך־פּאַקט.

דער אייגנטימער פון דער אַכסניה, ישעיה, איז געווען אַ קולטורעל־פאָרגעשריטענער ייד, אַ פעיקער געשעפטסמאַן, אַ גאַסט פריינטלעכער, און דערגרייכט אַ גאַנץ פאַרמעגלעכן מעמד.

אין די שפּעטעריקע יאָרן, ווען ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ נייער מנהג, איינאָרדנען חתונה־שמחות אין שטילע ערטער און אויף אַ באַשיידנעם אופן, כדי אויסמיידן גרויסע הוצאות און אויך צוליב כלערליי אַנדערע מאָטיוון, — איז די פוזעווער קרעטשמע געווען דער באַקוועמסטער און פּאַסיקסטער אָרט צו דעם צוועק. דאָ זענען אויך אָפּגעריכטעט געוואָרן די מנינים אין די שבתים, יומים־טובים און ימים נוראים, צו וועלכע עס זענען געקומען מתפּללים פון דערפער און גיטער פון טימקאָוויטשער אומגעגנט — דזעכצעני, זאַראַקאָווע, בראַטקאָווע, בריגאַדע און אַנד.

אַלע נויטיקע זאַכן זענען געווען אויפן אָרט: ר׳ משה האָט געשמט אַלס ערשטקלאַסיקער בעל־תפילה און בעל קריאה, ישעיה איז געווען אַ קינסטלער אַ בעל תקיעה, און דער עלטערער זון ר׳ חיים מאיר דער אייגנטימער פון ווינט־מיל, האָט געירשנט פון פאָטער פיל פון זיין גייסט און מידות, האָט אויך בייגעשטייערט זיין חלק אין תפילה און קריאת־התורה. די טאָכטער שרה, אַ לעבעדיקע שרה בת טובים, אַ פאַנאַטיש־פרומע און מלומדת, איז געווען די אָנפירערין און „זאָגערין" אין „עזרת נשים"...

פיל קינדער פון די זשוכאָוויצקיס געפונען זיך אין אַמעריקע, וווּהין זיי האָבן אויסגעוואַנדערט, די איבעריקע האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די קדושים אין קלעצק און טימקאָוויטש.

*

דאָס קליינע און חנודיקע שטעטעלע מעדוועדיטש, איז געלעגן בשכנות מיט סיניאַווקע. די שיינע נאַטור, דער פליסנדיקער טייכל, די אַרומיקע וועלדער און גערטנער, האָבן איר צוגעגעבן אַ שיין־אידילישן אויסזען.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די יידישע איינוווינער אויך דאָ דורכגעמאַכט די צאַרישע גירוש גזרה. נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימען, און ביי דער פוילישער הערשאַפט האָט זיך דאָס שטעטל אַנטוויקלט אין אַ שנעלן טעמפּ. יידישע קאַפּיטאַליסטן־אונטערנעמער פון מרחקים האָבן דאָ און אין דער גאַנצער סביבה ביז לידוויקאָווע, אויפגעשטעלט ברייט־פאַרצווייגטע האָלץ־אינדוסטרי און אַנדערע אונטערנעמונגען. נאָענט צו דער דייטשער אינוואַזיע, האָט די שטעטל געציילט איבער 40 יידישע משפּחות, צווישן זיי גאַנץ פאַרמעגלעכע. די צאָל יידן האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן מיטן צופלוס פון די אַרומיקע ערטער.

קורץ נאָך זייער אָנקומען, האָבן די נאַציס אַרויסגעפירט די יידן הינטערן שטאָט, נאָענט צו דער באַן־סטאַנציע בודע, און דאָ זיי אויסגעמאָרדעט דורך דערשיסן. פאַר דער שחיטה האָבן זיי אויסגעקליבן די שיינע יונגע מיידלעך, זיי געבראַכט אין דער געביידע פון פּאָליצײ־פּאָסטן, זיי פאַרגוואַלדיקט און סאַדיסטיש געפּייניקט אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס אין דער פרי, האָט מען זיי אומגעבראַכט אויפן אָרט פון דער אַלגעמיינער שחיטה.

אייניקע עפּיזאָדן: די טאָכטער פון שטאָטישן אַפּטייקער, האָט געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד דורך איינשלינגען סם, דער פּרווו האָט זיך נישט איינגעגעבן. די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז און זי דערמאָרדעט אויפן יסורים־בעט.

אין מעדוועדיטש האָט געוווינט אַ יידישע משפּחה פון וועלכע איין טאָכטער האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ קריסט. אין טאָג פון דער שחיטה, האָט זי אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ זון פון איר יידישער שוועסטער.

דערוויסנדיק זיך פון דעם, האָבן די דייטשן געפאָדערט פון איר אַרויסגעבן דעם יינגל און געדראָט מיט טויט. זי האָט באַוויזן איבערשיקן דעם יינגל צום פוילישן גלח אין שטעטל, און אַדאַנק זיין אינטערווענץ און זיינע פאַרדינסטן פאַר די נאַציס — זענען זיי געבליבן לעבן.

איין איינציקע יידישע משפּחה פון מעדוועדיטש, האָט זיך אַרויס־געראַטעוועט פון חורבן און געפינט זיך אין ישראל, אין רמת גן. דאָס איז ישראל פּראַשטשיצקי, זיין פרוי און זעקס קינדער. אפשר דער איינציקער פאַל צווישן דער שארית הפליטה. די לאַנגע הצלה־געשיכטע פון די פּראַשטשיצקיס איז פול מיט אויסטערלישע צופאַלן, נסים ונפלאות, וועלכע קלינגען ווי אַ קאַשמאַר־לעגענדע.

ער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ סמאָליאַרניע אין וואַלד ביי מעדוועדיטש. אַלע וועגן און סטעזשקעס פון וואַלד, זענען אים געווען באַקאַנט. אין טאָג פון דער שחיטה, האָט די משפּחה פאַרלאָזן דאָס הויז און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער אין די טיפענישן פון וואַלד. אין אַ קורצער צייט אַרום, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן זיי אַ צאָל יידן, אַנטלאָפענע פון די אַרומיקע געטאָס. זיי האָבן דערוואָרבן עטלעכע ביקסן און צוזאַמען געשאַפן אַ מין פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, וועלכע האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די אַרומיקע פויערים און פון זיי געצויגן זייער באַשפּייזונג.

פיל מי און אָנשטרענגונג, האָבן אָנגעווענדעט די דייטשן צו כאַפּן די גרופּע, אָבער אָן דערפאָלג.

זיי האָבן צוגעזאָגט אַ פּרעמיע פון צוואַנציק קילאָ זאַלץ — אַ טייער אַרטיקל אין יענע צייטן — די יעניקע וועלכע וועלן אַנטדעקן די באַהעלטעניש פון די פּאַרטיזאַנער. די אַרומיקע פויערים, מערסטנ־טייל פון פוילישער אָפּשטאַמונג, זענען פון שטענדיק אָן געווען פאַרברענטע שונאי־ישראל, און אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אַקטיוו געהאָלפן די דייטשן אין זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט. האָבן זיי זיך געלאָזט ווי יעגער אין וואַלד אויסגעפונען די יידן, און אַ צאָל בלאָנדזשענדע יידן זענען געפאַלן קרבנות צוליב אומפאָרזיכטיקייט, אָבער די פּאַרטיזאַנען גרופּע האָבן זיי נישט באַוויזן צו אַנטדעקן.

(צווישן אַנדערע, זענען דאָ אומגעקומען די ברידער בערעזין פון לעכעוויטשער געטאָ).

ווען די געפאַר האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט די פאַמיליע פּראַשטשיצקי מיט דער גאַנצער גרופּע זיך איבערגעצויגן טיפער אין פּאָליעסיע און אויפגעשטעלט בונקערס אין די געדיכטע, וויסטע ווינקלען פון די באַבונער וועלדער, דאָ איבערגעקומען די מלחמה, דערלעבט דעם טאָג פון דער באַפרייונג און זוכה געווען עולה זיין קיין מדינת ישראל.

יהושע אייזנשטאַדט-ברזילי / פיר ברידער*

איך געדענק, אַז עס זענען געווען ביי אונז אין קלעצק פיר ברידער, זיי האָבן אַלע געקענט שרייבן „פּראָשעניעס".

דער עלטסטער איז געווען דער „מושלם", — אין דער משכילישער עפּאָכע איז אַזאַ איינער געווען אַ „טשאַטשקע". ער איז געווען פאַר אַלעם אַ משכיל, געקענט דיקדוק און טאַקע אַ שטיקל אבן עזרא אויך, און ווער שמועסט שפּראַך — לשון, אָט דאָס איז געווען גאָר אַ גרויסע זאַך.

אָט דער מושלם איז שטענדיק געווען אַ בן־בית ביים „אַסעסאָר".

דער צווייטער ברודער איז געווען אַ הויכער, אַ בויכיקער אַ ייד אַ בעל־צורה מיט אַ גרויסע באָרד. אַז עס איז געקומען דער „נאַבור", — מ'האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, פלעגט ער העלפן...

דער דריטער איז געווען אריה'לע אָדער לייבעלע „דער ציגיינער", ער איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגיינער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע פלאַמיקע אויגן.

דער פערטער ברודער איז געווען „דער שיכור" פון שטעטל.

צווישן די פיר ברידער איז איינער געווען, וואָס האָט געחלשט דאַוונען פאַרן עמוד — ער איז געווען פלאַם פייער פאַר זיין דאָזיקער שטרעבונג, און דאָס איז ביי אים געווען מער אַ מוזיקאַלישער געפיל. ער איז אינעם דאַוונען געווען אַ אמתער קינסטלער.

געהייסן האָט ער יעקב, דער פערטער ברודער. צו זיין פּרנסה האָט ער נאָך געהאַט אַ זייטיקע באַשעפטיקונג — געווען אַ מצבה־קריצער. און אַזוי ווי ביים דאַוונען איז ער געווען מוזיקאַליש, אַזוי איז ער דאָ געווען אַ קינסטלער אין קריצן די מצבות — איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן סיסטעמאַטיש מיט קונסט, וואָלט ער געוואָרן אַן אמתער קינסטלער.

צי מיינט איר, אַז ער האָט געהאַט פּרנסה פון זיין דאָזיקער קונסט? און ווו שטייט דאָס דען, אַז קונסט ברויכט עשירות? צי איז דען אַפילו דער אמתער גוטער מאָלער אַן עושר? איך האָב געקענט אַן אמתן מאָלער ביי אונז אין שטעטל אין קלעצק, וואָס איז שפּעטער אַוועק פון אונז און געוואָרן אַ מפורסם און איך געדענק נישט, אַז ער האָט ווען ס'איז געהאַט אַ קאָפּיקע אין קעשענע.

אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז אַ קינסטלער איז פאַראַן אַזאַ וואָס לעבט פון אָרעמקייט, אַזאַ באָהעם, אַ ציגיינער, וואָס איז לוסטיק אין האַלט זיך העכער פון ראָטשילדן — און אַזאַ איז געווען אונזער יעקב.

דער עלטערער ברודער האָט געפירט אַ מחלוקת מיט אונזער רב, וואָס איז דאַן געווען אי רייך און אי צוגעהאַנדלט מיט תבואה, און געשיקט תבואה קיין קעניגסבערג און אויך געווען אַ הדרת פנים. יעקב פלעגט שרייבן קעגן אים פּאַסקווילן אין די בלעטער; ער האָט געשריבן, אַז ער איז אַ מענש מיט „אַ גרינגן קאָפּ און מיט אַ שווערן בייטל", אַז ער פאַרמאָגט די אמתע „אפּותיקאי" און איז זייער קאַרג.

איך קום צוריק צו יעקבס קונסט. עמיצער פון דער „אַקאַדעמיע פון קונסט", וואָס איז אַמאָל געקומען קיין קלעצק, האָט באַוווּנדערט יעקבס קונסט מיט זיינע קונסט־אַרבעטן.

היינט צו טאָג, זענען שוין באַרימט אַזעלכע קינסטלער ווי ליליען און אַנד. מיט זייערע אָרנאַמענטן, און אַמאָל האָט געשמט יעקב ווייט און ברייט אַרום קלעצק.

ער אַליין האָט זיך באַנוצט מיט רעקלאַמעס און האָט זיך רעקלאַמירט אין די בלעטער, אַז ער איז אַ „בעל הנס" אין מאָלעריי, אָבער לאָמיר אפילו זאָגן, אַז ער איז נישט געווען קיין גדול אין עולם הקונסט, אָבער אונזער שטעטל קלעצק האָט זיך גערימט מיט אים.

אין די 80קער יאָרן, אַז איך בין אַרומגעפאָרן וועגן די ענינים פון די „בני משה" אין די שטעטלעך פון „תחום", האָב איך יעקב'ן נאָך אָנגעטראָפן ווי ער פאָרט און באַרימט זיך, אַז זיינע קונסט־בילדער באַצירן אַלע מוזע־אומס איבער דער גרויסער וועלט. און אַז ער איז גרעסער ווי איזראַעלס, און לפּחות אַ „צווייטער אַנטאָקאָלסקי". אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, דורך אים איז אונזער קלעצק באַקענט געוואָרן ווי אַ מקום און אכסניא פון קונסט, און טאָמער זענען ביי אונז אין שטעטל צו יענער צייט נישט געווען קיין מבינים אויף אַזעלכע זאַכן, האָט ער זיך געזוכט מבינים אין אַנדערע שטעט און ער האָט שפּעטער אויפגעהערט צו קריצן מצבות, און געצויגן חיונה פון מאָלן בילדער פאַר די פּריצים פון אַרום.

אַז איך בין צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל און האָב באַזוכט קלעצק, האָב איך מיין פריינד, דעם קינסטלער, געטראָפן ווי ער שטייט מיט אַ געלבלעך־טונקעלן טלית קטן פאַר זיינע בילדער ווי אַ כהן גדול פאַר דער „עבודה" — און זיין ברודער האָט מיר געזאָגט, אַז אוודאי חלומט יעקב זיינע הושענא־רבה־חלומות, עס חלומט זיך אים אַ גוטער יאָר...

גראָד איז דעמאָלט געווען אַן עיבור־יאָר, און איך געדענק נאָך ווי ער האָט מיר געשריבן אַ בריוו קיין ארץ ישראל, און געשריבן האָט ער זיין בריוו צו מיר אין אדר שני — דאָס איז געווען זיין לעצטער בריוו צו מיר.

* „מיניקעס זשורנאַל", 1903.

א. ל. שוואַרץ / דער אַלטער לעבנס־שטייגער
(דרום אַפריקע)

דאָס שטעטל קלעצק, ווי די אַנדערע קליינע שטעטלעך אַרום, האָט געהאַט אַן עכט יידישלעך אויסזען. געווען אַ טיפּיש־יידיש שטעטל, אינגאַנצן באַוווינט דורך יידן. דער מאַרק, וואָס איז געווען דער עקאָנאָמישער נערוו, איז געווען אינגאַנצן אין יידישע הענט. איין גוי האָט דאָרט געוווינט, ער האָט אָבער אויך גערעדט יידיש. אין יידישע הענט זענען אויך געווען די שענקען, וווּ די גויים פלעגן קומען כאַפּן אַ טרינק בראָנפן און שיכור׳ן.

די איינוווינער פון קלעצק זענען געווען ס׳רוב קליינע סוח־רים׳לעך, אָבער אויך פאַרשידענע בעלי־מלאכות, ווי שניידערס, שוס־טערס, סטאָליערעס, קאָוואַליעס, בלעכער א. א. וו. די גויים אַרום דאַקעגן, זענען געווען פּויערים און זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט ערד־אַרבעט. די תושבים פון שטעטל האָבן געלעבט בשלום מיט די גויישע שכנים אַרום. די יידישע באַפעלקערונג, אין אַמאָליקע יאָרן איז געווען זייער פרום און פלעגט אָפּהיטן מיט הקפּדה אַלע רעליגיעזע מנהגים. דער שבת׳דיקער טאָג, איז געווען הייליק און ס׳האָט געהערשט אין קלעצק אַ פולשטענדיקע רו פון האַנדל און אַרבעט. זומער פלעגט די יוגנט שפּאַצירן שבת נאָכמיטאָג.

די חיונה איז דאַן געווען בצמצום, די הויפּט־שפּייזן — ברויט, קאַרטאָפל, גריבס. פלייש האָט מען נישט געזען אַ גאַנצע וואָך, אַחוץ שבת. געטריקנטע פיש פלעגט מען ברענגען פון ווייטע מקומות. זיי זענען געווען גאַנץ ביליק. געווען אויך געציילטע יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די פּריצים אַרום — און זיי פלעגן לעבן מיט מער הרחבה.

הייזער זענען דאַן געווען הילצערנע, איין הויז זייער ענלעך צום צווייטן. די פענצטער — אָן פאַרהאַנגען. מ׳פלעגט דאַן גיין אָנגעטאָן אין פּראָסטע לייוונטענע מלבושים.

ס׳איז נישט געווען קיין דאָקטאָר, קיין אינזשיניער אָדער בוי־אונטערנעמער.

ס׳רוב תושבים האָבן געלעבט אין דחקות און נויט. דאַקעגן האָבן די פּוילישע פּריצים געלעבט אַ לעבן פון לויטער הוליאַניש און לוקסוס. געוווינט אין פּרעכטיקע פּאַלאַצן אין זייערע גיטער אַרום די דערפער. זונטיק און אין די חגאות פלעגן זיי קומען קיין קלעצק אין די קאַטוילישע און פּראַוואָסלאַווישע קלויסטערס. יעדערער פון זיי פלעגט קומען צו פאָרן אין אַ פּרעכטיקן וואָגן מיט שיינע פערד.

איך דערמאָן זיך, אַז בעת איך בין אַלט געווען זיבן יאָר, האָט ביי אונז געטראָפן אַ שרעקלעכער אומגליק. אין סאַמע מיטן טאָג איז פּלוצעם אויסגעבראָכן אַ שריפה אין אַ לאַגער פון שטרוי. — דער בראַנד האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער דער ניעסוויזשער גאַס, און אַ גרויסער טייל פונעם מאַרק איז אינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן.

דעמאָלט האָט מען ביי אונז נישט געוווּסט פון קיין שום פאַר־זיכערונגס־געזעלשאַפטן און מען פלעגט בעטראַכטן די גרויסע שריפות, וואָס פלעגן פאַרקומען כמעט יעדן זומער, ווי מען באַטראַכט נאַטור־קאַטאַסטראָפעס; מ׳פלעגט אויך ציילן די יאָרן לויט די גרויסע שריפות.

אָט די שריפה וועגן וועלכער איך דערצייל דאָ, איז פאָרגעקומען אין יאָר 1875 אָדער 1876; מיט וואָס צו לעשן דאָס פייער איז נישט געווען, און עס איז ביי אונזער פאַמיליע אָפּגעברענט געוואָרן דאָס הויז און דאָס גאַנצע מעבל און זאַכן וואָס מיר האָבן געהאַט אין שטוב. די מאַמע האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ביי אונז זענען פאַרברענט געוואָרן נאָר די זאַכן, בעת ביי די גויים אַרום זענען פאַרברענט געוואָרן אויך זייערע צלמים...

נאָך דער שריפה, האָט זיך ביי אונז אין קלייט פאַרגרעסערט דער מסחר, עס האָט זיך באַדייטנד פאַרבעסערט אונזער עקאָנאָמישער מצב. די מאַמע איז דעמאָלט אַלט געווען 28 יאָר. זי איז געווען זייער פרום, האָט נישט פאַרפעלט צו דאַווענען יעדן טאָג אינדערפרי, טאָג־איין טאָג־אויס געגאַנגען אין שול אַריין. זי איז פול געווען מיט בטחון און גלויבן אין גאָט, און געטראָגן געדולדיק דעם יאָך פון דער פּרנסה. מיר האָבן אָבער אויף קיין פאַל נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייט אָפּצושפּאָרן געלט, כדי צו קענען צוריק אויפבויען אונזער הויז און דערפאַר געוווינט זינט דאַן אין אַ געדונגענער דירה — און דעם פּלאַץ פון אונזער הויז האָבן מיר פאַרקויפט צו אַ גויישן שכן.

איצט אַ ביסל וועגן די מנהגים פון יענער צייט. חתונה־געהאַטע פרויען האָבן דאַן אָן אַן אויסנאַם געטראָגן שייטלען(פּאַרוקן), אָבער שוין אין יאָר 1877, האָט איין כלה־מיידל רעוואָלטירט קעגן דעם. איך געדענק עס גוט, הגם כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען סך־הכל אַכט יאָר. כ׳האָב דאַן געלערנט אין חדר מיט אַ יינגל אין מיינע יאָרן, און ער האָט מיר דערציילט, אַז ביי זיי אין שטוב טוט זיך אַ גרויסע מחלוקת; ס׳גייט אַן אַ קאַמף מצד זיין עלטערע שוועסטער מיט טאַטע־מאַמע. דעם יינגלס שוועסטער איז אַ כלה־מיידל, וואָס דאַרף די טעג חתונה האָבן — און זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט אויף קיין פאַל זיך נישט לאָזן אָפּשערן די האָר.

אָט די געשיכטע האָט דאַן אויפגערודערט אַלע געמיטער אין שטעטל, אַזאַ זאַך איז נאָך ביז דעמאָלט נישט געהערט געוואָרן; און בעת עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה, האָט מען זיך דערוווּסט אין גאַנצן שטעטל דערפון. דער רב האָט צעוויסן געגעבן, אַז אויב זי וועט זיך נישט לאָזן אָפּשערן די האָר — וועט ער נישט געבן קיין חופּה וקידושין. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן, די כלה־מיידל איז באַשטאַנען אויף אירס — אַז זי וועט בשום אופן זיך נישט לאָזן אָפּשערן אירע האָר און זי וועט נישט אָנטאָן קיין שייטל. ענדלעך, האָט זיך געפונען אַן עלטערער ייד, וואָס האָט מסדר געווען חופּה וקידושין...

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער שפּאַלט, שפּעטער זענען שוין געווען אַ סך מיידלעך, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזן אָפּשערן די האָר, און אַ סך פרויען האָבן אויפגעהערט צו טראָגן שייטלען, — און די פרומע קרייזן האָבן זיך דערצו ביסלעכוויז צוגעוווינט.

און אָט אייניקע פּרטים וועגן דער דערציונג אין יענער צייט.

מיר האָבן דעמאָלט אין קלעצק, נישט געוווּסט פון קיין קהל׳שע שולן, ס׳איז נאָר געווען דער טראַדיציאָנעלער חדר און די תלמוד תורה פאַר די אָרימערע קינדער, אָדער יתומים. בכלל האָט זיך יעדער חדר געהאַט, זיין אייגענעם מלמד מיט זיינע אייגענע התנהגות׳ן; דער מלמד, האָט אויך נישט געמוזט האָבן די נויטיקע פּעדאַגאָגישע קענטענישן. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט געקענט ווערן אַ מלמד... די תלמוד תורה איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער קהל׳שער קאַסע, אָבער קיין השגחה איז כמעט ווי נישט געווען, און די ענינים פלעגן זיך פירן שטאַרק אָפּגעלאָזן. די קינדער אין עלטער פון 5 ביז 10 יאָר, פלעגן זיך מאַטערן אונטערן שווערן יאָך פון די דאָרטיקע מלמדים, פון 8 אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, מיט אַ קליינער הפסקה פאַר מיטאָג. ס׳רוב מלמדים, פלעגן שמייסן די תלמידים.

אַז די קינדער זענען אַלט געוואָרן 10 יאָר, זענען זיי אַריבער

צו אנדערע מלמדים — לערנען עפעס א מלאכה. מ'האט אבער מיט זיי נישט געלערנט קיין שום אייראפעישע שפראך און אויך נישט קיין חשבון און אנדערע נוצלעכע לימודים.

אין משך פון די יארן, האט זיך אבער דער מצב אינגאנצן געענדערט, די יידישע יוגנט איז שנעל פארכאפט געווארן פון די נייע השכלה־ווינטן. א געניט אויג האט נאך אין יענע יארן געקענט באמערקן די נייע ווינטן, וואס זענען שפעטער מיט אזא אימפעט אריינגעדרונגען. די אמאליקע פרומקייט האט אויפגעהערט, און אלע נייע גרזשלשאפטלעכע באוועגונגען האבן באהערשט די יידישע גאס. — אבער דאס איז שוין א קאפיטל פאר זיך.

י. נ. אדלער / א יינגל פארט אין דער ישיבה

(ניו יארק)

די יוגנט־יארן, די ריינע און תמימות'דיקע יארן — זיי פאלגן מיר נאך אין מיין לעבנס־וועג. איך דערמאן זיך שטענדיק אן זיי אן שווערע טעג.

עס דערמאנט זיך מיר א העלער שיינער טאג„ איך זיץ מיר אזוי אויף איינעם פון די לאנגע בענק אין הויז פון מיין פעטער שלמה ביינושעס, וואס איז געווען אין עק שטאט. איך בין זיך דארט שטיל געזעסן און געווארט אויף איטשע דעם בעל־עגלה. איך זיץ און ווארט און אין אויג ביי מיר באווייזט זיך א באהאלטענע טרער. איך ווייס, אז אט איצט דארף איך מיך געזעגענען מיטן ליבן שטעטל, ווייל איך פאר אוועק אין ישיבה.

און דאס ווארטן אויף איטשע דעם בעל־עגלה געדויערט גענוג לאנג, ווייל איטשע נעמט אן אויף זיין בודע א סך פאסאזשירן. איטשע איז א „נאמן", און סוחרים געטרויען אים „סחורות" און אלע די וואס פירן געשעפטן מיט סלוצק, שיקן מיט אים אהין סיי סחורות, סיי געלט וואס זיי דארפן צאלן די סלוצקער סוחרים. איך זיץ גע־דולדיק, ווייל איך ווייס, אז איטשע דער בעל־עגלה וועט מיר קומען נעמען, אז איך זאל מיטפארן מיט אים. דאס פאר איך קיין סלוצק. די נסיעה שלעפט זיך א גאנצע נאכט, מ'פארט, ס'איז אלץ אזוי שטיל אויפן וועג, אלץ איז פון דער נאכט פארוויגט, אלץ וואס אטעמט אויף דער ערד, איז פון דער נאכט פארדרעמלט, ס'דרעמלען פויגל אין אויך די בוימער, דוכט זיך מיר, דרעמלען, מיר אבער שלאפט זיך נישט. און נאך א וואך־נאכט און שלעפעניש ביז אינמיטן צווייטן טאג, בין איך ענדלעך אנגעקומען קיין סלוצק, א יינגל איינער אליין, אן א גראשן אין קעשענע, אנגעוויזן אויף גאט'ס חסד, וואס איך וויל לערנען זיין תורה.

ביי מיר אין הארצן איז אבער געווען דאן א פרייד, כ'האב זיך געפילט גוט און זיך געקוויקט מיט מיין גרויסן רצון צו לערנען תורה.

קיין פלענער האבן נישט געפעלט. אט איז א פלאן, אז איך זאל לערנען אין גרויסן „קיבוץ" פון ר' איסר זלמן, און אט איז א צווייטער פלאן, אז איך זאל לערנען אין דער קליינער ישיבה ביי ר' נחמיה'ן. וואס שייך א ארט צו שלאפן — איז עס א קנאפע זארג, ס'איז ברוך־השם פאראן א שול אין סלוצק און דארטן איז נישט שלעכט צו שלאפן ביים אויוון. אבער אין סלוצק האב איך אויך קרובים פון מיין פאטערס צד און סיי פון מיין מוטערס צד.

ביי יעדערן פון זיי האב איך געגעסן „טעג" אין סלוצק, און די אנדערע „טעג" האב איך געהאט ביי די קרובים פון אט די גוויי פאמיליעס.

אין סלוצק האב איך אויף אלץ געקוקט מיט א יינגלישער נייגע־ריקייט, אלץ איז פאר מיר געווען דארטן ניי און זייער אינטערעסאנט. איך בין דאן געווען יונג אין דער נשמה און יונג אין יארן, פול מיט האפענונגען אויף דער צוקונפט און בין געווען באשאנקען מיט א גלויבן פון א אפטימיסט, געגלויבט אז אין דער צוקונפט וועט אלץ אוועק זייער גוט.

אז איך וויל דערגרונטעווען די דעמאלטיקע יארן פון מיין לעבן — זע איך ווי א קייט פון סיבות: דער גרויסער רצון צום לערנען, מיין גרויסע ליבשאפט צו דער תורה — דאס איז געווען דער באלזאם פאר מיין נשמה; זייענדיק קאנצענטרירט אין לערנען האב איך נישט געפילט גאר די נויט — און א פונק פון אט דעם גייסט, האט געטליעט אין אלע לומדי תורה, מיט וועלכע איך האב זיך דאן באגעגנט. דער אור התורה האט באלויכטן זייער וועג.

איך בין געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה. פאר מיינע אויגן האט געשוועבט דאס געשטאלט פון מיין טאטן, אט דער סטאטעטשנער ייד, וואס האט נישט קיין מזל. וויפיל מאל האט דאס געמאטערט מיין שוואכן מוח'ל, בעת איך פלעג זען ווי מיין פאטער קומט אהיים פון א דערבייאיקן דארף, מיד און הונגעריק, און זיין „סחורה" איז דאס פלעשל בראנפן, און ער קומט אהיים אן א גראשן אין דער קעשענע.

מיין פאטער איז געווען אן איידעלער ייד און א שטיקל תלמיד־חכם, וואס האט ליב געהאט אין די שבתים נאכמיטאג אריינצוקוקן אין א ספר און אין די לאנגע ווינטער־נעכט, האט ער געלייענט דעם ספר „יוסיפון" און אנדערע פאלקסטימלעכע ספרים.

איך האב א סך מאל נאכגעטראכט: פארוואס האט מיין פאטער אזא ביטער מזל? אט איז מיין עלטער־פעטער שלום, פון דארף זובקי, א מגושם'דיקער ייד, וואס קען קוים דאווענען מיט גרייזן — און ער האט א אייגענע ווינט־מיל, ווו אלע ארומיקע גויים קומען צו אים און ער האט דערפון שיין פרנסה. טא פארוואס זאל מיין פאטער נישט האבן אזא ווינט־מיל אין נאענטן דארף ביליאצין, וואס איז דריי מאל אזוי גרויס ווי דאס דארף זובקי?

וואלט דער טאטע געהאט אזא ווינט־מיל, וואלטן מיר געקענט האבן פרנסה בריווח, און נישט געדארפט כסדר אנקומען צום פעטער'ס טובות און חסדים, אז איך זאל דארפן שטענדיק קומען מיטן זעלביקן „פזמון": „די מאמע האט געבעטן לייען א ביסל מילך"... א גאנצן וועג אהין פלעג איך דאס חזר'ן, איך זאל וויסן, וואס צו זאגן און איך האב שטענדיק זיך באמיט צו געפינען די מומע שרה, וואס איז געווען א מענש מיט א גוט הארץ.

הרב י. ק. גאָלדבלום (לאָנדאָן) / געשטאַלטן פון אַמאָל

עס זענען שוין אַוועק 56 יאָר זינט איך האָב פאַרלאָזן מיין געבורטס־שטאָט קלעצק, אַוועק אין דער גרויסער וועלט און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. אָבער אין זכרון זענען נאָך פריש די איינדרוקן פון מיינע קינדער־יאָרן, עס דערמאָנען זיך די מערקווירדיקע טיפּן פון אַמאָל זיי לעבן מיר פאַר די אויגן — אַזוי אַז איך קאָן זיך גאָר נישט צוגעוווינען צו געדאַנק, אַז קלעצק, וואָס איז אַמאָל פול געווען מיט לומדים, יראים און שלמים — איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער מאַפּע...

אַמאָליקע מלמדים אין קלעצק

די קהילה קלעצק איז אין מיינע יוגנט־יאָרן געווען באַרימט און בעקאַנט אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד ווי אַ קהילה פון אַסך מופלגי־תורה און לומדים.

אין יאָר תרל״ה 1878 — כ׳בין דאַן האַלט געווען סך־הכל פינף יאָר — בין איך פריצייטיק געוואָרן אַ יתום, ס׳איז דאַן געשטאָרבן מיין טאַטע ר׳ אברהם קאָפּל און איך בין דערצויגן געוואָרן אין די אָרטיקע חדרים און אין דער תלמוד־תורה. דער לומדיש־גייסטיקער קלימאַט אַרום, האָט אין מיר געשלאָגן טיפע וואָרצלען, און ס׳איז ביי מיר אין האַרצן איינגעבאַקן געוואָרן אַ טיפער געפיל פון אהבת התורה וואָס באַגלייט מיך מיין גאַנץ לעבן.

איך דערמאָן זיך אָן דעם ערשטן טאָג ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר ביי ר׳ יוסף משה מלמד. געווען בין איך דאַן אַ קינד פון פיר און אַ האַלב יאָר. מיין טאַטע האָט מיר געבראַכט צוטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אין חדר אַריין, און כ׳בין געווען איינגעהילט אין אַ טלית. זיך אַרומגעקוקט און געזען אַ כאָפּטע קינדער, און דער רבי ווייזט מיר דעם אלף־בית, און בעת איך כאַפּ אַ קוק אויף די שיינע אותיות — דערטראָגן זיך צו מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס פון אויבן — דאָס שיקט מיר אַ מלאך פון הימל, ווייל כ׳בין אַ גוט קינד...

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט נאָך מיין פאָטער (פאַר זיין פּטירה) מיר אָנגעהויבן צו לערנען חומש (מיין פאָטער איז אויך געווען אַ בעקאַנטער מלמד ביי אונז אין שטעטל). שפּעטער, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָב איך געלערנט אין פאַרשידענע חדרים ביי פאַרשידענע מלמדים, ביז איך האָב זוכה געווען צו לערנען אויך ביי ר׳ זוניע מלמד אין דער תלמוד תורה.

ר׳ זוניע מלמד האָט צווישן די קלעצקער מלמדים געשמט אַלס אַ גוטער דערציער און פּעדאַגאָג. ער איז געווען זייער אַ גוטער בעל־מסביר און מ׳האָט געדאַרפט שוין זיין אַ גוטער שילער, אַז מ׳זאָל קענען ווערן זיינס אַ תלמיד. איך האָב ביי אים געלערנט גמרא. אַז איך בין אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָב איך פאַרלאָזן קלעצק און בין אַוועק אין אַנדערע שטעטלעך, ווו איך האָב ווייטער געלערנט, אָבער דעם יסוד פאַר מיין דערציונג האָב איך באַקומען אין קלעצק, ביי ר׳ זוניע מלמד.

קלעצק האָט געשמט אַרום מיט אירע גרויסע באַרימטע רבנים. אין מיינע קינדער־יאָרן איז נאָך געווען ביי אונז רב ר׳ צבי הירש טיקטינער זצ״ל. נאָך זיין פּטירה האָט מען אויפגענומען אַלס רב ר׳ שלום דובער הערענזאָן.

מיר דערמאָנט זיך דער טאָג ווען ער איז אָנגעקומען צו אונז אין שטעטל. אַלע תושבים זענען דאַן אַרויס אין דער יידישער גאַס, ווו מ׳האָט אים געמאַכט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים. ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם הדרת פּנים. זיין בילד שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן. געווען אַ גרויסער בקי אין דער תלמודישער ליטעראַטור, אַ פּיקח אין וועלטלעכע ענינים און ער האָט דערפאַר געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער קהילה.

שבת־תשובה און שבת הגדול פלעגט ער האַלטן דרשות. דעמאָלט איז דער בית־מדרש געווען פול מיט צוהערער, מ׳פלעגט מיט אויפמערקזאַמקייט אויסהערן זיינע דרשות. ער איז אויך געווען אַ גוטער „בעל מנגן”, געהאַט אַן אָנגענעמע שטים, געדאַוונט פאַרן עמוד ראש השנה צו מוסף און יום כיפור צו נעילה צוזאַמען מיט אַ קאַפּעלע פון משוררים. שפּעטער האָט זיך באַזעצט אין קלעצק אויך זיין איידעם, וואָס איז פריער געווען רב אין זשעטל. אויך ער איז געווען זייער באַליבט אין שטעטל. ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד און פלעגט זיצן טעג און נעכט און לערנען, איז אויך געווען אַ וועלטלעכער מענש און זיך צוגעפּאַסט צום נייעם דור.

דער בית־דין פון שטעטל איז באַשטאַנען פון אייניקע דיינים: ר׳ בערל דאַווידזאָן, דער ברודער פונם דאָקטאָר דאַווידזאָן, ר׳ נטע און ר׳ אייזיקל „פּעשע פראַדלס”.

די דיינים פלעגן פון צייט צו צייט קומען אין דער תלמוד תורה, פאַרהערן די תלמידים אין לערנען. אַמאָל פלעגט אויך קומען אין דער תלמוד תורה פאַרהערן די תלמידים דער גבאי פון דער תלמוד תורה „הירשקע קאַפּוליער”, דער ברודער פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס האָט געהאַט אַ קלייט אין מאַרק.

אין בית מדרש האָבן געדאַוונט די חשובע בעלי בתים און לומדים. זיי פלעגן יעדן טאָג נאָכן דאַווענען בלייבן אין בית מדרש און לערנען אַ דף גמרא, דעם „דף יומי”; זיי פלעגן לערנען אַזוי זיבן יאָר, דאַן איז געענדיקט געוואָרן דאָס לערנען פון גאַנץ ש״ס און מ׳האָט געפּראַוועט אַ פייערונג פון „סיום הש״ס”.

אַ גרויסע שמחה איז געווען בעת מ׳פלעגט אַריינגעבן אַ נייעם ש״ס אין בית מדרש אַריין. דאָס פלעגט מען טאָן מיט גרויס פייערלעכקייט, מ׳האָט דאָס ש״ס געפירט הינטער אַ חופּה איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט מיט גרויס פּאַראַד און מיט געזאַנג פון כלי־זמרים; און אַזוי פלעגט מען אויך פּראַווען מיט געזאַנג און מיט פרייד, אַז מ׳האָט אַריינגעגעבן אַ נייע ספר תורה אין בית מדרש אַריין.

דער הויפּט־שמש פון בית מדרש איז געווען אָרע דער שמש, אַ גרויסער למדן און אַ גוטער בעל דרשן. זיין דרשנישער טאַלאַנט איז געקומען צום אויסדרוק בעת ער פלעגט האַלטן הספּדים אויף נפטרים. אַז עס איז געשטאָרבן עמיצער פון די נכבדי העיר, פלעגט מען דעם נפטר ברענגען אין בית מדרש אַריין. אָרע שמש איז דאַן אַרויף אויפן באַלעמער און געהאַלטן אַ הספּד, דערציילט די אויפטוען פון דעם חשובן נפטר.

דער בית מדרש איז געווען שטענדיק אָפן, בייטאָג און ביינאַכט, ווייל אויך ביינאַכט האָט מען געלערנט תורה אין בית מדרש. דאָנערשטיק ביינאַכט איז ער געווען אָפן די גאַנצע נאַכט, ווייל די נאַכט איז געווען אַ „וואָך נאַכט” פאַר ר׳ זוניע מלמדס תלמידים.

אין בית מדרש זענען דאַן געווען פאַרשידענע חברות: „חברה משניות”, „חברה היי אדם” און „חברה תהילים”. דער ראש פון דער חברה תהילים איז געווען אַן אויסטערלישער טיפּ, און ס׳איז כדאי אים צו באַשרייבן.

דאָס איז געווען ר׳ אברהם איטשע דער סטאָליער, אַ ייד אַן אביון וואָס האָט זייער שווער געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך ביי סטאָלעריי, כדי צו ציען זיין חיונה. אָבער אַז עס איז געקומען שבת איז אים נישט געווען צו דערקענען. ער איז דאַן געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעריבענער זיידענער זשופּיצע און געטראָגן אַ שטריימל אויפן קאָפּ. מ׳האָט דערציילט, אַז שבת רעדט ער נאָר לשון־קודש. יעדן שבת אינדערפרי פלעגט ער קומען אין בית מדרש אַריין מיט נאָך בעלי־מלאכה, און זיי פלעגן זאָגן צוזאַמען תהילים פּסוק נאָך פּסוק. איך פלעג הערן דעם אומעטיקן און בנעימותדיקן ניגון פון ר׳ אברהם איטשעס זאָגן תהילים; אַ ניגון, וואָס איז אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה אַריין.

צו יענער צייט זענען די שוחטים געווען ר׳ נח און זיין זון בנימין און ר׳ משה הירשל וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער מתמיד, וואָס איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט אין בית מדרש.

מלמדים זענען דאָן אויך געווען ר׳ יואל, מאָטע באַיאַנער און איטשע שמעיה וואָלפסאָן (אַ פאָטער פון דוד וואָלפסאָן, דער צווייטער נאָך הערצלען פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע).

קלעצק איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַ שטאָט פון גוטע בעלי תפילה. ס׳איז נישט געווען קיין שטענדיק באַשטימטער חזן. קהל האָט ליבער געהאַט צו הערן אַלעמאָל אַן אַנדערן — זיי זענען געווען: משה אשר, מאָטע באַיאַנער, פרץ דער שניידער, וואָס איז געווען אַ בן תורה, און משה הירשקעס כהן (דער פעטער פון העברעישן דיכטער יעקב כהן) ער האָט אויסגענומען מיט זיין אָנגענעמער שטים, האָט אויך זייער שיין געזונגען און האָט אויך געהאַט אַ זעלטענעם הדרת פנים. ער פלעגט דאַווענען פאַרן עמוד אין בית מדרש יעדן שבת מברכים. ראש השנה און יום כיפור האָט ער געדאַוונט מיט אַ קאַפעליע, איינמאָל אין בית מדרש און אַ צווייט מאָל אין דער „קאַלטער שול״.

דער גבאי פון בית מדרש איז געווען מיין פעטער ר׳ יאָסל מאיר קאָפּלס פיש, וואָס איז אויך געווען דער שטאָט פרנס; ער איז געווען אי בכבודיק אי רייך, זיין ווייב איז געווען אַן אמתע אשת־חיל און געפירט אַ שענק ווו זי האָט פאַרקויפט ווייַן און בראָנפן אין עק פון מאַרק ביי דער יידישער גאַס. מיין אַלטער פעטער פלעגט זיצן על התורה ועל העבודה אין בית מדרש, און אַז אים האָט מען נישט געטאָן קיין זאַך אין שטאָט. ער איז אויך געווען אַ גוטער בעל תפילה און פלעגט דאַווענען פאַרן עמוד שחרית ראש השנה און יום כיפור צו כל־נדרי. ס׳איז ביי אים געווען אַן אָפענע שטוב. אַז עס פלעגן קומען קיין קלעצק רבנים און מגידים זענען זיי שטענדיק געווען ביי אים שבת די געסט צו אַלע מאָלצייטן און סעודות.

איניקע יאָר בין איך געזעסן ביי אים בעת די שבתדיקע מאָלצייטן און אָט דעם אמתן עונג שבת וואָס כ׳האָב געפילט ביי אים, האָב איך נישט געפילט קיינמאָל ערגעץ־אַנדערש־ווו.

זיין יינגערער זון לייבע יאָסל מאיר׳ס, וואָס איז אויך געווען אַ בן תורה, האָט פאַרלאָזן קלעצק און איז אַוועק קיין ניו־יאָרק, דאָרטן ווייטער געצויגן די גאָלדענע קייט פון דער טראַדיציע פון דער פאַמיליע. זיין עלטערער זון אברהם יצחק פיש האָט באַקומען אין ניו־יאָרק אַ מאָדערנע דערציונג. ער איז אַוועק פון ניו־יאָרק און זיך באַזעצט אין תל אביב, ווו ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן.

חיבת ציון אין קלעצק

די ליבשאַפט צו ארץ ישראל איז פון שטענדיק אָן געווען גרויס ביי אונז אין שטאָט. נאָך אין דער צייט פון מיינע קינדער־יאָרן געדענק איך אַז עס זענען געווען עלטערע מענשן, וואָס זענען אַוועק קיין ירושלים כדי דאָרט צו שטאַרבן און ליגן אויפן הר הזיתים. מיין באָבע ליבע פייגע, די שוועסטער פון ר׳ יאָסל מאיר קאָפּלס, איז אַוועק קיין ירושלים זי האָט דאָרטן זוכה געווען צו אריכות ימים און געלעבט דאָרט נאָך 11 יאָר.

בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די חיבת ציון באַוועגונג זענען דאָן צוגע־שטאַנען צו דער באַוועגונג אייניקע פון אונזערע נכבדי העיר. דער פאַר־שטאָרבענער ציון־קעמפער ר׳ יהושע ברזילי איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל.

נאָכן אָפּזיין אַ לענגערע צייט, אַן ערך 40 יאָר, אין ענגלאַנד, האָב איך באַזוכט אונזער שטעטל קלעצק. די שטאָט האָט זיך שטאַרק געביטן. מיין ערשטער באַזוך איז געווען אין בית־מדרש. ס׳איז געווען שפּעט ביינאַכט — דער בית מדרש איז געווען פאַרמאַכט. צומאָרגנס בין איך געגאַנגען דאַווענען צום צווייטן מנין. כ׳בין געווען אַנטוישט פון די ווייניקע מתפללים... נאָכן דאַווענען האָב איך געוואַרט אומזיסט אויפן „דף היומי״, מ׳האָט נישט גע־לערנט, אָנשטאָט דעם האָבן עטלעכע מתפללים געשמועסט וועגן וואָכעדיקע ענינים. כ׳האָב געוואָלט כאַפּן אַ בליק אין די ספרים, וואָס פלעגן זיין אין די גרויסע ספרים־שאַפעס, די צירונג פון בית מדרש, — כ׳האָב אָבער די שאַפעס נישט געפונען...

איך האָב אָבער געהאַט אַ גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן צו באַזוכן די גרויסע ספרים־שאַפעס, די צירונג פון בית מדרש, — כ׳האָב אָבער די שאַפעס רעס געהערט זיין שיעור פאַר די תלמידים אין דער גמרא נדרים, און כ׳האָב באַמערקט די גרויסע התלהבות פון די תלמידים וועלכע האָבן נאָכדעם איבערגע׳חזרט דעם שיעור. אַ באַזונדערן גייסטיקן תענוג האָב איך געהאַט זיך צו טרעפן אין דער ישיבה מיט צוויי חברים פון מיינע קינדער יאָרן — ר׳ חיים פּימשטיין ז״ל (וואָס איז שפּעטער אַוועק קיין ארץ ישראל) און ר׳ מתתיהו ברעסלאוו ז״ל — ביידע די אָנפירער פון דער ישיבה. כ׳האָב זיך דאָן אויך געטראָפן מיטן רב פון שטאָט ר׳ חיים שמעון הערענ־זאָן ז״ל, וואָס כ׳געדענק נאָך ווען ער איז געקומען קיין קלעצק מיט זיין פאָטער דעם בעל „היכלי שן״.

איך האָב באַמערקט דאָן, בעת מיין באַזוך, אַז די יוגנט איז באַנומען מיט חלוצישן גייסט און שטרעבט קיין ארץ־ישראל. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די האַרציקע פריינטשאַפט, וואָס מ׳האָט מיר אַרויסגעוויזן אין קלעצק.

און ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט ריכטן, אַז אַזוי גיך וועט קומען אַ חורבן אויף דער יידישער וועלט און אַז דאָס זענען די לעצטע שקיעה־שטראַלן פאַרן אונטערגאַנג — דער אונטערגאַנג פון דער גרויסער הייליקער קהילה קלעצק וואָס איז געווען אַ צירונג און אַ מוסטער פאַר אַנדערע יידישע קהילות.

מענדל טאבאטשניק (יאהאנעסבורג) / א. ארכאנגעלסק

(„בונד״ אין קלעצק — אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן)

באָטש אַרכאַנגעלסק ליגט ווייט אין טיפן רוסלאַנד, און עס איז אַ גאַנץ ווייטער מהלך פון אונזער שטעטל קלעצק, איז אָבער דאָרך אַרכאַנגעלסק פלוצעם אַזוי נאָענט געוואָרן צו אונזער שטעטל, ווי ביידע שטעט וואָלטן זיך געגרענעצט.

און געטראָפן האָט זיך עס, אָט ווי אַזוי: עס איז אָנהייב 1905. דער „בונד״ וואָס זיינע מיטגלידער זענען באַשטאַנען אין זייער גרעסטער מער־הייט פון בעלי מלאכות, ווי שוסטער, שניידער, סטאָליערעס און דגל. איז גע־וואָרן פון טאָג־צו־טאָג אַלץ דרייסטער. אָנשטאָט די קאָנספּיראַטיווע פאַר־זאַמלונגען ערגעץ אין אַ ווינקל פון פאַנקראַטאָוויצער וואַלד, האָבן זיך די פאַרזאַמלונגען גענומען אָפּטער אַריבערקלייבן אין שטעטל גופא.

ווינטער. דער וואַלד שטייט איינגעזונקען אין פראָסט. די בוימער טראָגן אויף זיך די ווינטערדיקע מלבושים — דעם שניי. יעדעס צווייגעלע האָט אָנשטאָט זיינע זומערדיקע בלעטער, זיך אָנגעפּעלצט אין ווייסן. די נאָדל־בוימער שטייען אויסגעפּוצט מיט פינקלדיקע ווייסע דימענטן, שוין וואָכן־לאַנג. דער פראָסט, האָט נישט בדעה צו שוואַכער ווערן, און ער שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. די יידישע גאַס, וואָס איז געווען די בונדישע בירזשע, איז רויקער, שטילער ווי געוויינלעך. האָט דער קאָמיטעט פון „בונד״, נאָך לאַנגע ישוב הדעת׳ן באַשלאָסן איבערצופירן די פאַרזאַמלונגען פון וואַלד אין שטעטל גופא, אויף אַזאַ אופן: איינאָרדנען פאַרשטעלטע „חתונות״ און „תנאים״: אַ חבר פון דער פאַרטיי, ווערט כלומרשט פאַרקנסט און מען פראַוועט אַ „שמחה״. אויף אָט דער „שמחה״ ברענגט מען אַראָפּ אַ רעדנער, מכלומרשט אַ קרוב פון דעם „חתן״, אָדער פון דער „כלה״, און

מען פירט דורך די פאַרזאַמלונג, מען פאַרברענגט אויף אַ בונדישן אופן, מען פאַרענדיקט מיט דער „שבועה" און מען צעגייט זיך, נישט באַהאַלטענערהייט, אַהיים.

אויסער דעם, האָבן זיך גענומען מערן שטרייקן אין שטעטל. מען האָט גענומען קעמפן פאַר אַ העכערן לוין און אַ קלענערן אַרבעטס־טאָג. בעלי־בתים, האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן, האָט מען אַגיטירט צווישן אַרבעטער מ'זאָל דערקלערן אַ שטרייק. הירשל נאָכעס און יואל פנחס דעם קצב'ס, זענען אַרומגעגאַנגען פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. און טאָמער האָבן זיך געפונען אַרבעטער, וועלכע זענען געווען איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט צושטיין צום שטרייק, איז געקומען צו הילף יענקל הושאק מיט זיין „באיעוואָי אָטריאַד" (קאַמפּס אָפּטיילונג); בלית ברירה האָבן שוין בעלי מלאכות אַוועקגעלייגט שער און אייזן, האַמער און קאָוואַדלע און פאַר מורא געוואָרפן די אַרבעט, ביז בעלי בתים האָבן צוגעוואָרפן אַ ביינדל — און דער שטרייק איז אָפּגערופן געוואָרן.

די שטרייקן האָבן געפירט צו אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס איבער די יידישע גאַסן: יונגע רעוואָלוציאָנערן האָבן אַרומגעהאַוועט פאַר אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס. דער „באַיעוואָי אָטריאַד", האָט זיך באַזאָרגט מיט אַזוינע לעדערנע בייטשן (נאַהייקעס), וואָס זענען ביים סוף אָנגעגייט געוואָרן מיט בליי. מיידלעך זענען געווען באַשעפטיקט מיט נייען רויטע פענער, מיט איינזינגען לידער, און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן זיך חברה בונדיסטן אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן מיט רויטע פענער, זינגענדיק „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט", די מאַרסליעזע און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. ווען אַרטעמיעוו, דער פּריסטאַוו (הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר) האָט זיך דערוווּסט וועגן דער ערשטער דעמאָנסטראַציע, האָט ער אַרויסגעשיקט דעם אוראַדניק (זיין געהילף) מיט די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס קלעצק האָט אין אונזער צייט פאַרמאָגט, זיי זאָלן צעטרייבן די דעמאָנסטראַציע. אָבער חברה, באַגייסטערט פון זייער אויפטו, האָבן זיך קעגנגעשטעלט, און האָבן דער פּאָליציי נאָך באַגלייט מיט זידל־ווערטער, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך קוים אָפּגעטראָגן פאַרשעמטע.

די בונדיסטן זענען געוואָרן דרייסטער און די דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך גענומען גאַנץ אָפט איבערחזר'ן, און זיי האָבן דערגאַנגען די יאָרן אַפילו דעם פּריסטאַוו אַרטעמיעוו אַליין. אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער „באַיעוואָי אָטריאַד" האָט אַמאָל ביינאַכט אָפּגעטשאַטשעוועט אַרטעמיעוון, אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער, אויסגעריסן אַלע מעשענע קנעפּלעך פון זיין מונדיר, אַראָפּגעריסן די קאָקאַרדע און אים געלאָזט גיין... דער פּריסטאַוו האָט זיך טאַקע לאַנג נישט באַוויזן אין שטעטל, און דער אוראַדניק, איז אַרומגעגאַנגען בייז ווי אַ טיגער. אַרטעמיעוו האָט אָבער נישט גערוט. ער האָט געשריבן „פּראָשעניעס" (ווענדונגען) אין די „העכערע פענצטער", אַז ער איז הילפלאָז קעגן די יידישע בונטאָווטשיקעס, און געבעטן הילף.

*

דאָס איז געווען אַ שבת צו נאַכט. אין שטעטל, איז פאָרגעקומען אַ בונדישע „חתונה". חבר'טע דינה, איז געווען די „כלה" און דער „חתן" האָט געזאָלט זיין דער „חבר סאַמסאָן", וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון סלוצק האַלטן אַ רעפעראַט.

„חבר סאַמסאָן", איז געווען גוט באַקאַנט צווישן די בונדיסטישע קרייזן אין יענעם געגנט. אַ יונגערמאַן פון מיטל וווּקס, שטענדיק געטראָגן אַ פּעלערינע, אַ קיילעכדיקע שליאַפּע, אַ פּאָר ברילן פון וועלכע עס איז אַראָפּגעהאָנגען אַ גאָלדן שנירעלע צוגעשפּיליעט צו דער פּעלערינע און לאַנגע, שוואַרצע, גלאַנציקע האָר האָבן אַרונטערגעהאָנגען פון אונטערן קאַפּעליוש, אַזוי ווי ביי אַ רוסישן גלח, להבדיל.

די חברים בונדיסטן, האָבן געהאַט גרויס דרך ארץ פאַרן חבר סאַמסאָן. ערשטנס, צוליב זיין אויסטערלישן אויסזען, און איבערהויפּט טאַקע פאַר זיין גוט רעדן. אַ זעלטענער רעדנער געווען. צו די בונדיסטן פלעגט ער רעדן אַזוי פּשוט, אַז ער האָט זיי ממש אַריינגעלייגט אין מויל אַריין, און יעדער האָט אים געקענט פאַרשטיין. איבערהויפּט אָבער האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיינע דיסקוסיעס מיט די ציוניסטישע אָפּאָנענטן. מיט זיי האָט ער שוין נישט גענוצט קיין פּשוטע ווערטער, נאָר ער פלעגט זיי וואַרפן אין פּנים אַריין פּסוקים פון תנ"ך, פון גמרא און פון פּוסקים, און יידן, בעלי־בתים פלעגן קוועטשן מיט די פּלייצעס:

— „אָט דאָס איז אַ בונטאָווטשיק? ער האָט דאָך גיכער געקענט זיין אַ דיין אין שטעטל".

יענע שבת־צונאַכטיקע „חתונה" מיטן חבר סאַמסאָן אַלס „חתן", איז טאַקע געווען גאָר אַ געהויבענע. אַלע חברים און חבר'טעס זענען געווען אָנוועזנד. צוליבן באַוווּסטן „חתן" זענען געקומען אַ סך סימפּאַטיקער וועלכע האָבן זיך נאָך געקווייקלט אַריינצוטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע אָדער נישט.

ביי הירשל נאָכעס איז לכבוד דער חתונה, די שטוב געווען אויסגעפּוצט מיט קאָלירטע פּאַפּירן. דער טיש איז געווען אויסגעשפּרייט מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטוך, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעשטעלט לעקעך און אמתער בראָנפן. חבר סאַמסאָן האָט שוין געענדיקט זיין רעפעראַט און עס זענען פאָרגעקומען דיסקוסיעס. חברים האָבן געשטעלט פראַגן, און פון צייט־צו־צייט טאַקע גענומען די גלעזלעך און פאַרביסן. די שטימונג איז געווען גאָר אַ געהויבענע. נייע חברים האָבן זיך פאַרשריבן, נייע לידער האָט מען געזונגען ביז...

אינמיטן דער שמחה, האָט זיך מיטאַמאָל פון דרויסן דערהערט אַ שיסעריי. און איידער די פאַרזאַמלטע זענען געקומען צו זיך פון שרעק, האָט זיך שוין די טיר אויפגעפּראַלט: אַרטעמיעוו, דער אוריאַדניק, הינטער זיי אַ גאַנצע ראָטע קאָזאַקן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, גרייט צום שיסן, זענען שוין געווען אין הויז.

— בלייבן אויף די ערטער מיט הויפגעהויבענע הענט"! — איז געווען דער באַפעל פון פּריסטאַוו. אַלע זענען געבליבן בלייכע, דערשראָקענע און האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס.

— „גענוג געהוליאַנקעט, געפּראַוועט כלומרשט כאַשלערעס, געסטאַטשקעוועט און געלאָפן מיט רויטע פענדעלעך"! איר וועט שוין „זשידקי", ביי מיר אויף אַ ווײַלע זיצן אין כודער מודער" — האָט אַרטעמיעוו מיט רוגזה אויסגערופן. „אָביסקעווען זיי"! די קאָזאַקן מיט די סטראַזשניקעס (פּאָליציאַנטן) האָבן יעדן איינעם אונטערזוכט, און אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט. נאָכן אונטערזוכן, האָט מען אַלע „חתונה לייט" אויסגעשטעלט אין צווייען, און מיט אַ קאָמאַנדע זיי געלאָזט פירן צום פּריסטאַוו אין קאַנצעלאַריע.

אַרטעמיעוו האָט זיך אָבער דערמיט נישט באַגנוגנט. מיט אַ צעטל אין האַנט, איז ער מיט אַ אָפּטיילונג קאָזאַקן אַוועק לויט אַן אָנגעמערקטן פּלאַן: האָט רוגזה'דיק אָנגעקלאַפּט אין די טירן, אויפגעוועקט אַלעמען און געזוכט, גענישטערט אין די קעלערס, אויף בוידעמער — און אַרעסטירט אַלעמען אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן אַ חשד.

אַ גאָר באַזונדערע אויפנאַמע האָט געקראָגן דער פּאָפּוליערער אין קלעצק בונדיסט „משה'ל דודס". מיט פאַראַד האָט מען אים געפירט באַזונדער, און דעם גאַנצן וועג מכבד געווען מיט פריקלאַדן, לויט די אָנווייזונגען פון אַרטעמיעוון.

דאָס שטעטל איז שוין יענע נאַכט נישט געשלאָפן. יידן מיט אָנגעשטעלטע קאָלנערס, ווייבער איינגעוויקלט אין פּאַטשיילעס, ביי וועמען אַ זון, אַ טאָכטער, אַ ברודער, סתם נייגעריקע — אַלץ האָט זיך געצויגן צום פּריסטאַווס קאַנצעליאַריע, זען וואָס דאָרט טוט זיך.

און צו זען, איז טאַקע געווען וואָס:

קאָזאַקן האָבן נישט געזשאַלעוועט זייערע פריקלאַדן, און האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג. ווער עס האָט געקראָגן ווייניקער און ווער מער — דורכגעלאָזט האָט מען קיינעם נישט. הירשל נאָכעס, איז געווען צעשלאָגן ווי אַ ביטערער עפּל. אויף משה'ל דוד'ס איז געווען אַ צער צו קוקן. מיט אים האָט זיך אָפּגערעכנט דער פּריסטאַוו אַליין. אינדערפרי, האָט מען דעם עולם צעטריבן. די פרויען אַרויסגעלאָזט און די מענער, האָט מען פאַר־

שפּאַרט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מען אַלע אַרעסטירטע מיט צעביילטע פּנימער אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין אויעזד אַריין, אין סלוצק.

אַ גרויסער עטאַפּ געווען. די אַרעסטירטע זענען געווען אַרומגערינגלט דורך קאָזאַקן, רייטנדיק אויף פערד און הינטער זיי איז נאָכגעלאָפן אַ מחנה מיט טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער און נייגעריקע. ווייבער האָבן געוויינט, געכליפּעט, זיך שטום געזעגנט מיט זייערע נאָענטע — און קאָזאַקן האָבן געכוואָשטשעט מיט נאַהייקעס. די פּראָצעסיע האָט זיך אַזוי געצויגן פון מאַרק, דורך צעפּרער גאַס, און ווען יידן האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע היימען, האָט מען געפּראַוועט אַ צווייטן תשעה באב...

חיים דער גבאי, הערצל דער שוסטער און אַלע שטעטלדיקע כלל־טוער, האָבן זיך אויף די פיס געשטעלט און האָבן איינגעלייגט וועלטן. מען האָט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע זיך משתדל זיין ביים איספּראַווניק (דער הויפּט אַדמיניסטראַטאָר פון קרייז), מען האָט אַפילו פּרובירט שרייבן אַ פּראָשע־ניע (אַ ביטע) צום גובערנאַטאָר אַליין. קיין זאַך האָט אָבער נישט געהאָלפן.

אין אַ וואָך אַרום, איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס און מען האָט אַלעמען פאַרשיקט קיין אַרכאַנגעלסק, אויף פאַרשידענע טערמינען — צו צוויי, דריי און מער יאָרן. אַז מען האָט די אַרעסטירטע דורכגעפירט צוריק מיטן עטאַפּ דורכן שטעטל אויפן וועג קיין אַרכאַנגעלסק, האָט זיך אין שטעטל געטאָן חושך: ראַמיסצער גאַס, איז געווען שוואַרץ, בעלי־מלאכות האָבן געלאָזן זייערע וואַרשטאַטן, קרעמער האָבן געשלאָסן זייערע קראָמען. קינד און קייט האָבן אָפּגעוואַרט, כאַפּן דעם לעצטן קוק אויף די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן. ווייבער זענען געשטאַנען מיט פּעקלעך אָנגעגרייט איבערצוגעבן זייערע מענער, באַגאָסן מיט טרערן. און ווען דער עטאַפּ האָט זיך באַוויזן פון דער־ווייטנס, האָבן פרויען אויסגעבראָכן מיט אַזאַ יללה, אַז אַפילו מענער האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויך מיטגעהאָלפן וויינען.

דעם נאָענטן קומענדיקן פּורים, איז אין שטעטל געווען אַזוי חושך, אַז נישט מ'האָט געשיקט שלח מנות און ווייניק סעודות זענען געפּראַוועט געוואָרן.

דער רעוואָלוציענער, דער אַזוי־גערופענער „קושקע מיט די גלעקלעך“, האָט אַזאַ שלעכטן פּורים נישט געהאַט, זינט ער געדענקט. אַרויסגעדרייט זיך פון גאַנצן קאַפּודל, קען מען זאָגן, האָט זיך נאָר איין יענקל הושאק. ער איז גראָד יענע נאַכט אינדערהיים נישט געווען. זיינע בעסטע פריינט, כעטשע און העטשע, צוויי ברידער, פערד־הענדלער, האָבן שוין אים אָפּגעוואַרט אויפן וועג און אים אָנגעזאָגט די בשורה בזה הלשון: — שבת הגדול! (דאָס איז געווען זיין צונאָמען ביי די פערד־הענדלער), אויב דו ווילסט נישט אַריינ־פאַלן אין ניקאָלייקעס ידים אַריין, דאָס הייסט אין קאָטשומענט (טורמע), זאָלסטו אויפהערן פּראַווען דיינע ריזיקע און זיך נישט דערוועגן קומען אַהיים שלאָפן. ווער לינק, הושאק איינער, וואָרעם מען שניידט ווי אין קרויט, מען גיט קלעפּ, אַז גאַנצע האָלאָוועשקעס פליען. דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר, לאַנגיזע איינער, אויב דו האָסט נאָר גאָט אין האַרצן? — אַ נישט ביסטו אַ קדוש!“

יענקל הושאק איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און האָט צוגעזאָגט כאטשען און העטשען נעלם צו ווערן.

— „איך וועל שוין באַגראָבן ווערן, אַז קיין האָן וועט נישט אַ קריי טאָן. וואָס קלערט איר, אַ יאָלד בין איך? וואָס וועל איך קריכן אין ניקאָלאיקעס קאַטשומענט! פאַרלאָזט זיך אויף מיר ברידער כאַטשע און העטשע. יענקל הושאק איז שוין פאַר ארטעמיעוון און פאַר אַלע קלעצקער שטעטלדיקע יאָלדן געשטאָרבן. איר ברענגט מיר נאָר פון שימשען אַ פליאַכע מיט צובייסן, און דאָס איבעריקע לאָזט עס צו מיר“...

*

עס זענען פאַרביי איייניקע מאָנאַטן נאָך די אַרעסטן. דאָס שטעטל האָט זיך שוין אַ ביסל באַרויקט. פון אַרכאַנגעלסק האָט מען אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון די פאַרשיקטע, בריוו אויף וועלכע טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך נישט גערעכנט. „עס גייט זיי דאָרט נישט שלעכט“ — האָבן די פאַרשיקטע געשריבן. זיי זענען דאָרט לגמרי פריי, אַחוץ זיי דאַרפן זיך דאָרט מעלדן יעדן טאָג אין דער פּאָליציי. בעלי־מלאכות האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי וואַרשטאַטן, און פאַרדינען בעסער ווי אין דער היים. זיי האָפן נאָך אינגיכן שיקן געלט אַהיים. די עטלעכע לייִדיקגייער וועלן זיך אויך ווי עס איז איינאָרדנען. אַנדערע טראַכטן וועגן מאַכן „ויברח“ אין „גרויסן מקום“ (אַמעריקע) אַריין. מיט איין וואָרט, מען האָט זיך גערעכנט אויף ערגער.

אין שטעטל איז שטיל ווי אויף אַ בית עולם. יונגעלייט האָבן זיך פאַרוקט אין די נאָרעס, און האָבן מורא זיך צו באַווייזן אין די גאַסן. די עטלעכע איבערגעבליבענע מיטגלידער פון „בונד“ און פון „באיעוואַי אָטריאַד“ זענען געבליבן אָן פירער. בעלי־בתים, האָבן ווידער אויפגעהויבן די קעפּ; די פריער אויסגעקעמפטע עטלעכע אַרבעטס־שעהן האָבן די אַרבעטס־געבער גענומען פאָדערן צוריק, און האָבן געדראָט מיט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. די אַרבעטער האָבן שטילערהייט נאָכגעגעבן, און אַלע פריערדיקע אויסגעקעמפטע רעכט זענען כמעט ווי ליקווידירט געוואָרן.

ב. מיין משפחה

(אנשטאט אַ מצבה)

אַ שטיבעלע גרויס ווי אַ קעסטעלע, איז געשטאַנען אויפן שול־הויף. אַ שמאָל געסעלע האָט געפירט צום בית־מדרש, צו דער „קאַלטער־שול“ און צו די איבעריקע קלויזן.

ביים סאַמע אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ וואַרשטאַט. גאַנץ נידעריקע טאַבערעטן־בענקלעך אויף וועלכע עס זענען געזעסן שטענדיק מיין טאַטע, מיט זיין שטענדיקן געהילף משה, אַ בחור אַ שווייגער, וועלכער האָט קיינמאָל קיין וואָרט פון זיין מויל נישט אַרויסגעבראַכט און האָבן געקלאַפּט שטיפּטע־לעך, הילצערנע און שטאָלענע אין זוילן, צו נייע ווי אויך צו אַלטע שיך.

צוויי בענקלעך זענען שטענדיק געשטאַנען ליידיק, גרייט פאַר געסט צום זיצן. און געסט זענען שטענדיק געזעסן ביים טאַטנס וואַרשטאַט און אַלע מאָל געפירט היציקע שמועסן.

*

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן איין ערב פּסח, וואָס איז פאַר מיין טאַטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַ יום כפור טאָג“. מיין קינדערשער מוח'ל האָט באין אופן נישט געקענט באַגרייפן דעם טאַטנס „טראַגעדיע“: —

— מיין עלטערער ברודער, נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון גאַנצע דריי יאָר לערנען אין ישיבות — קאָוונער און פינסקער, — איז אַראָפּגעקומען יענעם ערב פּסח מיט אַ היטל וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרינעם באַנד מיט אַ קאָקאַרדע און אַ רעקל מיט מעשענע קנעפּ. אַז מיין טאַטע האָט סוף כל סוף דערקענט זיין זון, וועלכן ער האָט דערוואַרט ווי אַ ישיבה בחור, און עילוי מיט פיאות און וואַרשיינלעך מיט אַ בערדל אין דער אוניפאָרם פון אַ געענדיקטן רוסישן גימנאַזיע־לערער, אַ גלוח, האָט ער זיך ביטער צעוויינט און האָט אים אַפילו קיין שלום נישט געוואָלט געבן.

מיר, קליינוואַרג, האָבן געקוקט מיט גרויס דרך ארץ אויף אונזער עלטערן ברודער און עס האָט זיך ממש נישט געגלויבט... מיין מאַמע האָט זיך אויך טיף אין האַרצן געפרייט מיט איר זון, אָבער אָפן אַרויסווייזן איר פרייד האָט זי נישט געקענט, צוליב מיין טאַטן.

יענער גאַנצער ערב פּסח איז אַוועק אין שאַרפע דיסקוסיעס צווישן טאַטן און זון. מיין ברודער, האָט זיך באַמיט אים באַווייזן, אַז מ'קען אויך זיין אַ גוטער ייד, כאָטש מען איז אַ גלוח און מען היט נישט אָפּ אַלע תרי"ג מצות. דאַקעגן מיין טאַטע וואָלט שוין אפשר מסכים געווען אויף דער אָפּגעגאָלטער באָרד, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מ'קען זיין אַ ייד און נישט דאַווענען.

און אַזוי, קען מען זאָגן, איז דער גאַנצער פייערלעכער פּסח פאַרשטערט געוואָרן, צוליבן פרייען געדאַנק, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל אַריינגעכאַפּט אין אונזער פרומער הויז.

מיין מאַמע, אַ שטילע צדקת, האָט גראַדע אָנגעקוואָלן פון איר געלערנטן זון, און האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט.

זינט יענעם פסח, האָט אונזער שטיבעלע באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. אין דעם קליינעם בעלמלאכישער שטיבעלע, האָבן זיך גענומען באַווייזן שטעטלדיקע אינטעליגענץ. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון יענער צייט, האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן אַרום דער פריינטלעכער אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט ביי אונז אין דעם קליינעם שטיבעלע; — משה גאָלוש, די ברידער קראַניטש — מאָדערנע לערער — די גאַרפינקעלס, ישראל נחמן (איצט אַ פּראַוואַלטער אין אַ ברוקלינער העברעישער שול) און אַנדערע, זענען ביי אונז געוואָרן בני בית, און נישט געקוקט אויף אַלע אַרגומענטן, וועלכע זיי פלעגן פריי אַרויסזאָגן, ווי אפיקורסישע געדאַנקען און אָפּט באַזיגן מיין טאַטן, — איז ער דאָך געבליבן עקשנות׳דיק ביים זייניקן, פאַרענדיקנדיק „אָבער דאַוונען דאַרף מען דאָך!״

די קערנדלעך פון דער קלעצקער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זענען פאַרזייט געוואָרן ביי אונז אין שטוב. די גרינדער, אויף וויפל איך געדענק, זענען געווען: יצחק גאַרפינקעל, בערל טאַבאַטשניק, ישראל נחמן, הלל, אַ בחור מיט אַ פּעלערינע און אַנדערע וועמענס נעמען איז געדענק נישט. אַלע אָרגאַניזיר זיצונגען זענען פאָרגעקומען ביי אונז.

ווער און ווי אַזוי עס איז שפּעטער צו אונז אין הויז אַריינגעבראַכט געוואָרן דער בונדישער גייסט, קען איך זיך נישט דערמאָנען. איך געדענק נאָר, אַז די פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג האָט ביי אונז אין שטיבעלע אָפּגעטראָטן איר אָרט דעם שפּעטערדיקן „בונד״, וווּ מיין שוועסטערל עטל (איצט אין ניו יאָרק), איז געוואָרן אַ וויכטיקע טוערין. אַלע אומלעגאַלע רעדנער פלעגן זיך אויפהאַלטן, מערסטנס, ביי אונז אין שטוב. ערב אַ דעמאָנסטראַציע, האָט אונזער שטיבעלע געקאָכט ווי אַ קעסל: מען האָט גענייט פאָנען, מען האָט געשריבן לאָזונגען, און דאָס גלייכן ערב וואַלן. משה גאָלוש, פלעגט פון אונזער שטיבעלע אַרויסגעבן אויפרופן, באַפעלן א. אַ. וו.

די פּאָליטישע אַטמאָספער, האָט באַווירקט אַלע מיטגלידער פון אונזער משפחה, איינגעשלאָסן מיין מאַמען, וועלכע פלעגט פון צייט־צו־צייט אויך נעמען אַ „שטילן וואָרט״ אין אַ דיסקוסיע. דער איינציקער וועלכער איז געבליבן פעלזן־פעסט, נישט אָפּנויגנדיק אויף קיין איין האָר פון די תרי״ג מצות, איז געווען דער טאַטע. „מורד זיין במלכות״, פלעגט דער טאַטע טענה׳ן, איז אויך אַן עבירה, „אָבער מורד זיין אין גאָט, דאָס שמעקט שוין מיט כרת״.

האָט זיך דער טאַטע געטאָן ס׳זייניקע: אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, סיי זומער, סיי ווינטער, אַוועק אין „שטיבל״ און געלערנט עין יעקב, משניות, געזאָגט תהילים, געפאַסט תעניתים און מיט ביטול זיך באַצויגן צו זיינע יונגע רעוואָלוציענערן.

*

אונזער שטיבעלע איז שטענדיק געווען אַ מין הכנסת אורחים. חוץ דאָס שטעטלדיקע אינטעליגענץ, וועלכע זענען געווען טעגלעכע איינגייער, צוליב מיין עלטערן ברודער ברל, פלעגט מיין טאַטע ברענגען זיינע בית מדרש אורחים. אין מיין זכרון זענען פאַרבליבן, ר׳ אברהם בער, אַ ייד אַ זקן, אַ למדן, וועלכער פלעגט פון צייט־צו־צייט קומען אָפּעסן און לויבן מיין מאַמעס אָרימע מיטאָגן. אביגדור דער שוסטער, אַ ייד אַ לא יוצלח, וועלכער פלעגט זיך רייסן צום עמוד, אויך דאָס רוב משוגעים, וועלכע האָבן צוליב דעם זכות פון מיין ברודער לייזער (ער איז געווען זייער אַלעמענס אויטאָריטעט) פלעגן זיין אָפּטע באַזוכער און „געסט״ ביי אונז. אויף „יאשקע שפּיי״, קאַנטעראָוויטש און הלל, וועלכער איז באַרימט געווען מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות, האָט מיין ברודער לייזער געהאַט אַ גרויסע השפּעה. זיין וואָרט איז געווען פאַר זיי הייליק, און ווען אין בית מדרש פלעגט אויסברעכן אַ געשלעג צווישן די משוגעים (און דאָס פלעגט גאַנץ אָפּט טרעפן) — פלעגט מען שוין מוזן אַראָפּברענגען מיין ברודער, ער זאָל זיי איינשטילן.

נאָך אַלס קינד, האָב איך פאַרלאָזן קלעצק. אין יאָרן אַרום, האָט מיין משפחה אויסגעוואַנדערט קיין לעכעוויטש, און ווען איך בין געפאָרן זיך זעגענען מיט מיין משפחה, פאַר מיין אָפּפאָר קיין דרום אַפריקע, האָט מען אויף דער באַראַנאָוויטשער סטאַנציע מיר איבערגעגעבן אַ גרויסן פלאַש מיט זויערשטאָף.

פרייטיק אינדערפרי, האָב איך מיין מאַמען געטראָפן אויפן טויטן־בעט. איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט. מיין קומען און דאָס זויערשטאָף האָט איר פאַרלענגערט דאָס לעבן ביז ליכט־בענטשן. ביים פולן באַוווּסטזיין האָט זי אַריינגערופן מיינע דריי ברידער און געבעטן, זיי זאָלן זאָגן קדיש נאָך איר. מיך האָט זי באַפרייט. „איך ווייס, אַז דו וועסט עס מיר נישט קענען אַנטזאָגן, אָבער צו דו וועסט עס קענען אויספירן, זיך לאָזנדיק אין דער וויטער וועלט אַריין — אין דעם צווייפל איך — דעריבער באַפריי איך דיך פונעם קדיש״. דאָס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער.

*

ערשט נאָך לאַנגע יאָרן אין אַפריקע, האָב איך זיך דערוווּסט ווער מיין טאַטע־מאַמע זענען געווען. דער „תרבות״ לערער פרידשטיין, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי מיינע עלטערן אין הויז, דערציילט מיר, מיט טרערן אין די אויגן, ביי אונזער יעדער באַגעגעניש, עפּיזאָדן פון זייער לעבן.

ער קען נישט פאַרגעסן דעם שבת בראשית ווען דער קלעצקער רב ר׳ חיים שמעון, האָט זיין גאַנצע דרשה געווידמעט צוויי אָרימע יידן פון קלעצק, וועלכע זענען געקומען צו אים מיט אַן אויסטערלישער „דין תורה״: — זיי האָבן געפונען אַ בייטל מיט געלט נאָך אַ יאַריד־טאָג. איינער האָט עס דערזען און דער צווייטער האָט עס אויפגעהויבן; צעטיילן זיך האָבן זיי נישט געוואָלט, ווייל יעדער האָט געטענה׳ט, אַז דאָס געלט געהערט נישט צו אים און דאָס האָט זיי געבראַכט צום רב. איינער פון זיי איז געווען מיין טאַטע.

אַלט, שוואַך, צעבראָכן, אָן אַ פוס די לעצטע יאָרן, איז ער אומגעקומען צוגלייך מיט אַלע קלעצקער אין לעכעוויטשער קדושים, דורך דער מערדערלעכער האַנט. ת. נ. צ. ב. ה.

ג. צעבראַכן דעם טאָוול

שלום דער מלמד, האָט אַריינגעפירט אין דער קלעצקער תלמוד תורה אַ נייעם „פּעדאַגאָגישן מעטאָד״: —

אַ גרויסער טאָוול (אַ טאַבליצע) איינגעפאַסט אין אַ גלאָז מיט אַ שוואַרצער ראַם. האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג, שוין גלייך ביים אַריינגאַנג אין דער תלמוד תורה, ווו שלום האָט געלערנט מיט דער קליינער כיתה.

דער נייער מעטאָד, דער טאָוול, איז איינגעריכט געוואָרן ספּעציעל פאַר די „שלעכטע״ קינדער, למען ידעו ויראו!..

אויף אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז געווען אַרויפגעקלעפּט אויף אַ קאַרטאָן, זענען געווען אויסגעשריבן אַלע נעמען פון די תלמידים, לויטן אלף בית. מיט פּעך־שוואַרצן טינט זענען געווען דורך גראַדע ליניעס אָפּגעטיילט רובריקעס פאַר שקידה, הנהגה און ידיעה. ווייטער זענען געווען אויבן אָנגעצייכנט די פּרשות פון חומש פאַרן גאַנצן זמן, און יעדן פרייטיק נאָכן פאַרהערן די קינדער, פלעגט ר׳ שלום פאָרזיכטיק אַרויסנעמען פון זיין זשילעט־קעשענע דאָס שליסעלע, און מיט גרויס יראת הכבוד אָפּשליסן דאָס גלעזערנע ראַם, אַרויסנעמען דעם טאָוול און עס פאָרזיכטיק אַרויפלייגן אויפן טיש וואָס איז געשטאַנען אינמיטן פון חדר.

קינדערשע הערצערלעך האָבן שטאַרקער געקלאַפּט, און ביי אַ טויטער שטילקייט האָט חיים דער גבאי זיך שטיל געשושקעט מיטן רבין; אַריינגעקוקט אויפן טאָוול, אויפן יינגל וואָס האָט פאַרקערפּערט דעם נאָמען און מיט פאָרזיכטיקייט אַריינגעשריבן דעם ציפער פון 0 ביז 5.

און ווי איז געווען צום יינגל, וועלכער האָט זיך דערוועגט ביי דער פּראָצעדור הויך אָטעמען. שלום האָט מיט זיינע שפּאַקולן אַרומגעשפּאַצירט

און דורכגענומען יעדן יינגל, זיך אָנמערקנדיק אין זכרון אויף וועמען זיינע דאַרע ביינערדיקע פינגער וועלן פאַלן טאַקע גלייך, זונטיק פרי. כמעט יעדער יינגל, האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַזאַ זונטיקדיקער „אויפ־נאַמע", און מען האָט זיך מיט אַלע כוחות באַהערשט און מיט צוואַנגען איינגעהאַלטן די קינדערישע ענערגיע.

נאָכן אַריינשרייבן דעם „פסק דין" פון יעדן יינגל, פלעגט דער רבי אויפהויבן דעם טאָוול מיטביידע הענט אין דער הויך, זיך אויסדרייען און מיט דער געהעריקער פאָרזיכטיקייט אַריינהענגען דעם טאָוול צוריק אין ראַם, פאַרשליסן עס און געבן אַ צייכן די קינדער, אַז זיי זענען פריי.

מיט אויפברויז פלעגן זיך די קינדער אַ לאָז טאָן צום טאָוול, אויס־געפינען זייער „פסק דין" פאַר דער וואָך. נישט ווייניק יינגלאַך פלעגן זיך באַגיסן מיט טרערן דערזעענדיק: שקידה — 2, הנהגה — 1 און ידיעה — 0. ביי זייער ווייניק, אפשר ביי געציילטע 3—4 קינדער, פלעגן אַרויסשיינען פון יעדער רובריק אַ 5 און זיי פלעגן נאָך דערצו באַקומען פון חיים דעם גבאי, אַ מתנה, אַ ביכעלע מיט גרינע טאָוועלעך, פון דער „כל הנערים ביבליאָטעק".

איינער פון די געציילטע, בין איך געווען — אַלע פרייטיק פלעג איך ברענגען אַזאַ ביכעלע (אַ „נאַגראַדע") אַהיים, און מיין טאַטע האָט זייער שטאָלצירט דערמיט, כאָטש אין מיין קעגנוואַרט, האָט ער עס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן.

*

מיין בעסטער חבר, יאָסעלע, וועלכער איז געזעסן אין חדר האַרט ביי מיין זייט און מיט וועמען איך האָב שטענדיק נאָכן חדר און אין צווישנצייט פאַרבראַכט: — צוזאַמען פרייטיק נאָכן לערנען געשוווּמען אין דעם ראַמיסצער טייכל, צוזאַמען אויפן „וואַל" פסח אין ניס געשפּילט — האָט ער אָבער קיין מזל נישט געהאַט צום פאַרשאָלטענעם טאָוול. אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט צו שטאַרק נישט געוואָלט לערנען, און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט נעבעך געהאַט אַ שווערע תפיסה. ווי די זאַך זאָל נישט זיין — פרייטיק איז פאַר אים שטענדיק געווען אַ פאַרשטערטער טאָג. דוכט זיך, פון דער נאַטור געווען אַ דרייסטער, אַ פאַרהאַרטעוועטער, אָבער עד היום קען איך נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט נישט געקענט רויק אויפנעמען די שלעכטע מיינונגען פאַר אים אויפן טאָוול.

אָט זע איך נאָך זיינע טרערן, וועלכע קייקלען זיך אַראָפּ זיינע באַקן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעקוקט אויף מיינע 5ען און ער אויף זיינע איינסן און נולן. און במילא איז שוין מיין שמחה אויך נישט געווען קיין פולע. ביז, אין איינעם אַזאַ פרייטיק, גייענדיק פון חדר אַהיים מיט יאָסלען, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק:...

— „ווייסטו גאָר וואָס, יאָסעלע", — האָב איך פלוצעם אים אַרומגענומען און אַריינגעשושקעט אים אין אויער. — „לאָמיר גאָר צעברעכן די טאַבליצע"!

יאָסעלע האָט אויפגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן מיט צופרידנהייט און פאַרוואונדערונג.

— „דאָס וואָלט טאַקע געווען אַ גוטער פּלאַן, אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס"? — האָט ער נייגעריק אַ פרעג געטאָן.

— „דער פּלאַן איז אַ פּשוטער", — האָב איך אים אויפגעקלערט: — „מיר וועלן אויפשטיין פאַרטאָג, אַריבערקריכן דעם הינטערשטן פּאַרקאַן פון תלמוד תורה, זיך אַריינכאַפּן אין חדר, צעברעכן און פאַרברענען דעם טאָוול און קיין האָן וועט נישט קרייען". דעם טאַטן וועט מען זאָגן, אַז מיר גייען צו אַ „משמר", אויב מען וועט דערהערן, גוט? גוט!

*

דאָס מזל האָט אונז אָפּגעגליקט. זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב בשלום. מיר שלייכן זיך דורך הינטער־געסלעך צו דער תלמוד תורה. מיט האַרץ־קלאַפּעניש שוין אַריבער דעם פּאַרקאַן, און שטייען מיר ביידע פּנים אל פּנים מיט דער גלעזערנער טאַבליצע... די דלאָניע פאַרשטעקט אין האַרבל — בראַזג... און שטיקלעך גלאָז צעשיטן זיך מיט געזאַנג איבער דער פּאָדלאָגע.

אַ ריס, אַ פּליק דעם טאָוול... אונטערגעצונדן... עס ברענט.. נעמען מיט מיט ציפּערן פאַרשוווּנדן מיטן רויך... אַקליין ביסעלע אַש צעפּאַלט זיך... אויפגערעגטע פון שרעק, גנבענען מיר זיך צוריק אַריין אין אונזערע נאַרעס ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט.

אָפּגערעדט האָבן מיר צו קומען דאָס מאָל אין חדר נישט פון די ערשטע, כדי קיין חשד זאָל אויף אונז נישט פאַלן. צו פאַרשטאַרקן די זיכערקייט פון אונזער „סוד" האָבן מיר זיך געגעבן אַ שבועה, איבערגעהאַקט די הענט מיט אַ ציצה, און אַזוי זענען מיר כמעט גלייך מיטן רבין אָנגעקומען זונטיק פרי אין חדר אַריין.

*

עס רוישט ווי אין אַ בינשטאָק. יינגלעך זענען אויפגערעגט פון שמחה. די ערשטע באַגעגעניש: צעבראָכן די טאַבליצע!

ווער, וואָס, ווען? קיינער ווייסט נישט. אַזוי געפונען צעבראָכן, פאַר־ברענט און אַ סוף! דער רבי גייט, ר' שלום גייט! אַלץ ווערט שטיל. דער טומל איז ווי מיט אַמאָל אָפּגעשניטן געוואָרן.

דער רבי איז פאַרוואונדערט... וואָס איז געשען? מיטאַמאָל... „ווי איז מיר" — האָט זיך ביים רבין אַרויסגעריסן צוזאַמען מיט אַ זיפץ.

— „ווער האָט עס צעבראָכן, ווי אַזוי איז עס געשען"? איז ר' שלום רויט געוואָרן פאַרברעכנדיק די הענט, ווי איינער וועמען עס האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. און ר' שלום איז געבליבן שטיין פאַרלאָרן, ניט־ויסנדיק אויפן מאָמענט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אָבער גיך באַהערשט אין האָט באַפעלעריש פאַראָרדנט, די קינדער זאָלן פאַרנעמען די פּלעצער.

מיט געמאַכטער רויקייט, האָט ער פּרובירט פאָרשן יעדן יינגל, אפשר ווייסט ער ווער האָט עס געטאָן? אָנגעהויבן האָט ער ניט גוטן, מיט געמאַכ־טער איינגעהאַלטנקייט. אָבער אַז עס האָט נישט געהאָלפן, איז ער אַריבער מיט כעס. ער האָט געסטראַשעט די קינדער, ער האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש. יינגלעך זענען געזעסן, געציטערט, אָבער קיינער האָט קיין קלאַנג נישט אַרויסגעבראַכט. — ביז — ענדלעך האָט שלום געשיקט רופן חיים דעם גבאי.

מינוטן ציען זיך ווי קריכנדיקע שלאַנגען. אָט קומט שוין חיים דער גבאי. אַ הויכער, פעסט געבויטער יונגערמאַן, מיט אַ קיילעכדיק געשוירן בערדל, האָט ער מיושבדיק באַטראַכט די פּיצלעך גלאָז, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, באַטראַכט די צעבראָכענע ראַם, די צעש־ראָקענע יינגלעך און אינדערשטיל גערעדט מיטן רבין.

אויפגעהאָנגען דעם מאַנטל, דעם שטעקן אין ווינקל פאַרזיכערט, האָט ער זיך אויפן רבינס בענקל אַוועקגעזעצט און כמעט מיט אַ געבראָכענע שטימע זיך געווענדעט צו די קינדער:

— איך בעט אייך, זאָגט אויס ווער עס האָט צעבראָכן דעם טאָוול?"

אַ טויטע שטילקייט. חיים דער גבאי האָט באַטראַכט יעדן יינגל, געקוקט אים אין פּנים אַריין, אָבער אָן רעזולטאַטן.

— „איך פאַרזיכער אייך, קינדער, אַז מען וועט קיינעם נישט באַשטראָפן, גאָרנישט טאָן", — האָט דער גבאי זיך געווענדעט מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. „איר דאַרפט קיין מורא נישט האָבן, איך גיב אייך מיין ערן וואָרט".

קיינער ווייסט נישט.

חיים האָט גענומען אַפּעלירן צום געוויסן פון די קינדער. ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז דער וואָס ווייסט און דערציילט נישט, אָדער איז זיך נישט מודה, וועט אָן ספק פאַרלירן זיין חלק „עולם הבא". דער גהינום וועט ווערן זיין אייביקייט, און ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט חיים דער גבאי זיך אויפגעשטעלט און פייערלעך דערקלערט, אַז אויסער זיין צוזאָג נישט צו באַשטראָפן דעם שולדיקן, וועט נאָך דער יעניקער, וועלכער וועט אויסזאָגן, אָדער זיך מודה זיין, באַקומען אַ גאַנצן רובל אַ מתנה.

יאָסעלע האָט זיך אויפגערעגט, גענומען באַוועגן. אַפּנים, אַז פאַר זיינע אייגעלעך האָבן גענומען שוועבן זילבערנע מטבעות און אַלע גוטע זאַכן וואָס ער וועט קענען זיך איינהאַנדלען פאַר אַזאַ מטמון...

— רבי... רבי... האָט ער גענומען שטאַמלען, אַראָפּלאָזנדיק די אייגעלעך צו דער ערד. איך בין נישט שולדיק... דאָס האָט מענדעלע פאַרטראַכט, דאָס האָט ער צעבראָכן... איך... איך האָב נאָר אים מיטגעהאָלפן...

אַ טויטע שטילקייט האָט אָנגעפילט דעם חדר. מיין קאָפּ, האָט מיר גענומען שווינדלען, טרערן האָבן זיך אין מיינע אויגן געשטעלט און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

סיי דער גבאי, סיי דער רבי זענען דערשטוינט געוואָרן פון זייער בעסטן תלמיד. חיים דער גבאי האָט אָבער געהאַלטן וואָרט. אין חדר האָט מען מיך נישט באַשטראָפט. ער האָט מיר נאָר גענומען פאַר אַ הענטל און מיך געבראַכט אַהיים צו מיין טאַטן.

אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, דער טאַטע מיינער, די שמיץ געדענק איך נאָך היינט.

שמואל קרייזער (באסטאן) / א. אין ראדזשימאנטער קלייזל

(אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג)

ר׳ יעקב־עליע דער האָלץ־העקער — אַ „תושב" אין ראדזשימאנטער קלייזל — איז שוין די צווייטע וואָך אָן אַ שטאָך אַרבעט. זיצט ער ביים אויוון אין דער האַלב קאַלטער קלייזל און איז אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. ער בלאָזט פאַרע פון מויל אויסצופּרוּוון די קעלט און בייזערט זיך:

— דאַכצאַך מע הייצט און מע הייצט „ניע דוכו ניע כוכו".

פון צייט צו צייט נעמט ער אַוועק די הענט פון אויוון און רייסט אָפּ אַ שטיקל ברויט פון האַלבן לעבל וואָס ליגט פאַר אים אויף אַ שטענדער. כראָמטשקעט ער די סקאָרינקע מיט די ציינער און טראַכט:

— ביי אַלע קונדן די האָלץ שוין צעהאַקט. און קומט אַ מענדע צו טרויעריקן סך־הכל, אַז פריער ווי אַ וואָכן־צוויי וועט ער קיין אַרבעט נישט האָבן.

נעמט ער שעלטן, טרייסט זיך אָבער דערביי:

— ס׳מאַכט נישט אויס, ס׳וועט אויף די גבירים אויך קומען אַ צייט... מ׳וועט זיי ווייזן... פאַרשטעקט ער אַ האַנט אין בוזעם, קראַצט מיט רציחה די אייגענע לייב... און קילט זיך מיט דעם דאָס האַרץ.

און אַז מען פרעגט אים דעמאָלט:

— וואָס הערט זיך עפּעס ר׳ יאנקעוו־עליע, וואָס מאַכט איר?

בורטשעט ער בייז צו זיך אין באָרד אַריין:

— וואָס איך מאַן?! זאָל דאָס מאַכן דוד־לייב מעלצער, וואָס איך מאַך!..

*

קאַלט און אָפּגעלאָזן שטייט די ראדזשימאנטער קלייזל, גלייך נאָך בערל דעם מלמד׳ס שטוב, אין אַ זאַווולקע, אַ שמאָל געסעלע צווישן ראַד־זשימאָנטער און סאַבאַטשער גאַס.

נישט ווייט אַלע קלייזלעך — געמויערטע, — איז זי געווען, מאַכט זי פון דרויסן אַן איינדרוק ווי אַ געוויינלעכע הילצערנע שטוב.

איז קאַלט דאָרט אַצינד אין ווינטערדיקן טאָג, וויל אַזאַ טבע האָט דאָרט דער אויוון, הייצט מען אים איין ווערן די קאַכל שנעל זודיק און קילן זיך שנעל אָפּ. איז כאָטש נעם און הייץ אַ גאַנצן טאָג.

איז שטיל אין קלייזל אין ווינטערדיקן בייטאָג, ווי אַ פאַרגעסן אינדזל אינדערמיט פון שטעטלש, האַנדל־וואַנדל און האַרמידער.

דריי זענען זיי די שטענדיקע „תושבים" פון קלייזל, עסן און שלאָפן דאָרט. און ווי אַ טייל פון קלייזל געוואָרן, אַזאַ מין שטאָט־אינווענטאַר, צו וועלכן מ׳האָט זיך שוין צוגעוווינט און וואָלטן מיט זייער אַוועקגיין אַרויס־גערופן פאַרוווּנדערונג ביי די מתפללים, אַ שטייגער, ס׳וואָלט פאַרשוווּנדן די בימה אָדער אַ ספרים־שראַנק.

איצט זיצט דאָרט בלויז צוויי, יאנקעוו־עליע דער האָלץ־העקער און חיים יואל דער איינבינדער. דער דריטער „קוואַרטיראַנט" פון קלייזל מאיר בערל „די פאַליקע" [1] איז אַוועק מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער.

חיים־יואל דער איינבינדער, האָט דאָרט אויך געאַרבעט, זיין מאַמע חינה די טינטן־מאַכערקע, האָט שוין דאָרט געוווינט אויפן ווייבער שול און פול געמאַכט די קלייזל מיט אירע פלעשלעך טינט, האָט זי הייסט עס פאַרירשנט אים די חזקה אויף אַרבעטן דאָרט. זיצט ער אונטן און אויף אַ טיש לעבן פענצטער אַרבעט ער זיין איינבינדעריי.

אַצע׳תּם׳טער איז ער חיים־יואל, שווער זיך מיט אים צענויפרעדן, אַרבעט און בורטשעט צו זיך אַליין, לאַכט זיך פאַנאַנדער סתם אַזוי, מ׳זאָגט: אַ מאָל, פאַר ניקאָלאיס צייטן, האָט מען אים אין סיביר אַוועקגעשיקט און צוריק־געקומען איז ער אַ צעהושטער, אָפטמאָל כאַפּט מען אויף מעשיות וואָס ער דערציילט זיך אַליין בורטשענדיק, וועגן מיליציע, נאַטשאַלסטווע, און וועגן אַ נאַקעטן וואָס מ׳האָט אַוועקגעזעצט אויפן אייז, און דאָך, איז ער נאָך אויף אַזוי ווייט „פּשיטאָמנע", עס שטערט אים נישט צו זיין אַרבעט זיך דינגען מיט קונדן און פאַרדינען אויף חיונה.

זיצן זיי אַזוי ביידע, ר׳ יאנקעוו־עליע און חיים־יואל אין דער ליידיקער קלייזל און ס׳איז פיינלעך שטיל. חיים יואל דער איינבינדער רייסט איבער די שטילקייט, בורטשעט צו זיך אַליין, אָדער ליגט אויף פּאַפּיר און שניידט מיט אַ מעסער. פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך אַ געקלאַנג פון גלעקלעך, אַ שליטן איז פאַרביי געפאָרן אויף ראדזשימאנטער גאָס.

ווערט יאַנקעוו־עליען קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ס׳איז נישטאָ אַפילו אויף וועמען דעם כעס אויסצולאָזן, הויבט ער זיך אָן טשעפּען מיט חיים־יואל׳ן: הלמאי ער פאַרגעסט אומעטום שטיקער ברויט און פאַרפּלאָדיעט מייז אין קלייזל.

חיים־יואל ענטפערט נישט, אַפילו מיט אַ בליק, טוט ווייטער זיין אַרבעט, טונקט דעם פינגער אין קליי און שמירט, דערמאָנט זיך פלוצעם, גיט אַ ריס מיטן האַנט אַ לוסטע [2] ברויט פון אַ לעבל וואָס וואַלגערט זיך צוזאַמען מיט זיינע געצייג אויפן טיש, און קייעט. אָפּגעקייעט אַ ביסן, הוכעט ער אין די הויפּנס, די הענט זיך צו דערוואַרעמען און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט.

פאַרדרייט יאנקעוו־עליע דעם קאָפּ אין אַן אַנדער זייט, צו די פענצטער פון געסעלע און שווייגט פאַרעקשנט, ווי איינער זאָגט:

„— מיט דיר איז דאָך אינגאַנצן נישטאָ וואָס צו ריידן..."

פונדעסטוועגן איז יאנקעוו־עליע אָפטמאָל מקנא חיים־יואל׳ן:

— אָט! — זאָגט ער — זיצט זיך אַ גאַנצן טאָג אויף אַן אָרט, שמירט, און שמירט און פאַרדינט שטיקער געלט, אויך מיר אַן אַרבעט...

די טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן, מאיר־בערל „די פאַליקע" איז אַריין. אַ גאַנצן טאָג איבער די הייזער געגאַנגען, אָט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פולער טאָרבע שטיקער ברויט און חלה פון פאַרשידענע גרויסן און קאָלירן.

איבער די הייזער איז מאיר־בערל געגאַנגען, אָבער קיין נדבה נישט געבעטן, האָט נאָר געזאָגט שטיל, קוים צו דערהערן דעם „גוטן מאָרגן"

[1] די פאַליקע — חולי נפל.

[2] אַ „לוסטע" אַ נישט קיין גלייך אָפּגעשניטן שטיקל ברויט.

און זיינע גרין־ווייסלעכע אויגן האבן אומעטיק זיך פארקוקט אין חלל פון שטוב.

די אויגן האבן געזאגט:

— „איך בין א יתום!.. און ווייטער טוט ווי איר פארשטייט...״

אים, מאיר־בערלען, איז שוין יאנקעוו־עליע נישט מקנא, אדרבא, ער פילט אז מאיר־בערל איז נאך מער געשטראפט פון אים, דעריבער, דערזעענדיק אים מיט דער טארבע אריינקומען, איז יאנקעוו־עליע געווארן גאר אויפגעהייטערט און גענומען חוזק'ן:

— נו מאיר־בערל! האסט געבראכט א זאק מיט גאלדענע רענדלעך, האסטו געבראכט, א?!.. כאצא זאלסט נישט אוועקגיין אין האטעל שלאפן, ביי חיים העלערן אויפן שאלקע, כע, כע, כע, א?! מאיר־בערל?!!

מאיר־בערל ענטפערט נישט, פאמעלעך טרעט ער מיט די שטיוול, נישט אויסצורייבן די פאדנאסקעס, גייט צו צו א באנק, ווישט מיטן ארבל, מאכט ריין א פלאץ, לייגט אוועק פארזיכטיק די טארבע און נעמט זיך זי פונאנדערבינדן.

יאנקעוו־עליען ארט עס אבער נישט, — „ווילסט נישט ענטפערן איז נישט״... האט ער אבער א גוטע שטימונג געקראגן יאנקעוו־עליע, ציט ער ווייטער:

„איז האסטו געשפאצירט אביסל מאיר־בערל! א?! געכאפט פרישע לופט... א?! מאיר־בערל?!!״

מאיר־בערל שווייגט, ער עסט א שטיקל ברויט איבער דער טארבע, פארזיכטיק, עס זאל קיין ברעקל נישט אראפפאלן.

יאנקעוו־עליע ווערט אויך אנטשוויגן, א ווײלע ארום כאפט ער א קוק אויף דער טארבע און פארענדיקט בייזלעך:

— „ארומגעטשאיעסטאך און אנגעקארזשאבעט״...[3]

חיים־יואל האט דערווייל ספרים און ביכלעך צווישן ברעטלעך אריינ־געלייגט און אויף זיי שווערע שטיינער ארויפגעטאן.

יאנקעוו־עליען איז שוין נמאס געווארן זיצן ביים אויוון האט ער דעם פעלץ אנגעטאן, צוגעגאנגען צום פענצטער און אין פארשנייטן גארטן אריינגעקוקט. איז ווייטער אין קלייזל שטיל און שא!

אן אלטער זייגער מיט רימסקע ציפערן, הענגט איבערן פענצטער און קלאפט נאכאנאנד, טיק־טאק. גייט אום דער מעשענער פומפעדיקל אין זיינער קעסטל ווי א מייזל אין קליעטקע און פרעסט די צייט אין ראדזשימאנטער קלייזל... די צייט פון א ווינטערדיקן נאכמיטאג אין קלעצק... ביז — — — —

א פארנאכטיקע זון האט רויטלעך אריינגעשיינט דורך די פענצטער פון געסל זייט, זענען שטראלן אויפן „עמוד״ געפאלן און באלויכטן דעם „שויתי״. דערנאך זענען די שטראלן פון „עמוד״ אוועק, און אינדערהויך אויפן פרוכת פון ארון־קודש ארויפגעקראכן.

ח י י ם ־ י ו א ל האט זיינע געצייג אין א זעקל צוזאמענגענומען פון הינטערן אויוון פארשטעקט און זיך אוועקגעזעצט ביים אויוון ווארעמען.

י א נ ק ע ו ו ־ ע ל י ע שטייט נאך אלץ ביים פענצטער כוטעט זיך אין פעלץ און טראכט.

מ א י ר ־ ב ע ר ל שלעפט כסדר ברויט פון טארבע, קייעט, און פאר־טראכטערהייט קוקט ער אויף דער פאדלאגע ס'דאכט זיך, אזוי וועט ער שוין פארבלייבן אין זיין פארשטיינערטער פאזע.

אינדרויסן איז די לופט — בלווילעך גלאזיק. ס'ווערט אלץ טונקעלער.

קאלט און אומעטיק אין קלייזל.

שטיל, שא!

ס'הערט זיך נאר:

ווי מאיר־בערל קייעט א סקארינקע און דער זייגער אויפן וואנט באגלייט אים:

— טיק־טאק, טיק־טאק...

[3] ארומגעשלעפט זיך און אנגעקליבן.

ב. פראגמענטן

1.

עס שנייט שוין אוודאי א שעה צוויי, פון אנהויב אוונט אן, און ס'קלערט גארנישט אויפהערן; קיין ווינט איז נישטא — פאלט דער שניי געדיכט און פויל, איילט זיך נישט; וועט נאך באוויזן דאס שטעטל גוט איינצודעקן.

פאלן די שנייעלעך אומעטום, הויפן זיך אן איינע אויף די אנדערע און פארהיטן דורכדעם זייער לויטערע ווייסקייט; אנדערע, שלימזלדיקע, פאלן אריין אין א קוימען, און פון א ווייס־בליאסקעדיק שנייעלע ווערט א שווארצער טראפן...

שיט עס נאכאנאנד, ווי אויסגערעכנט מיט א ציל, ווי עמיצער וואלט וועלן א חרפה באהאלטן, א שאנדע פון א גאנצער וועלט, מיט וועלכער די מאמע־ערד שעמט זיך, און וויל דאס פנים פארדעקן...

שפעט נאך א האלבער נאכט כאפט זיך ווער אויף, ווישט מיט דער האנט די שויב, קוקט פארזשמורעט אין גאס ארויס, זעט: עס שנייט נאך. נו טראכט ער — ס'עט שוין זיין מארגן ארבעט, מיט א לאפעטע רייניקן דעם שניי פאר דער טיר.

פארטאג האט דער שניי אויפגעהערט, ס'האט אנגעהויבן נעמען א פרעסטל. צום פרימארגן איז א זון אויפגעגאנגען און דערזען, וואס נאכט און שניי האבן אנגעארבעט. האט דער שניי געפינקלט אין זון פילפארביק, און פון פראסט פוכקע און מעליק געווארן.

2.

אויפן שול הויף איז אלץ באדעקט מיט שניי: דעכער און דעכעלעך, אפילו פלעקער פון פלויטן. באשע־יענטע דער בעקערקעס הייזקעלע לעם בית־מדרש, מיט האלבע פענצטער אין דער ערד, זעט אויס פון ווייטן, ווי א קופע שניי...

דער פארמאכטער ברונים לעם באד, האט זיך, אויסער די ברעטלעך, מיט א שיכט שניי צוגעדעקט.

א יאטקע־קלאץ, באקלעפט מיט פארפרארענע שטיקער בלוט, שטייט, צווישן דער באד און די יאטקעס, צוגעדעקט מיט שניי דעם קאפ, ווי מיט א ווייס בארעשקענעם הוטל.

ביי קלמן דעם דראבישצינערס בעקעריי האבן נעכטן קבוצניקעס האלץ געהאקט, און נישט באוויזן אויפצולייגן — ליגט עס צעווארפן אין קופעס און פון אויבן איז יעדער שייטל האלץ באדעקט מיט א פאסיקל שניי.

א ווייבל גייט ארויס פון בעקעריי מיט א האלבן לעבל „שיטניצע״. פארעט דער הייסער אויפשניט אין פראסט, זי האלט דאס הייסע ברויט אין ביידע הענט זיך צעווארעמען, און זוכט א פלאץ דורכצוגיין צווישן די שייטלעך האלץ.

א פאר שעה שפעטער איז דער שניי פון שול הויף געווארן דורכגעשניטן מיט שמאלע וועגעלעך אין דער לענג און אין דער ברייט, פון בית מדרש צו די יאטקעס, צום מארק און צום ביקור־חולים.

אויף איינעם פון די וועגעלעך גייען צוויי ווייבער, איינע הינטער דער אנדערער, און רעדן צווישן זיך, מיט שאל פארמאכטע מיילער. די ערשטע קערט זיך אפ אויף הינטער, און זאגט:

— דו'סט זען, דער פראסט וועט לאנג נישט אנהאלטן, ער'ט פלאצן.

די צווייטע ענטפערט:

— הלוואי, רבונו של עולם, פון דיין מויל אין גאטס אויערן. אסור אויב איך האב א ברעקל האלץ אין שטאל.

דערווייל סמאליעט דער פראסט. די זון שיינט און ווארעמט נישט. ס'איז אבער שטיל. נישטא קיין ווינט. דעריבער גייט דער רויך פון די קוימענס אין א גלייכער ליניע צום הימל, און אין דער הויך ווערט ער צעקראכן אין דער דורכזיכטיקער לופט פון דעם פראסטיקן און זוניקן פרימארגן.

.3

די נבואה פון דעם ווייבל איז נישט מקויים געוואָרן. דער פראָסט האַלט־אָן. ס'איז שוין לאַנג נאָך שקיעה, די זון האָט אַ פאַרוויטלטע, ווי פון פראָסט, זיך אַראָפגעלאָזט איבער די בוימער פון בית־עלמין, אַ לעצטן שטראַל אויפן צלם פון קאָשטשאָל געוואָרפן און אַוועק אויף מערב זייט. צום באַראַנאָוויטשער טראַקט. אַן אומעט אין שטעטל איבערגעלאָזט. אַ סומנעקייט פון בין מנחה למעריב. וווּ־נישט־וווּ עפנט זיך אַ טיר מיט אַ סקריפ, פראַלט אַרויס אין דער פראָסטיקער נאַכט אַ פאַרע און אַ פאַס ליכט, און פאַרמאַכט זיך שנעל צוריק...

ווייניק דורכגייער אין גאַס. ווען־נישט־ווען כאַפט זיך דורך עמיצער, מיטן קאָפּ אין די אַקסלען אַריינגעשפאַרט, באַפעלצט און מיט אַ שאַליק פאַרדרייט, שאַרט ער זיך פאַרזיכטיק, נישט אויסצוגליטשן זיך.

די „קאַלטע שול" שטייט אין איר גאַנצער הויך, אַ דערפראָרענע פון איבעווייניק און פון אויסנווייניק, און וואַרפט אַן אַ פחד מיט אירע הויכע אויסגעלאָשענע פענצטער, וועלכע קוקן „בלינד" אויף די דורכגייער אין דער „יידישער גאַס".

אַ פאַרשפעטיקטער חדר יינגל לויפט שנעל דורך דער „יידישער גאַס"; אַז ער קומט צו דער שול פאַרדרייט ער דעם קאָפּ צו אַן אַנדער זייט — צו קראַניטשעס הויז. ער האָט מורא צו קוקן אין זייט פון שול. ווייל מתים דאַוונען ביינאַכט אין דער „קאַלטער שול"... און קלעצקער חדר־יינגלעך שרעקן זיך פאַר מתים, בפרט ווען יענע דאַוונען. אַ מאָדנע טבע האָבן זיי, די מתים: טיילן עליות די לעבעדיקע, וואָס גייען גראַד פאַרביי ביינאַכט. און אַז זיי רופן אויף — מוז מען גיין... אָט, פאַר יענעם איז דאָס גאָר אַ שלעכטער סימן. ער וועט שוין דאָס יאָר נישט אויסלעבן... וואָרום אויך מתים גיבן עליות נישט אומזיסט... אין דעם גלייבן שטאַרק קלעצקער יינגלעך און מיידן די פינצטערע „קאַלטע שול" ביינאַכט.

נאָר אונטן אין שול, האַרט איבער דעם הויך־אָנגעשאָטענעם שניי, שיינט ליכט אין די פענצטער פון „שול אין שטיבעלע".

דאָס שול־שטיבל איז אַ וואַרעמער פאָדער־צימער צו דער קאַלטער שול.

די עלעקטרישע לעמפלעך אין שול־שטיבל צעשפריצן זיך אין דרויסן דורך די פראָסט באַבלומטע שויבן, איז אַ פילפאַרביק צעשפליטערט ליכט, ווי קאָלירטע פונקען, און וואַרפן אַ מאַט ליכט אויפן שניי אונטערן פענצטער, און נישט קיין מענטשן זעט מען דורך די פענצטער. נאָר שאָטנס באַוועגן זיך אויף די פראָסט־בלומען פון שויב, שאָטנס פון קעפ מיט בערד, ווי אויפן עקראַן...

דאָרט לערנען יידן ביים טיש אַ „בלאַט" גמרא.

דער טיש אַליין איז, ווי אַלע קהל'שע טישן. אומגעלומפערט און מאַסיוו, ווערן, דאַכט זיך קיינמאָל נישט צעבראָכן און זענען קיינמאָל נישט גאַנץ, און ס'נעמט זיך ביי זיי קיינמאָל נישט אויס קיין האָלץ פאַר קינדער מיט מעסערלעך צום שניצן.

אַנטקעגן טיש, ביים עמוד, אין שיין פון טליענדיקן ליכט, זיצט אַ ייד, פאַרמאַטערט, דעם „דאַשעק" פון היטל פאַרוקט אין דער הויך, מיט אַ מאָזאָליעטע האַנט אויפן שטערן, ער דאַוונט פאַר זיך מעריב, און האַלט אין גענעצן.

אין אַ זייט וואַרעמט זיך אַ צווייטער ייד ביים גרין־געקאַכלטן אויוון און קוקט אויף די יידן, וואָס לערנען ביים טיש; ער הערט זיך איין, ביי די הפסקות, צו זייערע שמועסן וועגן וועלט־פּאָליטיק און שטאָט־נייעס.

מער ווי אַ מנין יידן זיצט דאָרט. דער רבי איז ר' זיידל דער שוחט, אַ ייד, אַ למדן, אַ מחבר פון ספרים און אויך אַ געבילדעטער. נאָר אָרטאָדאָקסישע יידן זאָגן וועגן אים: „ר' זיידל איז נישט „דאָס". ס'הייסט: נישט ד אָ ס, וואָס זיי מ י י נ ע ן און נישט דאָס, וואָס זיי ו ו י ל ן. ר' זיידל — זאָגן זיי — איז „געכאַפט אין עסק"; ס'הייסט געכאַפט אין ציוניזם, ער איז אַ מזרחי.

אַצינד דערציילט ער די יידן, אין דער הפסקה פון איין סוגיא צו דער צווייטער, וועגן ארץ־ישראל. ער דערציילט, וואָס מען האָט שוין אויפגע־בויט, און וואָס מען דאַרף נאָך בויען, און פאַרענדיקט שטענדיקט מיט זיין נוסח:

— נו וואָזשע, אַליין ווערט נישט, מ'דאַרף טאָן, מ'דאַרף נישט לאָזן, אַז אַלץ זאָלן די פרייע פאַרכאַפן. די פרומע דאַרפן אויף צושטיין, און צוזאַמען...

קעגנאיבער ר' זיידלען זיצט אַ ייד און שווייגט, ער איז נישט דרייסט, האָט מורא צו זאָגן עפעס אייגנס... פּאַטאַקעוועט נאָר פון צייט צו צייט, צו דעם אָדער יענעם.

ווען דער רבי רעדט קוקט ער אים אין מויל אַריין, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע.

אַז דער רבי האָט געענדיקט האָט ער אַזאַ ברום געטאָן, אַ סימן פון צופרידנקייט און הסכמה, און בלויז אַ קורצן זאָג געטאָן: — נישט שעמזע וואָס!..

שפעטער אַ ווײַלע דערציילט אַן אַנדערער ייד וועגן רוסלאַנד און וועגן די „גדולים" (באָלשעוויקעס) דאָ האָט זיך אייזיק דער סטאָליער אַריינגעמישט.

.4

אייזיק דער סטאָליער איז אַ ייד אַ פרומער, אַן ערלעכער ביז גאָר. פון עק ראַמיסצע גאַס קומט ער. אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אויף די פיס. ברעטער געהובליעוועט. האָט ער נאָכדעם, אַ מידער, געשלעפט זיינע לאַנגע פיס באַרג־אַרויף צום שול־שטיבל. נאָך אַ טאָג האָרעווען, געפינט ער אָפטמאָל צייט פאַר כלל־טוערישקייט, צו גיין אַ „גאַנג" פאַר דער שולע „בית יעקב". וואָלט וועלן יעדן אַ טובה טאָן. ער איז אָבער אַ גרויסער קבצן, אַ מטופל בבנים און האָט אַ דערוואָקסענע טאָכטער צום אויסגעבן. אייזיק האָרוועט שווער און האָט נישט פון וואַנען צו לעבן; דעריבער ווייסט אייזיק, אַז די וועלט טוט אים אין זיינס־גלייכן אַ הימל־שרייענדיקע עוולה. אייזיק דער סטאָליער ווייסט נאָך עפעס: סך הכל עטלעכע קילאָמעטער פון קלעצק, אויף מזרח־זייט, אויף יענער זייט גרענעץ, זענען פאַראַן צוויי שכנישע שטעטלעך, סאָוויעטישע, פון פאָליאַקן נישט אָקופירטע. איז אין די אַ שטעטלעך — טינקעוויטש און קאַפוליע — טוט מען שוין אַלץ, אָט די גרויסע עוולה צו פאַריכטן. אייזיק איז אָבער אַ פרימער ייד. נישט אויף אַלץ איז ער מסכים מיט „יענע". ער ווייסט אָבער, אַז זיי טוען אַ גרויסע זאַך, אַ ריכטיקע, און אַז אין דער דאָזיקער זאַך שטעקט אַ גרויסער אמת. אייזיק דער סטאָליער טראָגט אויך דעם דאָזיקן אמת אין זיך. ער האַלט אָבער, אַז גלייכער, מען רעדט נישט דערפון... ער ווערט אָפטמאָל דערשראָקן פון גאָר חוצפּהדיקע געדאַנקען, וואָס קריכן אים אין קאָפּ און פּאַסן גאָר נישט פאַר אַ פרומען יידן, נאָר פאַר ליידאַקעס, וואָס לייגן נישט קיין תפלין, פאַרטרייבט ער די דאָזיקע געדאַנקען פון זיך.

נאָר פון צייט צו צייט שפאַרט די פאַרביטערונג פון אים אַרויס.

אייזיק דער סטאָליער האָט דערהערט, אַז מען רעדט ביים טיש וועגן די „גדולים", האָט ער דעם „דאַשעק" פון זיין ווייס־אָפגעקראָכן היטל אַ גלייך געטאָן, זיך אויסגעהוסט, און מיט אַ שטילן קול, מ'זאָל אין גאַס נישט אונטערהערן, זיך אָנגערופן:

— איך ווייס נישט, וואָס דאַרף זיך אַן אונזעריקער שרעקן. באָלשעוויקעס־שמאָלשעוויקעס. די גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס איך האָב? — זאָל זיך שרעקן דוד־לייב! אַ נאַש בראַט האָט נישט וואָס צו פאַרלירן. אַלץ־איינס ליגט ער אין דר'ערד, עס ער „כאַצאַפ" זיין זיכער מיטן ברויט. נאָר צוליב ד ע ם טיש, רבי! — הייבט אייזיק אויף דאָס קול העכער, קוקט אויפן רבי'ן און קלאַפּט מיט אַ סטאָליאַרסקן ביינערדיקן פינגער אין טיש — צוליב דעם אָ טיש, רבי, וויל איך נישט די באָלשעוויקעס זאָלן קומען...

אַלע יידן ביים טיש האָבן זייערע אויגן געווענדעט צו אייזיק דעם סטאָליער און נאָכדעם צום פלאַץ אויפן טיש, ווו ער האָט מיטן מיטלסטן פינגער געפויקט, ווי זיי וואָלטן געזען דאָרט עפעס אָנגעצייכנט.

די צוויי יידן, — ביים עמוד און ביי דער הרובע, — האָבן אויך די קעפ אויסגעדרייט, די אויערן אָנגעשפיצט: אה?! — אַ וואָרט נישט צו פאַרלירן, פון וואָס ס'רעדט זיך ביים טיש, און קוקן אויפן פלאַץ, ווו אייזיק ווייזט

מיטן פינגער... ווי נעבן אייזיקן אויפן טיש וואָלט געלעגן עפּעס אַזוינס... וואָס צוליב דעם איז נישט כדאַי, די באָלשעוויקעס זאָלן קומען...

אינדרויסן האָט זיך פּלוצעם אַ קאַלטער ווינט צעוואָיעט, און מיטן מעליקן שניי געפּאַטשט אין די שויבן. האָבן זיך יידן אין דעם וואַרעמען שול־שטיבל דערמאָנט אָן דעם קאַלטן דרויסן און זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן.

דאָס ליכט אויפן עמוד טליעט נאָך אַלץ. דאָס קנויטל טרינקט זיך אין צעשמאָלצענעם חלב, בלויז אַ ברעקל עק לעקט קוים דאָס פייער. דאַכט זיך, ס׳איז שוין פאַרלאָשן, לייכט נישט מער. נאָר פּלוצעם גיט דאָס דינע גרינ־בלויע פייערל אַ טויך־אויף און צעשיינט זיך ווידער אין אַ ליכטיק־געל־פייער, און פאַרשפּרייט טשאַד אין שטיבל.

אַן אַלטער ייד, אַ סיווער מיט פאַרגעלטע וואָנצעס פון טאַבאַק־שמעקן, איז געזעסן ביים טיש, די גאַנצע צייט אין דער גמרא געקוקט און געשוויגן, אין כעס געווען וואָס מ׳שמועסט פּוסטע רייד, האָט ער דעריבער נישט אויפגעהערט צו טייטלען מיטן פינגער אויפן פלאַץ אין דער גמרא, וווּ מ׳האָט איבערגעלאָזן, האָפנדיק, אַז מ׳וועט גלייך דאָס לערנען ממשיך זיין.

דער אַלטער איז שטאַרק געווען נישט צופרידן מיט די דברים בטלים ביים טיש, אָבער נישט געסמייעט עפּעס זאָגן, ווייל דער גאַנצער עולם האָט גערעדט און אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט און מיט דער נאָז גע־פאָרשקערט — אַ סימן פון אומגעדולד, און מיט זיינע שמאָלע אייגעלעך, רויטלעך־פאַרוואָסערטע, האָט דער אַלטער אַזוינע בייזע קוקעלעך פון איבער די ברילן געשיקט צו יעדן איינעם, וואָס פלעגט אָנהויבן רעדן...

און ווייל אייזיק דער סטאָליער, איז איצט געווען דער רעדער, האָט ער געקראָגן העזה... דער אַלטער האָט ס׳געדולד שוין פאַרלאָרן און האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט אין טיש און איבער די ברילן אויף אייזיקן געקוקט און זיך אַ בייזער געטאָן:

— אָסטאַווע, אייזיק, גענוג סעם קאַלאַצען! לאָז לערנען!

אַ צווייטער ייד האָט נאָך באַוויזן אַ זאָג טאָן, האַלב צום עולם, האַלב צו דער וואַנט:

ווייל דאַן האָט אַ דינע קלינגענדיקע שטימע זיך אַריינגעמישט און ד׳ם ער — —.

ווייל דאַן האָט אַ דינע קלינגענדיקע שטימע זיך אַריינגעמישט און דער אַלגעמיינעם שמועס איבערגעריסן.

דער רבי, ר׳ זיידל דער שוחט, האָט אַ נייע משנה אָנגעפאַנגען...

א. אהרוני / פיר וועגן

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין ברו־דער וואָס איז פאַר מיר געווען ווי אַ טאַטע, ר׳ שלום משה בר׳ יצחק הלוי אַ ר אַ נ אָ ו ו ס ק י — געפאַלן דורך די הענט פון די טמאים, צוזאַמען מיט זיין פרוי ב ל ו מ ע און זייער טאָכטער ש ר ה מיט איר קינד זומער תש״ב, ווען די דייטשן זענען אַריין אין קאַווקאַז. הי״ד.

דער וועג, וואָס האָט געפירט פון אונזער שטעטל צו דער שטאָט ניעס־וויזש, האָט זיך געשלענגלט פון המשך גאַס, וואָס האָט געהייסן די ניעסוויזש גאַס. אונזער דירה איז געווען אין אַן אַנדער געגנט. מיר האָבן דאַן געוווינט אין דער צעפרער גאַס אין אַ נידעריק קליינינקן הייזל, וואָס איז געשטאַנען אין עק געסל, וואָס האָט געפירט צום נייעם קלויז. די קלויז איז געווען שיין אויסגעקאַלכט און אויסגעפּאַרבט. ביים סאַמע אַריינגאַנג איז געווען אַ בלומען־גאָרטן, וואָס האָט באַצויבערט און פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט די שיינע בייטן און בלומען. און מיך פלעגט ציען צום משופּע׳דיקן אָנלען, וואָס האָט געפירט צו דער „עזרת נשים״, ווו מען קאָן כאַפּן אַ גליטש פון אויבן־אַראָפּ, און אין איין מינוט זיך אַראָפּקוילערן מיט פאַרמאַכטע אויגן...

עס דערמאָנט זיך מיר ווי אַלס קינד פלעג איך אויפשטיין אויך אין די ווינטערדיקע טעג. כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די יידן, וואָס גייען צו „ותיקין״ פרי דאַווענען. איך אַליין האָב אויך געדאַוונט מיט התלהבות און געקענט אַ סך פון די תפילות אויסענווייניק.

איך האָב ליב געהאַט זיך צוקוקן ווי דער שמש הייצט איין דעם אויוון אין קלויז וואַרפט אַריין די קליינע דראָבנע שטיקלעך האָלץ — און די פלאַ־מען הויבן אָן צו טאַנצן און ס׳צעשפּריצט זיך אַ גינגאָלדיקע ליכטיקייט און ס׳פינקלען די קוילן...

אָבער דעם וועג וואָס פירט קיין ניעסוויעזש האָב איך נישט ליב געהאַט. גייענדיק דאָרטן האָב איך געהאַט אַ געפיל פון עפּעס אַ מורא צוליב דער פרעמדקייט אַרום: אָט גיי איך ביז עק גאַס און כ׳בין שוין צווישן גויים, ווו אַלץ זעט אויס אַזוי אַנדערש ווי ביי אונז. אָט איז דאָ די קריסטלעכע קליניק פון דער „זעמסטוואָ״, און אָט די שול ווו ס׳לערנען זיך די גוישע קינדער. דאָקעגן האָט עס מיך שטאַרק געצויגן צום אָרט וואָס איז אָנגעפילט מיט גאָלדיקן זאַמד און אַרום זענען דאָ טיפע גריבער (אָט די גריבער זענען שפּעטער ביים אומקום געוואָרן דער „קבר אחים״ פון די קדושים).

יעדן דאָנערשטיק אָוונט און פרייטיק אינדערפרי, האָט זיך געקייקלט אויפן ניעסוויזשער וועג אַ וואָגן אָנגעלאָדן מיט פיש לכבוד שבת. אין סאַמע מאַרק פלעגט זיך דער וואָגן אָפּשטעלן, און ווייבער פון נאָענט און ווייט זענען געקומען אַהין זיך אויסקלייבן פיש. דער פאַרקויפער האָט גע־שריגן און געפילדערט און נישט ווייניקער פון אים — די ווייבער. אויף אָט דעם וואָגן פלעגט מען אַרויסקוקן און וואַרטן. און טאָמער האָט זיך דער וואָגן פאַרשפּעטיקט, איז שוין געווען אַ זאָרג, אַז מען וועט נישט האָבן קיין פיש אויף שבת...

און ס׳איז געווען אַ צווייטער וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער צאַפּרע גאַס אַרויף. פונדאַנען איז מען געפאָרן קיין סלוצק. צוויי מאָל אין דער וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק, אַ מאָל אויך שבת צו נאַכטס, פלעגן פונדאַנען אַוועק קיין סלוצק צוויי וועגענער, אָנגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. עס האָבן זיי געפירט צוויי בעלי־עגלות: דער נידעריקער ר׳ ל י י ב, וואָס איז שטענדיק געווען פריילעך און ר׳ ג ר ש ו ן — אַ הויכער ייד, וואָס איז שטענדיק געווען אומעטיק. די באַציונגען צווישן זיי זענען ס׳רוב געווען גוטע, אָבער צייטנווייז זענען זיי אויך געווען צעקריגט און דעמאָלט האָבן זיי אויסגעכאַפּט איינער ביים צווייטן די פּאַסאַזשירן, (די „פאַרשוינען״ אין זייער לשון). אָבער נאָך יעדער מחלוקת האָט מען זיך פייערלעך איבערגעבעטן ביי עטלעכע כוסות פון שאַרפן בראָנפן...

די וועגענער פלעגן אַרומפאָרן איבערן שטעטל צונויפזאַמלען פּאַסאַזשירן. אמת, דער בעל עגלה פלעגט פאַרזיכערן, אַז ער פאָרט אַרויס גלייך נאָך מיטאָג, אָבער פאַקטיש איז ער ערשט אַרויסגעפאָרן אינמיטן נאַכט. יעדע האַלבע שעה איז צוגעקומען עפּעס אַ פרישער פּאַסאַזשיר. יעדע פאָר מינוט איז אונטערגעקומען עפּעס אַן אַנדערער סוחר מיט קוויטלעך און מיט חשבונות קיין סלוצק. אָט רירט זיך שוין דער וואָגן און מען פאָרט שוין — פּלוצעם אָבער שטעלט דער בעל־עגלה אָפּ דעם וואָגן, גייט צו אין אַ פלאַץ ווו ער נעמט נייע פּעקלעך און סחורות; און אַז דער וואָגן איז שוין אָנגע־פילט שאַפט זיך ווידער אַ נייע פּראָבלעם — דער וואָגן איז באַלאָדן מיט צופיל משא...

איך פלעג ליב האָבן צו גיין אויף דעם וועג ביז צו די ווינטמילן אין עק גאַס. גאַנצע שעהן האָב איך געקענט שטיין פאַרגאַפט און קוקן אויפן וווּנדער, ווי אַזוי די פליגל דרייען זיך מיטן ווינט. אַמאָל, אַז די פליגל האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך געפּרוּווט מיין כוח זיי צו באַוועגן — אָבער אומזיסט...

אויף דעם וועג צו די מילן רעכטס איז געווען אַ גרויסער שפּייכלער, האַלב־ליידיק. אַ שפּייכלער פאַר ווייץ, און אין אים אַ הוידאַווקע, ווּ איך מיט מיינעם אַ חבר פלעגן זיך כסדר הוידען.

פון דער ראַמיסצע גאַס האָט געפירט דער וועג צום טייך זאַרעטשע, און פון דאָרטן צו אַ בערגל ווּ ס׳איז געווען דער בית עלמין.

זומער צייט, אַז מיר האָבן געענדיקט די לימודים, פלעגן מיר גיין אַהין זיך באָדן, און מיר האָבן פון זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעצויגן די בגדים נאָך לויפענדיק אַהין. רעכטס איז דאָרט געווען אַ קוזשניע וואָס האָט געצויגן אונזער אויפמערקזאַמקייט, און מיר האָבן זיך נישט איינמאָל אָפּגעשטעלט ביי דער קוזשניע; ס׳איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי, למשל, ס׳שטייט אַ פויער מיט אַ פערד, דער שמיד שלאָגט אַריין נעגל אין זיין פּאָדקאָווע און דאָס פערד שטייט געדולדיק...

אָדער אַ צווייט בילד: אָט שטייט אַ שמיד און זיין געהילף און זייערע פּנימער זענען באַגאָסן מיט פלאַם־ליכט; זיי קלאַפּן מיט האַמערן איבער אַ שטיק פלאַמיקן אייזן. אַזאַ סצענע פלעגט די קינדער שטאַרק פאַרכאַפּן.

בעתן סעזאָן פון באָדן זיך, איז יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג (אַחוץ אין די „דריי וואָכן") דער טייך געווען פול מיט מענטשן. מאָדנע איז עס געווען צו זען, ווי אַזוי אויך אונזער רבי, דער מלמד ר׳ מ אָ ט ע ב אָ י אַ נ ע ר, באָדט זיך און שווימט גאָר גוט, עפּעס האָט עס זיך נישט געפּאָרט מיט זיין ערנסטקייט אָט די לייכטקייט און „קלות ראש" פון זיין שווימען, מיט אַלע קונצן פון שווימעריי; אָט „זיצט" ער און אָט „הויבט" ער זיך אין וואַסער, און ער מאַכט עס זייער קונציק. אָבער זיין אָנזען איז ביי אונז ייִנגלעך נישט געפאַלן. אומגעקערט, ער איז אין אונזערע אויגן געשטיגן, זעענדיק, אַז ער איז אויך אַזאַ גוטער שווימער.

איך פלעג אויך שווימען, אָבער איינמאָל האָב איך געפילט אַז דאָס וואַסער הויבט מיך אויף אינדערהויך, כ׳האָב פלוצעם פאַרלאָרן די פאַרבינדונג צום באָדן. האָב איך אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פיס און באַמערקט, אַז כ׳האָב איבערגעשווומען צום צווייטן זייט פון טייך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער געפערלעכער שטח פון טייך איז גאַנץ אַ קליינער און מ׳קאָן אים שנעל איבערשווימען. שפּעטער פלעג איך שוין אָפט שווימען צום צווייטן ברעג און צוריק.

אַריבער דעם טייך האָט געפירט דער וועג דורך זאַמד־בערגלעך צום בית־עלמין, וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט מיט אַ סך בוימער. איך האָב פון שטענדיק אָן געפילט עפּעס אַ מורא דאָרט צו גיין. דאָרט איז מען געווען אינגאַנצן דערווייטערט און אָפּגעזונדערט פון דער שטאָט און מ׳האָט קיין יידישן פּנים נישט געזען. אָבער, אַז עס איז געקומען תשעה באב און אלול־צייט פאַר די ימים נוראים, איז דער וועג צום בית עלמין געווען פול מיט מענטשן, ס׳רוב ווייבער, וואָס זענען געגאַנגען אויף קבר אבות אויסגיסן ס׳האַרץ.

און אָט איז געווען אַ וועג, וואָס מ׳האָט גערופן „פּריסאַדעס" (אַלעען פון בוימער), וואָס האָט געפירט צום קראַסנאָסטאַווער טייך. פון ביידע זייטן זענען געווען פאַרפלאַנצט הויכע בוימער, אונטער זיי פלעגן מיר זיך שפּילן. דאָס איז פאַר מיר קינדווייז געווען דער שענסטער אָרט. ווינטער זענען די אַלעען געווען באַדעקט מיט שניי. די בוימער זענען געשטאַנען פאַראיינזאַמטע און געדינט ווי אַ וועגווייזער פאַר די בעלי־עגלות, זיי זאָלן נישט פאַרקריכן פונעם וועג... אָבער אַז דער שניי איז זיך צעגאַנגען און ס׳איז געקומען פרילינג, האָט דאָ געכישופט פאַרן אויג, ס׳האָט פאַרכאַפּט די סודותדיקייט פון פאַרנאַכט, בעת מ׳האָט געקענט זען פאַרציטערטע וואַלקענדלעך און שפּליטערס פון שיין וואָס פינקלען דאָ וווּנדערשיין...

פון דאָרטן זענען אַוועק טעלעגראַפן־סלופּעס, זיי האָבן זיך אַזוי געצויגן אַ לאַנגע שטרעקע, לענגאויס דעם וועג, וויפיל מאָל איך האָב זיי געוואָלט אויסציילן — בין איך שטענדיק מיד געוואָרן ציילנדיק...

און דאָ, אין אָנפאַנג פון די אַלעען אין דער צעפּרע גאַס, האָט זיך געצויגן אַ פּאַס מיט מוטנע וואַסער — אָבער אין מיינע אויגן איז עס געווען ווי אַ גאַנצער ים. דאָרטן האָבן ווייבער געוואַשן וועש, דער באָדן איז דאָרט געווען רויט און מ׳האָט דאָרט אויך געמאַכט ציגל.

אַז עס זענען געקומען שבתים און ימים טובים, זענען די אַלעען געווען פול מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט, און בעת די קריסטלעכע חגאות און ירידים האָט זיך דאָ זייער געטומלט, ס׳איז דאַן געווען אַ גרויסער מענטשן־געדרענג, די וועגענער פון די אָנגעקומענע פון די דערפער אַרום האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון די אַלעען. נישט ווייט איז געווען די וואַסער־מיל, וואָס מ׳האָט גערופן קראַסנאָסטאַוו — דאָ איז געווען אַ בריק איבערן טייך, און אָט דאָ איז דאָס וואַסער געווען רוישיק און טומלדיק.

אַזוי ציען זיך די פעדים פון די זכרונות פון ליבן אַמאָל. פאַר אונז, די לעבנגעבליבענע, שטייט נאָך איצט פאַר די אויגן דער אַמאָליקער בלוי פון די הימלען אין אונזער שטעטל.

שבת און יום־טוב אמאל

ברוך נתן שמושקאוויטש

ס׳איז געווען אין יאָר תרמ"ז, נאָך סוכות, ווען כ׳בין אָנגעקומען פון סטאַלאָוויטש קיין קלעצק, כ׳בין דאַן אַלט געווען זיבן און אַ האַלב יאָר.

אַלע גאַסן פון שטעטל זענען דאַן געווען פאַרזונקען אין בלאָטע. אויפן מאַרק ביי דער אַפּטייק, איז געווען אַן אָפּגעשטאַנענע גרויסע בלאָטע, וואָס האָט געהאַט אַ גרינע פאַרב און דאָרטן פלעגן זיך אַרומדרייען חזירים. ס׳רוב קלעצקער תושבים, מענער ווי פרויען, האָבן ווינטער געטראָגן גרויסע שטיוול. זיי פלעגן גיין געקליידעט זייער פּראָסט, הגם עס האָט די קלעצקער איינוווינער נישט געפעלט קיין חיונה, האָבן זיי פונדעסטוועגן קיין געלט נישט אויסגעברענגט. זיי פלעגן אינדערוואָכן עסן איינפאַכע שפּייז: אַ פּאָרציע ברויט, קאַרטאָפל, אַן אוגערקע מיט אַביסל זופּ — איז דאַן געווען פאַררעכנט פאַר אַ גוטן מיטאָג.

אויב די אויסערלעכקייט פון דער שטאָט איז געווען אַן איינפאַכע, איז אָבער דאָס אינערלעכע גייסטיקע לעבן געווען פול מיט נשמה־התרוממות. ס׳רוב האָבן אין קלעצק געוווינט יידן בני־תורה, און אַחוץ בעלי מלאכות זענען געווען אַ סך מיט איניציאַטיוו אויפן סוחרישן געביט. מ׳האָט דאָרטן געטראָפן רייכע תבואה־סוחרים און פערד־הענדלער און אַנדערע. די קלייטן זענען געווען פול מיט סחורות. אויף די ירידים פלעגט זיין אַ גרויסע שפע, ס׳פלעגן דאַן אָנקומען אין די טויזנטער גויים פון אַרום. ווער ס׳האָט נאָר אויפן מאַרק געהאַט עפּעס אַ קלייט — דער איז שוין געווען פאַרזאָרגט מיט פּרנסה.

פון דער „נאַטשאַלסטוואָ" האָבן מיר געקענט דאַן נאָר דעם אוריאַדניק, און שפּעטער האָבן מיר שוין אויך געהאַט אַ פּריסטאַוו (העכער אין ראַנג פונעם ערשטן) — דער אונטערשייד צווישן זיי איז דער עיקרשט באַשטאַנען אין דער סומע פון „דמי לא יחרץ" געלט; בעת מ׳האָט דעם אוריאַדניק אָפּגעפּטרט מיט אַ טרינק בראָנפן און אַ פּאָר רובל, האָט מען דעם פּריסטאַוו

שוין געמוזט צאָלן רעגלמעסיק חודש־געלט אין גרעסערע סומעס...

די יידן האָבן זיך דאַן געפילט מעשה בעלי־בתים. נאָר איינמאָל דער־מאָנט זיך מיר, האָט דער פּריסטאַוו געפאָדערט אַז מ׳זאָל אויסשפּרייטן איבער די גאַסן צווייגן מיט ברעטער און זיי פאַרשיטן מיט זאַמד, כדי די ױעגענער און קינדער זאָלן נישט איינזינקען אין דער בלאָטע, — איז דאָס פאַר קלעצקער יידן געווען אַ גזירה פון אַ גוי...

יידן האָבן דאַן געפילט אַ גרויס פרייקייט, דערהויפּט האָבן זיך גע־פילט שטאַרק און מוטיק ביי זיך די פאָלקס־מענשן ווי די קצבים, פערד־הענדלער — פאַר זיי האָבן מורא געהאַט אפילו די גויים אַרום.

עס דערמאָנט זיך אַן אינטערעסאַנט געשעעניש. דאָס איז געווען בעת דער קרוינונג פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. דעמאָלט האָט מען אין קלעצק אַראַנזשירט אַ גרויסע פאָלקס־פייערונג. מ׳האָט אויפגעשטעלט אינמיטן מאַרק אַ בימה מיט פאַרביקע ליכט־פאַסן. עס זענען זיך צונויפגע־קומען פויערים און גויים פון דער גאַנצער געגנט. מ׳האָט פאַר זיי געטיילט אומזיסטע פּירות און „גוטע זאַכן" און זיי האָבן זיך געלאָזט „ווױלגיין". אין דאַן פלוצעם זענען געקומען עטלעכע יידישע כוליגאַנעס און האָבן אויסגעשריען „חברה, געווג, גייט זיך אַהיים!" — און די גויים האָבן באַקומען עפּעס אַ היסטערישע מורא און זענען אַנטלאָפן...

דאָס אינערלעכע יידישע לעבן האָט דאָ פּולסירט ווי אומעטום אַרום. ס׳זענען דאַן ביי אונז געווען פאַרשידענע חברות פאַר קעגנזייטיקער הילף ווי: גמילות חסד, ביקור חולים, לינת הצדק א.אַ.וו. אַז עמעצער איז קראַנק געוואָרן, האָט מען צו אים געשיקט פון דער חברה „ביקור חולים" צוויי מענשן, און זיי האָבן אויף אים אויפגעפּאַסט ביינאַכט, אַז זיינע בני בית זאָלן זיך קענען אויסרוען. אָרעמע מענשן האָט מען פאַרזאָרגט מיט אַ דאָקטאָר און מיט רפואות.

די ליבשאַפט צו תורה איז געווען איינגעוואָרצלט טיף אין די הערצער ביי אַלעמען, דער קול פון דער תורה האָט נישט אויפגעהערט אין די בתי מדרשים און אין דער קלויז. יונגעלייט זענען דאָרט געזעסן אַרום די טישן און געלערנט גמרא, פשוטע יידן בעלי־בתים האָבן געלערנט משניות. די שטרעבונג איז געווען צוגעבן אַ טאָכטער פאַר אַ מאַן, אַ בן־תורה.

מ׳איז געווען שטאַרק פרום, אַ סך האָבן געדאַוונט „ותיקין", באַלד אינ־דערפרי מיטן שפּראָץ פון טאָג. פאַרן דאַוונען האָט מען געזאָגט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים. צווישן מנחה און מעריב זענען געווען אַלע טישן אין בית־מדרש פאַרנומען, ביי יעדן טיש האָט עמעצער געלערנט מיטן עולם. נאָכן ענדיקן דאָס דאַוונען, זענען נאָך אַ סך געבליבן זיצן, ווייל מ׳האָט געלערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַז עס איז געקומען שבת, האָט מען געפילט אַ שבת׳דיקע פרייד און התרוממות הנפש, — אַ גאַנצן וואָך האָט מען זיך געשפּייזט מיט אָט דער קדושה פון שבת־קודש. שבת נאָכמיטאָג איז מען אַביסל געשלאָפן, אָבער נאָך דעם, ווי מען האָט געכאַפּט אַ דרימל, איז מען גלייך אַוועק אין שול אַריין, דאָרטן עפּעס לערנען.

ס׳זענען דאַן געווען ביי אונז עטלעכע בעלי־תפילה, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען. דער ראש וראשון איז געווען מ ש ה ה י ר ש ק ע ס, ער האָט געהאַט אַ חזקה צו דאַוונען פאַרן עמוד אין די ימים נוראים אין דער גרויסער שול און ער האָט געדאַוונט מיט אַ קאַפּעלע פון משוררים.

דער צווייטער בעל תפילה וואָס האָט געשמ׳ט ביי אונז איז געווען ב ע נ ז ש י ק. ער האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטים, האָט אויך געהאַט אַ השגה אין דיקדוק. ער האָט געדאַוונט אַמאָל אין דער גרויסער שול און אַמאָל אין בית־מדרש.

דער רב אונזערער ר׳ שלום דב ז״ל האָט געהאַט אַ חזקה צו דאַוונען פאַרן עמוד אין בית מדרש צו כל נדרי און נעילה. ס׳פלעגן אים אונ־טערהאַלטן הירשקע ד ל ו ג א ט ש און נח׳קע מ ש ה א ש ר ס.

עס זענען געווען נאָך גוטע בעלי־תפילה. הירשקע ד ל ו ג א ט ש פלעגט דאַוונען פאַרן עמוד סוכות אין בית מדרש. ס׳איז געווען אַ הערליך בילד: אַ גרויסע ריי פון די מתפללים מיט די לולבים אין זייערע הענט גייען אַרום דעם באַלעמער, זאָגן „הושענות" און הירשקע זינגט צו אויפן קול און זיין פּנים שיינט פון פרייד.

עס זענען דאָ געווען אין שטעטל אַ סך טייערע מענשן: ס׳רוב לומ־דים מופלגים, צווישן זיי מיוחסים, בעלי צדקה א.אַ.וו. ס׳דערמאָנט זיך מיר אַזאַ ייד ווי ר׳ י ו ס ף מ א י ר פ י ש מיט זיין הדרת פּנים און שיינער באָרד, ער פלעגט זיצן יומם ולילה אין בית מדרש און לערנען תורה. און אָט איז מאָטע ב ע ר מ ו נ ד און מיין שטיף־פאָטער י ו א ל מ ל מ ד — זענען געווען תלמידי־חכמים און האָבן געזוכט איינצופלאַנצן אין זייערע תלמידים תורה און גוטע מידות.

איך דערמאָן זיך אויך אָן ל י י ב ע י אַ נ ק ל ס — אַ ייד וואָס איז שטענדיק געווען פרעהלעך געשטימט, געדאַוונט מיט גרויס התלהבות. ס׳שטייט מיר פאַר די אויגן ב ע ר ל, דער תבואה־סוחר, וואָס קומט אַלע טאָג אין שול אַריין לערנען מיט בעלי מלאכות חומש מיט רש״י, משניות און „חיי אדם".

די צירונג פון קלעצק איז אָבער געווען אונזער רב ר׳ שלום דוב ז״ל. אַ שיינע געשטאַלט, בטבע אַ מזג טוב, זייער אַ צוגעלאָזענער און אַ גרויסער מכניס אורחים. ס׳איז ביי אים געווען אַן אָפענע שטוב פאַר אַלעמען, און ער האָט מיט יעדערן גערעדט בנעימות׳דיק, פריינטלעך.

ביי אים אין הויז איז געווען איינגעפירט אַן „עונג שבת". ער האָט דאַן געפּראַוועט „שלוש סעודות" מיט זמירות. די „זמירות פלעגט זינגען מ ש ה א ש ר ׳ ס און אַמאָל אויך י א נ ק ל, דער גבאי. נאָך הבדלה פלעגט ער דעם עולם איינטיילן פּאַפּיראָסן און מען פלעגט נאָך בלייבן ביי אים טרינקען טיי און פאַרברענגען מיט דברי תורה און שמועסן אין וועלטלעכע זאַכן.

גרויס איז געווען די פרייד אין סוכות. מ׳פלעגט קומען העלפן דעם רב צוגרייטן אַ גוטע און שיינע סוכה. די ערשטע טעג סוכות האָט מען גע־פייערט מיט הרחבת הדעת. צו שמחת בית השואבה האָט די פרייד דערגרייכט דעם הויך־פונקט הירשקע ק א פּ ו ל י ע ר, דער ברודער פון מענדעלע מוכר ספרים, האָט זיך פאַרשטעלט און פריילעך געמאַכט דעם עולם. אַ מאָל האָט דער רב אַליין זיך דערלויבט משמח צו זיין דעם עולם און האָט געשפּילט די ראָל פון אַ „גוטן ייד", וואָס זאָגט תורה און טיילט די חסידים שיריים... ער פלעגט אויך צוקומען צו אונז, קליינוואַרג, און אונז געבן נאַשערייען און „גוטע זאַכן"...

אַז עס איז געקומען די נאַכט פון הושענה רבה און מפלעגט זאָגן תהלים צוזאַמען, האָט מען פאַר די „תהלים זאָגער" געבראַכט עפּל. די עפּל זענען געווען זייער גוטע, און מ׳האָט געקענט נעמען וויפל מ׳האָט געוואָלט. צומאָרגנס הושענא רבה זענען אַלע שולן און בתי מדרשים געווען געפּאַקט, מ׳האָט געטרונקען בראָנפן און פאַרביסן. אין הויף פון שול האָט מען אויך באַקומען קיכלעך און זיסע זאַכן — אַרויסגייענדיק פון שול האָט מען עס אַהיימגעבראַכט, כדי מ׳זאָל שפּעטער האָבן אַ זיסן יאָר... אין הויז פון רב האָט מען דאַן געגעבן „כיבוד", און דער עולם האָט גוט פאַרבראַכט אין פרייד און געזאַנג.

שמחת תורה איז די פרייד געווען אָן לשער. זי האָט אַרומגענומען אַלעמען. קליין און גרויס, אַלט און יונג האָבן זיך געפרייט מיט דער תורה. אַז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די הקפות איז מען אַרומגעגאַנגען אַרום דער בימה אין שול מיט געזאַנג און טענץ. די קינדער האָבן געטראָגן זייערע פענער מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך. פאַר די הקפות האָט מען געזאָגט „אתה הראת" מיט זייער מתיקות׳דיקער מעלאָדיע וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין דער נשמה. צו דער תורה האָט מען אויפגערופן אַלעמען, און אפילו די קינדער צו „כל הנערים"... פאַר די קינדער איז עס געווען אַן אויסערגע־וויינלעכע איבערלעבעניש.

די פרייד פון שמחת תורה האָט אויך אַרומגעכאַפּט די גאַסן; מען איז געגאַנגען אויף „כיבוד", ממש פון שטוב צו שטוב, אָט ביי דעם און אָט ביי דעם צווייטן — און אומעטום געכאַפּט אַ כוסה און זיך געמאַכט פריילעך.

זייער פריילעכע ימים טובים זענען אויך געווען חנוכה און פורים.

י. ח. לעווין / שבת אין שטעטל

עס ציטערן נאָך אין מיין זכרון אָפּגעריסענע סטרונעס פון מיינע קינדער־יאָרן אין שטעטל. דער שבת האָט פון זיין קדו־שה עפּעס־וואָס אַריינגעגעבן אויך אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. אַז עס איז געקומען ערב שבת — האָט די הייליקייט גערוט אויף אַלעמען. עפּעס ווי די נשמה־יתרה וואָלט געשוועבט אין דער לופט.

פרייטיק נאָך מיטאָג, נאָכן פאַרענדיקן דאָס לערנען, קום איך אַהיים און טרעף שרהן, די איינציקע פרוי אין שטוב, וואָס טוט אַלץ: קאָכט, באַקט און וואַשט... אָבער איצט טוט זי נאָר איין זאַך — זי קאָכט די שבת׳דיקע מאכלים.

שרה איז אַן אַלמנה. זי האָט אַ קליין מיידעלע, וואָס לערנט אין „בית יעקב". זי האָט אויך צוויי זין, איינער איז אַ שוסטער אין קלעצק דער צווייטער איז אַוועק קיין אַרגענטינע. זי באַקומט פון אים בריוו, אין וועלכע ער דערמוטיקט זי כסדר און זאָגט איר צו, אַז ער וועט אויך איר נעמען קיין אַרגענטינע.

אַז איך כאַפּ ביי איר אַ לייכטען ביסן, גיי איך אַרויס אין מאַרק. אָט גייט אַדורך ר׳ מרדכי מ ל מ ד, דער מלמד, וואָס לערנט שוין דאָ לאַנגע יאָרן אין תלמוד תורה. ער איז אויך דער בעל תפילה, וואָס דאַווענט פאַרן עמוד אין די שבתים און ימים טובים, און אָט טרעף איך ר׳ אלתר ל י ס, אַ ייד שוין געכאַפּט אַ ביסל אין מאָדערנישקייט, באַקומט די „הצפירה" פון וואַרשע, — ער איז דער מלמד אין דער שול "אור ישראל", נאָר ער איז נישט צופרידן מיט זיין פּאָסטן. זיינע צוויי קינדער זענען אַוועק קיין ארץ ישראל, זיין יינגערער זון לערנט זיך סטאָליערײַ און גרייט זיך אויך צו פאָרן קיין ארץ ישראל. ער אלתר, איז אַן אַלטער איבערגעגעבענער ציוניסט, שטיצט דעם קרן קיימת און קרן היסוד און פאַרשפּרייט שקלים, חלומ׳ט כסדר עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

און ווי איך שפּאַציר אַזוי אַרום און באַטראַכט אונזערע מענשן, דוכט זיך, אַז אָט פאַרגייט שוין דער טאָג, די טריט איבערן מאַרק ווערן אַלץ ווייניקער, ווייל אָט פאַרשליסן זיך שוין אַלע קלייטן און די פויערים, וואָס זענען געקומען אַהער פון זייערע דערפער, איילן זיך שוין אויך אַהיים, נאָך דעם ווי זיי זענען געווען אין שטעטל פון אינדערפרי אָן. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דער מאַרק פּוסט, דער ליבער שבת־קודש איז אָנגעקומען...

איך האָב צו יענער צייט נישט געהאַט קיין באַשטימטע שול צום דאַווענען. ס׳רוב פלעג איך אָבער דאַווענען אין דער גרויסער שול, ווו דער חזן איז געווען מאָ ט ק ע ש מ ש. ער האָט געהאַט אַ שיינע שטים, פלעגט אויך זיין דער בעל קורא.

אַמאָל פלעגט אויך דאַווענען פאַרן עמוד הערצל ב י ר ג, אַ ייד אַ הויכער מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, געווען אַ בעל־בית אין דער סלאָנימער גאַס, אַן אויסגעצייכנטער בעל תפילה, און זיין דאַווענען האָט אויך אין מיר אַריינגעגאָסן אַ יראת־הכבוד. די מלכה שבת איז פאַר מיר געווען ווי אַ לעבעדיקער נפש, וואָס גאָט האָט געשאַפן כדי די „שיינע געמאָלטע חופה זאָל נישט בלייבן אָן קיין כלה" — און איר בן־זוג, דאָס פאָלק ישראל.

שבת אינדערפרי פלעג איך גלייך מיט׳ן שפּראַץ פון טאָג גיין דאַווענען אין ערשטן מנין אין „שולכל"; עס פלעגן דאָרט דאַווענען אַרבעטער און בעלי־מלאכות, און אויך די פערד־הענדלער. אַזוי ווי דאָס שולכל איז געווען נאָענט צום מאַרק, פלעגן זיין דאָרטן דאַווענען אויך אין די וואָכנטעג, ווו ס׳פלעגן זיין „מנינים" איינער נאָכן אַנדערן. אַהין פלעגן פון צייט צו צייט קומען אויך „מגידים"; עס דערמאָנט זיך מיר דער מגיד ל ע װ י ן פון ניעסוויזש, וואָס עס פלעגן זיך שיטן פון זיין מויל בעת זיינע דרשות.

איך פלעג פון צייט־צו־צייט אויך דאַווענען אין „שטיבל", ווו עס פלעגן דאַווענען די חברי הועד פון דער „בית יעקב" שול. דאָרט פלעגט אָפט דאַווענען פאַרן עמוד פרץ מ אַ ר י ץ, אַ יונגערמאַן אַ מלמד, וואָס האָט כסדר גע׳חלומט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

אין שטיבל איז אויך געווען יעדן שבת אַן „עונג שבת" צו שלש סעודות, און מען פלעגט פאַרברענגען צוזאַמען.

אַז עס דערמאָנען זיך די אַמאָליקע שבתים אין קלעצק, געדענק איך אויך אונזער שטאָט־רב ר׳ חיים שמעון ה ע ר נ ז אָ ן, וואָס פלעגט קומען אין שול אַריין אין דער באַגלייטונג פונעם שמש און פלעגט לאָזן אויף זיך וואַרטן. ער איז פון יינגלווייז אָן געווען אַ באַרימטער עילוי, חתונה געהאַט פאַר אַ טאָכטער פון אַ מעזריטשער גביר. די ערשטע דריי יאָר נאָך זיין חתונה האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר, אָבער ער האָט דערצו נישט געטויגט און איז געוואָרן אַ רב. אַ שיינע נשמה, מיט אַ מסירות נפש׳דיקער טרייקייט צו יידישקייט. אַפילו בעת דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, האָבן די קאָמוניסטן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט.

אין די ווינטער־טעג פלעגט דאַווענען אין שול ביי הרב הערנזאָן דער מורה הוראה אונזערער, הרב משה ע פּ ש ט י י ן, דעם רב׳ס אַ קרוב, אַ הויכער מיט אַ הדרת פנים, אויך געווען באַרימט ווי אַ גרויסער למדן.

ביידע, סיי דער רב סיי דער מורה הוראה — זענען געווען די ליבלינגס־מענשן פון דער פרומער וועלט; מ׳האָט זיך שטענדיק גערעכנט מיט זייערע מיינונגען און זיי זענען געווען רינגען אין אַ לאַנגער קייט פון לומדישע פערזענלעכקייטן, וואָס קלעצק האָט געשמט מיט זיי.

נח עפּשטיין (פּאַריז) / אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

די מלחמה איז געווען אין עכטן ברען. יעדן טאָג האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע מעלדונגען און באַפעלן אין רוסיש אויף די שטאָטישע ווענט. דאָ האָט מען גערופן פרישע סאָלדאַטן, דאָ האָט מען געדראָט מיט האַרבע שטראָפן פאַר דעזערטערן, דאָ האָט מען פאַרבאָטן פאַרקויפן די זעלנער משקה, אָדער קויפן מיליטערישע זאַכן. אָבער דער האַנדל אין שטאָט האָט געבליט.

סאָלדאַטן האָבן אַלעס געקויפט — בולקעס, פּאַפּיראָסן, הערינג, סאַרדינען און אַז. וו. אַז עס איז נישט געווען קיין וואָדקאַ, פלעגן די מיליטער לייט קויפן אָדעקאָלאָן און טרונקען, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען יין המשומר...

אָפיצערן פון דער אינטענדאַנטור פלעגן איינקויפן גרויסע קוואַנטומס סחורה און זיך געלאָזט אַרויסגעבן אויפגעשרויפטע רעכענונגען, אַרייַנלייגנדיק דעם עודף אין קעשענע.

קלעצק איז געלעגן 40 וויאָרסט פון באַראַנאָוויטש, וווּ דער פראָנט איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט. דורכן שטעטל האָבן זיך געצויגן מיליטער טיילן, אַמוניציע און באַוואָפנונג אין דער ריכטונג צום פראָנט.

אָפט בלייבן די זעלנער אין קלעצק עטלעכע טעג און מער. זיי ווערן איינגעקוואַרטירט ביי די איינוווינער. די אָפיצערן אין די שענסטע הייזער, די זעלנער — אין די איינפאַכע און אָרימערע. אויף די הויפן מושטרירן זיך יונגע רעקרוטן. מיר, ייִנגלעך, האָבן גיך איבערגענומען די גאַנצע תורה פון „סמירנאָ", „נאַפּראַוואָ", „נאַלעוואָ" מאַרש, און אויך ווי אַ פּאָלקאָווניק סאַלוטירט דעם רעגימענט און דער עולם ענטפערט בקול רם, קאָפּירנדיק דעם קאָלעקטיוון אויסגעשריי פון די זעלנער...

ביי אונז אין שטוב זענען אָפט איינגעשטאַנען ביז 10 זעלנער און מער. מידע פלעגן זיי זיך אויסלייגן אויף שטרוי אין גרויסן צימער. יעדער איינער ציט אַרויס פון קעשענע אַ צייטונג, אָבער נישט צום לעזן, נאָר צום פאַרדרייען אויף אַ קונציקן אופן אַ פּאַפּיראָס אָנגעפּילט מיט מאַכאָרקע. זיי האָבן זיך אינטים צוזאַמענגעלעבט מיט אונז אַלעמען. זיי ווייזן פּאָטאָגראַ־פיעס פון זייערע היימישע, אַמאָל נעמט אַ סאָלדאַט אויף די קני מיין קליינעם ברודער איצלען און גלעט אים טרויעריק דאָס קעפּל, טראַכטנדיק וועגן זיינע אייגענע קינדער, וואָס ווער ווייסט צי ער וועט זיי נאָך זען. דאָ זענען געווען פאַרשטייער פון אַלע עקן פון דער גרויסער אימפּעריע: אוקראַאינער, טאַטאַרן, אוזבעקן, קירגיזן, באַשקירן, טשערקעסן, וועליקאָרוסן, מאַלאָרוסן... גערעדט האָט מען אויף שבעים לשונות און נישט איינמאָל האָבן מיר געהאַט אַזעלכע, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט רוסיש און מען האָט זיך מיט זיי פאַרשטענדיקט אויף „שטום־לשון", מיט זשעסטן. דאָס איז, איבריגנס, געווען גענוג אויסצודרוקן די הויפּט באַדערפעניש פון מענשלעכן גוף — עסן, טרינקען, שלאָפן.

די זעלנער פלעגן אונז דערציילן אויסערגעוויינלעכע זאַכן פון זייערע היימען, שווידערלעכע פּרטים פון פראָנט, פון די אַקאָפּעס, פון מענשלעכע ליידן. די מערהייט זעלנער, זענען געווען אַנאַלפאַבעטן, און איך אָדער מיינע שוועסטער פלעגן זיי שרייבן בריוו צו דער פאַמיליע, און אויך זיי געלעזן די בריוו, וואָס זיי האָבן באַקומען. די דאָרפישע באָבעס, האָבן באַשריבן די לאָקאַלע נייעס, — אַ קו וואָס האָט זיך אָפּגעקעלבט, אַ שכנה, וואָס הוליעט בעת דער מאַן איז אויפן פראָנט. זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז עס פעלן הענט צום שניט, אַז די אַרמיי רעקווירירט שפּייז פּראָדוקטן און פערד. עס פעלט ברויט, צוקער, קעראָסין מען מוז שטיין גאַנצע טעג אין די רייען. די אַנאַל־פאַבעטן האָבן אויך געוואָלט, איך זאָל זיי פאָרלעזן די נייעס פון די צייטונגען. אַלע האָבן געגאַרט, אַז עס זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דער מלחמה און זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים.

עס האָט פּאַסירט, אַז ס'האָט זיך פאַרפירט אַ פלירט צווישן אַ אָפיצער מיט אַ ייִדיש מיידל, אָבער די מאַמע האָט אַכטונג געגעבן, עס זאָל נישט גיין צו ווייט און ס'איז קיינמאָל ווייט נישט געגאַנגען, ווייל אונזערע מיידלעך זענען געווען כשר'ע ייִדישע טעכטער.

עס זענען אויך געווען ייִדישע סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן קומען שבת אין שול, און וועלכע יעדערער האָט געוואָלט איינלאַדן צום שבת'דיקן טיש. אייניקע מאַמעס האָבן געהאַט אַ הונטער־געדאַנק, אפשר וועט דאָס זיין אַ זיווג מן השמים — און ס'האָט אויך פּאַסירט, אַז אַזאַ באַקאַנטשאַפט האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ תכלית...

אין קלעצק איז געווען אַ פּאַרק, אָדער ריכטיקער געזאָגט אַ סאַד אויף צעפּרער גאַס — הונטער דעם מויער פון די פּאַלס. דאָרטן פלעגן די רוסישע אָפיצערן אָרגאַניזירן פאַרוויילונגען, מוזיק־אָוונטן, אָדער טעאַטער־פאָרשטע־לונגען, אין וועלכע די קלעצקער יוגנט האָבן גענומען אַ אַקטיוון אָנטייל. דאָרטן האָב איך בייגעוווינט כאָרן מיט באַלאַלאַיקעס, גיטאַרעס און רוסישע טענץ. דאָרט האָב איך אויך געזען די ערשטע פּיעסע אין מיין לעבן. מיר איז פאַרבליבן אין זכרון דער דאָזיקער קלעצקער „פּיקאַדילו", וואָס האָט געטראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען „סאַד מאָדערני" (מאָדערנער גאָרטן).

יצחק טרובאוויטש / דעם טאטנ׳ס אויפטו

איך האָב פאַרלאָזן קלעצק אין עלטער פון 14 יאָר. איידער מיין עליה קיין ארץ ישראל, האָב איך באַזוכט קלעצק אייניקע מאָל. אין יאָר 19—1918 האָט איך דאָרט געוויילט אַ געווויסע צייט.

ווען איך דערמאָן מיינע קינדער־יאָרן אין קלעצק, זע איך אַ בילד פון מאַטעריעלע נויט און דחקות, און צוגלייך אַ גרויסע גייסטיקע און מאָראַלישע עשירות.

אין יענע צייטן האָט דאָס שטעטל געציילט ביי טויזנט ייִדישע משפּחות, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה מערסטנטייל פון האַנט־ווערקעריי, קרעמעריי און קליינהאַנדל מיט די אַרומיקע פּויערים, וועלכע האָבן געלעבט פון באַאַרבעטן קליינע פעלד־שטחים אויף אַ פּרימיטיוון אופן.

עס זענען געווען געציילטע ייִדן גבירים. אָבער אויך פיל פולשטענדיקע אביונים.

דאַקעגן זענען אין קלעצק כמעט נישט געווען ייִדן עמי־הארצים — כמעט אַלע האָבן געלערנט אין דער יוגנט. פון קלעצק זענען אַרויס תלמידי חכמים און משכילים, עס האָט זיך שטאַרק געלאָזט מערקן דער רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער גייסט, וועלכער האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויפן גייסטיקן לעבן; קלעצק האָט פאַרמאָגט פינף שולן און צוויי שטיבלעך, וועלכע האָבן געדינט אַלס ערטער פון תפילה און לימוד התורה. שבת און יום־טוב, האָבן די בתי מדרשים נישט געקענט אויפנעמען די מאַסן מתפללים, און עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אויך מנינים אין פּריוואַטע הייזער.

אונזערע שכנים

איידער איך האָב פאַרלאָזן קלעצק, האָבן מיר געוווינט אויף ראַדזשימאַנטער גאַס, ווי לעבעדיקע שטייען פאַר מיינע אויגן אונזערע נאָענטסטע שכנים, ליכטיקע געשטאַלטן.

רעכטס אין אַ אַלטע איינגעפאַלענע הייזקע: די פאָדערשטע וואַנט איינגעזונקען ביז די פענצטער, דער דאַך צעפוילט, דער רעגן רינט אַריין און צעבראָכענע שויבן פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. דאָ האָבן געוווינט ל ײ ב ע י ע נ ק ל י ו א ל׳ס מיט זיין פרוי, פריידע אונזיי ער טאָכטער, אַ נייטערין, די שפּייזערין פון שטוב.

מיין מוטער ז"ל, האָט דערציילט, אַז אַ גאַנצע וואָך איז זייער שפּייז — ברויט, אוגערקעס און קאַרטאָפל איינגעטונקטע אין ליאַק וועלכע מען פלעגט באַקומען אַלס אומזיסטן צולאַג בעת איינקויפן אַ הערינג. פלייש, ווי אַ קאָפּ פון אַ קאַלב, אַ מאָרדע פון אַ קו (די קצבים פלעגן דאָס אָנרופן „מאָרדעטשקע") אָדער אַ שטיקל לונג פלעגט זיך באַווייזן אויף זייער טיש נאָר שבת און יום־טוב, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון בשר ודגים.

פריידע איז געווען אַ שטענדיקע אַריינגייערין אין אונזער הויז. שבת פלעגט זי קומען נעמען דעם טשאָלנט. וועלכן מען האָט פרייטיק

פאַרוקט. נישט איינמאָל בין איך געווען אַ צוהערער פון אַ געשפּרעך צווישן מיין מאַמען און פריידען.

מיין מאַמע פלעגט איר שטאַרק בעטן, זי זאָל מיטנעמען פון די שפּייז געריכטן, וועלכע זענען ביי אונז פאַרבליבן. איך וויל — זאָגט די מאַמע — זאָלסט פאַרזוכן די פּרוכט פון מיין אַרבעט. די האָסט דאָך קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם, ביסט פאַרנומען מיט וויכטיקערע ענינים און אַז. וו.

— „טייערע ריווע, געזונט זאָלט איר זיין, מיר זענען חלילה נישט הונגעריק, און מיין לייבע זאָגט, אַז אַ פּשוטער און באַשיידע־נער עסן, איז געזונט פאַרן קערפּער און גוט פאַר דער נשמה... גענוג וואָס איך באַלעסטיק אייך יעדע וואָך מיט טשאָלנט. אגב, מיין לייבע זאָגט, אַז אַ מזל־ברכה איז באַהאַלטן אין אייער אויווּן, ער גיט צו געשמאַק צו אונזערע שבתדיקע מאכלים. ווען נישט מיין טאָפּ, וואָלט איך מיינען, אַז מען האָט מיר פאַרביטן דעם טשאָלנט.

לייבע אַ גייסטרייכער תלמיד חכם, ווען ער שפּרייזט מיט מעסיקע טריט צום בית מדרש מתפּלל זיין, און זאָגן זיין שיעור משניות פאַר צוהערער. גוטמוטיקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים און אַ שטענדיקער שמייכל שוועבט אויף זיינע ליפּן, מען זעט ער איז גליקלעך און צופרידן מיט זיין גורל.

שמחת תורה, איז זיין גרויסער טאָג: זיין שטענדיקע חזקה איז עולה לתורה זיין מיט די נערים. ער זאָגט די ברכות מיט אַ הויכן קלינגענדיקן קול, באַטאָנענדיק מיט דבקות יעדעס וואָרט: „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו" און די יינגלעך זינגען נאָך. ביי די הקפות טאַנצט ער אַנטקעגן די תורה־טרעגער. אויפן וועג פון בית מדרש אַהיים בעזוכט ער צענדליקער הייזער, בענטשט זיי מיט גוט יום־טוב און מאַכט אַ ברכה אויפן כיבוד. צווישן באַזוכן, טאַנצט ער אין גאַס און זינגט. „שישו ושימחו בשמחת תורה"...

זיין פרוי פריידע, אַ צדקנית, גייט אַרום גאַנצע טעג איבער די הייזער אָנגעטאָן אַ ברייטן פאַרטוך מיט אַ קאַשיק אין האַנט, זי זאַמלט פאַר באַדערפטיקע: קליידער, שיך, גאַרדעראָבע, געלט פאַר אַן אָרעמע כלה, אַ וואָרעם זופּ אָדער איינגעמאַכטס פאַר אַן אָרעמער געווינערין, אָדער אַ קראַנקן.

זי באַקלאָגט זיך קיינמאָל נישט אויף איר גורל. אירע זאָרגן זענען לטובת הכלל. זי שיינט פון פרייד ווען זי באַקומט הילף פאַר אַנדערע. אויך אין פאַלן ווען מען זאָגט איר אָפּ, נעמט זי דאָס אויך אָן כעס אָדער פאַרדרוס. „מסתמא קאָנען זיי נישט".

— לייבע יענקל יואל׳ס און זיין ווייב פריידע — אַ געבענטש־טער זיווג מן השמים, זיי זענען למד״וניקעס — פלעגן זאָגן קלעצקער יידן.

אונזער שכן פון לינקס — משה דער שליאָסער.

ער האָט זיך פאַרנומען מיט מאַכן מעסערס דורך פּרימיטיווער האַנט־אַרבעט.

כמעט אין יעדער קלעצקער הויז, האָט מען זיך באַנוצט מיט זיינע מעסערס, אָבער זיינע הויפּט קונדן זענען געווען די אָרומיקע פּויערים, אין די מערק און ירידים־טעג, פלעגט זיין פרוי שפּרייזן צווישן די פּויערישע פורן און פאַרלייגן די סחורה פאַר געלט, אָדער בייטן אויף אייער, קאַרטאָפל, ציבעלעס און דג״ל.

פון די פריעסטע שהן, ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז משה געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט און פון דעם געצויגן זיין באַשיידענע חיונה. פיל אַכט האָט ער געלייגט אויף דער דערציונג פון זיינע 5 קינדער. דער דאָזיקער ייד, וואָס האָט שווער געמאַכט אַ לעבן, האָט געהאָט אַ אָפענע האַנט פאַר צדקה, — קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט צו העלפן אַ אָרעמען און נויט־באַדערפטיקן. געבן אַ שיינע נדבה פאַר דער אויסהאַלטונג פון דער קלויז ווו ער האָט געדאַוונט. מיין פאָטער ז״ל, פלעגט דערציילן, אַז ער האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, ווען ער פלעגט בעטן אַ גמילות חסד פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע.

משה דער שליאָסער — אַ טיפּישער געשטאַלט פון אַ יידישן האַרעפּאַשניק אין קלעצק.

מיין אריינטריט אין דער ישיבה

ערב פסח. אין הויז — פיבערהאַפטע צוגרייטונגען לכבוד יום־טוב. שוין זיך צוריקגעקערט פון שול־הויף, ווו מיר האָבן געכשר׳ט אונזערע קופּערנע געשיר, איינטונקנדיק זיי אין קאָכיקע וואַסער און פאַרברענט די הילצערנע לעפל מיט די ברעקלאָך ברויט וועלכע זענען צונויפגעקליבן געוואָרן ביים ביעור חמץ פון נעכטיקן אָוונט. איך זיץ אין אונזער גרויסן צימער פאַרטאָן אין לערנען גמרא.

די מוטער און אונזער דינסט רייניקן די מעבל, וועלכע זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן הויף. דער טאַטע צעשפּרייט ברענענ־דיקע קולן אין קיך־אויווּן. וואָס אַ גאַנץ יאָר דינט אַלס אַ בעקעריי און פאַר טשאָלנטן פון שכנים. עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין דער רב, דער חזן און דער שמש פון בית־דין.

איך לויף צום טאַטן און מעלד אים וועגן דעם באַזוך.

— ר׳ מיכאל — ווענדעט זיך דער רב צום טאַטן — באַוויזט עפּעס די חרפּה (אַזוי פלעגט מען הומאָריסטיש אָנרופן די צדקה פּושקעס צווישן וועלכע עס פלעגן זיך טרעפן האַלב־פּוסטע אָדער אינגאַנצן ליידיקע...).

דער שמש טרעט צו באַלד צו דער אַרבעט. ליידיקט אויס די פּושקעס איינע נאָך דער צווייטער, גיט איבער די מטבעות דעם חזן. דער לעצטער ציילט און פאַרצייכנט אין זיין ביכל.

דער רב פירט אַ געשפּרעך מיט מיין פאָטער, איך הער זיך צו.

— ר׳ מיכאל זאָגט דער חזן — איך האָב געפונען אַ גאַנץ גלאַטע מטבע. אפשר וועט איר דאָס אומבייטן אויף אַ צווייטע?

מיין טאַטע נעמט אַרויס פון זיין קעשענע זיין געלט־בייטל.

— טאַטע — רוף איך זיך אָפּ — מען דאַרף נישט אומבייטן. דער רב האָט געהייסן באַווייזן די חרפּה (חרפה) געלט קען זיין אויך גלאַטע, און מען איז נישט מחויב אומבייטן...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? פרעגט דער רב.

איך דערצייל די געשיכטע מיט חנן־בישא אויף דער טעמע, וועלכע איך האָב געלערנט אין גמרא.

— ריכטיק — ענטפערט דער רב — אָבער דער משל איז נישט גלייך צום נמשל. דאָרט רעדט זיך וועגן אַ געלט־שטראָף פאַר אַ עפענטלעכע באַליידיקונג, און דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז סתם אַזוי אַ ווערטל... עס איז באַוווּסט, אַז אייערע פּושקעס זענען שטענדיק פולע און מען קען זיך מיט זיי נישט שעמען...

חול המועד פסח, האָט דער רב געגרופן מיין טאַטן צו אים, און מוצאי יום־טוב האָב איך פאַרלאָזן קלעצק אויפן וואָגן פון לייבל דער בעל־עגלה, לערנען תורה אין ישיבה.

מיין חלק עולם הבא

עס זענען פאַרביי אַ סך יאָרן. איך האָב זיך באַזעצט ווייט פון מיין געבורטס־שטעטל, מצליח געווען אין מיינע געשעפטן און דערגרייכט אַ גוטן מעמד.

מיין מוטער ז״ל, איז אַוועק אין אייביקער רו, מיין פאָטער צוזאַ־מען מיטן ברודער ברוך ז״ל (אומגעקומען מיט זיין פרוי און זון דורך די נאַציס) האָבן זיך דאַן איבערגעצויגן אויף וואָלינער גאַס.

קומענדיק קיין קלעצק צום יאָרצייט פון מיין מוטער, האָב איך געטראָפן מיין פאָטער אין גרויען עלטער. איך האָב אים פאַרגעלייגט ער זאָל אויפהערן זיך פאַרנעמען מיט זיין מסחר. איך וועל נעמען

אויף זיך זיין פולע אויסהאַלטונג, און מיט דעם מקיים זיין די מצוה פון כבוד אב זייענדיק פון דערווייטנס.

נאָך לאַנגע באַטראַכטונגען האָט דער פאָטער מסכים געווען בתנאי, איך זאָל אים געבן אַ איינמאָליקע געלט־סומע.

אין אַ יאָר אַרום, בשעת מיין צווייטן באַזוך, האָט מיר דער פאָטער פאַרופן צו זיך אין צימער, דערלאַנגט אַ פּינקס און פאַר־געלייגט באַטראַכטן און לייענען אים.

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. מיין פאָטער האָט מיר דאַן דערקלערט: — מיט אַ יאָר צוריק, האָב איך ביי דיר געבעטן אַ באַדייטנדיקע געלט סומע. דו האָסט מיר נישט געשטעלט קיין פראַגן און דערפילט מיין בקשה. זיי־זשע וויסן, מיין זון, אַז מיט דיין געלט האָב איך געמאַכט אַ נייעם געשעפט. אמת, ער טראָגט נישט קיין באַלדיקע פאַרדינסטן, אָבער ער גאַראַנטירט אַ גוטן חלק אין עולם הבא, און מיין כוונה איז, דו זאָלסט זיין אַ שותף צו די דאָזיקע פאַרדינסטן. וואָס שייך די גענויע צעטיילונג, וועלן מיר זיך פאַרלאָזן אויפן רבונו של עולם...

איך וויל דו זאָלסט דורכקוקן אַלץ וואָס איז אין ביכל, זיך באַקאַנען מיטן עסק, באַשטעטיקן די טראַנזאַקציעס פון עבר און געבן דיין הסכמה אויף זייער פאָרזעצונג.

איך האָב גענומען בלעטערן דאָס ביכל.

אויף יעדן זייט האָבן פיגורירט נעמען פון קלעצקער יידן — בעלי מלאכות, קרעמער, סוחרים און אַנד. אויף איין זייט — די הוצאות, אויף דער צווייטער — די הכנסות.

דו סומעס פאַרשידענע — פון געציילטע זלאָטעס, ביז צענדליקער און הונדערטער.

און דער טאַטע זעצט פאָר: פופציק יאָר בין איך געווען אַ סוחר. רייך בין איך קיינמאָל נישט געווען, אָבער ב"ה שטענדיק אויסגע־האַלטן מיין משפחה מיט כבוד און יושר. אין אונזערע צייטן האָבן בענק נישט עקסיסטירט, און ווען עס האָט זיך שוין געעפנט דער ערשטער קעגנזייטיקער באַנק, איז שווער צו קריגן אַ הלוואה. קודם כל אַריינטראָגן מיטגלידס אָפּצאָל, דערנאָך געפונען אַ געהעריקע גאַראַנטיע, און דער עיקר — די פּראָצענט. פון מיין דערפאַרונג ווייס איך, ווי וויכטיק עס איז אין נויטיקע פאַלן צו קריגן אַ הלוואה, אָן לויפעניש און אָפּשלעפּעניש, און אָן פּראָצענט. אָפטמאָל איז דאָס ממש אַ רעטונג פאַר די וואָס נויטיקן זיך. נישט אומזיסט האָבן אונזערע חכמים באַצייכנט גמילות חסדים אַלס איינע פון די דריי זיילן אויף וועלכע עס שטייט די וועלט.

— מיט דיין געלט — מיין זון — האָב איך געגרינדעט אַ גמילות חסדים קאַסע פאַר יעדן באַדערפטיקן. אין אָנהויב, האָב איך געמוזט פּאָפּולאַריזירן די אינסטיטוציע, אָבער איצט איז זי באַקאַנט ביי אַלע קלעצקער יידן. יעדן טאָג קומען צו מיר יידן בעטן אָדער אומקערן אַ הלוואה. קיין פאַרלוירענע חובות זענען כמעט נישטאָ. עס טרעפן פאַלן ווען מען פאַרשפּעטיקט מיט צוריקערן אַ הלוואה, מוז איך באַזוכן מיינע קונדן אַ מאָל אָדער צוויי, דאָס אַרט מיר נישט. סיי־ווי־סיי האָב איך נישט קיין אַנדער אַרבעט...

— ובכן, מיין זון, וואָס איז דיין מיינונג וועגן דעם געשעפט, וועלכן איך האָב געגרינדעט מיט דיין געלט, און צו ביסטו מסכים זיין אַ שותף צו אים?..

אויף וויפיל מיר איז באַוווּסט, האָט די דאָזיקע גמילות־חסדים־קאַסע עקסיסטירט ביזן אָנהויב פון דער צווייטער וועלט מלחמה — ווען די געלטער האָבן פאַרלוירן זייער ווערט.

ז' אדר ב', התשי"ט.

מנחם ברעסלאַוו (אַמעריקע) / פון מיינע קלעצקער זכרונות

א

איך האָב פאַרלאָזן מיין געבורטס־שטעטל, זיך צעשיידט מיט מיינע עלטערן, ברידער און פריינט — און וויניקע נעפּלהאַפטע זכרונות זענען ביי מיר פאַרבליבן פון מיינע יוגנט־יאָרן, פון יענע צייטן.

דורכט זיך, גרוי מאָנאָטאָן האָט דאַן געפלאָסן דאָס לעבן, פאַר־גליווערט אין דער טראַדיציע פון אַלטע דורות און שווער איז געווען דער קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. פון די פאַרבליבענע איינדרוקן און זכרונות פון די קינדער און יוגנט יאָרן טיילן זיך אויס איינציקע בילדער, וועלכע שוועבן אויף אין מיין זכרון, ווען איך טראַג זיך איבער מיט מיינע געדאַנקען צו די געשעענישן, און לעבנס שטייגער פון אונזער שטעטל אין יענע צייטן.

אַט דער מאַרק טאָג. ער אונטערשיידט זיך פון די איבעריקע טעג — דאָס שטעטל בייט ראַדיקאַל זיין פּרצוף און באַקומט אַ גאָר אַנאַנדער אויסזען און געשטאַלט: אַ קאָכיקער קעסל, אַ טומל און אַ ווירבל אין די גאַסן און ברייטן מאַרק־פּלאַץ, יידן לויפן פאַר־שמייעט, פאַרשוויצט און פאַרטראָגן, און מיר, קינדער, נאָר וואָס זיך באַפרייט פון די לימודים אין די חדרים, מישן זיך אויס און שטויסן זיך צווישן אַלעמען, צווישן די פויערישע וועגעלאַך און אוסגע־שטעלטע בענק און טישן אָנגעלאָדן מיט כל מיני סחורות, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען גלייכע שותפים צו דעם דאָזיקן יריד...

פּאַמעלעך, מיטן דערנענטערונג פון אָוונט, שטילט זיך איין דער ליאַרם, און אַלץ קערט זיך אום צום פריערדיקן צושטאַנד. דער מאַרק־טאָג, האָט געדינט אַלס וויכטיקער קוואַל פון וועלכן די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, קרעמער און קליין־הענדלער, האָבן געשעפּט זייער חיונה.

און אַט דער שטורם־און־דראַנג־פּעריאָד, אין דער צייט פון דער ערשטער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905. אויף דער יידישער גאַס זענען דערשינען פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען און באַוועגונגען. יעדע פון זיי האָט זיך איינגעבירגערט אין אַ באַשטימטער גאַס אין שטעטל, וועלכע האָט געדינט אַלס זאַמל־פּונקט אין די אָוונטן, אַ מין פּאָליטישע בערזע.

מאַסן פון יוגנט און עלטערע פאַרפילן אין די אָוונטן די פאַר־שידענע גאַסן, פּאָלעמיזירן און ליאַרמען. אָפטמאָל דרינגען אַריין חברים פון איין פּאַרטיי אין דער טעריטאָריע פון דער צווייטער — צעפלאַקערן זיך די דעבאַטן און פּאָלעמיקעס מיט אַ נייער קראַפט, און עס איז לעבעדיק, שטורמיש און פריילעך. פאַרשטייט זיך, אַז אויף מיר יינגלעך, זענען דאָ פאַרטראָטן. העכער זענען די באַגריפן אין פּראָבלעמען פון אונזער פאַרשטאַנד און השגות — אָבער, מיר לויפן אַרום און שטויסן זיך צווישן דער דאָזיקער חברה, מאַכן דעם אָנשטעל ווי מיר וואָלטן געווען גלייכע שותפים צו אַלעמען און צו אַלץ, מיר האָבן הנאה און גרויסן זיך מיט דעם. עס קומען צעלויפן די באַזאָרגטע מוטערס, געפונען אונז אויס אין דעם דאָזיקן יריד — און פאַרטרייבן אונז צוריק אין די היימען.

עס דערמאָנט זיך אַ בילד: אין מיטן העלן טאָג דערשיינט אין מאַרק אונזער לערער, דער פּאָפּולערער ג א ל ו ש, דער פירער פון די

רעוואָלוציאָנערן, אַ פֿעיקער רעדנער און פּאַרקאַכטער בונדיסט, אין באַגלייטונג פֿון אַ גאַנצער חברה. עס פֿאַלט דער באַפֿעל צו שליסן די קראָמען. אין איילעניש ווערט אימפּראָוויזירט אַ מין רעדנער־טריבונע, פֿון וועלכע גאלוש האַלט אַ פּלאַמיקע דרשה קעגן דעם צאַרישן רעזשים, קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און עס באַקומען אויך זייער חלק די קלעצקער יידן־„בורזשועץ״, וועלכע עקספּלואַטירן די אַרבעטער און זייערע באַדינער.

ביז עס איז אָנגעקומען דער שוואַרצער אָוונט, וועלכער איז איינגעקריצט אין זכרון פֿון אַלע אַלטע קלעצקער איינוווינער. אין איין שבת־צו־נאַכט איז פֿאָרגעקומען אַ פֿייערלעכער „חתונה־אָוונט״ ביי אַ באַוווסטער משפּחה — אַ פֿאַרמאַסקירטע פֿאַרזאַמלונג פֿון רעוואָלוציאָנערער יוגנט, ווי דער שטייגער דאַן. פּלוצעם האָבן זיך באַוויזן באַוואָפֿנטע קאַזאַקן, אַרומגערינגלט דאָס הויז און אַנדערע הייזער אין שטאָט, אַרויסגענומען די באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן, געשמידט זיי אין קייטן — און זיי זענען פֿאַרשיקט געוואָרן אין ווייטן, קאַלטן סיביר.

פֿיל פֿון זיי האָבן זיך שוין פֿון דאָרט קיינמאָל נישט צוריקגעקערט. מיט דעם איז געקומען דער סוף צו דער העלדישער עפּאָפּיי, און טיף האָבן געווייטיק אונזערע הערצער אויף דעם גורל פֿון די מענטשן, וועלכע זענען ביי אונז געווען אַרומגערינגלט מיט דער העלדן־גלאָריע — און אויף די גאַסן וואָס זענען פֿאַרבליבן שטום און פּוסט...

ב

מיר זענען געווען דריי ברידער. מיין פֿאָטער, ר׳ מ ת ת י ה ו, איז דערצויגן געוואָרן און געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה, געווען באַקאַנט אַלס גרויסער למדן און געהאַט סמיכה אויף רבנות. מען האָט אים פֿאָרגעלייגט דעם רבנות־אַמט אין פֿאַרשידענע ערטער — אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך באַשעפֿטיקט פֿריער מיט מעל־האַנדל, און דערנאָך געעפֿנט אַ מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט אויף צעפּרער גאַס.

ווען ס׳האָט זיך אין קלעצק אָרגאַניזירט די קהילה פֿאַרוואַלטונג, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראש הקהל, און דאַן זיך איבערגעגעבן און געווען פֿאַרטאָן אין די געזעלשאַפֿטלעכע ענינים און רעליגיעזע באַדערפֿענישן. איבערהויפּט איז ער געווען פֿאַראינטערעסירט אין רעליגיעזע דערציונג און פֿיל מיטגעווירקט אין דער גרינדונג און אויסהאַלטונג פֿון די רעליגיעזע שולעס — „תלמוד־תורה״ פֿאַר יינגלעך און „בית יעקב״ פֿאַר מיידלעך. ער האָט פֿיל געשפּענדעט פֿון זיין געלט פֿאַר דער אויסהאַלטונג פֿון נויט־באַדערפֿיקע תלמידי חכמים, און אָרעמע בחורים־לערנער פֿלעגן שטענדיק עסן אויף אונזער טיש, יעדער זיין באַשטימטן טאָג. די באַשעפֿטיקונג מיט דער קראָם, איז געווען אויף די פּלייצעס פֿון אונזער מוטער ה י נ ד ע ז״ל. זי האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס מוסטערהאַפֿטע ענערגישע אשת־חיל און דערצו, אין קעגנזאַץ צום פֿאָטער, זיך געהאַלטן ביי מאָדערנע פֿאָרגעשריטענע מיינונגען און אָנשויאונגען.

זי האָט עס איבערגענומען אין אירע הענט אונזער דערציונג. אַלס פּראַקטישע פֿרוי האָט זי געשטרעבט צוגרייטן אונז צום רעאַלן לעבן און פֿאַרזיכערן אונז אַ מאַטעריעלן באַדן. נאָך אַ קורצער תקופה אין די אַלטע חדרים, זענען מיר איבערגעגעבן געוואָרן אין די וועלטלעכע רוסישע שולעס. דאָס האָט פֿאַרשאַפֿן פֿיל צער אונזער פֿאָטער. אין שטעטל, צווישן די רעליגיעזע קרייזן, האָט געהערשט אַ שטאַרקע אומצופֿרידנהייט און אַפֿילו אויפֿגעבראַכקייט אויפֿן דאָזיקן שריט. אָבער מיין מוטער איז באַשטאַנען מיט איר גאַנצן ווילן אויף אירס. איך בין אָנגענומען געוואָרן אין דער רוסישער גימנאַזיע אין דער נאָענטער שטאָט ניעסוויזש. לויט די צאַרישע געזעצן, האָט געהערשט אַ פּראָצענט־נאָרמע פֿאַר יידישע שילער אין די רוסישע שולעס (אין די גרענעצן פֿון 10 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל), אָבער אַדאַנק מיין אויסצייכנונג ביי די איינטריט־עקזאַמענס, איז מיר געלונגען אָנגענומען צו ווערן אין דער שולע, וווּ איך בין געווען פֿאַררעכנט אַלס איינער פֿון די בעסטע תלמידים. דערנאָך זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע יאָרן פֿון וואַנדערונגען אין פֿאַרשידענע ערטער. פֿון צייט צו צייט פֿלעג איך מאַכן אַ קורצן באַזוך אין מיין געבורטס־שטעטל.

ג

אַ קורצע צייט האָב איך געוווילט אין קלעצק נאָך דעם ערשטן וועלט קריג, ווען דאָס שטעטל האָט זיך שוין געפֿונען אין די גרענעצן פֿון דער ניי אַנטשטאַנענער פּוילישער מדינה. עס האָבן זיך געמערקט אַ סך ראַדיקאַלע ענדערונגען אויף אַלע געביטן פֿון לעבן: דאָס שטעטל איז געוואָרן מער ברויזנדיק, דינאַמיש און טעטיק אויף אַלע געביטן.

דער ציוניזם האָט דאָמינירט אויף דער יידישער גאַס און געלייגט זיין שטעמפּל אויף דעם גייסטיקן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. עס האָט זיך באַוויזן אַ נייער יונגער דור, פֿול מיט איניציאַטיוו און ענערגיע, וואָס האָט אויסגעאיבט זיין השפּעה אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און געפֿלעגט די העברעישע קולטור. עס האָט זיך אויסגעטיילט צווישן זיי מיין ברודער א ב ר ה ם וועלכער האָט פֿאַרמאָגט אַלגעמיינע און יידישע בילדונג און וויסן, און ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט דער ציוניסטישער און נאַציאָנאַלער דערציונג פֿון יונגן דור. געווען דער הויפּט איניציאַטאָר און גרינדער פֿון דער העברעישער „תרבות״ שול, אַ מוסטערהאַפֿטע אינסטיטוציע, וווּ די קלעצקער קינדער האָבן זיך דערצויגן אין גייסט פֿון חלוציות און העברעישער קולטור.

אָבער מאַטעריעל זענען מיר אַלע געהאָנגען אין דער לופֿט, נישט געהאַט פֿאַר זיך קיין פּערספּעקטיוון און צוקונפֿט. פֿון טאָג צו טאָג, האָט זיך געשטאַרקט דער אַנטיסעמיטישער קורס פֿון דער פּוילישער רעגירונג, וועלכער האָט געשטרעבט אַרויסצורייסן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פֿון יידישע הענט. איך האָב זיך אַנטשלאָסן פֿאַרלאָזן דעם גלות און זיך אָנשליסן אָן די בויער פֿון לאַנד, אָבער אין יענער צייט, נאָך די בלוטיקע געשעענישן, זענען כמעט אינגאַנצן געשלאָסן געוואָרן די טויערן פֿון לאַנד פֿאַר יונגע חלוצים.

אַ חודש צייט האָב איך אין וואַרשע געקלאַפּט אין די פֿאַרשידענע טירן און טויערן, אָבער אָן דערפֿאָלג. דאָס צוריקקערן זיך קיין קלעצק, איז פֿאַר מיר געווען אומדערטרעגלעך. האָבן זיך באַוויזן מעגלעכקייטן אויף אויסוואַנדערונג אין די לענדער פֿון דרום־אַמעריקע, וועלכע איך האָב אויסגענוצט. איך האָב עמיגרירט קיין אַרגענטינע, און עטלעכע יאָרן געווען באַשעפֿטיקט אַלס לערער אין די קאָלאָניעס פֿון באַראָן הירש.

עס האָט דאָרט געדריקט די גייסטיקע איינזאַמקייט און אָפּגעריסנקייט — ביז איך האָב דערגרייכט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וווּ איך געפֿין זיך היינט צווישן מיינע פֿריינט און באַקאַנטע.

די אַלע יאָרן זענען מיר געשטאַנען אין אַ שטענדיקער שריפֿטלעכער פֿאַרבינדונג מיט אונזער געבורטס־שטעטל, אונזערע הערצער זענען געווען וואַך, אונזערע אויערן אָנגעשטרענגט צו אַלץ וואָס דאָרט פּאַסירט און קומט פֿאָר — די ידיעות האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ כסדרדיקער פֿאַרערגערונג פֿון דער יידישער לאַגע אין אַ שנעלן טעמפּ.

נאָך דער היטלערישער אינוואַזיע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער פֿאָרהאַנג איבער קלעצק. און ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן — האָבן מיר דערזען דעם בלוטיקן תהום...

הרב י. הלוי עפּשטיין / מיין פֿאָטערס היים

(קאַפּיטלעך זכרונות און לעבנס שטייגער)

א.

איך בין געבוירן געוואָרן ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און געווען אַ עדות פון די רעזשימען־ענדערונגען און פּאָליטישע און סאָציאַלע אויפטרייסלונגען פון יענער צייט.

ווי דורך אַ נעפּל שווימען אויף אין מיין זכרון די לעצטע רעשטלעך פון צאַרישן רעזשים אין געשטאַלט פון דעם „אוראַדניק" (פּאָליציי שעף פון שטעטל) מיט זיינע ברייטע „באַקנבאַרדן", און די געשעענישן פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917. מיר, קינדער, האָבן ליב געהאַט צו קאָפּירן די מעשים פון די עלטערע. איך געדענק, ווי מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ פּאַראַדנע לויה און געבראַכט צו קבורה דאָס בילד פון ניקאָליי דעם צווייטן אין אַ גרוב אין שול־הויף. דאָס בילד האָבן מיר אַראָפּגענומען פון דער וואַנט, און זי איז באַגראָבן געוואָרן אונטערן באַגלייטונג פון אויסגעשרייען „דאַלאָי ניקאָלאַי" — „נידער מיט ניקאָלאַיען" און געלעכטער מצד די ביייוועזנדע לערער און מחנכים.

אויך די יידישע גאַס, האָט דאַן ווי פאַרלאָרן איר גלייכגעוויכט. אַ גרויסער טייל איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פרייהייטס־לאָזונגען, און געגלויבט, אַז מיטן פאַלן פון צאַרישן רעזשים, איז אָנגעקומען די פולשטענדיקע גאולה.

אינצווישן האָט זיך געשטאַרקט דער פּאָליטישער אומרו. דער קערענסקי־רעזשים האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער אומבאַהאָלפנקייט. די דייטשע חיילות האָבן דורכגעריסן דעם פראָנט און מאַרשירט טיף צו מזרח. ביז דאַן האָט די פראָנט־ליניע זיך געצויגן און זיך סטאַביליזירט אין משך פון עטלעכע יאָר אין דער אומגעבונג פון דארעווע—באַראַנאָוויטש.

די מערהייט פון דער באַפעלקערונג — בפרט די יידישע — האָט אָנגענומען דאָס אָנקומען פון די דייטשן מיט געפילן פון צופרידנהייט, ווייל זיי האָבן געראַטעוועט די איינוווינער פון הונגער און אַנאַרכיע. די דייטשע אינוואַזיע דאַן, האָט געראַטעוועט אונזער שטעטל פון הונגער, רויב און פּאָגראָמען, וועלכע זענען דאַן פאַרגעקומען אין אַנדערע ערטער אין רוסלאַנד, ווו עס האָבן געווילדעוועט פאַרשידענע ווייסגוואַרדייאישע גענעראַלן.

אין אָקטאָבער, איז אויסגעבראָכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. דאַן איז אין בריסק אונטערגעשריבן געוואָרן דער שלום־אָפּמאַך צווישן די סאָוויעטן און דייטשלאַנד. אָבער ס'הויבט זיך אָן אַ נייע בלוטיקע מלחמה צווישן די פּאָליאַקן און דער רויטער אַרמיי. קלעצק האָט געדינט אַלס דורכגאַנגס־פּונקט פאַרן פוילישן מיליטער, און פון דער צווייטער זייט — פאַר דער רויטער אַרמיי. דאָס דערשינען פון פוילישע לעגיאָנערן האָט אָנגעוואָרפן אַ טויט שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיט שנאה צו יידן, און געהאַנדלט אין באַצוג צו אונז ברוטאַל און גרויזאַם. ווען ס'איז אַריינגעדרונגען אין שטעטל די ערשטע פוילישע אויספּור־אָפּטיילונג, האָט זי באַלד אַרויפגעלייגט אַ שווערע קאָנטריבוציע און שטראָפן אויף יידן. עס האָבן זיך געשאָטן פאָדערונגען אויף שפּייז־פּראָדוקטן, געלט און ווערטפולע חפצים, באַגלייט מיט דער שטרענגער וואָרנונג פון שווערסטע שטראָפן. שווערע קלעפּ, דאָס שניידן באָרד און פּאות — זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אויך געווען דער באַדייטונגס־פולער אויסדרוק: „דוואַדזשעשטשאַ פּיענטש" — ס'הייסט פינף און צוואַנציק שמיץ, די באַשטימטע שטראָף פאַר נישט דערפילן זייערע פאָדערונגען און באַפעלן.

אין יענע אומרויקע טעג, האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטעטל אַ זעלבסט־שוץ אָרגאַניזאַציע, מיטן צוועק פאַרטיידיקן דאָס לעבן און פאַרמעגן. אין דער געביידע פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע אין מאַרק־צענטער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַך. ווי נאָר מ'האָט באַמערקט אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג פון פוילישע לעגיאָנערן, די אַזוי גערופענע „האַליאַרטשיקעס" (אויפן נאָמען פון זייער קאָמאַנדיר האַלער, אַ באַוווּסטער שונא ישראל) אָדער פון אַנדערע רויבער כנופיות, האָט מען געלאָזן אין גאַנג דעם אַליאַרם־גלאָק און די יוגנט איז זיך צונויפגעקליבן און געשטעלט אין שוץ פון דער באַפעלקערונג. איך געדענק, ווי אונזער שכן מיכאל פ י ש, אַן אָנפירער פון די פייערלעשער און נאָך איייניקע יידן, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די לעגיאָנערן הינטערן שטאָט צום דערשיסן, ווייל זיי האָבן אַליאַרמירט הילף דורך דעם פייערלעשער גלאָק. טויזנטער יידן, פרויען און קינדער, האָבן זיי באַגלייט מיט געוויין און תחנונים ביי די רוצחים זיי זאָלן זיי באַגנעדיקן. די שטאָט פרנסים מיט די רבנים אין שפּיץ, האָבן געשאַפן אַ דעלעגאַציע צו דער מאַכט. און גרויס איז געווען די פרייד, ווען לסוף האָט זיך איינגעגעבן, אַרויסראַטעווען די יידן פון די נעגל פון די רוצחים. ס'האָט געהאָלפן אַ באַדייטנדיקע סומע כאַבאַר.

אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט זיך אָנגעהויבן די אָפענסיווע פון רויטן מיליטער, אונטער דער אָנפירונג פון טראָצקין און דער מאַרש אויף וואַרשע. ביי זייער אָפּטריט, האָבן די לעגיאָנערן אויסגעלאָזן זייער גיפטיקן כעס אויף דער יידישער באַפעלקערונג, באַשולדיקנדיק זי אין שטיצע פאַר די באָלשעוויקעס. געצונדן, גערויבט, געמאָרדעט. ווי באַוווּסט, זענען די באָלשעוויקעס דערגאַנגען ביז צו די טויערן פון וואַרשע און צוריקגעטראָטן. מיר האָבן גערופן די רויטאַרמייער „די באָרוועסע", ווייל אָרעם איז געווען זייער באַקליידונג און באַשוכונג.

מיטן שליסן דעם שלום־אָפּמאַך צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און פוילן אין ריגע, איז קלעצק איינגעשלאָסן געוואָרן אין די גרענעצן פון פוילן; סלוצק און טימקאָוויטש זענען פאַרבליבן אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט. די גרענעץ־ליניע האָט זיך געפונען אַ ערך 10 קילאָמעטער צו מזרח פון קלעצק.

אַ דאַנק דער ניי געשאַפענער געאָגראַפישער לאַגע פון קלעצק אַלס לעצטער גרענעץ־פונקט אויף די מזרח־קרעסן, האָט זי אַ לאַנגע צייט געדינט אַלס אַ דורכגאַנגס־פונקט פאַר מאַסן פּליטים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַלע עקן פון ראַטן־פאַרבאַנד. זיי זענען אומלעגאַל דורכגעגאַנגען די גרענעץ־ליניע, אָנגעקומען קיין קלעצק און פונדאַנען פאָרגעזעצט זייער ווייטעריקן וועג קיין ארץ ישראל.

די פּליטים זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס, באַזאָרגט געוואָרן מיט געלט, מלבושים און נויטיקע דאָקומענטן אויף זייער ווייטעריקן וועג. אַזוי זענען אַרויסגעראַטעוועט גוואָרן הונדערטער, אפשר טויזנטער יידן פּליטים, צווישן זיי באַוווּסטע געזעלשאַפטלעכע און ציוניסטישע עסקנים.

ב.

איך געדענק, אַז די ערשטע אויסדרוקן, וועלכע מיר, קינדער, האָבן אויפגעכאַפּט פון דער פוילישער שפּראַך זענען געווען: „זשיד, זשוטש בוט" — „ייד, טו אויס די שטיוול".

יעדער ייד וואָס האָט געטראָגן גוטע שטיוול און אָנגעטראָפן אויף לעגיאָנערן, איז געצוואונגען געוואָרן זיי אויסטאָן און אָפּגעבן. פּאָפּוליער איז

ג.

מיין מוטער משפחה איז פאַרבליבן אויף דער סאָוויעטישער זייט. זי איז געווען אַ געבוירענע אין טימקאָוויטש. איר איינציקער ברודער חיים ש פ י ר א און אירע דריי שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס, זענען פאַרבליבן אין סלוצק און אין טימקאָוויטש. מיר האָבן אַנגעווענדעט פיל אָנשטרענגונגען כדי איבערפירן זיי צו אונז. נאָך פיל באַמיונגען האָט זיך איינגעגעבן

מיין פאָטער בראַנגען קיין קלעצק זיין שוואָגער, דער מוטערס ברודער, און די פלעמעניקעס ניסן און פרומע קאַנטאָר.

מיין פאָטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער תבואה סוחר און פאַרנומען אַ בכבודיקע שטעלונג אין שטעטל. אין אונזער הויז האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט כלערליי ענדערונגען און וויכטיקע געשעענישן. דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן סוחרים, פּויערים, גוט־באַזיצער א. אַז. וו.

מיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ תלמיד חכם. אין זיין יוגנט, האָט ער געלערנט אין ניעסוויזשער ישיבה, ביי ר׳ יוסף ז״ל, און שפּעטער אין מינסק צוזאַמען מיט די גרעסטע לומדים פון שטעטל, ווי ר׳ חיים פימשטיין ז״ל און ר׳ מתתיהו ברעסלאַוו הי״ד. געווען פעיק, קלוג און שאַרפזיניק, געקענט שפּראַכן, אַ אינטערעסאַנטער מיטשמועסער. זיינע טרעפלעכע ווערטלעך זענען געווען פּאָפּוליער אין קלעצק. ער איז געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן די למודים נאָכדעם, ווי ער איז פאַריתומ׳ט געוואָרן פון פאָטער. זיינע פעיקייטן האָבן געפונען זייער אויסדרוק אויפן געביט פון מסחר און שטאָטישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ווען ער איז געוואָרן אַ חתן מיט מיין מוטער ז״ל, איז ער געווען צו גאַסט ביי מיין מוטערס עלטערן אין טימקאַוויטש.

אין דערזעלבער צייט איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן אויפן כסא הרבנות דער באַוווסטער גאון ר׳ מנחם קראַקאָווסקי, שפּעטערדיקער שטאָט־מגיד אין ווילנע. מיין מוטערס זיידע ר׳ יצחק, דער טימקאַוויטשער שטאָט־שוחט, אַ בקי אין ש״ס און פוסקים, פון די אָנפירער פון דער קהילה, איז געווען אַן אָנהענגער פון ר׳ מנחם׳ען און שטאַרק אונטערגעשטיצט זיין קאַנדידאַטור. שבת, האָט ר׳ מנחם געהאַלטן אַ עפנטלעכע דרשה אין שול, און האָט באַגייסטערט דעם עולם מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט, גייסט־רייכקייט און בקיאות. מוצאי שבת, האָט זיך אין רב׳ס הויז צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם, צו פאַרברענגען מיט ר׳ מנחם׳ען און געניסן פון זיין תורה און חכמה. ר׳ מנחם האָט געפּרוּווט אַ שפּאַס טאָן, פאַנאַנדערגעטיילט אַלע אַנוועזנדע צעטלעך פּאַפּיר און פאָרגעלייגט פאַרצייכענען אויף זיי פאַרשידענע נישט רעגולערע צאָלן לויט זיין אָנווייזונג. דערנאָך האָט ער די אַלע צאָלן איבערגעחזרט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, פון אונטן אַרויף. אַלע זענען געווען דערשטוינט פון זיין זכרון.

מיין פאָטער ז״ל, וועלכער איז אויך געווען צווישן די געסט, האָט גלייך געכאַפּט דעם סוד פון דאָזיקן „קונץ״. ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער רב האָט דיקטירט צאָלן לויט אַ באַשטימטן פסוק. די בוכשטאַבן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ציפערן (א—1, ב—2 און אַז. וו.), וועלכע ס׳איז געווען גאַנץ לייכט צו געדענקען. האָט דער פאָטער דערקלערט, אַז אויך ער איז גרייט צו באַווייזן דעם דאָזיקן וווּנדער. דעם ייִדן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער הרב מנחם איז עס גראָד געפעלן און ער האָט אפילו עפנטלעך געלויבט דעם טאַטן פאַר זיין שנעלער און טרעפּולער תפיסה. שפּעטער האָט וועגן דעם גערעדט די גאַנצע שטאָט...

אין אונזער הויז פלעגן זיך אויך צוזאַמענקלייבן די אינטעליגענטע יוגנט פון שטעטל, אַ דאַנק מיינע שוועסטערס, זייערע חברות און חברים, וועלכע האָבן באַקומען אַ מאָדערנע בילדונג.

מיין ערשטע דערציִונג איז געווען אין גן ילדים, געגרינדעט דורך דער לערערין רבקה מאַרגאַלין, אַ אויסגעצייכנטע דערציערין. אין זכרון זענען פאַרבליבן די דעקלאַמאַציעס פון העברעישע לידער. זי און איר מאַן ברוך ליס זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל. זי איז געשטאָרבן אין יאָר תשי״ז, אין דגניה א.

ד.

פון גן בין איך אָנגעקומען אין חדר מתוקן פון ר׳ בערל קאַצענעלסאָן, אַ קינסטלער־פּעדאַגאָג, וואָס האָט באַזונדער איינגעפלאַנצט אין אונדז ליבע צום תנ״ך. ער איז געווען באַוווּסט מיט זיין שטרענגקייט און דיסציפלין, פלעגט ער אָפט מכבד זיין די נאָכלעסיקע תלמידים מיט קלעפּ. מיט אַ לינייקע אין האַנט פלעגט ער אַרומשפּאַצירן אין חדר, און ווי איז געווען דעם תלמיד וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן ביים שפּילן זיך אָדער ביים שמועסן אין דער צייט פון לימוד. פון דער צווייטער זייט האָט ר׳ בערל געלייגט גרויס אַכט אויף די פעיקע תלמידים, געווירקט אויף די געפילן און פאַנטאַזיע פון זיינע תלמידים.

פון אים בין איך אָנגעקומען אין הדר פון ר׳ מאָטקע מלמד. ער איז שוין געווען אַ גאַנץ אַנדער טיפּ.

אַ נאַאיווער און גוט־האַרציקער, מעסיק און געלאַסן. אין די ימים נוראים איז ער געווען אַ בעל תפילה און זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן ידען פון דקדוק און טראָפּ פון חומש. געהאַט זיין באַזונדערן פּעדאַגאָגישן צוגאַנג. יענע מלכים ונביאים, וואָס ר׳ בערל האָט געשילדערט אַלס אידעאַליסטן, וועלכע שטרעבן און רופן צו געוואַגטע דערהויבענע צילן און טאָטן — האָבן ביי ר׳ מאָטקען באַקומען די געשטאַלט פון... גבאים אין אַ שול אָדער אין חברא קדישא מיט זייערע השגות פון קיום המצוות, פון שכר און עונש... ער האָט זיך באַמיט צו פאַראַנשוילעכן די טעקסטן. דעם משכן און זיינע כלים — דורך שאַכטלעך שוועבעלעך, אַ בייכיקע פלאַש, באַקלעפּט מיט פאַרביק פּאַפּיר, האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די געשטאַלט פון כוהן גדול מיטן חושן און אפוד און אַז. וו. די אויסערלעכע וועלט, אירע ענדערונגען און געשעענישן, האָבן אים קוים אינערסירט. וואָס איז דען דער חילוק — פלעגט ער טענה׳ט צו זיינע תלמידים — פריער האָט מען געמאַכט מי שברך דעם צאַר ניקאָלאַי און איצט דעם פּרעזידענט מאָשטשיצקי און דעם מאַרשאַל פּילסודסקי? מיר ייִדן געפינען זיך ווי פריער אין גלות. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם גוי און דעם צווייטן, אַלע זענען זיי עשו׳ס זין — וואָס גייען זיי אונדז אָן?.. און באַלד האָט ער צוגעגעבן: — „איך פאַרשטיי נישט וואָס טומלען די ציוניסטן מיט זייערע קאָלאָניעס און באַלפור־דעקלאַראַציע, ווו איז געשריבן אין דער תורה, אַז ייִדן דאַרפן אַרבעטן אויף די פעלדער ווי סטעפּאַן און איוואַן? די גויים דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט די דאָזיקע גראָבע מלאכות און מיר, קינדער פון אַברהם יצחק און יעקב, דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט דינען דעם באַשעפער... און אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער מצווה פון ישוב ארץ ישראל, איז דאָס געזאָגט געוואָרן אויף דער ווייטער צוקונפט, ווען עס וועט קומען דער אמתער גואל. וואָס איז די איילעניש און דער טומל? דער דור איז נאָכנישט ראוי צו גאולה. דורות האָבן געוואַרט, און אויך מיר טאָרן נישט דוחק זיין דעם קץ. איך גלויב נישט, אַז די ציוניסטן וועלן צואיילן די טריט פון משיחן, דאַקעגן די יסורי־משיח קענען זיי יאָ ברענגען״...

ר׳ מאָטקע האָט געהאַט צוויי זין און צוויי טעכטער. ווען זיין באַליבסטער זון משה האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, האָט דער פאָטער שטאַרק געבענקט נאָך אים. האָט אים דער זון געשענקט אַ מתנה: אַ גראַמאַפאָן־פּליטע וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ שמועס מיט די עלטערן און אַ שילדערונג פון זיין לעבן און אַרבעט אין אַמעריקע. ר׳ מאָטקע האָט פאַרמאָגט אַן אַלטן גראַמאַפאָן. שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, פלעגט ר׳ מאָטקע מיט זיין פרוי און טאָכטער זיך זעצן אַרום טיש מיט די גלעזער טיי און אָנשטעלן דעם גראַמאַפאָן. — „נו, קינדער — פלעגט ער אויסרופן — איצט וועלן מיר זיך דורכשמועסן מיט משה׳לען״. זיין צניעותדיקע פרוי פלעגט לאָזן אַ טרער, און ר׳ מאָטקע צוגייט זיך פון נחת און רופט זיך אָפּ: — „דער דאָזיקער גוי עדיסאָן, דער דערפינדער פון גראַמאַפאָן, וועט זיכער זוכה זיין צו עולם הבא פאַר זיין פאַרשאַפן אַ גרויסן נחת־רוח די ייִדן וועלכע קענען הערן די שטימע פון זייערע באַליבטע קינדער פון אַלע ווייטע מקומות״...

מיך, זיין באַליבטן תלמיד, פלעגט ער אָפט איינלאַדן בייזיין ביי דער דאָזיקער אַטראַקציע.

זיין עלטערער זון זלמן הי״ד, האָט געש׳מט אין קלעצק אַלס לץ, אויך אויפן חשבון פון זיין פאָטער, ר׳ מאָטקע האָט זיך נישט געניטיקט אין קענשאַפט פון פרעמדע שפּראַכן. מיט דער אויסערלעכער גוישער וועלט

האָט ער געהאַט גאַנץ ווייניק צו טאָן. פלעגט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אין הויז אַ גוי, אָדער דער פּאָסט־טרעגער האָט געבראַכט אַ רעקאָמאַנדירטן בריף און געפאָדערט אַ חתימה, לויפט ר' מאָטקע צו זיין פרוי און זי דערליידיקט די נויטיקע ענינים. איינמאָל איז געשען און ר' מאָטקע, אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי, איז געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו אַ פּוילישן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אים באַפוילן צו עסן וואָס מער פּרוכטן: „אָוואָצי", אויף פּויליש. ביידע האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט און אויף צוריקוועגס האָבן זיי געח'זרט דעם אומפאַרשטענדלעכן אויסדרוק ביז זיי האָבן אַנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנטן ייד, וועלכר האָט זיי דערקלערט די באַדייטונג פון וואָרט...

פון ר' מאָטקעס חדר בין איך איבערגעגאַנגען אין דער ישיבה קטנה, וועלכע ס'האָט אַנגעפירט הרב ר' דוד דוב קריזער ז"ל. דעם ערשטן שעור האָט דאָ געזאָגט ר' יצחק הכהן פון טימקאָוויטש, אַ באַשיידענער ערלעכער תלמיד חכם, אַ תלמיד פון סלוצקער ישיבה. ער האָט אונז גרינטלעך צוגעגרייט צו זעלבסטשטעדיקן לימוד פון גמרא.

נישט אַלע מיינע חברים פון ישיבה קטנה האָבן ממשיך געווען זייער לימוד, אַ טייל זענען אַריבער אין וועלטלעכע שולעס, אַנדערע האָבן געלערנט אַ פאַך.

ה.

ווי פריער דערמאָנט, איז אונזער הויז געווען שטענדיק פול מיט מענטשן פון אַלע קרייזן. עס האָט זיך דאָ געשפּירט דער גייסט פון דער צייט. אַרום די טישן האָט מען דיסקוטירט וועגן די אַקטועלע פּראָבלעמען. איך זיך פון דער זייט און הער זיך צו. דער טאַטע איז געווען אַ מייסטערהאַפטער דערציילער. ער האָט געשילדערט דאָס אַמאָליקע צאַרישע רוסלאַנד, און איבערהויפּט דעם יידישן לעבנס־שטייגער — צוליב מסחר האָט ער פיל גערייזט אין די געגנטן פון טיף־רוסלאַנד. ווי אַ טיפּיש ליטווישער ייד האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג צו דער עם־הארצות אין די קהילות פון וואָלין און בעסאַראַביע. מיט איראָניע האָט ער געשילדערט די דאָרפישע יידן אין יענע געגנטן, אָפּגעריסן פון די תורה־צענטרן.

זייענדיק אַ ייד אַ משכיל, איז ער געווען אַ טיפּ פון אַ בעל הבית, אַ ליטוואַק, אַ אוהב תורה, וועלכער שעצט תלמידי חכמים און איז צוגעבונדן צו דער טראַדיציע פון די דורות. ער האָט זיך באַמיט דערציען זיינע קינדער אין גייסט פון תורה און טראַדיציע, און דערביי אויך פאַרברייטערן זייערע האָריזאָנטן דורך אַ געהעריקער אַלגעמיינער בילדונג.

מיין עלטערער פעיקער ברודער האָט פאַרגעזעצט זיינע לימודים אין אַ גימנאַזיע אין ניעסוויזש אונטער דער אויפזיכט פון טאַטן — ער זאָל זיך נישט דערווייטערן פון דער טראַדיציע. ביז היינט, אין פראַנקרייך איז ער געבליבן טריי דעם יידישן לעבנס־שטייגער.

ו.

דאָס דינאַמישע שטעטל האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אינטערעסאַנט בילד.

אָט, למשל, דער אַלטער בית מדרש, ווו מיין פאָטער האָט געדאַוונט אויף זיין שטענדיק אָרט ביי דער מזרח וואַנט. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט די עליטע פון שטעטל מיטן אַלטן רב אין דער שפּיץ, און דעם בית מדרש האָט געהערשט אַ באַשטימטער אַנגענומענער נוסח מיט באַוווּסטע בעלי־תפילה. די מתפללים זענען געווען די גרעסטע לומדים און די חשובסטע בעלי־בתים, די גבאים, בכבודיקע זקנים, אפילו דער שמש איז געווען אַ תלמיד חכם, און לויט זיין שטימע און באַטאָנונג ביי מאַכן „מי שברך" האָבן מיר געקענט פעסטשטעלן אויף וויפל די נדבה האָט אים צופרידנגעשטעלט... דאָס זעלבע ביי מאַכן „אל מלא רחמים". צוליב זיין שטרענקייט האָבן מיר אים אָנגערופן „דער בייזער שמש". געפירט האָט ער זיין הערשאַפט מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט געהאַט אַ העלפער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די פּשוטע רייניקונגס־אַרבעטן. ער האָט געדענקט די נעמען פון אַלע מתפללים און זייערע עלטערן.

צווישן די בעלי־תפילות האָט דעם ערשטן אָרט פאַרנומען ר' שמואל לייב דער בעל מוסף אין די ימים נוראים, וועלכן מען האָט אָנגערופן „בענדזשיק", מיר איז אומבאַוווּסט צי איז דאָס געווען אַ לויב, אָדער אַ גנאַי־וואָרט. אַ קליין־וווּקסיקער, פּיפּיקער ייד. ווען ער האָט שוין איבערגעשפּרייזט די 80ער יאָרן האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זיין לאַנגיעריקער חזקה אויפן עמוד פון תפילת־מוסף. אין דער יוגנט געווען אַ משורר ביי באַרימטע חזנים און געהאַט גרויסע אַמביציעס צו חזנות. פאַרמאָגט אַ גאַנץ אַנגענעמע שטימע, דאַקעגן האָט ער נישט אָפּגעהיט די כללים פון דקדוק און פונקטואַציע. אין תפילה־נוסח פלעגט ער אַריינמישן זיינע אייגענע צוגאָבן. למשל, די תפילה „הנני העני ממעש" פלעגט ער פאַרענדיקן מיט „סאָטעניו", אָדער „טאַטע זיסער". ווען ער פלעגט זיך צעציקלען אין דער יום־כפּורדיקער תפילה פון דער כוהנים־עבודה ביי פאַלן כורעים, פלעגט ער צום געוועגלעכן „וויי" צוגעבן „אוי ווי צו מיר" און ד.גל. דידאַזיאַקע משונהדיקע אייגנשאַפט האָט אַמאָל גורם געווען אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן אים און די מתפללים פון מזרח־וואַנט, וועלכע האָבן געטענה'ט אַז דאָס איז אַ נישט דערלאָזבאַרע זאַך. איבערהויפּט האָט זיך געקאַכט ר' מאָטקע מלמד. ער האָט פאַרגעוואָרפן שמואל לייבן, אַז ער זאָגט נישט די עברי ווי געהעריק, באַטאָנט נישט די דגשים און תנועות, שטעלט זיך אָפּ ווו מען דאַרף נישט און נאָך.

ר' שמואל לייב פלעגט אים אָפּענטפערן מיט סאַרקאַזם: — „אַ מלמד בלייבט אַ מלמד, וואָס פאַרשטייט ער אין געזאַנג און אַקטאָוועס? איז דען מעגלעך לייגן אַכט אויף אַזעלכע קלייניקייטן, ווען דו שוועבסט אין די הויכע ספערן פון נגינה און גיסט די תחנונים פאַרן רבונו של עולם?"

זייענדיק חושד ר' מאָטקען, זיין קאָנקורענט, אַז ער שטרעבט ירשענען זיין אָרט ביים עמוד, האָט ער צוגעגעבן מיט שפּאָט: — „אַ ייד, וועלכער קען נישט אונטערשיידן פון אַ ציג ביז אַ באָק קומט זאָגן אַ מיינונג אין אַזעלכע איידעלע ענינים ווי נגינה" — אין דעם האָט געשטעקט אַ געוויסע אַנדייטונג.

ליצנים אין קלעצק האָבן דערציילט, אַז ר' מאָטקע האָט איינמאָל געקויפט אַ ציג צום מעלקן. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז גאָר געווען אַ באָק. ר' מאָטקע איז באַשטאַנען אויף זיינס, אַז עס קען נישט געמאָלט זיין אַ באָק אָן הערנער און אָן אַ באָרד. דאַקעגן האָט זיין פרוי געטענהט: — ווי קען עס געמאָלט זיין אַ ציג אָן אַ הייטער? אַ נאָענטער שכן, אַ קצב, האָט לסוף געפונען דעם באַשייד...

אויסער חזנות האָט ר' שמואל לייב זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע בוי־אַרבעטן און בוי־פּלאַנירונגען: ער האָט פאַרמאָגט אַ פאַבריקל פון סאָדע־וואַסער, וואָס זיין טאָכטער דינה האָט פאַרקויפט אין אַ קיאָסק.

זיין נאָענטער שכן ר' לייב יוסף משה'ס האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט פּראָדוצירן סאָדע־וואַסער, אַלס צוגאָב צו אַ טיי־בופעט („טשאַינע") פאַר פויערים. זייערע הייזער און הויפן זענען געלעגן אין האַרטער שכנות, און אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן זיי געפירט אַ שאַרפן קריג וועגן איינשטעלן די גרענעץ־ליניע צווישן זייערע טעריטאָריעס... ר' לייב שטעלט אויף אַ פּלויט, גלייך ווערט ער צושטערט דורך משה לייבן, וועלכער טענה'ט, אַז מען האָט פאַרנומען עטלעכע סענטימעטער פון זיין שטח. די רבנים האָבן זיך שוין מיאש געווען פון ברענגען צו אַן אויסגלייך צווישן זיי. און דער סכסוך איז אַריבער צום קרייז־געריכט אין ניעסוויזש. נישט איינמאָל איז דערגאַנגען אויך צו עיכוב הקריאה, שבת אין אַלטן בית מדרש, דורך איינעם פון די צדדים, וועלכער האָט זיך געפילט באַעוולט. דעם רב און די בעלי־בתים איז שוין נמאס געוואָרן דער דאָזיקער לאַנג־יעריקער סכסוך. מיין פאָטער האָט דערציילט, אַז נאָך דער אַלטער רב, דער מחבר פון „היכלי שן", האָט אַ זאָג געטאָן צו די צוויי קעגנער וועלכע זענען געקומען צו אים אויף אַ דין תורה: — „בנוהג שבעולם זאָגט מען: איך האָב פערד ווי לייבן. אבער איך, האָב לייבן ווי פערד"... ביידע קעגנער

האָבן געטראָגן דעם נאָמען לייב. ווען ר' שמואל לייב האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קען נישט באַזיגן זיין קעגנער אויפן געריכטלעכן וועג, האָט ער אָנגענומען אַ נייע טאַקטיק. ער האָט באַשלאָסן עפּענען קעגן אים אַ קריג אויפן עקאָנאָמישן געביט — דורך ברענגען אַ נייע מאָדערנע מאַשין צו פּראָדוצירן סאָדע וואַסער.

שמואל לייבס אַ זון האָט געוווינט אין לאָנדאָן. בעת דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, איז ער געווען איינער פון די טעטיקסטע רעוואָלוציאָנערן אין קלעצק און נאָך איר דורכפאַל באַוויזן צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן. ר' שמואל לייב האָט נאָך לאַנגע יאָרן געמאַכט אַ באַזוך ביי זיין זון, און דער לעצטער האָט אים געקויפט אַ נייע מאַשין צו פּראָדוצירן סאָדע. צוריקקערנדיק זיך קיין קלעצק האָט ר' שמואל לייב זיך באַרימט, אַז די מאַשין וועט באַווייזן נסים ונפלאות... די מאַשין איז טאַקע אָנגעקומען, אָבער אַ לאַנגע צייט האָט מען זי נישט געקענט צענויפשטעלן... מיר דוכט, אַז ווען איך האָב פאַרלאָזן קלעצק, אין יאָר 1935, איז נאָך די מאַשין נישט געלאָזן געוואָרן אין גאַנג.

לייבע יוסף משה'ס איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער ייד, און צוגלייך אַ גרויסער קמצן אין צדקה און שטאָטיש־געזעלשאַפטלעכע נויטן. די גבאים פון חברה קדישא האָבן שוין געוואָרפן אויף אים אַן אויג, אַז ווען עס וועט קומען דער באַשטימטער טאָג, וועלן זיי דערלאַנגען דעם ריכטיקן חשבון... די דאָזיקע קלאַנגען זענען דערגאַנגען צו לייבן, און אים שטאַרק אויפגערעגט. האָט ער באַשלאָסן להכעיס די גבאים דורכפירן אַ וווילטעטיקן טאַט. גראָדע איז דאַן באַשעדיקט געוואָרן די שטאָטישע באָד. אין בית מדרש האָט מען שבת מעכב געווען די קריאה. די אספות ביים רב האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. איז דערשינען ר' לייב יוסף משה'ס מיט אַ דערקלערונג, אַז ער אינוועסטירט אַ באַדייטנדע סומע געלט אויף רעמאָנטירן די באָד, פאַרזיכערנדיק זיך פריער די הכנסה פון די קומענדיקע עטלעכע יאָר כדי צו דעקן די הוצאות — און קלעצקער יידן האָבן ווידער פריי אָפּגעאָטעמט...

ז.

די בימה פון בית מדרש האָט געדינט ווי אַ מחיצה צווישן די פאַרשידענע שיכטן. אויבן ביי דער מזרח וואַנט האָבן געהויזט די בעלי־בתים לויט זייער יחוס, רייכקייט, לומדות און ד. גל. האָבן זיך ביי דער מערב וואַנט קאָנצענטרירט די „עמך", ווי בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות, פערד־הענדלער און סתם פּראָסטאַקעס און בטלנים. עס איז קענטיק געווען אַן אַנטאַגאָניזם צווישן זיי. מען האָט באַשולדיקט די „פּני" פון שטאָט, אַז זיי נעמען צו פאַר זיך די בעסטע עליות, האַלטן זיך גרויס, עקספּלאָאַטירן די פאָלקס־מאַסן דורך דער קאַראָבקע און רעכענען זיך נישט מיט זייערע מיינונגען. די דאָזיקע שטימונגען פלעגן קומען צום אויסדרוק אין באַשטימטע פאַלן; איבערהויפּט בשעת עיכוב הקריאה אין די שבתים. דער ענין האָט געקענט זיין אַ נישט וויכטיקער, אָבער דאָ האָט מען געקענט אויסנוצן די געלעגנהייט. אָט האָט דער חזן פאַרענדיקט די תפילה און שפּרייזט געלאַסן צום ארון־קודש אַרויסנעמען די ספרי תורה, פּלוצעם פאַרשטעלט אים עמעצער דעם וועג, הויבט אויף די האַנט און רופט אויס, הויך אויפן קול: איך בין מעכב די קריאה. דער דאָזיקער אויסרוף פאַרמאָגט אַ באַזונדערע באַדייטונג. דער חזן טרעט צוריק, זעצט זיך אויף זיין אָרט און וואַרט אויף די אָנווייזונגען פון רב און די גבאים. דער אַלטער רב האַלט, אַז עס איז נאָך נישט געקומען דער מעמענט פאַר זיין אַריינמישונג. קודם כל זאָלן די טענות פאַרגעשטעלט ווערן פאַרן קהל, דאַן וועט ער אַרויסזאָגן זיין מיינונג. מעגלעך אַז ס'וועט געפונען ווערן אַ פשרה, וועלכע וועט צופרידן שטעלן אַלע צדדים און זייערע מנהיגים.

דער עולם קאָנצענטרירט זיך ביי דער בימה, עס הויבן זיך אָן שטורמישע ויכוחים. עס ווערט פאַרגעסן דער הויפּט מחותן, דער איניציאַטאָר פון עיכוב הקריאה און זיינע טענות וועגן אַ שכן וועלכער האָט איבערגעשריטן זיין גרענעץ, אָדער אַ באַשולדיקונג און ד. גל.

אויב עס איז שוין אונטערגעקומען די געלעגנהייט — פאַרוואָס נישט אַרויסרוקן די שטענדיקע, אַקטועלע פּראָבלעמען, וועלכע קומען נישט צו אַ באַפרידיקנדיקע לייזונג?

שרייט אויס איינער: — וואָס וועט זיין מיטן איינגעפאַלענעם פּלויט אַרום דעם בית הקברות, ווו ציגן שפּאַצירן?

שפּרינגט אַרויס אַ צווייטער: — וואָס רעדט מען דאָ וועגן בית עולם. פאַרוואָס פאַרשווייגט מען די אָרדנונגען אין בית מדרש? פון צוויי אויוונס ווערט באַהייצט נאָר איינער, און דאָס אויך נישט ווי געהעריק. נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג קומט מען אין בית מדרש אַריינקוקן אין אַ ספר, אָדער אויסהערן אַ דרשה פון אַ מגיד, און מען ציטערט פון קעלט. דער שמש טענה'ט, אַז די גבאים האָבן נישט צוגעשטעלט גענוג ברענהאָלץ און נישט געזאָרגט וועגן אַ רעמאָנט פון צווייטן אויוון. איז דאָס פּאַסיק פאַר אַזאַ שטאָט ווי קלעצק? און ווו איז דער רב וועלכער דאַרף אַרויסזאָגן זיין וואָרט וועגן דעם ענין? — פאַרענדיקט ער.

אַלע אויגן ווענדן זיך קודם כל צו ר' גדליה פּיש דעם גבאי. ער, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרטאָן אין חומש מיטן „כלי יקר" הויבט אויף די אויגן, באַטראַכט געלאַסן דעם עולם, צי איז שוין געקומען זיין צייט צו ענטפערן.

אַ טייל מתפללים ווענדן זייערע בליקן צו דער מערב וואַנט. דאָרט זיצט ר' איטשע דער מוליער, אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. אַ שטילער באַשיידענער ייד און זיינע שכנים, די בעלי מלאכות און בעלי עגלות, זענען קנטיק צופרידן, וואָס מען דאַרף זיך ווענדן און אָנקומען אויך צו אַ זייעריקן.

ר' גדליה ענטפערט קורץ און שאַרף: — „איך טענה שוין לאַנג, אַז דעם אויוון דאַרף מען פאַנאַדערנעמען און אויפשטעלן אַ נייעם, אויך דעם קוימען מוז מען רעמאָנטירן".

איצט טרעט אַרויס ר' גדליה און הויבט זיך אָן פאַרענטפערן: — „רבותי, די קאַסע איז פּוסט. מען באַצאָלט נישט די חובות פאַר נדרים און עליות. פינוואַנען זאָל איך נעמען געלט אויפשטעלן אַ נייעם אויוון?" זיינע דערקלערונגען איבערצייגן נישט, מען הערט פאַרשידענע פאַרשלאָגן, דער טומל און געפּילדער ווערט שטאַרקער. ענדלעך ווערט דער עילם מיד פון די לאַנגע ויכוחים. איינער דערמאָנט, אַז עס איז שוין גאַנץ שפּעט, און די טשאָלנטן ווערן קאַלט... באַמיט מען זיך צו פאַרענדיקן דעם ויכוח: אויך דער אַלטער רב האָט שוין באַוויזן צו פאַרענדיקן די פּרשה. און וואַרפט אַ בליק אַרום זיך. טראָגט איינער אַריין אַ פאַרשלאָג וועגן צענויפרופן מוצאי שבת אַן אַספה ביים רב אין הויז, און דאָרט אַרומריידן די אַלע פראַגן און געפינען אַ געהעריקע לייזונג. דער פאַרשלאָג ווערט אָנגענומען. דער חזן באַקומט אַ ווונק, שפּרייזט צום ארון קודש און הויבט אָן די תפילה „ויהי בנסוע הארון". עס דערהערט זיך נאָך פון ערגעץ אַ ברום: — „אָבער וואָס וועט זיין מיטן צובראָכענעם פּלויט אויפן בית הקברות?" אָבער דער קהל שטילט אים איין: שאַ, שאַ, נו, נו... דער ספר ווערט אַרויסגענומען פון ארון. די געמיטער באַרויקן זיך. מען טרעט צו צו קריאת התורה. אַלע זענען צופרידן,, וואָס ס'זענען אויסגעמיטן געוואָרן שאַרפע אינצידענטן. נאָר ר' גדליה דער גביא, וואָס איז געטאַדלט געוואָרן האָט אַ שטאַרקן פאַרדרוס, וואָס קיינער האָט אים נישט אונטערגעשטיצט... ער דראָט מיט דעמיסיע. אָבער קיינער נעמט דאָס נישט ערנסט. ער גייט אַרויף אויף דער בימה, טיילט ווי שטענדיק די עליות און די אָרדנונג ווערט צוריקגעשטעלט.

וואָס האָט מען באַשלאָסן אויף דער אַלגעמיינער אַספה און צי זי איז בכלל פאַרגעקומען? — ווייס איך נישט. אָבער ר' איטשע דער מוליער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ער נעמט פאַנאַנדער דעם אויוון און שטעלט אים אויף דאָסניי, אין איינקלאַנג מיט זיין פּלאַן.

צווישן די פּשוטע „עמך" יידן איז געווען פּאָפּולער דער בעל־עגלה דניאל מיטן צונאָמען „מאָדעדע" — ווייל ער איז געווען אַ שטאַמלער. אויף זיין מזל איז ער געווען אַ כהן. אין די יום טובים ווען די כהנים טרעטן אַרויף אויף דער בימה, הויבן אויף די הענט צו ברכת־כהנים, פאַרענדיקן

מיטן אויסרוף „באהבה" און ווארטן אויפן „אמן" פון קהל — האָבן אייניקע פון די נאָענטע צו דניאלן אויפגעכאַפּט אַ משונהדיקן אויסדריק פון זיין מויל. האָט מען באַשלאָסן צוזיילן דאָס אַרויסזאָגן דעם „באהבה", וואַרטן אויף דניאלס אויסדרוק און אויסגעפונען זיין באַדייטונג... ווי דערשטוינט זענען אַלע געוואָרן, ווען פון דניאלס מויל האָט זיך דערהערט דער אויסרוף „בראווא"... דער עולם פאַרגייט זיך פון געלעכטער, און דניאל פאַרלאָזט אַן אויפגערעגטער די בימה...

מיר האָבן דערמאָנט בלויז געציילטע. אָבער דער בית־מדרש איז געווען פול מיט תלמידי חכמים. אַט זיצט אין מזרח ווינקל דער אַלטיטשקער ר' משה הירשקער הכהן, דער אַמאָליקער הויפּט בעל תפילה, אַ נאָבעלע פּקחותדיקע געשטאַלט. אין דער לינקער זייט פאַרנעמט זיין אָרט ר' שלום שמעיה לייב'ס לעמפּערט, אַ גדול אין תורה און יראה, אַ מאַנופאַקטאָר סוחר, אַ געוועזענער תלמיד פון וואָלאָזשינער ישיבה, אַ חבר פון הרה"ג סאָלאָווייטשיק פון בריסק. ר' מיכאל טרובאַוויטש, אַ טייערער האַרציקער ייד, פאַרנעמט זיך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט לטובת נויט־באַדערפטיקע. ר' משה ניצבערג, אַ בכבודיקער סוחר, אַ תלמיד חכם, אַ איבערגעגעבענער ציוניסט און נאָך און נאָך.

ח.

נעבן דעם בית־מדרש איז געשטאַנען די גרויסע „קאַלטע שול", אַ שיינע געביידע. (איר האָט מען נישט באַהייצט, אַזוי איז געווען איינגעפירט פון דורות).

די גבאים, בכבודיקע בעלי בתים ווי ר' שבתי דוב מאניער און נחקע משה אשר'ס, נחמן אגולניק, אַ תלמיד חכם און אַ אויס־געצייכנטער בעל תפילה. די „קאַלטע שול" האָט געהאַט אַ צווייטראַנגיקן מעמד אין פאַרגלייך מיטן אַלטן תיב־מדרש. די מתפללים האָבן זיך דאָ רעק־רוטירט פון די פּראָגרעסיווע שיכטן. דאָ האָט מען געקענט זיך דערלויבן שמועסן בשעת קריאת התורה. און די תפילות זענען אָנגעגאַנגען אין אַ שנעלערן טעמפּאָ. דער אַלטער רב האָט זיך נוהג געווען באַזוכן די שול נאָר שמחת תורה, און בכלל איז די אַלגעמיינע אַטמאָספער דאָ געווען אַ ציוניסטיש־מאָדערנע.

בשכנות האָט זיך געפונען די קליינע שול „פועלי צדק", וועלכע מען האָט גערופן „דער שולכ'ן". דאָ האָבן געדאַוונט די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מענטשן. דאָ האָט געפירט זיין הערשאַפט ר' שלומקע דער בית־דין שמש, אַן אַלטיטשקער קליין־געוואקסיקער ייד, וועלכער האָט נאָך באַדינט דעם אַלטן רב ר' שלום בער. דאָ האָט ער געהאַלטן זיינע דרשות פאַר די פשוטע יידן, און אַ טייל פון זיי האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אַ ספר אונטערן נאָמען „עושה שלום". ער איז אויך געווען דער שטאָטישער מספיד.

מיט מיין אַריינטריט אין דער ישיבה קטנה בין איך טיילווייז אָפּגעריסן געוואָרן פונעם שטייגער אין אַלטן בית מדרש. דעם ערשטן שעור אין ישיבה האָט געזאָגט ר' יצחק הכהן פון טימקאָוויטש און דער ראַדזשימאַנ־טער קלייזל. ווען איך בין איבערגעגאַנגען צום העכערן שעור פון הרב דוב קרייזער אין צעפּרער קלייזל, האָב איך שוין געדאַוונט אין די שבתים אין דער „עזרת נשים" צוזאַמען מיט אַלע ישיבה־בחורים און געהערט דעם שמועס פון משגיח. דאָ האָט שוין געהערט אַ גאַנץ אַנדערע, טיפּיש ישיבה־שע אַטמאָספער, מיט אַלע אירע ספּעציפישע אייגנשאַפטן.

ט.

עס זענען אָנגעקומען די טעג פון דער דריטער עליה. אין קלעצק האָט געבראַוזט אַן אַקטיוו ציוניסטיש לעבן. אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן דאָ געפירט זייער טעטיקייט. ציוניסטישע רעדנער פלעגן אויפטרעטן אין שטעטל און באַגייסטערן די יוגנט רופנדיק צו עליה.

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן דער ערשטער באַזוך פון חיותה בוסל פון דגניה. זי האָט געהאַט דאָ צוויי ברידער, איינער ר') משה פינחס גאָוזע, אַ טעקסטיל פאַבריקאַנט, אַ פאַרברענטער חסיד. געבוירן אין דער שכנותדיקער לעכעוויטש, האָט ער זיך באַזעצט אין קלעצק אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ לעבנסלוסטיקער, דינאַמישער און פּקחותדיקער ייד, פלעגט ער אויסשפּילן אויף זיין פידעלע פאַרשידענע חסידישע ניגונים אין באַשטימטע טעג, ווי מוצאי שבת און יום־טוב, חול המועד סוכות, אויף די פייערונגען פון שמחת בית השואבה און ד. גל. געווען פון די טעטיקסטע טוער פאַר דער ישיבה, צוזאַמען מיט ר' חיים פימשטיין, ר' אליעזר כהן, ר' זיסל מילער און אַנד. אויף די פייע־רונגען אין דער ישיבה האָט מען געקענט זען ווי ר' משה פינחס שפּילט און ר' חיים פימשטיין טאַנצט. איך בין איינמאָל געווען אַ צושויער פון אַן אייגנאַרטיקן פאַרמעסט צווישן זיי ביידע: ר' חיים פימשטיין האָט פאַרגע־זעצט זיין ריקוד אין דער צייט, ווען ר' משה פינחס איז שוין געווען אויף אַזויפיל מיד, אַז ער האָט געמוזט איבעררייסן זיין שפּילן...

חיותה איז געקומען אין קלעצק אויף אַ באַזוך צוזאַמען מיט איר קליין טעכטערל הדסה. האָבן זיך קלעצקער יידן געחידושט, וואָס די קליינע פאַר־שטייט נישט קיין שום אַנדער שפּראַך אויסער עברית. אירע פשוטע האַרציקע שילדערונגען וועגן לעבן אין לאַנד האָבן באַגייסטערט דעם עולם. פרויען האָבן געשפּענדעט זייער צירונג און די קידושין־ר"נגען לטובת בנין הארץ.

י.

פון מיין פריסטער יוגנט אָן בין איך געווען אַן אָנהענגער פון ציוניזם און ישוב ארץ ישראל. ערשטנס, ווייל דער ציוניסטישער גייסט האָט גע־הערשט אין אונזער שטוב; און צווייטנס — צוליב דעם שאַרפן אַנטיסע־מיטישן קורס אין פוילן

אין קלעצק גופא האָט געהערשט אַן אויסגעשפּראָכענער שונא ישראל, אַ פּאָליציי קאָמענדאַנט וועלכער האָט געהאַלטן אין איין אָנטאָן צרות די יידישע באַפעלקערונג. די יוגנט האָט נישט געזען פאַר זיך קיין שום פּערס־פּעקטיוון.

מיין עלטערער ברודער, למשל, נאָכן ענדיקן מיט אַן אויסצייכנונג די גימנאַזיע איז נישט אָנגענומען געוואָרן אין קיין הויך־שול אין פוילן און איז געצוווּנגען געווען צו עמיגרירן קיין פּאַריז.

מיין פאָטער ז"ל איז געווען פון תמיד אָן אַ חובב ציון, און מיר אַלע האָבן נאָכגעפאָלגט מיט גרויס שפּאַנונג אַלץ וואָס קומט פאָר אין ארץ ישראל.

מיין שוואָגער צבי מאניער, האָט עולה געווען נאָך אין יאָר 1925. צום באַדויערן האָט ער נישט באַוויזן זיך איינאָרדנען און איז געצוווּנגען געווען זיך צוריקקערן צו זיין משפּחה. מיר אַלע האָבן נישט באַרעכטיקט זיין אייליקן שריט, און אונזער צוגעבונדנקייט צום לאַנד איז נישט אָפּגע־שוואַכט געוואָרן.

יא.

פון דער ישיבה קטנה, בין איך אַריבער אין דער ישיבה גדולה, וועלכע האָט געציילט אַ ערך 250—300 תלמידים, צווישן זיי גרויסע לומדים און מתמידים, וועלכע האָבן זיך דערהויבן צו גרויסע מדרגות פון מוסר. די ישיבה אין קלעצק, האָט זיך געפירט אין גייסט פון די מוסר־ישיבות, און באַרימטע משגיחים האָבן דאָרט געפּריידיקט זייער לערע פון מוסר און חסידות. לאַנגע יאָרן האָט דאָ געדינט אַלס משגיח הרב ר' יוסף לייב גענעדיק זצ"ל, אַ תלמיד פון דער באַרימטער קעלמער „תלמוד תורה", געגרינדעט דורך ר' שמחה זיסל זיוו, דער גרויסער תלמיד פון ר' ישראל סאלאנטער, דער פאָטער פון דער מוסר־באַוועגונג. די תלמידים פון קעלם, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער באַזונדערן פּעדאַגאָגישן צוגאַנג, זייער הויפּט ציל איז באַשטאַנען אין פאַרטיפן און אַנטוויקלען דעם מענשלעכן געדאַנק און באַטראַכטונג. זיי האָבן געשטרעבט צו גייסטיקער און מאָראַלישער פאַרפולקאָמונג אין דער הויבונג. אויפן געביט פון מוסר, זענען געווען טע־טיק אין ישיבה אויך אַנדערע משגיחים, צווישן זיי הרב ר' יחזקאל

לעוונשטיין שליט"א, היינט דער גייסטיקער לייטער פון דער ישיבה אין בני ברק.

איך בין געווען צווישן די מתמידים אין ישיבה און זוכה געווען צו אַ באַזונדערער באַציונג מצד דעם ראש הישיבה, הגאון ר' אהרן קאָטלער שליט"א. אַ חשובן אָרט אין דער ישיבה האָט פאַרנומען הרב ר' אליעזר מנחם שאך שליט"א, אַ תלמיד פון סוצקער ישיבה. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער פלימעניצע פון הגאון ר' איסר זלמן מעלצער און אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס צו די ייִנגערע בחורים וועלכע ער האָט געלערנט און דערצויגן צו זעלבסטשטענדיקער פאָרטיפונג פון געדאַנק. זיין אויסער־געוויינלעכע התמדה און אנגענעמע הסברה האָבן צוגעצויגן פיל תלמידים. הרב שאך האָט זוכה געווען מציל צו ווערן מיט זיין פאַמיליע, און ער איז ראש הישיבה אין פאַניעוועזשער ישיבה אין בני ברק.

יב.

עס שווימען אויף אין זכרון אייניקע פון מיינע חברים מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געלערנט פיל יאָרן אין דער ישיבה. ר' ישראל נחמאוויטש הי"ד, אַ זון פון אָרעמע עלטערן, אַ מתמיד, אַ גדיל אין תורה און מידות, אַ לויטערע געשטאַלט.

דוד גרינבערג הי"ד, אַ בחור מיט גרויסע פעיקייטן, פול מיט לעבן און פּיקחות, אים איז געלונגען זיך אַרויסראַטעווען פון די נאַצישע נעגל, אָבער געשטאָרבן אין רוסישן גלות אויף אַ טיפוס־קראַנקהייט.

לייבע אַלטמאַן פון סטאָלפּצי, יעקב מארגאלין פון ניעסוויזש, משה זימאַן פון בריסק, ר' יצחק פעקארסקי פון סטאָצק, אַ גדול אין תורה און אַ גרויסער מתמיד, ואחרון אחרון חביב, מיין טרייער יוגנט־חבר דוב מאיראוויטש הי"ד, זיי און פיל אַנדערע האָב איך אַ סך צו פאַר־דאַנקען. גרויס און אויפריכטיק איז געווען אונזער פריינטשאַפט. און גרויס איז געווען זייער פרייד, וואָס איך, כמעט דער איינציקער, האָט זוכה געווען עולה זיין קיין ארץ ישראל.

דאָס לעבן אין דער ישיבה איז געפלאָסן מיט זיין שטייגער. אין יאָר תר"ץ, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער פּרעכטיקער בנין פון דער ישיבה, און זי האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די גרעסטע תורה צענטרן אין פוילן און ליטע. פון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה אין אויך פון צענטראַל פוילן, דייטשלאַנד און אַנדערע ערטער אין אויסלאַנד האָבן אַהער געצויגן הונדערטער תלמידים.

דער חנוכת הבית, איז פאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד. באַרימטע רבנים און ראשי ישיבות זענען געקומען אָנטייל נעמען אין דער שמחה. איבערהויפּט האָט באַשיינט די פייערונג דער באַליבטער געשעצטער גאון הרב ר' איסר זלמן מעלצער ז"ל, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון ירושלים.

איך האָב געהאַט די זכיה צו געניסן פון זיין ליכט. און האָב אים נאָך געדענקט פון די פריערדיקע יאָרן, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין קלעצק איבערגייענדיק די גרענעץ פון סלוצק אויף זיין וועג קיין ארץ ישראל. דאָס איז פאַרבליבן אַ טיפע איבערלעבעניש. טויזנטער קלעצקער איינוווינער, מיטן קריסטלעכן בירגערמייסטער אין דער שפּיץ, האָבן אים דאַן באַגלייט אויף זיין וועג. אָבער דאַן בין איך נאָך געווען צו יונג איך זאָל קענען ווי געהעריק אָפּשאַצן די גרויסקייט פון זיין פערזענלעכקייט.

אַ גאַנצע וואָך האָבן געדויערט די פייערונגען פון חנוכת הבית. די גאַנצע שטאָט, האָט אָנטייל גענומען אין דער שמחה. אַלט און יונג, רבנים און גאונים, האָבן זיך געפרייט און געטאַנצט און פון פיל אויגן האָבן גערונען טרערן. בשעת די טענץ, האָט מען געקענט באַמערקן, ווי דער גאון און צדיק הרב אלחנן וואַסערמאַן, ראש ישיבה אין באַראַנאָוויטש, בויגט זיך איין און קושט די פּאָלעס פון ר' איסר זלמנ'ס זשופּיצע, און דער צדיק ר' ישראל יעקב ליובטשאנסקי, דער גייסטיקער לייטער פון באַראַנאָ־וויטשער ישיבה — אַפּלאָדירט און צוגייט זיך פון טרערן פון פרייד און נחת.

אין אייניקע יאָר אַרום, איז געקומען קיין קלעצק הרב ר' צבי יהודה מעלצער שליט"א, דער זון פון ר' איסר זלמן און שוואָגער פון ראש הישיבה ר' אהרן קאָטליער שליט"א. ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס משגיח און גייסטיקער לייטער. ער איז עולה געווען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זיין פאָטער, און ווידער זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל אין יאָר תרצ"ד.

יג.

אינצווישן איז אָנגעקומען די צייט פון מיין מיליטער־דינסט.

דער דינסט אין פוילישן מיליטער, איבערהויפּט פאַר אַ רעליגיעזן ייִד, איז געווען אַן אָפּשטויסנדיקע זאַך. מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז מיך באַפרייען דערפון. און דער איינציקער וועג איז געווען עליה. אָבער נישט לייכט איז געווען קריגן אַ סערטיפיקאַט.

מיין פאָטער האָט זיך געווענדעט צום ראש ישיבה. נאָך לאַנגע וואַקלע־נישן, האָט ער מסכים געווען צו קריגן פאַר מיר אַ עליה־דערלויבניש, ווי פאַר אַ תלמיד־סטודענט אין איינער פון די ישיבות אין ארץ ישראל. ער האָט געהאַט זיינע באַגרינדעטע חששות, אַז קומענדיק אין לאַנד וועל איך אַריינגעצויגן ווערן אין אַלגעמיין חלוצישן שטראָם און אָפּגעריסן ווערן פון לימוד התורה. עס איז אויך אַנטשטאַנען די שווערע פראַגע אויף וועלכן וועג און אופן צו באַקומען דעם סערטיפיקאַט. די מחלקת העליה, האָט באַקומען אַ באַשטימטע צאָל סערטיפיקאַטן פאַר תלמידים־סטודענטן, און פון זיי אויסגעטיילט אויך פאַר די ישיבות. עס איז געווען אַ האָפענונג, אַז קלעצקער ישיבה וועט אפשר באַקומען צוויי סערטיפיקאַטן. אָבער די דאָזיקע צוויי „זיכערע" ערטער זענען שוין באַשטימט געוואָרן דורכן ראש ישיבה פאַר צוויי באַזונדערע פאַלן: איינער — אַ קראַנקער תלמיד, פאַר וועמען די עליה איז געווען אַ פראַגע פון דערהאַלטן ביים לעבן, דער צווייטער — משפחה־פאַרהאַלטענישן האָבן אים געצווונגען צו אַ וואָס שנעלער עליה.

איך האָב געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַ הבטחה, אַז דער דריטער אָרט איז פאַרזיכערט פאַר מיר, אין פאַל ווען מען וועט באַקומען אַ דריטן סערטיפיקאַט. דערווייל האָט זיך אויסגעפונען נאָך איינער, וועלכער האָט פּרעטענדירט אויף דעם, אַ דאַנק זיין סטאַזש אין דער ישיבה. דאַן האָט דער ראש ישיבה באַשלאָסן זיך ווענדן דירעקט צו זיין שוואָגער אין תל־אביב, הרב ר' צבי יהודה מעלצער, ער זאָל אָנווענדן אַלע אָנשטרענגונגען און קריגן פאַר מיר דעם געווונשענעם סערטיפיקאַט. און כמעט ווי אומגעריכט האָט די דאָזיקע ווענדונג געבראַכט מיט זיך גיכע רעזולטאַטן.

אין אייניקע וואָכן אַרום, האָב איך באַקומען אַ איינלאַדונג צום ראש ישיבה, און מיט ציטערדיקע הענט האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ עליה־דערלויבניש, וואָס איז אָנגעקומען פאַר מיר פון דער חברונער ישיבה אין ירושלים, אַ דאַנק די באַמיונגען פון הרב צבי מעלצער.

מיטן דערנענטערן זיך פונעם טאָג פון מיין עליה באַווייזן זיך אַלץ מער די שוועריקייטן, וועלכע זענען מיט דעם פאַרבונדן. אין פלוג זענען אַלע צופרידן, דאָך עקבערן אין מוח טרויעריקע מחשבות. מיינע עלטערן זענען טיף פאַראומערט וואָס איך פאַרלאָז זיי אויף די עלטערע יאָרן. מיינע טרייע שוועסטער, וועלכע האָבן געלייגט פיל מי אויף מיין דערציונג, באַמיען זיך איצט מאַכן מיר אָנגענעם מיינע לעצטע טעג אין דער היים. מיין יונגערער 17־יעריקער ברודער דוד, האָט זיך שוין איינגעשפּאַנט אין יאָך פון פרנסה און פירט אָן מיט די ענינים פון מסחר, מיינע טייערע יוגנט־חברים קומען זיך געזעגענען מיט מיר. מיר דערמאָנען אונזערע געמיינזאַמע איבערלע־בונגען און דריקן אויס די האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך ווידער אַמאָל באַגעגענען.

עטלעכע טעג פאַר מיין אָפּפאָר, בין איך געגאַנגען צום ראש הישיבה צו באַקומען זיין אָפּשידס־ברכה.

ער נעמט מיך אויף זייער האַרציק, באַגלייט מיך פון זיין וווינונג אויפן צווייטן שטאָק ביזן טויער, און ווענדעט זיך צו מיר מיט פאָלגענדע ווערטער:

— זענען דאָך באַוווּסט די שוועריקייטן וועלכע מיר האָבן דורכגעמאַכט ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם ציל אַדאַנק דער הילף

פֿון הימל. איך וויל דיר נישט שטעלן אַ סך פֿאָדערונגען, אָבער איין פֿאַרלאַנג האָב איך, וועלכן דו מוזט מקיים זיין. ווען דו וועסט אַנקומען אין הייליקן לאַנד זאָלסטו זיך באַמיען מיט אַלע כּוחות זיין אין דער נאָענטקייט פֿון מיין שוועער הגאון ר׳ איסר זלמן און שעפּן ליכט פֿון זיינע קוועלן, פֿון זיין תורה און יראה, און דאָס צום וויניקסטן אין משך פֿון דריי יאָר. דאַן וועל איך בלייבן רויק בנוגע דיין צוקונפֿט. איך האָב אים געגעבן מיין הבטחה״.

דאַן האָב איך אונטערגענומען אַ רייזע אין די אַרומיקע שטעטלעך, צו שיידן זיך מיט מיינע קרובים. צוערשט האָב איך באַזוכט באַראַנאָוויטש. דאָרט האָט געוווינט מיין פֿעטער חיים שפּירא, מיין מוטערס ברודער. צו אים האָב איך געשפּירט אַ באַזונדער ליבע. אין יענער צייט, ווען ער האָט אומלעגאַל דורכגעגאַנגען דעם פּויליש־סאָוויעטישן גרענעץ און געקומען אין קלעצק פֿון זיין געבורטס־שטעטל טימקאָוויטש, האָט ער מיך באַצויבערט מיט די וווּנדערבאַרע דערציילונגען פֿון זיין לעבן. פֿאַרן ערשטן וועלט־קריג, אין 1913, האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע. געווען אַ בן יחיד ביי זיינע עלטערן, וועלכע האָבן שטאַרק געבענקט נאָך אים. אין 1914 קערט ער זיך אום קיין טימקאָוויטש, ווערט מאָביליזירט אין רוסישן מיליטער און אָפּגע־שיקט אויפֿן פֿראָנט. אין משך פֿון פֿיר יאָר, האָט ער פֿון זיך נישט געלאָזט הערן. פֿון גרויס צער זענען די עלטערן געשטאָרבן.

ווען ס׳האָט זיך געענדיקט די מלחמה איז ער פּלוצעם דערשינען גאַנץ און געזונט. פֿיר יאָר איז ער געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט אין אונגאַרן. זיינע דערציילונגען וועגן אַמעריקע און שילדערונגען פֿון אונגאַרן, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס לייטער פֿון אַ גוט, האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין קינדערשער פֿאַנטאַזיע.

פֿון באַראַנאָוויטש בין איך געפֿאָרן קיין ליאַכאָוויטש, ווו עס האָבן געוווינט מיינע קרובים פֿון דער פֿאַמיליע סאַנדיק, און פֿון דאָרט קיין ניעסוויזש. ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פֿון מיין אָפּפֿאָר: אַ ווינטער־דיקער טאָג אין חודש שבט תרצ״ה (פֿעברואַר 1935).

אַ שליטן האָט שוין געוואַרט ביים שטוב. כ׳געזעגן מיך מיט די נאָענטע און טייערע. דער טאַטע איז גערירט. די מאַמע און די שוועסטערס וויינען, — ווי זיי וואָלטן פֿאַרויסגעזען, אַז ס׳איז די לעצטע געזעגענונג.

דער שליטן דערווייטערט זיך — עס פֿאַרשווינדן אַלע נאָענטע און טייערע, און מיט זיי דאָס שטעטל איינגעהילט אין שניי...

יהי זכרם ברוך ונשמתם צרורה בצרור החיים.

אהרן קאם / ביים טייך

אַזאַ נקמה — די נקמה פֿון בלוט פֿון אַ קליין קינד
האָט נאָך דער שטן נישט באַשאַפֿן
ח. נ. ביאַליק

ליכטיקע זכרונות פֿון ווייטן אַמאָל זענען ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון וועגן מיין געבורטס־שטעטל קלעצק. דוכט זיך ווי ערשט נעכטן האָב איך זי פֿאַרלאָזן, יעדע גאַס און אָרט איז פֿאַרבונדן אין מיין דמיון מיט קינדער־יאָרן — דערינערונגען, יעדער פּרט און געשעעניש גייען אויף אין מיין זכרון.

דער טייך קראַסנאָסטאַוו בלאַנקט נאָך איצט פֿאַר מיינע אויגן, אַזוי ווי דער היפּשער מהלך פֿון די יאָרן וואָלט פֿאַרשווּנדן. אָט דער טייך, וואָס האָט געגרענעצט מיטן שטעטל איז געווען פֿאַר אונדז קינדער אַ מחיה־דיקער אָרט, ווו מיר האָבן זיך געקענט שפּילן. אָט דער אָרט האָט פֿאַר אונדז קינדער געטריפֿט מיט שיינקייט. אויף די סלופּעס דאָרט פֿלעגן מיר קלעטערן און שפּרינגען, און געפֿונען אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די לאַנגווייליקע לימודים. דאָרט האָבן אויך די ישיבה־בחורים געוויזן שווים־קונצן.

אַז עס איז געקומען פֿרייטיק האָבן מאַסן געשטראָמט צום טייך, מ׳איז געפֿאָרן און מ׳איז געגאַנגען צופֿוס. באַזונדערס גרויס איז געווען די פֿרייד פֿון די קינדער, וואָס האָבן אויפֿגעלעבט אין אָט דעם טומל פֿון מענטשן־געדראַנג און פֿון די פֿערד, וואָס האָבן זיך אויך דאַרטן געבאָדן. די קינדער האָבן געשפּריצט וואַסער איינער אויפֿן צווייטן, זיי האָבן זיך אויך אָנגע־האַנגען אויף די ווידלען פֿון די פֿערד אין וואַסער. לוסטיק און פֿריילעך האָבן זיי דאָרטן פֿאַרבראַכט די צייט.

ביים וועג צום טייך איז געווען אַ ריי הויכע בוימער, ווי אַן ערגעץ פֿאַר אַ שטאָטישן גאָרטן. אין די שבתים, זומער, פֿלעגן די יידן פֿון שטעטל גיין אַהין, זיצן אין שאָטן פֿון די בוימער; מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אויפֿן גראָז, מ׳פֿלעגט כאַפּן אַ דרימל און האָבן פֿאַרגעניגן פֿון דער ריינער לופֿט. און אַז עס איז אָנגעקומען דער אָוונט, האָט מען זיך צוגעקוקט צום פֿלאַמענשפּיל פֿונם זון־אונטערגאַנג וואָס פֿאַרכאַפּט דאָס אויג.

ל״ג בעומר פֿלעגט מען דאָרט זיך שפּילן מיט שיסן פֿון פֿייל־און־בויגן, מיטגענומען מיט זיך אייער צום עסן און פֿאַרבראַכט זייער פֿריילעך.

עס דערמאָנט זיך מיר אויך דער „וואַל" אין קלעצק וואָס האָט געגרע־נעצט מיט אונדזער שטוב. אַרום איז געווען אַ גאָרטן פֿון עפּל און באַרן, און פֿון אונדזער גאָרטן האָב איך געקענט זען דעם גרויסן גרינעם אַרום, ווו די קינדער פֿלעגן קומען זעטיקן זייערע אויגן — ס׳איז געווען אַ בלויקייט אויסגעגאָסן אַרום, און עס האָט פֿאַרכאַפּט דאָס האַרץ...

ריקלע געלפאַנד־פּערקול / פֿונדערווייטנס
(בואנאָס איירעס)

אין מיין היים־שטעטל קלעצק, האָב איך געלעבט ביזן יאָר 1924. אין יענעם יאָר בין איך אין אַ העל־זוניקן טאָג אַוועק פֿון שטעטל, אָבער קלעצק איז ביי מיר ביז היינט איינגעבאַקן אין האַרצן, און די בענקשאַפֿט איז באַגלייט מיט צער און יסורים, וואָס מיינע עלטערן יואל דער קצב מיט העניען, עליהם השלום, זענען שוין לאַנג אַוועק פֿון דער וועלט. זיי זענען נאָך געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, און אויך מיינע שוועגעריניס סאָרקע מיין ברודער לייב׳עס פֿרוי, און חנה פּייגל מיין ברודער משה בערל׳ס פֿרוי. אָבער מיינע ברידער זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די קדושים פֿון אונדזער שטאָט קלעצק. אויך מיין שוועסטער שיינדל און שוואָגער משה מיט די קינדער זענען אומגעקומען מיט אַלע קדושים אין קלעצק.

גאַנץ אָפֿט טויכן ביי מיר אויף די זכרונות פֿון ליבן אַמאָל. עס דערמאָנט זיך מיר, ווי דער טאַטע פֿלעגט קומען פֿרייטיק־נאַכט פֿון שול, זיך אַזוי שיין צוזינגען שלום עליכם, עליכם שלום און געפּראַוועט די סעודה מיט זינגען זמירות.

אַ פֿולע שטילקייט, איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן שטאָט מיט׳ן אָנקום פֿון שבת. די מאַמע בענטשט ליכט און עס קייקלט זיך אַ טרער פֿון אירע אויגן.

און אָט איז שבת נאָכמיטאָג, מ׳גייט אויפֿן שפּאַציר אַביסל אויסערן שטאָט. די זון באַשיינט אַלץ אַרום, ס׳בליצט און ס׳פֿינקלט. אָט זינגט זיך אַ מיידל אַ ליבע־מעלאָדיע פֿון באַגער און האָפֿן.

ווי וווּנדערלעך שיין ביזטו דאַן געווען מיין ליב שטעטל קלעצק. ווייט פֿון דיר טו איך בלאָנקען, אָבער ביז מיין לעצטן אָטעם געדענקען וועל איך דיר, מיין ליבע היים־שטאָט פֿון אַמאָל.

יצחק מנקר / „די קולאַקאַטקע"

די „קולאַקאַטקע" — געמיינט אַ הילצערנער קלאַפּער, איז אַמאָל געווען פּאָפּולער איך קלעצק...

און געווען איז עס אין יענע צייטן, ווען קלעצקער ייִדן פלעגן גיין אויף „וואַרטע", ס'הייסט אויף נאַכט־שמירה איבער די גאַסן.

קום איך אַזוי אַהיים, דערזע אויפן טיש די „קולאַקאָטקע", הייסט עס, אַז היינט ביינאַכט דאַרף איך גיין אויף שמירה. איין מאָל אין צוויי מאָנאַט, פלעגן צוויי ייִדן דאַרפן גיין היטן. אָבער אונזער שכן, הרב שלמה ר ב י נ ו ב י ץ, איז געווען פריי פון דער פליכט, ווייל זיין זון, הערשל, איז געווען אַ מיטגליד פון דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע", בין איך געגאַנגען מיטן צווייטן שכן, קושע פ י ש, אַ ייִד וואָס פלעגט אַרומפאָרן איבער די אַרומיקע דערפער און קויפן פאַרשידענע זאַכן. קיין גביר איז ער, פאַרשטענדלעך, נישט געווען. אַז ער פלעגט קומען אין מיטן וואָך אַהיים, איז ער געווען שטאַרק מיד. די קינדער זיינע זענען געווען קליינע, די פרוי חנה, האָט געוואָלט אַז איר מאַן זאָל זיך אָפּרוען, פלעגט זי אנשטאט אים גיין מיט מיר „די וואַרטע".

מיר זענען אַרויס אַ זייגער 11 ביינאַכט, און געדאַרפט היטן ביז פרימאָרגן. די ערשטע שעהן לויפן פאַרביי שנעל. מיר פלעגן גיין אין און צוריק, פון מאַרק ביזן זאַרנעווער געסל, היטן פון פרעמדע מענשן, אָדער חס־וחלילה פון אַ שריפה — אין דעם פאַל האָב מיר געדאַרפט אויפוועקן אַלעמען.

דעם ערשטן וויזיט האָבן מיר אָפּגעגעבן וועלוול דער היטל־מאַכער, אַ פּאָזשאַרניק זינט יאָרן, פלעגט איינטיילן די „וואַרטע", כדי ער זאָל וויסן אַז מיר היטן. פלעגן מיר צוקומען צו זיין הויז, און גוט אָנקלאַפּן מיט דער „קולאַקאָטקע". שלאָפן האָט ער שוין זיכער נישט געקענט, ווייל כמעט יעדע שעה פלעגן מיר אָנקלאַפּן כדי זיך מעלדן, אַז מיר היטן... איך גלויב, אַז אַלע פלעגן אַזוי טאָן, דעריבער טאַקע האָט ער זיך נאָך אַ יאָר אָפּגעזאָגט.

דעם אַמט האָט איבערגענומען איינער פון דעם איינבינדערס זין (ישראל איסר פראָשציצקי). פאַרשטייט זיך, אַז איך פלעג אויך צו אים קומען אָנקלאַפּן אונטערן פענצטער. אַזוי האָבן אויך געהאַנדלט אַנדערע. און אויך ער האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום אָפּגעזאָגט...

יאָ, בעת איך בין געגאַנגען מיט דער פרוי חנה אויף „וואַרטע", האָט זיך מיר די נאַכט אויסגעצויגן, ווי דער ייִדישער גלות... זי, אַן עלטערע פרוי, פלעגט דערציילן כסדר פון איר שווערן לעבן, פון די קינדער, און אויך וועגן איר טרוים צו פאָרן קיין ארץ ישראל. איינמאָל, פאַרטאָג, ווען אין גאַס איז נאָך געווען שטאַרק פינסטער, האָבן מיר פּלוצעם געהערט טריט, ווער גייט עס אַזוי שפּעט, אפשר אַ גנב? איך האָב געהייסן דער פרוי בלייבן שטיין ביים הויז, און אַליין געגאַנגען אַ ביסל נענטער. דאָס האַרץ קלאַפּט, אין האַנט בלויז די „קולאַקאָטקע"... ביז איך האָב דערזען, אַז דאָס איז אפרים דעם קלעזמערס זון, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ חתונה, וווּ ער האָט געשפּילט אויפן פידל פאַרנעמענדיק דעם טאַטנס פּלאַץ... עס איז מיטאַמאָל געוואָרן פרייל‏עך אויפן האַרצן, און מיר האָבן אים באַגלייט ביז זיין הויז.

אַ צווייטן מאָל זענען מיר געגאַנגען אויף „וואַרטע" ווינטער. דער פראָסט איז געווען שטאַרק. אַז עס גייען צוויי מענער בייט מען זיך, איינער גייט אַריין אין שטוב זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען, און דאַן דער צווייטער. מיט אַ פרוי האָב איך נישט געקענט זיך בייטן. איך האָב זי אייניקע מאָל געשיקט אין שטוב זיך אָנוואַרעמען — און איך בין די גאַנצע נאַכט געגאַנגען. און אָט אַריינגייענדיק איינמאָל אין שטוב, האָט זי פאַרגעסן פאַרמאַכן די טיר. קיין שטאַל פאַר איר פערד און וואָגן, איז נישט געווען, — דער וואָגן איז שטענדיק געשטאַנען ביי איר אויפן הויף און דער פערד — אין פאָרהויז. דאָס מיינט, אַז כדי אַריינצוגיין אין שטוב, האָט מען פריער געמוזט אַריין דאָרט ווו דער פערד איז געשטאַנען. אַז די פרוי האָט פאַרגעסן פאַרמאַכן די טיר, איז דער פערד אַרויס אויפן גאַס. עס איז געווען קאַלט און פינצטער, און איך האָב נישט געקענט זיך נאָכיאָגן נאָכן פערד. איז חנה צוגעלאָפן, צום פענצטער ווו איר מאַן איז געשלאָפן אים אָנזאָגן, אַז דער פערד איז אַנטלאָפן. דער ייִד האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און געגאַנגען ברענגען זיין פערד וואָס האָט געשפּאַנט אין מיטן נאַכט, צום ברונעם... קושע האָט אים גענומען פאַר די האָר און אַריינגעפירט צוריק אין שטאַל, דאָס הייסט אין קאָרידאָר פון זיין שטוב. פירנדיק דעם פערד האָט ער נישט געהאַט פאַריבל אויף זיין פרוי, וואָס זי האָט געלאָזן אָפן די טיר, און ער האָט געדאַרפט אין מיטן דער פראָסטיקער נאַכט אַרויסגיין אין דרויסן; עס האָט אים אָבער שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיין פרוי קען נישט אונטערשיידן צווישן אַ פערד און אַ קליאַטשע...

אַ מאָל האָט זיך די פרוי חנה קושעס נישט געפילט גוט: האָט מען באַשטימט די „וואַרטע" מיט אַ הויז ווייטער. די צווייטע פרוי, האָט געהייסן באַשע־מערע. געווען אַ אלמנה. איר זון, משה, איז געווען אַ שוסטער, נאָר די לעצטע צייט פלעגט ער פאַרקויפן אויפן מאַרק שטיוול. מיט אים בין איך געגאַנגען אייניקע מאָל אויף שמירה. ער האָט געהערט צו דער „תפארת־בחורים", און נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג פלעגט ער קומען אין שטיבל פון בית־מדרש אויפן שול־הויף דאַוונען, לערנען עין יעקב און שולחן־ערוך.

קלעצק אין אונזערע קינדער־יארן

פון משה'קה טאראבור (מאריס טארראוו)

(אַ פּאָעמע פון ערנסט און שפּאַס *)

קלעצק, דו קלעצק, אונזער שטעטעלע,
מיר וועלן דיר אַלעמאָל געדיינקען,
נאָך דעם אָרט ווו מיר האָבן די וועלט דערזען,
וועלן מיר אַלע שטענדיק בענקען...

אונזער געבורטס-שטאָט קלעצק,
איז פאַר אונז טייער און שיין,
דאָך זי שטייט אין אַ טיפן טאָל,
נידעריק און קליין.
ווען די שפּיצן פון די קלויסטערס,
וואָלט נישט אַזוי הויך געווען,
וואָלטן די זייטיקע אַרום דעם שטעטל,
איר אינגאַנצן נישט געזען...

די קינדער זענען פריילאַך דאָרט געווען
פון בעסערס — קיינמאָל נישט געטראַכט,
אין דער שטעטל אָט דער קליינער
זייער יוגנט דאָרט פאַרבראַכט.
העכערס, שענערס —
האָט זיך זיי אַפילו נישט געגלוסט,
ווייל פון בעסערס —
האָבן זיי קיינמאָל נישט געוווּסט...

פּסח, אַז מ'פלעגט לויפן שטיפן,
אויפן הויכן „וואַל",
פלעגט מען פאַרגעסן אָן אַלע צרות,
און אויך אָן דעם שיקזאַל.
אַבי נאָר מ'האָט געהאַט
אויף צו שפּילן גענוג ניס,
איז דער „וואַל" געווען אַ גן עדן,
און דער לעבן צוקער זיס...
היינט ווער רעדט נאָך זומער,
אין „קראַסנאָסטאַווער" טייך ;
וועלכער ים אין דער וועלט,
האָט געקענט צו איר זיין גלייך ?

מ'האָט בלויז באַדויערט,
וואָס ס'איז ניט געווען קיין באָד קאָסטיומען,
און די מיידלאַך האָבן צוליב דעם,
באָדן זיך, נישט געטאָרט אַהין קומען.
פלעגט מען טאַקע מקנא זיין די,
וואָס האָבן געקענט גוט שווימען,
זיי פלעגן צושווימען אַהין,
און זיך פאַר די מיידלאַך דאָרט באַרימען ;
צו זען וואָס מען טאָר ניט,
איז געווען זייער פאַנטאַזיע,
און די מיידלאַך האָבן אויסגעשריען :
„אַך טשטאָ זאַ בעזאָבראַזיע !"...

ווער קען דען פאַרגעסן דעם „סטאַרענאַיער"
און „פאַנקראַטאָוויטשער" וואַלד ?
ווו די לופט איז פריש, די בוימער גרין, די הימל בלוי,
און די זון זי קוויקט און שטראַלט...
ווי פראַכטפול עס איז געווען יעדער וואַלד,
מ'קען זיי נישט אַרויסלאָזן פון זינען,
אַז מ'זאָל אויספאָרן אַ וועלט,
קען מען אַזעלכע וועלדער נישט געפינען.
מ'ליגט אין רחבות אויפן גרינעם גראָז,
און מ'הערט זינגען דעם סאָלאָוויי,
קען מען דאָס דען זען און הערן,
אויף אונזער רייכער בראָדוויי ?...

ווען מ'איז געגאַנגען
אין „ראַדזימאָנטער פּריסאַדעס" אויף אַ שפּאַציר,
האָט דער וווּנדער שיינער פּלאַץ,
יעדערן באַגייסטערט אָן אַ שיעור.
אָבער שפּאַצירנדיק אויף „ראַמישטשער בריק"
האָט אָנגעכאַפּט אַ קעלט,
ווייל גאָר ניט ווייט פון דאָרטן —
האָט מען געזען די „יענע וועלט"...

געווען איז אין אונזער שטעטל,
אַ פּאָפּולערע גרופּע,
וואָס האָבן פּרעטענדירט,
צו זיין אַ קינסטלער טרופּע.
זיי האָבן געמיינט,
אַז מ'קען נאָכזאָגן דעם סופליאָר,
איז מען דעמאָלט שוין,
אַ קינסטלער אַנ'אַקטיאָר.
אַן אינטערעסאַנטער טיפּ איז דאָרט געווען,

* די פּאָעמע איז געווען געדרוקט, אין יאָר 1934, אין איינע פון די זשורנאַלן, אַרויסגעגעבן פון דער „קימבאַ" אָרגאַניזאַציע אין ניו יאָרק.

א זייער שווער געוויכטיקטער,
א „פרעדסעדאטעל" א באנקיר,
און א בעל דעה גאר א וויכטיקער.
צו טאן עפעס אין שטעטל אן זיין הסכמה,
האט נישט „געסמעיעט" קיינער,
און אחוץ די אלע מעלות,
האט ער אויך געריסן ציינער...

נאך א טיפ, וואס יעדער פון זיינע וואנצעס,
איז געווען לאנג ווי אנ'ארשין,
ער האט געקענט קאפירן אייער גאנצן אויסזען,
אויפן פאפיר מיט א מאשין.
אז מ'האט געוואלט אנרירן אט דעם וווּנדער קונץ,
איז — „אסטראזשנא בערעגיטיעס!"
האלט די קאפ אביסל העכער,
„אי פאזשאלוסטא ניע שעוועליטיעס"...

אין קלעצקער שול צו די „עליות",
האט מען גקענט וויסן ווער ס'איז ארים אדער רייך,
ווייל אט די זאכן ווערן נישט פארטיילט,
צו ארימע און רייכע גלייך.
א שטייגער „שלישי", איז א סחורה פארן אויבענאן,
מ'באצאלט דארט מער פאר איר,
„רביעי" זעט איר, געהערט צום קבצן,
וואס זיין ארט איז בלויז ביים טיר.
ווער רעדט נאך „מפטיר?"
איז געווען גאר א קאסטבארע שטיקל סחורה,
ווייל אחוץ די פילע ברכות,
גיט מען נאך צו א שטיק „הפטורה"...

אין קלעצק, אז מ'האט געוואלט וויסן נייעס,
וועגן מלחמות און וועלט פאליטיק,
אדער הערן אויפן חזנ'ס דאווענען,
און דעם מגיד'ס דרשה א קריטיק,
און פון נאך וויכטיקע פראגן,
וואס ווערן שטענדיק דעבאטירט,
איז אז איר זענט אריין אין די „פאלעס",
זיינט איר געווורן וועגן אלעם אינפארמירט...

יום כפור פלעגט ר' שמואל לייב,
שטיין ביים עמוד און א זאג טאן דאן:
„הנני העני ממעש",
דאך ער איז נישט געווען קיין ארימאן.
שמחת תורה פלעגט דער אלטער ר' הירש,
זינגען מיטן גאנצן קהל צוזאמען,
„שישו ושמחו בשמחת תורה",
און עס האט געהאט גאר אלע טעם'ען...

עס האט שפאצירט מיט גאוה איבערן מארק,
א זייער טשיקאווער „פערזאן",
ער איז געווען גרייט צו שווערן בא זיין בארד,
אז עס קומט אים דער גאנצער אויבנאן.

די „זיצער" אויפן מארק האבן אויף אים געשריען,
געהאט האבן זיי א ברירה?
ער פלעגט צוקומען גאנץ אפט,
און מאכן א תל פון זייער סחורה.
ער פלעגט כאפן בארן, בייסן עפל,
און אוגערקעס? — א גאנצן שאק,
ביז זיי האבן אים פארווארפן מיט שטיינער,
דעם וויסן קהל'שן באק...

אז עס איז געווארן א „פאזשאר",
פלעגט מען קלינגען א טרעוואגע,
זיינען אלע געזעסן רויק אין די הייזער,
און האבן געמיינט אז עס איז א גויישע „כאגע".
ווען מען האט דערנאך אנגעהויבן שרייען:
גוואלד! פאזשאר! עס ברענט!
האט שוין דאן דער פייער,
פארברענט פון דער שטוב די ווענט...

אז די „פאזשארנע" איז דערנאך געקומען,
פלעגט ערשט ווערן א „כאאס",
עס האט יעדער איינער געוואלט,
צו שפריצן מיט דעם „נאסאס",
אז מ'איז פארטיק געווארן מיטן סכסוך,
האבן שוין געברענט נ א ך זעקס דעכער,

איז אבער נישט געווען מיט וואס צו לעשן,
ווייל די "באטשקעס" זענען געווען מיט לעכער...
ווען די קינדער פון קלעצק,
ווערן עלטער און גרעסער,
און אויבן אן פארשטיין,
פון העכער און בעסער,
עמיגרירן זיי אין לענדער,
זייער גליק צו געפינען,
אבער זייער געבורטס-שטאט
האבן זיי שטענדיק אין זינען...
עס ציט זיי אהין,
אן א „פארוואס?",
און אלע אן אויסנאם,
זאגן אט דאס: —

קלעצק, דו קלעצק, אונזער שטעטעלע,
מיר וועלן דיר אלעמאל געדענקען,
נאך דעם ארט ווו מיר האבן די וועלט דערזען,
וועלן מיר אלע שטענדיק בייגקען...

ט. פון אונזערע געשטאַלטן

ש. ע. / יהושע ברזילי (אייזנשטאַט)

אײנע פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב אין ארץ ישראל, איז געווען יהושע ברזילי־אייזנשטאַדט, וואָס זיין נאָמען איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון ישוב זינט דער עליה פון די ביל״ויים ביז צו דער ערשטער גרויסער וועלט־מלחמה.

זיין יוגנט אין קלעצק

צום 25־יאָריקן יובל פון זיין עליה קיין ארץ־ישראל, זענען דערשינען זיינע שריפטן אין העברעיש, און אין אַריינפיר איז געדרוקט זיין קורצע אויטאָביאָגראַפיע.

יהושע ברזילי דערציילט דאָרט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין קלעצק ו׳ אלול תרס״ו, און אַז ער שטאַמט פון גאָר גרויסן יחוס, פון בעל „פּנים מאירות״.

דער פאָטער זיינער, ר׳ מאיר משה אייזנשטאַדט האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, אָבער נישט געוואָלט זיין קיין רב. ער גיט זיין זון אַ טראַדיציאָנעלע שטרענג־אָרטאָדאָקסישע דערציונג, און ער הויבט אָן לערנען גמרא צו 6 יאָר, און שמ׳ט שוין ייִנגלווייז אַלס עילוי.

גיך ווערט ער פאַרכאַפּט פון די השכלה ווינטן, און צו 15 יאָר הויבט ער אָן לערנען אין אַ גימנאַזיע אין אַ צווייטער שטאָט, אָבער ווען ער הערט אַז זיין פאָטער ווערט קראַנק פון צער, פאַרלאָזט ער די גימנאַזיע, אָבער ער גיט זיך אָפּ מיט זעלבסטבילדונג.

ער האָט חתונה און פאַרנעמט זיך מיט האַנדל, ווערט אַ באַן־בוי־אונטערנעמער, ביז ער ווערט פאַרכאַפּט פון ציוניזם.

ווערט אַריינגעצויגן אין געהיימען אָרדן „בני משה״

עס קומט אָן איבערבראָך אין זיין לעבן, וואָס גיט אים אַ גאַנץ נייע ווענדונג. אייזנשטאַדט־ברזילי דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„אינם ניין־און־צוואַנציקסטן יאָר פון מיין לעבן, איז פאָרגע־קומען עפּעס אַזאַך, וואָס האָט מיך איבערצייגט אין דער פולשטענדי־קער נישטיקייט פון אַלע מיינע פּריוואַטע אונטערנעמונגען: די פּאָגראָמען, כאָטש זיי זענען נישט אויסגעבראָכן נאָענט פון מיר, האָבן ביי מיר אַרויסגערופן מחשבות, און איך האָב דאַן באַשלאָסן ווידמען מיין לעבן דעם פאָלק און ציון״.

יהושע אייזנשטאַדט־ברזילי׳ס לעבן ווערט פון דאַן אָן אַ קייט פון טאַט און איניציאַטיוו פאַר׳ן ישוב און פאַר׳ן ציוניזם. אחד העם האָט דאַן געגרינדעט אין אדעס (אין יאָר תרמ״ט) דעם געהיימען „אָרדן״ „בני משה״, און יהושע אייזנשטאַדט־ברזילי ווערט דער טרייבנדיקער גייסט פון אָט דעם „אָרדן״. פאַרט אַרום מאָביליזירן חברים און מיטגלידער. זיין גאַנץ לעבן בלייבט ער טריי זיין רבי׳ן אחד העם.

זיין ערשטער באַזוך אין ארץ ישראל

דאָס ערשטע מאָל איז ער געקומען קיין ארץ ישראל אין כ״ב סיון תרמ״ז (1887). דוד ת ד ה ר אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון די בויער פון ישוב״ (באַנד 1 ז. 150) שרייבט וועגן דעם אויספירלעך. ער האָט נישט געפונען דאָס וואָס ער האָט זיך אויסגעמאָלט. אויף אים האָבן אַ שווערן איינדרוק געמאַכט די פיינלעכע באַציונגען צווישן דעם באַראָן ראָטשילד׳ס אַדמיניסטראַציע און די קאָלאָניסטן. אים האָט דערהויפּט אויפגערעגט די לאַגע פון די קאָלאָניסטן אין ראשון לציון, ווו דער דאָרטיקער אַדמיניסטראַטאָר, אַן אויסגעדינ־טער פראַנצויזישער אָפיצער, האָט געפאָדערט, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן זיך אונטערשרייבן אויף אַן אָפּמאַך, אַז זיי זענען בלויז געדונגענע טאָג־אַרבעטער, וואָס באַאַרבעטן דעם באַראָן ראָטשילד׳ס גיטער און פעלדער.

יהושע אייזנשטאַדט און אויך אַן אָרטיקער ישראל־שרייבער מאיר טויבענהויז פאַרעפנטלעכן דאַן אין „המליץ״ און אין אַנד. צייטונגען פייערדיקע קאָרעספּאָנדענצן און רעפּאָרטאַזשן, וואָס ברויזן אויף די עפנטלעכע מיינונג.

ער האָט דאַן פאַרבראַכט אין ארץ ישראל נישט קיין לאַנגע צייט, אָבער אַביסל אַנטוישט און געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די גאולה וועט נישט קומען פון באַראָן ראָטשילד, נאָר אַז מען דאַרף אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך פון רוסלאַנד און פוילן און אַגיטירן פאַרן אויפלעבונגס־אידעאַל.

זיין פריינט מאיר טויבנהויז דערציילט, אַז יהושע אייזנשטאַדט האָט אים געזאָגט:

„צו מיינט דער באַראָן ראָטשילד, אַז די קאָלאָניסטן פון יהודה זענען קנעכט? צי זענען זיי געקומען אַהער קיין ארץ ישראל צוליב געלט, צוליב ראָטשילדס פאַרמעגנס? דאָ איז מען דאָך געקומען קיין ארץ ישראל כדי איבערצואַנדערשן אונזער גאַנצן וועזן. דאָ ווילן מיר אויך אויפלעבן אונזער העברעישע שפּראַך, וואָס זאָל ווערן רירעוודיק, פליסיק אַ באר מים חיים פאַרן גאַנצן פאָלק!״

אַז יהושע אייזנשטאַדט קומט צוריק פון ארץ ישראל ווערט ער, מער נאָך ווי ער איז געווען פריער, אַ פלאַמיקער אויסברוך פון אַ רעוואָלוציאָנערן־ציוניסטישן טעמפּעראַמענט. ער קומט צו די „חובבי ציון״ קיין אדעס און גיט אָפּ אַ דין וחשבון פון זיינע איינדרוקן אין ארץ ישראל. ער ווייזט זיי אָן אויף דער נויטיקייט צו פאַרפעסטיקן די לאַגע פון יידישן ערד־אַרבעטער אין ארץ ישראל אויף נייע יסודות.

און עס איז אינטערעסאַנט, אַז ער האָט שוין דאַן באַטאָנט, אַז די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל דאַרפן גרינדן אַ פאָנד פון קעגנזייטיקער הילף; זיינע פלאַמיקע און באַגייסטערטע רעדעס מאַכן אַ גרויסן רושם.

אַ גאַנץ באַזונדערן רושם האָט ער דאַן געמאַכט אויף זיין רבי׳ן אחד העם, וואָס איז געווען אַנטציקט פון זיין התלהבות און גלויבן אין צוקונפט פון פאָלק.

אַנדערטהאַלב יאָר צייט האָט ער דאַן פאַרבראַכט אין רוסלאַנד. ער איז אַרומגעפאָרן איבער די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, און הייס אַגיטירט (שריפטלעך און מונדלעך) פאַר דעם „אַרבעטער פאָנד" און פאַר דער אונטערשטיצונג פון די געוועזענע „בילוצעס" — די קאָלאָניסטן פון גדרה. גלייכצייטיק האָט ער אויך געהאָלפן דעם שליח פון די קאָלאָניעס פון גליל העליון מאיר טויבנהויז, אַז מען זאָל שטיצן די דאָרטיקע קאָלאָניסטן און צפת'ער יונגעלייט וואָס שאַפן אַ קאָלאָניע אין עבר הירדן „בני יהודה". (זע אין בוך „בנתיב היחיד פון אפרים טויבנהויז, ז. 155—161).

סוף 1890 איז יהושע אייזנשטאַדט אַ צווייטן מאָל געקומען קיין ארץ ישראל. ער האָט אַ געוויסע צייט געוווינט מיט דער פאַמיליע אין אַ באַראַק, און במשך פון צוויי יאָר צייט האָט ער זיך דערנערט נאָר מיט טרוקן ברויט און איילבירטן. ער האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין מוט, און גיט אַרויס פינף יאָר כסדר זיין זשורנאַל „מכתבים מארץ ישראל" (בריוו פון ארץ ישראל).

מאיר טויבנהויז שרייבט:

„יהושע האָט צו יענער צייט געפיבערט מיט אַרבעט, ביי אים איז „תחית הארץ" געווען די באַהעפטונג פונעם ייד מיט זיין מקור, און ער גיט זיך דאַן אָפּ מיט אַלערליי קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייטן. איך טרעף זיך מיט אים אין קאסטינע, אין מטולה און משמר הירדן. ער פאַראינטערעסירט זיך אויך מיטן העברעישן קינדער־גאָרטן פון צפת, ער העלפט צו פירן אַ קאַמף מיט די מיסיאָנערן, וואָס לויערן אויף יידישע נשמות.

יהושע האָט שטענדיק שווונג און וויזיע, אַ צאַפּלדיקע פרישקייט.

מיר געדענקט זיך זיין ענטפער דעם באַראָן ראָטשילד, בעת דער באַראָן טרעפט אים און פרעגט אים:

— צו ביזטו גליקלעך דאָ אין לאַנד?

— יאָ — ענטפערט אים יהושע — איך בין אַזוי גליקלעך, אַז ווען אליהו הנביא וואָלט צו מיר געקומען אין חלום און מיר געפרעגט:

— יהושע, וואָס ווילסטו, זיין אַזוי רייך ווי באַראָן עדמונד ראָטשילד, נאָר דו זאָלסט וווינען אין פאַריז, אָדער אָרעם און זיין אין ארץ ישראל און דאָ צוהונגערן צוביסלעך? — וואָלט איך אים געענטפערט:

— איך וויל ליבערשט דאָ הונגערן איידער האָבן אוצרות מיט פאַרמעגנס אין פאַריז..."

ש. ל. ציטראָן דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז בעת ס'איז אין דער ציוניסטישער וועלט אויפגעשווומען דער רעיון וועגן גרינדן די קאָלאָניאַל־באַנק, איז אייזנשטאַדט אַרויסגערופן געוואָרן קיין רוסלאַנד און ער האָט דאַן באַרייזט דאָס לאַנד, אַגיטירט פאַר דער באַנק און פאַרשפּרייט אירע אַקציעס. מיט גרויס התלהבות האָט ער זיך דאַן איבערגעגעבן דער מיסיע, און זיינע רייזעס האָבן געבראַכט גלענצענדיקע רעזולטאַטן.

אין יאָר 1896 האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אַלס דירעקטאָר פון דער „שער ציון" ביבליאָטעק אין יפו, וואָס ווערט דאַן אַ גייסטיקער צענטער פאַר דעם הייפעלע פון טרוימער אין יפו און אין די קאָלאָניעס פון יהודה.

סוף 1902 נעמט ער אויך אַן אָנטייל אין דעם מינסקער ציוניסטישן צוזאַמענפאָר, ווו זיינע פריערדיקע רעדעס וועגן ארץ ישראל האָבן אָנגעצונדן די הערצער ביי אַלעמען.

אין יאָר 1904, האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין דער יפו'ער אַנגלאָ־פּאַלעסטינע באַנק, שפּעטער אין דער פיליאַלע פון דעם באַנק אין ירושלים, ווו ער ווערט פאַרוואַלטער ביז צו זיין טויט.

אין ירושלים איז ער פון די באַליבסטע פערזענלעכקייטן. דורך זיין אנרעגונג ווערט געגרינדעט דער „בית העם", וואָס ווערט דער זאַמלפּונקט פון דער אינטעליגענץ און גרופּירט אַלע אינטעלעקטועלע קרעפטן.

ער האָט אויך געגאָלטן אַלס באַגאַבטער העברעישער שרייבער און זשורנאַליסט, וואָס שרייבט מיט וואַרעמקייט און מיט פּאַטאָס.

זיינע רעיונות און זיינע רעדעס האָבן ממש רעוואָלוציאָנירט אַ סך פון זיין דור. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטע קולטור־היסטאָרישע פיגור אין דער פריערדיקער תקופה און אַלס אַ זעלכער פאַרצייכנט ער אַ באַזונדערן בלאַט אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב אין ישראל.

אין ליכט פון זיינע בריוו

יהושע אייזנשטאַדט־ברזילי איז נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט געשטאָרבן אַן עלנטער אין יאָר 1918, אין זשענעווע. פיר יאָר שרייבט א. ר. מלאכי — איז ער געווען אין דער שווייץ, דאָס זענען געווען די פיר יאָר 1914—1918, די מלחמה־יאָרן. ער האָט פון יענער צייט קאָרעספּאָנדירט מיט זיין איידעם ישראל צורבא און מיטן שרייבער א. ר. מלאכי. ער האָט אין זיינע בריוו אויסגעדריקט זיין טיפע בענקשאַפט צו ארץ ישראל.

הגם זיינע יאָרן זענען שוין געווען געציילטע, איז ער נאָך אַלץ געווען פול מיט פּלענער וועגן אויפבוי פון אונזער לאַנד.

אַ גרויסע פערזענלעכקייט, אַ טרוימער און קעמפער, וואָס האָט מיט זיין לעבן און אויפטו פאַרשריבן אַ שיינעם בלאַט אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב אין ישראל.

בן ציון אייזנשטאדט

בן ציון אייזנשטאַדט האָט אַ סך בייגעשטייערט צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון קלעצק, און שוין זיינע ערשטע וויסענשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען האָבן אַנטהאַלטן עלעמענטן צו דער געשיכטע פון קלעצק אין די פריערדיקע תקופות. שפּעטער איז ער אַוועק פון דער שמאָלער סטעזשקע פון פאָרשונגען וועגן שטעטל, צו ברייטערע שילדערונגען און ביאָגראַפיעס פון יידישע גדולים פון זיין צייט.

געבוירן אין יאָר תרל"ג אין קלעצק. זיין פאָטער ר' משה אייזנשטאַדט, איז געווען דער זיבעטער דור פון בעל „פנים מאירות". ביזן 18־טן יאָר פון זיין לעבן האָט ער כסדר געקליבן מאַטעריאַלן פאַר זיין גרויסן ווערק „דור רבניו וסופריו", און אויך שפּעטער האָט ער אַוועקגעגעבן יאָרן פון מי פאַר אָט דעם ווערק זיינעם, וואָס וויקלט פונאַנדער די לעבנס־געשיכטעס פון די גרויסע רבנים פון זיין צייט.

אין יאָר תרס"ג איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער איז די ערשטע צייט געווען דער רב אין דער שול פון די קלעצקער לאַנדסלייט, און שפּעטער איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון דער שול „תפארת ציון" אין ברוקלין.

אין אַמעריקע האָט הרב בן ציון אייזנשטאַדט זיך אויסגעצייכנט אויך אַלס מטיף, און זיינע ספרים „נאה דורש" (געדרוקט אין תרס"ו) „דרוש לשבת" (תר"ע) זענען שיינע מוסטערן פון דרשות, וואָס שעפּן אַרויס פערל פון תנ"ך און אגדה, געמייסטערט מיט טיפער עמאָציע און טיפן אַריינבליק אין די פאַרצייטיקע תקופות.

(לויט „אהלי שם" פון שמואל נח גאָטליב, פינסק, 1912)

ביאָגראַף פון יידישע גדולים

בן ציון אייזנשטאַדט האָט זיך דערהויפּט קונה שם געווען אַלס ביאָגראַף פון יידישע גדולים פון זיין תקופה.

גאָר יונג איז ער געווען ווען ער האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט, און ער האָט צו דעם צוועק אַרומגערייזט איבער גאַנץ רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע, קלייבנדיק די ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן דורך פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די רבנים, און זיינע ווערק אויף דעם געביט זענען „דור רבניו וסופריו" (תולדות חכמי הזמן ושמות ספריהם) און „דורות האחרונים" (תולדות גדולי עמנו, ראשיו, רבניו וראשי הישיבה, דרשנים, חכמים סופרים ומחברים). ער אַליין באַטאָנט די שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין אַרבעט, ווייל ער האָט פאַר זיך לגמרי נישט געהאַט קיין שום מוסטערן, געמוזט אָנהויבן פון בראשית, אָבער ער האָט געוווסט, אַז ער דערפילט אַ גרויסע שליחות, ווייל די ספרים זענען שליסלען צו פאַרשטיין די יידישע גדולים דורך זייערע ביאָגראַפיעס.

ער האָט באַרייכערט אונזער היסטאָרישע ליטעראַטור מיט די דערמאָנטע ביאָגראַפישע ווערק. צענדליקער יאָרן געאַרבעט דערויף און אויפן סמך פון אויטענטישע ידיעות צענויפגעקליבן דעם אינ־פאָרמאַציאָן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אַלפאַבעטיש געאָרדנט.

ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון „אלבום עברי" (העב־רעישער אַלבאָם פון די גדולי ישראל) וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק, תרס"ה (1905). דער דאָזיקער אַלבאָם אַנטהאַלט אויך פּאָרטרעטן פון מטיפים און קעמפער פאַר ציון ווי הרב המטיף צבי הירש מאַסליאַנסקי, דער העברעישער דיכטער מ. מ. דאָליצקי, ד"ר פרידנ־וואַלד פון באַלטימאָר און אַנד. דאָ אַנטפּלעקט זיך זיין ליבשאַפט צו ציון און זיין מיטהילף ביים איינפלאַנצן דעם ציוניזם אין דער נייער וועלט.

זיינע ספרים האָבן בשעתו געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג, און די קריטיקער האָבן באַטאָנט, אַז ער איז ממשיך די טראַדיציע פון חכמת ישראל אין מערב־אייראָפּע אין אַמעריקע, ווו ער גיט אויך אַרויס זיין צייטשריפט פאַר חכמת ישראל „אספקלריא".

פּראָפעסאָר געצל זעליקאָוויטש האָט געשריבן אין „טאָגעבלאַט" און „אידישע גאַזעטן":

„הרב בן ציון אייזנשטאַדט האָט ליב די העברעישע ליטעראַטור און אַנטפּלעקט זיין ליבשאַפט אין דער העברעישער לעקסיקאָגראַפיע וואָס ער שאַפט, ער רעגיסטרירט דעם אינווענטאַר פון אונזער גייסטיקער יצירה און פירט דעם לעזער דורך דעם אַלטן און נייען אוצר אונזערן גלייכצייטיק".

אַן אַנדערער קריטיקער באַצייכנט, אַז „ער האָט עמאַציאַנעל און מיט פרישן אָטעם באַהויכט די שאַפונגען פון אַ גאַנצן דור, ער האָט געשפינט די פעדים פון חכמת ישראל אין דער נייער וועלט, אין אַמעריקע".

ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, פלעגט אָפּט שרייבן אין „טאָגעבלאַט" און ער פלעגט זיך גאַנץ אָפט אָפּרופן אויף די פאַרשידענע פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. ער איז נישט געווען דער געלערנטער רב, וואָס שליסט זיך אָפּ אין זיינע ד' אמות, נאָר באַטייליקט זיך אויך אין דער פּרעסע און די פעדים פון זיין יצירה האָבן האַרמאָניש צונויפגעבונדן די חכמת־ישראל וויסנשאַפט מיט פּובליציסטיק, פאַרבונדן דעם עבר מיט פרישן אָטעם באַהויכט די שאַפונגען פון אַ גאַנצן דור, ער האָט געווען ביים עולם, וואָס האָט רעספּעקטירט די דאָזיקע שעפערישע פּערזענלעכקייטן.

באַרימטער היסטאָריקער און פאָרשער – חיים יונה גורלאַנד

(1843 14 מערץ — 1890)

געבוירן אין קלעצק, געענדיקט דעם ווילנער ראַבינער סעמינאַר. אין די יאָרן 1873—1883 שטודירט סעמיטישע **שפּראַכן אין** פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, געווען אינספּעקטאָר פון דער ראַבי־נער־שול אין זשיטאָמיר.

אין 1883 זיך באַזעצט אין אָדעס ווו ער גרינדעט אַ גימנאַזיע און איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראַבינער. פאַרעפנטלעכט זיינע אַרטיק־לען אויף יודאַאיסטישע טעמעס אין „המגיד", „המליץ", „הכרמל", „הצפירה", „הבוקר אור", „השחר", „ישורון" און „הלבנון". אין משך פון יאָרן האָט ער אַרויסגעגעבן (1867, 1877—1883) העברעיש־רוסי־שע קאַלענדאַרן (די טעקסטן מייסטנס רוסיש) וואָס אַ טייל פון זיי ווערן גערעכנט פאַר די ערשטע פּרוון פון לוח־אויסגאַבעס מיט מאַטעריאַל וועגן יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים (ווי לוח גדול בשפת עברי, לוח עברי, לוח ישראלי א. אַנד.). גור־לאַנד'ס לוחות צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס אַ חוץ דעם קאַלענ־דאַרישן טייל גיבן זיי אויך: א) סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פון יענער צייט; ב) ידיעות וועגן דער יידישער פריאַדישער ליטעראַטור אין די יאָרן 1876—1880; ג) מאַטעריאַלן וועגן די יידישע געזעלשאַפטן אין רוסלאַנד און מחוץ איר (באַאַרבעט לויט דעם ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן „אסף המזכיר" פון חיים דוד ליפּע); ד) סטאַטיסטיק פון יידן אין דער ווילנער גובערניע א. אַנד.

אַחוץ די לוחות האָט גורלאַנד אַרויסגעגעבן: אַ בוך וועגן דעם איינפלוס פון דער מאַכמעדאַנישער פילאָסאָפיע אויף די ווערק פון רמב"ם אונטערן נאָמען גנזי ישראל בסט. פּעטערבורג 1868. וועגן דער פירקאָוויטש זאַמלונג, ליקוטים שונים, 1866, און פניני המליצות 1867.

גורלאַנד האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן מאָנאָגראַפיעס — לקורות הגזירות על ישראל, וועגן די שחיטות פון שנת ת"ח ות"ט אין 5 העפטן (קראָקע 1890) אין זיי האָט ער פאַרעפנטלעכט: „צוק העתים" פון מאיר איש שעברעשין און אויך „צוק העתים" פון יהושע בן דוד פון לבוב, ווי אויך דעם מזמור שיר ליום השבת פון שמואל איש שעברעשין — 30 אַראַמעאישע געזאַנגען מיט אַ יידישער איבערזעצונג פון גימפּעלין סג"ל מעיר ווין (די איבערזע־צונג שטאַמט פון יאָר 1674) און איז צום ערשטן מאָל דערשינען און אַנד. באַנוצט אויך אַלס פסעוודאָנים ראשי תיבות פון זיין נאָמען חיו"ג.

גורלאַנד איז אויך געווען מחבר פון אַ בראַשור אויף יידיש: די נייע יידישע גימנאַזיע, זשיטאָמיר 1894. ער איז געשטאָרבן אין אָדעס.

פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ניו־יאָרק, צווייטער באַנד, זז. 197—198.

ס. ליאס / ר' נחום יצחק שיף

כ'פיל אַ באַדערפעניש צו שרייבן וועגן אין קלעצקער ייד, וואָס יעדער פון אונז האָט אים געקענט — ר' נחום־יצחק שיף. אַפילו דער יונגער דור קלעצקער, געבוירן אין ארץ ישראל, האָט געהערט וועגן אים.

זיין גאַנצן לעבן אין קלעצק געווען אַ האַנטווערקער, אַ דאַמען־שניידער. אַ אינוואַליד מיט איין פוס, יונגערהייט האָט מען אים אַראָפּגענומען אַ פוס, איז ער געגאַנגען מיט קולעס. אַ געזעלשאַפט־

לעכער מענש, מיט יונגע געווען יונג, מיט עלטערע זיך געפירט ווי מיט עלטערע. עס האָבן ביי אים געאַרבעט אַ סך מיידלעך, און נישט איין אָרעם מיידל האָט ער אויסגעלערנט אַ פאַך, דערצויגן און שפּעטער חתונה געמאַכט.

נאָך אַ טאָג אַרבעט פלעגט ר' נחום־יצחק'ן נישט זיין שווער אַרויסגיין איבערן שטעטל, און שאַפן זאַכן פאַר נויטבאַדערפטיקע. ער איז געווען אַ פלאַמיקער ציוניסט. זיינע קינדער זענען געווען די ערשטע פון קלעצק וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל, און אויך ער אַליין האָט פאַרלאָזן דעם גרויסן בית־מלאכה וואָס ער האָט געפירט, די צדקה טעטיקייט, אַלץ — ער האָט געזאָגט, אַז אַ ייד דאַרף זיין אין ארץ ישראל. נישט אויסצורעכענען און נישט אָפּצושאַצן זענען זיינע מעשים טובים. נישט איין יתום האָט ער אויסגעהאָדוועט, נישט איין אָרעמע כלה האָט ער באַזאָרגט, נישט איין שטוב האָט ער געבויט פאַר אָרעמע. ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין גאַס, פלעגט ער אָפּשטעלן וועמען ער האָט געטראָפן און זאָגן צו אים: קום מיט מיר, לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער דעם ראָד קלייטן זאַמלען ביישטייערונגען; נאָכער וועלן מיר גיין אין שול כאַפּן אַ מנחה...

נאָך דער אַרבעט, פלעגט ער אָפּדאַווענען, הייסן דער עוזרת שטעלן דעם סאַמאָוואַר, זיך צוזעצן אויף דער באַנק לעבן פענצטער, און איינלאַדן שכנים און באַקאַנטע אויף טיי — און דערוויל פלעגט ער הערן וואָס ס'הערט זיך ביי יעדן איינעם. מען האָט זיך דערצו צוגעוווינט, און טאָמער פלעגט עמיצער פאַרפעלן קומען צום טיי, פלעגט ער גיין פרעגן וואָס האָט ביי יענעם פּאַסירט. ווען ר' נחום־יצחק שיף איז געקומען קיין ארץ ישראל מיט 30 יאָר צוריק, האָבן מיר אים גערופן „דער קלעצקער קאָנסול". יעדער עולה פון קלעצק האָט געמוזט אַריינגיין צו ר' נחום־יצחק שיף. נישט איינער האָט געשלאָפן און געגעסן ביי אים, ביז ער האָט זיך איינגעאָרדנט. נישט ווייניק האָט ער געטאָן אין לאַנד פאַר אָרעמע, שטילערהייט, קיינער זאָל נישט וויסן. איך בין געווען ביי אים ווי אַן אייגן קינד. כ'בין געבליבן אַ יתום, האָט ער מיך דערצויגן אין יידישן גייסט. און אַפילו ווען איך בין שוין געווען אַ גרויסער בחור און מער נישט געגעסן קיין „טעג", פלעגט מיר ר' נחום יצחק רופן יעדן שבת צו זיך אויף קדוש. און נאָך איין קליינער עפּיזאָד:

כמעט יעדן צווייטן טאָג פלעג איך קומען אים באַזוכן אין תל־אביב, און תמיד האָב איך געפונען עפּעס אַ גוטן שפּייז וואָס ער פלעגט מיר אַריינלייגן אין טאַש. פלעג איך אַריינלייגן אין זיין טאַש אַ פּאָר פּייסטער. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער מיר געבראַכט העמדער און בלוזן. פרעג איך אים: וואָס קאָסט עס? ענטפערט ער — די פּיאַסטערס וואָס דו האָסט אַריינגעלייגט אין מיין קאַפּאָטע...

שרה מאלין־געפלאנד (בואנאס איירעס) / געשטאלטן

אין מיין זכרון קום איך צוריק צו די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין אַ געבאָרענע אין ליובאַן, און אין יאָר 1920 בין איך געקומען מיט מיין מוטער און 2 יינגערע שוועסטער קיין קלעצק.

דאָס לעבן אין שטעטל, איז דאַן געשטאַנען אין צייכן פון אויפשטייג, מאַטעריעל און גייסטיק. בכלל, זענען די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה געווען דער אָנהויב פון אַ אויפשטייג פון דער יידישער קולטור אין פוילן, און אויך די יוגנט אין קלעצק האָט געבראַויזט מיט אַ קולטורעלן אויפשטייג, באַזונדערס האָט זיך געמערקט דער ציוניסטישער אַקטיוויזם.

איך, אַלס אַן אָנגעשטעלטע אין געשעפט ביי ר' חיים פּימשטיין, איז מיר אויסגעקומען אויך צו באַקענען די צוויי גדולים אין דער לומדישער וועלט פונעם שטעטל — זיי זענען געווען הרב אהרן קאָטלער און ר' חיים פּימשטיין. זיי זענען געווען אין קאַמף מיט די נייע שטרעמונגען. ביי זיי איז דער ציוניזם געווען „טריפה", אָבער דאָס מינערט נישט זייער ווערט אַלס יידישע גדולים פונעם אַלטן שניט.

אין די רעליגיעזע קרייזן ביי אונז, זענען זיי געווען שטאַרק באַליבט און געשעצט. אין אַ געוויסן זין זענען זיי געווען די וואָס האָבן געזוכט צו בויען די בריק צווישן עבר מיטן הווה און אויך מיטן עתיד. און ר' חיים פּימשטיין, איז שפּעטער אַוועק קיין ארץ ישראל ווו ער איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג צווישן טראַדיציע און אויפלעבונג.

הרב קאָטלער, איז געווען אין שטעטל ביי אונז, ווי אַן אינסטיטוציע פאַר זיך. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר מילדע אויגן פול מיט חכמה, אויגן פון אַזאַ גרויסן עילוי און גדול בתורה וואָס שטראַלן מיט מילדקייט און גוטסקייט.

ער איז געווען דער סימבאָל פון לימוד התורה, אָבער פון ר' חיים פּימשטיינען פלעג איך שטענדיק הערן וועגן זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע אויפטוען. אַדאַנק אים איז די „ישיבת קלעצק" געוואָרן באַרימט איבער גאַנץ פוילן.

ר' חיים פּימשטיין

וועגן זיין גרויסער לומדות בין איך, פאַרשטייט זיך, נישט קאָמפּעטענט צו שרייבן, אָבער זיינע מענטשלעכע שטריכן, זיין שטענדיקע באַמיונג צו העלפן די תלמידים פון דער ישיבה, זיין אַנטלויפן פון כבוד, זיין נישט וועלן אַמטירן אַלס רב, הגם גרויסע קהילות האָבן אים געוואָלט געבן דעם „כתר הרבנות" — אָט דאָס אַלץ, האָב איך ביי אים געזען טאָג־איין, טאָג־אויס.

ביי אונז אין שטעטל זענען געווען פאַרשפּרייט וועגן אים אַ סך מעשיות, ווייל ער איז געווען זייער פּאָפּולער.

ער האָט שטענדיק געגאַרט צו וויסן. זיין התמדה איז געווען אויסטערליש. ער האָט זיך נישט פאַרגינען צו עסן און צו שלאָפן — נאָר לערנען, און אַז עס איז צו אים אָנגעקומען אַ נייער לומדישער ספר — האָט ער אים באַלד דורכגעלערנט און טאַקע באַלד מיט'ן מחבר קאָרעספּאָנדירט.

איך האָב באַוווּנדערט זיין ראָמאַנטישע נאַטור, זיין התמדה, זיין חריפות.

בעת איך האָב מיט אים גערעדט אין די ענינים פון מסחר — און אַלס אָנגעשטעלטע ביי אים אין געשעפט, איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם — האָב איך באַמערקט, אַז ער געפינט זיך עפּעס אין אַ אַנדערער וועלט.

נאָך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן שוועבן מיר נאָך אַלץ פאַר די אויגן די דאָזיקע צוויי וווּנדער־געשטאַלטן פון קלעצק. אַלע אין שטעטל האָבן געהאַט אַ יראת־הכבוד פאַר זיי.

ר' גרשון ליסער

אַ שוואָגער פון ר' חיים פּימשטיין.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען פאַר אים די פּיקחות, געווען וואָס מ'רופט אַ „סוחרישער מענש", ער האָט אָבער אויך געהאַט געניג פאַרשטענדניש פאַר דער נשמה פון דער יוגנט, און הגם אויך ער איז געווען זייער פרום, האָט ער אָבער גוט פאַרשטאַנען דעם יונגן דור. אַ קלוגער מענטש, אַ נאָבעלע געשטאַלט.

הרב שלום צבי לעמפּרט

אַ זון פֿון שמעיה לייב הלוי פֿון די חשובסטע בעלי־בתּים פֿון קלעצק. געווען באַרימט אַלס איינער פֿון די גרעסטע לומדים, פֿון די אויסגעצייכנטסטע תּלמידים פֿון וואָלאָזשינער ישיבה, אַ תּלמיד און חבר פֿון ר׳ חיים הלוי ס אָ ל אָ וו ײ ט ש י ק, וועלכער האָט אים הויך געשעצט. באַקומען סמיכה פֿון די גאונים אין ליטע, אָבער די רבנות־שטול האָט אים נישט געצויגן. פֿריער האָט ער געוווינט אין זשעטל ביי דער משפּחה פֿון זיין פֿרוי, דערנאָך זיך איבערגעצויגן קיין קלעצק, וווּ ער האָט געעפֿנט אַ מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט און דערגרייכט אַ רייכן מעמד.

נישט אויפֿגעהערט צו לערנען תּורה, און געשטאַנען אין שריפֿט־לעכע פֿאַרבינדונגען מיט די גרעסטע ראשי הישיבות, באַזונדערס מיטן גאון ר׳ איסר זלמן מ ע ל צ ע ר.

זיין טאָכטער האָט ער אויסגעגעבן פֿאַר ר׳ דוד טעוול מ י ר ס ק י אַ זון פֿון באַרימטן רב ר׳ ברוך אַברהם מירסקי, אַב־בית־דין אין פּאַרזאָווע און זשעטל, וועלכער איז ביי אים געווען אויף קעסט אין קלעצק איייניקע יאָר. ר׳ דוד טעוול מירסקי איז געווען אַ גדול אין תּורה און חכמה, געניגט צו חיבת ציון און רעליגיעזן ציוניזם, עולה געווען קיין ארץ ישראל. זיך באַזעצט אין ירושלים און געווען פֿון די שטענדיקע באַזוכער ביי הרב קוק. נפֿטר געוואָרן אין יאָר תּש״ח און זוכה געווען צו דער אַנשטייאונג פֿון מדינת ישראל.

דוד קולאַקאָווסקי / מיין ברודער מאיר חיים

(בוענאָס איירעס)

(זכרונות און ביאָגראַפֿישע שטריכן)

הגם נישט אַלץ קען איך געדענקען וועגן מיין ברודער, מחמת איך בין געווען מיט גאַנצע 13 יאָר ייִנגער פֿאַר אים, ווייל איך זיך אָבער באַמיען אַרויסצוברענגען די וויכטיקסטע שטריכן, כּדי עס זאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן זיין פּערזענלעכקייט. אַ בלום אויפֿן קבֿר פֿון אַ קלעצקער תּושבֿ, וואָס איז געווען באַקאַנט ווייט אויסער קלעצק, געווען אַ מלא וגדוש, באַקאַנט, באַליבט און רעספּעקטירט פֿון אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט.

מאיר חיים איז געבוירן געוואָרן אין 1893. ער איז געווען דער צווייטער זון פֿון פּ י י ט ל ד ע ר מ ל מ ד. האָט אים דער זיידע גענומען צו זיך, אין טימקעוויטש, וווּ די באָבע, קוניע, האָט אויף אים געהאַט די אויפֿזיכט. מאיר חיים האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיִקייטן צום לערנען, און צו 10 יאָר האָט שוין געלערנט אין דער ישיבה אין לעכעוויטש. ער האָט גלייכצייטיק געלערנט וועלטלעכע לימודים ביי ד״ר מוקדוני. שפּעטער איז ער אַריבערגעפֿאָרן אין דער סלאָנימער ישיבה, וווּ ער איז געווען פֿון די בעסטע לערנערס. דאָס האָט געדויערט ביז זיין 17טן לעבנסיאָר. דעמאָלט איז ער פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם השכּלה־געדאַנק, געוואָרן אַ ציוניסט, וואָס אין יענער צייט געווען טריף און געהייסן אַז מען איז אַרויס לתּרבות רעה. ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן שרייבן שירים, זיך צונויפֿגע־שריבן מיט נחום סאָקאָלאָוו און באַקומען פֿון אים אַן ענטפֿער.

מיין פֿאָטער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפֿש פֿון דעם, ווייל ער האָט זיך געקליבן צו האָבן אַ זון אַ רבֿ, און לסוף איז ער גאָר געוואָרן אַ ציוניסט. פֿונדעסטוועגן איז ער געווען שטאָלץ אויף אים און זיך געטרייסט, אַז ער וועט שוין זיין וועג געפֿינען.

אין איינעם אַ טאָג, איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר, הער איך געוויינען אין שטוב. עס איז געווען דאָס יאָר 1914, די מלחמה איז אויסגעבראָכן און פּונקט דעמאָלט האָט מאיר חיים זיך געדאַרפֿט מאָביליזירן אויפֿן סאַמע ערשטן פֿייער. מען האָט געמוזט געפֿונען אַן עצה ווי אים צו ראַטעווען. אונדזער פֿאָטער איז אַליין געווען אַ טימקעוויטשער האָט ער אַלע קינדער פֿאַרשריבן דאָרט, ווייל זיינער אַ קוזין איז געווען דער סטאַראָסטע אין טימקעוויטש. איז מען אַוועק אַהין און מען האָט מיין ברודער געמאַכט אַ „ווייסן בילעט״ מיטן תּנאַי, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזן די געגנט. אַזוי איז געווען. מאיר חיים איז אַוועק ווי אין וואַסער אַריין. כּמעט דריי יאָר האָבן מיר נישט געוווּסט וווּ ער געפֿינט זיך, מיר האָבן אפֿילו נישט געהאַט קיין האַנונג צי ער לעבט בכלל. פֿון דער פּאָליציי איז מען אים אָפּט געקומען זוכן אין שטוב, מיינענדיק אַז ער באַהאַלט זיך ערגעץ אויס. איך געדענק, ווי דער פֿאָטער איז נישט געשלאָפֿן גאַנצע נעכט טראַכטנדיק וועגן אים, ווער ווייס צי מען האָט אים נישט געכאַפּט ערגעץ און דערשאָסן, ווייל די גרויסע פּלאַקאַטן, וואָס זענען געווען צעהאָנגען אין שטאָט מיט פֿעטע אותיות, האָבן אָנגע־וואָרפֿן אַ טויט־שרעק, — ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן צו דער ריכטיקער צייט וועט דערשאָסן ווערן.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917, ווען דער צאַר ניקאָלאַי איז געפֿלויגן פֿון טראָן. אין איינעם אַ שבת, ווען מיר זענען שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען רעזיגנירטע ווען עס איז צו זען מאיר חיימען, האָט דער בריוו־טרעגער אָנגעקלאַפּט אין טיר און געבראַכט אַ דעפּעשע. די שרעק אין דער אַלטער היים פֿאַר אַ טעלעגראַמע דאַרף מען דאָך נישט דערציילן, אָבער די טעלעגראַמע איז געווען אַ פֿריידיקע, זי האָט אַנטהאַלטן בלויז געציילטע ווערטער: „איך לעב און בין געזונט, מ. ח. קולאַקאָווסקי״.

געשען איז עס אַזוי. נאָך דער רעוואָלוציע איז אַרויס אַן אויפֿ־רוף, אַז אַלע וואָס זענען אין מיליטערישן עלטער זאָלן זיך מעלדן. האָט זיך מיין ברודער געמאָלדן, ווייל קיין שום שטראָף האָט שוין נישט געדראָט. מען האָט אים אַוועקגעשיקט קיין פּערעם, וווּ ער האָט זיך באַקענט מיטן רבֿ פֿון שטאָט און ער איז כּמעט באַפֿרייט געוואָרן, ער האָט נאָר געמוזט דערפֿילן געוויסע מיליטערישע פֿאָרשריפֿטן. אין דער צייט פֿון קערענסקיס הערשאַפֿט איז די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע געוואָרן לעגאַל. מאיר חיים האָט אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע טעטיקייט נאָך זייענדיק אין פּאָלק. ווען מען האָט געדאַרפֿט קלייבן אַ דעלעגאַט צום ערשטן צוזאַמענפֿאָר אין פּעטערבורג איז ער געווילט געוואָרן. אין פּעטערבורג האָט ער געטראָפֿן אַלע דעמאָלטיקע ציוניסטישע גדולים ווי פּאַסמאַניק, אוסישקין, טשלענאָוו, זשאַבאָטינסקי א״אַ. אויף דעם צוזאַמענפֿאָר האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק זיין שטעלונג. ער האָט געהאַט אַ שאַרפֿע רעטאָרישע קראַפֿט און אַ שאַרפֿע פֿעדער. זיין רעדע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין רוסיש אין לייטנדיקן ציוניסטישן אָרגאַן. דעמאָלט האָט ער באַקומען אַ מאָנאַט־אורלויב. מיר האָבן געוואַרט אויף אים מיט אַן אומ־באַשרייבלעכער אומגעדולד, בעיקר מיין פֿאָטער. אָבער דער מאָמענט איז געקומען, און אין איינעם אַ טאָג אין חודש פֿעברואַר 1918 איז ער אַריינגעפֿאַלן אין דער היים אין מיליטערישע מלבושים.

פֿיר יאָר פֿון שטורעם און חורבן זענען אַריבער, און ווען מיין פֿאָטער האָט אים דערזען, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן איבער־געחזרט, וואָס יעקב אבינו האָט געזאָגט ווען ער האָט דערזען יוספֿן „ראה פּניך לא פּיללתּי״.

ווען ער איז שוין געווען אין קלעצק האָבן מיר זיך באַמיט, אַז ער זאָל צוריק אין פּאָלק אַריין נישט פֿאָרן. עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט און ער איז באַפֿרייט געוואָרן. באַלד נאָך דעם האָט ער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט אויפֿצולעבן די צעירי ציון־פּאַרטיי, וווּ ער האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון סעקרעטאַר. עס איז געווען די צייט פֿון „שטורעם און דראַנג״. די פּאַרטיי־קאַמפֿן זענען געווען שטורמישע. די „אגודה״ איז געוואָרן אַקטיוו. קלעצק האָט געהאַט אַ שטאַרקע „אגודת ישראל״. די ישיבה האָט זיי צוגעהאָלפֿן. אויך דער „בונד״ האָט געהאָלפֿן פֿאַרשפּרייטן שנאת ציון. עס האָט

צוגעשפּילט דעם „בונד", וואָס איינער אַ פאַרקאָכטער בונדאָוויעץ, דוד גאַבריער, האָט זיך באַזעצט אין קלעצק. ער אַליין איז געווען אַ בלינדער און האָט גאָרנישט געטאָן. ער פלעגט באַקומען הילף פון אַמעריקע. האָט ער מיט ווייניק דערפאָלג גענומען אַקערן דעם פּאַר־טייאישן באָדן. אָבער דער קאַמף וואָס די פּאַרטיי צעירי־ציון האָט געפירט, און די אַרויסטריטן פון מאיר חיימען, האָבן צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן. אויף זיין איניציאַטיוו איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרן די תרבות־שול, פאַר וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך מי, ענערגיע און צייט. „עס האָט אָבער געלוינט" — פלעגט ער זאָגן, ווען ער איז שוין געלעגן קראַנק. ווייל די קינדער אין קלעצק פלעגן גיין אין גאַס און רעדן עברית, וואָס איז געווען די דירעקטע השפעה פון דער תרבות־שול.

ער האָט חתונה געהאַט מיט נחמה ליכטערמאַן, וועלכע האָט אים געבוירן דריי קינדער, צוויי ייִנגלעך און איין מיידל. אַלץ האָט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי גוט און פרידלעך, אָבער עס האָט פּאַסירט אַ גרויסער אומגליק. דאָס איז געווען אין יאָר 1926, פרייטיק דעם 6טן אויגוסט פאַרנאַכט. ער איז געקומען אין זיין מיל און גענומען די ווינדע אַרויפצופאָרן אין דער הויך, ווייל עס האָט געזאָלט זיין ביי אים אַ שלום זכר, ס'איז ביי אים געבוירן געוואָרן דעמאָלט אַ זון, האָט זיך די ווינדע אָפּגעריסן און ער איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן דעם חוט השדרה און געבליבן פּאַראַליזירט אויף ביידע פיס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים די גרעסטע טראַגעדיע, מיט געוואַלדיקע יסורים וואָס אַ מענטש קען בכלל דורכמאַכן, אָבער זיין מוט איז נישט געבראָכן געוואָרן. יהי זכרו ברוך!

י. מנקר / מ. ח. קולאקאווסקי און די יוגנט

קלעצק האָט פאַרמאָגט אַ ריי פּערזענלעכקייטן, באַגאַבט מיט פיל מעלות. איינער פון זיי וואָס מיר דערמאָנען אים מיט יראת הכבוד, איז געווען מיר חיים קולאַקאָווסקי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסגעשפּראָכענער פּערזענלעכקייט און האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף דער גייסטיק־ציוניסטישן לעבן ביי אונז. ער איז געווען פּאַראַליזירט אויף ביידע פיס — און דאָס צוליב אַן אומגליקס־פאַל, וואָס האָט מיט אים געטראָפן ביי אים אין זיין מיל.

טאָג איין טאָג אויס, פלעגט מען אים זען ווי ער פאָרט אין זיין וועגעלע און זיין ברודער פירט אים שפּאַצירן, כאַפּן לופט. זיין ברו־דער פלעגט אים אַרומפירן איבערן גאַס, און אַרום אים האָט שטענדיק געווימלט מיט משכילים און אַקטיווע טוער פון די ציוניסטישע באַוועגונגען.

עס איז דאַן געווען רויִשיק, עס זענען אָנגעגאַנגען דעבאַטן און ויכוחים — און אין מיטן פון דעם דאָזיקן אויפברויז איז געשטאַנען קולאַקאָווסקי. צוליב זיין פּאַראַליזירטקייט האָט ער נישט געקענט נעמען קיין אָנטייל אין עפנטלעכע דיסקוסיעס, אָבער מען פלעגט קומען צו אים זיך באַראָטן און ער האָט געהאַט זיין אַנאַליטישן דרך, גיך אויפגעכאַפּט אַלע ברענענדיקע שטרייט־פראַגן, שאַרפזיניק באַ־לויכטן די פּראָבלעמען.

די טוער פון דער יוגנט, וואָס האָבן גוט געדענקט זיין דינאַמישע פּערזענלעכקייט פון דער צייט איידער עס האָט מיט אים געטראָפן דער אומגליק, האָבן געוווּסט ווי אַזוי אָפּצושאַצן זיין אויפטו פאַרן ציוניזם, זיי האָבן אים געקענט ווי אַ מענטש, וואָס פאַרטיפט זיך אין פּראָבלעמען — און זיי האָבן אויך שפּעטער, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן פּאַראַליזירט, אויסגענוצט יעדע פרייע שעה כדי אים צו באַזוכן אין זיין היים, פּאָלעמיזירן — און ער האָט זיך תמיד אַנט־פּלעקט ווי אַ מענטש מיט וויסן, מיט האַרץ און נשמה.

ס'איז איינגעקריצט אין זכרון אַן אומפאַרגעסלעך בילד. ס'קומט פאָר אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער שול, און מאיר חיים זיצט אויף דער בימה מיט זיין וועגעלע און האַלט אַ פאָרטראַג; דער עולם כאַפּט אויף אַלץ וואָס ס'גייט אַרויס פון זיין מויל מיט באַגייס־טערונג, מ'הערט זיך צו מיט יראת הכבוד. ס'האָבן געוווּסט די צו־הערער ווי אַזוי אָפּצושאַצן אָט דעם איינציקאַרטיקן און באַגאַבטן אינוואַליד.

אָפּגעבנדיק זיך אינגאַנצן לטובת הכלל, האָט ער פאַרשטאַנען באַזונדערס ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין די הערצער פון דער יוגנט; געווירקט טאַקע אויף די אַרומיקע מיט זיין אויפריכטיקער ליבשאַפט צו דער העברעישער קולטור, און מיר מעגן אים פאַרצייכנען אַלס איינעם פון די, וואָס האָבן בייגעטראָגן צום אויספורימען די געשטאַלט פון יונגן דור אין קלעצק.

יוסף פרענקעל / דער וועג־ווייזער

ביי אַ שיינעם וועטער, צומיינסט אין די נאָכמיטאָג שעהן, האָט מען געקענט זען אין די קלעצקער גאַסן אַ קליין אינוואַלידן־וועגעלע, געפירט דורך דעם וואָס איז געזעסן אין אים, דורך זיין ברודער, אָדער דורך עמיצן פון זיינע באַגלייטער. און אין וועגעלע — אַ מיטליעריקער מענטש, דער קאָפּ אַביסל איינגעבויגן, דאָס פּנים איינגעפאַלן און צעקנייטשט און אַן אויסדרוק פון פּיין אין די אויגן.

יוגנטלעכע פון די חלוצישע באַוועגונגען פלעגן אָפט אַרומ־רינגלען דאָס וועגלע, זיך צוהערן צו זיין שמועס, און ער פלעגט פאַר זיי אויפקלערן די לעצטע נייעס, די פּאַסירונגען אין ציוניסטישן לעבן און אין ארץ ישראל, און ביז צו די לעצטע דיסקוסיעס אין קלעצקער שטאָטראַט. אָבער אָט האָבן אים אָנגעכאַפּט ווייטאָקן, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און זיך אומגעקערט אַהיים — צו זיין קראַנקן־בעט.

געבויר'ן אין קלעצק. זיין טאַטע, פייטל דער מלמד, אַ מופלג אין תורה, אַ מענטש מיט פיינע מידות. אַ שיינע געשטאַלט פון אַ אַמאָליקן מלמד. מאיר חיים האָט פון אים אָפּגעירשנט זיינע אייגנ־שאַפטן, נאָך קינדוויַיז געשמט מיט זיינע פעיקייטן, און באַזונדערס מיט זיין התמדה. תמיד פאַרטאָן אין תורה און לערנען.

צען יאָר אַלט איז ער אַריבער קיין טימקאָוויטש, צו זיין זיידן.

אַן איינגעדרימלט שטעטל. מענדעלע שילדערט עס ווי אַ מקום פון תפילה און חסידות, איז עס אָבער געווען אויך אַן אכסניה פון תורה. די אָרטיקע יידן האָבן געהאַלטן פאַר זייער זכות און פליכט צו שטיצן אויסערשטעטישע לומדים, און זיי באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן. צווישן די יונגע לומדים האָט זיך אויסגעצייכנט דער יונגיטשקער מאיר חיים. פון דאַנען איז ער אַריבער אין דער קליינער ישיבה אין ליאַכאָוויטש, און דאָ זיך געטראָפן מיטן שרייבער א. מוקדוני, וואָס איז דאָ געווען אַ לערער פון וועלטלעכע קעגנשטאַנדן און רוסיש, און די פרומע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ מסית ומדיח...

יאָ, מוקדוני האָט זיך טאַקע פאַרנומען מיט „נשמות־יאַגד". ליב געהאַט צו פירן לאַנגע שמועסן מיט די יוגנטלעכע און פּראָפּאַגאַנדירן פאָרגעשריטענע געדאַנקען. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט ער אַרויס־געוויזן פאַרן באַגאַבטן מאיר חיימען און אים געלערנט רוסיש און רוסישע ליטעראַטור, און אים טאַקע נישט ווייניק באַאיינפלוסט, אָבער ער האָט גלייכצייטיק פאָרגעזעצט לערנען תורה.

ס'זענען פאַרביי אַ פּאָר יאָר און מאיר חיים איז אָנגעקומען אין די גרויסע ישיבות פון סלאָנים און סלוצק. עס האָט אים פאַרכאַפּט

די שיטה פון מוסר. און שפּעטער אויך די ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע שטרעמונגען, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אויך אין די ישיבה־פעסטונגען.

דער גייסטיקער קריזיס האָט אים געטראָפן אין דער ישיבה פון סלוצק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ברויזנדיק יידיש לעבן און אַן אַקטיווער אינטעליגענץ. עס איז פאָרגעקומען אין אים אַ ווערטן־אומוואַנדלונג. ער פאַרלאָזט די ישיבה־באַנק, האַלט זיך אויס פון פריוואַטע לעקציעס און לייענט אָן אַ שיעור. דערנענטערט זיך צו דער ציוניסטישער יוגנט וואָס האָט זיך געשטאַרקט נאָך דער 1905־רעוואָלוציע, און געווירקט אין אירע רייען. באַזונדערס, האָבן אים באַאיינפלוסט אחד העמ׳ס שריפטן, אים האָט ער פאַרהערט זיין גאַנץ לעבן.

ווען ער פלעגט באַזוכן זיין געבורטס־שטעטל, האָט ער זיך באַמיט פאַרהוילן פאַרן טאַטן די גייסטיקע רעוואָלוציע וואָס איז אין אים פאָרגעקומען. אָבער זיין טאַטע האָט עס באַמערקט, און געהאַט פיל צער.

ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אים געלינגט זיך באַפרייען פון דער מאָביליזאַציע, וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אין רוסלאַנד און ווערט פאַרוואָגלט קיין פּערם, ווו ס׳טרעפט אים די פעברואַר־רעוואָלוציע 1917.

די צייטווייליקע רעגירונג דערקלערט אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע דעזערטירן און די יעניקע וועלכע האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון דינסט אין דער צאַרישער אַרמיי, בתנאי אַז זיי זאָלן זיך מאָביליזירן. אַ סך יידישע יונגעלייט מאָביליזירן זיך דאַן, צווישן זיי אויך מאיר חיים, און ווערט איינגעגלידערט אינעם פוסגייער רעזערוו־פּאָלק אין פּערם.

אין דער אַרמיי יווירט עס און פלאַקערט אַ אידעען־קאַמף. סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און באָלשעוויקעס. די אָפיצערן זענען ס׳רוב אָנהענגער פון דער בירגערלעך־ליבעראַלער ק. ד. פּאַרטיי. אויך דער ציוניסטישער געדאַנק האָט זיינע אָנהענגער צווישן די יידישע סאָלדאַטן. די יידישע מיליטערישע דאָקטוירים רופן צענויף ציוניסטישע צוזאַמענפאָרן. עס קומען אָן פאַר מאיר חיימען טעג פון אויפברויז און אינהאַלט.

צוזאַמען מיט אַ חבר, אַ מיליטערישן דאָקטאָר, ווידמעט ער זיך דער ציוניסטישער טעטיקייט צווישן די יידישע סאָלדאַטן אין פּערם און דער אומגעגנט. פירט אָן אויפקלערונגס־טעטיקייט אין אסיפות און צוזאַמענפאָרן, און צינדט אָן הערצער מיט זיין פלאַם. דער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטישע סאָלדאַטן ווײלט אים אויס אַלס דעלעגאַט צו דער אַלרוסלענדישער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין פּעטראָגראַד, 1917. דער אויפטריט פונעם איינפאַכן סאָלדאַט און זיין הייסע רעדע, אין אַ שיינעם העברעיש, באַווירצט מיט מאמרי חז״ל און ציטאַטן פון דער העברעישער ליטעראַטור, האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט.

און אָט באַווייזט ער זיך אין זיין געבורט־שטעטל, אין מונדיר, און גרויס איז די שמחה פון זיינע עלטערן. אָרגאַניזירט די צעירי ציון, און ער איז אַליין דער ראש המדברים און אַקטיוויסט, דער דערציער און געשעצטער וועג־ווייזער פון דער ציוניסטישער יוגנט. באַשאָנקען מיט אַ רעדנער־טאַלאַנט און איבערצייגונגס־קראַפט, מיט פילפאַרביקן וויסן און שטאַרקן זכרון. ווי אַ ברויזנדיקער קוואַל, אויף מסיבות און פייערלעכע אָוונטן, דעקלאַמירט און לייענט מיט געשמאַק ליטעראַרישע שאַפונגען, און זינגט מיט האַרץ יידיש־נאַציאָנאַלע לידער. עס איז דער הויך־פּונקט פון זיין נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט.

אין אַ צייט אַרום, האָט ער חתונה מיט אַ טאָכטער פון דער ל י כ ט ע ר מ א ן משפחה, און באַקומט אַלס נדן אַ טייל אין דער מיל. עס ווערן געבוירן קינדער. ער טראָגט דעם יאָך פון זייער פאַמיליע.

אין ווינטער־סעזאָן איז ער צוגעשמידט צום מיל, אָבער ווען ס׳קומען שליחים פון ארץ ישראל, אָדער ווען ס׳ווערן פּראָקלאַמירט אַקציעס פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן — פאַרלאָזט ער אַלץ און וואַרפט זיך אַריין אין דער טעטיקייט. גרויס איז זיין ביישטייער צו דער גרינדונג פון דער „תרבות״ שול, וואָס ער איז געווען פון אירע איניציאַטאָרן.

אין איינעם אַ שבת, זומער 1926, האָט אים געטראָפן אַ שווער אומגליק. אין דער היים איז אַלץ גרייט צו אַ מסיבה אין צוזאַמענהאַנג מיטן געבורט פון זיין דריטן קינד. אַראָפּפאָרנדיק מיט דער ווינדע פונעם אויבערשטן שטאָק פון דער מיל, האָט זיך אָפּגעריסן דער שטריק, און ער איז אַראָפּגעפאַלן שווער פאַרוואונדעט. מען האָט אים געבראַכט אַ היים פון זיין שוויגער, און דער פרוי האָט מען געזאָגט, אַז אַ דרינגענדע טעלעגראַמע האָט אים אַרויסגעפאָדערט אין אַ דערבייאיק שטעטל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים — און זינט דאַן געווען צוגעשמידט צום קראַנקנבעט און אינוואַלידן־וועגעלע. ער האָט געליטן אַ ברוך אין חוט השדרה, און ביידע פיס זענען פּאַראַליזירט געוואָרן. שרעקלעכע ליידן, שלאָפלאָזע נעכט. געפאָרן צו דאָקטוירים קיין ווין, אָבער אָן דערפאָלג. אַ געוויסע טרייסט איז פאַר אים געווען די אַטמאָספער פון ליבע און אַכטונג און טרייע איבערגעבנקייט מצד אַלע נאָענטע, ברידער און פריינט. זיי פלעגן אים באַזוכן, פאַרברענגען מיט אים א. אַז. וו.

אַ שטענדיקער איינגייער ביי אים איז געווען דער בונדיסט דוד ג א ב ר י ע ר אַן אָפּשטאַמיקער פון טימקעוויטש. געווען צווישן זיי אַן אייגנאַרטיקע פריינטשאַפט: גאבריער, אַ בלינדער, האָט זיך געגוויטיקט אין עמיצן וואָס זאָל אים פאָרלייענען, און מ. ח. קולאַקאָווסקי — אין עמיצן וואָס זאָל אים פירן אויף שפּאַצירן. (גאבריער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציס ליגנדיק אין בעט).

נישט צום פאַרגעסן איז קולאַקאָווסקיס לעצטע רעדע אין שול, בעת די געשעענישן פון תרפ״ט אין ארץ ישראל, נאָך דער שחיטה אין דער חברונער ישיבה און דעם מאָרד פון דער משפחה פ ו ר מ א ן — וואָס איז געווען גוט באַקאַנט אין קלעצק און סלוצק. מען האָט אים געבראַכט מיט זיין וועגעלע אין שול, אַרויפגעטראָגן אויף דער בימה, פון וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין רעדע. און די פאַרזאַמלטע האָבן געוויינט.

זיין קריינקהייט און ליידן האָבן זיך פאַרשטאַרקט. געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגער און פיינפולער גסיסה. קלעצקער יידן האָבן טיף געטרויערט נאָכן טויט פון איינעם פון זייערע שענסטע און ליכטיקסטע געשטאַלטן.

נח אפשטיין / א. מגידים אין שטעטל
(פּאַריז)

ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן אין בית מדרש נעבן כיור אַ מודעה, אַז דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, וועט בעה״ש דער ׳באַרימטער מגיד האַלטן אַ דרשה מעניני דיומא וכל השומעים תבא עליהם ברכה — פלעג איך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם וואַרטן אויף דער געשעעניש. געוויינלעך, פלעגט דאָס פאָרקומען אין צעפּרער קלויז, צווישן מנחה און מעריב. איילנדיק גיי איך אַרויס פון אונזער שטוב אויף ראַדזשימאַנטער גאַס, שפּרינג דורך דעם מאַרק פאַרביי רופס אַפּטייק, ווו אויפן גאַניק זיצט די „אינטעליגענטע״ יוגנט און דיסקוטירט אָדער פלירטעוועט אויף רוסיש, און קום אָן דורך אַ הינקעדיקן בריקל אין צעפּרער גאַס.

אין קלויז איז ליכטיק און וואַרעם. ביי אַ טיש רעכטס פון אַריינגאַנג, האַלט אַ שיעור מאַטעס ברעסלאַוו. פון פאַך איז ער אַ „פּערעמאָלניק”, דאָס הייסט אַ תבואה און מעל סוחר, אָבער זייענדיק אַ בן־תורה מיט אַ סמיכה אויף רבנות, איז ער מער באַהאַוונט אין ש״ס און פּוסקים ווי אין די פּרייזן פון ווייץ און קאָרן... וואָס פאַראַ אינטערעס קען באמת האָבן אַזאַ ייד זיך צו דינגען מיט די דאָרפישע כאַמולעס, וואָס ס'שטינקט פון זיי מיט דזשאַגעכץ און בראָנפן? האָט טאַקע דער רבש״ע געשענקט ברעסלאַוון אַ אשת חיל, הינדע די קליינע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן גאַנצן געשעפט, געאַמפּערט זיך מיט די מוזשיקעס אין אַ מאַרק־טאָג, אויסגעטענה'ט זיך מיט זיי אויף גויִיש און געשאָלטן אויף יידיש, און געשריען די קינדער זאָלן רואה זיין אויפן ערל וואָס האָט לאַנגע ידיים... ס'איז געווען אַ האַרמאָנישער זיווג, איינער האָט געאַרבעט אויף עולם הבא, די אַנדערע האָט אָנגעפירט מיטן שטוב, געקויפט און פאַרקויפט געקינדלט און דערצויגן קינדער.

אָט ענדיקט זיך ברעסלאַווס שיעור, און באַלד גייט אַרויף דער מגיד און שטעלט זיך ביים ארון. עטלעכע פון די מגידים זענען מיר גוט פאַרבליבן אין זכרון. איינער איז געווען אַ פּוילישער און גערעדט האָט ער אויף אַ שפּראַך, וואָס איז געווען ענלעך צו יידיש, אָבער דאָך נישט יידיש... אנשטאַט „יע” פלעגט ער זאָגן „יאָ”, אנשטאַט געקומען, געקימען, גוט — גיט און אַ. וו. — גרויס, ברויט, פוילן אנשטאַט גרייס, ברייט, פיילן. אויסער דעם האָט ער גערעדט בלשון „דאָס”. ביי אונז קלעצקער ווי ביי אַלע ליטווישע און רוסישע יידן, עקסיסטירט אַ מענלעך און אַ ווייבלעך געשלעכט, אַ „דער” און אַ „די”. ביים פּוילישן מגיד איז אויסער דעם מין זכר און מין נקבה צוגעקומען אַ דריטער, אַ זאַכלעך געשלעכט, אנשטאַט די הויז — דאָס הויז, דאָס בוך און אַ. וו. אַפילו אַזאַ וואָרט וואָס איז לכל הדעות לשון נקבה ווי ווייב, איז ביי אים אויסגעקומען נישט ווייבלעך נאָר זאַכלעך: דאָס ווייב אנשטאַט די ווייב... נו, האָט מען נישט געקענט שטאַרבן פון געלעכטער? דער ייד איז נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכער דרשן, דערצו האָט געשטערט זיין „פּרעמדשפּראַכיקייט” איך זאָל אַלץ גוט פאַרשטיין. ער האָט געשאָטן מיט משלים, מיט אַ קעניג (אַ קיניג) וואָס האָט געהאַט אַ זון (אַ זיִן), האָט דער זון געזינדיקט, האָט אים דער פאָטער געשטראָפט... און דער נמשל האָט זיך נאַטירלעך געפּאַסט צום משל. ווי געזאָגט, איז דער פּוילישער מגיד נישט געווען קיין זייער געהויבענער רעדנער, אָבער מען האָט געוווסט אַז ער האָט אַ פּאָר פאַרזעסענע מוידן, און יעדערער האָט געלייגט אין קערה מיט אַ ברייטער האַנט.

אַ צווייטער מגיד פון ווילנער געגנט, איז נישט נאָר געווען אַ הדרת־פּנים, נאָר האָט אויך גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש, געווען אַ גרויסער למדן און אַ פּה מפיק מרגליות. ווען דער ייד איז געשטאַנען מיטן טלית און די זילבערנע עטרה איבערן קאָפּ, איז מיר פאָרגעקומען, ווי איך וואָלט געהערט איינעם פון אונזערע גרויסע נביאים, ווי זיי מוסר'ן מיט זייערע פלאַמיקע רייד. עולם האָט געהערט מיט אָפענע מיילער און צאַפּלדיקע הערצער, אין עזרת הנשים האָבן ווייבער געצויגן נאָז־טיכלאַך און געלאָזן אַ טרער.

קלעצק האָט אויך געהאַט אַ אָרטיקן מגיד. שלימקע האָט ער געהייסן. ער האָט געדרשנט אין דער קצבישער קלויז, וווּ קצבים און אַנדערע פּשוטע יידן פלעגן קומען הערן אַ פּירוש אויף דער סדרה, אַ שטיקל עין יעקב, אַ ביסל אגדה, אַ קאַפּיטל שולחן ערוך. שלימקע איז אויך געווען דער אָפיציעלער בעל הספד. ביי זיינעם אַ הספד האָט מען טאַקע געוויינט מיט ביטערע טרערן. איך געדענק נאָך, ווי ער האָט אַמאָל אויסגעשריען: — ווייסט איר, יידן, פאַרוואָס מען רופט דאָס עולם האמת? ווייל אמת איז די ראשי תיבות פון ארון, מטה תכריכים.

ב. קלעצקער מעדיקער

ישראל שקליאר, דער קלעצקער פעלדשער, איז שוין געווען אַ זקן אין מיינע קינדערשע יאָרן, קיין גרויסע אַקאַדעמישע בילדונג האָט ער מסתמא נישט באַזעסן, אָבער „געוווסט אַ קרענק” האָט ער, און צוטרוי האָט דער עולם צו אים געהאַט מער ווי צום גרעסטן פּראָפעסאָר. פון קיין רעצעפּטן האָט ער נישט געהאַלטן, אפשר איז ער נישט געווען גאַנץ בקי בשוה מיט די לאַטיינישע טערמינען... אויף זיין צעקאַליעטשעטן רוסיש פלעגט ער זאָגן: „ריצינאַ אי כינינאַ — נאַאילוטשאַיאַ מעדיצינאַ”... (ריצן־אייל און כינין איז די בעסטע מעדיצין).

די נויטיקע פּראָשקעס האָט ער אַליין פאַבריצירט. געקומען צום חולה, פלעגט ער גלייך אַריינשטעקן דעם טערמאָמעטער אונטער דער פּאַכווע, אַריינגעקוקט אין אויג, באַטראַכט די צונג, אַריינגעשטעקט אַ לעפל אין מויל — און שוין איז דער דיאַגנאָז געווען פאַרטיק, פאַרשריבן אַ ביטערן פּראָשעק, עטלעכע לעפל ריצן־אייל אָדער אַ קאַנע (קליסטער), און ס'פלעגט זיך טאַקע ענדיקן מיט אַ רפואה שלמה. געהאַט האָט ער זייער אַ ברייטע פּראַקטיק, נישט נאָר צווישן יידן, נאָר אויך ביי די דאָרפישע גויים, וועלכע פלעגן קומען מיט אַ וואָגן, ברענגען דעם פּאַניע שקליאר צו אַ שטאַרק־פאַרוווּנדעטן, צו אַ שווערע קימפּעט און גלייכצייטיק פרעגן אַ עצה אויף אַ קראַנקע קו.

אין זייער ערנסטע פאַלן פלעגט מען זיך ווענדן צו דאָקטאָר מ ו ש ק א ט, אַ עכטער פּאָליאַק, גערעדט אַ פּויליש געמישט מיט רוסיש, צוגעבראָכט מיט עטלעכע יידישע ווערטער. אַ גלענצענדער מומחה. געזינדיקט מיטן ביטערן טראָפּן און ליב געהאַט אַ קערטל, אָבער נישט אין געזעלשאַפט פון פּוילישע שליאַכטעס, נאָר דווקא מיט יידן. איך געדענק, ווי איך האָב איין אַ דרינגענדן פאַל געמוזט אים אויפזוכן אין קאַצעווס בוכהאַנדלונג, וווּ ער איז געזעסן מיט קאַצעוון און דעם ציין־דאָקטאָר דלוגאַטש, פאַרטיפט אין אַ ליידנשאַפטלעכן קאָרטן־שפּיל. איז ער מיט מיר מיטגעגאַנגען ברומענדיק צווישן די וואָנצעס און באַקלאָגנדיק זיך אויף זיין פאַך: — אַפילו אויסרוען זיך אַ פּאָר מינוט ביי אַ גלאָז טיי לאָזט מען נישט, פרעסן זיך אָן מיט טשאָלנט און קומען שפּעטער דולן אַ קאָפּ, דער טייוול כאַפּט זיי, די אַלע יענטעס מיט זייערע בנים יחידים... ער איז אָבער געווען בטבע אַ גוטהאַרציקער, פּראַקטיצירט אַלגעמיינע מעדיצין, אָבער אויך אַפּערירט אין אַ נויטפאַל, ערנסט און גרינטלעך געקענט די שטעטלשע פּאַטאָלאָגיע און מיט פיל איבערגעגעבנהייט זיך באַצויגן צום חולה.

געוויס, נישט וועגן יעדע קלייניקייט פלעגט מען לויפן צום דאָקטאָר. ביי געוויסע קינדער־קראַנקהייטן (ספּעציעל נערוון) פלעגט מען „אויסשפּרעכן” אַ עין־הרע, אָדער „אויסגיסן” שרעקעניש. דאָס איז געווען די ספּעציאַליטעט פון אַ אַלטער קיידערקע (טאָטערקע), וועלכע האָט אין אַ קאָכעדיקן קעסל אויסגעפונען די פיגור פון אַ הונט אָדער פערד, און ווי באַלד מ'האָט געוווסט די סיבה — איז שוין די היילונג מיט „באַבסקע” מיטלען געווען לייכט... אין מייסטע פאַלן, האָט דאָס טאַקע געווירקט נישט ערגער, ווי די יעצטיקע פּסיכאָאַנאַליטישע סעאַנסן...

איך געדענק אויך זיינעם אַ פירוש אויף דער פרשה תצא, ווו עס שטייט לא יבא עמוני ומואבי בקהל ד׳ על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. און ווייטער: ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור. איז דאָך אַ קשיא: וואָס האָט די תורה באַדאַרפט אָנגעבן צוויי טעמים, דאָס ערשטע וואָלט דאָך אויך גענוג געווען. ס׳טייטש, יידן ראַטעווען זיך אַרויס פון אַ שקלאַפן־לאַנד, גייען הונגעריקע און דורשטיקע פאַרביי דיין לאַנד, לאָזט דו זיי, עמון און מואב, אָן אַ ביסן ברויט און אָן אַ טרונק וואַסער, דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַליעזע האַנדלונג, ספּעציעל אין מזרח ווו גאַסטפריינטשאַפט איז איינע פון די שענסטע מידות! וואָלטן אָבער די עמונים און מואבים געקענט ענטפערן: ס׳איז טאַקע אויף זיי אַ רחמנות, אָבער די צייטן זענען שווערע, ס׳איז אַ קריזיס האַנדל, מען האָט נישט פאַר אייגענע אָרעמע לייט, ווו זאָל מען נעמען געלט צו באַשפּייזן די פאַרבייגייענדיקע יידן? דעריבער שטייט — ואשר שכר עליך, דאָס הייסט: דו מואב, באַנדיט, אויף צו דינגען בלעם׳ן צו שילטן די יידן, אויף דעם האָסטו געהאַט מיטלען!... שלימקע פלעגט מסביר זיין, אַז עמך האָט געלעקט די פינגער. ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אַ כתב־יד, עפּעס אַ פירושים זאַמלונג און ביז יעצט ווייס איך נישט צו זיין זאַמלונג איז געדרוקט געוואָרן. אגב, זיין זאַמלונג האָט געהייסן „עושה שלום ברומיו״.

מיך האָט שטענדיק געצויגן צו אַ מגיד, און האָב פון מגידים פיל געלערנט.

ג. א מלמד - א רעוואלוציאנער

מיין ערשטער מלמד, צו וועלכן מען האָט מיר געפירט, ווען איך בין קוים אַלט געווען פיר אַ האַלב יאָר, האָט געהייסן ג א ל ו ש. ביז איצט וווּנדערט מיר, ווי אַזוי קלעצקער יידן האָבן אָנפאַרטרויט זייערע קינדער אַזאַ מלמד, וואָס האָט געשמט אַלס פרייזיניקער. איך ווייס נישט, צי האָט ער זיך פאַרנומען מיט מלמדות צוליב מאַטעריעלער נויט, אָדער כדי צו דעקן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, זיין הויפּטבאַשעפטיקונג. איבעריקנס, איז זיין סאָציאַליסטישע אַרבעט געווען שטרענג קאָנספּיראַטיוו. ווען די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, האָט מען געקענט זען גאלושן אַרויסטרעטן אויף מיטינגען מיט פלאַמיקע רעדעס, מיט מאַרקסיסטישע פסוקים, מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. קלעצקער בעלי־בתים האָבן זיך געקראַצט די פּאָטיליצעס פון שטוינונג: הזאת נעמי? איז עס גאלוש דער דרדקי מלמד, וואָס האַלט איצט אפּיקורסישע דרשות, אים האָבן מיר אָנפאַרטרויט אונזערע עופה׳לעך?

דעם אמת מוז איך זאָגן, אַז גאלוש האָט זיין אַרבעט אַלס מלמד געטאָן בשלמות און געוויסנהאַפט. עס האָט זיך געפאָדערט דערצו געדולד, טאַקט און איבערגעגעבנקייט. דער רבי האָט געמוזט פאַרמאָגן אַ וואַך אויג. פלעגן קומען ווייבער מיט טענות. איינע האָט זיך באַקלאָגט, הלמאי איר בן־יחיד׳ל וויל נישט עסן קיין וועטשערע. אַ צווייטע, וואָס איר קדיש׳ל איז געקומען פון חדר מיט אַ גוואַלד־ריס אין די תחתונים. גאלוש פלעגט אויסהערן די יידענעס מיט אַ איראָנישן שמייכל. ווי קליין מיר זענען געווען, האָבן מיר דאָך פאַרשטאַנען, אַז די אַלע טענות און מענות אינטערעסירן דעם רבין ווי פאַראַיאָריקער שניי. דער רבי וועט אונז אַפילו קיין באַמערקונג נישט מאַכן, נישט וועגן די קאַפּריזן ביים עסן און נישט וועגן די שטיפערייען בעת דער הפסקה. בכלל האָט ער נישט געהאַט די הכנעהדיקע באַציונג צו רייכע חשובע בעלי־בתים, ער האָט זיך אויך זייער זעלטן באַנוצט מיטן קאַנטשיק.

נאָך עטלעכע זמנים ביי גאלושן האָבן מיר געקענט עברי ווי וואַסער און אויך אַ פרשה חומש, די עלעמענטאַרע כללים פון דקדוק. דורך זיין סיסטעם פון „מי זה?״ און „מה זה?״ האָבן מיר דערוואָרבן שיינע עטלעכע הונדערט העברעישע ווערטער.

גאלוש איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, ווען קלעצק איז געוואָרן עוואַקואירט. אין מיין זכרון איז ער פאַרבליבן אַלס העכסט אויפריכטיקער מענש און א רעוואָלוציאָנער־אידעאַליסט, פאַר וועלכן דער סאָציאַליזם איז געווען אַ אידעאַל פון פרייהייט, גליק און פרידן פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

שפּעטער האָב איך געלערנט ביי דעם פּאָפּולערן אין קלעצק מלמד־משכיל בערל ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן. דער מלמדישער פאַך האָט קיינמאָל נישט געסטייעט אויף פרנסה. דער שכר לימוד איז געווען אַ קליינער, און אַפילו דאָס האָבן אַ העלפט בעלי־בתים נישט געצאָלט רעגעלמעסיק. אַזוי אַרום האָט אַ מלמד געמוזט האָבן אַ זייטיקע באַשעפטיקונג. בערלס פרוי און טאָכטער, האָבן טאַק געהאַלטן אַ קרעמל ביים חדר, און מיר יינגלעך פלעגן ביי דער רביצין קויפן עטלעכע קאַראַמעלן, (מיר האָבן דאָס גערופן „יעריסין״) אַדער אַזאַ זיסע קלעפּיקייט, אַמאָל פאַרביק, וואָס האָט געהייסן כאַלוואַ. אין חדר פלעגט אויך קומען אַ אלמנה מיט בייגל און מיט מעסטלעך געקאָכטע אַרבעס.

בערל איז געווען אַ שטרענגער מענש, שטרענג צו דער משפחה און צו די תלמידים. איך האָב פון אים קיינמאָל קיין קלעפּ נישט באַקומען, צו דערפאַר, וואָס איך בין געווען אַ גוטער תלמיד, צו דערפאַר, וואָס מיין טאַטע איז געווען פון די גוטע צאָלערס. אָבער נישט איינער פון מיינע חברים, האָט פון בערלס אַ פּאַטש, געקראָגן אַ געשוואָלן אויג, אָדער אַ בלוטיקן נאָז. דערפאַר אָבער, האָט יענער געקענט די סדרה פון דער וואָך אויף די פינגער. געווען אַ מייסטערהאַפטער לערער פון תנ״ך. אַ קאַפּיטל פון די נביאים, איז ביי אים אַרויסגעקומען שיין, קינסטלעריש איבערצייגנדיק. זיין תורה איז פאַרבליבן ביי זיינע תלמידים אויפן גאַנצן לעבן.

נאָך צוויי זמנים, זענען מיר איבערגעגאַנגען צו מ א ט ק ע מ ל מ ד (זיין פאַמיליע־נאָמען איז טאַקע געווען מלמד).

מאָטקעס זייטיקער פאַך, איז באַשטאַנען אין פאַרקויפן לאָטעריע־בילעטן. ער אַליין האָט אַמאָל געוווּנען 500 רובל, מיט וואָס די שטאָט האָט געקלונגען. דעם רבי׳ס ווייב און טאָכטער, האָבן נאָך אויסערדעם געשטאָפּט פּאַפּיראָסן, און צו דעם האָט דער זון פון טעקסאַס צוגעשיקט אַ פאָר דאָלאַר. מאָטקע האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט די „טאָלערס״, נישט אַזוי צוליבן געלט, ווי צוליב דעם זונס געטריישאַפט.

ער פלעגט דאָס אַריינלייגן אין אַ גמרא, האַלטנדיק, אַז וועמען, אָבער אונזערע תנאים און אמוראים מעג מען אָנטרויען אי די דאָלאַרן, אי דעם סוד... לצים האָבן געשמועסט, אַז מאָטקעס ש״ס איז ווערט אַ פאַרמעגן.. ביי אים האָבן מיר געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט רש״י. אינמיטן לערנען פלעגן מיר באַמערקן, ווי די רביצין טראָגט אַ גלאָז טיי, אָדער אַ טעלער זופּ „אויבן״, אויפן בוידעם, ווו עס האָט זיך באַהאַלטן זלמן, דעם רבי׳ס זון, כדי נישט גיין אין מיליטער (ס׳איז געווען מלחמה־צייט). ביי מאָטקען בין איך געווען נישט נאָר אַ באַליבטער תלמיד, נאָר אויך אַ בן בית.

איך פלעג אַרויפקומען שבת נאָך מיטאָג, ווען די רביצין איז געזעסן מיט אַ צאינה וראינה און דער רבי איז אויפגעשטאַנען פון זיין שינת מצוה, און געמיטלעך געזופּט די גלעזלעך טיי. מיר האָבן געשמועסט וועגן פּאָליטיק. ס׳איז געווען אין רעכטן ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אונזערע יידן האָבן געווונשן, אַז רוסלאַנד זאָל באַקומען די אמתע מפּלה. דורכן שטעטל האָבן זיך געצויגן אָבאָזן מיט מיליטער אין באַראַנאָוויטשער ריכטונג, און יידן איז צוגעקומען אַ פרנסה: באַקן בולקעס פאַר סאָלדאַטן.

מאָטקע איז געווען אַ איש תמים, אַ ערלעכער און פרומער ייד, נאָר אַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט צום עמוד. נאָר אַזוי ווי אַנדערע האָבן אויך געהאַט די זעלבע שוואַכקייט, פלעגן פאָרקומען אין בית מדרש רייבונגען איבער אַ מוסף צווישן מאָטקען און בענדזיק׳ן. דער לעצטער האָט געהאַט אַ אָריגינעלן נוסח, אָבער זיין עברי האָט נישט שטענדיק געשטימט מיט די שטרענגע כללים פון מלעיל און מלרע... מאָטקע דאַקעגן האָט געהאַט אַ גוטן עברי, אַ געפיל פאַר נגינה, און געהאָלפן האָט אים אַלס משורר

דער יונגערער זון משה, מיין אינטימער חבר (זינט לאַנגע יאָרן אין אַמעריקע).

איינער פון מיינע רביים, האָט געהייסן חיים אליהו, און גערופן האָט מען אים חיים עליע. באַנוצט האָט ער זיך מיט צוויי „פּעדאַגאָגישע" מיטלען: אַמאָל אַ קאַנטשיק און אַמאָל אַ קניפּ אין ווייכן טייל, פון וואָס מען פלעגט דערזען דער באבען פון יענער וועלט... געלערנט האָבן מיר ביי אים חומש, געוויינטלעך די סדרה פון דער וואָך. אַ סדרה צו אַ סדרה איז נישט גלייך. אַמאָל פלעגט דער רבי „איבערכאַפּן" עטלעכע זייטן, אָדער עטלעכע פּסוקים, וועלכע ער האָט געהאַלטן נישט פאַר אונזער עלטער. אָבער גראָד די פאַרבאָטענע שטעלן האָבן אונז אַמייסטן אינטערעסירט. פרעגן ביי די גרויסע איז געווען אויסגעשלאָסן. סיי דער רבי, סיי דער טאַטע האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ ענטפער: דאָס דאַרפסטו נישט וויסן.

איך געדענק נאָך גוט חיים עליעס חדר. אַ קליין צימער, אויף אַ וואַנט אַ פּאָרטרעט פונעם רוסישן לעצטן קייזער מיט זיין פרוי. אין חדר איז דושנע, ס'איז די לעצטע וואָך פון תמוז. דער רבי זיצט אין אַ רעקל, טרינקט סאָדע־וואַסער, וואָס אַ ייִנגל האָט געבראַכט פון לייבן, אָדער שמשונען אויפן מאַרק. ס'גייט די סדרה מסעי, אַ טרוקענע סדרה, דערפאַר אָבער אַ שיינע הפטורה פון ירמיהו און אויסער דעם גרייט מען זיך צו „איכה". דער רבי פלעגט דעם חומש מיט דער מגילה פאַרשענערן מיט די פירושים פון מדרש און בילדלעך, אונז קאָמענטירן זייער אינהאַלט.

חיים עליע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ משכיל, געלייענט אַ העברעישן בוך. אָבער געווען איז ער שטרענג רעליגיעז און פלעגט אַמאָל ביים דאַווענען אין בית מדרש אַריינפאַלן אין אַזאַ התלהבות און השתפכות הנפש, אַז ער פלעגט נעמען שרייען מיט אַ ווילדן קול. געדאַוונט האָט ער נישט ווייט פון מיין פאָטערס „שטאָט", און נאָכן דאַוונען פלעגט זיך צוזאַמענעמען אַ קרייזל כאַפּן אַ שמועס. עס האָבן אָנטייל גענומען ר' קלמן, דער וואָס האָט געהאַט אַ חזקה אויף ימים נוראים'דיקן שחרית, דער בעל קורא, וואָס פלעגט אַזוי מתיקותדיק לייענען די תורה און אויסלאָזן די „הפטורה" און דער רבי חיים עליע. נישט אַלע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער ווען מיין פאָטער האָט אַריינגעזאָגט אַ ווערטל און דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, בין איך געווען שטאָלץ, ווייל איך האָב געפילט, אַז ער האָט געטראָפן אין ציל.

ער האָט ליב געהאַט צו ציטירן דעם מאמר פון פילאָזאָף פּאַסקאַל: „אַ ביסל פילאָזאָפיע דערווייטערט פון גאָט, אַ סך פילאָזאָפיע דערנענטערט צו גאָט". ער פלעגט אויך דערמאָנען דעם חסידישן רבין, וואָס האָט איינמאָל געשיקט זיין שמש, ער זאָל גיין אין שול מכריז ומודיע זיין בפני כל עם ועדה אַז... ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט...

איך ווייס נישט צי האָט חיים עליע געהאַט אינערלעכע ספקות צו פאַרענטפערן, אָדער צי איז ער געווען אַ באמת אויפריכטיקער מאמין, גיכער גלויב איך דאָס צווייטע.

איין שיינעם טאָג איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, און מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

חיים דער ווייסער

גערופן האָט מען אים חיים דער ווייסער, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ ווייסער, בלאָנד־ווייס. געווען איז ער אַ קבצן אין זיבן פאָלעס, און ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ אָרימאַן, אַ מטופל בבנים, ווי פלעגט זאָגן דער מלך הלצים, זלמן מלמד? קינדלען איז דער איינציקער אומזיסטער פאַרגעניגן, וואָס אַ אביון קען זיך דערלויבן... קיין גרויסער קענער אין די אותיות מרובעות איז חיים נישט געווען, און ביים דאַווענען, האָט ער געבראָקט אַ עברי, אַז נאָר איין רבונו של עולם האָט אים געקענט פאַרשטיין... וועגן זיין סדר פראַווען, פלעגן אַרומגיין גאַנצע לעגענדעס, ווי אַזוי ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין דער הגדה, פאַרמישט די יוצרות, און אַז עס קומט צום דצ"ך עד"ש פילט מען, אַז דער ייִד פאַרקריכט אין אַ זומפּ.

ויהי היום, און אין חיים'ן דערוועקט זיך אַ השק צו לערנען, אַ אויסערגע־

ווינלעך גלוסטעניש צום קוואַל פון דער תורה. געווען איז ער שוין דאַן אַ בן ארבעים (טאַקע אַזוי ווי רבי עקיבא). אויסגעהאָלפן האָט אים זיין ייִנגל, וואָס האָט געלערנט אין תלמוד תורה. אין אַ יאָר אַרום, האָט ער זיך גענומען צו רש"י און שפּעטער צו משניות. איך געדענק גאַנץ גוט, ווי חיים פלעגט אַרומגיין אין בית מדרש מיטן ספר און זיך ווענדן דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם, מען זאָל אים מסביר זיין אַ ענין. נישט אַלע לומדים אין בית מדרש האָבן אים אויפגענומען בסבר פנים יפות. פיל האָבן מיט ביטול זיך באַצויגן צום עם הארץ, וואָס פאַרדרייט אַ קאָפּ און שטערט אין לערנען. ווען מען האָט זיך אָפּגעגעבן מיט חיים'ן און אים צוקייט יעדעס וואָרט, האָט זיין פּנים געשטראַלט ווי זיבן זונען. ביי מיין אַוועקפאָרן פון קלעצק, האָט שוין חיים געהאַלטן ביי אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. זעלטן האָב איך באַגעגנט אַזאַ וואונדערבאַרן טיפּ פון אַ אויטאָדידאַקט, וואָס האָט בזיעת אפּיו און מיט אַ אייזערנעם ווילן זיך דערשלאָגן צום באר מים חיים.

די באבע מיכלע

געהייסן האָט זי מיכלע מיכלין, און ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל, איז זי שוין געווען אַ בת שמונים, אַביסל איינגעבויגן, אָבער נאָך גענוג קרעפטיק. יעדן פרייטיק, פלעגט זי אַרומגיין מיט אַ זעקל, אָדער אַ קויש און צוזאַמענעמען איבער די הייזער חלה, פלייש, מזומן געלט און אַז. וו.

פאַר זיך? חס וחלילה! וואָס האָט שוין אַזאַ עלטערע פרוי געברויכט, אַז סך הכל געגעסן האָט זי ווי אַ פייגעלע, אַ כזית המוציא, אַ פּאָר לעפעלעך קרופּניק, אַ גלעזעלע וואַרעמס. אויסער דעם האָט זי געהאַט זייער אָפטע תעניתים, וואָס זענען אין קיין לוח נישט געשטאַנען, גלאַט אַזוי, אַזאַ תאוה צו נישט עסן. זי האָט געזאָגט אין שפּאַס, אַז די כוחות קומען איר פון פאַסטן... ניין, פאַר זיך האָט מיכלע, די באבע מיכלע, גאָרנישט באַדאַרפט. געוווינט האָט זי ביי דער טאָכטער, אַ בעקערין און עס האָט איר גאָרנישט געפעלט.

אַבער אָרעמע לייט זענען אין קלעצק געווען סיי אָרטיקע קבצנים, סיי פרעמדע בעטלער. און ווער זאָל זיי באַזאָרגן אויף שבת? פריער גאָט, נאָכער די באבע מיכלע. זי האָט פיל געברויכט, ווייל די קונדשאַפט, איז געווען גרויס. אַלע בעלי־בתים האָט זי געדוצט, זי האָט דאָך זיי געקענט אַלס יונגע שנעקעס, אַפילו די וועלכע מען האָט איראָניש גערופן „פּיאַניי העיר" (פני העיר) און וואָס בלאָזן פון זיך. טאָמער האָט פּאַסירט, אַז אַ גביר האָט נישט גענוג געגעבן, האָט מיכלע זיך אָנגערופן: — זאָג נאָר, יאָסל, אפשר ביסטו געאיינגט, דאַרפסט זיך נישט שעמען, ביי מיר איז אָדער מען גיט, אָדער מען נעמט. דאָס איז געווען אַ טרעפלעכע קאַפּוליער אַנצוהערעניש, וואָס האָט גלייך געווירקט. דאָס האָט אָבער זעלטן פּאַסירט.

קלעצקער ייִדן האָבן געגעבן ביד רחבה און דער באבע מיכלס קויש פלעגט זיך גיך אָנפילן מיט כל טוב.

געשטאָרבן איז זי אין עלטער פון 89 יאָר און זוכה געווען צו אַן אימפּאָזאַנטער לויה.

דער קלעצקער אפּטייקער — רוף

אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט אַן עלזאַסער ייִד געמאַכט אַ רייזע אין געגנט. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ ייִדישע סטודענטין פון רוסלאַנד.

פון דער באַקאַנטשאַפט, איז אַרויסגעקומען אַ ליבע, און די ליבע האָט זיך געענדיקט מיט אַ חתונה. דער זיווג, ווייזט אויס, איז נישט געווען מן השמים און נאָך אַ פּאָר יאָר, האָט זיך דאָס פּאָרל צעשיידט. דער מאַן לעאָפּאָלד רוף האָט עמיגרירט קיין דייטשלאַנד, ווו ער איז פיל יאָר שפּעטער געשטאָרבן אין גרויס אָרעמקייט אין אַ בערלינער שפּיטאָל. די פרוי איז צוריקגעפאָרן צו די עלטערן אין רוסלאַנד מיט צוויי עופה'לאַך, צוויי זין, וואָס איינער פון זיי איז עולה לגדולה געוואָרן. דאָס איז דער קלעצקער אפּטייקער רוף.

דער אפּטייק, דאָס הויז פון דער פאַמיליע רוף, איז געווען אַ שם דבר

אין קלעצק. זי האָט געהאַט אַ עקסטרעם־אַסימיליאַטאָרישן אויסזען, די שפּראַך און דערציונג פון די קינדער אויסשליסלעך רוסיש, די באַציונגען און פאַרבינדונגען — מיט די רוסישע קרייזן — טיפּיש פאַר פיל אַפּטייקערס אין די קליינע שטעטלעך פון תחום המושב אין רוסלאַנד.

דאָס מערקווירדיקסטע אָבער, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלבערט לעאַלפּאַדאַוויטש האָט פאַרמאָגט אַ עמפּפינדלעכע מיטפילנדיקע נשמה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין ברייטער אָפענער האַנד, ביי טיילן צדקה און נדבות פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. ער האָט ממש געשטראַלט, ווען ער האָט געהאַט די געלעגנהייט — און אַזעלכע געלעגנהייטן האָט ער, נאַטירלעך, געהאַט אין אַ גרויסע צאָל — אַרויסווייזן גוטסקייט און הומאַניזם.

און נאָך: אויב אַ גאַנץ יאָר פלעגט זיך דער קלעצקער אַפּטייקער אין זיין לעבנס־שטייגער אויפירן ווי אַ גוי, איז אַז ס'איז געקימען יום כפור, פלעגט זיין פּינטעלע ייד זיך דערוועקן. ער איז דאַן געגאַנגען אין ראַדזשי־מאַנטער קלויז, ווו מען האָט אים רעזערווירט אַ „שטאָט" ביי מזרח און ווו ער האָט געשמאַק געדאַוונט מיטן טלית איבערן קאָפּ און אַ מחזור מיט אַ רוסישע איבערזעצונג.

אַ גאַנצן טאָג געפאַסט, פאַרגאָסן עטלעכע טרערן ביים דאַווענען און ביי אַ עליה, נאָכדעם ווי ער האָט נאָכגעזאָגט די ברכת התורה וואָס דער שמש האָט אים סופלירט, פלעגט ער מנדר זיין מיט אַ ברייטע האַנט.

די לעצטע יאָרן, איז אין דער הויז און פאַמיליע רוף פאָרגעקומען אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש. אַלבערט לעאַפּאַלדאַוויטש האָט זיך דער־נעענטערט צום ציוניזם, אינטערעסירט זיך מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אין ארץ ישראל און אויך די קינדער זענען איבערגעגאַנגען אויף דעם וועג. זיינע ביישטייערונגען און שפּענדונגען פאַר די ציוניסטישע קרנות און אַנדערע ציוניסטישע צוועקן, זענען געווען די גרעסטע אין שטאָט. און געגעבן האָט ער מיט וואַרעמקייט און ליבע.

אַלבערט רוף איז געשטאָרבן מיט זיין נאַטירלעכן טויט אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער באַפרייונג פון ווייסרוסלאַנד אין יאָר 1941.

זיין פאַמיליע איז אומגעקומען צווישן אַלע קדושים פון קלעצק, אין דער צייט פון דער פאַרניכטונג און חורבן.

מענדל מאַבאַטשניק (יאָהאַנעסבורג) /

א. משה גאלוש און דער „בונד"

איז זיך דאָס חינוך פאַר יידישע קינדער אין קלעצק געגאַנגען זיין קדמונים גאַנג. האָבן יינגלעך 5־יעריקע אָנגעהויבן ביי מיכעלע דעם מלמד לערנען אל״ף בי״ת און שפּעטער אריבער צו מאָטקע פּיזשיק, מער פאַרמעגלעכערע צו מאָטקע פּוזאַק, צו לערנען חומש מיט רש״י. פאַר גאָר אָרימע יינגלעך איז געווען די תלמוד תורה, און אַזוי האָט דער קמץ אלף אָ, קמץ ב ב זיך איינגע־בירגערט, ביז משה גאַלוש איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַראָפּגע־קומען אין שטעטל, און האָט דער ערשטער אַ טרייסל געטאָן דעם פונדאַמענט פון דעם אַלטן חינוך סיסטעם פון דעם קמץ אלף אָ.

דער ערשטער צו עפענען אין קלעצק אַ חדר מתוקן, איז געווען משה גאַלוש. די יידן האָבן דעם חדר מתוקן אַ נאָמען געגעבן „די נייע מעטאָדע", און מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דער חדר מתוקן וואָלט אַראָפּגעזעצט דעם אַלטן חדר געגנצלעך, ווען משה גאַלוש וואָלט זיך געהאַלטן נאָר ביי זיין פּעדאַגאָגישן פאַך און וואָלט זיך נישט פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דעם „בונד" און אַוועקשטעלן אים אויף געהעריקע פּאַרטיי יסודות.

משה גאַלושעס חדר מתוקן, אָדער „די נייע מעטאָדע", האָט אין אָנהויב, נישט קוקנדיק אויף די פּראָטעסטן מצד די חדר מלמדים אויסגעזען צו זיין אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער ווען בעלי בתים האָבן זיך דערוווסט, אַז דער לערער פון דער נייער מעטאָדע איז גאָר אַן אָנפירער פון „בונד" — האָבן די טאַטעס פון די יינגלעך פון איין זייט און די חדר מלמדים פון דער צווייטער זייט, דערקלערט אַ קאַמף גאַלושעס חדר מתוקן. עס איז דערגאַנגען אויף אַזוי ווייט, אַז מ'האָט אין בית מדרש נישט געלאָזן לייענען, און דער באָיקאָט אויף משה גאַלושעס חדר מתוקן האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג, און משה גאַלוש איז געבליבן כמעט מיט איינציקע קינדער — גענוג נישט מער אויף אָנהאַלטן זיין נשמה.

דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן משה גאַלושן, און ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע פּרינציפּן און זיך ווייטער אָפּגעגעבן זיין אַרבעט אַלס טעאָרעטיקער פון „בונד".

ביז משה גאַלוש, האָט דער „בונד" נישט פאַרמאָגט קיין „בגד לבוש". דער „בונד" אונטער דער פירערשאַפט פון הירשל נאָכעס און יואל פּנחס דעם קצב'ס, האָט נישט פאַרמאָגט קיין אידיי. מען האָט געהערט, אַז עס עקסיסטירט אַן אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד", האָט מען אין קלעצק אויך אָרגאַניזירט אַזאַ פּאַרטיי. די אָרגאַניזאַטאָרן זענען טאַקע געווען די אויבנדערמאָנטע. מען פלעגט פון צייט צו צייט ברענגען אַ אָראַטאָר פון סלוצק, אַמאָל פון ניעסוויזש, פון ליאַכאָוויטש, מען פלעגט זיך צונויפזאַמלען אין וואַלד, אויסהערן דעם רעדנער, אָפּזינגען „די שבועה" און דערמיט איז געווען פאַרענדיקט. די פּראַקטישע אַרבעט פונעם „בונד", האָט זיך אויסגעדריקט אין שאַפן אַ „באָיעוואָי אָטריאַד", שפּאַצירן אַלע אָוונטן אויף דער בירזשע, וועלכע איז געווען אויף דער יידישער גאַס און אין אונטערייסן ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען.

מיטן אָנקומען פון משה גאַלוש האָט דער „בונד" באַקומען אַ נייעם פּנים. משה גאַלוש איז געווען אַ טעאָרעטיקער, אַ גייסטיקער פירער. אַדאַנק אים זענען געשאַפן געוואָרן לערן־קרייזן פאַר אָפּגעשטאַנענע חברים, און דער אַנאַלפאַבעטיזם פון די חברים פון „בונד" וועלכער האָט ביז גאַלושן פאַרמאָגט אין אַ הויכן פּראָצענט איז געוואָרן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד:

עס האָבן זיך דערנעענטערט די טעג פון דעם 5טן יאָר רעוואָלוציע. דער „בונד" האָט דעמאָנסטרירט אונטער משה גאַלושעס אָנפירונג און פריי. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ יריד־טאָג, ווען דער קלעצקער מאַרק איז געווען באַזעצט מיט הונדערטער פויערים, פערד און וועגענער. משה, אונטער דער שוץ פון בונדישן „באָיעוואָי אָט־ריאַד", איז צוגעקומען צו דער פּאָמפּע וואָס איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק, איינגעוויקלט אין אַ באַשליק אַרום האַלדז האָט זיך דער קליינער, דאַרער, טונקעלער משה גאַלוש אַרויפגעדראַפּעט אויף דער פּאָמפּע — און זיך געווענדעט צו די מאַרק פויערים טיטולירנדיק זיי: „טאָוואַרישטשי גראַזשדאַניני". משה האָט לאַנג גערעדט, דער עולם פויערים האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער פּאָמפּע, די מאַסע איז געוואָקסן פון מינוט צו מינוט, די אויפמערקזאַמקייט פון די פויערים איז געווען גרויס. משה'ס ענטוזיאַזם איז געוואָקסן, און גערעדט האָט ער צו זיי אין אַ זייער פּאָפּולערער שפּראַך. זיינע רייד האָבן דערגרייכט צו די נשמות פון די פויערים און ווען ער האָט פאַרענדי'קט האָבן פון די פויערישע ברוסטן אַרויסגעבריזט אַ באַ־שטעטיקונג אויף זיינע רייד. דער דערפאָלג האָט אַריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. דער „באָיעוואָי אָטריאַד" איז געבליבן אָן אַרבעט. די פויערים האָבן משה'ן אַראָפּגענומען אויף די הענט פון דער פּאָמפּע, און זיך געבעטן ביי אים, זיי זאָלן גיין צעטראָגן דעם טראַקטיר וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער. האָט משה דערפילט, אַז ער האָט נאָך נישט גענוג דערגרייכט מיט זיין רעדע, און איז ווידער אַרויף אויף דער פּאָמפּע צו דערגענצן, צו געבן פאַרשטיין, אַז סאָציאַליזם מיינט נישט ראַבעווען, מיינט נישט צעשטערן, נאָר זיך

איינפאַך באַפרייען פון יאָך פון אונטערדריקער, פון יאָך פון צאַר וואָס ווערט געפירט דורך ראַספוטינען.

און אַזוי איז די ערשטע מאַסן־אַגיטאַציע פון „בונד", אַ דאַנק משה גאלושן, אַרויס פון די יידישע ד' אמות — אין דער עפענטלעכקייט.

משה גאלוש האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פירערשאַפט פון „בונד". זיינע רעדעס צו פאַרשידענע וואַל־קאַמפּאַניעס, זיינע געשריבענע אויפרופן, האָבן שטענדיק געהאַט אַ ווירקונג. מיט איין וואָרט, משה איז געווען דער נערוו פון דער „בונדישער" אָרגאַניזאַציע אין קלעצק.

מיטן אויסברוך פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, איז משה גאלוש, אַזוי ווי די מערהייט מיטגלידער פון „בונד", אַריבער צו די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אים איבערגעפירט פון קלעצק אַלס קולטורלייטער אין אַן אַנדער געגנט.

ב. די הושאקעס

האַרט ביי דער ראַמיסצער טייך, איז געשטאַנען אַהויז מיט אַ הויכן, שטיינערנעם פונדאַמענט און מיט אַ הויכן הילצערנעם גאַניק. געשטאַנען איז דאָס הויז אָפּגעזונדערט פון אַלע איבעריקע הייזער, אַזוי ווי זי וואָלט נישט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא מיט זיי. געווען איז דאָס הויז אָבער פאַרבונדן מיטן טייך און עס איז שווער געווען צו באַשטימען ווער צו וועמען עס געהערט, די שטוב צו דעם טייך, אָדער פאַרקערט.

געהערט האָט דאָס הויז צו די הושאקעס: לייבע הושאק דער פאָטער, אַ ייד אַ הויכער, איינער פון די העכסטע מאַנסביל אין שטעטל. פאַרמאָגט האָבן זיי דריי בנים, הויכע און געזונטע ווי ריזן.

זעלטן ווען מ'האָט דער פאַמיליע הושאקעס געזען אין שטעטל, אויסער ימים טובים, איבערהויפּט ראש השנה און יום כפור פלעגט דער טאַטע מיט די בנים זיך אַראָפּלאָזן אין דער שניידערשער שולכל, וווּ ביים אַריינגאַנג, אויף אַן אָפּגעזונדערטן טישל, פלעגן זיך די הושאקעס צעלייגן מיט זייערע גרויסע מחזורים פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשמעקט אַ טוכלער ריח. און כאָטש דער אַלטער לייבע, פלעגט יום כפור זיך אויספּוצן אין אַ ווייסן קיטל, ימט אַ זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, פלעגט ער אָבער ביים דאַוונען קיינמאָל זיך נישט שלאָגן קיין „על חטא" ווי אַלע אַנדערע יידן אין שולכל פלעגן עס טאָן. און וועגן אַרויסלאָזן כאָטש איין טרער, אַפילו ביים „ונתנה תקף" — אויך נישט, האַרט ווי אַ שטיין, האָט אים נישט גענומען, נישט די ווייבערישע קלאָגערייען, נישט דעם חזנס וויינענדיקע תפילות.

יידן פלעגן אויף לייבן טייטלען מיט די פינגער: „דאָס איז גאָר קיין ייד נישט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, דאָס האָט גאָר אַ גוישע נשמה". אָבער לייבע פלעגט ענטפערן קאַלט: „זאָלן זיך קלאַפּן „חטאתי" די וואָס זינדיקן אַגאַנץ יאָר, איך בין ריין פון חטאים".

די בנים פלעגן טאַקע אַריינקוקן אין די גרויסע מחזורים, אָבער צו זיי האָבן געוווּסט וואָס אין די מחזורים טוט זיך, דאָס קען מען נישט זאָגן, ווייל דאָס שטעטל האָט זיי חושד געווען, אַז זיי קענען גאָר קיין עברי נישט.

די הושאקעס זענען געווען רויקע און שטילע מענטשן. זייער וועלט באַנעם, איז געווען דער טייך. זייער חיונה האָבן זיי געצויגן פונעם טייך, אַזוי האָבן געלעבט טאַטעס, זיידעס און עלטער זיידעס, און אַזוי לעבן די אייניקלעך. טייך מענטשן, געבוירן געוואָרן אַלע ביים טייך, געהאָדעוועט זיך און געוואָקסן ביים טייך, און דער טייך איז געגאַנגען בירושה פון דור צו דור: — אין אַ פאַרוואָרפענעם, אָפּגעלאָזטן ברעג פון טייך, וואָס עס איז געווען באַוואָקסן מיט פאַרשידענע וואַסער גרינסן, גרויסע בלעטער אַזוינע, האָבן די הושאקעס געהאַט זייערע פעסט געבויטע הילצערנע קאַסטנס, ווו זיי האָבן דאָרט געהאָדעוועט ראַקעס. דריי שיפלעך פאַרשלאָסענע אויף קייטן און צוגעבונדן צום ברעג, האָט געהערט צו זייער אייגענער באַלעבאַטישקייט. אין זומער צייט ווען דער טייך איז נישט געווען געפרוירן, פלעגן די יונגע הושאקעס, עטלעכע מאָל אַ וואָך זיך אַוועקלאָזן מיט די שיפלעך ערגעץ ווייט אין טייך אַריין און זיך צוריקקערן מיט פולע אָנגעלאָדענע שטרויענע קוישן פול מיט ראַקעס, וועלכע פלעגן קריכן הינטערווײַלעכץ, איינער אויפן אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן.

וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די ראַקעס, האָט קיינער נישט געוווּסט. נאָר גערעדט האָט מען אין שטעטל, אַז די הושאקעס טראַנספּאָרטירן די ראַקעס ערגעץ ווו קיין דייטשלאַנד, ווייל מען האָט אויך מיט חידוש געגלויבט, אַז די דייטשן עסן ראַקעס.

יינגלעך פון שטעטל, האָבן באַטראַכט די הושאקעס ווי עפּעס מאָדנע אויסטערלישע מענטשן. קיין מורא פאַר זיי האָט מען נישט געהאַט, ווייל כאָטש זיי זענען געווען גרויסע ריזן זענען זיי אָבער געווען ווי לאַכמאַנע פערד. שטענדיק געשמייכלט צו די יינגלעך, זיי מקרב געווען. אָפט מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער אין אַ הייסן טאָג און ווער רעדט נאָך, אַז אַ יינגל האָט אַרויסגעהאָלפן ביים פּאַקן די ראַקעס אין גרויסע קאַסטנס איז שוין דער יינגל געוואָרן אַן ערן גאַסט ביי די הושאקעס און זיי האָבן אים מכבד געווען מיטן כבוד אים אַריינצונעמען זיך דורכשיפלען אויפן שיפל פון איין ברעג צום צווייטן.

דער יינגסטער פון די דריי בנים, יענקל הושאק, אַ הויכער ברייטפּלייציקער יונג מיט אַ רויטן פּנים אָנגעפּיקעוועט מיט זומער שפּרינקעלעך, מיט גרויסע צעפּליאַטשעטע האָריקע הענט אויך באַוואָרפן און באַזייט מיט זומער שפּרינקלעך, איז שוין נישט געגאַנגען אין די דרכים פון זיין טאַטן און זיינע ברידער. יענקל הושאק איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין שטעטל און האָט זיך גענומען חברן מיט די בעלי מלאכות פון שטעטל. הירשל נאַכעס און נחמן שייע דעם קצבס זון, די אָנפירער פון „בונד" האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף יענקל הושאק, זיך אין דער שטיל געטראָפן מיט אים, אָפּגעגעבן אים אַן „אַגיטאַציע" און יענקל איז געוואָרן אַ חבר פון „בונד".

יענקל האָט מיט אינטערעס גענומען באַזוכן די געהיימע פאַרזאַמלונגען ערגעץ אין וואַלד. און ווען אַן אראטאר אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר, אָנגעטאָן אין אַ פּעלערינע, מיט ברילן פלעגט אַראָפּקומען האַלטן אַ רעדע איז שוין יענקל געשטאַנען אויף „פּאַטראָל" אָנהויב וואַלד און געגעבן געוויסע צייכנס צו די בחורים און מיידלעך, וועלכע פלעגן כלומרשט גיין שפּאַצירן און מיט אַ ווונק זיי אָנווייזן דעם וועג ווו די פאַרזאַמלונג קומט פאָר.

יענקל איז שפּעטער געוואָרן דער פירער פון „באָיעוואָי אָטריאַד" און האָט טאַקי אַסך אויפגעטאָן: — אַז מ'האָט געדאַרפט אַראָפּרייסן אַ ציוניסטישן מיטינג אין בית־מדרש האָט זיך יענקל הושאק אַריינגעלאָזן מיט זיין אָטריאַד מיט געשרייען: „נידער מיטן ציוניזם, זאָל לעבן דער בונד, דאַלאָי צאַר ניקאָליי, דאַזדראַווסטוויעט סוואָבאָדא אי ראַבאָטשי נאַראָד" און דאָס פלעגט אָפט העלפן, ווייל די ציוניסטן האָבן זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין געשלעגן. ניאַמע קוליע, דער דאַמסקער שניידער האָט אַפילו אַמאָל פּרובירט זיך לאָזן מיט דער קוליע אין דער רעכטער האַנט צו פאַרפירן אַ געשלעג, אָבער דער עולם האָט דעם בלייכן ניאַמען מיט גוואַלד אַוועקגעריסן פון יענקלען און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. נאָך אַזאַ סצענע פלעגט שוין נחמן, שייע דעם קצבס זון, אַ געוועזענער משורר ביים חזן, פאַרציען אויף אַ הויכן טאָן: „ברידער און שוועסטער פון

אַרבעט און נויט", חברה בונדיסטן האָבן אונטערגעכאַפּט מיט געשמאַק און זיגרייכע פאַרלאָזן דעם בית מדרש.

דער שלום בית ביי די הושאַקעס איז צעשטערט געוואָרן. דער אַלטער לייבע מיט די צוויי עלטערע זין האָבן זיך אָפּט גענומען אַרומקריגן מיט יענקלען, מוסרן אים, פאַרוואָס ער חברט זיך מיט די בונטאָווטשיקעס, מיט די שוסטערלעך און מיט די שניידערלעך, פאַרוואָס ער וויל נאָר אַראָפּוואַרפן דעם קייסער ניקאָליי, אָבער יענקל האָט זיך איינגעעקשנט, אַז ער וויל בשום אופן דעם קיסר נישט האָבן, אַז מ'קען גאַנץ גוט אויסקומען אָן אַ קייסער וואָס איז אַ דאַרמאַיעד, אַ באַנדיט און אַ פּאָגראָמשטשיק. און דאָס חברן זיך מיט די בעלי־מלאכות האַלט גאָר יענקל פאַר אַ כבוד. „מיט וועמען דען", האָט יענקל געטענהט, זאָל איך זיך חברן, מיט די בורזשויסקע זינדעלעך וואָס גייען אום גאַנצענע טעג דרייענדיק מיטן שטעקל און טונקען קיין פינגער אין קאַלטער וואַסער נישט אַריין? מיט אָט די פּוסטעפּאַסניקעס וואָס לעבן אויף יענעמס חשבון און זויגן פון דעם אַרבעטער דאָס בלוט ווי פּיאַווקעס?.. ברידער, האָט יענקל זיך געקאָכט, עס זענען שוין אַוועק יענע יאָרן ווען דער אַרבעטער איז געווען פינצטער! נייע צייטן קומען אָן. נייע פרילינג ווינטן בלאָזן און די זון וועט אינגיכן אָנהויבן שיינען אויף פאַרן דערשלאָגענעם אַרבעטער, פאַרן האָרעפּאַשניק. לאָמיר נאָר אַראָפּוואַרפן דעם פאַרפלוכטן „צאַר באַטיושקאַ" און אַ נייע וועלט וועט זיך אָנהויבן אַפילו פאַר דיר, טאַטע, און פאַר אייך ברידער, ווייל איר זייט אויך האָרעפּאַשניקעס!"

יענקל האָט זיך גענומען לערנען לייענען און שרייבן ביי דעם פאַרטיי לערער, וועלכער האָט אַלע אָפּגעשטאַנענע חברים געלערנט אָן געלט. ער האָט מיט אינטערעס און פלייסיקייט זיך צוגעכאַפּט שלינגען די ווערטער וועלכע זענען אים ביז איצט פרעמד געווען. מיט דער צייט האָט שוין יענקל אָנגעהויבן לייענען ביכלעך וואָס די פאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן און יענקלס חשיבות אין דער פאַרטיי האָט זיך גענומען אָנזען.

יענקל איז געוואָרן איבערגעגעבן דעם „בונד" מיט לייב און לעבן. זיין איינציקע שטרעבונג איז איצט געווען — ווערן אַ מיטגליד פון קאָמיטעט. אָבער ער האָט אַליין געפילט, אַז ער איז נאָך דערצו נישט דערוואָקסן. צו זיין אַ מיטגליד אין קאָמיטעט, מוז מען ראשית קענען אָפּגעבן „אַן אַגיטאַציע", אָדער פירן אַ דיסקוסיע מיט ציוניסטן און אויף דעם פּילט ער זיך נאָך צו שוואַך, האָט ער דעריבער באַשלאָסן זיך אַ נעם טאָן וואָס מער צום לייענען און מיטן לייענען קען אַ מענש אַלץ דערגרייכן. ער וועט נאָך ווייזן דער פאַרטיי וואָס פון אַ געוויינטלעכן פּשוטן בחור, וואָס קומט אַרויס פון פּראָסטע עלטערן קען נאָך ווערן. ער האָט בטחון, יענקל און מיט בטחון קען מען אַלץ דערגרייכן.

*

אין דעם קיידערשן געסל, וואָס איז געווען דורכאויס באַוווינט פון קיידאַרים, האָט זיך שטענדיק געטראָגן אַ ריח פון פעל און פון קליי. זומער צייט אין די גרויסע היצן פלעגט מען שוין דעם ריח דערהערן אין די שכנותדיקע גאַסן. אַחוץ איייניקע האָבן כמעט די מערסטע קיידאַרים געלעבט טאַקי אין דעם געסל און זיי האָבן זיך פאַרנומען אַ חוץ ערד אַרבעט מיט אויסאַרבעטן יוכטענע פעל פאַר דער יידישער לעדער אינדוסטרי.

געלעבט האָבן די קיידאַרים פון שטעטל, כמעט ווי אָפּגעזונדערט פון אַלע גוים און צוליב זייערע פרנסות זענען זיי געווען זער פריינטלעך און אויסגעמישט מיט די יידן. יינגלעך האָבן דאָס אויסגעטייטשט, אַז זייער גוט לעבן מיט די יידן נעמט זיך דערפון וואָס זיי זענען דאָך אונזערע שוועסטערקינדער. זיי קומען דאָך אַרויס פון ישמעאלן. און ישמעאל איז דאָך געווען אונזערער אַ לייבלעכער שוועסטערקינד, דעריבער איז דאָס די פריינטשאַפט. אָבער יענקל הושאַק האָט געלאַכט פון דער קרובהשאַפט און ער האָט דאָס אויסגעטייטשט גאָר אויף אַן אַנדער אופן, וואָס די יינגלעך איז דאָס געווען שווער צו פאַרשטיין: —

„די גוטע באַציונגען צווישן יידן און קיידאַרים איז אַ פועל יוצא פון דער רעאַקציע", האָט יענקל דערקלערט. די קיידאַרים זענען אויך אַ פאַרשקלאַפּט פאָלק אַזוי ווי מיר יידן. דאָס הייסט, זיי האָבן אויך נישט די זעלבע רעכט וואָס די פּראַוואָסלאַוונע האָבן און זענען אויך אונטערדריקט אַזוי ווי מיר יידן. דעריבער, האָט זיך יענקל באַמיט צו פאַרטייטשן, געהערן די קיידאַרים מער צום אונטערדריקטן קלאַס און אַלע אונטערדריקטע קלאַסן האָבן דאָך די זעלבע אינטערעסן, אָט דערפון נעמט זיך טאַקי די פריינטשאַפט. שוועסטערקינדער זענען טאַקי פריינט, ברידער אַוודאי, פונדעסטוועגן שטערט עס נישט אַז ברידער אָדער שוועסטערקינדער זאָלן זיך רייסן איינער מיטן צווייטן. והראיה, אָט נעמט לייבע מיט שימשען — צוויי לייבלעכע ברידער? האַלט עס זיי אָפּ אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פון געשלעגן צווישן זיך, אַזוי, אַז די גאַנצע שטאָט לויפן זיך צונויף אויף בייזן וווּנדער? אבי עס האָט נאָר צו טאָן מיט קאָנקורענץ, מיט פּרנסה. נו, און די יידן זענען דאָך ברידער, זאָגט איר, לעבן דען אַלע יידן ווי ברידער? וועט זיך, למשל, חיים עזרס חברן מיט אַ נאַש בראַט, אַ בעל מלאכה, האָבן זיי דען די זעלבע אינטערעסן. וועט ער געבן גערעכט אַ יידישן אַרבעטער ווען ער וועט פאָדערן אַן 8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אָדער העכערן שכירות? געוויס נישט! היינט וואָס פאַר אַ ברודער איז ער אייערער?" די יינגלעך ווייסן טאַקי נישט וואָס צו ענטפערן און ווען איינער טוט אַ פרעג: „יענקל וואָס איז דאָס אַזוינס די „רעאַקציע און קאָנקורענץ" דאָס זענען אינאָסטראַנע ווערטער, האָט יענקל דערקלערט און די יינגלעך האָבן ווייטער נישט פאַרשטאַנען.

דעם אַלטן קובאַס זון, אייבראַהים, איז שטענדיק געווען אויסגעמישט מיט די יידישע בחורים און האָט אפילו אויסגעקוקט ווי אַ ייד. ווען אייבראַהים פלעגט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן אַרומגיין אין דער יידישער גאַס, אויף דער בונדישער בירזשע, צוזאַמען מיט אַלע בונדיסטן, פלעגט אַ פרעמדער, אַריבערגעקומענער חבר פון אַ צווייטער שטעטל קיינמאָל נישט איינפאַלן, אַז אייבראַהים איז נישט קיין ייד און דער פרעמדער פלעגט דערנאָך מיט דרך ארץ קוקן אויף אייבראַהימען, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז גאָר אַ קיידער.

אייבראַהים דער קיידער האָט געוווינט אין עק קיידערשער גאַס ניט ווייט פון „מעטשעט". זיין טאַטע קובאַ איז שוין געווען זער אַלט און אייבראַהים האָט געאַרבעט אויף חיונה און געפירט די באַלעבאַטישקייט, און זייענדיק אַן אָנהענגער פון „בונד" האָט ער איבערגעגעבן זיין הויז אין דינסט פון דער בונדישער פאַרטיי. און ווען אַ קליינער צוזאַמענטרעף האָט געדאַרפט פאָרקומען, ערגעץ אין דער שטיל, פלעגט שוין אייבראַהים אַריינפירן די „געסט" צו זיך אין שטוב, כלומרשט אויף צו פאַרברענגען, פאַרהענגען די פאָרהאַנג פון פענצטער און דאָרט פלעגן אָנגענומען ווערן פאַרשידענע רעזאָלוציעס.

אָט טאַקי צו אייבראַהים דעם קיידער אין אַלקער, האָט יענקל הושאַק איינמאָל אַראָפּגעבראַכט עטלעכע יינגלעך אָפּצוגעבן „אַן אַגיטאַציע".

יענקל האָט גערעדט צו די יינגלעך מיט פייער. ער האָט זיי דערקלערט די ביטערע לאַגע פון די אַרבעטער, נישט נאָר אין שטעטל, נאָר אין דער גאַנצער וועלט, ווי די רייכע בורזשויען עקספּלואַטירן די אַרבעטער מיט נידעריקע שכירות און לאַנגע אַרבעטס שעה'ן. נאָך זיין „רעדע" האָט ער פאַר די יינגלעך פאָרגעלייענט אַ מעשה פון 4 ברידער געדרוקט אין אַ דין ביכעלע מיט גרינע טאָוולען. ער האָט

געלייענט פליסיק אָן אַן אָפּשטעל. די ייִנגלעך זענען געזעסן פאַרגאַפט, מיט אָפענע מײַלער און געשלונגען יעדעס וואָרט. איבערהויפט האָט יענקלס רעדן און לייענען געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף קלמנען — אַן אָרימער יונג וואָס פלעגט אַרויסהעלפן חאַטשען און העטשען אין מאַרק־טעג מיט אויספּרובירן פערד. קלמן האָט אַרומגעכאַפּט יענקלען און אויסגעשריען מיט באַגײַסטערונג:

„יענקל, אויף נאמנות, כ׳האָב דיר נישט געקענט. איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אַ פּראָסטער יונג אַט ווי איך, ווי חאַטשע, ווי העטשע און לסוף ביזטו גאָר אַ געלערנטער מענטש. איך בין זיכער, אַז דו קענסט אָנשרייבן אַן אַדרעס אויך. אוי, יענקל ווי איך בין דיר מקנא!..

„נאָר אָן התלהבות", האָט יענקל קלאַפּנדיק קלמנען איבערן פּלייצע געשמייכלט. „אַזוי געלערנט ווי איך קענסטו אויך זײַן, אויב דו ווילסט נאָר ווילן".

„אוודאי וואָלט איך וועלן. אָבער ווי אַזוי, ווער וועט מיך לערנען אָן געלט?"

„און ווער האָט מיך געלערנט? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, די פּאַרטיי, דער בונד, דאָס איז די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, אָט וועגן דעם טאַקי האָב איך דאָך אײַך אַלעמען געבראַכט אַהער, זיך דורכשמועסן מיט אײַך און איר זאָלט זיך פאַרשרײַבן פאַר חברים אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע".

*

ווען קלמן איז צום ערשטן מאָל געקומען מיט יענקלען אויף דער געהיימער פאַרזאַמלונג טיף אין וואַלד, האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן דערזען פאַר זיך אַ נײַע וועלט. און כאָטש די פּנימער זענען אים געווען נישט באַקאַנט האָט ער דאָך געפילט עפּעס אַ מאָדנע נאָענטקייט צו אַלעמען.

יענקל האָט דעם נײַעם חבר פאָרגעשטעלט פאַר אַלעמען און קלמן האָט יעדערן אָפּגעגעבן „שלום עליכם" און מיט צופרידנהייט געדריקט יעדן די האַנט. צו די חברטעס האָט קלמן זיך לכתחילה געשעמט צו גיין, אָבער יענקל האָט אים אויפגעמונטערט זאָגנדיק דערביי: „קום, חבר, דאָ זענען אַלע חברים, אַלע גלײַכע מענטשן. און עס איז דאָ נישטאָ פאַר וועמען זיך צו שעמען".

צו דעם רעדנער האָט זיך קלמן צוגעהערט מיט אַן אָפן מויל. כאָטש ער האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען און ווען דער רעדנער האָט געענדיקט און די פאַרזאַמלטע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, האָט קלמן אויך שטאַרק און הילכיק געפּאַטשט. צווישן די פּראַגע שטעלער איז אויך געווען יענקל הושאק און קלמן האָט גענומען באַטראַכטן יענקלען ווי אַ גרויסן מענטשן און יענקלס חשיבות איז בײַ קלמנען געוואָקסן.

צום סוף האָט דער וואַלד אָפּגעקלונגען מיט דער בונדישער שבועה. קלמן האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנג און ווערטער און גייענדיק אַהיים האָט קלמן בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זײַן טרײַ דער בונדישער שבועה. אַז ער „וועט קעמפן פאַר פרײַהייט ביז לעבן און טויט", ווי די חברים האָבן געזונגען.

ג. חאַטשע און העטשע

חאַטשע און העטשע זענען געווען צוויי לײַבלעכע ברידער. פערד הענדלער. כאָטש חאַטשע איז עלטער פון זײַן ברודער מיט אַ קנאַפּן יאָר, וואָלט קיינער, פונדעסטוועגן, נישט פּרובירן אַ טראַכט טאָן, אַז זיי זענען נישט קיין צווילינג: —

ביידע מיטלוויקסיקע, פעסט געבויט, מיט ברייטע פּלייצעס, ביידע געשאָרן מיט איין סטיל — פאַרשניטן די האָר פון דער פּאַטעלניצע גלײַך ווי אַ סטרונע און אָפּגעגאָלט די הינטערשטע טיילן פון האַלדז אַזוי גלאַט, אַז די העלדזער זייערע פלעגן אַרויסקומען גערונצלט פון הינטן. ביידע האָבן געטראָגן די זעלבע קורצע פּעלצלעך פאַרגאַרטלט מיט די זעלבע גאַרטלען ווינטער צײַט, און לײַכטערע טוזשורקעס זומער. ביידע האָבן געטראָגן קורצע וואָליקלעך מיט הויזן אַראָפּגעקנייטשט — ווינטער, און שוואַרצע שטיוועלעך — זומער. ביידע האָבן געטראָגן היטלען מיט גלאַנציקע דאַשיקעס אָנגערוקט אויף דער רעכטער זײַט און פון דער לינקער זײַט פלעגן האָפּערדיק אַרויסקוקן איבער די דאַשיקעס זשמעניעס געקרײַזלטע האָר אַרויפגעקעמט אַרויפצו. דער איינציקער אונטערשייד צווישן זיי איז געווען וואָס ווען חאַטשע האָט שטענדיק געהאַלטן זײַן בײַטש פאַרשטעקט אין דער רעכטער זײַט פון זײַן גאַרטל, איז בײַ העטשען זײַן בײַטש געווען פאַרשטעקט אין דער לינקער זײַט פון גאַרטל. דאָס איז דערפאַר ווײַל חאַטשע איז געווען אַ געלינקטער.

חאַטשע אין העטשע האָבן זיך איינער פון דעם צווייטן נישט געקערט. געהאָדעוועט זיך צוזאַמען, געוואָקסן צוזאַמען, אין חדר געגאַנגען צוזאַמען, זיך פאַרקנסט צוזאַמען, חתונה געהאַט צוזאַמען און געקינדלט צוזאַמען. געלעבט האָבן זיי אין איין הויז און אַזוי ווי בײַ די ברידער, אַזוי אויך בײַ זייערע ווײַבער, האָט געהערשט שלום בית.

חאַטשע און העטשע האָבן זיך איינער אָן דעם צווייטן נישט פאַרוואָס לײַבע און שימשע, צוויי מאַרק בעלי־בתים, וואָס האָבן געירשנט אַ שיינע ירושה פון זייער טאַטן, עליו השלום — אַ גרויסע הויז אין רעכטן מאַרק, אַ מאַיאָנטעק, האָבן זיך גלײַך, נאָך אין די שבעה טעג, געשלאָגן אויפן גרויסן גאַניק פון זייער הויז, אַז די גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן. חאַטשע און העטשע האָבן נישט געקענט באַגרײַפן פאַרוואָס גלײַך נאָך שבעה זענען אַראָפּגעקומען הירשע דער מולער מיט זײַנע בנים און גענומען ברעכן ווענט, איבערמויערן די מאַרק הויז פאַר צוויי באַזונדערע משפחות, מיט אַ באַזונדערן גאַניק. חאַטשע און העטשע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס בײַ די צוויי רײַכע ברידער, קומען פאַר אַלע טאָג עפנטלעכע געשלעגן, אַזוי אַז מ׳מוז שטענדיק אַראָפּברענגען מאַרצינקעוויטש דעם אוראַדניק מיט די אויסגעדרייטע וואָנסעס, זיי פונאַנדערנעמען און מיט רוגזה צעטרײַבן דעם נײַגעריקן עולם.

דער עולם ווידער, האָט זיך ביסלעכווײַז צוגעוווינט צו אַזוינע ספּעקטאַקלען און די נײַגעריקייט בײַ אַזוינע געשלעגן איז ווייניקער געוואָרן, ביז חאַטשע און העטשע האָבן זיך איינמאָל בײַ אַזאַ געשלעג אַרײַנגעמישט: —

ווען לײַבע מיט שימשען האָבן זיך געהאַלטן בײַ די בערד, צעדראַפּעטע בײַ לײַבען אויפן גאַניק, זענען חאַטשע און העטשע אַרויף אויף שימשעס גאַניק, האָבן זיך אַרומגענומען, זיך צעקושט און זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן אַ חסידישן ריקודל, אַז וואָס שטאַרקער עס זענען געפלויגן די פּעטש בײַ די גבירים לײַבע און שימשע, אַלץ שטאַרקער האָבן די צוויי פערד הענדלער, חאַטשע און העטשע זיך געלאָזן אין טאַנץ. אַראָפּצולאָזן דעם פאָרהאַנג פון אַזאַ ספּעקטאַקל אין מיטן מאַרק, איז שוין פאַר דעם אוראַדניק אויך שווער געווען, ווײַל דער עולם איז פון מינוט צו מינוט גרעסער געוואָרן, די געלעכטערן הילכיקער און בפרט, אַז מאַרצינקעוויטש אַליין האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן פון געלעכטער. ווער ווייסט ווי לאַנג די פאָרשטעלונג וואָלט אָנגעהאַלטן, ווען נישט דער פּריסטאַוו אַליין, בכבודו ובעצמו, וואָלט זיך נישט אַראָפּגעלאָזן צעטרײַבן דעם עולם.

חאַטשע און העטשע האָבן געהאַט אַ נאָמען בײַ גויים און ציגײַנער. אויפן פערד מאַרק זענען זיי געווען חשוב און באַליבט בײַ גויים אויף אַזוי פיל, אַז מיט אַ סך באַקאַנטע גויים האָט מען זיך

ביים טרעפן געקושט ווי גאַר נאָענטע. געהאַנדלט האָבן זיי אַרענטלעך, ווי עס האָט זיך געלאָזן, סיידן ווען עס פלעגט טרעפן מיט אַן אומ־באַקאַנטן ציגײַנער, אַז עס איז אים געווען שווער „איינצובייסן" און עס האָט נישט געהאָלפן קיין שווערן זיך, האָט זיך שוין דאַן העטשע באַנוצט מיט זײַן לעצטן מיטל: — אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד, אַ פּאַטש געטאָן די ערד, זי אַ קוש געגעבן, דערנאָך זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום ציגײַנער, גענומען קלאַפּן מיט ביידע הענט אין האַרצן אַריין און שרייען: „קאַק יאַ העטאַק מאַיעהאַ בראַטאַ חאַצקעלאַ ווידזשאַל, דאָס הייסט: זאָל איך אַזוי מײַן ברודער חאַטשען זען, ווי דער בולאַן קאָסט מיר טייערער!" און חאַטשע שטייט דערבײַ און מאַכט אַן ערנסט פּנים, ווי אַ פרומער ייד יום כפּור צו נעילה, לאָזט אַרויס אַ זיפץ ווי איינער זאָגט: „גאָט, דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַ וויי, קליינע עופה'לעך, העלף!" מערסטנטייל ווירקט עס אויפן ציגײַנער, עס הויבט זיך אָן אַפּאַטשעניש אין די הענט און מ'גייט אויף גיך איין שענק אַריין.

*

— „דו ווייסט, חאַטשע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, האָט העטשע, שבת ביים עסן זיך אָפּגערופן, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט ריידן מיט דיר וועגן דעם יתום, קלמן, וואָס דרייט זיך אויפן מאַרק אַרום די פערד. וואָלט נישט געווען אַ סברא מיר זאָלן אים אַרײַננעמען צו אונז ער זאָל אונז מיטהעלפן מיט די פערד, פּאַשען זיי, געבן זיי טרינקען אין צייט, אויספּרובירן זיי. איך קען נישט זען זײַן רחמנות פּנים, ווען ער קוקט אויף מיר מיט זײַנע הונגעריקע אויגן, ווי איינער זאָגט: „גוטע מענטשן, האָט רחמנות אויף אַ יתום!"

דאָס זעלבע האָב איך געטראַכט, העטשע, אויב מיר וועלן אים נישט העלפן, וועט ער פאַרענדיקן אין סיבר. דו ווייסט דאָך, אַז אַ מענטש איז הונגעריק, איז ער פעיק צו טאָן אַלץ: גנבענען, גזלענען. און אויב מיר וועלן אים נישט העלפן וועלן דאָך אונזערע גבירישע בעלי־בתים אַוודאי אים נישט העלפן, כ'מיין, וואָס זאָגט איר, האָט חאַטשע זיך געווענדעט צו די ווייבער.

חאַטשעס ווייב, האָט פאַריכט איר קאָפּ־טיכל, און מיט אַן ערנס־טער מינע געענטפערט:

„מיר דוכט, אַז עס איז אַ גלייכע זאַך. אַמאָל, קען זײַן, אַז ער וועט פאַרשטאַנעווען אייער געזונט. דו קלאָגסט זיך דאָך, חאַטשע, אויף דײַנע פיס, אַז זיי זענען בײַ דיר שוין אַ ביסל „אָפּגעשוואַכט", טאַ לאָזט אים לויפן ביים אויספּרובירן אַ פערד".

הכלל, ס'איז געבליבן, אַז טאַקע גלייך אויף מאָרגן זאָל העטשע אַ שמועס טאָן מיט קלמנ'ען.

*

נאָכן אַרומוואַלגערן זיך יאָרן, וווּ געטאָגט, דאָרט נישט גענעכ־טיקט, ווען קלמן האָט באַקומען זײַן אייגן ווינקל בײַ חאַטשען אין אַלקער און אַ טאַפּטשאַן צום שלאָפן, האָט קלמן געפילט, אַז קיינער איז נישט זײַן גלייכן. מיט צופרידנהייט האָט קלמן געהאָלפן אין שטוב, אויפן מאַרק, אין שטאַל. געפירט די פערד אויף פּאַשע, צייטנווייז דורך נאַכט, און ביסלעכווייז, איז ער געוואָרן אַ בן־בית אין שטוב און פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַ מיטגליד אין דער משפּחה פון חאַטשע און העטשע.

— „איר ווייסט, ר' חאַטשע, ווען איך קען שרייבן, כאָטש מײַן נאָמען אונטערשרייבן, וואָלט מיר לייבע דער בעל־עגלה גענומען פאַר אַ שמייסער אויף פאָרן מיט אים קיין סלוצק צו פירן געלט אין „קאַזנאַטשייסטוואָ", אַזוי האָט מיר לייבע אַליין אַנומלט געזאָגט,— האָט קלמן איין פאַרנאַכט, נאָך וועטשערע, זיך פונאַנדערגעשמועסט. — „אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? אַז איך האָב אין מײַן לעבן קיין שייטל עברי נישט געלערנט, בפרט נאָך שרייבן, אָדער זיך אונטערחתמענען".

— „אונטערשרײַבן דײַן נאָמען איז אַקלייניקייט", האָט זיך חאַטשע אָפּגערופן. דאָס קען מען דיר גלייך אויסלערנען, מאָל דיך, אָבער וואָס וועסטו אויסבייטן אַ שיך אויף אַ לאַפּטשע? אַ שמייסער בײַ לייב דעם בעל־עגלה, איז נאָך אויך אַ קנאַפּער יחוס, נאָר אַז דו ווילסט וועלן מיר דיר נישט שטערן, די ברירה איז בײַ דיר, איז טאַקע זאָל מען זיך נעמען גלייך צו דער אַרבעט".

חאַטשע האָט אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרצן קויל פון אויוון, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט זיך גענומען צו זײַן פּעדאַגאָגישער אַרבעט. די ווייסע אָפּגעקאַלכטע וואַנט האָט געדינט פאַר אַ טאָוול:

— „זע קלמן: דריי אויס אַ דוהע און האַק אַריין אַ זאַוויסקע, האָסטו אַ קוף, צי אויס אַ האַטאַרע דערנעבן האָסטו אַ לאַמעד, מאַך אַ מאַזשניצע, האָסטו אַ מעם און לאָז אַראָפּ די האָלאָבליע, איז אָט האָסטו אַ לאַנגן נון און דאָס האַלץ צוזאַמען וועט מאַכן קלמן".

אַלע שטוביקע זענען געשטאַנען פאַרגאַפט און באַוווּנדערט חאַטשעס גוטע איינפאַלן. קלמן האָט נאָכגעטאָן חאַטשעס באַפעל און איז געווען איבערגליקלעך פון זײַנע מעשי ידיו, ער האָט זיך דערפילט, אַז ער הויבט אָן ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך...

אַז קלמן איז איין פאַרנאַכט אַראָפּגעקומען פון דער אַגיטאַציע וואָס יענקל הושאַק האָט אים אָפּגעגעבן, און האָט אַ גליקלעכער דערציילט חאַטשען און העטשען, אַז ער ווערט אַ חבר פון „בונד" און אַז מ'וועט אים דאָרט לערנען לייענען און שרייבן, — האָט אים העטשע אַרויפגעלייגט אַ בינטל פינגער אויפן פּלייצע און אים אַ זאָג געטאָן:

— „קלמן דו שניידסט זיך אויף אַ גאַנצן ריסטאַקראַט, בײַ מיר איז רעכט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל קענען אָנשרײַבן אַן אַדרעס אויך!"

ד. זעלטענע טיפּן: הערצל דער גבאי

זונטיק פרי נאָך דעם ערשטן מנין, האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס אין בית מדרש, אַז הערצל דער גבאי איז געקומען אַהיים.

די נייעס האָט געבראַכט כאַטשע: ער האָט אַליין געזען, ווי נאָכן דער בעל־עגלה איז צוגעפאָרן צו כאַשע הערצלס און פון בויד איז אַרויסגעקומען מיט אַ שיינענדיק פּנים טאַקע הערצל אַליין.

נאָכן דאַווענען, איז דער עולם געלאָפן אויף חידושים: איז דאָס טאַקע דער זעלבער הערצל, וועלכער האָט מיט זיבן יאָר צוריק איבערגעלאָזט זײַן ווייב מיט קליינע קינדערלעך, מיטגענומען זײַן עלטערן זון מאַטקען און זיך אוועקגעלאָזט מיט אים אין דער ווייטער וועלט אַריין, אַזש קיין אַפריקע, צו פאַרדינען געלט און ברענגען צוריק אַן אַפּותיקי, כדי ער זאָל קענען פאַנאַנדערנעמען אַ האַנט אין צדקה־זאַכן?

הערצל איז געוואָרן די טעמע פון טאָג אין דעם שטעטל. יעדערער האָט באַצייכנט און אויסגעמאָלט זײַן אויסזען: „דער זלבער הערצל, נאָר דאָך, עפּעס אַביסעלע אַנדערש. זײַן שפּיציק בערדל צוגעגלייכט, אַנגעטאָן אין אַ האַרטע שליאַפּע, אַזוינע האַלבע קאַמאַשן מיט ברייטע נעזער־שפּיצן און אַראָפּגעלאָזטע קאָלאָשעס, טראָגט אַ קורצן רעקל ווי אַ דײַטש, להבדיל, אַ זשילעט אויף וועלכער עס ליגט רחבותדיק אויסגעשפּרייט אַ גרויסע גאָלדערנע קייט אויף וועלכער עס איז אָנגעטשעפּעט אַ אמתער גאָלדערנער זייגער. אינמיטן דער קייט הענגט אַ אויסגעצאַצקעוועטע בלעכעלע מיט אַ פּאָרטרעט אויף וועלכן עס איז אונטערגעשריבן „פּאָול קרוגער"...

יידן האָבן גלייך באַלאַגערט הערצלס הויז. געוווּנשן זײַן ווייב כאַשען „מזל טוב" און בשעת מעשה זיך געקוויקט מיטן ווישניאַק, וואָס הערצל האָט אַלעמען מכבד געווען לכבוד זײַן אָנקומען בשלום.

איבערהויפּט האָבן זיך געפרייט די אָרימע לייט פון שטעטל. זיי זענען

טאַקע געווען די אמתע מחותנים מיט הערצלען. וועלכער אָרימאַן געדענק עס נישט וואָס הערצל האָט באַדייט פאַר אים איידער ער איז אַוועקגעפאָרן פון שטעטל? הערצל איז געווען דער טאַטע פון די אָרימע לייט: אַליין אַ ייד אַ טרוד, וועלכער האָט געדאַרפט פון זיין וואָרשטאַט באַשפּייזן אַ געזינד זאַלבעניינט, האָט דאָך שטענדיק געפונען צייט און מעגלעכקייטן צו העלפן יעדן, וועלכער האָט זיך צו אים געווענדעט.

זיין שטוב, איז שטענדיק אָפן געווען פאַר יעדן „כל דכפין ייתא ויאכל" — האָט הערצל געטענה'ט „דאַרף נישט געזאָגט ווערן נאָר פסח צום סדר, נאָר אַלע טעג פון יאָר, און מיטן זאָגן אַליין דאַרף אַ ייד נישט יוצא זיין"!

*

האָט זיך אַמאָל געטראָפן, נאָך איידער הערצל האָט פאַרלאָזן דרום אַפריקע, אַז אַ געוויסער זיידענער יונגערמאַנטשיק, אַ וווּיל־לערנער און עילוי איז געשטרויכלט געוואָרן און האָט זיך פאַרליבט אין אַ דאַמסקן שניידערס אַ טאָכטער און פלעגט זיך מיט איר בשתיקה טרעפן ערגעץ אין דעם קוידערשער געסל. חברה האָט זיי אַמאָל געפּאַקט שפּאַצירנדיק אַרומגענומען אונטער די אָרעמס. אין שטעטל האָט זיך געטאָן חושך, עס האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. ווייבער האָבן זיך געשושקעט, איבערגעגעבן איינע דער צווייטער די נייעס בסוד, האָבן דעם גאַנצן ענין מגזם געווען, אַז באשר מען זאָגט, אַז דעם שניידערס טאָכטער איז שוין אַפילו מעוברת פון ד... און בשעת מעשה פאַרבראָכן די הענט, פאַרקרימט די פּיסקעס האָבן אַליין נישט געוווּסט צי די געשיכטע זאָל זיי הנאה טאָן, אָדער פאַרקערט.

רייכערע באַלעבאַטישע ווייבער, האָבן גערעדט מיט רוגזה, זיך געבייזערט און געשאָלטן דאָס פאַרליבטע פּאָרל, איבערהויפּט דעם שניידערס טאָכטער, וואָס איר האָט זיך נישט אַנדערש פאַרוואָלט, נאָר דאָס צירונג פון שטעטל פאַר אַ מאַן: — „אַנדערש פּאַסט איר נישט, דער שניידערוכע, קראַנק געווען זיך אויסזוכן עפּעס איר גלייכן, אַ שניידערוק, און נישט מאַכן קיין לייטעשן געלעכטער".

חשובע בעלי־בתים זענען געגאַנגען צום רב זיך מיט אים אַן עצה האַלטן, ווי אַזוי דאָס שטעטל זאָל אויסמיידן בזיונות. דער רב האָט פאַרופן צו זיך דעם דאַמסקן, אים אַריינגענומען אין זיין חדר מיוחד, און האָט מיט אים שעהן איינגעטענה'ט. ווען דער דאַמסקער איז אַרויס פון רב'ס צימער איז ער געווען שוואַרץ ווי די בראַנד, און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע פיס. אויף מאָרגן האָט דער רב פאַרופן צו זיך דעם יונגנמאַן און זיך מיט אים פאַרשפּאַרט עטלעכע שעה. און גערעדט האָט מען, אַז דער בחור האָט געוויינט, זיך מתוודה געווען פאַרן רב און האָט אים צוגעזאָגט תשובה טאָן.

דאָס שטעטל איז דערווייל געגאַנגען אויף רעדלעך: בעלי בתים האָבן באַרעדט דאָס מיידל, אויסגערופן אויף איר וואָס אין דער קאָרט שטייט, און בעלי מלאכות האָבן פאַרקערט — באַשולדיק דעם בחור און פאַרטיידיקט דאָס מיידל.

די גאַנצע געשיכטע האָט זיך אָבער, סוף כל סוף, פאַרענדיקט מיט גאָר־נישט. עס זענען פאַרביי 9 מאָנאַטן און דעם שניידערס טאָכטער האָט ווי אַלעמאָל געפלירטעוועט מיט יונגע לייט, געשמייכלט ווי תמיד, און זיך גע'חנ'דלט צו די באַלעבאַטישע בחורים, ווי קיינזאַך וואָלט נישט פּאַסירט.

הערצל האָט געהאַלטן מיטביידע צדדים: „מען דאַרף נישט מאַכן פון דעם גאַנצן ענין, קיין צו גרויסן טראַסק", האָט ער הערצל געטענה'ט — „אַזוינע זאַכן טרעפן זיך, ווייל דער יצר הרע ווייסט נישט פון אָרעם און רייך און מאַכט נישט קיין חילוק צווישן בעל־הבית און בעל־מלאכה. יונגע חברה האָבן זיך אַביסל פאַרליובעט, לאָזט מען זיי, וועלן זיך מיט דער צייט אויסטשוכען און יעדער וועט זיך בלייבן דאָס וואָס ער איז".

ביי זיך אין האַרצן, האָט אָבער הערצל געגעבן אומגערעכט די בעלי בתים!

באשר, בכן, אַז ח... איז אַ דאַמסקער שניידער און גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַ שיין טעכטערל, איז וואָס? מוז זי טאַקע חתונה האָבן מיט אַ שניידער? און ווו שטייט עס אין דער תורה געשריבן, אַז אַ שניידערס טאָכטער טאָר נישט פאַרקנסט ווערן צו אַ למדן?

*

די סדרה פון הערצלס טאָג־טעגלעכן לעבן ציט זיך אַזוי:

אַלע אינדערפרי, נאָכן דאַווענען, זוכט ער אויס אין בית מדרש אַן אָרימאַן, ברענגט אים מיט כבוד צו זיך אַהיים, ווו זיין ווייב באַזעצט אים אויבנאָן, איז אים מכבד מיט דאָס שענסטע און בעסטע און באַגלייט אים אַרויס בכבוד. דעם גרעסטן טייל פון טאָג, ווי נאָר ער פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דערליידיקן אַרבעט פאַר זיינע אַרבעטער, טוט ער אָן זיין וואָכעדיקע, אָבער ריינע קאַפּאָטע, זיין זיידן היטל און לאָזט זיך אַרויס אין שטעטל, וועגן קהל'שע ענינים.

דעם ערשטן וויזיט מאַכט ער דעם „הקדש", געווען אַמאָל אַן איינגע־פאַלענע חורבה אין ווינקל פון שול־הויף, וואָס האָט געדאַרפט דינען דעם שטעטל פאַר אַ קראַנקן־הויז — איז עס אָבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אכסניה, אין וועלכער עס פלעגן געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ דורכגייענדיקע אָרימע לייט. דער הקדש, איז געווען אַזוי פאַרלאָזן, אַזוי אומריין, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט דער פּריסטאַוו אַרטיעמיעוו געוואָרפן אַן אויג אויף אָט דער דאָזיקער חורבה און איר פאַרחתמעט. איז דער הקדש געבליבן שטיין ליידיק און האָט געשראָקן אין פינצטערע נעכט ווייבער און חדר יינגלעך.

אין ווינטערדיקע פרייטיקן, ווי נאָר יינגלעך האָבן מעביר געווען די סדרה פלעגן „חברה" באַפאַלן דעם הקדש: ברעכן, שטעכן און אָפּטאָן דאָרט כל דבר אסור. דאָס גלייכן שבת נאָכן קוגל. מענשן פלעגן ווייכן פאַרבייצוגיין דעם הקדש. די קולות, קוויטשערייען פון חברה זשוליקעס פלעגט אָנוואַרפן אַן אימה אויף די פאַרבייגייער, און עס האָט זיך באמת געדוכט, צייטנווייז, אַז פאַרשידענע מלאכי חבלה, שדים און רוחות שרייען פון הקדש אַרויס... פאַר ווילע יונגען האָט דער הקדש געדינט אויף אָפּצוטאָן פאַרשידענע זינד.

און ווער ווייסט, וואָס פון דעם הקדש וואָלט אַרויסגעקומען ווען נישט הערצל, וועלכער האָט איינמאָל שבת געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש פון באַלעמער און האָט נישט געלאָזט לייענען, ביז קהל וועט נישט מאַכן אַ טאָלק מיטן „הקדש", וואָס איז געוואָרן אַ חילול השם בפרהסיא.

אין בית מדרש איז געוואָרן אַ טומל. בעלי־בתים, האָבן זיך געאַמ־פּערט און צו קיין טאָלק איז מען נישט געקומען. ביז חיים דער גבאי, האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, באשר די צייט שטייט נישט, יידן זענען הונגע־ריק, מען דאַרף זיך שטעלן צו קריאת התורה, דעריבער לייגט ער פאָר, אַז מען זאָל דעם ענין הקדש איבערגעבן אין די הענט פון הערצלען און זאָל ר' הערצל טאָן מיטן הקדש לויט זיין רצון און פאַרשטאַנד. יידן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, מ'האָט זיך געשטעלט לייענען און מיט מוסף האָט מען טאַקע מכבד געווען ר' הערצלען. הערצל האָט דעם שבת טאַקע, מיט התלהבות אויסגעדרייט דעם „נעריצך" און איז געווען צופרידן, וואָס איז פאַרבליבן דער הקדש אין זיין רשות און בהסכם הקהל.

קודם כל האָט ער זיך גענומען אויסרייניקן דעם שמוץ, וואָס האָט זיך פאַר יאָרן אָנגעקליבן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט מענדל דעם מאַליער, אַ הויכער ייד, וועלכער האָט זעלטן געניצט אַ לייטער אין אַ יידישער הויז, איז משווה געוואָרן מיט אים צו פאַרשמירן די לעכער וואָס זענען פון די ווענט אַרויסגעפאַלן, אויסקאַלכן די ווענט מיט געלאָשענעם קאַלך, אויס־פאַרבן די פענצטער מיט די טירן און בכלל מאַכן פון דער חורבה אַ „לייט".

— „ר' מנדל" — האָט הערצל אים פאַרזיכערט, איך וועל אייך אַליין באַצאָלן. נאָר נישט אָפּנאַרן קהל און מאַכן אַן אָרנטלעכע שטיקל אַרבעט".

— „ר' הערצל" דער ,הקדש' וועט זיין פּימסנהאָלץ" — האָט מענדל דער פאַרבער אים פאַרזיכערט מער מיט דער גאַרבאַטער נאָז ווי מיטן מויל...

אָפּגעפּטרט מיט מענדל דעם פאַרבער, האָט הערצל אַראָפּגעבראַכט יונה דעם גלעזער און האָט באַשטעלט שויבן פאַרן הקדש.

אין דער צייט ווען דער הקדש איז רעמאָנטירט געוואָרן, איז הערצל פון דאָרט נישט אָפּגעטראָטן. ער איז נאָר אַרומגעלאָפן איבערן שטאָט, געזאַמלט קישנס, פּערענעס, פּעדערן. ער האָט באַשטעלט הילצערנע בעטן ביי זיין שכן נחום דעם סטאָליער, זיך אויסגעדונגען ביז דער לעצטער קאָפּיקע און זיך פאַרשולדיקט ביז איבער די אויערן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום,

ווען הערצל האָט מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים און מיט שיינענדיקע אויגן ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש פֿון באַלעמער, האָט דער עולם דערפֿילט, אַז ער קומט אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, און אַלע האָבן אָנגעשטעלט אויערן.

— „רבותי" — האָט הערצל אַ פֿריידיקער אויסגערופֿן „איך קען אייך מודיע זיין, אַז דער אַלטער הקדש איז חרוב און אַ הכנסת אורחים איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויפֿן אָרט. על כן, בעט איך אַלע בעלי בתים, קיינער זאָל זיך נישט לאָזן בעטן און קומען נאָכן דאַווענען, טאַקע אין הכנסת אורחים אויף לעקעך און בראָנפֿן".

נאָכן לייענען, איז הערצל געגאַנגען צום עמוד ווי אַ גענעראַל קומט אַריין אין אַ פֿעסטונג־שטאָט, נאָכדעם ווי ער האָט איר באַזיגט. דעם מוסף האָט ער טאַקע אויסגעצאַצקעט גאָר אויף אַ נייעם שטייגער, אַזוי אַז מאַנכע בעלי בתים האָבן פֿון מתיקות אונטערגעהאָלפֿן.

פֿיל מסירות נפש, האָט הערצל געווידמעט אויך דער חברה קדישא. ווי וואָלט די חברה אויסגעזען אָן אים? ווען עס קומט צו אַ שווערן נישט אָנגענעם בר־מינן און קיינער וויל זיך צו אים נישט צורירן, כאָטש חברה האָבן שוין געמאַכט אַ גוטן שנאַפּס, איז שוין הערצל ביים בר מינן, איינער אַליין און בעט ביי קיינעם קיין געלט נישט.

וואָס עס האָט זיך עס אָפּגעטאָן אין שטעטעלע, ווען מ׳האָט „קושקע מיט די גלעקלעך" אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיין שטיבעלע פֿאַר נישט צאָלן קיין דירה געלט! אַ גרויסער אָרעמאַן געווען, אָט דער „קושקע מיט די גלעקלעך" ער האָט זיך מפֿרנס געווען פֿון דעם, וואָס ער פֿלעגט טראָגן פּורים שלח מנות און צו דער סעודה פֿלעגט ער פֿראַווען פּורים שפּיל. אַמאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר מרדכי׳ן, אַמאָל פֿאַר המנ׳ען און ער פֿלעגט טאַקע אָנקלייבן אָן אַפּותיקי. אָבער נישט אַלע טאָג איז פּורים, אַזוי אַז פֿאַרן גאַנצן יאָר האָט עס קיינמאָל נישט געסטייעט. זיין צווייטע פּרנסה איז געווען — שינדן פֿעלן פֿון געפֿאַלענע פֿערד, איז ער אָבער צו האַלט געוואָרן פֿאַרדעם. עס פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז די שטעטלדיקע קאַפּעליע, פֿלעגט אים אַמאָל מצרף זיין צו קלאַפּן מיט דער פּויק אויף אַ חתונה, ווייל קושקע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ מנגן, און כאָטש קיין נאָטן האָט ער נישט געקענט, פֿלעגט ער דאָך, אָבער שטענדיק אַריינקלאַפּן צום טאַקט. אָבער פֿון די אַלע פּרנסות, האָט קושקע נעבעך געליטן הונגער און נישט געקענט צאָלן קיין דירה געלט.

זיצט אַזוי, נעבעך „קושקע מיט די גלעקלעך" אויף זיין אַרויסגע־שטעלטער בעטל מיט די עטלעכע בעבעכעס און באַגיסט זיך מיט טרערן. פֿאַרבייגייער, איבערהויפּט ייִנגלעך, האָבן נאָך אָנגעקוואָלן פֿון דעם טרויע־ריקן ספּעקטאַקל, ביז הערצל האָט פֿאַנאַנדערגעטריבן דעם עולם, אַוועק־גענומען קושקען אין הכנסת אורחים און זיינע קינדער האָבן אים נאָכגע־טראָגן טעפּעלעך.

אָבער פּלוצעם האָט זיך אין קלעצק פֿאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז הערצל פֿאָרט קיין דרום אַפֿריקע. דער קלאַנג האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. מענטשן האָבן באַדויערט און געבראָכן די קעפּ אויפֿצוקלערן די דאָזיקע רעטעניש. אָבער אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז הערצל איז נעבעך צוליב זיינע כסדריקע זאָרגן לטובת הכלל געקומען צו אַ אָרעמקייט אין זיין אייגענעם לעבן. און מסתמא האָט ער באַשלאָסן עמיגרירן קיין אַפֿריקע, דאָרטן אָנקלייבן געלט און ווען ער וועט, אם ירצה השם, קומען צוריק, וועט ער נאָך ווייזן קלעצק וואָס הערצל קען אויפֿטאָן.

אויסער זיין ווייב כאַשען, האָט הערצל קיינעם קיין אויפֿקלערונג וועגן זיין ווייטער נסיעה נישט געמאַכט. נאָר די אָרימע לייט פֿון שטעטל, וואָס ער איז געווען זייער טאַטע, האָט ער געהאַלטן אין איין באַרויקן: — „זאָרגט אייך נישט, מיין ווייבס הויז וועט זיין פֿאַר אייך אָפֿן, ווי געווען. איך וועל שוין דערפֿאַר פֿון אַפֿריקע זאָרגן".

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן יענעם פֿאַרנאַכט אויפֿן מאַרק, ווען הערצל האָט געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, איז אין לשער: אָרימע לייט האָבן געמאַכט אַ גאַנצן פֿאַראַד; כאַטשע און העטשע האָבן געהאַלטן אָרדנונג. גויים האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט מיינענדיק, אַז אַ גרויסער „ראַבין" דאַרף קומען אין שטעטל און דער אוריאַדניק, האָט אַ פֿרעג געטאָן וואָס די „סאָבראַניע" (פֿאַרזאַמלונג) באַדייט. האָט מען אים דערקלערט, אַז הערצקאַ פֿאָרט אַוועק. האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר פֿאַרשיכור׳טע אויגן און מיט ביטול אַ זאָג געטאָן: „און איך האָב געמיינט אַז אַ וועליקי ראַבין פֿאָרט דאָס אַוועק, און צום סוף גאָר הערצקאַ בירג"...

„הערצקאַ בירג איז ביי אונז „טשוט ניע ראַבין" (כמעט ווי אַ רב) האָט אים דערקלערט טאַטל, שימשעס איידעם, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע מיט דעם אוראַדניק. אָבער דער אוראַדניק, האָט שטאַרקער פֿאַר־דרייט זיינע וואָנסעס, האָט אַ שפּיי געטאָן און מיט שטייפֿע טריט אַוועק.

ווען נחמן דעם בעל־עגלה׳ס בויד האָט זיך באַוויזן אויפֿן מאַרק מיט הערצלען צווישן אַ פֿול אָנגעפּאַקטער בויד מיט פּאַסאַזשירן, האָט דער עולם באַגעגנט הערצלען מיט „הורא" אויסגעשרייען. ווייבער האָבן מיט פֿאַרטוכער געשנייצט די נעזער, זיך געווישט די אויגן און געטרייסט כאַשען, אַז אם ירצה השם, גאָט וועט העלפֿן, ער וועט אָנקומען בשלום און קומען בשלום. מ׳זאָל נאָר זיין געזונט...

און אַזוי האָט הערצל פֿאַרלאָזט קלעצק, און איצט נאָך עטלעכע יאָר זייענדיק אין אַפֿריקע, איז ער בשלום געקומען אַהיים, און דאָס שטעטל רעדט, אַז ער איז אַראָפּגעקומען אַ גרויסער גביר. ער האָט גלייך געעפֿנט אין קלעצק אַ גאַרבעריי. אָנגעקלעפּט מודעות אין אַלע בתי מדרשים, אַז אַלע אָרעמע ייִנגלעך, וועלכע ווילן זיך לערנען אַ פֿאַך, איז ער גרייט אַריינצונעמען אין זיין גאַרבעריי. צו דעם צוועק האָט ער אָפּגעדונגען אַ גרויס הויז אין דער קיידערשער גאַס. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון אַ גרויסער שטאָט אַ גאַרבער אַ ספּעציאַליסט, און מ׳האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסאַרבעטן פֿון רויע פֿעלן יוכט לעדער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן טיף קיין רוסלאַנד. פֿאַר זיינע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך האָט הערצל איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע קיך, ווו זיי האָבן געגעסן דעם גאַנצן אַרבעטס־טאָג. אנשטאָט 12 שעה אַ טאָג אַרבעט, ווי עס האָט זיך געפֿירט אין שטעטל, האָט מען ביי הערצלען געאַרבעט 10 שעה. די זעלבע קיך האָט אויך געדינט שבתים פֿאַר אָרעמע לייט. און הערצל, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעשטעלט זיין גאַרבעריי אויף אַ ריכטיקן סדר, האָט ער זיך ווידער אַנעם געטאָן מיט זיין גאַנצן ברען צו שטאָטישע ענינים.

אַז הערצל איז דעם ערשטן שבת געקומען אין בית מדרש אַריין אָנגעטאָן אין אַזאַ מאָדנעם, געקעסטעלטן גאַרניטור, מיט אַ האַרטער שליאַפּע, איז אים חיים דער גבאי אַנטקעגן געקומען מיט אַ ברייטן שלום עליכם און אים באַזעצט אין מזרח, נישט ווייט פֿון מקום הרב. און ווען דער בעל קריאה, מאָטקע דער מלמד, האָט ביים לייענען אויסגעזונגען זיין „יעמוד ר׳ הערץ בר׳ משה מפֿטיר", איז אין בית מדרש געוואָרן שטיל און אַ עדה ייִדן האָבן געווענדעט זייערע בליקן אָנצוקוקן גוט הערצלען אין פּנים אַריין, און זען ווי ער גייט אויפֿן בימה און הערן זיינע ברכות און זיין לייענען די הפֿטורה.

זיין „בעבור שנדב" האָט געמאַכט אַ רושם אין גאַנצן בית מדרש. הערצל האָט מנדב געווען פֿאַר אַלע צדקה אַנשטאַלטן, און ווען ער האָט געענדיקט די ברכות, איז ער אַ ווײַלע שטיל געבליבן און דערנאָך מודיע געווען דעם עולם אַז ער האָט בדעה איבערצובויען דעם הקדש פֿאַר אַ ריכטיקן בית־חולים און אַלע הוצאות וועט ער דעקן. פֿאַרשטייט זיך אַז מוסף האָט געדאַוונט פֿאַרן עמוד טאַקע ר׳ הרצל אַליין און עפּעס גאָר מיט אַ נייעם געשמאַקן נוסח און בעלי־בתים האָבן די פֿינגער געלעקט.

שבת חזון, ווען עס פֿאַלט אויס די יערלעכע סעודה פֿון חברה קדישא, האָט הערצל מודיע געווען, אַז דער עולם ווערט געבעטן צו אים אין הויז נאָכן דאַווענען צו דער סעודה, וואָס ער פֿראַוועט אויף זיין אייגענעם חשבון.

נאָך פֿון׳ דאָנערשטיק פֿרי האָבן שוין קעכינס געקאָכט גרויסע טעפּ פֿון אַלדאָס גוטס. הערצל האָט פֿאַנאַנדערגענומען ווענט פֿון ברעטער, צע־נויפֿגעשטעלט טישן פֿון ברעטער, וועלכע ער האָט אויסגעבאָרגט אַקעגנאיבער ביי נחום דעם סטאָליער, און האָט זיי אויסגעשטעלט אין דער לענג פֿון זיין הויז, און פֿאַרפּוצט זיין הויז מיט קאָלירטע פּאַפּירן און בלומען. זיין ווייב מיט די עלטערע קינדער, האָבן צוגעגרייט די געשמאַקסטע מאכלים, און שבת

נאָכן דאַוונען, איז מען געשטאַנען אויף קעפּ אונטער הערצלס פענצטער, ווי די גרעסטע חתונה וואָלט פאָרגעקומען אין מיטן טאָג.

בראַנפן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, און הערצל אַליין איז אַרומגע־לאָפן פון איינעם צום צווייטן, אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט אַוועקגיין אַהיים מיט ליידיקן און מיטנעמען פאַר ווייב און קינד חלקים לעקעך.

די גרעסטע סענסאַציע איז געווען אין שטעטל ערב יום כפּור, ווען הערצל איז פאַר מנחה אַראָפּגעקומען טיילן צדקה און זיך לאָזן שלאָגן מלקות.

אין פּאָליש פון די בתי מדרשים זענען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע טישן, און חשובע בעלי־בתים זענען געזעסן אַרום זיי מיט קערות פאַר פאַרשידענע צדקות.

הערצל איז אַריינגעקומען מיט אַ זעקל אָנגעפּאַקט מיט זילבער, און ער האָט קיין חילוק נישט געמאַכט. לויט דער ריי, האָט ער נישט גע־ציילטערהייט געשאָטן אין יעדער קערה, ביז דאָס זעקל איז געוואָרן ליידיק. יידן זענען געשטאַנען, געקוקט און געגאַפט. און ווען ר׳ הערצל האָט זיך נאָך מנחה אַוועקגעלייגט אויף די קני, מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן, און ר׳ אברהם בער, אַ ייד אין די 70ער מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, האָט גענומען ציילן די שמיץ מיט די רימענע לאָקשן איבער הערצלס אחור, זאָגנדיק אויפן קול „והוא רחום יכפּר עון" — האָט מען געזען, אַז ר׳ אברהם בער טוט עס מיט אמתער הייליקער כוונה...

*

צווישן טויזנטער יידן, איז דער אַלטיטשקער הערצל געגאַנגען ט׳ חשון תש״ב זיין לעצטן וועג, פון מאַרק דורך ניעסוויזשער גאַס צו די זאַמד גריבער, נעבן די קאַטוילישע מאָהילקעס, ווו ער איז געפאַלן טויט דורך אַ קויל פון היטלערישע מענטשן־חיות.

אין איידלסטן הומאַניזם, און מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן, האָט הערצל בירג אויסגעהויכט זיין גרויסע נשמה.

אהרן כהן / פאלקס־מענטשן

צוויי שכנים, משפּחה־קרובים — אויף דער גויעשקער גאַס, נישט ווייט פון קלויסטער האָבן זיי געוווינט — אברהם׳ל אָסנה׳ס און איטשע קאַפּוסטע.

אברהם׳ל אסנה׳ס — מיטעלער וווּקס, ברייטע איינגעבויגענע פּלייצעס, אַ ברייט געזיכט מיט תמימות־שמייכעלדיקע אויגן. — זומער פאַרנעמט ער זיך מיט גערטנעריי און ווינטער העלפט ער אין זיין זאַלץ־קראָם פאַרקויפן די גויים זאַלץ, טאַראַנעס און ליקע צו פלעכטן גוישע לאַפּטיעס. זיין קאַפּאָטע איז שטענדיק ריין, און אַזוי אויך ביי אים אין שטוב. דער הויף אין דרויסן — ריין פאַרקערט, די ווענט אין הויז — ליכטיק־ווייס אויסגעקאַלכט און די פּאָדלאָגע אויסגעשאָטן מיט גאָלד־געלן זאַמד.

דער שכן, איטשע קאַפּוסטע, אַ הויכער ייד, אַ דאַרער, אַ שמאָל געזיכט מיט קליינע אומעטיקע אויגן. די קליינע קיילעכדיקע היטל און די לאַנגע קאַפּאָטע מאַכט אים נאָך העכער און דאַרער ווי ער איז. פלעקן פון פאַרב און ריח פון פּאָקאָסט לאָזט זיך שפּירן פון זיין קאַפּאָטע, ווייל זיין פּרנסה איז פאַרבעריי. די שטוב זיינע, טיילווייז איינגעזינקען אין דער ערד און דער שטרויענער דאַך, איז פון אַלטקייט פאַרוואָקסן מיט גרינעם מאָך. די קליינע פענצטער זענען נידעריק, נאָענט צו דער ערד, און די זון קאָן קוים אַריינ־דרינגען דורך זיי.

דאָך האָט איטשע קאַפּוסטע נישט מקנא געווען אברהם׳ל אסנה׳ס נישט די לייכטערע פּרנסה און אויך נישט די ליכטיקע און ציכטיקע דירה.

ביידע האָבן זיי געהאַט אַ שוואַכקייט צום עמוד אין צעפּרער קלייזל. און ווו ליבע — דאָרט איז קנאה. איטשע קאַפּוסטע האָט מען צוגעלאָזט צום עמוד דאַוונען נאָר אין מיטן דער וואָך, און שבת — העכסטענס צו דער אומעטיקער מנחה. דאַקעגן אברהם׳ל אסנה׳ס פלעגט זייער אָפט אַוועקשטעלן זיך אויף דער בימה פרייטיק־צו־נאַכטס אין דעם ליכטיקן און ציכטיקן קלייזל, מיט אַ פייערלעכן „לכו נרננה" און „לכה דודי", מקבל שבת זיין. און ווער רעדט נאָך שמחת תורה, ווען מען האָט געלייענט די תורה אויף דריי טישן, איז אברהם׳ל אסנה׳ס געווען די רעכטע האַנט פון גבאי אויפן ערשטן טיש. בעלי־בתים אויסגעטאָן פון אַלע אַנדערע זאָרגן האָבן אָנגעבאָטן איינער דעם צווייטן ביים אויסקויפן די חשובע הקפות און עליות — אברהם׳ל אסנה׳ס האָט דאַן געשטראַלט פאַר נחת.

דאַן האָט איטשע קאַפּוסטע אים שטאַרק מקנא געווען.

יירשל יאנצעס (מאליער)

די הייזער אין קלעצק זענען געווען געבויט פון האָלץ. די פון ציגל געבויטע הייזער, אָדער ווי מען פלעגט זיי ביי אונז רופן די מויערן, האָט מען געקאָנט אויפציילן קוים צוויי צענדליק. איינער פון די מויערן אין צעפּרער גאַס, האָט געהערט צו הירש מאַליער, וועלכן מ׳האָט פּשוט גערופן יירשל יאַנצעס. — אין זיין לאַנגן מאַנטל מיטן פוטערנעם קראַגן, האָט זיך יירשל כמעט באַהאַלטן.

אַ קליין יידל, מיט אַ דראָבנער געזיכט, דראָבנע הענט — אויך די שטים זיינע, איז געווען אַ דראָבנע, אַ שטילע, קוים וואָס מ׳האָט אים געהערט. אַ גאַנצע וואָך האָט מען יירשלען כמעט נישט געזען אין שטעטל. שבת האָט ער געדאַוונט אין צעפּרער קלייזל. צו אַ מפטיר, אָדער אַן אַנדער עליה האָט זיך יירשל כמעט נישט געלאָזן אויפרופן. ביי דעם שיעור פון גמרא אָדער משניות האָט מען יירשלען איבערהויפּט נישט געזען — זעט אויס, ער האָט פון דעם קיין סך נישט געהאַלטן. — גערופן האָט מען אים אין שטעטל מיט איראָניע „דער אינזשיניער"...

אין קיין טעכנישע שולע האָט יירשל יאַנצעס נישט געלערנט. ער האָט זיכער נישט געהערט וועגן ניוטאָנען, אָדער פּיטאַגאָראסן, און טראָץ דעם האָט ער מיט גרויס הצלחה געבויט די פאַראָווע מילן אין קלעצק, די וואַסער־מיל, די ברויזן אין די גיטער פון קניאַזש ראַדזשיוויל; און אַז ער האָט געהאַט פרייע צייט, האָט ער אויסגעבויט אַ אָליינער ביי זיך אין הויף. לויט זיינע אָנווייזונגען, האָט מען געבויט די מאַשינען, און ער אַליין האָט נאָכער מאָנטירט זיי און אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. די מילן האָבן געמאָלן, די ברויזן האָבן געטריבן בראַנפן און די אָלייניעס האָבן אויסגעקוועטשט פון די זוימען אייל און מאַקאָכע. מען דערציילט, אַז נישט איינמאָל פלעגט אַראָפּ־פאָרן דער רעגירונגס־אינזשיניער, דער גוי, און פלעגט אַריינגיין צו פּאַן הירשקאָ, זיך מיישב זיין וועגן געוויסע טעכנישע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט לייזן — דאָס איז געוון יירשל יאַנצעס, וואָס מיט איראָניע האָבן אים די קלעצקער בעלי־בתים גערופן „דער אינזשיניער"...

ר׳ זיסל און ר׳ לייזער

פרייטיק בייטאָג, די באַלעבאָסטעס האָבן שוין באַוויזן אויסצובאַקן דאָס שבת׳דיקע געבעקס. זיי קלייבן זיך שוין פאַרוקן דעם טשאָלנט און פאַרקלעפּן די אויוונס — עפענט זיך די טיר און, כמעט אָן אַ גוט מאָרגן, פאַלט אַריין יואל מילער און נאָך אים, מיט אַ זאַק אונטערן האַנט, ר׳ לייזער כהן. די באַלעבאָסטע דערלאַנגט זיי די שבת׳דיקע חלה — און זיי גייען ווייטער. דער טאָג איז קורץ און זיי דאַרפן נאָך באַווייזן צוזאַמענעמען די חלות און פאַרטיילן ווו מען דאַרף, עס זאָל, חלילה, נישט בלייבן אַ יידישע שטוב אָן חלות אויף קידוש. — און אַזוי פאַרנעמען זיי זיך אַ גאַנצע וואָך מיט פאַרשידענע מעשים־טובים.

ר׳ יאל מילער, אַ ייד נישט קיין הויכער. זיין רעקל איז נישט קורץ און נישט לאַנג. זיין פּנים זעסטו כמעט נישט. די ברייטע היטל פאַרדעקט דעם אויבערשטן טייל געזיכט, און דעם צווייטן טייל, פאַרשטעלן די שוואַרצע באָרד און וואָנצעס. ער זאָרגט פאַר די ישיבה־בחורים, עס זאָל זיי נישט

פעלן דער עסן און שלאָפן. ער איז אַ שטאַרקער ירא־שמים און וואָס מער מעשים־טובים ער וועט אויפטאָן — אַלץ אַ גרעסערן חלק עולם הבא וועט ער האָבן.

ר׳ לייזער כהן, אַ ייד כמעט אַ הויכער, מיט העלע אויגן און קינדיש ווילדן אָבער דורכדרינגענדיקן קוק. ער טוט אויך מעשים טובים, ער איז אַ פרומער, אָבער איך וואָלט געזאָגט נישט אויס יראת־שמים נאָר, פון אהבת הבורא און אהבת הבריות. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען זיין אין כעס. אַז מען קומט צו אים בעטן אַ גמילת־חסד, גייט מען נישט אַרויס ליידיק. אויב ער האָט נישט, וועט ער גיין און שאַפן און געבן — מיינסטו אַ זער טוט דיר דערביי אַ טובה? — גראָד פאַרקערט, דו האָסט אים אַ טובה געטאָן דערביי. ער וואַרט נישט אויף אַ גרעסערן חלק עולם־הבא — אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, האָט ער דאָ, אויפן פלאַץ, זיין עולם הבא...

„סאלאבאן"

איך ווייס נישט ווי ס׳האָט געהייסן דער ייד ביי זיין ריכטיקן נאָמען. איך ווייס אויך נישט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען. ער האָט געהאַט אַ מצות־פאַבריק, ווו מען האָט געאַרבעט נאָר פון פורים ביז ין צעפרער גאַס, קעגנאיבער דעם הויף פון קלייזל, האָט געוווינט יענקל בירג. הונטער דעם היז אַ געמויערטער שפּייכלער און הינטער דעם שפּייכלער אַ שטאַל — האָט זיך געצויגן דער גאָרטן.

אין די יאָרן 1915—1918, איז דער פראָנט געווען ווייט אַ 30 קילאָמעטער. עס זענען געפאַלן פאַר דער צייט טויזנטער זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי און צווישן זיי אַ סך יידן.

ובכן, דער ייד וואָס איך דערמאָן דאָ, האָט גענומען אויף זיך אויסצו־געפונען די פאַרוואָרפענע פעלד־קברים פון די יידישע־זעלנער, און צו ברענגען די ביינער צו קבורת ישראל אין קלעצק. און ער האָט זייער פיל באַוויזן. — איז ער דען נישט ווערט מען זאָל אים דערמאָנען לברכה?

סוף 1920, האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט זיין משפחה, און אויסגע־וואַנדערט קיין אַמעריקע.

גערופן האָט מען אים אין שטעטל „סאלאָבאָן".

יענקל בירג

אין צעפרער גאַס, קעגנאיבער דעם הויף פון קלייזל, האָט געוווינט יענקל בירג. הינטער דעם הויז אַ געמויערטער שפּייכלער און הינטער דעם שפּייכלער אין שטאַל — האָט זיך געצויגן דער גאָרטן.

אַ נידעריקער, מיט איינגעבויגענע פּלייצעס, פלעגט ער אַ סך רויכערן, אַ סך הוסטן און אַ סך אַרבעטן.

ס׳האָט אים נישט געפעלט קיין פרנסה און אויך נישט קיין אַרבעט. ביי זיין וואַרשטאַט זענען געזעסן קרוב צו אַ מנין גויים און געאַרבעט יוכטאָווע שטיוול, פאַר די רייכע פויערים פון די אַרומיקע דערפער. פון פינצטער פאַרטאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט מען געהערט קלאַפּן די האַמערס אין זיין וואַרשטאַט. דער לעצטער האָט געענדיקט די אַרבעט יענקל און זיין געהילף דער גוי לאַזיק, און איידער זיי גייען שלאָפן, זעצן זיי זיך יעדן אָוונט שפּילן אַ דאַמקע. אויף אַ ברעטל פון דיקט אויסגעצייכנט מיט אַ בליי־פעדער, פון זיין זייט אויסגעשטעלט הילצערנע צוועקלעך און פון דער צווייטער זייט — אייזערנע. מיט ציטערדיקע הענט און געקנייטשטן שטערן, נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט, שפּילט יענקל אַ דאַמקע. אָבער דאָס מערקווירדיקסטע ביי אים איז געווען — זיין קענען תנ״ך. ער האָט געדענקט דעם גאַנצן תנ״ך אויף אויסווייניק. אַז ער האָט גערעדט מיט עמיצן אָדער עפּעס דערציילט — איז נישט געווען קיין איין זאַץ, ער זאָל נישט איינבראָקן אַ פסוק פון תנ״ך. ווען יענקל בירג, וואָלט געלעבט היינט, וואָלט ער מסתמא געקאָנט צושטיין צו אַ קאָנקורס פון תנ״ך...

משה אבעס

דער ערשטער יידישער אַדוואָקאַט אין קלעצק, איז געווען משה אַבעס. זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען געלפאַנד, אָבער לויטן מנהג פון שטעטל אין יענער צייט, האָט מען אים גערופן לויטן נאָמען פון זיין פאָטער אבא — משה אַבעס. אונזער דור האָט אים נישט געקענט — אויפן שוועל פון יאָרהונדערט איז ער געשטאָרבן. היינט וואָלט מען אין אים נישט געזען עפּעס מערקווערדיקעס, אָבער קוקנדיק פון פּערספעקטיוו פון אָרט און צייט אין קלעצק, ווען עס איז נאָך אַפילו נישט געווען קיין מאָדערנער חדר — האָט אַ יידישער בחור פון דאָרף אסטראָיציץ, אַלס אויטאָדידאַקט פולקאָם באַהערשט די שפּראַך, און די געזעצן פון דער מדינה, און מיט הצלחה געפירט די משפטים פון די אַרומיקע פויערים, ביי וועלכע משפט׳ן זיך איז געווען אַ געוווינהייט. אין זיין גרויסן קאַבינעט, ביי אַ ברייטן מאַסיוון שרייב־טיש, פלעגט ער אויפנעמען זיינע קליענטן וועלכע פלעגן קומען צו אים זוכן אַ געריכט־שוץ.

ער האָט נישט געלערנט אין אַן אוניווערזיטעט, אַפילו נישט באַזוכט קיין פאַלקס־שול. פון דער ישיבה קומט ער. אין זיין ביכער שראַנק, געפינען זיך די אויסגאַבן פון די רוסישע קלאַסיקער, און איבערזעצונגען פון די אייראָ־פּעישע דיכטער — דענקער.

פיל קינדער האָט ער געהאַט, און פאַר זיי איז שוין די שטעטל געווען ענג, און זיי האָבן זיך צעפאָרן איבעראַל — אין פעטראָגראַד און ניו־יאָרק, און אויך אין ישראל זענען דאָ וואָס טראָגן דעם נאָמען פון משה אַבעס. אַ איניקל איז משה ב ן ־ ז א ב, אַ שופט מחוזי אין חיפה, און אַ אייניקל איז משה ד ו ר אַ יינגער דיכטער און זשורנאַליסט אין תל־אביב (קלעבאַנאָוו).

שפרה לאה די „זאגערקע"

קלעצק האָט געהאַט אַ שיינע פאַר טויזנט יידן, עון דער בית־עולם האָט פאַרמאָגט נישט ווייניקער, אין דאָך האָט שפרה לאה די זאָגערקע געדענקט געווי, ווען עס פאַלט אויס דער יאָרצייט פון דער אָדער יענער עלטער־באָבע אָדער זיידע און אַנדערע קרובים. ווינטער, אין דעם שטאַרקסטן פראָסט, פלעגט זי קומען אָנזאָגן, אַז מאָרגן פאַלט אויס דער יאָרצייט...

די מאַמע פלעגט איר געבן אַ ריין אויסגעפּרעסט טאַשן־טיכל, און אויף מאָרגן פאַרנאַכט פלעגט זי צוריק ברענגען אַ נאַסע אויסגעוויקטע פון טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן אויפן קבר פון דער באָבען און אויסגעבעטן צו זיין אַ מליץ־יושר פאַר דער גאַנצער משפחה — זי האָט אָרענטלעך פאַר־דינט איר פרנסה.

יוסף פרענקעל / קלעצק אין די יאָרן 1941 – 1932

א.

שווערע צייטן זענען אַנטשטאַנען פאַר דער יידישער באַפעל־קערונג אין פוילן פון יאָר 1933, זינט היטלער האָט איבערגע־נומען די מאַכט אין דייטשלאַנד. די פּאָליטישע דערנענטערונג צווישן פוילן און נאַצי־דייטשלאַנד, און דער אָפיציעלער געשלאָסענער פריינטשאַפט־פּאַקט האָבן נאָכמער פאַרשאַרפט דעם אַזוי אויך שאַרפן אַנטי־יידישן קורס מצד די פוילישע מאַכט־האָבער, און דער אַנטי־סעמיטיזם האָט אָנגענומען ברוטאַלע פאָרמען.

נאָכמער — עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ טרויעריקע לאַגע, אַז דער פּאָליטישער קאַמף און ווידערשטאַנד, די פּראָטעסט קאַמפּאַניע פון די לינקע און דעמאָקראַטישע קרייזן פון דער פוילישער געזעלשאַפט און פרעסע בכלל און דער יידישער בפרט קעגן די נאַצישע ווילד־קייטן, עקסצעסן און פּאָגראָמען — האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שווערע שיקאַנעס און שטערונגען מצד דער פוילישער מאַכט.

אין די יאָרן איז שוין ליקווידירט געוואָרן די שטאָלצע און קאָנסעקווענטע יידיש־נאַציאָנאַלע קאַמפּס־פּאָליטיק אין פוילן. די יידישע אַזוי גערופענע קעגנוואַרטס־פּאָליטיק אין סיים און אויף אַלע איבעריקע פּאָזיציעס, איז געפירט געוואָרן דורך די „אוגאדע" און „שתדלנות" פּאָליטיקער. און אַצינד איז אין רעזולטאַט פון דער פוילישער פּראָ־היטלער אויסערן־פּאָליטיק, כמעט ווי פאַרשטומט געוואָרן די פּראָטעסט־אַקציע פון די פוילישע יידן קעגן היטלער דייטשלאַנד.

דאָפּלט שווער זענען געטראָפן געוואָרן די אַזוי גערופענע „מזרח קרעסן" — די געביטן וועלכע זענען געלעגן האַרט ביי דער פויליש־סאָוועטישער גרענעץ.

די באַפעלקערונג פון די דאָזיקע געביטן איז באַשטאַנען אין איר איבערוויגענדיקער מערהייט פון יידן אין שטאָט און ווייסרוסן — אין דאָרף. די פוילישע מאַכט האָט זיך באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי און חשדים צו דער באַפעלקערונג אין די ערטער. די פּאָליציי מיט איר דעדעקטיוון האָט שטענדיק אין אַלע אינסטיטוציעס, פּאַרטייען, געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אינסטיטוציעס פון די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן געזוכט באָלשעוויסטישע אַריינדרינגלער, קאָמוניסטישן אונטערגרונט. דאָס איז געווען צומייסט קינסטלעך אויפגעבלאָזן, עס האָט אָבער געדינט אַלס גרונט פאַר די מאַכטהאָבער און זייערע משרתים צו ווילדעווען און טעראָריזירן.

ב.

קלעצק ליגט האַרט ביי דער פויליש־סאָוועטישער גרענעץ, אין דער ריכטונג — באַראַנאָוויטש—סלוצק—מינסק. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון דריי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: יידן, ווייסרוסן און טאַטאַרן — מיט אַ צוגאָב פון אַ קליינער צאָל פּאָליאַקן, מערסטנטייל אָנגעקומענע באַאַמטע, פּאָליציי און אַדמיניסטראַציע אָנגעשטעלטע. צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע, אויפן שוועל פון דער קאָמוניסטישער וועלט, איז דער פּאָליטישער רעזשים אין קלעצק שטענדיק געווען זייער שאַרף. דער קאָמוניסטישער איינפלוס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען נישטיק. דאָס יידישע קלעצק איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון צוויי קעגנערישע באַוועגונגען: די „אגודה" און די ציוניסטישע באַוועגונג. די געזעלשאַפטלעכע און גייסטיק־קולטורעלע טעטיקייט פון די דאָזיקע צוויי באַוועגונגען האָט זיך דייטלעך געלאָזט פילן אויף אַלע געביטן פון לעבן אין שטאָט. און די קעגנזייטיקע שטרייטן און רייבונגען האָבן געוועקט די וואַכזאַמקייט, געשטאַרקט די אַקטיוויטעט, באַפרוכפּערט די טעטיקייט פון ביידע מחנות — און געבראַכט ברכה און נוצן דער יידישער באַפעלקערונג, נישט קוקענדיק דערויף, וואָס צייטנווייז האָבן די קעגנזייטיקע מחלוקתן און שטרייטן געטראָגן נישט קיין איבעריק נאָבעלן כאַראַקטער...

ג.

זינט 1933 האָבן זיך דייטלעך געלאָזט פילן ענדערונגען צום שלעכטן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין קלעצק.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז קלעצק זאָל, אין אַ געוויסן הינזיכט, ווערן באַרימט, און פיל מאָל פאַרנעמען אַ אָרט אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע. אָט האָט עקסיסטירט אין שטאָט אַ ווייסרוסישע גימנאַ־זיע, זי האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדע צאָל שילער און שילערינס, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פון די אַרומיקע דערפער. די ווייסרו־סישע נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיקער, האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן גייסטיקן איינפלוס אויף דער גימנאַזיע. טריי זייער טאַקטיק, האָבן אויך די קאָמוניסטישע עלעמענטן צווישן דער ווייסרוסישער האַלב־אינטעליגענץ געוואָרפן אַ אויג אויף דער אינסטיטוציע. זיי האָבן אָנגעהויבן פירן אַ אַריינדרינגלערישע און אונטערערדישע טעטיקייט, אַריינציענדיק שילער און אויך אייניקע לערער אין זייערע רייען. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן האָט אָנגענומען די געוויינלעכע אין אַזעלכע פאַלן ווענדונג. אַ שילער, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט אַלץ אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי־מאַכט. עס פאָלגן רעוויזיעס, אַרעסטן, טעראָר־אַקטן, שליסונג פון דער שולע און אַז. וו. די דאָזיקע געשעענישן זענען בכוונה אויפגעבלאָזן געוואָרן מצד דער פוילישער דעפענסיווע און פּאָליציי. זיי האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג אויך אין דער צענטראַ־לער מאַכט, אין סיים און אין דער פּרעסע.

אַלס רעזולטאַט דערפון איז באַזונדערס פאַרשאַרפט געוואָרן די פּאָליציי מאַכט אין שטעטל.

עס איז אָנגעקומען אַ פּאָליציי קאָמענדאַנט, וועלכער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער באַפעלקערונג. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אויסטראַכטן פאַרשידענע המצאות און ווילדע איינפאַלן, שווער מאַכן און פאַרביטערן דעם לעבן. אויף יעדן פּאָליטישן אַקטיוון טוער האָט ער געוואָרפן אַ פאַרדאַכט פון אַ פאַרמאַסקירטן קאָמוניסט.

די אַלגעמיינע באַציאונג — אַ ברוטאַלע, אויפן אַנטיסעמיטיש היט־לעריסטישן שטייגער.

דאַן איז צוגעקומען דער ניי־באַשטימטער בירגערמייסטער (מען האָט פשוט געצווונגען פון דער ניעסווישער סטאַראָסטווע די יידישע ראַטמענער, זיי זאָלן שטימען פאַר אים בעת די וואַלן פון אַ בירגערמייסטער). דאָס איז געווען אַ געוועזענער פאָלקאָווניק, אַ אָפענער רעאַקציאָנער און ברוטאַלער אַנטיסעמיט. אין מאַגיסטראַט האָט ער זיך אויפגעפירט דיקטאַטאָריש, ליקווידירט די פרייע דעמאָקראַטישע טעטיקייט. אומפאַרשעמט האָט ער באַיקאָטירט יידישע אַרבעט און יידישע אונטערנעמונגען, ווי ווייט עס האָט זיך נאָר געלאָזן.

די אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען, און דער שוואַרצער־שאָטן פון היטלער־דייטשלאַנד — האָבן געבראַכט פאַטאַלע פאָלגן פאַרן אינערלעכן לעבן פון קלעצקער יידן אויף אַלע געביטן.

ד.

אין פלוג האָט אַזאַ לאַגע געדאַרפט ברענגען צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און טעטיקייט, און דינען אַלס שטויסנדיקער פאַקטאָר צו דער עליה־באַוועגונג קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אָבער נישט געשען. אמת, עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די ציוניסטישע שטימונג, די פעסימיסטישע פראָגנאָזן לגבי דער צוקונפט אויף די זיך־ערטער. אָבער דאָס האָט זיך נישט אויסגעדריקט אין רעאַל ממשתדיקע מעשים. וואָס מער דער היטלעריזם האָט זיך אַנטפלעקט אין זיין גרויזאַמער נאַקעטקייט אין דייטשלאַנד, — אַלץ מער האָבן זיך געשטאַרקט די שטימונגען פון דעפרעסיע און נידער־געשלאָגנקייט צווישן די יידן. איבערהויפט האָט זיך געלאָזט פילן דער אָפפלוס פון געוועזענע ציוניסטישע עסקנים־אַקטיוויסטן און בכלל געזעלשאַפטלעכע כלל־טוער.

קיין אָרגאַניזירטע ציוניסטישע באַוועגונג און פאַרטיי האָט שוין דאַן אין קלעצק נישט עקסיסטירט. נאָר די חלוציש־ציוניסטישע יוגנט האָט ממשיך געווען איר עקסיסטענץ און טעטיקייט. זי איז געווען טעטיק אויפן געביט פון דערציונג און הכשרה, געזאַמלט געלט פאַרן קרן־קיימת, זיך געשטעלט אין דינסט פון דער קרן־היסוד אַקציע און האָט אָנגעהאַלטן די עליה פון אירע מיטגלידער קיין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע פינאַנס־אַקציע, די באַזוכן פון פאַרשטייער פון די צענטראַלעס אין וואַרשע, האָבן אויף אַ געוויסע צייט אויפגעמונטערט די געדריקטע שטימונג.

גרויס אויפלעבונג אין ציוניסטישן לעבן האָבן מיט זיך געבראַכט די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. דער פאַרמעסט איז געווען צווישן דעם בלאָק פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און דער רעוויזיאָניס־טישער באַוועגונג, וועלכע האָט אין יענע יאָרן זיך באַפעסטיקט אין שטעטל. די יוגנט־באַוועגונג בית״ר האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַקטיוויטעט.

צו די קאָנגרעס־וואַלן אין די יאָרן 1933, 1935, 1937, זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס ווייַלער גרויסע שיכטן פון דער באַפעל־קערונג.

די קולטור טעטיקייט האָט זיך כמעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אַרום דער פאָלקס־שולע „תרבות״. אין משך פון איר 18־יעריקער עקסיסטענץ האָט זי אַרויסגעלאָזט טויזנטער אַביטוריענטן, באַוואָפנטע מיט וויסן פון יידישקייט, העברעישע שפראַך, ליטעראַטור און קולטור, דורכגעדרונגען מיט ציוניסטישע און חלוצישע אידעאַלן. זיי האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון פאָלק אַלס לערער, קולטור־טוער, ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע עסקנים און אויך אַלס עולים חלוצים.

די „אגודה״ באַוועגונג האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער קלעצקער ישיבה. אויסער דעם האָט זי פאַרמאָגט אַ מיידל־שולע „בית יעקב״, וועלכע האָט בהדרגה׳דיק אונטערן דרוק פון דער צייט, געמוזט זיך צופאַסן צו מער מאָדערנע פעדאַגאָגישע סיסטעמען. שפעטער איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאָרמאַלע פאָלקס־שולע. דער דריטער רעליגיעזער חינוך אַנשטאַלט — די תלמוד־תורה, וועלכע האָט געהאַט הינטער זיך אַ לאַנג־יעריקע עקסיסטענץ, האָט אין אַלע הינזיכטן אָפגעהיט די פאַרגליווערטע טראַדיציאָנעלע פאָרם און אינהאַלט. די לערער און דערציער האָבן געשטאַמט פון דער מלמדישער סביבה. טראָץ דעם איז די לערן־יוגנט פון קלעצק — איינשליסלעך אַלע שולעס — געווען אַ קוואַל פון נחת און שטאָלץ אין שטעטל. די יידישע שול קינדער — אַ אוצר פון פעהיקייטן, פלייסיקייט, דרך ארץ, פאַרשטאַנד און צניעות, און וויפל פאַר־שידנאַרטיקע טאַלאַנטן זענען געווען צווישן זיי.

עס איז געווען ממש אַ נחת און אַ פרייד צו זען און הערן די דאָזיקע קינדער, ווען זיי זענען דערשינען עפענטלעך בעת פאַר־שידענע פייערונגען, מיט דעקלאַמאַציעס, געזאַנג און טענץ. בשעת פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פייערונגען האָבן זיי דעמאָנסטרירט אין די גאַסן אונטער דער נאַציאָנאַלער פאָן, און שעמערירט פאַר די אויגן מיט יוגנט־פרייד און שטאָלץ.

מען האָט געקענט הערן אין גאַס דעם קלאַנג פון דער העברעישער שפראַך אין די מיילער פון קלעצקער לערן־יוגנט, אָפטמאָל ווי אַ פראָטעסט קעגן דער פוילישער „פאָווּשעכנע״ שול.

אָפט פלעגן באַזוכן קלעצק יידישע טעאַטער־טרופעס. די פאַרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין דער געביידע פון דער פוילישער באַנק. דער זאַל איז שטענדיק געווען פול־געפאַקט, מען איז געווען דורשטיק נאָך יידישן קינסטלערישן וואָרט.

עס געדענקט זיך די באַזוכן פון מ. קיפניס און זמרה זעליגפעלד און זייער דערפאָלג. צווישן אַנדערע האָבן אונדז באַזוכט די טרופע, יאַסעלע קאַלאַדני, טורקאָוו, שריפטשטעלער ווי סעגאַלאָוויטש און י. מאַסטבוים, דער ווילנער רעציטאַטאָר שריפטזעצער און אַנדערע. די דאָזיקע קונסט־פאַרשטעלונגען זענען געווען אַ קוואַל פון גייסטיקער דערפרישונג פאַר דעם יידישן קלעצק.

ה.

די אַלגעמיין פאָליטישע סיטואַציע אין יענעם צייט־אָפשניט האָט, נאַטירלעך זיך אויסגעווירקט נעגאַטיוו אויך אויף דעם עקאָנאָמיש־מאַטעריעלן מצב פון דער באַפעלקערונג.

קלעצק איז נישט געווען קיין אויסנאַם, הגם דאָ האָט זיך די אַלגעמיינע באָיקאָט־פאָליטיק אויסגעווירקט אַנדערש. דער קאָנסומענטן־ציבור איז דאָ באַשטאַנען מערסטנטייל פון דער ווייסרוסישער פויערישער באַפעלקערונג. עס איז געווען שווער צו פועלן ביי איר, אַז זי זאָל איבעררייסן אירע עקאָנאָמישע און האַנדלס־באַציונגען, איינגעשטעלטע במשך לאַנגע יאָרן, מיטן יידישן סוחר און קרעמער. דער ווייסרוס האָט זיך געפילט מער היימיש און פריי אין דער יידישער קראָם און געשעפט ווו ער האָט זיך געקענט דינגען און פריי אונטערהאַנדלען, ווי אין די ניי־געעפנטע פוילישע קאָאָפעראַ־טיוון. אין קלעצק, אַלס גרענעץ־שטאָט האָט זיך געפונען אַ צאָלרייכע מיליטערישע אָפטיילונג פון דער ספעציעלער גרענעץ־אַרמיי. זי איז געווען איינגעקוואַרטירט אין די נייע־אויסגעבויטע מיליטערישע קאַזאַרמעס ביים סוף פון דער ניעסווישער גאַס. די דאָזיקע מיליטע־רישע פאָרמאַציע האָט געדינט אַלס קוואַל פון פרנסה פאַר די קרעמער, סוחרים, בעלי־מלאכות און אַרבעטער. די אָפיצערן און אונטער־אָפיצערן מיט זייערע פרויען, זענען געווען שטענדיקע קאָנסומענטן פון יידן, און די באַציונגען זענען געווען קאָרעקטע און העפלעכע. אָבער סקלאַדקאָווסקיס „אָווּשעם״, באַגלייט דורך אַנטי־

יידישע געשעפטן. אויף וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזן, זענען געפונען אַ אָפּקלאַנג אויך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. אין דער ערשטער צייט האָט זיך בולט באַמערקט אַ אָפענע באָיקאָט־פּראָפּאַגאַנדע און אַנטי־יידישע העצע מצד אַ טייל עלעמענטן אין די מיליטערישע שפּיצן. די פרויען פון די אָפיצערן האָבן אויסגעמי׳טן די יידישע געשעפטן. אויף וופל עס האָט זך נאָר געלאָזן, זענען באַיקאָטירט געוואָרן יידישע אַרבעטער — סטאָליאַרעס, גלעזערס, שמידן, וועלכע האָבן געפונען זייער פּרנסה ביי די מיליטערישע בניינים. אָבער במשך פון דער צייט האָט זיך געלאָזט שפּירן אַ געוויסע אַנטשפּאַנונג. די שאָוויניסטיש־פּאַטריאָטישע פּראַזע איז געווען אָנמעכטיק לגבי די אייזערנע געזעצן פון עקאָנאָמישן לעבן. די ניי־געגרינדעטע פּוילישע קאָאָפּעראַטיווע קר־אָם מיט איר גרויסן פאַרנעם און אויסערלעכן גלאַנץ, האָט בשום אופן נישט געקענט קאָנקורירן מיט די יידישע געשעפטן בנוגע פּרייזן, פּרייען אויסוואַל פון סחורות און אַרטיקלען און זייער קוואַליטעט. מיטן אויסנאַם פון אַ באַגרענעצטער צאָל פּוילישע באַאַמטע און מיליטערישע פירער, וועלכע האָבן געוואָלט דעמאָנסטרירן זייער פּאַטריאָטיזם — האָט דעריבער, די „אָוושעם״־פּאָליטיק אין קלעצק קיין איבעריקן דער־פאָלג נישט געהאַט.

פון דער צווייטער זייט איז אָבער אויך געווען צו מערקן אויף אייניקע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן אַ געוויסער פאָרשריט און אַנטוויקלונג. עס זענען צוגעקומען און זיך שיין אַנטוויקלט נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, צווישן זיי די אַז. ג. „סושקעס״ — אונטערנעמונגען וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט טריקענען פאַרשידענע מינים פרוכטן. די דאָזיקע פּראָדוקציע איז עקספּאָרטירט געוואָרן אין די מערב־געגענטן פון פּוילן, געשמ׳ט מיט איר הויכער קוואַליטעט, געדינט אַלס קוואַל פון פּרנסה און באַשעפטיקונג פאַר אַ סך אַרבעטער און ספּעציאַליסטן.

עס האָט זיך אויך שטאַרק אַנטוויקלט דער טראַנספּאָרט־וועזן אין פאָרם פון פּאַסאַזשיר־און לאַסט־אויטאָס וועלכע האָבן געהערט צו אייניקע געזעלשאַפטן. פּאַסאַזשיר־אויטאָס פלעגן עטלעכע מאָל אין טאָג דורכשניידן די שטרעקעס אין ריכטונגען קלעצק—ניעסוויזש — מיר פון איין זייט, און לעכוויטש—באַראַנאָוויטש ביז צו די נאָענטע באַן־סטאַנציעס פון דער צווייטער זייט. לאַסט־אויטאָס מיט אָנגעלאָדענע סחורות פלעגן קורסירן צווישן קלעצק—באַראַנאָוויטש און אויך דירעקט ביז וואַרשע.

די באַקוועמע און דירעקטע קאָמוניקאַציע מיט די גרויסע און ווייטע צענטערן, האָט גורם געווען געוויסע ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער אינערלעכער פיזיאָגנאָמיע און מענטאַליטעט פון קלעצק. בהדרגה׳דיק האָט זי אָנגעוווירן איר פּראָווינציעלן כאַראַקטער. אַ רייזע קיין וואַרשע, לאָדזש, קאַטאָוויץ איז דאָך אין די אַמאָליקע יאָרן געווען כמעט אַ געשעעניש אין שטעטל, איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע, געוויינלעכע דערשיינונג. קלעצקער יידן האָבן טאָג־טעגלעך פאַרפילט די קורסירנדיקע אויטאָס: קרעמער נאָך סחורה קיין לאָדזש און וואַרשע, סוחרים און אינדוסטריעלער — קיין קאַטאָוויץ און דאַנציג; די לערן־יוגנט אין די פילע לערן־אַנשטאַלטן אין ביאַליסטאָק, ווילנע וואַרשע און אַנדערע. עס איז כמעט ווי גענצליך פאַרשוווּנדן דער אַזוי באַקאַנטער טיפּ פון בעל־עגלה מיט דער באַרימטער בויד. מען איז באַווירקט געוואָרן פון דער גרויסער שטאָט מיט איר גייסט, טעמפּאָ, כאַראַקטער, קליידונג און מאָדע.

טראָץ אַלע שיקאַנעס און שטערונגען האָבן די קלעצקער יידן נישט פאַרלוירן זייער מוט, ענערגיע, קאָמערציעלע איניציאַטיוו און רירעוודיקייט. מען האָט געקרעכצט אונטערן שרויף פון די שטייערן, אָפּטע האַנדלס „פּראָטאָקאָלן״ און נישט־פאַרדינטע שווערע שטראָפן. אָבער מען האָט פאַרגעזעצט דעם קיום, געאַרבעט, געהאַנדלט, גע־בילדעט די קינדער, געשפּענדט מיט דער ברייטער האַנט פאַר פילאַנטראָפּישע אָרטיקע צוועקן און פאַר ארץ ישראל בפרט.

אָבער די אַלגעמיינע אַטמאָספער איז געווען גענוג פאַרגיפטעט. אין די אָוונטן פלעגן געשען כוליגאַנישע אָנפאַלן מצד דער פּוילישער יוגנט. אויך די ווייסרוסן האָבן זיך פיל מאָל געלאָזט וויילגיין אויפן חשבון פון די יידן אין די גאַסן. אין די קאַטוילישע חגאות, אין די אָוונטן, זענען די גאַסן געווען אויסגעליידיקט פון יידישע שפּאַצי־רער. מען האָט געבראָכן שויבן, און יידן האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זייערע הייזער.

אין יענער צייט איז דאָס יידישע פּוילן אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער זבאָנשין־טראַגעדיע.

אַ אַליאַרם־רוף וועגן הילף האָט דורכגעהילכט דאָס יידישע פּוילן.

קלעצק ווי די איבעריקע יידישע שטעט און שטעטלעך, האָט ווידעראַמאָל באַשטעטיקט דאָס יידישע ווערטל, אַז ישראל ערבים זה לזה. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אָן אויסנאַם האָט זיך אָפּגערופן אויפן רוף. די מאַטעריעלע הילף איז געגעבן געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט. די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט געפילן פון ברידערלעכקייט און דערהויבונג. די אויפרודערונג האָט אַפילו געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, — אַזוי שטאַרק איז געווען די איבערגעגעבנקייט און ענטוזיאַזם.

דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזר׳ט אין די טרויעריקע טעג פון 36—1939, ווען מיר האָבן טאָג־טעגלעך געלייענט די ביטערע בשורות וועגן די געשעענישן אין ארץ ישראל. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלעבט אונטערן איינדרוק פון די טרויעריקע געשעענישן.

עס איז דאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ ספּעציעלע געלט־אַקציע פאַר ארץ ישראל. אויף דער פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער „קאַלטער שול״, האָט מען געקענט זען די גאַנצע באַפעלקערונג מיט דער יוגנט. אַלע שיכטן און פּאַרטייען — איינשליסלעך די „אגודה״ מיט די תלמידים פון דער ישיבה — האָבן געלאָזט הערן זייער וואָרט און אַרויסגעוויזן זייער טרייהייט און הילפס־גרייטקייט דעם ישוב אין ארץ ישראל וועלכער איז געשטאַנען אין פייער פון קאַמף.

ו.

עס זענען אָנגעקומען די טרויעריקע טעג פון מינכענער הסכם און זאַלזשער אַוואַנטורע. פון אַלע פּוילישע ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן זיך טעג און אָוונטן געהערט שרייעריש־שאָוויניסטישע אַרויסטרע־טונגען. אין אַ געוויסן שבת־טאָג האָט אַ ספּעציעלער אַעראָפּלאַן געפירט קיין פּראַג דעם קאַטעגאָרישן אולטימאַטום פון דער פּוילישער רעגירונג, מיט דער פאָדערונג צוריק קערן פּוילן דעם זאַלזשער געביט. מיר האָבן דעם טאָג איבערגעלעבט אין אַן אָנגעשטרענגטער שטימונג. ערשט אין די אָוונט־שעהן, ווען עס איז דערהאַלטן געוואָרן דער פּאָזיטיווער ענטפער פון פּראַג, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט. אָבער אין די אויערן האָט שרעקלעך געגרילצט די ווילדע קאַמפּאַניע פון די פּוילישע מאַכט־האָבער, באַגלייט מיט חנופה און ליבּ־געזאַנגען אויפן אַדרעס פון נאַצי־דייטשלאַנד. פאַר אונדז יידן האָט דאָס באַדייט, אַז די היטלערישע געפאַר הענגט ממש איבער אונדזערע קעפּ. פאַר יעדער קלעצקער ייד איז דאָך געווען קלאָר, אַז דער מינכענער פּאַקט איז נישט ווערט דעם פּאַפּיר, אויף וועלכן ער איז געשריבן געוואָרן.

ז.

אין איינעם אַן אַפּריל־טאָג האָבן מיר, קלעצקער יידן, צוגע־שמידטע צו די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, געהערט דעם גענויען חשבון, וועלכן היטלער האָט דערלאַנגט דער פּוילישער רעגירונג. אין אַ טאָג אַרום, אין די אָוונט שעהן האָבן זיך שוין געצויגן פון אַלע גאַסן צום מאַרק

מאָביליזירטע רעזערוויסטן. אַלע פּאַסאַזשיר־אויטאָס זענען געשטאַנען גרייט איפּצונעמען די מאָביליזירטע, די עלעקטרישע באַלייכטונג איז אויסגעלאָשן געוואָרן. די טיילווייזע מאָביליזאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ שטרענגער געהיימניש, און אָפּיציעל איז זי אָפּגעלייקנט געוואָרן, דער גרויסער מאַרק־שטח איז געווען שוואַרץ פון דער מענשן־מאַסע — טאַטעס, מאַמעס, ברודער, שוועסטער און קינדער, וועלכע האָבן באַגלייט און זיך געזעגנט מיט די אָפּפאָרנדיקע. פון דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער אַזוי גערופענער קאַלטער נערוון־קריג צווישן היטלערן און פוילן — אַ צושטאַנד וועלכער האָט געדויערט קרוב צו פינף מאָנאַטן.

פּאַקטיש איז די יידישע באַפעלקערונג געווען דער סאַמע זיכערסטער און פּאַטריאָטישסטער עלעמענט צווישן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן (ביי די ווייסרוסן האָט געהערשט אַ מיש־מאַש פון מיינונגען און אָריענטאַציעס, איינשליסליך די קאָמוניסטישע). אין 1939 איז בוכשטעבלעך נישט געווען קיין איין ייד אויף דער פּוילישער ערד, וועלכער זאָל נישט מתפלל זיין אויף היטלערס מפלה און אונטערגאַנג. פּוילישע יידן האָבן געהאַט סענטימענטן צום לאַנד אין וועלכן זיי האָבן טויזנט יאָר געלעבט און געשאַפן. יידן פון פוילן אָן אויסנאַם האָבן פאַרשטאַנען, געפילט און באַוויזן, אַז די מלחמה מיט היטלערן איז אויך זייער מלחמה, און זענען געווען גרייט אויף אַלע קרבנות צו שיצן פוילן און פאַרניכטן דעם בלוטיקסן און גרויזאַמסטן פיינט פון אונדזער פאָלק.

עס איז פאַרבליבן אין זכרון די דעמאָנסטראַציע פון יידישן פּאַטריאָטיזם, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אויסערגעוויינלעכע מלוכה־הלוואה אין אַנבליק פון דער דראָענדיקער געפאַר. אויפן מאַרק אַרום קאַצעווס מויער איז פאָרגעקומען דער אַלגעמיינער פּראָקלאַמאַציע־מיטינג. די אַרויסטרעטונג פון די יידישע פאָרשטייער האָבן עדות געזאָגט וועגן די געפילן פון יידישן קיבוץ אין פוילן. די געלט־באַשטייערונג פון די יידן האָט דערגרייכט די העכסטע סומען. נישט קוקנדיק דערויף האָט אָבער די מאַכט נישט געוואָלט אָפּשאַצן די האַלטונג פון די יידן.

אין די חדשים פון נערוון־קריג האָט זיך נאָך מער געלאָזט פילן די שווערע האַנט פון רעזשים, די גרינגשעצונג צו די „זשידקי", די באַציונג צו זיי ווי צו בירגער פון צווייטער מדרגה. דאָס לעבן האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון באַאומרויקנדיקער געשפּאַנטקייט. דער שוואַרצער געשפּענסט פון היטלערן האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער פוילן. אין די אָוונט זענען די גאַסן געווען איינגעהילט אין פינצטערניש — צוליב דער מורא פון אַ פּלוצעמדיקן לופט־אָנגריף. אַ גרויסער טייל פון דער יונגער מענער־באַפעלקערונג האָט זיך געפונען אין די מיליטערישע טיילן אויף די גרענעצן. אין די אָוונטן איז מען געווען צוגעשמידט צו די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און זיך צוגעהערט צום שאַרפן וואָרט־דועל צווישן די צוויי קעגנער. „יעדנעגאָ גוזשיקאַ ניע דאָמי" (קיין איין קנעפּל וועלן מיר נישט געבן) — פלעגט אויסשרייען דער פּוילישער שפּרעכער ציטירנדיק דעם אַרויסטריט פון פּוילישן אויסערן מיניסטער־בעק, אַלס ענטפער אויף די ברוטאַלע דראָאונגען פון היטלערס צד. עס פלעגן פאַלן באַרימערישע פראַזן. מיר האָבן געהאַט אַ קנאַפּע אמונה אין דעם קאַטעגאָרישן טאָן פון די פּוילישע פּאָליטיקער און מלוכה־מענער דער באַוווסטזיין פון דער דראָענדיקער געפאַר האָט נישט אָפּגעלאָזן טאָג און נאַכט. וואָס נאָענטער צו הערבסט, אַלץ מער איז די שטימונג געוואָרן געדריקטער.

ח.

דעם אָוונט און די נאַכט פון 31טן אויגוסט אויפן 1טן סעפּטעמבער 1939 האָבן מיר איבערגעלעבט אין שפּאַנונג און פיבערהאַפטע דערוואַרטונגען. עס האָט זיך בולט געשפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טראַגישער אָפּשלוס פון נערוון־קריג. אין אָוונט האָט דער דייטשער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז אין די שפּעטערדיקע שעהן וועט היטלער אַרויסטרעטן מיט אַ וויכטיקער פּאָליטישער דערקלערונג.

אַרום מיסקינס (באַוווסט אין קלעצק אונטערן נאָמען „טאַטל") קראָם, אין צענטער פון מאַרק, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ געדיכטע מענשן־מאַסע פון יונג און אַלט. אָט דערהערט זיך ענדלעך דער גוט־באַקאַנטער הייזעריק־היסטערישער קול פון דעם מטורפדיקן רוצח; אין די אינטערעסן פון שלום, וועלכער איז אים אַזוי נאָענט צום האַרצן, איז ער גרייט אויף געוויסע הנחות און קאָמפּראָמיסן בנוגע די דייטשע פאָדערונגען צו פוילן... דאָס זענען זיינע „לעצטע און ענטגילטיקע" ווערטער. ער וואַרט אויף אַ באַלדיקן ענטפער פון דער פּוילישער רעגירונג...

די איבערוויגנדיקע מערהייט האָט מיט רעכט געזען אין דער לעצטער דערקלערונג דעם באַוווסטן פּאָליטישן מאַנעוור פון היטלערס טאַקטיק — אָפּצווענדן אין די לעצטע מינוטן די אויפמערקזאַמקייט און וואַכזאַמקייט פון קעגנער. וכך הוה. פרייטיק דער ערשטער סעפּטעמבער, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן טאָג פון איבערפאַל, דער טאָג ווען די פּאָליטישע פירער פון ענגלאַנד און אַמעריקע פאַרברענגען זייער „וויק ענד".

דער „ראַדיאָ מעלדעט": די דייטשע „לופט־וואַפע" האָט אין די פרי־ע פאַרטאָג־שעהן באָמבאַרדירט אַ ריי שטעט און מיליטערישע באַזעס. די נאַצישע חילות מאַרשירן צו די פּוילישע גרענעצן און געביטן...

עס איז געשטאַנען אַ טריבער וועטער. טריבע און חושכדיקע זענען אויך אַרומגעגאַנגען די מענשן. פון ניעסוויזשער גאַס, פון די מיליטערישע קאַזאַרמעס, האָבן מאַרשירט די מיליטערישע אָפּטיילונגען און פאָרמאַציעס אין דער ריכטונג צו מערב, צו די באַן־סטאַציעס ליעכאָוויטש—באַראַנאָוויטש.

די פאַרזאַמלטע מענשן־מאַסע האָט זיי באַגלייט מיט אויסרופן און לאָזונגען. עס איז נישט געווען דער מינדעסטער צווייפל אין דער אויפריכטיקייט פון דער באַפעלקערונג. דאָס האָבן אויך פאַרשטאַנען און געפילט אונדזערע שכנים־פּאָליאַקן. אין יענע שעהן האָבן זיי זיך אויסגעניכטערט פון דעם טשאַד פון דער זעלבסט־באַרימערישער פראַזעאָלאָגיע, וועלכע האָט ביז דער לעצטער מינוט געליאַרעמט אויף די גאַסן.

ווי אַ דונער האָט אונדז געטראָפן דער ריבענטראָפּ־סטאַלין פּאַקט. די פּוילישע מאַכט האָט אָנגעהויבן אַ שאַרפע טעראָר־אַקציע קעגן די קאָמוניסטישע און לינקע עלעמענטן. דאָס האָט זעלבסט־פאַרשטענדלעך, נישט אויסגעמיטן יידן.

אין דער נאָענטער אומגעגנט פון קלעצק און אין די איבעריקע ישובים פון די גרענעץ־געביטן, האָט די פּוילישע רעגירונג אין די לעצטע יאָרן אַ סך באַזעצט באַפרייטע זעלנער פּאָליאַקן מיטן צוועק צו פאַרשטאַרקן דעם פּוילישן עלעמענט. די דאָזיקע קאָלאָניסטן־פּאָליאַקן זענען צוגעטיילט געוואָרן סאָלידע ערד־שטחים, זיי האָבן געדאַרפט דערפילן די ראָל פון פּאָלאָניזאַציע און דינען אַלס טרייער און זיכערער עלעמענט אין אויסערגעוויינלעכע צייטן. עס איז כמעט איבעריק צוצוגעבן, אַז די „אָסאַדניקעס" האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אָפענעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטיזם.

פרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער, זענען זיי דערשינען אין די גאַסן פון קלעצק אין אַ ספּעציעלער פּאָליציייאישער קליידונג, מיט פולער באַוואָפענונג. זיי האָבן געדאַרפט אויספירן פּאָליציייאישע פונקציעס אַלס פאַרשטאַרקונג פון די שטענדיקע רעגולערע פּאָליציייאישע אָפּטיילונגען. די דאָזיקע גיפטיקע אַנטיסעמיטן זענען מיט אייפער און ברען צוגעטראָטן צו זייער טעטיקייט, בפרט אַז דער דינסט האָט זיי באַפרייט פון שלאַכטפעלד. זיי זענען געגאַנגען פון

שטוב צו שטוב, פון קראָם צו קראָם, און מעשה־הערשער אַרויסגעגעבן פאַרשידענע באַפעלן און אָנווייזונגען, זידלענדיק און דראָענדיק, אַז פאַר יעדן מינדסטן חטא וועט מען באַקומען די שווערסטע שטראָפן.

פאַרנאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן רעוויזיעס און מאַסן־אַרעסטן פון מענטשן, אויף וועלכע עס איז געפאַלן דער חשד פון קאָמוניזם, לינקע סימפּאַטיעס אָדער נייגונגען צו ראַטן־פאַרבאַנד. אין דער ערשטער ריי האָבן פיגורירט כמעט אַלע געוועזענע רוסישע בירגער, וועלכע האָבן זיך עוואַקואירט פון רוסלאַנד קיין פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זייער אַ קליינע צאָל פון זיי האָבן באַקומען די פוילישע בירגערשאַפט. די איבעריקע האָבן געלעבט פריער אויפן גרונד פון די אַזוי גערופענע נאַנסן־דאָקומענטן און דערנאָך זענען זיי פאַרביטן געוואָרן אויף צייטווייליקע אויפהאַלטס־קאַרטעס — „קאַרטאַ־פּאָביטו". עס איז נישט געווען דער מינדסטער גרונט חושד צו זיין די דאָזיקע אַמאָליקע פליטים פון רוסלאַנד אין אומלאָיאַליטעט צו דער פוילישער מדינה — די מאַכט האָט אָבער אין יענע טעג נישט אָנערקענט קיינע כללים פון עלעמענטאַרער לאָגיק און גערעכטיקייט. די אַרעסטירטע זענען געווען אינגאַנצן אומפּאַרטייאישע, מערסטנטייל האָרעפּאַשנע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג — וואָס דאָ קומט פאָר.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו די פּאָליטיש פאַרדעכטיקטע און סתם פערזאָנען, וועלכע זענען אַמאָל פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרשידענע שטראָפן, און איצט זענען זיי צוגערעכנט געוואָרן צו דער קאַטעגאָריע פון נישט־געוואונטשענע עלעמענטן.

אין די שפּעטע פאַרנאַכט־שעה׳ן האָט מען געקענט זען אויף אַלע קלעצקער גאַסן אַרעסטירטע ווייסרוסן פון די אָרעמיקע דערפער, מערסטנטייל יוגנטלעכע, אונטער דער עסקאָרטע פון „אָסאַדניקעס"־פּאָליציאַנטן. אַלע זענען געבראַכט געוואָרן אין דער געביידע פון דער פּאָליציי קאָמענדאַטור, אין מייער פון תבואה סוחר פּאָל. אַלע פאַרהאַלטענע (צווישן זיי דער שרייבער פון די שורות), האָבן איבערגעלעבט אין שרעקלעכער ענגשאַפט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. מען האָט אונדז גאָרנישט געפרעגט, נישט געפּאַרשט. אין פולשטענדיקער אומוויסנהייט האָבן מיר געוואַרט אויף אונדזער ווייטעריקן גורל.

אויף צומאָרגנס, שבת פאַרטאָג, ביי די ערשטע זון־שטראַלן האָט מען אונדז אַרויסגעזעצט אויף פויערישע פורלעך, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין אַ לאַנגער ריי אין דער ריכטונג צו ניעסוויזש. די שרעק וועלכע איז אָנגעוואָרפן געוואָרן אויף דער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין פון די הייזער, בלויז וווּ־נישט־וווּ האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאָרהאַנג פון אַ פענצטער, אַ פּנים האָט זיך באַוויזן, אַרויסגעקוקט קורצע מינוטן אויף דער פּראָצעסיע און תיכּף פאַרשוווּנדן.

אין ניעסוויזש האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין דער שטאָט־טורמע, זיך פאַראייניקט מיט דער פרישער מאַסע אַרעסטירטע פון ניעסוויזש און אומגעגנט. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אין האָראָדזיי. זונטיק בייטאָג האָבן מיר פאַרפילט עטלעכע וואַגאָנען פון צוג, און אונטער דער וואַך פון פּאָליציאַנטן אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג צו בריסק.

זונטיק פאַרנאַכט האָבן זיך פאַר אונדז אויפגעפּראַלט די טויערן פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזאַ, אונטער דער לייטונג פון טרויעריק באַרימטן פּאָלקאָווניק ק אָ ס ט עָ ק ־ ב י ע ר נ אַ צ ק י. ביים אַרויסברענגען פון מויל די ווערטער קאַרטוז־בערעזאַ פלעגט אַרומכאַפּן אַ שרעק און אַ ציטער אַ סך מענטשן אין פוילן. מען האָט נאָך דאַן נישט געוווּסט גענוי וואָס אייגנטלעך דאָרט קומט פאָר. מענטשן וועלכע זענען דאָרט געווען אינטערנירט אַ געוויסע צייט, און דערנאָך אַרויס אויף דער פריי — פלעגן האַלטן פאַרשלאָסן זייערע מיילער ביים מינדעסטן פּרווו אַרויסצובאַקומען פון זיי וועלכע ס׳איז ידיעות וועגן זייערע איבערלעבונגען. עס האָבן קורסירט קלאַנגען וועגן אוממענטשלעכע פייניקונגען און גרויזאַמקייטן.

אין די 18 טעג, וועלכע מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט, האָבן מיר אויף אונדזערע קערפּערס, לייבער, מוחות און נשמות ממשותדיק געשפּירט דעם שרעקלעכן אמת פון די קלאַנגען. אויב אין נאָרמאַלע צייטן האָט נאָך דאָרט געהערשט אַ געוויסער שיין פון אַדמיניסטראַטיווער אָרדנונג, האָבן מיר זיך אין יענע טעג, ווען גאַנץ פוילן איז געווען אין אַ צושטאַנד פון כאַאָס און פונאַנדערפאַל, געפונען אונטערן אויסשליסלעכן ווילקיר פון די לאַגער תליינים. דאָס זענען געווען געשולטע און אויסגעפּרוווטע הענגער־סאַדיסטן.

פון אַלע עקן און ווינקעלעך פון פוילן פלעגן טאָג־טעגלעך אָנקומען טראַנספּאָרטן פון אינטערנירטע מענער און פרויען. אַ פאַרשידנאַרטיקע פּילפּאַרביקע געזעלשאַפט: אין דער ערשטער ריי יידן פון אַלע שטאַנדן, פּאַרטייען און עלטערס. יונגע בחורים און מיידלעך פון די לינקע סאָציאַליסטישע, ציוניסטישע, קאָמוניסטישע קרייזן; מיטליעריקע יידן, קרעמער און סוחרים, וועלכע האָבן מיט עפּעס עובר געווען אויף די האַנדלס־גזירות. עס האָבן אויך נישט געפעלט יידן פון רעליגיעזע אָן חסידישע קרייזן (אייניקע רבנים צווישן זיי). דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן ציל — למען ישמעו ויראו... אָנוואַרפן אַ שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

דערנאָך פאָלגן די ווייסרוסן — פויערים און אינטעליגענץ, יוגנט פאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם, עס איז דאָרט געווען אויך אַ געוויסע צאָל פּאָליאַקן. אין די אויגן האָבן זיך געוואָרפן צוויי הויך־ראַנגיקע מיליטערלייט — באַשולדיקטע אין פאַראַט אָדער שפּיאָנאַזש.

אַ אָפּגעשלאָסענע גרופּע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די עטלעכע טויזנט דייטשן פון די מערב פּראָווינצן — פּויזן און אויבער שלעזיען.

צום צוועלפטן סעפּטעמבער האָט די צאָל אינטערנירטע דערגרייכט איבער צוואַנציק טויזנט מענער און פרויען. מיר זענען געווען פאַרשפּאַרט אין אוממענטשלעכער ענגשאַפט אין די ריזיקע געביידעס פון די געוועזענע צאַרישע מיליטערישע קאַזאַרמעס. טאָג־טעגלעך, פון 7 פרי ביז 8 אָוונט, מיט אַ בייטאָגיקער הפסקה פון איין שעה, האָט די ריזיקע מענטשן־מאַסע פאַרפולט די פּלעצער אַרום די בנינים, געגראָבן גריבער, געשלעפּט שווערע משאות, געפלאַנצט בוימער אַרום די וווינונגען־ווילעס פון די אויפזעער און העכערע באַאַמטע. צוויי שעה טעגלעך זענען געווען געווידמעט ספּעציעל אויף שווערע מיליטערישע שטראָף־איבונגען. די תליינים האָבן געשלאָגן אַכזוריותדיק די אַרעסטירטע מיט די גומי־שטעקנס ביז חלשות. מיר האָבן געליטן הונגער און דורשט. אונדזער שפּייז איז באַשטאַנען פון צוויי פּאָרציעס זופּ — בייטאָג און אין אָוונט. פאַר די 18 טעג האָבן מיר בלויז צוויי מאָל באַקומען צו צוויי הונדערט גראַם ברויט. מענטשן זענען געפאַלן טויט ביי דער אַרבעט און אין די צעלן, נישט באַקומענדיק קיין מעדיצינישע הילף.

מיר זענען געווען פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון דער אָרומיקער וועלט. בלויז די דייטשע אַעראָפּלאַנען, וועלכע זענען געפלויגן ממש איבער אונדזערע קעפּ, און די קנאַלן פון די באָמבעס־אויפרייסן אַרום לאַגער, זענען געווען די איינציקע עדות פון דער מלחמה. די דייטשן זענען געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין פוילן. זייערע פּליער האָבן קלאָר געזען די מאַסע אַרבעטענדיקע אַרום די לאַגער־געביידעס, און אויב זיי האָבן געשוינט איז עס נאָר אַדאַנק די טויזנטער דייטשן וואָס זענען געווען אויסגעמישט מיט אונדז.

אָבער וואָס ווייטער האָט זיך בולט געמערקט אַ גרויסע ענדערונג אין דער לאַגע. אויפפאַלנדיק איז געווען די האַלטונג פון די אויפזעער

און פּאָליציאַנטן אין די לעצטע טעג. אַ נידערגעשלאָגנקייט אויף זייערע באַפֿעלן און אַפֿילו אויף זייער שלאָגן.

די היטלעריסטישע חיות זענען שוין טיף אַריינגעדרונגען אין דער פּוילישער טעריטאָריע. די לאַגער־מאַכט האָט שוין בכלל אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן זיך וועגן דער לאַגע אין לאַגער. זיי זענען אַרומגעגאַנגען מיט זאָרגן און שרעק פֿאַרן אייגענעם גורל. פֿאַר זיי איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי מוזן באַצייטנס מאַכן פּליטה, און נישט בלייבן אויג אויף אויג מיט דער מחנה אַרעסטירטע. וואָלט דער מצב אין לאַגער זיך פֿאַרצויגן נאָך אַ געוויסע צייט, איז אַ גרויסער ספֿק, צו עמיצער פֿון אונדז וואָלט בכלל אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון דעם דאָזיקן גיהנום. מיר וואָלטן אויסגעגאַנגען פֿון הונגער און דורשט. מיר האָבן אָבער דערשפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פֿון אַנטשיידונג.

דעם 19טן סעפּטעמבער אין די פֿרימאָרגן שעהן האָבן מיר, ווי געוויינלעך, געוואַרט אויף דעם קלונג פֿון די טורמע וועקטער. די צייט פֿליסט לאַנגזאַם, און אַרום אונדז הערשט אַ פֿאַרדעכטיקע שטילקייט, וואָס רופֿט ביי אונדז אַרויס באַאומרויקונג. מיר ווערן אַלץ מער געשפּאַנט. פּלוצים ווערט די שטילקייט איבערגעריסן דורך אַ רויש, אַ געפּילדער, אַ טופּעריי פֿון מענשלעכע פֿיס. מיר האַלטן נישט אויס און וואַרפֿן זיך — טראָץ דעם שטרענגן פֿאַרבאָט — צו די פֿענצטער. פֿאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך פֿון די הויכע שטאָקן אַזאַ בילד: אַ מענשן־מאַסע פֿון מענער און פֿרויען, פֿון אַלע געביידעס און שטאָקן, לויפֿן צום ריזיקן לאַגער פּלאַץ. מיר פֿראַלען אויף אונדזער קאַמער־טיר און לאָזן זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ דורך די טרעפּ, און אין איין אויגנבליק מישן מיר זיך אויס מיט דער גאַנצער מאַסע. באַוואָקסענע, אָפּגעריסענע מענער מיט אויסגעצערטע געזיכטער, אַנדערע — הויט און ביינער, כמעט משוגע פֿון פֿרייד, האָבן זיך געטראָגן אויפֿן פּלאַץ מיט געשרייען, געוויינען און אויסרופֿן. פֿרויען מיט צעשויבערט האָר, האָבן זיך היסטעריש געקושט. מען האָט זיך געוואָרפֿן אויף די סקלאַדן, ווו עס האָבן זיך געדאַרפֿט געפֿינען די וואַליזעס פֿון די אינטערנירטע. אָבער באַלד בליצט אויף אין מוח די פּיינלעכע מחשבה: ס'איז דאָך קלאָר, אַז די אַדמיניסטראַציע פֿון לאַגער מיט אירע משרתים האָט די פֿאַרגאַנגענע נאַכט אומבאַמערקט אַנטלאָפֿן. (דאָ דערמאָנען מיר זיך, אַז דעם לעצטן אָוונט זענען פֿון יעדן קאַמער אַרויסגענומען געוואָרן צו צוויי פּערזאָן — שווער באַלאַסטעטע מיט „שולדן". מיר האָבן זיי שפּעטער געזען הענגענדיק אויף תּליות ביי די בוימער פֿון לאַגער). די היטלער־חיילות האָבן זיך דערנענטערט צו קאַרטוז־בערעזאַ — און נאָר בזכות דעם פֿאַרלאָזן מיר דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווער ווייס אויב גלייך נאָכן אַרויסגיין פֿון טויער וועלן מיר זיך נישט אָנשטויסן אויף די מאַרשירנדיקע נאַצישע סאָלדאַטן?

באַלד טאַקע פֿאַרהילכן די לופֿט אויסרופֿן: „הייל היטלער!"

מיט פֿאַריסענע קעפּ, האָפֿערדיק און ברוטאַל, אין אָרגאַניזירטער אָרדנונג, מאַרשירן די אינטערנירטע דייטשן אויפֿן פּלאַץ. בליץ שנעל שטעלן זיי אַוועק אַ וואַך לעבן טויער, באַוואָפֿנט מיט גרויסע גראָבע שטעקנס. אַלע אַרויסגייענדיקע ווערן רעווידירט. די וואַליזעס ווערן אָפּגענומען. מען לאָזט דורך בלויז מיט ליידיקע הענט און ליידיקע קעשענעס. מיר פֿילן זיך נידערגעשלאָגן פֿון דערדאָזיקער סצענע. דאָס געדויערט אָבער נישט לאַנג. באַלד ענדערט זיך די לאַגע ראַדיקאַל צו אונזער גונסטן. עס דערשיינען אין לאַגער יונגע יידישע בחורים פֿון שטעטל — רויטע לענטעס אַרום זייערע אַרבל מיט עס איז אומבאַגרייפֿלעך פֿון וואַנען מיר האָבן גענומען כּחות צו שפּרייזן מיט אונדזערע אָנגעווייטיקטע פֿיס.

נאָך עטלעכע טעג וואַנדערונגען זענען מיר אַרויפֿגענומען געוואָרן אויף דער אייזנבאַן, — ספּעציעל איינגעאָרדנט און רעמאָנטירט פֿאַר די קאַרטוז־בערעזער אַרעסטירטע. פֿון באַראַנאָוויטש אויף בעל־עגלה'שע פֿורן, האָבן מיר דערגרייכט אונדזערע היימען אין קלעצק, אין די לעצטע סעפּטעמבער טעג, צווישן ראש השנה און יום כּפּור.

ט.

די ערשטע איינדרוקן — טויזנטער פּליטים פֿון אַלע עקן פּוילן, וועלכע האָבן פֿאַרפֿולט אַלע הייזער פֿון שטעטל, וואָס זייער צאָל האָט זיך פֿאַרמערט מיט יעדן טאָג.

די אַלטע קלעצקער איינוווינער זענען כמעט ווי פֿאַרלוירן געגאַנגען צווישן די מאַסן פּליטים, וועלכע זיי האָבן געשוויבלט אויף אַלע גאַסן און פּלעצער. די קלעצקער יידן האָבן פֿיל געטאָן פֿאַר דער איינאָרדנונג פֿון די היימלאָזע. די יידישע רחמנות האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט אין איר פֿולן פֿאַרנעם. אויך די סאָוויעטן מאַכט האָט זיי ערטיילט די פֿולע מאַטעריעלע הילף.

מיט גרויס נייגעריקייט האָבן מיר אָבסערווירט די סאָוויעטישע זעלנער און קאָמאַנדירן פֿון דער רויטער אַרמיי, נאָך דעם אָפּשידס־פּעריאָד פֿון צוואַנציק יאָר. קיין באַדייטנדיקע שינויים איז נישט געווען צו מערקן. מיר האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז עס זענען פֿאַרשוווּנדן די ספּעציפֿישע רוסישע זידל־ווערטער.

אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט און אינטערעס האָט אַרויסגערופֿן די פֿאַרלויפֿיק קליינע צאָל סאָוויעטישע ציווילע באַאַמטע, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָרגאַניזירן די אַדמיניסטראַציע, צווישן זיי אייניקע יידן. זיי אַלע האָבן געטראָגן די באַצייכנונג „וואָסטאָטשניקי" — אָנגעקומענע פֿון מזרח. זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער נאָענט צו דער באַפֿעלקערונג (קיין ברעקל דמיון נישט צו די אַמאָליקע פּוילישע באַאַמטע), געפֿירט פֿריינטלעכע שמועסן, פֿאַרבראַכט געמיטלעך מיט דער יוגנט. אין די אויגן האָט זיך קודם כּל געוואָרפֿן זייערע אָרעמע קליידונג און באַשוכונג. זייער גייציקייט נאָך מאַנופֿאַקטור־סחורות און לעדער אַרטיקלען, וועלכע זיי האָבן אויסגעקויפֿט אין די קראָמען אָן אויסוואַל און דינגעניש.

מאָנטיק, דעם געוויינלעכן יריד־טאָג, האָט מען געקענט באַמערקן אַזאַ דערשיינונג:

דער פּלאַץ איז פֿאַרפֿולט ווי שטענדיק מיט פּויערישע פֿורן. די קראָמען און מאַגאַזינען אָפֿן, אָבער דער דראַנג און די שטופּעניש איז שוין לגמרי נישט ענלעך צו די פֿריערדיקע צייטן. אין פֿאַרשידענע ערטער אויפֿן מאַרק־פּלאַץ — גרופּעס צענויפֿגעדריקטע מענשן־מאַסן. זיי רינגלען אַרום פֿון אַלע זייטן אַ סאָוויעטישן מאַן, פֿון מיליטערישן אָדער ציווילן שטאַנד. דאָס איז אַ אַגיטאַטאָר וועלכער האַלט אַ פּראָפּאַגאַנדע־רעדע פֿאַר דעם עולם. ער טוט דאָס געשפּרעכמעסיק, לייגט פֿאַר שטעלן פֿראַגן און ענטפֿערט אויף זיי.

די דאָזיקע, אַזוי גערופֿענע „לויפֿנדיקע מיטינגען" פֿלעגן פֿאָרקומען יעדן מאָנטיק אויף פֿיל פּונקטן פֿון קלעצקער מאַרק־פּלאַץ. די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון קלעצק אָן אויסנאַם, האָט אויפֿגענומען די נייע מאַכט מיט געפֿילן פֿון צופֿרידנקייט און פֿריינטשאַפֿט.

די רייכערע שיכטן, סוחרים און קרעמער, ציוניסטן, רעליגיעזע יידן האָבן נישט געהאַט קיינע אילוזיעס וועגן דער פּאָליטיק פֿון דער סאָוויעטן מאַכט. מען איז נישט געווען פֿאַרבלענדעט פֿון דעם ליבעראַליזם און גוטע רייד, אָבער נאָך אַלע חשבונות איז פֿאַרט געבליבן אומבאַשטריטן דער פֿאַקט, אַז בלויז אַדאַנק דער סאָוויעטישער אַרמיי זענען מיר פֿאַרלויפֿיק ניצול געוואָרן פֿון דער היטלעריסטישער געפֿאַר, דאָס לעבן און כּבֿוד פֿון ייד איז געזיכערט — מיר האָבן נישט געפֿילט דעם מינדעסטן סימן פֿון אַנטיסעמיטיזם, באַליידיקונגען, ווער רעדט שוין וועגן אַנטי־יידישער דיסקרימינאַציע. אָבער די שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון דער לאַגע איז געשטאַנען אונטער אַ גרויסן פֿראַגע־צייכן.

פוילן אַלס זעלבסטשטענדיקע מדינה איז אונטערגעגאַנגען, די נאַצישע חיות שטייען אויפן מערב ברעג פון בוג. אייראָפּע איז אַ פייער שפּייענדיקער ווולקאַן, דער היטלער־סטאַלין פּאַקט איז דורך אַלעמען באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ צייטווייליקער אָפּמאַך. אָבער דערווייל — חיי שעה. עס הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון צופּאַסן־זיך צום נייעם רעזשים.

ט.

חבר גלאַדישעוו, אַ הויכער ברייט־פּלייציקער רוס מיט ענערגישע געזיכטס־שטריכן און אינטעליגענטן אויסדרוק, איז דער הויפּט (נאַטשאַלניק) פון דער קלעצקער „ווערעמענאַיע פּראַווּלעניע" (צייטווייליקע פאַרוואַלטונג) פון קלעצק און אומגעגנט. זיין אַמט געפינט זיך אין דער געביידע פון קאַצעווס מויער, אויפן צווייטן שטאָק — דאָרט ווו עס איז פריער געווען דער פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט פון דער פאַמיליע מ....

דער אויסוואַל פון דער סאָוויעטן־מאַכט איז געווען אויסער־געוויינלעך געלונגען.

ג. האָט לאַנגע יאָרן פאַרנומען דעם פּאָסטן אַלס הויפּט פון באַבּרויסקער „גאָראיספּאָלקאָם" (שטאָטישער אויספיר־קאָמיטעט). אַ מאַן מיט אַ לאַנגער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק, און דערצו שטענדיק געהאַט צו טאָן מערסטנטייל מיט יידן. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש, טאַקט און עלאַסטישקייט אין זיין נייער שווערער ראָל. זיין אַרבעטסזאַמקייט האָט אַרויסגערופן באַווּנדערונג. זיך נישט באַזעצט אין אַ פּריוואַטער דירה ווי אַלע איבעריקע; געגעסן און געשלאָפן זייער ווייניק אין זיין אַמט־ביוראָ. אין משך פון גאַנצן טאָג ביז נאַכט האָט ער זיך פאַרנומען מיט קאָנפערירן מיט אַלע פאַריינען, שיכטן און קערפּערשאַפטן פון שטאָט — סוחרים, קרעמער, האַנטווערקער, אַרבעטער, לערער, מילנער און ד. גל. און צו שלוס, טעגלעך אין די שפּעטע נאַכט שעהן — אַ אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון אַלע פאַרוואַלטער, מיטאַרבעטער און בעאַמטע פון די אָפּטיילונגען ביי דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג. די מערהייט מיטאַרבעטער זענען געווען אָרטיקע — די סאָוועטישע האָבן ערשט אָנגעהויבן צו קומען.

אויף די זיצונגען האָבן מיר געדאַרפט אָפּגעבן באַריכטן וועגן דער טעגלעכער אַרבעט, אַרויסרוקן פראַגן אויף וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, געמיינזאַם אָננעמען באַשלוסן וועגן דער ווייטער־דיקער טעטיקייט. ג. איז געווען דער איינציקער צווישן די „וואָס־טאָטשניקעס", וועלכער האָט זיך גוט אָריענטירט און אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און טאַקט ביים לייזן קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

איין כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל:

אַ טאָג פאַר ערב יום כפור, ביים שלוס פון אונדזער אָונט־זיצונג, רוקן מיר אַרויס די פראַגע פון יום־כיפּורדיקן טאָג. מיר דערקלערן זיין באַדייטונג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און בעטן, אַז די מאַכט זאָל דערלויבן שליסן די געשעפטן, קראָמען און אונטערנעמונגען, און באַפרייען די יידישע באַאַמטע, די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון אַרבעט.

ח' א. אַ יידישער בחור'ל, אַ קאָמוניסט פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווערט גלייך אָנגעצינדן: „טשטאָ זאַטשעם" — וואָס הייסט — די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט די פולע פרייהייט פון רעלי־גיע. סתם יידן האָבן דאָס רעכט דאַווענען וויפל זייער האַרץ גלוסט. עס קאָן אָבער קיין רייד נישט זיין וועגן שליסן געשעפטן, סאָוויע־טישע אַנשטאַלטן און אַמטן.

און בכלל, וואָס זענען דאָס פאַר אַ סאָוועטישע מיטאַרבעטער וועלכע האַלטן פון די „זאַבאַבאָנעס" (זיין אויטענטישער אויסדרוק) און אָבערגלויבנס.

מיר אָפּאָנירן: יום כפור, דער ערשטער אונטער דער נייער אָרדנונג, פאַרדינט אַ באַזונדער צוגאַנג. דאָס איז דער הייליקסטער יום־טוב פאַר דער רעליגיעזער באַפעלקערונג, און רופט אַרויס פּעטעט אַפילו ביי נישט־רעליגיעזע שיכטן. מען דאַרף זיך היטן פון אַ ווייטגייענדיקן שפּרונג.

אונדזערע אַרגומענטן מאַכן נישט אויף חברא, די מינדעסטע ווירקונג. (צו זיין שטיקל זכות זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז ער איז אין די ענינים געווען אַ עם־הארץ — געשטאַמט פון פולשטענדיק אַסימילירטע קרייזן).

ג. שווייגט, פאַרטראַכט זיך, און ענדלעך פאַלט דער פּסק־דין: „היות די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע באַהאַנדלט בכלל נישט קיין ענינים פון פריוואַטע אונטערנעמונגען, ווייל אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד זענען אַזעלכע נישט בנמצא — וועלן נישט געמאַכט ווערן קיין שטערונגען פירן רו־טאָג פון פריוואַטע קרעמער און בעלי־מלאכות.

פאַרשטייט זיך, אַז עס קען קיין רייד נישט זיין וועגן אָפיציעלן שליסן פון די אַמטן. אָבער די יעניקע מיטאַרבעטער, וועלכע וועלן פאַרלאַנגען אָפּצוהיטן דעם רו־טאָג, באַקומען דאָס רעכט זיין אָפּ־וועזנד דעם טאָג פון זייערע אַמטן. אָפיציעל וועט דער טאָג פאַר זיי פאַררעכנט ווערן אַלס „וויכאָדנאָי" — דער רו־טאָג פון די סאָוויע־טישע אַרבעטער.

דער ערשטער יום כפור אונטער דער סאָוויעטישער אָרדנונג האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די פריערדיקע יאָרן. אויב נישט נאָכמער... די מוחות זענען געווען פאַראומערט, די הערצער אָנגעווייטיקט אין אָנבליק פון דער אַלגעמיינער סיטואַציע אין דער וועלט...

י.

ווען מיר ווילן אורטיילן רעטראָספּעקטיוו די ריכט־ליניעס, די טאַקטיק און אינערלעכע פּאָליטיק פון די סאָוויעטן אין די פאַר־נומענע מערב־געביטן פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וועלן מיר קומען צום באַשלוס:

דער פּלאַן האָט פאַרויסגעזען צוויי פּעריאָדן. די פּלאַנירטע אויס־געוויילטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג (נאַראָדנאַיע סאָבראַניע), וועלכע האָט געדאַרפט פּראָקלאַמירן די ווענדונג צו מאָסקווע איינצוגלידערן די באַפרייטע געביטן אין די סאָוויעטישע רעפּובליקן, האָט געזאָלט זיין דער ווענד־פונקט און איבערגאַנג פון ערשטן פּעריאָד צום צווייטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשטייענדיקע וואַלן אויפן גרונד פון דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע, וועלכע גאַראַנטירט דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט, האָט די מאַכט געוואָלט אַרויסווייזן ווי ווייט מעגלעך אַ ליבעראַלן קורס, נישט אַרויסרופן אומצופרידנהייט און קעגנער־שאַפט ביי דער באַפעלקערונג. עס איז געלייגט געוואָרן פיל אַכט אויף נישט צו דערלאָזן צו אַ מאַנגל אין נויטווענדיקסטע פּראָדוקטן און אַרטיקלען פון ערשטן געברויך — אַ צושטאַנד פאַר וועלכן אַלע האָבן זיך געשראָקן. דער פּרעסטיזש פון דער נייער מאַכט האָט געפאָדערט, אַז נישט קוקנדיק אויף די אויסערגעוויינלעכע צייטן, זאָלן זיך נישט איבערחזרן די דערשיינונגען וועלכע זענען געלעגן אין זכרון פון דער באַפעלקערונג פון די אַמאָליקע יאָרן.

כדי דאָס צו דערגרייכן איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי צו דערלויבן די פרייהייט פון פּריוואַטער איניציאַטיוו. אויף זיינע קאָנפערענצן מיט די פאַרשטייער פון די עקאָנאָמישע קערפּערשאַפטן האָט ג. אויפגעפאָדערט די סוחרים, מילנער, אייגנטימער פון די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, פאַרצוזעצן זייער טעטיקייט ווי פריער, צוזאָגנדיק די שטיצע פון דער מאַכט. די קרעמער האָט ער פאַר־פליכטעט צו האַלטן אָפן די געשעפטן, צו יעדער צייט וועלן זיי

באַקומען דערלויבנישן אויף אימפּאָרטירן סחורות פון די צענטערן, כדי צובאַנייען און פאַרפילן די רעסורסן. (אין באַטראַכט איז גענומען געוואָרן בעיקר לעמבערג). דער קורס פון פּוילישן זלאָטע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איין רוסישן רובל.

צוגלייך האָט זיך אויך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אָפּטיילונג פון אפּראָוויזאַציע און פאַרזאָרגונג, וועלכע איז צוגעטראָטן צו עפענען מלוכה'שע קראָמען. אין אַ דרינגענדיקן טעמפּ זענען אָנגעקומען פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד גרויסע טראַנספּאָרטן פון נאַפט־קעראָסין און שוועבעלאַך. עס האָט געדראָט, אַז די פּויערים זאָלן בלייבן זיצן אין דער פינצטער.

אויף איינער פון די זיצונגען און קאָנפערענצן מיטן ח' ג. האָט זיך געפונען איינער, וועלכער האָט אַ זאָג געטון צו אים:

„איר פאָדערט פון אונדז פאַרזעצן אונדזער טעטיקייט, און צום סוף דערוואַרט אונדז דער גורל פון די „מעפּ"־לייט אין ראַטן־פאַרבאַנד".

ג. האָט קאַטעגאָריש צעשטרייט אַלע חששות. — „קיינע אַנאַלאָגיעס — האָט ער פאַרזיכערט — זענען אין דעם פאַל נישט גילטיק. אמת, אייער טעטיקייט איז אַ צייטווייליקע, אָבער אין די געגעבענע אומשטענדן איז זי נויטווענדיק און נוציק, און וועט געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן צום גוטן פון דער מאַכט".

מען האָט געפאָלגט. די קראָמען און געשעפטן זענען געווען אָפן. די רייען, דער געדראַנג ביי די מאַנופאַקטור און לעדער־געשעפטן האָבן אָנגענומען אַ ריזיקן פאַרנעם.

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג פון יענע טעג, ספּעציפיש פאַר קלעצק און די איבעריקע שטעט און שטעטלעך ביי דער געוועזענער סאָוויעטיש־פּוילישער גרענעץ־ליניע. אָפיציעל איז אויך איצט געווען שטרענג פאַרבאָטן איבערגיין די דאָזיקע ליניע אָן אַ ספּעציעלער דערלויבניש פון די אָרגאַנען פון נ. ק. וו. ד. טראָץ דעם פלעגט קלעצק אין די ווינטער־אָוונטן פאַרפולט ווערן פון קאָלכאָזניקעס, מענער און פרויען, פון יענער זייט גרענעץ. אַסך פון זיי האָבן געהאַט אין שטאָט זייערע אַמאָליקע באַקאַנטע יידן, ווו זיי פלעגן זיך געוויינלעך אויפהאַלטן. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך צאַרישע גאָלד־מטבעות, און דורך פאַרמיטלונג פון די באַקאַנטע געקויפט פאַרשידענע פּראָדוקטן, סחורות און אַרטיקלען — מערסטנטייל מאַנופאַקטור און לעדער. זיי פלעגן זיך וואַרפן אויף די דאָזיקע סחורות, גענומען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום פּרייז. די פאַרמיטלער האָבן זיי צוגעשטעלט די סחורות אין זייערע אויפהאַלטס ערטער, אויסנוצנדיק די פינצטערניש פון שפּעטן אָוונט.

עטלעכע שעה האָבן געדויערט די טראַנזאַקציעס אין די פאַרבאָרגענע ערטער. און שפּעט ביינאַכט, מיט אָנגעפּאַקעוועטע זעקלעך אויף די פּלייצעס, פלעגן זיי זיך שנעל אָפּטראָגן אין זייערע היימען. אַזאַ מין ספּעקוליאַציע האָט געבליט אין קלעצק אַ געווויסע צייט.

דאָס מערקווירדיקסטע איז אָבער, אַז די מאַכט האָט נישט רעאַגירט מיט קיין שום מיטלען. דער ציל — נישט אַרויסרופן קיין אויפרעגונג און פאַרביטערונג ביי די צוקונפטיקע ווײַלער צו דער נאָענטער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט איבערגעוויגן אַלץ.

אָבער בכלל זענען די קרעמער, קליינהענדלער און אַנדערע אייגנטימער פון אונטערנעמונגען (די גרעסערע זענען באַלד נאַציאָנאַליזירט געוואָרן) געווען פאַראינטערעסירט, וואָס שנעלער אויסצופאַרקויפן זייערע סחורות, ליקווידירן זייערע עסקים און איבערגיין צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער — אַ כשרן פון סאָוויעטישן שטאַנדפּונקט און גערעץ.

י"א

ביסלעכווייז, שטופנווייז, האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און פונקציאָנירן אַלע אָרגאַנען. פון דער פאַרוואַלטונג און אַדמיניסטראַציע. עס האָבן אָנגעהויבן שטראָמען באַאַמטע פון מזרח, באַשטימטע אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס — אַ קאָליראַפולע געזעלשאַפט פון פאַרשידענע טיפּן, עלטערס, פּראָפעסיעס, בילדונג און נאַציאָנאַליטעט: ווירטשאַפטלער, קולטור און פאַרטיי־טוער, אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָאָפּעראַטיוון און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, סטודענטן פון טעכנישע הויכשולן און אַז. וו. דאָמינירט האָט די יוגנט, צווישן זיי אַ באַדייטנדע צאָל יידן. זייער אויסערלעכער אויסזען, זייער קליידונג — מיט קליינע אויסנאַמען — האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ באַשיידענעם לעבן. זייער האַלטונג, באַגריפן, באַגרענעצטער אינטעלעקטואַליזם — אַ פּראָדוקט פון צוואַנציק יאָר אָפּגעשלאָסענעם לעבן — האָבן אונדז אָפּט דערשטוינט. אייניקע פון זיי האָבן גאַנץ ערנסט געגלויבט, אַז די פּריצים באַציען זיך צו די פּויערים ווי די אַמאָליקע פעאָדאַלן, אַז פּאָגראָמען אויף יידן זענען כמעט אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג. די יידישע בחורים צווישן זיי זענען געווען סימפּאַטישע, פּשוטע פאָלקס־מענשן. בכלל האָבן כמעט אַלע „וואָסטאָטשניקעס", מענער ווי פרויען, אָנגעהאַלטן פריינטלעכע חברישע באַציונגען מיט אונדז, ווי גלייכע מיט גלייכע.

די פּרימיטיווקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, האָבן גורם געווען קאָמישע קוריאָזן.

אַזוי, למשל, האָבן סאָוויעטישע פרויען זיך אויפגענייט קאָסטיומען פון קאָלירטן שטאָף, וועלכער גייט געוויינלעך אויף נאַכט־העמדער... אין די דאָזיקע קליידער זענען זיי דערשינען אויף טענץ און פאַרוויילונגס־אָוונטן, מען האָט זיי אויפגעקלערט — און דאָס האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט.

די שטאָטישע באַפעלקערונג גופא האָט זיך באַמיט באַווייזן וואָס מער באַשיידענער. און דאָך, שבת פאַרנאַכט, איז די צעפּרער גאַס געווען פאַרפולט מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט — פאַרפּוצט אין שבתדיקער קליידונג — „וואָס פאַר אַ שיינע מיידלעך און ווי עלעגאַנט זיי זענען געקליידעט" — פלעגט נישט איינמאָל זיך אַרויסכאַפּן פון זייער מויל...

י"ב

ביים אָרגאַניזירן דעם פאַרצווייגטן סאָוויעטישן אַפּאַראַט, האָט די מאַכט זיך גענויטיקט אין גייסטיקע אַרבעטער פון אַלע קאַטעגאָריעס: בוכהאַלטאָרן, ביוראַליסטן, מעדיקער, לערער און אַז. וו. ספּעציאַליסטן זענען צייטווייליק אויפגענומען געוואָרן אויף אַרבעט. מען האָט פאָרלויפיק נישט געמאַכט קיינע אויספאָרשונגען וועגן דער פּאָליטישער כשרות. די אינטעליגענץ, מענשן פון פרייע פּראָפעסיעס, האָבן אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט געהערט צו די ציוניסטישע אָדער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קרייזן, ס'רוב זין פון מיטלשטאַנד. עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז אין אַלע סאָוויעטישע אַמטן האָבן דאָמינירט געוועזענע ציוניסטישע, חלוצישע טוער און מיטגלידער. אין דער צייט פון פּוילישן רעזשים האָט אין קלעצק עקסיסטירט אַ קליינע גרופּע גענייגט צום קאָמוניזם. איצט האָבן זיי געהאַט פּרעטענזיעס און אַמביציעס, זיי האָבן אָבער געמוזט איבערלעבן אַ ביטערע אַנטוישונג; זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן מצד די סאָוויעטישע פאַרטיי־טוער אויף אַ באַציונג פול מיט חשדים און אַפילו פיינטשאַפט. די דאָזיקע בחורים — צווישן זיי גאַנץ ערלעכע און פּשוטע, זענען אָבער געווען פּרימיטיוו און בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער עלטסטער און באַוווסטזיניקסטער צווישן זיי ח' מ. ע. וועלכער איז אָנגעקומען אין שטעטל פון דער פרעמד, פון די פּוילישע מערב־פּראָווינצן, האָט באַקומען עלעמענטאַרע בילדונג אין דער דייטשער שפּראַך, און איז געווען באַהאַוונט אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער ליטעראַטור. דוכט זיך, אַז ער איז געווען דער אידעאַלסטער טיפּ צווישן די וועלכע ווערן היינט

באַצייכנט אַלס „קאָסמאָפּאָליטן" און ווערן קוואַליפיצירט אַלס פיינט פון דער סאָוויעטן־מאַכט און קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס, און נעבעך איבערגעלעבט שווערע אַנטוישונגען, נישט אָריענטירנדיק זיך אין די נייע פאַרהעלטענישן און באַדינגונגען.

די דאָזיקע גרופּע און נאָך אַנדערע אַרבעטער, האָבן אויפגעהויבן אַ „ויצעקו" וועגן דער ציוניסטישער „אָקופּאַציע" פון די סאָוויעטישע אַמטן און אינסטיטוציעס. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ דעלעגאַציע צו דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג, און אויסגעדרוקט זייער פאַרדרוס און פּראָטעסט. זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר אויפגעבן געוויסע פאַקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט — וואָס ס'האָט געהאַט דעם טעם פון מסירה.

די סאָוויעטישע טוער זענען לגמרי נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע מינים אַנטדעקונגען. זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז די פּאָליטישע כשרות פון די אָרטיקע טוער און מיטאַרבעטער איז נישט אין אָרדנונג, און אַז עס איז נישט כדאי בכלל אויפצוהויבן די פראַגע.. דער פאָרזיצער פון דעם צייטווייליקן פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע, זיי אויסגעהערט און אויפגעקלערט די פּאָליטיק פון דער מאַכט.

די סאָוויעטישע מאַכט — האָט ער דערקלערט — איז געצוווּנגען זיך באַנוצן מיט די טעכנישע, קולטורעלע און אַדמיניסטראַטיווע קרעפטן צווישן דער באַפעלקערונג, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט אָדער סאָציאַלן אָפּשטאַם, ווייל צווישן דער פּראָליטאַרישער מאַסע זענען אַזעלכע פּאָרלויפיק נישט בנמצא.

צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז ער איז גלייך גרייט צו באַשטימען אויף פּאָסטנס אַרויסגערוקטע קאַנדידאַטן פון די אַרבעטער־קרייזן אַלס שול דירעקטאָרן, לערער, בוכהאַלטאָרן און אַז. וו. אויף וואָס די חברים דעלעגאַטן האָבן, נאַטירלעך, קיין פּאָזיטיווע תשובה נישט געקענט געבן. מיט דעם האָט זיך דאָס געענדיקט. די אָנטיילנעמער האָבן שפּעטער שטאַרק חרטה געהאַט אויפן דאָזיקן שריט, וועלכער האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג צווישן דער באַפעלקערונג פון קלעצק.

י"ג

דער סאָוויעטישער פאַרוואַלטונגס אַפּאַראַט, אַריינעמענדיק בהדרגה'דיק אונטער זיין רשות און אַדמיניסטראַטיווער אָנפירונג אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט, עקאָנאָמיק און קולטור — האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואָקסן. זיין גרונט־פעלער איז אָבער באַשטאַנען דערין, וואָס עס האָט געפעלט אַ קלאָרע באַצייכנונג פון די פּרעראָגאַטיוון און אַ גענויע פאַנאַנדערטיילונג פון די פונקציעס און קאָמפּעטענצן.

פאָרמעל איז די מאַכט געלעגן אין די הענט פון דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג. — שפּעטער — „ראַיאיספּאָלקאָם" — קרייז אויספיר קאָמיטעט. אָבער פּאַראַלעל מיט דעם האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן די אָרגאַנען פון „גאָראיספּאָלקאָם" — שטאָטישער אויספיר קאָמיטעט (ענלעך צום געוועזענעם מאַגיסטראַט, אָבער מיט גרעסערע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס און קאָמפּעטענצן. ביי דער זייט האָט זיך געשאַפן דער סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי סעקרעטאַרן — פאַר אַלגעמיינע ענינים, פאַר ווירטשאַפט, פאַר קולטור און דערציונג. זייערע פאַראָרדנונגען, אינסטרוקציעס און ווערטאָ האָבן דוכט זיך, געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פאָרמעל, לויט דער קאָנסטיטוציע האָבן זיי נישט געדאַרפט פאַרמאָגן אַדמיניסטראַטיווע אויספיר־פונקציעס. ועל כולם — אין דער געביידע פון דער געוועזענער גמינע אויף צעפּרער גאַס, האָט זיך באַזעצט דער אָרגאַן פון נ. ק. וו. ד. — פּאָלקס קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים, וועלכער האָט זיך געטון זיין סעפּאַראַטע אַרבעט, אונטער אַ הילע פון געהיימניש. דאָס אַלץ האָט זיך געקרייצט, צוזאַמענגעמישט, צוזאַמענגעשטויסן, אַרויסרופנדיק מיספאַרשטענדנישן און קאָנפליקטן.

איינציקע ביישפּילן:

דער סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמ. פּאַרטיי פאַרזיכערט קאַטעגאָריש, אַז פאָרלויפיק האָט די סאָוויעטן־מאַכט נישט בדעה צו נאַציאָנאַליזירן די בתי מדרשים און אַנדערע געבעט הייזער. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן דערשיינט דער פאָרשטייער פון גאָרקאָם, הענגט אויף אַ שלאָס אויף דער טיר פון אַלטן בית מדרש און באַשטימט דעם בנין פאַר אַ סחורות־סקלאַד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון אינטערווענצן, וועלכע האָבן נישט געגעבן קיינע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. דער גאָראיספּאָלקאָם האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה, ווייל עס וועט אויסקומען איבערלאָזן די סחורות און פּראָדוקטן אויפן גאַס, קיין אַנדער געביידע איז נישט בנמצא. אַלס אַנטשעדיקונג האָט מען באַקומען די פייערלעכע פאַרזיכערונג, אַז די גרויסע „קאַלטע שול" וועט בלייבן אומבאַרירט — דער צוזאָג איז אָפּגעהיט געוואָרן ביזן סוף.

די מיליץ פון נ. ק. וו. ד. אַרעסטירט אין מיטן דער נאַכט דריי לערער פון דער ווייסרוסישער מיטל שולע. איינער אַ געוועזענער ווייסגוואַרדייער, אַ פאַרברענטער אַנטיסעמיט. די איבעריקע צוויי האָבן געהאַט אַ גאָר מיאוסע פאַרגאַנגענהייט אויפן מאָראַלישן באָדן. זיי ווערן באַלד דעפּאָרטירט אין ראַטן־רוסלאַנד, און פאַרשווונדן. מען האָט אַפילו נישט געפונען פאַר נויטיק צו מעלדן וועגן דעם דער אָפּטיילונג פון פּאָלקס־בילדונג.

דער ווינטער 1939—1940 איז געווען אַ אויסערגעוויינלעך שווערער. די פרעסט האָבן דערגרייכט ביז 30 גראַד און העכער, מיט גרויסע שניי־שטורעמס. מען אַליאַרמירט פון די שולעס אַז עס גייען אויס די זאַפּאַסן פון ברען־האָלץ. די קינדער זיצן אויף די שול־בענק אָנגעטאָן אין זייערע מלבושים און טרייסלען זיך פון קעלט. מיר פאַרלאָזן די געוויינלעכע אַרבעט און פאַרווענדן פיל מי אויף צושטעלן האָלץ פאַר די שולעס. עס הויבט זיך אָן די לאַנגע און פאַרשלעפּטע פּראָצעדור צו קריגן די נויטיקע גלעטסומען אויף דינגען פורן און באַקומען די געהעריקע אָרדערס צו די וואַלד־וועכטער.

די וועלדער זענען פון ערשטן טאָג נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. אין אַ פּראָסטיקן שנייאיקן טאָג לאָזן מיר זיך אויף פויערישע פורן אין וועג — 25 קילאָמעטער ווייט פון קלעצק — מיר דערגרייכן דעם וואַלד, וועלכער איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פאַר דעם געברויך פון דער באַפעלקערונג (אַ אומגעלומפּערטע באַשטימונג. מען האָט געקענט אויסוויילן אַ וואַלד נאָענט צו דער שטאָט). דער וואַלד־אַדמיניסטראַטאָר באַטראַכט די אָרדערס, און ווייזט אונדז... אַ פרישן באַקומענע פאַראָרדנונג. מען מוז באַקומען אַ צוגאָב־אָרדער פון דער ניעסוויזשער וואַלד־אָפּטיילונג. קיינע טענות ומענות גילטן נישט. די פאַרביטערונג צווישן אונדז — אויך ביי די צוויי סאָוויעטישע פּאַרטיי־לייט וועלכע זענען מיט אונדז געפאָרן — האָט נישט קיין גרענעץ.

מיר קערן זיך אום קיין קלעצק מיט ליידיקע פורן. עס הויבט זיך אָן אַ שאַרפער קאָנפליקט און טעלעפאָנישער ווערטער־דועל צווישן קלעצק און ניעסוויזש, עס פאַלן ווערטער און אויסדרוקן פון באַוווסטן סאָוויעטישן לעקסיקאָן פון „חאלאטנאסט" — גלייכגילטיקייט, ביז „ווערדיטעלסטוואָ" — שעדיקעריי, „סאַבאָטאַזש" און נאָך. שפּעטער איז דער דאָזיקער ענין טיילוויז רעגולירט געוואָרן, אָבער דעם גאַנצן שווערן ווינטער האָבן די שולעס געליטן פון די גרויסע קעלטן. אַזעלכע פאַלן און עפּיזאָדן קען מען ברענגען אַ סך. געוויסע ווערטלעך און אויסדרוקן — אַפילו איינציקע ווערטער וועלכע ווערן אָפט געברויכט אין אַ סביבה אָדער געזעלשאַפט, זענען כאַראַקטעריס־

טיש און באַלערנדיק. אויף אונדזערע צאָלרייכע זיצונגען, קאָנפֿערענצן, מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן מיר זייער אָפֿט הערן פֿון די סאָוויעטישע און קאָמוניסטישע טוער דעם אויסרוף און אויסדרוק: „פּראַווילנאָ!" — „ריכטיק", איבערהויפּט אין די שווישנרופֿן און רעפּליקעס. אין פֿלוג אַ גאַנץ אומשולדיק וואָרט, אָבער אין מויל פֿון די קאָמוניסטן האָט ער פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערן קלאַנג און באַדייטונג. ס'הייסט, אַז דו שפּרייזט פּינקטלעך און ריכטיק אויף דער זייער שמאָלער סטעזשקע וועלכע טראָגט דעם נאָמען פּאַרטייאישע גענעראַל־ליניע. זייער אָפֿט און ביי פֿיל געלעגנהייטן האָט מען געקענט הערן דעם אויסדרוק „דאַגאָוואָריליס" — „זיך צונויפֿגערעדט" — אַ וואָרט וואָס שילדערט דעם סיסטעם און די מעטאָדן פֿון דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַציע.

דער אויפֿגעבלאָזענער אַפּאַראַט מיט זיין נישט קלאָרער פֿונאַנדערטיילונג פֿון קאָמפּעטענצן, האָט גורם געווען צו פּערמאַנענטע קאָנפֿערענצן פֿון די פֿאַרשידענע פֿאַרשטייער און לייטערס. מען האָט געמוזט צונויפֿרעדן זיך, כדי אויסמיידן סתירות און קאָנפֿליקטן און געמיינזאַם דערגרייכן קאָנקרעטע באַשלוסן. „דאַגאָוואָריליס" מיינט, אַז די קאָנפֿערענצן זענען דורכגעגאַנגען בהצלחה. לייכט זיך פֿאַרשטיין, וויפֿל שוועריקייטן און פֿאַרשלעפּונגען אַזאַ מין פּראָצעדור האָט אַרויסגערופֿן ביים רעגולירן דאָס לעבן אין שטאָט.

י"ד

דאָס פּראָבלעם פֿון שולוועזן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס די שווערסטע און קאָמפּליצירסטע.

דער סאָוויעטישער לערער— נישט צו פֿאַרגלייכן מיטן באַאַמטן אָדער ביוראָ־אָנגעשטעלטן איז, קודם כל, און פֿיל מער, אַ דערציער. ער מוז אָבער אויך דערפֿילן די אויפֿגאַבע פֿון אַן אַגיטאַטאָר צווישן די עלטערן און צווישן דער באַפֿעלקערונג בכלל. דער לערער איז, אמת, נישט מחויב צו זיין אַ רעגיסטרירטער פּאַרטיי מיטגליד, אָבער אַלס דערציער מוז ער זיין דורכגעדרונגען מיטן קאָמוניסטישן גייסט, מיטן סאָוויעטיש־סטאַליניסטישער לערע און אָפּהיטן די פּאַרטייאישע גענעראַל־ליניע.

וואָס קען מען אויפֿטון מיט די ציוניסטישע „תרבות" לערער, מיט די אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע לערער און מלמדים פֿון „בית יעקב" אָדער תלמוד־תורה? די לאַגע איז געווען באַשווערט אויך דורך דעם, וואָס עס זענען כמעט נישט געווען קיין אויסזיכטן אויף אַ צופֿלוס פֿון פּעדאַגאָגישע קרעפֿטן פֿון מזרח. דאָרט גופֿא האָט זיך געשפּירט אַ גרויסער מאַנגל אין לערער. מען האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט די אָרטיקע קרעפֿטן. שוין אין די ערשטע טעג איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע לערער אין שטאָט. גלאַדישעוו האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אויפֿגעקלערט די סיסטעמען און צילן פֿון דער סאָוויעטישער פּעדאַגאָגיק, זיי אויפֿגעפֿאָדערט איינגלידערן זיך אין נייעם לעבן און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

האַלב דערשראָקענע, שוויגנדיקע, איינגעזונקענע אין זיך, זענען געזעסן די לערער. זייער ווייניק האָבן פֿאַרשטאַנען די רוסישע רעדע און קיינער האָט נישט רעאַגירט. נאָך דער ווענדונג צו שטעלן פֿראַגן — האָט געהערשט אַ שטילקייט. אין אַזאַ שטימונג איז מען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. מען האָט אָבער געמוזט זאָפּאַרט לייזן די פֿראַגע. די לערן־יוגנט האָט פֿאַרבראַכט איר צייט אין ליאַרמען און ווילדעווען אין די גאַסן. אומגעפֿער אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפֿן אין דאָרף, און ביי דער נישט־יידישער באַפֿעלקערונג אין שטאָט.

ענדלעך איז פֿון מינסק דערהאַלטן געוואָרן די גענויע אינסטרוקציעס, מיטן פֿאָלגנדיקן מאָדוס וויוואַנדי: אַלע שולעס ווערן גלייך געעפֿנט. אַלע לערער טרעטן צו צו דער אַרבעט. די אונטערריכטס־שפּראַך בלייבט די זעלבע ווי פֿריער, מיטן אויסנאַם פֿון די שולעס פֿאַר די ווייסרוסן. ביז דער נעכסטער פֿאַראָרדנונג שליסט אויס די שול־פּראָגראַם אַלע הומאַניסטישע קעגנשטאַנדן, מיטן אויסנאַם פֿון רוסיש אַלס לערן־שפּראַך. אָננעמענדיק בוכשטעבלעך די דאָזיקע פֿאַראָרדנונג הייסט עס אַז אין די העברעישע געוועזענע „תרבות" שולן בלייבט העברעיש, פּאַרלויפֿיק, די אינטעריכטס־שפּראַך, וואָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופֿן אַ געוויסע דערשטוינונג.

אין פֿיל שטעט אין מערב ווייסרוסלאַנד האָט מען טאַקע אויפֿן דאָזיקן סמך אַ געוויסע צייט געלערנט די טעכניש־רעאַליסטישע קעגנשטאַנדן אין העברעיש, און אויך די אומגאַנגס־שפּראַך אין שולע צווישן די לערער איז געווען העברעיש. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין די צענטראַלע אינסטאַנצן אין מינסק האָט מען זיך קנאַפּ אָריענטירט אין דער פּראָבלעם פֿון יידישן שול־וועזן אין פּוילן, און וועגן דער עקסיסטענץ פֿון „תרבות" שולעס. דער סטאַטוס קוואָ האָט זיך באַצויגן אויסשליסלעך צו דער יידישער שפּראַך. אינגיכן האָט מען טאַקע אייפֿגעקלערט די אמתע כוונה פֿון דעם פּונקט אין דער פֿאַראָרדנונג, און באַפֿוילן זיין באַלדיקע פֿאַרווירקלעכונג.

אַלס צייטווייליקער לייטער פֿון דער ראַיאָן־אָפּטיילונג פֿאַר פֿאָלקס־בילדונג איז באַשטימט געוואָרן אַ יונגער ייד־קאָמוניסט פֿון סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד חבר א. ער איז ערשט נישט לאַנג אַראָפּ פֿון דער באַנק פֿון אַ מיטל־שול און דורכגעגאַנגען אַ קורצן קורס פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ אינטעלעגענט צווישן די קאָמוניסטן. אָבער ער איז געשטראָפֿט געוואָרן מיט אַ שווערן היזיקער פֿון קאָמוניסטיש־פּאָליטישער נאַטור: זיין סאָציאַלע אָפּשטאַמונג איז געווען גאָר אַ מיאוסע... אין די צאַרישע צייטן, זענען זיינע עלטערן געווען גרויסע סוחרים, און דאָס איז געווען די איינציקע שטערונג פֿאַר זיין ווייטערדיקער קאַריערע. בכלל, איז דער יידישער אינטעלעגענט־קאָמוניסט געווען דער סאַמע אומסימפּאַטישסטער טיפּ צווישן די סאָוויעטישע לייט. דער יונגער קאָמוניסט, באַקומענדיק פֿלוצעם מאַכט, האָט ער מיט גרויס אייפֿער געשטרעבט צו באַווייזן זיין קאָמוניסטישע פֿרומקייט. און ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער מיספֿאַרשטענדעניש אין דער פֿאַראָרדנונג, האָט ער גלייך אַרויסגעגעבן אַ איסור אויף דער העברעישער שפּראַך און האָט פֿאַראָרדנט תיכף איבערצוגיין אויף יידיש אין דער סאָוויעטישער טראַנסקריפּציע און אויסלייג. (ער האָט זיך געהאַלטן אויף זיין פּאָסטן אַ קורצע צייט. מען האָט אים דערווייטערט אַלס נישט צוגעפּאַסטן צו זיין אַמט...).

עס איז זיך לייכט פֿאָרשטעלן די לאַגע און אַטמאָספֿער, וואָס האָט געהערשט אין די שולעס אין די ערשטע צייטן. שוין דאָס דערשיינען פֿון די רעליגיעזע לערער מיט אָנטבלויזטע קעפּ, האָט אַרויסגערופֿן ביי די קינדער געפֿילן פֿון פֿאַרביטערונג און פֿאַרדרוס. די רעליגיעזע קינדער האָבן אין די ערשטע צייטן בשום אופֿן זיך נישט אונטערגעוואָרפֿן דעם באַפֿעל צו אָנטבלויזן די קעפּ. מען האָט דערפֿון קיין וועזן נישט געמאַכט, ווייל צוליב דער קעלט זענען אַלע געזעסן אויף דער שול באַנק אין די ווינטערדיקע מלבושים. קיין לערן־ביכער זענען אַ לאַנגע צייט נישט געווען בנמצא. אַ שטאַרקער מאַנגל האָט זיך געפֿילט אין לערן מכשירים. לויט אַ פֿאַראָרדנונג, האָבן די לערער געמוזט אין דער ערשטער צייט זיך פֿאַרנעמען הויפּטזאַכלעך מיט פֿירן שמועסן מיט די קינדער, און זיי בהדרגה'דיק אַריינפֿירן אין טראַנס פֿון סאָוויעטישן לעבן — פֿאַרלעזן פֿאַרשידענע בראָשורן וועגן סטאַלינען און אַנדערע סאָוויעטישע פֿירער. ווער נאָך, ווי די עמפּינדלעכע קינדער האָבן געקענט פֿילן די פֿאַלשקייט און צביעות פֿון אַזאַ סיטואַציע? עס איז טיילמאָל געווען אומדערטרעגלעך קוקן אין פּנים פֿון די לערער —

געוועזענע ציוניסטן, מזרחים, אגודיסטן אין זייער נייעם ראָל... אויך די לערער האָבן זיך געמוזט גלייך אַוועקזעצן אין די אָוונטן אויף די שול־בענק — דורכגיין אַ קורס פון דער רוסישער שפּראַך, אויסהערן לעקציעס און רעפעראַטן וועגן די סאָוויעטיש־קאָמוניסטישע פּראָבלעמען אין אַלגעמיין און פּעדאַגאָגיק בפרט.

לאַנגע חדשים — אומגעפער ביז פעברואַר 1940 — האָט געדויערט אַזאַ לאַגע, ביז עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ געוויסע נאָרמאַליזאַציע. מיר האָבן באַקומען יידישע ביכער פון רוסלאַנד — ליטעראַטור כרעסטאָמאַטיעס פון אַלגעמיינע און רוסישע געשיכטע און די איבעריקע קעגנשטאַנדן. ביסלעכווייז האָט מען זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו דער נייערווירקלעכקייט. האַרט צום זומער זענען שוין אַלע געזעסן אויף די שול בענק מיט אַנטבלויזטע קעפּ, געשריבן אין די שבתים און ימים טובים און אַז. וו. עס איז איינגעפירט געוואָרן די סאָוויעטישע פּעדאַגאָגישע סיסטעם מיט אירע „סאָציאַלע פאַרמעסטונגען", עקזאַמענס, פייערונגען און שול־דעמאָנסטראַציעס.

די יידישע 7 קלאַסיקע מיטל שולע איז ביים סוף פון ערשטן שוליאָר אויסגעצייכנט געוואָרן צום גוטן מצד די צענטראַלע אינסטאַנצן פון פאָלק־בילדונג אין ראַיאָן. (די דריי קלעצקער שולעס — „תרבות", „בית יעקב" און „תלמוד תורה" זענען פאַרייניקט געוואָרן אין איין שולע אונטערן נאָמען נישט־פולע יידישע מיטל שולע — אין באַשטאַנד פון 7 קלאַסן — אַ פולע מיטל שולע באַשטייט פון 10 קלאַסן). ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער צווייטער שול־יאָר, האָט זיך באַמערקט אַ קענטיקע רירונג צווישן די עלטערן פון דער שולע. עס האָבן זיך געפונען איניציאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרוואַנדלען די יידישע שול אין אַ רוסישע, ד. ה. איבערגיין צו רוסיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך. זייערע מאָטיוון האָבן געטראָגן אַ ריין פּראַקטישן כאַראַקטער און האָבן איבערגעוויגן אַלע אַנדערע געפילן און סענטימענטן.

אין סאָוויעט רוסלאַנד האָבן שוין נישט עקסיסטירט קיינע יידישע הויך שולן; דער גאַנצער יידישער קולטור און שול־וועזן האָט זיך שוין געפונען אין אַ מצב פון ירידה און ליקווידאַציע. דער איינציקער איבערבלייב פון נאַציאָנאַלן יידישן לעבן — די יידישע שפּראַך, האָט בשום אופן נישט געקענט דינען אַלס עקוויוואַלענט פאַר אַלע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן און אַטריבוטן, וועלכע זענען שוין ליקווידירט געוואָרן.

אין אויפהאַלטן די יידישע שפּראַך זענען געווען פאַראינטערעסירט פון איין זייט די סאָוויעטן־מאַכט, וועלכע האָט דורך דעם געוואָלט געווינען פּרעסטיזש צווישן די יידן אין אויסלאַנד (די דאָזיקע כוונה האָט זיך בולט געלאָזט פילן אין יענע טעג); פון דער צווייטער זייט — דאָס קליינע הייפעלע יידישע קאָמוניסטן אין מינסק, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט אַרום דער יידישער צייטונג „אָקטיאַבער" — זיי האָבן געוואָלט פאַרשטאַרקן זייער פאַרבליבענע פּאָזיציע דורך קולטיווירן יידיש אין די פאַרנומענע געביטן. דער דרוק פון דער איבערוויגעדיקער מערהייט עלטערן איז געווען אַזוי גרויס, אַז די אָפּטיילונג פון פאָלקס־בילדונג איז געווען געצוווּנגען צו פאַראָרדנען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די עלטערן, וועלכע זאָל דורך אַ דעמאָקראַטישער אָפּשטימונג באַשליסן אין דער פראַגע. אַ געוויסע גרופּע עלטערן (געוועזענע סימפּאַטיקער פון בונדיסטישער איינשטעלונג) איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דער ענדערונג, זיי האָבן אָבער געבילדעט אַ גאָר קליינע מינדערהייט. די מאַכט האָט אַרויסגעוויזן איר פולע נייטראַליטעט, און אירע פאָרשטייער האָבן בכלל נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער פאַרזאַמלונג.

מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג, צו ווענדן זיך מיט אַ בקשה צו די צענטראַל־אינסטאַנצן פאַר פאָלקס־בילדונג אין ווייסרוסלאַנד, וועגן פאַרוואַנדלען צום קומענדן שול־יאָר די יידישע קלעצקער מיטל־שולע אין אַ רוסישער.

מינסק האָט ערפילט די בקשה.

די דאָזיקע שולע אין איר פולן צוזאַמענשטעל האָט פונקציאָנירט ביז צום טראַגישן סוף.

ט"ו

אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צו די וואַלן צו דער מערב־ווייסרוסישער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו דעצידירן וועגן דעם מלוכה'שן סטאַטוס און טעריטאָריאַלע אָנגעהעריקייט פון מערב־ווייסרוסלאַנד. ס'האָבן נישט עקסיסטירט קיין ספקות בנוגע אירע באַשלוסן, אָבער די מאַכט און פּאַרטיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן פיבערהאַפטע הכנות צו די וואַלן.

ביי די וואַלן פיגורירט איינאונאיינציקע ליסטע. די געהיימקייט פון די וואַלן ווערט אָפּגעהיט, אַזוי אַז די מאַכט האָט געהאַט אירע גרונדן פאַר באַאומרואיקונג. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָ באַנוגנט מען זיך נישט מיט אַ געוויינלעכער אָדער אַפילו גרויסער מערהייט מען שטרעבט צו נישט ווייניקער ווי צו 98%—99, ווי דער שטייגער איז אין ראַטן־פאַרבאַנד. האָט מען געלאָזן אין פולן גאַנג די סאָוועטישע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין. די מער אינטעליגענטע און אינטעלעקטועלע קרעפטן צווישן די לערער, באַאַמטע און מיטאַרבעטער, זענען צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט. פריער האָבן זיי אַליין געמוזט אויספירן לעקציעס און רעפעראַטן, דורכגיין דעם קורס פון עלעמענטאַרער מאַרקסיסטיש־לענעניסטישער לערע, און דערנאָך איערגעבן די תורה דער באַפעלקערונג. יעדע גאַס און געסל אין קלעצק איז צעטיילט געוואָרן אויף באַזונדערע פונקטן, וועלכע האָבן אַרומגענומען אַ באַשטימטע צאָל הייזער און זייערע איינוווינער. אויף יעדן פונקט איז באַשטימט געוואָרן אַ וואַל־אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט אין די אָוונטן געדאַרפט דורכפירן די וואַל־פאַרזאַמלונגען. פאָרמעל איז דער באַזוך פון די וויילער אין די פאַרזאַמלונגען נישט געווען אָבליגאַטאָריש. אָבער ווען דער אַגיטאַטאָר פלעגט פאַרן אָנהויב אויסרופן פון אַ גענוי צונויפגעשטעלטער רשימה די נעמען פון די וויילער פון זיין פונקט, האָט זעלטן ווער געפעלט.

און אַזוי האָט מען געקענט זען אין די גאַסן פון קלעצק, אין די פראָסטיקע ווינטער־אָוונטן, רייען פון אָנגעפּעלצטע זקנים און זקנות, מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו דעם באַשטימטן הויז, ווו דער אַגיטאַטאָר האָט פאַר זיי געהאַלטן זיינע אויסגעחזרטע דרשות.

מען קען נישט זאָגן, אַז די ריין־אידעאָלאָגישע זייט פון די אויפקלערונגען האָט געקענט האָבן אַ ממשותדיקע ווירקונג אויף די צוהערער, אָבער אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד און די רויטע אַרמיי האָבן פאַרלויפיק אָפּגעווענדעט די נאַצישע געפאַר און אַז עס איז פאַרשוונדן יעדער סימן פון אַנטיסעמיטיזם — די פאַקטן, וועלכע זענען געווען הויפּט־אַרגומענטן פון דער אַגיטאַציע, האָבן זיך נישט געלאָזן באַשטרייטן. אין די אַרויסטרעטונגען פלעגט זיך דורכוואַרפן צייטנווייז, בדרך רמז, די דעליקאַטע וואָרנונג, אַז די וואַל־רעזולטאַטן וועלן דינען אַלס בעסטער באַווייז וועגן דער מאָס פון צוגעבונדנקייט און איבערגעגעבנקייט פון דער באַפעלקערונג צו דער סאָוויעטן־מאַכט, און לויט דעם וועט זי אויך ריכטן איר פּאָליטיק און באַציונג צו דער באַפעלקערונג. אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט...

וואַלן אין ראַטן פאַרבאַנד שטעלן מיט זיך פאָר אַ פייערלעכן יום־טובדיקן אַקט. צייטנווייז באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע וואַל־פּראָצעדור האָט אַ טעם פון אַ קולט. די געביידעס פון די 5 וואַל־קרייזן אין קלעצק, ווו די וויילער האָבן געדאַרפט אָפּגעבן זייערע שטימען, זענען אויסגעפּוצט און דעקאָרירט געוואָרן אויסערלעך און אינערלעך מיט בילדער, פענער, דיוואַנען, בלומען און

לאָזונגען א.אַז.וו. אַ גאַנצער שטאַב פון אַרבעטער האָט דורכגעפירט די דעקאָרירונג פון די בנינים.

אין משך פון פיל וואָכן פאַר די וואַלן פלעגן פאָרקומען יעדן אָוונט אין די לאָקאַלן פאַרזאַמלונגען, פאַרווײלונגען, טענץ און אַנדערע אַטראַקציעס. די גאַנצע שטאָט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון די פאָרשטייענדיקע וואַלן. מען האָט פשוט פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט אין די שולעס און אין די אַמטן. אַלץ און אַלע האָבן געמוזט מער ווײניקער געבן זייער בײשטייער צו די צוגרייטונגען צום דעצידירנדיקן טאָג.

ט״ז

און דאָ איז אַרויסגעשווומען כמעט ווי אומגעריכט די פראַגע וועגן דער קאַנדידאַטור צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען אין די לעצטע טעג פון חודש דעצעמבער 1939 אין ביאַליסטאָק.

די שטאָט קלעצק האָט געדאַרפט ווײלן איין דעלעגאַט צו דער פאַרזאַמלונג.

לויט דער באַקומענער אינסטרוקציע, האָט דער קאַנדידאַט געמוזט אַנטשפּרעכן פאָלגנדיקע באַדינגונגען: זײַן נאַציאָנאַליטעט האָט געדאַרפט זײַן די יידישע, (די אומגעגנט האָט געגעבן ווייסרוסן)' געהערן צו די אַרבעטנדיקע שיכטן (גייסטיקע אָדער פיזישע) נישט זײַן פאַרמישט אין די געוועזענע פּאָליטישע פאַרטייען (דער אומפאַרטייאישער אַרבעטער איז געווען דער אידעאַלסטער מענשן־עלעמענט פאַר די סאָוויעטן), און חוץ דעם — באַזיצן אַ געוויסע אינטעליגענץ, עלעמענטאַרע בילדונג און וויסן.

שוין גאָר נאָענט צו די וואַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז זייער שווער אויסצוגעפינען אַ פּערזאָן, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן די אויסגערעכנטע פאָדערונגען.

אויף אַ געוויסן טאָג איז באַשטימט געוואָרן דער ערשטער אַלגעמיינער מיטינג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. אין מאַרק, קעגן קאַצעללס מויער, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע טריבונע. דורך אויפגעקלעפּטע געדרוקטע מעלדונגען האָט מען וועגן דעם געלאָזט וויסן די באַפעלקערונג. דער מיטינג האָט געדאַרפט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ אַקציע, אײַנגעאָרדנט לויט דער זעלבסט־איניציאַטיוו און פרייען ווילן פון דער באַפעלקערונג; די רעזאָלוציע, וועלכע האָט געדאַרפט אָנגענומען ווערן, איז זאָרגפעלטיק צוגעגרייט געוואָרן דורך די מאסגעבנדיקע סאָוויעטישע קרייזן. זי האָט אויסגעדריקט די פרייד און דאַנקבאַרקייט פון דער באַפעלקערונג פאַר דער סאָוויעטן־מאַכט, דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער רויטער אַרמיי, און דעם אַנטשלאָסענעם ווילן צו פאַרייניקן זיך מיט דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג. די רעדנער פון דער טריבונע און אויך דער פאָרלייענער פון דער רעזאָלוציע, האָבן געדאַרפט זײַן אויסשליסלעך פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די סאָוויעטישע פאָרשטייער האָבן געדאַרפט זיך באַנוגענען מיט דער ראָל פון פּאַסיווע, זייטיקע צושויער און צוקוקער.

אויף מיר, אַלס רוסיש־קענער, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע פון איבערלייענען די רעזאָלוציע נאָך די רעדעס. איך בין געווען זיכער, אַז מיט דעם איז מײַן אויפגאַבע אויף דעם מיטינג געענדיקט. אין דעם באַשטימטן טאָג און שעה איז דער מאַרק פּלאַץ געווען פאַרפולט דורך א ריזיקער מענשן־מאַסע, וועלכע קלעצק האָט וואַרשײַנלעך קיינמאָל נישט געזען. אין די הײַזער איז כמעט נישט פאַרבליבן קיין מענש. עס זענען געקומען זקנים און זקנות. מאַמעס האָבן געהאַלטן זייערע עופה׳לעך אויף די הענט.

בײַ דער דאָזיקער ערשטער עפנטלעכער בגעגעניש מיט דער באַפעלקערונג, האָט די מאַכט און פאַרטיי געוואָלט דערשײַנען וואָס מער וואָגיק און אײַנדרוקספול. רעכטס פון דער טריבונע איז געווען אויסגעשטעלט אין רייען דער מיליטערישער גאַרניזאָן מיט די קאָמאַנדירן אין דער שפּיץ. לינקס — מיליטערשע טיילן פון נ.ק.וו.ד. מיט די קאָמיסאַרן און נאַטשאַלניקעס. קאָמפּאַקט איז געשטאַנען די גרופּע פון די ציווילע פאָרשטייער פון דער מאַכט און פאַרטיי, אין פולן צוזאַמענשטעל, אין די שענסטע מלבושים מיט די פאַרשידענע אויסצייכנונגען און אָרדנס.

דער מיטינג אַליין האָט געמאַכט אַ שוואַכן אײַנדרוק. עס זענען אַרויסגעטרעטן אַ פאָרשטייער פון די ווייסרוסן אין דער ווייסרוסישער שפּראַך, און אייניקע יידן פון די אַרבעטער שיכטן אין דער יידישער שפּראַך, געלייענט פון צוגעגרייטע מאַנוסקריפּטן. זייערע שטימען אויף דעם ריזיק איבערפולטן פּלאַץ האָבן קוים דערגרייכט ווייטער פון די נאָענטסטע רייען. איך האָב געהאַלטן אין האַנט די אָנגעשריבענע רעזאָלוציע, גרייטנדיק זיך אויפטרעטן אויף דער טריבונע צום שלוס פון די רעדעס.

דאָ איז צו מיר צוגעגאַנגען ח׳ גלאַדישעוו און מיר געבעטן, אַז פאַרן איבערלייענען די רעזאָלוציע זאָל איך צוגעבן אַ קורצע אײַנלייטונג אין דער רוסישער שפּראַך, אין נאָמען פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. דאָס איז פאַר מיר געווען לגמרי אומדערוואַרטעט. אָבער קיינע דערווידערונגען האָבן דאָ נישט געהאָלטן. איך בין געווען געצווונגען צו אימפּראָוויזירן אַ קורצע רעדע אין דער רוסישער שפּראַך, און דערנאָך אָנגעשטרענגט, ווי ווייט מעגלעך מײַן שטימע, און אין אַ געהויבענעם און רירנדיקן טאָן איבערגעלייענט די רעזאָלוציע. דער דאָזיקער פינאַל פון מיטינג האָט געראַטעוועט דעם אײַנדרוק — די רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן פון דער מאַסע האָבן וועגן דעם עדות געזאָגט.

איך האָב זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז מײַן דערפאָלג וועט מיר פאַרשאַפן שווערע זאָרגן און שרעק. אינגיכן בין איך געוואָרן אַ אָביעקט פון אויספאָרשונגען מצד די אויספאָרשונג־אינסטאַנצן פון נ.ק.וו.ד. וועלכע האָבן זיך געקאָנט ענדיקן מיט גאָר טרויעריקע פאָלגן פאַר מיר.

גלייך נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן די סאָוויעטישע אָנפירער געוואָרפן אויף מיר אַ אויג צום גוטן, אָנצייכענענדיק מײַן קאַנדידאַטור אַלס דעלעגאַט פון קלעצק צו דער מערב־ווייסרוסישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין ביאַליסטאָק. אין אַ טאָג אַרום נאָכן מיטינג האָט מען פאַראָרדנט, אַז אַלע אָנגעשטעלטע, מיטאַרבעטער און לערער מוזן צושטעלן אין דער צײַטווײַליקער פאַרוואַלטונג אָנגעשריבענע אויטאָביאָגראַפיעס אין רוסיש, אין צוויי עקזעמפּלאַרן. דרײַ וויכטיקע זײַטן פון לעבן מוזן גענוי און קלאָר פאָרגעשטעלט־ווערן: די סאָציאַלע אָפּשטאַמונג, די פּראָפעסיע און די אַרבעט מיט וואָס מען האָט זיך פאַרנומען, און די פאַרטייאישע אָנגעהעריקייט, אָדער די געוועזענע פּאָליטישע סימפּאַטיעס און נייגונגען. מען האָט אונדז אַזוי־אַרום אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע פון גרויסער פאַרלעגנהייט.

מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ גרופּע מיטאַרבעטער און לערער אויף אַ באַראַטונג, ווי אַזוי צו האַנדלען. פון די אָנטיילנעמער געדענק איך דעם ח׳ מ. ליבערמאַן, אַ פעיקער הויך־געבילדעטער יונגערמאַן, מיט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַקטיווער פאַרגאַנגענהייט, געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין וואַרשע, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף אַרבעט אויפן געביט פון סאָוויעטישן געריכטס־וועזן; מאַניע בודאַנקין, מאַניע פּערעלמאַן, ר. מאַלייער — לערערינס — פון רייכע קרעמערישע קרייזן. וועלוול טרובאָוויטש, א. לעווענבוק — אַקטיווע ציוניסטן־סאָציאַליסטן, און אַנדערע.

באַטראַכטנדיק די לאַגע זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז עס האָט נישט קיין זין און צוועק עפּעס צו פאַרהוילן. די אויטאָביאָגראַפיעס דאַרפן דערלאַנגט ווערן אין צוויי עקזימפּליאַרן. איינער פון

זיי ווערט איבערגעגעבן אין די אָרגאַנען פון ג. ק. וו. ד. די לעצטע האָבן גענוג ווענן און קווענלן אין אַזאַ שטעטל ווי קלעצק צו קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון די אָנגעגעבענע פאַקטן און ידיעות. נאָכמער — דאָס פאַרהוילן דעם אמת קען ברענגען צו פאַטאַלע פאָלגן. האָבן מיר אָנגעגעבן, אַז קיין אָפיציעלע רעגיסטרירטע פאַרטיי־ציוניסטן זענען מיר נישט געווען. אָבער אונדזערע געוועזענע אידעישע אנשויאונגען, אונדזער טעטיקייט פאַרן ציוניזם און אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל — האָבן מיר נישט פאַרלייקנט.

י״ן

גלייך נאָך מיין צוריקער פון קאַרטוז־בערעזאַ בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס געהילפס־לייטער, אָדער אינסטרוקטאָר אין דער ראַיאָן־אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג. נאָכן איבערגעבן די אויטאָביאָגראַפיעס, האָט מיר גלאַדישעוו געמאָלדן, אַז מיין קאַנדידאַטור אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קלעצק צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג געפינט זיך אין סטאַדיום פון באַטראַכטונג אין די געהעריקע אינסטאַנצן.

איך האָב אויפגענומען די מעלדונג מיט געפילן פון באַאומרויקונג. איך האָב נישט פאַרמאָגט די מינדסטע אַמביציע אויפן דאָזיקן כבוד און מיסיע. איך האָב פאָראויסגעזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, וועלכע וועלן מיר קיין גוטס נישט ברענגען. אַ קורצע צייט האָט געדויערט מיין קאַנדידאַטור. אין עטלעכע טעג אַרום ווער איך אַרויסגערופן אין סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. איך טרעף דאָרט די דריי סעקרעטאַרן, גלאַדישעוון און די פאָרשטייער פון ג. ק. וו. ד. איינער פון זיי הויבט מיך אָן געבוי אויספאָרשן וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט, פּאָליטישע אַנשויאונגען און טעטיקייט, אָפּשטעלנדיק זיך איבערהויפּט אויף מיין אַרבעט אַלס לערער און לייטער פון דער „תרבות״ שולע אין קלעצק. אייניקע פראַגן האָט ער באַזונדער אונטערגעשטראָכן און איבערגעחזרט. זיי האָבן זיך באַצויגן צו די קעגנשטאַנדן פון מיין פעדאַגאָגישער אונטעריכט — לויט זיין אויסדרוק — „ביבל און תלמוד״. איך האָב זיי געגעבן גענויע און קלאָרע דערקלערונגען. די אויספאָרשונג האָט זיך געענדיקט. איך בין אַוועק אין אַ געדריקטער שטימונג.

אמת, איך האָב געהאַט דעם גרויסן זכות פון אַ קאַרטוז־בערעזער מאַרטירער. אָבער עס איז אַ גרויסער צווייפל, צי דער דאָזיקער זכות קען מיר ביישטיין אין אַ עת צרה. עס איז געווען קלאָר, אַז די אָרגאַנען פון ג. ק. וו. ד. האָבן נאָך דער באַשטימונג אונטערגענומען אַ אויספאָרשונג וועגן דער פערזענלעכקייט פון קאַנדידאַט. חוץ דעם האָבן זיך געפונען עלעמענטן וועלכע האָבן אָנגעגעבן אינפאָרמאַציעס לויט דער אייגענער איניציאַטיוו. יעדנפאַלס, — פון אַלע שטאַנדפונקטן איז פאַר מיר געזונטער געווען צו בלייבן אין שאָטן אויף אַ צווייטראַנגיקן פאָסטן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ג. איז אַריינגעקומען אין מיין ביוראָ, און מיט גרויס העפלעכקייט דערקלערט, אַז, ליידער, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, ווערט אַראָפּגענומען מיין קאַנדידאַטור, אָבער איך דאַרף ווייטער פאָרזעצן מיין אַרבעט אויף מיין פאָסטן און אויך אין אַלע אַנדערע געביטן; עס איז נישטאָ קיין מינדעסטער יסוד פאַר וועלכער ס׳איז באַאומרויקונג פון מיין זייט.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע סדרה פון זוכן און אויסגעפונען אַ פּאַסיקן קאַנדידאַט. מיר האַלטן שוין האַרט ביי די וואַלן. פון דער קרייז־שטאָט באַראַנאָוויטש פאָדערט מען די פערסאָנאַלען פון קלעצקער קאַנדידאַט. מיר האַלטן אָפּ זיצונגען אויף זיצונגען. עס באַטייליקן זיך אַלע אָרטיקע מיטאַרבעטער און באַאַמטע, מען רופט אָן פאַרשידענע נעמען — אָבער באַלד ווייזט זיך אַרויס אַ פסול. פון די געפאָדערטע אייגנשאַפטן פעלט דעם אָנגעגעבענעם קאַנדידאַט לכל הפחות איינע. די „וואָסטאָטשניקעס״ מורמלען מיט כעס: אַ שטאָט וואָס ציילט איבער 6000 יידן — און מען קען נישט געפונען קיין איין כשר׳ן קאַנדידאַט...

אין איין אָוונט קומט פאָר די לעצטע דעצעדירנדיקע זיצונג. פון באַראַנאָוויטש האָט מען איבערגעגעבן טעלעפאָניש, אַז 11 אַזייגער איז דער לעצטער טערמין אָנצוגעבן די פערסאָנאַליען פון קלעצקער קאַנדידאַט — אין קעגנפאַל דראָט, אַז קלעצק בלייבט אָן אַ פאָרשטייער צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. ענדלעך האָט מען אים אויסגעפונען. דאָס איז געווען אַ יידישער בחור, אַ אַרבעטער אין אלייניקס פאַבריק, ח. אנ. (פאַרבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד). זיכער האָט ער ווייט נישט ענטשפּראָכן די נויטיקע פאָדערונגען, אָבער עס איז שוין פשוט נישט געווען קיין צייט און קיין געדולד צו גריבלען זיך און שטעלן קשיות.

נאָך די לאַנגע הכנות זענען די וואַלן דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פאַראַד און פּאָמפּע. קלעצק האָט אויסגעזען פייערלעך יום־טובדיק. אַלע אַמטן, ביוראָען, אונטערנעמונגען און שולעס זענען געווען געשלאָסן. ווײַלער אָנגעטון אין די יום־טובדיקע מלבושים האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן צו די וואַל־אורנעס. אויטאָבוסן האָבן געפירט דעם עלטערן דור דורך די גאַסן אויף וועלכע ס׳האָבן געשפּילט אָרקעסטרען. די באַטייליקונג — אַ הונדערט פּראָצענטיקע. די וואַל רעזולטאַטן 99% לטובת דעם אַרויסגעשטעלטן קאַנדידאַט.

די פאָרשטייער און אָנפירער פון דער מאַכט און פאַרטיי, האָבן נישט פאַרבאַהאַלטן זייער צופרידנהייט פון זייער גרויסן נצחון.

אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער 1939 איז זיך צונויפגעקומען די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון מערב־ווייסרוסלאַנד אין ביאַליסטאָק. איינשטימיק איז אָנגענומען געוואָרן די פייערלעכע דעקלאַראַציע, און אַ ווענדונג צו דער צענטראַל־רעגירונג און אויספיר־קאָמיטעט פון העכסטן סאָוועט אין מאָסקווע, צו פאַראייניקן די באַפרייטע געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד אַלס אינטעגראַלער טייל פון דער סאָוועטישער ווייסרוסישער רעפּובליק.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען דער ענטפער פון מאָסקווע, אַז דער פּרעזידיום פון העכסטן ראַט פון ס. ס. ס. ר. האָט אויף זיין זיצונג באַטראַכט די ווענדונג און זי באַוויליקט.

י״ח

עס הייבט זיך אָן דער צווייטער פעריאָד פון דער סאָוועטישער הערשאַפט.

נאָך דער טעריטאָריעלער פאַראייניקונג, איז מען צוגעטראָטן אין אַ שנעלן טעמפּ צו „סאָוועטיזירן״ די באַפרייטע געביטן.ביים דורכפירן די דאָזיקע אינערלעכע פּאָליטיק, האָט מען אַרויסגעוויזן פאַרזיכטיקייט, טאַקט און פאַרשטאַנד. עס האָט זיך געלאָזט מערקן די באַמיונג ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן אומנויטיקע רעפּרעסיעס און געוואַלד־מיטלען. עס זענען, אמת, געווען אייניקע אויסנאָמפאַלן, ווען די קנאים האָבן זיך פאַרגאַלאָפּירט אין זייער קאָמוניסטישן אַמפּער און געפּרוווט אָנטאָן צרות דער באַפעלקערונג. אַזוי, למשל, האָט דער פינאַנס־אַמט אַרויפגעלייגט אַ שווערע קאָנטריבוציע אויף די געוועזענע סוחרים און קרעמער, נישט אויסשליסנדיק דעם מיטלשטאַנד און אַפילו די גאַנץ קליינע דעטאַליסטן. מען האָט געפּרוווט אָנווענדן דראַסטישע מעטאָדן איינצומאָנען די קאָנטריבוציע. אָבער די העכערע אינסטאַנצן האָבן שטרענג רעאַגירט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פון דערווייטערן און באַשטראָפן די שולדיקע.

גלייך נאָך די וואַלן זענען אָפּגערופן געוואָרן פון קלעצק אַ טייל „וואָסטאָטשניקעס״, פאַרטיי־מיטגלידער, באַאַמטע און אָנפירער.

די קלאַנגען וועגן זייער אויפפירונג און האַלטונג אין די פאַרנומענע געביטן, וועלכע האָבן געשאַדט דעם סאָוויעטישן פרעסטיזש, זענען דערגאַנגען צו די העכערע אינסטאַנצן. זיי האָבן פאַרנומען די שענסטע דירות אין שטאָט, זיך אַרומגערינגלט מיט באַקוועמלעכקייטן און קאָמפאָרט, געווידמעט פיל צייט און ענערגיע צו דערווערבן מאַנופאַקטור און לעדער־אַרטיקלען — אָפטמאָל דורך נישט אינגאַנצן כּשרע וועגן און מיטלען. (צו זייער שטיקל זכות זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס איז באמת זייער שווער געווען בייצושטיין דעם נסיון, נעמענדיק אין אַכט זייער נויט אין די דאָזיקע אַרטיקלען. אויף דעם געביט האָבן אַלע געזינדיקט, אָן יוצא מן הכלל. די שפעטער נאָך זיי אָנגעקומענע האָבן דאָס אויסגעמיטן, צוליב דער פשוטער סיבה — זיי האָבן שוין אָנגעטראָפן אויף אויסגעליידיקטע געוועלבער און מאַגאַזינען...) שפעטער זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז פיל פון זיי האָבן טייער באַצאָלט פאַר דעם דאָזיקן קורצן גן־עדן. די סאָוויעטישע מאַכט שאַנעוועט נישט אין אַזעלכע פאַלן.

אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען אַנדערע. צווישן זיי אייניקע יידישע יונגע קאָמוניסטן, סימפאַטישע און ערלעכע פאָלקס־מענשן. זיי האָבן גערעדט אַ קערנדיקן ליטווישן־יידיש, זיך גלייך אינטים באַפריינדעט מיט די קלעצקער יידן, איבערהויפט מיט דער יוגנט. זייער אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די אַרבעטס־אַרטעלן און קאָאָפעראַטיוון. אויך דער הויפט פון דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג גלאַדישעוו, האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין שטענדיקן פאָסטן אין באָברויסק. די באַפעלקערונג פון קלעצק האָט שטאַרק באַדויערט דאָס אָפפאָרן פון דעם סימפאַטישן, דזשענטעלמעניש רוס, וועלכער האָט דערוואָרבן די סימפאַטיע און אָנערקענונג פון אַלע שיכטן אין שטאָט. אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען פון מזרח חבר ב י י נ י נ ס אָ ן, אַ יידישער קאָמוניסט פון מיטעלן עלטער, מיט ווייניק בילדונג און אינטעליגענץ, אָבער מיט אַ לאַנגן אַדמיניסטראַטיוון סטאַזש און פראַקטיק, ענערגיש, דורכגעטריבן און מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט זיך שוין גערופן דער „פאָרזיצער פון ראַיאיספאָלקאָם” — (ראַיאָנער אויספיר קאָמיטעט). קלעצק איז געוואָרן אַ ראַיאָן — אידענטיש מיטן פוילישן „פאָוויאַט”, אָדער צאַרישן „אויעזד”. ער האָט עס טאַקע גלייך דורכגעפירט אַ שטאַרקע רייניקונג צווישן באַאַמטנטום און משלח געווען די זינדיקע.

כדאי צו פאַרצייכענען פאָלגנדיקן עפיזאָד:

די ערשטע טעג נאָך זיין אָנקומען, האָט ער געוווינט אין אַ צימער ביי די ליבערמאַנס אין האָטעל אויפן מאַרק. דאָ האָט ער געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט מ. ל י ב ע ר מ אַ ן, אַ זון פון דער אייגענטימערין פון האָטעל (געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין וואַרשע, אומגעקומען דורך די נאַציס), וועלכער האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין וויסן און ערודיציע. אין די שפעטע אָוונט־שעה'ן פלעגט ער פירן מיט אים לאַנגע געשפרעכן. ביינינסאָן האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז ער וועט אויסרייסן מיטן וואָרצל אַלע קאָרופציעס, עוולות און אומגערעכטיקייט; ער וועט נישט דולדן מעשים וועלכע זענען אָפגעטאָן געוואָרן דורך אַ טייל פון די פריערדיקע סאָוויעטישע באַאַמטע, שעדיקער פון דער מאַכט און פאַרטיי. אין דעם האָט געשטעקט אַ געוויסער טריק: דורך די שמועסן מיט ליבערמאַנען ברענגען דאָס צום וויסן פון דער קלעצקער באַפעלקערונג, זיך דערווערבן פרעסטיזש און אויטאָריטעט.

גרויסע ענדערונגען זענען אויך פאָרגעקומען אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג. שוין פון די ערשטע טעג איז געגאַנגען אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין ווילנע, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך די סאָוויעטן צו דער ליטווישער רעפובליק, און איז דערקלערט געוואָרן אַלס הויפט־שטאָט. אין דער ערשטער ריי האָבן פאַרלאָזן קלעצק די בורזשואַזיע, גרויסע קרעמער און סוחרים; נאָך זיי — אגודישע כלל־טוער, ראשי ישיבות און ישיבה בחורים פון קלעצקער ישיבה: די מאַכט האָט נישט נאָר געקוקט צווישן די פינגער אויף דער דאָזיקער איבערוואַנדערונג, נאָר בדיעבד געווען פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן פראָצעס. דאָס איז געווען דער איינפאַכסטער און באַקוועמסטער וועג פטור צו ווערן פון די עלעמענטן, וועלכע קענען זיך נישט צופאַסן צום סאָוויעטישן רעזשים. צווישן די וואַנדערער זענען געווען אויך אייניקע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהאַט קרובים אין אַמעריקע, דרום אַפריקע און אַנד. אין ווילנע זענען געווען אויסזיכטן און מעגלעכקייטן אויף עמיגראַציע מעבר לים — און די פאַמיליעס האָבן דאָס טאַקע דערגרייכט.

דערנאָך איז מען צוגעטראָטן צו דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרויסע הייזער, מויערן, געוועלבער און מאַגאַזינען. זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפיציעלע אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, און ד. גל. דאָס איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן מיט חסד: די אייגענטימער האָבן פריער באַקומען אַנדערע באַקוועמע דירות.

באַזונדערס האָט געלאָקט דער גרויסער בנין פון דער קלעצקער ישיבה, וועלכער האָט געקענט דינען אַלס אַ פרעכטיקע געביידע פאַר אַ שטאָטישן קלוב. אָבער די ישיבה בחורים האָבן נאָך אַ געוויסע צייט פאָרגעזעצט זייער לימוד אין ישיבה; די מאַכט האָט געוואַרט און אויסגעקוקט אויף זייער אויטאָ־עוואַקואַציע.

צופעליק איז מיר אויסגעקומען זיין אַ עדות פון אַ עטוואָס שטורמישער זיצונג, אויף וועלכער ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן דער ענין. עס האָבן זיך געפונען אייניקע אומגעדולדיקע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ באַלדיקע אַנטשלאָסענע אַקציע צו דערווערבן דעם בנין. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ קאַטעגאָרישער קעגנערשאַפט מצד ביינינסאָנען. דער לעצטער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז לגמרי איבעריק. אין אַ קורצער צייט וועט דער ענין דערליידיקט ווערן פון זיך אַליין.

אַזוי איז טאַקע געשען. אויף איין אָוונט איז באַשטימט געוואָרן די פייערלעכע דערעפנונג פון שטאָטישן קלוב אין דעם געוועזענעם ישיבה־בנין. געדרוקטע מעלדונגען האָבן גערופן די באַפעלקערונג פון אַלע שיכטן און נאַציאָנאַליטעטן, אָנטיילצונעמען אין דער פייערונג. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ רייכער פראָגראַם פון אַרויסטרעטונגען פון קאָמוניסטישע טוער, קינסטלערישע אַטראַקציעס, טענץ, אַ ביליקער און שיינער בופעט.

אָבער טראָץ אַלע צוגרייטונגען, אויפרופן און מעלדונגען, האָט די פייערונג געליטן אַ פולן דורכפאַל. דער גרויסער זאַל איז געווען דריי פערטל ליידיק. דער עלטערער און מיטעלער דור — אַפילו מענטשן מיט וועלטלעכע פרייע אָנשויונגען — האָט ביי זיך נישט געפועלט אָנטיילצונעמען אינם דאָזיקן חילול הקודש.

אָבער אויך די יוגנט, וועלכע פלעגט אָנטייל נעמען אין די פילע שטענדיקע פאַרוויילונגען און טאַנץ־אָוונטן אין זאַל פון פוילישן באַנק, האָט זיך אָפגעהאַלטן דעם ערשטן טאָג פון איבערטרעטן די שוועל פון דער ישיבה. אַפילו אַ טייל פון די אָרטיקע מיטאַרבעטער און באַאַמטע פון די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן פאַר געוויסע פאָלגן פון קאָנסעקווענצן, האָבן נישט געקענט פועלן ביי זיך צו זיין די ערשטע „פיאָנערן” אין דער דאָזיקער ריכטונג...

די פייערונג איז צעשטערט געוואָרן. ס'זענען בלויז אויסגעהערט געוואָרן אייניקע קורצע רעדעס, אין וועלכע ס'איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די אויפגאַבע פון „איבערדערציונג” פון דער באַפעלקערונג, אַז זי זאָל זיך באַפרייען פון אירע רעליגיעזע פאָראורטיילן און אָבערגלויבנס. לויט אַלע סימנים — האָבן באַטאָנט די רעדנער —

איז דאָס נישט קיין לייכטער און שנעלער פּראָצעס. מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

די צייט אָבער האָט געטאָן דאָר איריקע. אין די שפּעטע ווינטער און זומער־אָוונטן, איז דער זאַל פון דער געוועזענער ישיבה געווען איבערפולט מיט אַ צאָלרייכן און פאַרשידנאַרטיקן עולם, צווישן וועלכן ס'האָט דאָמינירט די ווייסרוסישע און יידישע יוגנט. כמעט יעדער אָוונט האָט געהאַט זיין אַטראַקציע. דאָ זענען פאָרגעקומען יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען איינגעאָרדנט דורכן ניי־געגרינדעטן קלעצקער דראַמאַטישן קרייז, קינא בילדער, אַקאַדעמיעס, טענץ־פאַרווייילונגען. דאָ זענען אויך פאָרגעקומען די עפנטלעכע פּראָ־צעסן, געפירט דורכן קלעצקער ראַיאָן־געריכט.

אין אַ שנעלן טעמפּ איז אויך דורכגעפירט געוואָרן די ליקווי־דאַציע פון די רעשטלעך פון דער צייטווייליקער „נעפּ" אָרדנונג. די פּריוואַטע קראָמען און געשעפטן האָבן זיך געשלאָסן פון זיך אַליין. פיל פון די געוועזענע קרעמער פון מיטלשטאַנד האָבן באַקומען באַשעפטיקונג אין די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונגען, סאָוויעטישע האַנדלס אונטערנעמונגען און מלוכה'שע קראָמען. די געוועזענע מער פאַרמעגלעכע קרעמער און סוחרים זענען געוואָרן שוואַרצע אַרבעטער. עס איז געווען זייער אומבאַקוועם זיך סתם אַרומדרייען ליידיק — מען האָט געשטראָפט וואָס שנעלער זיך „פּראָלעטאַריזירן". יעדן טאָג האָט מען געקאָנט זען, ווי אַזוי די געוועזענע בכבודיקע בעלי־בתים, ווי ב ו ד א נ ק י ן, ד י מ ו ש ק י נ ס און פיל אַנדערע, שטייען אין מאַרק מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, די בעזימער אין די הענט, קערן און רייניקן דעם מאַרק פּלאַץ.

— „איין וונטש, איין פאַרלאַנג האָבן מיר — האָבן זיי געטענה'ט
— מיר זאָלן בלייבן מיט אונדזערע פאַמיליעס אין אונדזערע היימען".

שלעכטע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן. אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן די סאָוויעטישע ווערטלאַך: „פּערעסעליאַט אי פּערעוואָס־פּיטאַט" — איבערזידלען און איבערדערציען. דאָס ערשטע — האָט אַרויסגערופן געפילן פון שרעק און שוידער. דאָס האָט באַדייט — דעפּאָרטאַציע. אָבער גאַנץ צופעליק האָט מען פון קלעצק, מיטן אויסנאַם פון אייניקע משפּחות פאַרבינדענע מיט דער געוועזענער פּוילישער געהיים־פּאָליציי, וועלכע האָבן געדינט פאַר די לעצטע אַלס אינפאָרמאַציע־קוועלן, קיינעם נישט אַרויסגעשיקט צוליב סיבות פון סאָציאַלן און אידעישן כאַראַקטער. איך ווייס גענוי, אַז ביי דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונג האָט פיגורירט אַ ליסטע פון פערזאָנען „נאָן גראַטאַ", קאַנדידאַטן אויף דעפּאָרטאַציע: אָבער פון מינסק איז דערהאַלטן געוואָרן אַ פאַראָרדנונג, זיך אָפּצוהאַלטן פון אַזאַ אַקציע ביז דער נעקסטער אינסטרוקציע. איך געדענק די פרייד וואָס האָט באַהערשט די מענטשן, ווען איך האָב זיי אין שטרענגער געהיימניש איבערגעגעבן די אינפאָרמאַציעס (די ביטערע איראָניע פון גורל: דווקא די אַרויסגעשיקטע האָבן דורכגעלעבט דעם בלוטיקן מבול. עס איז באַוווּסט דאָס ווערטל: „גבירים האָבן געהאַט מזל אַפילו אין דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק...).

ביי דער געלעגנהייט זאָל דאָ דערמאָנט ווערן איין אַקציע פון דער סאָוויעטן־מאַכט אין קלעצק און אין די איבעריקע ערטער וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ ברויזנדיקן צאָרן, אויפרעגונג און פאַרביטע־רונג. עס זענען פאַרנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן געדרוקטע מעלדונגען, אַז — אַלע פּליטים פון פּוילן, וועלכע ווילן זיך צוריקקערן אין זייערע היימען, זאָלן זיך רעגיסטרירן אין אַ ספּעציעלן באַשטימטן אַמט. זיי וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זייער פאַרלאַנג. עס האָט זיך געפונען אַ צאָל פּליטים, אָפּגעריסענע פון זייערע פאַמיליעס, זיך בשום אופן נישט געקענט צופּאַסן צום נייעם רעזשים, מאַטעריעל שטאַרק געליטן. ס'איז זיי פּשוט נמאס געוואָרן דאָס עלנטע לעבן, און זיי האָבן זיך רעגיסטרירט אויף צוריקקער צום אָקופּירטן דורך היטלערן פּוילן. די ידיעות פון דאָרט האָבן אָנגעוויזן אויף אַ געוויסער סטאַביליזירונג פון דער לאַגע. אַזוי האָבן זיי געוואָרט אויף די רעזולטאַטן. און עס האָט לאַנג נישט געדויערט אין אַ באַשטימטער נאַכט, אין די שפּעטע שעה'ן, האָבן זיך באַוויזן נעבן זייערע וווינונגען די אַזוי־באַקאַנטע פּויערישע פורלעך. באַ־וואָפנטע מיליציאַנערן האָבן זיי אויפגעוועקט פון שלאָף, געגעבן איין שעה אויף צוגרייטן זיך צו דער ווייטער רייזע.

אין אַ שעה אַרום האָבן די פּויערישע פורלעך אָנגעפּראַפּט מיט וויינענדיקע מענער, פרויען און קינדער, מיט זייער אָרעמען באַגאַזש, אין דער פּראָסטיקער ווינטער־נאַכט זיך געצויגן צו דער באַראַנאָ־וויטשער באַן־סטאַנציע, אונטער דער וואַך פון באַוואָפנטע מיליציאַ־נערן. אַזוי זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אונדזער שטעטל. (ווידער אַ איראָניע פון דער געשיכטע: קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די אַרויסשיקונג האָט געדינט אַלס אַ מין „תבת נח" צו ראַטעווען זיך פון מבול. אָבער נישט דאָס איז געווען די כוונה פון דער מאַכט).

אויף צומאָרגנס איז די שטימונג אין שטאָט געווען זייער גע־דריקט, אַזוי אַז די מאַכט איז געווען געצוווּנגען אויפצוקלערן, אַז די רעגיסטראַציע האָט באַוויזן די אומלאָיאַליקייט און פיינטלעכקייט פון די אַרויסגעשיקטע לגבי דער סאָוויעטן־מאַכט. נאַטירלעך איז דאָס געווען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזן צו זייער טובה און רעטונג.

דאָס איז געווען כמעט די איינציקע דראַקאָנישע אַקציע ביי אונדז אין שטעטל.

די זעלבע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט מער שאַרפקייט לגבי די געוועזענע פּוילישע קאָלאָניסטן „אָסאַדניקעס" — אָבער זיי האָבן דאָס כשר פאַרדינט.

י"ט

ביסלעכווייז, שטופנווייז, האָט מען זיך צוגעפּאַסט צום לעבן. מען האָט געמוזט אָננעמען פאַר ליב די אַלע שלעכטע זייטן, די ווייטאָק־דיקע מאָמענטן. מיר האָבן דאָך געוווּסט, אַז איראָפּע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווּלקאַן. אונטערן דרוק פון אַ בייזן מאָמענט פלעגט פאַלן דער גיפטיקער ווערטל: „זיי האָבן אונדז אויסגעצויגן די האַנט, און מיר וועלן אויסצוען די פיס". (די באַלשעוויסטישע פירער פלעגן אומאויפהערלעך איבערחזרן: מיר האָבן אייך אויסגע־שטרעקט די האַנט פון באַפרייונג). מען האָט הנאה געהאַט פון דעם געשליפענעם ווערטל. אין פאַרגלייך מיט די דונערן און בליצן אין אַנדערע וועלט־טיילן, איז אונדזער מצב געווען פאַרהעלטנישמעסיק רויק און דערטרעגלעך. עס האָבן געפעלט לוקסוס־אַרטיקלען, אָבער מאַטעריעל זענען כמעט אַלע געווען באַזאָרגט מיט שפּייז און קליי־דונג. ביז דעם לעצטן טאָג איז דער קלעצקער מאַרק געווען פאַר־פלייצט מיט אַלע מינים שפּייז־פּראָדוקטן — די פרייזן צוגענגלעכע, ביליקע. קלעצק, ווי דער גאַנצער סלוצקער קרייז, האָט דאָך געשעמט מיטן שפע פון זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. דווקא די מלחמה, וועלכע האָט אָפּגעשטעלט דעם עקספּאָרט האָט גורם געווען, אַז די דאָזיקע פּראָדוקציע זאָל געפונען איר אָפּזאַץ אויף די אינערלעכע מערק. מיטן ליקווידירן דעם פּוילישן זלאָטי האָבן די פּויערים זיך גענויטיקט אין דעם סאָוויעטישן רובל אויף איינצוקויפן פאַרשידענע נויטווענדיקע אַרטיקלען אין די מלוכה'שע קראָמען.

קיין אַרבעטסלאָזיקייט האָט כמעט נישט עקסיסטירט. געוויס זענען די רייכערע עלעמענטן אַראָפּ פון זייער מאַטעריעלער גדולה.

דאַקעגן, האָבן פיל געוועזענע אָרעמע שיכטן געקענט זיין צופרידן מיט דער נייער מאַכט, וועלכע האָט פיל פאַרבעסערט זייער עקאָנאָמישע לאַגע, און געעפנט פאַר זיי נייע מעגלעכקייטן אין לעבן. גייסטיק, אָבער, איז מען געווען נידערגעשלאָגן.

אַ קעלט און פוסטקייט האָבן זיך צעלייגט אויף די נשמות. אין דער הינזיכט איז די לאַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג געווען די ערגסטע. דער פרומער רעליגיעזער ייד האָט נאָך געהאַט די מעגלעכקייט אומגעשטערט דאַווענען אין שול, לערנען תורה און תלמוד און אַז. וו. דאַקעגן, איז די גאָלדענע קייט פון ציוניסטישער און ארץ ישראל טעטיקייט, העברעיש, נאַציאָנאַלע קולטור און דערציונג איבערגעריסן געוואָרן. אָבער אויך אין דער הינזיכט האָט פולסירט אין די טיפענישן דער דופק פון האָפנונג. „כל זמן איך אָטעם פאַרליר איך נישט די האָפנונג". מען קען נאָך דערלעבן אַלץ. אַפילו אין די ראַמען פון סאָוויעטישן רעזשים האָבן מיר נישט ליקווידירט די אידיי פון ציוניזם אין אונדזערע הערצער און מוחות.

אַזוי אַרום האָבן זיך כמעט נישט געפונען מענשן וועלכע זאָלן שטרעבן צו אַ פּאָליטישע ענדערונג. שוין אָפּגערעדט וועגן דער נאַצי־הערשאַפט, זייער ווייניק האָבן געבענקט נאָכן געוועזענעם פּוילישן אַנטיסעמיטישן רעזשים. „אונדזער הויפּט בקשה צום רבונו של עולם — האָט דערקלערט אַ פרומער ייד אַרויסגייענדיק פון שול נאָך די תפילות אין די ימים נוראים טעג — איז דאָסמאָל געווען זייער אַ באַשיידענע: מיר און אונדזערע משפחות זאָלן אויך אין דער צוקונפט בלייבן אין אונדזערע וווינונגען און שלאָפן אין די אייגענע בעטן..."

די יוגנט, איבערהויפּט פון שול־עלטער, האָט זיך שנעל אַקלימאַטיזירט. די צאָל פון דער לערן־יוגנט איז שטאַרק געשטיגן. די רוסישע שפּראַך האָט שוין געשמאַק געקלונגען אין די גאַסן פון קלעצק, אין די מיילער פון יידישע קינדער. עס זענען פאָרגעקומען צוזאַמענטרעפן פון דער שול־יוגנט פון מזרח און מערב. מען האָט געטרוימט און גערעדט וועגן ווייטעריקן שטודיום אין די הויך־שולן, וועגן די פּערספּעקטיוון און קאַריערעס אין דער צוקונפט. די מער עלטערע זענען כמעט אַלע געווען באַשעפטיקט אויף די שטעטלעס און פּאָסטנס. פאַרוויילונגען און טענץ־אָוונטן פלעגן פאָרקומען אין דעם שטאָטישן קלוב אָן איבעררייס.

אַזוי האָט געפלאָסן אונדזער לעבן ביז דעם היסטאָרישן טאָג פון 22 יוני 1941.

* * *

זונטיק דעם 22 יוני אין דערפרי, האָבן אַלע ראַדיאָ־הילכערס איבערגעגעבן די היסטאָרישע אַרויסטרעטונג פון סאָוויעטישן אויסערן־קאָמיסאַר מאָלאָטאָוו וועגן דעם פּלוצעמדיקן איבערפאַל פון די דייטשן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד.

קיינעם איז אין יענע מינוטן נישט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז בלויז געציילטע טעג טיילן אונדז אָפּ פון דעם דערשיינען פון די היטלער־חילות אין קלעצק, און אַז מען דאַרף באַצייטנס נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט. מיר האָבן געגלויבט אין דער שטאַרקייט פון סאָוויעטישן מיליטער און וואָפן, די ביטערע אַנטוישונג האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. די ערשטע טרויעריקע סימפּטאָמען האָבן זיך באַוויזן שוין פאַרנאַכט און אין אָוונט, אין געשטאַלט פון דער מאַסע אָנגעקומענע פרישע פּליטים פון מערב. זיי האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, געשטוינט אויף אונדזער גלייכגילטיקייט און רויקייט.

פון מאָנטיק אָן האָבן די געשעענישן זיך גענומען אַנטוויקלען שנעל: אַ פאַרדעכטיקטע פּאַניק אין די סאָוויעטישע קרייזן. לאַסט־אויטאָס האָבן אָפּגעפירט די פרויען און קינדער קיין מזרח. דער שטראָם פון דער פּליטים מאַסע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן, און געצויגן צו מזרח.

מאָנטיק פאַרנאַכט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו עוואַקוירן די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס. דינסטיק פרי, איז האַלב אָפיציעל אַרויסגעגעבן געוואָרן די פאַראָרדנונג וועגן עוואַקואַציע. בייטאָג האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז די קנאַלן פון דער דייטשער אַוויאַציע אין דער אומגעגנט פון קלעצק.

דינסטיק פאַרנאַכט האָט זיך דורך צעפרער גאַס געטראָגן דער שטראָם פון מענטשן צופוס, אויף פורן און מאַשינען, אין דער ריכטונג טימקאָוויטש—סלוצק. בלויז אַ קליינער טייל פון די קלעצקער יידן האָבן זיך אַנטשלאָסן וואַנדערן. אין דער ערשטער ריי פאַרלאָזן זייערע היימען די געוועזענע אַקטיווע מיטאַרבעטער פון סאָוויעטישן רעזשים, דערנאָך זענען געגאַנגען די יעניקע וועלכע האָבן פאַרמאָגט וועלכע ס'איז טראַנספּאָרט־מיטלען. פאַר דער איבעריקער באַפעלקערונג איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי בלייבן אויף די ערטער. מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן די צרות אוןליידן, וועלכע מען וועט דאַרפן אויסשטיין אין דער צוקונפט. עס איז אָבער געווען אומעגלעך צו פאָראויסזען דאָס וואָס עס איז געשען.

דינסטיק שפּעט אין אָוונט זענען מיר צוגעקומען צו דער געוועזענער פּויליש־רוסישער גרענעץ־ליניע. די גרענעץ־וואַך, נישט האָבנדיק קיין פאַראָרדנונג, האָט קיינעם נישט דורכגעלאָזן. אויף דער קילאָמעטער לאַנגן גרענעץ־פּאַס האָבן זיך געצויגן מענשן־מחנות. מיט גרויס אומגעדולד האָבן אַלע געשריען און געליאַרעמט, פּרווונדיק זיך אַדורכרייסן.

ערשט פאַרטאָג, האָבן די פּאָסטנס דורכגעלאָזן די מענשן. ווי אַ לאַווינע האָבן זיך אַלע אַריס געטאָן פאָראויס צו מזרח.

מיטוואָך פרי זענען מיר אָנגעקומען קיין טימקאָוויטש (מענדעלע מוכר־ספרים'ס טונעיאַדאווקע — בטלון). מיר האָבן אויפגערודערט די אָרטיקע באַפעלקערונג. פאַרנאַכט האָבן מיר דערגרייכט קאַפּוליע (מענדעלעס געבורטס־שטאָט — די באַרימטע קאַבצאַנסק — קבציאל).

דאָנערשטיק פרי האָבן זיך אויפן קאַפּוליער מאַרק־פּלאַץ צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל קלעצקער יידן. אַ טייל פון זיי האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אונטערן איינדרוק פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט פון די לעצטע טעג, האָבן זיי באַשלאָסן זיך צוריקערן אין די אַלטע היימען. זיי האָבן גערופן אויך די איבעריקע נאָכטאָן זייער ביישפּיל. פּלוצעם האָט זיך אויף אונדז אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון באָמבעס פון דייטשע אַעראָפּלאַנען. עס איז אַנטשטאַנען אַ אומבאַשרייבלעכע בהלה. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן הינטערן שטאָט, אויפן וועג צו מינסק. די דייטשע אַוויאַציע האָט נישט אָפּגעלאָזט און געזייט טויט און פאַרוויסטונג. בלויז די הויכע קאָרן־זאַנגען האָבן געדינט פאַר אונדז אַלס דעקונג און באַהעלטעניש. אויסנוצנדיק דעם איבעררייס, האָבן מיר מיט דער גרעסטער שנעלקייט זיך געלאָזט לויפן ווייטער.

מיר האָבן איבערגעלעבט פיל שווערע מאָמענטן פון דעפּרעסיע און יאוש. אָפטמאָל האָט זיך געדוכט, אַז כלו כל הקצין. וואָס פאַר אַ תכלית האָט אונדזער לויפן, ווו וועלן מיר געפונען אַ באַהעלטעניש — די ווילדע חיות וועלן אונדז דערגרייכן און געפונען אומעטום.

אָבער אָפּוועגנדיק די בליקן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, האָבן מיר געמאַכט דעם חשבון פון די אומדערשעפּלעכע רעסורסן פון מענשן־כוח און שטחים פון סאָוויעטן־לאַנד. די דאָזיקע לויפנדיקע זעלנער און קאָמאַנדירן זענען נאָך נישט דאָס רוסישע

פאָלק. נישט איינמאָל האָבן שטאַרקע פיינט געבראָכן האַלדז און נאַקן, שוין אַריינדרינגענדיק טיף אין רוסלאַנד. עס גלויבט זיך אויך נישט, אַז די ווילדע בעסטיע וועט פאַרשפרייטן איר הערשאַפט איבער דער וועלט. פעסטער און אייליקער האָבן מיר געשטעלט אונדזערע טריט.

מיר האָבן נישט פאַרלוירן די האָפנונג אַז עס וועט אויסשלאָגן די שעה פון דער מפּלה פון דעם מטורפדיקן רשע, און מיר וועלן נאָך דערלעבן ווידער זען אונדזער גבורטס־שטאָט, אונדזערע קלעצקער יידן און דערציילן איינע די אַנדערע וועגן אונדזערע איבערלעבונגען אין די גרויליקע טעג. די ערשטע העלפט איז מקוים געוואָרן, — און די צווייטע?

דער דאָזיקער יזכור־בוך, די מצבה וועלכע מיר שטעלן צום אָנדענק פון די 6000 אומגעקומענע קלעצקער יידן, — גיט דעם טראַגישן, גרויליקן ענטפער.

ד״ר מנחם קאַציאַק־גור / אונטער סאָוויעטישער הערשאַפט

געווידמעט דעם ליכטיקן און הייליקן אָנדענק פון מיינע שילער און שילערינס פון דער יידישער נישט־פולער מיטל־שולע אין קלעצק אין די יאָרן 39—1941, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציִשע רוצחים.

דעם 7טן סעפּטעמבער 1939, אינמיטן נאַכט, האָב איך פאַרלאָזן וואַרשע. די רעגירונג איז אַנטלאָפן, פחד און שרעק לויערן אין אַלע ווינקלען. איך גיי אויף מזרח. די דייטשע רוצחים באָמבאַרדירן די ציווילע באַפעלקערונג; שריפות און חורבן אויף די וועגן. ווען איך קום אָן אין בריסק, אינמיטן נאַכט, עוואַקואירט זיך די באַפעלקערונג, דאָס פוילישע מיליטער טרעט אָפּ. מיטן לעצטן עשאַלאָן קום איך קיין באַראַנאָוויטש, וווּ איך האַלט זיך אויף ביי דער פאַמיליע פון מיין שוואָגער בערל באגן.

דעם 16טן סעפּטעמבער 1939 הויבן אָן די דייטשן צו באָמבאַרדירן באַראַנאָוויטש. איך פאַרלאָז באַראַנאָוויטש און גיי צופוס קיין קלעצק. דאָרט געפינט זיך מיין חבר און פריינט שמחה גאלאנט, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט ראָזע צערקאָוויטש.

דעם 16טן סעפּטעמבער 1939, נאָך האַלבער נאַכט, בין איך אָנגעקומען קיין קלעצק. מיין חבר גאַלאַנט נעמט מיך אויף מיט אָפענע אָרעמס, פרעגט זיך נאָך וועגן זיין פאַמיליע אין מלאווע. שפּעט שלאָפן מיר איין, און פאַרטאָג וועקט אונדז אויף דאָס גערויש פון אַעראָפּלאַנען. מיר לויפן אַרויס פון שטוב. זאָלן עס זיין דייטשע אַעראָפּלאַנען? ניין! מיר זען דייטלעך די רויטע שטערן. הייסט עס, סאָוויעטישע. שפּעטער באַווייזן זיך אין שטעטל די ערשטע טאַנקען פון דער רויטער אַרמיי. דאָס איז געווען זונטיק, דעם 17טן סעפּ־טעמבער 1939 פלוצעם געפין איך זיך אָפּגעשניטן פון מיין פרוי און קינד, וואָס זענען פאַרבליבן אין וואַרשע, אין באַלאַגערטן וואַרשע, און איך געפין זיך אין ווייסרוסלאַנד, אין סאָוויעטישן שטעטל קלעצק. עס בלייבט נישט איבער קיין ברירה, ווי צו וואַרטן אויפן פאַלן פון וואַרשע, וואָס פאַרטיידיקט זיך העלדיש און בלוטיק, און איך וואַרט אומגעדולדיק אויפן טאָג, ווען איך וועל קענען אָפּזוכן מיין פרוי און קינד. דערווייל באַקענט מיך שמחה גאלאנט מיט זיינע פריינט און באַקאַנטע, און איך טרעף זיך מיט דער גרופּע קלעצקער אינטעליגענץ, מיט וועלכער ס׳איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן שפּעטער, אין פאַרלויף פון כמעט צוויי יאָר. דאָס זענען מאַניע פערעלמאַן, מאַניע באדענקין, רעגינא הארט, פרומע געלפאנד, יוסף פרענקעל און אַנדערע.

מיר פלעגן זיך טרעפן ביי מאַניע באדענקין אין שטוב, און לאַנגע אָוונטן אַרומרעדן די בלוטיקע געשעענישן און דאָס אומבאַ־וווּסטע וואָס דערוואַרט אונדז. שווער אַרומצוגיין ליידיק, און איך נעם אָן גערן דעם פאָרשלאַג פון דער לייטערין פון דער „יבנה״ שול, רעגינא הארט, און ווער אַ לערער ביי זיי אין שולע. אין שטעטל הויבן זיך אָן צו שאַפן די ערשטע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס. די גאַנצע מאַכט איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון צייטווייליקן סאָ־וויעטישן רעווקאָם (רעוואָלוציאָנער קאָמיטעט). עס ווערן אַריינגע־צויגן אין דער אַרבעט אויך עטלעכע יונגעלייט פון שטעטל. מיט גרויס אָנזען באַציט מען זיך צו יוסף פרענקעל, וועלכער איז געווען אַרעסטירט אין קאַרטוז־בערעזאַ דורך דער פוילישער מאַכט.

דערווייל אַרבעטן די שולן ווי ביז איצט; עס גייען אָבער אַרום קלאַנגען, אַז אַלע יידישע פאָלקס שולן וועלן פאַרייניקט ווערן אין איין גרויסער נישט־פולער מיטל־שולע, וועלכע וועט מיט דער צייט ווערן אַ יידישע מיטל־שולע. מיר, די לערער, אַרבעטן דערווייל אָן אַ פּראָגראַם, אָן אַ פּלאַן; כ׳וואָלט געזאָגט, אינטואיטיוו, עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אונטער דער הערשאַפט פון די סאָוויעטן.

איך באַקען זיך גענויער מיט קלעצק. אַ גרויסער מאַרק־פּלאַץ, אַרום קראָמען. פון מאַרק גייען זיך פונאַנדער געסלעך. די הייזער מערסטנס הילצערנע. אין די הייזער גרויסע רוסישע אויוונס צום קאָכן. גרויסע צימערן, איינפאַך, גאַנץ באַלעבאַטיש מעבלירט. דאָס שטעטל פאַרנעמט זיך מיט מסחר, קליינהאַנדל און מלאכה, אַ טייל פון דער יוגנט שטודירט אין ווילנע און וואַרשע, מען הערט די העברעיִשע שפּראַך, און עס פּולסירט אַ שטאַרק נאַציאָנאַל־יידיש לעבן. און פלוצעם האָט דאָס לעבן זיך אַ קער געטאָן — אַ נייער רעזשים, אַ נייער לעבנס־שטייגער. איין זאַך האָט זיך אָבער נישט געענדערט: די יידן ריידן יידיש, און יידיש איז איצט געוואָרן אַ אָפיציעלע שפּראַך. דער גרעסטער טייל סאָוויעטישע טוער, וואָס זענען געקומען פון מזרח, זענען געווען יידן, סאָוויעטישע יידן, פאָלקס מענטשן, וואָס האָבן גערן גערעדט מיט די קלעצקער יידן אויף מאַמע־לשון. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די טיפּן פון די סאָוויעטישע טוער, דאָס זענען: לעוויט, גענזער און ביינינסאן.

לעוויט, אַ איינפאַכער בחור אָבער מיט גרויס אָנזען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געקומען פון מינסק קיין קלעצק. אָנגעטון מיליטעריש, שטענדיק מיט אַ גרויסן רעוואָלווער ביי דער זייט, האָט ער אָרגאַניזירט דעם רעווקאָם און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. גענזער, אַ ווילנער יונגערמאַן מיט אַ משפחה, איז געווען פאַראינטערעסירט צו באַזאָרגן זיי מיט קליידער, וועש און שכוואַרג אויף יאָרן. די קלעצקער יידן האָבן געמורמלט, אַז ער באַזוכט צופיל די געשעפטן און העלפט זיי אויסליידיקן... זיך פאַרנומען מיט די מוניציפּאַליטעט־פראַגן, און איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון קלעצקער גאָר־איספּאָלקאָם (ענלעך צו אַ בירגערמייסטער). פון אַן אַנדער שניט איז געווען ביינינסאָן, דער פאָרזיצער פון קלעצקער ראַי־איספּאָלקאָם, דאָס הייסט פונם אָרגאַן וואָס פאַרוואַלטעט מיטן גאַנצן קלעצקער ראַיאָן;

די הויפּט־מאַכט אין שטעטל האָט אָבער געהערט צו דעם סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי סעקרעטאַרן — איינער אַ רוס, דער צווייטער אַ ווייסרוס, דער דריטער אַ אוקראַינער... זיי האָבן דעצידירט וועגן אַלע ענינים, וועלכע ס׳האָבן שפּעטער רעאַליזירט לעווית, גענזער און בייניגסאָן.

די ערשטע וואָכן פון דער סאָוויעטישער אָרדנונג האָט זיך דאָס לעבן געפירט כמעט ווי פריער. עס האָט זיך געשאַפן אַ רויטע מיליץ, וועלכע האָט געהיט די אָרדנונג. אויך אַביסל קלעצקער בחורים זענען אַריינגעטראָטן אין דער מיליץ. די געשעפטן זענען געווען אָפן, לויט דער פאַראָרדנונג פון דער נייער מאַכט. גרויסע רייען האָבן זיך געשלענגלט ביי די קראָמען, בפרט פון פויערים. שפּעטער האָט די פינאַנץ מאַכט אַרויפגעלייגט אַזעלכע גרויסע שטייערן אויף די געוועלבער, אַ יידן האָבן אָנגעהויבן זיי צו ליקווידירן. דער גרעסטער טייל יידן האָבן אָנגעהויבן לעבן פון גרייטן, די בעלי־מלאכות האָבן אָנגעהויבן זיך אָנשליסן אין די קאָאָפּעראַטיוון און אַרטעלן, וועלכע האָבן זיך געשאַפן; אַ טייל יידן האָבן באַקומען אַרבעט אין די רעגירונגס און מוניציפּאַליטעט־אַמטן.

די מאַכט איז געווען פאַראינטערעסירט עס זאָלן נישט אַריבערקומען מענטשן פון דער מרזח זייט, און שאַפן אַ בהלה און פּאַניק ביים איינקויפן אין די זיך־ליקווידירנדיקע געשעפטן. טראָץ דעם פלעגן קומען אַ סך מענטשן פון מזרח מיט דערלויבנישן און אָן, מיט פיל געלט (און אויך גאָלד) און קויפן אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט).

עקאָנאָמיש האָט די לאַגע פון די יידן אין קלעצק זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. ווער ס׳האָט אויפגעגעסן דאָס גרייטע האָט שוין געמוזט זוכן אַרבעט אין די אַמטן, קאָאָפּעראַטיוון און אַרטעלן. די פאַרדינסטן זענען געווען פון 150—200 רובל אַ חודש — ווייניק צו דערנערן אַ משפּחה. ס׳האָבן זיך געעפנט אַ שטאַטישע אַמבולאַטאָריע, קינדער־גערטנער און 3 שולן — אַ רוסישע, ווייסרוסישע און אַ יידישע.

אַלע דריי יידישע שולן — „תרבות״, „יבנה״ און „תלמוד תורה״, זענען פאַרייניקט געוואָרן אין איין גרויסער יידיש־סאָוויעטישער שולע. אַלס לייטערין איז באַשטימט געוואָרן מאַניע פּ ע ר ע ל מ אַ ן.

איך האָב אין שולע געלערנט געשיכטע אין די עלטערע קלאַסן. אין דער שולע האָבן אויך געאַרבעט אַלס לערערינס: מאַניע ב אַ ד ע נ ק י ן, פרומע ג ע ל פ אַ נ ד, רעגינע ה אַ ר ט גער. לייטערין פון דער „יבנה״ שולע, דער לערער צ ו ק ע ר מ אַ ן געוועזענער לייטער פון דער „תרבות״־שולע, מיט זיין פרוי, פּ אַ ס ק ל י נ ס ק י מיט זיין פרוי (געוועזענע מיטאַוסקית), נ אַ ז ש נ י צ ק י, ד ע ר ע ט ש י נ ס ק י און אַנדערע. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַשעפטיקן אַלס לערער די געוועזענע לערער פון אַלע שולעס. אונדזער פּערסאָנאַל האָט געציילט עטלעכע און צוואַנציק לערער, די צאָל שילער איז געווען העכער 300. אינצווישן צייט זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער שולע. אַלס דירעקטאָר איז באַשטימט געוואָרן נ אַ י ע ר, אַ פליט פון וואַרשע, און אויך אַלס פּעדאַגאָגישער לייטער.

וואָס האָבן מיר געלערנט מיט די קינדער?

קיין פּראָגראַם, קיין ביכער זענען אין אָנפאַנג נישט געווען. דעריבער האָבן מיר געלערנט מיט די קינדער מאַטעמאַטיק, פיזיק, נאַטור־וויסנשאַפט און די יידישע שפּראַך. מיר האָבן פּשוט גענומען פּוילישע און העברעישע ביכער, און איבערגעזעצט אַליין יעדע לעקציע. אויסער דעם זענען אונטערריכטעט געוואָרן די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור, די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור און אויך אַלגעמיינע געשיכטע. די ערשטע ביכער וועלכע מיר האָבן באַקומען זענען געווען אין רוסיש. שפּעטער זענען אויך אָנגעקומען יידישע ביכער, און ביסלעכווייז האָט זיך פון דעם כאַאָס גענומען אַרויסוויקלען אַ נאָרמאַלע יידישע שולע.

אין דער שולע פלעגן אָפט פאָרקומען באַזוכן פון אינספּעקטאָרן. דער גרעסטער טייל לערער וואָס זענען געווען נאַציאָנאַל געשטימט און אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן געפונען אַ געוויסע באַפרידיקונג קענענדיק אַרבעטן ווייטער מיט די יידישע קינדער און ציען דעם המשך פון זייער פריערדיקער פּעדאַגאָגישער אַרבעט. די קינדער אַליין האָבן פאַרשטאַנען דעם מצב פון די לערער און זיך באַמיט נישט מאַכן זיי שווערער. איך געדענק, ווי אין די עלטערע קלאַסן פלעגן קינדער פרעגן די לערער בשעת דער לעקציע וועגן ארץ־ישראל. אָבער זעענדיק, אַז דאָס שטעלט די לערער אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע, האָבן זיי אויפגעהערט צו פרעגן. עס האָט זיך געשאַפן אַ חברישער, ממש האַרציקער קאָנטאַקט צווישן די לערער און די שילער. די לערער פלעגן אָפט פאַרברענגען מיט די שילער נאָך די שול־שעהן, אין דער פאַרצווייגטער קולטורעל־אַרטיסטישער אַרבעט, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער שול־אַרבעט.

אין צווישנצייט איז וואַרשע געפאַלן, און איך האָב זיך געלאָזט קיין וואַרשע זוכן מיין פרוי און קינד. איך בין אָבער דערגאַנגען ביז סעמיאַטיטש, ווו ס׳האָט זיך איינגעשטעלט דער גרענעץ צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. פון דאָרט בין איך אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט מיין פאַמיליע אין וואַרשע, אָנגעבנדיק מיין נייעם אַדרעס.

דערווייל איז די גרענעץ ביי ביאַליסטאָק (מאַלקין) געווען אָפן, און טויזנטער האָבן געוואַנדערט פון סאָוויעטישן טייל אין דייטשן און פאַרקערט. קיין וואַרשע זענען געגאַנגען פּאָליאַקן, ווייסרוסן און ליטווינער. פון וואַרשע זענען אָנגעקומען טויזנטער פליטים־יידן. אָבער אויך יידן האָבן זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע. דאָס זענען געווען פליטים, וואָס זייערע פאַמיליעס זענען פאַרבליבן ביי די דייטשן; און זיי זענען געגאַנגען, נישט וויסנדיק, דעם טויט אין די אָרעמס אַריין.

זייענדיק אין סעמיאַטיטש, האָט מיך געבעטן אַ אָרטיקער ייד, אַז איך זאָל זיך ווענדן צום קלעצקער ראש־ישיבה און בעטן ער זאָל אים צוריקשיקן זיין יינגל, וועלכער לערנט אין דער ישיבה. ווען די סאָוויעטן זענען אָנגעקומען, האָט די ישיבה עקסיסטירט נאָך אייניקע חדשים. צוריקקומענדיק קיין קלעצק בין איך אַוועק אין דער ישיבה, צוגעגאַנגען צום ראש ישיבה, און אים איבערגעגעבן די ביטע פון פאָטער. דער רב האָט זיך פאַרקלערט און דאַן געזאָגט: „נו, און ווער וועט לערנען תורה?״ און ווענדענדיק זיך צו מיר האָט ער געזאָגט: — „יאָ, יאָ ער איז גערעכט. כ׳וועל אים צוריקשיקן דאָס יינגל״.

אַרום האָט געברענט דאָס פייער פון מלחמה און אומקום און אַ יידישער רב האָט אין דער רוצחישער וועלט געוואָרפן דעם געשריי — „און ווער וועט לערנען תורה?״ און אין מיינע אויערן האָבן נאָך לאַנג, לאַנג געקלונגען די ווערטער פונעם קלעצקער ראש ישיבה, בפרט שפּעטער אין די וואַנדער־יאָרן, ווען מיר האָבן געשפּרייזט אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט.

מיט דער ישיבה איז פאַרבונדן נאָך איין עפּיזאָד:

מיט אייניקע חדשים שפּעטער האָט די סאָוויעטישע מאַכט געשלאָסן די ישיבה און דעם בנין פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָטישן קלוב. מיר, אין דער שולע, האָבן זיך געהאַט געגרייט צו אַ סאָוויעטישן יום־טוב מיט געזאַנג, טענץ און מוזיק. עטלעכע טעג פאַרן אַרויסטריט האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז דאָס וועט געשען אין נייעם שטאָטישן קלוב, דאָס הייסט אין דער געוועזענער ישיבה. אַ טייל קינדער, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די פייערלעכע נומערן האָבן זיך

אָפּגעזאָגט קאַטעגאָריש אַרויסצוטרעטן אין דער ישיבה. דער דירעק־טאָר פון דער שולע, נאַיאַר, האָט געהאַט דערפון גענוג קאָפּ־ווייטיק, ביז מיר האָבן באַשלאָסן צו קירצן דעם פּראָגראַם, אָפּשאַפן עט־לעכע נומערן כדי צו באַפרייען די קינדער פון פליכט אויפצוטרעטן אין דער ישיבה.

מיר האָבן זיך געפילט ווי איין גרויסע משפחה — די לערערס און די שילער. אין מיין שמחה איז געווען באַזונדערס גרויס צוליבן אָפּראַטעווען זיך פון מיינע נאָענטסטע און זייער קומען קיין קלעצק.

איין יאָר האָט עקזיסטירט די יידישע נישט־פולע מיטל־שולע אין קלעצק, פון אָקטאָבער 1939 ביז יולי 1940. אין צווישנצייט איז געקומען אַ פאַראָרדנונג זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ רוסישע, מיט רוסיש אַלס לערן־שפּראַך. דאָס האָט שרעקלעך געטראָפן די לערער, וואָס האָבן נישט געקענט רוסיש, און אויך די ווירדע פון קלעצקער יידן. די סאָוועטישע מאַכט האָט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען פון עלטערן, ווו זי האָט אויפגעקלערט, אַז זי טוט עס אין אינטערעס פון די שילער און עלטערן, ווייל אַלע הויך־אַנשטאַלטן אין לאַנד זענען רוסישע, דעריבער האָט עס קיין זין נישט לערנען ווייטער אין יידיש. אַזוי אַרום איז אונדזער שולע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוסישע שולע, מיט יידישע קינדער און יידישע לערער. די לערער האָבן זיך אַוועקגעזעצט קנעלן רוסיש, אונטער דער לייטונג פון דירקעטאָר נאַיאַר און לערער פרענקעל. די ערשטע וואָכן האָבן די שילער נישט פיל פאַרשטאַנען דעם רוסיש פון זייערע לערער, אָבער די לערער האָבן זיך געלערנט צוזאַמען מיט די שילער, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז געוואָרן אַ פאַרטיקע רוסישע שולע. נאָר בעת די הפסקות פלעגן די קינדער גאַנץ געשמאַק רעדן יידיש; אויך די לערער פלעגן זיך אָפּרוען אין לערער־צימער נאָך אַ שעה רוסיש רעדן, אין אַ געמיטלעכן יידישן שמועס. די לערער און שילער האָבן שטאָלץ געהיט דעם כבוד פון דער שולע, און עס ווילט זיך דאָ דערציילן איין עפּיזאָד וואָס איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש.

עס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער יום־טוב מיטן אָנטייל פוןביידע שולן — דער ווייס־רוסישער און דער יידישער (איידער זי איז נאָך געוואָרן רוסיש). עס האָט זיך געהאַנדלט, וועלכע קינדער פון וועלכער שולע זאָלן די ערשטע אַרויסטרעטן. דאַן איז אַרויסגעטראָטן דער דירעקטאָר פון דער ווייסרוסישער שולע און געפאָדערט אַז זיין שולע זאָל זיין די ערשטע, ווייל זיי האָבן בעסערע צייכנס. ווייזט אויס, אַז די ווייסרוסישע לערער האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט די חכמה פון שטעלן גוטע צייכנס, כדי די שולע זאָל פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ. די יידישע לערערס האָבן געשטעלט צייכנס לויט די אמתע קענטענישן פון די שילער. דאָס האָט אונדז זייער פאַרדראָסן, און מיר האָבן געפאָדערט צו מאַכן אַ שריפטלעכן עקזאַמען אין ביידע שולן. דאָס האָט זייער נישט געשמעקט די ווייסרוסישע לערער, אָבער קיין צוריקגאַנג איז שוין נישט געווען. דער עקזאַמען איז פאָרגע־קומען און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שילער פון דער ווייס־רוסישער שולע שטייען אויף אַ פיל נידעריקערן ניוואָ פון די יידישע. ווי נאַאיוו זענען מיר דאַן געווען, און וועגן וואָס האָבן מיר דאַן געקעמפט! ווייזט אויס, אַז די ווייסרוסישע שילער, וואָס האָבן ווייניקער געלערנט און ווייניקער געקענט, האָבן געהאַט מער רעכט אויף לעבן ווי די פעאיקע יידישע שילער, וואָס זענען אַלע אומגע־קומען. איך וואָלט נישט דערפילט מיין פליכט ווען כ'דערמאָן נישט איין קלאַס, די זיבעטע קלאַס. זי איז באַשטאַנען פון 17 שילער און שילערינס, לויטער פעאיקע, באַגאַבטע יינגלעך און מיידלעך: גינ־זבורג, יאָסעלעוויטש, געלפאַנד, מושקין און אַנדערע וועמענס נעמען כ'געדענק שוין נישט. קיינער פון זיי איז נישט פאַרבליבן ביים לעבן.

טראָץ דעם וואָס ס'האָט נאָך געהערשט, ווינטער 1941, דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ פּאַקט, האָט מען געפילט אַז עס האָט זיך עטוואָס געענדערט, און עפּעס אומזיכערעס און שרעקלעכס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. ביז פסח 1941 האָב איך נאָך געהאַט אַ מעג־לעכקייט צו שיקן שפּייז־קאַרטן צו מיינע שוויגער־עלטערן אין וואַר־שעווער געטאָ. דער לעצטער בריף פון געטאָ איז געווען פון נאָך פסח 1941. זיי האָבן געשריבן, אַז די טאַנטע „מנוחה" איז קראַנק, און דער פעטער „שלום" איז געשטאָרבן. אין וואַרשע האָט מען שוין געשפּירט די צוגרייטונגען צו דער מלחמה קעגן רוסלאַנד. אין קלעצק האָבן מיר וועגן דעם גאָרנישט געוווסט. די אָפיציעלע סאָוויעטישע פּרעסע האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם. מ'האָט זיך נאָר אָנגעשטויסן אויף געוויסע געשעענישן, בפרט ווען סטאַלין איז באַשטימט געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער. די יידן פון קלעצק זענען געווען פאַרטאָן מיט טאָג־טעגלעכע דאגות. און ווי אַ דונער האָט דעריבער אָפּגעקלונגען דער אָנזאָג פון סאָוויעטישן ראַדיאָ, דעם 22טן יוני 1941, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן און אַז דאָס נאַצישע דייטשלאַנד איז באַפאַלן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. איך געדענק גענוי און דייטלעך דעם טאָג. עס איז געווען זונטיק, און איך בין אריין אין קאָאָפּעראַטיוו איינקויפן קלייניקייטן. פּלוצעם קומט מיר אַנט־קעגן דער לייטער פון געשעפט, מלמד, און זאָגט מיר: — „איר ווייסט, לערער, עס איז מלחמה". דאָס וואָרט מלחמה האָט געוואָרפן שרעק אויף די יידן, בעת די ווייסרוסן, פּאָליאַקן און טאַטאַרן האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע צופרידנהייט. זיי האָבן דערשפּירט, אַז ס'וועט ווערן הפקר יידיש לעבן און פאַרמעגן. „יעדער קוקט מיט זיינע אויגן", און ווייל מיר האָבן געוואָלט, אַז די סאָוויעטן זאָלן זיגן און אַז די רויטע אַרמיי זאָל באַפרייען די יידן אין פּוילן, האָבן מיר געזען אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה לויטער נצחונות פון דער רויטער אַרמיי. עס פלעגן קומען אין מיין וווינונג אויף סיניאַווסקע גאַס, ביי לייב געלפאַנד, דער דירעקטאָר פון דער שולע נאַיאַר און דער לערער אינזשיניער נוי פון וואַרשע, און מיר פלעגן פּלאַנירן אונזער רייזע אַהיים. אָבער אין עטלעכע טעג זענען שוין אַנטלאָפן די פּרויען פון סאָוויעטישע אָנגעשטעלטע פון קלעצק און באַראַנאָוויטש, און די שלאַכטן האָבן זיך דערנענטערט צו קלעצק. וואָס זאָל מען טאָן? מיר האָבן געוווסט איין זאַך, אַז מען דאַרף ווייטער לויפן. די פרוי מיינע נעמט רוקזעק און גרייט די נויט־ווענדיקסטע זאַכן מיטצונעמען אין וועג. זי בעט זיך ביים בעל הבית לייב געלפאַנד, ער זאָל שפּאַנען פערד און וואָגן, נעמען זיין פאַמיליע און אויך אַנטלויפן. אָבער געלפאַנד ווייזט אונדז אויף זיין שטוב און ענטפערט: וווהין וועל איך גיין, ווי וועל איך מיר אַ עצה געבן — און באַשליסט בלייבן.

דערווייל פאָרן מיר אין נאָענטן דאָרף, יאַנאָוויטש, כדי אויס־מיידן די לופט־אָנגריפן. אין דאָרף האָבן מיר געטראָפן די לערערין מיליע הערנזאָן מיט איר מאַן מנחם און קינד. מיר האָבן איר פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל זיך עוואַקויִרן צוזאַמען מיט אונדז. האָט זי קאַטעגאָריש געענטפערט: — בשום אופן נישט. אירע עלטערן זענען געווען פּליטים אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און זי וויל נישט פאַרלאָזן איר היים.

דער באַגריף „היים" איז געווען איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון קלעצקער יידן, ווייל זיי האָבן דורות געוווינט אין שטעטל און מורא געהאַט זיך צו רירן פון פּלאַץ. דאָס האָט, אין רעזולטאַט, געבראַכט צום אומקום פון די יידן, וועלכע האָבן דאָך געקענט אַנטלויפן קיין מזרח, אין טיף רוסלאַנד.

דאָ, אין דאָרף, דערוויסן מיר זיך, אַז די קאַמפן קומען פאָר אין באַראַנאָוויטש (40 ק"מ פון קלעצק) מיר נוצן אויס די געלעגנהייט

וואָס אַ קלעצקער ייִד האָט באַקומען אין דאָרף אַ פור. ער דערלויבט מיר אַרויפזעצן אויף דער פור מיין פרוי און קליין מיידעלע, און מיר גייען צופוס נאָך דעם וואָגן צו דער געוועזענער פויליש־רוסישער גרענעץ. פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין קאַפוליע. אויף די וועגן האָבן מיר געטראָפן מאַסן מענטשן, וועלכע זענען געלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. מענטשן זענען געלאָפן קיין מינסק, ווי צום ביישפיל מיין שוואָגערס ברודער שימשל באַגין, וואָס איז געגאַנגען צו זיין ברודער שלמה קיין מינסק. פון דער צווייטער זייט זענען פיל געלאָפן פון מינסק, וועלכע איז שוין שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דייטשע אַעראָפּלאַנען.

אין קאַפוליע האָבן מיר געטראָפן פיל פליטים צווישן זיי קלעצקער. א סך האָבן באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין קלעצק, וואָס ס׳זאָל נישט געשען. זיי האָבן געבענקט אַ היים. די פויערים האָבן געקוקט מיט ביטול און פאַראַכטונג אויף די לויפנדיקע ייִדן, פיל האָבן געמאַכט צלמים אויף די טירן און דעכער, כדי די דייטשן זאָלן וויסן, אַז דאָ וווינען קריסטן. אין די הימלען האָבן געהערשט די דייטשע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד באָמבאַרדירט די ציווילע באַפעלקערונג, און בפרט די פליטים אויף די וועגן.

אין קאַפּוליע האָבן מיר געזאָלט נעכטיקן. פּלוצעם דערזעט מיך אַ קלעצקער מיליציאָנער, אַ שילער פון די אָוונט־קורסן ביי דער שולע, און ער רוימט מיר איין אַ סוד אַז די דייטשן זענען שוין נישט ווייט פון קלעצק. זיי, די מיליציאָנערן האָבן באַקומען אַ באַפעל, זיך צוריקערן קיין קלעצק. אָבער קומענדיק צו דער אַמאָליקער גרענעץ, 7 ק״מ פון קלעצק, האָט מען זיי געמאָלדן, אַז מען קען שוין ווייטער נישט גיין.

די זעלבע נאַכט זענען מיר אַנטלאָפן קיין סלוצק. די סלוצקער ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך עוואַקואירט. איך און מיין פרוי און דאָס 3 יעריק מיידעלע זענען געשטאַנען אויפן שאָסיי וואָס פירט פון סלוצק קיין וויטעבסק, און זיך געבעטן ביי די רויט־אַרמייער אונדז אויפנעמען און העלפן צו גיין אויף מזרח.

נישט דאָ איז דער אָרט צו שילדערן די געשיכטע פון אונזערע וואַנדערונגען ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין סמאָלענסק, פון דאָרט קיין גזשאַצק (נעבן מאָסקווע), פון דאָרט מיט אַ עשאַלאָן ביז טראָאיצק (אוראַל).

אין טיף רוסלאַנד, אויף איין סטאַנציע, האָבן זיך געמיטן צוויי עשאַלאָנען: אונזערער און אַ צווייטער מיט קאָמוניסטן, וואָס זענען געגאַנגען אויפן פראָנט. דאָרט האָב איך געטראָפן דעם לעצטן מענש, וועלכן כ׳האָב געקענט פון קלעצק. דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון קלעצקער באַנק קאַגאַן, וועלכער האָט זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט אין ייִדיש, — צוויי ייִדן וואָס דערזעלבער גורל טרייבט זיי צום טויט און אומקום. „צום ווידערזען״, „צום ווידערזען״ — האָט ער געשריען פון וואַגאָן. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ רויקער, טרויעריקער שמייכל, ווי איינער וואָס זיין גורל איז שוין געחתמעט.

אין די יאָרן פון דער מלחמה האָב איך אין טיף רוסלאַנד געזוכט באַקאַנטע און פריינד פון קלעצק. איך האָב שריפטלעך אויפגעזוכט דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון דער שולע נאַיאַר. עטלעכע טויזנט קילאָמעטער פון מיר.

ווען די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס און האָט באַפרייט איין אָרטשאַפט נאָך דער צווייטער, האָב איך אין אַ געוויסן טאָג אין טשעליאַבינסק געלייענט, אַז זי האָט באַפרייט קלעצק.

עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן: די שטאָט איז באַפרייט, אָבער וואָס איז מיט די קלעצקער ייִדן? אפשר איז עמיצער פון זיי געבליבן ביים לעבן?

איך האָב גלייך אָנגעשריבן צו באַקאַנטע ווייס־רוסישע לערערס.

שרה פיש־שמוקלער [בוענאָס איירעס] /

עשו׳ס אמת׳ער פרצוף

אַ סך האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער באַציונג פון די „גוטע גויים״ צו זייערע ייִדישע שכנים בעת׳ן מורא׳דיקן חורבן. זענען דאָך דורות־לאַנג ייִדן מיט גויים געווען איינגעוואָרצלט אין די שטעטלעך, מיר האָבן געלעבט גוט מיט די ווייסרוסן און טאָטאַרן, אינאיינעם געהאַנדלט, און אינאיינעם געלעבט פרידלעך און גוט.

און אָט אַ פאַקט, נאָך פונעם יאָר 1924, וואָס ווייזט אונז דעם שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם שוין דעמאָלט.

ביי אונז איז עס טאַקע געשען. אין אַ מיטן וואָך פאַרנאַכט קומט צו אונז אַריין אַ שכן אַ פּאָליאַק, אַ סטאָליאַר, און פאַרקויפט אונז 4 פורן מיט תבואה, וואָס ער דאַרף ברענגען פון הויף אויפן בערגל לעבן וואַלד. און ער וואַרט אַז מיין ברודער יהושע, זאָל פאָרן מיט אים ברענגען די תבואה.

מיין ברודער איז געווען אין ניעסוויזש, ווו ער פלעגט פאָרן יעדע וואָך כדי זיך אָפּחשבונען מיט גרעסטן אָפּנעמער פון תבואות און ליפעראַנט פאַרן פוילישן מיליטער חאַרלאַפּ. דער שכן, דער גוי, האָט גוט געוווּסט אַז מיין ברודער יהושע טראָגט מיט זיך שטענדיק גרויסע געלט־סומעס און ער האָט געזוכט ווי אַזוי אים צו פאַרנאַרן אין וואַלד אַריין.

אויף צומאָרגנס, אַז יהושע איז געקומען פון ניעסוויזש האָבן מיר אין שטוב אים געוואָרנט, אַז ער זאָל מיטן גוי נישט פאָרן, ווייל ער איז אונז נישט געפעלן, אָבער מיין ברודער האָט זיך אויסגעלאַכט, און אינגאַנצן אַ זיכערער איז ער אַוועק.

אַז זיי זענען אַריין טיפער צווישן די קוסטעס אויפן וועג צום הויף ביים וואַלד, דערזעט יהושע ווי דער גוי וויל זיך וואַרפן אויף אים מיט אַ דאָלאָטע אין האַנט. מעשה־נס איז אים געלונגען אַכאַפּ טאָן דעם גוי פאַרן האַנט און האָט אים מיט כוח אַרויסגעוואָרפן פונעם וואָגן, און ראַנגלנדיק זיך מיטן גוי, האָט ער זיך אויך גוט איינגעשניטן מיט דער דאָלאָטע די האַנט. ער האָט דאַן זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק אַהיים אין שטאָט, און גלייך אַוועק אין דער פּאָליציי, דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען, און מ׳האָט פאַרשריבן אַ פּראָטאָקאָל.

דער גוי האָט אָבער אָפּגעטאָן דאַן אַ מעשה נורא. זעענדיק זיין דורכפאַל, איז ער דורכן וואַלד אַוועק אויפן ייִדישן בית־עלמין, האָט זיך אַליין איינגעשניטן דעם האַלדז און איז דאָרט אַ כלומרשט פאַרחלושטער געבליבן ליגן ביים סאַמע וועג.

אַז מענטשן זענען דורכגעפאָרן און מען האָט אים אויפגעמונטערט, האָט ער זיי דערציילט, אַז דאָס האָט אים זיינער אַ שכן, אַ ייִד, געטאָן אין אַ קריגעריי. מען האָט אים דאַן געבראַכט קיין קלעצק צו דער פּאָליציי, ווו ער האָט איבערגע׳חזר׳ט אָט דעם נוסח פון דער פּאַסירונג. די פּאָליציי האָט גלייך פאַרשריבן אַ נייעם פּראָטאָקאָל, און מען איז גלייך אַוועק און אַרעסטירט מיין ברודער יהושע׳ן.

און הגם מ׳האָט גרינג געקענט וויסן, אַז דאָס איז געווען אינסצעניזירט דורך דעם גוי; און הגם דעם גוי׳ס עלטערן אַליין האָבן עדות געזאָגט, אַז זייער זון איז אַ פאַרברעכער, וואָס טוט אויך זיי אָן געברענטע צרות און אויך די שכנים אַרום האָבן אים געשילדערט ענלעך — האָט די פּאָליציי כסדר אַלץ געהאַלטן מיין ברודער אַרעסטירט, און ערשט נאָך פיל שתדלנות און אויסהערענדיק עדות פון אַלע זייטן, אַז מיין ברודער איז אַ אָרענטלעכער סוחר, גוט באַקאַנט אַלעמען — איז ער סוף כל סוף באַפרייט געוואָרן.

כבוד זיין אָנדענק.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך באַקומען אַ בריף, אַז דער גרעסטער טייל פון קלעצק איז חרוב און פאַרברענט, פון די יידן איז קיינער נישט פאַרבליבן, און אויב איך וויל קען איך קומען קיין קלעצק אַרבעטן אין דער נייער שולע, וואָס אָרגאַניזירט זיך דאָרט. דאָס איז געווען ווי זאַלץ אויף די ווונדן. וואָס האָב איך צו טאָן אין קלעצק אָן יידן, אָן יידישע קינדער?

אין מאַי 1946 בין איך צוריקגעפאָרן מיט אַ עשאַלאָן רעפּאַט־ריאַנטן קיין פּוילן, און אָנגעקומען קיין וראָצלאַוו (ברעסלאַו). דאָ האָט מען איבערגעגעבן, אַז עס זוכט מיר עמיצער פון די עשאַלאָנען וואָס קומען פון רוסלאַנד. ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז מיין פריינט יוסף פרענקל. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אונדזערע אויגן.

מיר זענען פאַרבליבן צוויי לערערס — אָן שילער, צוויי יידן — אָן יידן, עס זענען פאַרבליבן בלויז זכרונות און דערינערונגען...

שפּעטער, אין דייטשלאַנד, האָב איך געטראָפן די לערערין רעגינע הארט, וועלכע איז געבליבן ביים לעבן און איז אויך אָנגעקומען קיין ישראל.

ווי אָפט דערמאָן איך זיך אין די יידן פון וואַרשע, פון ביאַליס־טאָק, באַראַנאָוויטש און קלעצק, און פון די פיל הונדערטער טויזנטער יידישע קהלות. איך דערמאָן זיך אין די שילער און שילערינס פון דער קלעצקער נישט־פולער מיטלשולע, די תלמידים מיינע, וועלכע האָבן געחלומט צו זיין צווישן די בויערס פון ישראל און האָבן נישט דערלעבט. דער גרויסער אכזריותדיקער שטורעם האָט אַרויסגעריסן די יונגע בלימעלעך איידער זיי האָבן אויפגעבליט...

א שטים פון „בונד"

...די כלי קודש געוועלטיגט דאָ (אין קלעצק) ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. די ישיבה האָט פאַרשפּרייט אירע פליגעל אויף אַלע געביטן פון היגן יידישן לעבן. איר קאַמף איז הויפּטזעכליך געצילט קעגן אונז. זי באַמיט זיך צו העצן קעגן אונז מיט אַלע מיטלען, אַפילו אויף דער לעצטער אסיפה פון די ווייבער וואָס די היגע כלי־קודש האָבן גערופן צוליב אַזאַ „האָרבן" און „וויכטיקן" ענין ווי די מקוה, האָט מען אויך געשיט פעך און שוועבל אויף די בונדיסטן. אונזער אַרבעט שטערט מען פון אַלע זייטן. מיר מוזן וועגן יעדער קלענסטער פאַרזאַמלונג אָדער פאָרלעזונג מעלדן מיט 8 טעג פריער דער סטאַראָסטווע.

מתוך ספר „געשיכטע פון אַ יוגענט" י. ש. הערץ, ניו־יאָרק 1946.
„יוגענט וועקער" 1931 (4).

יא. קלעצק אין חוץ־לאַרץ

יהושע האכשטיין / אין אַן עמיגראַנטן־היים
(פּאַראַייניקטע שטאַטן)

יהושע האכשטיין — געבוירן אין ניו־יאָרק, דעם 22טן אויגוסט 1897. לערער פון שפּאַניש און לאַטיין־אַמעריקאַנער געשיכ־טע אין איוועגדער טשיילדז היי־סקול. געווען לעקטאָר אין גראַדואיר־פאַקולטעט פון סיטי קאָלעדזש אין ניו־יאָרקער אוניבערזיטעט. איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער אשכנזיש־יידישע אָרגאַניזאַציע, די „יאָנג מענס היברו אסאסיאיישאַן", אין האַוואַנאַ, קובא, 1918. געווען אין קובא דער ערשטער העברעיש־יידישער לערער, פאַרן אָנהויב פון דער פויליש־יידישער אימיגראַציע נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. מיטגליד פון „יונייטעד סטייטס אָפיס און עדיוקיישאַן", ווי אַ ספּעציאַליסט אין אינטער־אַמעריקאַנער דערציונג. געווען פאָר־שטייער פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פון לערערס אין שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען אין יידיש און שפּאַניש.

„צוקונפט" — מערץ 1947, באַנד 25 נומער 3.
(פּרעמירט פון דעם „צוקונפט" קאָנקורס אויף עסייען).

*

וואָלט איך געבוירן געוואָרן אין מיין פאָטערס קלעצק (אַמאָליקע מינסקער גובערניע) אָדער אין מיין מוטערס קאָוונע, וואָלט מיין בינטל זכרונות געהייסן „מיינע חדר יאָרן". צום וואָרט „חדר" וואָלט שוין איבעריק געווען צוצושטעלן יידיש און דער גאַנצער תוכן פון מיין סיפור המעשה וואָלט געווען לחלוטין אַן אַנדערער. איך וואָלט מסתמא געהאַט צו דערציילן וועגן דעם ערשטן טאָג אין חדר; ווי מ'האָט מיר אַהין געטראָגן איינגעהילט אין אַ טלית; ווי דער רבי האָט מיך און מיינע יום־טובדיקע טאַטע מאַמע מקבל פּנים געווען ווי געהויבענע געסט; ווי ביי מיין ערשטן אויפטו אין דער־קענען אַן „אַלף" האָט אַ „מלאך" מיר אַראָפּגעוואָרפן אַ מטבע, און אַזוי ווייטער לויט דעם גוט באַקאַנטן נוסח. און דאַן וואָלטן געקומען ווייטערע זכרונות מכח די איבערלעבונגען פון אַ יידיש ייִנגל אין חדר; פון דעם רבינס הויז געזינט; פון אַ זעלטענעם קניפּ אין בעקל און דאָס אָפטע מכבד זיין מיט די באַוווּסטע מלקות; פון ל"ג בעומרשן סאָלדאַטעווען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם רבין, דעם גענעראַל; פון תהלים זאָגן ביי אַ קימפּעטאָרינס בעט; פון שבתדיקע פאַרהערן פאַרן פאָטער! און נאָך אַזעלכע בילדער פון חדר קלישע.

איז אָבער מיין וויגעלע, בלשון פון דער אַמאָליקער יידישער מליצה, געשטאַנען ניט אין קלעצק און ניט אין קאָוונע, איך בין גאָר אַ פּראָדוקט פון קאָלאָמבוסעס מדינה, ווי מיין פאָטער ע"ה פלעגט אָנרופן „מיין אַמעריקע". עס זענען נאָך היינט פאַראַן חדרים דאָ אין ניו־יאָרק, און אין מיינע קינדער יאָרן איז דער אַלט־מאָדישער חדר געווען די הויפּט לערן שול אויף דער היגער מזרח יידישער גאַס.

אָבער אַפילו אויב איך וואָלט דאָ געוואָרן אַ חדר תלמיד וואָלט מיין דערפאַרונג שוין אויך קנאַפּ וואָס ענלעך געווען צו דעם וואָס אַ יידיש ייִנגל האָט אין יענע צייטן איבערגעלעבט אין אַ קלעצק אָדער אַ קאָוונע. בפרט אַז איך בין אַפילו דאָ אין אַמעריקע אין קיין חדר ניט געגאַנגען.

כאַפּט אָבער ניט! פון דעם וואָס איך זאָג אַז איך בין אין חדר ניט געגאַנגען, איז נאָך אַלץ נישט געדרונגען, אַז איך בין געווען אַ תלמיד אין אַ תלמוד־תורה, אָדער גאָר אין אַ יידישער שול. ראשית, איז אין יענע צייטן די יידישע שולע דאָ אויף דער וועלט נישט געווען; און ווען אַפילו יאָ, איז גאָר אָפּגערעדט, אַז מיין טאַטע זאָל מיך לאָזן גיין אַהין לערנען. פון קלעצק האָט מיין טאַטע נישט געבראַכט מיט זיך קיין אַנדער יידישע אידעאָלאָגיע, ווי די וואָס מיין זיידע, ר' שמעון זעליג, האָט אים מיטגעגעבן אין די ווערטער ביים אַרויספאָרן קיין אַמעריקע: „הער זיך איין משה! אויב דו וועסט זען, אַז דער קלעצקער הימל ענדיקט זיך ערגעץ־ווו, וועסטו וויסן, אַז דאָרט איז פאַראַן אַן אַנדער גאָט; און טאָמער ציט זיך אַלץ דער זעלביקער הימל, וועט עס זיין אַ סימן, אַז וווּ דו וועסט זיין, וועט זיין דער זעלביקער אונזער גאָט".

און ביי דער אידעאָלאָגיע איז מיין טאַטע געבליבן פולע 100% זיין גאַנץ לעבן. האָט דאָך פון אַ יידישע שולע קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל מיר ווייסן דאָך, אַז פאַר דער יידישער שולע האָט זיך דער „קלעצקער הימל" שוין גראָד יאָ געהאַט געענדיקט.

און וואָס איז שייך תלמוד תורות איז כאָטש ניואָרק האָט זיי דעמאָלט יאָ געהאַט האָט מיין פאָטער אין זיי ניט געשיקט מיך לערנען. גלויב איך, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס אין זיין קלעצק (און אפשר בכלל אין זיינע צייטן אין אַלטן רוסלאַנד), זיינען תלמוד תורות געווען קהלשע לערן אַנשטאַלטן פאַר אָרעמע קינדער, פאַר וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט צאָלן שכר לימוד. פאַר אים איז די תלמוד תורה ניט געווען גענוג, כדי מיט איר יוצא צו זיין. דאָס שכר לימוד איז דאָרט געווען צו ביליק און דאָס לערנען אויף יעדן תלמידס חלק צו ווינציק לויט זיין באַגריף, כדי ער זאָל באמת קאָנען מקיים זיין די גרויסע מצוה פון חנוך הבן. מיין טאַטע האָט הייליק געהאַלטן זיין התחייבות צו געבן זיין בן־יחיד אַ יידישע דערציונג. ער האָט אָבער צו דער צייט פון מיין ווערן אַ חדר ייִנגל זייער קנאַפּ געוווּסט וועגן די נייע שטרעמונגען אין העברייאישן חנוך, וואָס האָבן שוין אַפילו דעמאָלט דאָ גענומען זיך באַווייזן. אין זיין קלעצק, ווייזט אויס, ביז זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, איז נאָך נישט געווען קיין סימן פון דער מאָדערנער חנוך־באַוועגונג; און דאָ אין לאַנד, איז ער געווען צופיל פאַרנומען מיט דאגות פרנסה ווי אַלע אימיגראַנטן, כדי צו האָבן צייט פאַר אַן אויסברייטערונג פון זיין יידישער קולטור. אַלס טעטיקער מיטגליד פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז געווען אַ שטיקל קלעצק אין דער יידישער אימיגראַנטן

געטאָ פון דער „איסט־סייד" האָט ער קולטורעל און גייסטיק זיך אויסגעלעבט אין אַ ניט פיל געענדערטן המשך פון קלעצק, אַ קליין און פּאַרצייטיק פרום שטעטל אין ליטע.

אַ דאַנק טאַקע אָבער אָט דעם המשך פון קלעצק אין ניו־יאָרק האָב איך שוין געהאַט באַקומען אַ היבשע יידישע דערציאונג אַ סך פריער, איידער איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי אַ רבין. ראשית האָבן מיינע העלטערן גערעדט בלויז יידיש, אי אין שטוב, אי אויף דער גאַס. יידיש האָב איך גערעדט און פאַרשטאַנען פריער ווי ענגליש. והשנית, אַזוי ווי אונזער שטוב איז געווען אַ בית ועד פאַר קלעצקער לאַנדסלייט, בפרט שבתים, ווען מען פלעגט קומען אויף טיי, האָב איך זיך געהאַט אָנגעהערט אַ וועלט יידישן פאָלקלאָר דק"ק קלעצק. עס פלעגן צו אונז קומען אין יענע יאָרן ווען מיר האָבן געוווינט אויף הענרי סטריט צוויי כתות טיי טרינקער: איינע פרייטיק צו נאַכט, און די אַנדערע שבת בייטאָג. פאַר די טיי געסט פלעגט זיך מיין מוטער גרייטן ווי פאַר די שענסטע אורחים. פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט זי אָנזידן דעם גרויסן קופּערנעם טאָפּ מיט אַ קראַן ווי אַ סאַמאָוואַר, וואָס האָט געהאַלטן פינף גאַלאָן וואַסער. אַרום דעם גלאַזונעם טאָפּ אויפן קוילן אויוון אין ווינטער אָדער גאַז אויוון אין זומער, זענען געשטאַנען אויף בלעכן, איבער די פייערן עטלעכע יוצרי משרתים — קלענערע טעפּ מיט געזאָדן וואַסער, כדי עס זאָל חלילה אום שבת ניט ווערן אַ טריקעניש אין מיטן דער סדרה פון טיי טרינקען.

די צוויי כיתות טיי טרינקער זענען געווען פאַר מיר ממש ווי ישיבות פון אַ תורה שבעל־פה איבערן יידישן לעבן אין אַ קליין רוסיש־ליטוויש שטעטל. יענעם לעבן האָב איך קיינמאָל נישט געזען, און היינט איז דאָס שטעטל גופא אָפּגעמעקט פון דער ערד. בלויז דורך די אויגן פון אַנדערע — קלעצקער לאַנדסלייט אָדער יידישע שרייבער — איז מיר ווען עס איז מעגלעך געווען יענע שוין פאַרשווונדענע יידישע וועלט צו דערקענען און באַזוכן אין דער פאַנטאַזיע. מיטן טיפסטן אינטערעס פלעג איך מיך צוהערן צו די שמועסן, וואָס האָבן זיך געוועבט איבער די פאַרעדיק הייסע גלעזער טיי. עס זענען געווען צווישן די טיי טרינקער ועמענס סאַרווער איך האָב געהאַט די פּריוועלעגיע צו זיין און דערפאַר אויך צו זיין שפּעט פרייטיק צו נאַכט, זייער גוטע דערציילער. מיין פאָטער האָט געהאַט א באמת רייכע קראַפט צו שילדערן זיין באַליבט קלעצק וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, כאָטש ער האָט עס פאַרלאָזט אַלס זעכצן יעריק בחורל. קלעצק איז תמיד געבליבן זיין באַליבסטע טעמע, און אַזויפיל האָב איך מיר געהאַט אָנגעהערט פון אים וועגן זיין געבורטס־שטעטל, אַז ווי אַ קינד האָב איך זיין קלעצק בעסער געקענט ווי מיין אייגן „שטעטל" ניו יאָרק. לויט זיינע דערציילונגען, וואָלט איך לייכט געקענט אויסמאָלן קלעצק מיט אירע שטיבלעך און געסלעך, מיט איר מאַרק און קלויסטער. מיר פלעגט זיך אָפּט אויסדוכטן, אַז איך בין טאַקע באמת געווען ביים דאַווענען אין איר גרויסער „קאַלטער שול" און אַליין געזען דעם וווּנדער פון אירע בלישטשענדיקע הענג־לייכטער. און, להבדיל, אין דער שטאָטישער באָד בין איך געווען געניט און אַלע ווינקלען און אויף יעדן טרעפּל פון איר פאָל. און מיר זענען געווען ווי פּערזענלעך באַקאַנט אַלע חשובע בעלי־בתים פון קלעצק, אירע שיינע יידן, אירע לומדים און עסקנים, ווי אויך איר קאָלירפולער „עמך" און זייערע פאַרשידענע דאַוון שולן אָדער קלויזן.

און נאָך ווירקלעכער איז פאַר מיר געוואָרן דאָס קלעצק, וואָס איך האָב אַזוי דערקענט על פי השמועה, אין דער היגער קלעצקער שול, וווהין איך פלעג גיין מיט מיין פאָטער דאַווענען, ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל. אויף העסטער סטריט האָט זיך די שול געפונען אויפן ערשטן שטאָק פון אַ פאַבריק־געביידע. איבער דער שול איז געווען אַ קליידער פאַבריק, ווו די ניי מאַשינען פלעגן הוזשען אום שבת, און דוקא צום רווישיקסטן בשעת ר' פרץ, דער זיסער בעל תפילה, פלעגט זיך צוגייען אין אַ סענטימענטאַלן „ושמרו בני ישראל את השבת". מיר איז דעמאָלט קלאָר געווען, אַז אויבן אין שאָפּ האָבן קיין קלעצקער נישט געקאָנט זיין!

דערפאַר, אָבער, פלעגט מיין קינדערשע פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלען דאָס העסטער־סטריט קלעצק, ארעם, בלוטיק און עסטעטיש — דלפונדיק אין דאָס אמתע קלעצק, וואָס האָט דעמאָלט אין מיינע אויגן געהאַט אַלע זיבן חנען, אַפילו מיט אירע בלאָטעס און קבצנות, וואָס די שמועסן בשעתן טיי טרינקען האָבן גראָד נישט פאַרהוילן. ביים דאַווענען פלעגן די לאַנדסלייט האָבן אַ טבע איבערצודערציילן די מנהגים פון דערהיים און דערמאָנען זיך אָן די פירונגען דאָרט. זיינען מיר אַזוי גוט באַקאַנט געוואָרן דער קלעצקער רב, די פּני פון שול, אירע גבאים און איר שמש און די בעלי תפילות, וואָס האָבן נאָך געהאַט זייערע פּאַטריאָטן צווישן די העסטער סטריט קלעצקער.

דער קאָנטראַסט צווישן דעם אָריגינאַל און דער קאָפּיע פון קלעצק איז מיר בולט געוואָרן נישט נאָר ביים דאַווענען אונטערן הוזשען פון שבתדיקע ניי־מאַשינען; עס איז מיר נאָך קלאָרער געוואָרן ביי די שבת־צו־נאַכטיקע פאַרזאַמלונגען פון דער קלעצקער חברה צו וועלכע איך פלעג מיטגיין מיטן טאַטן. זיי פלעגן טאַקע פאָרקומען אין דער זעלביקער שול אויף העסטער סטריט. אָבער האַבנדיק זיך אָנגעהערט אַ סך מכח די באַרימטע אספות אין קלעצק האָב איך דאָ ביי די ניו־יאָרקער „מיטינגען" ווי זיי האָבן שוין געהייסן ביי די לאַנדסלייט דערפילט דאָס ערשט ביסל אַמעריקאַניזאַציע. פון דער גאַנצער פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע ביי די פאַרזאַמלונגען האָב איך מסתמא מער ווי „ברודער פּרעזידענט" נישט פאַרשטאַנען. איך מוז אויך צוגעבן „ברודער סעקרעטאַר", ווייל מיין פאָטער איז געווען ברודער סעקרעטאַר. אָבער איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז אין דער גרויסער „קאַלטער שול" אין קלעצק איז קיין ברודער פּרעזידענט ניט געווען בנמצא.

מיט דעם באַגאַזש פון יידישע איבערלעבונגען, כאָטש מער אין דער פאַנטאַזיע ווי אין דער ווירקלעכקייט, בין איך אָנגעקומען צו מיין ערשטן רבין. איך גלויב, אַז מיין היים־סביבה איז אין דער אמתן געווען אַ מין כרעסטאָמאַטיע אָדער אַנטאָלאָגיע פון יידישן לעבנס־שטייגער, און האָט אויף מיר געלאָזן אַ סך אַ טיפערן רושם ווי די קורסן פון יידישער ליטעראַטור אין די איצטיקע יידישע שולן. פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך, אַז בשעת איך בין געקומען ווי אַ לייענער צו דער יידישער ליטעראַטור, איז מיר שוין איר וועלט געווען אַ אייגענע, אַ וווּיל און אינטים באַקאַנטע. איך האָב ניט געפילט קיין שום איבעררייס, קיין חילוק צווישן זיך און יענער וועלט, וואָס איך האָב באמת קיינמאָל נישט געזען.

אין מיר האָט פולבלוטיק געלעבט די אַמעריקאַנער וועלט; אָבער עס האָט אויך געהאַט טיפע וואָרצלען אַ גאָר אַן אַנדערע סאָרט וועלט — די וועלט פון שלום עליכם. און דערפאַר איז פאַר מיר אויך געווען גאַנץ נאַטירלעך די אַנטוויקלונג, וואָס יענע וועלט האָט דורכגעמאַכט אויף מיין מאַרשרוט דורך דער יידישער ליטעראַטור.

ב

מיין ערשטער רבי, דער שמש פון דער היגער קלעצקער שול, האָט מיר איבערגעלאָזן אַ דעראינערונג אַזייער אַן אַמוזירנדיקע, אָבער גאָר קיין תורה נישט. נאָך דריי חדשים האָט ער מיך אויפגעגעבן ווי אַן ערב־געשמדטן. איך געדענק נאָך היינט דעם בייזן קלאַפּ מיט וועלכן ר' אהרן שימשעס, ווי ער האָט געהייסן, האָט פאַרמאַכט דעם סידור ווען מיין מוטער, ע"ה, האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי ווי זי האָט מיך יענעם טאָג געהאַט איינגעשריבן אין „פּאָבליק סקול"

וועט מען מוזן בייטן די לערנצייט אויף אַ שפּעטערע שעה. „איר גייט אים שמדן און מער לערן איך נישט מיט אים". אַזוי איז אָפּגעלאָפן די גראַדואיר־צערעמאָניע, אָדער דער סיום פון מיין ערשטן פאָרמעלן קורס יידישע למודים.

קיין גרויסע אבידה, ווי איך האָב שוין אָנגעוווּנקען איז פאַר מיר נישט געווען דער פּלוצלינגער גט, וואָס מיין ערשטער רבי האָט מיר אַ וואָרף געטאָן. פאַרוואָס ער האָט אַזוי רעאַגירט אויף מיין אַריינטרעטן אין דער „פּאַבליק סקול" איז מיר ניט קלאָר. איך בין זיכער אַז צוליב אידעאָלאָגיע איז עס ניט געווען, ווייל ס'איז געווען לאַנג, לאַנג פאַר דער ישיבה באַוועגונג אין אונזער חינוך וועלט; און אַלע אַנדערע תלמידים זיינע זענען דאָך אויך געגאַנגען אין דער אַלגעמיינער פאָלקס־שול. דער אמת איז, אַז ר' אהרן האָט צווישן זיינע קלעצקער לאַנדסלייט נישט געשמט פאַר אַ ייד אַ חכם. מ'דערציילט, למשל, וועגן איינעם זיינעם אַ באַרימטן אויסברוך ביי אַ פאַרזאַמלונג פון דער חברה, ווען ער האָט געוואָלט בעטן אַ הוספה צו זיינע שכירות: „ווי אַ שמש, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס האָב איך ביי אייך? אַ בר מינן אָדער צוויי איין מאָל אין אַ שמיטה?" נו, די לאַנדסלייט זיינען נאָך געווען יונגע מענטשן אין יענע יאָרן!

ווי איז עס געקומען אַז מיין טאַטע זאָל מיר נעמען אַזאַ רבין? ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, איז דאַן מיין פאָטער נישט געווען באַהאַוונט אין הלכות חינוך. ר' אהרן האָט געהאַלטן אַ חדר אין דער קלעצקער שול; אָבער לערנען מיט מיר איז ער געקומען צו מיר אין הויז, ווייל מיין פאָטער האָט זיך ניט באַנוגנט מיטן ביסל לימוד, וואָס וואָלט אויסגעפאַלן אויף מיין חלק אין אַ תלמוד־תורה קלאַס, אָדער אין אַ חדר כיתה. יענע יאָרן פלעגן מלמדים קלאַפּן אין די טירן ווי פּעדלער. מיטן סידור אונטערן אָרם, פלעגן זיי אַרומגיין אָנבאָטן עברי פאַר אַ קוואָדער אַ וואָך. מיט ר' אהרנען האָט מיין פאָטער אָפּגעמאַכט, ער זאָל מיט מיר לערנען אַ שעה אַ טאָג, און אים באַצאָלט אַ היפּשן שכר־לימוד פאַר יענע צייטן!

ר' אהרן איז געווען אַ אַלט מאָדישער ייד, וואָס איז געווען אַ מלמד, ווייל ער האָט צו קיין אַנדער זאַך נישט געטויגט. געוויינלעך, האָט אַזאַ ייד אויך נישט געטויגט צו מלמדות; און דאָס איז געווען 100% אמת וועגן מיין ערשטן רבין. מער ווי אַ צעקאַליעטשעטן עברי האָט ער אויך נישט געקענט. דעם סדר התפילות האָט ער פאַר־שטייט זיך יאָ געקענט. איז ער דאָך געווען אַ ייד, וואָס האָט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. יאָרן נאָכאַנאַנד איז ער אויך געווען אַ שול שמש. אָבער ווייטער ווי פון סידור אָדער אפשר אַ פּסוק חומש מיט אַ הילצערנעם טייטש איז קיין תלמיד ביי אים קיינמאָל בישט דערגאַנגען. דאָס פלעגט אים אָבער נישט אָפּהאַלטן יאָרן שפּעטער פון אָנצעווייזן אויף אַ אַמאָליקן תלמיד, וואָס איז שוין געווען אַ דאָקטאָר צו אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ דענטיסט: „איר זעט דעם דאָקטאָר? ער האָט זיך ביי מיר געלערנט!"

כנגד מיין רבין, איז מיין פאָטער געווען אַ ייד אַ למדן. איך קאָן נישט זאָגן אַז ער איז געווען אַ העברייער; אויך נישט קיין תלמוד קענער. ער האָט אָבער יאָ געהאַט אַ ידיעה אין די קליינע פּינטעלעך; געקענט לערנען אַ פּרק משניות; פון חומש מיט רש"י און עין יעקב איז דאָך אָפּגערעדט; און דורך די הפטורות האָט ער געהאַט אַ נישטקשהדיקע ידיעה אין תנ"ך; כאָטש נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער סופר האָט מיין טאַטע גוט געקענט די קונסט פון שרייבן די פיר קאַנטיקע אותיות'לעך אויף פּאַרמעט, און האָט טאַקע אויך אָנגעשריבן אַ ספר־תורה. און ביי מיר געפינט זיך זיינע אַן אייגענע געשריבענע פּורים־מגילה. ביי זיינע לאַנדסלייט האָט ער געשמט פאַר אַ קינסט־לער אַ בעל קורא און בעל תקיעה און איז אויך געווען אַ שיינער בעל תפילה. מבינים פלעגן זאָגן אויף אים, אַז ער איז געווען אַ בקי אין נוסח התפילה.

אין שטוב ביי אונז איז געשטאַנען אַ אַלמער ספרים, אין וועלכע מיין טאַטע האָט יעדן אָוונט אַריינגעקוקט. איך געדענק גאַנץ גוט, אַז די ספרים זענען תמיד געווען די צירונג פון שטוב און דעם אַלמער האָט מען אין יעדער דירה צוגעטיילט דעם ערנפּלאַץ. אין זאַל זענען געהאָנגען די בילדער פון ווילנער גאון, ר' יצחק אלחנן, משה מאָנטעפיאָרע און ד"ר הערצל. שוין אין מיינע קינדער יאָרן האָט איך געוווּסט ווער זיי זענען געווען. און אַזוי ווי איך האָב זייער אָפט געהערט מיינע עלטערן דערמאָנען זייערע נעמען און ריידן וועגן זיי מיט גרעסטן יראת הכבוד, זענען זיי אויך פאַר מיר געווען גדולים. ביז היינטיקן טאָג קאָן איך נישט פאַרגעסן די געדריקטן שטימונג, דעם אמתן טרויער, ממש די אבלות, וואָס האָט געהערשט ביי אונז, ווען ד"ר הערצל איז געשטאָרבן. איך האָב נאָך דעמאָלט קיין יידישע צייטונג נישט געלייענט; אין קיין תלמוד תורה אָדער יידישער שול פונעם לערער נישט געהערט קיין הספד אויפן פריצייטיקן טויט פון דעם ציוניסטישן פירער. ר' אהרן האָט אַזאַ ענין נישט געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקן מאָמענט אין דעם חינוך פון אַ יידישן קינד. האָדע־וועגדיק זיך אין אַזאַ היים סביבה בין איך אָבער געווען אין אַ גרויסער מאָס אימוניזירט קעגן דער מוראדיקער עם־הארצות, וואָס דער טיפּ מלמד ווי ר' אהרן האָט איינגעפּלאַנצט מער ווי אין איין דור אַמעריקאַנער יידישע קינדער.

אין מיינע קינדער יאָרן, האָט נאָך נישט עקסיסטירט די יידישע שול באַוועגונג און זי האָט אויך נאָך איר אויפקום ביי מיין פאָטער קיינמאָל נישט אַרויסגערופן קיין סימפּאַטיע. אָבער יידיש איז געווען די רייד, לייען און שרייב־שפּראַך ביי אונז אין דערהיים. די טעגלעכע יידישע צייטונג איז תמיד געווען אויפן טיש; בריוו אויף יידיש זענען אָנגעקומען כמעט יעדן טאָג, און מ'האָט יידישע בריוו כסדר געשריבן; און מיין פאָטער ווי אַ פינאַנץ אָדער פּראָטאָקאָל־סעקרע־טאַר פון דער קלעצקער חברה האָט די ביכער געפירט אויף יידיש. דאָס איז פאַר מיר געווען דער ווירקעדיקסטער יידישער לערער, ווייל יידיש איז געווען די שפּראַך פון מיין משפחה האָט שוין נישט אויסגעמאַכט, וואָס איך בין אין קיין יידישער שולע בישט געגאַנגען. נישט נאָר בין איך זייער יונג געוואָרן אַ טעגלעכער לייענער פון אַ יידישער צייטונג. עד היום איז די יידישע פּרעסע־טאָג צייטונג אָדער זשורנאַל — אַ מוז פאַר מיר. עס ציט מיך צו לייענען יידיש צוליב דעם עונג רוח, וואָס די שפּראַך אַליין פאַרשאַפט מיר און איך בין להוט נאָך דער בעאָבאַכטונג פון דער יידישער ווירקלעכקייט דורך די אויגן פון יידישע שרייבער. און כאָטש מיין טעגלעכע באַשעפטיקונג פאָדערט, אַז איך זאָל לייענען פעריאָדישע אויסגאַבן אויף אַ פאַר שפּראַכן חוץ ענגליש, איז מיין טאָג נישט גאַנץ אָן יידיש לייענען. דאָס זעלביקע איז מיט העברעיש; אָבער דאָ איז שוין די סיבה אַן אַנדערע, ווייל איך בין אַ ביסל שפּעטער זוכה געווען אָנצוקומען צו אַן אויסערגעוויינלעכן העברעישן לערער — אפשר דעם סאַמע באַגאַבטעסטן לערער אין מיין גאַנצער לאַנגיאָריקער דער־פאַרונג, ווי אַ תלמיד אָדער סטודענט. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל לחוד.

ג

דער נס — און איך האַלט מיין העברעישן חינוך ממש פאַר אַ נס — האָט געטראָפן טאַקע ווי עס האָט זייער געפּאַסט אין דער ירושלים דאמעריקע — בראָנזוויל. איך בין געוואָרן ניין יאָר אַלט, ווען מיר זיינען געוואָרן בראַנזווילער תושבים, ווייט מחוץ דער קלעצקער פעריפעריע, האָט שוין מיין פאָטער נישט געקענט גיין אין דעם פון די לאַנדסלייט אויסגעטראָטענעם וועג. וואָס האָט אין יענע יאָרן געפירט צו ר' אהרן שימשעס חדר. איז ער אַוועק זיך

אָנפֿרעגן אין דער „סטאַאַן עוועניו" תּלמוד תּורה. און מײַן פֿאָטער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט דעם נויטיקן בטחון אין אַ תּלמוד תּורה, האָט ער מיך אָפּגעגעבן ווי אַ פּריוואַטן תּלמיד צו ר' ישראל לעווין, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונגערמאַן, אַ שוועסטער־קינד פֿון דעם העבּרעיִש־יידישן שרייבער י. ד. בערקאָוויטש, און אַליין אַ דיכטער אין ביידע לשונות. ווי אַ תּלמוד תּורה לערער האָט ר' לעווין צו מיר ערשט געקאָנט קומען שפּעט אין אָוונט. לויט אַלע כּללים פֿון חכמת הפּעדאַגאָגיע האָט מײַן נייער חינוך נסיון געדאַרפֿט זײַן אַ דורכפֿאַל. אַ גאַנצן טאָג פֿון 9 ביז 3 בין איך געגאַנגען אין „פּאַבליק סקול"; דאַן געמאַכט די אויפֿגעגעבענע הויז אַרבעט אי פֿון „פּאַבליק סקול" און אי וואָס איך האָב געדאַרפֿט צוגרייטן פֿאַרן העברייאישן לערער דעמזעלביקן אָוונט. און ערשט אַ זייגער ניין פֿלעגט ה' לעווין קומען מיט מיר לערנען.

וואָס האָב איך געלערנט? דקדוק און תּנ"ך; העברייאישע קאָמ־פּאָזיציע און ריידן; יידישע געשיכטע (אויף העברייאיש) העבּריי־אישע ליטעראַטור און מפרשים פֿון תּנ"ך ווי רש"י און דעם ביאור. נאַטירלעך איז דאָס צוגעגאַנגען בהדרגה. לויט אַ מייסטערישער פֿאַרשטענדעניש פֿון קינדער פּעדאַגאָגיק וואָס ה' לעווין האָט פֿאַר־מאָגט ניט ווי אַ טעאָרעטיש אויסגעלערנטן פֿאַך, נאָר אַ דאַנק זײַן קינסטלערישן חוש. דערפֿאַר האָט ער מצליח געווען אײַנפּלאַנצן אין מיר דעם חשק צו לערנען און בייקומען די אומגינסטיקע אומשטענדן אין וועלכע איך האָב פֿינף מאָל אַ וואָך גענומען מײַנע לעקציעס אַזוי שפּעט ביי נאַכט. און חוץ דעם אויך שבת און זונטיק, די צוויי טעג וואָס איך בין פֿריי געווען פֿון סקול האָב איך דאָ געהאַט מער צייט אָפּצוגעבן זיך מיט מײַנע יידישע לימודים.

ה' לעווינס כּח איז געלעגן נישט נאָר אין זײַן רייכער לערער שפּראַך און איר ליטעראַטור, נאָר בכלל אין זײַן אידעאַליסטישער איבערגעגעבנקייט צו זײַן באַרוף, און די איבערגעגעבנקייט האָט נישט טאַלאַנט, נישט נאָר אין זײַן גרויסער מומחיות אין דער העברייאישער געוווּסט קיין גרענעץ, בפּרט ווען דער תּלמיד איז איִם אַנטקעגנגע־קומען מיט אַ ווילן צו לערנען. דעמאָלט האָט פֿאַר ה' לעווין נישט עקזיסטירט קיין זייגער לויט וועלכן אָפּצומעסטן די לערן צייט. ער האָט געגעבן אַזויפֿיל, וויפֿל דער תּלמיד האָט נאָר געקענט נעמען.

עס איז שוין אַ קיימאַ לן פֿון וואָסערע 35 יאָר, זינט איך בין געווען זײַן תּלמיד, אָבער ביז הײַנטיקן טאָג איז פֿריש אין מײַן זכרון, אין אַלע מײַנע חושים, דער עונג שבת וואָס מײַן וועכנטלע־כער באַזוך ביי מײַן לערער האָט אין יענע יאָרן פֿאַר מיר געמיינט. כאָטש ווען איך בין עלטער געוואָרן בין איך געגאַנגען צו מײַן לערער צו נעמען מײַנע לעקציעס, איז דער שבתדיקער באַזוך תּמיד געווען אַ באַזונדערע איבערלעבונג.ער האָט געהאַט אַ באַזונ־דערן טעם. עס איז נישט געווען אַ פֿאָרמעלער שיעור; עס איז געווען אַ שבתדיקער געזעלשאַפֿטלעכער באַזוך. פֿרוי לעווין פֿלעגט סערווירן טיי מיט אייגענער געמאַכטער וואַרעניע. אַרום גרויסן טיש אין עס זאַל זענען מיר געזעסן, און דער שמועס וועגן די נייעס פֿון דער וואָך און פּערזענלעכע ענינים האָט זיך געפֿירט אין יידיש, ווייל פֿרוי לעווין האָט נישט גערעדט קיין העברייאיש.

יענע שמועסן זענען אויך געווען לעקציעס אין יידיש פֿאַר מיר, ווייל די יידיש שפּראַך איז ביי די לעווינס געהאַלטן געוואָרן נישט ווי די שפּחה פֿון העברייאיש, כאָטש די סביבה איז געווען אַ העברייאיסטישע.

ווען איך בין געבליבן אַליין מיט ה' לעווין, איז שוין אונזער שמועס אַריבער אויף העברייאיש! מיר פֿלעגן לייענען צוזאַמען איינעם פֿון זײַנע העברייאישע ביכער, אָדער ער פֿלעגט מיר אויפֿ־קלערן דעם תּוכן פֿון אַזאַ בוך, וואָס איז געווען איבער מײַנע אייגענע „העברייאישע" כּוחות אין יענער צייט; שבת בייטאָג פֿלעגן מיר אַזוי מאַכן אַ גייסטיקן שפּאַציר. אַפֿילו יום כּפּור, דעם שבת שבתון פֿון יאָר, פֿלעג איך עטלעכע שעה בייטאָג אַוועקלאַקחענען ביי די יוצרות און פּיוטים, כּדי צו פֿאַרברענגען מיט מײַן לערער אין אַ שמועס מעניני דיומא. אַפֿילו מײַן פֿאָטער, אַ שטרענג אָרטאָדאָק־סישער ייד, האָט נישט געהאַט אויסצוזעצן קעגן דעם חידוש אין חינוך.

גאַנץ אָפֿט פֿלעגט דער שבתדיקער שפּאַציר אין מײַן לערערס ביבליאָטעק אָפּגעלייגט ווערן אויפֿן אַנדערן טאָג, זונטיק. אַ ווירקלע־כער שפּאַציר. עס פֿלעגט זײַן איינער פֿון מײַנע גרעסטע פֿאַרגע־ניגנס פֿון דער גאַנצער וואָך צו באַגלייטן ה' לעווין צו אַ פֿאַרזאַמ־לונג פֿון דער „מפיצי שפת עבר" אָדער „אחיעבר" אויף איסט בראָדוויי, אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ צו אַ העברעיִשן נשף. איינעם אַזאַ פֿאַל געדענק איך פֿון מײַן ערשטן באַזוך ביי ה' לעווין אין מאַלדאַן, מאַסט. דעם ערשטן זומער נאָך זײַן אַריבערציִען זיך פֿון ניו־יאָרק. איך בין דאַן נאָך נישט געווען פֿופֿצן יאָר אַלט. מיר זײַנען געגאַנגען צוזאַמען צו אַ באַנקעט אין באָסטאָן לכבוד ד"ר לעא וואָלפֿסאָן פֿון האַרוואַרד אוניווערזיטעט. איך געדענק נישט גענוי, צי ער איז דעמאָלט געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָר אין האַרוואַרד, אָדער מ'האָט געפּייערט זײַן באַקומען דעם דאָקטאָר טיטל. דער באַנקעט איז געווען אַ העברייאישער אָוונט, און דערפֿאַר האָבן זיך אַלע געסט אינטערעסירט מיט דעם פֿאַקט, וואָס ה' לעווינס אַ ניו־יאָרקער תּלמיד איז געקומען צו אים צו גאַסט. דאָס איז נישט געווען אַ אָפּטע דערשיינונג ביי יידישע לערער. האָט דערפֿאַר דער פֿאָרזיצער באַרעכנט, אַז מיר קומט אָן עליה: דאָס הייסט אָן שום מסירת מודעה האָט ער מיר פֿלוצים אויפֿגערופֿן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. איך קאָן איצט נישט געדענקען גענוי, אויף ווי ווייט איך האָב דעמאָלט מחלל געווען בפּרהסיא די העברייאישע שפּראַך. נאָר איר קאָנט אײַך לייכט פֿאָרשטעלן, אַז צו געלונגען האָט מײַן „רעדע" נישט געקאָנט אַרויס־קומען אונטער די אומשטענדן פֿון אַזאַ פֿלוצימדיקער איבעראַשונג.

מײַן מוטער איז געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון מײַן פֿאָרשריט אין יידישע לימודים; אָבער ווי אַ טיף פֿרומע פֿרוי פֿון אַלטן שניט האָט זי געהאַט אירע ספֿקות. ראשית, האָט מיר ה' לעווין נישט געלערנט דאַוונען און אויך קיין מצוות מעשיות. איך האָב געלייענט ביכלעך אַנשטאָט צו זאָגן עברי. נאָר פֿונדעסטוועגן, אַז ס'פֿלעגט קומען צו פּורים און חנוכּה ווי אויך די שלוש רגלים האָט זי אַזוי גוט ווי מײַן פֿאָטער מקיים געווען די מצוות פֿון שיקן דורך מיר עפּעס לכבוד יום־טוב צום לערער — ווײַן, פּרוכטן צי געבעקס — און איך פֿלעג ממש האָבן הנאה פֿון דער שליחות.

נאַטירלעך האָבן זיך מײַנע עלטערן געגרייט צו מײַן בר־מצווה. עפּעס האָבן זיי דאָך געהאַט מער רעכט אויף דעם, ווי די וואָס שיקן זייערע יינגלעך אין די בר מצווה פֿאַבריקלעך ערשט כּמעט ערב דעם דרייצנטן געבוירנטאָג. פֿונדעסטוועגן, האָב איך קיין „ספּיטש" ניט געהאַלטן, ווייל מיר איז די פּוסטע צערעמאָניע דערווידער געווען. פֿאַרקערט, ביי דער סעודה, וואָס מײַנע עלטערן האָבן געפּראַוועט, האָבן רעדעס געהאַלטן מײַנע לערער און אַנדערע געסט, בני תּורה, וואָס האָבן טאַקע געהאַט וואָס צו זאָגן, אַנשטאָט נאָכצוזאָגן ווי אַ בר מצווה בחורל. איך האָב מיך אַפֿילו אויפֿגערופֿן אַ דאָנערשטיק אין דער פֿרי, דעם סאַמע טאָג ווען איך בין נאָכן לוח נאָך דרייצן יאָר אַלט געוואָרן. עד היום קומט ביי מיר פֿאָר די פּאַראַדנע בר מצווה אין די מערסטע פֿאַלן ווי אַ מין עבודה זרה, ווייל אַלעס האָט איר דאָרט, חוץ תּורה און אַפֿילו יידישקייט.

קורץ נאָך מײַן בר מצווה האָט ה' לעווין פֿאַרלאָזן ניו יאָרק און זיך באַזעצט אין מאַלדאַן מאַסאַטשוזעטס, ווו ער געפֿינט זיך עד היום. נאָך עטלעכע יאָר האָב איך פֿאָרמעל געלערנט יידישע לימודים. פֿון ה' לעווין בין איך איבערגעגאַנגען צו ד"ר מאיר וואַקסמאַן, הײַנט

איינער פון די וויכטיקסטע יידישע מלומדים אין אַמעריקע און אַ באַרימטער העברייאישער שרייבער. יידישע געשיכטע און העברייאישע ליטעראַטור האָב איך ביי אים געלערנט, און ביי זיין פאָטער בלויז אַ קורצע צייט תלמוד; אין תלמוד איז דער עלטערער וואקסמאַן געווען אַ צו גרויסער בקי פאַר מיין טאַלאַנט צו דעם לימוד; און אַזוי ווי ער איז געוווינט געווען צו לערנען מיט תלמידי חכמים, איז צווישן אונז נישט געווען קיין פאַסיקער שדוך. גאַנץ אָפט פלעגט זיך אַנטוויקלען אַ הייסע פלוגתא צווישן אים און זיין זון; פלעג איך כאַפּן אַ צענטן וואָרט פון זייער אַמפּערן זיך. אָבער אַפילו בלויז די אווירא פון אַזאַ דעבאַטע איז אויך מחכים ווי די חכמים האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן ארץ ישראל. מיר איז שוין נישט פרעמד געבליבן דער תלמודישער שקלא וטריא.

כאָטש ה׳ לעווין איז שוין נישט געווען אין ניו־יאָרק האָט ער אָבער נישט אויפגעהערט משפיע צו זיין אויף מיר. דאָס איז געווען אַזוי נישט נאָר צוליב דעם טיפן איינדרוק, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אויף מיר, זיין תלמיד, נאָר אויך ווייל צווישן אונז האָט זיך אָנגעהויבן אַ כסדרדיקער בריוו־אויסטויש אויף העברייאיש. אין די פיל יאָרן, וואָס זענען שוין פאַרביי, האָט זיך אָנגעקליבן אַ היבשער ארכיון פון די בריוו, וואָס זענען תמיד געווען מער ווי אַ פריינטלעכער נאָכפרעגן זיך איינער אויפן אַנדערן. איך האָב גאָר אַ סך געלערנט פון די בריוו, וואָס מיין חשובער און ליבער לערער האָט מיר געשריבן, ווייל אין זיי האָבן מיר זיך דורכגעשריבן וועגן כלערליי יידישע אינטערעסן פון אַמאָל און אונזער צייט, פון די לימודים, וואָס איך האָב ביי אים געלערנט און פון מיין העברייאישן און יידישן לייענען אויף מיין אייגענעם חשבון.

מיין לערער, ווידער, האָט אַרומגערעדט מיט מיר זיינע אייגענע אַרבעטן אויפן פעלד פון העברייאיש־יידישער ליטעראַטור. די קאָרעספאָנדענץ וועבט זיך נאָך אַפילו איצט.

ד

מיינע לערן־יאָרן ווי אַ תלמיד פון ה׳ ישראל לעווין האָב איך דורכגעלעבט אין דער יידישער סביבה, וואָס איז דעמאָלט געווען אין בראָנזוויל. דער דאָרטיקער יידישער קיבוץ, ווי דעם לייענער איז גוט באַקאַנט, האָט דעמאָלט און אַ שטיק צייט נאָכדעם געשמט פאַר אַ עיר ואם בישראל. דער בראָנזווילער דרויסן איז אַפילו געווען יידיש. האָט עס אין אַ גרויסער מאָס דערגענצט מיין יידישע דערציאונג. די יידישע שפּראַך האָב איך קיינמאָל פאָרמעל נישט געלערנט, אָבער אין דער היים, ווי אויף דער בראָנזווילער גאַס, האָב איך זי תמיד געהערט. די שכנים האָבן גערעדט יידיש; אין די קלייטן וווּ איך פלעג אָפט גיין אויף אַ שליחות פאַר מיין פאָטער אָדער מוטער האָט מען גערעדט יידיש; די גאַסן הענדלער פלעגן די סחורות און מציאות אויסרופן אויף יידיש. שבת אין שול, וווּהין איך פלעג רעגעלמעסיק גיין מיט מיין פאָטער, האָט מען אויך גערעדט יידיש — די דאַוונער, דער רב, דער חזן און דער שמש. אין גאַנץ בראָנזוויל איז נישט געווען קיין איינציק צייטונגס קיאָסק אָן יידישע צייטונגען. עס איז געווען אַ יידיש וועלטל!

אַ סך פריער ווי איך בין געוואָרן אַ טעגלעכער לייענער פון דער ענגלישער פרעסע, האָב איך שוין לאַנג געהאַט די געוווינהייט צו לייענען אַ יידישע צייטונג יעדן טאָג. דאָס האָט גערייצט מיין נייגעריקייט צום יידישן לעבן אין דער אַלטער וועלט, ווייל די נייעס אין דער יידישער טאָג צייטונג איז דאַך לרוב געווען נייעס פון אַלט דער וועלט. די נייגעריקייט האָב איך געפּרוווט צו באַפרידיקן מיט דער יידישער ליטעראַטור. פון מיין העברייאישן לערער האָב איך תמיד באַקומען דערמוטיקונג צו לייענען יידיש און צו ווערן נעענטער באַקאַנט מיט דער וואַקסנדיקער ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך.

די מאָדערנע ליטעראַטור אי אויף העברייאיש אי אויף יידיש האָט פאַר מיר אויך געעפנט נייע יידישע האָריזאָנטן, אַזעלכע וואָס איך האָב דורך די פענצטער פון מיינע עלטערנס היים נישט געקאָנט דערזען. אין יענער צייט, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט געהערשט דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער שטייגער, וואָס האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיינע פשרות. מיינע עלטערן האָבן ביידע אַ סך מקריב געווען דאָ אין לאַנד ווּהין זיי זענען געקומען ווי זייער יונגע קינדער, (מיין מוטער איז געווען פערצן יאָר אַלט) כדי צו בלייבן געטריי יענעם לעבנסשטייגער. אין דער פעסטונג פון זייער וועלט האָבן זיי זיך געהאַט איינגעשלאָסן און יעדע שטרעמונג אין יידישן לעבן וואָס איז נישט געווען אַבסאָלוט אין הסכם מיט דער יידישקייט, וואָס זיי האָבן געהאַט איבערגענומען בירושה פון זייערע עלטערן און וועלכע איז אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרן אין די עטלעכע יאָר, וואָס זיי האָבן געהאַט געלעבט אין קלעצק און קאָונע, פאַר זייער קומען קיין אַמעריקע, האָט זיך נאַטירלעך ביי זיי אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד. אין זייער היים איז פאַר דעם קיין אָרט נישט געווען.

די ביכלעך אָבער האָב איך נישט געדאַרפט לייענען בגנבה ווי אַמאָליקע ישיבה בחורים אין רוסלאַנד. פונדעסטוועגן האָבן זיי פיל נישט נושא חן געווען אין די אויגן פון מיין מוטער ע״ה, און ווען אין מיינע שמועסן מיט מיינע עלטערן האָבן זיך גענומען אַרויסכאַפּן ביי מיר געדאַנקען, וואָס איך האָב דערטאַפט אין די ביכלעך, די יידישע אַזוי ווי די העברעישע, האָבן זיי גענומען דערקענען אין מיר עפּעס נייע דרכים, וואָס זענען נישט געווען זייערע.

אַ טיפן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט נישט נאָר די ביכלעך וואָס איך האָב געלייענט. אין בראָנזוויל זענען אין יענע יאָרן געוואָרן אַקטיוו יידישע אַרבעטער־פירער, ווי אברהם שיפּליאַקאָוו, וועמען איך פלעג גאַנץ אָפט גיין הערן. עס איז געווען אַ לייבאָר לייסיאום, ווו דער יידישער ראַדיקאַליזם האָט געהאַט זיין צענטער און בפרט במשך די וואַל אַגיטאַציעס, פלעג איך זיך אָפט צוהערן צו די יידישע סאָציאַליסטישע רעדנער, וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן אויך אויף פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן.

איך קאָן אָבער נישט זאָגן, אַז איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון דעם יידישן ראַדיקאַליזם. די הויפּט סיבה איז געווען וואָס נאָך אַפילו דעמאָלט איז דער יידישער ראַדיקאַליזם (אָדער סאָציאַליזם ווי מען פלעגט דעמאָלט זאָגן) אַלץ געווען זייער אָפט אַ ביליקער און טעמלאָזער אָפּשפּעטן פון יידישע ווערטן. עס איז נאָך געווען אַ היבש ביסל חלבנע ליכט אפּיקורסים אין דעם יידישן פריידענקען פון יענער צייט. און אין בראָנזיוויל, ווו אַ קליין ייִנגל האָב איך נאָך בייגעוווינט די יום כפּור באַנקעטן, וואָס מען פלעגט פּראַווען בפרהסיא. כאָטש ווייט נישט קיין למדן, בין איך שוין אָבער געווען צו ווייט פון דער גראָבער ראַדיקאַלער עם הארצות, כדי צו קומען אונטער דער השפּעה פון יענעם מין אַגיטאַציע.

דעם אָרטאָדאָקסישן עקזאַמען האָב איך שוין אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן; און אין דעם האָט אויך געהאַט אַ חלק מיין באַקענען זיך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך בין געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין דעם ציוניסטישן צענטער אין בראָנזוויל, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן, אויב איך בין מיר נישט טועה „דגל ציון“. אַהין האָט מיך געבראַכט מיין חברשאַפט אין דעם העברעישן יוגנט־קלוב „אגודת העברי הצעיר“ וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער דער פירונג פון דעם דעמאָלט יונגען געלערנטן מאיר וואקסמאַן. אין דעם ציוניסטישן קלוב הויז האָב איך דערקענט יידן פון אַ נייעם טיפּ, מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו יידישקייט, מיט אַ טיפער פאַרערונג צו דער יידישער קולטור אויף העברעיש אַזוי גוט ווי אויף יידיש; דאָרטן זענען אויך געווען אַ סך חסידים פון דער יידישער שפּראַך און

ליטעראַטור. דאָרט ביי דעם פאַר מיר נייעם טיפּ ייִדן האָב איך געפונען דעם סינטעז פונעם ייִדישן נוסח — פון דער אַלטער ייִדישער ירושה און דעם מאָדערנעם אויפנעם פונעם ייִדישן לעבן. די ביליקע עם הארצות פון די ראַדיקאַלן האָט מיך אָפּגעשטויסן, כאָטש איך האָב אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון פרײדענקען, וואָס זיי, די אמתע פאַנאַטיקער, האָבן נישט פּראַקטיצירט; דאָס ציוניסטישע שטיין אויפן באָדן פון דער היסטאָרישער ייִדישער קולטור האָט מיך מער צוגעצויגן.

אָפּגעשטויסן — און דאָס מאָל פון דער אָרטאָדאָקסיע — האָט מיך אויך די פרומע היפּאָקריטסטווע און עם הארצות. דאָס האָב איך געהאַט אַ גאָר גוטע געלעגנהייט צו אָבסערווירן אין בראַנזווילס גרעסטער שול פון יענע יאָרן, וואו איך פלעג גיין יעדן שבת מיט מיין טאַטן. דעם מינדסטן שנוי אין סדר התפילה האָט מען נישט דערלאָזן; אָבער שול גבאים פלעגן אום שבת און יום טוב פאַרקויפן בילעטן ביי דער סאַמע הויפּט טיר פון שול. בשעת מעשה זיינען זיי געשטאַנען אין טליתים, האַלטנדיק דעם סידור אָדער מחזור אונטערן אָרעם. און דאָס איז אָפּט אָנגעגאַנגען אין דער זעלבער צייט ווען דער רב פלעגט ריידן פון בימה וועגן „ושמרו בני ישראל את השבת" און מוסרן דעם עולם פאַר לאָזן קינדער זיין אין קינא שבת בייטאָג. גאָלע עם־הארצים זענען געווען די פּני פון שול; מחללי שבת זיינען געשטאַנען אַלס גבאים ביי קריאת התורה און עליות געטיילט. איך ווייס: דער לייענער וועט ניט רייסן קריעה איבער די גוואַלדאָוונע סענסאַציעס וואָס איך אַנטפּלעק דאָ. געדענקט אָבער, דאָס איך רעד דאָ וועגן דער רעאַקציע פון אַ ייִנגל.

אויב קיין תורה און יראת שמים האָב איך אין יענער גרויסער בראַנזווילער שול נישט געלערנט, איז זי אָבער פאַר מיר יאָ געווען אַ לערן שול פון ייִדישער ליטורגישער נגינה. די יאָרן, וואָס איך בין אַהין געגאַנגען מיט מיין פאָטער, איז דאָ געווען חזן ר' יצחק קאַמינסקי ע"ה. קיין סך בעסערן חזן האָב איך נישט געהערט אַפילו צווישן די סאַמע באַרימטסטע עמוד קינסטלער. ווייל מיר איז אויסגעקומען צו זיין אַ שטענדיקער צוהערער צו קאַמינסקיס חזנות — שבת, ימים טובים און אויך ימים נוראים — האָב איך מיר אָנגעהערט אַ רייכן רעפּערטואַר פון חזנות און כאראלער נגינה פון בעסטן מין. מיין אינטערעס איז נאָך מיר פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דעם, וואָס מיין פאָטער איז געווען אַ בעל תפילה און אין דער היים פלעגט מען גאַנץ אָפּט שמועסן וועגן דער חזנישער טראַדיציע און אירע גרויסע פּערזענלעכקייטן. דאָס פאַרשטיין דעם פּירוש המלות האָט רייכער געמאַכט דעם פאַרגעניגן, ווייל עס איז מיר קלאָר געווען די שייכות פון דעם נוסח צו דער תפילה. איך האַלט, אַז חזן קאַמינסקי איז באמת געווען איינער פון מיינע ייִדישע לערער. די ייִדישע ליטורגיע איז תמיד געווען אַ אינטימער טייל פון ייִדישן פאָלקס לעבן און איר נגינה אַ אינטעגראַלער טייל פון זיין ריטם. דערפאַר גלויב איך, אַז חזן קאַמינסקי און זיין כאָר האָבן אָן שום גוזמא דערגאַנצט מיין ייִדישע אויסבילדונג, באַרייכערט און פאַרטיפט זי ביי זיך אין דער נשמה

ה.

דאָס, אין קורצן, איז די געשיכטע פון די ייִדישע לערניאָרן פון אַן אַמעריקאַנער ייִד, וואָס איז געבוירן און דערצויגן אויפן היגן אַמעריקאַנער־ייִדישן באָדן. היינט שטייט ביי אונדז אויף דער טאָג־אָרדנונג ווי איינע פון די סאַמע ברענענדיקסטע פראַגן די חינוך פּראָבלעם פון אונדזער יוגנט. ביי די אָרטאָדאָקסן געשעט נישט קיין נייעס. זיי מאַכן נישט קיין שום פּשרות. אָבער דאָס לעבן איז דאָך אַ פּשרה און צופּאַסונג. דערפאַר זע איך נישט קיין לייזונג פון אונדזער פּראָבלעם דורך דער אָרטאָדאָקסישער פאָרמולע. ביי אונזערע וועלטלעכע דערציער קומט איצט פאָר אַ גרונטיקע איבערוווערטונג פון ווערטן. וווהין דאָס וועט פירן, איז נאָך ניט אין גאַנצן קלאָר. עס ווייזט אָבער אויס, אַז די טענדענץ איז איצט אין דער ריכטונג פון דער טראַדיציע. די וועלטלעכע דערציער זעען איצט איין, אַז זייער שיטה, האָט באַצאָלט דעם פּרייז פון לייכטזיניקער און עם־האַרצות־דיקער ראַדיקאַלעריי, וואָס האָט לאַנג געהערשט אויף אונדזער ייִדישער גאַס. די פּגימה איז נישט געווען אין דעם ראַדיקאַליזם און נישט אין דער וועלטלעכקייט; די צרה איז געווען, וואָס אונדזער ראַדיקאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין ייִדיש און האָט, אַזוי אַרום, פאַרלאָרן יעדע גרונטיקע השפּעה אויף אונדזער המשך, איך מיין אויף אונדזער יוגנט.

איך ווייס נישט אַקוראַט, וואָס פאַר אַן אויספיר איך זאָל ציען פאַר דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון מיינע אייגענע דערפאַרונגען, איך האָב די עטלעכע זייטן אָנגעשריבן, ווייל מיר האָט זיך געדוכט, אַז זייער תוכן קאָן אפשר האָבן אַ קליינעם ווערט פאַר דער ברייטערער באַהאַנדלונג פון דער עיקר פראַגע פאַרן היגן ייִדישן לעבן און פאַר אַלעמען פאַר אונדזער ייִדישן חינוך.

א. אַלפּערין / דער עלטסטער ציוניסט אין אייראָפּע

דער עלטסטער ציוניסט אין אייראָפּע, געפינט זיך (1957) אין ענגלאַנד, און זיין 85טער געבורטסטאָג איז נאָר וואָס געפייערט געוואָרן. דער בעל־יובל איז הרב י. ק. גאָלדבלום, גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד און איינער פון אירע אָנפירער אין משך פון אַלע פאַרגאַנגענע זעכציק יאָר. מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט האָט ער זיך באַקאַנט געמאַכט אין דער ברייטער יידישער וועלט, ווייט מחוץ די גרעניצן פון ענגלאַנד. ער איז ביז איצט איינער פון די פּראָמינענטסטע פיגורן אויף די ציוניס־טישע קאָנגרעסן. די געשיכטע פון זיין לעבן איז די געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון אירע ערשטע אָנהויבן ביז היינט־צו־טאָג. און באַזונדערס גרויסע פאַרדינסטן האָט ער פאַר פאַרשפּרייטן די אידעע פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און פאַר דורכברעכן דעם וועג פאַר אַ מאָדערנעם העברעישן שול־וועזן אין זיין וווין־לאַנד, אין ענגלאַנד. דעריבער טאַקע באַציען זיך צום בעל־יובל, מיט דער גרעסטער אַכטונג און פאַרערונג, די ברייטסטע יידישע קרייזן אין ענגלאַנד.

שוין די צאָלרייכע וואַרימע באַגריסונגען אַליין, וואָס הרב י. ק. גאָלדבלום האָט באַקומען צו זיין 85טן געבורטסטאָג, גיבן אַ בילד פון אָט דער שיינער און פאַרדינסטפולער פּערזענלעכקייט און פון זיינע וויכטיקע אויפטוען פאַרן ציוניזם און פאַר יידישע ענינים בכלל, באַזונדערס, פאַר יידישער דערציונג.

דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד״ר נחום גאָלדמאַן, האָט געשריבן אין זיין באַגריסונג:

„גיט איבער מיינע בעסטע ווונשן צו מיין טייערן פריינט, הרב י. ק. גאָלדבלום, צו זיין 85טן געבורטס־טאָג. ער איז פענאָמענאַל, נישט בלויז מיט זיין וויטאַליטעט און וואַכזאַמקייט, אין זיין עלטער, נאָר, קודם־כל, מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו אַלע יידישע ענינים, בפרט צו מדינת ישראל. זיין לעבן און זיין אַקטיוויטעט וועלן בלייבן אויף אייביק אַ שיינענדיקער ביישפּיל אין דער געשיכטע פון אונזער דור״.

דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין לאָנדאָן, מיטגליד פון בריטישן פּאַרלאַמענט, באַרנעט דזשענער, האָט געגעבן אַזאַ בילד פון דעם בעל־יובל:

„הרב גאָלדבלום איז טיף געשעצט און באַליבט ביי אונז אַלעמען. ער איז אונזער איבערגעגעבענער פירער, וועמעס עצה מיר זוכן ביי יעדער וויכטיקער געלעגנהייט. שוין זיין אָנוועזנהייט אַליין אינספּירירט אונז פאַר ווייטערדיקער אַרבעט לטובת אונזער פאָלק און מדינת ישראל. הרב גאָלדבלום האָט געשפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלביים גרינדן אונזער ציוניסטישע פעדעראַציע מיט זעכציק יאָר צוריק. זינט דעמאָלט שטייט ער כסדר אין דער פראָנט־ליניע פון אונזער ציוניסטישער באַוועגונג און אַלע אירע טעטיקייטן. ער איז איינער פון די צענטראַלע פיגורן אין בריטישן ציוניזם. זיינע באַמיונגען, מיט יאָרן צוריק, צו גרינדן העברעישע טאָג שולן אין ענגלאַנד, ווערן איצט געקרוינט מיט אַ גרויסער דערפאָלג. זיין ראָל אין דעם קאַמף פאַר דער ווידער אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה, ווערט שטאַרק אָפּגעשאַצט דורך די פירער פון ישראל״.

דער וויצע־פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין ענגלאַנד, דר׳ י. ס. פאַקס, דערציילט אין זיין באַגריסונג אַ ביסל מער וועגן הרב גאָלדבלום׳ס פּיאָנערישער ראָל, איינצופירן אַ מאָדערנעם העברעישן חינוך אין לאָנדאָן.

„צוזאַמען מיט זיין הייסער ליבע פאַר ארץ ישראל, גיט זיך אָפּ הרב גאָלדבלום, אין משך פון זיין גאַנצן לעבן, מיט דער העברעישער דערציונגס־אַרבעט. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איינ־געפירט די מעטאָדע פון לערנען „עברית בעברית״ אין זיין תלמוד־תורה אין לאָנדאָן, אין יאָר 1901. אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז אויך אין יענע טעג איז געווען אַ שטאַרקע געגנערשאַפט צו לערנען די מאָדערנע העברעישע שפּראַך אין אַ תלמוד תורה. און הרב גאָלדבלום איז גערופן געוואָרן פאַר דעם בית־דין פון די רבנים אין לאָנדאָן, אָפּצוגעבן אַ חשבון פאַר דער „מאָדנער״ לערן־מעטאָדע, וואָס ער האָט איינגעפירט אין זיין תלמוד־תורה״.

ער מאַכט די דאָזיקע באַמערקונג, דערפאַר, ווייל די ציוניסטן אין ענגלאַנד שטויסן זיך אָן אויך איצט אויף גרויסע שוועריקייטן מצד אַ טייל אָרטאָדאָקסישע קרייזן אין לאָנדאָן, נאָכדעם ווי עס זענען געעפנט געוואָרן עטלעכע ציוניסטישע טאָג־שולן. ער האָט נאָך, אין זיין באַגריסונג אַנדערע גרויסע שבחים צו דערציילן וועגן הרב גאָלדבלום׳ען:

„ער איז אַן אָנערקענטער פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און איז לעצטנס באַקרוינט געוואָרן מיט דעם שיינעם טיטול „ותיק״, אָדער וועטעראַן פון ציוניזם. ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין „פּאַרטיי־מענש״ אין דער באַוועגונג. זייענדיק אַ טיף־רעליגיעזער ייד, האָט ער אָבער אויסגעמיטן אָנצושליסן זיך אין דער מזרחי־פּאַרטיי, ווייל ער קוקט אויפן ציוניזם, ווי אויף אַ באַוועגונג פון כלל־ישראל, פון די ברייטסטע מאַסן, רעליגיעזע אָדער נישט רעליגיעזע. ער איז שטענדיק געווען דערפאַר, אַז עס זאָלן אָפּגעשאַפן ווערן די מחיצות צווישן די באַזונדערע פּאַרטייען אין ציוניזם״.

*

אין דער וואָכנבלאַט „די ציוניסטישע שטימע״, וואָס דערשיינט אין פּאַריז, האָט הרב י. ק. גאָלדבלום דערציילט וועגן זיינע באַגעגע־נישן מיט הערצלען און מיט ווייצמאַנען. הרב גאָלדבלום איז געווען איינער פון די ערשטע אָנהענגער פון דר׳ הערצל׳ען אין ענגלאַנד, און האָט אויפגענומען דעם גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע ביי זיינע ערשטע אַרויסטריטן אין לאָנדאָן, נאָך פאַר דעם ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל, און שפּעטער האָט אים פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינטשאַפט מיט דר׳ חיים ווייצמאַן.

הרב גאָלדבלום שילדערט אין זיינע דעראינערונגען, זיינע ערשטע באַגעגענישן מיט הערצל׳ען, און די רירענדע סצענע, ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט דעם אויטאָר פון „אידענשטאַט״, אויפן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז געווען הערצל׳ס לעצטער קאָנגרעס אויף דעם קאָנגרעס, האָט זיך אָפּגעשפּילט דער דראַמאַטישער קאָנ־פליקט אַרום דעם אוגאַנדע־פּלאַן. הרב גאָלדבלום איז געווען צווישן די געגנער פון אוגאַנדע־פּראָיעקט, הגם ער האָט זיך תמיד גערעכנט אַלס איינער פון הערצל׳ס גרעסטע אָנהענגער.

דערציילט הרב גאָלדבלום:

„אין לעצטן טאָג פון זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, בין איך געקומען צו הערצל׳ען, אים אויסדרוקן פונדאָסניי דעם צוטרוי פון מיר און מיינע חברים. איך האָב אים געבעטן זיך צו פאָטאָגראַפירן מיט דער גרופּע דעלעגאַטן פון ענגלאַנד. הערצל האָט מסכים געווען און געבעטן זיך אויסצושטעלן אויפן הויף ביים קאַסינאָ אין באַזעל, און ווען אַלץ וועט זיין גרייט, זאָל איך אים רופן פון דער זיצונג, ווייל עס איז אים געווען אַ שאָד די צייט צו פאַרלאָזן אויף לאַנג דעם

קאָנגרעס־זאַל. אַ שעה פאַרן שלוס פון קאָנגרעס, האָבן מיר זיך פאָטאָגראַפירט מיט הערצל'ען און מיט זיין מוטער. אין דער דאָזיקער גרופּע זעט מען זאַנגווילן, גרינבערגן, דעם קאָלאָנעל גאָלדסמיט, וועלכער איז געקומען צום קאָנגרעס אַלס גאַסט. גלייך נאָכן פאָטאָגראַפירן זיך האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין זאַל, ווו הערצל האָט געהאַלטן זיין שלוס־רעדע — זיין לעצטע קאָנגרעס־רעדע.

„שוין מער ווי 53 יאָר, זינט איך האָב צום לעצטן מאָל געזען הערצל'ען. יעדעס מאָל, ווען איך שרייב וועגן אים, זע איך אים, ווי לעבעדיק, אויף דער טריבונע פון 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס ביים אויפהויבן, בעת דער רעדע, די האַנט און אָפּגעבן זיין היסטאָרישע שבועה: „אם אשכחך!"

וועגן ד"ר חיים ווייצמאַנ'ען דערציילט הרב גאָלדבלום, ווי אַזוי דער ציוניסטישער מנהיג און שפּעטערדיקער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, האָט זיך געפילט פרעמד אין אָנהויב, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד, און האָט געבענקט נאָך ציוניסטישער אַרבעט. הרב גאָלדבלום דערציילט, אַז ער האָט דעמאָלט באַקומען פון ד"ר חיים ווייצמאַן אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער האָט געשילדערט זיין איבערגעגעבנקייט צום ציוניסטישן אידעאַל פון קינדווייז־אָן און דערמאָנט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ תלמיד אין דער רעאַל־שול אין פּינסק, פלעגט ער אין זיין פרייער צייט אַרומלויפן איבער די פּינסקער בלאָטעס צו זאַמלען קאָפּיקעס פאַר ארץ־ישראל, אין דער צייט פון „חובבי ציון", און דאָ אין ענגלאַנד — שרייבט ער — איז מיר קאַלט, ווייל עס פעלט דאָ דער רוח הקודש פון ציוניזם.

אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג — דערציילט הרב גאָלדבלום ווייטער אין זיינע אינטערעסאַנטע דעראינערונגען — און דר' ווייצמאַן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט איך מאַנטשעסטער, ווו ער האָט אַרום זיך צונויפגענומען די ציוניסטישע אינטעליגענטע כוחות, און מיט אייניקע יאָר שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, און הגם ער איז דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, האָט ער זיין גאַנצע פרייע צייט געווידמעט פאַרן ציוניזם און האָט זיך באַטייליקט אין אַלע ציוניסטישע קאָנפערענצן און פאַרשידענע אסיפות אין לאָנדאָן און אויף דער פּראָווינץ און איז אויך געוואָרן אַ שטאַרקער כוח אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אַלס איינער פון די הויפּט אָנפירער. זיין נאָמען איז באַרימט געוואָרן אין גאַנץ ענגלאַנד.

„ווייצמאַן איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי די ציוניסטן אין דער איסטענד פון לאָנדאָן", שרייבט הרב גאָלדבלום אין זיינע זכרונות, „און האָט פון צייט צו צייט אַדרעסירט גרויסע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און דווקא אין יידיש — די שפּראַך פון די יידישע מאַסן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, דאָס אַ קורצע צייט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט ער מיר דערציילט, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם קרן־ההכנסה, דעם צוגרייטונג־פאָנד, וואָס וועט נויטיק זיין פאַר דער גרויסער אַרבעט, וואָס וועט זיך אָנהויבן גלייך נאָך דעם ווי די באַלפור־דעקלעראַציע וועט פאַרעפנטלעכט ווערן, און צוליב דעם האָט ער פאַרלאַנגט, אַז די ערשטע טויזנט פונט זאָלן געשאַפן ווערן פון די איסטענדער ציוניסטן, כדי ער זאָל קאָנען ווייזן די רייכע יידן, אַז די אָרעמע ציוניסטן זענען אַלעמאָל די ערשטע צו געבן זייער שטייער פאַרן בנין פון ארץ־ישראל, און דאָס וועט אויך שטאַרקן זיינע הענט. זיין ווונטש איז גלייך דערפילט געוואָרן, און ער איז זייער צופרידן געווען מיט דעם. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן פון לאָנדאָן אויף זיינע גרויסע שליחות, פלעגט ער מיר אָנזאָגן: „גאָלדבלום, האַלט די יידישע גאַס!"

„ווען עס איז געקומען דאָס יאָר 1920, און ער האָט זיך גרייט געמאַכט פאַר זיין רייזע נאָך סאַן־רעמאָ, האָבן מיר פאַר אים און נחום סאָקאָלאָוו אַראַנזשירט אַ ריזען־דעמאָנסטראַציע אין דער איסט־ענד, ווו ער האָט קלאָר געמאַכט די לאַגע און האָט פאָרגעלייגט זיין ווייטערדיקן פּראָגראַם. און די יידישע מאַסן האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרטרויען אין אים. נאָך זיין צוריקקומען פון סאַן־רעמאָ האָבן מיר פאַר אים און סאָקאָלאָוו'ן צוגעגרייט אַ היסטאָרישן קבלת־פּנים. ביים אַרויסגאַנג פון „וויקטאָריע סטיישן" האָבן מיר זיי אויפגענומען אונטער אַ חופּה, מיט אַ ספר־תורה, און צוויי רבנים פון לאָנדאָנער בית־דין האָבן זיי געבענטשט, און סאָקאָלאָוו — מיט טרערן אין די אויגן, פון גרויסער שמחה — האָט געמאַכט די ברכה „שהחיינו". דערנאָך האָט אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון אויטאָמאָבילן מיט ציוניסטישע פאָנען מיט פאָרשטייער פון די יידישע מאַסן באַגלייט די גרויסע פירער נאָך גרייטראָסל סטריט, ווו עס האָבן שוין אויך געוואַרט מאַסן ציוניסטן, און ווייצמאַן האָט פון באַלקאָן באַגריסט די פאַרזאַמלטע, וועלכע זענען געשטאַנען אין גאַס. יענע שעה וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

הרב גאָלדבלום, האָט נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען צו דערציילן פון זיינע זעכציק יאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. (דער „אַמעריקאַנער")

פ. בירג
(אמעריקע)

איך פאר קיין אמעריקע

שבת־צו־נאַכטס פאַר הבדלה, אין שטוב איז טונקל. שאַ, שטיל, מען הערט נישט קיין וואָרט. יעדערער איז פאַרקלערט און פאַרזאָרגט, אין אָנגעשטרענגטער ערוואַרטונג, אַז באַלד, באַלד וועט עפּעס פאָרקומען.

אין מיטן דער שטילקייט קומט אַריין דער טאַטע פון שול מיט זיין שטילן „גוט וואָך". מ'האָט אָנגעצונדן די הבדלה־ליכט, איך האָב דאָס צוגעהאַלטן, ווי יעדן פריהערדיקן שבת־צונאַכט, און ער האָט געמאַכט די הבדלה מיט אַ שטילער אומעטיקער שטימע. מען האָט אָנגעצונדן דעם בליך־לאָמפּ צו פאַרטרייבן אַ ביסל די מרה־שחורה'דיקע שטימונג.

אין סאַליע שטייט אַ גרויסע קאַרזינע אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבן שטריק. אויף דער קאַרזינע אַ פּאַק מיט בעטגעוואַנט, פּעסט איינגעצויגן און אַרומגענייט. פאַר מיינע קלעצקער ברידער און שוועסטער איז דאָס אַ לוסטיקער צייט פאַרטרייב — אַ מין שפּיל פון וואַרפן זיך אויף די פּעק און אַראָפּקוליען זיך פון זיי. נאָר מיין אָרימע מאַמע באַגיסט זיך מיט טרערן יעדעס מאָל ווען זי גייט פאַרביי די פּעק.

אַ אומרוהיקער געפיל האָט אַלעמען באַהערשט. אָט אָט קומט דער מאָמענט פון אָפּשייד פון מיינע ליבסטע און נאָענסטע, פון מיינע פריינד, פון די גאַסן און געסלאַך ווו כ'בין דערצויגן געוואָרן.

מיין יינגערער ברודערל איז געלאָפן צו מילער דעם פאָטאָגראַפיסט אָפּנעמען מיין בילד, וועלכע מען האָט געדאַרפט איינפּאַקן מיט דער שיפס־קאַרטע.

פריינד און שכנים, חברים און חבר'טעס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטוב, צו נעמען אָפּשייד פון מיר. די הויז איז געווען פול ווי אויף אַ חתונה. דער רויך פון די פּאַפּיראָסן און די היץ אין שטוב, האָט געמאַכט ז'עם פייער פון בליך־לאָמפּ קלענער און קלענער.

אין דרויסן איז אַ קנאַקעדיקער פראָסט. די פענצטער זענען פאַרצויגן מיט פראָסטיקע בוימער. אַ סך מענשן וואָס האָבן ניט געקענט אַריין אין שטוב, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גאַס.

די בלייכע לבנה שיינט אַראָפּ אויף די פאַרזאַמלטע. די נעזער זענען אַלעמען פאַרפראָרן, אָבער יעדערער האָט געוואַרט ביזן לעצטן מאָמענט. מען האָט אַרויסגעקוקט צו עפּעס אין איין ריכטונג.

פלוצעם מען הערט פון ווייטן אַ קלונג פון גלעקלאַך, אַ גרויסער שליטן מיט אַ ברייטער בויד, געשפּאַנט צו 2 פערד, דערנענטערט זיך. עס הערט זיך די קנאַקעריי פון די פּאָדקאָוועס אויף דער פאַרפרוירענער ערד. און אָט זעט מען שוין די איינגעבויגענע פיגור פון מאַדעדע דעם בעל־עגלה זיצענדיק אויף די קאָזלעס. ער גיט אַ מאַך מיט די ליפּן און אַ צי מיט די לייצעס, און דער שליטן שטעלט זיך אָפּ נעבן הויז.

דער בעל־עגלה איז אָנגעטאָן אין אַ שעפּסענעם פעלץ, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבן שטריק, אויף די הענט פעלצענע הענטשקעס. ער גייט גלייך אין הויז נעמען דעם באַגאַזש. עס ברעכט אויס אַ געוויין פון די ווייבער, און אַ שטילע חליפעריי פון די מענער. איך, וועלכע איז די אורזאַך פון דער גאַנצער טראַגישער סצענע, פּרוביר זיך קאָנטראָלירן, איך קען נישט...

מיין ייִנגערער ברודערל בעט זיך מען זאָל אים מיטנעמען אין שליטן, אָבער מען ערקלערט אים אַז ס'איז אומעגלעך. איך גלויב, אַז דאָס קינד האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די עוולה, וואָס מען איז געגן אים באַגאַנגען.

די מאַמע איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער דער וויגעלע צו באַרויקן דאָס עופה'לע, וואָס האָט זיך צעוויינט גראַדע דאַן, ווען מען האָט געוואָלט אַז אַלעס זאָל זיין שטיל. אַריבערגעבויגן איבער דער וויגעלע האָבן אירע ליפּן געמורמעלט אין דער שטיל: — „מיין טייערינקע, מיין ליבינקע, צו וועל איך דיר נאָך אַ מאָל זען, מיין קינד?”

דאָס עופה'לע ווערט שטילער און שטילער, און אין שטוב ווערט ביסלעכווייז ליידיקער. עס הערט זיך נאָר דאָס אָטעמען פון די קלענערע קינדער, וועלכע זענען פון מידקייט איינגעדרעמלט, יעדערער אויפן פּלאַץ ווו ער איז געזעסן.

די פּעק זענען שוין אַריבערגעטראָגן אין שליטן. די מאַמע גייט אַרויס אין גאַס. דער טאַטע האָט שוין אָנגעטאָן דעם פוטער, ער פאָרט מיר באַגלייטן ביז ליבאָווע.

מען זעגנט זיך מיט מיר. הערצער קלאַפּן, טרערן גיסן זיך אויף דעם פראָסטיקן שניי, און די מענשן טרעטן מיט די פיס אויף די האַרציקע, בייַנקענדע, געפילפולע טרערן. אין דער לופט פון גאַס טראָגן זיך די קלאַנגען: „פאָר געזונט, פאָר געזונט.”

33 יאָר זענען שוין פאָריבער, און דער איינדרוק פון יענער נאַכט איז נאָך ביי מיר אַלץ פאַרבליבן, ווי דאָס וואָלט נעכטן פּאַסירט. און אַ גרויל גייט דורך מיין לייב, ווען איך דערמאָן זיך, אַז די אַלע גאַסן און געסלאַך, די אַלע נאָענטע און טייערע מענשן מיט זייער האַרציקן לעבנס־שטייגער — אַלע, אַלע זענען אומגעקומען דורך דער מערדערישער היטלער האַנט.

פרומע קאם־קולאקאווסקי
(בוענאס־איירעס)
/ אומפאַרגעסלעכע

א

בלויז איייניקע שורות, כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכער משפחה.

אַנטלויפנדיק בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1914, פון אונזער געבורטס־שטעטל, לעכעוויטש, וואָס איז געשטאַנען אין פייער, האָבן מיר זיך צייטווייליק באַזעצט אין קלעצק.

דערווייל איז אין לעכעוויטש צעשטערט געוואָרן אונזער אייגנטום. די „גוטע” קריסטלעכע שכנים האָבן עס שטיקערווייז צענומען. נאָך דער מלחמה איז דער טאַטע געקומען קיין לעכעוויטש, פאַרקויפט דעם רעשט פון אונזער הויז, און אַזוי־אַרום איז אונזער היים־שטעטל געבליבן קלעצק.

ווי אַלע בעלי־בתים פון קלעצק איז אויך מיין פאָטער געווען אַרבעטסוואַם, און די מוטער האָט אים שטענדיק צוגעהאָלפן. זייער איינציקער ציל אין לעבן איז געווען — קאַמף פאַר עקסיסטענץ און דערציונג פון די קינדער. אַלע געשיקט לערנען, און אַליין זיך געמאַטערט מיט דער טאָג־טעגלעכער עקסיסטענץ. אונזער מוטער האָבן מיר פאַרלאָרן אין יאָר 1918. מיין פאָטער האָט אָבער נישט געענדערט זיין לעבנס־גאַנג. זיין איינציקע טרייסט און האָפנונג זענען געווען די קינדער.

און אָט האָט די נאַצי בעסטיע אָפּגעהאַקט דאָס לעבן פון מיין ענערגישן הגם שוין אַלטן פאָטער, יהודה קאם, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַרצווייגטער משפחה: זון, שנור, פינף טעכטער, איידעמס און אייניקלעך.

ב

— ווי קען איך אייך פאַרגעסן, מיינע טייערע, אַז אייערע אַלעמענס בילדער שוועבן פאַר מיינע אויגן?

מיין עלטסטע שוועסטער, ז ל א ט ע, אַליין כמעט נאָך אַ קינד, האָט נאָכן טויט פון אונזער מוטער געדאַרפט פאַרנעמען איר פּלאַץ. אַ גוטן איידעלן כאַראַקטער האָט זי פאַרמאָגט, און זי האָט איר פליכט דערפילט, שטענדיק ווי אַ מאַמע געווען. דאַן האָט זי חתונה געהאַט. דער גורל האָט זי נישט געשאַנעוועט, שווער עקאָנאָמיש געלעבט, זיך געמאַטערט. אָבער קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט, תמיד געוואַרט און געהאָפט אויף אַ בעסערן מאָרגן.

די לאַגע אין שטעטל, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך אין פוילן, האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרערגערן. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער און שווערער, די שטייערן — העכער. די יוגנט, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין צוקונפט, האָט זיך גענומען צו עמיגראַציע. מען איז געפאָרן ווו ס'האָט זיך גאָר געלאָזט.

מיין שוועסטער זלאַטע האָט שוין דאַן געהאַט צוויי אויסערגעוויינלעך גראָטענע קינדער: ה ע ר צ ל און י ר ח מ י א ל.

אַ שטראַל פון האָפנונג אויף אַ בעסערן מאָרגן האָט אַריינגעלויכטן אין לעבן פון מיין שוועסטער, מיט מיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע. ווי לעבעדיקע זע איך דיינע בליקן, שוועסטער מיינע, פול האָפנונג און געבעט, געווענדעט צו אונז אין דער ווייטער אַרגענטינע! מיט אונזער הילף געהאָפט פאַרווירקלעכן דיינע חלומות, אָבער נישט באַשערט געווען אייך, אונז, מיינע טייערע, אומפאַרגעסלעכע, כאָטש עפּעס פון די אַלע האָפנונגען זאָל פאַרווירקלעכט ווערן...

ג

דער עלטסטער זון אירער, דער גראָטענער הרצל (געבוירן אין 1921), האָט שוין אין זיינע פריסטע קינדער־יאָרן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן צו מאַלעריי און סקולפּטור אַרבעט. נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט אויסצובילדן זיין טאַלאַנט, האָט ער אויך, ווי זיין טאַטע און מאַמע, אַרויסגעקוקט צו אונז פול מיט האָפנונג און געוואַרט, אַז פריער זאָל דער טאַטע פאָרן.

מיין קליין פּלימעניצע ר ח ל'ה האָב איך פערזענלעך נישט געקענט, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1933. ס'איז געווען אַ יאָר אָן 3 טעג זינט איך בין געווען אין אַרגענטינע. אָבער, ווי איינגעבאַקן זי איז געווען

ביי מיר אין האַרצן! אירע בילדער דערציילן אַ סך וועגן איר, אויך די גרוסן פון די שפּעטער געקומענע. אומפאַרגעסלעכע רחל׳ה — הייליקער נאָמען פון מיין מוטער, איירע נישט פאַרענדיקטע לעבנס וועלן אייביק בלוטיקן מיין האַרץ...

טייערע מיינע, אפשר זענען מיר שולדיק, וואָס צוזאַמען מיט אונזער איבערפלאַנצן זיך אין אַרגענטינע, אָן אַ שפּראַך און אָן אַ פאַך, האָבן מיר מיט זיך מיטגעבראַכט די מורא פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן?

צי האָבן מיר אָבער ביי אונזער שווערער מאַטעריעלער לאַגע געקענט טראַכטן און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַמיליע? צי זענען מיר שולדיק וואָס אויסער די עקאָנאָמישע שוועריקייטן, האָט אַ קראַנקהייט מיך צוגעשמידט אַ לענגערע צייט צום שפּיטאָל? און נאָך און נאָך צופאַלן האָבן אונדז געפּענטעט, און נישט געלאָזט ברענגען אין צייט דעם שוואָגער יעקב ס ט אָ ל ע ר. שטענדיק איז עפּעס צוגעקומען, און דער ווילן צו מאַכן די נייטיקע פאַפּירן האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן. און ווען זיי זענען שוין געמאַכט און אָפּגעשיקט געוואָרן, איז שוין געווען צו שפּעט... די גרויזאַמע ווירקלעכקייט האָט אַלעס פאַרשניטן: אַלע ווילנס מיט אַלע האָפנונגען — צוזאַמען מיט די הרצל׳אך, ירחמיאל׳ס, רחל׳אך, דוד׳לאַך, איסער׳לאַך, דבורה׳לאַך, פעשע׳לאַך, גדליה׳לאַך, ראַשע׳לאַך, פּרץ׳לאַך, בערע׳לאַך און... נאָך יידישע נעמען און יידישע קינדערלאַך פון טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס...

הערצל געלפאַנד / א עפּיזאָד

(בוענאָס איירעס)

מיין מוטער האָט שטענדיק געהאַט אַ בענקשאַפט צו אַרגענ־ נישט געקוקט דערויף וואָס איך האָב שוין געהאַט אין אַמעריקע אַ ברודער מיט צוויי שוועסטער. דעריבער איז זי געווען צופרידן, וואָס איך פאָר בעסער קיין אַרגענטינע, ווייל אירע עלטערן, מיין זיידע און די באבע,, ווי אויך אירע דריי ברידער אין שוועסטער זענען געווען פון די ערשטע עמיגראַנטן קיין אַרגענטינע, וואָס דער באַראָן הירש האָט אַראָפּגעבראַכט אויף צו קאָלאָניזירן. דאַן האָט זיך געגרינדעט נישט ווייט פון מאַזעסוויל אַ קאָלאָניע „ביאַליסטאָק", ווייל צוזאַמען מיט זיי זענען געקומען אַ סך ביאַליסטאָקער.

ערב פסח 1923. איך בין דאַן אַלט געווען 19 יאָר, און איך האָב געמוזט האָבן בלויז 17 יאָר, כדי מ׳זאָל מיך אַרויסלאָזן פון פּוילן. בין איך געפאָרן קיין ניעסוויזש שאַצן די יאָרן, און איך בין געוואָרן מיט צוויי יאָר „יינגער". (גלייך נאָך פסח בין איך אָפּגעפאָרן פון קלעצק. צוזאַמען מיט מיר זענען געפאָרן נאָך פיר קלעצקער חברים. ביים אָפּפאָרן, האָט אונז באַגלייט אַ האַלב שטעטל — יעדער איינער האָט געהאַט אין אויסלאַנד פאַמיליעס, פריינט, חברים און באַקאַנטע.

אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין פּויזן, האָט זיך דער באַן אָפּגעשטעלט, און מיר זענען אַראָפּ אָנקוקן דעם וואַקזאַל און עפּעס קויפן. און אָט האָב איך צופעליק פאַרזאַמט. מיינע חברים זענען אַרויף אויפן באַן — און איך בין געבליבן... האָב איך זיך געווענדעט צום לייטער פון וואַקזאַל, וואָס האָט מיר געראַטן וואַרטן ביז מאָרגן, ווען עס קומט אָן אַ צווייטער באַן וואָס גייט קיין בערלין. אַ צווייטער אָנגעשטעלטער האָט מיר געראַטן, דינגען אַ טאַקסי און פאָרן ביז צום דייטשן גרענעץ. דאָרט בייטן זיך די באַנען, אונזער טראַנספּאָרט וועט שטיין אַ לאַנגע צייט, און איך וועל געוויס טרעפן מיינע חברים. אַזוי האָב איך געטאָן. איך האָב געהאַט ביי זיך 8 דאָלאַר, אָבער דאָלאַרן האָט דער שאָפער נישט געוואָלט נעמען, נאָר זלאָטעס. סוף סוף בין איך אָנגעקומען צום דייטשן גרענעץ אַרום 6 פאַרנאַכט, נאָר צום באַדויערן איז דער באַן מיטן טראַנספּאָרט אָפּגעגאַנגען מיט עטלעכע מינוט פריער... האָב איך זיך גלייך געווענדעט צום הויפּט פון וואַגזאַל. צום גליק האָבן מיר מיינע חברים איבערגעלאָזט מיינע דאָקומענטן, מיין פּאַס און בילעטן. דער באַן וואָס איך דאַרף נעמען דאַרף ערשט אָנקומען 5 פאַרטאָג, האָב איך געזעסן און געוואַרט, אַ הונגעריקער אין אַ בלויזער הויבערהעמד, ווייל מיין רעקל איז געבליבן אין וואַגאָן מיטן טראַנספּאָרט, אָן אַ גראָשן געלט. האָט מיר געטרייסלט אַ צאָן נאָך אַ צאָן, כמעט 20 שעה אָן עסן.

איך קום אָן קיין בערלין, און טרעף ווייטער נישט דעם טראַנספּאָרט עמיגראַנטן. נאָר דאָ האָט מיר אָפּגעוואַרט אַ אַגענט פון דער געזעלשאַפט וואָס האָט באַגלייט אונזער טראַנספּאָרט. ער האָט מיר באַזאָרגט מיט עסן און אַ בילעט אויף צו פאָרן ווייטער. צוויי סטאַנציעס נאָך בערלין, האָב איך ענדלעך געטראָפן מיין טראַנספּאָרט. די פרייד אונזערע איז געווען גרויס.

מיט צוויי טעג שפּעטער, זענען מיר אָנגעקומען קיין האַוור, זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ אַלטער פראַנצויזישער שיף, און דעם 27טן מאַי 1923 — נאָך 27 טעג רייזע — זענען מיר אָנגעקומען אין בוענאָס־איירעס.

ש. ערנסט / דער דיכטער יוסף גרינשפאַן

זעלטן ווער פון די יידישע דיכטער האָט מיט אַזאַ פשטות און נאַטירלעכקייט געשילדערט דאָס טאָג־טעגלעכע וואָכענדיקע לעבן — ווי דער יידישער דיכטער פון קלעצק יוסף ג ר י נ ש פ אַ ן.

דער מענש איז די מאָס פון אַלץ — און אויך פון דער דיכטונג. דער מענש און זיין צער — איז געווען דער גרונט־מאָטיוו אין זיינע דריי לידער זאַמלונגען: „ערב צייט" (ניו־יאָרק 1931), „צווישן ווענט", (ניו־יאָרק 1931), „לידער און פּאָעמעס", אונטער דער רעדאַקציע פון מ. בלעכמאַן, (ניו־יאָרק 1937). אין אַלע דריי ביכער זיינע פּולסירט דער זעלביקער אומרו און צאַפּל פונעם דיכטער, אויף וועלכן עס דריקט שטאַרק דער יאָך און די לאַסט פון די פאַרוויי־טאקטע טראַגישע וועלט־פּראָבלעמען און די ליידן פון אַרבעטער־קלאַס.

„גרינשפאַן — האָט געשריבן ז. ווייַנפּער — איז צו דער דיכטונג צוגעגאַנגען נישט מיט אַן עסטעטישן מאַשטאַב, נאָר ווי צו אַ מיטל צו פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַלע אידעען. בעת ער האָט עפּעס געשילדערט פּאָעטיש, האָט ער עס פּאָעטיזירט אַזוי פשוט און פּראָסט, אַז דער פשוטסטער לייענער האָט זיינס אַ ליד געקענט פאַרשטיין".

און אָט דאָס, איז טאַקע געווען דער הויפּט־שטריך פון זיין דיכטונג: דאָס דערווייטערן זיך פון אינדיווידואַליסטישע מאָטיוון, און דאָס טראָגן די בענקשאַפטן און האָפנונגען פון דער מאַסע.

מ. אַלגין האָט טאַקע אַמאָל (אין זשורנאַל „האַמער", ניו־יאָרק, דעצעמבער 1930) זיך אויסגעדריקט, אַז יוסף גרינשפּאַן איז „סאָציאַל־געוויסנהאַפטיק אויפן שטייגער פון באָוושאָווערן און ווינטשעווסקין, די ערשטע רעפּרעזענטאַנטן פון סאָציאַלן ליד, וואָס האָבן אין זייער דיכטונג אויסגעדריקט דעם ווייַ פונעם האָראָפּאַשנעם פאַרהאָרע־וועטן וואָכעדיקן מענש".

דאָס שיינע, אידעישע האָט יוסף גרינשפּאַן אויך אַריינגעפּלאַנצט אין זיינע תלמידים אַלס אַ לערער אין די שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. די תלמידים זיינע האָבן ביי אים געזען די ער־לעכקייט פון אַ קעמפער און טרוימער וואָס פילט מיט זיין האַרץ דעם צער פונעם יחיד ווי פון רבים:

— ס'איז מיר טייער אַן אַרבעטער
דער פּשוטער פאַרהאָרעוועטער מענש,
אָן יחוס־אבות.
ס'איז מיר הייליק די ערד
וווּ ר'לעבט און האָרעוועט
ראַנגלט זיך מיט ווייטיק
און מיט האַרבער פּיין.

געבוירן אין קלעצק, אין יאָר 1902. זיין פאָטער איז געווען אַ גלעזער. יונגערהייט איינגעזאַפּט אין זיך תורה.

אין אַ ליד שילדערט ער זיינע יונגע יאָרן, אין פאָלגענדיקע פערזן, מיט בענקשאַפט:

— כ'האָב מיט געזאַנג פאַרנומען זיי,
אָן ווערטער אין מיין יונגיקער זעל
— געקלונגען זיי האָבן אַזוי העל,

אין לעבנס־רגע'ס שווערלעכע
ווען ס'טוט דאָס האַרץ אַזוי באַנג
כ'זינג יענע טעג אויס אין געדאַנק.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1918, עמיגרירט יאָסל גרינשפּאַן קיין קאַנאַדע, שפּעטער באַזעצט ער זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט מיט זיך מיטגענומען פון שטעטל קולטור־באַגאַזש, די ראַנגלענישן צווישן נעכטן און היינט. כל ימיו געזוכט דעם אויסוועג, דעם ליכטיקן מאָרגן.

זיין ליד איז געווען אַ דאָקומענטאַציע פונעם גערעאַנגל פון יידישן אַרבעטער־עמיגראַנט אין קאַנאַדע און אַמעריקע. איידער ער איז געוואָרן אַ לערער, איז ער געווען אַ אַרבעטער אין אַ שוך־פאַבריק. ער האָט שווער און ביטער געהאָרעוועט פאַר עטלעכע דאָלאַר אַ וואָך, און אין די אָוונטן האָט ער געלערנט, ווי ער שילדערט עס דיכטעריש: „דאָס האַרץ געדאָרשט האָט נאָך אַלץ נייע קוואַלן און די נשמה איז אַלץ נישט געוואָרן געשטילט".

זיין אופן שרייבן איז אימפּרעסיאָניסטיש, זיינע לידער פאַרמאָגן אַ לירישע קוואַליטעט, סאָציאַלע מאָטיוון אויסגעדריקט מיט פּאַ־טעטישער וואַרעמקייט.

אַ סך לידער זיינע דריקן אויס בענקשאַפט צו זיין אַלטער היים, צו קלעצק. אָט די לידער זענען אין תוך ראָמאַנטיק — אַזוי נישט צוגעפּאַסט צום רעמל פון זיינע „פּראָליטאַרישע לידער".

— מיין שטעטל קלעצק מיט לובעניעץ אויפן וועג
בליט ליכטיק טיף מיר אין זכרון
ווי ס'האָט אין מאַי געבליט
די בלויע בלומען מיטן קאָרן
ס'געדענקט זיך טיף אין זכרון
ווי ס'פערד שניידט די בייניקע ריפּן,
וואַרפט די האָלאָביעס אין גאַנג
און דער בעל־עגלה פּרעפּלט פּסוקים,
פּסוקים פון „מנחה" פון סידור־בוך,
פון וויטנס די דאָרף־ניגונים קלינגען
עס הערט די לבנה, די שטערן און איך.

ווונשן און חלומות, פריידן און ליידן — זיי זענען כסדר'דיקע אויסדרוקן פונעם ליידנדיקן דיכטער, וואָס האָט זיך פריצייטיק צו־זאַמענגעשטויסן מיט דערווירקלעכקייט, און זיין קראַנקהייט איז אויך געווען זיין פּערזענלעכע טראַגעדיע, וואָס האָט אים פריצייטיק פאַרשניטן פון לעבן. ער איז געשטאָרבן דעם 26טן יוני 1934.

וועגן אים און וועגן זיין דיכטונג האָבן געשריבן: מ. אַ ל ג י ן אין חודש־זשורנאַל „האַמער" (דעצעמבער 1930), ב. צ. ג אָ ל ד ב ע ר ג „טאָג", ניו־יאָרק (11טן סעפּטעמבער 1931), ש. נ י ג ע ר ווי אויך א. ר אָ נ ט ש. א. פּ אָ מ ע ר אַ נ ץ האָט פאַרעפנטלעכט זיין ביאָ־גראַפיע.

מאריס מאררא (משק'ע מאראבור)
(ניו־יארק)

קלעצקער אין אמעריקע

די קלעצקער לאַנדסלייט האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אַמעריקע אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט. אין יענער צייט זענען זיי געווען די ערשטע עמיגראַנטן פון קלעצק, און זענען נישט געקומען צו קיין קרובים, ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

ווער זענען געווען די ערשטע אָנגעקומענע עמיגראַנטן? צוליב וועלכע סיבות זענען זיי געפאָרן קיין אַמעריקע? דער ענטפער איז: דאָס זענען געווען מענשן, וועלכע זענען געווען גרייט, אָדער בעסער געזאָגט, געצוווּנגען, צו פאַרלאָזן זייער היים, זייערע טאַטעס און מאַמעס, פרויען און קינדער, און פאָרן אין דער ווייטער וועלט זוכן פּרנסה, כדי צו דערנערן זייערע פאַמיליעס. עס זענען אויך געפאָרן קיין אַמעריקע יונגע בחורים וועמענס פּריזיוו־צייט ס'האָט זיך דערנענטערט, אָדער די, וועלכע האָבן זיך געקענט אַרויס'גנב'ענען פון „פּאָלק" בעת זיי זענען געווען אין מיליטער־דינסט.

מ'קען זיך פאָרשטעלן, ווי שווער ס'פלעגט זיין פאַר מענשן צו באַשליסן איבערצולאָזן זייערע נאָענטע און טייערע, און אַוועקפאָרן טויזנטער מיילן ווייט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ בילד פון אַזאַ צעשיידונג. דאָס איז פאָרגעקומען אין קלעצק מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל. אַ קלעצקער ייד פון אַ יאָר דרייסיק, וועלכער האָט געהאַט אַ פרוי מיט דריי קינדער, האָט געדאַרפט פאַרלאָזן קלעצק און פאָרן קיין אַמעריקע. די יידישע גאַס וווּ זיין שטוב האָט זיך געפונען, איז געווען אָנגעפילט מיט מענשן, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים און באַגלייטן אים. ווען דער בעל־עגלה איז פאַרטיק געוואָרן מיטן איינפּאַקן דעם באַגאַזש אין וואָגן, האָט ער אָנגעהויבן פאָרן. געפאָרן איז ער פּאַמעלעך, און דער גאַנצער עולם איז נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן. די באַגלייטונג האָט זיך אָנגעהויבן פון דער יידישער גאַס, און מ'איז געגאַנגען דורך סיניאַוועקער גאַס, קיידערשער גאַס און דערנאָך אויפן וועג וואָס פירט

צו קראַסנאָסטאַוו. ס׳איז אַ ווייטער מהלך, אומגעפער דריי וויאָרסט. דער טאַטע האָט געפירט ביים האַנט אַ יינגל פון אַ יאָר זעקס, און אויף דער אַנדער האַנט, האָט ער געהאַלטן אַ קליין מיידעלע פון איין יאָר. נאָך אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר, איז געגאַנגען הינטער דער מאַמען, און האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן איר קלייד. ווען די קינדער זענען מיד געוואָרן פון גייען אַזאַ ווייטן וועג, האָט מען זיי אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן, וואָס וועט פירן זייער טאַטן צו דער באַן אין ליאַכאָ־וויטש. אַזוי איז מען געגאַנגען ביז מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן בריק, ביי בערל קראַסנאָסטאַווער׳ס וואַסער־מיל, דאָרטן האָט מען אָנגעהויבן זיך געזעגענען. דאָרטן איז פאָרגעקומען די שיידונג פון מאַן און ווייב, טאַטע מיט קינדער...

די צוויי עלטערע קינדער, האָבן געכליפּעט און געוויינט, זיי האָבן מן הסתם אינסטינקטיוו געפילט, אַז זיי וועלן נישט זען זייער טאַטן פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט... די איין־יעריקע מיידעלע, האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון איר טאַטנס אָרעמס. מיט אירע קליינע הענטלעך, האָט זי שטאַרק אַרומגענומען זיין קאָפּ, אַז מ׳האָט זי נישט געקענט אָפּרייסן פון אים... ס׳איז געווען אַ האַרץ־רייסנדיק בילד, אַ לעבעדיקע לוויה...

*

די ערשטע אָנגעקומענע עמיגראַנטן, זענען אַריינגעפאַלן אין פרעמדן לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך און מיט פרעמדע מענטשן, זיי האָבן קיינעם נישט געקענט, — „נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל״. זיי האָבן קיינעם נישט געקענט, און קיינער האָט זיי נישט געקענט. זיי האָבן זיך געפילט עלנט, איינזאַם און אַנטוישט. זייער אַנטוישונג איז געווען דער רעזולטאַט פון זייערע גרויסע דערוואַרטונ־גען פון „גאָלדענעם לאַנד״. אין דער אַלטער היים, ווען מ׳האָט גע־הערט דעם וואָרט „אַמעריקע״, האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט דעם קלאַנג פון גאָלדענע מטבעות... „אַמעריקע״ איז געווען דער שטראַל פון האָפנונג פון יונג און אַלט. דערפאַר, אַז זיי פלעגן קומען און נישט געפונען די „גאָלדענע גליקן״, פלעגן זיי אָנהויבן פרעגן: — ווי קומט עס? איז עס געווען אַ חלום? אַ אילוזיע? אַ פאַנטאַזיע?

*

די ערשטע צייט איז זיי געווען שווער זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן. קומענדיק פון אַ קליין שטעטל ווי קלעצק, ווו מ׳לעבט אַ פרימיטיוון און מאַנאָטאָנעם לעבן, קיין ניו־יאָרק, מיט איר שנעל־טעמפּאָדיקן און רוישיקן לעבן, וואָס קאָכט ווי אין אַ קעסל — פילט מען זיך פאַרלאָרן...

אויך זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען שווערע, ווייל ס׳רוב אָנגעקומענע האָבן נישט געהאַט קיין פאַך, אָדער די נויטיקע דערפאַרונג אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. די אַרבעט וואָס זיי האָבן געפונען, האָט זיי געגעבן אַ קליינעם לוין.

*

יאָרן גייען. צייטן בייטן זיך, און מיט זיי בייט זיך אויך די מאַטעריעלע לאַגע. דער לעבן ווערט גרינגער, מ׳הויבט אָן פאַרדינען בעסער און מ׳שפּאָרט נאָך אַפילו אַ ביסל געלט... די שוואַרצע וואָלקנס גייען אַוועק און עס הויבט אָן שיינען די זון. „מ׳אַרבעט זיך אַרויף״, ווי מ׳זאָגט אין אַמעריקע. זיי הויבן אָן טרוימען וועגן ברענגען זייערע פאַמיליעס, זיי ווערן פול מיט האָפנונג, אַז צו זייערע צעשייטע לעבנס מיט זייערע טייערע און נאָענטע, וועט בקרוב קומען אַ סוף, אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי זיך פאַרייניקן מיט זייערע פאַמיליעס, נאָך וועלכע זיי האָבן אַזוי שטאַרק געבענקט...

*

אין פאַרלויף פון די צוואַנציקער יאָרן, זינט די יידן פון קלעצק האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אַמעריקע — איז די צאָל געשטיגן אין די טויזנטער.

זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. נאָר די מערהייט איז קאָנצענטרירט אין ניו־יאָרק און אין די דערבייאיקע שטעט און שטעטלעך.

דער מאַטעריעלער צושטאַנד איז פאַרשידנאַרטיק, אַ סך זענען אָנגעשטעלטע און אַרבעטער אין פאַרשידענע פאַכן און פאַרדינען בלויז אויף לעבנס־מיטל, פיל זענען געשעפטסלייט, מער פאַרמעג־לעכע. עס איז אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָל פּראָפעסיאָנאַלן, און אַ גרויסע צאָל גאָר רייכע.

עס הערשט צווישן די קלעצקער אַ וואַרעמע, פריינטלעכע פאַרבינדונג. די פריינטשאַפט איז דער רעזולטאַט פון זייערע עמיג־ראַנטן־יאָרן, פון דער צייט ווען זיי האָבן זיך געפילט פרעמד אין נייעם לאַנד, ווען זייערע הערצער זענען געווען אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נאָך זייערע איבערגעלאָזענע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים... זייערע געפילן האָבן געפונען אַ באַפרידיקונג, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט זייערע יוגנט־פריינט, ווען זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקומען מיט די חברים פון אַמאָליקן חדר...

פיל פון די קלעצקער לאַנדסלייט זענען מיטגלידער אין די צוויי לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס. אויך דאָס איז אַ סיבה פון זייער נאָענטן קאָנטאַקט און צוזאַמענלעבן.

*

אין יאָר 1900 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע קלעצקער אָרגאַניזאַציע, אונטערן נאָמען „אינדעפּענדעט קלעצקער״. די גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען: משה האַכשטיין (זון פון שמואל זעליג דער שמש אין קלעצק), דוד צעפּערסקי, זלמן צעפּערסקי, יצחק כהן, ישראל און אברהם קאַפּלאַן, (אַלע, אַחוץ דעם לעצטן זענען שוין אויף דעם „עולם האמת״).

די אָרגאַניזאַציע האָט אַן אייגענע שול, אין דעם געגנט ווו די מערהייט קלעצקער האָבן זיך געפונען מיט יאָרן צוריק. די שול איז געווען זייער צווייטע היים. דער אָרט, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט יעדע שעה פון זייער פרייע צייט. שבתים און ימים טובים, איז די שול געווען אָנגעפילט מיט קלעצקער לאַנדסלייט, ווער רעדט נאָך שמחת תורה צו די הקפות — דאַמאָלט איז די שול געווען איבערגעפּאַקט מיט הונדערטער קלעצקער. עס זענען געקומען לאַנדסלייט נישט נאָר פון דער געגנט ווו די שול האָט זיך געפונען, נאָר אויך פון אַנדערע געגנטן פון ניו־יאָרק, עס פלעגן אויך קומען לאַנדסלייט פון אויסער ניו־יאָרק, צענדליקער מיילן ווייט. עס האָט זיי געצויגן צו דער קלעצקער שול. עס איז געווען זייער גרעסטער פאַרלאַנג זיך צו טרעפן מיט אַלטע באַקאַנטע און שמועסן וועגן זייער „שטעטעלע קלעצק״...

לעצטנס אָבער, האָט זיך די לאַגע געענדערט. די מערהייט פון אונזערע לאַנדסלייט וווינען נישט מער אין דער געגנט ווו די שול געפינט זיך. אַ גרויסע צאָל זענען נישט מער צווישן די לעבעדיקע, און זייערע קינדער האָבן נישט דעם אינטערעס אין דער אָרגאַני־זאַציע, און האָבן נישט די סענטימענטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט׳ן נאָמען „קלעצק״, און ווי זייערע עלטערן האָבן געהאַט.

נאָך אַ טרויעריקער פאַקט — נישטאָ מער די שטאָט קלעצק, פונוואַנען עס פלעגן קומען נייע עמיגראַנטן און זיך אָנשליסן אַלס מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע (אַלע יידישע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס זענען איצט אין דעם זעלבן צושטאַנד).

אין יאר 1910, איז דורך אַ יינגערן קלעצקער עלעמענט, געג־רינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „קימבא". די גרינדער זענען געווען: חיים יאנאָוויץ ע"ה, אייב לעווין ע"ה, ווילי פעדער, סעם טארצין, יוסף כהן, בערל כיגער, מאָריס קופער, און בערל קאַפּעל.

די „קימבא", איז דורך איר טעטיקייט און אַקטיוויטעט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, פּאָפּולער צווישן אַלע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. זי האָט שטענדיק געגומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן הילפס־אַקציעס פאַר די וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי: „יונייטעד דזשואיש אַפּיל, „האיאס", „אָרט" און אַז. וו. די „קימבא" איז אויך געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע, צו שאַפן נויטיקע הילף פאַר אונזער אַמאָליקער היים־שטאָט קלעצק, אַריינגערעכנט דעם „ביקור חולים" און דער „תלמוד תורה".

אין יאר 1937, ווען די גרויסע שריפה האָט אויסגעבראָכן אין קלעצק, האָבן די לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע און אַהינגעשיקט פינאַנציעלע הילף פאַר די געליטענע און היימלאָזע צום אויפבויען זיך.

די פאַרשפּרייטע טעטיקייט פון דער „קימבא", וואָס איז געווען פון גרויסן פאַרנעם, אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע פאַרצענדליק יאָר, איז צו פאַרדאַנקען דער פירערשאַפט פון פאָרזיצער: בעני פעדער ע"ה, יוסף כהן, מאַקס פעדער, מאָריס טארראָו, חיים אייזענשטאַט און מאַקס וויינגער.

אַ ספּעציעלן דאַנק פאַרדינט אונזער חשוב'ער לאַנדסמאַן יוסף רייס פאַר זיין באַמיונג צו העלפן אַרויסצוגעבן דאָס אָנדענק־בוך „קלעצק".

*

נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, האָבן מיר אָנגעהויבן באַקומען טרויעריקע נייעס וועגן דעם חורבן קלעצק. 98 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף דעם ברוטאַלסטן און גרויזאַמסטן אופן. כמעט דאָס גאַנצע קלעצקער יידנטום, יונג און אַלט, איז באַגראָבן געוואָרן אין איין ברודער־קבר... מיר דערוויסן זיך, אַז בלויז אַ קליינע צאָל פון קלעצקער יידן איז געלונגען דורך אַ נס צו אַנטלויפן מיט זייערע לעבנס... אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר אָנגעהויבן באַקומען וועגדונגען פון זיי נאָך דרינגענדער הילף. עס איז גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן דער פאַראייניקטער קלעצקער רעליף, וועלכער האָט זיי געשיקט, אין יעדן פלאַץ ווו זיי האָבן זיך געפונען — שפּייז־פּעקלעך און געלט־מיטלען. עס זענען אויך געשיקט געוואָרן באַדייטענדע סומען געלט צום קלעצקער קאָמיטעט אין ישראל, צו העלפן די קלעצקער לעבן־געבליבענע יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען אַהין.

די קלעצקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, קענען זיין שטאָלץ מיטן פאַקט, וואָס אין פאַרלויף פון אומגעפער צוויי יאָר צייט, האָט די אויבן דערמאָנטע הילף באַטראָפן די סומע פון איבער פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. זיי פאַרדינען אויך גרויס אָנערקענונג פאַר זייער אַנטייל־נעמען אין אַלע וויכטיקע אונטערנעמונגען און קאַמ־פּיינען, ווי אויך פאַר זייערע קאָלאָסאַלע געלט־באַשטייערונגען פאַר מדינת ישראל.

ווייטער ברענגען מיר די נעמען פון די בעאַמטע און מיטגלידער פון דעם געוועזענעם פאַראייניקטן קלעצקער רעליף:

מאַקס פעדער, מאָריס טארראָו, מאַקס וויינגער, יוסף רייס, חיים אייזענשטאַט, מיני בלאַק, נעטי טארראָו, יאַכע רייס, יאַכע פעדער, ראָוז וויינגער, לילי יאַנאָוויץ, חיים יאַנאָוויץ ז"ל, אסתר ראַטסטיין, דזשעק ראַטסטיין, חנה גארפינקעל, איטשקע גארפינקעל ז"ל, גרייס כהן, יוסף כהן, לילי דייוויסאָן, דזשעק דייוויסאָן, דוד בוירק ז"ל, עטל דייווידסאָן, אסקאר לעמפּערט, אירווינג העל־פאַנד, גרשון פיקער, דזשעק פעטער, פעני בוירג ז"ל, אליהו שיף, זישקע געצאַף, הירשל חיים געצאַף, הרב פיליפ האַיעט, סעם האַיעט, אברהם צעפּערסקי, פיליפ רייס, מאַקס ראָזען, און סעם בעקער.

*

אין נאָמען פון אַלע קלעצקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע באַגריס איך די קלעצקער לאַנדסלייט אין ישראל, פאַר זייער אונטערנעמונג פון אַרויסגעבן דאָס אָנדענק־בוך קלעצק. דער בוך וועט פאַרייביקן דעם הייליקן אָנדענק פון די קלעצקער קדושים וטהורים, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצי־באַרבאַרן פון פינסטערן היטלער רעזשים, ער וועט בלייבן אַ מאָנומענט נאָך די העלדישע קעמפער אין דער געטאָ וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם.

די לאַנדסמאַנשאַפט פון קלעצק אין אַרגענטינע

די געשיכטע פון אונזער לאַנדסלייט־פאַריין איז די געשיכטע פון אַלע אַנדערע לאַנדסלייט־פאַריינען און פאַרבאַנדן, וואָס האָבן זיך געשאַפן, מיינסטנס נאָך דער וועלט־מלחמה, בעת עס האָט אָנגעהויבן שטראָמען אַ גרעסערע עמיגראַציע־כוואַליע פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, איבערהויפּט פון פּוילן.

דאָס מגולגל ווערן פון יידישע אימיגראַנטן צו די ברעגן פון פּלאַטאַ, קודם אַליין, אַן פאַמיליע, אַן שפּראַך, אַן פאַרבינדונגען, האָט זיי געמאַכט אומבאַהאָלפן, און הגם דער אימיגראַנטן שוץ־פאַריין איז געווען דער ערשטער אַדרעס, אָבער אַן אָפיציעלער, אַ ביוראָ־קראַטישער, בעת דער אימיגראַנט האָט זיך געגויטיקט אין היימיש־קייט, אינטימיטעט, אַן עצה, אַ גוט וואָרט און אויך מאַטעריעלע הילף.

בוענאָס־איירעס איז נאָך נישט געווען קיין קאָמפּאַקטער יידישער צענטער, די ריזיקע שטחים פון דער גרויסער אַרגענטינער רעפּובליק האָבן דאָ און דאָרט איינגעשלונגען די סאַמע ערשטע יידישע אימיג־ראַנטן, וואָס זענען געקומען זיך קאָלאָניזירן לויטן פּלאַן פון באַראָן הירש און האָבן געצײלט הונדערטער משפּחות, און זיך געראַנגלט מיט די שווערע באַדינגונגען.

דער יידישער אימיגראַנט, וואָס איז געקומען אינדיווידועל, איז געווען אַ שטאָטישער עלעמענט און אַריינפאַלנדיק אין דעם כרך בוענאָס־איירעס, האָט ער נייטיק געהאַט ווו זיך אויסצולעבן, מיט וועמען זיך צוזאַמענטרעפן און ביי וועמען צו באַקומען אינפאָרמאַ־ציע, אַ גוט וואָרט און נישט איין מאָל אַ שטיצע אָדער הלוואה, כדי צו קענען מאַכן די ערשטע שריט אויפן עקאָנאָמישן געביט, אויפבויען אַהיים אין נייעם לאַנד און אַראָפּברענגען די משפּחה.

אָט דאָס איז דער לייט־מאָטיוו, וואָס האָט געבראַכט צו דער שאַפונג פון די לאַנדסלייט־פאַריינען אין אַלגעמיין, און אונזער קלעצקער פאַריין איז נישט געווען קיין אויסנאַם.

די גרינדונג פון ל״ל פאַריין פון קלעצק און אומגעגנט

לויט דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע קלעצקער לאַנדסלייט, וועלכע איז טאַקע געווען די ערשטע פּראָוויזאָרישע קאָמיסיע און אויסגעווילטע פאַרוואַלטונג, איז געגרינדעט געוואָרן דער לאַנדסלייט־פאַריין פון קלעצק און אומגעגנט. די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די קלעצקער, לעכעוויטשער און אומגעגנט, איז פאָרגעקומען דעם 13טן דעצעמבער 1931. דער פּראָטאָקאָל באַצייכנט, אַז אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאָלגענדיקע פּונקטן:

1) באַריכט פון דער פּראָוויזאָרישער קאָמיסיע; 2) וואַלן פון אַ פּרעזידיום; 3) וואַלן פון אַ פאַרוואַלטונג.

דער אינפאָרמאַנט אין נאָמען פון דער פּראָוויזאָרישער קאָמיסיע, איז געווען דוד קולאַקאַווסקי, וועלכער האָט אויף יעדער גרינדונג־פאַרזאַמלונג איבערגעגעבן די סיבות וואָס האָבן באַוויגן צו שאַפן דעם פאַריין און זיינע אויפגאַבעס. ס׳איז אויסגעווילט געוואָרן די ערשטע פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנד פון: איסאַק געלער (פאָרזיצער), שלום געלפאַנד (וויצע), דוד קולאַקאַווסקי (סעקרעטאַר), נחמן גרינבערג (מיטסעקרעטאַר), מאַקס געלפאַנד (קאַסיר). מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: יצחק יהודה פיינשטיין און דוד אָקון.

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז אויך בייגעווען אַ פאָרשטייער פון פּויליש־יידישן פאַרבאַנד, ה׳ עלשטיין, וועלכער האָט שוין אויף דער פאַרזאַמלונג אַריינגעבראַכט דעם טאָן פון אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די לאַנדסלייט־פאַריינען כלפּי דער אַלטער היים, די שווערע סיטואַציע פון די יידן אין פּוילן א. אַז. וו.

אַזויאַרום איז געשאַפן געוואָרן דער לאַנדסלייט־פאַריין פון קלעצק און אומגעגנט, וואָס האָט אָנגעהויבן גרופּירן אַרום זיך די לאַנדסלייט, וועלכע האָבן פון יענעם מאָמענט אָן דערפילט, אַז עס איז פאַראַן אַן אַדרעס אין בוענאָס־איירעס, וואָס זאָרגט פאַר די אינטערעסן פון די איבערגעקומענע מעבר לים, און הויבט אָן אויך צו זאָרגן פאַר די איבערגעלאָזטע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים, וועלכע נייטיקט זיך אין הילף.

היות עס איז נאָך נישט געווען קיין מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אַן אייגענע וווינונג, איז דער אַדרעס געווען אין פּריוואַטן הויז פון ערשטן פאָרזיצער, איסאַק געלער, אויף מאָנטעווידעאָ 920, וווּ דער פאַריין האָט אַ שטיק צייט אַקטיווירט ביז ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ געדונגענער דירה.

וועגן איסאַק געלער דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער איז פּאַקטיש אַ צאָל יאָרן אַליין געווען דער פאַריין. געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1912, זענדיק דאָ שוין אַן איינגעאָרדנטער תושב, האָבן אַלע קלעצקער געוווּסט, אַז מ׳קען ביי אים באַקומען אַן עצה, אַן אָריענטאַציע און אויך אַ שטיצע. אַזוי אַרום איז במשך פון אַ סך יאָרן איסאַק געלער און זיין וווינונג געווען דער אַדרעס און די היים פאַר די קלעצקער לאַנדסלייט. פון אים האָט דער פאַריין זיך אַריבערגעצויגן אין הויז פון מאַקס געלפאַנד.

ערשטע אַקטיוויטעטן און פּראָבלעמען

די פאַרוואַלטונג האָט גלייך זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין ווערבירן מיטגלידער, אַריינציענדיק וואָס מער לאַנדסלייט פון קלעצק און אומגעגנד. פאַרן ערשטן אינקאַסענט פון פאַריין איז באַשטימט געוואָרן איינער פון די טוערס און גרינדער פון פאַריין, הערשל דאָלגיי, וועמעס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו באַזוכן די לאַנדסלייט און איינמאָנען ביי זיי דעם חודש׳לעכן אָפּצאָל. שפּעטער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן זעלבן אַמט יעקב געלפאַנד, אַ וויכטיקער טוער און איינער פון די גרינדער פון פאַריין. פון די פּראָטאָקאָלן איז צו זען, אַז אַלע לאַנדסלייט האָבן גערן אויפגענומען די איניציאַטיוו און האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן און געצאָלט זייער מיטגליד־אָפּצאָל. אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין כלל אָן יוצא מן הכלל. אין די פּראָטאָקאָלן פיגורירן אייניקע נעמען פון לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן ווי מיטגלידער, אָן קיין באַגרינדעטע סיבות.

די ערשטע וויכטיקע אונטערנעמונג אין פאָרם פון אַ לונטש און באַל, איז פאָרגעקומען דעם 28טן פעברואַר 1932, אין הויז פון דער פאַרוואַלטונג־מיטגליד, שכנא פיינשטיין, וועלכער האָט זיין וווינונג אָנגעבאָטן פאַר דעם צוועק. ווי עס ווערט איבערגעגעבן איז די אונטערנעמונג געווען אַ מאָראַלישער און מאַטעריעלער דערפאָלג. דאָס האָט צוגעגעבן דער פאַרוואַלטונג מוט און סטימול פאַר ווייטערדיקע ענלעכע אונטערנעמונגען.

די דאָזיקע אונטערנעמונגען זענען געווען פון וויכטיקן באַדייט, ווייל דער פאַריין איז גלייך געשטעלט געוואָרן פאַר דער אויפגאַבע פון שטיצן לאַנדסלייט מיט הלוואות, וואָס נישט שטענדיק האָט די פאַרוואַלטונג זיי צוריקבאַקומען. סיי ווי זענען אין די מערסטע פאַלן געגעבן געוואָרן איינמאָליקע כלומרשטע הלוואות, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסע הילף, הגם די סומע איז געווען אַ באַשיידענע.

די ערשטע פּראָבלעמען וואָס דער פאַריין האָט געהאַט צו לייזן, זענען געווען:

1) דאָס פאַרייניקן זיך מיט די ניעסוויזשער לאַנדסלייט אין איין לאַנדסלייט־פאַריין.

2) דאָס אָנשליסן זיך פון פאַריין אין דער דעמאָלט עקסיסטירנדיקער פעדעראַציע פון לאַנדסלייט־פאַריינען און פאַרבאַנדן.

די דאָזיקע פראַגן האָבן אַרויסגערופן דיסקוסיעס אויף אַ גאַנצער ריי זיצונגען.

אַ דעלעגאַציע פון דריי, אין באַשטאַנד פון פּרעזידיום־מיטגלידער איסאַק געלער, שלום געלפאַנט און דוד קולאַקאַווסקי (פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט און סעקרעטאַר) זענען באַאויפטראָגט געווען צו פירן די פאַרהאַנדלונגען פון פאַרייך מיט די ניעסווישער. פון זייערע באַריכטן ווייזט זיך אַרויס, אַז די ניעסווישער האָבן געפאָדערט, אַז דער פאַריין זאָל זיך רופן „ניעסוויזש—קלעצק און אומגעגנט” און דער פּרעזידענט פון פאַריין זאָל זיין אַ ניעסווישער. דאַקעגן האָבן אונזערע פאָרשטייער פאָרגעשלאָגן, אַז דער פאַריין וואָס האָט אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, זאָל זיין נאָמען פיגורירן דער ערשטער. וואָס שייך דעם פאָרזיצער, דאַרף ער קודם זיין באַרופן פאַר דעם אַמט, אומאָפּהענגיק פון דעם צי ער איז אַ קלעצקער אָדער ניעסווישער, און דאַרף געוויילט ווערן דורך דעמאָקראַטישע וואַלן פון דער מיטגלידערשאַפט פון ביידע פאַריינען.

היות מען איז נישט געקומען צו קיין הסכם, איז די פאַרייניקונג ניש צושטאַנדגעקומען.

אַ צווייטער פּראָבלעם וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע ריי דיסקוסיעס, איז געווען די באַטייליקונג פון פאַריין אין דער שאַפונג פון דער פעדעראַציע פון לאַנדסלייט־פאַריינען און פאַרבאַנדן.

די וואָס האָבן אַרגומענטירט קעגן דער באַטייליקונג האָבן געטענה׳ט, אַז ערשטנס זוכן געוויסן פּערזאָנען פּאָסטנס און צווייטנס, אַז דער ביודזשעט פון פאַריין וועט באַשווערט ווערן. די אָנהענגער פון באַטייליקן זיך האָבן אָפּגעוואָרפן דעם ערשטן אַרגומענט און אָנגעוויזן, אַז דער קלעצקער פאַריין קען נישט אָפּשטיין פון אַנדערע בעת עס האַנדלט זיך אין אַ דאַך־פאַרבאַנד פון אַלע לאַנדסלייט־פאַריינען. עס האָט טאַקע געזיגט דער צווייטער שטאַנדפּונקט, און עס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר דעלעגאַטן אין דער פעדעראַציע שלום געלפאַנד און מאיר פאַל. זיי זענען געווען שפּעטער די פאַרבינ־

דונג־לייט צווישן דער פעדעראַציע און דעם פאַריין, ווען זיי האָבן כסדר אינפאָרמירט וועגן די אַקטיוויטעטן פון דער פעדעראַציע און אירע איניציאַטיוועס.

עס וועט נישט זיין אומאינטערעסאַנט צו באַקאָנען זיך מיט די סטאַטוטן פון פאַריין, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקסיסטענץ און וואָס גילטן ווי דער יסוד פון דער אַרבעט, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעברייטערט מיטן שאַפן פון דער ליי־קאַסע, וועלכע פאַרנעמט היינט דאָס הויפּט־פּלאַץ אין דער טעטיקייט פון קלעצקער לאַנדסלייט־פאַריין און אומגעגנט.

די סטאַטוטן

אין דעם אַריינפיר זאָגט זיך, אַז די אַלגעמיינע באַזע פון פאַריין איז, אַז ער האָט זיך געגרינדעט אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער הילף. דערנאָך קומען די באַזונדערע פּונקטן.

1) פון דער הילף געניסן נאָר מיטגלידער,

2) קיין שום מיטגליד קען נישט באַקומען קיין הלוואה פאַר 6 חדשים אָנגעהעריקייט צום פאַריין,

3) דער מיטגלידס־אָפּצאָל איז 1 פּעזע אַ חודש,

4) יעדער רוף פון דער אַלטער היים דאַרף באַטראַכט ווערן דורך דער פאַרוואַלטונג,

5) אַ צאָל מיטגלידער וואָס געפינט אויס אַז די פאַרוואַלטונג איז נישט טעטיק, האָט דאָס רעכט צו פאַרופן נייע וואַלן,

6) אַלע 6 חדשים וועט גערופן ווערן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אָפּצוגעבן אַ באַריכט, און אַלע יאָר קלייבן אַ נייע פאַרוואַלטונג,

7) דער באַשטאַנד פון דער פאַרוואַלטונג באַשטייט פון 7 מיט־גלידער מיט גלייכע שטים־רעכט,

8) מיטגלידער פון אומגעגנט האָבן רעכט אַריינצושיקן זייערע פאָרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג,

9) די פאַרוואַלטונג דאַרף אַנטקעגנקומען יעדן לאַנדסמאַן וואָס נייטיקט זיך אין הילף,

10) אַ מיטגליד וואָס צאָלט נישט אָן אַ מאָטיוו במשך 3 חדשים, ווערט אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן.

קולטור־אַרבעט

דער פאַריין האָט זיך נישט נאָר באַגנוגנט מיט מאַטעריעלער הילף און זאָרג פאַר די לאַנדסלייט, נאָר האָט אויף אַ סך זיצונגען אויך באַהאַנדלט די פראַגע פון קולטור־טעטיקייט. די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אויך געבן די לאַנדסלייט אַ קולטור־סביבה, ווו זיי זאָלן זיך קענען אויסלעבן גייסטיק. עס איז געשאַפן געוואָרן און אַ שטיק צייט געווען טעטיק אַ דראַמאַטישער קרייז, אונטער דער אָנפירונג פון שכנא פיינשטיין ע"ה. דער פּונקט און די סטאַטוטן וועגן קולטור־אַרבעט, לויטעט: די פאַרוואַלטונג שטרעבט צו שאַפן אַ ביבליאָטעק און דראַמסעקציע.

פון פּראָוויזאָרישקייט צו שטאַנדהאַפטיקייט

דעם 4טן אַפּריל 1932, איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג ביי דער אָנוועזנהייט פון 28 מיטגלידער. ביי דער פאַרזאַמלונג זענען באַשטעטיקט געוואָרן די אויסגעאַרבעטע סטאַטוטן און עס איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע פון שאַפן אַ ליי־קאַסע.

די פאַרזאַמלונג האָט דעפיניטיוו גוטגעהייסן דאָס גרינדן אַ ליי־קאַסע ביים פאַריין.

עס איז ביי דער געלעגנהייט אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנד:

איסאַק געלער (פּרעזידענט), אברהם משה פיינשטיין (וויצע פּרעזידענט), שלום געלפאַנד (סעקרעטאַר), מאיר פאל (מיטסעקרעטאַר), מאַקס געלפאַנד (קאַסיר), איסאַק יאַקאָבזאָן (רעווידיר־קאָמיסיע), מאנוס צעכאַנאָוויטש און חיים בע־טשער (מיטגלידער).

הילף־אַקציע פאַר די נשרפים אין קלעצק

די אַרבעט פון פאַריין איז געגאַנגען איר וועג און האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט. אין 1937, האָט דער פאַריין דערהאַלטן די טרויעריקע ידיעה וועגן דער שריפה אין קלעצק, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַ האַלבע שטאָט און געלאָזט אָן אַ דאַך און אָן ברויט צענדליקער פאַראָרעמטע משפחות. דער פאַריין האָט באַשלאָסן אונטערצוקומען מיט הילף.

עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ריי באַראַטונגען און פאַר־זאַמלונגען, און עס זענען דיסקוטירט געוואָרן די פאָרמען פון הילף. אַ טייל האָט געהאַלטן, מען זאָל גלייך פון דער קאַסע אַרויסנעמען 1000 פּעזעס און איבערשיקן, און אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז דערווייל זאָל מען שיק 500 פּעזעס. עס איז געשטאַנען די פראַגע צו ווען זאָל מען שיקן דאָס געלט. צום שלוס האָט מען זיך געאייניקט גלייך איבערצושיקן 500 פּעזעס צום ברודער פון דוד קולאקאָווסקי, משה קולאקאָווסקי. עס זאָל אויך באַשטימט ווערן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל פאַרטיילן די געלטער, און עס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן די ווייטערדיקע קלעצקער תושבים:

דער רב פון שטאָט, משה קולאקאָווסקי, יוסף פיינשטיין, זלמן פאל, משה בערל געלפאַנד, בערע שמוקלער און קושע פיש.

עס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ קאַמפּיין־קאָמיסיע, וואָס זאָל אָנגיין מיט אַ באַלדיקער געלט־זאַמלונג צווישן די לאַנדסלייט, כדי צו שאַפן אַ גרעסערע סומע פאַר די נשרפים אין קלעצק. אין קאַמפּיין־קאָמיטעט זענען אַריין: ד. קולאקאָווסקי, מ. געלפאַנד, ה. דאָלגיי, מ. דאָלגיי, י. דאָלגיי, א. פינקעלשטיין, י. פיינשטיין, י. געלפאַנד, מ. טאַראַבור, י. גאָלדין, י. שמוקלער, י. געלער, ב. גאָלדין, מ. פאַל און ש. טייטש.

דער פאָרזיצער פון פאַריין איז דעמאָלט געווען מאטעס סראַ־גאָוויטש און סעקרעטאַר ה. דאָלגיי.

דער פּוילישער פאַרבאַנד, האָט דעמאָלט געפירט אַן אַנדער הילף־אַקציע און דער פאַריין האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צום קאָמיטעט פון פּוילישן פאַרבאַנד, ער זאָל ביישטייערן מיט אַ סומע פאַר די נשרפים. אויף דער ווענדונג, האָט דער פּוילישער פאַרבאַנד ביישטייערט מיט כמעט אַ העלפט פון דער סומע וואָס דער קלעצקער פאַריין האָט צונויפגענומען ביי זיינע מיטגלידער. אַזוי אַרום, איז צוזאַמען געשאַפן געוואָרן די נישט־באַשיידענע סומע פון 7.500 פּעזעס, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן פאַר די נשרפים אין קלעצק. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז פאַר יענער צייט, איז עס געווען אַ זייער באַדייטנדיקע סומע.

דער פאַריין האָט זיך אויך געווענדעט צום קלעצקער ל"ל־פאַריין אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אויך אונטערנעמען אַן אַקציע צו העלפן די נשרפים.

„קאַסא אַלמגראָ" — די ליי קאַסע ביים פאַריין באַקומט יורידישע פּערזאָן

די שטרעבונג פון פאַריין צו שאַפן אַ ליי־קאַסע, וואָס האָט זיך געצויגן פון 1932 און פריער, האָט אין 1934 באַקומען זיין אָרגאַני־זאַציאָנעלן אויסדרוק, אָבער אין 1939, האָט די ליי־קאַסע באַקומען איר פולע אָנערקענונג מצד דער אַרגענטינער רעגירונג און זיך

פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקער קעגנזייטיקער הילפס־אינסטיטוציע, וואָס האָט געמוזט אַ ביסל ברייטער עפענען אירע טירן אויך פאַר נישט־מיטגלידער.

דער פאַריין צוזאַמען מיט דער לייַ־קאַסע, וואָס האָט זיך פריער געפונען אויף דער מאַלאַביאַ גאַס 509, האָט זיך דעפיניטיוו אַריבער־געצויגן אויף דער קאַנינג גאַס 122, ווו די קרעדיט־קאַסע געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג.

אין מאָמענט, ווען די קאַסע האָט באַקומען יורידישע פערזאַנען, איז די פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: הערצל גאָלפאַנד — פרעזידענט, בערנאַרדאָ גאָלדין — וויצע־פרעזידענט, דוד קולאַקאָווסקי — סעקרעטאַר, מאיר דאַלגיי — מיטסעקרעטאַר, מאַקס גאָלפאַנד — קאַסיר, מאיר פאַל — מיטקאַסיר; דירעקטאָרן: מתתיהו סראַגאָוויטש, אַרקאַר פינ־קלשטיין, אהרן קאַפּשיק, איסידאָרא פיש; שטעלפאַרטרע־טערס: איסאַק גאָלדין, שמואל ט. מולער, יעקב ציוק — רעכנונג־רעווידירער, איסאַק גאָלער — שטעלפאַרטרעטער.

הגם די קאַסע איז צוזאַמען מיטן פאַריין, און אין פאַרוואַלטונג פירט אָן מיט זיי, האָט מען צוליב לעגאַלע טעמים געמוזט געבן דער קאַסע אַ באַשטימטן נאָמען, און דער פאַריין האָט באַשטימט צו רופן די לייַ־קאַסע קאכא אלמאגרא", דעם נאָמען פון דער געגנט, ווו דער פאַריין און די קאַסע געפינען זיך.

ביים היינטיקן טאָג, האָט די קרעדיט קאַסע אַרום 600 אַקציאָנערן מיט אַ מיליאָן פעזאָס אין דער שפּאָר־קאַסע, און גיט אַרויס אַרום 2.000.000 פעזאָס הלוואות אַ יאָר. פון זינט דער גרינדונג, האָט זיך די געלט־באַוועגונג כסדר אַנטוויקלט און שטייגט פון יאָר צו יאָר. די „קאכא אלמאגרא", איז היינט אַ גוט־אָנערקענטע און גלייכבאַ־רעכטיקטע קרעדיט־קאַסע צווישן די אַנדערע צענדליקער קרעדיט־קאַסעס, און האָט דעם געהעריקן אָנזען אויף דער יידישער גאַס און אין דער מוטועלער געזעלשאַפט.

חורבן אייראָפּע און אויפקום פון דער מדינה

מיטן אָנקומען פון די שרעקלעכע ידיעות פון אויסראָט און מאָרד, האָט דער קלעצקער ל"ל־פאַריין, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לאַנדס־לייט־פאַריינען און פאַרבאַנדן, שפּעטער צוזאַמען מיטן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן־נאַציאָנאַל־ראַט (אין וועלכן דער קלעצ־קער פאַריין איז אָנגעשלאָסן ביז היינטיקן טאָג), אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט צו ראַטעווען וואָס מען האָט געקענט און אונטערגעקומען מיט הילף. עס איז געשיקט געוואָרן הילף אין די לאַגערן פאַר די געראַטעוועטע און צו פליטים פון קלעצק און אומ־געגנט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די עליה קיין ישראל, און צווישן די עולים האָבן זיך געפונען קלעצקער, לעכוויטשער און אַנדערע לאַנדסלייט פון דער אומגעגנט, האָט דער פאַריין אָנגעהויבן אָן אַקציע צו שיקן פעקלעך קיין ישראל, און די דאָזיקע אַקציע איז געפירט געוואָרן אַ לענגערע צייט מיט דערפאָלג.

דער פאַריין האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן מזל און האָט נישט געליטן פון שפּאַלטונגען אויף רעכטע און לינקע. דער פאַריין איז געבליבן גאַנץ און האַלט זיך אויף ביז היינט ווי אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן־נאַציאָנאַלראַט, באַטייליקט זיך אין ישראל־קאַמפּיין, אין באָנאָס, קרן קימת לישראל און אין אַלגעמיינע וויכטיקע געזעלשאַפט־לעכע, נאַציאָנאַלע און רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן פון ישוב. אַ ביישפּיל פאַר דעם זענען עטלעכע נעמען פון דער אָנפירונג, וועלכע ווערן דאָ אויסגערעכנט און אין די אינסטיטוציעס, אין וועלכע זיי באַטייליקן זיך:

שכנה פיינשטיין ע"ה — געוועזן דער גרינדער פון פאַריין פון סטאָליער־פאַבריקאַנטן און פון דער אינדוסטריאַל־באַנק (די היינטיקע קאָמערציאַל־באַנק).

אברהם משה פיינשטיין — געוועזן מיטגליד פון דער פאַר־וואַלטונג אין דער חברה קדישא, היינטיקע קהילה.

מאַקס גאָלפאַנד מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון שלום־עליכם שול.

איסאַק שמוקלער און ישראל פיש — פאַרטרעטער אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן־נאַציאָנאַלראַט.

דוד קולאַקאָווסקי — מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג אין דער קהילה, פון מגבית־דירעקטאָריום, שלום־עליכם שול און וויצע־פרעזידענט פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן־נאַציאָנאַלראַט.

לייב שמוקלער — מיטגליד פון אַ סוב־קאָמיטעט פון פאַריי־ניקטן ישראל־קאַמפּיין.

מען וואָלט געקענט אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי טוערס פון פאַריין, וואָס זענען נישט נאָר באַגרענעצט מיט דער אַרבעט פון קלעצקער לאַנדסלייט־פאַריין און „קאכא אלמאגרא", נאָר באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער און קולטור־דערציערישער טעטיקייט פונעם גרויסן און אַקטיוון ישוב אין בוענאָס־איירעס.

די היינטיקע אָנפירערשאַפט

די היינטיקע אָנפירערשאַפט פון פאַריין און קאַסע, זענען די פאָלגנדיקע:

דוד קולאַקאָווסקי — ערן־פרעזידענט, איסאַק שמוק־לער — פרעזידענט, איסאַק גאָלדין — וויצע־פרעזידענט, מאיר פאַל — סעקרעטאַר, חיים שמוקלער — מיטסעקרעטאַר, בנימין מולער — קאַסיר, הערצל גאָלפאַנד — מיטקאַסיר.

מיטגלידער: מאַקס גאָלפאַנד, איסאַק גאָלער, משה גאָל־דין, שמואל עסטלאָווסקי, שמואל טייטש מולער, מתתיהו סראַגאָוויטש, יעקב זאַבעלינסקי, יצחק אלטשול, ישראל פיש, לייב שמוקלער, ישראל סראַגאָוויטש — חשבון־רעווידירער, מאיר דאַלגיי — שטעלפאַרטרעטער, ראובן גאַראַד־נער — פאַרוואַלטער.

פרויען־קאָמיסיע

סאָניע באַנשטשיק — פרעזידענטין, ריקלע גאָלפאַנד־פערקול — וויצע־פרעזידענטין, שרה גאָלפאַנד — סעקרע־טאַרין, פרומע קולאַקאָווסקי — מיטסעקרעטאַרין, אסתר שמוקלער — קאַסירערין, חייה מולער — מיטקאַסירערין.

מיטגלידערינס: אנא פיש, פערלא סראַגאָוויטש, עטי גאָלדין, בתיה קאַפּשיק, רבקה אלטשולער, שרה שמוק־לער.

באַזוכן פון לאַנדסלייט

אין 1951, האָבן באַזוכט אַרגענטינע די לאַנדסלייט פיניע און חנה פייגל בירג, וועגנער, יהושע לעמפערט און פרוי, יאַכע ראַבינאָוויטש פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

היי־יאָר האָט באַזוכט ב. איירעס, פעשע קאַצענעלסאָן פון ישראל.

טובּיה קאַזש, אפרים שפּילבערג און קריינע קאַזש־שפּילבערג פון טשילע.

אַזוי גייט אָן דער פאַריין מיט זיין טעטיקייט זינט זיין גרינדונג, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט יעדעס מאָל צו די נייע באַדינגונגען. אין דער תקופה פון מדינת ישראל, שטייט דער פאַריין אויף דער וואַך און היט אָפּ זיין טראַדיציע צו העלפן די קלעצקער, וואָס זענען עולה

קיין ישראל. דער פאַריין פירט דורך אַלע יאָר די פייערונג פון יום העצמאות און ביי דער געלעגנהייט ווערט פּראָקלאַמירט דער קאַמפּיין פאַר ישראל צווישן די מיטגלידער. עס איז אויך אַ געלעגנהייט פאַר צוזאַמענקונפטן פון דער מיטגלידערשאַפט, וואָס האָט אויך די נאַ־ציאָנאַלע געפילן און איז טיף פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען פון דער מדינה.

דער פאַריין האַלט גלייכצייטיק הויך דעם נאָמען פון קלעצק, וואָס לעבט אין זכרון פון די קלעצקער און די אַרבעט וואָס ווערט געטאָן לטובת דער מדינה און יידישן פאָלק, איז ענג פאַרבונדן מיטן הייליקן אָנדענק פון קלעצק און אומגעגנט.

יעדעס יאָר, ביים מאָנומענט לזכרון די קדושים, וואָס די היגע קהילה האָט אויפגעשטעלט אויפן בית־עלמין, אין טארבלאזא פירט דורך אונזער פאַריין אַ אזכרה, ביי וועלכער עס ווערט דערמאָנט דער הייליקער אָנדענק פון אונזער קלעצק און די שטעטלעך אַרום מיט די אומגעקומענע יידן על קידוש השם.

זאָל דער זכר פון קלעצק שטענדיק לעבן אין אונזער זכרון.

משה ברוך טאראבור (בוענאס איירעס) / צו מיין אומפארגעסלעכן קלעצק

אין שטילקייט פון דער נאַכט

אין שטילקייט פון דער נאַכט, ביים גיין —
דערזע איך אין דמיון קלעצק פון אַמאָליקע צייטן;
כ'זע אונזער שטעטל מיט איר צויבערלעכן חן,
ווי אין די יאָרן פון אַמאָל, פון די יוגנט-ווייטן.

ווען מיין נשמה שלינגט די מרחקים פון יאָרן,
כ'דערזע אונזער שטעטל מיט די שטיבעלאַך
— די וועגן שטויביקע מיט גריבעלאַך —
אַזוי ווי גאַרנישט ס'איז אינצווישן געוואָרן.

מיין שטויביקע וויגל

מיין שטויביקע וויגל פון די קינדער-יאָרן —
ווי ליב כ'האָב דעם טאָג, ראָז-צעהעלט —
אַזוי געדענק איך די אַמאָלקע באַטאָגן —
ווי אויסגעקריצט געבליבן אין זכרון די לויטערע
פאַרנאַכטן.

דאָס זענען געווען הארבסטן, געווען פרילינגס —
אַזוי ליכטיק-העל זיי זענען אין תהום פון יאָרן, —
צו זיי, זכרונות, טויכען אויף —
ווי די בלומען ערשט צעבליטע.

אַ בענקשאַפט אין הארצן אַזוי נאַגט
נאָך די גאַסן, נאָכ'ן שליאַך ביי דער מיל,
נאָכ'ן שראַנק-ספרים אין דער אַלטער שול
— ווען גאָלדיק געשיינט האָט אַ זון אַזוי העל.

אוי, קלעצק, מיין ליבע היים פון אַמאָל
דערציילן פאַר דיר וויל איך דעם וויי פון מיין נשמה —
ווען ס'בליצן די אויגן מיט די ווייטע פאַרלאַנגגען
און ס'זינקען די טריט מיינע אין ריטם פון גאַנגען.

לייבל שמוקלער / צווישן קלעצקער און בוענאס איירעס

(בוענאס־איירעס)

צו בויען אַ בריק, אַפילו נאָר אין דמיון, צווישן בוענאס־איירעס און קלעצק — קלינגט ווי אַ חלום...

דער דמיון טראָגט מיך נאָך איצט פון בוענאס איירעס צו אונזער אַלטער היים. אַט שפּאַציר איך ווי אַמאָל פאַרביי נאָכצע דעם שוסטערס שטוב, משה ניצבערגס, בערל מאַניער, דוד לייב מעלצערס מויער, און כ׳בין שוין אין מאַרק, וווּ עס פלעגט הוזשען אַזוי ווי אין אַ בינ־שטאָק. און אַט שפּרייז איך איבער משה דאמניץ׳ס קראָם און אין דער קראָם פון ר׳ שלום לעמפּערט, וואָס פלעגט זיצן ביי זיין טאָכטער ריישקע אין מאַנופאַקטור־געשעפט און אַריינקוקן אין אַ ספר.

אַט דרייען זיך די קונדן, ער דערזעט זיי בישט; ער איז גאָר פאַרטיפט אין דער גמרא בדרים מיטן ר״ן, ער האָט עפּעס אַ שווערע סוגיא. ווי ער, אַזוי אויך ר׳ חיים פּימשטיין מער למדן ווי סוחר — און אַזעלכע „סוחרים" זענען ביי אונז אין שטעטל געווען אַ סך.

די יאָרן — זיי לויפן. און עס איז אַ לאַנגע געשיכטע צו דערציילן ווי אונזערע לאַנדסלייט דאָ אין אַרגענטינע האָבן זיך אָרגאַניזירט, ווי מען איז דאָ אַהער געקומען, זיך די ערשטע צייט געמאַטערט און זיך שפּעטער אַרויפגעאַרבעט און עס זענען געווען אַ זעלכע ווי נחמן גרינבערג, וואָס איז דאָ יונג געשטאָרבן.

אָפט דערמאָנען מיר זיך דאָ אין אונזערע יונגע יאָרן אין שטעטל. אַט מיינע שול־חברים לייבל לאַטווין, יאסל כהן, מאיר פּאל (איצט אין בוענאס־איירעס), ישראל מיללער, טעוול נאַוויק, וואָס אייניקע פון זיי זענען אַוועק שפּעטער אין אויסלאַנד שטודירן. דאָ ביי אונז האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונזער לאַנדסמאַנשאַפט דוד קולאַקאַווסקי, פון די מיטגרינדער פון פאַריין און אייניקע יאָר געווען אונזער ערן־פּרעזידענט. אגב, איז ער אויך דער פּרעז־זידענט פון „מגבית מאוחדת", און וויצע־פּרעזידענט פון פּוילישן פאַרבאַנד, וואָס נעמט אַרום אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן פון פּוילישע שטעט און שטעטלעך. ער איז דער אמת׳ער עסקן ציבורי מיט גרויסן פאַרנעם, טאַקע לטובת הכלל.

מיר דאַרפן אויך דערמאָנען אונזערע איבערגעגעבענע חברים ווי הערצל געלפאַנד, געוועזענער פּרעזידענט און שטענדיקער קאָמיטעט־מיטגליד פון פאַריין, מאיר פּאל, לאַנג־יעריקער סעקרע־טאַר, מיין פעטער איצע שמוקלער, ישראל פּיש, מאַטל געל־פאַנד, מאַטעס שראַגאָוויטש, שמואל טייץ, מולער זיין זון בנימין און אַנד.


פאַר אונז דאָ אין אַרגענטינע, איז די דערשיינונג פון אונזער יזכור בוך אַ געשעעניש. עס בענקט זיך נאָך דער אַלטער היים, שוין יאָרן אַוועק, אָבער קלעצק איז ביי אונז איינגעקריצט אין זכרון. אינם דאָזיקן בוך וועלן מיר אויפרישן דעם ליבן אַמאָל, אונזער יוגנט.

יוסף גרינשפּאַן / זון פון מיין בלויער שטעטלע

זון פון מיין בלויער שטעטלע,
ס׳האָט דיך
די ריזן־שטאָט ניו יאָרק
אויף אירע שטאָלענע הערנער אַרויפגענומען;
און מיך
האָט זי איינגעשלונגען
אין איר פייכטן, זשאַווערדיקן אינגעווייד.

זון פון מיין בלויער שטעטלע —
ווי עס וועבט אונטער אַ סטעליע ערגעץ אויס
מיט אירע דאַרע, לאַנגע נאָדל־פינגער
די גרויע שפּין
איר שפּינוועב פאַר אַ וואָגלענדיקער פליג,
אַזוי האָט מיט קאַלטע פינגער אייזערנע,
די גרויע שטאָט
איבערן הימל
אַ געפלעכט פון נעצן ריזיקע
אויסגעוועבט פאַר דיר.
איצט — —
ווי אַ געפאַנגענער
אין דראָט, אין שטעכיקן,
פלאָנטערסטו זיך אום
צווישן אַ געפלעכט פון טורעם, שפּיצן,
איבער אַ הימל אַ צעלעכערטן,
ווי דו וואָלסט אַ וועג צוריק געזוכט,
צוריק צו דער בלויער שטעטלע
און צום סטאַרינאַיעם וואַלד.

זון פון מיין בלויער שטעטלע — —
ווי אַ וואָרעם שאַר איך זיך
איבער הדרים פייכטע, חשכותדיקע,
פון ניו־יאָרק,
בלינד, ווי אַ וואָרעם,
צי איך זיך
דורך אירע בלינדע, אונטערערדישע
כף־הקלע לאַבירינטן,
און זוך דעם וועג צו יענער צייט,
ווען ס׳איז פאַר מיר די גרויע וועלט די שטאָטישע
אין בלויע שלייערן געווען נאָך איינגעהילט;
צו יענער צייט,
ווען איך, אַ קינד פון שטעטלע,
און דו — — איר הימל׳ס יונגע זון —
האָבן ביידע זיך אין פעלד אַרומגעשפּילט,
ווי אַ יינגל מיט זיין גאָלדענעם באַלון.



פלאן פון קלעצק

(דער געטא מיט רויטן שטריך)

תכנית קלצק

(הגיטו בקו אדום)

יוסף רייס־דאבינאוויטש
(ניו־יארק)

/ ביי זייער אנדענק ציטערט אויף ס'הארץ...

מיטן פאַרייביקן דעם אָנדענק און חורבן פון קהילת קלעצק, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין יידנטום, סיי אין צאָל, סיי אין איכות, אין דעם בוך, וועל איך דאָ דערמאָנען די ווערטער פון אונזער שטאָטישן, הרב פיקוס ע"ה (דער זון פון חאַצקל סופר), וואָס ער האָט געזאָגט בעת אַן אזכרה פאַר אונזערע שטאָטישע, אין דער קלעצקער שול אין ניו־יאָרק:

„רבונו של עולם! שיק אונז אַראָפּ פון הימל אַ דערהויבענעם מקונן ווי דער אַמאָליקער נביא ירמיהו, ווייל נאָר ער אַליין וועט זיין בכוח שטיין דאָ פאַר דער גאַנצער עדה און באַקלאָגן און מספיד זיין דעם אומקום פון אַ גאַנצער קהילה אויף אירע טויזנטער זין...

איך בין זיכער, אַז אַזאַ הספד אויף טויזנטער יידן האָט נאָך קיינער נישט פאַרפאַסט במשך פון דער גאַנצער מענשלעכער געשיכטע, ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין ביישפיל און פרעצעדענס אין דער וועלט־געשיכטע פון די שוידערלעכקייטן און פאַרניכטונג פון וועלכער מיר זענען געווען עדות".

און אָט זע איך פאַר די אויגן פון מיין גייסט די געשטאַלט פון מיין פעטער, ר' אהרן פרצ'ס, אָדער אהרן דער שמש, דעם אַמאָליקן הויפּט־מספיד פון קלעצק, ווי ער איז אַמאָל גערופן געוואָרן מספיד צו זיין אַ איינזאַם־עלנטן נפטר, און איך געדענק זיינע ווערטער:

— „מרנן ורבותי! עס ווערט געזאָגט: — אַל תבכו למת, בכו בכה להולך... פאַרוואָס דאַרפן מיר וויינען אַ סך אויף דעם לעבעדיק־געבליבענעם און נישט קלאָגן אויף דעם טויטן?"

ער האָט געפרעגט, און ער האָט געגעבן דעם תירוץ:

— „אַז אַ מענש שטאַרבט האָט נישט קיין זין צו וויינען נאָך אים, ווייל דאָס איז דער דרך העולם, און אַז ער לאָזט איבער נאָך זיך קינדער, האָט ער דאָך איבערגעלאָזן פאַר זיך אַן אָנדענק, אַ נאָמען און אַן איבערבלייב; אָבער דער יעניקער וואָס גייט אַוועק פון דער וועלט איינזאַם־עלנט, איז ווי פאַרשניטן, פאַרשוווּנדן פון דער וועלט, און אויף אים זאָגט דער פסוק: בכו בכה להולך"...

און אויב מיר דאַרפן פאַרגיסן אַ סך טרערן אויף א י י ן ־ א ו ן ־ א י י נ צ י ק ן, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן, וויפל דאַרפן מיר קלאָגן אויף אַ גאַנצער פאַרשניטענער שטאָט?

אַרום פינף טויזנט קלעצקער יידן זענען פולשטענדיק פאַרשניטן געוואָרן, פאַרניכטעט געוואָרן עד חרמה און אומגעקומען אין איין געמיינזאַמען ברודער־קבר, אַלע צוזאַמען, מיט זייערע פרויען, זין, טעכטער, קינדער. קענען מיר געפינען אַן אויסדרוק און אַ טרייסט פאַר דעם ווייטיק, בעת מיר דערמאָנען זיך אָן איב?

זיי שוועבן דאָך נאָך איצט אַרום אונז, און מיר זען זיי מיט די אויגן פון אונזער גייסט ווי לעבעדיק...

די יידן אין אונזער געבורט־שטעטל קלעצק, זענען געווען אַ דינאַמיש טעטיקער ציבור, אַ וואָרצלדיקער און לעבנספעיקער, אַ פרוכטבאַר באָדן פאַר אַלע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און קולטורעלע באַוועגונגען און שטימונגען פון אונזער פאָלק: רעליגיעזע און ציוניסטן, בונדיסטן און פועלי ציון; ישיבה אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף; „החבר", החלוץ, השומר הצעיר; אַ דראַמאַטישע סעקציע; אַ גאַלעריע פון פערזענלעכקייטן און געשטאַלטן, און כלערליי איניציאַטיוון — זיי אַלע זענען איינגעקריצט אין אונזער האַרץ אויף אייביק.

און אחרון אחרון: אונזערע שולן און בתי־מדרשים— די „קאַלטע שול", דער גרויסער בית־מדרש, דער קלויז פון די קצבים, דער צעפרער קלויז און כלערליי פריוואַטע מניינים. און די ישיבה — די פעסטונג פון תורה.

איז געקומען דאָס אָפּפאַל פון דער מענשהייט, די מערדערלעכע טמאדיקע רוצחים, און פאַרשניטן דאָס ריינע, שיינע, שעפערישע לעבן.

ביי זייער אָנדענק וויינט דאָס האַרץ.

האָבן זיי דאָך אַלע געטראָגן אין האַרצן דערהויבענע טרוימען און האָפנונגען, אידעאַלן און שטרעבונגען. קיינמאָל וועלן מיר זיי נישט פאַרגעסן.

זאָל זיין דאָס בוך אַ נשמה־ליכטל און אַ אייביקע מצבה פאַר דער קלעצקער קהילה — פאַר אונזער דור און פאַר די קומענדיקע דורות.

טוביה קירזשנער / סעפטעמבער 1939

עס דערמאָנט זיך מיר דער 31טער סעפטעמבער 1939, אַ טאָג איידער די נאַציס האָבן אַריינגעמאַרשירט קיין פוילן. איך בין דעמאָלט צוריקגעקומען אַ היים קיין קלעצק, נאָכדעם ווי איך האָב אין משך פון איין און אַ האַלבן יאָר געאַרבעט אין ניעסוויזש. בעת איך בין אָנגעקומען קיין קלעצק איז די גאַס געווען שוואַרץ פון מענטשן געזאַמל, אַ סך יידן זענען געשטאַנען און געלייענט אויפן קול די גרויסע אַליאַרם־פלאַקאַטן, אין וועלכע די פוילישע רעגירונג האָט גערופן די בירגער צו באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד. דערהויפט זענען דאַן געווען אַ סך מענטשן אויפן מאַרק.

יענעם שבת האָבן די יידן פון אונזער שטאָט נישט שפאַצירט געמיטלעך ווי אין אַנדערע שבתים, מ׳האָט נאָר גערעדט וועגן די דראָענדיקע ידיעות, וואָס דער ראַדיאָ גיט איבער וועגן דעם אויס־ברוך פון דער מלחמה. אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן שוין באַקומען דעם באַפעל זיך צו מעלדן צום מיליטער.

איך בין דאַן שנעל אַוועק אַהיים, כ׳האָב זייער געוואָלט שוין זען מיין פאַמיליע, וואָס כ׳בין פון איר דערווייטערט געווען שוין אַ לענ־גערע צייט. דאָס מאָל איז עס שוין נישט צוגעגאַנגען ווי פריער. בעת איך פלעג פריער קומען אַהיים, שוין פון ווייטנס, אַז מ׳האָט מיך נאָר דערזען, פלעגן די קליינינקע ברידערלעך און שוועסטערלעך מיר אַנטקעגנלויפן, מיר אַריינפאַלן אין די אָרעמס, און דער קליינינקער ברודערל מאָטעלע פלעגט זוכן אין מיינע רענצלעך וואָס־פאַראַ מתנה כ׳האָב געבראַכט. אָבער דאָס מאָל איז געווען קענטיק די ערנסטקייט פון מאָמענט. די מאַמע האָט דערזעענדיק מיך זיך גלייך צוכליפעט מיט אַ יאָמערלעכן געוויין, אַ געמיש פון פרייד, זאָרג און וויי, און אויפן פנים פון טאַטן איז געלעגן אויסגעלאָסן אַ טיפער אומעט. ער האָט זיך מיט מיר צעקושט, נאָכהער האָט ער מיך צוגערופן און גע־זאָגט: — זעץ זיך, מיין זון. ער האָט אויך צוגערופן די אַנדערע קינ־דער. — הערט קינדער! — האָט ער זיך געווענדט צו אונז. איך וויל אייך זאָגן, וואָס עס דריקט מיר אויפן האַרצן:

— מיינע בעסטע יאָרן האָב איך אַוועקגעגעבן כדי צו פאַרווירק־לעכן מיין חלום. איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר געווען אין מיין יכולת, אַז מיינע קינדער און אַלע פון מיין משפחה זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. כ׳האָב כסדר אַלץ געהאָפט, אַז אויך דו, מיין זון, זאָלסט וואָס שנעלער אַוועק אַהין. איך האָב די גאַנצע צייט אויך געהאָפט, אַז אויך איך וועל זוכה זיין עולה צו זיין און דאָרטן פונסניי אויפ־בויען אַ ניי לעבן. איצט, בעת עס לויערט אַזאַ גרויסע סכנה אויף דער וועלט בכלל און פאַר אונדז יידן בפרט, זע איך, אַז איך האָב שוין, ליידער, פאַרשפעטיקט... אָבער, איר קינדער, אויב איר וועט נאָר איבערלעבן אָט די מלחמה — ווייסט, אַז עולה זיין קיין ארץ־שראל — דאָס איז אייער איינציקער וועג.

דער טאַטע מיינער איז געווען רייך אין לעבנס־דערפאַרונג. ער האָט גוט געוווסט ווי אַזוי זיך צוצופאַסן צו די באַדינגונגען. צומאָרגנס איז ער ווידער אַריין אין דער רוטין פון זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. די קינדער האָבן ווייטער געלערנט אין דער שול ווי פריער, אָבער איך האָב פאַר מיר נישט באַקומען דאַן קיין שום באַשעפטיקונג. איך האָב מיך געטראָפן מיט חברים כדי צו הערן, וואָס עס הערט זיך. כ׳האָב אָנגעטראָפן לייבל קאַפלאַן מיינעם אַ גוטן חבר פון די קינדער־יאָרן. ביים הויז פון זייגערמאַכער איצקע פעדער זענען געשטאַנען אין גערדענג אַ סך יידן פון „שול הויף״ און פון די דער־בייאיקע געסלעך. זיי האָבן זיך איינגעהערט וואָס דער ראַדיאָ גיט איבער וועגן די ערשטע צוזאַמענשטויסן צווישן נאַציישן און פוילישן מיליטער. ס׳רוב זענען געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן אוודאי גאָר גיך זיגן — און דאָס האָט אונז זייער געשראָקן, ווייל מיר האָבן שוין גוט געוווסט ווי אַזוי די דייטשן באַציען זיך צו די יידן.

פונדאַנען בין איך אַוועק אין קאַפע פון יאַנקל ליפשיץ, כדי דאָרט צו הערן נייעס. דאָרטן האָב איך געטראָפן אייניקע חברים: ראובן באנשטשיק, הערצל סטאָלער און אַנד. ס׳איז געוואָרן גיך פינצטער, ווייל מ׳האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט מורא האָבנדיק פאַר אַ באָמבאַרדירונג פון די דייטשע עראָפלאַנען און באַלד האָבן מיר געהערט ווי דער ראַדיאָ רופט: פאָרזיכטיקייט! און אַנדערע פאַראַלן און אויסרופן, געווענדט צום פוילישן מיליטער.

איך בין אַוועק אַהיים אין אַ געדריקטער שטימונג. יענעם טאָג און אויך אויף צומאָרגנס, האָט מען אַ סך מאָביליזירט אין מיליטער.

און אָט זענען געקומען די ימים נוראים. דאָס פוילישע מילי־טער האָט דאַן געליטן אַ גרויסע מפלה אויפן פראָנט.

און ווי שוואַך איז געווען אונזער פאָרשטעלונג וועגן דעם וואָס עס דערוואַרט אונז! מיר האָבן דאַן געוווסט דעם טרויעריקן גורל פון די יידן אין דייטשלאַנד, די אכזריות׳דיקייט פון די נאַציס, אָבער ס׳איז קיינעם נישט געקומען אויפן זינען, אַז מ׳וועט סיסטעמאַטיש אויסמאָרדן די יידן אין פוילן, און אונזער שטעטל בתוכם. אַז איך דערמאָן זיך אין יענע טעג פיל איך עפעס אַ פוסטע ליידיקייט אין האַרצן ביים רעיון, אַז קלעצק איז געוואָרן אַ בית־עלמין פאַר אַלע אירע תושבים — הי״ד.

לאה פיש־מאיראַוויטש / די פאַרניכטונג

יוני 1941. דאָס שטעטל איז כמעט ווי פוסט. דער מאַרק, וואָס האָט שטענדיק גערוישט און געווימלט פון מענטשן, איז ליידיק. דאָ און דאָרט גייט אַ מענטש, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. און טראַכטן איז געווען פון וואָס. דעם 22־טן יוני האָט נאַצי־דייטשלאַנד אָנגע־פאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. די וועגן וואָס פירן קיין מזרח, און דאָס שטעטל אַליין, זענען פאַרפלייצט געוואָרן פון מאַסן פליטים וועלכע זענען געלאָפן צום מזרח.

אויך די באַפעלקערונג פון קלעצק האָט זיך אָנגעהויבן צו עוואַ־קואירן. אין דער ערשטער ריי, נאַטירלעך, די סאָוועטישע מאַכט און אירע אָרגאַנען. יעדער איינער, וואָס האָט זיך נישט געשראָקן פאַר שוועריקייטן — האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו דער אַלטער פויליש־רוסישער גרענעץ; ווער מיט דער גאַנצער פאַמיליע, ווער אַליין, אַלץ איבערגעלאָזט, גענומען אַ קליינעם פעקל אויף דער פלייצע מיט אַ ביסל עסן, און געצויגן זיך דורך צעפרער גאַס צו די וועגן טאמקעוויטש—סלוצק—קאַפוליע. מערסטנטייל צופוס, אַנדערע אויף פערד און וואָגנס, ווער מיט דעם טראַנספּאָרט פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען.

מיטוואָך פאַרנאַכט, דעם 25טן יוני, איז דאָס שטעטל געוואָרן

פוסט פון מענטשן. די איבערגעבליבענע זענען געזעסן אין די הייזער, יעדער פאַרטאָן אין זיינע דאגות, געטראַכט וועגן די אַוועקגייענדיקע און מיט שרעק דערוואַרט זיין אייגענעם גורל.

פלוצים איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן. עס הערט זיך אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער און אַ גערויש פון שווערע טאַנקן. אַ דייטשע אויסשפּיר־אָפּטיילונג איז אַריין אין קלעצק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויף. יעדער איינער האָט געזוכט אַ אָרט צו באַהאַלטן זיך, די וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן געמוזט שטיין, די הענט אויפגעהויבן און זיך נישט רירן פון אָרט. דאָס האָט געדויערט אינגאַנצן עטלעכע מינוט. ווידער איז שטיל געוואָרן. די טאַנקן זענען פאַרשוווּנדן אַזוי שנעל, ווי זיי זענען דערשינען.

איין דערהר׳געטער סאָוועטישער זעלנער אויפן מאַרק־פּלאַץ איז געווען אַ סימן, אַז די נאַצישע רוצחים זענען דאָ געווען און אויך אַ צייכן, אַז פון דער מינוט אָן טרעטן מיר אַריין אין אַ נייער עפּאָכע פון טויט און בלוט.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. פינצטער אין די גאַסן און אין די הייזער. קיינער קען נישט אַנטשלאָפן ווערן. ווען־נישט־ווען הערן זיך, טריט פון אַ מענטש, שטילע, דערשראָקענע, פאָרזיכטיקע טריט. דאָס זענען טריט פון די צוריקגעקומענע פון דער גרענעץ. זיי האָבן זיך געמוזט אומקערן, ווייל די וועגן זענען שוין געווען פאַרנומען דורך די דייטשע חיילות. ווּהין זיי האָבן זיך נישט געקערט, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשע פּאַטרולן. פאַר זיי איז נישט געבליבן קיין אויסוועג, ווי נאָר זיך אומקערן אהיים.

עס זענען אויך געווען טריט פון אייגצעלנע, אָדער גרופּעס סאָ־וועטישע זעלנער, וואָס האָבן זיך געוואָלט דורכרייסן צו זייערע היימען אָדער אָפּטרעטנדיקע אָפּטיילונגען, וועלכע זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער אַרמיי. זיי האָבן געוואָרפן דאָס געווער, איבערגע־טאָן זיך אין ציווילע קליידער און געזוכט ערטער ווו זיך באַזעצן אַלס אָרטיקע תושבים. עס זענען געווען אויך טריט פון מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט, ווען אַלע מאַגאַזינען זענען געווען אָן שומרים. שלעפּט מען זעקלעך מעל און אַנדערע דערנע־רונגס־פּראָדוקטן. אויך רויבער און גנבים, האָבן אויסגענוצט די נאַכט פאַר זייערע צוועקן, צומאָרגנס האָט מען געפונען אַלע רעגירונגס־מאַגאַזינען פולשטענדיק ליידיק, הייזער וואָס זייערע בעלי־הבתים זענען אַנטלאָפן — אויסגערויבט.

דאָס לעבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

די גרויזאַמקייט פון די דייטשע אָקופּאַנטן, האָט זיך מאָמענטאַל אַנטפּלעקט. שוין אויף צומאָרגן נאָך זייער אָנקום, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מענטשן־יאַגד אויף אַרבעט.

די דאָזיקע יאַגד האָבן זיי געמוזט אַליין דורכפירן, ווייל יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצורוקן דעם נאָז פון שטוב. אין משך פון עטלעכע טעג איז די שענדלעכע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן דורך זייער ווייסרוסיש־פּוילישער מיליץ, וועלכע זיי האָבן גלייך אָרגאַני־זירט און וועלכע האָט באַקומען פרייע הענט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

כדי צו געבן אַ לעקציע דער פּאָליציי, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציען צו דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיי צענויפגעקליבן די יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ, אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען, געבראַכט פון ערגעץ 4 יידן, צוויי פון זיי נאָך גאַנץ יונגע קינדער — און פאַר אַלעמען אין די אויגן אין מיטן העלן טאָג זיי דערשאָסן. די שולד זייערע איז געווען, וואָס זיי האָבן זיך נישט צוגעשטעלט צום אַפּעל. דאָס איז געווען אַ געהעריקע לעקציע פאַר דער פּאָליציי, אָבער גלייכצייטיק אויך פאַר אונז יידן.

שוין פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט מען סיסטעמאַטיש — און פּסיכאָלאָגיש — אָנגעהויבן צוגרייטן אונז יידן צו די ווייטערדיקע גזירות, וועלכע זענען געפאַלן אויף אונזערע קעפּ און וועלכע האָבן געדאַרפט אויסגעפירט ווערן גענוי און פּינקטלעך אָן קיין שום ווידערשטאַנד און ווידערשפּעניקייט. מיר האָבן נאָכנישט באַוויזן צו באַווײַנען די טויטע, און שוין איז געקומען אַ צווייטע גזירה — מגן דוד׳ס אויף די אַרבלס, וועלכע זענען נאָך אַ קורצער צייט פאַרביטן געוואָרן אויף געלע לאַטעס אויפן ברוסט און פּלייצע. אַזוי זענען טאָג־טעגלעך געפאַלן פאַרשידענע גזירות, און אַלץ האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך, ווייַ איז געווען יענעם, וועלכער האָט די גזירות נישט אויסגעפילט פּינקטלעך.

כמעט טאָג טעגלעך זענען געפאַלן דערמאָרדעטע. איינער — פאַר טראָגן שלעכט די געלע לאַטע, אַ צווייטער — פאַר באַוויזן זיך נאָך 7 אַזייגער אין אָונט אויף דער גאַס; איינער — פאַר נישט צושטעלן זיך צו דער אַרבעט; אַן אַנדערער איז סתם נישט געפעלן געוואָרן דעם פאַרבייגייענדיקן דייטש. טאָג־טעגלעך איז עפּעס געשען. דער צוועק פון דעם איז געווען קלאָר: אָפּטעמפּן דעם ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, מאַכן זי אַפּאַטיש, נידערגעשלאָגן, געהאָרכזאַם.

און זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט.

שוין די צווייטע וואָך נאָכן פאַרנעמען דאָס שטעטל, איז די יידישע באַפעלקערונג געווען צוגעגרייט פּסיכאָלאָגיש צום ערגסטן. פאַרלוירן די פייאיקייט צו טראַכטן און רעאַגירן. מען האָט אַלץ אויפגענומען אַזוי נאַטירלעך און פּשוט, ווי אַנדערש קען גאָר נישט זיין. אונטערדריקטע, דערשלאָגענע, פאַרצווייפלטע — אונטער דער גרויזאַמער הערשאַפט פון מערדער און הענקער.

די צווייטע וואָך האָבן עטלעכע יידן געשאַפן אַן אַרבעטס־קאָמיטעט, כדי אויסצומיידן די יאַגדן, די כאַפּעריי און זוכעריי פון דער ווייסרוסישער פּאָליציי און דייטשן. זענען זיי געוואָרן די באַפעלער, די כאַפּער און די באַשטימער ווער און ווּ דאַרף אַרבעטן און ווי לאַנג. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן מיאוסע דערשיינונגען פון פּראָטעקציע און שוחד. זיי האָבן דאָס גאַנץ גוט אויסגענוצט.

די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן איז געווען זייער אַ שלעכטע. קיין זאַפּאַסן זענען נישט געווען און קויפן איז נישט געווען ווּ. די ערשטע דריי מאָנאַטן האָט די דייטשע מאַכט גאָרנישט געגעבן דער יידישער באַפעלקערונג. יעדער איינער האָט געמוזט זוכן אַ וועג, ווי אַזוי צו קויפן עפּעס און קיין געלט איז נישט געווען. די ערשטע צייט האָט מען נאָך געקענט אַרומגיין פריי אין גאַס, כאָטש בלויז אינמיטן גאַס, — אויפן טראָטואַר איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מען האָט נאָך געהאַט די קליינע מעגלעכקייט צונויפטרעפן זיך מיט דער ווייס־רוסישער באַפעלקערונג, און געקענט עפּעס אומבייטן אויף געלט, אָדער אויף דערנערונגס־פּראָדוקטן. יעדער איינער האָט געזוכט אַ אָרט אויף אַרבעט. בעלנים אויף אומזיסטער יידישער אַר־בעט זענען געווען אַ סך, איבערהויפּט די אַנטלאָפענע (בעתן סאָוויעטישן רעזשים) און איצט צוריקגעקומענע גוט־באַזיצער — פּריצים פון דער געגנט, וועלכע האָבן באַקומען צוריק זייערע גיטער. טאָג־טעגלעך פלעגן אַרויסגיין הונדערטער יידן אין די פרימאָרגן־שעהן צו דער אַרבעט, און פאַרנאַכט זיך אומקערן צוריק. אין די ווייטערע גיטער פלעגן די אַרבעטער זיך געפינען אַ גאַנצע וואָך, דאָס הייסט פון מאָנטיק פרי ביז שבת־צונאַכטס. זיי פלעגן באַקומען דאָרט אַ פּלאַץ צו שלאָפן — אַ צימער אויף 20—30 מאַן, וועלכן מען פלעגט אויסשפּרייטן מיט שטרוי. זיי פלעגן אויך באַקומען 300 גראַם ברויט אַ טאָג, אַ ביסל קאַרטאָפל און אָפּטמאָל אַביסל מילך. עס איז דעריבער קיין ווּנדער נישט, וואָס יעדער איינער האָט געוואָלט גיין אַרבעטן אין אַ גוט. איבערהויפּט האָט אַלעמען

געטריבן אין דאָרף דער פאַקט, וואָס קיין דייטשן האָט מען דאָרט נישט באַמערקט. אויסער דעם איז געווען אַ מעגלעכקייט זיך צונויפטרעפן אויפן וועג מיט באַקאַנטע ווייסרוסישע פויערים, און מאַכן וועלכע עס איז אויסטוישונגען, כדי צו ברענגען עפּעס שפּייז פאַר די היימישע.

אַזוי האָט מען זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צוגעוווינען צו דער געשאַפענער לאַגע.

אַזאַ „קליינע” געשעעניש ווי אַ צעשלאָגענער דורך אַ דייטש אָדער ווייסרוס ייִד, אָדער אַפילו אַ געהרגעטער ביי דער אַרבעט אָדער ערגעץ־וווּ, האָט שוין קיין איינדרוק נישט געמאַכט. ביז עס איז געקומען דער טראַגישער שוואַרצער פרייטיק, דער 24־טער אָקטאָבער 1941, וועלכער האָט אויפגעשוידערט מיט זיין גרויזאַמקייט און אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט.

דער שוואַרצער פרייטיק

דעם פרייטיק פרי, האָט אַ שליח פון אַרבעטס־קאָמיטעט צעטראָגן אויפפאָדערונגען צו 34 איינוווינער פון שטעטל, זיי זאָלן זיך צושטעלן אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור 11 אַזייגער אינדערפרי. די 34 מאַן האָבן זיך צוגעשטעלט פּינקטלעך אויפן אָרט. דאָרטן זענען זיי אויפגעהאַלטן געוואָרן ביז פאַרנאַכט, און דאַן איבערגעפירט געוואָרן אין די זאַמד־גריבער לעבן דעם קריסטלעכן בית־הקברות — און זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן. גלייכצייטיק איז דער „אַרבעטס־קאָמיטעט” אויפגעפאָדערט געוואָרן צו שיקן אויפן פּלאַץ 10 ייִדן מיט גראָב־אייזנס, מקבר צו זיין די דערשאָסענע, זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב און דאָרט מקבר געווען די 34 קדושים, זכרונם לברכה.

די דאָזיקע געשעעניש האָט אויפגערודערט די ייִדישע איינוווינער, און ווי אויפגעוועקט זיי פון דער פאַרשלאָפנקייט. מען האָט אָנגעהויבן צו דערשפּירן, אַז אַזאַ סוף דערוואַרט אַלעמען. מען האָט אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי אויסצומיידן אַזאַ סוף.

אָבער קיין וועגן פון רעטונג האָבן זיך נישט באַוויזן. אויסזיכטן און מעגלעכקייטן אויסצומיידן דעם טראַגישן גורל זענען נישט געווען.

לאַנג האָבן אָבער די געשעענישן נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. דעם 26 אָקטאָבער 1941, זענען אַלע ייִדן אויפגעפאָדערט געוואָרן צו רעגיסטרירן זיך אין אַרבעטס־קאָמיטעט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען גייט איינאָרדנען אַ געטאָ: יעדער איינער האָט געזוכט אַ וועג, ווי און וווּ צו פאַרזיכערן זיין ביסל האָב און גוטס. פיל האָבן אָפּגעגעבן זייערע ווערטפולע זאַכן צו זייערע באַקאַנטע שכנים, קריסטן, מיט דער האָפנונג, אַז שפּעטער וועט מען דאָס קענען אָפּנעמען צוריק. די מענטשן זענען אַזוי געווען פאַרנומען מיט די דאָזיקע איינאָרדנונגען, אַז כמעט אומבאַמערקט פאַר זיי האָבן שוין די דייטשן אָנגעהויבן צוגרייטן גריבער אויף אַ מאַסן־שחיטה.

דעם 29־טן אָקטאָבער פאַרנאַכט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדנונג, אַז מאָרגן, דאָס הייסט דעם 30־טן 6 אַזייגער פרי, מוזן אַלע ייִדן יונג און אַלט, אַלע אָן אויסנאַם, זיך צענויפזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ, נישט מיטנעמען מיט זיך קיינע זאַכן. קיינער טאָר נישט פאַרבלייבן אין די הייזער. אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן שטאָט, אין די גיטער און דערפער אויף אַרבעטס־פּלעצער זענען צוריקגעשיקט געוואָרן אין שטאָט.

טראָץ דעם וואָס פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דער אַקציע האָבן אַרומגעקרייזט שוין עטלעכע טעג, דאָך איז די פאַראָרדנונג געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט און פּלוצלינג. מענטשן זענען געלאָפן געזעגענען זיך מיט די אייגענע. אַנדערע האָבן נאָך געוואָלט אויסנוצן די עטלעכע שעה אויף צו באַזאָרגן דאָס ביסל פאַרמעגן, איבערגעבן עס די קריסטן, אָדער פאַרגראָבן אין באַהאַלטענע ערטער. עס האָט זיך געצויגן די פיינלעכע נאַכט. השערות, פאָרשטעלונגען, וועגן דעם דערוואַרטעטן מאָרגן, האָבן געפייניקט די מוחות. קיינער האָט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. די פאָרגעפילן זענען געווען טרויעריקע. ביז עס האָט אויפגעשיינט דער פרימאָרגן. יעדער איינער האָט גענ־מען צוגרייטן זיך אין וועג אַריין. מען האָט אָנגעטאָן אויף זיך דאָס בעסטע וואָס יעדערער האָט פאַרמאָגט, כמעט ווי אויף אַ חתונה...

אין די פרימאָרגן שעהן האָבן אַלע ייִדישע איינוווינער, פאַמיליענווייז, זיך געצויגן פון אַלע גאַסן און געסלעך צום מאַרק־פּלאַץ. קיינער רעדט נישט מיטן צווייטן, די קעפּ אַראָפּגעלאָזן. קריסטן באַגלייטן אונז מיט זייערע בליקן, אַמערסטן פיינטלעכע, אָבער אויך באַדויערנדיקע.

אויפן מאַרק־פּלאַץ באַגעגנט די אָנגעקומענע אַ פאָרשטייער פון „אַרבעטס־קאָמיטעט”, און ווייזט אָן דעם געהעריקן פּלאַץ וווּ זיך צו שטעלן לויטן אלף־בית.

מען זעט נישט קיין דייטש פאַר די אויגן. די געמיטער באַרויִקן זיך אַביסל. יעדער איינער איז צוגעגאַנגען צום אָנגעוויזענעם פּלאַץ. פּינקטלעך 6 אַזייגער זענען שוין אַלע געשטאַנען אויף זייערע ערטער. דאָך האָבן געפעלט עטלעכע הונדערט מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דער דראָונג פון טויט און געבליבן אין די הייזער, אָדער זיך באַהאַלטן אויף די נאָענטע פעלדער.

אַז אַלע זענען שוין געווען אויסגעשטעלט, האָבן עטלעכע מיטאַרבעטער פון קאָמיטעט אָנגעהויבן אַרויספאָדערן פאַרשידענע פאַמיליעס — און זיי אויסגעשטעלט אין באַזונדערע רייען.

אין מיטן האָבן זיך פּלוצלונג באַוויזן פון אַלע פיר עקן מאַרק טאַנקן און ליטווישע זעלנער, אָנגעהויבן אַרומרינגלען דעם מאַרק און פאַרנומען סטראַטעגישע פונקטן.

עס איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. געשרייען, יאָמער פון קינדער האָט פאַרהילכט דעם מאַרק. מען האָט פאַרלוירן יעדע אָריענטאַציע, מען האָט אָנגעהויבן לויפן פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין גרופּע צו דער צווייטער נישט וויסנדיק וווּ זענען פאַראַן מער אויסזיכטן אויף רעטונג.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פולשטענדיקע צעמישונג; די פּאַניק און בהלה איז געווען אַזוי גרויס, אַז די דייטשן האָבן געמוזט מוותר זיין אויף וועלכער ס'איז אָרדנונג, און האָבן איינפאַך זיך אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן טיילן די באַפעלקערונג לויט די רייען — „לינקס” — „רעכטס” — ס'איז כמעט געווען אוממעגלעך זיך צו אָריענטירן וווּ איז די רעטונג, וועלכער גורל דערוואַרט ביידע טיילן. אין רעזולטאַט האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּן — איינע די גרעסטע, וואָס איז באַשטאַנען אומגעפער פון 3800 מאַן, וועלכע איז געבליבן אויפן מאַרק, און די צווייטע אומגעפער 1400 פּערזאָן, וועלכע איז אונטער אַ שטרענגער וואַך אָפּגעפירט געוואָרן אין דער „קאַלטער שול”.

שפּעטער האָבן מיר זיך פון פאַרשידענע קוועלן דערוווּסט אייניקע שוידערלעכע פּרטים, וועגן דעם לעצטן וועג פון די איבערגעבליבענע אויפן מאַרק. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך אין די לעצטע שעהן האָט אין זיי געטליעט אַ פונק פון האָפנונג, אַז אפשר איז אמת דער פּלאַן וועגן אַ געטאָ פאַר די ייִדן ערגעץ־וווּ אין די קאַזאַרן אויף ניעסווישער גאַס. אָבער ווען מען האָט אָנגעהויבן פירן גרופּנווייז צו די מאָהילקעס (קריסטלעכער בית־הקברות), און עס האָבן זיך דערטראָגן די אָפּקלאַנגען פון די שיסערייען, האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען, אַז די מינוטן פון זייער לעבן זענען געציילטע. שווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון טיפסטער אַפּאַטיע און הילפלאָזן יאוש, האָבן די קלעצקער קדושים געשפּרייזט זייער לעצטן וועג צו די גריבער ביים סוף פון

ניעסוויזשער גאַס. ווי אַ שוידערלעכער דיסאנאנס האָט אָפּגעקלונגען אַ פּלוצלינגער געזאַנג און אַ פרײדיקע שפּרינגערײַ פון אײנעם (זימעל פון צעפּרער גאַס), וועלכער איז אַראָפּ פון זינען, גײיענדיק מיט די ײדן צו די טויט־גריבער... עס איז נויטיק די פּען פון אַ גרויסן קינסטלער, כדי צו שילדערן די דאָזיקע סצענע, אין אַ הערבסט טאָג, אויף דער ניעסוויזשער גאַס... כדאַי צו פאַרצײכענען נאָך אײניקע פאַסירונגען: דער באַוווּסטער כלל־טוער אײזיק קאַצעוו האָט זיך געסמט מיט ציאַנקאַלי בײַ די גריבער, נישט וועלנדיק פאַלן דורך די דײַטשע מערדער.

בערע באַנשטשיק וועלכער האָט געשמט אין קלעצק אַלס גבור און אַטלעט, האָט זיך געראַנגלט מיט די תליינים, נישט וועלנדיק זײ אַוועקגעבן זײַן קינד. מען האָט אים אויסגעטאָן כמעט נאַקעט, און געלאָזן צווישן די לעצטע וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן.

אײנער אַ געוויסער יוחנן ליפּשיץ, איז געפאַלן אויף אַזאַ מין קאָמבינאַציע: אומבאַמערקטערהייט האָט ער אַראָפּגעריסן פון זיך די געלע לאַטע און אויסמישנדיק זיך צווישן די ווײַסרוסן, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט בײַ פאַרשיטן די געשאָסענע, האָט ער מיט אַ לאָפּאַטע אין האַנט זיך גענומען צו דער אַרבעט, פאַרשיטן די גריבער. אַ ווײַסרוס האָט דאָס אַלץ באַמערקט, גלײַך אים איבער־געגעבן אין דײַטשע הענט, און ער איז גלײַך דערשאָסן געוואָרן.

מיר, אומגעפער 1400 מאַן, זענען געווען אָפּגעשלאָסן אַ צײַט אין דער „קאַלטער שול". דערנאָך האָט מען אונז מיטגעטײלט וועגן דעם פּלאַן פון אַ געטאָ פאַר אונז, און מען האָט אונז אָפּגעלאָזן אויף אַ קורצער ווײַל אין די געוועזענע וווינונגען מיטנעמען די נויטיקע זאַכן. מיר האָבן געמעגט זיך פאַרזאַמען אין די הײַזער געציילטע מינוטן, און וואָס האָט מען געקענט אויפטון אין דער דאָזיקער קורצער צײַט? האָט מען געכאַפּט, כמעט צופעליק, וואָס עס איז געקומען אונטערן האַנט, און אַזוי האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אויפן שול־הויף.

דאָס געטאָ־לעבן

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון געטאָ־לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דער ענדגילטיקער פאַרניכטונג — ח' אב תש"ב, 1942.

די דירות פאַנאַנדערטײלונג איז פאָרגעקומען פּלאַנלאָז, כאַאָטיש, מערסטנטײל, האָבן מיר אַלײן פאַרכאַפּט די לײדיקע, איבערגעבלי־בענע נאָך די אומגעקומענע וווינונגען, יעדערער לויט זײַן אויסוואַל, אָדער צופאַל. די שטיקעניש און ענגשאַפט איז געווען אַ אומבאַ־שרײַבלעכע. אין אַ קורצער צײַט איז דער געטאָ שוין געווען אַרומ־געצוימט מיט שטעכעדיקן דראָט, און באַוואַכט פון אַלע זײַטן דורך אַ וואַך פון ווײַסרוסישע פּאָליציאַנטן. עס האָט זיך געבילדעט אַ ײדן־ראַט אין באַשטאַנד פון יצחק צערקאָוויטש, אײזיק ציאַק ליפּע מישעלעווסקי און צאַליע גענדעלס, — דער פאַר־טרעטער פון געטאָ לגבי דער נאַצי־מאַכט, באַרופן צו רעגולירן דעם לעבנס־שטײגער און אָרדנונג אין געטאָ. עס איז אויך צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אויך אַ פּאָליצײ־דינסט. דער ײדן־ראַט האָט זיך געפונען בײַ שקליאַרן אין מויער. יעדן פרימאָרגן האָבן זיך געצויגן צו דעם פּונקט די אײַנוווינער פון געטאָ — מיטן אויסנאַם פון קינדער און אַלטע — און אונטער אַ וואַך פון ווײַסרוסישע פּאָליצײ זענען זײ אָפּגעפירט געוואָרן אויף פאַרשידענע אַרבעטן, ווי, למשל, רוימען דעם מאַרק, ווינטער אָפּרוימען דעם שניי פון די וועגן און מערסטנטײל — אין די אַרומיקע פּריצישע גיטער, בײַ די שײַערן, בײַ די סעדער, גערטנער א. אַ. וו. פאַרנאַכט זענען זײ צוריק אָפּגעפירט געוואָרן אין געטאָ.

יעדער האָט באַקומען אַ צוטײלונג פון 15 דעקאַ ברויט, און אָפּטמאָל אויך עפּעס פון איבערגעבליבענע שפּײַז־פּראָדוקטן, וועלכע זענען געפונען געוואָרן אין די הײַזער פון די אומגעקומענע. מען האָט, למשל, פאַרטײלט פוילע קאַרטאָפל (די איבעריקע ווערטפולע זאַכן און פּראָדוקטן האָבן די דײַטשן צוראַבירט).

אָבער קײן הונגער אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט האָט אין געטאָ נישט געהערשט. יעדערער האָט קאָמבינירט, געפונען אַ עצה ווי אַזוי צו באַקומען שפּײַז־פּראָדוקטן פון דרויסן. די אַרבעטער וועלכע האָבן זיך געפונען בײַ דער אַרבעט מחוץ דעם געטאָ, האָבן שטענדיק געביטן חפצים אויף שפּײַז־פּראָדוקטן בײַ דער ווײַסרוסישער באַפעלקערונג. עס זענען געווען אויך אַזעלכע וועלכע האָבן געהאַט די דערלויבעניש צו גײן אין די גאַסן צוליב זײער באַשעפטיקונג. איך האָב געהאַט אַזאַ מין דערלויבעניש צוליב מײַן אַרבעט אין דער דײַטשער וועשערײַ, און איך האָב דאָס פיל מאָל אויסגענוצט כדי אויסצובײַטן זאַכן אויף פּראָדוקטן. איך האָב אײנמאָל זיך אַרומגע־וויקלט מיט קלײדער שטאָף און נעבן דער שקאָלע פּאָושעכנע (פּוילישע פאָלקס־שול) עס אויסגעביטן אויף גאַנצע 5 פּוד מעל, וועלכע מען האָט אויף דער אײנציקער געטאָ־פור האַסטיק אַרײַנגע־פירט אין געטאָ, און צעטײלט צווישן אונזערע שכנים.

אָפּטמאָל פלעגן פויערים בײַ די דראָטן פירן אַ מין האַנדל מיט אונז, בײַטנדיק ברויט און פּוטער אויף קלײדונג. פאַרשטײט זיך מען האָט ריזיקירט (אָפּטמאָל מיטן לעבן), אָבער על פּי רוב איז עס דורכגעגאַנגען גלאַטיק. אין אַלגעמײן איז די אַטמאָספער געווען דורכגעדרונגען מיט שרעק און שוידער פאַר דעם ענטגילטיקן סוף, וועלכער האָט געהײסן — טויט. וועגן דעם האָט מען גערעדט, דאָס איז געווען די טעמע פון אונזערע שמועסן, אויף דעם האָבן מיר כמעט געוואַרט...

דער ײדן־ראַט האָט זיך פאַרבלענדעט די אויגן, און כמעט נישט געוואָלט זען די ווירקלעכקייט, געגלויבט אין די פאַלשע הבטחות פון די נאַציס, און זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט יעדן פּלאַן און פּרווו פון אַנטלויפן אין די וועלדער, אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע רעאַגירונג אויף די געשעענישן.

ביז ס'איז געקומען דער טראַגישער טאָג פון סוף, ח' אב תש"ב, 1942.

אומקום

אמת, מיר, האָבן זיך שוין נישט געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה. באַמערקנדיק פאַרטאָג, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט פון דײַטשן און ווײַסרוסישע פּאָליצײ, האָבן מיר גלײַך אָנגעהויבן, מיט דער הילף פון פריער צוגעגרײטע נאַפט און בענזין, צינדן די הײַזער, נישט איבערלאָזן אונזער ביסל האָב און גוטס פאַר די מער־דער, וועלכע האָבן געהאָפט אויף דעם טאָג פון גזילה און רויב. עס איז אויסגעבראָכן אַ גוואַלדיקע שריפה וועלכע האָט צעטומלט די מערדער. די פּלענער זײערע זענען נישט אינגאַנצן דורכגעפירט געוואָרן.

עס זענען אויך פאָרגעקומען קלײנע פּרוון פון ווידערשטאַנד. מען האָט דערנאָך דערצײלט, אַז איטשע פינקעל און אברהם פאַזשאַריק האָבן געוואָרפן פריער־צו־געגרײטע גראַנאַטן אין דער זײַט פון די מערדער. עס האָבן זיך אויך געהויבן לאָפּאַטעס און העק. אָבער עס איז אוממעגלעך צו שילדערן וואָס עס האָט ווירקלעך זיך געטאָן אין דידאָזיקע שעהן אין די געסלעך פון געטאָ. פײַער, וואָלקנס רויך אַ האָגל פון קוילן האָבן אַרומגענומען אַלע זײַטן פון געטאָ, מענשן זענען געלאָפן צעדולד און צומישט. געפאַלן פון קוילן, דערשטיקט פון רויך. מען האָט זיך אויך געוואָרפן אויף די דראָטן און טויער, כדי אַנטרונען צו ווערן. די קוילן האָבן אָבער געטראָפן אויך די, וועלכע האָבן שוין מצליח געווען זיך דורכרײַסן דורך די צוימען.

כדאי צו פֿאַרצייכענען עטלעכע שוידערלעכע פּרטים, אין דער קליינער שולכל האָבן ייִדן געמאַכט תּליות דורך פּעטלעס, און איינע נאָך די אַנדערע — ביי קעגנזייטיקער מיטהילף — לויט דער ריי, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

איינער אַ באַוווסטער אין קלעצק אייזענבערג, דער לייטער פון „בקור חולים", האָט זיך געוואָרפן אין אַ ברונעם פון וואַסער.

שלום צערקאָוויטש, דער פאַרוואַלטער פון אַפּטייק און זיין פאַמיליע, דער חשובער געזעלשאַפטלעכער עסקן ד"ר דלוגאַטש מיט זיין פאַמיליע, זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך פאַרסמען זיך. איך האָב זיך געראַטעוועט דורך טויזנט נסים, דורכרייסנדיק זיך דורכן געטאָ צוים און לויפנדיק ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן. געלעגן באַהאַלטן אין פעלדער און וועלדער. האָב איך נאָך באַמערקט, ווי מענטשן הינטער מיר זענען געפאַלן פון די פליענדיקע קוילן. צענדליקער פורן אָנגעלאָדענע מיט טויטע פון געטאָ האָבן זיך געצויגן אין דער ריכטונג פון סטאַרינאַיער וואַלד, ווו עס זענען שוין פון פריער צוגעגרייט געוואָרן גריבער פאַר די דערמאָרדעטע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די נייע עפּאָכע פון מיין לעבן — צווישן פאַרטיזאַנער, פול מיט יסורים,ליידן אָבער אויך העראָיק און העלדישקייט, באַגלייט מיט נקמה קעגן די תּליינים פון אונזער פאָלק, פון מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, פון אונזער חרובער געבורטס־שטעטעלע קלעצק.

אלתר מאיראוויטש / אומקום און נקמה

רייבנדיק זיך די הענט פון הנאה נאָך דער געלונגענער דורכגעפירטער אַרבעט, איז פאַר אונז, איבערגעבליבענע אין דער „קאַלטער שול", דערשינען דער קאָמענדאַנט. „ס'איז שוין דערליידיקט" — איז געווען זיין ערשטע באַגריסונג מיט אונז. באַלד אין דער זעלבער נאַכט האָט מען קאָנטראָלירט אונזערע נעמען, און איינטיילנדיק אין פאַרשידענע קלענערע גרופּן, צוגעוויזן באַשטימטע וווין־ערטער אין די ראַמען פון דעם שוין פאַרטיקן געטאָ־פּלאַן.

דער געטאָ האָט פאַרנומען פאָלגנדיקע גאַסן און פּלעצער: די רעכטע זייט פון זאַראַנאַווער גאַס ביז זאַראַנאַווער געסל; די רעכטע זייט פון דעם געסל ביז סיניאַווקער גאַס; די רעכטע זייט פון דער גאַס ביז דער ייִדישער, דאָס רעכטע זייט פון דער ייִדישער גאַס ביזן מאַרק פּלאַץ, נישט איינשליסנדיק די מאַרק הייזער פון ייִדישער גאַס ביז זאַראַנאַווער. דער צענטער פון געטאָ איז געווען דאָס שולהויף. גלייך אויף מאָרגן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ דריימעטערדיקער שטאַרקער פּלויט פון שטעכעדיקע דראָט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם געטאָ פון דער אַרומיקער וועלט. דאָס איינציקע אַרויסגאַנג און אַריינגאַנג אָרט איז געווען ביים „שולחן", אויף דער ייִדישער גאַס.

די זעלבע נאַכט איז געשאַפן געוואָרן דער ייִדן־ראַט, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון יצחק צערקאָוויטש. דער ייִדן־ראַט, מיט דער אונטערשטיצונג פון דער געשאַפענער געטאָ פּאָליציי, האָט אָנגעהויבן הערשן און געוועלטיקן. דעם צווייטן טאָג נאָך דער שחיטה האָט מען אַלע געטאָ איינוווינער פאַרזאַמלט אויפן שול־הויף און די דירעקטאָרן פון די פאַבריקן האָבן זיך אויסגעקליבן פון אונז דאָס נויטיקע „מענטשן־מאַטעריאַל" אויף אַרבעט. גליקלעך איז געווען דער וואָס האָט געהאַט דאָס גליק אויסגעוויילט צו ווערן, ווייל דאָס האָט דערמעגלעכט צו זיין אויסער דעם געטאָ, און האָבן אַ וועלכע ס'איז פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו נאָרמאַליזירן, פאַרהעלטנישמעסיק, לויט די באַדינגונגען. די וואַך אַרום דעם געטאָ און ביים טויער איז באַשטאַנען פון ווייס־רוסישער פּאָליציי. דאָס פאַרלאָזן דעם געטאָ, אויסער דער אַרבעט, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. די אַרבעטנדיקע האָבן באַקומען 260 גראַם ברויט אַ טאָג, און נישט אַרבעטנדיקע — 125 גראַם. אויסער דעם האָט מען גאָרנישט באַקומען. אַרבעטן האָבן געמוזט אַלע אַרבעטס־פעאיקע אָן אויסנאַם. כדי צענויפקלייבן דעם איבערגעלאָזענעם ייִדישן פאַרמעגן, האָט מען געשאַפן ספּעציעלע ייִדישע בריגאַדעס. אַלעס צונויפגעקליבענע איז אָפּגעפירט געוואָרן אין די קאַשאַרן. נאָכן אויסליידיקן די הייזער, האָט מען אַ סך פון זיי צענומען אויף ברען־האָלץ.

די באַציונג פון דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג איז נישט געווען קיין באַזונדערס שלעכטע.

די געטאָ ייִדן האָבן אָנגעהויבן ריזיקירן און אַריינפירן פאַרשידענע לעבנס־מיטלען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ שוואַרצער מאַרק. די פּרייזן זענען געווען גאַנץ „געזאַלצן". אַ קילאָ פוטער האָט געקאָסט 150—200 מאַרק, אַ פּוד מעל 300 מ', קאַרטאָפל — 50 מאַרק. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך אין געטאָ אומגעקערט די אַנטלאָפענע פון דער שחיטה. אַזוי אַז די צאָל ייִדן אין געטאָ האָט דערגרייכט ביז 1400.

פאַרשידענע קלאַנגען האָבן קורסירט צווישן דער ייִדישער געטאָ־באַפעלקערונג. אַזוי זענען צו אונז דערגאַנגען פאַרשידענע ידיעות וועגן גרויסע מאַסן־פאַרניכטונגען און געטאָ ליקווידאַציעס אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלאַך. די שטימונג איז געווען אַ דערדריקנטע, און טראָץ דעם האָבן נאָך געטליעט פונקן פון מוט און האָפענונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן גרופּקעס מיטן ציל צו אַנטלויפן און צו באַהעפטן זיך מיט די פאַרטיזאַנער, פון וועלכע מען האָט אונז דערציילט וווּנדער. אַזוי האָט זיך געצויגן איין חודש נאָכן צווייטן.

די לאַגע אין געטאָ ווערט וואָס ווייטער אַלץ ערגער. טראָץ אַלע פאַרזיכערונגען פון ייִדן־ראַט, אַז ס'וועט קיין שלעכטס געשען און אַז ס'וועלן מער קיין שחיטות נישט פאָרקומען, האָבן אַלע געטאָ איינוווינער אָנגעהויבן מאַכן פאַרשידענע בונקערס, כדי זיך צו באַהאַלטן ווען מען וועט דאַרפן. יעדער איינער האָט געזוכט מיטלען און וועגן, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דעם לויערנדיקן טויט. אָבער די ידיעות פון די אַרומיקע שטעט האָבן צונישט־געמאַכט די האָפנונגען, אויף די געשאַפענע פאַרזיכערונגס־ערטער און בונקערס. די נאַציס האָבן אויסגעפונען די ייִדן אומעטום.

די יוגנט האָט אָנגעהויבן אָפטער זיך צוזאַמענטרעפן און אויסאַרבעטן פאַרשידענע פּלענער פון קאַמף און רעטונג. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער ייִדן־ראַט, גלויבנדיק אין די דייטשע פאַרזיכערונג'ען, אָדער ציטערנדיק פאַר דער צוקונפט פון די עלטערע און קינדער, האָט אָנגענומען פאַרשידענע מיטלען צונישט מאַכן די אַלע פּלענער.

אַזוי האָט זיך דערנענטערט די טראַגישע דאַטע — דער 21־טער יולי 1942. מען גרייט צו די ליקווידאַציע פון געטאָ און די פאַרניכ־

טונג פון דעם רעשטל קלעצקער ייִדן. די דאָזיקע ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פֿאַרשפּרייט צווישן די אַנוווייִנער, אַ קורצע צייט פֿאַר דער פֿאַרניכטונג. שכנותדיקע קריסטן האָבן איבערגעגעבן די דאָזיקע איוב־ידיעה. אין פֿיבער און ציטער האָבן זיך געצויגן די טרויעריקע טעג.

דעם 20טן יולי פֿאַרנאַכט, האָבן פּלוצעם די דייטשן און די ווייסרוסישע דירעקטאָרן אָפּגענומען זייערע באַשטעלונגען פֿון די ייִדישע האַנטווערקער, נישט קוקנדיק אויף דעם צושטאַנד פֿון די באַשטעלונגען. דאָס איז געווען דער לעצטער סיגנאַל. אַלע ייִדן קליין און גרויס, יונג און אַלט, האָבן שוין נישט געשלאָפֿן. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צום לעצטן גערანגל מיטן טויט.

פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג אין דער נאַכט פֿון 20—21, האָבן ווייסרוסישע פּאָליציי איינהייטן אַרומגערינגלט דעם געטאָ. גלייך האָבן די ייִדן אונטערגעצונדן דעם געטאָ פֿון אַלע זייטן. האָבנדיק צוגעגרייט שטיינער, האָט יעדער איינער נישט אָרגאַניזירטערהייט פֿאַרנומען אַ קאַמף־פּאָזיציע און באַגעגנט די מערדער. נישט אַזוי לייכט וועט אונדז דער שונא אומברענגען! בעסער צו פֿאַלן אין קאַמף אין געטאָ, איידער געשאָכטן צו ווערן ווי די שעפּסן! — דאָס איז געווען דער געדאַנק און ווילן פֿון יעדן איינעם, געשטערט אין זייער פּלאַן דורך דעם ריזיקן בושענדיקן פֿייער, האָבן די פּאָליציי־לייט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די דייטשן, אויפֿגעעפֿנט אַ שרעקלעכע שיסעריי. צענדליקער טויטע זענען געפֿאַלן. די געשרייען פֿון די מאַסן פֿאַרוווּנדעטע האָבן פֿאַרהילכט די לופֿט. נאָר די פֿאַרביסנקייט פֿון די זיך דורכרייסנדיקע האָט נישט אָפּגעלאָזט, נישט קוקנדיק אויף די מאַסן קרבנות, כסדר אָנגעגריפֿן און זיך באַמיט דורכברעכן אַ וועג דורך די פֿאַרצוימונגען כּדי צו אַנטלויפֿן ווו די אויגן וועלן טראָגן. אַדאַנק דעם ווינט האָט זיך דער פֿייער פֿאַרשפּרייט בליץ שנעל אויף די שכנותדיקע הייזער אויסער דעם געטאָ, און געצוווּנגען די מערדער אָפּטרעטן אַ ביסל ווייטער.

נאָך עטלעכע שעה פֿון אויסזיכטסלאָזן גערানגל און מאַסן־קרבנות, האָט יעדער איינער פֿון די רעשטלעך געלאָפֿן זוכן אַ באַהעלטעניש אין די בונקערס. נישט וועלנדיק אַריינפֿאַלן לעבעדיקערהייט אין די דייטשע הענט, האָבן זיך פֿיל געסמט, פֿיל זענען פֿאַרברענט געוואָרן אין זייערע הייזער און נאָכמער זענען דערשטיקט געוואָרן פֿון היץ און רויך אין די פֿאַרשידענע קעלערס און בונקערס.

נישט קוקנדיק אויף דעם האָגל קוילן, איז דאָך געלונגען איינצעלנע זיך דורכצורייסן און אַנטלויפֿן. מיר אַליין מיט אַ גרופּע פֿון עטלעכע און צוואַנציק מאַן, איז געלונגען צו דערקריכן צום געטאָ פּלויט ביי דער ייִדישער גאַס, און אונטער די פֿליענדע קוילן איז מיר געלונגען זיך אַרויפֿכאַפּן דער ערשטער אויף דעם פּאַרקאַן. עס האָט מיר פּשוט אָפּגעגליקט דער וווּנדערלעכער צופֿאַל. פּונקט קעגנאיבער מיר איז געשטאַנען מיינס אַ גוט־באַקאַנטער ווייס־רוסישער פּאָליציאַנט. דערזעענדיק מיך האָט ער אויפֿגעהערט צו שיסן, און אויסנוצנדיק די עטלעכע שטילע מינוטן בין איך אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען לויפֿן גלייך צו אים. נישט ווייט פֿון אים איז געשטאַנען דער דירעקטאָר פֿון וועג־אָפּטיילונג, זעענדיק מיך פֿאַרביילויפֿן האָט ער אויסגעשריען: „סוואָלאָטש, קודאַ טי בעזשיש?” („מנוול, וווּהין לויפֿסטו?”). אַראָפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך דאָס רעקל, בין איך געלאָפֿן איבער גערטנער און געשפּרונגען איבער פּלויטן, ווי פֿון דעם טײַוול געיאָגט, און נאָך מיר די איבעריקע 23 מאַן. אַזוי לויפֿנדיק האָבן מיר דערגרייכט דעם אַזוי גערופֿענעם קלעצקער „וואַל”. דאַן איז ביי אונדז אַנטשטאַנען די פֿראַגע: וווּהין לויפֿט מען ווייטער?

פּלוצעם האָט אָנגעהויבן פֿליען איבער אונדז אַ האָגל פֿון קוילן. די דייטשן באַמערקנדיק אונדז לויפֿנדיק, האָבן אָנגעהויבן אונדז נאָכשיסן פֿון פֿאַרשידענע ריכטונגען און נאָכיאָגן. מיר האָבן זיך דאַן געלאָזט לויפֿן ווייטער איבער די בלאָטעס אין פֿאַרשידענע ריכטונגען. דורכשניידנדיק דעם שאָסיי קלעצק—ניעסוויזש, און מיט די פֿעלדער — אין דער ריכטונג פֿון דעמידאָוויצער וואַלד. קוים קוים זענען מיר אַנטלאָפֿן פֿון אונדזערע נאָכפֿאָלגער, און ענדלעך דערגרייכט דעם ברעג וואַלד. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און דערזען, אַז פֿון די 23 מאַן זענען געבליבן בלויז 5 וועלכע האָבן דערווייל אויסגעמיטן דעם טויט, — די רעשט זענען אונטערוועגס געפֿאַלן.

דער בלוטיקער סך הכּל פֿון דעם טאָג: 900 ביז 1000 זענען געפֿאַלן אין געטאָ. נישט מער פֿון 15 ביז 20 איז געלונגען צו אַנטלויפֿן אין די וועלדער. די איבעריקע איבערגעבליבענע 400 האָבן די היטלעריסטישע מערדערס געפֿירט צו דער שחיטה, און אויסגעמאָרדעט לויט זייערע מעטאָדן אין סטאַרינאַיער וואַלד.

זונטיק דעם 21 יולי 1942 האָט דאָס ייִדישע קלעצק אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. נקמה האָט גערופֿן דאָס פֿייער פֿון ברענענדיקן שטעטל, נקמה האָט געשוואָרן די רעשטל פֿון על־פּי־נס געראַטעוועטע, און זיך געלאָזט טיף אין וואַלד!

*

וואַרפֿנדיק אַ לעצטן בליק אויף דעם ברענענדיקן שטעטל, האָבן מיר זיך געלאָזט טיפֿער אין וואַלד, איך, פּשעפּיורקעס זון און צוויי פּליטים פֿון וואַרשע, אָן קיין שום פֿאָראויסגעזעענעם ציל, נאָר וווּהין די אויגן האָבן אונדז געטראָגן. דאָס שרעק פֿאַרן טויט איז פֿאַרשוווּנדן. אַ געפֿיל פֿון אַנטוישונג און יאוש האָט אונדז באַהערשט. נישט קוקנדיק אויף דער געפֿאַר געכאַפּט צו ווערן, זייענדיק מיד פֿון לויפֿן און דערדריקט פֿון די געשעענישן — האָבן מיר זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד. נישט האָבנדיק קיין באַשטימטן ציל וווּהין צו גיין, האָבן מיר באַשלאָסן צו וואַרטן ביז עס וועט ווערן פֿינצטער און דאַן פּרוּוון זיך דורכשלאָגן אין קאָפּוליער ראַיאָן, ווו לויט די ידיעות, וועלכע מיר האָבן באַזיצט, דאַרפֿן זיך געפֿינען פּאַרטיזאַנער.

אָפּגעזעסן אַזוי עטלעכע שעה, יעדער איינער פֿאַרזונקען אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, האָט דער הונגער אונדז אָנגעהויבן צו פּייניקן. האָבן מיר באַשלאָסן גיין צוריק, כּדי צו געפֿינען אַ פּויערישע כאַטע צו קויפֿן עפּעס עסן. ביים ברעג וואַלד האָבן מיר באַמערקט אַ הויז. מיר האָבן זיך געלאָזט גלייך אַהין. באַגעגנט האָט אונדז אַ פּויער מיט אַ שטיק אייזן אין האַנט. ער, דערזעענדיק אונדזערע אומעטיקע און פֿאַרצווייפֿלטע געזיכטער, האָט אַוועקגעלייגט דאָס שטיק אייזן און געהייסן וואָס שנעלער אַנטלויפֿן, ווייל פּאָליציי זוכט אונדז אַרום. אויף אונדזער ביטע האָט ער אונדז פֿאַרקויפֿט עטוואָס צום עסן. ער האָט אַרויסגעטראָגן אַ שטיקל טרוקן ברויט און פֿאַרהאַקט פֿאַר אונדז די טיר.

די וועגן זענען פֿאַר אונדז געווען אומבאַקאַנטע, האָבן מיר דעריבער געמוזט רעזיגנירן פֿון גיין ביינאַכט. נאָכן אָפּליגן אַ גאַנצע נאַכט אויפֿן ראַנד פֿון וואַלד, האָבן מיר פֿאַרטאָג זיך געלאָזט אין וועג. אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג זענען מיר אַריין צו אַ פּויער, וועלכער האָט אונדז געגעבן צו עסן און האָט אונדז געוויזן דעם ריכטיקן וועג, אויף וועלכן מיר זאָלן גיין. גלייכצייטיק האָט ער אונדז איבערגעגעבן, אַז מיט דעם זעלבן וועג איז ניט לאַנג אַוועק ק א ש ע צ ק י מיט זיינע צוויי זין. נישט טראַכטנדיק לאַנג האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג, אויסמיידנדיק די באַוווינטע ערטער. אויפֿן וועג האָבן מיר געטראָפֿן עטלעכע קליינע פּאַסטוכער, וועלכע האָבן אונדז געראָטן גיין אין ראַיאָווקער וואַלד, ווו לויט זייער מיינונג דאַרפֿן זיך געפֿונען פּאַרטיזאַנער.

הונגעריקע און מידע האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צום אָנגע־וויזענעם דאָרף, און קיין פּאַרטיזאַנער האָבן מיר נאָך אַלץ נישט באַגעגנט. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. נישט טויט און נישט לעבעדיק האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן אין דעם נאָענטן וואַלד. צוקומענדיק צום ברעג האָבן מיר דערהערט אַ געשריי — סטאָי! קטאָ אידיאָט?" (שטיי! ווער גייט?) „סוואָי — יעווריעי"! („אייגענע — ייִדן") האָבן מיר אויסגעשריען. ענדלעך זענען מיר ביי די פּאַרטיזאַנער... ליידער האָבן מיר זיך שנעל אַנטוישט.

אויספרעגנדיק אונדז פון וואַנען מיר זענען און נאָך וואָס זענען מיר געקומען, האָט מען אונדז אַוועקגעזעצט אויפן פּאָסט. אַזוי זענען מיר דאָרט געזעסן צוויי מעת־לעת. אַלע פּאָר שעה געבראַכט אייניקע פרישע ייִדן פון די פאַרשידענע אַרומיקע שטעטלעך, ביז עס האָבן זיך אָנגעקליבן עטלעכע און צוואַנציק מאַן. און דאַן אונדז אָפּגעפירט אין פּאַרטיזאַנער שטאַב. נאָך אַ לאַנגער רעדע פול מיט פאָרוואורפן, פאַרוואָס מיר זענען געקומען אַזוי שפּעט און אָן געווער, האָט דער נאַטשאַלניק פון שטאַב באַשטימט איבער אונדז אַ עלטסטן און באַפוילן, אַז עסן און געווער דאַרפן מיר זיך שאַפן אַליין. זיי זעלבסט האָבן געהאַט ווייניק געווער און קיין פאַרבינדונג מיט מאָסקווע איז נאָך דאַן נישט געווען.

צו שאַפן עסן, איז נישט געווען איבעריק שווער, ווייל פאַרן בלויזן וואָרט „פּאַרטיזאַן" האָבן אַלע געציטערט, אָבער ווי אַזוי שאַרפט מען זיך געווער מיט בלויזע הענט? אין אַ וואָך אַרום איז אונדזער אָטריאַד זיך צעוואַקסן ביז זעכציק מאַן, און פאַרמאָגט בלויז איין ביקס. אין איין שיינעם טאָג איז אַרויסגעגאַנגען אַ באַפעל, אַז יעדער איינער פון אונדז זאָל זיך גיין אין זיין געגנט און שאַפן געווער. קלעצקער ייִדן האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין אַ צאָל פון עלף מאַן, און געדאַרפט גיין אין קלעצק, כדי צו דעראָבערן געווער פון די קאָשאַרן. פאַרשטייט זיך, אַז אַריינגנבענען זיך אין די גוט־באַוואַכטע קאָשאַרן מיט בלויזע הענט, איז געווען אוממעגלעך. נאָר קיין ברירה איז נישט געווען — מיר האָבן זיך געלאָזט גיין.

אונטערוועגס האָבן מיר באַגעגנט ניין 3 קלעצקער: לאה פּיש, ביילע ציפּין און מאַטע געלפאַנד, וועלכע האָבן שוין געהערט פון אונדזער אָטריאַד און האָבן אונדז געזוכט. מיר האָבן זיי געגעבן די געהעריקע אָנווייזונגען און זענען אַוועק ווייטער. נאָך לאַנגע זוכענישן און נאָכפרעגענישן, איז אונדז געלונגען צו קויפן ביי אַ פּויער נישט ווייט פון דער פּויליש־רוסישער גרענעץ אַ אַלטן נישט־טויגבאַרן רעוואָלווער, פאַר וועלכן מיר האָבן באַצאָלט עטלעכע הונדערט מאַרק. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו ברענגען אין אַ טאָג אַרום אַ פּאָר ביקסן און אַ קוילן־וואַרפער, וועלכע זענען ביי אים באַגראָבן. אַנשטאַט געווער האָט ער אָבער געבראַכט פּאָליציאַנטן וועלכע האָבן אונדז אָנגעהויבן נאָכפּאָלגן. מיר זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן און ניצול געוואָרן.

אַזוי ווי דער פּרוּוו איז נישט געלונגען, האָט די גאַנצע בריגאַדע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פינף אָטריאַדן, אומגעפער פון אַ פּאָר הונדערט מאַן, דורכגעפירט אַ אָפּעראַציע איבער אַ סאָוואָחאָז, צוויי קילאָמעטער פון קאַפּוליע, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאָליציי־פּאָסט. אונדזער נישט־באַוואָפנטן ייִדישן אָטריאַד האָט מען געשיקט דעם ערשטן, און געוואָרנט, אַז ווער עס וועט דעזערטירן וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט. עס איז געשען אַ נס וואָס דער פּאָליציי־פּאָסט איז אַנטלאָפן איידער מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַטאַקע, אַזוי אַז קיין קרבנות זענען נישט געווען, אָבער אויך קיין געווער האָבן מיר נישט באַקומען. שפּעטער אַביסל איז אונדז געלונגען אויסגעפונען אַ ברודער־קבר פון רויט אַרמייער, פון וועלכן מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ פּופציק צעבראָכענע ביקסן און אַ פּאָר פּולעמיאָטן. מיר האָבן דאַן געשאַפן אַ מייסטער־וואַרשטאַט אין וואַלד און אַלץ אויספאַראָכטן. מיט אַ מאָל זענען מיר געוואָרן גלייכע פּאַרטיזאַנער מיט אַלעמען.

אונדזערע אויפהאַלטס־ערטער זענען געווען די וועלדער אין קאַפּוליער ראַיאָן, דאָ האָט זיך געפירט אַ פּאַרטיזאַנער־מלוכה אין פולן פאַרנעם. מען האָט מאָביליזירט יונגע קריסטן פון די אַרומיקע דערפער, געמומען שטייערן פון די פּויערן, געמשפּט פאָלקס־פאַרעטער און שפּיאָנען. קיין שום פּאָליציי־פּאָסט אָדער קלענערע דייטשע גרופּן האָבן נישט געוואַגט צו שטערן אונדזער אָרדענונג, אָדער אַריינדרינגען אין די וועלדער. די בריגאַדע האָט זיך געפירט לויט אַלע מיליטערישע געזעצן. מען האָט געמאַכט פאַרשידענע איבונגען, אַרויסגעגעבן טאָג־באַפעלן, עס האָבן פונקציאָנירט שטאַבן, שפּיטע־לער, קאָמאַנדירן, פּאָליטישע קאָמיסאַרן און אַפילו ענקאַוודע — אַלץ לויטן מוסטער פון מיליטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד, נישט קוקנדיק דערויף וואָס מיר זענען געווען קליין אין צאָל און אָפּערירט אין אַ פאַרנומענעם דייטשן ראַיאָן.

נישט אַריינרעכנענדיק די אָפטע קליינע אָפּעראַציעס איבער דייטשע און פּאָליצייאישע גרופּן, ווי אויך אַקציעס פאַר אונדזער פּראָוויאַנט־פאַרזאָרגונג, האָט זיך אונדזער לעבן געפירט רויק און נאָרמאַל.

*

חדשים האָבן זיך געצויגן, און עס האָט זיך דערנענטערט דער 7־טער נאָוועמבער 1942. אַלע האָבן זיך געגרייט צום גרויסן סאָוויעטישן יום־טוב, און ווי דער שטייגער איז ביי די סאָוויעטן, געבראַכט בראָנפן, געבאַקן, געשאָכטן רינדער, צוגעגרייט פון דאָס בעסטע. אויך מיר האָבן געוואָלט פייערן דעם יום־טוב ווי אין סאָוויעט־רוסלאַנד, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער אַרומיקער געפאַר. אָבער אויפהויבנדיק זיך פון שלאָף דעם 7־טן נאָוועמבער, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ אַליאַרם סיגנאַל. ביי אַ צוועלף טויזנט דייטשן האָבן אַרומגערינגלט אונדזער וואַלד. אַלע האָבן מיר פאַרנומען קאַמף־פּאָזיציעס לויטן געגעבענעם באַפעל. די דייטשן האָבן אָן אויפהער געשאָסן מיט אַ הוראַגאַן־פייער. זיי זענען געווען באַוואָפנט אויך מיט טאַנקן, אַרטילעריע, געפּאַנצערטע אויטאָס און אַוטאָמאַטן. טראָץ זייער איבערגעוויכט אין טעכניק און מענשן, האָבן מיר, שלעכט באַוואָפנטע, נישט געלאָזט זיך אָפּשרעקן. מיר האָבן אויפ־גענומען דעם קאַמף און אָפּגעשלאָגן די אומאויפהערלעכע אַטאַקעס, פאַרניכטעט 3 טאַנקן און מערערע אויטאָס. די שלאַכט האָט זיך פאַרצויגן ביז פאַרנאַכט. זעענדיק, אַז די דייטשן טרעטן נאָך אַלץ נישט אָפּ, האָבן מיר געשיקט אַ שליח אין די איבעריקע צוויי אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע, וועלכע האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קילאָמעטער ווייט פון אונדז, אין אַ צווייטן אָפּשניט פון וואַלד. דער שליח איז געקומען צוריק און דערקלערט, אַז די צוויי אָטריאַדן זענען אָפּגעטראָטן אין אַ אומבאַוווסטער ריכטונג — און זייערע לאַגערן זענען שוין פאַרנומען דורך די דייטשע גרופּן.

ביז היינט איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך די האַנדלונג פון אונדזער שטאַב־בריגאַדע, פאַרוואָס האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזט אַליין און נישט אינפאָרמירט וועגן דער מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון דער אַרומרינגלונג. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן מיר געמוזט זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסציען פון וואַלד.

אויסנוצנדיק די שטאַרקע פינצטערניש, האָבן מיר זיך צעטיילט אין צוויי גרופּן, מיט פאַרשידענע אומוועגן און בלאָטעס, איבערלאָזנ־דיק אונדזער לאַגער און אונדזער גאַנצן אָבאָז. מיט אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, דורכגעריסן די בלאָקאַדע און אָפּגעטראָטן — יעדער גרופּע אין אַ אַנדער ריכטונג, נישט וויסנדיק איינע פון דער צווייטער.

לויט דער אינפֿאָרמאַציע פֿון אונזערע אויסשפּירער זענען דעם טאָג ביי 700 דייטשן פֿאַרניכטעט און פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. אונזערע פֿאַרלוסטן זענען געווען 4 טויטע און עטלעכע פֿאַרוווּנדעטע.

הוילע און הונגעריקע זענען מיר געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ צווייטן וואַלד, נישט ווייט פֿון סלוצק. די געגנט און די באַפֿעלקערונג זענען געווען פֿאַר אונז אומבאַקאַנט. מיר האָבן געמוזט פֿאַרקריכן טיף אין די בלאָטעס, וואָס האָט זייער באַשווערט אונזער פּראָוויאַנט־פֿאַרזאָרגונג. מיר האָבן מורא געהאַט צו מאַכן פֿייערן, דערוואָרעמען זיך פֿון דער קעלט, כדי נישט אַנטדעקט צו ווערן.

אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמאַטערט אַכט טעג אין הונגער און קעלט, ביז די געדולד האָט געפּלאַצט. עס האָבן זיך געמאָלדן עטלעכע פֿרייוויליקע, וועלכע זענען געווען גרייט גיין זוכן אונזער צווייטע אָפּגעריסענע גרופּע, און זיך פֿאַרבונדן מיט זיי אין אונזער בריגאַדע. אַלס רעזולטאַט פֿון דער „ראַזוועדקע" האָבן מיר ווידער, נאָך אַ פּאָר טעג גאַנג, זיך צענויפֿגעטראָפֿן מיט דער צווייטער גרופּע און מיט דער בריגאַדע, און צוזאַמען מיט זיי זיך באַזעצט אין עטלעכע דערפֿער אין קאָפּוליער ראַיאָן. אין משך פֿון אַ חודש צייט האָבן מיר זיך דאָ אויסגערוט, און אָנגעטאָן זיך אַזוי, אַז מיר זאָלן קענען אויפֿנעמען דעם שווערן רוסישן ווינטער. דאַן האָבן מיר לויט אַ באַפֿעל פֿאַרלאָזן דעם ראַיאָן, און זיך איבערגעצויגן אין קראַסנאַ־סלאָבאָדער ראַיאָן, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען גרעסערע וועלדער און וווּ עס זענען געווען בעסערע אויסזיכטן צו ווינטערן.

אונזער אָטריאַד האָט שוין דאַן געשמט פֿאַר אַ שטאַרקן און גרויסן. מיר זענען געשיקט געוואָרן די ערשטע אויסצוטרעטן אַ וועג פֿאַר די איבעריקע אָטריאַדן. אונטערוועגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די איבערגעבליבענע אָטריאַדן האָבן ביים פֿאַרלאָזן דעם דאָרף געמוזט פֿירן אַ שווערן קאַמף מיט אַ גרופּע אָנגרייפֿנדיקע דייטשן. נאָך אַ שלאַכט, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט אַ סך טויטע און אָפּגעטראָטן. די פֿאַרלוסטן פֿון אונזערע אָטריאַדן זענען געווען עטלעכע און דרייסיק מאַן. אין דריי טעג אַרום האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן צו אונז. אין סלאָבאָדער ראַיאָן אין אָרלאָווער וואַלד, האָבן מיר אויפֿגעשטעלט אונזער לאַגער.

באַלד צומאָרגנס נאָך אונזער אָנקומען זענען ליטווינער און ס. ס. איבערגעפֿאַלן אונזערן אַ פּאָר־פּאָסט נישט ווייט פֿון וואַלד.

פֿיר מאַן פֿון זיי, דריי ייִדן און איין קריסט, נישט וועלנדיק אַריינפֿאַלן לעבעדיקערהייט אין געפֿאַנגענשאַפֿט, האָבן זיך נאָך אַ לענגערן קאַמף אויפֿגעריסן מיט דעם לעצטן גראַנאַט, וואָס איז זיי פֿאַרבליבן. בלויז דעם פֿינפֿטן איז געלונגען צו אַנטלויפֿן. דאָס אַלץ האָט אונז נישט אָפּגעשראָקן, און מיר זענען פֿאַרבליבן אויף דעם זעלבן פּלאַץ.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן לויט אַלע פֿריערדיקע געזעצן און געוווינהייטן. באַלד ווי מען האָט זיך ביסלעכווייז איינגעאָרדנט, האָט מען אויסגעקליבן 38 מאַן, איך און לאה פֿיש צווישן זיי, און מיר האָבן באַקומען אַ באַפֿעל אויסצופֿירן אַ אָנפֿאַל אויף דעם קליין־באַן, וואָס האָט קורסירט צווישן האַנצעוויטש—צוצעוויטש. לויט די באַקומענע ידיעות, וועלכע מיר האָבן באַקומען, האָט געזאָלט אַדורכפֿאָרן מיט דעם קליין־באַן אַ גרויסער טראַנספּאָרט מיליטער. מיט דער אָפּעראַציע האָט אָנגעפֿירט דער קאָמיסאַר פֿון אָטריאַד. באַוואָפֿנט מיט ביקסן, אַווטאָמאַטן, פּולעמיאָטן און גראַנאַטן האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. כמעט אַ מעת־לעת האָבן מיר זיך געצויגן דורך די פּאָליעסיער בלאָטעס, ביז מיר זענען אָנגעקומען צום אָנגעצייכנטן פּונקט.

צווישן די 38 מאַן זענען געווען בלויז עטלעכע קריסטן. מיר האָבן פֿאַרנומען פּאָזיציעס און געוואַרט אויפֿן צוג. צוויי טעג האָבן מיר געוואַרט, אָבער אומזיסט. אויפֿן דריטן טאָג ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצופֿאַלן אויפֿן פּאָליציי־פּאָסט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דעניסקאָוויץ. עס האָט נישט געפּאַסט צוריקגיין מיט ליידיקע הענט. דערנענטערנדיק זיך צום אָרט, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט דעם פֿייף און רויש פֿון גייענדיקן צוג. שנעל האָבן מיר פֿאַרמינירט די ליניע און פֿאַרנומען קאַמף פּאָזיציעס.

איך בין געשיקט געוואָרן אויף דער צווייטער זייט ליניע, אַנטקעגן די קאַמפּס־פּאָזיציעס, אויף אַ פּאָסט ביי אַדורכקרייצנדיקן וועג. ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט איז דער לאָקאָמאָטיוו אַרויפֿגעפֿאָרן אויף דער מינע. ער האָט אויפֿגעריסן מיט אַ גוואַלדיקע קראַפֿט. דאַן האָבן מיר זיי מכבד געווען מיט אַ הוראַגאַן פֿייער און גראַנאַטן. ווי אַ סטאַדע צעשראָקענע גענז זענען די צוויי הונדערט פּאָליציאַנטן געשפּרונגען פֿון די וואַגאָנעס און געזוכט אַ אָרט צו באַהאַלטן זיך פֿון דעם גוט געצילטן פֿייער פֿון אונזער חברה. 30 מינוט האָט געדויערט דער קאַמף און דאַן האָבן מיר זיך געמוזט צוריקציען. אומגעפֿער אַ נאָך צוויי הונדערט מאַן איז געגאַנגען נאָכן צוג צופֿוס און האָט אונז געוואָלט אַרומרינגלען. איך בין געלעגן נישט ווייט פֿון לאָקאָמאָטיוו, און נישט געלאָזט די דייטשן לויפֿן פֿאָרויס. נאָכדעם ווי דער פֿייער פֿון אונזער חברה האָט אויפֿגעהערט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איך בין געבליבן אַליין אָן קיין שום פֿאַרבינדונג מיט זיי. איך האָב זיך אַריינגעלאָזט טיף אין וואַלד. צוויי טעג האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז איך האָב צופֿעליק אָנגעטראָפֿן עטלעכע פֿון מיינע חברים פֿון אָטריאַד און בין געקומען צוריק אין לאַגער. אין דער אָפּעראַציע האָט די פּאָליציי פֿאַרלאָרן 74 מאַן, אונזערע זענען אַרויס אָן קיין שום פֿאַרלוסטן.

מיר זענען געווען דערמוטיקט פֿון דער געלונגענער אָפּעראַציע, און דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע האָט באַשלאָסן דורכצופֿירן מיט דעם ייִדישן אָטריאַד ווייטערדיקע דרייסטע אונטערנעמונגען.

נאָך אַ געוויסער צייט איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ וואַרשעווער איד פֿון אונזער אָפּטיילונג אין שווערזנער טאַרטאַק (וואַלד האָלץ־אונטערנעמונג), אַרויספֿירן פֿון דאָרטן די אַרבעטענדיקע עטלעכע הונדערט ייִדן און ברענגען זיי אין וואַלד. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אונטערן דרוק פֿון אונזער נאַטשאַלניק ב.ק.וו.ד., אַ סאָוויעטישער ייִד, אויף וועלכן מיר — איך און אַ גרופּע ביעסוויעזשער חברה — האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס. נאָך לאַנגע שמועסן האָבן מיר אויף אים משפּיע געווען, אַז ער זאָל דעם פּלאַן פֿאָרלייגן פֿאַרן שטאַב.

גלייכצייטיק האָט דער קאָמיסאַר פֿון דער בריגאַדע אויסגעקליבן 75 מאַן פֿון אונזער אָטריאַד צו פֿאַרניכטן דעם פּאָליציי־פּאָסט אין דאָרף לאַקטושי, וועלכער האָט געשטערט אונזער קאָמוניקאַציע און האָט באַשווערט אונזערע פֿאַרבינדונגען מיט לעכעוויטשער און באַראַנאָוויטשער ראַיאָנען, ווי אויך מיט דער דרום־מערב זייט פֿון קלעצקער ראַיאָן.

מיר האָבן זיך אויפֿגעזעצט צו פֿיר מאַן אין איין שליטן, און ביי פֿינף און צוואַנציק גראַד פֿראָסט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. אָנקומענדיק אויפֿן אָרט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ ראַזוויעדקע (אָן אויסשפּירונגס־אָפּטיילונג) אויסצופֿאָרשן די לאַגע. נאָך אַ געוויסער צייט איז די ראַזוויעדקע צוריקגעקומען און מיטגעטיילט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, נאָר דער נאַטשאַלניק פֿון זייער גרופּע איז ערגעץ פֿאַרשווּנדן און זיי ווייסן ניט וווּ ער איז אַהינגעקומען. עס איז געפֿאַלן דער באַפֿעל „פֿאָרויס אין קאַמף" — פֿאַר יעדן פּרייז אויסזוכן דעם נאַטשאַלניק און פֿאַרניכטן דעם פּאָליציי־פּאָסטן. מיר זענען געקראָכן אויפֿן בויך אין די טיפֿע שנייען און אָנגעהויבן

אונזער אָנגריף. נאָענט פון דעם פּאָליציי הויז האָבן מיר געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי. און מיט „הורא" אויסגעשרייען אַריין אין קאָמענדאַטור. אין פּחד און אין בהלה זענען די פּאָליציאַנטן זיך צעלאָפן. פיר פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. די איבעריקע איז אָבער געלונגען צו אַנטלויפן דורך אַ געהיימן אונטערערדישן גאַנג, און זיי זענען נאָר אָפּגעקומען מיט שרעק און אָפּגעפרוירענע איברים. ביי דעם אָנגריף האָט זיך אויסגעפונען דער פּאַרלאָרענער קאָמאַנדיר, וועלכער איז אַריינגעצויגן געוואָרן פאַר די פיס אין אַ פאַרבאַהאַלטענעם בונקער. נאָר אַדאַנק אונזער שנעלער און דרייסטער אַטאַקע איז ער ניצול געוואָרן פון טויט. נאָכן פאַרענדיקן די אָפּעראַציע האָבן מיר מיטגענומען פינף ביקסן און אַמוניציע. מיר האָבן אויך פאַרברענט אַכט פּאָליצייאישע הייזער מיט דעם פּאָסטן־הויז. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך שוין קיין פּאָליציי אין דעם דאָרף נישט באַוויזן. דער דאָרף איז אַריבער אין אונזער רשות.

פאַר דער העלדישער אויספירונג אין די אויבנדערמאָנטע אָפּעראַציעס האָט אונזער אָטריאַד באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכנונג.

> אין עטלעכע טעג נאָך דער דורכגעפירטער אָפּעראַציע האָט זיך צוריקגעקערט דער שליח נאָך שווערזשנע און מיטגעבראַכט 200 יידן, מענער, פרויען און קינדער.

דער ערשטער אויפנאָם איז געווען — דאָס צונעמען ביי זיי אַלע ווערטפולע זאַכן — געלט, גאָלד זייגערס און אַנד. מיט אונז איז אויך פאָרגעקומען דאָס זעלבע, נאָר דער אונטערשייד איז געווען אין באַציאונג. מיר האָבן געגעבן יעדער איינער וויפל ער האָט געוואָלט און קיין אונטערזוכונגען ביי אונז האָט מען נישט געמאַכט. זיי האָט מען אונטערזוכט. מען האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם, וואָס יעדער האָט געגעבן. דער תירוץ איז געווען, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג נויטיקט זיך אין געלט. אין דער אמתן איז עס פאַרשוווּנדן אין די קעשענעס פון אונזערע אָנפירער. ביי די קריסטן האָט מען גאָרנישט גענומען.

די ניי־געקומענע יידן האָבן געהאַט די זעלבע באַדינגונגען, וואָס מיר אין אָנהויב פון אונזער אָנשליסן זיך אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האָבן געציילט ביי יענעם טאָג אַריבער הונדערט יידן, האָבן מיר זיי ווינציק געקענט העלפן. אונזער שטיצע איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס מען האָט באַשטימט עטלעכע פון אונז זיי צו אָרגאַניזירן און העלפן איינאָרדנען זיך. אויך האָבן מיר געשאַפן פאַר זיי אַ צען ביקסן, כדי זיי זאָלן קענען אַרויספאָרן שאַפן פּראָדוקטן. ליידער האָט זיך דאָס געוועזן ביי זיי לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. באַלד ביי דעם ערשטן אַרויספאָר נאָך פּראָדוקטן האָט זיך זייער גרופּע אין אַ צאָל פון עלף מאַן אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָליצייאישע זאַסאַדע (באַהעלטעניש), און ניין פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגערוקט דער 10־טער פעברואר 1943. די דייטשן האָבן צוזאַמענגענומען אַ גרויסע מיליטערישע פאָרמאַציע. שווער באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן אַרומגערינגלט אונזערע עטלעכע ראַיאָנען און באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אונז צו ליקווידירן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן קיין אָפענע קאַמפן נישט אויפגענומען. מיר האָבן אָפּגעטראָטן טיפער אין פּאָלעסיער געגנט. נאָך עטלעכע טעג פון כסדרדיקן גאַנג און לויפן, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די אָטריאַדן פון די אַרומיקע ראַיאָנען. מיר האָבן, אייגנטלעך זיך געפונען אין אַרומרינגלונג. אַלע פרייע וועגן זענען געווען אָפּגעשניטן. נאָך אַ באַראַטונג פון דער אָנפירערשאַפט פון אַלע אָטריאַדן האָבן זיי באַשלאָסן, נישט קוקנדיק דערויף וואָס עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ צוואַנציק טויזנט פּאַרטיזאַנער, נישט אַריינצוטרעטן אין קאַמף מיט די דייטשן, און פּרובירן זיך דורכרייסן דורך די בלאָטעס, וועלכע זענען אַפילו ווינטער נישט געווען פאַרפרוירן. מיט דער מיטהילף פון די דאָרטיקע איינוווינער איז אונז געלונגען זיך דערשלאָגן צו אַ קאַנאַל, וועלכער האָט פאַרלייכטערט אונזער צוריקטריט.

אַזוי האָבן מיר מער ווי אַ חודש זיך אַרומגעדרייט אין די בלאָטעס, און די דייטשן האָבן אונז נישט געקענט דערגרייכן, אויס נקמה האָבן זיי פאַרברענט אַלע דערפער אויף זייער וועג און די ציווילע באַפעלקערונג אויסגעהרגעט. זעענדיק אַז זיי קענען גאָרנישט אויפטאָן, זענען זיי סוף כל סוף אָפּגעטראָטן.

מיר האָבן זיך ווידער באַזעצט נישט ווייט פון אונזער ווינטער־קוואַרטיר אין צוטשעוויצער וואַלד. דאָ זענען מיר געזעסן אַ קורצע צייט און באַוויזן זיך אויסרוהען. לאַנג האָט עס אָבער נישט געדויערט. שוין דעם 20טן מערץ 1943 איז מען ווידער אויף אונז אָנגעפאַלן. עטלעכע טעג האָבן מיר זיך קעגנגעשטעלט. אָבער נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן מיר ווידער געמוזט אַנטלויפן ווו די אויגן האָבן אונז געטראָגן, איבערלאָזנדיק אונזער גאַנץ פאַרמעגן, שפּייז און שווער געווער.

עטלעכע טעג האָבן מיר זיך ארומגעדרייט אין די בלאָטעס, און דאַן ווידער גענומען שליסן זיך צוזאַמען. יעדן אָטריאַד, וועלכער האָט געציילט צו עטלעכע הונדערט מאַן, איז צוגעטיילט געוואָרן אַ באַשטימטע געגנט.

מיר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין אין קלעצקער ראַיאָן, די איבעריקע — אין קאַפּוליער ראַיאָן. שווער איז געווען דער וועג, אויס מורא פאַר די כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען און צוליב פאָרזיכט, זענען מיר דורך טיפע בלאָטעס, ווייט פון מענשלעכע ישובים, געגאַנגען צו אונזער ציל. אַמערסטן האָבן געליטן די פריש־צוגעקומענע שווערזנער יידן, נישט זייענדיק צוגעוויינט צו אַזאַ לעבן פון הונגער און קעלט. נאָך 8 טאָג גאַנג זענען מיר געקומען צום פּונקט, ווו דער אָטריאַד האָט זיך געדאַרפט צעטיילן, און פון וואַנען יעדע אָפּטיילונג האָט געדאַרפט גיין אין איר ריכטונג. דאָ זענען ווידער די דייטשן אויף אונז אָנגעפאַלן. נישט אויפנעמענדיק דעם קאַמף, זענען מיר זיך צעלאָפן אין די וועלדער. נאָך עטלעכע טעג ווידער זיך צוזאַמענגעקומען, און זיך געלאָזט ווייטער צום באַשטימטן אָרט. דאָס מאָל איז דער וועג געווען נישט נאָר שווער, נאָר אויך טרויעריק און ביטער פאַר די אַזוי אויסגעמאַטערטע יידן. עס האָט געווירקט דערדריקנדיק, וואָס אין אַזאַ שווערער לאַגע האָבן קאָמוניסטן־פּאַרטיזאַנער נישט באַהאַלטן זייער אַנטיסעמיטישע באַציונג צו יידן. שוין עטלעכע מאָל פריער האָבן די קריסטלעכע קאָמאַנדירן געפּרוּווט אָפּנעמען דאָס געווער ביי די יידן און אָפּגעבן די קריסטן, נאָר די דרייסטע האַלטונג פון די יידישע פּאַרטיזאַנער האָט זיי געשטערט אין זייערע פּלענער. נישט איין ייד האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר נישט וועלן אָפּגעבן זיין געווער אַ רוסישן קאָמאַנדיר. דערזעלבער ייד, וועלכער האָט אַרויסגעפירט די יידן פון שווערזנע, איז דערשאָסן געוואָרן פאַר נישט וועלן אָפּגעבן זיין פּיסטאָליעט.

דאָס איז פאָרגעקומען דאַן, ווען די יידן זענען געווען אַ גרויסער פּראָצענט. פיל יידן האָבן פאַרלוירן זייער יונג לעבן דורך געמיינע אַנטיסעמיטן. ליידער האָבן די יידן נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווייל די שאַנסן צו בלייבן לעבן ביי די פּאַרטיזאַנער זענען געווען גרעסער, ווי ביי די דייטשן. אונזערע קריסטלעכע קאָמאַנדירן האָבן באַפוילן איבערצולאָזן ערטערווייז גרופּעס יידישע מענער, פרויען און קינדער — און געלאָזט האָט מען זיי אויף גאָטס באַראַט, אָן געווער און אָן עסן. דער תירוץ איז געווען, אַז די מענטשן ברענגען נישט קיין נוצן און פאַלן נאָר צו לאַסט אויף דעם אָטריאַד. עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן און געוויינען. מיט קריצנדיקע ציין פון כעס און ווייטיק פלעגן מיר זיך צעשיידן, און פאָרזעצן

אונזער וועג ווייטער, ווייסנדיק, אַז די איבערגעבליבענע זענען פאַרמשפּט צום טויט, און מיט די אייגענע הענט זיי איבערגעגעבן צו די תּלינים. לײדער האָבן מיר זיי נישט געקענט העלפן. קליין איז צאָל און שוואַך זענען מיר געווען לגבי די קריסטן. פאַר קעגנ־שטעלן זיך די באַפעלן האָט געדראָט טויט־שטראָף.

נאָכן מאַרש פון אַ פּאָר וואָכן, זענען מיר אָנגעקומען אין מאשוקיער וואַלד, נעבן האַלינקע. באַלד צומאָרגנס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גרופּע פון 10 מאַן, און איך בתוכם, אויפצורייסן די באַן־ליניע באַראַנאָוויטש—מינסק. 6 וואָכן האָבן מיר זיך באַמיט דורכ־צופירן די דאָזיקע אָפּעראַציע. נאָך פיל מי און פּרוּוון האָבן מיר געמוזט רעזיגנירן פון דעם און באַנוגענען זיך מיט דעם אויפרייס פון דער באַראַנאָוויטש—האַנצעוויטש ליניע. ווען מיר זענען צוריק־געקומען אין מאשוקיער וואַלד, האָבן מיר געטראָפן דאָרט בלויז אַ גרופּע פריש אומבאַװאָפנטע איבערגעלאָזענע יידן. געבנדיק זיי די עטלעכע ביקסן, וועלכע מיר האָבן אויפן וועג געשאַפן, זענען מיר אַוועק צו אונזער אָטריאַד, וועלכער האָט זיך אַריבערגעצויגן אין קאַפּוליער ראַיאָן. פון דאָרט האָט זיך אונזער אָטריאַד איבערגעטראָגן אין ראַזינער וואַלד, קלעצקער ראַיאָן. דאָ האָבן מיר זיך באַזעצט און געזעסן ביז צום אָנקום פון דער רויטער אַרמיי. דאָס איז געשען אין **יוני 1944.**

*

מער קיין דייטשע אָנפאַלן אויף אונז זענען נישט פאָרגעקומען. לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע, האָבן די פאַרטיזאַנער געדאַרפט שטערן דעם אָפּטריט פון דער דייטשער אַרמיי. מיר האָבן אָנגענומען אַ טאַקטיק פון אויפרייסן די באַן־ליניעס. מיר האָבן געפירט אונזער פאַרניכטונגס־אַרבעט טאָג און נאַכט. אין יאַנואַר 1944 בין איך קראַנק געוואָרן אויף די פיס. קורץ נאָכדעם איז אונזער אָטריאַד אַריבער אין לעכעוויטשער ראַיאָן. אַ גרופּע פון צוואַנציק מאַן זענען איבערגעלאָזן געוואָרן צוליב קראַנקהייטן אויף אונזער דערנערונגס־באַזע, וועלכע דער אָטריאַד האָט נישט געקענט מיטנעמען. אַ צייט שפּעטער זענען מיר אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אַ צווייטער בריגאַדע, וועלכע האָט פאַרנומען אונזער אַלטן לאַגער. מער האָב איך אין קיין קאַמפן קיין אָנטייל נישט גענומען.

אונזער פאַרטיזאַנער מלוכה איז זיך ריזיק צעוואָקסן. מיר האָבן געהאַט אונזערע אייגענע פּראָוויאַנט — און געווער באַזעס, אַער־דראָמען און ראַדיאָ־סטאַציעס.

דער ערשטער יוני 1944 איז פאַר אונז געווען דער גרויסער גליקלעכער טאָג, ווען די ערשטע טיילן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָבן דערגרייכט צו אונז. נאָך פיר פינצטערע יאָר האָבן מיר אויפדאָסניי אָפּגעאָטעמט. עטלעכע טעג נאָכן באַפרייען אונזער שטעטל, האָט זיך אונזער בריגאַדע איינגעקוואַרטירט אין דאָרף קאַפּלאַנאָוויטש און ראַדזיווילימאַנט נעבן קלעצק. פון דאָרט האָט מען די מערהייט פאַרטיזאַנער אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט פאָרזעצן דעם קאַמף מיט די היטלעריסטן. לויט אַ פון פריער באַשטימטער פאַראָרדנונג האָבן די איבערגעבליבענע פאַרטיזאַנער געדאַרפט אויף פאַרשידענע ערטער העלפן ליקווידירן דאָס פאַרמעגן פון די היטלער מיטאַרבעטער, און דאַן פאַרנעמען פאַרשידענע פּאָסטנס אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן. צווישן די לעצטע בין איך געווען.

די ליקווידאַציע האָט נישט געדויערט קיין לאַנגע צייט. אין איין שיינעם העלן אויגוסט־טאָג האָב איך זיך ווידער געפונען אין מיין געבורטס־שטעטל, פון וואַנען איך האָב מיט צוויי יאָר צוריק אַנטלאָפן.

עס איז שווער צו שילדערן די געפילן וועלכע האָבן מיך דאַן באַהערשט. פון איין זייט אַ פרייד, וואָס איך האָב דערלעבט דעם טאָג פון דער נאַצישער מפּלה. אָבער קוקנדיק אַרום, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט די גרויליקע ווירקלעכקייט און טרערן זענען געפלאָסן פון די אויגן. צו וועמען קום איך? וועמען האָב איך דאָ? וואָס אייגנטלעך האָב איך דאָ צו טאָן?

יאָ, איך קען נאָך אַ בליק טאָן אויף די לענגערע און קלענערע בערגלעך ערד אונטער וועלכע מיינע טייערסטע האָבן געפונען זייער אייביקע רו. פאַרזונקען אין זכרונות און דעראינערונגען פון דער נאָנטער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, בין איך אַריינגעפאָרן אין שטעטל. דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פּאָדקאָוועס אויף די שטיינער פון דער ברוקירטער גאַס, האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע מחשבות און די ווירקלעכקייט וועלכע האָט זיך כמעט פּלוצעם אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן איז געווען גרויזאַם, שוידערלעך. חורבות וויסטעניש און פּוסטקייט... דאָס שיינע שטעטעלע איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט אירע יידישע איינוווינער. האַלב צעפּרער גאַס פאַרברענט. דער ברייטער מאַרק מיט וועלכן קלעצק פלעגט זיך אַזוי רימען — פאַרשוווּנדן. אַרום און אַרום בערגלאַך פון די פאַרברענטע הייזער, אָדער אַ סקעלעט פון אַ געמויערט הויז, וואָס דאָס פייער האָט נישט געקענט פאַרניכטן. דאַנעבן — אַ סקעלעט פון אַ נאַצישן טאַנק „טיגער", וועלכער איז פאַרניכטעט געוואָרן ביי דער לעצטער שלאַכט, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט דאָס שטעטל.

און די חורבות ציען זיך ווייטער — דאָס שול־הויף, דער געוועזענער געטאָ, די יידישע גאַס ביזן פּוילישן קאָשטשאָל און איין זייט פון סיניאַווקער גאַס. אויף זאַראַנאָווער גאַס איז ווי אַ דענקמאָל איבערגעבליבן, ווי דורך אַ נס, איין־און־איינציק הויז. ראַדזשימאַנטער גאַס מיט די אַרומיקע געסלעך גענצלעך פאַרשוווּנדן. אויך ניעסוויזשער גאַס האָט דאָס פייער נישט געשוינט און געלאָזן זיינע צייכנס אויף פאַרשידענע פּלעצער.

עס האָט מיט אויך באַהערשט אַ געפיל פון נקמה איבער די בלוט־דורשטיקע רויבערישע פּויערים־שכנים, וואָס האָבן דערוואַרט אונזער פאַרניכטונג, און האָבן גענאָסן פון אונזער האָב און גוטס. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז לויפנדיק פון געטאָ, זענען אויפן וועג געשטאַנען פּויערים פון די נאָנטע דערפער און גערעדט מיט צאָרן: — „עטאָ, אַני פּאָדפּאַלילי געטאָ" (דאָס האָבן זיי אונטערגעצונדן דאָס געטאָ). ערשט איצט האָב איך געקענט באַגרייפן דעם זין פון די געציילטע ווערטער. און עס האָט אויפגעפלאַקערט אין האַרצן דער ווילן צו זען נקמה אויף די פאַרבליבענע מערדער — רויבער.

גלויבנדיק אין יושר פון דער סאָוויעטישער מאַכט, און אין מיינע איינפלוסן און פאַרדינסטן אַלס פאַרטיזאַן און אויך אַלס רעגירונגס־באַאַמטער, האָב איך נישט פאָראויסגעזען קיין שום שוועריקייט צו דערגרייכן אַ געהעריקע באַשטראָפונג פאַר די ווייסרוסישע באַנדיטן. לײדער אָבער, זענען די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען און באַאַמטע נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע האַנדלונגען. זיי האָבן אַפילו געמאַכט פאַרשידענע שוועריקייטן ביים אויפזוכן, אָדער אויספאָרשן, פאַרשידענע אָנגעגעבענע פאַלן פון מערדעריי און רויבעריי. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ מין קאַלטע גלייכגילטיקייט, אַז עס האָט פּשוט אָפּגענומען דער ווילן און מוט אויפצוּוועקן די אַלטע ווונדן. עס איז שווער געווען צו באַגרייפן די דאָזיקע האַנדלונג פון די נאָמינירטע סאָוויעטישע באַאַמטע. איך האָב זיך דערמאָנט די עוולות, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרן, אונז יידן אין דער פאַרטיזאַנער תּקופה, פאַר וועלכע ס'זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויך אַ סך איצטיקע באַאַמטע אין קלעצק, ווי דאָס צונעמען געווער ביי יידן אונטער דער דראָונג פון טויט, און דאָס איבערלאָזן גרופּעס קראַנקע און שוואַכע פרויען אויף גאָטס באַראַט אין די וועלדער. מען מוז מודה זיין, אַז דער נאַציזם האָט געהאָלפן אויפצוּוועקן אַנטיסעמיטישע געפילן אויך ביי דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג.

אָבער דערווייל איז קיין ברירה נישט געווען, מען האָט געמוזט זיך צופּאַסן צו דער סאָוויעטישער אָרדנונג, האַפנדיק אויף אַ פּאַסיקן

מאָמענט, ווען מען וועט קענען פאַרלאָזן קלעצק. פאָרלויפיק האָבן די זאָרגן וועגן פערזענלעכן איינאָרדנען זיך פאַרנומען דעם ערשטן אָרט. פון וואַלד האָב איך גאָרנישט מיטגעבראַכט. נישט קיין וועש, נישט קיין שוכוואַרג און קיין קליידונג. איצט האָט מען שוין נישט געקענט אַריינגיין צו וועלכן ס'איז פּויער מיט אַ אויסגעשטרעקטער ביקס און נעמען וואָס מען וויל. עס איז אויך נישט געווען פון וועמען צו באַקומען הילף. אין דער זעלבער לאַגע האָבן זיך אויך געפונען די פּאָר געציילטע יידן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון פאַרשידענע ערטער. יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע זאָרגן און ליידן. דער געהאַלט, וועלכן איך האָב באַקומען, האָט קוים געקלעקט אויף צו דערהאַלטן די נשמה. אַלץ האָט מען געמוזט קויפן אויפן פרייען מאַרק. קיין אָפיציעלער מאַרק האָט נאָך דאַן נישט עקזיסטירט. מען האָט געמוזט זוכן פאַרשידענע וועגן צו באַזאָרגן אָט די אַלע קלענערע און גרעסערע באַדערפנישן. אַזוי איז מיר געלונגען, אַביסל מיט דראָאונגען, אַביסל מיט הבטחות, אַרויסבאַקומען פון אַ פּויער, אַ געוועזענעם שכן, וועלכער האָט אויסגערוימט אונזער הויז נאָך בעת דער ערשטער שחיטה, אַ פּאָר שטיוול און אַ שטיקל חאַקי־מאַטעריאַל אויף הויזן. מערקווירדיק איז דער פאַקט, וואָס אַנטוענדיק די זאַכן בין איך גערופן געוואָרן אין אָרטיקן פאַרטיי־קאָמיטעט, און געמוזט אָפּגעבן אַ גענויע דערקלערונג פון וואַנען און מיט וואָס פאַראַ מיטלען איך האָב עס באַקומען.

עס האָט געהערשט אַ פאַרביטערונג אין האַרצן, פיל האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן. אָפטמאָל האָט זיך אַפילו געבענקט צוריק אין וואַלד. צוריק צום חיה'שן, אָבער דאָך פרייען, זאָרגלאָזן און אינהאַלטס־פולן לעבן...

אַזוי זענען געפלאָסן טעג און חדשים, ביז צום רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און באַפרייטן פוילן.

איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן מצד מיינע העכערע נאַטשאַלניקעס, וועלכע האָבן נישט געוואָלט מיך באַפרייען פון מיין אַמט.

דעם 20טן יוני 1945, האָב איך אַלץ פאַרלאָזן, און אַריבער די רוסיש־פּוילישע גרענעץ ביי וואָלקאָוויסק.

נאָך קנאַפּע דריי יאָר פון וואָגלעניש איבער פאַרשידענע גרענעצן און לאַגערן ווי בערלין, האַמבורג, עשוויג (בייערן), פּאַריז, ציפּערן, בין איך אָנגעקומען אין מדינת ישראל.

געראנגל אין געטא

אליהו גלאזער

מיטוואָך, דעם 25־טן יוני 1941. די שטאָט איז שוין פולשטענדיק עוואַקואירט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי און אַדמיניסטראַציע. אַ טויטע שטילקייט אויף די גאַסן. מיט שרעק און ציטער וואַרטן מיר אויף דער אומבאַוווסטער נאָענטסטער צוקונפט.

איך זיץ ביי אַ באַקאַנטן קריסט אויף סלאָבאָדער גאַס און מיר שמועסן וועגן דער לאַגע — פּלוצעם באַווייזט זיך זיין פרוי און מעלדעט, אַז די דייטשן געפינען זיך שוין אויפן מאַרק־פּלאַץ. עס האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן... איך לויף צום מאַרק זען וואָס עס טוט זיך. פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך אַזאַ בילד: עס ליגט אַ דערשאָסענער סאָוויעטישער זעלנער, וועלכער האָט נישט באַוויזן אַנטלויפן. דייטשע טאַנקיסטן שטייען אַרום די טאַנקען, און פרעגן ביי אַ יידיש ייִנגעלע דעם וועג צו די געוועזענע פּוילישע קאָשאַרן. און גלייך שפּרינגען זיי אויף זייערע טאַנקען און איילן אין דער ריכטונג צו די קאָשאַרן. דאָרט האָבן זיי געעפנט די סקלאַדן און אונטערגעצונדן די געווער־מאַגאַזינען. די אַרומיקע ווייסרוסישע פּויערים ראַבירן שוין די סקלאַדן פון פּראָדוקטן און באַקליידונג.

פרייטיק פרי האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רעגולערע דייטשע מיליטער־טיילן. אַ פּויער האָט זיי באַגעגנט מיט ברויט און זאַלץ. דערווייל איז די שטאָט געווען לחלוטין אָן אַ מאַכט, די יידן האָבן זיך זעלטן באַוויזן אויף די גאַסן, געזעסן פאַרשפּאַרט אין זייערע הייזער. די ווייסרוסן האָבן שוין אָנגעהויבן באַווייזן זייערע רויב אַפּעטיטן. זונטיק און מאָנטיק, האָבן ווייסרוסישע פּויערים אויסגעפירט רויב־אָנפאַלן אויף די הייזער פון די מאַנופאַקטור־קרעמער זעליג ל י ס און שרקה א ב ר א מ א ו י ט ש, און אַנדערע.

אין די טעג האָט אַ מיליטערישע דייטשע טייל זיך באַזעצט אין די קאַזאַרמעס, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון יאַגד אויף די יידן, און טרייבן זיי צו אַרבעט. איך מיט מיין חבר יהושע ל ע ו ו האָבן געאַרבעט אין די קאָשאַרן. געהאַקט האָלץ פאַר דער קיך. די אַרבעט איז געווען אָן אַ הפסקה און אָפּרו ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער נאָך דער אַרבעט האָט אונז דער קוכער געגעבן אַ לעבל ברויט מיט קעז מיטצונעמען אַהיים.

אין אַ קורצער צייט האָט מען אויפסניי אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און צוריקאויפשטעלן דעם ליטעינעם זאַוואָד, ווו איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס שמיד, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק יידישע אַרבעטער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די צוויי נאַצישע חיות אין געשטאַלט פון מענטשן — דער קאָמענדאַנט קאָך אין דער באַגלייטונג פון זיין געהילף און משרת נוימאַן. עס איז אוממעגלעך צו כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע מערדער. זייער בלוטדורשטיקייט און סאַדיזם האָט אָנגענומען אומנאָרמאַלע פּאַטאָלאָגישע פאָרמען. זייער קומען צו אונז אין זאַוואָד האָט געהאַט איין און איינציקן ציל — שלאָגן און פּייניקן די יידן, און מען האָט געקענט באַמערקן זייער אויסערגעוויינלעכע הנאה דערביי.

עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון צווישן פיל אַנדערע. פאָלגנדיקער פאַל: — עס עפנט זיך די טיר פון וואַרשטאַט און אויפן שוועל באַווייזן זיך די צוויי תליינים. צופעליק האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ קליין יידיש ייִנגעלע וועלכער האָט צו זיין אומגליק גראָד אין דער מינוט געוואָלט אַרויסגיין פון זאַוואָד דורך דער טיר. ביידע וואַרפן זיך אויף אים און עס פאַלן שווערע קלעפּ, ביז דער אומגליקלעכער ווערט צעשלאָגן ביז טויט. אַזעלכע פאַלן פלעגן פאָרקומען כמעט יעדן טאָג.

עס שיטן זיך גזירות, איינע שווערער פון דער אַנדערער: אָנטאָן ווייסע לענטעס מיט געלע מגן דוד'ס אויף די אַרבל (שפּעטער פאַרביטן אויף די באַרימטע געלע לאַטעס), פאַרבאָט צו גיין אויף די טראָטואַרן, אַראָפּנעמען שנעל דאָס היטל ביי באַגעגענען אַ דייטש, (שפּעטער איז דער דאָזיקער באַפעל פאַרביטן און באַגרענעצט געוואָרן נאָר צו באַשטימטע טעג — אַזוי אַז אויך פאַר אַראָפּנעמען דאָס היטל אין דער נישט־געהעריקן טאָג האָט מען געקענט באַצאָלן מיטן לעבן). דאָס איז געווען אַ טייוולדיקע טאַקטיק, וואָס איז אויסן געווען צו פאַרטיפן דעם פחד, צעטומלעניש און אומזיכערקייט.

אינגיכן ווערט אין קלעצק אָנגעווענדעט די שוין באַוווסטע טאַקטיק פון די נאַציס — עס באַווייזט זיך די שווערד פון טויט, די

לויערונג פון דערשיסן, און אַלץ מיט אַ געוויינטלעכן סיסטעם, אויסגערעכנט אויף אָנוואַרפן טויט־שרעק פון איין זייט און אַרויסרופן געפילן פון האָפנונג ביי די איבעריקע, פון דער צווייטער זייט.

עס פאַלט דער ערשטער קרבן — לייבע יודעלעוויטש, אָנגעוויזן דורך די ווייסרוסן אַלס קאָמסאָמאָליעץ. ער ווערט אַרעסטירט. אַ ווייסרוסישער פּאָליציאַנט פירט אים צום בית עולם, צווינגט אים גראָבן מיט די אייגענע הענט זיין קבר — און ער ווערט דערשאָסן.

דער איינדרוק איז אַ דערדריקענדיקער — אָבער עס איז פאַראַן אַ תּרוץ: אַ קאָמסאָמאָלעץ...

דאַן קומט די גזירה וועגן פאַנאַנדערנעמען די מאַרק־קראָמען. יעדן טאָג גייען אַרויס גרופּן, אויסגעטיילטע פון דער אין איילעניש אָרגאַניזירטער יידישער אינערלעכער אַדמיניסטראַציע, צו דער אַרבעט. דער קאָמענדאַנט קאָך מיט זיין געהילף זענען געווען גאַנץ אָפּטע באַזוכער ביי די יידישע אַרבעטער. דאָ באָדן זיי זיך אין אַ ים פון סאַדיסטישער הנאה, דאָ גיסט זיך בלוט פון צעשלאָגענע יידן, דאָ וואַלגערן זיך יידן אויף דער ערד מיט געשרייען און קרעכצן פון פּייניקונגען און יסורים.

איינמאָל, ווען איך בין געווען קראַנק און באַפרייט פון דער אַרבעט, אין אַ פרייטיק טאָג, בין איך געקומען אין וואַרשטאַט הערן וועגן דער לאַגע. האָט מיר דער דירעקטאָר געשיקט ברענגען אַ פור ברעטער פון די קראָמען, וועלכע ווערן צענומען. מיט מיר זענען געווען נאָך 4 יידן. אָנקומענדיק מיט דער פור אין מאַרק האָב איך באַמערקט, ווי עס זענען אָנגעפאָרן צוויי לאַסט־אויטאָס אָנגעפילט מיט דייטשן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קאָמענדאַטור נעבן קאַצעווס מויער. עס באַווייזט זיך קאָך און פאָדערט אויף אַלע אַרבעטער זיך צענויפקלייבן און שטעלן זיך נעבן דער קאָמענדאַטור. איך האָב גלייך דערשפּירט, אַז עס שמעקט מיט אַ געפאַר און אַנטלאָפן מיט נאָך עטלעכע יידן. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביים מוזלמענישן מעטשעט אויף דער טאַטאַרישער גאַס. אָפּליגנדיק אַזוי עטלעכע שעה האָב איך, ווען עס איז געוואָרן רוהיקער, געגאַנגען צו זיך אַהיים דורך סיניאַוועקער גאַס. דאָ האָט מען מיר דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן אַלע יידן פון קלעצק מען זאָל צונויפזאַמלען געוואַנט־שטאָפן, זייפן און נאָך פאַרשידענע זאַכן, און ברענגען אין דער קאָמענדאַטור. אין פאַל ווען דער באַפעל וועט נישט אויסגעפירט ווערן אין דער קורצסטער צייט, וועלן די פאַרהאַלטענע יידן דערשאָסן ווערן.

דאַן זענען געפאַלן 5 דערשאָסענע, יידן וועלכע האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן און זענען געכאַפּט געוואָרן און זייערע באַהעלטענישן.

דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן מאָמענטאַל. די אויפגעפאָדערטע זאַכן זענען געבראַכט געוואָרן. דאַן האָט מען די פאַרהאַלטענע יידן באַפרייט.

אייניקע טרויעריקע פאַלן, וועלכע כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן:

אין דער גרויסער „קאַלטער שול" ווערט פאַנאַנדערגענומען די בימה. רייסט זיך פּלוצעם אַריין דער קאָמענדאַנט קאָך און דערשיסט אויפן אָרט צוויי יידן מיטן אויסרייד, אַז זיי האָבן כלומערשט געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס ווינציק פון דעם פאַנאַנדערגענומענעם מאַטעריאַל.

גייט דער מנוול אין גאַס, גייט אים אַנטקעגן אַ יידיש יינגעלע, און ציט שנעל אַראָפּ דאָס היטל. דאָס איז געווען אין טאָג, ווען לויטן באַפעל האָט מען דאָס ניט געטאָרט טאָן. וואַרפט ער זיך אויפן יינגל און הויבט אים אָן מערדערלעך שלאָגן. דער יינגל רייסט זיך אַרויס און אַנטלויפט אין זיין עלטערנס הויז, און באַהאַלט זיך הינטערן בעט. קאָך לויפט אים נאָך, נעמט אים אַרויס פון הינטערן בעט און שלאָגט אים ביז צום טויט, ביים געוויין און יאָמער פון די עלטערן.

די פרוי ליבע לעוו פון סלאָנימער גאַס איז דערמאָרדעט געוואָרן ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן: פון ניעסוויזש זענען געפאָרן קיין לעכעוויטש צוויי יידישע פרויען. איז זי אַרויס פון שטוב רעדן מיט זיי, כדי איבערשיקן אַ גרוס צו איר פאָטער. דאָ איז פּלוצעם אָנגעשפּרונגען דער קאָמענדאַנט מיט זיין געהילף, און צורופנדיק צו זיך אָנגעהויבן זי שטאַרק שלאָגן און גלייך אַוועקגעפירט אין דער קאָמענדאַטור. די אומגליקלעכע האָט דערפילט אַז איר גורל איז געחתמעט. זי האָט נאָך באַוויזן אויפן וועג אַראָפּנעמען פון איר פינגער דעם קדושין־פינגערל, און איבערגעגעבן דאָס אַ קינד, ער זאָל אָפּגעבן איר מאַן. דער שרעקלעכער נו־מאַן האָט איר געפירט דורך ניעסוויזשער גאַס צו די זאַמד־גריבער ביי די קאַטוילישע מאָהילקעס, און דאָרט איר דערשאָסן. דער ערשטער יידישער קרבן אין די דאָזיקע גריבער, וואָס זענען דערנאָך געוואָרן דער מאַסן־קבר פון קלעצקער יידנטום.

אָט אַזוי זענען פאַרביי טעג, וואָכן און מאָנאַטן. אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף דער באַפעלקערונג האָט געמאַכט די דערשיסונג פון איבער 35 יידן מיטן אויסרייד אַז זיי זענען קאָמוניסטן און האָבן אַקטיוו געאַרבעט אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע. און ווידער חזרט זיך איבער דיזעלבע פּסיכישע איינשטעלונג ביי די יידן, אַז זיי דראָט נישט פאַרניכטונג און אויסראָטונג.

*

ווי אַ דונער האָט זיך דערוויבער אַראָפּגעלאָזן אויף די קעפּ פון די קלעצקער יידן דער באַפעל, אַז אַלע אָן אויסנאַם מוזן זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק מיט זייערע משפּחות און קינדער. אַ שלאָפלאָזע טראַגישע נאַכט. מען האָט געפיבערט אין יאוש און פאַרצווייפלונג, ס'זענען אָבער נישט אויסגערונען אויך די אָפּטימיסטישע השערות... די פילע פּאָליצייאישע פּאָסטנס אויף די גאַסן שוין אין אָוונט, וועלכע האָבן שוין נישט דערלאָזן קיין מינדעסטע באַוועגונג, האָבן אָנגעוואָרפן אַ אימה.

פאַרטאָג, האָבן זיך פון אַלע זייטן געצויגן די רייען פון קלעצקער יידישע משפּחות. אין מאַרק האָט מען אויסגעשטעלט אַלעמען צו 8 מאַן אין אַ ריי. לויטן אלף בית. דער קאָמענדאַנט איז אַרויס מיט רשימות אין האַנט, און האָט אָנגעהויבן אויסרופן נעמען פון אַרבעטער און ספּעציאַליסטן פון פאַרשידענע אונטערנעמונגען און אָפּטיילן זיי באַזונדער, דערלויבנדיק מיטנעמען מיט זיך זייערע פאַמיליעס. ווען ער האָט אויסגערופן די נעמען פון די אַרבעטער פון ליטעינעם זאַוואָד, האָבן זיך באַוויזן אויטאָס אָנגעפילטע מיט דייטשן און ליטווינער אין פולער באַוואָפנונג. עס איז אויסגעבראָכן אַן אומגעהויערע פּאַניק. אַלץ איז צעמישט געוואָרן. אַ געלויף פון איין רייע צו דער אַנדערער. די געשרייען, יללות און געוויינען פון קינדער האָבן פאַרהילכט די לופט. קאָך האָט שוין רעזיגנירט פון דער פאָרויסבאַשטימטער סעלעקציע — און האָט פּשוט מיט זיין שטעקן געטיילט אויף „רעכטס — לינקס". ער האָט געהאַט אַ אינסטרוקציע מכּוח דער צאָל פון די צום טויט פאַראורטיילטע און די וועלכע וועלן איבערגעלאָזן ווערן. ער האָט אַזוי מאַנעווּרירט, אַז די לעצטע גרופּע זאָל זיין אַ סך קלענער אין צאָל. די יידן זענען געווען אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער צעמישונג, און מען האָט אומבאַמערקטערהייט געלאָפן פון איין גרופּע צו דער אַנדערער, זוכנדיק רעטונג. אַזוי האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי גרופּן, איינע די גרעסערע אין צאָל, און די צווייטע לערך 1400 מאַן, אין וועלכער איך בין צופעליק אַריינגעפאַלן.

די לעצטע גרופּע ווערט מאָמענטאַל אַרומגערינגלט פון אַ וואַך

ליטווינער, און געפירט אין דער ריכטונג צו דער יידישער גאַס. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר זענען פאַראורטיילט צום טויט — דער וועג פירט דאָך צום יידישן בית עולם. אָבער גאַנץ אומדערוואַרטעט פירט מען אונז אַריין אין דער „קאַלטער שול", פאַרשליסנדיק די טירן. מיר האָבן געמיינט, אַז אויך דאָ לויערט אויף אונז די באַלדיקע פאַרניכטונג. מיר האָבן געוווּסט וועגן פאַל אין ביאַליסטאָק, ווו 500 יידן זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ שול און דערנאָך האָט מען זיי אַלעמען אויפגעריסן.

אַ טויטע שטילקייט. פון צייט צו צייט עפנט זיך די טיר. צוויי ליטווישע זעלנער קוקן אַריין, נישטערן מיט די אויגן צווישן די האַלבטויטע יידן. עטלעכע יידן נעמען אַראָפּ זייערע זייגערלעך, גיבן זיי די ליטווינער און פאַרפירן מיט זיי אַ קורצן שמועס. זיי פאַרזיכערן קאַטעגאָריש, אַז מיר וועלן בלייבן לעבן. עס נאָגט אָבער אין האַרצן די אומוויסנהייט וועגן גורל פון די יידן אין מאַרק. אוממעגלעך עפּעס זיך צו דערוויסן וועגן זיי.

צו אונזער גרויסער שטוינונג עפנט זיך די טי פון שול, און עס רייסן זיך אַריין מיט אַ ווילדן געשריי אייזיק ציאַק מיט זיין פרוי. אַלע זענען געפּלעפט. מיט שרעקלעך צעעפנטע אויגן וואַרפט ער זיך אויפן האַלדז פון זיינע קינדער אין שול, און פאַלט אין חלשות. דערנאָך דערציילט ער אונז מיט געוויין און יאָמער, וועגן דער שרעקלעכער טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די זאַמד־גריבער נעבן דעם קאַטוילישן בית הקברות. דער קאָמענדאַנט קאָך האָט אים אין דער לעצטער מינוט אַרויסגענומען פון גרוב ווו ער איז שוין געלעגן נאַקעט, און אַלס מייסטער־ספּעציאַליסט אים איבערגעלאָזן לעבן. שווער צו שילדערן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שול. קינדער האָבן באַוויינט די עלטערן, עלטערן די קינדער, און אַזוי ווייטער.

אַרום 10 אַזייגער דערשיינט קאָמענדאַנט קאָך, באַווייזט דעם פּלאַן פון געטאָ און פאַראָרדנט גלייך צו פאַרנעמען די הייזער לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן, צו 40־30 מאַן אין אַ הויז. אַ סך האָבן בליץ־שנעל געלאָפן אין די פאַרלאָזענע וווינונגען און גענומען עטוואָס באַקליידונג און שפּייז. עס האָבן זיך ביי דער געלעגנהייט אָפּגעשפּילט מוראדיקע טראַגעדיעס: די פרוי פון איטשע טאַניעס זון יוסף, האָט איבערגעלאָזן אין הויז אַ קינד. איז זי געלאָפן אים נעמען צו זיך. זי איז דערשאָסן געוואָרן נעבן איר הויז. דעם זעלבן גורל האָבן געטיילט די פרוי און מאַן וועלאָוועלסקי, אייגנטימער פון אַפּטייק־סקלאַד ביים סאַמען געטאָ. צופעליק האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף די ווייסרוסישע באַנדיטן וועלכע האָבן זיי דערשאָסן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונזער געטאָ לעבן, אַרומגעצוימט מיט דראָטן־צוימען, באַוואַכט דורך ווייסרוסישע פּאָליציי־פּאָסטנס אַרום אונז. דער יידן־ראַט מיט דער יידישער פּאָליציי האָבן רעגולירט דעם אינערלעכן לעבן אין געטאָ. אַרבעט איז געווען טיילווייז אויסערן געטאָ, און געאַרבעט האָבן מערסטנטייל די אַרבעטס־פּעהיקע. און עס האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אפשר וועלן מיר איבערקומען די אַלע צרות און דערלעבן דעם טאָג פון נצחון און באַפרייונג.

מיר פלעגן אָפט — איבערהויפּט די יוגנט — זיך צונויפזאַמלען צוזאַמען און באַטראַכטן אונזער גורל און אויסזיכטן. אין משך פון דער צייט האָבן מיר באַקומען מער ווייניקער אינפאָרמאַציעס וועגן אונזערע שכנותדיקע שטעטלעך, און אויך ידיעות פון דער יידישער וועלט. די ידיעות זענען געווען טרויעריקע. דאָ פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, וואָס איז דערנאָך באַשטעטיקט געוואָרן, אַז אין סטאַרנאַער וואַלד ווערט געגראָבן אַ גרויסע גרוב, אָבער די דייטשן באַרויקן, אַז עס ווערט געגרייט אַ רעזערוואַר פאַר בענזין... עס האָבן זיך באַוויזן סימנים פון פּרוון צו אַנטלויפן פון געטאָ, אָבער די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז —

> אַלע געטאָ איינוווינער זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך מיט זייער לעבן פאַר אַזוינע פּרוון. איינער אַ פליט שמחה ניומאַן וועלכער האָט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָט אויף די ווענדונגען פון די געטאָ איינוווינער זיך אומגעקערט צוריק.

נאָך לאַנגע באַטראַכטונגען זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז ווען מיר וועלן אַרומגערינגלט ווערן דורך די נאַציס זאָלן מיר אונטערצינדן די הייזער און פּרוון זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן, יעדער ווי ער קען.

פאַרצווייפלטער ווידערשטאַנד

דעם 22־טן יולי 1942 איז דער געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער ווייסרוסישער פּאָליציי. מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערצינדן די הייזער. די שריפה האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום דער גאַנצער געגנט. מיר האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון געטאָ אונטער אַ האָגל פון קוילן. אַרום אונז — געהאַרגעטע, פאַרוווּנדעטע, דערשטיקטע. מיר האָבן אויפגעריסן אַ טויער. אַ גרופּע פון קרוב הונדערט מאַן האָבן זיך אַרויסגעריסן דורך דעם טויער, צווישן זיי איך און מיין חבר שמחה ניומאַן. אָט זענען מיר שוין צוגעלאָפן צום באַרימטן קלעצקער „וואַלד".

מיר האָבן זיך אויסגעטיילט אַ גרופּע פון 20 מאַן, דורכגעשניטן דעם ניעסוויזשער שאָסיי, און פונדאַנען זיך גענומען צום דאָרף האַרבונאָווששיזנע. באַגעגנט אונז פון ווייטן אַ ווייסרוסישער פּאַטראָל ליציאַנט און עפנט אַ שיסעריי. דאָ זענען געפאַלן טויט צוויי אַנטלאָפענע, איך געדענק צווישן זיי מייטשיק געלפאַנדס עלטערן זון — דאַניע. די איבעריקע זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן אין אַלע זייטן. איך און מיינער אַ חבר שלמה שמוקלער (איצט אין אַמעריקע), זענען געבליבן ליגן אין קאָרן ביז נאַכט.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן מיר זיך געלאָזן אין דער ריכטונג צו די וועלדער. אויפן וועג זענען מיר צוגעגאַנגען צום דאָרף ביליאַטשין. מיר זענען אַריין צו אַ פּויער און געבעטן עפּעס צו עסן, און אויך נאָכגעפרעגט וואָס הערט זיך אין קלעצק. די פּויערטע האָט אונז געבעטן רחמים, אַז מיר זאָלן גלייך זיך צוריקקערן אין וואַלד און דאָרט האָט זי אונז געבראַכט ברויט, מילך און קעז, און פאַרגעלייגט אַז מיר זאָלן דאָ וואַרטן. זי פאָרט גלייך קיין קלעצק, און ווען זי וועט זיך צוריקקערן וועט זי אונז אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע.

ווען זי און איר מאַן זענען אָפּגעפאָרן קיין קלעצק, האָט איר זון אונז אַריינגענומען אין שייער און ווידער געבראַכט עסן. מיר זענען דאָ געלעגן ביז זיינע עלטערן האָבן זיך צוריקגעקערט פון שטאָט. דאַן האָט ער אונז ווידער אָפּגעפירט אין וואַלד, געראַטן זיך אָנשליסן אין די פּאַרטיזאַנער און געוויזן די ריכטונג צו זיי. זיין מוטער האָט אונז צוגעאייַלט צו פאַרלאָזן דעם וואַלד, ווייל אין קלעצקער קאָמענדאַטור ווייס מען וועגן דער אָנוועזנהייט פון יידן. אין שטאָט — האָט זי דערציילט — האָט מען אַלע יידן וועלכע זענען נאָך געבליבן לעבעדיק נאָך דער נאַכט פון דער שריפה, אויסגעמאָרדעט דורך דערשיסן און אַריינגעוואָרפן אין דער פריער צוגעגרייטער גרוב אין סטאַרינאַער וואַלד. נאָך איר אַוועקגיין איז אָנגעקומען איר זון. ער האָט אונז אַרומבעבונדן מיט שטרוי, מיר זאָלן בלייבן אומבאַמערקט.

די נאַכט האָבן מיר איבערגעשלאָפן אין וואַלד, אינדערפרי האָבן מיר אָנגעטראָפן פּויערים, וועלכע האָבן געפירט פיטערן זייערע פערד. אין אַ שמועס מיט זיי האָבן מיר זיי פאָרגעלייגט געלט פאַר איבערפירן אונז צו די פּאַרטיזאַנער אין זאַראַקעוועד וואַלד. איינער

אַ פויער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון באַלוינונג, און אונז צוגעפירט צו קליין־סאָוויטש. מיר זענען אַריין צו אַ פויער און צופעליק געטראָפן דעם סאָלטיס (דעם עלטסטן פון דאָרף), וועלכער האָט סימפּאַטיזירט מיט די פּאַרטיזאַנער. ער דערציילט אונז, אַז נאָר וואָס איז ביי אים געווען אַ יידיש מיידעלע, און לויט זיינע שילדערונגען האָבן מיר פאַרשטאַנען ווער דאָס איז. ער האָט אונז אָנגעוויזן די ריכטונג, וווהין זי איז אַוועק, און אויפן וועג האָבן מיר זי געטראָפן אין וואַלד. זי האָט געהאַט ביי זיך אַ קוישל מיט עסן, און זיך געטיילט מיט אונז מיט אירע פּראָדוקטן. מיר לאָזן זיך טיפער אין וואַלד און דערהערן אַ שיסעריי. פונווייטן האָבן מיר באַמערקט 4 באַוואָפנטע דייטשן. מיר מאַכן פּליטה, און פאַרשטעקן זיך טיף אין אַ זומפּ.

דאָס האָבן דייטשן אַרומגערינגלט פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען פריער אָנגעפאַלן אויף זייערס אַ גרופּע וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער ליקווידאַציע פון ניעסוויעזשער געטאָ. עס זענען געפאַלן פיל טויטע דייטשן, אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן געמוזט אָפּטרעטן פון וואַלד, ווייל די דייטשן האָבן זיי נאָכגעשפּירט און אַרומגע־רינגלט.

די אַרומיקע פויערים האָבן שוין געהאַט זייערע סימנים: אַ יידיש יינגל פון די פּאַרטיזאַנער פלעגט שטענדיק קומען אין דאָרף נאָך וואַסער. און אָט זענען שוין פאַרביי דריי טעג און ער באַווייזט זיך נישט. האָט דער סאָלטיס פון דאָרף אונז אָנגעוויזן אַן אַנדער ריכטונג, ווי זיך צונויפטרעפן מיט די פּאַרטיזאַנער. אין פאַל ווען דאָס וועט אונז נישט געלינגען — זאָלן מיר זיך צוריקקערן, וועט ער אונז געבן ווייטערדיקע ידיעות.

נישט אָנטרעפנדיק די פּאַרטיזאַנער האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צום דאָרף, און איבערגענעכטיקט ביים סאָלטיס, אין אַ ווינקל פון שטרוי. ער האָט אונז אויך געגעבן אַ סימן, אַז אויב מיר וועלן דער־הערן אַ בילעריי פון הינט הייסט עס, אַז די פּאַרטיזאַנער פאָרן פאַרביי.

די נאַכט איז אַריבער רוהיק. אינדערפרי האָט ער אונז געראָטן גיין צוב ראַיאַווקער וואַלד. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ פויער פון גרויס־סאָוויטש, וואָס האָט אונז געראָטן, בלייבן אין וואַלד. פאַר־נאַכט מוזן דאָ דורכגיין פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן אים געפאָלגט און ווירקלעך: פאַרנאַכט זענען אָנגעפאָרן פּאַרטיזאַנער מיט זייערע פורן. מיר שטייען צו צו זיי, אַז זיי זאָלן אונז אויפנעמען. זיי האָבן אונז געהייסן וואַרטן ביז זיי וועלן צוריקפאָרן. אַרום צוויי אַזייגער ביי־נאַכט זענען זיי צוריקגעפאָרן, אָבער אונז נישט אויפגענומען — זיי מוזן אָנפרעגן אין שטאַב. בלייבן מיר ווידער די נאַכט אין וואַלד. ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, זענען מיר אַוועק לויט די סימנים פון זייער באַוועגונג ביז מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָסטן פון פּאַרטיזאַנער ביים ברעג פון וואַלד.

דערזעענדיק אונז האָט דער פּאָסטן אויסגעשריען: די הענט אין דער הויך, און צוגערופן ש מ ו ק ל ע ר ן צו זיך.

עה האָט זיך גענוי פונאַנדערגעפרעגט ווער מיר זענען. מיר דערציילן אים אַלץ. ער ענטפערט, אַז ער איז איינער אויפן פּאָסט און טאָר נישט אונז מיטנעמען.

וואַרטן מיר אַזוי ביז עס קומט נאָך איינער אויף אַ ראָווער, פיין געקליידעט, און ער האָט אונז דערציילט, אַז דאָ אין דער אומגעגנט געפינט זיך דער הויפּט־שטאַב. שפּעטער באַווייזט זיך אַ פּאַרטיזאַן, אַ קאַפּוליער ייד, און פירט אונז גלייך אין שטאַב.

אַ יונגער אָפיצער אין מיליטערישע קליידער האָט אונז אָנגע־הויבן אויספאָרשן פון וואַנען מיר קומען, ווער מיר זענען און ד.גל. איבערהויפּט האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט פאַרדרוס וואָס מיר זענען אַזוי לאַנג געזעסן אין געטאָ און נישט געמאַכט פריער קיין פּרוון אַרויסצורייסן זיך צו די פּאַרטיזאַנער. נאָך אַ לאַנגער אויס־פאָרשונג האָט ער אונז איבערגעגעבן צו אַ ספּעציעלער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון יידן מיט אַ יידישן קאָמאַנ־דיר, אַ קאַפּוליער איינוווינער, ג י נ ט ש י ק.

דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן יידן פון קאַפּוליע, קלעצק, ניעסוויזש און פון נאָך אַרומיקע ישובים, בערך 500 מאַן. די יידישע פּאַרטיזאַ־נער זענען אָבער געווען אָן געווער, און מען האָט אונז געשטעלט אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג, אַז מיר מוזן מיט די אייגענע כוחות זיך שאַפן געווער. איז איינגעפאַלן איינעם אַ קאָמאַנדיר אַ משונה'דיקער געדאַנק, צו מאַכן אַ אָנפאַל אויף די קלעצקער קאַשאַרן און צונעמען דאָס געווער פון דער וואַך. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ פאַנטאַסטישע אַוואַנטורע, וועלכע האָט כמעט געקאָסט דאָס לעבן פון 8 מאַן, וועלכע האָבן געפּרוווט אויספירן דעם פּלאַן און נאַטירלעך געליטן אַ דורכפאַל.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַנדערע וועגן צו דערווערבן זיך געווער, און דאָ איז כמעט צופעליק געשען אַ גליקלעכער צופאַל: אין ווילעשנער וואַלד, 5 קילאָמעטער נעבן קאַפּוליע, האָבן פויערים פון די אַרומיקע דערפער דערציילט, אַז נאָנט פון אונז, ביים דאָרף סטאַריצע, געפינט זיך אַ ברודער־קבר פון אומגעפער 100 רויט־אַרמייער, וועלכע זענען דאָ באַגראָבן געוואָרן צוזאַמען מיט זייער געווער. זענען מיר גלייך אַוועק אַהין, געמאַכט אויסגראָבונגען און ווירקלעך געפונען טיילן פון ביקסן און קוילן. מיר האָבן אַלץ אויפ־געקליבן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פיבערהאַפטע אַרבעט פון אונזערע סטאָליאַרעס, מעטאַליסטן און אַנדערע ספּעציאַליסטן. דער סך־הכל — פופצן גוט פונקציאָנירנדיקע ביקסן. דאָס איז געווען ווייניק — אָבער אַלס התחלה גאַנץ גוט. מיר זענען שוין געווען באַוואָפנט אויף אַזוי פיל, אַז מיר זאָלן קענען דורכפירן ווייטערדיקע אַקציעס פאַר אונזער באַוואָפענונג און פאַרשטאַרקונג.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַקטיוו אויספירן פאַרשידענע דיווערסיע־אַקטן, און פאַרשאַפן זיך שפּייז־פּראָדוקטן.

דאָס לעבן אין וואַלד איז געווען בעצם אַ גאַנץ אָנגענעם און אינטערעסאַנט. עס זענען, נאַטירלעך, פאָרגעקומען פיל פאַרדריס־לעכע אינצידענטן, אויך אויפן הינטערגרונד פון אַנטיסעמיטישע שטימונגען ביי אַ טייל אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען. מיר האָבן אין אַ סך פאַלן געמוזט קריצן מיט די ציין און שווייגן. אין אַלגעמיין אָבער איז די שטימונג געווען אַ האָפנונגספולע און מונטערע. עס איז שוין געווען אַ יסוד צו גלויבן, אַז דער סוף פון די נאַציס וועט קומען פריער אָדער שפּעטער. עס האָט זיך געמערקט און געפילט די צוזאַמענגעבונדנקייט און ברידערלעך צוזאַמענלעבן פון די יידן פון די פאַרשידענע אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן דאָ אין וואַלד אויסגעגליכן זייער רוקן און העלדיש געקעמפט.

מיר גרייטן זיך צו די אָקטאָבער פייערונגען פון 1942־טן יאָר, די הכנות זענען באַדייטנדיקע. מיר האָבן אָנגעגרייט שפּייז, פלייש, בראָנפן. אויפגעשטעלט אין וואַלד אַ בינע, באַפוצט מיט בלומען און לאָזונגען פאַר אַרויסטרעטונגען און קינסטלערישע אויספירונגען — אַ זעלבטשטענדיקע פרייע מלוכהלע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט די דייטשע אָקופּאַנטן. אָבער די לעצטע האָבן די גאַנצע צייט נישט געוואַגט זיך אַפילו דערנענטערן צו די פּאַרטיזאַנישע לאַגערן. זיי פלעגן אַפילו אויסמיידן די וועגן, ווו זיי האָבן זיך געקענט אָנ־שטויסן אויף אונזערע פורן און טראַנספּאָרטן. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן זיי געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו ליקווידירן אונז גראָד אין טאָג פון די אָקטאָבער פייערונגען. דעם 7־טן נאָוועמ־בער, 8 אַזייגער אין דער פרי, האָבן אונז באַפאַלן דייטשע מיליטע־רישע טיילן באַוואָפנטע מיט טאַנקן און מאַשין־געווער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע שלאַכט. עס זענען געפאַלן טויט צוויי העלדן

פאַרטיזאַנער; פון אונזער יידישער גרופּע זענען פאַרווונדעט געוואָרן צוויי.

דער שטאַב מיט די איבעריקע פאַרטיזאַנער אָפטיילונגען זענען געווען געצוווּנגען אָפצוטרעטן, אָבער וועגן דעם האָבן זיי נישט געמאָלדן אונזער אָפטיילונג, וועלכע האָט זיך געפונען אַ ערך 3 קילאָמעטער פון זיי. נאָך זייער אָפטרעטן זענען מיר פאַקטיש געווען אַרומגערינגלט. דער גליק איז געווען, וואָס די דייטשן האָבן זיך נישט אָריענטירט אין די ערטער. זיי האָבן כמעט בכלל נישט געוווּסט וועגן אונזער עקזיסטענץ. אונזערע קאָמאַנדירן האָבן באַפוילן אָפטרעטן, און זיך באַמיען אויך אַרויספירן דעם טראַנספּאָרט פון וואַלד. אָבער ביי די ברעגן פון וואַלד, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשן מיליטער. זיי האָבן אויף אונז געעפנט אַ שיסעריי — מיר זענען געווען געצוווּנגען צוריקטרעטן אין וואַלד, איבערלאָזנדיק אַ טייל פון אונזער טראַנספּאָרט.

אַזוי זענען מיר געשטאַנען ביז נאַכט. אונזערע קאָמאַנדירן האָבן דאַן געשיקט אַ אויסשפּיר־אָפטיילונג צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסרייסן פון דער אַרומרינגלונג. די אויסשפּירער איז געלונגען אויסגעפינען אַ פאַרבאָרגענע סטעזשקע דורך אַ זומפּ. מיר האָבן באַשלאָסן אַלץ איבערלאָזן, אַרויסנעמען בלויז די צוויי פאַרווונדעטע פאַרטיזאַנער — און זיך געלאָזט אין וועג. איך און נאָך צוויי פון מיינע חברים האָבן דורך אַ צופאַל זיך אָפגעריסן פון דער אָפטיילונג. דריי טעג זיך אַרומגעדרייט אין די וועלדער, און צום סוף אָנגעטראָפן די אָפטיילונג ביים דאָרף לאַווע נעבן קאַפּוליע, וווּ מיר זענען געשטאַנען 3 וואָכן. דער שטאַב מיט די איבעריקע אָפטיילונגען האָבן אויף זייער אָפטריטס־וועג געמוזט אויפנעמען אַ שווערן קאַמף מיט די דייטשן, אין וועלכן זיי האָבן פאַרלוירן צוועלף מאַן און דערנאָך זיך פאַראייניקט מיט אונז.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי פון וואַנדערונגען — די דייטשן האָבן אונז פאַרפאָלגט. פון קאַפּוליער געגנט האָבן מיר איבערגעוואַנדערט אַזש צו די טשוטסעוויצער וועלדער, וווּ מיר זענען געשטאַנען אַ לענגערע צייט, ביז מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן זיך באַוועגן.

דעם 25־טן מערץ 1943 איז אויף דעם אָרט אויסגעבראָכן אַ גרויסע שלאַכט צווישן אונז און דייטשן. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף באַדייטנדיקע באַוואָפנטע טיילן, און געמוזט אָפטרעטן איבערלאָזנדיק ווידער אונזערע אַלע שפּייז־זאַפּאַסן און גאַנצן טראַנספּאָרט. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין פאַרוואָרפענע טיפע זומפּן, אָן אַ וועג און אַרויסגאַנג. מיר זענען דאָ געבליבן שטיין ביז נאַכט — און דאַן האָט אַ גרופּע פון צוואַנציק מאַן באַשלאָסן ריזיקירן און צוריקגיין אין אונזער געוועזענעם לאַגער, מיטן צוועק צו ברענגען די שפּייז־פּראָדוקטן. דערנענטערנדיק זיך צום לאַגער זענען מיר באַשאָסן געוואָרן פון אַלע זייטן מיט מאַשין־געווער. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און אונטער דעם קוילן־האָגל, זענען מיר זיך צעלאָפן אויף פאַרשידענע זייטן. אָפלויפנדיק אַ שטיק וועג, האָב איך מיך אָפגעשטעלט און געפונען זיך איינער אַליין ביינאַכט אין אַ טיפן וואַלד. 5 טעג האָב איך געבלאָנדזשעט און געזוכט אַ וועג, אַ שטעג, אַ מענטש, ערשט אויפן זעקסטן טאָג האָב איך באַמערקט שפּורן פון מענטשלעכע טריט און אויסגעפונען אַ וועג, אויף וועלכן כ'האָב געפונען אַ דייטשן האַנט־גראַנאַט. אויפן זיבעטן טאָג האָב איך באַגעגנט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער פון אונזער בריגאַדע. צוזאַמען מיט זיי בין איך אַוועק אין שטאַב, וווּ כ'האָב געטראָפן עטלעכע מאַן פון אונזער יידישער אָפטיילונג, און מיט זיי בין איך אַוועק צו אונזער לאַגער. אויפן אָרט האָבן מיר צו אונזער דערשטוינונג קיינעם נישט געטראָפן, אַ חוץ ברענענדיקע איבערגעלאָזענע פאַלאַטקעס...

זיי זענען אינצווישן באַפאַלן געוואָרן דורך דייטשן, און געמוזט פאַרלאָזן דעם לאַגער. צוויי טעג האָבן מיר געזוכט די יידישע אָפטיילונג, ביז מיר האָבן זי געפונען אין ראָזשינער וואַלד — דאָרט זענען מיר געשטאַנען אַ לענגערע צייט.

סוף 1943 האָט מען מיך אַרויסגעשיקט אין די נאָנטע כוטאָרעס צו אַ פויער, וועלכער האָט געאַרבעט אין זיין שמידעריי. איך האָב געדאַרפט אויספּילן פאַרשידענע אַרבעטן פאַר אונזער אָטריאַד. דאָרט בין איך געווען קרוב 3 מאָנאַטן.

ערב באַפרייונג

שוין נאָנט צו דער באַפרייונג זענען מיר איבערגעגאַנגען אין די וועלדער פון האַנצעוויטשער ראַיאָן. דאָ האָבן מיר אויסגעפירט פיל דיווערסיע־אַקטן. אין מיין זכרון איז פאַרבליבן דער פאַל אויפן שאָסיי סיניאַווקע־מעדוועדיטש. צוויי לאַסט־אויטאָבוסן אָנגעפּאַקט מיט דייטשן זענען דורך אונז אַרומגערינגלט און באַשאָסן געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן. קיינעם פון זיי איז נישט געלונגען אַרויסגיין גאַנץ. מיר האָבן אויסגעהאַקט טעלעפאָן און טעלעגראַף סטאָלבעס, געשניטן דראָטן, אויפגעריסן די באַן־ליניע האַנצעוויטש—פינסק.

אין יולי 1944, האַרט פאַרן אָפטריט פון די נאַציס, האָבן מיר אויפגעריסן די באַן־ליניע באַראַנאָוויטש—בריסק.

אין יולי 1944 איז אָנגעקומען די רויטע אַרמיי. מיר זענען אַלע אַרויס פון די וועלדער.

אונזער אָפטיילונג האָט באַקומען די אויפגאַבע איבערצונעמען די מאַכט אין לעכעוויטש. אַ טייל פון אונז האָט באַקומען פאַרשידענע אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע פּאָסטנס אין לעכעוויטשער ראַיאָן, אַנדערע זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי אויפן פראָנט, צווישן זיי אויך איך.

אונזער זיגרייכער אָנגריף האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג לעכעוויטש — באַראַנאָוויטש — סלאָנים — זעלווע — וואָלקאָוויסק — ביאַליסטאָק. ביי לאַפּי און סאָקאָלקע זענען מיר אַריינגעטראָטן אין אַ קאַמף מיט די אָפטרעטנדיקע דייטשן. דאָ בין איך פאַרווונדעט געוואָרן און איבערגעשיקט געוואָרן קיין ביאַליסטאָק אין שפּיטאָל. 5 וואָכן אָפגעלעגן און דורכגעגאַנגען אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג, וועלכע האָט מיך אויסגעפונען נישט־מיליטער־פעהיק, און מען האָט מיך איבערגעשיקט אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן, 15 קילאָמעטער פון לאָמזשע. דאָרט האָב איך געאַרבעט ביי מיין פאַך — שמידעריי.

נאָך צוויי מאָנאַטן ווידער דורכגעגאַנגען אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג, וועלכע האָט מיך אינגאַנצן באַפרייט פון מיליטער און איבערגעשיקט קיין קלעצק.

דעם 15־טן דעצעמבער 1944, אין אַ גרויען ווינטער־טאָג, האָב איך ווידער דערזען מיין שטעטל. אַ שוידערלעך בילד: די שטאָט חרוב, פאַרברענט. עס זענען געבליבן בלויז אַ טייל הייזער פון סוף צעפּרער, ניעסוויזשער און סלאָבאָדער גאַס. דאָס איבריקע — רואינען. פון מאַרק — קיין זכר. אַלץ גרוי, טרויעריק, בית עולמדיק.

אַ גאָר קליינע צאָל פון די געוועזענע קלעצקער יידן זענען געבליבן אין שטאָט, אומקערנדיק זיך פון די פאַרטיזאַנער.

מען האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך צופּאַסן צום לעבן. אַנדערע האָבן פאַרנומען פאַרשידענע סאָוועטישע פּאָסטנס, אייניקע האָבן אַפילו אָנגעהויבן פירן אַ מסחר מיט די פויערים.

דאָס לעבן אָבער אויפן בית־הקברות איז געווען אומדערטרעגלעך. גייסטיק זענען מיר אַלע געווען צובראָכן. ווען עס איז געקומען די מעגלעכקייט זיך אַרויסרייסן פון דער דאָזיקער סביבה — האָבן מיר, מיט קליינע אויסנאַמען — פאַרלאָזן קלעצק.

ניסן איזראעלעוויטש / מיט די פּאַרטיזאַנער

זייער טראַגיש איז געווען דער טויט פון מיינע עלטערן. צוליב דער קראַנקהייט פון פאָטער, איז די מוטער אויך נישט אַרויס אין מאַרק. בלויז די צוויי ברידער און די שוועסטער זענען אַרויס צוזאַמען מיט אַלע יידן אויפן באַפעל זיך צו שטעלן אויפן מאַרק.

ווען דער פאָטער האָט געהערט די שיסערייען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון די קריסטלעכע מאָהילקעס, האָט אים געשראָקן דער גורל פון זיינע קינדער. ער איז אַוועק קראַנקערהייט געוויר ווערן ביי אַ שכן אַ קריסט. גייענדיק צוריק, האָט ער דערזען ווי די גויים גייען מיט גראָב־אייזנס אין די הענט. האָט ער שוין פאַרשטאַנען וואָס איז געשען. וועגן די יידן, וואָס זענען געבליבן אין דער „קאַלטער שול" האָט ער נישט געוווּסט. ער איז אַריין אין שטוב, באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און געשטאָרבן.

מיין מוטער, מיינענדיק אַז ער האָט געחלשט האָט געפּרוּווט אים ראַטעווען מיט שפּריצן וואַסער. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, איז זי אַרויסגעלאָפן אין גאַס, און גערופן צו הילף די קריסטן. אויף אירע געשרייען איז געקומען דער דייטשער קאָמענדאַנט קאָך. ער האָט איר גלייך אַוועקגעפירט צום גרוב, ווו עס זיינען שוין געלעגן די 4500 קדושים, און זי דאָרט דערשאָסן.

ביינאַכט, ווען מען האָט אַרויסגעלאָזט די יידן פון דער „קאַלטער שול", איז מיין שוועסטער אַוועק זען וואָס מאַכן די עלטערן. דאָרט האָט זי געפונען דעם פאָטער טויט און ביי אַ שכן, אַ קריסט, האָט זי זיך דערוווּסט דעם גורל פון דער מוטער.

אויף מאָרגן, פריייטיק, האָב איך מיט דער דערלויבניש פון דער מאַכט געדונגען אַ פור, און געבראַכט מיין פאָטער צו קבר ישראל אויפן בית עלמין. אונטער דעם אויפזיכט פון אַ פּאָליציאַנט געגראָבן דעם קבר און פאַרשאָטן. גלייך דערנאָך האָט דער פּאָליציאַנט מיר צוריק געבראַכט אין געטאָ.

...שבת, דעם 11טן חשון תש"ב 1942, האָט מען אַרומגעצוימט דעם געטאָ און אָנגעהויבן פירן די יידן צו דער אַרבעט. די אַרבעטס־פּלעצער זענען דאַסמאָל געווען די אומגעגנט פון דאָרף יאַנאָוויטש — בויען בריקן. ווינטער האָבן מיר גערוימט דעם שניי פון די שאָסייען. אין שטאָט האָבן מיר געאַרבעט ביי גאַוועזעס פאַבריק, ביי משה דעם אָלייניק, אין טאַרטאַק, ביי צאַלע געגדעלס אין מיל. אַנדערע זענען געווען באַשעפטיקט ביים זעגן האָלץ פאַר די דייטשן. פרויען פלעגן קערן די גאַסן.

לעבנסמיטל איז אין געטאָ געווען ווייניק. געווען שטרענג פאַרבאָטן אַריינפירן פון דרויסן. די פּאָליציי וועלכע איז געווען איינגעקוואַרטירט ביי ניצבערגן אין מויער, האָט שטרענג אָפּגעהיט און אַפילו איינגעפירט לייבשטראָף. פאַר אַריינשמוגלען אַ האַלבן קילא פּוטער, פלעגט מען באַשטראָפן מיט 25 שמיץ. אהרן ליאס האָט באַקומען 75 שמיץ פאַר אַריינפירן פּראָדוקטן. פאַר שבועות 1942 האָט די דייטשע מאַכט געפאָדערט פון קלעצקער געטאָ, אַז מען זאָל זיי געבן 11 סטאָליאַרעס אויף דרינגענדער אַרבעט אין באַראַנאָוויטש.

דער אַזוי גערופענער אַרבעטס־אַמט איז דאַן געווען ביי שקליאַרן אין מויער און דער יידן־ראַט אין „שולחן". דער פּרעזעס פון יידן־ראַט, יצחק צערקאָוויטש, האָט פאַרופן אַלע טעסלערס און סטאָליאַרעס און זיי וועגן דעם מיטגעטיילט. היות ס'איז נישט געווען זיכער צי די דייטשן מיינען עס באמת אויף אַרבעט, האָט יצחק צערקאָוויטש, דער פּרעזעס, נישט געוואָלט באַשטימען ווער ס'זאָלן זיין די 11. האָט ער פאָרגעלייגט וואַרפן אַ גורל. אין אָוונט האָט מען גערופן די 11, אויף וועלכע דער גורל איז אויסגעפאַלן, צום אַרויספאָרן. צווישן זיי אויך דער מחבר פון די שורות.

צומאָרגנס פרי זענען מיר אַלע געקומען צום טויער פון געטאָ. אַ אויטאָ האָט שוין געוואַרט אויף אונז ביים טויער. די יידן פון געטאָ זענען אויך געקומען, און מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיט אונז, ווערמענס גורל מען האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַרצווייפעלטן.

די פּאָליציי האָט צעטריבן דעם עולם אין די הייזער. צערקאָוויטש האָט אונז געמוטיקט און צוגעזאָגט, אַז אין 6 וואָכן אַרום וועלן מיר ווידער זיין אין קלעצק...

דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן און אונדז געבראַכט קיין באַראַנאָוויטש. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט ביי בויען הייזער, און געטראָפן דאָרט יידן פאַרשיקט אויף אַרבעט פון די אַרומיקע שטעטלעך: לעכעוויטש, סטויפּץ, סלאָנים און נאָוואָמוש.

ח' אב 1942, האָבן מיר, די 11 קלעצקער אין באַראַנאָוויטשער געטאָ, באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז קלעצקער געטאָ עקזיסטירט שוין נישט. אַ יידישער שאָפער, וועלכער איז אין דייטשן דינסט געפאָרן פון באַראַנאָוויטש קיין קלעצק, האָט שוין נישט געקענט אַריינפאָרן אין קלעצק. די גאַסן זענען געווען פול מיט טויטע און דער געטאָ האָט געברענט.

אַ חודש שפּעטער זענען געקומען אין באַראַנאָוויטשער געטאָ די געראַטעוועטע פון קלעצק: גרשון ליסער, שימשל בירג מיט דער טאָכטער, יצחק באַנשטשיק, יעקב געלער און זיי האָבן דער־ציילט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען... ביינאַכט האָט מען אַרומגערינגלט דעם געטאָ, און פאַרטאָג האָט מען שוין צו די דראָטן קיינעם נישט צו־געלאָזט. די יידן האָבן פאַרשטאַנען אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, האָט יעדער איינער געצונדן די אייגענע הויז און אין רויך געשניטן די דראָטן און זיך געלאָזט לויפן פון געטאָ. גרשון ליסערס זון איז אויך געלאָפן מיטן פאָטער צוזאַמען, אָבער איז דערשאָסן געוואָרן לויפנדיק, און גרשון ליסער פאַרוווּנדעט אין פוס האָט זיך מיט מאַטערניש דערשלאָגן צום באַראַנאָוויטשער געטאָ.

ווען די מערדער האָבן שוין ליקווידירט די קלענערע שטעטלעך, האָבן זיי זיך גענומען צו באַראַנאָוויטש. 600 מאַן האָט מען שוין אַוועקגעפירט פון באַראַנאָוויטשער געטאָ אין קאַלדיטשעווער לאַגער, און פון דאָרט האָבן זיי זיך שוין נישט צוריקגעקערט.

גלייך נאָך יום כפור תש"ג, 1942, דינסטיק, האָט מען ווידער אָנ־געהויבן פירן מאַסנווייז אין קאַלדיטשעווע. האָבן מיר, 8 קלעצקער, זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער אונטער אַ פּאָדלאָגע, אין דעם הויז ווו מיר האָבן געוווינט (אַרלע 93), און איבערגעזעסן גאַנצע 5 טעג נאָך דער דאַמאָלסדיקער צווייטער שחיטה אין באַראַנאָוויטש. קיין וואַסער האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער בלוט האָט זיך אויך אויף אונז געגאָסן בשפע. איבער אונז אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן דערשאָסענע, האָט עס פון זיי גערונען אויף אונז זייער בלוט...

שבת, אויפן 5־טן טאָג, נאָך דער שחיטה, צוימט מען ווידער דעם באַראַנאָוויטשער געטאָ. מ'האָט שוין אויסגעשאָכטן עטלעכע טויזנט יידן, קען מען דעם געטאָ פאַרקלענערן. ס'גייט אָבער נישט פאַרביי קיין גאַנצע וואָך, און אין באַראַנאָוויטש קומט פאָר אַ דריטע שחיטה, דאָס מאָל אויף קינדער.

מיר, די גרופּע קלעצקער, האָבן ביז איצט זיך ווי עס איז אַרויסגעראַטעוועט. אָבער די לאַגע איז פאַר אונז געווען אַ גאַנץ קלאָרע. האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן אַ וועג, ווי זיך אַרויסרייסן פון באַראַנאָוויטשער געטאָ. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אונז

געלונגען צו באַקומען געווער: 5 ביקסן און גראַנאַטן.

מיר האָבן אונטערגעקויפט אַ ווייסרוסישן פּאָליציאַנט, און ביינאַכט האָבן מיר מיט די ביקסן אונטער די מאַנטלען, אָנגעהויבן זיך אַרויסגנבנען פון געטאָ. צווישן די קלעצקער זענען געווען וועלע גרין, אייזיק טשאַרנאַגובאָווסקי, יצחק באַנשטשיק, אהרן ליאַס, יעקב העלער, לייזער שוסטער, הירשל אוושעראָווסקי פון צוצעוויטש.

אויסער דעם — דוד עליאָוויטש, שלמה שווירזאַנסקי מיטן זון פון האַראַדישץ און נאָך 13 באַראַנאָוויטשער יידן. אָבער ווען ס׳איז געקומען די ריי פון מיר און נאָך 3 באַראַנאָוויטשער, האָט דער פּאָליציאַנט פּלוצלונג חרטה געקראָגן און מער נישט געלאָזן. אויף מאָרגן האָבן באַראַנאָוויטשער אויך אונטערגעקויפט דעם פּאָליציאַנט. אָבער דאָסמאָל האָט דער פּאָליציאַנט פאַרראַטן. אַנדערע פּאָליציאַנטן האָבן אָפּגעוואַרט די אַרויסגייענדיקע און געעפנט אַ שיסעריי. אַ טייל איז געפאַלן, און די איבעריקע האָבן זיך געראַטעוועט דורך צוריקלויפן אין געטאָ. ביי די געפאַלענע האָט מען געפונען געווער.

אַ צייט שפּעטער. אַז מהאָט דעם באַראַנאָוויטשער געטאָ געענצלעך ליקווידירט, זענען צווישן די 180 לעצטע געראַטעוועטע יידן אויך געווען 3 קלעצקער: גדליה פיש, בערל חן און איך.

מ׳האָט אונז אַלעמען אַרומגעצוימט אין אַ לאַגער, און גענומען צו דער אַרבעט. דאָרט זענען מיר אָפּגעווען 9 חדשים.

אין מאַי 1943, ווען מיר האָבן געאַרבעט אויף אַ פּלאַץ האָבן מיר אויסגענוצט אַ גינסטיקן מאָמענט, אַראָפּגעריסן פון זיך די געלע לאַטע, פאַרבייגעלאָפן די דייטשן און זיך אַוועקגעלאָזן לויפן. ביז נאַכט זענען מיר איבערגעלעגן אין קאָרן. ביי נאַכט זענען מיר אַריין אין דאָרף דובאָווע. אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער ביי אַ פּויער, און געפרעגט דעם וועג צום וואַלד, דער פּויער האָט אונז געגעבן אַ האַלבן לעבל ברויט. מיר זענען אַוועק, דורכגעגאַנגען די באַן־ליניע, דאַכעווער בריק און די דערפער: מאַסטילאָוויטש, דראַבאָווששיזנע, וואַראַנין, אַסטראָוויטש, מאַריץ, קאַלק, ראַזשן, און אין דאָרף כוואַראסטאָוו זיך געטראָפן מיט די ערשטע פּאַרטיזאַנער.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אָבער אַנטזאָגט אונז צונעמען צו זיך, מורא האָבנדיק מיט זאָלן נישט זיין קיין שפּיאָנען.

מיר זענען אַוועק אַרבעטן צו די אַרומיקע דאָרפישע פּויערים.

איך בין דאַן קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. מיט שוואַרץ ברויט און קאַרטאָפל איבערגעקומען די שווערע קראַנקהייט. דערנאָך האָט זיך אין יענער געגנט באַוויזן דער באַרימטער פּאַרטיזאַנען העלד פון ראַטנפאַרבאַנד גענעראַל־מאַיאָר סידאָר קאָלפּאַק מיט זיין באַרימטער דיוויזיע, וועלכע איז געווער אַ רעגולערע פּאַרטיזאַנען אַרמיי, און פלעגט באַקומען באַפעלן דירעקט פון מאָסקווע. אין אירע רייען זענען געווען אַ סך יידן, וועלכע האָבן זיך דורך איר אַרויסגעראַטעוועט.

די דאָזיקע דיוויזיע האָט אויך איינגעגלידערט אונזערע קלעצקער אין אירע רייען, און אַזוי אַרום געגעבן די מעגלעכקייט נקמה נעמען.

*

איינציקע פּרטים וועגן אונזערע פּאַרטיזאַנישע נקמה־טאַטן:

דעם ערשטן צוזאַמענשטויס האָבן מיר געהאַט ביים דאָרף אַסטראָוועטשע, דעם צווייטן ביי דעניסקאָוויטש. מיר פלעגן באַפאַלן און צעשיסן דייטשן, ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן און אויך נישט שאַנעווען די יעניקע פון דער ציווילער באַפעלקערונג, אויף וועלכע ס׳איז געפאַלן אַ חשד, אַז זיי גיבן אַרויס די ערטער פון די פּאַרטיזאַנער. זיגרייכע קאַמפן געדענק איך, זענען פאָרגעקומען אויפן שאָסיי נעבן סיניאַוקע, וווּ מ׳האָט אַראָפּגעשאָסן 20 אויטאָס מיט גרויסע דייטשע פאַרלוסטן און אַפילו געכאַפּט אַ לעבעדיקן דייטש. אַראָפּגעלאָזן אַ צוג ביי יאַזעוויטש. געקעמפט ביי די שטעט מיר, גראָדנע, סלאָנים, לידע, נאָוואָגרודעק און באַראַנאָוויטש.

ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען אין איר שנעלן אָנגריף די דאָזיקע ווייסרוסישע געגנט, האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער אַוועקגעטאָן צו דרום, קיין אוקראַינע. דאָרט האָבן מיר זיך געשלאָגן מיט די רעאַקציאָנערע אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער, די אַזוי גערופענע „באַנדעראָווצעס", וועלכע האָבן פריער פאַרראַטן די סאָוויעטן מאַכט, מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און פאַרניכטעט די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג. דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די דאָזיקע אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן ספּעציעל מורא געהאַט פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן געהאַט מיט זיי אַ דאָפּלטן חשבון. פלעגן זיי טאַקע איידער אַריינפאַלן צו יידן בעסער זיך נעמען דאָס לעבן, ווייל ביי יידן האָט זיי דערוואַרט עפּעס ערגערס ווי אַ שנעלער טויט.

ישעיהו קאשעצקי / אזוי איז עס געשען...

א

דאָנערשטיק דעם 25טן יוני 1941, אין די פאַרמיטאָג שעהן, האָט זיך אונדזער גאַנצע פאַמיליע צענויפגעקליבן ביי אונדז אין הויז. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז די היטלער־חיילות האָבן אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט. מיט שרעק האָבן מיר געוואַרט אויף די צוקונפטיקע געשעענישן.

עס עפנט זיך די טיר. צוויי דייטשע זעלנער גייען אַריין און פאָדערן אַ מענש אויף אַרבעט. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף מיר. אַרויסגייענדיק פון הויז האָב איך געזען אַ גרופּע פון קרוב 60 יידן. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן זיי, און אונטער דער וואַך פון די זעלנער זענען מיר אָפּגעפירט געוואָרן צו די געוועזענע פּוילישע קאַזאַרמעס. מען האָט אונדז באַפוילן אָפּרוימען די מיסט פון די פערד־שטאַלן. גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף אונז קלעפּ פון גומי־שטעקנס. מיר האָבן געאַרבעט טיכטיקער און פלייסיקער, פאַרשטייענדיק מיט וואָס דאָס שמעקט.

דערנאָך האָט מען געבראַכט ליידיקע פעסלעך, און מען האָט אונז איינגעשפּאַנט אין זיי ווי פערד. מיר האָבן געדאַרפט אָנפילן זיי מיט וואַסער פון חיים חאַראַזעס ברונעם — אַ מהלך פון דריי קילאָמעטער און ברענגען זיי צוריק אין די קאַזאַרמעס. יידן האָבן אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון די פענצטער און באַדויערט אונדזער לאַגע. מיר האָבן אַזוי געאַרבעט ביז פאַרנאַכט. טויט־מידע, צעשלאָגענע און הונגעריקע, האָבן מיר זיך אין אָוונט צוריקגעקערט אין אונדזערע היימען.

פרייטיק פרי האָבן זיך געצויגן פון מאַרק צו ניעסווישער וועג רייען מיליטער — פוסגייער, קאַוואַלעריע און אַרטילעריע. צוויי מאָטאָציקליסטן זענען אַריין צו אונדז אין שטוב און געפאָדערט

געשיר. אונדזערע אַ שכנה, אַ קריסטין, איז גלייך צוגעלאָפן צו זיי און אויסגערופן: — „דאָ זענען רייכע יידן. נעמט וואָס איר קענט". די נאַציס האָבן זיך נישט געניטיקט אין דער דערמונטערונג, גלייך האָבן זיי אָנגעהויבן רויבן וואָס זיי איז געפעלן געוואָרן.

אין אייניקע טעג אַרום, האָבן דייטשע זעלנער געבראַכט פערד אויף דער לאָנקע נעבן אונדזער הויז, און באַפוילן אַ גרופּע יידן זיי היטן און פיטערן. מיך האָבן זיי באַשטימט אַלס אויפזעער. פיטערנדיק די פערד האָב איך באַמערקט צווי דייטשע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז.

זיי פרעגן: ווער איז דאָ דער אויפזעער? איך מעלדע זיך:
— „דו פאַרפלוכטער הונט — שרייט אויס איינער פון זיי — וואָרום גיסט דו זיי ניט קיין קלוי? (ס׳הייסט קאָניושינע).

איך האָב פשוט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. האָט ער מיר שטאַרק צעשלאָגן מיט זיין גומי־שטעקן. דאַן האָט אַ דייטשער זעלנער מיר באַוויזן, וואָס דער אָפיציר איז אויסן. מיר זענען גלייך שנעל געלאָפן און געבראַכט קאָניושינע פאַר די פערד.

— „אָט דאָס מיינען מיר פאַרפלוכטע יידן"...

שבת פרי קלאַפּט אַ דייטש אין טיר. מיין אַלטע מוטער, איינע אַליין אין הויז, עפנט אים די טיר.

— ווו זענען די זין? — שרייט ער — איך ברויך גלייך אַ פערד און וואָגן.

מיין מוטער דערקלערט אים, אַז אַזעלכעס פאַרמאָגן מיר נישט. אומגעריכטערהייט קומט אָן מיין יינגערער ברודער. דער דייטש וואַרפט זיך אויף אים און שלאָגט אים מכות רצח. איך בין אַרויס־געלאָפן דורך אַ הינטער־טיר בעטן הילף.

מערסטנטייל פלעגן מיר זיצן פאַרשלאָסן אין אונדזערע הייזער, אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע. מיר האָבן אָבער געוווּסט און געפילט דעם טעראָר און פּאַניק. אונדזערע שכנים, די ווייסרוסן, האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן זייער אַנטיסעמיטישן פּרצוף, און זיך איינקויפן יחוס ביי די היטלעריסטן. עס הויבט זיך אָן אַ סדרה שפּיאָנאַזש און מסירה אויף יידן. אונדזערער אַ שכן, קאַליע זאַדאַלין, האָט געמסרט, אַז מיר האָבן אַ ראַדיאָ און הערן זיך צו צו די באָלשעוויסטישע סטאַנציעס.

אונדזער גאַנצע פאַמיליע ווערט אַרעסטירט. מיר מיינען, אַז אונדזער גורל איז געח׳תמעט. אָבער די נאַציס זענען פאַראינטערעסירט אין עפּעס אַנדערש. זיי פאָדערן פון אונדז גאָלד אַלס אויסקויף. דער געוועזענער יידישער וויצע־בירגערמייסטער ליסער דערשיינט אין אונדזער קאַמער — לויטן אויפטראָג פון דער פּאָליציי — און ראָט אונדז, אַז מיר זאָלן גלייך באַצאָלן. מיר דערקלערן אים קאַטעגאָריש, אַז מיר פאַרמאָגן נישט קיין גאָלד. עס איז געבליבן איין וועג פון רעטונג: ווירקן אויף זאַדאַלינען, ער זאָל צוריקציען זיין באַשולדיקונג. דורך פאַרשידענע מיטלען האָבן מיר דאָס דערגרייכט. די דייטשע ציוויל־פּאָליציי איז אין די ערשטע טעג נישט געווען אַזוי גרויזאַם ווי שפּעטער. מען האָט אונז באַפרייט.

ב.

איינמאָל אַ פרייטיק פרי בין איך אַרויס פון מיין הויז מיט מיינע צווי קינדער. איך האָב געטראָגן מילך פאַר מיין שוויגער. ווי נאָר איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל פון מיין הויז, האָב איך דערהערט אין גאַס געשרייען און געוואַלדן פון יידן: מען שלאָגט, מען הרג׳עט. האָב איך זיך גלייך שנעל אומגעקערט און דורכן „וואָל" זיך געלאָזט לויפן הינטערן שטאָט.

איך בין פאַרלאָפן אַזש קיין האַרבוזאָווטשינע, אַ דאָרף דריי קילאָמעטער פון קלעצק, און אַריין צו אַ באַקאַנטן קריסט אין הויז. זיין פרוי האָט מיך אָנגעקוקט מיט שרעק. זי פרעגט מיר: — וואָס איז געשען? וואָס האַלט איך אין האַנט? (איך האָב זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז איך האָב אַפילו נישט געפילט, אַז איך טראָג דעם טאָפּ מילך אין האַנט...). איך האָב איר דערציילט וועגן די געשעענישן, און געבעטן זי זאָל צוגיין אין שטאָט, זיך דערוויסן וואָס איז געשען. די פרוי האָט דערפילט מיין ביטע. אומקערנדיק זיך פון שטאָט האָט זי מיר איבערגעגעבן, אַז ביי אונדז אין הויז איז אַלץ אין אָרדנונג, אָבער אין שטאָט זענען געפאַלן יידישע קרבנות. אָפּוואַרטנדיק עטלעכע שעה האָב איך באַשלאָסן זיך צוריקקערן אַהיים. אויף די גאַסן האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עטלעכע יידישע בחורים זענען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין קאָרן, אויס מורא פאַר די פּלוצעם אָנגעקומענע ס.ס. לייט. די לעצטע האָבן זיי אויסגעפונען (דורך אַ מסירה?) אין דער געגנט פון קראַסנאָסטאַוו, געבראַכט אין מיטן מאַרק און דאָ זיי דערשאָסן. צווישן די אומגעבראַכטע: זאַוול פּייבערג (פּייוול פיינבערג, דעם תבואה סוחר׳ס, אַ זון) וועלוול פּיק, קעסלער (דער געלער בעקערקעס אַ אייניקל), האָדעס דער קצבטעס אַ זון, אַ ישיבה בחור.

אויף צווי עגלות האָט מען זיי געבראַכט אויפן בית־עולם און דאָרט מקבר געווען.

אויסער זיי איז אין יענע טעג אומגעבראַכט געוואָרן אַ יידישער בחור, יאַשקע פּאַלעיעווס אַ אייניקל, וועלכער איז געווען אַ קאָמסאָמאָליעץ. דער אויסוואורף און דעגענעראַט נוימאַן האָט אים געבראַכט אויפן בית עולם, געצוואונגען אויסגראָבן אַ גרוב, דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין גרוב.

דאָס איז געווען דער פּרעליוד צו שפּעטערדיקע מאַסן הריגות און רציחות, וואָס איז אויסן געווען אָנוואַרפן אַ טויט־שרעק אויף דער באַפעלקערונג.

דער גרעסטער פּלאָג אין יענע טעג איז געווען די יאָגד אויף יידן צו אַרבעט. דאָס איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט טעראָר, באַגלייט מיט קלעפּ און בלוט פאַרגיסונג. האָט מען זיך געוואָנדעט צו די דייטשע מאַכט־האָבער מיט אַ פאָרשלאָג, אַז די יידן אַליין זאָלן צושטעלן יעדן טאָג דעם קאָנטיגענט אַרבעטער. די דייטשן האָבן מסכים געווען. דאַן האָט זיך געגרינדעט אַ מין קאָמיטעט (דער קערן פון שפּעטערדיקן „יודן־ראַט") אין וועלכן עס זענען אַריין אייניקע כלל־טוער, ווי ליסער, אייזיק קאַצעוו, ליפּע מישעלעווסקי און אַנד. כדי צו פאַרשטאַרקן דעם אויטאָריטעט פון קאָמיטעט האָט מען אַריינגענומען אייניקע רבנים. ביסלעכווייז זענען זיינע פונקציעס פאַרברייטערט געוואָרן אויך אויף אַנדערע געביטן, און דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן שפּילן די ראָל פון אַ אַדמיניסטראַטיוון אָרגאַן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קלעצק.

ג

... מיר גייען צו דער אַרבעט אויפן שאָסיי — אַ גרופּע יידן מיט לאָפּעטעס אויף די פּלייצעס. אויפן וועג באַגעגענען מיר צווי דייטשע זשאַנדאַרמען. מיר באַגריסן זיי דורך אַראָפּנעמען די היטלען. די זשאַנדאַרמען מיט די גראָבע לולקעס אין די מיילער גייען צו צו אונדז און פרעגן: — ווער האָט אייך, פאַרפלוכטע יידן, דערלויבט אונדז באַגריסן? עס פאַלט דער געוויינלעכער ענטפער: — יאָ, וואָל, זי האָבן רעכט... אַ האָגל פון קלעפּ פאַלט אויף אונדז. מען שלאָגט אונדז אכזריותדיק מיט די גומי־שטעקנס, טייכן בלוט גיסן זיך פון אונדז...

דעם זעלבן טאָג, צוריקקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ ווייסרוסישן פּאָליציאַנט און צווי אַנדערע דייטשע זשאַנדאַרמען. נאָך דער פריערדיקער לעקציע גריסן מיר שוין נישט, שטילשווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, ווילן מיר זיי אויסמיידן.

אָבער זיי שטעלן אונז אָפּ מיט אַ צאָרנדיק געשריי: — „פאַרפלוכטע ייִדן, וואַרום גריסט איר אונז נישט?" מיר ווערן ווידער מערדערלעך געשלאָגן. האַלב־טויטע זענען מיר אָנגעקומען אין אונזערע הייזער.

צען טעג פאַר ראש השנה איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די ייִדן מוזן פאַנאַנדערנעמען די קראָמען אויפן מאַרק. לויט דער רעגולירונג פון דעם פּראָוויזאָרישן „יודן־ראַט", האָט אַן אָפּטיילונג פון 74 מאַן זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט. יעדן טאָג פלעגט די אָפּטיילונג אַרויסמאַרשירן פון דער בקור־חולים געביידע, ווו עס האָט אַמטירט דער ראַט, צום מאַרק. די צוויי תּליינים קאָך און זיין געהילף נוימאַן, פלעגן זייער אָפט באַגלייטן די אַרבעטער און שלאָגן זיי אויפן וועג און ביי דער אַרבעט, אַז עס איז פּשוט אומעגלעך געווען צו שטיין אויף די פיס. זיי איז כּלל נישט אָנגעגאַנגען די אַרבעט, ווי די סאַדיסטישע הנאה פון די יסורים פון די צעשלאָגענע ייִדן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך ווענדן צום „יודן־ראַט", ער זאָל דעלעגירן איינעם פון זיינע טוער און זיך דוכרעדן מיטן רוצח, פאַרלייגן אים אַ מתּנה — אַ גאָלדענעם זייגער. ליפּע מישעלעווסקי האָט דעם ענין דורכגעפירט. נוימאַן האָט צוגענומען דעם זייגער, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אַלץ איבערגעחזרט ווי פריער, און נאָך מער. די אַרבעט ביי פונאַנדערנעמען די קראָמען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלוט־באָד פאַר די אַרבעטער.

> ערב יום כּפּור זענען די רבנים געגאַנגען פון הויז צו הויז און אויפגעפאָדערט די ייִדן, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו זיין אָפּוועזנט פון די אַרבעטן.

מיר האָבן אַלע געפאַסט און דעם גאַנצן טאָג ביז נאַכט געאַרבעט אין די קאָשאַרן. מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פערד, און איינגעשפּאַנט צו די וואָגנס געשלעפּט די מיסט פון די שטאַלן...

ד

עס איז אָנגעקומען דער טראַגישער פרייטיק. אין דער פרי זענען דורכגעגאַנגען איבער די גאַסן ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן מיט דייטשע זשאַנדאַרמען, און דורכגעפירט אַרעסטן לויט אַ גענויער רשימה. צווישן אַנדערע זענען דאַן אַרעסטירט געוואָרן: 1) חיים טאַראבור. 2) יאַשקע געלער. 3) משה פלסקאָוויצקי. 4) שמואל מאַיראָוויטש, 5) אליע מאַניער, 6) הירשל שקליאַר, 7) וועלוול און אסתּר קורנאַס, 8) טשירע קאַפּצאָור־פינקעל, 9) איטשע פיש זון, 10) בענטשע פיש, 11) אַברעמל העלערס אַ טאָכטער, 12) שלום ראַבינאָוויטש, 13) באַבע אַלטשולער, 14) איטשקע פעדער׳ס אינגסטער זון און אַנדערע.

פאַרנאַכט האָב איך זיי געזען, ווען מען האָט זיי געפירט אין אַ לאַסט־אויטאָ פאַרביי אונדזער הויז צו די זאַמד־גריבער נעבן קאַטוילישן בית־הקברות, באַמערקנדיק מיך, האָבן זיי מיט האַנט־באַוועגונגען זיך געזעגנט מיט מיר. מיר האָבן אויך באַמערקט דעם אויטאָ, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אָנגעלאָדן מיט די מלבושים פון די דערשאָסענע. אין אויטאָ זענען געשטאַנען מיט פאַרוויינטע אויגן ייִדן, קברנים, וועלכע האָבן זיי פאַרשאָטן מיט זאַמד אין די גרעבער.

צווישן פיל גרויל־טאַטן און רציחות איז איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון פאָלגנדע פאַסירונג — דער מאָרד פון דער פרוי ליבע ל ע ו ו) איטשע רוווע דעם שמיד׳ס אייניקל פון סלאָנימער גאַס. זי איז צופעליק אַרויס פון שטוב אין גאַס, פאַרגעסנדיק אַז אויף איר מאַנטל איז נישט צוגענייט די געלע לאַטע. אויף איר אומגליק איז אין דער מינוט אָנגעשפּרונגען דער קאָמענדאַנט קאָך, גענומען זי גלייך שלאָגן און אָפּגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע. פונדאַנען האָט נוימאַן זי געפירט צו די זאַמד־גריבער. אַן פונאַנדערגעשפּיליעטע, מיט צעשויבערטע האָר, מיט טויט־שרעק אין די אויגן, האָט זי קוים געשלעפּט אירע פיס. נעבן אונדזער הויז האָב איך געהערט אירע געוויינען און געשרייען: — ישעיה, וווּהין פירט מען מיך? זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. קריסטן, נאָענטע איינוווינער פון די גריבער, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז ביים גרוב האָט זי זיך געראַנגלט מיטן תּלין ביז ער האָט זי מיט כּוח אַריינגעוואָרפן אין גרוב — און דערשאָסן.

ה.

מיטוואָך, דעם אַכטן חשון תש״ב פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, איז אַריין אין הויז דער „עלטסטער" פון אונדזער גאַס, אַ ווייסרוס, און איבערגעגעבן דעם באַפעל, אַז מאָרגן דאָנערשטיק 7 פרי, מוזן מיר — די גאַנצע פאַמיליע אָן אויסנאַם — זיך צענויפזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. אונדזערע שכנים האָבן זיך צענויפגעקליבן ביי אונדז אין הויז אויף אַ באַראַטונג, ווי אַזוי צו האַנדלען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַקומענער גזירה.

עס האָבן זיך געהערט געוויינען פון אונדזערע פרויען און קינדער. מיר האָבן געפילט, אַז דער טויט הענגט איבער אונדזערע קעפּ.

איך האָב באַשלאָסן נישט גיין אויפן מאַרק. און צוזאַמען מיט מיין פרוי און צוויי ייִנגלעך אַנטלויפן וווּהין די אויגן וועלן אונדז טראָגן. אָבער אין די לעצטע מינוטן האָט מיין פרוי זיך אַנטזאָגט מיטצוגיין.

אין אָוונט האָב איך גענומען ביידע קינדער און זיך געלאָזט גיין. אין גאַס זענען שוין געווען פונאַנדערגעשטעלט ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן־פּאַטרולען; איינער פון זיי פאַרהאַלט מיך און פרעגט וווּהין איך גיי.

אויף מיין ענטפער, אַז איך וויל באַזוכן אַ נאָענטן שכן, האָט ער אויסגעשריען: — „צוריק! איצט איז שוין געקומען אייער סוף!" איך האָב זיך צוריקגעקערט און דורך זייטיקע הינטערגעסלאַך זיך דערשלאָגן הינטערן שטאָט. נעבן אַ פאַרוואָרפענעם שייער, ביי אַ לאָנקע, האָב איך אַוועקגעלייגט מיינע צוויי זין, און זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב ווירקן אויף די איבעריקע, אַז זיי זאָלן נאָכטאָן מיין ביישפּיל.

אַ יללה האָט זיך געהערט אין הויז. מיין אַלטע מוטער האָט געזאָגט תּהלים. איך האָב זיך געבעטן ביי זיי רחמים, זיי זאָלן אַלע נאָכגיין נאָך מיר און צום ווייניקסטן איבערוואַרטן ביז מאָרגן הינטערן שטאָט. עס האָט נישט געהאָלפן. זיי ווי אַ סך אַנדערע, ייִדן, זענען פאַרפירט געוואָרן פון די קלאַנגען, ספּעציעל אַרויסגעלאָזענע דורך די דייטשן, אַז עס וועט געשאַפן ווערן אַ געטאָ פאַר די ייִדן אין די געביידעס פון די קאַזאַרמעס. מיט וויינענדיקע אויגן און אַ צובראָכן האַרץ האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין פרוי, טאָכטער און מוטער.

צוקומענדיק צום שייער, האָב איך געטראָפן מיינע קינדער שלאָפנדיקע אויפן ווייכן גראָז. איך האָב זיי אויפגעוועקט, געבעטן זיך אויפירן רויק און שטיל, נישט וויינען, נישט רעדן הויך אויפן קול. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין ביז צום דאָרף וואָלקאָווישטשינע, און אָנגעטראָפן אויף אַן אָפענעם שייער. מיר זענען אַריין אינווייניק, און זיך געלייגט שלאָפן אויף אַ סטאָג פון היי. פאַרטאָג איז אָנגעקומען דער קריסט. אַריינגייענדיק אין שייער און דערזעענדיק די אורחים, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז צוריקגעלאָפן פאַרמאַכנדיק האַסטיק דעם טויער. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך אים געבעטן, ער זאָל רחמנות האָבן און אונדז דערלויבן איין טאָג זיך אויסבאַהאַלטן אויף אונזער אָרט. ער האָט קוים מסכּים געווען.

דאָ האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן די שיסערייען פון פּולעמיאָטן פון דער זייט פון קלעצק. איך האָב זיך גלייך פאָרגעשטעלט דעם גרויסן אומגליק. אַ דערשראָקענער דערשיינט דער פויער, און פאָדערט קאַטעגאָריש איך זאָל פאַרלאָזן דעם שייער. נאָכמיטאָג האָב

איך גענומען די קינדער און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צו לוקאווצער וואַלד. איך קלאַפּ אָן אין טיר פון אַ באַקאַנטן קריסט אין אַ כוטאָר.

דער פויער עפנט די טיר. דערזעענדיק מיך האָט ער אָנגעהויבן שרייען: — הונט, ווי קומסטו אַהער? און גלייך זיך געווענדעט צו זיין זון, ער זאָל פאָרן אין שטאָט און מעלדן אין דער קאָמענדאַטור וועגן מיין אויפהאַלטן זיך אין וואַלד. מיט געוויין און תחנונים האָב איך קוים ביי אים געפועלט, ער זאָל מיך לאָזן פריי אַנטלויפן און נישט מעלדן אין דער קאָמענדאַטור. איך האָב זיך געלאָזט לויפן צוריק אין וואַלד. פּלוצים שפּיר איך, אַז עמיצער יאָגט מיך נאָך. איך פאַרגרעסער די שנעלקייט, אָבער יענער יאָגט מיך נאָך. האָב איך ריזיקירט און זיך אָפּגעשטעלט — צו מיין גרויסער איבעראַשונג דערשיינט פאַר מיר שלמה מישעלעווסקי.

ער ברעכט אויס אין אַ געוויין, פאַלט מיר אויפן האַלדז: — ישעיה, דאָס ביסטו? וואָס הערט זיך?

איך האָב אים קוים באַרויקט. אין לוקאווצער וואַלד זענען מיר געזעסן צוזאַמען ביז פרייטיק פרי. דריי אַזייגער פאַרטאָג האָבן מיר באַשלאָסן זיך צוריקקערן אַהיים — קיין אַנדער ברירה האָבן מיר נישט געהאַט. איך בין געגאַנגען דער ערשטער, נאָך מיר אויף אַ מרחק פון אַ 100 מעטער האָט געשפּרייזט מישעלעווסקי מיט די קינדער. איבערלאַזנדיק זיי נעבן דעם „וואַל", האָב איך זיך דער־נענטערט צו מיין הויז. איך טרעף אַ באַקאַנטע שכנה, אַ קריסטין. אויף מיין בקשה, זי זאָל מיר דערציילן וועגן גורל פון מיין פאַמיליע, האָט זי מיט כעס געענטפערט: — גיי אַוועק — איך וויל מיט דיר נישט ריידן! אַ פאַרביטערטער האָב איך זיך צוריקגעקערט צום „וואַל", און דורך וואַלינער געסל האָבן מיר געפּרוּווט זיך אַריינכאַפּן אין דער „קאַלטער שול", וווּ לויט די באַקאַנטע ידיעות, זענען פאַר־שלאָסן געוואָרן די לעבן־איבערגעבליבענע יידן. אָבער שוין נאָענט צום ציל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי ווייסרוסישע־פּאָליצי־אַנטן וועלכע האָבן אונדז אָנגעהויבן שלאָגן און אַלעמען אַרעסטירט.

אין אַרעסט פון דער קאָמענדאַטור האָבן מיר געטראָפן די פרוי פון משה פלאָסקאָוויצקי (אומגעקומען צווישן די 35, מיט אירע צוויי קינדער), דעם סטאָלער ישראל קאַפּוסטע מיט דער פרוי, צוויי קינדער און זיין שוועסטער פייגל. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט מען געבראַכט דעם קברן גימפּעל רייף מיט זיינע דריי זין. דער דאַזיקער הויכער בעל גוף, האָט כליפּענדיק באַמערקט: — „איצט, בין איך שוין אויס קברן. איך ווייס נישט ווער וועט מיך באַגראָבן". דערנאָך איז געבראַכט געוואָרן ר' אליהו דוד ליאַס, מיט אַ גרויסן תהלים אין האַנט. דער ייד האָט געשמט אין שטאָט אַלס אַ צדיק, גענומען אויף זיך סגופים, אין די שבתים נישט גערעדט נאָר געלערנט און געזאָגט תהלים. ווייטער איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ אַלטער ייד, אַ פּליט פון פוילן. דאָ איז ער אומגעקומען פון די קלעפּ.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געבראַכט געוואָרן יצחק צערקאָוויטש מיט דער פאַמיליע, זיינע עלטערן, שוועסטער און שוואָגער. איינער אַ אַרעסטירטער, אַ יינגער בחור, אַ פּליט פון פוילן איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז ווען דער קאָמענדאַנט קאָך האָט אים אַ פרעג געטאָן: — פונוואַנען ביסטו געקומען? האָט ער געענטפערט: פון ענ־קאַ־ווע־דע"... פאַר אונזערע אויגן האָט אים קאָך אַריינ־געשאָסן אַ קויל אין קאָפּ.

שבת פרי האָט מען אַרויסגענומען גימפּעלען מיט זיינע קינדער. אין אַ האַלבע שעה אַרום, האָט מען אין טורמע אַריינגעוואָרפן זייערע זאַכן — קענטיק, מיטן ציל אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף די איבריקע. דאָס זעלבע איז געשען מיט ישראל קאַפּוסטע און זיין פאַמיליע, און דערנאָך ר' אלי דוד ליאַס.

חיים נח צערקאָוויטש מיט זיין פרוי, וועלכע זענען אויך אָפּגעפירט געוואָרן האָבן זיך אומגעקערט צוריק. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע פאַרבאַהאַלטענע געלט און גאָלד, און דורך דעם זיך פאַר־לויפיק אויסגעקויפט פון טויט.

פאַרנאַכט איז דערשינען קאָך. אויף זיין פראַגע וועגן אונזער צאָל, האָבן מיר געענטפערט: זעכציק מאַן. — „מאָרגן גייט איר אַלע קאַפּוט" — האָט ער אַ ברום געטאָן.

זונטיק פאַרנאַכט דערשיינען ווידער קאָך מיט זיין געהילף און פירן דורך אַ סעלעקציע. צוואַנציק מאַן ווערן באַשטימט צום טויט, צווישן זיי מיין יינגערער זון. — „טאַטע איך וויל לעבן" — האָט ער אויסגעשריען, און אויסנוצנדיק אַ געוויסן מאָמענט, האָט ער אויף אַ ווונדערבאַרן אופן זיך אַרויסגעדרייט פון די פאַרמשפּטע, זיך אַוועק־געלייגט בליץ שנעל נעבן מיר, און איך האָב אים צוגעדעקט מיט אַ מאַנטל. די צוואַנציק זענען אָפּגעפירט געוואָרן, און אין 15 מינוט אַרום זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן זייערע מלבושים. נאָכדעם זענען אַרויסגעפירט געוואָרן ווידער צוואַנציק טויט־פאַרמישפּטע — פרויען און קינדער.

צום סוף פון די שחיטות דערשיינט ווידער קאָך אין טורמע, גייט צו צו מיר און הויבט מיך אָן שלאָגן. גאַנץ צופעליק איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, און איך גיב אַ זאָג: — „איך בין אַ טישלער".

— „זאָלסט אַרבעטן פלייסיק וועסטו לעבן בלייבן" — האָט ער אויסגעשריען.

מיר זענען געבליבן 20 מאַן.

יענקל קראַוועץ האָט אין דער לעצטער נאַכט זיך אויפ־געהאַנגען אויף אַ האַנטוך אין אַרעסט־הויז. ר' אלי דוד איז אויך אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט. רירנדיק און שווייגנדיק האָט ער זיך מיט אונדז געזעגנט.

די נאַכט פון שבת אויף זונטיק האָבן מיר דורכגעלעבט אין פאַרשידענע השערות וועגן אונדזער גורל. לויט אַלע סימנים וועלן מיר אויסמיידן דעם טויט... מיר זענען אַזוי געווען נידערגעשלאָגן, אַז מיר האָבן זיך באַצויגן צו אַלץ גלייכגילטיק, אַפּאַטיש.

זונטיק פרי נעמט מען אונדז אַרויס פון טורמע, מען באַפעלט נעמען די זאַכן. אונטער אַ וואַך פון ווייסרוסן פירט מען אונדז צו דער יידישער גאַס. מיר קומען צו צום טויער. אַ יידישער געטאָ־פאָליציאַנט נעמט אונדז אויף. די ידיעה וועגן אונדזער אָנקומען האָט זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ, אַלע איינוווינער רינגלען אונדז אַרום. די פּאָליציי טרייבט פאַנאַנדער די פאַרזאַמלטע, וועלכע ברעכן אויס אין אַ שרעקלעכן געוויין און יאָמער. דאָ דערוויסן מיר זיך די לעצטע געשעענישן אין געטאָ.

משה ווייבשטיין, אַ יונגער בחור, איז געשטאָרבן זונטיק פרי. די פרוי פון יוסף אידעלס האָט געפּרוּווט זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ נעמען אירס אַ קינד וועלכן זי האָט איבערגעלאָזט אין שטוב. זי איז דערשאָסן געוואָרן איבערשפּריזנדיק די דראָטן. פּלוצעם איז אויך געשטאָרבן זאַוול פעדער'ס (סיניאַווקער גאַס) אַ זון פון 13 יאָר. עס קומען אָן פורן פון די בעלי־עגלות. דאָרט ברענגען מיר זיי צו קבורה אין קערן זיך אום צוריק.

*

שוין אין די ערשטע טעג האָט זיך אָרגאַניזירט און אָנגעהויבן פונקציאָנירן דער „יודן־ראַט", אין באַשטאַנד פון יצחק צערקאָ־וויטש, ליפּע מישעלעווסקי יהושע פיש און אייניקע פּליטים. די ערשטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין רעגולירן די אַרבעטס־פאַרטיילונג צווישן די יידן. יעדן טאָג, 6 פרי, פלעגן אַרויסמאַרשירן די אַרבעטער אין די פאַרשידענע אונטערנעמונגען, ווי דער ליטעינער זאַוואָד, גאַוועס און משה דעם אָליינקס פאַבריקן. אַ ספּעציעלע

בריגאַדע פון 60 פרויען, אונטער דער אָנפירונג פון יוסף טשורע־יענטעס, איז באַשטימט געוואָרן אויף קערן און רייניקן דעם מאַרק און די גאַסן. די באַציונג צו זיי — באַרבאַריש ווי צו די מענער: צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע פלעגן זיי זיך אומקערן פון זייער אַרבעט. ביים אַריינגאַנג — אַ שטרענגע אונטערזוכונג, צוגערויבט אַלץ וואָס מען האָט געטראָגן מיט זיך, באַגלייט מיט שווערע שטראָפן.

איינמאָל זענען מיר לויט אַ באַפעל באַשטימט געוואָרן צונויפּ־זאַמלען דעם האָב־און־גוטס וואָס איז פאַרבליבן נאָך די אומגעקומענע יידן אין זייערע פאַרזיגעלטע הייזער, און אָפּפירן דאָס אין דער קאַזאַרמע. פון פיזישן שטאַנדפּונקט איז עס געווען אַ לייכטע אַרבעט, אָבער אונדזערע הערצער האָבן שיעור נישט געפּלאַצט פון ווייטיק און צער, גייענדיק איבער די ליידיקע צימערן אין וועלכע ס'האָבן געלעבט אונדזערע אומגעקומענע ברידער. אויף אונדז איז אויס־געפאַלן צעזאַמלען זייערע קליידער, געשיר, מעבל און טראָגן דאָס אויף דער פור פון פּויער סאָקאָלאָווסקי. פאַר אונדזערע אויגן האָבן געשוועבט די געשטאַלטן פון די איינוווינער פון יעדן הויז. אונדזערע איבערלעבונגען אין יענע שעהן איז שווער צו שילדערן.

דאָס מעבל האָבן מיר אָפּגעפירט אין דער געביידע פון דער געוועזענער קלעצקער ישיבה, וווּ מען האָט דאָס עפנטלעך פאַרקויפט די אַרומיקע גויים. אַלע איבעריקע זאַכן זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין די קאַזאַרמעס. דאָרט האָט זיך אָנגעקליבן דריי פולע מאַגאַזינען מיט זאַכן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט סאָרטירן.

אין זכרון זענען פאַרבליבן אייניקע עפּיזאָדן פון יענער צייט. מיר זענען צוגעפאָרן מיט סאָקאָלאָווסקין צום הויז פון געוועזע־נעם מאַנופאַקטור־קרעמער לאָס. מיר טרעטן אַריין אין קעלער און געפונען זילבערנע ביזשוטעריע. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון, לייג איך פאַר סאָקאָלאָווסקין ער זאָל די חפצים צונעמען פאַר זיך. ער פאָלגט מיין עצה, און דערקלערט גלייך אויפן אָרט, אַז אין פאַל ווען די דייטשן וועלן געפונען ביי אים די זאַכן וועט ער דערקלערן, אַז איך האָב דאָס אים געגעבן. איך האָב זיך גלייך געכאַפּט, וואָס פאַר אַ פּאַטאַלע נאַרישקייט איך האָב אָפּגעטאָן. אָבער אַלץ איז דורכגעגאַנגען גלאַטיק. קיין רעוויזיע איז נישט געמאַכט געוואָרן.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אויפן גרויסן טראַקט, אין דער ריכטונג פון ניעסוויזש, איך האָב דאָרט אָנגעטראָפן אויף אייניקע באַקאַנטע קריסטן. זיי האָבן מיר געשאָנקען 7 אייער, ברויט און פּוטער. דאָס ברויט און פּוטער האָב איך באַהאַלטן אין די אַרבל און די אייער אין קעשענע. אַ צופרידענער גיי איך צוריק פון דער אַרבעט. באַגעגענען אונדז צוויי ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן, שטעלן אונדז אָפּ און פרעגן, וואָס מיר טראָגן מיט זיך. איך נעם אַרויס די אייער פון קעשענע און ווייז זיי. נעמט איינער און וואַרפט מיר די אייער אין פּנים. מיין פּנים איז אינגאַנצן באַשפּריצט געוואָרן מיט אייער־ווייסל. די פּאָליציאַנטן האָבן מיר נישט דערלויבט אָפּווישן דעם פּנים; געוואָלט פאַרשאַפן דערמיט הנאה און געלעכטער די דורכ־גייענדיקע קריסטן, וועלכע האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ בייז וווּנדער. אין אַזאַ צושטאַנד האָבן זיי מיך אָפּגעפירט אין געטאָ.

אַזוי האָט זיך „סטאַביליזירט" די לאַגע אין געטאָ, וועלכע פלעגט פון צייט צו צייט איבערגעריסן ווערן דורך גוואַלדטאַטן און רציחות.

דער קאָמענדאַנט קאָך איז איינמאָל אַריינגעשפּרונגען אין געטאָ, און אָנטרעפנדיק געצל לאַטווין, וועלכער האָט געטראָגן אַ לאַנגע באָרד, אים דערשאָסן אויפן אָרט. אַזוי איז אויך אומגעקומען דער אַפּטייקער וועלאָוועלסקי מיט זיין טאָכטער, פּרוּווּנדיק זיך אַריינכאַפּן אין זיין הויז, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיט דער געטאָ, און איבערטראָגן אייניקע ווערטפולע חפצים.

אין גייסטיקן הינזיכט האָט זיך געשפּירט אַ רעליגיעזע שטימונג, אויך צווישן פריי־דיינקער. דריי אַ זייגער פאַרטאָג האָבן מיר געדאַוונט. מאָנטיק און דאָנערשטיק מערסטנטייל — געפאַסט און געזאָגט סליחות.

פאַר פסח האָבן מיר באַשלאָסן באַקן מצות ביי יוסף טשירע־יענטעס אין הויז האָבן מיר איינגעאָרדנט די מצה־בעקריי. די סדרים האָבן מיר געפּראַוועט לויט דער טראַדיציע, אָבער פון אַלע הייזער האָבן זיך אין די סדרים־נעכט געטראָגן קולות פון געוויין און יאָמער.

אָפטמאָל, אין די פאַרנאַכטן נאָך דער אַרבעט, פלעגן מיר זיך פאַרווײַלן מיט אַ קאָרטן־שפּיל, און פירן לאַנגע שמועסן וועגן אונדזער לאַגע. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז אונדזערע אויסזיכטן זענען העכסט טרויעריקע. מיר האָבן שוין געהאַט ידיעות וועגן דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די געטאָס אין פאַרשידענע ערטער.

ו.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין טאַרטאַק ביי זעגן האָלץ. דאָ האָבן מיר זיך אָפטמאָל צונויפגעטראָפן מיט די אַרומיקע פּויערים. די לעצטע האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז אין די וועלדער אָרגאַניזירן זיך פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען פון די אַנטלאָפענע רוסישע געפאַנגענע און געוועזענע סאָוויעטישע אַקטיוויסטן. זיי האָבן אונדז אויך געוואָרנט, אַז עס דראָט אונדז די געפאַר פון פאַרניכטונג און געראָטן אַנטלויפן אין די וועלדער. איך און נאָך אייניקע חברים האָבן דאָס דערציילט אין געטאָ און מיר האָבן אָנגעהויבן אַגיטירן צו אַנטלויפן אין די וועלדער און פאַראייניקן זיך מיט די פּאַרטי־זאַנער.

דער „יודן־ראַט", דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, רופט מיך, און וואָרנט, אַז אויב איך וועל אָנהויבן בונטעווען אין געטאָ, וועל איך איבערגעגעבן ווערן דער דייטשער מאַכט. מיט שרעקלעכן כעס האָב איך זיי געפּרוּווט איבערצייגן, אַז דאָ דערוואַרט אונדז אַלעמען דער זיכערער טויט. דער „יודן־ראַט" האָט דאַן פאַראָרדנט מיך פאַרשליסן אין דער „קאַלטער שול". אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך אָפּגעוואַלגערט אויף דער האַרטער באַנק. דאַן זענען געקומען מיינע קינדער אין ראַט, און מיט געוויין געבעטן מיין באַפרייונג. פאַרטאָג איז אַריין אין שול דער יידישער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און געבראַכט אין ראַט. ווידער האָבן זיי איבערגעחזרט זייערע דראָונגען, און איך — מיינע פריער־דיקע טענות. מען האָט מיך באַפרייט מיט דער שטרענגער וואָרנונג, איך זאָל נישט אַרויסרופן קיין בונטן צווישן די געטאָ איינוווינער.

איינמאָל פאַרנאַכט האָט מיך גערופן דער פאָרזיצער פון „יודן־ראַט" צו זיך אין הויז אויף אַ שמועס.

איך האָב דאָרט געטראָפן אויסער אים דעם באַוווּסטן כלל טוער ד"ר דלוגאַטש מיט זיין פרוי, אַ וואַרשעווער דאָקטאָר אַ פּליט, פראדל ווילענטשיק מיט איר מאַן און זון ישראל (מאַנו־פאַקטור קרעמער). עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פריינטלעכער און אינטימער שמועס צווישן אונדז. צערקאָוויטש האָט מיך באַשולדיקט, אַז מיט מיינע מעשים וועל איך אומברענגען דעם געטאָ. ווידער האָב איך איבערגעחזרט מיינע פריערדיקע טענות. און האָב אָבער באַמערקט, אַז זיי אַלע הויבן שוין אָן פילן און פאַרשטיין דעם נאַקעטן אמת און די אילוזיע פון פאַלשע פאַרזיכערונגען.

די אינצידענטן און קריגערייען האָבן אַזוי געווירקט אויף מיר, אַז איך בין קראַנק געוואָרן און געמוזט זיך לייגן אין שפּיטאָל.

אָבער ווען קאָך פלעגט אַרײַנקומען אין געטאָ, פלעג איך אויפשטיין און לויפן אין בית־מדרש אויף אַרבעט. עס האָט געדראָט די געפאַר פון דער ליקווידאַציע פון די חולים, ווי אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך אַרום אונדז.

אַ פּאָר עפּיזאָדן:

אַ פראָסטיקער ווינטער טאָג. מיר אַרבעטן אין דאָרף הארבור־נאָוושטשנע. איך בעט זיך ביי אונדזער אָנפירער, אַ באַקאַנטער ווייס־רוס, ער זאָל מיר דערלויבן צוגיין צו די נאָענטע חוטאָרעס, כדי צו באַקומען עפּעס צום עסן. ער איז מסכים. איך גיי אַריין אין דער נאָענטסטער הויז, און מיינע באַקאַנטע פּויערים זענען מיר מכבד מיט מילך און ברויט. פּלוצים באַווייזן זיך צוויי דייטשע ס. ס. לייט, טרייבט מיך אַרויס פון שטוב אין גאַס און שלאָגן מיך מיט אַ לאָפּאַטע. דערנאָך באַפוילן זיי מיך לויפן נאָך זייער שליטן ביזן טראַקט, און פון דאַנען צוריק צו דער אַרבעט. איך בין געפאַלן פון די פיס, קוים זיך דערשלעפּט צו מיין בריגאַדע, און דאָרט אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. אויף אַ פור האָט מען מיך צוריקגעבראַכט אַ האַלב־טויטן אין שפּיטאָל. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיך געוואָרנט אַז יעדע מינוט דראָט די ליקווידאַציע פון שפּיטאָל — דער תליין קאָך מאַכט שוין די נויטיקע הכנות. איך בין געווען געצווונגען, אַ צעבלוטיקטער, אַ צוהאַרגעטער, צוריקגיין אין מיין וווינונג אין געטאָ.

איינמאָל זענען געכאַפּט געוואָרן דריי אַנטלאָפענע רוסישע קריגס־געפאַנגענע. מען האָט זיי אויפגעהאָנגען אין מיטן מאַרק. ליפּע מישעלעווסקי איז געצווונגען געווען אויספילן די ראָל פון תליין. איך האָב אים געטראָפן בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין מיסיע. דער מענש האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס, די הענט געציטערט, די אויגן פאַרגלאַנצט — ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צעדולטן.

ז.

מיטן זומער. מען ווייס נישט פונוואַנען און ווי־אַזוי ס׳האָבן אָנגעהויבן קורסירן ידיעות וועגן דער נאָענטער ליקווידאַציע פון געטאָ. מען האָט אונדז איבערגעגעבן וועגן אַ זיצונג אין מאַגיסטראַט, מיטן אָנטייל פון געביטס־קאָמיסאַר, וווּ עס איז גערעדט געוואָרן וועגן די פּלענער פון דער ליקווידאַציע. נאַטקע דער שניידער דערציילט, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט פּלוצעם צוגענומען די שטאָף פון וועלכן ער האָט געדאַרפט נייען פאַר אים אַ אַנצוג. דאָס זעלבע דערציילן אויך אַנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געהאַט באַשטע־לונגען פון דייטשן און ווייסרוסן. אַ ווייסרוסישער פּאָליציאַנט האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מען דאַרף זיך ריכטן בקרוב אויף „נייעס". און אין די שכנותדיקע שטעטלעך איז שוין די ליקווידאַציע פאַרענדיקט געוואָרן. די שטימונג איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אָנגעשטרענגטער. אין די נעכט זענען מיר געווען האַלב־וואַך אין דערוואַרטונג פון דער לעצטער „אַקציע". דאָס איינציקע וואָס איז אונדז געבליבן און וואָס איז מעגלעך געווען דורכצופירן איז געווען — פאַרווירקלעכן דעם פון פריער אָנגעצייכענטן פּלאַן, אונטערצינדן אין דער לעצטער שעה די הייזער, אויסנוצן די בהלה און פּרוּוון זיך דורכרייסן דורך די דראָט־פאַרצוימונגען אין דער ריכטונג צו די וועלדער. די דאָזיקע שריפה וועט זיך געוויס פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן שטעטל — זאָל זי אונטערגיין אין פייער און זאָלן חרוב ווערן אויך די הייזער פון אונדזערע שכנים־קריסטן, וועלכע האָבן אין זייער מערהייט געהאָלפן די דייטשע רוצחים. די ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן האָבן ווי די ווילדע חיות געוואַרט אויפן מאָמענט פון אונדזער ליקווידאַציע, געלויערט אויף די קרבנות, כדי זיך אַריינרייסן אין די הייזער און ירשענען די רעשטלעך פון אונדזער פאַרמעגן. דאָס האָבן זיי נישט דערלעבט. אין דער צייט זענען אויך פאָרגעקומען פאַלן פון זעלבסטמאָרדן.

מאָטע שימשעס איידעם ציריענסקי מיט זיין פרוי און קינד, זענען געפונען געוואָרן פאַרסמטע אויפן בוידעם פון זייער וווינונג. די איינגענומענע דאָזע איז אָבער געווען אַ קליינע — מען האָט זיי אָפּגעראַטעוועט. — פאַרוואָס לאָזט איר אונדז נישט שטאַרבן? — האָט צירינסקי געשריען אין פאַרצווייפלונג. אין אַ וואָך אַרום האָט ער איבערגעחזרט דעם פּרוּוו, און דאָסמאָל מיט דערפאָלג.

אין דער נאַכט פון ז׳ אויף ח׳ אָב תש״ב, איז פאָרגעקומען דער לעצטער חורבן פון יידישן קלעצק.

אינמיטן נאַכט האָבן אונדזערע שומרים באַמערקט, אַז דער געטאָ איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן ווייסרוסישע פּאָליצייַ און דייטשע ס. ס. עס איז אוממעגלעך צו שילדערן די בהלה, פּאַניק און אַליאַרמען, וועלכע האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן געטאָ שטח. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעריי פון די הייזער מיט פאַרצווייפלטע געשרייען.

אונדזער פּרעזעס פון יודן־ראַט צערקאָוויטש, איז צוגע־לאָפן צו די דראָט פאַרצוימונגען און געבעטן די ווייסרוסן אַז זאָלן אים דערשיסן אויפן אָרט. ער האָט זיך געשראָקן פאַר פּייניקונגען. זיי האָבן זיכער געהאַט בנוגע אים גאַנץ באַזונדערע אויסרעכענונגען, געדענקט אַז זיי וועלן אויספּרעסן ביי אים גאָלד און ווערטפולע חפצים. דעם זעלבן ביישפּיל האָט נאָכגעטאָן חיים משה מיכל׳ס לעוו, דער קצב. ער האָט געפאַלן דורך אַ קויל פון אַ ווייסרוס, נעבן די דראָטן, אויף זיין אייגענעם פאַרלאַנג.

מיינע לעצטע איינדרוקן: איך לויף אַרויס פון מיין וווינונג און צוזאַמען מיט נאָך יידן שרייען מיר מיט די גאַנצע כוחות: — יידן צינדט די הייזער און האַקט די דראָטן! באַלד האָבן זיך אויפגעהויבן געדיכטע וואָלקנס רויך, לאַנגע פייער־צונגען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן, יידן מיט העק און אַנדערע מכשירים רייסן זיך צו די פאַרצוימונגען און האַקן די דראָטן. די תליינים האָבן זיך געמוזט דערווייטערן אויף אַ געוויסן מרחק צוליב די פייערן. דאָסמאָל איז זיי שוין נישט געלונגען דורכצופירן זייער אַרבעט מיט דער געוויינלעכער פּינקטלעכקייט און סיסטעמאַטיש־קייט, ביי דער פּאַסיווער אונטערטעניקייט פון זייערע קרבנות. אַ האָגל קוילן פון ביקסן, מאַשין־געווער האָט זיך פון אַלע זייטן אַ שאָט געטאָן אויף די לויפנדיקע יידן. צווישן פייער, רויך און קוילן זענען געפאַלן מאַסן געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. יידן זענען געלאָפן צו די דראָטן און זיך דורכגעריסן, גרופּנווייז זענען זיי געלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען הינטערן שטאָט, אָבער די קוילן פון שונא האָבן געזייט טויט און פאַרוויסטונג אין זייערע רייען.

מיין לעצטער מאָמענט אין ברענענדיקן געטאָ: איך באַמערק מיין ברודער יאָסל, וועלכער האַלט זיין קינד אויף די הענט. אַ קויל טרעפט דאָס קינד אין קאָפּ, און דאָס בלוט רינט טייכנווייז... מיין ברודער לויפט אַרום, ווי אַ צעדולטער, האַלט דאָס טויטע קינד אויף די הענט, פּונקט ווי עס איז גאָרנישט געשען. אויף מיינע געשרייען ער זאָל אַוועקלייגן דאָס דערמאָרדעטע קינד און נאָכלויפן נאָך מיר, האָט ער נישט רעאַגירט. אַזוי איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מיינע אויגן.

מיט אַ האַק בין איך צוגעלאָפן צו די דראָט פאַרצוימונגען ביים „שולכל", איבערגעהאַקט די דראָטן, דורכגעריסן זיך. איך לויף דורך דער יידישער גאַס, דורכן „וואַל", אין דער ריכטונג צום הויפל קורליאַנדיע. נאָך מיר זענען נאָכגעלאָפן אַ גרופּע יידן. אויפן וועג זענען געפאַלן פון די קוילן אַ פאַרוווּנדעטער שלמה שמוקלער (זיך געראַטעוועט, איצט אין קאַנאַדע, דערהרגעטע — גרשון לוכער, אלקנה דעם קצב׳ס אַ זון, דוד בליאַכער, דאַניע געלפאַנד (מייטשיק דעם קרעמערס זון) און פיל אַנדערע.

אויפן וועג האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ בחור פון

וואַרשע, גאַנטאָוויטש (איצט אין ישראל), אַ פּליט פון קלעצקער געטאָ. צוזאַמען האָבן מיר געוואַנדערט אייניקע טעג איבער דערפער און וועלדער. אונדזער ציל דערגרייכן צו די פּאַרטיזאַנער און זיך אָנשליסן אין זיי. די קריסטן האָבן אונדז געהאָלפן מיט שפּייז און מלבושים, אָבער בשום אופן נישט דערלויבט זיך אויפהאַלטן אַפילו אַ קורצע צייט אין זייערע הייזער, אויס מורא פאַר מסירות. אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט, געשלאָפן אין די וועלדער און געפּרוווט זיך דערוויסן ביי די פּויערים וועגן די אויפהאַלטונגס־ערטער פון די פּאַרטיזאַנער. מיר זענען דערגאַנגען צום הויף לעצעשין, אויף דער געוועזענער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ, און פון דאָרט קיין לאַזאָוויטש, צו אַ כוטאָר.

מען מוז ריזיקירן! קלאַפּן מיר אין טיר. דער פּויער עפנט די טיר. — „עטאָ זשידקי" (דאָס זענען יידן) — שרייט אויס די פּויערטע, און ביידע טרייסלען זיך פון שרעק און איבעראַשונג. מיר פרעגן אים וועגן די פּאַרטיזאַנער. ער ווייזט אונדז די ריכטונג פון זאַראַקאָווער וואַלד, איז אונדז מכבד מיט מילך און בעט זיך מיר זאָלן זיך אָפּטראָגן פון הויז.

אויף די טיפע גראָזן פון זאַראַקאָווער וואַלד שפּרייטן מיר פאַנאַנדער אונדזערע מאַנטלען און כאַפּן אַ דרימל. צוועלף אַזייגער ביינאַכט שפּרייזן מיר ווידער. פּלוצעם דערטראָגט זיך צו אונדז אַ גערויש פון רעדער. — פּאָליציי! שרייט אויס גאַנאָוויטש. איך לייג צו מיין אויער צו דער ערד — אַ קענטיקער גערויש. אָבער פּאָליציי פאָרט נישט אינמיטן נאַכט אין וועלדער, און סתם פּויערים געוויס נישט. מיין האַרץ קלאַפּט אין דערוואַרטונג, די סימנים זאָגן עדות וועגן פּאַרטיזאַנער. די פורן דערנענטערן זיך. איך באַמערק מענשלעכע געשטאַלטן מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. איך גיב זיך אַריס פאָראויס און שריי אויס אויפן קול: — „ספּאַסאַיטע רעביאַטאַ"! (ראַטעוועט בחורים!).

עס דערטראָגט זיך אַ ענטפער: — „סטאָי!" — שטעלט זיך אָפּ, נישט רירן זיך פון אָרט! מיר בלייבן שטיין אויף די ערטער. די פּאַרטיזאַנער רינגלען אונדז אַרום. איך דערקען צווישן זיי אַ ייד.

— „פון וואַנען זענט איר?" — פרעגט ער.

— „מיר זענען קלעצקער אַנטלאָפענע פון דער שחיטה אין געטאָ" — ענטפערן מיר.

דאָך נעמען זיי אָן אַלע מיטלען פון פאָרזיכטיקייט. מיר שפּרייזן פאָרויס, זיי מיט די ביקסן נאָך אונדז. אויף די פורן ליגן פאַרשידענע שפּייז־פּראָדוקטן, חזירים, פעלן. מיין האַרץ צאַפּלט פון האָפנונג און פרייד. מיר זענען געראַטעוועט.

מען פירט אונדז אין פּאַרטיזאַנען־לאַגער אין ריאַאָוקער וואַלד. רבונו של עולם! איך דערקען נישט די אַרומיקע וועלט. מענטשן גייען אַרום זיכער און פריי. עס פיטערן זיך בהמות און פערד. מענטשן זיצן אין אַ קרייז; מען עסט און טרינקט. ביי דער זייט שפּילט איינער אויף אַ האַרמאָשקע. וועגענער אָנגעלאָדענע מיט אַלדאָס גוטס. אַ נייע פרייע וועלט! די איינציקע דאגה וועלכע לאָזט מיך נישט אָפּ די גאַנצע צייט, איז די זאָרג וועגן מיינע קינדער.

פון דאַנען פירט מען אונדז אָפּ אין אַן אַנדער פּונקט אין וואַלד. צוויי יידן פּאַרטיזאַנער פירן אונדז צו צו אַ באַשטימטן אָרט, ווו מיר טרעפן אַ גרופּע פון 5 יידן מיט אַ פרוי.

עס דערשיינט אַ רוס, אַ העכערער קאָמאַנדיר, און פירט דורך אַן אויספאָרשונג. מיר דערציילן אונדזערע איבערלעבונגען. זיין באַציונג איז געווען אַ העכסט פריינדלעכע. ער האָט נאָר געמאַכט אונדז אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. ביים אָפּפאָרן האָט ער אונדז באַרויקט מיט די ווערטער: — „דאָ בלייבט איר, דאָ וועלן מיר קעמפן און פאַרניכטן דעם שונא!"

אַזוי זענען מיר אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג.

דאַן איז מיר געשען אַן אומגלויבלעכער נס. אַ ייד אַ פּאַרטיזאַן גיט איבער, אַז אין דאָרף פאַלאַקאָוויטש האָט ער אָנגעטראָפן צוויי יידישע יינגלעך, אַנטלאָפענע פון געטאָ קלעצק. ער האָט זיי איבערגעגעבן אין שטאַב פון אָטריאַד. איך ווער אויפגעציטערט, און פאָר גלייך אין שטאַב, און דאָרטן טרעף איך מיינע ביידע זין אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. זיי זענען אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַלז מיט געוויין פון פרייד. מיר האָט זיך געדוכט אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין חלום. אומקערנדיק זיך מיט מיינע זין אויפן פריערדיקן אָרט, האָב איך געטראָפן פיל פרישע אָנגעקומענע יידן, צווישן זיי די קלעצקער אלתר מאיראָוויטש, לאה פיש, (אין ישראל) ביילע ציפּינא (אין קאַנאַדע), מאָטל געלפאַנד (אין ישראל), פּשעפּיורקע (אין רוסלאַנד, פאַרבליבן אין קלעצק אויף אַ הויכן פּאָסטן), שלמה שמוקלער (אין אמעריקע) קיל לייבע (זיין גורל אומבאַוווסט) און אַנדערע. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביז 300 יידן, און צוזאַמען מיט 50 קריסטן האָבן מיר געבילדעט דעם באַוווסטן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אויפן נאָמען פון זשוקאָוו'ן. דער אָטריאַד איז באַשטאַנען פון צוויי ראָטעס (אָפּטיילונגען — פּלוגות).

איך געדענק אונדזער ערשטע אַקציע צו דערוואַרבן שפּייז פּראָוויאַנט אין דער אַרומיקער סביבה. ביינאַכט האָט אונדזערע אַ גרופּע יידן פּלוצעם אַריינגעדרונגען אין דער נאָענטער ווירטשאַפט אין לאַזאָוויטש. באַזייטיקנדיק דעם וועכטער האָבן מיר איינגעשפּאַנט צוויי פערד אין פורן, און אָנגעלאָדן אויף זיי אַ חזיר, אַ שעפּס, מילך מיט פּוטער פון די גויים — דאָס אַלץ מיט אַ קעסל, האָבן מיר געבראַכט אין וואַלד.

אָבער אונדזער דרינגענדיקסטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דערוואַרבן געווער. אָן דעם האָבן מיר בכלל נישט געקענט פאַרעכנט ווערן פאַר פּאַרטיזאַנער. גראָד אין יענע טעג זענען אונדז באַפאַלן דייטשע מיליטער־טיילן און ווייסרוסישע פּאָליציי. מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן אַזש ביז קאַפּוליער קרייז. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון אונדזער אטריאַד, מיר זענען געקומען צו זיך און זיך באַפעסטיקט. אונדזער לאַגע אַלס נישט־באַוואָפנטע יידן אין דער אָפּטיילונג איז אָבער געוואָרן כמעט אומדערטרעגלעך. און אָט איז אונדזער קאָמאַנדיר געפאַלן אויף אַ ריזיקאַלישן און נישט־רעאַלן פּלאַן. לויט זיין איניציאַטיוו האָט זיך אָרגאַניזירט אַ אָפּטיילונג פון קלעצקער יידן, מיטן צוועק דורכצופירן אַ אָנפאַל אויף די קאַזאַרמעס און דאָרט דערוועַרבן געווער.

אונדזער אָפּטיילונג איז אַרויס צו דער אַקציע באַוואָפנט מיט... איין ביקס. אין וועג האָבן מיר געקויפט אַ רעוואָלווער פאַר צוויי טויזנט רובל. אונדזער אַקציע האָט זיך געענדיקט אָן רעזולטאַטן. מיר האָבן געוואַנדערט עטלעכע טעג. אין שטאַב האָט מען זיך אָבער אַרומגעזען אַז דער פּלאַן איז אַ מין אַוואַנטיורע, מען האָט אונדז אויסגעפונען און צוריקגעבראַכט.

אָבער די לייזונג איז געקומען גאַנץ אומגעריכט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ביים קאַפּולער טראַקט געפינט זיך אַ ברודער־קבר פון סאָוויעטישע רויט־אַרמייער מיט טיילן פון געווער. האָבן מיר, אויסגעפונען דעם קבר, אויפגעגראָבן, און געפונען אַ סך טיילן פון ביקסן און אַ פּולעמיאָט. ספּעציעלע בעלי־מלאכות און טעכניקער האָבן אין אַ קורצער צייט עס פאַראָכטן, און באַוואָפנטע, זענען מיר צוגעטרעטן צו די פּאַרטיזאַנען־אַקציעס קעגן אונדזערע רוצחים און זייערע מיטהעלפער.

אונדזער ערשטע זעלבסטשטענדיקע אַקציע איז געווען אין כוטאָר סאקאלאָווקע, אַרום קלעצק. זיינע איינוווינער זענען געווען

קאַלאַבאָראַנטן מיט די היטלעריסטן. האָבן מיר דעם כוטאָר פֿאַר־ברענט און די איינוווינער פֿאַרניכטעט.

> דער געפֿיל פֿון נקמה האָט געברענט אין אונדזערע הערצער, און קודם כל האָבן מיר געשטרעבט צו ווייזן אונדזערע קלעצקער תּליינים, אַז מיר עקסיסטירן. מיר האָבן זיך געווענדעט צום קאָמאַנדיר פֿון אונדזער בריגאַדע, ער זאָל אונדז דערלויבן זיך אַריינרייסן אין קלעצק. איינער פֿון אונדזערע הויפּט־צילן איז געווען — צו כאַפּן דעם באַוווּסטן קלעצקער ווייסרוס חוליגאַן סאַשע צעכאַנאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעטאָן אַזוי פֿיל צרות דער יידישער באַפֿעלקערונג.

נאָכן קריגן די דערלויבניש האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע באַוואָפֿנטע יידן־פּאַרטיזאַנער פֿון קלעצק, צווישן זיי יעקב געלער, שלמה שמוקלער, אלתר מאיראָוויטש מאָטל געלפֿאַנד און דער קאָמיסאַר. אויף שליטנס, זענען מיר צוגעקומען צום סוף צעפּרער גאַס. די פֿערד אַוועקגעשטעלט נעבן שייער, און אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט זיך געלאָזט גיין אין צעפּרער גאַס. אַ ווייסרוסישער פּאָליציאַנט איז אָנגעגאַנגען קעגן אונדז און זיך גלייך געלאָזט לויפֿן צוריק, איבערלאָזנדיק די ביקס. דאַן זענען מיר צוגעגאַנגען צו צעכאַנאָוויטש הויז, אים אַרויסגערופֿן, אָבער אויך ער האָט אונדז באַמערקט און איז געלונגען אַנטלויפֿן. עס האָט זיך געעפֿנט אויף אונדז אַ שטאַרקע שיסעריי. מיר האָבן זיך אין פֿולער אָרדנונג געלאָזן שנעל צוריק. אין דאָרף סוכליטש האָבן מיר אָנגענומען פֿולע שליטנס מיט שפּייז־פּראָדוקטן. טראָצדעם וואָס אונדזער פּלאַן איז נישט געלונגען, דאָך האָט אונדזער דערשיינען אין קלעצק אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף די היטלעריסטן און זייערע מיטהעלפֿער.

אַזוי איז פֿאַרביי די צייט ביז דער באַפֿרייונג — אין אויספֿירן דיווערסיע־אַקטן, געלונגענע אָנפֿאַלן אויף דײַטשע מיליטער־טיילן, ווייסרוסישע פּאָליציי א. אַז. וו. אונדזער לעבן אין די וועלדער האָט באַקומען אַ אינהאַלט און אַ תּכלית. די פֿאַרקנעכטעטע, אונטערטעניקע יידן אין די געטאָס האָבן זיך דאָ פֿאַרוואַנדלט אין אומדער־שראָקענע קעמפֿער, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן כבוד, מצד זייערע מיטקעמפֿער און געוואָרפֿן שרעק אויף זייערע שונאים. מיר זענען געווען שטאָלץ אויף אונדזער ביישטייער צום אַלגעמיינעם נצחון, און אויף אונדזער נקמה פֿאַר דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון אונדזער פֿאָלק.

ערשט ווען ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג פֿון דער באַפֿרייונג און מיר זענען אַרויס פֿון די וועלדער, זיך צוריקגעקערט אין אונדזערע שטעטלעך האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט דער שרעקלעכער חורבן. היימלאָזע, עלנטע, פֿאַריתומטע זענען מיר פֿאַרבליבן. אומדערטרעגלעך איז געווען צו זען די געוועזענע רוצחים און רויבער ווי זיי שפּאַצירן פֿריי אין די גאַסן אומבאַשטראָפֿטע. דער גיפֿט פֿון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן דורך די היטלעריסטן, איז טיף אַריינגעדרונגען אין די הערצער. איינס איז געווען קלאָר פֿאַר אונדז אַלעמען: דאָ, צווישן די חורבות, איז אויסגעשלאָסן אַ נייע צוקונפֿט פֿאַר אונדז. און דער אויספֿיר — מיר מוזן זוכן אַ ניי לעבן און אַ נייע צוקונפֿט ווייט פֿון בלוט־טאָל — אין ארץ־ישראל. און מיר האָבן פֿאַרווירקלעכט אונדזער שטרעבונג.

אליהו באַנשטשיק / א סך־הכל פֿון א משפּחה

(בוענאָס איירעס)

שוין לאַנגע יאָרן ווי כ׳בין אַוועק פֿון אונדזער שטעטל, כ׳בין אַוועק אָנגעזאַפּט מיט צער, ווייל שוין צו זעקס יאָר בין איך געבליבן אַ יתום — אָבער קלעצק איז ביי מיר טיף איינגעבאַקן אין האַרצן אויף אייביק.

קלעצק איז געווען אַ אמתע עיר ואם בישראל, אַ שטעטל וואָס ציט אַ ייחוס־קייט פֿון אַ סך דורות, און אַ אצילות׳דיקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף אירע תּושבים.

אָט דערמאָנט זיך מיר אַ שטייגער דוד באַנשטשיק — די משפּחה איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן סוחרישן שטאַנד אין אונדזער שטעטל, אַ פֿאַרצווייגטע פֿאַמיליע, וואָס הגם זיי האַלטן זיך אַריסטאָקראַטיש, זענען זיי צוגעלאָזענע מענטשן און יעדער פֿילט זיך מיט זיי היימיש.

בעת אונדזערע שטאָטישע זענען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, איז אונדז געווען זייער שווער זיך צוצופּאַסן צום וואָכעדיקן לעבן דאָ. ווו אויך אין די שבתים און אין די ימים טובים האָט געפֿעלט די „נשמה יתרה” וואָס ס׳איז געווען ביי אונדז אין שטעטל.

קלעצק האָט זיך געפֿילט די פֿאַרוואָרצלטקייט, און אַז מיר זענען מיט יאָרן צוריק געקומען קיין אַרגענטינע, פֿלעגן מיר זיך פֿון צייט צו צייט צונויפֿקומען כדי אַביסל אויפֿפֿרישן די זכרונות פֿון אַמאָל אין אונדזער אַלטער היים, און מיר האָבן דאָ איינער פֿאַרן אַנדערן אויפֿגעפֿרישט די זכרונות פֿון אונדזער יוגנט. טרעפֿנדיק זיך ביי אַן אסיפֿה מיט מיינע לאַנדסלייט, האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז אָט ערשט נישט לאַנג זענען מיר קינדער קליינע, מיר לערנען צוזאַמען אין שול... עס לעבן אויף די אַמאָליקע יאָרן, דער הייליקער שבת אין שטעטל — ווי אידיליש שיין און ווי ליכטיק ס׳ווערט דאַן אין אַלע ווינקעלעך. און אָט קומט מוצאי־שבת און מ׳גייט אַריבער אין דער וואָכעדיקייט. ס׳דערמאָנען זיך יענע יאָרן פֿון פֿרייד, און אַלע מיינע ליבע, מיין פֿאָטער מיט מיינע ברידער חיים, משה, בערע, יצחק, שכנא, אשר און מיין איינציקע שוועסטער אסתר — אַלע זענען זיי מיט זייערע פֿאַמיליעס אַזוי טראַגיש אומגעקומען! חיים האָט געלערנט אין דער ישיבה, זיך ממית געווען באהלה של תּורה, ער האָט זייער געוואָלט אַוועק קיין אַמעריקע, ס׳איז אים נישט באַשערט געווען.

> דער ברודער בערע האָט געשמט אַלס גיבור. בעת די נאַציס האָבן אים געבראַכט צום שיסן — האָט ער זיך קעגנגעשטעלט. האָבן די מערדער זיין קינד לעבעדיקערהייט צעריסן אים די אויגן — און דאַן האָבן זיי אים דערשאָסן.
>
> נאָר איין ברודער יצחק האָט זיך אָפּגעראַטעוועט, און ער איז איצט אין אַמעריקע. זיין פֿרוי מיט זייער קינד האָט מען פֿאַרברענט בעת מ׳האָט זיי געפֿינען באַהאַלטן אין אַ קעלער. ער איז גראַד אַוועק זוכן עסן פֿאַר זיי. צוריקקומענדיק האָט ער געטראָפֿן דאָס הויז אין פֿלאַמען.

און איצט, נאָכדעם ווי אָט דאָס לעבן איז פֿאַרשניטן געוואָרן אין דעם גרויסן כרת פֿאַר אונדזער פֿאָלק, איז כאָטש גוט וואָס ס׳גייט אַרויס אין ישראל דער יזכור־בוך פֿאַר קלעצק, וואָס וועט פֿאַראייביקן לדורות די טייערע, הייליקע נשמות פֿון אונדזער ליבן שטעטל. זאָלן אונדזערע קלעצקער, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט, זיך דערמאָנען אין אונדזער אַלטער היים, און זאָל זי אויך בלייבן אין זכרון פֿון אונדזערע קינדער.

רחל־יוכה־דזשענטשעלסקי / מיין וועג צו די פּאַרטיזאַנער

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיינע
אומגעקומענע עלטערן.

דאָנערשטיק פרי, דעם 25טן יוני 1941, בין איך געשטאַנען אין גערטנדל ביי אונזער הויז אויף צעפּרער גאַס, נאָכגעקוקט די דייטשע פּאַנצער־טיילן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו מזרח. איך בין דאַן אַלט געווען 13 יאָר, מיט אַ אויסזען פון אַריערין. אויך די דייטשע זעלנער האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ קריסטקע. די גאַס איז געווען פּוסט. נעבן מיל האָבן די דייטשן זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו און אויפגעשטעלט פּאַלאַטקעס. צו אונז זענען זיי אַריינגעגאַנגען נאָך מילך. — „איר וועט בלייבן לעבן, עס וועט אייך גאָרנישט געשען” — האָבן זיי פאַרזיכערט.

אין אַ טאָג אַרום זענען אַריין אין שטאָט דייטשן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די מאַכט אויפן אָרט. און גלייך האָבן מיר דערפילט דעם גרויל פון נאַצישער הערשאַפט, פון גזרות און באַרבאַרישע פאַראָרדנונגען.

די ערשטע גרעסטע פּלאָג, איז געווען די צוואַנגס־אַרבעט. יעדע פאַמיליע האָט געמוזט צושטעלן מענשן אויף אַרבעט. איך און מיין שוועסטער גיטל, האָבן פאַרביטן אונזערע עלטערן. אונז האָט נאָך אָפּגעגליקט, וואָס אויף אונזער גורל איז אויסגעפאַלן אויספירן אַרבעטן אין דער אומגעגנט פון קלעצק, אין די פּריצישע גיטער — געגראָבן קאַרטאָפל, געקליבן פלאַקס און ד. גל. מען האָט פאַר אונז אויך איינגעאָרדנט אַ קיך, ווו מיר האָבן זיך דערנערט. מיר האָבן פיל מאָל אויך רעזיקירט און געבראַכט שפּייז־פּראָדוקטן פאַר אונזערע אייגענע אין קלעצק.

אין איין פרימאָרגן באַקומען מיר אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך צוריקקערן אין זייערע היימען אין שטאָט. אַ טרויער און שרעק איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלע פּנימער. די דייטשן האָבן באַפוילן זיך צענויפזאַמלען צומאָרגנס אויפן מאַרק־פּלאַץ. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר נישט צוגעמאַכט קיין אויג, זיך געפּאַקט, די בעסערע זאַכן איבערגעגעבן די שכנים. מיינע עלטערן האָבן געזאָגט תהילים.

6 אַזייגער אין דער פרי האָבן מיר אָנגעטאָן די בעסטע קליידער. געקושט די מזוזה און אַרויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג צום מאַרק. מיר זענען געווען זיכער, אַז צוריק וועלן מיר זיך שוין נישט אומקערן.

די גאַסן זענען געווען פול מיט יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך געצויגן צום מאַרק. יידן האָבן זיך געזעגנט איינע מיט די אַנדערע, געוויינט, זיך געקושט.

בעת דער „סעלעקציע” בין איך צופעליק אַריינגעפאַלן אין דער גרופּע פון די אַרבעטער. אויף מיין בקשה האָט אַ דייטשער זעלנער צוגעטיילט אויך מיינע עלטערן צו אונזער גרופּע. די דייטשן האָבן דאַן אונז געפירט דורך דער יידישער גאַס. מיין מאַמע האָט אויסגעשריען צו מיר: — טאָכטערל, מען פירט דאָך אונז צום בית עולם! —אָבער אומגעריכטערהייט האָט מען אונז אַ קערגעטאָן אין דער ריכטונג צו דער „קאַלטער שול”. ביים שוועל פון דער שול, איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט קאָך מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, און אָנגעהויבן אַרויסנעמען מענשן פון אונזערע רייען און זיי אַריינגעשטופּט אין שולכ׳ל.

פון אונזער משפּחה, האָט ער אַרויסגענומען אויך מיינע עלטערן. איך און מיין שוועסטער, האָבן געפּרוווט זיי נאָכגיין, האָט ער אונז צוריק אָפּגעשטויסן אין שול אַריין. דאָ האָט געהערשט יאָמער און געוויין.

אַזוי זענען מיר געזעסן ביז פאַרנאַכט. 5 אַזייגער האָט זיך דערהערט אַ טומל — דאָס האָט מען אַרויסגעפירט די יידן פון שול שטיבל.

אין די שפּעטערדיקע אָונט־שעהן דערשיינט ווידער קאָך מיט אַ צוקערל אין מויל אַ אויסגעפּאַרפומירטער, מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, און שרייט אויס: — „היינט האָב איך געהאַט אַ גוטן טאָג”.

ער פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן מוזן גיין אין די באַשטימטע פאַר זיי הייזער, לויט דעם אָנגעצייכנטן געטאָ־פּלאַן. עס איז שטרענג פאַרבאָטן דאָס באַזוכן די פריערדיקע וווינונגס־ערטער. מען האָט אונז אָנגעהויבן אַריינפירן אין די דירות. איך צוזאַמען מיט חיה קאַפּלאַן, אליע פיינבערג מיט זיין שווער און שוואָגער און נאָך אייניקע משפּחות — צוזאַמען עטלעכע און צוואַנציק מאַן — האָבן זיך באַזעצט אין אַ הויז נעבן דעם שול־הויף.

האַלב־טויטע, האָבן מיר זיך געלייגט אויף דער ערד, באַוויינענדיק אונזערע אומגעקומענע ברידער. מען האָט זיי געפירט גרופּנווייז דורך דער ניעסוויזשער גאַס צו די זאַמד־גריבער ביי דעם קריסטלעכן בית־עולם — באַפוילן זיך אויסלייגן לויט אַ ריי אין די גריבער און דערמאָרדעט דורך שיסן פון קוילן־וואַרפער. (דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אייזיק ציאַך אַ אַרויסגעראַטעוועטער פון גרוב, וועלכער האָט זיך אומגעקערט צו אונז אין שול).

*

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון אונזער געטאָ־לעבן, וועלכע האָט זיך געצויגן 8 מאָנאַטן, ביז דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע, אין יולי 1941.

איך און מיין שוועסטער, זענען געבליבן עלנטע, איינזאַמע.

איינמאָל זענען צו אונז דערגאַנגען ידיעות, אַז יידישע משפּחות פון אַרומיקע ישובים און דערפער, זענען געבראַכט געוואָרן אין האַנצעוויטשער געטאָ, צווישן זיי אויך מיינע אַ מומע. איז מיר אַריינגעפאַלן דער געדאַנק זי באַזוכן, און אפשר וועט זיך אונז איינגעבן זיך אָנשליסן אין האַנצעוויטשער געטאָ. איך האָב זיך אָנגעטון אַ פּויערישן פעלצל, אַ טיכל אויפן קאָפּ, און זיך געלאָזט קיין האנצעוויטש, טיילווייז צופוס, טיילווייז אויף פורן פון פּויערים, האָט זיך מיר איינגעגעבן פאַרנאַכט אָנקומען אין שטאָט. דאָ האָב איך באַמערקט אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי פעלדער פון קאַרטאָפל. שנעל האָב איך צוגענייט די געלע לאַטע, און זיך אָנגעשלאָסן אָן די אַרבעטנדע. דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין מומען. צוזאַמען מיט אַלעמען בין איך אָפּגעפירט געוואָרן אין די היימען פון די יידן. זיי זענען געווען קאָנצענטרירט אין אַ באַזונדער קוואַרטאַל, אָבער אָן דראָט־פאַרצוימונגען, אָן קיין קאָנטראָל.

נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט מיין מומען, האָט זי מיר פאָרגעלייגט צו בלייבן נעכטיקן ביי איר. אָבער איך האָב זיך אַנטזאַגט, און אין דער פינצטערער נאַכט זיך געלאָזט גיין צוריק קיין קלעצק. פאַרטאָג בין איך אָנגעקומען אין שטעטל, און מיר האָט זיך איינגעגעבן אָנשליסן צו די יידישע אַרבעטער, און צוזאַמען מיט זיי זיך אומקערן פאַרנאַכט אין געטאָ.

אין אייניקע טעג אַרום, איז צו אונז דערגאַנגען די שרעקלעכע בשורה, אַז אין יענער נאַכט, ווען איך בין אַרויס פון האַנצעוויטש, איז פאָרגעקומען די ענטגילטיקע ליקווידאַציע פון די יידן, אַלע אָן אויסנאַם זענען דערמאָרדעט געוואָרן.

*

אַלץ בולט'ער מערקן זיך די סימנים, אַז אויך אונז דערוואַרטעט דער זעלבער גורל.

דער געטאָ האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פיבערהאַפטער אָנשטרענגונג און דערוואַרטונג. אין אָוונט, ז' אב תש"ב, האָבן מיר באַמערקט אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג אַרום דער דייטשער קאָמענדאַנטור, אַלע פענצטער זענען געווען באַלויכטן. די נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט שלאָפלאָז, נישט אויסטועדיק די קליידער, פאַרטאָג האָבן זיך דערטראָגן אויסגעשרייען: מיר זענען אַרומגערינגלט.

פון אַלע ווינקלען האָבן זיך אַרויסגעריסן די יידישע איינוווינער, באַגאָסן די הייזער מיט נאַפט און בענזין און זיי אונטערגעצונדן, לויטן פון־פאָרויס־אָנגעמערקטן פּלאַן. דערנאָך זיך געלאָזן מיט העק צו די דראָט־פאַרצוימונגען, און אונטער אַ האָגל פון קוילן געהאַקט די דראָטן, כדי זיך דורכרייסן און אַנטלויפן פון געטאָ.

איך און מיין שוועסטער גיטל, זענען בליץ־שנעל אַרויסגעשפּרונגען פון אונזערע בעטן, און זיך געלאָזט לויפן צום געטאָ־טויער נעבן דער שול. געדיכטע וואָלקנס רויך האָבן זיך געצויגן צום הימל, אַרום אונז, האָט געבושעוועט אַ ים פון פייער. אויפן שול־פּלאַץ זענען געלעגן דערשטיקטע, פאַרברענטע, דערשאָסענע, מיר זענען צוגעלאָפן צום טויער, און אונטערן דרוק פון אַ מענשן־מאַסע האָבן מיר זיך דורכגעריסן צו דער יידישער גאַס, דאָ זענען מיר אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ קרייץ־פייער פון ביקסן און קוילן־וואַרפער. די גאַנצע גאַס איז געווען אויסגעזייט מיט מאַסן דערשאָסענע און פאַרווונדעטע. די רעשטלעך לעבנס־פאַרבליבענע, זענען געלאָפן ווייטער אין דער ריכטונג צום „וואַל", און אויך דאָ האָבן זיי געטראָפן די קוילן פון די מערדער. איך און מיין שוועסטער, האָבן דערגרייכט ביז דער פערמע פון גאַליעס, די אַזוי גערופענע „קלעבאַניע" ביים טייכל — דאָ האָט אַ קויל געטראָפן מיין שוועסטער אין האַרצן און זי איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטע אויפן אָרט. איך האָב זיך איינגעבויגן צו איר, אָבער זי איז שוין געווען אָן אָטעם. האָב איך זיך געלאָזט לויפן ווייטער צוזאַמען מיט נאָך יידן. אָבער, געלאָזן זיך רעכטס אין דער ריכטונג צו פאַנקראַטאָוויץ, צו דער געוועזענער רוסיש־פּוילישער גרענעץ. אַרויסגייענדיק אויפן ניעסוויזשער טראַקט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער ליקווידאַציע פון ניעסוויזשער געטאָ. זיי האָבן געעפנט אַ שיסעריי — איך בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, סימולירנדיק אַ טויטע, און די פּאָליציאַנטן זענען דורכגעגאַנגען נעבן מיינע פיס. דאַן האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ זייטיקן פעלד פון קאָרן, און זיך באַהאַלטן צווישן די זאַנגען.

פּלוצעם הער איך אַ שטימע אויף פּויליש: — „קינד, וואָס ליגסטו דאָ? באַלד וועלן זיך צוריקקערן די פּאָליציאַנטן און וועלן דיר אַנטדעקן". האָב איך זיך אויפגעהויבן, און דער מענש האָט מיך געוויזן אַ וועג צו פאַקראַטאָוויצער וואַלד. — קאָשעצקי! געלער! האָב איך אויסגערופן צו מיינע מיטלויפער. אָבער קיינער איז שוין נישט געווען, אַרום מיר האָב איך באַמערקט דערשאָסענע יידן פון קלעצק.

איך האָב זיך געלאָזט גיין, אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר פון אַ פּויערס הויז. אַ דערשראָקענע פּויערטע עפנט די טיר און פרעגט: ווער בין איך? איך דערצייל איר. איך האָב ביי איר אַרויסגערופן געפילן פון מיטלייד און רחמנות, זי האָט מיר געשאָנקען אַ קלייד, אַ טיכל און אַ פולן קויש מיט שפּייז, דערציילט וועגן די פאַרטיזאַנער און זייער אויפהאַלטס־ערטער, און פאַרגעלייגט נעכטיקן ביי איר — אָבער איך האָב זיך געשראָקן פאַר פאַרפאָלגער און יעגער נאָך די אַנטלאָפענע יידן. האָב איך זיך אומגעקערט אין וואַלד, און דאָרט געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג, דערהער איך אַ שאָרך צווישן די קוסטעס. איך האָב אָנגעהויבן זיך שנעל דערווייטערן, אָבער עס דערהערט זיך אַ שטימע: — „האָב נישט קיין מורא, דאָס בין איך". די פּויערטע האָט מיך אויפגעזוכט, ווידער געבראַכט עסן און מיט טרערנדיקע אויגן דערציילט, אַז ביינאַכט זענען פּאָליציאַנטן אַריין צו זיי אין הויז און מיט דראָהונגען געפאָדערט אַרויסגעבן די ערטער פון די אַנטלאָפענע יידן. זי האָט מיר געראָטן וואָס שנעלער אַוועקגיין פון דאַנען.

דערביי האָט זי מיר אויפגעגעבן אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטע גוט־באַזיצערין, וועלכע וועט מיך אויפנעמען און העלפן. ריזיקירנדיק מיט איר לעבן, האָט מיר די פּויערטע צוגעפירט צום שאָסיי און געוויזן דעם וועג. לאַנג האָב איך געבלאָנדזשעט, ביז איך האָב געפונען דעם גוט. די פּריצטע האָט מיר געעפנט די טיר, אַ דערשיטערטע פון שרעק. איך האָב איר דערציילט אַלץ וועגן מיר, און געבעטן זי זאָל מיר אָנווייזן דעם וועג צו די פאַרטיזאַנער. דאַן האָט זי מיך צוגעפירט צום פענצטער, נעבן איר פּרוכט־גאָרטן, און האָט מיר אָנגעוויזן אַ באַהאַלטענעם בונקער צווישן די ביימער. גלייך האָט זי מיר אויסגעבעט אַ וואַרעמע ריינע בעט צום שלאָפן — „אויב עס וועלן אָנקומען פּאָליציאַנטן — האָט זי מיר געוואָרנט — וועט זי מיר גלייך אָנקלאַפּן, זאָל איך זיך באַהאַלטן אין בונקער". אַ מידע, אַ צובראָכענע האָב איך זיך געלייגט אויף דעם וואַרעמען, ווייכן געלעגער און אַזוי געשלאָפן ביז טיף אין נאַכט. שפּעטער האָב איך דערהערט אַזוי ווי דורכן שלאָף שטימען — איך בין אויפגעציטערט געוואָרן, זיך אויפגעוועקט, און דערזען אַ מאַן מיט אַ פרוי נעבן מיר. — „שרעק זיך נישט — זאָגט די פּריצטע — דאָס איז מיין מאַן". היות מיר זענען קינדערלאָז, האָבן מיר באַשלאָסן אַדאָפּטירן דיך פאַר אַ טאָכטער". איך האָב זיי מיט טרערן אין די אויגן טיף געדאַנקט, אָבער דערקלערט, אַז מיין איינציקער ציל איז זיך אָנשליסן צו די פאַרטיזאַנער. זיי האָבן מיר אָנגעפּילט אַ פולן קויש מיט עסנוואַרג, און אָנגעוויזן די וועג צו זאַראַקאָוועץ, און געבעטן אַז איך זאָל זיי באַזוכן נאָך דער באַפרייאונג (דאָס זעלבע האָט מיר אויך געבעטן די פריער דערמאָנטע פּויערטע), אויב איך וועל בלייבן לעבן.

ווידער עטלעכע טעג געוואַנדערט, און געטראָפן אַ האַלטן פּויער, וועלכער האָט מיך געפרעגט, וואָס טו איך דאָ. איך האָב אים דערציילט וועגן מיר. ער האָט מיר אַריינגעפירט צו זיך אין שטאַל צווישן די פערד, ווו איך קען איבערנעכטיקן. ער אַליין איז פאַרדעכטיק ביי דער מאַכט — האָט ער דערציילט — ווייל זיין זון געפינט זיך צווישן די פאַרטיזאַנער. צומאָרגנס וועט ער מיר ווייזן דעם וועג צו די פאַרטיזאַנער. אָבער שוין נאָך אַ האַלבע נאַכט האָט ער מיך אויפגעוועקט, און געבעטן גלייך זיך דערווייטערן, פּאָליציי זוכט דאָ די אַנטלאָפענע יידן.

שנעל האָב איך זיך אָפּגעטראָגן, ווידער געוואַנדערט טעג און נעכט צווישן פעלדער און וועלדער. איינמאָל, ביים סאָוויצער דאָרף, דערהער איך אַ אויסגעשריי: — רחל! דאָס ערשטע מאָל נאָך צוויי וואָכן דערהער איך מיין נאָמען. איך האָב זיך אומגעקוקט — און אַ פרייד איז מיר באַפאַלן. פאַר מיר שטייען צוויי קלעצקער — שלמה ש מ ו ק ל ע ר און יצחק פּ ר י י ס. קודם כל זענען זיי באַפאַלן מיין קוישל שפּייז און געגעסן צו זאַט. דערנאָך האָבן זיי מיר דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען אין די לעצטע וואָכן. ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַרומיקע פּויערים, האָבן זיך צו זיי באַצויגן גאַנץ אַנדערש ווי צו מיר, אַלס יונג מיידל. מען האָט זיי פאַרפאָלגט, געטריבן, געדראָט. רעדנדיק אַזוי דערהערן מיר שיסערייען אין וואַלד. מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן אַנטלויפן, און זיך באַהאַלטן צווישן די געדיכטע קוסטעס.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישן פאַרטיזאַנער און דייטשן. די לעצטע האָבן געהאַט שווערע פאַרלוסטן — קרוב צו 90 טויטע און פאַרווונדעטע, און זיי

האָבן געשפּרייזט רענוּוויז אין וואַלד, אויפזוכן זייערע געפאַלענע זעלנער.

איצט בין איך שוין נישט געווען איינזאַם. צוזאַמען האָבן מיר טעג און נעכט געוואַנדערט, מיטן צוועק אויפזוכן די פּאַרטיזאַנער.

איינמאָל אַ אָוונט, ליגנדיק ביים ברעג פון אַ וואַלד, האָבן מיר באַמערקט פורן און אויף זיי באַוואָפנטע מענשן. זיי האָבן אונז אויך באַמערקט, אַראָפּגעשפּרונגען פון די פורן, צוגעלאָפן צו אונז און באַפוילן זיך שטעלן און אויפהויבן די הענט. אויף זייערע פראַגן האָבן מיר דערציילט, ווער מיר זענען און געבעטן מיטנעמען אונז. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי פאָרן איצט דורכפירן אַ געוויסע אַקציע און געראָטן בלייבן און וואַרטן אויף זייער צוריקער. מיר זענען דאָ פאַרבליבן אַ גאַנץ מעת לעת, ביז מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף זייער אָנקומען. אָבער זיי האָבן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט מיטנעמען אונז. זיי מוזן האָבן אויף דעם די הסכמה פון דעם הויפּט שטאַב.

האָבן מיר זיך געלאָזט גייך ווייטער, און געטראָפן אַ פּאַסטוך מיט זיין סטאַדע. אויף אונזערע פראַגן, האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ וועג צום דאָרף סטאַריצע. „דאָ דערציילט ער — איז פאָרגעקומען שווערע קאַמפן צווישן די פּאַרטיזאַנער און דייטשן און דער דאָרף שטייט אין פלאַמען".

מיר האָבן זיך געלאָזט צום ברענענדיקן דאָרף און דערזען אַ באַוואָפנטן פּאַרטיזאַן אויף אַ ראָווער. ער האָט אויסגעשריען אויף רוסיש: „סטאָי" (שטייט). מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און ער האָט אונז צוגעפירט צום פּאַרטיזאַנען־פּאָסט נעבן וואַלד. מיינע חברים זענען גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין די פּאַרטיזאַנען־טיילן. איך בין געבליבן אַליין. די פּאַרטיזאַנער האָבן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט מיטנעמען מיך. מיין אַרישער אויסזען און דאָס פעלן פון וועלכע עס איז דאָקומענטן, האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ געוויסן פאַרדאַכט. (פּרייס און שמוקלער האָבן געהאַט דאָקומענטן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק. עס זענען געווען פיל פאַלן וועז, לויטן אויפטראַג פון די דייטשן, זענען אין זייערע רייען אַריינגעדרונגען שפּיאָנען און דורך פאַרשידענע וועגן צוגעשטעלט די דייטשן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס.

איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן געוויין, „שיסט מיר דאָ אויפן אָרט — האָב איך געיאָמערט — איידער איך זאָל אַריינפאַלן צוריק צו די דייטשן".

דאָס האָט געווירקט. זיי האָבן מיר אָפּגעפירט אין שטאַב פון דער בריגאַדע. שווערע מינוטן האָב איך דאָ איבערגעלעבט.

דער קאָמאַנדיר, האָט אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו מיר, און ער האָט אַפילו געדראָט מיט דערשיסן. דאָ איז פּלוצעם דערשינען אין שטאַב דער באַוווּסטער יידישער פּאַרטיזאַן־קאָמוניסט ג י ל ט ש י ק פון קאַפּוליע. מיינע חברים שמוקלער און פּרייס וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין זיין אָפּטיילונג, האָבן אים דערציילט וועגן מיר און געבעטן זיין הילף. גילטשיק, האָט געמעלדעט דעם קאָמאַנדיר, אַז ער איז גרייט מיטנעמען מיך אויף זיין אחריות. אַזוי האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנען רייען, און מיט זיי מיטגעמאַכט די גאַנצע עפּאָפּיי פון קאַמף מיט אונזערע שונאים, ביז דער באַפרייונג אין יוני 1944.

רחל קליינמאַן־קאַזש (רמת־גן) / ווי איך בין אנטלאָפן

שוין די ערשטע טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, זענען אָנגעקומען קיין קלעצק מאַסן יידן פון באַראַנאָוויטש, צופוס און אויף פורן, אַנטלויפנדיק פון די דייטשע לופט־אָנגריפן. אָבער די אָרטיקע מאַכטהאָבער, האָבן שטרענג פאַרבאָטן זייער אויפנעמען אין קלעצק, און די יידן האָבן געמוזט בלייבן אויף זייערע פורן הינטער דער שטאָט.

יוגנטלעכע חלוצים, האָבן גלייך געזאַמלט פאַרשידענע שפּייזפּראָדוקטן, און געגעבן די באַדערפטיקע, אָבער זייער לאַגע איז געווען אַ גאַנץ טרויעריקע. אין מיין זכרון, איז פאַרבליבן אַ טראַגישער פאַל, ווען אַ פרוי, שלאָפנדיק ביינאַכט אויף איר פור, האָט אומפאָרזיכטיק צוטוליענדיק זיך צו איר קינד אים געפונען פאַרטאָג אַ דערשטיקטן. מיר האָבן אין איילעניש געבראַכט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט קאָנסטאַטירט דעם טויט פון קינד.

זונטיק פאַרטאָג, דעם 17טן סעפּטעמבער, זענען מיר אַלע אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ גערויש פון עראָפּלאַנען, וואָס זענען געפלויגן גאַנץ נידריק, ממש איבער די דעכער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַנישער געלויף צו די שוץ־גריבער און פעלדער הינטערן שטאָט. פּלוצעם באַמערקן מיר דעם בירגערמייסטער, וועלכער איז געלאָפן אַ דערשראָקענער און צעטומלטער. עס איז געווען אים קוים צו דערקענען. מיט אַ ווייכער שטימע זאָגט ער: — שרעקט זיך נישט, לויפט נישט, דאָס זענען סאָוויעטישע עראָפּלאַנען... באַלד האָבן זיך צו אונז דערטראָגן ידיעות, וועגן סאָוויעטישע טאַנקן, וועלכע זענען אַריין אין צעפּער גאַס. פּוילישע בעאַמטע און מיליטער־לייט זענען געלאָפן צום מערב. יידישע בחורים, האָבן פאַרהאַלטן דעם פאַרהאַסטן בירגערמייסטער און אים איבערגעגעבן די אָנקומענדיקע סאָוויעטישע מיליטער־טיילן. איינער פון זיי האָט נאָך באַוויזן אים מכבד זיין מיט עטלעכע פייערדיקע פּעטש... מיר זענען אַלע צוגעלאָפן צו די סאָוויעטישע טאַנקן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מאַרק. איינער, אַ סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם, דער יונגערמאַן מאַקס ע ב ע ל, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ טאַנק און געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פאַרזאַמלטע יידן, באַגריסנדיק דעם סאָוויעטישן מיליטער... די טאַנקן זענען באַשאָטן געוואָרן מיט בלומען, און עס האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון סאָוויעטישע לידער.

נישט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך די פאַרמעגלעכע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן מיט צופרידנהייט אויפגענומען די סאָוויעטישע מאַכט. קודם כל, איז דאָס געווען אַ ספּאָנטאַנישע רעאַגירונג אויף די פאַרשטאַרקטע פאַרפאָלגונגען און גזירות אין דער לעצטער צייט מצד די פּאָליאַקן, און דער עיקר דאָס געפיל, אַז מיר זענען ניצול געוואָרן פון דער גאָר גרויסער געפאַר פון היטלערס הערשאַפט.

עס איז דורכגעגאַנגען דער פייערלעכער טאָג, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויע טעג פון סאָוויעטישער־הערשאַפט. ס'זענען אָנגעקומען די סאָוויעטישע בעאַמטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און שאַפן די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער דראַנג פון די מיליטער־לייט און בעאַמטע אין די פאַרשידענע קראָמען און געשעפטן. אין איייניקע טעג אַרום, איז קלעצק פאַרפלייצט געוואָרן פון מאַסן פויערים פון יענער זייט גרענעץ, וועלכע האָבן געבילדעט לאַנגע רייען אַרום די קראָמען. סאָוויעטישע מיליציאָנערן, רייטער, זענען אַרומגעפאָרן צווישן די קראָמען, אַרויסגענומען פון די רייען די אַזוי גערופענע „וואָסטאָטש־

ניקעס" ד. ה. די אָנגעקומענע פון די סאָוויעטישע געביטן) און אַוועקגעטריבן צוריק. דאָך איז פאַרגעזעצט געוואָרן די אַריינדרינגלעריי פון סאָוויעטישע בירגער אין שטאָט דורך פאַרשידענע אומלעגאַלע וועגן און מיטלען, מיט דער מיטהילף פון יידישע פאַרמיטלער... אַ סך פויערים האָבן געצאָלט פאַר די אויסגעקויפטע סחורות מיט צאַרישע גאָלדענע 5 און 10 רובלדיקע מטבעות.

מען האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. די יידישע אינטעליגענץ ווי לערער, בוכהאַלטערן, מעדיקער און אַנדערע, אין איר מערהייט אַ ציוניסטישע, איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט און פאַרנומען פּאָסטנס. די ציוניסטישע און חלוצישע יוגנט, איז געבליבן אָפּגעריסן פון איר ציל, און פיל האָבן זיך געלאָזט קיין ווילנע זוכן וועגן קיין ארץ ישראל. די סאָוויעטישע מאַכט, האָט געקוקט אויף דעם צווישן די פינגער. זי איז געווען פאַראינטערעסירט צו אַנטלאַסטן די שטאָט פון די מאַסן־פּליטים, און בדיעבד געווען צופרידן זיך צו באַפרייען פון נישט גאָר־זיכערע עלעמענטן.

פון דער פריסטער יוגנט, האָב איך זיך דערצויגן אויף דער ציוניסטישער אידיי און אויף דער חלוצישער לערע, געווען טעטיק אין דער חלוצישער באַוועגונג, דורכגעמאַכט די הכשרה אין אַ קיבוץ אין ווילנע און שוין געווען אויפן שוועל פון עליה. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז מיר וועט זיין כמעט ווי אוממעגלעך צופּאַסן זיך צום באָלשעוויסטישן רעזשים און לעבן, אָבער מיין פאָטער ע"ה, האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט די פּלענער לאָזן זיך אין די איצטיקע אומרויקע טעג אין וועג.

איינמאָל האָט מיר באַזוכט אַ געוויסער יונגערמאַן שמואל דוד ר י י ף, אַ סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם, און פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירן דעם קאָמסאָמאָל (קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד) אין קלעצק. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

מיין פאָטער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ד"ר מושקאַט, וואָס אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ שפּיטאָל אין קלעצק, לייגט מיר פאָר (היות ווי איך האָב מיר ספּעציאַליזירט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין הכשרה קיבוץ אין ווילנע) אָנצונעמען אַ פּאָסטן אין שפּיטאָל און זיך ווענדן וועגן דעם אין די געהעריקע אינסטאַנצן. איך האָב אים געפאָלגט, אָבער דאָ האָב איך באַקומען דעם ענטפער, אַז געוועזענע אַקטיוויסטן אין דער ציוניסטישער און חלוצישער באַוועגונג, האָבן נישט קיין רעכט צו פּרעטענדירן אויף אַרבעט ביים סאָוויעטישן רעזשים. אַ פאַרביטערטע און נידערגעשלאָגענע, האָב איך זיך צוריקגעקערט אַהיים (פּאַקטיש האָבן ציוניסטן געאַרבעט אין אַלע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס).

דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָב איך געהערט די מעלדונג פון ראַדיאָ, אַז ווילנע גייט איבער צו דער געשאַפענער ליטווישער רעפּובליק, און אַז דריי טעג וועט די גרענעץ זיין אָפן פאַרן צוריקער פון די פּליטים. איך האָב באַשלאָסן זיך לאָזן קיין ווילנע, ווו איך וועל אפשר קריגן באַשעפטיקונג אַלס קראַנקן־שוועסטער, און אפשר זיך דורכרייסן קיין ארץ ישראל.

די ערשטע שוועריקייט איז באַשטאַנען אין קריגן אַ פור צו דער נאָענטסטער אייזנבאַן־סטאַנציע ליאַכאָוויטש. איך באַגעגן אונזער גוטן פריינט מנחם הערנזאָן, אַ זון פון קלעצקער רב, איך דערצייל אים וועגן מיין לאַגע און זאָרגן. דאַן מעלדעט ער מיר, אַז ביי זיי אין הויף שטייט אַ פור, וועלכע דער רב האָט באַקומען אויף אָפּפירן זיין טאָכטער מיט אירע קינדער קיין ליאַכאָוויטש. זיי זענען פּליטים פון וואָראַנאָווע, ווילנער געגנט, ווו איר מאַן איז דער רב פון שטעטל. צוויי ישיבה בחורים באַגלייטן איר אין וועג, און עס וועט זיין אַ אָרט אויף דער פור אויך פאַר מיר. זייער אָפּפאָר טראָגט אַ גאַנץ לעגאַלן כאַראַקטער, אָבער איך מוז אָפּוואַרטן די פור הונטערן שטאָט און זיך אָנשליסן אומבאַמערקטערהייט. אַזוי האָב איך געטון.

אויפן וועג קיין ליאַכאָוויטש, האָבן פויערים אונז אָפּגעשטעלט און נישט געלאָזן פאָרן ווייטער. „איר ווילט אַנטלויפן פון דער סאָוויעטישער מאַכט — האָבן זיי געשריען — גענוג שוין אַרומגעיין מיט מאַניקירטע נעגל..." צום גליק האָבן מיר באַמערקט דורכפאָרנדיק נישט ווייט פון אונז אַ סאָוויעטישע מיליטער־אָפּטיילונג. איך האָב אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, צוגעלאָפן צו זיי און געבעטן הילף. צוויי רייטער זענען צוגעגאַנגען צו די פויערים, און זיי געשטראָפט פאַר זייער האַלטונג און ווערטער.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען בשלום קיין ליאַכאָוויטש, און פון דאָרט מיט דער אייזנבאַן האָב איך דערגרייכט ווילנע. איך בין אָנגעקומען אין מיין געוועזענעם הכשרה קיבוץ. אַלע בנינים זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מאַסן חלוצים און ציוניסטן פון אַלע עקן פּוילן. מיין מזל האָט מיר אָפּגעגליקט: ביי דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע דורך די דייטשן, זענען פאַרניכטעט געוואָרן 17 נישט־אויסגענוצטע סערטיפיקאַטן. אין ארץ ישראל זענען גלייך אויסגעפאַרטיקט געוואָרן קאָפּיעס, באַשטעטיקטע דורכן עמיגראַציע־אַמט פון דער מאַנדאַט־מאַכט. די סערטיפיקאַטן זענען גלייך צוגעטיילט געוואָרן פאַר די חלוצים אין ווילנע, און דורך אַ פיקטיווע חתונה בין איך אַריינגעפאַלן צווישן די גליקלעכע.

אין די שפּעטעריקע הערבסט חדשים, האָבן מיר דערגרייכט די ברעגן פון ארץ ישראל און אַזוי זיך אַרויסגעראַטעוועט פון מאָרדטאָל.

איך בין געווען די ערשטע חלוצה, וועלכע איז אָנגעקומען אין לאַנד נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און געבראַכט דעם ישוב אַ לעבעדיקן גרוס און אויטענטישע אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט ביי אונז אין דער לעצטער צייט.

מיר וועלן נישט פאַרגעסן

יצחק גאַרפינקעל
(ניויאָרק)

„אָ ון דו, מענטש, מאַך דיין האַרץ שטייף ווי שטאָל, הער און שווייג" מיט די ווערטער הויבט אָן ח. נ. ביאַליק זיין פּאָעמע „משא נמירוב".

טרערן זענען צו ביליק אויסצודריקן די גרויסע טראַגעדיע פון חורבן־קלעצק.

דעם 9טן חשון תש"ב (דעם 30טן אָקטאָבער 1941) האָבן די נאַצישע מערדער צעניפגעטריבן 4560 יידן, מענער און פרויען, יונג און אַלט, אויף עק ניסוויזשער גאַס, לעבן די מאָהילקעס.

מיט קאַלטער בלוטיקער אכזריות האָבן זיי די גאַנצע געמיינדע אויסגעקוילעט מיט מאַשין ביקסן, און די דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע אַריינגעוואָרפן אין איין גרויסן מאַסן־קבר אין די זאַמד־גרובן.

אַרום 400 קרעפּטיקע, וועלכע טויגן פאַר שקלאַפן־אַרבעט, האָבן זיי אויסגעטיילט און איינגעשפּאַרט אין אַ געטאָ, אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקע דראָטן. דער געטאָ איז באַשטאַנען פון שול־הויף, יאַטקע און אַרומיקע געסלאַך.

8 חדשים האָבן זיי אָפּגעפּיניקט אין געטאָ און ח' מנחם אב

תש״ב, ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן ליקווידירן דעם געטאָ, זענען די העלדישע טאַטירער, מיט העק און מעסער אַרויס קעמפן קעגן די מערדער.

מיט׳ן פאַרצווייפלטן לאָזונג: „זאָל קיין זאַך נישט אַריינפאַלן צו די מערדער" האָבן זיי אַליין אונטערגעצונדן דעם געטאָ און אין פייער און פלאַם, מיט אַ קללה אויף די ליפּן, האָבן זיי אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות. נאָר געציילטע האָבן זיך דורכגעריסן דורכן רינג פון שטאָל און פייער און געראַטעוועט זייערע לעבנס, אַנטלויפנדיק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנען.

אַט דאָס איז די קורצע בלוטיקע געשיכטע פון מגלת־קלעצק.

און איך טראָג זיך איבער מיט מיינע געדאַנקען צו יענעם פינצטערן טאָג פון חורבן קלעצק.

אַ קהילה, אַ גאַנצע געמיינדע יידן, טיף איינגעוואָרצלט זינט הונדערטער יאָרן, פון דור צו דור, איז פאַרשניטן געוואָרן אין מיטן העלן טאָג.

און דער הימל האָט געקוקט און געשוויגן, און פון „וואָל" האָבן זיך ווי שטענדיק געטראָגן קילע ווינטלעך, און די בוימער פון ניעסוויזשער פּרוסאַדעס האָבן ווי שטענדיק זיך שטיל געשושקעט, און די זון האָט מיט אירע לעצטע האַרבסט־שטראַלן באַלויכטן די שפּיצן פון די צלמ׳ים אויף די דערבייאיקע מאַהילקעס, און די ערד, אַט די געלע ערד, וועלכע האָט יאָרן געשפּייזט די שטעטל מיט איר זאַמד, האָט איינגעשלונגען אַלעמען מיט זייערע לעצטע קרעכצן און אַנגסטן; איינגעשלונגען אויך דאָס קליינע מיידעלע מיט דעם לעצטן פראַגע — אַ פאַרוואָרף דער וועלט — „מאַמע, פאַר וואָס שיט מען מיר זאַמד אין די אויגן?" און נאָכדעם איז אַרויס די בלאַסע לבנה און שטיל און רויק באַלויכטן דעם מאַסן־קבר און די חורבות פון שטעטל.

אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט אין מיינע פיינלעכע ביז משוגעת געדאַנקען. נישט דער מוח, נישט דאָס האַרץ, קען באַנעמען די מורא׳דיקע אומזיניקייט פון דעם וואָס האָט פּאַסירט. איז ווי קען מען דאָס אַלעס פאַרגעסן?

ניין, מיר קענען נישט און ווילן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיר ווילן שטענדיק געדענקען אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען אומגעקומען פון די ווילדע רוצחים. העליש וועט פלאַקערן אין אונזערע הערצער, דער הייליקער אָנדענק פון די פאַרשניטענע לעבנס.

מיט שטאָלץ ווילן מיר דערמאָנען די קעמפער פון קלעצקער געטאָ, וועלכע זענען אַרויס מיט העק און מעסערס באַשיצן זייערע לעבנס און נקמה נעמען פון זייערע רוצחים.

ווי אַן אייביקער פאַקל וועט פאַר אונז לייכטן דער גרויסער פייער פון געטאָ, וואָס אונזערע מאַרטירער האָבן אַליין אונטערגעצונדן פאַר זייער אומקום.

מיט הייליקער פאַרערונג און יראת הכבוד שטייען מיר פאַרן גרויסן ברידער־קבר און שווערן נישט פאַרגעסן אונזערע אומשולדיקע קרבנות און קעמפן פאַר אַ וועלט, ווו אַזעלכעס זאָל מער נישט פאָרקומען.

כבוד דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער!

ד״ר אביגדור גרינשפאן / אזכרה

מיר מאַכן נאָך טריבע אזכרות,
אונזער קלאָג האָט נאָך נישט אויפגעהערט;
אונז טרעפן נאָך גרויזאַמע צרות
דער שונא — ער שאַרפט נאָך זיין שווערד!

אַ, הייליקע קלעצקער — מאַרטירער!
פאַרפייניקט אין פיינטלעכן קלעם,
געשאָכטן פון חיה׳שן „פּירער",
פאַרברענטע אויף קידוש השם!

אַ, קלעצקער דערמאָרדעטע ברידער!
עס שרייט נאָך צו אונז אייער בלוט;
איר שטייט פאַר אונז לעבעדיקע ווידער,
איר מונטערט און שטאַרקט אונזער מוט!

איר וועקט אין אונז ליבע־געפילן,
און טרייהייט צו אונזער נאַציאָן;
איר אַלט־נייען ווונש צו דערפילן,
די מיסיע פון בלוי־ווייסן פאָן!

אַ, זעט נאָר ווי אייערע קינדער
בויען פלייסיק און ווערן נישט מיד;
פאַרגאַפּט שטייט דער גורל דער בלינדער
פאַר׳ן אויפטו פון אייביקן ייד!

פיינט טרייבן מיט אונז נאָך קאַטאָוועס,
נאָך פלאַקערט די שנאה אין זיי, —
דאָך בויען מיר ס׳לאַנד פון די אבות
מיט אימפּעט — דורך פריידן און וויי!

אַ, קוקט אַן דערהרגעטע ברידער
פון מדינת ישראל דעם גלאַנץ;
הערט: טרייסטפולע, פריילעכע לידער
אייך פלעכטן אַ אייביקן קראַנץ!

די לאַטעס די געלע, די תהום׳ען
פון געטאָ, פון בונקער, פון הייל —
פאַרהערלעכן הייליק דעם נאָמען
פון העלדישן פאָלק ישראל!

עס האָט אונז צעשטרויט און געפייניקט
די חיה׳ש פאַרדאַרבענע וועלט; —
דאָך זענען מיר אַלע פאַראייניקט
אין אויפבוי פון „יעקב׳ס געצעלט"!

אַ, קלעצקער געפאַלענע ברידער,
אין לאַגער, אין אויפשטאַנד, אין שלאַכט —
זעט — ציון צעבליט זיך שיין ווידער,
צעשטראַלט זיך אין גלאַנציקער פּראַכט!

גרישע גאָלדבערג
(הרצליה)

דער בלוטיקער סך־הכּל

איך קען נישט און וועל נישט פֿאַרגעסן ווי לאַנג איך וועל לעבן.

איך וויל דאָ דערציילן וויאַזוי ס׳זענען אומגעקומען די יידן פֿון מיין געבורטס־שטאָט קלעצק, לעבן באַראַנאָוויטש.

אין 1941, ווי נאָר די בעסטיעס זענען אַריינגעקומען אין שטעטל, האָבן זיי גלייך אָנגעפֿאַנגען צו מאָרדן. לייבל יודעלעוויטש, אַ יונגער מענש, זייער באַליבט ביי די יידן אין שטעטל, איז געפֿאַלן אַלס ערשטער קרבן. זיי האָבן אים געכאַפּט אין גאַס, געפֿירט אין קאָמענדאַטור, און דאָרט אים געפּייניקט, געשניטן שטיקער פֿלייש פֿון אים און דאַן געפֿירט שיסן. ער שטייט פֿאַר מיינע אויגן, ווי ער האָט דאַן אויסגעזען דער דאָזיקער יונגער, שיינער מענש. ער האָט שוין נעבעך נישט געהאַט קיין כּוח צו דערגיין צום באַשטימטן אָרט. ער איז געפֿאַלן און אויסגעגאַנגען אונטער די קלעפּ פֿון די „פּריק־לאַדן" און דאָס קאָפּען מיט די פֿיס.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אַ פֿרייטיקדיקן טאָג, איז אַרויס אַ באַפֿעל אַז פֿון 12 ביז 7 אין אָוונט טאָר קיין מענש זיך נישט געפֿונען אין גאַס. מיין יונגערער ברודער איז צו דער צייט נישט געווען אין שטוב. איך קען גאָרנישט שילדערן די געוויינען פֿון מיינע עלטערן, ווען מיין ברודער איז נישט געקומען אַהיים. מיר האָבן זיך איינגעשטעלט און אים געלאָפֿן זוכן. נאָר אומזיסט. די שעהן האָבן זיך געצויגן לאַנג. די שכנים, וועלכע זענען געקומען אונז טרייסטן, האָבן זיך מיטגעריסן מיט אונזער צער און געוויינט מיט אונז צוזאַמען. מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט. אַלע זענען צוגעלאָפֿן צו דער טיר. ס׳איז אַריין מיין ברודער. ער איז געווען בלאַס ווי די וואַנט, און אינגאַנצן אויסגעוויקט אין בלוט. מיר האָבן אים אַוועקגעלייגט אויפֿן בעט אַ פֿאַרחלושטן און אים דערקוויקט. מיין 16־יאָריקער ברודערל האָט געעפֿנט די אויגן, זיין קערפּער האָט געציטערט, ער האָט נישט גלייך געקענט דערציילן וואָס מיט אים איז געשען. שפּעטער, האָבן מיר זיך פֿון אים דערוווּסט די מעשה.

די דייטשן האָבן פֿאַרכאַפּט 38 יידן, צווישן זיי מיין ברודער, זיי גענומען אין קאָמענדאַטור און מערדערלעך געשלאָגן. שפּעטער האָט מען זיי געפֿירט שיסן. קומענדיק אויפֿן אָרט, האָבן די ס. ס. אַרויסגענומען מיין ברודער און נאָך צוויי מענשן, זיי געגעבן לאָפּאַטעס און געהייסן אויסגראָבן אַ גרויסע גרוב. זיי האָבן גענומען גראָבן און דערווייל געזען ווי מען הייסט די 35 מענער זיך אויסטאָן, צונויפֿלייגן אין אָרדנונג יעדן בגד אין אַ באַזונדער פּעקל, שיך באַזונדער, הויזן באַזונדער. ביז זיי זענען שוין געווען נאַקעט איז די גרוב שוין געווען פֿאַרטיק. עס האָט זיך דערהערט אַ ווילד געשריי: זיך אויסשטעלן אַרום גרוב! ווען אַלע זענען צוגעגאַנגען צום גרוב, האָט זיך דערהערט אַ צווייט ווילד געשריי: פֿייער! אַ מאַשינגעווער האָט געעפֿנט אַ פֿייער אויף די מענשן. ווען אַלע זענען געפֿאַלן, האָט מען געהייסן די דריי אַריינלייגן די מענשן אין גרוב אַזוי אַז אַלע זאָלן אַריין. מיין ברודערל האָט געמוזט אַראָפּ אין גרוב, די אַנדערע האָבן אים דערלאַנגט די קערפּערס און ער האָט אויסגעלייגט. די הענט פֿון די פֿאַרוווּנדעטע האָבן אים געריסן די פֿיס. אַנדערע האָבן אים געביסן. ווען אַלע זענען געווען אויסגעלייגט — איז געקומען די ריי פֿון די דריי — נאָר זיי האָט מען אויסגענוצט דערווייל צו פֿאַרשיטן.

דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַן אָנהויב. שפּעטער זענען געקומען אַנדערע זאַכן. מיטאַמאָל קומט אַ באַפֿעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך צונויפֿקלייבן אויפֿן מאַרק, ווער עס וועט פֿעלן, וועט ווערן דערשאָסן. די פּאַניקע איז געווען גרויס. יעדער איינער האָט אויסגעטייטשט עפּעס אַנדערש. אָבער דאָסמאָל האָט קיינער נישט געטראָפֿן. די ס. ס. לייט האָבן אויסגעקליבן אַ יודנראַט און צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. אַזעלכע קונצן האָבן זיי געמאַכט אַ פּאָר מאָל. די יידן האָבן זיך אַזוי צוגעוויינט, אַז ווען מען פֿלעגט געבן אַ באַפֿעל צונויפֿקלייבן זיך, זענען אַלע געלאָפֿן ווי צום טאַנץ.

איינמאָל איז ווידער געקומען אַזאַ באַפֿעל, אַז דאָנערשטיק, דעם 7טן טאָג אין חשון 1941, 7 פֿרי, מוזן אַלע קומען און זיך אויסשטעלן. פּונקטלעך 8 פֿרי, זענען געקומען 6 אויטאָס מיט ס. ס. און ליטווינער. דריי אויטאָס זענען געבליבן און דריי זענען אַוועק קיין ניעסוויזש. די מערדער זענען אַראָפּ פֿון די מאַשינען און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט... זיי האָבן אַרומגערינגלט די 6000 יידן פֿון שטעטל, אָנגעהעצט אויף זיי ווילדע הינט, געשלאָגן און געשאָסן אין עולם. באַלד איז געוואָרן אַ באַרג הרוגים: פֿרויען, קינדער, מענער. דער מאַרק איז געווען פֿאַרפּלייצט מיט בלוט ווי נאָך אַ שטורמישן רעגן.

ווען די מערדער האָבן זיך טיילווייז באַפֿרידיקט, האָבן זיי גענומען אויסשטעלן קאָלומנעס צו 500 מענשן און געזאָגט אַז מען וועט זיי פֿירן אין געטאָ. אַלע יידן האָבן נעבעך געוואָלט וואָס שנעלער גיין, אַבי פּטור ווערן פֿון מאַרק.

מען האָט זיי געפֿירט אין אייביקן געטאָ. געבראַכט זיי אויף ניעסוויזש־גאַס און דאָרט זענען שוין געווען אָנגעגרייט גרויסע גריבער. גייענדיק אַהין האָבן אַרום די אומגליקלעכע געלאָפֿן הונט, געביסן און געריסן שטיקער. ווער עס האָט נישט געקענט גיין שנעל, איז דערשאָסן געוואָרן אויפֿן וועג. פּיצלעך קינדער האָט מען אָפּגעריסן פֿון ברוסט פֿון זייערע מוטערס, גענומען פֿאַר די פֿיסלעך און געשלאָגן מיטן קעפּעלע אָן ברוק. די מאַמע האָט געמוזט צוקוקן און דאָס בלוט פֿון קינד האָט באַשפּריצט איר געזיכט. ווען אַלע זענען צוגעקומען צום בריק, וווּ עס איז געווען אַ טיף וואַסער, זענען פֿון ביידע זייטן געשטאַנען דייטשן, אַרויסגעריסן די קינדער און געשמיסן אין וואַסער אַריין. דאָס וואַסער איז געוואָרן פֿול מיט קליינע קערפּערלעך, צווישן זיי דאָס קינד פֿון מיין שוועסטער.

קומענדיק צום פּונקט, האָט זיך דערהערט אַ באַפֿעל זיך אויסטאָן און אויסלייגן די זאַכן. דאַן האָט מען די נאַקעטע פֿרויען און מענער באַפֿוילן זיך אויסשטעלן אין רייען לעבן די גרובער — און באַלד האָבן גענומען אַרבעטן קוילנוואַרפֿער. ווען אַלע זענען שוין געלעגן, זענען צוגעלאָפֿן אוקראַינער און געוואָרפֿן אַלעמען אין גרוב, צווישן זיי פֿיל לעבעדיקערהייט.

פֿאַרטיקווערנדיק מיט 500, האָט מען געבראַכט אַ נייע פּאַרטיע — און אַזוי האָט מען דערמאָרדעט אין 6 שעה 3.500 פֿון אונזערע נאָענטסטע און ליבסטע. 1500 זענען געבליבן אויף שפּעטער. (מען האָט זיי באַרויבט פֿון אַלץ און אַריינגעשליידערט אין אַ געטאָ, צו 30 מענשן אין איין שטוב).

אין דער צייט פֿון מאָרד בין איך געווען נאָענט פֿון דעם אָרט, אין אַ קליין וועלדל צוזאַמען מיט קאָשעצקין. מיר האָבן געהערט די יאָמערלעכע געשרייען, דעם געבעט צו גאָט און צו מענשן. עס האָט זיך מיך געדוכט אַז איך הער די שטימע פֿון מיינע עלטערן, פֿון ברודער, און פֿון דער שוועסטער. מיר זענען ביידע געלעגן און געוויינט ווי קליינע קינדער. אַנטוישטע, האָבן מיר באַשלאָסן גיין אין שטאָט, זיך צושטעלן און פֿאַלן צוזאַמען מיט אונזערע ליבסטע. ווען מיר זענען שוין געגאַנגען, איז אָנגעקומען אַ רוסישער מענש און אונז געפֿרעגט וואַהין מיר גייען. מיר האָבן אים געזאָגט. האָט ער אונז גענומען מוסרן: שטאַרבן האָט איר דאָך צייט, איר דאַרפֿט נקמה נעמען פֿאַרן בלוט פֿון אייערע עלטערן. אונז האָט זיך נישט געגלוסט גיין, אָבער אַ דאַנק אים זענען מיר אין אַ קורצער צייט אָנגעקומען אין אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד און טאַקע נקמה גענומען.

מפתח שמות

מ

נ

ס

ע

פ

צ

ק

תקון טעות

עמ'	טור	שורה	כתוב	צ"ל
12	1	11	ברפמן	למחוק
13	2	20	סנטאוואי	סטאנאוואי
26	1	9	גרזון	הרנזון
78	1	18	שמלדו	שלמדו
79	2	9	והביצות	והבינוניות
98	1	20	וקזניה	וזקניה
111	2	24	ופריקס	ופרידקס
127	2	50	אמטיק	אמשיך
147	1	46	מפיצי שבת עבר	מפיצי שפת עבר
249	2	—	—	זלקינד אָטל